אין דעם אומרואיקן אויפשטאַנד־יאָר פון 1831 האָבן די וואָלאָצלאַוועקער יידן איבערגעלעבט אַ פּאָר שווערע טעג און דאָס אין שייכות מיטן אַרעסט פון באַקאַנטן דעמאָלט געזעלשאַפטלעכן עסקן ר׳ זלמן פויזנער, זיין זון שמואל פרץ און שוואָגער יעקב הלוי לעווין. ווי עס דערציילט יעקב הלוי לעווין זיינען די אַרעסטירטע געבראַכט געוואָרן קיין וואָלאָצלאַוועק פון קוכאַרי אויפן וועג קיין וואַרשע, פרייטאָג כ״ו אדר תקצ״א (1831). זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דער שטאָטישער תפיסה. דער פאַרזאַמלטער פּוילישער עולם האָט אויפן וועג, בעת מען האָט זיי געפירט אין תפיסה, אָנגענומען לגבי זיי אַ פיינטלעכע שטעלונג און מען האָט זיי געדראָט אויפצוהענגען אָן אַ משפט. אַ יידישע פרוי, די אלמנה פון איינעם אַ וואָלאָצלאַוועקער סוחר פנחס, וואָס ווערט דורך לעווינען באַצייכנט ווי אַ „למדן מופלג" און פלעגט זיך טרעפן אין וואַרשע מיט פויזנערן און שמועסן מיט אים און לערנען, האָט זיך פאַר זייערטוועגן באַמיט ביים שטאָט־פּרעזידענט, אָבער אָן דערפאָלג (דער פּרעזידענט האָט נאָר דערלויבט זיי צו געבן צום טרינקן פּאָרטער, אַפנים בכדי זיי צו שטאַרקן אויפן שווערן וועג).

היות עס האָט געדראָט די אַרעסטירטע אַ לעבנס־געפאַר מצד דעם אויפגעהעצטן פּוילישן המון, זיינען זיי פון דאָרט שנעל אָפּגעפאָרן אין באַגלייטונג פון זייער שומר, וואָס האָט געדאַרפט זיי ברענגען קיין וואַרשע און שטעלן פאַרן געריכט. זיי זיינען אויך באַגלייט געוואָרן אויסער דער שטאָט פון אַ גרופּע יידן, אָבער ווען די גרופּע האָט זיך אומגעקערט צוריק „ויפגעו במו חבר פושעים וזדים מאנשי פולין, והכו בהם הכה ופצוע, באמרם לא לחנם הלכתם אחר אלה! אתם גם אתם מעדת פוזנר, מרגלים אתם, מרגלים, כי על כן דבקה נפשכם אחרי אלה."[25] דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון די דאָזיקע געשעענישן איז נישט באַוווּסט.

אין צווישן־פּעריאָד פון ביידע אויפשטאַנדן (1831—1863)

די תקופה נאָך דעם אויפשטאַנד פון 1831 איז פאַר קאָנגרעס־פּוילן געווען אַ צייט פון אינטענסיוון ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג. די גרויסע רוסישע מערק ווערן אָפן פאַר דער יונגער פּוילישער אינדוסטרי, וואָס וואַקסט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. עס ווערן אויסגעבויט באַנען (די ערשטע באַן־ליניע וואַרשע—טשענסטעכאָוו איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1845). עס גרינדן זיך באַנקן, אַקציע־געזעלשאַפטן אאַז״וו.

אין דעם דאָזיקן עקאָנאָמישן באַרג־אַרויף פון קאָנגרעס־פּוילן נעמען יידן אַן אָנזעעוודיקן אָנטייל. גענוג צו דערמאָנען די פאַרצווייגטע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע טעטיקייט פון דער וואַרשעווער יידישער גרויס־בורזשואַזיע: פון די קראָנענבערגס, די עפּשטיינס, די בערזאָנס א״אַ.

הגם וואָלאָצלאַוועק איז נישט געוואָרן פאַראייניקט מיט אַ באַן־ליניע (די וואַרשעווער־בידגאָשטשער באַן־ליניע איז געעפנט געוואָרן ערשט ביים סוף פון אונדזער תקופה, אין יאָר 1862), אָבער די שטאָט האָט פון פריער נאָך געהאַט אַ לייכטע און ביליקע פאַרבינדונג מיט דער ווייסל מיט די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע און האַנדלס־

---

[23] Jan (Jakób) Kirszrot: Prawa Żydów w Królestwie Kongresowym, Warszawa 1917, p. 102.

[24] Materyali po ustroystvu byta jewreyev v Tsarstvie Polskom, v. II, p. 353-54.

[25] היהודים והמרד הפולני. זכרונותיו של יצחק הלוי לוין מימי המרד הפולני בשנת 1830 — 1831. התקין לדפוס מ. נ. גלבר. מוסד ביאליק, ירושלים תשי״ג, ע״ע 88—91. פון וואָלאָצלאַוועק זיינען זיי דורך קוועל, גאָסטין, גאָמבין, סאָכאַטשעוו און בלוינע אָנגעקומען קיין וואַרשע, וואו זלמן פויזנער איז באַלד באַפרייט געוואָרן און דער שוואָגער לעווין ערשט נאָך דעם ווי ער איז אַ געוויסע צייט געזעסן אין דער וואַרשעווער שטאָטישער תפיסה.

צענטערן ווי וואַרשע אין דרום און טוירן און דאַנציק אין צפון.

די שטאָט וואַקסט, עס אַנטוויקלען זיך נייע אינדוסטריעס (פון לאַנד־מכשירים, ציקאָריע א״אַ). עס בליט דער האַנדל. יידן האָבן אַן אָנזעעוודיקן חלק אין דעם ווירטשאַפטלעכן אויפבלי פון דער שטאָט (דאָס באַנק־וועזן למשל האָבן ערשט יידישע באַנקירן איינגע־פירט). און פּאַראַלעל שטייגט די צאָל פון דער יידישער באַפעל־קערונג. די אונטערשטע טאַבעלע ווייזט דעם וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דעם פּעריאָד 1815—1862.

טאַבלע נר 1

וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די יאָרן 1815—1862

יאָר	אַלג. צאָל פון דער באַפעלקערונג	צאָל יידן	יידישער באַפ. פון דער %%	וואוקס פון דער יידישער באַפ. %%
1815	—	158	—	—
1820	3278	208	6,4	31,6
1841	5244	719	13,7	245,7
1856	6177	1163	18,8	61,7
1862	7053	1569	22,2	34,8

ווי מיר זעען פון דער אויבנדיקער טאַבעלע פאַלט אויס פּראָ־צענטועל דער אינטענסיווער וואוקס פון דער ייד. באַפעלקערונג אויף דעם פּעריאָד 1820—1841 — [אויב דער יערלעכער דורכשניט־לעכער צוואוקס פאַר די 6 יאָר פון 1815—1820 באַטרעפט 5,3%, מאַכט ער אויס אין די אָנגערופענע צוויי צענדליק יאָרן — 11,7% — מער ווי נאָך אַמאָל אַזוי פיל]. די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעכע פאַרמערונג פון דער ייד. באַפעלקערונג איז אַ רעזולטאַט נישט בלויז פון גרויסן נאַטירלעכן צוואוקס, נאָר — אין אַ גרעסערער מאָס — פון דער שטאַרקער אימיגראַציע פון פרעמדע יידן קיין וולאָצלאַוועק.

אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן פון 1841 ביז 1862 איז שוין דער טעמפּאָ פון וואוקס פּראָצענטועל אַ קלענערער — דער דורכ־שניטלעכער יערלעכער צוואוקס באַטרעפט נישט מער ווי 4,6% לגבי 11,7% אין די יאָרן 1820—1841. בכן זעען מיר אַז דער פּער־יאָד פון דער גרויסער איינוואַנדערונג פון פרעמדע יידן קיין וולאָצ־לאַוועק פאַלט אויס אויף די יאָרן 1820—1841.

די טאַבעלע ווייזט אויך אָן אויף דעם פּראָצענטועלן וואוקס פון דער ייד. באַפעלקערונג לגבי דער קריסטלעכער. אין די צוויי צענ־דליק יאָרן פון 1820 ביז 1841 האָט זיך דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון דער ייד. באַפעלקערונג אין שטאָט מער ווי פאַרטאָפּלט — פון 6,4% אויף 13,7%. ביים סוף פון דער באַהאַנדלטער תקופה מאַכן שוין יידן אויס כמעט אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערנג — 22,2%. במשך פון 40 יאָר האָט זיך דער פּראָצענט פון דער ייד. באַפעלקערונג לגבי דער קריסטלעכער כמעט פאַרפירפאַכט!

וועגן די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן ביים סוף פון באַ־האַנדלטן פּעריאָד לייענען מיר אין אַ באַריכט פון יאָר 1861 פון אַ גוטן קענער פון דעם אָרטיקן מצב:

„חוץ אַן אָנזעעוודיקע צאָל סוחרים, וואָס האָבן גרויסע גע־שעפטן, מאַגאַזינען און קאַנטאָרן, גוט באַקאַנט אין דער האַנדלס־וועלט, זיינען יידן אויך באַשעפטיקט אין אינדוסטריע און האַנט־ווערק, אַזוי אַז פון 315 פאַמיליעס זיינען זיך 70 מפרנס מיגיעת

כפים: צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן צוויי ציקאָריע־פאַב־ריקן, פון וועלכע איינע ווערט געפירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב; צווישן די יידישע בעלי־מלאכות זיינען פאַראַן 1 שלאָסער, 1 פאַר־בער, 1 וועבער, 1 הענטשקעמאַכער, 1 גאַרבער, 1 קאממאַכער, 1 גאָלדשמיד, 1 איינבינדער, זייגערמאַכערס, קירזשנערס, פאסעמאַ־נערס, בלעכערס א״אַ. פאַראַן אויך 1 דאָקטאָר, 2 פעלדשערס און אַ קאָנטיקע צאָל בוכהאַלטערס, האַנדלס־קאָרעספּאָנדענטן אין דער לאַנדשפּראַך און אין אויסלענדישע לשונות״.[26]

איינע פון די צוויי דערמאָנטע ציקאָריע־פאַבריקן האָט גע־הערט צו דער פירמע ברידער „לעוועשטאַם עט קאָמפּאַני״. די ברידער לעוועשטאַם (איינער מיטן נאָמען דוב בער) האָבן גע־שטאַמט פון אַ רבניש־משכילישער משפחה. זייער זיידע אריה לייב בן שמואל זיינוול הכוהן, מחבר פון שו״ת „פני אריה״ (זשאלקווע תקי״ד) איז געווען רב אין עמדן און ראָטערדאַם. זייער פאָטער חיים, וואָס האָט פון ראָטערדאַם אויסגעוואַנדערט קיין ראַוויטש און ליסע, איז געווען אַ „מליץ מפואר״ און אַ בעל־מדקדק, מחבר פון „דרך חיים״ (דעסוי 1812), וואו אין צווייטן חלק א. נ. „שעיפי לילה״ ברענגט ער אַ ביסל אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל. זיין ברודער ר׳ אברהם איז געווען רב אין מעזעריטש (פּויזנער געגנט). איינער אָדער צוויי פון ר׳ חיימס זין האָבן זיך באַזעצט אין וולאָצ־לאַוועק און געגרינדעט אַ גרויסע ציקאָריע־פאַבריק.[27]

די וולאָצלאַוועקער יידישע סוחרים האָבן געפירט ברייט פאַר־צווייגטע מסחרים מיט טוירן, דאַנציק, פּויזן, שטעטין, פראַנקפורט דאָדער, בערלין און לייפּציג א״אַ גרויסע פּרייסישע האַנדלסשטעט. ווי דערמאָנט, זיינען די ערשטע באַנקירן אין וולאָצלאַוועק געווען יידן. יידן נעמען אויך אַן אינטענסיוון אָנטייל אין דער בוי־באַ־וועגונג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט ליידיקע פלעצער באַוואַקסענע מיט ווילד גראָז אין נייע מיט געמויערטע הייזער באַבויטע גאַסן.

די אָפטע האַנדלס־באַציאונגען מיט פּרייסן, די נסיעות פון וולאָצלאַוועקער סוחרים קיין דאַנציק, בערלין און לייפּציג האָבן געלייגט זייער חותם אויף דעם קולטור־פּרצוף פון דער יינגער קהילה. ווי אָפט אין דער געשיכטע האָבן אויך דאָ ווירטשאַפטלעכע קאָנטאַקטן געבאַנט אַ וועג פאַר קולטור־השפעות פון דער פרעמד.

מען האָט נישט בלויז געמאַכט געשעפטן מיט דייטשע יידן נאָר מען איז אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון דער פּרייסישער השכלה. צוזאַמען מיט טעקסטיל, גאַלאַנטעריע און פּור־טערוואַרג פון בערלין און לייפּציג האָט מען אויך מיטגעבראַכט מענדלסאָנס „ביאור״.

דער אויבנדערמאָנטער קאָרעספּאָנדענט פון „יוטזשענקא״,

[26] Zawiązanie się i wzrost gminy izraelskiej m. Włocławka. “Jutrzenka”, 9, 1861.

[27] אין „המגיד״ נר׳ 32, 1859 איז אָפּגעדרוקט אַ הכשר פון בד״צ דק״ק וולאָצלאַוועק פון כ״ב תמוז תרי״ט (1859) אויף דער ציקאָריע פון דער פירמע לעווענשטאַם. דער הכשר איז פאַרזען מיט אַ באַשטעטיקונג פון הרב דוב בעריש מייזעלס (דורך זיין ספרא־דבי־רב יצחק ראבינאָוויטש) אויף דעם הכשר זיינען געחתמעט אלחנן ב״הרב זאב וואָלף, אב״ד דפה, שלום יצחק סגל און אליה מנחם ב״הרב אברהם — נענטערעס איז וועגן דעם דאָזיקן, משמעות, ערשטן וולאָצלאַוועקער רב, נישט באַקאַנט. (אין יענעם יאָר האָט זיך אין „המגיד״ געפירט אַ פּאָלעמיק וועגן כשרות פון צי־קאָריע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען: דער ברעסלער רב ר׳ גדליה טיקטין און הרב צבי הירש קאַלישער פון טוירן). וולאָצלאַוועקער דיין איז דעמאָלט געווען ר׳ שלמה ישכר קוטשינסקי (פון 1847). ער האָט אָבער דעם הכשר נישט געחתמעט.

אַליין אַ משכיל פון פרייסישן שניט, שרייבט „אַז דער תנ״ך מיט מענדלסאָנס איבערזעצונג איז אפשר אַמפּריסטן (אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שכנותדיקע שטעט) אָנגעקומען קיין וולאָצלאַוועק". מען האָט געזען די גרויסע וועלט און דער מלמד מיטן חדר האָבן אויפגעהערט צו געניגן.

רייכע סוחרים, וואָס האָבן שוין אַביסל געשמעקט פון עץ־הדעת פון דער השכלה, שרייבן אויס פאַר זייערע קינדער יידישע לערער פון שכנותדיקן פּרייסן. שפּעטער — ווען די קינדער וואַקסן אויס — שיקט מען זיי לערנען קיין ליסע, פּויזן, און בערלין, און אַהיימקומענדיק ווערט די דאָזיקע יוגנט די טרעגער פון „דייטשמערטום", וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וולאָצלאַוועקער קהילה פון יענעם פּעריאָד און אַפילו אַ סך שפּעטער. מען קליידט זיך אייראָפּעיש — דער אויבנדערמאָנטער קאָרעספּאָנדענט דערציילט, אַז אין זיין צייט האָט מען אין וולאָצלאַוועק נישט געזען די פרום־יידישע הלבשה — און מען רעדט „דאַטש".

איינער פון די לערער — משכילים, וואָס זיינען געקומען קיין וולאָצלאַוועק (אין יאָר 1858) איז געווען דער ד״ר פילאָזאָפיע אהרן הירשפעלד פון פּויזן. ער איז געווען לערער אין רייכע יידישע הייזער. הירשפעלד האָט אָנגעגעבן אַ בקשה מען זאָל אים דערלויבן ווערן אַן עפנטלעכער לערער פון יידישער רעליגיע. זיין בקשה איז געווען געשטיצט פון דער וולאָצלאַוועקער קהילה. ווען מען האָט אָנגעפרעגט וועגן זיין פּאָליטישער כשרות ביי דער מלוכה־קאָמיסיע פאַר אינעווייניקסטע ענינים, האָט זי געענטפערט, אַז ער איז צו קורץ אין לאַנד מען זאָל קאָנען פעסטשטעלן זיין אופן דענקען. דעם 8טן דעצעמבער 1859 האָט דער רוסישער בילדונגס־מיניסטער געענטפערט, אַז הירשפעלדן ווערט געגעבן די דערלויבעניש אַזוי לאַנג ביז עס וועט קאָנען דורכגעפירט ווערן דער באַשלוס פון 1857, אַז אין 10 יאָר אַרום זאָל נאָר אַ גראַדואירטער פון דער ראַבינער־שול אין וואַרשע קאָנען זיין אַ לערער פון רעליגיע. דער מיניסטער בעט דעם קוראַטאָר פון וואַרשע לאָזן וויסן די וולאָצלאַוועקער פרנסים, אַז די רעקאָמענדאַציע פון הירשפעלדן ווערט אַפּראָבירט, בתנאי, אַז די עלטערן האָבן גאָרנישט קעגן דעם.[28]

נישט אָן השפעה אויף דעם דייטשמערישן כאַראַקטער פון דער ייִנגער וולאָצלאַוועקער קהילה אין דער דאָזיקער תקופה איז דער פאַקט, וואָס זי איז אַנטשטאַנען אונטער פרייסישער אָקופּאַציע און די מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין שטאָט האָבן די ערשטע אימיגראַנטן געהאַט צו פאַרדאַנקען דער פרייסישער מאַכט. וולאָצלאַוועק איז אויך געלעגן זייער נאָענט צו דער פרייסישער גרענעץ.

גלייכצייטיק האָט אויף די דאָזיקע אויפגעקלערטע קרייזן געווירקט אַ פּוילישע קולטור־השפעה און אַ שפּראַכלעכע אַסימילאַציע אין פּויליש. אין דער וולאָצלאַוועקער קהילה האָבן זיך געקרייצט צוויי קולטור־השפעות און צוויי שפּראַכלעכע אַסימילאַציעס: אַן עלטערע אַ דייטשע און ייִנגערע אַ פּוילישע. ביים סוף פון דער באַהאַנדלטער תקופה הייבט שוין אָן פּויליש צו פאַרדרענגען דייטש און לויט אַ מיטצייטלערישן עדות פון 1861 „איז פּויליש געוואָרן די הערשנדיקע שפּראַך אין מער לייטישע הייזער פון די וולאָצלאַוועקער איזרעאַליטן". און הגם ער טרייבט זיכער איבער מיט זיין פעסטשטעלונג, אַז „עס איז שוין נישטאָ כמעט קיין יידיש הויז, וואו מען זאָל יידישע קינדער נישט האָבן דערצויגן אין דער דאָזיקער [פּוילישער] שפּראַך,"[29] איז אָבער די באַמערקטע דורך אים טענדענץ פון איבערגיין מצד די „אויפגעקלערטע" קרייזן פון דייטש צו פּויליש, זיכער אַ ריכטיקע.

פאַר דער אויפגעקלערטקייט פון די וולאָצלאַוועקער יידן אין יענעם פּעריאָד איז כאַראַקטעריסטיש די לפי־ערך גרויסע צאָל פּרענומעראַנטן אויף השכלה־ספרים. אַזוי צ״ב האָבן זיך אויף דוד לעווענטאַלס „אילת השחר" (וואַרשע 1843) — וועגן אים ווייטער — אַבאָנירט 26 וולאָצלאַוועקער בעלי־בתים, וואָס האָבן באַטראָפן קנאַפּע 20% פון אַלע יידישע משפחות אין דער שטאָט, און מען קאָן דעם דאָזיקן פאַקט נישט דערקלערן בלויז מיט דעם, וואָס דער מחבר האָט געשטאַמט פון וולאָצלאַוועק (וואַרשע האָט אים געגעבן נישט מער ווי 48 פּרענומעראַנטן). אגב, דערציילט אונדז די דאָזיקע פּרענומעראַנטן־רשימה, ווער עס האָט דעמאָלט געהערט צו די חשובע שטאָט־בעלי־בתים און האָט פאַר דער געשיכטע פון וולאָצלאַוועקער יידישע משפחות אַ גרויסן ווערט. דעריבער ברענגען מיר זי דאָ אין איר פולער אויפציילונג:

1) א. מ. לעווי, 2) ז. ניימאַן, 3) היימאַן וויטקאָווסקי, 4) לעווענשטאַם, 5) ה. כהן, 6) מ. בערמאַנסקי, 7) לואי מאיר, 8) וו. קאָנינסקי, 9) מ. לעשטשינסקי, 10) ב. לאַנדויא, 11) ב. כהן, 12) נ. ניי־

[28] י. שאַצקי. יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן (1806—1866) ייוואָ, ניו־יאָרק 1943, זז' 221—225 (הוספות).

[29] Jutrzenka, 1861.



השוק הישן
דער אַלטער מאַרק

מאַן, 13) א. דאַנציגער, 14) י. מאַרסאַפּף, 15) מ. קאָטשינסקי, 16) קאָ־וואַלסקי, 17) מארקוס לעווינסקי, 18) ד. ה. באַק, 19) הערמאַן לעווינסקי, 20) א. געלדזשינסקי, 21) הערמאַן מאיר, 22) ע. ל. קאַטט, 23) י. י. לעבענשטיין, 24) יאָזעף גאַמבינסקי, 25) א. גאַמבינסקי און 26) ד. קאָטנאָווסקי.

צו דער חנוכת־הבית פון דער נייער שול, געבויט אין די יאָרן 1847—1854 אין מאַוריטאַנישן סטיל דורך דעם באַקאַנטן אַרכיטעקט טורנעל פראַנצישעק[30] זיינען פאַרבעטן געוואָרן דער פּרידיקער פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקא, ד"ר א. מ. גאָלדשמידט און דער קאַנטאָר מיטן כאָר. ד"ר גאָלדשמידט האָט זיין דרשה נאַטירלעך געהאַלטן אין דייטש, וואָס האָט געמאַכט אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם, וואָס איז באַשטאַנען אויך פון אַנהענגער פון אַנדערע אמונות — איז מוסיף דער קאָרעספּאָנדענט — זייער אַ גוטן איינדרוק.

די נייע שול אויף זשאַביאַ גאַס האָט געקאָסט איבער 20000 רובל. און אַחוץ וולאָצלאַווקער מנדבים האָבן בייגעשטייערט גרע־סערע סומעס די באַקאַנטע וואַרשעווער גבירים מאַטיאַס ראָזען און באָנאַוועָנטורא טעפּליץ, לודוויק וואָלף און לודוויק יאָעל (פון בערלין?).

אַזאַ קהילה האָט דניאל נייפעלד, דער רעדאַקטאָר פון "יוּ־טשענקאַ" געקאָנט אַרויסגעבן אַן אַטעסטאַט ווי "דער איינציקער מוסטערהאַפטער קהילה אין דער פּראָווינץ".[31]

אין וולאָצלאַוועק איז אויך אַמפּריסטן אין דער גאַנצער וואַר־שעווער גובערניע אַנטשטאַנען די עלעמענטאַרע מלוכה־שול פאַר יידי־שע קינדער (אין יאָר 1859?) מען דאַרף אָננעמען, אַז איר ערשטער לערער איז געווען דער אייבן־דערמאָנטער ד"ר הירשפעלד. אין יאָר 1861 האָט איר בודזשעט באַטראָפן 362.50 רובל.[32]

איינער פון די עלטסטע אונדז באַקאַנטע ראשי קהל אין דער ערשטער העלפט פון 19 י"ה איז געווען מיכאל געלדזשינסקי, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַדאַנק דער הילף וואָס ער פלעגט געבן קליינע הענדלער אין דער פאָרם פון אַנפּראָצענטיקע הלוואות. אין זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון דער מאַכט און הרב קאַראָ האָט אים מספיד געווען אין דער שול.[33]

---

[30] Franciszek Tournelle (1880—1818) געבויט צוו. אַנד. אויך דעם גלאָקן־טורעם ביי דער וולאָצלאַווקער קאַטעדרע, קירכעס אין לאָדזש און דאָס קינדער־שפּיטאָל אין וואַרשע.

[31] באַמערקונג פון רעדאַקטאָר צו דער קאָרעספּאָנדענץ אין נר' 19 פון 1861.

[32] י. שאַצקי, בילדונגנס־פּאָליטיק... ז' 263 — די דאַטע פון דער גרינ־דונג פון דער שול איז נישט גענוי פעסטגעשטעלט. קירשראָט ברענגט, אַז די וולאָצלאַווקער שול איז געגרינדעט אין 1850 (צוזאַמען מיט די שולן אין פּיעטרקאָוו און קאַלוואַריע) דצ"ו, ז' 124; י. שאַצקי גיט אָן די דאַטע פון 1859. דערביי דערציילט ער, אַז אין 1856 האָט זיך אין וולאָצלאַוועק געעפנט אַ פּריוואַטע שול, אויסגעהאַלטן פון דער קהילה און ביישטייע־רונגען פון יידישע עלטערן און ער ברענגט אַ ציטאַט פון אַ קאָרעספּאָנ־דענץ אין דער "יוטזשענקא" נר' 6, 1861 (עס דאַרף זיין נר' 9), אין וועלכער פאַר דער דאַטע פון דער גרינדונג פון דער שול ווערט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1859. דער גורל פון דער פּריוואַטער שול פון 1856 איז נישט באַוואוסט. וואַרשיינלעך איז זי אין 1859(?) ווען עס האָט זיך געעפנט די רעגירונג־שול ליקווידירט געוואָרן (י. שאַצקי דצ"ו זז' 125, 132).

[33] פון דער משפּחה האָט געשטאַמט לעססער געלדזשינסקי דער זאַמלער פון יידישע קולטור־אוצרות, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעבראַכט אינעם מוזיי ביי דער דאַנציקער קהילה. זען: Katalog der alten jüdischen

פון די וולאָצלאַווקער ראשי־קהל זיינען אין יאָר 1862 אויס־אויסגערעכנט: ד"ר מעד. ד"ד פּאָזנאַנסקי, דוד הענריק (הענעך) באָק און מאַרעק לעווינסקי. זיי זיינען אויך אויסגעקליבן געוואָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט־ראַט אויפן סמך פון וויעלאָ־פּאָלסקיס אַקט פון 5.24(VI,5)1862, וואָס האָט יידן צוגעלאָזט צו די זעלבסטפאַרוואַלטונגען. ווי זייערע פאָרטרעטער אין שטאָט־ראַט זיינען אויסגעוויילט געוואָרן יוסף מאיר לעשטשינסקי, לודוויק משא־מאנסקי און איזידאָר דאָבזשינסקי. אין קרייזראַט ("ראַדאַ פּאָוויאַטאָ־וואַ") — יהודה ליב בן מאיר (לואי מעיער).[34]

ווען דער רעגירונגס־אַקט פון 28/16 אָקט' 1862 האָט אָפּגע־שאַפט דעם כשר־פלייש־שטייער האָט די וולאָצלאַווקער קהילה אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קהילות (ווי למשל אַפילו וואַרשע), וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין דעם דאָזיקן פאַר די קהילה־פינאַנסן באַקוועמען שטייער, ענדגילטיק אים מבטל געווען נישט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע פון דער "צאַל־פלייש־פאַרטיי".[35]

אין יאָר 1845 האָבן די וולאָצלאַווקער אויפגעקלערטע בעלי־בתים געגרינדעט אַ קלוב (resursa) א. נ. "האַרמאָניא". ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קורצער פּעריאָד פון "פּויליש־יידישער פאַרברי־דערונג" (1859—1862), האָט זיך דער דאָזיקער קלוב אויפן פאַרלאַנג פון די קריסטלעכע מיטבירגער אויפגעלאָזט און זיינע יידישע מיט־גלידער זיינען אַריין אין דער אַלגעמיינער "רעסורסא" א. נ. "קאָנ־קאָרדיא" (אַ סימבאָלישער נאָמען פאַר יענער צייט, וואָס זיין באַטייט אין יידיש איז "אחדות"). אין דער פאַרוואַלטונג פון דער דאָזיקער סוחרישער פאַראייניקונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 6 יידן און איי־נער פון זיי איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער (דירעקטאָר).

די משכילים זיינען פון דעם דאָזיקן אַקט געווען זייער באַ־גייסטערט. "אין דער כראָניק פון דער שטאָט וולאָצלאַוועק — שרייבט איינער פון זיי — איז דאָס געווען אַ שיינער אַקט, אַן אַקט פון געבן זיך די הענט מצד אָנהענגער פון צוויי אמונות. דאָס איז געווען אין הסכם מיט דעם אויפן פון טראַכטן פון די וולאָצלאַווקער איזראַעליטן וועגן זייער ליבע צום געמיינזאַמען פאָטערלאַנד".[36]

דאָס איז איבריקנס נישט געווען דער איינציקער זשעסט פון פּויליש־יידישער פאַרברידערונג אין יענער צייט. כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער דאָזיקער איבערקערעניש אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן, האָבן די וולאָצלאַווקער איזראַ־עליטן צונויפגעזאַמלט אַ סטיפּענדיע־פאָנד פאַר איין סטודענט אין דער "שקאָלא גלוונא", וואָס האָט זיך אין יאָר 1861 געדאַרפט עפע־נען אין וואַרשע.[37]

אויף דער דאָזיקער פאַרברידערונגס־אַטמאָספער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין וולאָצלאַוועק פריער ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעט מיט וואַרשע בראש, האָט זיכער משפּיע געווען דער פאַקט, וואָס אין די יאָרן 1824—1840 האָט אין וולאָצלאַווקער בישאָפּסטום פאַרנומען אַ הויכן אַמט דער באַקאַנטער פּוילישער פּאַטריאָט גלח אַנטאָני מעל־כיאָר פיאַלקאָווסקי — שפּעטערדיקער וואַרשעווער אַרציבישאָף און אָנהענגער פון יידיש־פּוילישער דערנענטערונג אין די יאָרן 1859—

Kultus-Gemeinde Geldzinski—Stiftung in der neuen Synagoge in Danzig, 1904., 13 pp. 127 objecten.

[34] Jutrzenka 14, 1862. הצפירה נר 10,

[35] Jutrzenka 5, 1863

[36] Jutrzenka 9, 1861, M. N. Gelber — Die Juden und der polnische Aufstand v. 1863, Wien, p. 42.

[37] Jutrzenka 2, 1861.

1861, וואָס אין זיין לוויה, דעם 10טן אָקטאָבער 1861, האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג מיט הרב מייזעלס און די פריידיקער יאַסטראָוו און קראַמשטיק בראש.

וולאָצלאַוועקער יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אינעם אויפשטאַנד פון 1863 — צי אַקטיוו, אָדער אין דער פאָרם פון אַרויסווייזן די אויפשטענדלער הילף און סימפּאַטיע איז שוין היינט אוממעגלעך פעסטצושטעלן. אַ פאַקט איז, אַז ווען דער נאַמיעסטניק גראַף בערג איז אין יאָר 1865 געווען אין וולאָצלאַוועק אין שייכות מיט דער פייערונג פון עפענען די דריטע בריק, האָבן יידן אים דערלאַנגט בקשות וועגן באַגנעדיקן די פאַרשיקטע קיין סיביר.[38]

איינער פון די פון סיביר צוריקגעקומענע „פאָווסטאַנצעס" איז געווען דער שניידער פאביאַן קאַליסקי. אין דער צייט פון אויפשטאַנד איז ער געווען פאַרבינדלער צווישן די פאַרשידענע אויפשטענדלער־גרופּעס אין קויאַווע; ער האָט אויך געניית פאַר די „פאָווסטאַנצעס" מיליטערישע מונדירן. איבער אים און נאָך אַ פאָר יידן זאָל האָבן פאָרגעקומען אַן עפנטלעכע שמיץ־עקזעקוציע, ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין ניזשני־נאָווגאָראָד אין די שטראָף־באַטאַליאָנען, שפּעטער איז ער זיין שטראָף אָפּגעקומען אין קיעוו, ווו ער האָט געאַרבעט ביים בוי פון דער ליניע קיעוו־מאָסקווע.[38א] ער איז געשטאָרבן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1926 און האָט געהאַט אַ פאַראַדנע לוויה. זיין היטל וואָס ער האָט געטראָגן ווי אַ וועטעראַן האָט מען אויפגעהאָנגען אויף דער מצבה.[39]

צו די רעפּרעזענטאַטיווסטע און אינטערעסאַנטסטע פיגורן פון יענעם דור וולאָצלאַוועקער משכילים האָט געהערט יהודה ליב בן מאיר, אָדער ווי ער האָט זיך אַליין גערופן Louis Meyer (1796—1869).

געבוירן אין סלוזשעווע (ניעשאַווער פּאָוויאַט), ווען דאָס שטעטל האָט זיך געפונען אונטער פּרייסישער הערשאַפט און פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט די פּיאָנערן פון יידישן יישוב אין וולאָצלאַוועק, ביי אַ פאָטער אַ משכיל, איז ער אין עלטער פון 14 יאָר אַוועק קיין בערלין. וואו ער האָט באַקומען זיין בילדונג איז נישט באַוואוסט. ווי ער דערציילט אין זיינע פאַרעפנטלעכטע בריוו, האָט ער דאָרט געפירט מיסחרים און געשריבן שירים.

אין עלטער פון 22 יאָר (1818) קומט ער קיין וולאָצלאַוועק. זיין משפחה האָט אַפנים געהערט צו די ערשטע אימיגראַנטן פון יאָר 1803. ער פירט דאָרט ווייטער זיינע געשעפטן און אין יאָר 1835 קומט ער קיין וואַרשע, וואו ער האָט באַקומען באַשעפטיקונג אין דער באַנק פון יצחק שמעון ראָזען, דעם פאָטער פון באַקאַנטן וואַרשעווער עסקן און באַנקיר מאטיאַס ראָזען. אין וואַרשע האָט ער פאַרקערט אין די קרייזן פון דער יידישער אַסימילירטער פּלוטאָקראַטיע, וועגן וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריק געהויבענע מיינונג (מיט סימפּאַטיע שרייבט ער נאָר וועגן זיין שעפּסזון). ביי אים פלעגן זיך צונויפקומען די וואַרשעווער דייטש־העברעאישע משכילים.[40]

Louis Meyer, Hinterlassene deutsche Schriften eines polnischen Juden, Berlin, 1871, p. 117.

[38א] יעקב שאַצקי אין „נאָוואַ גאַזעטאַ" (פּויליש) נר' 56, 2.2.1917; מ. לישאַק „וועגן דעם אויפשטענדלער פון 1863 פ. קאַליסקי" אין דער ביילאַגע פון דער „פאָלקסשטימע" נר' 180, 1935 (אויפן סמך פון אַרכיוו־מאַטעריאַלן).

[39] י. שאַצקי „יידן און דער פּוילישער אויפשטאַנד 1863", היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ ב. 1, ז' 606, 668. די אינפאָרמאַציע וועגן דער לוויה פאַרדאַנק איך פר' י. בידערמאַן.

געבוירן ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וולאָצלאַוועק איז נישט באַוואוסט, אין יעדן פאַל פאַר דעצעמבער 1853. געשטאָרבן איז ער דעם 25טן דעצעמבער 1869.

לואי מעיער האָט באַקומען אַ גוטע אַלגעמיינע און יידישע דערציאונג לויטן געשמאַק פון יענער תקופה. ער האָט גוט געקענט העברעאיש (געשריבן העברעאישע שירים), ציטירט אָפט מאמרי חז"ל און פסוקים פון תנ"ך, ווי אויך דייטש, פראַנצייזיש און פּויליש. זיינע „הינטערלאַסענע שריפטן" ווייזן אונדז מעיערן ווי אַ דיכטער מיט אַ דורכשניטלעכן טאַלאַנט, וואָס שרייבט אין דער דעמאָלט הערשנדיקער ראָמאַנטישער מאַניער און ווי אַ שאַרפן באַאָבאַכטער פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און קאָנווענאַנסן מיט אַ נטיה צו סאַרקאַסטישער אַביסל הייניש אָנגעהויכטער איראָניע (היינעס איינפלוס אויף אים איז אַ באַשיימפּערלעכער). זיין דיאַפּאַזאָן איז אַ גאַנץ ברייטער — לעבן לירישע שטימונגס־לידער, עלעגיעס ווי למשל Ein Weichselgesang auf den Tod des Fuersten Joseph Poniatowski (1815), גרעסערע דראַמאַטישע פאָעמעס, ווי Abarbanell, oder das Exil der Juden aus Spanien, Die Mutter mit den sieben Soehnen, עפּישע געדיכטן ווי Schylocks Rettung, לידער מיט יידישן אינהאַלט, וואָס ער האָט גרופּירט אונטערן נאָמען Bilder aus dem juedischen Leben, תפילות אאַז"וו.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינע פון זיינע ערשטע לידער איז די עלעגיע אויפן טויט פון פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, וואו עס קומען צום אויסדרוק זיינע פּויליש־פּאַטריאָטישע געפילן.

אַ סטראָפע פון זיין לעצט ליד געשריבן גלייכצייטיק אין העברעאיש און דייטש, „קול ענות חלושה לבני חברה קדושה", „An die heilige Brüderschaft" וועט אונדז געבן אַ מוסטער פון זיין לירישער מוזע. דאָס ליד איז געשריבן קורץ פאַר אָדער אין אָנפאַנג פון זיין לעצטן לעבנס־יאָר, וואַרשיינלעך אין אַ פּלוצלומדיקער אַנונג פון זיין נאָענטן טויט. (געשטעלט האָט ער אונטער דעם ליד די דאַטע 1870 מיט אַ פרעג־צייכן):

רבות שבעתי עונג ורוחה
שבעתי גם שבעתי יגון ואנחה
נכסף נכספתי לבית המרגוע
כי עיף אנכי, עיף ויגע.

די דאָזיקע לעצטע שורה חזרט זיך איבער ווי אַ רעפריין אין גאַנצן ליד. דייטשער וואַריאַנט:

So manches Thun ist mir gelungen
So mancher Schmerz ins Herz gedrungen
Der Freuden und der Leiden satt
Bin ich so muede, so muede und matt.

איינס פון זיינע דייטשע לידער־תפילות א. נ. „שמע ישראל" איז אָפּגעדרוקט אין „המגיד" אין אַ העברעאישער איבערזעצונג פון דעם לערער ד"ר אהרן הירשפעלד (נר' 19, 1861), ווי אויך אין אַ פּוילישער איבערזעצונג אין „יוטשזשענקאַ" (נר' 1, 1863) פון A.L. (אַלעקסאַנדער קראַוזהאַר).

לואי מעיער האָט געהערט צו דעם טיפּ משכילים פון בערלינער שניט. אַן אָנהענגער פון דער ראַדיקאַל־רעליגיעזער רעפאָרם, האָט ער געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט יצחק לעווין אויערבאַך

[40] י. שאַצקי, געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, ב' 2, ז' 132.

(1791—1853), דעם באַוואוסטן פּיאָניער פון דער רעליגיעזער רעפאָרם אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ קאָסמאָפּאָליט און קעגנער פון רעליגיעזע אמונות. בפרט סאַרקאַסטיש, מיט היינישער איראָניע אָנגעהויכט, איז זיין באַציאונג צום קריסטנטום.

מיט אַ באַזונדערע פאַראַכטונג באַציט ער זיך צו די פּוילישע חסידים. אין אַ בריוו צו זיין זון הערמאַן פון 1864.9.30 געפינען מיר די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטישע פאַר אים שטעלע: „אין די טעג האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ ניי בילד פאַר אונדזער געגנט, וואָס איז ראַציאָנאַליסטיש געשטימט: די אָפענע וואַגאָנען פון 4טן קלאַס זיינען געווען געפּאַקט מיט יענע פּיזיש און מאָראַליש יאָמערלעכע געשטאַלטן, וואָס רופן זיך חסידים, וועלכע זיינען מחנות'ווייז עולה רגל געווען צום רבי אין דעם הייליקן גער. פון וואַנען קומען די דאָזיקע קינדער מיט אַ סטעפּן־גייסט צו אונדז? האָט זיי דער גהינום אויסגעשפּיגן?.. זיי זיינען געקומען פון יענער זייט ווייסל".[41] ער עצהט צו פאַרשיקן די קאָצקער, זשיכלינער און לוטאָמירסקער (חסידים) מיט זייערע ווייבער אין די קופּקעס „אין די אינערלעכע גוברניעס פון צאַרישן רוסלאַנד און צווינגען זיי צו ערד־אַרבעט".

איבריקנס מאַכט ער פאַר די חסידים נישט קיין אויסנאַם. ער וואָלט דאָרט גערן אויך געזען די וואַרשעווער יידישע פּלוטאָקראַטן און זייערע טראַבאַנטן (ער פּראָפּאַגירט בכלל דעם געדאַנק, אַז פּוילישע יידן זאָלן עמיגרירן אין די אינערלעך־רוסישע גובערניעס און זיך דאָרט פּראָדוקטיוויזירן).

מעיער האָט בשעתו געהערט צו די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער וולאָצלאַווקער קהילה. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט איז ער אין יאָר 1862 אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וולאָצלאַווקער קרייזראַט, וואָס איז צוליבן אויפשטאַנד אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווי בכלל די גאַנצע זעלבסטפאַרוואַלטונג. ווען מען האָט אין יאָר 1865 געעפנט די דריטע בריק איבער דער ווייסל, און קיין וולאָצלאַוועק איז געקומען דער נאַמיעסטניק גראַף בערג, וועמען עס האָט מיט גרויס פּאַראַד מקבל פּנים געווען אַ קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון 3 קריסטן און 4 יידן, איז מעיער געווען דער, וואָס האָט אָנגעשריבן די רעדע און דעם טאָאַסט. דעם טאָאַסט האָט געהאַלטן איינער, וואָס מעיער באַצייכנט מיטן אות H (אַפּנים דער לערער ד"ר הירשפעלד), מיט וועמען — ווי ער גיט צו — דער גראַף בערג און זיין סוויטע האָט זיך אַמייסטן אונטערהאַלטן (גראַף בערג האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט יידן דייטש — בפרט, אַז עס האָט זיך אים אונטערגערוקט אַ יידישער דאָקטאָר פון פּויזן). ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט שוין מעיער געשריבן בקשות וועגן באַגנעדיקן די פאַרשיקטע קיין סיביר פאַרן אָנטייל אין אויפשטאַנד פון 1863.[42]

מעיערס איינציקער זון הערמאַן (1824—1898) (לואי מעיער איז געוואָרן אַן אַלמן אין יאָר 1835 און האָט, ווייזט אויס, מער נישט חתונה געהאַט) האָט נאָך אין יאָר 1843 געוואוינט אין וולאָצלאַוועק (פיגורירט אין דער רשימה פון די וולאָצלאַווקער פּרענומעראַנטן פון לעווענטאַלס „אילת השחר"), אָבער זיך שפּעטער באַזעצט אין וואַרשע. אין יאָר 1847 איז ער געווען אין בערלין און באַזוכט אויערבאַכן. געווען אויך אין פּאַריז און לאָנדאָן (1867). ער איז געווען אָנגעזען צווישן די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן. זיין פרוי האָט געשטאַמט פון

[41] L. Meyer, o. c. p. 153-4.

[42] ער באַמערקט, אַז ביי דער פיירונג האָט געפעלט באַגייסטערונג און ער דערקלערט דאָס מיט דער געדריקטער שטימונג, וואָס האָט געהערשט ביים פאָלק נאָך דעם דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד.

דער באַקאַנטער וואַרשעווער באַנקירן־משפחה טעפּליץ. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער „יוטזשענקא" (נר' 41, 1863). אַ געוויסע צייט געווען פּרעזעס פון דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1898 און איבערגעלאָזט פאַר יידישע צדקה־צוועקן 25.000 רובל. און פאַר דער פּוילישער קאַסע צו שטיצן וויסנשאַפט א. נ. פון מיאַנאָווסקי — 2000 רובל.[43]

צווישן די וולאָצלאַווקער משכילים פון דער ערשטער העלפט 19טן י"ה דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דוד בן שרגא פיבוש לעווענטאל (1794—1869), מחבר פון צוויי ביכלעך: „אילת השחר, מחברת כוללת שירים ומליצות שונות, מכתמים ומשלים, שירי תהילה ושירי קינה" (וואַרשע 1843), און „כבוד הלבנון, כולל משלים, ומליצות מוסר, פאַבעלן, שירים ומכתמים מועתקים ללשון עברית צחה ונקיה" (וואַרשע 1861). דוד איז מיט זיין משפּחה געקומען קיין וואַרשע אָנהייב די 40קער יאָרן און געוואָרן אַ פּריוואַטער לערער פון העבּרעאיש און דייטש אין רייכע יידישע הייזער (זיין „אילת השחר" איז געווידמעט מאטיאס ראָזען).

דוד'ס זון שלמה (אָדער פראַנצישעק סאלעזי, ווי ער האָט זיך גערופן נאָכן שמד אין רוים אין יאָר 1902), דער שפּעטער באַרימטער פאַרלעגער, מעצענאַט און אַרויסגעבער פון „קוריער וואַרשאַווסקי" איז געבוירן געוואָרן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1839.

אַרום לואי מעיערן האָט זיך גרופּירט אַן ענגער קרייז וולאָצלאַווקער גבירים, וואָס האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין קהילה־לעבן און געגעבן — מען מוז דאָס זאָגן צו זייער שבח — מיט אַ ברייטער האַנט פאַר קהלישע הצטרכותן, סיי יידישע, סיי אַלגעמיינע. געבן צדקה אויף גרעסטן צוועקן אָן אונטערשיד פון אמונה האָט געהערט צו די מעלות פון אַ גוטן בירגער, ווי עס האָט דעם באַגריף פאַרשטאַנען די אַסימילירטע יידישע פּלוטאָקראַטיע.

מיר וועלן דאָ אויסרעכענען אייניקע פון זיי:

א. מ. לעווי, וואָס פיגורירט אין דער רשימה פון די פּרענומעראַנטן אויף „אילת־השחר", האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין בערלין, איבערגעלאָזט דער קהילה אַ לעגאַט אין דער הויך פון 10.000 רובל און זיך באַטייליקט מיט אַ גרעסערע סומע פאַר דעם בוי פון דער נייער שול.

צו די גרויסע מנדבים פאַר דער שול האָבן געהערט הענעך (הענריק) דוד באָק, דער שפּעטערדיקער ראַטמאַן און דאָזאָר, וואָס איז געווען דער הויפּט־עסקן ביי איר גרינדונג[44] און י. מיהזאם, וואָס פון זיין נדבה האָט מען געמאַכט דעם שיין־געגאָסענעם אייזערנעם גדר אַרום דער שול.

אַ גרויסע נדבה צו ברענגען אין אָרדענונג דעם בית־עולם האָט געגעבן ז. נוימאַן — דער פּאַטראָן פון דער ייד. רעגירונגס־שול. ער האָט אויך געשטיצט מיט נדבות דעם יידישן אָפּטייל פון דעם קרייזשפּיטאָל אין וולאָצלאַוועק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1850.

[43] די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פאַרדאַנק איך דער פריינדלעכקייט פון ד"ר יעקב שאַצקי.

[44] די משפּחה באָק האָט, ווייזט אויס, איינגעוואַנדערט פון דעם שטעטל וויטקאָווא (פּויזנער געגנט), אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער משפּחה משה הירש באָק טרעפן מיר תחילת 19טן י"ה אין בערלין, ווי אַ לערער אין פּריוואַטע שולעס פאַר ייִנגלעך און מיידלעך. זען: Moritz Stern. Gutachten û. Briefe David Friedlaenders, Zeitschrifa fuer die Geschichte der Juden in Deutschland, VI, p. 117.

מיט צדקה אויף אַלגעמיין־שטאָטישע צוועקן האָבן זיך באַזונ־דער אויסגעצייכנט די ברידער הערמאַן (1822—1895) און מאַרעק לעווינסקי,[45] וואָס האָבן געשטיצט שטאָטישע וואוילטעטיקע אינסטי־טוציעס.

צו דעם דאָזיקן קרייז האָט אויך געהערט ד״ר דוד פאָזנאַנסקי, וואָס איז געווען זייער טעטיק אין קהלשן לעבן. אַדאַנק זיינע באַמי־אונגען, ווי אַ שול־פּאַטראָן, איז געעפנט געוואָרן אַ צווייטער קלאַס אין דער מלוכהשער שול. ביי אים פלעגט זיך דער דאָזיקער קרייז פאַרזאַמלען. מעיער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ באַשרייבונג פון אַ פּורים־באַל פון די וואָלאָצלאַוועקער „אויפגעקלערטע" ביים ד״ר פאָזנאַנסקי אין יאָר 1865. מען האָט געטאַנצט און אפילו אויפגעפירט דריי קאָמעדיעס.[46]

די „רעסורסעס", פּורים־בעלער מיט טענץ און קאָמעדיעס זיינען געווען אַן ענין פאַר אַ הייפל אויפגעקלערטע גבירים און אינטע־ליגענטן. פשוטע און פרומע יידן האָבן זיך אויסגעלעבט אויפן אַלטן יידישלעכן אופן — אין חברות.

פון די וואָלאָצלאַוועקער חברות האָבן זיך אויפגעהיט צוויי פּנקסים:

פון דער „חברה הכנסת כלה" (געגרינדעט ח׳ חשון תר״ה (1844) און פון דער „הברה משמורת" (געגרינדעט אין 1862), וואָס גרעסערע אויסצוגן פון זייער תקנות אַ טייל אין אָריגינאַל, אַ טייל אין אַ יידישער איבערזעצונג, האָט בשעתו פאַרעפנטלעכט שמואל ווינטער אין וואַכשטיין־בוך, (ייוואָ, ווילנע, 1939, ז׳ 86—89 ; 90—92).

צוליב דער וויכטיקייט פון די פּנקסים, וואָס זיינען שוין היינט נישט בנמצא (זיי האָבן מסתמא געהאַט דעם זעלבן גורל ווי אַלע יידישע קולטור־אוצרות אונטער דער נאַצי־הערשאַפט אין פּוילן) ברענגען מיר זיי דאָ אין דער זעלבער פאָרם ווי עס האָט זיי פאַר־עפנטלעכט שמואל ווינטער, הגם עטלעכע נאָטיצן געהערן שוין כראָ־נאָלאָגיש צו אַ שפּעטערער תקופה.

פּנקס פון דער ח׳ הכנסת כלה (חשון תר״ה—1844)

אויפן ערשטן זייטל אַ הסכמה פון ר׳ב בתנאי, אַז ס׳זאָלן נישט זיין קיין מחלוקת צווישן די בני החברה. ער ענדיקט: „כאשר יתגלה ויתפרסם שבחם לטובה, אתן להם תוקף חתימתי וכל תוקף ועוז. אויף די אַנדערע צוויי זייטן אַ שער מיטן אַקראָסטיך:

„זה הפנקס שייך להחברא הכנסת כלה פה וואָלאַצלאַוועק".

אויף דעם גרינדונגס־אַקט פון דער חברה זיינען געחתמעט 20 מיסדים.

עלף תקנות זיינען געוואָרן אָנגענומען באַלד ביי דער גרינדונג און דריי ערשט אין אַ שפּעטערער צייט.

תקנה א. יעדער חברה־מאַן מוז צאָלן וועכנטלעך אַ פּיים (6 פויל. גראָשן). פאַר פאַרשפּעטיקן מיט וואָכנגעלט מער ווי 4 וואָכן קומט אַ געלט־שטראָף.

תקנה ב. אַז ביי איינעם פון די ח׳־לייט ווערט געבוירן אַ קינד מוז ער געבן פון אַ זון 18 פויל. גר. און פון אַ מיידל צוויי מאָל 18 גר., טאָמער ניט ווערט ער פאַרשריבן אין שער הקנסות (פאַראַן אין פּנקס).

תקנה ג. אַלע יאָר הושענא רבא ווערן באַשטימט צוויי גבאים דורך די כשרים וואָס זיינען אַרויס פון דער קלפּי.

תקנה ד. אויף דער נאַכט צו הושענא רבא ווערן אַרויסגע־צויגן דורך אַ קלפּי דריי חברה־לייט ווי כשרים. די כשרים באַשטימען די גבאים מוצאי שבת בראשית (ובתוך משך הזמן מהושענא רבא עד שבת בראשית יכולים לעסוק את מי יתמנו(!) להיות גבאים. רק לא יגלו למי, עד מוצאי שבת בראשית, לעת אסיפת כל בני החברא כדי שלא יהיה מחלוקת אצל בני החברא ואם ימצא שיגלו למי אין להם קלפי שני (!) שנים רצופות למען ישמעו ויראו ולא יזודון עוד.

תקנה ה. דורך די גבאים און כשרים ווערט באַשטימט איינער „על מעות הקופה הנקרא קאַסיר". אַז מ׳דאַרף געלט פון דעם קאַסירער אויף חברהשע צוועקן, אָדער לדבר מצוה, זאָל דער קאַסירער אויס־צאָלן על פי הגבאים ורוב בני החברה. אויף קלייניקייטן קענען די גבאים אַליין דיספּאָנירן ביים קאַסירער אָקעגן אַ קבלה. אויף וועלכער עס דאַרף און ווערן פאַרצייכנט אַחוץ דער סומע אויך דער צוועק, אויף וואָס דאָס געלט איז געגאַנגען. אָפּגעבן אַ חשבון דאַרף דער קאַסירער בלויז פאַר די כשרים. ואם יהיה הקאסיר אחד מן הגבאים אזי מחויב הקאַסיר ליתן רעכנונג לפני כל בני החברא.

תקנה ו. מעות הצורך ליתן לענין הכנסת כלה, צריך שיהיה מתושבי עיר הזאת ואם יהיה האיש ההוא אדם הגון, יתאספו בני החברא, אז רוב בני החברא [יחליטו] ואשר יושת על פי הגבאים ורוב בני הח׳ יתנו הגבאים קוויט להקאַסיר ובחתימת החברא. והקאַסיר יתן לו את המעות בסתר ואסור לגלות לשום אדם את מי נתן, כדי שלא יבא לידי בזיון.

תקנה ז. כי יהיה יתומים ח״ו מהאב, אזי יכולים ליקח מן הקאַ־סיר כאשר יושת עפ״י הגבאים ובני הח׳ כמה יפזרו סך נדן. והגבאים יתקנו כל צורך החתונה כנהוג בכל בנות ישראל.

תקנה ח. אַז מ׳איז מנדר געלט לטובת הח׳ אָדער לצורך מצות הכנסת כלה, מוז מען באַצאָלן שפּעטסטנס במשך 4 וואָכן. ואם יעבר הזמן פרעון, לא ירצה עוד נדבתו, עד שיפייס החברה ויתן קנס ח״י גדולים להחברה.

תקנה ט. אַז עס קומט אַרויס אַ סיכסוך צווישן צוויי חברא־לייט, טאָרן זיי נישט גיין זיך לאָדן בערכאות שלהם, נאָר זיי דאַרפן דאָס איבערגעבן צו אַנטשיידן דער חברה, וואָס די גבאים וועלן פּס־קענען, מוזן די צדדים אָננעמען. די צדדים מוזן באַצאָלן לתקופה יע־דערער צו ח׳ גדולים פויל. איינער מוז אויך איבערבעטן דעם צווייטן. אַז איינער וועט נישט באַשטיין אויפן פּסק, ווערט ער פאַרשריבן אין שער הקנסות. קיין שום פסק טאָר נישט ווערן אַרויסגעגעבן בלי צירוף רב אב״ד דפה. אַז אַ חברה־מאַן אָדער איינער פון זיין הויזגעזינד ווערט קראַנק מוז די חברא צושטעלן מישמורים, וויפל מען דאַרף, אַז איינער האָט נישט קיין צייט צו גיין אין מישמור, גיט ער די גבאים צוויי מאָל צו חי׳ גד׳ פויל׳ און די גבאים מוזן דינגען אַ מישמור.

תקנה יא: דער וואָס וויל זיך איינקויפן אין דער חברא, באַצאָלט איינקויף־געלט לויטן אָפּרייד מיט די גבאים, און צאָלט אין באַלד

[45] הערמאַן איז געווען אַן איידעם פון דעם באַקאַנטן וואַרשעווער באַנקיר טעאָדאָר טעפּליץ (1793—1838) און הערמאַן מעיערס אַ שוואָגער. זען: K. Reychman. Szkice genealogiczne, 1936, p. 188. אין יאָר 1875 איז ער געווען אַ מיטגליד פון „דאָזאָר בוזשניטשי" צוזאַמען מיט גוסטאַוו פּערעץ און הערמאַן וואַרשאַוער.

[46] ל. מעיער, דצ״ו, ז׳ 113—114.

אַ העלפט. צוויי יאָר איז ער אַ „מלאָטש״. נאָך צוויי יאָר ווען ער האָט איינגעצאָלט אַלץ, וואָס קומט פון אים, ווערט ער אום הושענה רבה איינגעשריבן אין פּנקס ווי אַ חברה־מאַן.

תקנה יב: שאַפט אָפּ די תקנה ג׳ און באַשטימט, אַז גבאים ווערן אויסגעקליבן אויף צוויי יאָר (וויטערדיקע צוויי תקנות פעלן).

אין פּנקס איז פאַראַן אַ שער הקנויים (איבערזעצט פון ייד. אויסדרוק: איינקויפער): בזה השער יכתבו כל הקנויים להיות בזה החברא איש איש על מכונו ועל דגלו. צוערשט האָט יעדער איינקויפער געהאַט אינעם פּנקס אַ באַזונדער בלאַט. דערנאָך האָט מען שוין פאַרשריבן צו דריי אויף איין בלאַט. פאַראַן אַ נאָטיץ, אַז פון שבועות תרכ״ו האָט אַ רבי אָנגעהויבן צו לערנען יעדן שבת נאָך מיטאָג די סדרה פון דער וואָך מיט די חברא־לייט.

צום ערשט האָט מען ביים אַריינגעמען אַ נייעם ח״מאַן פאַרשריבן: ומעתה הוא כאחד מבני הח׳, פון תרי״ח (1858) אָן שרייבט מען: ומעתה הוא כאחד ממיסדי הח׳. ערשט אינעם יאָר תרמ״א (1881) האָט מען אָנגענומען דעם ערשטן בחור.

פאַראַן אַ באַזונדערער שער: „רשימת הגבאים וכשרים על כל שנה ושנה ביום הושענא רבה״. דער פּראָטאָקאָל פון די וואַלן איז פאַרשריבן אין איין פעסטן נוסח: אנחנו ח״מ (חתומי מטה) מעידים שכל הנ״ל נעשה בהכשר גדול וברצון טוב ובלי שום התנגדות, רק בהסכמת כלנו וחלילה לאחד מאתנו להתערער(!) על הנ״ל כי הוא נעשה כפי התקנות, אשר מחויבים אנחנו לקיימם. אונטערגעשריבן די כשרים.

אינעם יאָר תר״ל (1870) האָט מען אַרויסגעצויגן פון דער קלפּי 5 כשרים אנשטאָט 3, צו די דריי גבאים צוגעקליבן נאָך צוויי במקומם (פאַרטרעטער): במקום גבאי ראשון, במקום גבאי שני. אין די וויטערדיקע יאָרן פלעגט מען אויסקלייבן ווידער בלויז 3 כשרים. אָבער די גבאים־במקומם זענען שוין פאַרבליבן.

דריי נאָטיצן פון יאָר תרכ״ז (1867) האָבן אַ שייכות צו דער כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס איז אין דעם יאָר אויסגעבראָכן אין דער שטאָט:

א. אין חודש תמוז איז אויסגעבראָכן „אש חלירע וכמה אנשים נשים וטף נעדרו ובתוכם נעדרה האשה גוטל אשת ר׳ אברהם גבאי דחברא הכנסת־כלה וקודם פטירתה נדב ר׳ אברהם לחברא הכנסת־כלה סך חמש מאות וארבעים זהובים ובעזרת זה תנצב״ה לפרט בלע המות לנצח״.

ב. נדבו בעלי המלחמה מהפאָלק פיעהאָדניע אלאניעצקי לחברא ה״כ במתנה גמורה צמיתות עלמין כלי־קודש ואלו הן: שלחן, ועמוד התבה להתפלל עם ארון־הקודש ומנורה באחת״.

ג. „וביום ההוא הכניסו הס״ת לביהכ״נ הגדולה דפה בשירים ובכנור ועוגב בתופים ומחולות. גם ביום ההוא עשו אלופי החברא הכנסת־כלה חתונה לשני יתומים ונתנו כל ההצטרכות הוצאות חתונה ונדן ומלבושים״ והשמחה היה גדולה עד מאוד כמו שמחת בית השואבה אצל כוהן גדול.

אַ פאַרשרייבונג פון תרל״ג (1873) שטייט א פנים אין צוזאַמענהאַנג מיטן געזעץ פון 19טן יוני 1870, וואָס האָט די ייד. וואוילטעטיקע חברות איבערגעגעבן דער אויפזיכט פון די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע ראַטן פאַר עפנטלעכער צדקה:

להיות לזכרון בפנקס של החברא ה״כ איך שהח׳ אליעזר באַגאַצקי מי שהיה גבאי ראשון בחברא הלז, אָכן יען אשר האזאַנד י״ה נתנו פקודה ודת שלא להיות שום חברה בעירנו. ולכן לא רצה ר׳ אליעזר הנ״ל להיות גבאי בח׳ הנ״ל ונהרסה הח׳ כל וכל והחבר ר׳ דוד קאַנעצקי נ״י טרח ועשה בכל רוחו ובקש מן אנשים גדולים ממנו להשתדל אצל נאַטשעלניק יר״ה עד שהגיע רשות מן הנאַטשעלניק יר״ה להיות הח׳ כבראשונה לכן הוסכם... שר׳ דוד קאַנעצקי יהיה גבאי השני וגם כל הכנסות מן החברא הלז יקבוץ תחת ידו בשנה הנ״ל״.

פאַראַן אין פּנקס אַ טייל, וואָס רופט זיך „מבוא״, אין וועלכן עס איז פאַרצייכנט וואָס מ׳האָט איינגעקויפט פאַר דער חברא במשך פון דער צייט. מיר געפינען דאָרט פאַרשריבן: אַ זילבערנעם יד, אַן אייגענע ס״ת, תכשיטי כלי־קודש א״אַ.

ביי אייניקע פאַרשרייבונגען איז צוגעשריבן, אַז זיי ווערן בטל, אַנדערע (אין שער הקנויים) זיינען אַ פּאָר מאָל איבערגעשטראָכן. ד״ה אַז די באַטרעפנדע פּערזאָנען זיינען אויסגעשלאָסן פון דער חברא.

פּנקס פון חברה משמורת

פון אַ באַזונדערן שער־בלאַט, וואָס געפינט זיך אין איינגעבונדענעם פּנקס פון דער „ח׳ משמורת״ ווערט מען געוואויר, אַז אייגנטלעך האָט די ח׳ געזאָלט הייסן „אח לצרה״, אָבער אַפּנים אין דער לעצטער מינוט האָבן די מיסדים זיך מיישב געווען און אַ נאָמען געגעבן דער חברא „ח׳ משמורת״. געגרינדעט איז זי געוואָרן אין טו״ב טבת תבר״ך (1862) דורך 4 מענטשן. די פייערלעכע נאָטיץ וועגן דער גרינדונג איז געחתמעט דורך 44 מיסדים. (גענוי דורך 41, דריי האָבן אַפּנים נישט געקאָנט זיך אונטערשרייבן). צוערשט קומט אַ גרויסער שיר על משקל י״א תנועות וועגן דער וויכטיקייט פון דער מצוה.

בן ישורון! הושיע אח בשובה ונחת
גם אל יושיעך בעת צרתיך
פדה והצל בן עמך מרדת שחת
ואל אביו ימלא כל משאלותיך וכו׳.

דערנאָך קומט אַ לאַנגע נאָטיץ, געשריבן אין אַ מליצהדיקן סטיל, וועגן צילן פון דער חברא:

היות ווי די חברא קדישא ובקור חולים, וואָס דאַרף פאַרזאָרגן קראַנקע פון דער שטאָט מיט משמורים טוט דאָס נישט ווי געהעריק, האָבן די מיסדים גענומען אויף זיך צו גרינדן אַ חברה ספּעציעל פאַר דעם צוועק. ווען אַ חברא־מאַן אָדער עמעצער פון זיין פאַמיליע ווערט קראַנק און נייטיקט זיך אין אַ משמור, מעלדעט ער וועגן דעם דעם גבאי. ווען דער גבאי זעט איין, אַז דאָס איז אַזוי, באַשטימט ער איינעם אָדער מער חברא־לייט פאַר משמורים. קיינער וועמען דער גבאי באַשטימט טאָר זיך נישט אָפּזאָגן. ער מעג זיך אָבער לאָזן פאַרבייטן דורך אַן אַנדערן, וואָס איז מסוגל צוצוזען אַ קראַנקן. דער משמור איז פון 10 ביינאַכט ביז 5 פרי. אין נויטפאַל מעגן די גבאים באַשטימען מענטשן אויך בייטאָג. אַז אַ חברא־מאַן גייט נישט אויף אַ משמור מחמת פוילקייט קנסעט מען אים פאַר יעדן אַדורכגעלאָזטן משמור מיט 3 אָדער 4 גל. פאַר דריי מאָל אַדורכלאָזן אַ משמור ווערט מען אויסגעשלאָסן פון דער חברא. די גבאים מעגן אויך, ווען זיי זיינען איינשטימיק, באַשטימען אַ משמור פון ח׳־לייט צו אַן אָרעמאַן, וואָס געהערט נישט צו דער חברא.

ווען איינער טרעט אַריין אין דער ח׳ איצט, גיט ער איינשרייבגעלט 1 רובל, שפּעטער (כשתהיה החֿ מיוסד כראוי) וועט מען באַשליסן, ווי גרויס עס זאָל זיין דער אָפּצאָל.

די גרינדער ווען זיך באַמיען צו באַזאָרגן פרויען פאַר די משמרים צו קראַנקע פרויען. מ׳האָט אָפּגעמאַכט, אַז ווען אַ חברא־מאַן וועט נישט האָרכן די גבאים פון דער ח׳ קדישה וביקור חולים, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער ח׳ משמורת. קיין נדרים ונדבות אין די שולן טאָר די ח׳ נישט נעמען, כדי נישט צו מאַכן קאָנקורענץ דער ח״ק וב״ח.

ווען אַ משמור זעט, אַז אַ חולה האַלט ביים שטאַרבן מוז ער ווי אַמגיכסטן מודיע זיין דערוועגן דער ח״ק.

נאָך דער דאָזיקער נאָטיץ קומען הסכמות פון שכנישע רבנים: ליפּנער, קוטנער, קוואָלער און לוויוויטשער.

דערנאָך קומען די תקנות:

תקנה א׳: וועגן די גבאים — וואַלן: צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער ח׳, טו״ב טבת תרכ״ד קומען זיך צונויף די ח׳־לייט מיטן רב. מען קלייבט אויס דריי פרישע גבאים, צווישן זיי אַ קאַסיר (מחזיק הכנסה). יעדער גבאי ווערט געוויילט באַזונדער לויטן רוב דעות. ווען עס זיינען פאַראַן גרויסע חילוקי דעות ביי די פאַרזאַמלטע, דעמאָלט מאַכט מען אַ קלפּי. די כשרים קלייבן אויס צוויי גבאים. די כשרים אַליין קענען ווערן אויסגעקליבן פאַר גבאים. נאָר דער קאַסירער מוז ווערן דורכויס אויסגעקליבן דורכן רוב פון די ח׳־לייט.

תקנה ב׳: פונעם חברה־געלט מעג מען אויסגעבן נאָר לצרכי מצוה וצרכי החֿ אבל לא על שום מזון וסעודה. פאַר אַ סעודה מוז מען קלייבן ספּעציעל. אַ דין־וחשבון פון דער קאַסע דאַרפן די גבאים אָפּגעבן (ביום הועד) נאָר פאַרן רב מיט צוויי חברה־לייט, וועלכע דער רב דאַרף אויסקלייבן. דער דין־וחשבון דאַרף בלייבן בסוד און ס׳דאַרף פאַרנאָטירט ווערן אינעם פּנקס „שחשבונם נמצא נכון בעיני הרב ושני האנשים הנ״ל״.

תקנה ג׳: חדשים לעבודה: מי מאנשי לב אשר ירצו להספח על חברותינו — יודיע להגבאים והם יוחדו לו יום אשר יתאספו הגבאים ושבעה אנשים מבני החֿ דהיינו שיקראו הגבאים ושבעה הנכתבים ראשונה בפינקס כסדר. באופן שיהיו עדה יחד (אַ מנין). ואם יחסר אחד או שנים משמות האלה, עם כל זה לא יקראו אחרים תחתיהם, כי אם נעשה כאילו היה פה ודעתם הולך אחר רוב דעות הנמצאות ואותם הנקצבים יודיעו דעתם אם רוצים להתחבר עם האיש הבא על ידי שישליכו איש איש פתקאות הן או לאו לתוך הכיס, ואחר כך יספרו הפתקאות. אם רוב הן, אזי ישוו הנאספים דהיינו הגבאים ואותן שבעה האנשים עם הנספח אודות הכסף אשר יתן וגם בענין עבודת השירות הנקרא פרחי החברא שהוא (מלאָדש), הכול לפי ראות עיניהם, ואין לשאר בני החברא לערער על מעשיהם, ומהיום והלאה הוא ארח לחברא וידו כידינו בלי שום הבדל. אף גם יש לו דעה תיכף בעת הבחירה, זולת אם עובד עדיין עבודת שירות, לא יוכל להעשות גבאי בהחברא.

ובפעם השני אם יבוא אחד להיות ארח לחברא, אז יקראו הגבאים שבעה בני החברא השניים, ולא אותן השבעה, שהיו בפעם הראשון וכן בהנספח השלישי, וכן לעולם חוזר חלילה, בכל פעם שבעה בני ח׳ אחרים בסדר שהם נקובים על הפינקס.

אינעם יאָר 1875 איז פאַרשריבן, אַז אין יאָר 1872 איז די ח׳, איבער דער שולד פון די גבאים, געקומען לשפל המדרגה. מ׳האָט שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן וועגן איר עקזיסטענץ, האָבן דריי מיטגלידער ווידער אויפגעריכט די חברא.

אינעם פּנקס פון דער „חברא משמורת״ איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם לפי־ערך דעמאָקראַטישן אופן פון וויילן די גבאים דורך דירעקטע וואַלן, אין וועלכן עס נעמען אָנטייל אַלע חברא־לייט. ערשט ווען עס זיינען פאַראַן גרויסע חילוקי דיעות אין באַשטימען די קאַנדידאַטן, אָדער אַפּנים ווען די שטימען ווערן צעטיילט גלייך אויף גלייך, קומען פאַר די וואַלן אומדירעקט דורך די כשרים. אָבער אַפילו דעמאָלט מוז דער קאַסירער אויסגעקליבן ווערן דירעקט דורך דעם רוב חברא־לייט. וועגן אָננעמען אַ נייעם מיטגליד דעצידירן נישט בלויז די גבאים — ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין אַ סך חבראות אין יענער צייט, — נאָר אויך אַ גרופּע פון 7 געוויילטע מיטגלידער, וואָס קאָנען אַפילו, היות זיי זיינען געווען דער רוב (7 קעגן 3), איבערשטימען די גבאים. די דאָזיקע גרופּע נעמט אויך אָנטייל אינעם שליסן דעם אָפּמאַך מיט דעם נייעם מיטגליד.

שמואל ווינטער דריקט אויס די השערה, אַז דער מחבר פון די תקנות פון דער חברא „משמרות״ איז געווען דער רב יוסף חיים קאַראָ. אַן אסמכתא צו דער דאָזיקער השערה איז אפשר דער פאַקט, וואָס די אייגענע תקנות זיינען ביים סוף פון פּנקס איבערזעצט אין דייטש: Statuten des Krankenwärter — Vereins gegründet in Jahre 1862.

און שפּעטער: Statuten des Krankenwärter und Wohltätigkeit Vereins (הרב קאַראָ האָט אויך מחבר געווען די תקנות פון דער ח״ק אין פּיננע בעת ער איז געווען דאָרטיקער רב).[47]

די חברא האָט וויזט אויס שפּעטער אויסגעברייטערט איר טעטיקייט אויך אויפן פעלד פון צדקה.

5. די וולאָצלאַוועקער קהילה אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה

אין די קנאַפּע 4 צענדליק יאָר פון 1865 ביז 1899 האָט די וולאָצלאַוועקער קהילה צו פאַרצייכענען אַ גרויסן ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג.

יידישע פינאַנסיסטן בויען פאַבריקן, הייזער, גרינדן בענק. בפרט אינטענסיוו איז זייער אָנטייל אינעם הייזער־בוי, אין דער נייער אינדוסטרי פון שפּייז־אַרטיקלען און בוי־מאַטעריאַלן. אַזוי אָשטייגער האָט דאָס גרעסטע דעמאָלט 2־שטאָקיקע הויז אויף דער נייער גאַס אויפגעבויט אין יאָר 1867 דער באַנקיר הערמאַן לעווינסקי.[48]

אין די 70־קער יאָרן האָט גוסטאַוו פּערעץ, פון דער באַקאַנטער וואַרשעווער־באַנקירן־משפּחה, געעפנט אין וולאָצלאַוועק נאָך אַ באַנק.[49] אַ באַנקיר איז אויך געווען יוסף גאָלד — דער שפּעטערדיקער גרינדער פון אַ נייער שול (אין 1908).

---

[47] Heppner Herzberg: Aus Vergangenheit und Gegenwart der jüdlschen Gemeinden in den Posener Landen v. II, 686.

[48] Słownik geograficzny, v. XIII, p. 702.

[49] I. Schipper — Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich., Warszawa 1937. p. 573.

דער סוחר בערנאַרד קאָהן האָט געבויט אין ווייסל־פּאָרט שפּייכלערס (1862).[50] דאָס פאַרבינדן וולאָצלאַוועק אין יאָר 1862 מיט דער באַנליניע וואַרשע־בידגאָשטש האָט געגעבן דער שטאָט אַ שטאַרקן שטויס אויפן וועג פון ווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס. וולאָצלאַוועק ווערט דער האַנדלס־צענטער פאַר גאַנץ קויאַוויע, פאַרבונדן מיט וואַרשע און דאַנציק סיי אויפן וואַסער סיי אויף דער יבשה.

דער שנעלער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה איז אַ בולטער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג. די אונטערשטע טאַבעלע אילוס־טרירט דעם דאָזיקן פּראָצעס.

טאַבעלע נר׳ 2

יאָר	צאָל פון דער אַלג. באַפ.	צאָל יידן	% % לגבי דער אַלג. באַפ.	% % וואוקס פון דער ייד. באַפ.
1862	7053	1569	22,2	—
1877	12815	2515	19,6	60,3
1890	20153	3623	17,9	44,0
1897	22907	3846	12,5	6,1

די אויבנדיקע טאַבעלע ווייזט אָן אויף אַן אינטערעסאַנטע דער־שיינונג. הגם די יידישע באַפעלקערונג וואַקסט גענוג שנעל (אין משך פון 15 יאָר 1862—1877 — אויף מער ווי 60%), פאַלט אָבער איר וואָג לגבי דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג: בעת אין יאָר 1862 האָבן די יידן באַטראָפן כמעט אַ פערטל, מאַכן זיי שוין אויס אין יאָר 1877 ווייניקער ווי אַ פינפטל און מיט 20 יאָר שפּעטער (1897) — נאָך ווייניקער — 12,5%. (אין יאָר 1921 האָט די ייד. באַפעלקערונג באַטראָפן ווידער אַ קנאַפּ פערטל, 23,8% פון דער שטאָט־באַפעלקערונג).

אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פונעם יאָרהונדערט (1877—1897) פאַלט אויך פּראָצענטועל דער וואוקס פון דער ייד. באַפעלקערונג. אויב אין די יאָרן 1862—1877 איז דער יערלעכער דורכשניטלעכער צוּוואוקס מער ווי 4%, איז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר דער יער־לעכער דורכשניטלעכער צוּוואוקס נאָר 2,5% דאַקעגן אין דער יער־לעכער דורשניטלעכער צוּוואוקס פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַ פיל העכערער — 9%.

דער רעלאַטיוו פאַרקלענערטער וואוקס פון דער ייד. באַפעל־קערונג אין די יאָרן 1877—1897 איז אַ רעזולטאַט פון דער עמיגראַ־ציע מעבר־לים. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער „הצפירה״ פון 1891 לייענען מיר, אַז אויך פון וולאָצלאַוועק עמיגרירן אַ סך יידן קיין אַמעריקע, בפרט גרויס איז די „זינד״ פון דער יוגנט, וואָס אַנטלויפט, איידער זי דאַרף זיך צושטעלן צום מיליטער־דינסט.[51] די עמיגראַציע

[50] Słownik geograficzny, v. XIII, p. 703.

[51] הצפירה, נר׳ 219, 1891. לויטן רוסישן רעקרוטן־געזעץ פון 1874.1.13 איז די פאַמיליע פון אַנטלאָפענעם רעקרוט געווען סאָלידאַריש פאַרפליכטעט צו באַצאָלן אַ שטראָף פון 300 רוב. פאַר יעדן זון. דאָס האָט רוינירט אין יענער צייט נישט איין אָרעמע משפחה.

פון וולאָצלאַוועקער יידן קיין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער. שוין אין יאָר 1869 הערן מיר פון אַ וולאָצלאַוועקער ייד, וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אברהם אבוש בן ר׳ ישראל גוראַנאַווסקי (1843—1912), וואָס אויך זיין ביאָגראַפיע איז כדאַי זיך אַביסל אָפּצושטעלן.

זיין פאָטער ישראל האָט געהערט צו די רייכע אָנגעזעענע וולאָצלאַוועקער בעלי־בתים. דעם זון אברהם אבוש האָט ער געשיקט לערנען צו די חשובסטע רבנים אין די שכנותדיקע קהילות, ווי צו דעם בריסק־קויאַווער רב ר׳ יהושע פאַלק אויערבאַך (שפּעטער אויפ־גענומען געוואָרן ווי אַ רב אין פּלאָצק), און דעם שפּעטערדיקן פּלאָצקער רב עזריאל לייב ראַקאָווסקי, און ווען ער איז צוריקגע־קומען קיין וולאָצלאַוועק — ביים הרב קאַראָ. צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז ער אַוועק קיין בערלין און אַנגעקומען אין דעם רבנים־סעמינאַר פון ד״ר עזריאל הילדעסהיימער, און אין יאָר 1869 האָט ער מיט דער משפחה אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און איז אָנגע־נומען געוואָרן ווי אַ רב אין דער אָרטאָדאָקסישער קאָנגרעגאַציע „אמונת ישראל״ אין ניו־יאָרק. 22 יאָר איז ער געווען רב אין דער דאָזיקער שול און אין יאָר 1891 האָט ער אָנגענומען די התמנות אויף רב און מטיף אין דער קאָנגרעגאַציע „בית ישראל״ אין דער „וועסט סייד״. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1912.[52] הרב אברהם אבוש גוראַ־נאָווסקי האָט משמעות געהערט צו די פּיאָנירן פון דער וולאָצלאַוור־קער קאָלאָניע אין אַמעריקע. ער פלעגט אונטערשטרייכן זיין וולאָצ־לאַוועקער אָפּשטאַמונג און פלעגט זיך חתמענען „אברהם אבוש גוראַ־נאָווסקי מילידי וולאָצלאַוועק״.[53]

6. די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג

וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין לעצטן צענדליק פון 19טן י״ה גיט אונדז אַ בילד די ערשטע אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג אין רוסלאַנד פון יאָר 1897. די פאָלקס־ציילונג פון 1897 האָט איין גרויסן חסרון — זי אונטער־שיידט נישט צווישן אַרבעטנעמער און אַרבעטסגעבער און זי פאַר־רעכנט ביידע סאָציאַלע גרופּעס צו איין פּראָפעסיאָנעלער קאַטעגאָריע (האַנדל, מלאכה א״אַ). נאָר איין גרופּע אַרבעטנעמער איז אויסגע־טיילט — דאָס איז די דינערשאַפט. זי רעכנט אויך באַזונדער עקאָ־נאָמיש זעלבסטשטענדיקע און זייערע משפחה־מיטגלידער.

פונדעסטוועגן ביי אַלע אירע חסרונות איז די פאָלקסציילונג פון 1897 אַן ערשט־ראַנגיקער מקור פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין צאַ־רישן רוסלאַנד ביים סוף פון 19טן י״ה.

די פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וולאָצלאַוועק האָט אין יאָר 1897 אויסגעזען ווי עס ווייזט די אונטערשטע טאַבעלע:

[52] זען זיין ספר מיט דרשות אויף תורה „אבן ישראל או ארבעים שנה עבודה״, ניו־יאָרק תרע״ד, אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט דורך זיינע איידעמס ד״ר י. מ. קויפמאַן און י. ליטאָוויץ.

[53] אַזאַ חתימה געפינט זיך אויפן ספר „אות טובה״ פון ישראל משה סוביל מ״מ פון פּרעמישלא, פּרעמישלא תר״ל.

טאַבעלע נר׳ 3

פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1897

פּראָפעסיע	עקאָנאָמיש אַקטיווע (זעלבּ־שטענדיקע)	משפחה מיטגלידער	צוזאַמען	% % זעלבּ־שטענדיקע	% % בכלל
1. האַנדל	414	1.208	1622	25,5	42,2
2. אינדוסטרי און מלאכה	389	835	1224	31,7	31,8
3. דינערשאַפט (בעיקר הויז־דינערשאַפט)	178	111	289	61,6	7,5
4. הויז־בעלי־בתים און פון אייגענע קאַפּיטאַלן	72	214	286	25,1	7,4
5. כלי קודש, מלמדים און לערער	42	163	205	20,5	5,3
6. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	12	52	64	17,9	1,7
7. פרייע פּראָפעסיעס (אַדוו׳ דאָקט׳ א״אַ)	10	25	35	26,9	0,9
8. ערד־אַרבעט, פּיצוכט, פישפאַנג	3	21	24	12,5	0,6
9. אָן באַשטימטער באַשעפטיקונג, און נישט אָנגעוויזענע פּראָפעסיעס	5	24	29	17,2	0,8
10. אַנדערע (אין מיליטער, תפיסות א״אַ)	61	7	68	89,7	1,8
ס״ה	1186	2.660	3846	30,8	100,0

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע האָט דער גרעסטער פּראָצענט פון דער ייד. באַפעלקערונג געלעבט פון האַנדל (42,2), דאַן פון מלאכה און אינדוסטרי (31,8) — צוזאַמען האָבן פון די דאָזיקעביידע פּראָפעסיעס געצויגן חיונה כמעט דריי פערטל (74%) פון דער גאַנצער ייד. באַפעלקערונג. עקאָנאָמיש־אַקטיוו זיינען אין די דאָזיקע פאַכן געווען באַשעפטיקט מער ווי אַ העלפט פון אַלע עקאָנאָמיש־טעטיקע (57,2), דאַקעגן פאַרשווינדנדיק קליין איז דער אָנטייל פון יידן אין ערדאַרבעט — עפּעס מער ווי 0,5%.

אין אינדוסטרי און מלאכה איז דער % זעלבשטענדיקע אַ גרעסערע ווי אין האַנדל — אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פאַלט אויס אויף יעדן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיקן כמעט דריי משפחה־מיטגלידער. אין דער צווייטער — עפּעס מער ווי 2 — אין מלאכה און אינדוסטרי זיינען די קינדער געוואָרן פריער זעלבשטענדיק ווי אין האַנדל (מיר נעמען אָן, אַז געקינדלט האָט מען אין ביידע קאַטעגאָריעס גלייך).

בכלל האָבן די עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקע באַטראָפן ווייניקער ווי אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

מיר וועלן איצט גענויער אַנאַליזירן יעטוועדע פון די אויבן אויסגערעכנטע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס.

טאַבעלע נר׳ 4. האַנדל

מין	צאָל זעלבּשט.	% %
1. האַנדל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָד.	152	37,2
2. האַנדל „בכלל" (אָן דעטאַליזירונג)	75	18,1
3. האַנדל מיט טעקסטיל־סחורות	67	16,2
4. האַנדלס־פאַרמיטלער	33	7,8
5. האַנדל מיט משקאות	20	4,8
6. „ מיט מעטאַל און שטוב־חפצים	22	5,4
7. „ מיט לעדער, פוטערוואַרג	11	2,6
8. „ מיט בוי־מאַטעריאַלן	12	2,8
9. אַנדערע	22	5,1
ס״ה	414	100,0

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע בילדן דעם גרעסטן % צווישן די יידישע סוחרים די הענדלער מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן (37,2). דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. וולאָצלאַוועק האָט זיין הינטערלאַנד געהאַט אין דער רייכער קויאַווישער לאַנדווירטשאַפט און יידישע סוחרים האָבן פאַרנומען אַן אַנזעעודיק אָרט אינעם סחורות־אויסטויש מיט דער לאַנטווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג [53א] עס האָט נישט געהאָלפן די קאָנקורענץ מצד די קאָמיסיאָנס־הייזער (domy zleceń), וואָס איינס פון זיי איז אין וולאָצלאַוועק אַנטשטאַנען אַזוי פרי ווי אין יאָר 1860.[54]

וועגן דעם ענין האָבן ביי די פריצים אינטערווענירט די וולאָצלאַוועקער יידישע תבואה־סוחרים מיט הרב קאראָ בראש. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן הרב קאראָ און דעם וואַרשעווער רב בעריש מייזעלס (צו קאראָס בריוו איז געווען ביי געלייגט אַ קאָפּיע פון דעם מעמאָראַנדום פון די יידישע סוחרים, צו די פריצים, וואָס איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען). אין זיין ענטפער גיט הרב מייזעלס צו פאַרשטיין, אַז די פריצים גייט נישט וועגן

[53א] אַ תבואה־סוחר און אַ גרויסן פאַרנעם איז געווען יוסף (יוזעף) מאָרסאָפף. אין דעם חוות־דעת פון דער וואַרשעווער גובערניאַלן אַמט, צוגעשיקט צו דער „רעגירונגס־קאָמיסיע פון אינעווייניקסטע ענינים", פון 13טן מאַרץ 1852, וועגן שענקען מאָרסאָפ׳ן די רעכט פון אַן ערנבירגער (וועגן וואָס ער האָט זיך משתדל געווען) ווערט באַשטעטיקט, אַז ער פירט אַ גרויסן הורט־האַנדל מיט תבואות און וואָל און אַז ער עקספּאָרטירט יאָר־יערלעך קיין אויסלאַנד 50 טויזנט קערץ תבואה און אייל־זוימען און באַזיצט אין וולאָצלאַוועק צוויי הייזער.

מאָרסאָפן איז געשאָנקען געוואָרן די רעכט פון אַן ערן־בירגער לויט דעם קייזערלעכן „אוקאַז" פון 30טן דעצעמבער 1856.

לויט דעם זעלביקן „אוקאַז" האָט באַקומען די רעכט פון אַן ערן־בירגער זעליג גיימאַן „פאַר זיינע פאַרדינסטן ביים אַנטוויקלען דעם האַנדל אין דערפירן די שטאָט און די סביבה צו אַ בליענדיקן צושטאַנד, ווי אויך פאַר דערפילן די פליכטן פון אַ מיטגליד פון דעם אפּוטרופּסים־ראָט פון וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן".

A. Wein, Starania przedstawicieli burżuazji żydowskiej o przywilej poczesnego obywatelstwa w Królestwie Polskim (1832—1862). Biuletyn żyd. Inst. nr. 32, 1960, pp. 139, 141.

[54] I. Schipper. Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich W—a 1937, p. 114—115.

מאַטעריעלן רווח. נאָר זיי האָבן דערביי אַנדערע כוונות (וואָס פאַראַגיט ער, נאַטירלעך, צוליב צענזור־טעמים, נישט אָן), וועלכע ער, ווי אַ פוילישער פאַטריאָט אַפּראָבירט.[55]

ביים סוף פון דער באַהאַנדלטער תקופה האָט זיך מער ווי אַ דריטל פון אַלע יידישע סוחרים באַשעפטיקט מיט האַנדל פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

ווייטער זעען מיר, אַז גרויס איז די צאָל פאַרמיטלער און הענדלער בכלל, וואָס האָבן נישט געקאָנט אָנווייזן מיט וואָס אייגנט־לעך זיי האַנדלען ד״ה פון דער קאַטעגאָריע א״ג „לופט־מענטשן״ — זיי באַטרעפן מער ווי אַ פערטל (25,9%) פון אַלע אינעם האַנדל אַקטיווע. דער רוב פון זיי איז באַשטאַנען פון יענע גוט־באַקאַנטע יידן, וואָס האָבן זיך געדרייט אויפן מאַרק און געזוכט אַ פאַרדינסטל ביים פריץ, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז פון אַלע יידישע סוחרים האָבן נאָר 30 ד״ה עפּעס מער ווי 7% געהערט צום סוחרישן שטאַנד, ד״ה זיינען געווען פאַרשריבן אין איינער פון די סוחרישע גילדעס.

מיר וועלן איצט איבערגיין צו אינדוסטרי און מלאכה.

טאַבעלע נר׳ 5
מלאכה און אינדוסטריע

מין	צאָל זעלבשט.	% %
1. טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען	14	3,7
2. באַקלייד־אינדוסטרי	237	61,0
3. מעטאַל און מאַשינען אינד.	35	9,0
4. מינעראַל אינד. (קעראַמיק)	19	4,9
5. דערנערונג אינד.	22	5,5
6. פּאָליגראַפיע	19	4,9
7. האָלץ־אינד.	16	4,2
8. בוי־אינד.	12	3,0
9. כעמישע אינד.	3	0,8
10. אַנדערע	12	3,0
ס״ה	389	100,0

די אויבנדיקע טאַבעלע ווייזט אַ קלאָר בילד — כמעט צוויי דריטל (61%) פון אַלע טעטיקע אין אינדוסטרי און מלאכה זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער באַקליידונג־אינדוסטרי. שניידעריי איז ביים סוף פון 19טן י״ה געווען נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין ערשטן פערטל פון 20טן אַ ספּעציפיש יידיש פאַך. צווישן זיי זיינען געווען 25 פרויען. אויפן צווייטן אָרט, וואָס שייך צאָל באַשעפטיקטע, שטייט די מעטאַל־אינדוסטרי און אויפן דריטן — דערנערונג. אין די דאָזיקע דריי אינדוסטריעס זיינען געווען באַשעפטיקט דריי פערטל (75,5%) פון אַלע עקאָנאָמיש־טעטיקע אין דער דאָזיקער פּראָפעס־יאָנעלער גרופּע.

רעלאַטיוו איז אָנזעעוודיק די צאָל באַשעפטיקטע אין דער פּאָלי־גראַפישער אינדוסטרי — קנאַפּע 5%. אין די וולאָצלאַוועקער דרוקע־רייען, פון וועלכע איינע פון די גרעסטע האָט געהערט צום בוכהענד־לער און פאַרלעגער הערמאַן נוימאַן, האָבן געאַרבעט יידישע זעצערס.

[55] Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce, I, 1. p. 114—115, 1912.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן דאָס לחלוטנדיקע פעלן פון יידישע שוסטערס, וואָס איז מסתמא אַ טעות.[56]

אין דער גרופּע דינערשאַפט זיינען בעיקר געווען באַשעפטיקט פרויען — 138 פרויען אויף דער אַלג. צאָל פון 173 בכלל (קנאַפּע 80%). דאָס זיינען געווען די שטוב־מיידלעך אין מער פאַרמעגלעכע יידישע הייזער.

אין דער קאַטעגאָריע פרייע פּראָפעסיעס איז אויסגערעכנט אַן אַדוואָקאַט, אַ שרייבער (אָדער אַ קינסטלער) און 8 דאָקטוירים און אַ פעלדשער.

אין דער גרופּע כלי־קודש און מלמדים (לערער) זיינען אויס־גערעכנט „5 רעליגיעזע דינער״ (אַ רב, דיינים און אַ חזן). 13 פאַר־שיידענע שמשים און 24 מלמדים און לערער (צווישן זיי 2 פרויען).

אָנזעעוודיק איז אויך די צאָל פון הייזער־בעלי־בתים און פון די, וואָס האָבן געלעבט פון אייגענע קאַפּיטאַלן — 72 (7,4%).

פון מלוכהשער און עפנטלעכער אונטערשטיצונג האָבן גע־לעבט 12 ס׳רוב איינזאַמע פערזאָנען, וואָס האָבן צוזאַמען געהאַט אויף אויסהאַלט 4 משפחה־מיטגלידער — דאָס זיינען אַפּנים געווען אינוואַלידן, אלמנות און יתומים.

אין מיליטער האָבן אין דעם יאָר געדינט 45 פערזאָן און 4 פערזאָן זיינען געזעסן אין תפיסות.

די ווייטערדיקע טאַבעלע ווייזט דעם פאַרגלייך צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַ־פעלקערונג אין שטאָט:

טאַבעלע נר׳ 6
פאַרגלייך צווישן דער פּראָפ. סטרוקטור פון דער אלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין 1897

פאַך	צאָל עקאָנאָמיש אַקטיווע בכלל	צווישן זיי יידן	% %
1. האַנדל	635	414	65,2
2. אינדוסטרי און מלאכה	2734	389	14,2
3. דינערשאַפט, טאָג־לוינער	2589	178	6,9
4. הויז־אייגנטימער און פון אייגענע קאַפּיטאַלן	643	72	11,2
5. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	241	12	5,0
6. פרייע פּראָפעסיעס	113	10	8,5
7. מלוכהשע און געזעלש. באַאַמטע	249	*5	2,0
8. ערד־אַרבעט, פיצוכט, פישפאַנג	113	3	2,6
9. אָן באַשטימטע און נישט אָנגעוויזענע פּראָפ.	74	5	6,8
10. אַנדערע (אין מיליטער, תפיסות א״אַ)	1542	61	3,9

* די ייד. מלוכה־באַאַמטע באַשטייען פון דריי נישט־פאַרהייראַטע מייד־לעך, וואָס האָבן געוואוינט ביי זייערע עלטערן.

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע זיינען פון דער יידישער באַפעל־קערונג, וואָס האָט אין דעם יאָר באַטראָפן 18,5% פון אַלע שטאָטישע

[56] אין אַ נאָטיץ אין „וולאָצלאַוועקער וואָכנבלאַט״ נר׳ 8 פון 1937 ווערט דערציילט אַז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען 75% פון אַלע וולאָצ־לאַוועקער שוסטערס געווען יידן.

אייגוואוינער, כמעט ⅔ (65,2%) פון אַלע סוחרים געווען יידן.[57] געוויסע צווייגן פון האַנדל זיינען כמעט אינגאַנצן געלעגן אין יידישע הענט. אַזוי אַ שטייגער מאַכן אויס די יידישע טעקסטיל און קליידער־סוחרים 80%, און די לעדער־און־פוטער הענדלער — 84,6% פון אַלע סוחרים פון די דאָזיקע צוויי בראַנזשעס. נישט געקוקט אויף דער קאָנקורענץ פון די אַ״ג „קאָמיסיאָנס־הייזער" באַטרעפן נאָך די יידישע סוחרים מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן איבער 60% פון אַלע סוחרים פון דעם מין.

קלענער דאַקעגן איז געווען דער אָנטייל פון יידישע סוחרים אינעם האַנדל מיט משקאות, וואָס איז געווען אַ רעגירונגס־מאָנאָפּאָל — אין גאַנצן 31,7%.

אין האַנדל מיט אַ צווייטן מאָנאָפּאָל־אַרטיקל — טאַבאַק — זיינען יידישע סוחרים — ווי עס ווייזן די מאַטעריאַלן פון דער פאָלקס־ציילונג — לחלוטין נישט געווען פאַרטראָטן.

אין אַלע איבעריקע ווירטשאַפטלעכע צווייגן זיינען יידן פאַרטראָטן אַ סך ווייניקער ווי זייער פּראָצענטועלער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג. בפרט מינימאַל איז דער אָנטייל פון יידן אין מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן באַאַמטנטום (2,0%) און אין דער לאַנדווירטשאַפט און קרובהשע פאַכן (2,6%).

וואָס שייך אינדוסטריע און מלאכה באַטרעפט דער יידישער אָנטייל אינעם דאָזיקן געביט 14,2%, אָבער אין געוויסע אירע צווייגן איז דער פּראָצענט יידן, וואָס זיינען געווען אין זיי באַשעפטיקט, אַ סך אַ העכערער.

אַזוי למשל מאַכן יידן אויס 45,1% צווישן די זייגערמאַכערס, יוּווילערן און אַפּטייקער; 38% אין דער גראַפישער אינדוסטרי; 34,8% אין דער באַקלייד־אינדוסטרי; 32,5% אין דער טעקסטיל־אינדוסטרי און 20% אין דער כעמישער אינדוסטרי. דאַקעגן בידעריקער ווי דער דורכשניט איז דער אָנטייל פון יידן אין דער מינעראַל־אינדוסטרי (4,7%), אין דער האָלץ־אינדוסטרי (4,9%), אין דער דערנערונג־אינדוסטרי (4,7%), און אין דער מעטאַל־אינד. (9,6%). לחלוטין, ווי עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקע, זיינען יידן נישט געווען פאַרטראָטן אין דער אַלקאָהאָל־אינדוסטרי (נאָר 9 מינדעריעריקע זיינען געווען באַשעפטיקט אין דעם דאָזיקן צווייג).

7. דאָס קולטור־און געזעלשאַפטלעכע לעבן

א. חינוך

די צווייקלאַסיקע רעגירונגס־שול אונטער דער אָנפירונג פון דעם לערער צבי הירש אָססער (ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואָלאָצלאַוועק אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן — איז נישט באַוואוסט) האָט זיך גוט אַנטוויקלט. אין ערשטן יאָר פון איר גרינדונג האָט די צאָל תלמידים באַטראָפן 44 (25 יינגלעך און 19 מיידלעך). ביז יאָר 1874 האָט די צאָל תלמידים קיין מאָל נישט איבערגעשטיגן די ציפער 150. ערשט אין אָנגערופענעם יאָר איז די צאָל תלמידים מיטאַמאָל אויסגעוואָקסן ביז 252 — 129 יינגלעך און 123 מיידלעך. גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער שול האָט געהאַט איר פּאַטראָן ד״ר דוד פּאָזנאַנסקי, וואָס אַ דאַנק אים איז די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צווייקלאַסיקע. אין דער שול זיינען געווען באַשעפטיקט אַ פּאָר

[57] י. שיפּער גיט אָן על פי טעות אַ העכערן פּראָצענט (38,2%) פאַרן פּוילישן האַנדל. זען: I. Schiper. O.c. p. 537 יעדנפאַל איז דער פּוילישער אָנטייל אין מיסחר געווען דאָ, אין פאַרגלייך מיט די שטעט אויפן רעכטן ברעג ווייסל, אַ גרעסערער און איז ענלעך צו דעם מצב אין וואַרשע (36,9%).

לערער, פון יידישע לימודים האָט מען געלערנט תנ״ך, העברעאיש און רעליגיע.[58]

איז דעם דערמאָנטן יאָר זיינען פון 11 גראַדואַנטן 3 אַריינגעטראָטן אין דער פּלאָצקער גימנאַזיע, 6 שילערינס אין אַ העכערער „פּענסיע" פאַר מיידלעך און 2 באַזונדערס זיך אויסצייכנדיקע זיינען נאָך אַ השתדלות פון אָססערן ביי דעם הויפּט־שול־דירעקטאָר פּאָפּאָוו, אָנגענומען געוואָרן אין לערער־סעמינאַר אין שעניצא וואָס איז ביז דעם דאָזיקן יאָר געווען אַבסאָלוט געשלאָסן פאַר יידן.[59]

אין יאָר 1866 איז שול־פּאַטראָן געווען דער אויבן־דערמאָנטער באַנקיר י. נוימאַן, אין יאָר 1875 — צוויי: ד״ר פּאָזנאַנסקי און הערמאַן וואַרשאַוער. היות די רעגירונג־שול פאַר יידישע קינדער אין וואָלאָצלאַוועק איז דעמאָלט געווען די איינציקע אין דער גאַנצער וואַרשעווער גובערניע.[60] פלעגט מען שיקן קינדער פון דער פרעמד קיין וואָלאָצלאַוועק. אַזוי אַ שטייגער אַנאָנסירט זיך אין דער „Izraelita" אין יאָר 1874 (נ. 27) די אלמנה פּ׳ מאָהר, אַז זי נעמט אָן אויף סטאַנציע תלמידים, וואָס קומען זיך לערנען קיין וואָלאָצלאַוועק.

חוץ דער דאָזיקער שול האָט אויך עקזיסטירט אַ תלמוד־תורה אויסגעהאַלטן פון דער קהילה. איר מצב איז, ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט אין יענער צייט, נישט געווען קיין געהויבענער. אין יאָר 1895 האָט דער גביר יוסף גאָלד געשאָנקען פאַר דער ת״ת אַ הויז.[61] אָבער דאָס האָט ווייזט אויס נישט שטאַרק פאַרבעסערט איר מערכה. אין יאָר 1898 באַקלאָגט זיך אַ וואָלאָצלאַוועקער קאָרעספּאָנדענט אין דער „הצפירה", אַז פון אַלע קהלישע אינסטיטוציעס אין דער שטאָט איז דער מצב פון דער תלמוד־תורה דער שפּלדיקסטער. דערביי דערציילט ער, אַז דער גביר מ. טשאַפּלינסקי האָט מנדב געווען לזכר פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון אַ הויז פאַר דער ת״ת.[62]

דער דאָזיקער פאַקט ווערט אָבער אָפּגעלייקנט אין דער הצפירה (נר׳ 124) פון דעם זעלביקן יאָר, וואו עס ווערט דערציילט, אַז די ת״ת האָט פון פריער נאָך באַקומען אַ הויז פון איינעם פון די וואָלאָצלאַוועקער גבירים (געמיינט אַפּנים יוסף גאָלדס נדבה פון 1895) און האָט זיך געפירט „בסדרים נכונים" און ערשט אין די לעצטע צייט איז די ת״ת איבער דער רבנות־מחלוקה, וואָס איז אויסגעבראָכן נאָך הרב קאַראָס טויט (וועגן דעם שפּעטער) פאַרוואָרלאָזט געוואָרן, היות מען האָט אויפגעהערט זיך פאַר איר צו באַשטייערן. ווער פון די ביידע קאָרעספּאָנדענטן האָט דערציילט דעם אמת איז אונדז היינט שוין שווער פעסטצושטעלן. תחילת 70־קער יאָרן האָט דער באַקאַנטער משכיל ט״ף שפּירא פון סייני געלערנט העברעאיש און דייטש אין רייכע יידישע היימען. ער איז פון וואָלאָצלאַוועק אַוועק קיין פּלאָצק.

אין יאָר 1897 האָט דער העברעאישער שרייבער און לערער שמואל נחום כהנובסקי (1856—1907) [63] איבערגעטראָגן זיין שול

[58] הצפירה נר׳ 1866. אַ מודעה פון דער וול. שול, אַז זי זוכט אַ לערער פאַר יידישע למודים.

[59] Izraelita, 1875.

[60] די צוויי אַנדערע שולן אין פּיאָטרקאָוו און קאַלוואַריע האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן. זען ט״ף שפּיראָס אַרטיקל אין המליץ נר׳ 19, 1875.

[61] ח״י קאַראַ. ספר „יורה ומלקוש". (אַ זאַמלונג הספדים און דרשות) ווילנע, תרנ״ד; דריש לז׳ אָדר ש׳ תרנ״ה.

[62] הצפירה נר׳ 119 פון 10טן יוני 1898.

[63] שמואל נחום כהנובסקי (S. Konowski) איז געבוירן געוואָרן אין ניעשוויעזש. אין יאָר 1887 האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע און געעפנט אַ שול א. נ. „תושיה" (אגב זיינען קיין פּרטים וועגן דער דאָזיקער שול נישט באַקאַנט). ער האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע העברעאישע פּער־

„תושיה" פון וואַרשע קיין וולאָצלאַוועק לויט דער השתדלות פון די „נדיבי העיר ומשכיליה ותורניה".

אין וולאָצלאַוועק איז די שול געווען פאַרבונדן מיט אַן אינ־טערנאַט. זי האָט זיך געפונען ביי דעם ווייסל־ברעג אויפן באַרג „שפּיטאַלעק" (שפּעטאָל). אויף זומער רעקלאַמירט זיך די שול ווי אַ זומער־וואוינונג.[64]

ווי לאַנג כהנובסקי האָט געפירט זיין שול אין וולאָצלאַוועק און ווי זי האָט זיך אָנגענומען אויפן נייעם באָדן — לאָזט זיך נישט פעס־שטעלן. עס איז אויך גאָרנישט באַוווּסט וועגן זיין גייסטיקער השפּעה אויף דער יידישער וולאָצלאַוועקער עדה — ער איז איבריקנס נישט לאַנג דערנאָך געשטאָרבן אין יונגן עלטער פון 51 יאָר.

דער פיל מאָל ציטירטער קאָרעספּאָנדענט פון דער „יוטזשענקא" פון 1861 דערציילט, אַז די וולאָצלאַוועקער זיינען אפשר געווען די ערשטע יידן אין דער פּוילישער פּראָווינץ, וואָס האָבן זייערע קינדער געשיקט אין די אַלגעמיינע מלוכהשע און פּריוואַטע שולן. אין דער וולאָצלאַוועקער מלוכהשער האַנדלס־שול האָט אין יאָר 1900 פאַר־פליכטעט פאַר ייִד. תלמידים אַ 30% נאָרמע,[65] אַ טאָפּלט העכערע ווי אין מלוכהשע גימנאַזיעס (15%־נאָרמע אין תחום המושב).

עס איז אין דעם פּרט סימפּטאָמאַטיש, אַז בעת דער פאָלקסציילונג אין 1897 האָבן 364 יידן (קנאַפּע 9%) אָנגעגעבן פּויליש אַלס זייער שפּראַך און נאָר 27 — דייטש און אַז פון די דאָזיקע 364 האָבן 87 נישט געקאָנט לייענען און שרייבן קיין פּויליש. פּראָצענטועל איז עס דריי מאָל מער ווי דער דורכשניט אין קאָנגרעס־פּוילן ווו נאָר 3% האָבן אָנגעגעבן אַנדערע שפּראַכן ווי יידיש.

אין דער וולאָצלאַוועקער מלוכהשער גימנאַזיע האָט צ"אַ געֿ־לערנט דער פּאָפּולערער וואַרשעווער דאָקטאָר ישראל פרענקל, מחבר פון מעדיצינישן ביכל „שומר הבריאות", וואַרשע. אַ געבירטיקער פון ריפּין (1857), איז ער ווי אַ יינגער בחור געקומען קיין וולאָצלאַוועק און געלערנט ביים הרב קאראָ און גלייכצייטיק זיך געגרייט צום אַריינטריט אין דער גימנאַזיע. נאָך אַ געוויסער צייט איז ער פון דער וולאָצלאַוועקער גימנאַזיע אַריבער אין דער פּלאָצקער גימנאַזיע און פון דאָרט אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט, וועלכן ער האָט געענדיקט אין יאָר 1885.[66] אין די 80־קער יאָרן איז דאָקטאָר אין וולאָצלאַוועק געווען איגנאַצי פּאַיאַנס (געב' 1847) אין שעראַדז, אַ תלמיד פון דער וואַרשעווער „שקאָלא גלוונא", און אַ זייל פון דער וולאָצלאַוועקער אַסימילאַטאָרן־קרייז.[67] אַ געוויסע צייט האָט אויך אין וולאָצלאַוועק געוואוינט ד"ר קאָטשינסקי, וואָס האָט זיך תחילת 70־קער יאָרן באַזעצט אין בערלין.

ב. חברות

חוץ די אויבנדערמאָנטע חברות האָבן עקזיסטירט אַ „חברה תהילים", אַ „חברה בקור־חולים" און אַ חברה מיטן נאָמען „אח לצרה".

יאָדישע צייטשריפטן און איז דער מחבר פון אַ ריי דערציילונגען ווי „מבית ומחוץ" (וואַרשע 1887), אַ גרויסן ראָמאַן אין דריי טיילן א. נ. „משפחה עבריה, ספור מחיי שלומי אמוני ישראל" (וואַרשע 1896) א"אַ. אין „האסיף" פון תרנ"ד האָט נחום סאָקאָלאָוו פאַרעפנטלעכט אַ נעגאַטיווע אָפּשאַ־צונג פון „משפחה עבריה" (ז' 224—225).

[64] הצפירה נר' 77, 1897.

[65] Pozner, Yevrei v obshchey shkole, St. Petersburg 1914, p. 32.

[66] ספר זכרון לסופרי ישראל... בעריכת נ. סוקולוב, וואַרשא תרמ"ט, ע' 200.

[67] K. Reychman, o. c. p. 66.

די חברה „אח לצרה" איז אַפּנים געווען די אויבנדערמאָנטע „חברה משמורת" אונטער אַ געענדערטן נאָמען. ווי באַמערקט האָט זי שוין ביי איר גרינדונג געזאָלט טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. ווי עס ווערט דערציילט אינעם פּנקס פון דער חברה משמורת איז די חברה אין די 70־ער יאָרן געקומען צו שפל המדרגה איבער דער שולד פון די גבאים, אַזוי אַז מ'האָט שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ חברה. (פאַרשרייבונג פון יאָר 1875).

אין יאָר 1899 האָט אַ גרופּע יונגעלייט געגרינדעט אַ חברה „לינת־הצדק"[68] וועגן דער טעטיקייט פון די דאָזיקע חברות פאַרמאָגן מיר נישט קיין באַריכטן. נאָר פון דער צדקה־חברה „אח לצרה" זיינען פאַרבליבן אַ פּאָר פּרטים: אין יאָר 1892 איז איר פּאָרזיצער געווען איינער, וואָס ווערט באַצייכנט מיט די איניציאַלן ד. ט. (דוד טאָראַנטשיק?). צו די טעטיקסטע מיטגלידער פון דער חברה האָבן געהערט ראובן מאָכאָראָווסקי, י. וואַרשאַווסקי, מ. אנקער און וואָלף זלאָטאָגורסקי. אין דעם אָנגעריפענעם יאָר האָט די חברה מנדב געווען אויף „מעות חטים" 800 רובל. חוץ דעם האָבן ר. מאָכאָראָווסקי און אנקער געבאָרגט בשותפות פאַר דעם צוועק 1000 רובל און וואָלף זלאָטאָגורסקי — 400 רובל.[69]

די חברה־קדישה האָט פאָרמעל, אויפן סמך פון דעקרעט פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר אמינ:ת און עפנטלעכער בילדונג פון 28טן מערץ 1822, וואָס האָט אויפגעלעזט אין אַלע קהילות די דאָזיקע חברות, געפירט אַן אומלעגאַלע טעטיקייט. זי האָט אָבער עקזיס־טירט ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט אונטער דער שילד פון אַ צדקה־חברה. אָבער דאָס געזעץ וועגן פאַרוואַלטן מיט צדקה־חברות פון 19טן יוני 1870, וואָס האָט די יידישע וואוילטעטיקע חברות אונטערגע־וואָרפן אונטער דער אפּוטרופּסות פון די ראַדעס פאַר עפנטלעכער צדקה, האָט זי אַוועקגעשטעלט אין אַ שווערן מצב.

ווי עס איז פאַרשריבן געוואָרן אין פּנקס פון דער חברה „הכ־נסת כלה" אין 1873 האָט אויך די חברה איבערגעלעבט אַ קריזיס, אַפּנים אין שייכות מיטן דערמאָנטן געזעץ. דער גבאי ראשון אליעזר באָגאַצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גבאות אין די חברה האָט זיך כמעט אויפגעלעזט. ערשט אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דוד קאָנעצקי, וואָס האָט צונויפגעבראַכט אַן אינטערווענץ ביים וולאָצלאַוועקער נאַטשאַלניק, איז די חברה צוריק דערלויבט געוואָרן און דער רעטער פון דער חברה — דוד קאָנעצקי — איז אין דעם יאָר אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איר גבאי שני און גזבר.

אין דעם זעלביקן פּנקס זיינען פאַרצייכנט אַ פּאָר פאַקטן אין שייכות מיט דער כאָלערע־מגיפה, וואָס האָט זיך אין יאָר 1867 באַ־וויזן אויך אין וולאָצלאַוועק און צוגענומען ביי דער באַפעלקערונג אַ היפּשע צאָל קרבנות („וכמה וכמה אנשים, ונשים וטף נעדרו").

ערשטנס האָט מען כנהוג חתונה געמאַכט צוויי יתומים. אָבער ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ אויפגעקלערטער איזרעאַליטישער קהילה איז אין דער שייכותדיקער נאָטיץ נישט אָנגעגעבן, אַז די דאָזיקע חתונה פון די צוויי יתומים האָט עפּעס אַ שייכות צו דער מגיפה. עס איז אויך נישט אַנגעגעבן, אַז די חתונה, ווי מען פלעגט זיך נוהג זיין ,איז פאָרגעקומען אויפן בית־עולם...

אין דעם זעלביקן טאָג האָט מען אויך מקיים געווען אַ צווייטע מצוה: מען האָט אַריינגעפירט אין דער גרויסער שול אַ ספר־תורה „בשירים ובכנור ועוגב, בתפים ובמחולות". די נאָטיץ פאַרענדיקט

[68] המליץ, 18, 1899.

[69] הצפירה, 41, 1892.

מיט דער פעסשטעלונג „והשמחה היתה גדולה עד מאוד כמו שמחת בית השואבה אצל כוהן גדול".

די עפּידעמיע איז, ווייזט אויס, אויסגעבראָכן אויך אין דעם אַלאַניעצקער פּיעכאָטע־פּאָלק, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין וולאַצלאַוועק. דער פּאָלק (מסתמא די יידישע זעלנער) האָט מנדב געווען פאַר דער חברה הכנסת־כלה, אַפּנים בתורת סגולה, אַ שולחן, אַן עמוד, ארון־קודש און אַ מנורה.

כדי צו ראַטעווען קראַנקע האָט מען אויך מנדב געווען פאַר דער חברה היפּשע סומעס. אַזוי אַ שטייגער האָט דער גבאי אברהם מנדב געווען פאַר זיין קראַנקער פרוי גיטל 540 גל.

וואָס שייך אַנדערע חברות פאַלט זייער גרינדונג אויס שוין אויף די ערשטע יאָרן פון 20סטן י"ה.

סוף 19טן אָדער דער ערשטן יאָר פון 20סטן י"ה איז געגרינדעט געוואָרן אַ ליי־און שפּאָר־קאַסע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט ד"ר מאַקסימיליאַן וואַסערצוג, פאָטער פון דעם באַקאַנטן אַסימילאַטאָר יוזעף וואַסערצוג. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער קאַסע, אַז איר צווייטער פאָרזיצער ד"ר יאַקוב נוימאַרק, האָט נישט דערלויבט אויף קיין פאַל צו רעדן יידיש און האָט איינער פון די מיטגלידער געפּראַוווט נעמען אַ וואָרט אין מאַמע־לשון האָט אים דער פאָרזיצער אָפּגעשטעלט און אַפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע אַרויסצוווייזן זייער פּוילישקייט (אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר הרב קאָוואַלסקי).[70]

תחילת 20סטן י"ה איז אַנטשטאַנען די „געזעלשאַפט צו שטיצן אָרעמע" אויף וועמענס סטאַטוט עס האָט עקזיסטירט דאָס יידישע שפּיטאָל.[71] אין יאָר 1906 איז געעפנט געוואָרן אַ יידישע אַמבולאַטאָריע אויף קרולעוויצקאַ־גאַס, אין דעם הויז פון שענפעלדן.

איניקע יאָרן פאַר דער I־טער וועלט־מלחמה האָט די געזעלשאַפט געקויפט אַ הויז (וואו עס האָט זיך שפּעטער געעפנט דאָס יידישע שפּיטאָל) און די אַמבולאַטאָריע איז דאָרט אַריבערגעטראָגן געוואָרן.[72]

דער ענין צדקה איז אין וולאַצלאַוועק געווען געאָרדנט בעסער ווי אין אַנדערע שכנותדיקע שטעט. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" פון יאָר 1871 (נר' 11) לויבט דער באַקאַנטער משכיל און לערער טוביה פסח שפּירא פון סייני, וואָס האָט אין דעם יאָר געווילט, אָדער אפשר געוואוינט אין וולאַצלאַוועק, דעם גוטן סדר פון דער צדקה־טעטיקייט אין דער קהילה. ער שרייבט נעמלעך, אַז אָרעמע־לייט און מגידים גייען נישט אַרום איבער די הייזער. יעדער באַקומט זיין תמיכה פון גבאי פון דער צדקה־קאַסע.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז איבער דעם לפי־ערך גוטן מאַטעריאַלן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אָרעמקייט בכלל נישט געווען דאָ קיין שאַרף פּראָבלעם, ווי אין אַנדערע קהילות אין יענער צייט.

---

[70] נח פּרילוצקי „וולאַצלאַוועקער סימולאַציע". אין זיין בוך „אין פּוילן" נר' 30, 1911, ז' 243—246).

[71] שוין אין יאָר 1861 האָבן די וולאַצלאַוועקער ראשי־קהל געפּלאַנט צו עפענען אין דער שטאָט אַ יידישן קרייז־שפּיטאָל און האָבן אַסיגנירט פאַר דעם צוועק אַ גרויסע סומע געלט. אָבער צוליב דער גלייכגילטיקער שטעלונג פון די שכנותדיקע קהילות (אָפּגערופן האָבן זיך נאָר די קהילות אין קוואַל און אָשענטשין) איז פון דעם פּלאַן גאָרנישט אַרויסגעקומען („יוטזשענקאַ" נר' 9, 1861).

[72] י. האַרן אין „וולאַצלאַוועקער וואָכנבלאַט" נר' 17, 1937: „וולאַצלאַוועקער אַסימילאַטאָרן".

8 הרב ר' יוסף חיים קארא

כמעט במשך פון דער גאַנצער צווייטער העלפט פון 19טן י"ה (1859—1895) איז רב אין וולאַצלאַוועק געווען ר' יוסף חיים קארא, וואָס האָט געלייגט זיין חותם אויף דער וולאַצלאַוועקער קהילה.

הרב קארא איז געווען אַן אינטערעסאַנטע רבנישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך אַלטע אָרטאָדאָקסישע לומדות פון ר' עקיבא אייגערס שול און משכילישע היינט־וועלטיקייט פון פּרייסישע רבנים אין פּויזנער געגנט.

געבוירן אין יאָר 1800[73] אין סלוזשעווא וועון דאָס שטעטל מיט אירע בערך 530 יידן האָט זיך געפונען אונטער פּרייסישער אָקופּאַציע, וואו זיין זיידע ר' יעקב קארא איז געווען רב (פריער אין פּיעטריקאָוו) און דער פאָטער ר' זעליג — דיין. אַן אָפּשטאַמיקער פון דער באַרימטער און רבניש־פאַרצווייגטער קארא־משפּחה[74] האָט ער זיך שוין געפונען אונטער דער השפּעה פון דער יינגער פּויזנער השכלה. ווי אַ יינגער בחור האָט ער 13 יאָר פאַרבראַכט און געלערנט אין גניעזן.[75] געווען אַ תלמיד פון ר' יחזקאל פּשיטקער[76] און פון ר' עקיבא אייגער.[77]

פריער, איידער ער איז אין יאָר 1859 אָנגעקומען קיין וולאַצלאַוועק, איז ער געווען רב אין צוויי פּרייסישע שטעטלעך אין פּויזנער געגנט. פון יאָר 1840 ביז 1851 אין פּניעווי (דייטש פּיננע) און פון דעם אָנגערופענעם יאָר ביז 1859 אין פאָרדאָן.[78]

אָט אַ די פּרייסישע פאַרגאַנגנהייט זיינע האָט אים אין די אויגן פון די דעמאָלטיקע פאַרדייטשמערישטע וולאַצלאַוועקער בעלי־בתים געמאַכט ראוי און געוואונטשן פאַר וולאַצלאַוועקער רבנות.

ער האָט גוט געקענט אין געשריבן דייטש און פלעגט ביי פאַרשיידענע אָפיציעלע פייערלעכקייטן, אָדער בעת הספּדים אויף זיינע אַסימילירטע וולאַצלאַוועקער בעלי־בתים, אַרויסטרעטן אין שול מיט דרשות אין דער דייטשער שפּראַך. געווען אויך אַ מליץ און געשריבן מיטלמעסיקע געלעגנהייטס־שירים, אין דייטש און העבראיש.

אַזוי, למשל, האָט ער פאַר דער פייערלעכער הזכרה אין דער סינאַגאָגע נאָכן טויט פון וואַרשעווער אַרציביסקופּ פיאַלקאָווסקי, וואָס האָט פריער פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער וולאַצלאַוועקער דיעצעזיע, מחבר געווען אַ ספּעציעלע תפילה, וואָס איז אין אַ פּוילישער איבערזעצונג פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „יוטזשענקאַ" (נר' 18, 1861); לכבוד דער פייערלעכקייט פון עפענען אין וולאַצלאַוועק די דריטע בריק אין יאָר 1865 האָט ער איבערגעגעבן דעם נאַמיעסטניק גראַף בערג אַ העברעאיש־דייטשן שיר.[79] דעם באַקאַנטן גאון ר' יהושעלע קוטנער, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן גוטע

---

[73] אין אַ סתירה צו דער דאָזיקער דאַטע געפינט זיך די איבערשריפט אויף זיינס אַ דרשה פון ז' אדר תרנ"ג, וואו עס ווערט באַמערקט „ובשנת צ' לחיי המחבר" פון וואָס מען קאָן דרינגען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1803. זען „יורה ומלקוש", נ"ג, ע' ב'.

[74] זען דאָס ספר פון אריה ליב קארא, „איל המלאים" ספר היחוס ממשפּחת קרא, קראָטאָשין תר"ה.

[75] הקדמה צו „מנחת שבת" אויף „אבות", קראָטאָשין, 1847.

[76] יורה ומלקוש ע'נר': „אשר למדו בימי בחורי אתי יחד אצל רבינו הגאון ר' יחזקאל פשיטקער".

[77] נ. סוקולוב, אישים. II, ע' 198.

[78] פאַר פּניעווי איז ער געווען רב אָדער דיין במשך פון די יאָרן 1832—1840, אָבער וואו איז נישט באַוואוסט. ער דערמאָנט אויך נישט וועגן דעם אין הקדמות צו זיינע ספרים. אין יאָר 1892 האָט מען אין וולאַצלאַוועק געפייערט דעם 60־יאָריקן יובל פון זיין זיצן על כס הרבנות („הצפירה" 74, 1892).

[79] לואי מייער. דצ"וו, זז' 117—118.

שכנותדיקע באַציאונגען (קוטנע ליגט נישט ווייט פון וולאָצלאַוועק. ר׳ יהושעלע קוטנער האָט אים באַזוכט אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1861 [80]) — האָט ער מספיד געווען אין דייטש און דער חזן מיט די משוררים האָבן רעציטירט אַ ספּעציעלע קינה, פאַרפאַסט דורך אים אַליין.

ער פלעגט זיך אויך אָפּרופן אויף צייט־ענינים, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער יידישער פּרעסע.

אין יאָר 1861 האָט ער אין „יוטזשענקאַ" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל א. נ. O przysiędze („וועגן דער שבועה") אין שייכות מיט דעם דעמאָלט־אַקטועלן ענין פון ענדערן דעם אופן פון אָפּנעמען אין די געריכטן אַ שבועה פון יידישע עדות [81] אין יאָר תרמ״ח (1888) איז אין „האסיף" געווען אָפּגעדרוקט זיינער אַ מאמר „ברכת הצדוקים", וואו ער פּאָלעמיזירט מיט צבי הירש עדעלמאַנס מאמר וועגן דער ברכה „ולמלשינים".[82]

הרב קאַראָ פלעגט אויך נישט זשאַלעווען קיין הסכמות אויף חיבורים פון משכילים. אַזוי אַ שטייגער האָט אויף זיין פּוילישן חיבור: Imiona przez Żydów polskich używane. („נעמען גענוצטע פון פּוילישע יידן"), באַקומען קאַראָס הסכמה דער באַקאַנטער וואַרשעווער משכיל און סעקרעטאַר פון דער קהילה יעקב ראַטוואַנד. ער גיט אויך הסכמות און פיגורירט אין דער רשימה פון פּרענומעראַנטן פון „זשאַרגאָנישע" אויפקלערערישע ביכלעך ווי למשל פון „הנודד דער נע ונדניק" פון חיים שלום סליווקין, וואָס איז בעיקר געווידמעט די עמיגראַציע־פּראָבלעמען פון יענער צייט, צוזאַמען מיטן לאָדזשער סינאַגאָגע־פּריידיקער ישראל יעלסקי אין דעם באַוואוסטן משכיל יעקב שמואל הלוי טראַכטמאַן (וואַרשע, 1893).

די וולאָצלאַוועקער משכילים האָבן תחילה געלייגט אויף קאַראָן גרויסע האָפענונגען. אין יאָר 1861 האָט איינער פון זיי זיך אויסגעדריקט, „אַז אונטער דער אָנפירונג פון דעם דאָזיקן אויפגעקלערטן און געלערנטן רב וועט דער אופן פון אָפּריכטן די תפילות דערגיין צו אַן אַלץ וואָס בעסערן סדר, אַזוי, אַז ער זאָל מיט דער צייט זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט דעם סדר, וואָס הערשט אין די בעסערע וואַרשעווער סינאַגאָגעס" (געמיינט די סינאַגאָגע אויף דאַניעלאָוויטשאווסקע).[83]

אָבער די דאָזיקע האָפענונגען זיינען נישט מקוים געוואָרן. קיינע פון די וולאָצלאַוועקער „איזרעאַליטן" אַזוי הייסט געגאַרטע רעפאָרמעס אין נוסח התפילה האָט הרב קאַראָ נישט איינגעפירט. קאַראָ איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער רב פון האַלב פּרייסישן האַלב פּוילישן שניט און ווייט פון יעטוועדן געדאַנק פון רעליגיעזער רעפאָרם. זיינע דרשות אין שול אויף דייטש האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט רעפאָרם־פּראָוון. דייטש איז געווען נאָך העברעאיש זיין צווייטע קולטור־שפּראַך און אין פאַרדייטשמערישטן וולאָצלאַוועק פון יענער

[80] נאָך דעם וויזיט האָט מען דערציילט דעם פאָלגנדיקן אַנעקדאָט: ר׳ יוסף חיים קאַראָ פלעגט רופן די רביצין אין אַלטן גוטן פּרייסישן סטיל „מוטערכען". ר׳ יהושעלע האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן ביי קאַראָן אויף מיטאָג. אויף דער פראַגע פאַרוואָס? זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז אויב די רביצין הייסט מוטערכען איז אַלץ ביי איר מותר. הרב קאַראָס פרוי איז געווען די טאָכטער פון קאָנינער רב צבי הירש אויערבאַך (געשט׳ אין תרמ״ג) און אַן אייניקל פון ר׳ נחמן אמשטרדאַם, רב אין קלעטשעוו (געשט׳ תקע״ט) זען: L. Lewin. Aus Vergangenheit der Jüd. Gemeinde in Pinne. 16—17.

[81] Jutrzenka 17, p. 131.

[82] „האסיף" תרמ״ח ז׳ 132—137.

[83] Jutrzenka 9, 1861.

צייט, וואו דייטש (אָדער בעסער געזאָגט „דאַטש") האָט אָפּט געקלונגען אין יידישע מיילער, איז זיין דרשנען פון מאָל צו מאָל אין דער דאָזיקער שפּראַך געווען גאַנץ נאַטירלעך. געוויינטלעך האָט ער געדרשנט אין יידיש,[84] מסתמא למורת רוחם פון די וולאָצלאַוועקער „איזרעאַליטן".

זיין פּרייסישע פאַרגאַנגנהייט איז דיסקאָנטירט געוואָרן אין יאָר 1872, ווען ער האָט געפייערט זיין גאָלדענע חתונה מיט דער רביצין שבע. צווישן אַנדערע מתנות האָט ער דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין עלטערן זון יאקוב קאַראָ, דעם באַקאַנטן פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין ברעסלאַוער אוניווערסיטעט, באַקומען פון דער פּרייסישער מלכה אַ תנ״ך, אין וועלכן עס זיינען געווען איינגעבונדן פאָטאָגראַפיעס פון דער קיניגין און קייזער ווילהעלם I. אויף דער פייערלעכער סעודה, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אויך פאָרשטייער פון דער מאַכט, האָט זיין צווייטער זון ד״ר יחזקאל קאַראָ (1844—1915), דעמאָלט רב אין טשעוו (דירשאַו) [85] געהאַלטן אַ דרשה, און דער חזן יחזקאל באָרנשטיין האָט געזונגען מיטן כאָר אַ שיר, וואָס עס האָט ספּעציעל פאַר דער פייערונג פאַרפאַסט ט״ף שפּירא.[86]

הרב קאַראָ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער מאָס טאָלעראַנץ לגבי זיינע אייגענע נישט פרומע בעלי־בתים. ער האָט, למשל, מספיד געווען אין שול אַ פּאָפּולערן דאָקטאָר (דער נאָמען איז אין הספד נישט אָנגעגעבן) וואָס האָט זיך געהאַט אין גאַנצן דערווייטערט פון יידן און האָט אַפילו געפונען פאַר מעגלעך אים נאָכצוזאָגן שבחים.[87]

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך ערשט אין הרב קאַראָס צייטן באַוויזן דאָס ערשטע מאָל אין וולאָצלאַוועק דער טיפּ בחור־לערנער. ער אַליין שטעלט פעסט אין זיין הספד אויף משה דאָבזשינסקי, אַז „מימים ימימה לא נמצא מורה ומלמד בעיר הזאת. כי כולם ישאבו בששון, אך בלימוד ידיעות בלתי קדושות וחכמת חיצונית למחיה ולכלכלה. וגם מלמדי תורה לא ידעו ולא יבינו לחקות יראת ה׳ ושמירת המצוות על לב תלמידיהם".[88] ערשט קאַראָ האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט בחורים און עס האָבן ביי אים געלערנט אויך בחורים פון דער פרעמד.

אַז אַ ייד האָט אויף דער עלטער פאַרלאָזט זיינע געשעפטן און זיך אַוועקגעזעצט לערנען אין ביהמ״ד דערמאָנט דאָס הרב קאַראָ מיט גרויס אָנערקענונג.[89]

לומדות איז אין וולאָצלאַוועק אין זיין צייט, בכלל גענומען, ווייניק געווען פאַרשפּרייט. יידן לומדי תורה אין ת״ח האָט מען געקאָנט ציילן אויף די פינגער.

צו זיי האָט געהערט דער דיין ר׳ שלמה ישכר קוטשינסקי, וואָס זיין זון יהודה ליב האָט נאָכן פאָטערס טויט (1878) געירשנט דאָס וולאָצלאַוועקער דיינות (געשטאָרבן 1910), ר׳ שאול ליפשיץ, אַ זון

[48] „יורה ומלקוש" ע״ע כט, לד, סא, ער שטרייכט ספּעציעל אונטער די דרשות וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער דייטשער שפּראַך. אין רוב פאַלן איז דאָס געשען בעת אָפיציעלע פייערלעכקייטן, ווען עס פלעגן קומען אין שול פאָרשטייער פון דער מאַכט, אָדער אין הספדים אויף זיינע שטאַרק פאַרגוישטע פּראָמינענטע בעלי־בתים.

[85] שפּעטער געווען פּריידיקער אין דער לאָדזשער סינאַגאָגע און פון 1891 אויבעררבינער אין לעמבערג.

[86] המגיד, 16, 1872.

[67] „יורה ומלקוש" ע׳ לד.

[88] „יורה ומלקוש" ע׳ לד.

[89] „יורה ומלקוש" דף לא׳, ע׳ ב׳; טז׳ כו.

פון סוּוערזשענצער רב וואָס האָט איבערגעלאָזט אין כתבים חידושי־תורה.

צו די וולאָצלאַווקער לומדים האָט אויך געהערט שלמה דוד פּויזנער (בזשאסקאָווסקי) געבוירן אין 1852. יינגלווייז האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון לענטשיץ און קויל (אין דער לעצטער שטאָט — ביי דעם באַוואוסטן תלמיד פון ר׳ עקיבא אייגער — ר׳ שמואל פּוזנער הלוי, ווו ער האָט אויך געגאַשט אַביסל חכמות חיצו־ניות). צוריקקומענדיק קיין וולאָצלאַוועק האָט ער געלערנט מיט בחו־רים, געפּרוּווט מזל אין מסחר (נאָכן טויט פון שווער חנוך מייזנער) און לסוף געוואָרן אַ שוחט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי תורה־מאמרים אין „המגיד משנה" פון דוד גאָרדאָן, אין „המליץ", „תורה מציון". געהערט צו די ערשטע וולאָצלאַווקער חובבי־ציון, געוועזן אַ דעלעגאַט אויפן 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. לסוף אויסגעוואַנדערט אין 1907 קיין אַמעריקע און געוועזן רב אין דער קאָנגרעגאַציע „תפארת ישראל" אין דזשערסי־סיטי, ניו־דזשערסי.

הרב קאראָ איז געוועזן בשעתו זייער פּאָפּולער אין זיין אייגענער קהילה און מחוץ אירע גרענעצן. ער האָט אין זיין דור געהערט צו די פּראָמינענטע פּוילישע רבנים, פון די געציילטע אָרטאָדאָקסישע רבנים אין קאָנגרעס־פּוילן וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַלגעמיינער וועלטלעכער בילדונג און מיט זיין אינטערעס פאַר וועלטלעכע ענינים (ער פלעגט ציטירן אין זיינע דרשות די קלאַסיקער פון דער דייטשער ליטעראַטור).

10. די רבנות־מחלוקה נאָך הרב קאראָס טויט

נאָך הרב קאראָס פּטירה איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקה וועגן דעם קאַנדידאַט אויף רבנות.

עס זיינען געוועזן צוויי קאַנדידאַטן הרב ר׳ ישראל חיים דייכעס, רב אין וולאַדיסלאַוואָוו (סוּוואַלקער גוב׳, גערופן אויך מיטן דייטשן נאָמען נוישטאַדט־שירווינדט) און דער טשענסטאָכאָווער רב ר׳ גרשון ראַווינסאָן.[90]

[90] געבוירן אין וואַרקלאַן (וויטעבסקער גובערניע) אין יאָר 1849 אין אַ רבנישער שטוב, איז ער אין יאָר 1872 געוואָרן רב אין סערהיי, אין יאָר 1882 אין פּאָלאַנגען. אין יאָר 1887 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס טשענס־טאָכאָווער רב.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער הצפירה פון 18טן דעצעמבער 1895 נר׳ 247, ווערט דערציילט, אַז אַלס רב איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט „רוב דעות" הרב דייכעס.

עס איז אָבער, ווייזט אויס, געוועזן אַ צד, וואָס איז געבליבן מיט דעם אויסדערוויילטן רב אומצופרידן. און דער דאָזיקער צד האָט געפּועלט וואו מען דאַרף, אַז דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר זאָל נאָמינירן דעם טשענסטאָכאָווער רב, וואָס האָט באַקומען אַ מינ־דערהייט שטימען, אַלס וולאָצלאַווקער רב.[91]

די צדדים האָבן זיך, ווייזט אויס, געאייניקט, אָדער דער קעגנע־רישער צד האָט געמוזט בעל־כרחו מסכים זיין, און אין אַ דריטער קאָרעספּאָנדענץ פון וולאָצלאַוועק אין „הצפירה" פון ל״ג בעומר 1896 ווערט שוין דערציילט, אַז עס איז געקומען אַ סוף צום פּאַרטיי־קאַמף און הרב ראַווינסאָן האָט זיך באַזעצט אויפן וולאָצלאַווקער כסא־הרבנות.[92]

הרב ראַווינסאָן האָט זיך אָבער לאַנג אין וולאָצלאַוועק נישט געהאַלטן. ער איז אַוועק קיין מסטשיסלאַוו (מאָהילעווער גוב׳) און פון דאָרטן קיין מאַנטשעסטער. אין יאָר 1903 האָט ער אויסגעוואַנ־דערט קיין אַמעריקע און האָט באַקומען די שטעלע פון רב אין קליוולאַנד.[93]

אינטערעסאַנט, אַז אויך זיין קעגנקאַנדידאַט הרב דייכעס, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דעם וולאָצלאַווקער דורכפאַל אין וולאַדיסלאַוואָוו, האָט אין יאָר 1900 אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און געוואָרן רב אין לידס (Leedes).[94]

אויף דעם רבנישן וואַקאַנס אין וולאָצלאַוועק איז אין יאָר 1899 אויסגעוויילט געוואָרן הרב יהודה ליב קאָוואַלסקי (1899—1925), איינער פון די גרעסטע וולאָצלאַווקער רבנים און בכלל איינער פון די גרויסע רבנישע פּערזענלעכקייטן אין פּוילן אין ערשטן פערטל פון 20סטן י״ה. אין זיין צייט הייבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־געשיכטע פון דער וולאָצלאַווקער קהילה.

[91] הצפירה נר׳ 88 פון 1טן מאי 1896; המליץ, 98. 1896.

[92] הצפירה נר׳ 91, 1896.

[93] בן־ציון אייזנשטאַדט. חכמי ישראל באמריקה. ניו־יאָרק תרס״ג, ע׳ 94.

[94] זען הקדמה צו זיין ספר „מקוה ישראל", ליעדז תרע״ב.

מאיר קאָזשען / תל־אביב

אין די יאָרן 1900—1939

א. די קהילה

א. די תקופה 1900—1914

בעת הרב קאָוואַלסקי איז אָנגעקומען קיין וולאָצלאַוועק אינעם יאָר 1899 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט געציילט בערך פיר טויזנט נפשות אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 23 טויזנט איינוווינער. די אָרטיקע קהילה האָט זיך געפירט לויטן נוסח פון די אַנדערע קהילות אין קאָנגרעס־פּוילן צו יענער צייט, אָבער אין איר גייסט און שניט ווייזט זי אַרויס אַן אויפפאַלנדיקע ענלעכקייט צו דער דאַמאָלסטיקער וואַרשעווער קהילה. די דאָזיקע ענלעכקייט, אויף וועלכער עס ווערט אָפט מאָל אָנגעוויזן, איז אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אָביעקטיווע גורמים. ביידע קהילות זיינען אַנטשטאַנען אין דער תקופה פון דער דריטער צעטיילונג (1795), פאַרדאַנקט זייער אויפקום דער פּרייסישער הערשאַפט און אַדורכגעמאַכט אַ ראַשע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. אין ביידע קהילות איז די השפעה פון חסידות געווען אַ קליינע[1] און ביידע האָבן פאַרמאָגט אַ פאַרהעלטענישמעסיק שטאַרקע שיכט פון יידישער אינטעליגענץ וואָס האָט זיך דערצויגן אין מערב־אייראָפּע און געצויגן איר גייסטיקע יניקה פון פּרייסן, פאַרבייטנדיק זי מיט דער צייט אויף דער פּוילישער קולטורעלער השפעה.

אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן י״ה איז די וולאָצלאַוועקער קהילה, ענלעך ווי די וואַרשעווער, געווען באַהערשט דורך אַ הייפל אַסימילאַטאָרן מיט וועלכער עס האָבן מיטגעאַרבעט געציילטע פאָרשטייער פונעם אָרטאָדאָקסאַלן פרומען ציבור. די קהילה האָט געזאָרגט פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון דער עדה און גלייכצייטיק געפירט אַ ברייט־פאַרשניטענע און אין אַ געוויסער מאָס מאָדערנע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. די ברייטע מאַסן — ווי דער שטייגער אין יענע צייטן — זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט אָננעמענדיק מיט הכנעה די הערשאַפט פון אָט די גביריש־אַסימילאַטאָריש־רעליגיעזער קאָאַליציע.

אַלס דאָזאָרעס האָבן יאָרנלאַנג אַמטירט כמעט די זעלביקע מענטשן: ד״ר איגנאַצי פאַיאַנס,[2] גוסטאַוו פּערעץ, שלמה וואָלמאַן, איזאַק בראָקמאַן, אורבאַך, שיינפעלד, יוסף גאָלד, פאַוועל גאָלדע, וואָלף זלאָטאָגורסקי, יוסף־חיים מיכאַלסקי א״אַ. פאָרמעל זענען זיי געוויילט געוואָרן דורך די מתפּללים פון די דאַמאָלס עקזיסטירנדיקע חברות, ווי חברה תהילים, חברה תנ״ך, חברה קדישא, לינת הצדק, חברה חייטים א״אַ. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען בלויז אַן ענין פון פאָרם, כדי יוצא צו זיין פאַרן געזעץ. צו גרויס איז געווען די מאַטעריעלע מאַכט פון די דאָזיקע דאָזאָרעס, צו שטאַרק זייער שליטה אויף אַלע געביטן פון אָרטיקן לעבן און צו ענג זייערע פאַרבינדונגען מיט דער מאַכט, אַז די אָפּהענגיקע פון זייערע חסדים און טאַש, מיטגלידער פון די חברות, זאָלן מעיז זיין נישט נאָכצוקומען זייער ווילן און אָפן רעוואָלטירן קעגן זיי.

יאָרנלאַנג האָט זיך די קהילה געפונען אין אַ קליינעם לאָקאַל אויף דער בזשעסקע און איר סעקרעטאַר איז געווען לעווענשטיין, די אָפיציעלע שפּראַך איז געווען פּויליש אָדער אַ שטאַרק פאַרדייטשמערישטער יידיש, וועלכן מען האָט אויס נויט טאָלערירט די דאָזאָרעס האָבן געפירט זייער הערשאַפט — ענלעך ווי אין די דאַמאָלסטיקע קהילות בכלל — ביד רמה און מיט תקיפות, וואָס איז שפּעטער, ווען דער מיטלשטאַנד האָט אָנגעהויבן פּרעטענדירן צו דער מאַכט, אַזוי שאַרף און ביטער געטאַדלט געוואָרן.

שוין ביי זיינע ערשטע שריט אין דער וולאָצלאַוועקער קהילה האָט הרב קאָוואַלסקי אונטערגענומען — אויף וויפל די אָביעקטיווע דאַמאָלס באַדינגונגען האָבן דערויף דערלויבט — אַ קאַמף קעגן אָט דער נעסט פון גביריש־אַסימילאַטאָרישער הערשאַפט און געוואָרן דער וואָרט־טרעגער פון די פּשוטי־העם, מיט וועלכע ער איז פון זיין נאַטור אויס געווען טיף פאַרבונדן. אַ דאַנק זיינע גרויסע פּערזענלעכע מעלות, זיין אויסערגעוויינלעכן טאַקט אין די באַציאונגען מיט מענטשן, האָט ער באַוויזן צו געווינען די אַכטונג און דעם צוטרוי פון די דאָזאָרעס, וועלכע האָבן זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג, כאָטש זיין קנאותדיקע דביקות אינעם נאַציאָנאַלן געדאַנק איז זיי ווייט נישט געווען צום האַרצן.

די טיפע סאָציאַלע ענדערונגען צום סוף פון 19טן און אָנהויב 20סטן י״ה, וועלכע זיינען געקומען צום אויסדרוק אינעם גרויסן פּאָליטישן אויפברויז פון יאָר 1905, און דאָס אַנטשטיין פון פּאָליטישן ציוניזם, האָבן שטאַרק אַ וואַקל געטון מיט די יסודות, אויף וועלכע די אַלטע קהילה האָט זיך געשטיצט, זי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אַ דאַנק דער רעאַקציע וואָס האָט באַהערשט רוסלאַנד און דער טיפער אַנטוישונג און אַפּאַטיע, וואָס דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן צווישן די מאַסן און פון וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן זיך ערשט אָפּטרייסלען אין יאָר 1912. (בעת די באַרימטע וואַלן צו דער פערטער דומע).

2. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918)

די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן תשעה־באב, דעם 1טן אויגוסט 1914 און מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן.

אַזוי ווי וולאָצלאַוועק איז געלעגן נאָענט צו דער דייטשער גרעניץ, האָבן די רוסן אָנגעהויבן דאָ גלייך אין די ערשטע טעג פון מלחמה־אויסברוך אַן אינטענסיווע עוואַקואַציע. עס זיינען פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן די אַרכיוון, וויכטיקע סטראַטעגישע מאַטעריאַלן און אָביעקטן (די נאַפט־

---

[1] אָנהויב פון 20סטן י״ה זיינען אין וולאָצלאַוועק געווען אַ דריי מנינים חסידים בראשם שמואל־זעליק קוטשינסקי, שמעון פּיעטריקאָווסקי, שלמה־מלך פּיעטריקאָווסקי, אלעזר פלאַקסער, חיים חסיד (אַ שניידער), משה אהרן גייזלער, יעקב־זעליק קאַראָ, מאָשקאָוויטש („דער בלינדער") א״אַ. זיי האָבן געדאַוונט אין גערער שטיבל אויף ציגאַנקע אין דער וווינונג פון אַ מצבה־קריצער, וועלכער איז געווען דאָרט דער בעל־תפילה (פּרטים איבערגעגעבן דורך ר׳ שמעלקע סרעברניק ז״ל).

[2] ד״ר איגנאַצי פאַיאַנס האָט געשטאַמט פון שיעראַדז און איז געווען אַ זון פון הענריק פאַיאַנס. געבוירן איז ער אין יאָר 1847, געענדיקט די וואַרשאַווער גימנאַזיע, שטודירט מעדיצין אין דער „שקאָלא גלווונא" און שפּעטער אין דעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אינעם יאָר 1873 מיטן טיטול מעדיצינער. זיין מעדיצינישע בילדונג האָט ער פאַרפולשטענדיקט אין די קליניקעס פון ווין און פּאַריז, שפּעטער זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק וווּ ער האָט יאָרנלאַנג פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר (עמנואל רינגעלבלום: „יידישע מעדיקער אין אויפשטאַנד פון 1863, שריפטן ז׳ 345, אַרגענטינער פאַרלאַג).

ד״ר פאַיאַנס איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט אין שטאָט. געווינט האָט ער אויף דער טומסקע 1 („אויף די אייזערנע טרעפּלעך") און געשטאָרבן אין די צוואַנציקער יאָרן.

ציסטערניעס, די בריק איבער דער ווייסל אדג״ל) און די רוסישע ציווילי־באַפעלקערונג (לערער, באַאַמטע מיט זייערע משפחות) האָבן האַסטיק פאַרלאָזן די שטאָט. די מענער זיינען געוואָרן מאָביליזירט אין דער אַרמיי אבער גרויסע צאָלן פון זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָפנדיק אויף גיכן אָנקום פון די דייטשן. די שטאָט איז געווען פול מיט רוסיש מיליטער, וואָס האָט אָפטמאָל געלאַגערט לענגאויס דער היפּט־גאַס, אויפן וועג צום פראָנט אָדער פון אים. די ערשטע מפּלות פון רוסישן מיליטער האָבן אַרויסגערופן ביי דער רוסישער מאַכט אַ שפּיאָנאַזש־פּסיכאָז וועלכע איז באַוווסטזיניק אויס־גענוצט געוואָרן כדי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַפעלקע־רונג פון די מפּלות. ווי שטענדיק זיינען אויך דאָס מאָל דער שעיר לעזאזל געווען די יידן. האָבן זיי טאַקע געלעבט אין אַן אומאויפהערלעכן פחד, וועלכן עס האָבן פאַרשטאַרקט די כסדרדיקע ידיעות וועגן גירושים, תליות און געוואַלדטאַטן קעגן יידן אין פוילן און רוסלאַנד. הרב קאַוואלסקי איז אָפט גערופן געוואָרן אין דער קאָמענדאַנטור כדי אויסצוהערן שאַרפע דראָאונגען און טענות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אין די דאָזיקע קאָשמאַרנע טעג האָט ער אַרויסגעוויזן די העכסטע מאָס פון ציווילן מוט און אומדערשראָקן דערפילט זיין פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע ווי אַ שליח ציבור.

דערווייל האָבן זיך די דייטשן דערנענטערט צו דער שטאָט און בעת די יידן האָבן זיך געפונען ראש השנה ביים דאַווענען (דעם 22סטן סעפּטעמ־בער 1914) זענען געפאַלן אין שטאָט די ערשטע דייטשע אַרמאַטן־קוילן. ביז די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, האָט אָבער נאָך געדויערט קנאַפּע צוויי חדשים. ערשט אין די טעג צווישן 10טן און 13טן נאָוועמבער 1914 אי פאָרגעקומען די דעציזירנדיקע שלאַכט ביי דזשאַלדאָווע נעבן וולאָצ־לאַוועק. די דייטשע נייַנטע אַרמיי האָט אַדורכגעריסן דעם רעכטן פליגל פון דער רוסישער אַרמיי וועלכע האָט זיך צוריקגעצויגן איבער קוטנא קיין לוויוויטש. דעם 16טן נאָוועמבער 1914 זענען די דייטשן אַריין אין שטאָט.

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער דייטשער הערשאַפט, וועלכע האָט געדויערט אין וולאָצלאַוועק גאַנצע פיר יאָר (פון נאָוועמבער 1914 ביז נאָוועמבער 1918) האָט זיך ראַדיקאַל געענ־דערט. קודם כל איז פאַרשוווּנדן דער קאָשמאַר פון פּאָגראָמען, וועלכער האָט געהאָנגען איבער די יידן בעת דער צאַרישער הערשאַפט, אויף דער יידישער גאַס האָבן אויפגעוואַכט די יאָרנלאַנג פאַראַליזירטע בירגער־לעכע און אַרבעטער־באַוועגונגען און אָנגעהויבן אונטער דער פאַר־העלטעניש־מעסיק ליבעראַלער דייטשער הערשאַפט, אַן אינטענסיווע און שטאַרק פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט. די דייטשן האָבן אין אָנהויב נישט נאָר דערלויבט די דאָזיקע טעטיקייט נאָר אַפילו סטימולירט זי אין אַ געוויסער מאָס מיט דער כוונה אויס־צושפּילן די יידן קעגן דער וואַקסנדיקער פּוילישער אומאָפּהענגי־קייטס־באַוועגונג. זיי האָבן זיך אַפילו געטראָגן מיטן געדאַנק צו באַטראַכטן די יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, באַשענקען די קהילות מיט ברייטע קאָמפּעטענצן און אַן אייגענער דאַך־אָרגאַניזאַ־ציע, ווי אַן אָרגאַן פון זייער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

כאָטש די אַלע ווייטגייענדיקע פּראָיעקטן האָבן זיך בסופו של דבר אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט אונטערן דרוק פון פאַרשיידענע פאַקטאָרן (צווישן אַנדערע אויך פון דער פראַנקפורטער אָרטאָדאָק־סיע[3]) — מיט אַ קהילות־געזעץ וואָס האָט באַטראַכט די יידן בלויז ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט (מיט געוויסע קאָמפּעטענצן אויפן געביט פון דערציונגוועזן און סאָציאַלע הילף) און צו קיין וואַלן צו די קהילות איז אונטער דער דייטשער הערשאַפט נישט געקומען, האָט אָבער אַליין דער פאַקט וואָס עס האָט זיך עפנטלעך געפירט אַרום דער פראַגע אַ ברייטע דיסקוסיע, צום רעשט דערשיטערט דעם שוין אַזוי אויך גענוג שוואַכן אָנזען פון די עקזיסטירנדיקע קהילות.

[3] אין יאָר 1916 זיינען אָנגעקומען קיין פוילן די פאָרשטייער פון דער פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסיע, ד״ר פּנחס כהן און ד״ר עמנואל קאַרלעבאַך און אַוועקגעלייגט די יסודות פון אַ מאָדערן אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג, די „אגודת ישראל״.

אויך אַ צווייטער זייער וויכטיקער גורם האָט מיט זיך געבראַכט אַן ענדערונג אין דער באַציונג צו די קהילה־בעלי־בתים. עס איז אַנטשטאַנען אַ שיכט נייע גבירים וועלכע זענען נתעשר געוואָרן, אויסנוצנדיק די מלחמה־קאָניונקטור בעת די אַלטע, איינגעזעסענע און מיוחסדיקע גבירים האָבן נישט באַוויזן צוצופּאַסן זיך צו די נייע באַדינ־גונגען און זענען פאַראָרעמט געוואָרן. דערמיט איז אויך אין די אויגן פון די מאַסן אָפּגעטון געוואָרן פון זיי די הילע פון חשיבות. זיי האָבן זיך, אמת, נאָך מער פאַרביסן אין זייער גאווה און נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן זייער טיפן ביטול צו די „אויפגעקומענע״ (מלחמה־גבירים) און „אָנגעלאָפענע״ (פּליטים און פרישע תושבים וואָס האָבן זיך בעת דער מלחמה מאַסנוויז באַזעצט אין שטאָט) אָבער אין תוך האָט זיך זייער שליטה געענדיקט. פרישע און דינאַמישע כוחות זענען אויפגעקומען אויף דער יידישער גאַס און מיט אייפער געפּאָ־דערט פאַר זיך אַ דעה אין די קהילה־ענינים.

כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פאַר דער דאָזיקער ענדערונג איז די פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1916:

צוליב דער כסדרדיקער ירידה פון ווערט פונעם געלט אין די מלחמה־יאָרן האָבן שטאַרק געליטן די קהילה־באַאַמטע, וועלכע זיינען נישט בכוח געווען אויסצוקומען פון זייערע קאַרגע געהאַלטן. אין יאָר 1916 האָט זיך געווענדעט אַ דעלעגאַציע פון די קהילה־באַאַמטע צו די דאַמאָלסטיקע דאָזאָרעס, יוסף גאָלד, זלאָטאָגורסקי און באָרנ־שטיין, און געבעטן אַ הוספה. די תשובה איז געווען אַ קאַטעגאָריש־נעגאַטיווע און דער תירוץ — די שווערע לאַגע פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט צוליב וועלכער די קהילה קאָן נישט נאָכקומען די פאָדער־רונגען פון די באַאַמטע. לויט דער עצה פון איינעם פון זיינע פריינד, האָט הרב קאַוואַלסקי, צונויפגערופן אין דער „נייער שול״ אַן אסיפה פון די אָרטיקע בעלי־בתים כדי צו באַראַטן זיך ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן די באַאַמטע. עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו העכערן מיט עטלעכע גראָשן דעם שחיטה־אָפּצאָל כדי פון דער הכנסה צולייגן צו די געהאַלטן. ווייזט אויס אָבער, אַז די פאָרם פון באַהאַנדלען די פראַגע אויף אַן עפנטלעכן פאָרום מיט פשוטע בעלי־בתים, איבערן קאָפּ פון די דאָזאָרעס, האָט אַרויסגעבראַכט פון די כלים דעם תקיפותדיקן דאָזאָר פון אַלטן שניט, יוסף גאָלד. ער האָט זיך אַ הויב אויף געטון און רעאַגירט מיט גרויס רוגז אויף דעם פאָרשלאַג: „ווי איך הער, ווילט איר אַז מען זאָל העכערן די געהאַלטן פון די אָנגעשטעלטע, איז ווייל איר ווילט אַזוי, זאָג איך ניין, טאַקע נישט!״

אַ ווײַלע לאַנג האָט געהערשט אַ שטילקייט אין שול, קיינער האָט נישט מעיז געווען זיך אָנרופן. פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ האַנט, דאָס האָט ר׳ שמעלקע סרעבּרניק געגעבן אַ צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך דערהערט אַ שוש־קעריי: „ווער איז דאָס?״ „האָט אַ פאַרבן־געשעפט אויף דער טומסקע״. סרעבּרניק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל פון דער קהילה און אויף אירע פליכטן אַלס אַרבעטס־געבער. „וואָס זיינען דאָס פאַראַ רייד — האָט ער געזאָגט — ווייל איר ווילט וויל איך דווקא נישט מיט מיינע עטלעכע גראָשן — האָט ער הויך פאַרענדיקט — בין איך אויך יוסף גאָלד!״

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, דער רב האָט געפּרוּווט מפייס זיין יוסף גאָלדן אָבער ער האָט אַן אויפגע־בראַכטער האַסטיג פאַרלאָזט זיין אָרט און אַרויסגעלאָפן אַ ברוגזער פון שול. די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן צו העכערן דעם שחיטה־אָפּצאָל און דערלייגן די באַאַמטע צו זייערע קאַרגע געהאַלטן[4].

[4] דערציילט דורך ר׳ שמעלקע סרעבּרניק ז״ל, וועגן אַן אַנדערן כאַראַק־

אונטערן דרוק טאקע פון די נייע כוחות־פארהעלטענישן אין דער יידישער געזעלשאפט איז באשלאסן געווארן בעת דער מלחמה צו־קאאפטירן צו דער קהילה פארשטייער פון די פארטייען, ווי יוסף שובינסקי, יעקב פיוקא א״א, אבער די דאזיקע פרווון זענען אדורכגע־פאלן. צו טיף זענען געווען די אונטערשידן צווישן די עפיגאנען פון דער אלטער קהילה, וועלכע האבן נאך געלעבט מיט די באגריפן פון 19טן י״ה און צווישן די פארשטייער פון יונגן, נאציאנאל־באוווסטזי־ניקן און דינאמישן מיטלשטאנד, וועלכער האט געווארפן די לאזונג פון דעראבערן די קהילות (כיבוש הקהילות) און פארוואנדלען זיי אין אן ארגאן פון דער יידישער אויטאנאמיע.

אומאויפהערלעכע באמיונגען אויסצובראייטערן די געזעלשאפט־לעכע באזע פון דער קהילה האט געמאכט הרב קאוואלסקי. אויס זיין איניציאטיוו זיינען זיך צונויפגעקומען דעם 29סטן יאנואר 1918 די ארטיקע עסקנים, הענעך יאנאווער, יעקב־נטע קרושינסקי, יוסף שובינסקי און יעקב פיוקא בראשם, מיטן צוועק אנצוצייכענען נייע ריכטליניעס פאר דער קהילה־טעטיקייט.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון די דאזיקע עסקנים זיינען געקומען צום אויסדרוק די נייע טענדענצן וואס האבן געהערשט דאמאלס בנוגע דער קהילה. קודם כל איז ארויסגערוקט געווארן דער פאסטולאט, אז די קהילה זאל איבערנעמען אלע פילאנטראפישע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אונטער איר שוץ און קאנטראלירן זייער טעטיקייט. א גרויסע אויפמערקזאמקייט איז געשאנקען געווארן דעם דערציונגסוועזן פאר וועלכן, ווי באקאנט, הרב קאוואלסקי האט פון תמיד אן ארויסגעוויזן א סך אינטערעס און אקטיווקייט. עס איז באהאנדלט געווארן די פראגע פון דער תלמוד־תורה און פון גרינדן א פאלקסשול מיט א ברייטן פראגראם פון לימודי היהדות. ווי באוווסט האט די קהילה אין יאר 1916 דערגרייכט א קאנצעסיע אויף דער מענער־גימנאזיע וואס איז געעפנט געווארן אין יאר 1917. דעם 16טן פעברואר 1918 דערלאנגט דער קהילה יוסף שובינסקי א פע־טיציע פון 55 בירגער, וועלכע פאדערן צו עפענען א גימנאזיע פאר מיידלעך.

די תקופה אין וועלכער די דאזיקע קהילה־פארוואלטונג האט אנגעהויבן איר ארבעט איז אבער ווייט נישט געווען גינסטיק פאר ברייט־פארמאסטענע פלענער. די מלחמה האט זיך דערנענטערט צו איר סוף, די דייטשן זיינען געווען פארטון אין זייערע דאגות און די פוילישע באפעלקערונג האט זיך פיבערהאפט געגרייט צו דער לאנג אויסגעבענקטער אומאפהענגיקייט, וועלכע איז איר פון ביידע קריג־פירנדיקע צדדים צוגעזאגט געווארן. גלייכצייטיק האט זיך געלאזט פילן צווישן די מאסן — אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער אקטא־בער־רעוואלוציע — א טיפע סאציאלע און פאליטישע יערונג און גרויסע האפענונגען אויף א נייער תקופה פון שלום און פרייהייט האבן אנגעפילט די הערצער. אויך די יידישע באפעלקערונג האט געהאט סיבות צו קוקן מיט אפטימיזם אין דער צוקונפט, דער מינדער־הייטן טראקטאט (28.6.1919), וועלכער האט פארזיכערט גלייכע רעכט דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן און די סאן־רעמא קאנפערענץ (24.4.1920) וועלכע האט באשטעטיקט די באלפור־דעקלאראציע, האבן געהויבן די געמיטער.

טעריסטישן פאל פון תקיפות דערמאנט אין יאר 1931 אין זיין פאלעמישן אר־טיקל קעגן קרושינסקין, פרדס: „קרושינסקי מיינט, אז עס זיינען טאקע נאך די אלטע צייטן, ווען ער האט געפירט א גרייז־גראען שוחט צו דער רעמיזע בימי ממשלת קאוואלעווסקי אין דער אקופאציע־צייט״ (וולאצלאווקער שטימע 50(73) פון יאר 1931).

ליידער זיינען די אלע גרויסע האפענונגען נישט מקוים געווארן און די ווירקלעכקייט האט מיט זיך געבראכט ביטערע אנטוישונגען.

3. אין אומאפהענגיקן פוילן

אין נאוועמבער 1918 איז אנטשטאנען די פוילישע אומאפהענגיקע רעפובליק אין דאס לאנד האט פארפלייצט א כוואליע אנטי־יידישע עקסצעסן, וואס האט דערגרייכט איר הויכפונקט בעת דער פויליש־סאוויעטישער מלחמה (אפריל 1920 — מערץ 1921). די וולאצלאווקער באפעלקערונג האט געהאט איבערצושטיין עטלעכע טעג שלאכטן (צווישן 13 און 17טן אויגוסט) וועלכע האבן זיך געפירט ביי די טויערן פון שטאט (שפעטאל).

אבער אויך נאכן סוף פון דער דאזיקער מלחמה האט זיך די לאגע נאך ווייט נישט נארמאליזירט. אין לאנד האט געהערשט א מוראדיקע אינפלא־ציע, וועלכע האט פארארעמט די באפעלקערונג און דער פארביסענער קאמף צווישן די פוילישע פארטייען האט דאס גאנצע לאנד געהאלטן אין א פיבערהאפטער שטימונג. די פוילישע רעאקציע איז איבערגעגאנגען צום קעגנאנגריף דערפירנדיק צום מארד פונעם ערשטן געוויילטן פוילישן פרע־זידענט גבריאל נארוטאוויטש דעם 16טן דעצעמבער 1922). דער הויפט־קרבן פון די דאזיקע אומרואיקע צייטן איז ווי תמיד געווען די יידישע באפעלקערונג, וועלכע האט געלעבט אין נויט און אין פחד. די אלע דראמא־טישע געשעענישן ווי אויך די שטורמישע וואלן צום ערשטן פוילישן סיים (דעם 5טן נאוועמבער 1922) בעת וועלכע עס איז געשאפן געווארן דורך יצחק גרינבוים דער בארימטער מינדערהייטן־בלאק, האבן פארשטענדלעך פארדרוקט אין א שאטן די קהילה אין אירע ענינים.

אין יאר 1919 האט די צייטווייליקע פוילישע רעגירונג אויסגעארבעט א קהילות־געזעץ, וואס האט זיך אין זיינע הויפטשטריכן געשטיצט אויף דעם פראיעקטירטן זיינערצייט דייטשן געזעץ, האט אבער פארשמעלערט די קאמפעטענצן פון די קהילות כמעט ביז צו די רעליגיעזע הצטרכותן אליין. די אויפגאבע פון דער קהילה איז לויט דעם געזעץ באשטאנען אין אויס־האלטן דעם ראבינאט, בתי־תפילה, מקוואות און בתי־חיים ווי אויך אויספירן די השגחה איבער דער רעליגיעזער דערציונג און זארגן פאר כשר פלייש. א חוץ דעם האט די קהילה געמעגט פארנעמען זיך מיט „פילאנטראפישער הילף פאר ארימע יידן״ און פארוואלטן מיט פונדאציעס, וואס זיינען צו דעם צוועק באשטימט. דער וואל־רעגולאמין איז געווען א ליבעראלער, אבער וואלרעכט האבן געהאט בלויז מענער, אקטיווע — פון 25 יאר, פאסיווע (ד״ה דאס רעכט געוויילט צו ווערן) — פון 30 יאר און העכער.

ביז צו די ערשטע וואלן אין יאר 1924 אויפן יסוד פון דאזיקן געזעץ האט אנגעפירט מיט די קהילה־ענינים א פארוואלטונג וואס איז באשטאנען פון: הענעך יאנאווער, ש. סרעברניק, י. נ. קרושינסקי, זלאטאגורסקי א״א. פארזיצער איז געווען הרב קאוואלסקי. א געוויסע צייט האט מיט דער פארוואלטונג מיטגעארבעט א בייראט, אבער זעט אויס אן גרויסער מזל ברכה, ווייל ער האט זיך באלד אויפגע־לייזט [5].

[5] „די דאמאלסטיקע קהילה־פארוואלטונג — דערמאנט אין יאר 1927 דוד ערסלער — וועלנדיק זיין דעמאקראטיש, האט פון אייגענער איניציא־טיוו צונויפגערופן א ביירעט און באשלאסן זיך אונטערווארפן זיינע בא־שלוסן. אזוי לאנג ווי דער ביירעט האט געהאנדלט לויטן ווילן פון דער פארוואלטונג איז געווען גוט, ווען נאר אבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווען דער ביירעט האט זיך נישט גערעכנט מיטן באשלוס פון דער פאר־וואלטונג און האט אנגענומען א קעגנזעצלעכן באשלוס האט ה׳ יאנאווער דערקלערט דעם ביירעט: „איר האט טאקע אנגענומען א באשלוס, מיר וועלן אבער האנדלען ווי מיר פארשטייען, ווייל מיר זענען די געוויילטע קהילה״. דער דאמאלסדיקער ביירעט האט זעלבסטפארשטענדלעך נאך דער דערקלע־רונג זיך באלד אויפגעלייזט נישט וועלנדיק זיין קיין שפילצייג אין די

די דאָזיקע פאַרוואַלטונג האָט זיך פאַרנומען מיט די לויפנדיקע קהילה־ענינים און אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ צייטווייליקער אויספיר־אָרגאַן, וואָס דערפילט די נויטיקע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס, ביז עס וועט אויסגעוויילט ווערן די לאַנג אויסגעקוקטע דעמאָקראַטישע קהילה.

א. די ערשטע געוויילטע קהילה (1924—1931)

די וואַלן צו דער קהילה אין יאָר 1924 זענען געפירט געוואָרן מיט גרויס ברען און אייפער, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענער תקופה פון שטאַרקע פאַרטיי־ליידנשאַפטן. עס זענען פאָרגעקומען אָן אַ שיעור מיטינגען, צו וועלכע יעטוועדע פאַרטיי האָט געבראַכט אירע צענטראַלע פאַרטיי־פירער און אַ פאַרביסענע אַגיטאַציע איז אָנגעגאַנגען צווישן די וויילער.

אין רעזולטאַט פון די וואַלן זענען אויסגעוויילט געוואָרן 15 פרנסים, 5 ציונים (ד"ר ל. פוקס, ד. ערסלער, י. גאָלדמאַן, מ. שרובשטיין און ד. גייער פון „התאחדות"); בונד צוויי פרנסים (ש. הילער און י. ל. ראזענטאל); מזרחי (פלאקסער); פוע"צ רעכטע (משה לעווי); אגודה (ה. יאנאָווער, ס. פראשקער און מ. קאזשמיערסקי); האַנטווערקער (מ. קאָוואלסקי); קליינהענדלער (לובינסקי). אַנדערע: זשיכלין, פרידלאנד. אין דער פאַרוואַלטונג זענען שפּעטער געוויילט געוואָרן צוו. אַנד. הענעך יאַנאָווער, מ. לובאָווסקי, ש. סרעברניק, מרדכי זאאושניצע, י. נ. קרושינסקי, זיגער (פוע"צ רעכטע), י. ל. ראָזענטאַל („בונד"). פאָרזיצער פון ראַט איז געווען דוד ערסלער, וויצע־פאָרזיצער: ד"ר ל. פוקס און ס. פראשקער. פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג איז געווען הרב קאָוואַלסקי, וועלכער איז אָבער שוין דאַמאָלס נישט געווען אַקטיוו צוליב זיין שווערער קראַנקהייט. פרעזידיום־מיטגלידער: ש. סרעבּרניק, ה. יאנאָווער און י. נ. קרושינסקי. סעקרעטאַר פון דער קהילה איז געווען י. א. ביעזשינסקי, וועלכער האָט אַמטירט כמעט ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

די ניי־געוויילטע קהילה האָט גלייך פון איר אָנהויב נישט דערפילט די גרויסע האָפענונגען, וועלכע עס האָבן מיט איר געבונדן די נאַציאָנאַל־בירגערלעכע און אַרבעטער־פאַרטייען. זייער אויפריכטיקער ווילן צו פאַרוואַנדלען די קהילה — טראָץ די באַגרענעצטע דורכן געזעץ ראַמען — אין אַן אויטאָריטאַטיווע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצע ריי אָביעקטיווע מכשולים. דער עיקר מכשול אָבער, זענען געווען די ביז גוזמא פונאַנדערגעבלאָזענע פאָליטישע ליידנשאַפטן, די פאַרטייאישע קנאות, און דאָקטרינערישקייט, בפרט פון „בונד" און אַפילו פוע"צ (רעכטע), וועלכע האָבן אוממעגלעך געמאַכט יעטוועדע זאַכלעכע און סיסטעמאַטישע אַרבעט.

די זיצונגען פון ראַט זענען געווען שטורמישע, מען האָט אויף זיי באַהאַנדלט אַלערליי פראַגן פון אַלגעמיין־פאָליטישן כאַראַקטער און אָנגענומען דעמאָנסטראַטיווע רעזאָלוציעס אַרום וועלכע עס האָבן זיך געפירט אומענדלעכע דיסקוסיעס. די פרנסים האָבן געהאַלטן לאַנגע אַגיטאַציע־ריידעס מיטן פנים צו דער גאַלעריע, וועלכע איז תמיד געווען איבערפולט מיט פאַרטיי־חברים און סימפּאַטיקער. די צוהערער האָבן טיף איבערגעלעבט די אָראַטאָרישע קאַמפן אויף דער קהילה־טריבונע, אָפטמאָל זיך נישט באַגענוגנט מיט נאָכפאָלגן דעם פאַרלויף פון די זיצונגען נאָר אויך אַקטיוו גענומען אין זיי אָנטייל דורך צווישנרופן, זינגען פאַרטיי־הימנען און ווען עס איז נויטיק געווען זייער צד, פשוט אויפגעריסן די זיצונג. אָבסטרוקציעס, אומגעוואָרפענע טישן און אַפילו פונאַנדערגעשיטענע ניספּראָשעק האָבן געהערט צו די אָנגענומענע קאַמפס־פאָרמען.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער אַטמאָספערע האָט נישט געקענט זיין קיין רייד פון קיין נאָרמאַלער אַרבעט. די בודזשעט־דעבאַטע האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. „מ'האָט שוין אָפּגעהאַלטן 14 זיצונגען — באַקלאָגט זיך ערסלער אין פעברואַר 1926 — און מ'האַלט ערשט אינדערמיט. און עס זענען נאָך דאָ צו באַטראַכטן 45 בודזשעט־פּאָזיציעס". און מאַכנדיק דעם סך הכל פון דער קהילה און איר טעטיקייט שרייבט ער:

„די קהילה־טריבונע ווערט ליידער דורך אַ טייל פרנסים אויסגענוצט צו פאַרשידענע עקספּערימענטן, עס ווערן געהאַלטן שעהן־לאַנגע פּראָגראַם־ריידעס, גאַנצע זיצונגען ווערן דערטרונקען אין אַ ים פון ווערטער און פראַזן, עס אַנטוויקלען זיך פאַרטיי־קאַמפן און עפנטלעכע אָפּרעכנונגען צווישן פאַרשידענע גרופּירונגען. עס איז קיין וווּנדער נישט, ווען אומבאַדייטנדיקע פראַגן פאַרנעמען גאַנצע זיצונגען און איבער דעם בודזשעט ווערט פאַרהאַנדלט חדשים־לאַנג און דער פאַרוואַלטונג קומט אויס צו ווירטשאַפטן דעם גרעסטן טייל יאָר אָן אַ בודזשעט, וואָס עס רופט זיך זייער שלעכט אָפּ אויף דער נאָרמאַלער אַרבעט פון דער קהילה" (וולאָצלאַווקער וואָכנבלאַט נר. 19 פון 8 יולי 1926).

שוין דער צוזאַמענשטעל אַליין פון דער קהילה, דער שטענדיקער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם ראַט און דער פאַרוואַלטונג, האָבן אוממעגלעך געמאַכט יעטוועדע פּלאַנמעסיקע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. מערהייטן האָבן זיך געביטן און געפאָרמט אָפּהענגיק פון פאַרשידענע קאָניונקטורן, ענגפּאַרטייאישע אינטערעסן און נישט זעלטן אויס פערזענלעכע סיבות. פאַקטיש אָבער האָבן די „אגודה" און די א. ג. אומפּאַרטייאישע באַהערשט דעם קהילה־אַפּאַראַט מיט דער שטילער און אָפטמאָל אַפילו גאָרנישט שטילער — הסכמה און אונטערשטיצונג פון סטאַראָסטע.

„דאָס תקיפות פון דער אַלטער דאָזאָר־שטוב, דאָס נישט רעכענען זיך מיטן דעת הקהל — שרייבט ערסלער אינם דערמאָנטן אַרטיקל — האָט באַהערשט די נייע פאַרוואַלטונג, וועלכע פאַרמאָגט ליידער גאַנץ ווייניק ענערגיע זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם אַלטן קורס, די אַלטע מעטאָדן וועלכע עס האָבן אַריינגעבראַכט מיט זיך די דאָזאָרעס פון דער אַלטער גמינע, וועלכע אַ דאַנק זייער לאַנגיעריקער טעטיקייט און פראַקטיק איז זיי געלונגען אויסצואיבן זייער השפעה און איינפלוס אויף די נייע פרנסים און אַזוי אַרום צו קריגן די העגעמאָניע אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג". פילנדיק איר מאַכט וויל די קהילה־פאַרוואַלטונג „אַבסאָלוט זיך נישט רעכענען מיט דער עקזיסטענץ פון ראַט, איגנאָרירט אים אינגאַנצן, דעלעגירט אַפילו נישט אירע פאָרשטייער צו די זיצונגען פון קהילה־ראַט און ברענגט אַריין אַן אַנטאַגאָניזם צווישן ביידע אינסטאַנצן" (וולאָצלאַווקער וואָכנבלאַט נר. 18 פון 24סטן יוני 1926).

און ג. (ד. גייער) מאַכט דעם טרויעריקן סך הכל:

„די ,נייע דעמאָקראַטישע' רעליגיעזע קהילה וואָס פּראָקלאַמירט זיך אַלס נאַציאָנאַלע, איז ביזן היינטיקן טאָג נישט געגאַנגען פאָרווערטס אויף איין שריט פון דער ,אַלטער פאַרפוילטער' גמינע. דאָס האָבן קאָנסטאַטירט די מערהייט און די מינדערהייט, די ,רעגירונגס־פאַרטיי' און די אָפּאָזיציע, די רעכטע און לינקע" (וול. וו. 25.2.1926).

העגט פון דער פאַרוואַלטונג". („וואָלאַצלאַווקער לעבן" נר' 9 פון 20סטן מאַי 1927).

די עיקר אויפגאַבע פון די געוויילטע קהילה־אָרגאַנען איז דאָס צונויפשטעלן דעם בודזשעט־פּרעלימינאַר, וואָס עס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן בעת יעטוועדע פּאַרטיי און גרופּירונג האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו דערגרייכן וואָס מער פאַר אירע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און גלייכצייטיק ווי אַמשאַרפסטן, אָפּטמאָל לשם דעמאָנסטראַציע אַליין, באַקעמפט די תביעות פון די קעגנערישע פּאַרטייען. צום סוף איז, פאַרשטייט זיך, דערגרייכט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס, און יעטוועדע פּאַרטיי האָט באַקר־מען אַ גרעסערן אָדער קלענערן חלק. דער רעזולטאַט דערפון איז אָבער געווען אַז דער בודזשעט איז געוואַלטיק אויסגעוואָקסן.

דער פּרעלימינאַר אויפן יאָר 1925 האָט באַטראָפן אַ קנאַפּן פערטל מיליאָן זלאָטעס און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דעפיציט פון 51 טויזנט זלאָטעס. אויפן יאָר 1926 איז שוין פּרעלימינירט געוואָרן אַ סומע פון 215 טויזנט זלאָטעס בערך, וועלכע האָט געדאַרפט געדעקט ווערן צוו. אַנד. פון די פאָלגענדיקע הכנסות:

עטאַט	122.373	זל.
שחיטה	58.900	„
שטעט, נדרים א״אַ	13.500	„
בית־החיים	9.600	„
רח״ש און מעלדונקעס	4.536	„
דירה־געלט	600	„
לעגאַטן	736	„
מקוה	100	„

די הוצאות זענען בעיקר געווען פאַרווענדעט אויף רעליגיעזע הצטרכותן און אויף אויסהאַלטן דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט (העכער 75%). די איבערגעבליבענע קנאַפּע 25% זענען געווען באַשטימט פאַר פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, שולוועזן, קורסן א״אַ און זענען פאַרטיילט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

בוי פון שפּיטאָל	3.500	זל.
מושב זקנים	1.000	„
אָכראָנקאַ (יתומים־היים)	1.000	„
הכנסת אורחים	2.000	„
שטיצע פאַר אָרעמע	6.000	„
קרן קימת	1.000	„
לינת החולים	1.000	„
אַרבעטסלאָזע, געפאַלענע סוחרים		
פאַלעסטינאַ־אַרבעטער־פאָנד	500	„
און האַנטווערקער	6.000	„
זומער קאָלאָניע פאַר קינדער	1.000	„
תלמוד־תורה	2.500	„
אָוונט־קורסן ביי די פאָלקס־שולן	4.940	”
מזרחי־שול	2.500	„
שול־אָרגאַניזאַציע (וועלטלעכע שול)	2.500	„
יידישע גימנאַזיע	6.000	„
התחיה*	3.600	„
ביבליאָטעק ביי דער וואַרשעווער		
סינאַגאָגע	75	„
אָוונט־קורסן ביי דער שול־אָרג.	1.000	„
שטיצע פאַר אַקאַדעמיקער	500	„
דראַמאַטישע סעקציע	1.000	„
מכבי	1.000	„

פאַרן יאָר 1927 האָט די פאַרוואַלטונג צוגעגרייט אַ פּרעלימינאַר־בודזשעט פון 297 טויזנט זלאָטעס, וועלכער איז דערפירט געוואָרן דורכן ראַט אין דער צווייטער און דריטער לעזונג צו 241.750 זלאָטעס. די עיקר־הכנסה האָט אויך דאָס יאָר, ענלעך ווי אין יאָר 1926 געדאַרפט זיין פון עטאַט. נישט געקוקט דערויף וואָס אויף דער פּערלימינירטער סומע פון 122.373 זל. זענען איינגעפלאָסן בלויז 91.383 זלאָטעס, האָט די פאַרוואַלטונג פּרעלימינירט אַ הכנסה פון עטאַט צום נייעם בודזשעט־יאָר פון 211 טויזנט זלאָטעס, וועלכע איז שפּעטער רעדוצירט געוואָרן אינעם אַנטגילטיקן פּרעלימינאַר־בודזשעט ביז 146.522 זל. די צאָל עטאַט־צאָלער אין שטאָט האָט באַטראָפן 1300 און די הויך פון עטאַט פון 7 זלאָטעס (אין די שפּעטערע יאָרן — פון 10) ביז 1800 זלאָטעס[6]. פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ גרויסער בודזשעט־פּרעלימינאַר איז באַלד מלכתחילה נישט געווען רעאַל, וואָס עס האָט נאָך מער פאַרפלאָנטערט די גענוג שווערע לאַגע פון דער קהילה.

דעם 9טן דעצעמבער 1926 האָט דער ראַט אַרויסגעדרוקט דער פאַרוואַלטונג אומצוטרוי און פאַרלאַנגט איר דעמיסיע. די אָרטאָדאָקסישע פראַקציע האָט דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט די זיצונג, דערקלערנדיק אַז דער ראַט האָט נישט קיין רעכט אויסצודרוקן אומצוטרוי דער פאַרוואַלטונג. דער סטאַראָסטע האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון דער אָרטאָדאָקסישער פראַקציע הגם ער האָט אָנערקענט די ריכטיקייט פון די פאָרוווּרפן מיט וועלכע דער ראַט איז אַרויסגעטרעטן.

אַ געוויסע צייט האָבן זיך די פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן בלאָק און פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער פאַרוואַלטונג געזען ווי דימיסיאָנירטע און דער סטאַראָסטע האָט זיך אַריינגעמישט כדי צו מאַכן שלום צווישן די צדדים. דער ראַט האָט אָבער נישט צוריקגעצויגן זיין אומצוטרוי־וואָטום. דאַן האָט דער סטאַראָסטע — נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסל „אויסגעמוסרט” די פאַרוואַלטונג — אויפגעפאָדערט זי צו קאָנטיטואירן די אַרבעט. אונטערן דרוק פון נישט צווייטיקע דראָאונגען, האָבן זיך אויך די פאָרשטייער פון די נאַציאָ־

[6] כדי צו באַווייזן ווי נישט־פּראָפּאָרציאָנעל גרויס עס איז דער וולאָצלאַווקער קהילה־בודזשעט ברענגט עפּ־קאַ אין „וולאָצלאַווקער שטימע” נו׳ 1 פון 1טן אויגוסט 1930, די פאָלגענדיקע ציפערן:

„וואַרשע וואָס ציילט אַ יידישע באַפעלקערונג פון קרוב 300 טויזנט נפשות באַטרעפט איר גאַנצער בודזשעט 4½ מיליאָן זלאָטעס, אָדער דורכשניטלעך צאָלט יעדער בירגער 15 זלאָטעס אַ יאָר עטאַט. די שטאָט לאָדזש ציילט אַ יידישע באַפעלקערונג פון צירקאַ 170 טויזנט נפשות האָט אַ בודזשעט פון 2½ מיליאָן זלאָטעס, וואָס מאַכט אויס עפּעס ווייניקער ווי 15 זלאָטעס אויף יעדן קאָפּ, דאַקעגן אונזער שטאָט (וואָס אויף אַלע יידישע אינסטיטוציעס מוז דאָך דער עטאַט־צאָלער באַזונדער צאָלן) וולאָצלאַוועק וואָס ציילט אַ יידישע באַפעלקערונג פון אינגאַנצן קרוב 10 טויזנט נפשות האָט אַ בודזשעט פון צירקאַ 250 טויזנט זלאָטעס, אַלזאָ דורכשניטלעך אַזש 25 זלאָטעס אויף יעדן קאָפּ”.

די פאַרטיידיקער פון בודזשעט האָבן אָבער באַמיט זיך אויפצווייזן אַז דער פאַרגלייך מיט וואַרשע און לאָדזש איז נישט קיין איבערצייגנדיקער, ווארום אין די דערמאָנטע שטעט ווערן אַ סך גרויסע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אויסגעהאַלטן דורך פונדאַציעס, בעת אין וולאָצלאַוועק מוזן זיי אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער קהילה. די דאָזיקע תשובה, כאָטש אין תוך אַ ריכטיקע, האָב אָבער נישט געקענט אָפּווענדן די עצם־טענה, אַז דער וולאָצלאַווקער תושב איז געווען שטאַרקער באַלאַסטעט ווי דער וואַרשעווער אָדער לאָדזשער.

* געזעלשאַפט צו שטיצן מיט סטיפּענדיעס די אומפאַרמעגלעכע שילער און שילערינס אין דער יידישער גימנאַזיע.

נאַלע און אַרבעטער־גרופּירונגען אין דער פאַרוואַלטונג אונטערגעוואָרפן דער דיקטאַט פון סטאַראָסטע.

דעם 1טן יוני 1927 האָט דער סטאַראָסטע צוגעשיקט דער קהילה אַ בריוו אין וועלכן ער שרייבט:

„צוליב דעם וואָס מיין אינטערווענץ צו שאַפן אַ האַרמאָניע צווישן די ביידע קהילה־אָרגאַנען האָט נישט געבראַכט דעם געהעריקן רעזולטאַט, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ראַט און די פאַרוואַלטונג זענען נישט פעאיק צו קיין האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט און דעריבער האָב איך מיך געוואָנדן צום וואַרשעווער וואָיעוואָדע מיטן פאָרשלאַג פונאַנדערצולאָזן דעם ראַט און די פאַרוואַלטונג און באַשטימען נייע וואַלן".

בלית ברירה האָט דער ראַט באַשלאָסן מיטצואַרבעטן מיט דער פאַרוואַלטונג „כדי נישט אַריינצוברענגען קיין כאַאָס אין דער קהילה־ווירטשאַפט" און מיט דער האָפענונג, אַז די „העכערע אינסטאַנץ", דער וואָיעוואָדע וועט בקרוב אויפלייזן די קהילה און עס וועלן פאָרקומען נייע וואַלן.

ווייזט אויס אָבער, אַז דער וואַרשעווער וואָיעוואָדע האָט זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם פאַקט וואָס דער ראַט און די פאַרוואַלטונג פון דער וולאָצלאַווקער קהילה זענען „נישט פעאיק צו קיין האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט" און דער דאָזיקער מצב האָט זיך געשלעפּט נאָך קנאַפּע פיר יאָר.

די דאָזיקע אַמפּערייען אין דער קהילה, דאָס כסדרדיקע לויפן צו דער מאַכט, וועלכע האָט גערן גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ בורר, דעה־זאָגער און פאַרשטייט זיך פּוסק אחרון אין די אינערלעכע קהילה־ענינים, האָבן נישט געהויבן דעם אויטאָריטעט פון דער אינסטיטוציע אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג.

אויסנוצנדיק די שוואַכקייט פון דער קהילה האָט אַ גרופּע גבירים אויפגעהויבן אַ בונט קעגן דעם פאַרגרעסערטן עטאַט־אַפּצאַל. אַ דעלעגאַציע מיט הענעך מאַנעס, לודוויק דיסטיליער א״אַ אין שפּיץ, האָט זיך אַריינגעריסן דעם 29סטן אויגוסט 1927 אין קהילה־לאָקאַל בעת אַ זיצונג פון דער עטאַט־קאָמיסיע און געמאַכט דאָרט ווילדע סקאַנדאַלן. פאָרזיצער פון דער עטאַט־קאָמיסיע צו יענער צייט איז געווען משה לעווי (פּועלי־צ רעכטע). דער דאָזיקער כבוד איז אים צוגעטיילט געוואָרן — ווי ער האָט זיך שפּעטער אַליין געכאַפּט — כדי ער, אַלס לינקער, זאָל אָפּטון די אומדאַנקבאַרע אַרבעט פון העכערן כמעט אויף טאָפּלט די עטאַט־אָפּצאָלן. די גרופּע גבירים האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעמאָנסטראַציעס אין קהילה־ראַט נאָר ווי דער שטייגער איז געלאָפן צום „פּריץ". זיי האָבן אָנגעגעבן אַ מעמאָריאַל צו דער מאַכט אין וועלכן זיי ווייזן אויף, אַז „די קהילה האָט איבערגעשריטן די קאָמפּעטענצן אירע אַריינמישנדיק אין איר בודזשעט ענינים וואָס האָבן נישט קיין רעליגיעזן אינהאַלט נאָר אויך נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטלעכע ענינים".

די מאַכט האָט נאָר געקענט זיין צופרידן פון אָט דער „מאָראַלישער הילף", וועלכע זי האָט באַקומען מצד די יידן אין איר קאַמף קעגן די שטרעבונגען אויסצוברייטערן די ראַמען פון דער קהילה־טעטיקייט.

אַזוי ווי עס האָבן ווייזט אויס געפעלט בעלנים אָנטייל צו נעמען אין דער עטאַט־קאָמיסיע איז שפּעטער באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליקן אין איר די גאַנצע פאַרוואַלטונג, פינף פאָרשטייער פון ראַט און צו איין פאָרשטייער פון די סוחרים, קליינהענדלער און האַנטווערקער־פאַריינען, אָבער אויך דער צוזאַמענשטעל האָט נישט באַוויזן צו באַפרידיקן די עטאַט־צאָלער און פאַרמיידן תרעומות און קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען.

באַזונדערס פאַרשאַרפט האָט זיך דער דרוק אויף דער קהילה אין די יאָרן 1929—1930, ווען פּוילן איז אַריינגעטרעטן אין אַ פאַרצויגענעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס. די אַקציע קעגן גרויסן קהילה־בודזשעט האָט זיך געפירט אין אַלע פאָרמען, אין דער פּרעסע און אויף ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען, מען האָט אָנגעוויזן אַז אַ נישטיקער טייל פון דעם בודזשעט ווערט פאַרווענדעט אויף סאָציאַלע און פילאַנטראָפּישע צוועקן און דער עיקר ווערט אויסגעגעבן אויף אויסהאַלטן די אַדמיניסטראַציע און אויף רעליגיעזע הצטרכותן. די דיסקוסיעס אַרום די בודזשעטן האָבן זיך געשלעפּט חדשים לאַנג און זיי זענען דעריבער קיינמאָל נישט צוגעשטעלט געוואָרן דער אויפזיכטס־מאַכט צום טערמין. אַזוי למשל האָט אין יאָר 1931 דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אָפּגעזאָגט זיך צו באַשטעטיקן דעם בודזשעט פאַרן יאָר 1930, ווייל ער איז איבערגעשיקט געוואָרן צום סוף פון פאַרלאָפענעם בודזשעט־יאָר, און מודיע געווען אַז די קהילה דאַרף ווירטשאַפטן אין די ראַמען פון דעם באַשטעטיקטן בודזשעט פאַר דעם יאָר 1929.

אויפן יאָר 1931 איז געוואָרן פּרעלימינירט אויף דער זייט פון הכנסות 215.886 זלאָטעס (אָן דער פּאָזיציע „בית־החיים" [7]), אויף דער זייט פון הוצאות: 223.664 זלאָטעס (אויסער דער פּאָזיציע: דעפיציט, וועלכער איז נאָכנישט געוואָרן פעסטגעשטעלט). די הכנסות פון עטאַט זיינען געווען פאָרויסגעזען אויף אַ סומע פון 120 טויזנט זלאָטעס (אויפן יאָר 1930: 141 טויזנט זלאָטעס).

בעת דער בודזשעט־דעבאַטע האָט דער פאָרזיצער דוד ערסלער פאָרגעוואָרפן אַז דער בודזשעט איז נישט באַלאַנסירט. „מען מאָטיווירט עס דערמיט — האָט ער געזאָגט — וואָס די הכנסות פון בית־החיים זיינען נישט פעסטגעשטעלט, אָבער דער בודזשעט מוז דאָך זיין אַ רעאַלער. די אויסצאָלונגען פון די סובסידיעס קומען פאָר נישט נאָרמאַל, עס שאַפן זיך פּריווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע אינסטיטוציעס, אַ טייל האָבן באַקומען אויסגעצאָלט פאַרן יאָר 1929 און אַ טייל קומט נאָך פאַרן יאָר 1928. די באַאַמטע קומט געהאַלט פאַר זעקס חדשים".

נאָך שאַרפער האָט קריטיקירט די ווירטשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג דער פאָרשטייער פון „בונד", שלמה הילער, וועלכער וואַרפט פאָר די פּרעזידיום־מיטגלידער אַז זיי נוצן אויס זייער אַמט און נעמען ביי די עטאַט־צאָלער פאָרויס לטובת די נאָענטע צו זייער האַרצן אינסטיטוציעס. אַלע רעדנער ווייזן אָן, אַז דער דעפיציט האָט זיך געשאַפן צוליב איבערשרייטונגען ביים רעמאָנט פון דער מקוה, וועלכע ווערט געפירט אָן אויפזיכט און ברענגט נישט קיין הכנסות.

בעת דער צווייטער לעזונג פון בודזשעט אויפן יאָר 1931 (דעם 8טן פעברואַר 1931) מאַכט אויפמערקזאַם דער ראַט די פאַרוואַלטונג דערויף, אַז דער גרויסער דעפיציט, וואָס איז אַנטשטאַנען אינעם פאַראַיאָריקן בודזשעט קאָן נישט ווערן איבערגעטראָגן אויפן בודזשעט פון 1931 און די פאַרוואַלטונג ווערט אויפגעפאָדערט:

1) דעקן פון אַן אויסערגעוויינלעכער אַקציע אויף דעם ציל, אָדער דורך אַ הלוואה די אויסגאַבן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן איבער די פּרעלימינירטע דורכן בודזשעט סומע אויף רעמאָנטירן

[7] וועגן קאַמף פון דער קהילה מיט דער חברה־קדישא וועלכע האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די ווירטשאַפט איבערן בית־החיים, זע ווייטער.

די מקוה, ווי אויך די צינזן וואָס די קהילה האָט פון דער סומע באַצאָלט, וואָרום דער געוויינלעכער בודזשעט איז נישט בכוח צו טראָגן די הוצאה.

2) דעקן דעם דעפיציט וואָס האָט זיך געשאַפן צוליבן איבערשרייטן די פּאָזיציע „שטיצעס" פאַר אָרעמע און אויך צוליב דער קלענערער ווי פאָרויסגעזען הכנסה פון שחיטה, דורך אָפּשפּאָרונגען אויפן חשבון פון די נאָכנישט אויסגעגעבענע פּאָזיציעס פונעם בודזשעט פאַרן יאָר 1930, וועלכער איז נאָכנישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפזיכטס־מאַכט. די דאָזיקע פּאָזיציעס דאַרפן רעווידירט ווערן און מען דאַרף אַנטשפּרעכנדיק רעדוצירן די הוצאות.

אויך האַלט דער ראַט פאַר נישט דערלאָזבאַר:

א) אַז די באַאַמטן־פּענסיעס זאָלן ווערן אויפגעהאַלטן חדשים לאַנג בעת מען גיט אויס געלטער אויף צוועקן וואָס זענען נישט פאָרויסגעזען אינעם בודזשעט.

ב) אַז די סובסידיעס זאָלן נישט ווערן אויסגעצאָלט גלייכמעסיק און עס זאָלן זיך שאַפן פּריווילעגירטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן שוין באַקומען אויסגעצאָלט פאַרן יאָר 1930 בעת אַנדערע קומט נאָך פאַר די יאָרן 1928 און 1929.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם שווערן פינאַנציעלן מצב פון דער קהילה און דער אַליינהערשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די קהילה־ענינים לויט איר איינזען און אירע אויסרעכנונגען, זענען די דעזידעראַטן פון ראַט פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פרומער ווונטש.

במשך פון דער גאַנצער תקופה פון דער ערשטער געוויילטער קהילה האָט זיך געפירט אַ קאַמף מיט דער חברה קדישא, וועלכע האָט זיך עקשנותדיק אַנטקעגנגעשטעלט יעטוועדן פּרווו פון צונעמען ביי איר די חזקה אויף די הכנסות פון בית־החיים. ערשט אין יאָר 1930, בעת די אויפזיכטסמאַכט האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי פאַרלאַנגט, אַז די קהילה זאָל אומבאַדינגט איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פונעם בית החיים, האָט דער ענין זיך אַ ריר געטון פון אָרט.

דעם 26סטן אָקטאָבער 1930 איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען מצד דער קהילה: פאָרזיצער פון קהילה־ראַט דוד ערסלער; וויצע־פאָרזיצער ד"ר ל. פוקס; פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע יצחק גאָלדמאַן; וויצע־פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג יעקב נטע קרושינסקי און שמעלקע סרעברניק. מצד דער חברה קדישא האָבן זיך אין דער זיצונג באַטייליקט: הערמאַן אנקער און אברהם זשיכלינסקי. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין פּרינציפּ נעמט די קהילה איבער די ווירטשאַפט איבערן בית החיים, אָבער איידער מען טרעט צו אויסצואַרבעטן אַן אַנטגילטיקן פּלאַן, זאָלן אויפגעקליבן ווערן ביי אַ ריי גרעסערע קהילות אינפאָרמאַציעס ווי אַזוי דער ענין איז דורך זיי געוואָרן פאָרמעל רעגולירט.

מיטן אויסאַרבעטן דעם פּלאַן האָט זיך באַשעפטיקט אַ ספּעציעל געשאַפענע קאָמיסיע וואָס איז באַשטאַנען פון די פאָרשטייער פונעם קהילה־ראַט און פאַרוואַלטונג ווי אויך פון דער חברה־קדישא. דער פּלאַן איז געבראַכט געוואָרן אויף דער פּלענאַר זיצונג פון קהילה־ראַט דעם 18טן יאַנואַר 1931 און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער פאָלגנדיקער פאָרם:

1. עס ווערט געשאַפן אַ ספּעציעלע בית־החיים קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען פאַרטרעטן צוויי פאָרשטייער פון דער קהילה און דריי פון דער חברה־קדישא.

2. די חברה־קדישא באַקומט אַלס סובסידיע 50% פון אַלע הכנסות וואָס די קהילה וועט באַקומען פון דעם מקור.

3. די הוצאות פון אויסהאַלטן דעם בית־החיים טראָגט די חברה־קדישא.

4. דער אָפּצאָל פאַר קרקעות וועט באַשטימט ווערן אין יעדן פאַל באַזונדער.

דערמיט האָבן זיך אָבער נאָכנישט פאַרענדיקט די רייבונגען צווישן דער קהילה־פאַרוואַלטונג און דער חברה־קדישא. וועלכע האָט געווירטשאַפט מיטן בית החיים לויט דעם אַלטן שטייגער. אין מאַי 1932 האָט זיך מ. שרובשטיין אָנגעגעבן אין דעמיסיע אַלס פּראָטעסט קעגן סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם וועלכע די חברה קדישא האָט פּראַקטיצירט. סוף כל סוף איז אין יולי 1932 אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ טאַקסע פאַר קרקעות און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ פאָרמעלע אָרדענונג ביים צוטיילן זיי. די אָפּצאָלן זענען איינגעטיילט געוואָרן אין צוועלף גרופּעס (פון 10 ביז 1000 זלאָטעס) פּראָפּאָרציאָנעל צום הויך פון עטאַט. די פּלעצער אויפן בית החיים זיינען געגאַנגען לויט לויף־נומערן. אין פאַל אָבער ווען די משפחה פון דעם פאַרשטאָרבענעם האָט פאַרלאַנגט אַ ספּעציעלן פּלאַץ האָט זי געדאַרפט שפּענדן אַ באַזונדערן אָפּצאָל אין פאַרשטענדיקונג מיט דער קאָמיסיע. ענלעכע תקנות זענען איינגעפירט געוואָרן בנוגע שטעלן מצבות.

אַזוי האָט זיך דערנענטערט צו איר סוף די מיט העכער דריי יאָר פאַרלענגערטע קאַדענץ פון דער ערשטער וולאָצלאַווקער געוויילטער קהילה. דער פאַקט וואָס די דאָזאָרעס און פּרנסים זענען געזעסן אַזוי לאַנג אויף זייערע אַמטן איז גענוג געווען כדי אַראָפּצורייסן זייער אָנזען אין די אויגן פון דעם ציבור, בפרט אַז זייער טעטיקייט איז די גאַנצע צייט געווען באַגלייט דורך קריגערייען, קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען און געבראַכט קנאַפּע ממשותדיקע רעזולטאַטן.

און דאָך, טראָץ אַלע חסרונות אירע און דורכפאַלן, איז די געוויילטע קהילה געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס לגבי די אַמאָליקע קהילות, שוין צוליב דעם עצם פאַקט וואָס זי איז טאַקע געווען געוויילט דורך דער באַפעלקערונג, און געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון דער עפנטלעכער מיינונג. איר אומגליק איז אָבער געווען די אינערלעכע שוואַכקייט און צעשפּליטערקייט, דער מאַנגל פון אַ קאָנסאָלידירטער מערהייט. דער ציוניסטישער בלאָק, וואָס האָט געבילדעט די מערהייט, איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון „מזרחי" און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון איין זייט און ציונים און פּועלי־ציון (רעכטע) פון דער צווייטער זייט, וועלכע זענען אין פאַרשידענע ענינים געגאַנגען מיט דער אָפּאָזיציע פון רעכטס (אגודה) אָדער פון לינקס (בונד) און בכלל אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקע עמפּינדלעכקייט אויף יעטוועדן דרוק פון רעכטס אָדער פון לינקס. צום שבח פון די צענטער־און לינקע גרופּירונגען דאַרף אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און אויסדויער אין קאַמף קעגן דער כסדרדיקער איינגערענץ פון דער אויפזיכטס־מאַכט אין די אינערלעכע קהילה־ענינים און די כוונות צו באַשרענקן איר טעטיקייט. די קינפטיקע יאָרן האָבן געזאָלט נאָך מער באַשווערן דעם דאָזיקן קאַמף און מאַכן אים כמעט אויסזיכטסלאָז.

דער שאַרפער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד אין די יאָרן 1929—1935, די וואַקסנדיקע רעאַקציע און איר באַגלייט־דערשיינונג — דער אַנטיסעמיטיזם — האָבן נישט נאָר צוריקגעשטויסן די יידן פון די דעראָבערטע פּאָ־זיציעס נאָר אויפגעצוווּנגען אויף זיי אַ ביטערן קאַמף פאַר זייערע עלעמענטאַרע רעכט אויף זיכערקייט פון לעבן און פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט.

די נייע קהילה איז שוין געוויילט געוואָרן אינעם שאָטן פון באַרימטן פּאַראַגראַף 20 אינעם וואַל־רעגולאַמין פון די קהילות.

ב. די צווייטע קהילה

דעם 20סטן מאי 1931 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער צווייטער וולאָצלאַוועקער קהילה אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער „אגודה", וועלכע איז געווען צו יענער צייט אַ „קרובה למלכות" און מיטגעאַרבעט מיט דער „סאַנאַציע", האָט די מאַכט פאַרעפנטלעכט אַ נייעם וואַל־רעגולאַמין צו די קהילות (פון 24סטן אָקטאָבער 1930) אין וועלכן עס האָט פיגורירט דער באַרימטער פּאַראַגראַף 20. לויט וועלכן די וואַל־קאָמיסיע האָט געהאַט דאָס רעכט צו פסלען פון דער ווילער־ליסטע יעטוועדן ווילער וואָס איז אַרויסגעטרעטן בפרהסיה קעגן דער יידישער רעליגיע. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף, וואָס האָט געגעבן דער אגודה אַ וואָפן אין האַנט קעגן אירע קעגנער, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַרביטערונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און איז אונטערן דרוק פון דער עפנט־לעכער מיינונג אין דער פּראַקטיק — על כל פנים אין די גרעסערע שטעט — זעלטן אָנגעווענדעט געוואָרן. דער „בונד" האָט אָבער אין די נייע וואַלן נישט אָנטייל גענומען אַלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן פאַרשמעלערן די קאָמפּעטענצן פון דער קהילה לויטן נייעם סטאַטוט און אויך אויס פּראַקטישע טעמים, וואָרום עס איז געווען אַ באַגרינ־דעטער חשש אַז דער פּאַראַגראַף 20 וועט דער עיקר אויסגענוצט ווערן קעגן זיינע מיטגלידער און קאַנדידאַטן צו די קהילה אָרגאַנען.

גאַנצע צען ליסטעס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן צו די וואַלן. דער עיקר קאַמף האָט זיך אָבער געפירט צווישן די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע פּאַרטייען און דער „אגודה" און אירע מיטלויפער די א"ג „אומפּאַרטייאישע", וועלכע האָבן ביידע גענאָסן פון דער בריי־טער שטיצע פון דער מאַכט.

אין שפּיץ פון די ליסטעס זענען געשטאַנען:

1. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע: דוד ערסלער, יצחק גאָלדמאַן, מענדל לידזבאַרסקי, גוטקינד אלטמאַן [8].
2. פּועלי־ציון רעכטע: י. האָרן, זיגער, הערשקאָוויטש, קאָנ־טאָראָוויטש.
3. אומפּאַרטייאישע: קרושיסקי, גאָמבינסקי, קרופּקאַ, פּאַרשאַס.
4. די סטריקאָווער: י. גוטאָווסקי, מאַנאָוויטש.
5. פּוע"צ (לינקע): גלאַגאָווסקי, ציפּקעוויטש.
6. האַנטווערקער (נאַציאָנאַלע): י. קאָוואַלסקי, לאַסקי, סעג־דעראָוויטש.
7. „מזרחי": ש. סרעברניק, כ. פ. טכורש, פ. קאַלסקי, ר. פלאַקסער.
8. פּועלי אגודת ישראל: קליינבוים, לעסעלבוים.

(קיין ליסטע 9 איז נישט געווען כדי זי נישט פאַרטוישן מיט 6).

10. אגודה: הענעך יאַנאָווער, סיני פּראַשקער, נ. שקלאָווער.
11. צענטראַלע האַנטווערקער (פאַלקיסטן: ש. צוקער, גער־שאָנאָוויטש).

לויטן נייעם וואַל־רעגולאַמין האָבן צו דער וולאָצלאַוועקער קהילה געדאַרפט אויסגעוויילט ווערן דאָס מאָל 12 פּרנסים. די וואַלן זענען פאָרגעקומען אין אַ רואיקער אַטמאָספערע, שוין אָן גרויסע ליידנשאַפטן און אָן גרויסע אילוזיעס. פון 2340 וואַל־באַרעכטיקטע האָבן געשטימט 1622 ד. ה. קנאַפּע 70% און די שטימען האָבן זיך פאַרטיילט אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

ליסטע	צאָל שטימען	צאָל מאַנדאַטן
1. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע	265	2
2. פּועלי־ציון רעכטע	210	1
3. אומפּאַרטייאישע	200	2
4. סטריקאָווער	100	1
5. פּועלי־ציון לינקע	109	—
6. האַנטווערקער	155	1
7. מזרחי	280	3
8. פּועלי אגודה	43	—
10. אגודה	215	2
11. צענטראַלע האַנטווערקער	45	—
צוזאַמען	1622	12

ווי מיר זעען, האָבן די וואַלן געבראַכט אַ נצחון די ציוניסטישע ליסטעס, וועלכע האָבן דעראָבערט 7 מאַנדאַטן, דער נצחון איז אָבער פאַרבליבן בלויז אַ פאָרמעלער, וואָרום די שליטה אין דער קהילה האָט באַקומען דורך כלערליי מאַכינאַציעס און דער סקרופּוללאָזער מיט־הילף פון דער מאַכט דווקא די מינדערהייט.

דעם 14טן יוני 1931 איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון באַנייטן קהילה־ראַט און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: דוד ערסלער ווי אַ פאָרזיצער און כתריאל טכורש וויצע־פאָרזיצער. די פאַרוואַלטונג וואָס איז באַשטאַנען פון אַכט דאָזאָרעס איז אויסגעקליבן געוואָרן דעם 15טן יוני 1931 מיט ש. סרעברניק — פּרעזעס און הערמאַן (צבי) לעווי וויצע־פּרעזעס.

דער רעזולטאַט פון די וואַלן צו די אָנפירנדיקע קהילה־אָרגאַנען פון דער קהילה האָט אַרויסגערופן אַ שטורם אין דער אגודה און ביי די „אומפּאַרטייאישע". דווקא איצט, ווען הינטער זיי איז געשטאַנען די מאַכט זאָל די קהילה־לייטונג זיך געפינען אין די הענט פון דער מזרחי און די ציונים, דערמיט האָבן זיי בשום אופן נישט געקענט משלים זיין, שוין אָפּגערעדט פון דער טיפער פּערזענלעכער אַנטוי־שונג וואָס עס האָט זיי פאַרשאַפן דער פאַקט, אַז זיי, די לאַנגיעריקע בעלי־בתים פון דער קהילה, זאָלן איצט אינגאַנצן אָפּגערוקט ווערן פון דער מאַכט. האָט טאַקע הענעך יאַנאָווער דער אגודה־פאַרשטייער ביטער געקלאָגט: „אויב דער אויסגאַנג פון די וואַלן צום פּרעזידיום פון קהילה־ראַט האָט מיך אַנטוישט, האָט דער אויסגאַנג פון די וואַלן צום פּרעזידיום פון קהילה־ראַט מיך טאַקע פאַרביטערט. כ'האָב געמיינט, אַז עס וועט קומען צווישן אונז צו אַ פאַרשטענדניש אויב

[8] דאָס איז די איינציקע ליסטע, וואָס איז פול געדרוקט געוואָרן אין די צוטריטלעכע אונז מקורות, און מיר ברענגען איר אַלע קאַנדידאַטן כדי צו דערמאָנען דעם אַקטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו יענער צייט: אפרים קויפמאַן, פּראָפ. דוד גראַבמאַן, יעקב יאַבלאָנקאַ, יצחק פּראַשקער, לייביש גרינבוים (היינט אין ישראל), ישראל אַלטמאַן, דוד אָפּענבאַך, דענ־טיסט דוד מאַריאַמאָוו, יהודה בלומענטאַל, שלום לובראַניעצקי, מענדל בוים, לייב אונגער (אין ישראל), מרדכי רובינשטיין, שמאי ראָט, פּראָפ. דוד גייער, אברהם הובערמאַן, (אין ישראל), מאיר שרובשטיין, הערש לעווי, נתן פּערלבערג, ד"ר לייב פוקס.

נישט אין ראַט איז לכל הפחות צו די וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג. מען וועט פאַרשטיין, אַז אויב איך האָב געאַרבעט 16 יאָר צייט אין דער פאַרוואַלטונג, און געאַרבעט געטריי און איבערגעגעבן, וועט מיר לכל הפחות געגעבן ווערן אַן אָרט אין פּרעזידיום און דערפאַר מיין פאַרביטערונג און אַנטוישונג".

קרושינסקי האָט גערעדט ווייניקער פּאַטעטיש. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע אומצופרידנהייט צוליב דעם אויסגאַנג פון די וואַלן און איבערגעגאַנגען צו... מעשים.

קודם כל האָבן די מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע, וועלכע זענען געווען מיטגלידער פון דער פריערדיקער פאַרוואַלטונג (יאַנאָווער און קרושינסקי) גאַנץ פשוט אויפגעהערט צו קומען צו די זיצונגען, סאַבאָטירנדיק דערמיט די אַרבעט פון דער קהילה כל זמן די נייע פאַרוואַלטונג איז נישט געוואָרן באַשטעטיקט דורך דער מאַכט. גלייכצייטיק איז געפירט געוואָרן אַ פיבערהאַפטע דיווערסיע־אַקציע כדי צו אַנולירן דעם באַשלוס פונעם רוב. און עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון קומען צו אַ הסכם מיט די ציונים איבער די קעפּ פון „מזרחי".

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַקציע האָט דערגרייכט דעם היפּוך. דער מזרחי האָט זיך נאָך מער פאַרעקשנט און נישט געוואָלט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן. דאַמאָלס איז די אָפּאָזיציע איבערגעגאַנגען צו די טרויעריק באַרימטע אויסגעפּרוּווטע מיטלען פון מסירות, סטראַשונקעס און שאַנטאַזש.

בעת אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה־מערהייט האָט זיך געווענדעט צום סטאַראָסטע כדי אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער אומנאָרמאַלער לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן, ווען די אַלטע פאַרוואַלטונג סאַבאָטירט די אַרבעט און די נייע ווערט נישט באַשטעטיקט, האָט ער צביעותדיק געענטפערט, אַז עס זענען אַנטשטאַנען שוועריקייטן ביים באַשטעטיקן דעם ה' סרעברניק אַלס פּרעזעס „צוליב די פילע אָנקלאַגעס, וועלכע זענען אָנגעקומען אויף אים פון פאַרשידענע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס".

דער נייע־נאָמינירטער צו יענער צייט סטאַראָסטע, ה' פּאָהאָרסקי, פאַר וועלכן עס האָט זיך דעם 5טן אָקטאָבער 1931 פאָרגעשטעלט אַ דעלעגאַציע אין די פּערזאָנען פון ד. ערסלער, ד"ר ל. פוקס, ש. סרעברניק, ה. יאַנאָווער, ס. פּראַשקער און י. נ. קרושינסקי, האָט זיך שוין נישט געשפּילט אין קיין דיפּלאָמאַטיע. קודם כל האָט ער פאָרגעוואָרפן די יידן, אַז זיי האָבן צופיל פּאַרטייען, „וווּנדערנדיק זיך" וואָס איז געשען מיט דער אַזוי באַרימטער „יידישער אחדות". ווען ערסלער האָט באַמערקט, אַז איצט שטייט נישט די פראַגע ווער עס איז שולדיק נאָר ווי אַזוי צו דערמעגלעכן דער ניי־געוויילטער קהילה אַ נאָרמאַלע אַרבעט, האָט דער סטאַראָסטע שוין געענטפערט קלאָרע דיבורים: ביז צו דער באַשטעטיקונג פון דער נייער פאַרוואַלטונג מוז די אַלטע אַרבעטן און צו דעם האָט ער די געהעריקע מיטלען...

די מערהייט האָט אָבער נישט אָפּגעשטעלט איר קאַמף. דעם 15טן דעצעמבער 1931 זענען פאָרגעקומען פרישע וואַלן און עס זענען ווידער דעמאָנסטראַטיוו געוויילט געוואָרן סרעבערניק (7 שטימען) און לעווי (5 שטימען). אַזוי ווי די אויפזיכטס־מאַכט האָט ווי עס איז געווען פאָרויסצוזען, די וואַלן נישט באַשטעטיקט, זענען פאָרגעקומען דעם 12טן אַפּריל 1932 צום דריטן מאָל וואַלן. דאָס מאָל האָט שוין דער מזרחי פאָרגעלייגט אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג, לויט וועלכן דאָס פּרעזידיום פון ראַט זאָל באַשטיין פון אַ ציוניסטישן פאָרזיצער, ערשטן וויצע פאָרזיצער פון „מזרחי", צווייטן פון דער „אגודה". אין דער פאַרוואַלטונג זאָל זיין פאָרזיצער סרעברניק, ערשטער וויצע־פאָרזיצער יאַנאָווער, צווייטער אַ ציוני. צו קיין הסכם איז נישט געקומען און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: פּרעזעס צבי (הערמאַן) לעווי און וויצע־פאָרזיצער — סרעברניק.

די תשובה פון דער מאַכט האָט דאָס מאָל געלאָזט אויף זיך געגוג לאַנג וואַרטן. די מערהייט פון דער אַלטער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט בלילת ברירה אָנגעפירט מיט דער קהילה־ווירטשאַפט האָט צום סוף באַשלאָסן זיך אָנגעבן אין דעמיסיע (דעם 4טן סעפּטעמבער 1932) ווי אַ פּראָטעסט קעגן „אָפּשלעפּן די באַשטעטיקונג פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס איז אַ שיקאַנע קעגן דער יידישער געזעלשאַפט, און קעגן דעם פאַרשמעלערן די רעכט פון זעלבסשטענדיקייט פון די יידישע קהילות". מען האָט ווייזט אויס זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, דערפון אַז דער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער און געוואָלט כאָטש ראַטעווען דעם כבוד, ווייל עס האָט טאַקע נישט געדויערט מער ווי צען טעג, ווי עס איז אָנגעקומען די תשובה פון דער אויפזיכטס־מאַכט: אַזוי ווי די וואַלן צום פאַרוואַלטונגס־פּרעזידיום זענען שוין דאָס דריטע מאָל נישט געוואָרן באַשטעטיקט האָט די מאַכט געהאַלטן פאַר נויטיק צו נאָמינירן אַ פּרעזעס און וויצע־פּרעזעס. מיט די דאָזיקע אַמטן האָט מען מכבד געווען, וואָס עס איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין סיורפּריז, די הערן קרושינסקי און יאַנאָווער.

אויף דער אָפיציעלער זיצונג, אויף וועלכער די נאָמינירטע מושלים פון דער קהילה האָבן געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט — דעם 27סטן סעפּטעמבער 1932 — האָט דער פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן בלאָק, לעווי, באַלייגט אַן אָפיציעלן פּראָטעסט און אויסדריקנדיק דעם נייעם פּרעזידיום אומצוטרוי דערקלערט, אַז דער נאַציאָנאַלער בלאָק וועט נישט נעמען קיין אָנטייל אין דער אַרבעט פון נאָמינירטן פּרעזידיום.

כ. פ. טכורש האָט אין אַ אַרטיקל א"ק „חרפּת וולאָצלאַוועק" אויסגעדריקט די טיפע עמפּערונג פון ציבור קעגן דעם ארביטראַרן אַקט פון דער מאַכט, אָבער בעיקר קעגן דעם הייפל תקיפים, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען כדי צו דערגרייכן דאָס זייעריקע טראָץ דעם ווילן פון דער מערהייט.

„בושה תכסה פנינו — שרייבט דער מחבר אין דערמאָנטן אַרטיקל — אַ חרפּה צו דיר, וולאָצלאַוועק, די שטאָט וועלכע שיינט תמיד אַלס ציוניסטישע פעסטונג, די קהילה אין וועלכער עס האָט געווירקט און געאַרבעט הרב קאָוואַלסקי ז"ל, די שטאָט וואָס איז אַדורכגענומען מיטן רעיון פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און ערלעכער און אמתער פאָלקס־ווירדע, אָט דער שטאָט איז באַשערט געוואָרן צו ווערן געשטורמט דורך אַ הייפעלע תקיפים, וועלכע ווילן מיט געוואַלט ווירטשאַפטן מיט אונז קעגן דעם פאָלקסווילן און קעגן אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. איז עס נישט אַ וויסטע חרפּה?" (וול. שטימע פון 30.9.32).

טראָץ די כסדרדיקע אויפפאָדערונגען פונעם נאַציאָנאַלן בלאָק צונויפצורופן אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, איז זי ערשט פאָרגעקומען נאָך אַ 2½ חדש־מדיקן איבערייס, דעם 8טן דעצעמבער 1932. אויף דער זיצונג האָבן די מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן בלאָק אין דער פאַרוואַלטונג: לעווי, לאַסקי, שרובשטיין, ש. סרעברניק, נ. פערלבערג און גאָלדשטיין געלייגט זייערע מאַנדאַטן. דער קהילה־ראַט האָט אויסגעדריקט זיין סאָלידאַריטעט מיט די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דעמיסיע איז געווען און פאַרבליבן נישט מער ווי אַ דעמאָנסטראַטיווער אַקט. אין דעם מצב וואָס האָט זיך געשאַפן איז זי נישט בכוח געווען צו ענדערן און נישט נאָר אַליין



מועצת הקהילה

מימין לשמאל — יושבים: ד. שמל, ח. ינובר, פ. קאופמן, ד״ר ל. פוקס, ש. רוט, ס. פרשקר, לידזברסקי, י. א. ביזינסקי (מזכיר הקהילה).

עומדים: גרצוביץ, ש. הילר, גלוגובסקי, י. ל. רוזנטל, ..., פראווער, מ. פשדצקי, י. בילו־גלובסקי, ..., קובלסקי.

קהילה־ראַט

פון רעכטס צו לינקס — זיצן: ד. שעמעל, ה. יאנאווער, פ. קאופמן, ד״ר ל. פוקס, ש. ראָט, ס. פראשקער, לידזבארסקי, י. א. ביע־זשינסקי (קהילה־סעקרעטאַר).

שטייען: גערצאָוויטש, ש. הילער, גלאָגאָווסקי, י. ל. ראָזענטאַל, ..., פראַווער, מ. פשעדעצקי, י. ביאַלאָגלאָווסקי, ..., קאָוואַלסקי.

צוליב דעם וואָס הינטער אים איז געשטאַנען די מאַכט, נאָר דער עיקר צוליב די גרויסע ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען צו יענער צייט אין לאַנד און אין אייראָפּע.

דער קריזיס, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן פון יאָר 1929 אָן, האָט שווער געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג און האָט געמוזט משפיע זיין אויפן קהילה־בודזשעט. אין יאָר 1932 איז די קהילה געצוווּנגען צו פאַרקלענערן דעם עטאט (פון 8 ביז 1400 זל. אַנשטאָט פון 10 ביז 1800 זל. אין די פריערדיקע יאָרן). דער בודזשעט איז דערפירט געוואָרן אין יאָר 1934 צו 166 טויזנט זלאָטעס און אין די יאָרן 1935, 1936 צו 158 טויזנט זלאָטעס און אויך אין דער הויך איז ער נישט געווען רעאַל און עס האָבן זיך געשאַפן כסדרדיקע דעפיציטן. די הכנסה פון עטאט איז אין יאָר 1934 פרעלימינירט געוואָרן אויף 85 טויזנט זלאָ־טעס, אין יאָר 1935 — 76 טויזנט און אין יאָר 1936 — 2.458 זלאָטעס. און אויך די סובווענצן פאַר די כל מיני קולטור־און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן בלית ברירה געמוזט שטאַרק געשניטן אָדער אַפילו גענצלעך אַנולירט ווערן, אויף זייער אָרט זענען געקומען געזעלשאַפטלעכע הילפס־אַקציעס צו לינדערן די נויט פון די דורכן קריזיס געטראָפענע שיכטן.

אויב דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס איז אַליין געווען גענוג כדי צו באַגרעניצן דעם פאַרנעם פון דער קהילה־אַרבעט איז נאָך צוגעקומען די כסדר פאַרשאַרפנדיקע זיך פּאָליטישע לאַגע. דער קעמפנדיקער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אַרויסגערוקט ווי אַ הויפּט־סכנה, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטן אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, אַ פשיטא שוין די קהילה.

אונטער דער השפעה פון היטלעריסטישן זיג אין דייטשלאַנד האָבן אין פוילן אָנגעהויבן אויסוואַקסן אין אָנהויב דרייסיקער יאָרן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן פאַרשידענע פאַשיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפּריידיקט אַ זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם נוסח היטלער באַגלייט מיט מעשים — געוואַלט־אַקטן אויף די אוניווערסיטעטן, כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן אין די גאַסן פון די שטעט און אָרגאַניזירטע אַנטי־יידישע עקסצעסן. אַזוי ווי אין אָנהויב זענען די דאָזיקע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס געווען על־פּי־רוב אָפּאָזיציאָנעל געשטימט צו דער „סאנאציע“, וועלכע האָט, על־כל־פּנים ביז פּילסודסקי׳ס טויט (מאי 1935), נישט געפירט קיין אויסדרוקלעך אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק (זי האָט זיך אַפילו באַמיט צו געווינען יידישע שטימען בעת די פאַרשידענע וואַלן צו די זעלבסטפאַרוואַלטונגען, צום סיים און סענאַט, אַריינשטעלנדיק אויך יידן אויף די ליסטעס) האָבן זיך געפונען אויף דער יידישער גאַס אָנהענגער פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיט איר. פון אָנהויב זענען עס געווען די „אגודה“ און די אָפּהענגיקע פון דער אַדמיניס־טראַציע ווירטשאַפטלעכע קרייזן (סוחרים, קליינהענדלער, און האַנטווערקער). אָבער מיט דער צייט האָבן זיך געפונען אויך צווישן די בירגערלעכע פּאַר־טייען, פאָלקיסטן און אַפילו ציוניסטן „רעאַל־פּאָליטיקער“, וועלכע האָבן געזען אין דער „סאנאציע“ לכל הפחות דאָס „קלענערע בייז“ אויב אַפילו נישט אַ נאַטירלעכן פאַרבינדעטן אינעם קאַמף קעגן אַגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען די טרייבקראַפט פון דער רעכטער אָפּאָזיציע צום הערשנדיקן רעזשים. אין דער שטיקענדיקער אַטמאָספערע וואָס האָט אין די יאָרן געהערשט איז שווער געווען אונטערצושיידן ווו עס האָט זיך געענדיקט די „אידעאָלאָגיע“ און ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן פּשוטער אָפּאָרטוניזם (דער פאַל יוסף הארן למשל, אַן אַלטער פּועלי־ציוניסטישער עסקן וואָס האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט און געוואָרן אַ כלי שרת פון דער „סאנאציע“. אַלנפאַלס האָט די יידישע באַפעלקערונג געפילט, אַז עס איז אַ צייט פון אָפּוואַר ווען מען מוז באַשיצן די עלעמענטאַרע רעכט אויף פיזישער זיכערקייט און קיום. יצחק גרינבוימס אָפּפאָר פון פוילן אין יאָר 1932 האָט ווי סימבאָליזירט דעם סוף פון אַ תקופה וואָס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון אומפשרותדיקן קאַמף פאַר פולע נאַציאָנאַלע רעכט און דעם אָנקום פון נייע צייטן און אַ נייעם נוסח אין פּאָליטישן לעבן. אויך וולאָצלאַוועק האָבן אין די יאָרן 1933—1935 פאַרלאָזט אַקטיווסטע טוער פון נאַציאָנאַלן לאַגער (כ. פּ. טכורש, ש. סרעבר־ניק, נ. פערלבערג א״אַ).

די קהילה איז דערווייל געזונקן אין קליינע מחלוקתן און איר טעטיקייט האָט זיך איינגעשרומפּן. די „אגודה“ האָט אויסגענוצט די מאַכט כדי צו פּאַוואָריזירן אירע חינוך־אַנשטאַלטן (יסודי־תורה) און פאַרשידענע חברות, צוואַרפנדיק אַ בייַן עטלעכע אינסטיטוציעס פון וועלטלעכן כאַראַקטער. זי האָט זיך אויך אָפּגערעכנט מיט אירע

קעגנער. ווען ש. סרעברניק איז אין אָנהויב יאָר 1935 אָפּגעפאָרן קיין ישראל און אויף זיין אָרט האָט געדאַרפט אַריין אין קהילה־ראַט נתן פערלבערג, איז זיין מאַנדאַט געפסלט געוואָרן דורכן סטאַראָסטע און אָנשטאָט אים איז אַריין ברוך הערשקאָוויטש פון פּועלי־צ (רעכטע).

אַלס קרבן פון דעם פינאַנציעלן קריזיס אין וועלכן די קהילה האָט זיך אָן אויפהער געפונען, זענען קודם כל געפאַלן די אינסטיטוציעס וואָס זענען נישט געווען נאָענט צום האַרצן פון די קהילה־מושלים. די סובווענצן זענען זיי יאָרנלאַנג נישט אויסגעצאָלט געוואָרן. אויך די לאַגע פון די קהילה־באַאַמטע איז געווען אַ ביטערע. מען האָט זיי כסדר רעדוצירט די געהאַלטן, אָבער אויך דאָס וואָס עס איז זיי געקומען איז זיי אויסגעצאָלט געוואָרן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון חדשים און דאָס טראָפּנווייז אין דער מאָס, וואָס אין קאַסע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַביסל מזומנים.

דער נאַציאָנאַלער בלאָק האָט בלית ברירה געמוזט זיך רעכענען מיט דעם טרויעריקן פינאַנציעלן מצב פון דער קהילה און מיט דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. אמת, אין די אַלערליי רעדעס אַרטיקלען הערן זיך נאָך די באַקאַנטע קאַמפּס־טענער פון די אַמאָליקע יאָרן, אָבער אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט באַמיט מען זיך צו זיין „רעאַל" און „זאַכלעך".

בעת מען האָט באַהאַנדלט דעם בודזשעט אויפן יאָר 1936 האָט דאָס נאָמינירטע פּרעזידיום געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק „אָנצושרעקן" די אָפּאָזיציע און פאַרבעטן אויף די זיצונגען דעם רעפערענט פון סטאַראָסטווע. די מורא איז אָבער געווען אַן איבעריקע. „דאָס פּרעזידיום האָט געוואָלט פאַרשטעלן אונז — שרייבט צבי (הערמאַן) לעווי — ווי די שטערער וואָס ווילן נישט דערלאָזן צום אויסאַרבעטן פון בודזשעט... דער דעלעגאַט (פון סטאַראָסטע) איז אָבער געבליבן דערשטוינט פון אונזער רואיקער און זאַכלעכער שטעלונג און אויף דער לעצטער זיצונג געפונען זיך פאַרפליכטעט אונז צו דאַנקען אין נאָמען פון סטאַראָסטע פאַר דער איבערגעגעבענער און שנעלער אַרבעט" (וול. שטימע פון 17.4.35).

וולאָצלאַוועק איז געווען די ערשטע צווישן די גרעסערע שטעט אין פּוילן, ווו דער ווילן פון דער מערהייט איז איגנאָרירט געוואָרן און עס איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן די מאַכט פון דער מינדערהייט. אָבער נאָך וולאָצלאַוועק איז די שיטה אָנגעווענדעט געוואָרן כמעט איבערן גאַנצן לאַנד. אין דעם רוב קהילות זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן נאָמינירטע פאַרוואַלטונגען, קאָמיסאַרן און צווישן די לעצטע — אַפילו קריסטן (בידגאָשטש).

פינף יאָר האָט געדויערט אין וולאָצלאַוועק די הערשאַפט פון דער דאָזיקער אָנגעוואָרפענער קהילה־פאַרוואַלטונג. דער סך־הכל פון איר אַרבעט איז געווען אַ קלאָגעדיקער, אָבער די יידישע באַפעלקערונג איז דאָסמאָל געווען צו פיל פאַרטון אין אירע צרות, אַז דאָס זאָל זיין איר גרעסטע זאָרג.

ג. די לעצטע קהילה

דער דעקרעט וועגן נייע וואַלן צו די קהילות, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אין וולאָצלאַוועק אויף דעם 30סטן אויגוסט 1936, איז געקומען גאַנץ אומגעריכט און די פאַרטייען האָבן אים נישט אויפגענומען מיט גרויס התלהבות.

בלוטיק ערנסטע ענינים האָבן צו יענער צייט באַשעפטיקט די הערצער און מוחות פון יידישן ציבור אין פּוילן, אַז קהילה־וואַלן זאָלן וועקן אַ ספּעציעלן אינטערעס. די געשעענישן אין פשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, דער אויסגאַנג פון פשיטיקער פּראָצעס, דער שדים־טאַנץ אַרום דער כשרער שחיטה וואָס האָט זיך דעמאָלס אָנגעהויבן און וועלכער האָט דעזאָריענטירט אַפילו די פּוילישע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ, און על הכל דער באַרימטער „אָוושעם" פון פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי, וואָס האָט אָפיציעל געכשרט דעם עקסטערמינאַציע־צוג אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, האָבן פאַרשטאַרקט אין די יידישע מאַסן דאָס געפיל, אַז עס האָט זיך אָנגערוקט אַ פינצטערע תקופה ווען דער עצם קיום פון יידישן פאָלק איז באַדראָט. אויך די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט — די פשרה־פּאָליטיק פון די מערב־אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס וואָס האָבן משלים געווען מיט די אַגרעסיע־אַקטן פון דייטשלאַנד (דער אַריינטריט פון היטלעריסטישן מיליטער אין דער דעמיליטאַריזירטער ריין־זאָנע), איטאַליע (די אַנעקסיע פון אַביסיניע), די מאָסקווער פּראָצעסן, דער אויסברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניע — האָבן בשום אופן נישט געקענט הייבן די געמיטער פון די יידישע מאַסן.

אין אַזאַ אַטמאָספערע האָבן וואַלן צו דער קהילה געקענט אויסקוקן בלויז ווי אַ טפלדיקער ענין, בפרט, אַז מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון דערפון, אַז ווי זייער אויסגאַנג זאָל נישט זיין, וועט עס זיך אין דער פּראַקטיק ווייניק וואָס ענדערן. דערפאַר וועט שוין זאָרגן די מאַכט.

אויך האָט געעגבערגט דער פחד, אַז וואַלן וועלן אַנטפּלעקן דווקא איצט אין דער תקופה פון גרויסע סכנות, די אינערלעכע צעשפּליטערטקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט און אַז ווי תמיד וועט בעת די צעשפּילטע ליידנשאַפטן וואָס באַגלייטן יעטוועדע וואַל־קאַמפּאַניע, אַריינגעצויגן ווערן דער דריטער צד אין די אינערלעכע יידישע מחלוקתן, וואָס איז באַזונדערס געפערלעך און אומגעווונטשן ביי דער הערשנדיקער לאַגע.

האָבן זיך טאַקע געלאָזט הערן שטימען — און דאָס נישט נאָר אין „בונד" וועלכער האָט שוין באַיקאָטירט די פריערדיקע וואַלן צו די קהילות — צי איז נישט קיין סברא בכלל צו איגנאָרירן די וואַלן און נישט נעמען אין זיי קיין אָנטייל.

אָפּקלאַנגען פון די דאָזיקע ספיקות, וועלכע זענען אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער וואַרשעווער צענטראַלער פּרעסע, לאָזן זיך הערן אין בידערמאַנס אַרטיקל א״ק „אַן אָנשיקעניש — וואַלן":

„אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט אַ דעקרעט וועגן נייע וואַלן אַרויסגערופן אַ פרייד. ...פרישע וואַלן וואָלטן באַדייט — אַן אַנטגילטיקער קאַמף מיט די אַלע, וואָס האָבן מיט זייער פאַרקריפּלטער טאַקטיק צוגענומען דאָס לעצטע ביסל אויטאָנאָמיע — רעכט פון דער קהילה, זיי וואָלטן געגעבן אַ געלעגנהייט צו סאַנירן די צווישן־יידישע באַציונגען.

היינט־צו־טאָג אָבער איז די זאַך פיל שווערער. וואַלן איז דער פּשט — מלחמה, אויפרייצונג, צעריסנקייט, ברוגזער פונאַנדערפאַל אויף סעקטן, כתות, פאַרטייען און גרופּירונגען. פרעגט זיך: צי מעגן מיר זיך פאַרגינען, היינט אין אָנבליק פון דער טיפער יידישער טראַגיק, אויף צאַנקערייען און קריג? האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרגינען זיך אַזאַ לוקסוס, ווי באַווייזן די אינערלעכע אייטערדיקע וווּנדן פון יידישער צעריסנקייט און הילפלאָזער צעשפּאַלטענקייט דער אַרומרינגלנדיקער אונז אַנטיסעמיטישער גאַס?" (וול. שטימע פון 10.7.36).

געזיגט האָט אָבער צום סוף — סיי אין „בונד" און סיי אין ציוניסטישן לאַגער — דער געדאַנק, אַז מען דאַרף יאָ אָנטייל נעמען אין די וואַלן, אויסנוצן זיי כדי צו מאָביליזירן די מאַסן אינעם קאַמף פאַר זייערע רעכט און געבן אַן ענטפער די שונאים און זייערע מיטהעלפער — ביודעין אָדער בלא יודעין — אויף דער יידישער גאַס.

און דער ענטפער איז געקומען. די אגודה האָט אומעטום געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה. אָבער אויך די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן געהאַט צו פאַרצייכענען, בפרט אין די גרעסערע שטעט, באַדייטנדיקע אבידות. מיט אַ גרויסן נצחון איז אַרויס פון די וואַלן דער „בונד", וועלכער האָט אָנ־

געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען אין וואַרשע, לובלין און ווילנע בילדנדיק אין די דערמאָנטע קהילות די גרעסטע פראַקציעס.

דער נצחון פון „בונד" איז געווען סימפּטאָמאַטיש, וואָרום דווקא אין יענער צייט איז דער רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן געווען ציוניסטיש געשטימט און געזען אין ארץ־ישראל די איינציקע מעגלעכע לייזונג פון איר אָנגעווייטיקטער און אויסגאַנגסלאָזער לאַגע. אין די בירגערלעכע קרייזן האָט מען זיך געפּרוווט טרייסטן, אַז צום נצחון פון „בונד" האָט מיטגעווירקט דער דאַמאָלס רייף געוואָרענער געדאַנק פון אַ „פאָלקס־פראָנט" צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען און די ראַדיקאַלע פּראָגרעסיווע בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַרן „בונד". דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ האַלבער אמת. פאַקטיש איז דער אויסגאַנג פון די וואַלן געווען אַן אורטייל אויף דער פשרה־פּאָליטיק, וואָס איז אַזוי רומלאָז געווען רעפּרעזענטירט דורך דער „אגודה" און צו וועלכער עס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויך אַ טייל אָנגעזעענע עסקנים פון ציוניסטישן לאַגער.

די יידישע מאַסן וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אין די גרויסע און איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן נאָך פּשיטיק, נאָך דעם פּשיטיקער אורטייל א"אַ זייער צאָרן און פּראָטעסט קעגן דער אַנטי־יידישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק, האָבן בעת די וואַלן ווידער אַמאָל באַוויזן, אַז זיי זענען צו רייף, צו אַקטיוו און צו באַוווסטזיניק, אַז זיי זאָלן פּאַסיוו זיך אונטערגעבן דעם פיזישן און פּאָליטישן טעראָר, וועלכער איז קעגן זיי געפירט געוואָרן.

ליידער איז דער דאָזיקער פּראָטעסט פאַרבליבן נישט מער ווי אַ דעמאָנסטראַטיווער אַקט. די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין פּוילן און די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אין אייראָפּע האָבן געפירט מיט דעם פאַטאַליזם פון אַ בלינדער סטיכיע צו דער אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע.

אויך צו די וואַלן זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין וולאָצלאַוועקער ליסטעס, אָבער מיט עטלעכע וועזנטלעכע ענדערונגען. עס דערשיינען שוין נישט מער די „אומפּאַרטייאישע" און „פּועלי־אגודת־ישראל", דערפאַר אָבער טרעטן צום ערשטן מאָל אַרויס די רעוויזיאָניסטן און דער „בונד" וועלכער האָט באָיקאָטירט די פריערדיקע וואַלן, נעמט אין זיי דאָס מאָל אָנטייל. אויך די קאַנדידאַטן אויף די ליסטעס האָבן זיך געענדערט. אַ טייל אַקטיווע ציוניסטישע און מזרחיסטישע טוער האָבן אין דער צווישנצייט עולה געווען קיין ישראל און יוסף האָרן, וועלכער האָט זיך ענטגילטיק קאָמפּראָמיטירט אין שטאָט, איז אַוועק אויף אַ צייט פון וולאָצלאַוועק.

צו די וואַלן זענען אַלזאָ צוגעטרעטן די פאָלגנדיקע רשימות:

1. ציוניסטן: ד"ר ל. פוקס
2. סטריקאָווער: ישראל גוטאָווסקי
3. „מזרחי": י. ביאַלאָגלאָווסקי און פּ. קאָלסקי
4. פּועלי־ציון (רעכטע): דוד שעמעל, פראַווער
5. פּועלי־ציון (לינקע): גלאָגאָווסקי
6. „בונד": י. ל. ראָזענטאַל, גערצאָוויטש
7. רעוויזיאָניסטן: בנימין פלאַקס
8. אגודה: הענעך יאַנאָווער, סיני פראשקער
10. האַנטווערקער (ציוניסטן): לאַסקי, קאָוואַלסקי
11. האַנטווערקער (פאָלקיסטן): יצחק גערשט, יאַקובאָוויטש.

די וואַלן, וועלכע האָבן זיך געפירט מיט גרויס ליידנשאַפט צווישן די פאַרשידענע ליסטעס, האָבן אין וולאָצלאַוועק נישט געבראַכט קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען.

די ציונים, מזרחי און פּועלי־ציון (רעכטע) האָבן צוזאַמען געווונען 7 מאַנדאַטן, דער „בונד" — 2; פּועלי־ציון (לינקע) — 1 אגודה — 2.[11]

די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן אויף אַזאַ אופן געהאַט אַן אַבסאָלוטע מערהייט (7 מאַנדאַטן אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 12), בפרט נאָך אַז די מינדערהייט איז געווען פאַרטיילט אויף צוויי עקסטרעמע לאַגערס („בונד", פּועלי־ציון־לינקע און „אגודה"). צווישן וועלכע עס האָט נישט געקענט קומען צו קיין פשרה. נישט קוקנדיק אָבער אויף זיין מערהייט, האָט דער ציוניסטישער בלאָק געפּרוווט זיך צונויפרעדן מיט דער אגודה און די כוונה איז געווען אַ קלאָרע: דאָס צוציען די אגודה צו דער מיטאַרבעט האָט געדאַרפט דינען ווי אַ סגולה קעגן פּסלען די וואַלן, אָדער אַנדערע אַרביטראַרע ענדערונגען מצד דער מאַכט, וואָס זענען געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון דער ביטערער דערפאַרונג אין דער פאַרגאַנגענהייט.

אַזוי ווי עס זענען נויטיק געווען דריי אונטערשריפטן כדי אַריינפירן אַ דאָזאָר אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט דער „מזרחי" פאָרגעלייגט דער אגודה „אויסבאָרגן" אַן אונטערשריפט צו די צוויי אגודישע. די אגודה האָט אָבער דורכויס פאַרלאַנגט צוויי דאָזאָרעס אין דער קהילה, סטראַשנדיק אַז זי וועט שטימען פאַרן „בונד" אין פאַל ווען מען וועט נישט נאָכגעבן איר פאָדערונג.

דעם 24סטן סעפּטעמבער 1936 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג און פון די אַכט מאַנדאַטן האָט דער ציוניסטישער בלאָק באַקומען זעקס: פערדינאַנד קויפמאַן, מאיר שרובשטיין — ציונים; חיים טרעמבעסקי — מזרחי, ברוך הערשקאָוויטש (פּוע"צ רעכטע), לאַסקי „חלוץ"־בעלי־מלאכה; משה גרינבוים — סטריקאָווער; פון „בונד" — גערצאָוויטש און מעכל פּשעדעצקי — פּוע"צ (לינקע).

דעם 12טן אָקטאָבער 1936 זענען פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונגס־זיצונגען פון דעם ראַט און פאַרוואַלטונג. די זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען אַ געהיימע און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: פערדינאַנד קויפמאַן אַלס פּרעזעס און מאיר שרובשטיין — אַלס וויצע־פּרעזעס.

די זיצונג פון ראַט איז געווען אַ שטורמישע און דערמאָנט די אַמאָליקע זיצונגען. די גאַלעריע איז געווען ווידער פול און שלמה הילער פון „בונד" האָט שאַרף אָנגעגריפן דעם פאָרזיצער פון אָפּטרעטנדיקן קהילה־ראַט, דוד ערסלער, ווייל ער האָט באַגריסט אינעם נאָמען פון דער קהילה יצחק גרינבוים, וועלכער איז געקומען קיין וולאָצלאַוועק צו דער „בצרון"־אַקציע. אינעם רעש און געפילדער זענען אויסגעוויילט געוואָרן ד"ר ל. פוקס אַלס פאָרזיצער פון קהילה־ראַט און ביאַלאָגלאָווסקי — וויצע־פאָרזיצער.

דער אויסגאַנג פון די וואַלן צו די לייטנדיקע קהילה־אָרגאַנען האָט אַלזאָ געבראַכט אַ פולן נצחון דעם ציוניסטישן בלאָק, וועלכער האָט זיך געגרייט אָנצופירן מיט דער קהילה.

אַזוי ווי די נייע־געוויילטע קהילה־אָרגאַנען זענען נאָכנישט געוואָרן באַשטעטיקט דורך דער מאַכט, האָט דער דאָזאָר שרובשטיין פאָרגעלייגט תיכף אויסצואַרבעטן דעם בודזשעט־פּרעלימינאַר פאַר דעם יאָר 1937, נעמענדיק אין אַכט אַז די הכנסות פון שחיטה וועלן שטאַרק פאַלן צוליב דער שחיטה־גזירה און דער מכה פון ווינקל־שוחטים. דער וויצע־פאָרזיצער פון דער אָפּטרעטנדיקער קהילה־פאַרוואַלטונג, הענעך יאַנאָווער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די

[11] ליידער פעלן אונז די צייטונגס־נומערן מיטן פאַרלויף און אויסגאַנג פון די וואַלן און מיר זענען נישט אימשטאַנד אָנגעבן גענויערע פּרטים וועגן דער צאָל וואַל־באַרעכטיקטע אָפּגעגעבענע שטימען פאַר די באַזונדערע ליסטעס אדג"ל.

קהילה־ענינים כל זמן די נייע קהילה־אָרגאַנען זענען נישט געוואָרן באַשטעטיקט, האָט אָבער געפירט דאָס באַקאַנטע שפּיל פון סאַבאָטירן די אַרבעט פון דער קהילה און ניט מסכים געווען מיט שרובשטיינס פאָרשלאָג.

דערווייל איז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער קהילה געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג און די געהאַלטן פון די באַאַמטע זענען חדשים־לאַנג נישט אויסגעצאָלט געוואָרן. כדי צו מאָביליזירן געלט אויף די לויפנדיקע אויסגאַבן האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן אויף איר זיצונג אין פעברואַר 1937 ווענדן זיך צום סטאַראָסטע ער זאָל איר דערלויבן איינצומאָנען 50% פון עטאַט אויפן יאָר 1937. די תשובה איז נישט באַקאַנט.

דאָס צינישע שפּיל איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אין אַפּריל 1937 ווערט באַקאַנט, אַז אין פּרינציפּ זענען די קהילה־אָרגאַנען באַשטעטיקט, אָבער אויפן אָרט פון וויצע־פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג, מ. שרובשטיין, דאַרף געווײלט ווערן אַ צווייטער.

די פאַרוואַלטונג האָט דערויף געענטפערט מיט אַ דעמאָנסטראַטיווער אָפּשטימונג. אַלע אָן אויסנאַם מיטגלידער פון רעכטס ביז לינקס — האָבן אָפּגעגעבן אַ צווייט מאָל זייערע שטימען פאַר שרובשטיינען.

אינעם סך־הכל פאַרן יאָר תרצ״ז ווערט אין ראש־השנה־נומער פון דער „וולאָצלאַוועקער שטימע” פאָרגעשטעלט די לאַגע פון דער יידישער קהילה אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

„די וואַלן זענען פאָרגעקומען גענוי צוויי וואָכן פאַרן פאָריקן ראש השנה, דאָך זענען צומאָל נישטאָ קיין אויסזיכטן, אַז די געווילטע לייטונג זאָל איבערנעמען די אויפזיכט. פאַרקערט, עס זענען פאַראַן פאַרשידענע סימנים אַז — הלוואי זאָלן מיר ליגנט זאָגן — דאָס וועט גאָר קיינמאָל נישט פאָרקומען... געוווּג בלויז אָנצווייזן אויף דער מלאכה מיט ווײלן און פסלען דעם איינשטימיק אויסגעווײלטן וויצע־פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג. פאַרשטענדלעך דעריבער, אַז דער אויטאָריטעט פון דער קהילה איז אינגאַנצן אַרונטערגעריסן געוואָרן און קיינער ווייס נישט ווער עס איז איר פאַקטישער בעל־הבית און ווער עס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר טעטיקייט...”

דאָס אויסאַרבעטן דעם בודזשעט האָט זיך געשלעפּט ביז יוני 1937. אין אָקטאָבער ד״י איז ער צוריקגעקומען פון דער אויפזיכטס־מאַכט אַ צעשניטענער און רעדוצירטער. עס זענען געשטראָכן געוואָרן אין אים די פאַרלעגענע סובסידיעס פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן (אויף אַ סומע פון 79 טויזנט זלאָטעס). די אויפזיכטס־מאַכט איז אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז נישט אויסגעצאָלטע סובסידיעס קענען נישט באַטראַכט ווערן ווי חובות און ווערן איבערגעטראָגן ווערן אויפן צווייטן בודזשעט־יאָר. אויך די סובסידי׳עס פאַרן יאָר 1937 זענען באַדייטנדיק רעדוצירט געוואָרן (אויף אַ סומע פון 19 טויזנט זלאָטעס).

דאָס מאָל האָט זיך די אויפזיכטס־מאַכט מער נישט געצערטלט מיט דער אגודה. זי האָט נישט באַשטעטיקט די נאמנים אין די יאַטקעס און בנוגע די שוחטים ווערט געזאָגט, אַז זיי דאַרפן באַקומען נאָר אַזוי פיל וויפל די קהילה וועט זיין בכוח אויסצוצאָלן ביז דעם 31טן דעצעמבער 1937. מער האָבן די שוחטים נישט קיין רעכט צו פאָדערן.

די באַשלוסן פון דער אויפזיכטס־מאַכט האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג אין דער אגודה. „וואָס וועט זיין מיט די נאמנים? — קלאָגט סיני פּראַשקער — אָן נאמנים טאָר מען קיין פלייש נישט עסן! עס איז נישט גענוג, ווי דער וואָיעוואָדע מיינט, דער סטעמפּל אויפן פלייש: ‚ריטועלע שחיטה׳”. די אַלגעמיינע יידיש־געזעלשאַפטלעכע

אויספירן פונעם באַשלוס פון דער אויפזיכטס־מאַכט קומען אָבער צום אויסדרוק אין בידערמאַנס אַרטיקל א״ק „מיט איין פעדער־שטריך”:

„צי איז דאָס נישט קיין גענוגנדער באַווייז, אַז די כוונה פון דעם דאָזיקן פעדער־שטריך איז אָנצודייטן די קהילה־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אין די פיר איילן פון קליינלעכער אַמאָליקער גבאות? און אויב אַזוי — וואָס בלייבט שוין דאָרט אין אַזאַ אָרט קהילה־שטיבל, וואָס האָט אַזעלכע צוגעשניטענע אַרבעטס־מעגלעכקייטן און קאָמפּעטענצן? וואָס בלייבט צו טון די יעניקע עלעמענטן, וועלכע ווילן זען אין דער קהילה די רעפּרעזענטאַנץ און דער פּאַטראָן פון דער געזאַמטער יידישער באַפעלקערונג?”

ליידער איז קיין אויסוועג נישט געווען און דער מוראדיקער באַרג אַראָפּ האָט זיך ווייטער געצויגן. כדי אויסצומיידן אַ פולשטענדיקע פינאַנציעלע קאַטאַסטראָפע, האָט זיך די פאַרוואַלטונג געזען געצוווּנגען אָנצווענדן דראַסטישע שריט. זי האָט פאַר׳מעל אָפּגעזאָגט אַלע קהילה־באַאַמטע (דער קהילה־אַפּאַראַט האָט געקאָסט 81 טויזנט זלאָטעס יערלעך), כדי אַדורכצופירן די נויטיקע רעאָרגאַניזאַציע און איינשפּאָרונגען. פאַרשטייט זיך, אַז דער שריט פון דער פאַרוואַלטונג האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן רעש און די רעזולטאַטן פון דער אַקציע זענען געווען נישטיקע. צו הילף די באַאַמטע איז געקומען דווקא די אויפזיכטס־מאַכט.

סוף דעצעמבער איז אָנגעקומען די תשובה אויפן רעקורס פון דער פאַרוואַלטונג און זי האָט אַנטהאַלטן אייניקע וויניק־באַדייטנדיקע קאָרעקטורן. אַזוי ווי די פאַרוואַלטונג האָט שוין נישט געהאַט נאָכן 1טן יאַנואַר 1938 קיין רעכט אויסצוצאָלן די פּרעלימינירטע אין בודזשעט סובסידיעס, האָט זיך אין דעם ענין געוואָנדן אַ דעלעגאַציע צום סטאַראָסטע. די תשובה איז געווען אַז די אויפזיכטס־מאַכט איז מסכים צו דערלויבן דער קהילה־פאַרוואַלטונג אויסצוצאָלן די סובסידיעס בתנאי... אַז די באַאַמטע זאָלן דערצו מסכים זיין.

עס האָט זיך געשאַפן אַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, וועלכע האָט גענצלעך פּאַראַליזירט די טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג. זי האָט פּשוט פאַרלוירן יעטוועדע פרייהייט פון דיספּאָנירן מיט דעם בודזשעט. ווי אַ צייכן פון פּראָטעסט האָט זי באַשלאָסן בכלל נישט צוצוטרעטן צום באַאַרבעטן דעם בודזשעט פאַרן יאָר 1938 „כל זמן דער גאַנצער קנויל וועט נישט פונאַנדערגעוויקלט ווערן און די פאַרוואַלטונג וועט נישט באַקומען צוריק די מאַכט צו קענען טון אַזוי ווי זי פאַרשטייט און נישט לויטן דיקטאַט פון די באַאַמטע”.

די טאַקטיק פון די מאַכט־אָרגאַנען איז געווען אַ גענוג דורכזיכטיקע — דערפירן די קהילה צו אַזאַ מצב, אַז דער איינציקער אויסוועג פון אים זאָל זיין אַן אָנגעוואָרפענע נאָמינירטע פאַרוואַלטונג, ענלעך ווי דאָס איז געטון געוואָרן אין אַ סך קהילות מיט דער וואַרשעווער קהילה בראש.

און אַזוי איז טאַקע געשען. אָנהויב יאָר 1939 האָט דער סטאַראָסטאַ נאָמינירט אַ קהילה־פאַרוואַלטונג וואָס איז באַשטאַנען פון די ה״ה: דוד וואַרשאַווסקי, פאָרזיצער, חברים — יאַקוב ציגאַנסקי (יעריכאָווסקי) שמואל זילבער, בועז באָרנשטיין א״אַ.

דערמיט איז למעשה אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס שטורמישע קאַפּיטל פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האָט געדאַרפט זיין — אין די דרייסטע חלומות פון פוילישן יידנטום — די קאָנטינואַטאָרין פון ועד ארבע הארצות — דער קרוין פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פוילן. פאַר דער דאָזיקער אידעע האָבן די יידישע מאַסן אין פוילן אומדערמידלעך געקעמפט ביז עס איז ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן דער בליענדיקער בוים פון פוילישן יהדות.

ב. די ייִדיש־פּוילישע באַציאונגען אין שטאָט

פון סוף 19טן י״ה ביז דעם יאָר 1921 האָט די ייִדישע באַפעלקערונג אין שטאָט זיך פאַרגרעסערט כמעט אויף דריטהאַלבן מאָל — בעת די פּוילישע — בלויז אויף עפּעס מער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל. דער עיקר וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — דאַרף מען אָננעמען — איז אויסגעפאַלן אויף די מלחמה־יאָרן 1914—1918 — (האַרט פאַר דער מלחמה און האַרט נאָך איר איז אָנגעגאַנגען פון דער שטאָט אַן אינטענסיווע עמיגראַציע), בעת אין שטאָט זענען אָנגעקומען פּליטים פון ערטער וווּ עס האָט געהערשט אַ מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן און אַ טייל פון זיי איז דאָ פאַרבליבן. אויך זענען אַריבער קיין וולאָצלאַוועק אין דער צייט משפחות פון די שכנותדיקע שטעטלעך, וווּ זיי האָבן זיך אַביסל אַרויפגעאַרבעט אָדער געהאַלטן אַז אין דער גרעסערער שטאָט איז פאַראַן מער פּלאַץ פאַר זייער איניציאַטיוו.

דער פאַרהעלטענישמעסיק גרויסער וווּקס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט (פון 40 טויזנט ביז קנאַפּע 56 טויזנט) אין יאָר 1931, לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס די אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן פון דער שטאָט זענען אויסגעברייטערט געוואָרן און אַרומגענומען פאָרשטעט, וווּ די באַפעלקערונג איז געווען אַ קאָמפּאַקט פּוילישע, ווי אויך מיט דעם פאַקט, וואָס נאָכן אַנטשטיין פון פּוילן, איז אין דער שטאָט אויפגעקומען אַ גרויסע צאָל מלוכהשע און קאָמונאַלע אַמטן און אינסטיטוציעס מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל באַאַמטע, פון וועלכע אַ סך זענען געקומען אַהער פון אַנדערע שטעט און באַזעצט זיך דאָ מיט זייערע משפחות. די ייִדישע באַפעלקערונג אָבער האָט זיך כמעט אַבסאָלוט ניט פאַרגרעסערט, וואָרום דאָס איז געווען אַ צייט פון פאַרשטאַרקטער עמיגראַציע און אַ באַדייטנדיקער איבערוואַנדערונג פון וולאָצלאַוועק אין אַנדערע שטעט אין פּוילן.

די באַפעלקערונג אין צאָלן אין די יאָרן 1897, 1921 און 1931

יאָר	אַלגעמיינע באַפעלקערונג	צאָל: ייִדן	%
1897	22,907	3,846	17,5
1921	40,000*	9,600*	23,8
1931	55,966	10,209	18,3

די פּוילישע באַפעלקערונג אין וולאָצלאַוועק איז באַשטאַנען דער עיקר פון אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער פאַרהעלטענישמעסיק גרויסער צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין שטאָט און אינעם בוי־וועזן, האַנטווערקער און כאַלופּניקעס (אין דער שוסטעריי). אַ חוץ דעם האָט זיך געפונען אין שטאָט אַ שפּאָרע צאָל באַאַמטע אין די כלערליי מלוכהשע און קאָמונעלע אַמטן און אינסטיטוציעס, ווי אויך אַ שיכט פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ — אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשענירן און לערער אין די גימנאַזיעס און אַלגעמיינע א״ג „פּאָווסעכנע" שולן. וואָס עס איז אָבער באַזונדערס געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער שטאָט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, איז דער פאַרהעלטענישמעסיק גרויסער אַנטייל פון פּאָלאַקן אין האַנדל. צום סוף פון 19טן י״ה האָבן די פּאָליאַקן באַטראָפן 35% אין וולאָצלאַוועקער האַנדל, אין יאָר 1926 — 46% און האַרט פאַר דער מלחמה — אין די דרייסיקער יאָרן — האָט דער פּראָצעס פון פאַרפּוילישן דעם האַנדל אָנגענומען ראַשע טעמפּן.

* פאַרקיילעכדיקע ציפער.

די דאָזיקע סטרוקטור פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט טאַקע געלייגט איר חותם אויף די פּויליש־ייִדישע באַציונגען אין שטאָט. וולאָצלאַוועק האָט געהערט צו די קנאַפּע שטעט נעבן וואַרשע, וווּ די פאַרברידערונג צווישן ייִדן און פּאָלאַקן האָט אָנגענומען אין דער אויפשטאַנדס־תקופה 1858—1863 עקזאַלטירטע פאָרמען, זי איז אָבער געווען אויך איינע פון די שטעט, וווּ דער ייִדיש־פּוילישער אַנטאַגאָניזם האָט זיך באַזונדערס שאַרף געלאָזט פילן אין דער באַיקאָט־תקופה פון יאָר 1912.

אין דער צווישן־מלחמה־צייט האָט זיך די פּוילישע באַפעלקערונג אין שטאָט געטיילט אויף צוויי עקסטרעמע לאַגערס, גלייכע כמעט אין צאָל: אַ קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיווער און אַ ראַדיקאַלער אַרבעטער־לאַגער.*

דער קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיווער לאַגער האָט געצויגן זיין יניקה פון די קירכלעכע קרייזן אין שטאָט און פון די אַרומיקע גוט־באַזיצער. וולאָצלאַוועק איז ווי באַקאַנט געווען דאָס זיצאָרט פון קויאַווער בישאָף (ביסקופּ), דאָ איז געווען אַ גלחים־סעמינאַר, קאַטוילישע מענער־ און פרויען־גימנאַזיעס, אַ גרויסע צאָל קולטורעלע און כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס. דאָ איז אויך דערשינען אַ קאַטוילישע טאָגצייטונג אַרויסגעגעבן דורך דער דיעצעזיע: „סלאָוואָ קויאַווסקיע", רעדאַקטירט דורך דעם באַקאַנטן אַנטיסעמיטישן גלח קרושינסקי. (מיט דער צייט האָבן אויך אָנגעהויבן דערשיינען אין שטאָט אַנדערע אַנטיסעמיטישע צייטונגען, ווי דער „דזיעננִיק קויאַווסקי", „א.ב.צ. דלאַ קויאַוו", אַן אָרטיקע מוטאַציע פון דעם וואַרשעווער אַנטיסעמיטישן „א.ב.צ.").

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט וולאָצלאַוועק פאַרמאָגט אַ שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער די השפּעה פון די קאָמוניסטן איז געווען זייער אַ גרויסע.** און דער דאָזיקער מצב האָט געשטויסן דעם קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיוון לאַגער אויסצונוצן אין דער ברייטסטער מאָס דעם אַנטיסעמיטישן וואָפן אין קאַמף קעגן די אַרבעטער־פּאַרטייען כדי אַריבערציען צו זיך די אַרבעטער־מאַסן.

אויך אין דער ייִדישער באַפעלקערונג זענען אינצווישנצייט פאָרגעקומען טיפע ענדערונגען. אין שטאָט זענען אַנטשטאַנען שטאַרקע ייִדישע נאַציאָנאַלע און אַרבעטער־פּאַרטייען, עס איז אויסגעוואַקסן אַ שיכט פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ און עס איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פון אַ דעם אַמאָליקן וולאָצלאַוועק, וואָס איז אָנגעגאַנגען ווי אַ פעסטונג פון אַסימילאַציע. בעת דער פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1931 האָבן אויף 10,209 ייִדן אין שטאָט אָנגעגעבן ווי זייער מוטער־שפּראַך, ייִדיש און העברעאיש, 9,797. למעשה איז אויסגעקומען, אַז עס האָבן נעבן זיך געלעבט צוויי אָפּגעזונדערטע פעלקער, פאַרשידענע לויט זייער רעליגיע, קולטור, מנהגים אוןווירטשאַפטלעכער סטרוקטור. די פּאָלאַקן האָבן כמעט ווי נישט אָנגעהאַלטן קיין באַציונגען מיט די ייִדן. אַפילו די פּראָפעסיאָנעלע

* פגל' דעם אויסגאַנג פון די וואַלן צום שטאָט־ראָט אין יאָר 1927 (ווייטער ז' 118) און פון די צוגאָב־וואַלן אין יאָר 1932 (ז' 121).

** בעת די וואַלן צו דער קראַנקן־קאַסע, דעם 12טן יוני 1927, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט 8,500 וואַלבאַרעכטיקטע (דערפון 850 ייִדן), האָבן די עקסטרעם־לינקע באַקומען 16 מאַנדאַטן; פּ.פּ.ס. — 4 און די אַנטיסעמיטישע אַרבעטער־גרופּירונגען — 7.

בעת די צוגאָב־וואַלן (דעם 30.11.32) האָבן די קאָמוניסטן באַקומען 2265 שטימען (6 מאַנדאַטן) אַנטקעגן 670 שטימען פאַר פּ.פּ.ס.

אינטעליגענץ (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן א״אַ) האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ פאָרמעלן מגע, וועלכער איז קיינמאָל נישט געוואָרן קיין נענטערער און אינטימערער. אַ פאָרמעלער און פון אַ דיסטאַנץ איז אויך געווען דער קאָנטאַקט צווישן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען און דער פּ.פּ.ס. בלויז די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהערט צו די טעטיקסטע אין דער באַוועגונג, האָבן ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט זייערע פּוילישע פּאַרטיי־חברים, אָבער אַזוי ווי די טעטיקייט האָט זיך געפירט אין אַ שטרענגער קאָנספּיראַציע, איז אויך דאָ דער קאָנטאַקט נישט אַרויס פון די גרענעצן פון דער פּאַרטיי־אַרבעט גופא.

אַ שטיקל דערנענטערונג אין די אָפיציעלע באַציונגען צווישן יידישן און פּוילישן בירגערטום לאָזט זיך באַמערקן אין דער „האָניג־תקופה״ פונעם סאַנאַציע־רעזשים, גלייך נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, (מאי 1926), אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ קורצער עפּיזאָד. דערנאָך איז געקומען די טראַגישע אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט געהאַט אַ פאַטאַלע השפעה אויף דער יידישער לאַגע אין פּוילן. די וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע שוועריקייטן אין לאַנד, די פאַרשאַרפטע סאָציאַלע קאָנפליקטן און דער קאַמף אַרום דער מאַכט אין דער הערשנדיקער קליקע, האָבן געשטויסן די שליטים פון פּוילן צו גיין אויפן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג און אויסנוצן די יידן־פראַגע ווי אַ שעיר לעזאזל.

אויך אונזער שטאָט האָט אין דער דאָזיקער טרויעריקער תקופה אַדורכגעמאַכט שווערע טעג.

דער שטאָטראַט

זייער געטרייע אָפּשפּיגלונג האָבן די יידיש־פּוילישע באַציונגען אין שטאָט, געפונען אין די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג — אינעם שטאָטראַט און מאַגיסטראַט. דאָס איז געווען דאָס אָרט פון בשותפותדיקער צוזאַמענאַרבעט אויפן געביט פון דער מוניציפּאַלערווירטשאַפט, פון שטילע פּאָליטישע משא־ומתנס און פון עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויפן פאָרום פון שטאָטראַט. צו זייער ממשותדיקן אויסדרוק אָבער זענען די דאָזיקע באַציונגען געקומען אין די פּאָזיציעס פאַר יידישע צוועקן, וועלכע זענען דערשינען אין די בודזשעטן.

אין דער צווישן־מלחמה־צייט האָט וולאָצלאַוועק פיר מאָל געוויילט די מוניציפּאַלע אָרגאַנען — אין די יאָרן 1919, 1927, 1934 און 1939. אין יעטוועדן פון די געוויילטע שטאָטראַטן האָט זיך געביטן זיין אַלגעמיינער פּאַרטייישער צוזאַמענשטעל און אויך דער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער פאַרשטייערשאַפט, איר גרייס, וואָג און איר טאַקטיק, אָפּהענגיק פון די הערשנדיקע אַלגעמיינע פּאָליטישע באַדינגונגען אין לאַנד און פון די באַזונדערע לאָקאַלע באַדינגונגען.

דער ערשטער שטאָטראַט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון יידישער דינאַמיק, וועלכע איז אין לאַנדסמאַסשטאַב געקומען צום אויסדרוק אין די מינדערהייטס־בלאָק. די יידישע פאָדערונגען האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ געאייניקטן, כאָטש פאַרשידן ניואַנסירטן ווידערשטאַנד, אָנהויבנדיק פון די רעכטע — כאדעקעס און ענדעקעס און ענדיקנדיק מיט די לינקע — פּ.פּ.ס.

דער צווייטער שטאָטראַט, געוויילט נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, האָט אמת נישט דערפילט די האָפנונגען, וועלכע עס האָבן מיט אים געבונדן לפּחות די בירגערלעכע יידישע קרייזן, דאָך האָט ער זיך אין דער ערשטער תקופה אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסן ליבעראַליזם. דאָס איז געווען די קורצע תקופה פון זאַכלעכער צוזאַמענאַרבעט, בעת ביידע צדדים האָבן געפירט אַ „רעאַל־פּאָליטיק״. די פּאָלאַקן האָבן געמאַכט עטלעכע זשעסטן (ווי למשל, אַ פּלאַץ פאַר דעם גימנאַזיע־בנין, סובווענץ פאַרן שפּיטאָל) און די יידן האָבן געוואָלט אין דעם זען אַ גוטן סימן אויף להבא. דאָס איז אָבער געווען אַ קורצער עפּיזאָד. שוין צום סוף פון דער קאַדענץ פון צווייטן שטאָטראַט, האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן די פאַרשאַרפונג אין די פּויליש־יידישע באַציונגען. דער ענדעקיש־כאַדעקישער לאַגער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די סאַנאַציע, וועלכע האָט זיך פון אָנהויב באַצויגן נייטראַל צו דער אַנטיסעמיטישער העצע, פאַרזיכערנדיק זיך די אונטערשטיצונג פון דער יידישער בירגערלעכער פראַקציע ווי „דאָס קלענערע בייז״, האָט שפּעטער, אין דריטן שטאָטראַט, אָפן גענומען זיך ליציטירן אין אַנטיסעמיטישקייט מיט דער ענדעקישער אָפּאָזיציע.

דער דריטער שטאָטראַט איז געוויילט געוואָרן ביי אַ נייער וואַלאָרדינאַציע, אַ מסולפדיקע וואַל־געאָגראַפיע און אונטער פּאָליטישן טעראָר. זיין יידן־פרעסערישער פּרצוף איז געקומען צום אויסדרוק אין די כלערליי פאָרשלאַגן און באַשלוסן בנוגע דער שחיטה, טערגער אין שבת און אין די „אַקאַדעמישע״ רעדעס פון דער שטאָטראַט־טריבונע וועגן דער שעדלעכקייט פון יידן, זייער פרעמדקייט און שנאה צו פּוילן.

דעם 23סטן אַפּריל 1939 זענען פאָרגעקומען די לעצטע שטאָטראַט־וואַלן. אַ פאַרביטערטע און אַנטוישטע איז די יידישע באַפעלקערונג געגאַנגען צו די דאָזיקע וואַלן, כדי צו דעמאָנסטרירן לכל הפּחות איר אומגעבראָכענעם ווילן צו קעמפן פאַר אירע עלעמענטאַרע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט.

די שפּאַנונג פון די זומער־חדשים אין יאָר 1939 האָט פאַרוקט אין אַ שאָטן דעם דאָזיקן לעצטן שטאָטראַט און דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, דעם 1טן סעפּטעמבער, האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין קורצן קיום, ווי צום קיום בכלל פון דער „אָזאָנישער״ פּוילישער מדינה.

די ערשטע וואַלן צום וולאָצלאַוועקער שטאָטראַט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן זענען פאָרגעקומען אין מערץ 1919.* בעת זיין כמעט אַכט־יאָריקער קאַדענץ זענען אין אים געווען פאַרטרעטן מצד דער יידישער באַפעלקערונג:

דוד ערסלער, א. שטאָלצמאַן און פּ. קויפמאַן — פון דער נאַציאָנאַל־יידישער פראַקציע.

טאָראָנטשיק, כיימאָוויטש, הילער און ווישעגראָדזקי — פון „בונד״ און פון די האַנטווערקער — י. זאַאושניצא.

אין שטאָטראַטס־פּרעזידיום איז געזעסן ביז צו זיין טויט (1925) — פּאַוועל גאָלדע. זיין אָרט האָט אין מערץ 1926 פאַרנומען שטאָלצמאַן אַ דאַנק אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער יידיש־נאַציאָנאַלער פראַקציע און די רעכטע. קיין לאַוניק האָבן די יידן אין ערשטן שטאָטראַט נישט פאַרמאָגט. ווען עס דערגייט אין יאָר 1927 צו וואַלן פון אַ לאַווניק באַקומט שטאָלצמאַן בלויז פיר יידישע שטימען. די יידישע גרופּירונגען, די נאַציאָנאַל־יידישע פראַקציע און דער „בונד״, האָבן צווישן זיך שוואַך מיטגעאַרבעט, אַ פּשיטא שוין פון פירן אַ געמיינזאַמע יידישע פּאָליטיק. פאַרקערט, זיי האָבן זיך ביים שטימען

---

* וועגן שטאָטראַט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זע אין די געשיכטעס פון די פאַרטייען און ביי מאיר קושינסקי: „צום גייסטיקן פּרצוף פון וולאָצלאַוועק״.

אַפּט געפונען אין פאַרשידענע לאַגערס. דער „בונד" פלעגט אין רוב פאַלן גיין צוזאַמען מיט דער פּ.פּ.ס.

ביזן יאָר 1926 איז געווען שטאָט־פּרעזידענט גייזלער. זיין באַציונג צו יידן איז געווען לכל היותר אַ גלייכגילטיקע. „אויב נישט קיין רעות, קיין טובות האָט ער אונז זיכער נישט געטון", ווערט אים נאָכגעזאָגט אַ „שבח" פון דער יידישער זייט בעת ער פאַרלאָזט זיין אַמט.

אויף גייזלער'ס אָרט ווערט אין אָקטאָבער 1926 אויסגעוויילט ווי אַ שטאָט־פּרעזידענט פּאַכנאָווסקי (אַ סאַנאַטאָר). די יידיש־נאַציאָנאַלע ראַטמענער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען פאַר אים. די בונדיסטן האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט דעם זאַל. בעת עס איז געקומען צום ווײלן לאָווניקעס אין די געריכטן, האָט די פּוילישע מערהייט נישט אַרויסגעשטעלט קיין איין יידישע קאַנדידאַטור און סיי די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־יידישער פראַקציע און סיי דער „בונד" האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער פּ.פּ.ס. די יידישע אינסטיטוציעס זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי שטיפקינדער. די ענדעקעס האָבן געפירט אַ שאַרפע, אַנטיסעמיטישע העצע און נישט אָפּגעשטעלט זיך אַפילו פון באַליידיקונגען קעגן די יידישע ראַטמענער.

נאָך דער מאַי־איבערקערעניש מערקט זיך אַ שטיקל ענדערונג אין דער אַטמאָספערע. די יידישע ראַטמענער זענען, אמת, אין אָפּאָזיציע צום מאַגיסטראַט און שטימען קעגן בודזשעט אין וועלכן „עס פיגורירן אויס העפלעכקייט עטלעכע הונדערט זלאָטעס פאַר די זקנים־און יתומים־הייזער" און דאָס איז אַלץ וואָס די יידישע באַפעלקערונג באַקומט, כאָטש זי טראָגט אַזאַ גרויסן לאַסט פון קאָמונאַלע שטייערן. ס'זעט אָבער אויס, אַז די יידיש־נאַציאָנאַלע פראַקציע האָפט אויף געוויסע פּאָזיטיווע ענדערונגען, ווייל זי האַלט זיך אָפּ פון אַ שאַרפער קריטיק, וועלכע זי באַטראַכט „פאַר פריציייטיק צוליב דעם נייעם קורס וואָס לאָזט זיך באַמערקן". גרויסע האָפענונגען בינדט מען מיט דעם נייעם שטאָט־פּרעזידענט, כאָטש ליידער „האָט ער נישט דעם מוט פון ערשטן מאָמענט אָן צו רעאַליזירן זיינע ערלעכע פּלענער לגבי דער יידישער באַפעלקערונג" („וולאָצלאַוועקער לעבן" פון 25.3.27).

די יידישע פאָלקס־שולן * געפינען זיך, אמת, אין נעבעכדיקע לאָקאַלן, דערפאַר אָבער באַשליסט דער מאַגיסטראַט אין מאַי 1927 צו שענקען דער גימנאַזיע־פאַרוואַלטונג אַ פּלאַץ אויף צו בויען די יידישע גימנאַזיע.

אין דעם דאָזיקן באַשלוס וויל מען זען אַן איבערברוך און טאַקע אונטער אַזאַ קעפּל: „דער איבערברוך" שרייבט ד. ג. (דוד גייער): „ענדלעך איז געקומען דער איבערברוך אין די באַציִונגען פון מאַגיסטראַט און שטאָטראַט לגבי די וויכטיקסטע ענינים אין שטאָט... מיטן באַשלוס פון שטאָטראַט צו שענקן אַ פּלאַץ פאַר בויען אַ יידישע גימנאַזיע ווילן מיר האָפן, הויבט זיך אָן אַ תקופה פון רעכענען זיך מיט די יידישע קולטורעלע פאָדערונגען, וואָס מוז מיט זיך ברענגען אַן ענדערונג אויך אויפן געביט פון עקאָנאָמישע און אַנדערע ענינים" („וולאָצלאַוועקער לעבן נר. 9 פון 20.5.1927). באַלד דערנאָך קומט אַ צווייטער זשעסט — דער שטאָטראַט אַסיגנירט אַ סובווענץ פון צוויי טויזנט זלאָטעס פאַר דעם יידישן שפּיטאָל („וולאָצלאַוועקער שטימע" פון 1.7.27).

* א"ג „שאַבאַסוווקעס" — עלעמענטאַרע מלוכה־שולן פאַר יידישע קינדער, אין וועלכע דער איינציקער סימן פון יידישקייט איז געווען, אַז מען האָט אין זיי נישט געלערנט אום שבת.

אָקטאָבער 1927 זענען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט. „נאָך קיינמאָל — שרייבט די „וולאָצלאַוועקער שטימע" וועגן די דאָזיקע וואַלן — האָט אַ וואַל־קאַמף אין אַ פּראָווינץ־שטאָט נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל נערוועזיטעט, אַזוי פיל פיבערהאַפטע איילעניש, אַזוי פיל אָנגעשטרענגטע אַקטיוויטעט, אַזוי פיל פּראָפּאַגאַנדע ווי ביי די לעצטע וואַלן... עס איז געפירט געוואָרן סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס, סיי פון יידן און סיי פון קריסטן, אַ פאַרביסענער קאַמף, אַן אמתדיקע מלחמה מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג". און דאָך איז די וואַל־פרעקווענץ געווען אַ שוואַכע. אויף 28,345 וואַל־באַרעכטיקטע האָבן געשטימט 18,615, דערינטער 2445 געפּסלטע שטימען פאַר די „רויטע" (קאָמוניסטן). גילטיקע שטימען זענען אַלזאָ געבליבן 16,670 ד"ה בערך 65%. די יידישע ליסטעס האָבן באַקומען צוזאַמען 4,448 שטימען.

די פאַרטיילונג פון די שטימען לויט די פאַרטייען איז געווען די פאָלגנדיקע:

פּ. פּ. ס.	3,701	8	מאַנדאַטן
„בונד"	1,042	2	„ (הילער און טאַראַנטשיק)
פּוע"צ „לינקע"	736	1	מאַנדאַטן (טשאַרני)
„ רעכטע	559	1	„ (האַרן)
פּוילישער בלאָק (רעכטע)	6,318	15	„
דייטשן	520	1	„
סאַנאַציע	1,118	2	„
יידישער נאַצ. בלאָק	1,272	3	„ (ערסלער, מיעדזשינסקי, זאַושניצא)
אגודה	683	1	מאַנדאַט (סיני פּראַשקער)
אומפּאַרטייאישע (אַ יידישע ליסטע)	156	—	

„אונזער ראַיאָן־צייטונג" פון 23.10.1927 מאַכט דעם פאָלגנדיקן סך־הכל פונעם אויסגאַנג פון די וואַלן:

„קודם כל מוז מען פעסטשטעלן, אַז הן די פּוילישע הן די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך אַ רוק געטון אויף לינקס. די ענדעקעס, וועלכע גייען היינט אונטער פאַרשידענע פירמעס האָבן פאַרלוירן פון זייער איינפלוס אויף דער פּוילישער גאַס. עס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף פּוילישע ליסטעס 13,647 שטימען, דערפון האָבן באַקומען די פאַראייניקטע נאַציאָנאַלע גרופּירונגען 6318 שטימען, אָדער 46% און די לינקע (פּ.פּ.ס. און קאָמוניסטן) — 6,146 שטימען, ד.ה. 45%. די סאַנאַטאָרן — 1,193 שטימען (9%). ווען עס וואָלט נישט געפּסלט געוואָרן די קאָמוניסטישע ליסטע וואָלטן מיר געהאַט אַ לינקע מערהייט אין שטאָטראַט".

און בנוגע די יידישע ליסטעס שרייבט די דערמאָנטע צייטונג:

„אויף די יידישע ליסטעס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן 4,448 שטימען, דערפון אויף די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און „בונד" — 2,337 שטימען — 52%; אויף די בירגערלעכע ליסטעס — 2,111 שטימען — 48%. די השפּעה פון „בונד" איז געפאַלן. אין יאָר 1919 האָט דער „בונד" באַקומען 60% פון אַלע שטימען".

אַזוי ווי דער צווייטער שטאָטראַט איז געוויילט געוואָרן אין דער „האָניק־תקופה" פון סאַנאַציע־רעזשים, האָבן די יידן איצט זוכה געווען צו אַן אייגענעם לאָווניק (לאָווניקעס פלעגן דעלעגירט ווערן פון די פאַרשידענע גרופּירונגען ווי זייערע פאַרטרויענס־מענער אין מאַגיסטראַט). איצט זענען אין מאַגיסטראַט געווען פיר לאָווניקעס —

צוויי ענדעקעס, איינער פון פּ.פּ.ס. און איין יידישער לאַווניק. פּרעזעס פון שטאָטראַט איז געווען דער ענדעקישער ראַטמאַן ד״ר פּיאַסעצקי, שטאָט־פּרעזידענט דער סאַנאַטאָרישער פּאַכנאָווסקי. הגם די פּאָליטיק צו יידן האָט זיך אין תוך נישט געענדערט, דאָך האָט זיך געלאָזט פילן אַן אַנדערע אַטמאָספערע. די נאַציאָנאַל־יידישע פראַקציע האָט דעריבער געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו דערטיילן דעם מאַגיסטראַט אַ „מאָראַלישן קרעדיט״ און אָפּגעהאַלטן זיך פון שטימען איבערן בודזשעט, בעת די פאָרשטייער פון ביידע פּוע״צ־גרופּירונגען און פון „בונד״ האָבן געשטימט קעגן בודזשעט.

מיט דער פאַרערגערונג פון דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין לאַנד, האָט זיך פאַרשטאַרקט די אָפּאָזיציע קעגן דער סאַנאַציע. אויפן געביט פון שטאָטראַט זענען די רעכטע אַריבער אין אַן אָפּענסיווע קעגן מאַגיסטראַט.

דעם 18טן סעפּטעמבער 1931 האָט דער שטאָטראַט אויסגעדריקט אומצוטרוי דעם מאַגיסטראַט, פאָרוואַרפנדיק אים אַ פאַרשווענדערישע ווירטשאַפט, בודזשעט־איבערשטרייטונגען אדג״ל. קעגן מאַגיסטראַט האָבן אויך געשימט די יידישע לינקע ראַטמענער — הילער, האָרן און טשאַרני. ראַטמאַן ערסלער האָט אָבער דערקלערט, אַז הגם זיין פראַקציע האָט נישט איין מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער ברייטער ווירטשאַפט, וועלכע דער מאַגיסטראַט פירט, האָט זי אָבער צוטרוי צו איר פאָרשטייער אין מאַגיסטראַט (דעם לאַווניק שטאָלצמאַן). די יידיש־נאַציאָנאַלע פראַקציע האָט אַלזאָ געשטימט נאָר פאַר דעם ערשטן טייל פון דער רעזאָלוציע, אין וועלכער דער שטאָטראַט בעט דעם וואָיעוואָדע צו דעלעגירן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע זאָל קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון מאַגיסטראַט. דער סוף איז געווען, אַז די קאָמיסיע, וועלכע דער וואָיעוואָדע האָט נאָמינירט, האָט טאַקע אויסגעפונען „געוויסע אומפּינקטלעכקייטן״ ביים איינקויפן שטיינער פאַרן מאַגיסטראַט און אָפּגעשטעלט אין זיין טעטיקייט דעם... יידישן לאַווניק שטאָלצמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ חלק אין דער טראַנזאַקציע. דעם פאַקט, וואָס די קאָמיסיע האָט נישט אַרויסגעצויגן קיין קאָנסעקווענצן לגבי דעם גאַנצן מאַגיסטראַט נאָר זיך געפונען אַ שעיר לעזאזל, דעם יידישן לאַווניק, האָט די יידיש־נאַציאָנאַלע פראַקציע באַטראַכט ווי אַ בפירושע עוולה.

אין נאָוועמבער 1931 זענען אין שטאָט פאָרגעקומען אַנטי־יידישע עקסצעסן און דער שטאָטראַט האָט צו זיי אָנגענומען אַ גאַנץ מטושטשדיקע — אויב נישט ערגער — שטעלונג. (זע ווייטער ז׳ 126).

דערווייל האָט אָנגעהאַלטן דער ענדעקישער אָנגריף אויפן מאַגיסטראַט. דעם 3טן דעצעמבער 1931 האָט די ענדעקישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אַ דעמאָנסטראַטיוון פאָרשלאַג וועגן רעדוצירן דעם געהאַלט פון שטאָט־פּרעזידענט. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן קעגן — צווישן אַנדערע — די שטימען פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער פראַקציע.

נאָך אַ וואָך, דעם 10טן דעצעמבער 1931, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן אומצוטרוי־וואָטום דעם פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון די ענדעקעס (ד״ר פּיאַסעצקי — פּרעזעס, וויצע־פּרעזעסן — דער גלח וואָיסא און רוטקאָווסקי) און עס איז געוויילט געוואָרן אַ ניי פּרעזידיום מיט אַדוו. וואָזשיניעצקי (סאַנאַציע) ווי אַ פּרעזעס און י. ביאָיאַנטשיק, לעשצינסקי, ד. ערסלער (דער לעצטער האָט באַקומען 12 שטימען) — ווי וויצע־פּרעזעסן.

דער ענין שטאָלצמאַן גייט נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג. „מען האָט געוואָלט אויסגלייכן דעם קאָנפליקט פאַרן פּרייז פון אַ יידישן קאָפּ״ — זאָגט דוד ערסלער בעת דער דעבאַטע איבערן באַריכט פון דער רעווידיר־קאָמיסיע (דעם 25סטן פעברואַר 1932) אין אַ תשובה אויף אַ שאַרפער אַנטיסעמיטישער רעדע פון ענדעקישן ראַטמאַן קוואַשעבאָרסקי. און הילער („בונד״) גיט צו, אַז „מיטן אָפּשטעלן שטאָלצמאַנען האָט מען געוואָלט דער קאַץ (די רעכטע) צוואַרפן אַ מויז״.

די אילוזיעס לגבי דער מערהייט אין שטאָטראַט און מאַגיסטראַט הויבן אָן ביי די בירגערלעכע פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן לאַגער, ביסלעכוויז צו פאַרשווינדן, אָבער צו קיין ראַדיקאַלער ווענדונג קומט נישט. גלייכצייטיק לאָזן זיך מערקן די ערשטע סימנים פון דעמאָראַליזאַציע אין די שורות פון דער יידישער פאָרשטייערשאַפט.

אויף דער בודזשעט־דעבאַטע דעם 6סטן און 7טן אַפּריל 1932 רעכנט ראַטמאַן ערסלער אויס די עוולות, וועלכע עס ליידט די יידישע באַפעלקערונג: „בנוגע יידן — זאָגט ער — האָט זיך די לאַגע גאָרנישט געענדערט. דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט וועלן מיר ווייטער פירן. אונזער שולוועזן, וועלכן מיר מוזן אויסהאַלטן אַליין, האָט ביז איצט קיין אונטערשטיצונג פון דער שטאָט נישט באַקומען. די שולן געפינען זיך דעריבער אין אַ שרעקלעכער לאַגע. איין יידישע פאָוושעכנע שול האָט זיך שוין געמוזט שליסן, די אַנדערע קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן. שול־קינדער ווערן אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס און עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע שולן, וועלכע זאָלן זיי קענען אויפנעמען. אונזערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וועלכע מיר זענען געצוווּנגען — צוליב רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע סיבות אַליין אויסצוהאַלטן — געפינען זיך אין שווערע באַדינגונגען״.

— און דער אויספיר?

„מיר קענען דערפאַר פאַר דעם בודזשעט נישט שטימען. רעכענענדיק זיך אָבער מיט דער יעצטיקער לאַגע, ווילן מיר נישט שטימען קעגן בודזשעט, דערפאַר וועט זיך אונזער גרופּע אָפּהאַלטן פון שטימען״. (וול. שטימע פון 15.4.32).

ראַטמאַן זאַאושניצא פּרוווט זיך מטהר זיין אין די אויגן פון דער סאַנאַציע. ווי אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע — דערקלערט ער — וועט ער זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס און אָפּהאַלטן זיך פון שטימען, כאָטש ער וואָלט גערן יאָ געשטימט פאַרן בודזשעט, וועלכן ער פאַרטיידיקט אגב.

אויך סיני פּראַשקער (דער „אגודה״־פאָרשטייער) האַלט זיך אָפּ פון שטימען, הגם ער שטעלט פעסט, אַז דער מאַגיסטראַט פירט נישט אויס אַפילו די באַשלוסן פון שטאָטראַט וואָס זענען נוגע יידישע ענינים.

אין מאַי 1932 לייגן די ענדעקיש־כאַדעקישע ראַטמענער דעמאָנסטראַטיוו זייערע מאַנדאַטן, דעקאָמפּלעטירנדיק אויף אַזאַ אופן דעם מאַגיסטראַט און דעם שטאָטראַט. פון 34 ראַטמענער זענען פאַרבליבן בלויז 22. אויך דער פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון שטאָטראַט האָט זיך אינצווישנצייט געענדערט. אַ סך ראַטמענער זענען במשך פון די פינף יאָר אָפּגעטרעטן און אַנדערע זענען געקומען אויף זייער אָרט. די הערשנדיקע קרייזן זענען אָבער נישט געווען פאַראינטערעסירט אין פונאַנדערלאָזן דעם שטאָטראַט און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן מיעדזשינסקיס פאָרשלאַג וועגן אַדורכפירן צוגאָב־וואַלן.

אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט קאָמפּלעטירן דעם מאַגיסטראַט דורך נייע לאַווניקעס האָט די יידיש־נאַציאָנאַלע גרופּע באַשלאָסן צו שטיצן די קאַנדידאַטור פון פּ.פּ.ס.־ישן ראַטמאַן קישעל און טראָץ דעם דרוק פון „איינפלוסרייכע פּאָליטישע גרופּן און איינפלוסרייכע פּערזאָנען״ נישט געענדערט איר שטעלונג. בלויז דער ה׳ זאַאושניצא האָט זיך פון דעם באַשלוס אַרויסגעבראָכן און באַלייגט די פאָלגנדיקע דער־

קלערונג: „צוליב דעם וואָס די ראַטמענער פון יידישן „קאָלאָ״ (אַזוי האָט זיך גערופן די יידיש־בירגערלעכע גרופּע ראַטמענער אין שטאָטראַט — מ. ק.), האָבן געשטימט פאַר קישעלן, טרעט איך אַרויס פון „קאָלאָ״ און דערקלער, אַז אין ווירטשאַפטלעכע פראַגן וועל איך גיין מיט ב. ב. (סאַנאַציע — מ. ק.) און אין יידישע פראַגן — אַליין״.

די צוגאָב־וואַלן זענען פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1932 און עס זענען צו זיי געגאַנגען 13 ליסטעס. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך דאָס מאָל פאַרבונדן מיט דער „אגודה״, טראָץ דער שאַרפער קעגנערשאַפט פון „מזרחי״, און אַרויסגעטרעטן א״נ. „פאַראייניקטער נאַציאָנאַל־יידישער קאָמיטעט״. אויף די טענות מצד „מזרחי״ ווי אַזוי קאָן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גיין צו די וואַלן מיט דער „אגודה״, בעת צווישן די די צוויי פאַרטייען פירט זיך אַ ביטערער קאַמף אויף אַלע געביטן, ענטפערט נ. פערלבערג:

„די יידישע באַפעלקערונג אין וולאָצלאַוועק פילט זיך געטראָפן פון דער עוולה, וואָס איז געטון געוואָרן דעם יידישן לאַווניק אינזש. שטאָלצמאַן — אַ יידישער קרבן.

אין שטאָטראַט זענען נישטאָ קיין חילוקי דעות צווישן ציונים, מזרחים א״אַ — דאָ פאַראייניקט אונז דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג.

די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט באַקעמפן די אינטערעסן פון יידישן בירגערלעכן עלעמענט און דערפאַר אַ פאַראייניקטער בירגערלכער פראָנט״. („וולאָצלאווקער שטימע״ פון 28.10.1932).

פון די אַנדערע יידישע פאַרטייען האָבן אַריינגעטראָגן ליסטעס דער „בונד״ — גדאַנסקי, פּוע״צ (רעכטע) — וו. שענקער, פּוע״צ (לינקע) — מ. קוטשינסקי. אויף די ערשטע ערטער זענען אויף דער ליסטע פון פאַראייניקטן נאַצ.־ייד. קאָמיטעט געשטאַנען — אינזש. א. שטאָלצמאַן און ד״ר ל. פוקס.

כדי אָבער צו צעשפּליטערן די יידישע שטימען, זענען דאָס מאָל צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן די עקסטרעם־לינקע (קאָמוניסטן). דער חשבון איז געווען, אַז אַ גרויסע צאָל יידן וועט פאַר זיי שטימען. דער אויסגאַנג פון די וואַלן האָט אָבער געבראַכט אַ ביטערע אַנטוישונג די וואָס האָבן דעם געדאַנק פאַרטראַכט.

אויף 28,387 וואַל־באַרעכטיקטע האָבן געשטימט בסך הכל 6,415, ד.ה. 22,5% (די רעכטע האָבן די וואַלן באָיקאָטירט), פון וועלכע דער פאַראייניקטער נאַצ.־ייד. קאָמיטעט האָט באַקומען 1,329 און עס זענען געוויילט געוואָרן ד״ר פוקס, א. שטאָלצמאַן און פון דער „אגודה״ — מ קאַזשמיערסקי. די פּוע״צ־רעכטע (315 שטימען), „בונד״ (370 שטימען) און פּוע״צ־לינקע — (180 שטימען) האָבן נישט אַדורכגעפירט קיין ראַטמענער. דערפאַר איז אָבער גרויס געווען דער נצחון פון די עקסטרעם־לינקע. זיי האָבן באַקומען איבער אַ דריטל שטימען (2,265) און זעקס מאַנדאַטן, אַנטקעגן 670 שטימען פאַר פּ.פּ.ס. (1 מאַנדאַט) און 636 שטימען (1 מאַנדאַט) — די סאַנאַציע.

די וואַל־רעזולטאַטן זענען אָבער נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפזיכטס־מאַכט גלייך, צוליב אַ פאָרמעלן פּראָטעסט, וועלכן די „פּראַקעס״ (אַ סאַנאַטאָרישע אַרבעטער־פאַראייניקונג — מ. ק.) האָבן קעגנזייטיק אַריינגעטראָגן. דערווייל איז אין נאָוועמבער 1932 פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן לאַווניק שטאָלצמאַן און דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, אַז „שטאָלצמאַן איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע אַרבעטן, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך פאַכלייט און פאַר די פעלערס איז שולדיק דער גאַנצער מאַגיסטראַט״.

אין דעצעמבער 1932 האָט ראַטמאַן זאַאושניצא ענדגילטיק פאַרלאָזן די יידיש־נאַציאָנאַלע גרופּע און איז אַריבער צו דער סאַנאַציע.

נאָכדעם ווי די צוגאָב־וואַלן זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפזיכטס־מאַכט אין פעברואַר 1933, איז דאָס יידישע „קאָלאָ״ באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע ראַטמענער: ד. ערסלער, ד״ר ל. פוקס, מיעדזשינסקי, שמאי ראָט, ס. פראשקער און מ. קאַזשמיערסקי. פּרעזעס פון „קאָלאָ״ איז געווען ד. ערסלער, סעקרעטאַר — מיעדזשינסקי.

אין מערץ 1933 איז געוויילט געוואָרן דאָס נייע פּרעזידיום פון שטאָטראַט: וואָוזשיניעצקי — פּרעזעס, באָיאַנטשיק, ערסלער און אָלשעווסקי (פּ. פּ. ס.) — וויצע־פּרעזעסן; סעקרעטאַר — י. האָרן, וו.־סעקרעטאַר — יורגא. די דאָזיקע זיצונג איז אויך געווען געווידמעט דער עיקר דער ליקווידירונג פון ענין שטאָלצמאַן.

דעם שטאָטראַט אין זיין נייעם צוזאַמענשטעל איז אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג צו אַרבעטן. אין יאָר 1934 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן. דאָס מאָל איז דער שטאָטראַט געוויילט געוואָרן אין באַדינגונגען פון פּאָליטישן טעראָר, דעמאָראַליזאַציע, אויפן יסוד פון אַ נייער, נישט־דעמאָקראַטישער וואַל־אָרדינאַציע און אַ טענדעציעז צוגעשניטענער וואַל־געאָגראַפיע. אויף די 40 מיטגלידער פון וועלכע עס איז באַשטאַנען דער נייער שטאָטראַט זענען געווען: 16 ענדעקעס און כאדעקעס; 20 — פון דער סאַנאַציע; 3 פון יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער (ד״ר ל. פוקס, ד. ערסלער און אינזש. שטאָלצמאַן) און יוסף האָרן, דער געוועזענער פּועלי־ציוניסטישער ראַטמאַן, וועלכער איז אַריבער צו דער סאַנאַציע און פאַרענדיקט זיין קנאַפּ־רומפולע קאַריערע אין דער תקופה, אין אָקטאָבער 1936, פאַרופנדיק זיך אויף זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד. זיין אָרט האָט אין פעברואַר 1937 פאַרנומען ראַמטן מיעדזשינסקי פון די קליינהענדלער.

דער דאָזיקער שטאָטראַט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומגעצוימטער יידן־פרעסערישקייט. די טאָן־געבער זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די ענדעקעס. זיי האָבן אויסגענוצט די שטאָטראַט־טריבונע ווי אַן אָרט, פון וועלכן זיי האָבן געפּריידיקט ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם און דערגאַנגען אַפילו דערצו, אַז אין אָנהויב יאָר 1939 האָבן זיי אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג אָפּצונעמען ביי די יידן זייער בירגער־רעכט.

נישט ווייט הינטערשטעליק הינטער די ענדעקעס זענען געבליבן די סאַנאַטאָרישע ראַטמענער, כאָטש זיי האָבן זיך באַמיט צו באַגרינדן „קולטורעל״ זייערע אַנטי־יידישע גזירות (שחיטה־פאַרבאָט, איינפירן טערגער אין שבת אדג״ל) אינעם באַקאַנטן דאַמאָלסט נוסח פון „ווירטשאַפטלעכער קאַמף — מהיכי תיתי״.

טראַגיש איז געווען די לאַגע פון דעם הייפל יידישע פאָרשטייער אין שטאָטראַט. איזאָלירטע און אויסגעשטעלטע אויף כסדרדיקע באַליידיקונגען, האָבן זיי נישט געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט אויפצוטון עפּעס פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, צו לינדערן איר נויט, אַ פּשיטא שוין, אָפּווענדן די כלערליי גזירות, וועלכע האָבן זיך געשאָטן אויף איר. זייער איינציקער וואָפן איז געווען דאָס כסדרדיקע אָפּרופן זיך צום... געוויסן, צום שכל הישר און פון אויפקלערן די שעדלעכקייט פון אַזאַ פּאָליטיק פאַר די אינטערעסן פון לאַנד און דער שטאָט. זייערע רופן האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן.

דווקא אַן אַנטיסעמיטישער זשורנאַליסט האָט אויפגעכאַפּט די טראַגעדיע פון די יידישע פאָרשטייער אין שטאָטראַט און געשילדערט, אמת איראָניש, זייער גרענעצלאָזע אוממעכטיקייט אין די הערשנדיקע באַדינגונגען:

„אין די פריערדיקע שטאָטראַטן — שרייבט דער „א.ב.צ.״־זשורנאַליסט — זענען שטענדיק געווען 8 יידישע ראַטמענער. געהערט האָבן זיי צו פאַרשידענע גרופּירונגען און פאַרטייען, אָבער אונטערשיידנדיק זיך מיט דעם סאָציאַלן פּראָגראַם, זענען זיי סאָלידאַריש געגאַנגען, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישע פּראַגן.

היינט האָבן די יידן אין ראַט אַזאַ קליינע גרופּע, אַז אַפילו קיין איינער פון די דאָזיקע ראַטמענער קאָן נישט אַריין אין קיין שום ראַט־קאָמיסיע. זיי האָבן אויך טיילמאָל פּראָטעסטירט קעגן דעם. אָבער וואָס? רעגולאַמין איז רעגולאַמין — האָט מען זיי רויק דערקלערט עקס פּרעזידיאָ. זיי האָבן פּראָטעסטירט אויך אין אַנדערע פאַלן, אָפּגעבנדיק דערביי געוויסע דערקלערונגען, אַ צווייט מאָל ווידער פאַרלאָזנדיק דעמאָנסטראַטיוו דעם זיצונגס־זאַל ביי די סימנים פון הנאה מצד דעם ראַטמאַן גורניקעוויטש. (פירער פון דער ענדעקיש־אַנטיסעמיטישער גרופּע אין שטאָטראַט — מ. ק.).

טראָץ דעם וואָס די יידישע גרופּע איז די פערטע אין שטאָט־ראַט, מאַכט זי דאָך דעם איינדרוק פון אַ... פינפטן ראָד אין וואָגן. אמת, די מאָדערנע וועגנס האָבן אַ פינפטן רעזערוו־ראָד, אונזער שטאָט־ראַט האַלט אָבער נישט אַפּנים פון דער... מאָדערנער טעכניק.

די לאַגע פון דער גרופּע אין שטאָטראַט איז האָפנונגסלאָז. בפרט אַז די יידישע ראַטמענער קענען נישט אָדער ווילן נישט דערהויבן זיך צו דער הויך פונעם אינטערעס פאַרן אַלגעמיינעם וווּיל פון דער שטאָט, נאָר פאַרמאַכן זיך מייסטנס אין די ד׳ אמות פון יידישע פּראַגן, דערגייענדיק אין דער אַלגעמיין אומפּרוכטבאַרער אַרבעט אַפילו ביז צום פאַרטיידיקן אַזעלכע באַרבאַרישע אָפּגעלעבטע זאַכן ווי עס איז די ריטועלע שחיטה און זעענדיק אין די פאָרשלאַגן, וואָס האָבן פאַר אַ צוועק צו באַזייטיקן דאָס איבערבלייבעניש, אַזש אַן אַטענטאַט אויף די יידישע „געזעצן״. אַוודאי קאָן אַזאַ שטעלונג נישט פאַרשאַפן זיי קיין סימפּאַטיע אַפילו ביי די ליבעראַלן פון דער ווירטשאַפטלעכער גרופּע. (געמיינט די סאַנאַציע — מ. ק.).

מען מוז אָבער מודה זיין די ראַטמענער פון דער יידישער גרופּע, אַז ביי זייער גאַנצער איזאָלאַציע און אויסשאַלטונג קעמפן זיי גאָר אייפעריק פאַר זייער פאַרלוירענער פעסטונג. זיי האָבן תמיד געווען באַרעדעוודיקע מענטשן. די פּערסאָנאַלע ענדערונגען אין ראַט — אַ חוץ דער ווירטשאַפטלעכער גרופּע (געמיינט די „סאַנאַציע״ — מ. ק.) — זענען אַממייסטנס קענטיק אין דער יידישער גרופּע. עס האָבן געלייגט זייערע מאַנדאַטן די ה״ה שטאָלצמאַן און ערסלער. דער ערשטער — געוועזענער לאַווניק און דער צווייטער — ראַטמאַן פון סאַמע אָנפאַנג ווען דער שטאָטראַט עקזיסטירט אין וולאָצלאַוועק. ביידע — גוטע רעדנער, וואָס אָריענטירן זיך זייער גוט אין די סודות פון דער שטאָטישער פּאָליטיק. היינט צייכענען זיך אויס אין דער יידישער גרופּע די ה״ה ד״ר פוקס און מיעדזשינסקי. דער ערשטער רעדט שטענדיק מיט ערנסט און ווירדע, דענערווירט זיך קיינמאָל נישט, אַפילו דאַמאָלס ווען ער איז אין כעס צוליב די אַטאַקעס פון דער „נאַראָדאָווער״ (ענדעקיש־כאַדעקישער — מ. ק.) גרופּע. ער זאָגט אַרויס זיינע ווערטער מיט כוונה און האָט ליב זיך צו פאַררופן אויף „פּוילישע דיכטער״, וועלכע ער שטעלט אַנטקעגן די היינטיקע אַנטי־סעמיטן. ה׳ מיעדזשינסקי רעדט לעבעדיק און מיט טעמפּעראַמענט. זיין באַליבט פערדל זענען פאַראָרדנונגען און פאָרשריפטן, וועלכע ער קאָן גוט און מיט וועלכע ער האָט ליב זיך שטענדיק צו באַווייזן״. (ציטירט נאָך דער „וול. שטימע״ פון 23.7.37).

פינף יאָר האָט געדויערט די קאַדענץ פון דאָזיקן שטאָטראַט. דעם 23סטן אַפּריל 1939 זענען פאָרגעקומען די לעצטע שטאָטראַט־וואַלן אין וולאָצלאַוועק און געבראַכט, סיי אויף דער פּוילישער און סיי אויף דער יידישער גאַס, אַ דעצידירנדיקן נצחון די אַרבעטער־פּאַרטייען. פּ.פּ.ס. האָט באַקומען 16 מאַנדאַטן בעת אַלע אַנדערע פּוילישע פּאַרטייען האָבן באַקומען בסך הכל 19 מאַנדאַטן (כאַדעקעס — 10, ענדעציע — 4, סאַנאַציע — 5). דער „בונד״ האָט באַקומען 3 מאַנדאַטן (אַדוו. יעקב לעסינג, משה אלמאַן און שלמה הילער). צום פערטן מאַנדאַט האָבן צוגעפעלט 4 שטימען. דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער בלאָק האָט באַקומען 2 מאַנדאַטן. די אַנדערע יידישע פּאַרטייען (פּוע״צ רעכטע און לינקע) האָבן בכלל נישט אַדורכגעפירט קיין ראַטמענער.

דער אויסגאַנג פון די וואַלן איז געווען ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש, וואָרום ער האָט עדות געזאָגט אויף דעם אויסניכטערונגס־פּראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די פּוילישע מאַסן. אויף דער יידישער גאַס האָבן געווירקט אויפן אויסגאַנג פון די וואַלן די מאָמענטן אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן אויבן, אַנאַליזירנדיק דעם אויסגאַנג פון די לעצטע וואַלן צו דער קהילה.

דער־ניי־געוויילטער שטאָטראַט האָט אָבער נישט באַוויזן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און געבראַכט מיט זיך חורבן און אומקום.

אָנפאַלן אויף יידן, אנטי־יידישע העצע און באָיקאָט־אַקציע *

די אַנטווישונג פון די מאַסן פון דער „סאַנאַציע״ האָבן אַרויסגערופן אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן אַ יערונג אין לאַנד, וועלכע די רעכטע, פּוילישע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן אויף זייער אופן, פונאַנדערבלאָזנדיק די אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן. דעם „מאָראַלישן״ הכשר צו אַזאַ אַקציע האָבן זיי איצט באַקומען פון דייטשלאַנד, פון מערבדיקע מדינה דווקא, ווו דער אַנטיסעמיטיזם אין זיין עקסטרעמער, ראַסיסטישער פאָרם, איז „דערהויבן״ געוואָרן צו אַ מדרגה פון אַ „וויסנשאַפטלעכע״ וועלט־אָנשויונג, בעת ביז איצט איז אַנטיסעמיטיזם אָנגעגאַנגען ווי אַ סימן פון אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס איז אייגן בלויז די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

די רעכטע האָבן געפירט זייער אָפענסיווע קעגן דער רעגירונג אויף אַלע אָפשניטן, אָבער זייער הויפּט־נעץ האָבן זיי פאַרלייגט אויף די הויכשולן. אין הערבסט 1931 זענען אויסגעבראָכן אַנטי־יידישע עקסצעסן אין ווילנע, (ווו עס איז געהרגעט געוואָרן בעת די געשלעגן צווישן די פּוילישע און יידישע סטודענטן אַ פּוילישער סטודענט), אין לעמבערג און אין וואַרשע. די וולאָצלאַוועקער שילער פון דער קאַטוילישער „דלוגאָש״־גימנאַזיע האָבן מיט דער שטילער ברכה פון זייערע דערציער באַשלאָסן נישט בלייבן הינטערשטעליק הינטער זייערע חברים אין די הויכשולן.

מיטוואָך, דעם 11טן נאָוועמבער (יאָרטאָג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט) האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די „דלוגאָש״־שילער גרייטן זיך צו מאַכן אָנפאַלן אויף יידן. פאַרנאַכט האָבן זיך טאַקע אין שטאָט באַוויזן די העלדן און אָנגעהויבן זייער „אַרבעט״. עס זענען צעשלאָגן געוואָרן דורך זיי די ה״ה פּריזאַנט, י. קאָוואַלסקי, אַן עלטערער ייד וורּאָצלאַווסקי א״אַ. שפּעטער האָבן זיך די כוליגאַנעס געלאָזט צום „מכבי״ אויף דער קרולעוויעצקא, אָבער דאָ האָבן זיי באַקומען דעם פּסק פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט זיי אָפּגעוואַרט און גוט אָנגעבראָכן די ביינער. ביים

* וועגן אַנטיסעמיטיזם אין די ערשטע יאָרן פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, זע „בונד״, אין דאָזיקן ספר.

„מכבי״ האָט אויך די פאָליציי מיטגעהאָלפן פאַנאַנדערטרייבן די כוליגאַנעס.

צומאָרגנס האָבן די שילער פון די פוילישע גימנאַזיעס געפרווווט איינאָרדנען אַ מיטינג אויפן „פלאַץ וואָלנאָשטשי״, אָבער די פאָליציי האָט זיי פונאַנדערגעטריבן.

פרייטיק, דעם 13טן נאָוועמבער, האָט דער סטאַראָסטע פאַרבעטן צו זיך דעם קהילה־סעקרעטאַר, ה׳ ב. ביעזשינסקי, איבערגעגעבן אים אַז די שילער גרייטן זיך צו אָרגאַניזירן זונטיק אַ דעמאָנסטראַציע און עס וואָלט דעריבער גלייך געווען, אַז יידן זאָלן זיך דעם טאָג נישט דרייען אויף די גאַסן. וועגן דעם איז שבת אויסגערופן געוואָרן אין די שולן און בתי־מדרשים.

שבת, דעם 14טן, ד״ה זענען צום סטאַראָסטע פאַרבעטן געוואָרן די ה״ה ערסלער, סרעברניק, ביעזשינסקי — מצד דער קהילה — און די גימנאַזיע־לערער: גראָבמאַן און אָסטערן.

דער פאָליציי־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, האָט פאַרזיכערט אַז די אָרדענונג אין שטאָט וועט אָפגעהיט ווערן. גלייכצייטיק האָט ער אָבער אויך אויפמערקזאָם געמאַכט די יידישע פאָרשטייער דערויף, אַז זיי דאַרפן משפיע זיין אויף דער יידישער יוגנט, וועלכע איז „אַ טעמפּעראַמענטפולע יוגנט״, זי זאָל איינהאַלטן איר היציקייט און נישט דרייען זיך אין די גאַסן, כדי נישט אויפצורייצן די געמיטער. אַן ענלעך געשפרעך — האָט דער קאָמענדאַנט צוגעגעבן — האָט ער אויך אַדורכגעפירט מיט די גלחים און מיט די דירעקטאָרן פון די פוילישע גימנאַזיעס.

די יידישע פאָרשטייער האָבן דערויף געענטפערט, אַז זיי וועלן טון אַלץ כדי צו באַרויקן די געמיטער, אָבער גלייכצייטיק אויך באַמערקט, אַז די יידישע יוגנט וועט זיך נישט לאָזן שלאָגן.

דעם זעלבן שבת־צו־נאַכט זענען פאָרגעקומען אין שטאָט ווייטערדיקע אָנפאַלן אויף יידן. אויך איז אַ גרופּע שילער אָנגעפאַלן אויף דער געז. „אָרט״, אויסגעבראָכן אין דער קאַנצעלאַריע די פענצטער מיט די ראַמען, אַריין אינעווייניק און צוגענומען די סטעמפּלען, אַ שטול, שרייב־מכשירים און טיילן פון נײי־מאַשינען.

צומאָרגנס זונטיק, דעם 15טן נאָוועמבער האָבן די יידישע עסקנים, די ה״ה: קינאָ, פּ. קאופמאַן, ס. פראַשקער, מיעדזשינסקי, י. זאַאושניצא, שטאָלצמאַן, דער גימנאַזיע־לערער אָסטערן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ ערסלער און באַשלאָסן צו דיזשורירן אין דעם קהילה־בנין כדי צו אינטערווענירן ביי דער מאַכט אין יעדן נויטיקן פאַל.

דעם זעלביקן טאָג איז פאָרגעקומען פאַר מיטאָג אַ דעמאָנסטראַציע פון די פוילישע שילער, אָבער ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער ציגאַנקאַ־גאַס האָט זיי די פאָליציי פאַנאַנדערגעטריבן.

מאָנטיק, דעם 16טן נאָוועמבער האָבן די ה״ה ערסלער און ביעזשינסקי אינטערווענירט אין דער פאָליציי אין ענין פון די אַרעסטירטע יוגנטלעכע. די אַרעסטירטע זענען כמעט אַלע באַפרייט געוואָרן.

דינסטיק, דעם 17טן, זענען כוליגאַנעס באַפאַלן אויף דער מאַשלאַנאַ־גאַס אין די אָוונט־שעהן דעם יוגענטלעכן יעקב דאָרפמאַן* און אים פון הינטערוויל פאַרוווּנדעט מיט אַן אייזן אין קאָפ. דער פאַרוווּנדעטער איז אָפגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, וווּ מען האָט אים געמאַכט אַן אָפּעראַציע. עס זענען אויך דעם טאָג פאַרוווּנדעט געוואָרן הענעך פראָמער, משה מאיערטשאַק א״אַ.

* היינט יעקב דורי, אַ חבר אין אַ קיבוץ.

דער סך־הכל פון די עקסצעסן איז געווען אַ גענוג ערנסטער. עטלעכע יידן זענען צעשלאָגן געוואָרן און עס זענען אויסגעהאַקט געוואָרן 17 שויבן אין דער נייער שול, 12 — אין דער גימנאַזיע און הונדערטער שויבן אין פריוואַטע הייזער.

„די קאָוואַלסקאַ־גאַס — דערציילט די „וואָלאָצלאַווקער שטימע״— קוקט אויס ווי נאָך אַ חורבן. כמעט אין דער גאַנצער ריי הייזער פון 1—5 איז נישט איבערגעבליבן קיין איין שויב, דערונטער אויך אין גערער שטיבל. אויף דער צווייטער זייט קאָוואַלסקאַ זענען אויסגעבראָכן געוואָרן די שויבן אין צענטראַלן האַנטווערקער־פאַראיין און אין דעם בונדישן קאָאָפּעראַטיוו״. אַ ספּעציעל „מזל״ ביי די כוליגאַנעס האָט אויך געהאַט דער שרייבער האָראָנטשיק. אין זיין דירה אויף ביסקופּיא 2, עק קאַרנקאָווסקיעגאָ (אַמאָליקע גענשע־גאַס) „האַלטן די שילער פון דער „דלוגאָש״ — און מלוכה־גימנאַזיע אין איין ברעכן די שויבן״.

די עקסצעסן זענען ליקווידירט געוואָרן נאָך העכער אַ וואָך צייט. דאָנערשטיק, דעם 19טן נאָוועמבער, איז געקומען קיין וואָלאָצלאַוועק אַ ספּעציעלער דעלעגאַט פון דער וואַרשעווער צענטראַלער מאַכט און אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט די יידישע געזעלשאַפטלעכע פאָרשטייער און מיט די אָרטיקע אויספיר־אָרגאַנען. אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע גאַסן. אויף די סלופּעס האָבן זיך באַוויזן אויפרופן קעגן די עקסצעסן (צווישן זיי אַן אויפרוף פון סטאַראָסטע) און אין שטאָט איז געוואָרן מיט אַ מאָל רואיק.

דער שטאָטראַט און די געשעענישן

אויף דער שטאָטראַט־זיצונג פון 16טן נאָוועמבער זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן מצד דער נאַציאָנאַלער גרופּע, דעם „בונד״ און די פּוע״צ־רעכטע דרינגנדיקע פאָרשלאַגן וועגן די לעצטע געשעענישן אין שטאָט.

דער פאָרזיצער, גלח וואָיסע, דערקלערט אין נאָמען פון פּרעזידיום, אַז אַזוי ווי די פאָרשלאַגן זענען עלול אויפצורייצן די געמיטער, שלאָגט ער פאָר איבערשיקן זיי אַן דיסקוסיע דעם סעניאָרן־קאָנווענט. טראָץ די שאַרפע פּראָטעסטן פון די ראַטמענער ערסלער און טאָראָנטשיק, וועלכע ווייזן אויף, אַז אַזאַ האַנדלונג איז קעגן רעגולאַמין, ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון פּרעזידיום מיט אַ גרויסער מערהייט, קעגן די שטימען פון די יידישע און סאַנאַטאָרישע ראַטמענער.

אויף דער שטאָטראַט־זיצונג פון 19טן נאָוועמבער טראָגט אַריין ראַטמאַן הילער אַ פאָרשלאַג אויסצודריקן אומצוטרוי דעם פּרעזידיום. דער פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפן.

די איינהייטלעכע רעזאָלוציע פון סעניאָרן־קאָנווענט, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, האָט געהאַט דעם פאָלגנדיקן תוכן:

„צוליב די לעצטע טרויעריקע געשעענישן אויפן שטח פון דער שטאָט וואָלאָצלאַוועק, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין גאַסן־געשלעגן צווישן דער פוילישער און יידישער באַפעלקערונג און גורם געווען צו שאָדנס פון פריוואַטן פאַרמעגן טאַדלט דער וואָלאָצלאַווקער שטאָטראַט די עקסצעסן און סטעמפּלט די וועלכע האָבן זיי אַרויסגערופן, רופנדיק די באַפעלקערונג אָפּצוהיטן די רו פאַר דער אַלגעמיינער טובה פון די בירגער אין לאַנד״.

ראַטמאַן הילער האָט נאָך געפאָדערט רעיעסטרירן די שאָדנס און פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג אַנטשעדיקונגען פאַר די געליטענע,

אָבער דער פאָרשלאַג איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נישט־ראַלער און דורך דעם רוב אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אָפּקלאַנגען פון די נאָוועמבער־געשעענישן

מער אפשר ווי די עקסצעסן גופא, האָט די יידישע עפנטלעכע מיינונג באַאומרויקט די האַלטונג פון דער פוילישער געזעלשאַפט אין די דאָזיקע טרויעריקע טעג.

„מיר האָבן — שרייבט די „וולאָצלאַווקער שטימע" — אין וולאָצלאַוועק פינף פוילישע צייטונגען און קיין איינע רופט זיך נישט אָפּ. מיר האָבן אין וולאָצלאַוועק פיל קולטורעלע, פוילישע אינסטיטוציעס, פאַראיינען פון לערער און דערציער און... קיינער רופט זיך נישט אָפּ... מיר האָבן דאָ אַ „קויאַווער געזעלשאַפט פון קינדער־פריינד", צו דער געזעלשאַפט געהערן אַ סך יידן. וואָס זאָגט די געזעלשאַפט צו די געשעענישן? גאָרנישט? יידן זענען הפקר?..." (נר. 47 פון 27.11.1931).

אויסגעטיילט צום גוטן האָבן זיך די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן שאַרף פאַראורטיילט די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, אָבער גראָד די הילף פון דער זייט דווקא, איז נישט געווען צום האַרצן פון די יידן און דאָס פון אַ סך טעמים.

אין סיים האָט דעפּוטאַט יצחק גרינבוים אַריינגעטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע וועגן די נאָוועמבער־עקסצעסן אין וולאָצלאַוועק צום אינערן־מיניסטער פּיעראַצקי און דאָס איז געווען דעם מיניסטערס תשובה:

„די אַרויסטריטן קעגן יידן אין וולאָצלאַוועק האָבן נישט געטראָגן קיין כאַראַקטער פון אָרגאַניזירטע עקסצעסן. עס זענען נאָר געווען פאַראיינצלטע ,זאַטשעפּקעס' פון יונגלעך. בעת דער ליקווידירונג פון די געשעענישן האָט די פּאָליציי איבערגעגעבן דעם געריכט פאַר שטערן די אָרדענונג און אַנטקעגנשטעלן זיך דער מאַכט 17 פּערזאָן, צווישן זיי 7 יידן.

פאַר שווער צעשלאָגן אַ געוויסן דאָרפמאַן איז דער ענין תיכף איבערגעגעבן געוואָרן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער און דער שולדיקער איז געוואָרן איינגעזעצט.

די אינפאָרמאַציעס, וועלכע די אינטערפּעלאַנטן האָבן אָנגעגעבן, שטיצנדיק זיך אויף דער „וולאָצלאַווקער שטימע" שטימען ווייט נישט מיטן פאַקטישן פאַרלויף פון די געשעענישן אין וולאָצלאַוועק".

די נאָוועמבער־עקסצעסן האָבן געהאַט זייער עפּילאָג אין די פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען קעגן די באַשולדיקטע אין אָנפאַלן אויף יעקב דאָרפמאַן און משה מאַיערטשאַק.

דער ערשטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען דעם 6טן מאַי 1932. די צוויי באַשולדיקטע שילער פון דער דלוגאַש־גימנאַזיע, זענען געקומען אין געריכט אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַדוואָקאַטן און אַ גרויסע צאָל עדות, וועלכע האָבן באַשטעטיקט זייער „אַליבי" אין דער צייט ווען עס איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל אויף דאָרפמאַנען. דער פּאָליציי־אַספּיראַנט האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז „ביי דער יידישער יוגנט (אַפילו ביי די יידישע גימנאַזיע־שילער, ווי ביעזשינסקי) האָט מען געפונען „ספּרענזשינקעס" (שפּרינגפעדער־מעסערס), פאַלקעס (שטעקנס) אדג"ל, בעת ביי דער פוילישער יוגנט האָט מען גאָרנישט געפונען".

דאָרפמאַן איז אַרויסגעטרעטן אויפן פּראָצעס אַן אַן אַדוואָקאַט און עס איז דעריבער נישט געווען אַפילו קיין מעגלעכקייט צו באַלויכטן אַלזייטיק דעם פאַרלויף פון די עקסצעסן און טאַדלען זייערע אָרגאַניזאַטאָרן. דער סוף איז געווען — ווי עס שרייבט דער באַריכטסגעבער פון דער „וול. שטימע" — אַז די צוויי קריסטלעכע שילער זענען אַרויס ווי ,אומשולדיקע קרבנות' בעת יעקב דאָרפמאַן איז געזעסן „מיט אַ וווּנד אין קאָפּ־און כמעט אַ באַשולדיקטער".

דער צווייטער פּראָצעס אין שייכות מיטן אָנפאַל אויף משה מאַיערטשאַק האָט זיך שוין פאַרענדיקט יושרדיקער. דער באַשולדיקטער האָט באַקומען פיר חדשים תפיסה.

דער וווּקס פון פיזישן און עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם

נאָך פּילסודסקיס טויט האָט זיך איבערן לאַנד פונאַנדערגעגאָסן אַ שמוציקע אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וועלכע האָט געבראַכט נאָך אין דעם זעלביקן יאָר צו די טרויעריק־באַקאַנטע פּשיטיקער געשעענישן. אויך אונזער שטאָט איז נישט געבליבן קיין אויסנאַם און געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַנדערע שטעט אין פּוילן, ווו די אַנטי־יידישע אַקציע האָט אָנגענומען אויף אַלע לעבנס־געביטן באַאומרויקנדיקע פאָרמען.

דעם 30סטן יוני 1935 האָבן רעזערוו־אָפיצירן פאַרכאַפּט דעם לאָקאַל פון „מכבי" (זע ווייטער: ד. שחרי — יידישע ספּאָרט־געזעלשאַפטן), אין סעפּטעמבער פון דאָזיקן יאָר שטעלט פעסט די „וול. שטימע", אַז „די כוליגאַנישע העצעריי קעגן יידן געפינט אַן אָרט אין וולאָצלאַוועק" און ווייסט צו דערציילן וועגן פאַלן פון פאַרטשעפּן יידן און וועגן העצערישע אַנטי־יידישע אויפרופן אין צוזאַמענהאַנג מיט די סיים־וואַלן. אָנהייב יאָר 1936 איז די שטאָט פאַרפלייצט געוואָרן דורך אַן אַ שיעור אַנטיסעמיטישע אויפרופן און ליטעראַטור. גלייכצייטיק איז געפירט געוואָרן אַ שאַרפע באָיקאָט־אַקציע. די שילדן פון כמעט אַלע יידישע געשעפטן זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך ספּעציעלע שוואַרצע פלעקן, למען ידעו...

דעם 17טן מערץ 1936 זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטאָט — ענלעך ווי אין אַלע פוילישע שטעט און שטעטלעך — אַ פּראָטעסט־שטרייק און דעמאָנסטראַציעס קעגן די פּשיטיקער געשעענישן. בעת די דעמאָנסטראַציעס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן אַרעסטן און נאָך אַ חודש (דעם 17.4.36) איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וועלכער האָט אין שטאָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פאַראינטערעסירונג.

פאַרן געריכט זענען געבראַכט געוואָרן פינף יוגנטלעכע: שרה קאָוואַלסקאַ, שיינע וויערושאָווסקאַ, איסר טשאַרני, משה געלבאַרט און אברהם זאַקליקאָווסקי וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין קאָמוניזם* און אין באַליידיקן די פוילישע מדינה. דער פּראָצעס, גלייך

---

* אַ טייל פון די באַשולדיקטע זענען, אמת, געווען אַקטיווע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אָדער חשוד אין סימפּאַטיעס צו איר. די כוונה פון דעם פּראָצעס איז געווען אַ קלאָרע — קאָמפּראָמיטירן ווי אַ קאָמוניסטישע אַקציע דעם סטרייק און די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זענען פאַקטיש אָרגאַניזירט געוואָרן אויס דער איניציאַטיוו פון „בונד" און ספּאָנטאַן אַרומגעכאַפּט אַלע אָן אויסנאַם שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען די איינציקע כמעט אויף דער פוילישער גאַס, וועלכע האָט אין וולאָצלאַוועק געקעמפט קעגן די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס מיט וואָרט און מעשים.

אינטערעסאַנט איז אויך דער אויפרוף, וועלכן דער קרייז־קאָמיטעט פון דער וולאָצלאַווקער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אין יולי 1935, נאָכן פאַרכאַפּן פון „מכבי" דורך די רעזערוו־אָפיצירן:

צו די בירגער פון דער שטאָט וולאָצלאַוועק!

„דער קרייז פון די רעזערוו־אָפיצירן האָט מאָביליזירט זיינע מיטגלידער, אַריינגעריסן זיך אין מיטן העלן טאָג אין „מכבי" (אַ יידישע בורזשואַזע ספּאָרט־געזעלשאַפט), אַרויסגעוואָרפן אַלע מיטגלידער, די איינריכטונגען און מודיע געווען, אַז דער לאָקאַל איז זייער.

ווי די ענלעכע פּראָצעסן פֿון דעם מין צו יענער צייט, האָט געטראָגן אַלע סימנים פֿון די מיטל־עלטערלעכע מכשפֿות־פּראָצעסן און גיסנדיק אייל אויפֿן פֿייער, האָבן זיי למעשה צעפּלאַקערט די אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן אין לאַנד.

די באַשולדיקטע זענען פֿאַראורטיילט געוואָרן אויף 6—8 חדשים (אַ חוץ איינעם — געלבאַרט — וועלכער איז באַפֿרייט געוואָרן) מיט אָפּלייגן דאָס אויספֿירן די שטראָף אויף דריי יאָר. דער פֿאַרלויף פֿון פּראָצעס און זיין אויסגאַנג, האָבן איבערגעלאָזן ביי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַ ביטערן בייגעשמאַק.

די אַנטיסעמיטישע העצע איז געקומען כוואַליעסווייז. אָנגעפֿירט מיט איר אין שטאָט האָט דער ראַטמאַן גורניקיעוויטש און די אַרטיקעלן צייטונג דער „דזיענניק קויאַווסקי" איז געווען איר שופֿר, פֿאַרפֿילנדיק זיינע שפּאַלטן מיט גיפֿטיקע ייִדן־פֿרעסערישע אַרטיקלען און נאָטיצן.

אין מאַי 1936 זענען אין שטאָט פֿאָרגעקומען בלוטיקע מעסער־אָנפֿאַלן אויף ייִדן, אין וועלכן עס האָט געהאַט אַ באַזונדערן חלק די „נאַראַ"־יוגנט. איר נעסט האָט זי געהאַט אויף דער זדונסקאַ־גאַס און פֿון דאָרט געמאַכט אירע כוליגאַנישע אויספֿאַלן אין שטאָט. די „וולאָצלאַווקער שטימע" פֿון 15טן מאַי דערשיינט מיט אַ פֿילזאָג־דיקן ווייסן פֿלעק. דאָס האָט די פּוילישע פֿאָרצענזור אוסר געווען צו פֿאַרעפֿנטלעכן די פּרטים וועגן די אָנפֿאַלן. דערפֿאַר אָבער געפֿינען מיר אין דער צייטונג אַנדערע קאָמוניקאַטן, וועלכע וואַרפֿן אַ ליכט אויף דער אָנגעשטרענגטער לאַגע אין שטאָט.

אין איינעם פֿון זיי ווערט דערציילט וועגן אַ ייִדישער דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פֿון ד"ר פֿוקס, ה. יאַנאָווער, ה. לעווי, ס. פּראַשקער און קהילה־סעקרעטאַר ב. ביעזשינסקי, וואָס האָט באַזוכט דעם 11טן מאַי ביים סטאַראָסטע אין שייכות מיט די אַנטי־ייִדישע אָנפֿאַלן. צומאָרגנס האָט זיך געוואָנדן צום סטאַראָסטע אין דעם ענין אַ צווייטע דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ד"ר פֿוקס און ה. לעווי — מטעם דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די ה"ה ק. יאַקובֿ און ס. פּראַשקער — מטעם דעם סוחרים־פֿאַריין. אַ סבֿרא, אַז די לאַגע איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע און אַפֿילו אַ מסוכנדיקע, וואָרום די מאַכט האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלן קאָמוניקאַט אונטערן קעפּל: „יוגנטלעכע עקסצעסן", אין וועלכע עס ווערט געזאָגט:

די „מכבי"־מיטגלידער און די סימפּאַטיזירנדיקע מיט זיי ייִדן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַרן לאָקאַל און קלאָגנדיק געהאָפֿט, אַז די פּראָקוראַטור און די פּאָליציי וועלן ליקווידירן די דאָזיקע אַנאַרכיע. די געלעגנהייט האָבן אויסגענוצט די ענדעקישע פֿירער (אַ בורזשואַזע, אַנטיסעמיטיש־פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע), מאָביליזירט אַ גרופּע אַרבעטער און אָרעמקייט און אַרויסגערופֿן אַנטי־ייִדישע עקסצעסן.

די פּאָליציי, וועלכע היט שטענדיק אָפּ מיט גרויס אייפֿער די אָרדענונג, האָט זיך דאָס מאָל נישט באַוויזן אויף דער קרולעווסקאַ־גאַס. דער פּראָקוראָר — דער פֿאַרטיידיקער פֿון פּריוואַט־אייגנטום — האָט לאַנג אינגאַנצן נישט רעאַגירט.

די קאָמוניסטן האָבן צונויפֿגעזאַמלט זייערס אַ גרופּע אָנהענגער (פּוילישע און ייִדישע אַרבעטער) און האָבן אויפֿגעקלערט אַ גרופּע אָנגעטראָפֿענע ענדעקעס, אַז זייער קאַמפֿס־זועג איז אַ פֿאַלשער. דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. עס האָט זיך גלייך פֿאָרמירט אַ דיסקוסיע־צוג. קאָמוניסטן זענען געגאַנגען מיט ענדעקעס און צווישן זיך דיסקוטירט. מען האָט געוואָרפֿן לאָזונגען קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאַציאָנאַליזם און פֿאַשיזם. וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן געשעעניש רעדט גאַנץ וולאָצלאַוועק". (געבראַכט לויט Igor Newerly Pamiątka z celulozy, Warszawa, "Czytelnik" 1952 ווי עס ווערן אגבֿ, אויך געשילדערט אין אַ בעלעטריסטישער פֿאָרם די געשעענישן פֿון די דאָזיקע יאָרן.

„אין די לעצטע טעג האָבן אויפֿן שטח פֿון אונזער שטאָט געהאַט אַן אָרט אייניקע וווּליונגערישע עקסצעסן מצד דער נישט מיושבֿ־דיקער סיי פּוילישער און סיי ייִדישער יוגנט, וועלכע רעאַגירט צו שאַרף אויף דער אַגיטאַציע פֿון רעבעלאַנטישע עלעמענטן.

ווי מיר דערוויסן זיך האָבן די זיכערקייטס־אָרגאַנען אונטערגענומען אַלע מיטלען כדי צו לאָקאַליזירן די אַקציע פֿון די רעבעלאַנטישע עלעמענטן, איבערווייזנדיק אין יעטוועדן באַזונדערן פֿאַל די אויספֿירער צו די געריכטן אָדער דעם סטאַראָסטווע, כדי זיי ווי געהעריק צו באַשטראָפֿן.

עס וואָלט אָבער כדאַי געווען אויפֿמערקזאַם צו מאַכן די עלטערע גענעראַציע, זי זאָל משפּיע זיין אויף דער יוגנט, אַז זי זאָל נישט גלויבן דער אַגיטאַציע פֿון די רעבעלאַנטישע עלעמענטן, פֿאַר וועלכע יעטוועדע אַזעלכע עקסצעסן זענען אַ מיטל צו עוועגטועלע גניבֿות און רויב־אָנפֿאַלן".

אויך דעם דאָזיקן מעורפֿלדיקן קאָמוניקאַט האָט די אַנטיסעמיטישע פּרעסע אַפֿילו נישט מטריח געווען זיך אָפּצודרוקן.

די מאַי־עקסצעסן האָבן געהאַט זייער אָפּקלאַנג אין אַ געריכט־זאַל און אָט איז דער פֿאַרלויף פֿון איינעם אַזאַ פּראָצעס, ווי ער ווערט געבראַכט אין דער „וולאָצלאַווקער שטימע" פֿון 12טן יוני 1936:

„מאָנטיק, דעם 8טן ד. ח. איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס פֿון די 5 אַרעסטירטע (4 ייִדן און איין קריסט), וועלכע געפֿינען זיך שוין דריי וואָכן אין תּפֿיסה אונטער דער באַשולדיקונג פֿון האָבן אויסגעפֿירט אַ בלוטיקן אָנפֿאַל אויפֿן קריסטלעכן סטודענט רוטקאָווסקי.

אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקן, אַז דאָס איז שוין דער דריטער פּראָצעס, וועלכער קומט פֿאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט די בלוטיקע אָנפֿאַלן. אָבער — דער דריטער פּראָצעס קעגן די וועלכע האָבן זיך געוועַרט און נישט קעגן די אָרגאַניזאַטאָרן און אויספֿירער פֿון דעם כוליגאַניש־בלוטיקן שפּיל.. די לעצטע זענען ביז איצט נאָך נישט געמשפּט געוואָרן...

פֿאַרן געריכט זענען געשטאַנען די ייִדן: וואָלצמאַן, יאַכימאָוויטש, קוואַשקאָווסקי, אָווענשטערן און דער קריסט גוסטאַוו גראַמס. „דערקענט" די באַשולדיקטע האָבן אייניקע פּאָליציי־אַגענטן און איין מינדעריעריק שיקסל, דאַקעגן האָבן קרובֿ צוואַנציק עדות (פֿון זיי אייניקע סוחרים) פֿעסטגעשטעלט, אַז די באַשולדיקטע האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַרשידענע פּונקטן פֿון שטאָט, און אייניקע האָבן זיך געפֿונען אין דער צוקערניע פֿון ה' מענטליק א.אַ.וו.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, לויט וועלכן די באַשולדיקטע וואָלצמאַן און אָווענשטערן זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 חדשים תּפֿיסה, אָן אָפּלייגן די אויספֿירונג. די בקשה פֿון דער פֿאַרטיידיקונג וועגן באַשטימען אַ קויצע איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן און בײדע פֿאַראורטיילטע זענען צוריק אָפּגעפֿירט געוואָרן אין תּפֿיסה. די רעשט באַשולדיקטע זענען אַרויס פֿריי, אָבער ביינאַכט איז דער באַפֿרייטער יאַכימאָוויטש אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בערעזע..." [1]

פֿאַראַלעל מיט דער רוישיקער באָיקאָט־אַקציע און אַנטי־ייִדישע עקסצעסן — פֿון די לעצטע האָט זיך, אגבֿ, די מאַכט פֿון צייט צו צייט צביעותדיק אָפּגעגרעניצט — האָט זיך געפֿירט אַ קאָנסעקווענטע אַקציע פֿון ליקווידירן ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־

---

[1] דער טרויעריק־באַרימטער לאַגער אין בערעזע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1934 און אַהין זענען פֿאַרשיקט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט פֿאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם אָדער סתּם נישט באַקוועמע פֿאַרן רעזשים עלעמענטן.

אינסטיטוציעס, פון אַנגענומען גענעצן, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ צוועק אַרויסצושטויסן די יידן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, אָדער וועלכע האָבן געמוזט אין די הערשנדיקע באַדינגונגען פּוגע זיין קודם כל די יידישע באַפעלקערונג.

אין יאָר 1936 איז דורך דער מאַכט געשלאָסן געוואָרן דער „יידישער אַקאַדעמישער קרייז", וועלכער האָט יאָרנלאַנג געפירט אַ הילפס־און קולטור־טעטיקייט צווישן דער אָרטיקער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט; די „קולטור־ליגע", די בונדישע ביבליאָטעק און די בונדישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „שטערן".

„דעם 6סטן אַפּריל 1937 — דערציילט די „וולאָצלאַוועקער שטימע" (נר. 16/352 פון 23.4.37) — 12.30 ביינאַכט איז אין לאָקאַל פון „אָרט" (אַלטער מאַרק 2), ווו עס געפינט זיך אויך דער לאָקאַל פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ייש"א) פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. אין לאָקאַל זענען גערופן געוואָרן די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, די ה"ה: כיימאָוויטש, פּייוויש ראַוויצקי און מ. אלמאַן. ס'זענען רעווידירט און דורכגענישטערט געוואָרן אַלע ביכער און פּאַפּירן פון דער אָרגאַניזאַציע. צוזאַמען מיט די פּאָליציאַנטן איז אויך געקומען אַן איבערזעצער, וועלכער האָט איבערזעצט פון יידיש אויף פּויליש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעוויזיע איז אַרעסטירט געוואָרן דער ה' אלמאַן, וועלכער איז נאָך 24 שעה באַפרייט געוואָרן. דער לאָקאַל איז דערווייל פאַרחתמעט, אַזוי אַרום איז אויך די טעטיקייט פון „אָרט" פּאַראַליזירט געוואָרן.

אין שטאָט זענען פאָרגעקומען אין זעלביקער נאַכט נאָך רעוויזיעס און אַרעסטן. צוזאַמען 32 מאַן, פון וועלכע 11 זענען איבערגעפירט געוואָרן אין תפיסה. צווישן זיי געפינען זיך די פאָלגנדיקע יידן: גערצאָוויטש, אָליוועגשטיין, באָרושאַק, האַלטער (פּשייטש) און קאָוואַלסקי (בריסק)".

אויך איז דורך דעם סטאַראָסטע פאַרווערט געוואָרן די טעטיקייט פון „וויקט" (וולאָצ. ייד. קולטור און טעאַטער געז.) מיט דער טענה אַז זי איז באַהערשט פון קאָמוניסטישע איינפלוסן און עלעמענטן.

פּאַראַלעל מיט דער פּאָליצייאישער אַקציע פון טעראָריזירן די באַפעלקערונג און וועלכע האָט געהאַט פאַר אַ צוועק צו ליקווידירן די לינקע־„איינהייטס־פראָנטלעכע" אַקטיווע טוער אין שטאָט איז, ווי געזאָגט, געפירט געוואָרן אויך אַ געזעצגעבערישע טעטיקייט, וועלכע איז מיט איר שאַרף געווען געווענדט קודם כל און בעיקר קעגן די יידן.

נאָך דעם שחיטה גענעץ האָט דער שטאָטראַט אָנגענומען דעם 11טן פעברואַר אַ באַשלוס איינצופירן אַ דריטן טאָרג־טאָג אין שבת, ענדערנדיק די טאָרג־טעג אויף דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת (במשך פון דורות איז דער צווייטער טאָרג־טאָג פאָרגעקומען אין פרייטיק). די דאָזיקע „רעפאָרם" איז געוואָרן פאַרטראַכט מיט דער אויסדריקלעכער כוונה צו טרעפן דעם יידישן האַנדל און סטימולירן דעם פּוילישן.

אָבער אויך די אַנדערע גענעצן, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אויף אַ העכערן שטאַפּל, האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ סכנה פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס קרייז־געריכט איז טיילווייז אַריבער קיין פּויזן (אַ טרויעריק־באַרימט נעסט פון אַנטיסעמיטיזם) און אין מערץ 1937 האָט דער סיים באַשלאָסן איינצוגלידערן, פון 1טן אַפּריל 1938, די שטאָט וולאָצלאַוועק אין דער פּאָמערן־וואָיעוואָדעשאַפט טראָץ די באַוואָרענישן פון פּוילישן דעפּוטאַט טאָמאַשקעוויטש, וועלכער האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די וולאָצלאַוועקער און ניעשאַווער פּאָוויאַטן „גראַוויטירן צו וואַרשע אין פאַרשידענע הינזיכטן".

די אַדמיניסטראַטיווע אָנגעהעריקייט פון וולאָצלאַוועק צו פּאָמערן, ווו די צאָל יידן איז געווען אַ מינימאַלע און ווו עס האָט געהערשט אַפילו אין די „גוטע צייטן", אַ שאַרפער אַנטיסעמיטיזם, האָט געטראָגן אין זיך אַ סך סכנות און די מורא פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען מער ווי אַ באַרעכטיקטע.

דאָס יאָר 1937 איז געשטאַנען אין וולאָצלאַוועק אונטערן צייכן פון אַן אומגעצוימטן עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן די יידישע סוחרים און האַנטווערקער, וועלכע איז געפירט געוואָרן מיט דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג. פאַר די יידישע קראָמען זענען געשטאַנען אומגעשטערט פּיקעטן, מען האָט פאָטאָגראַפירט פּאָליאַקן, וועלכע זענען אַריין קויפן ביי יידן און פאַרעפנטלעכט זייערע נעמען און פאָטאָגראַפיעס אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, אָן אַ שיעור אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור האָט פאַרפלייצט די שטאָט. די פאָלגן פון דער דאָזיקער העצע האָבן נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן, באַשר די פּיסקאַלע מאַכט איז אויך נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט און געדריקט אָן רחמנות דעם יידישן סוחר מיט שטייערן (די באַרימטע „דאָמיאַרן" — צוגאָב־שטייערן פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן). איינע נאָך דער צווייטער האָבן זיך ליקווידירט אַלטע, טיילמאָל פון דורות געפירטע יידישע פירמעס, און זייער אָרט האָבן פאַרנומען פּוילישע אָרטיקע סוחרים אָדער אָנגעקומענע פון די שכנותדיקע קליינע שטעטלעך און פון פּאָמערן.

פאַראיינזאַמטע אָבער נישט פאַריאושטע האָבן זיך די יידן פאַרטיידיקט אין אַלע פאָרמען. די יידישע יוגנטלעכע האָבן מוטיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פיזישן טעראָר, פּראָטעסט־שטרייקן זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס און קיין סיבות האָבן נישט געפעלט. נאָך פּשיטיק איז געקומען דער פּשיטיקער פּראָצעס מיט זיין סילוף הדין, נאָכדעם מינסק און ווייטער — בריסק. דעלעגאַציעס אָן אויפהער זענען געגאַנגען צו די כלערליי מאַכט־אָרגאַנען און געפאָדערט רעכט און זיכערקייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אַלץ אָבער אומזיסט. ווי באַהערשט דורך אַ שגעון איז די פּוילישע הערשנדיקע קליקע געווען פאַרטון מיט איין ענין — די יידן־פראַגע. און בעת אַלע סימנים אויף הימל און ערד האָבן פאָרויסגעזאָגט דעם שרעקלעכן שטורם וואָס ציט אָן, זענען די סיים־דיאַריושן פול געווען מיט דעם ענין שחיטה אדג"ל.

און אין דער צייט האָט זיך אין אַ באַשיידענער דירה אויף אַ זייטיק געסל געגרייט דער גימנאַסטיק־לערער, מאַקס דונקהאָרסט ימ"ש, וועלכן די יידן האָבן געבראַכט קיין וולאָצלאַוועק, יאָרנלאַנג אים געהאָדעוועט און אין אַלע פאָרמען געשטיצט, צו זיין „גרויסן טאָג", ווען ער וועט ווערן די רעכטע האַנט פון דעם טרויעריק־באַרימטן תלין האַנס קראַמער, כדי פאַרוואַנדלען וולאָצלאַוועק אין אַ דייטשע שטאָט און מאַכן זי יידן־ריין.

די ביטערע איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז די שטאָט וועלכע די אַלטע תושבים פלעגן מיט סענטימענט רופן „אַלט־לעסלע" זאָל אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט פון דאָסניי טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען (לעסלאַו) און עס זאָל זיך אַזוי בלוטיק און טראַגיש פאַרמאַכן דער קרייז פון דער כמעט 150־יעריקער יידישער געשיכטע אין וולאָצלאַוועק.

פרופ׳ אפרים א. אורבך / ירושלים

לדמותו של הרב יוסף חיים קרא

לרבים מיוצאי עירנו זכורה תמונתו הפטריארכלית של הרב ר׳ יוסף חיים קרא, שהיתה תלויה במקום מכובד בבתיהם של ותיקי בעלי הבתים שבעירנו. ואין מי שלא יזכור את האוהל הגדול בבית העלמין, שבו מצא את מנוחתו יחד עם אשתו הרבנית, שחיו כזוג מאושר למעלה משבעים שנה.[1] היא נפטרה רק חדשים אחדים לפניו. על קירות האוהל היו חרותות שתי כתובות גדולות שבהן סופר על ייחוסו של הרב מצד אביו „מגזע ר׳ חנינא קרא המוזכר ה׳ פעמים בש״ס" ומצד אמו נין ונכד לגאון המהרש״ל וכן ייחוסה של הרבנית אף היא נצר למשפחת רבנים מפורסמת. לאוהל זה נכנסו פשוטי עם וחסידים והשאירו בו את פתקיהם. גורלו של האוהל היה כגורל כל שאר המצבות של אבותינו. הן נהרסו ונעקרו ממקומן בידי פראים ורשעים והשתמשו בהן לסלילת דרכים וכבישים.

במאמרי זה הנני בא להקים מצבה לדמותו של הרב הישיש, שעליו סיפרו זקני עירנו סיפורים מופלאים, דברי תורה ומילי דבדיחותא, על ידי העלאת קווים לדמותו מתוך חיבוריו וכתביו.

ימי חייו של הרב קרא משתרעים על פני כל המאה התשע עשרה (הוא נולד בשנת 1800 ונפטר בשנת 1895) וימי רבנותו בוולוצלבק — על פני מחצית השניה של המאה (1859—1895). בהיותו יליד עיירה קטנה בשטח הכיבוש הפרוסי, חניך בית מדרשו של ר׳ עקיבא איגר בפוזן, ורב בעיירות הסמוכות לה (פיננה ופורדון) היה עד לחדירתה של ההשכלה ותנועת התיקונים בדת למחוזותיה המזרחיים של גרמניה. בואו לוולוצלבק חל בתקופת פריחתה והתפשטותה של החסידות בפולין הקונגרסאית. הזמנתו של רב מגרמניה לפולין היתה בתקופה ההיא מעשה נדיר ביותר, אבל בקהילת ולוצלבק שלטו משכילים נוסח אשכנז ופטריוטים פולניים, שבהזמינם רב מעבר לגבול חשבו לקדם בעזרתו את מטרותיהם. אולם תקוותם זו נתאכזבה. אמנם הרב דיבר גרמנית ודרש בשפה זו, ידע לתבל את דרשותיו בהבאות מהקלסיקנים הגרמניים, בסיפורים ובמשלים לקוחים מתולדות יוון ורומי, היה נוהג להסתמך גם על פירושיו של ר׳ משה מנדלסון, הזכיר את חיבוריו של נפתלי הרץ וייזל ושל „הרב שד״ל", אבל בדרשות אלה יצא גם נגד „הרוצים להרוס בנין אומתנו הקדושה, לבטל מנהגי קדמוניות, לנטוע זמורת זר על שדמות ארץ אשר נחלנו מאבותינו".[2] כוונתו היתה להקהות „שני המינים מחרפי תורתנו הקדושה", הגם שמלחמתו נגד „חורשי רע" התנהלה לא בחיל ולא בכוח.



הרב קרא היה דרשן מובהק. הוא החל לדרוש בימי נעוריו בשבתו בעיר גנעזן. הדברים הבאים שהוא בעצמו מספרם על תקופה זו מעידים על פשטותו וצדקותו ועל נימת ההומור המצויה לעתים קרובות בדרשותיו: „על דרך אגב אני מזכיר מה שאמרתי על דרך צחות בענין זה בנעורי. אחרי שדרשתי בכל שבת קודש לפני חברה כמה שנים (בק״ק גנעזן) בחנם, נזדמן לפני מצווה רבה שנמשכה לזמן מרובה ונמנעתי לעשותה מחוסר כסף וקראתי את הגבאים דהחברה ואמרתי להם שמעתה אי אפשר לי להגיד בחנם, ואם יתנו בני החברה מה שנצרך למצווה זו, אוסיף להגיד ואם לא אכלא שפתי.

ויתרצו ליתן לי הנדרש בטוב לב". את דרשתו פתח אחר כך במלים: „בלי ספק יתמה בעיניכם על עברי על דברי חז"ל הנזכרים „מה אני בחנם אף אתם בחנם" (נדרים לז א) וקושיה זו לכאורה קשה על כל המגידים". בתשובתו הוא מסביר במשל על רופא שנהג לתת לחוליו תרופות בחנם אבל חולה אחד התקשה בבליעת התרופה והקיאה מפעם לפעם עד שהרופא נתנה לו יחד עם יין יקר ביותר. כשעמד ללכת ביקש הרופא תשלום מהחולה, וכשהלה הביע את תמיהתו, השיב לו שהוא נוהג לתת בחנם רק תרופות אבל לא יין יקר. לו — אומר הרב — היו הדרשנים יכולים להשמיע דברי תוכחה כפשוטם אז בוודאי אסור היה להם לקבל שכר, אבל עליהם לעטוף את דבריהם במשלים, מדרשים, חידות ומליצות ובעדם מותר לקבל שכר, אלא שהוא הבטיח לשומעיו כי שכרו ישתמש רק לדבר מצווה ולא לדבר רשות.[3] הרב המשיך להשמיע דרשותיו עד ערוב ימיו ובהצפירה מיום ב׳, ד׳ מנחם־אב תרנ"ג, מסופר בקורספונדנציה מוולאָצלאַוועק (זהו הכתיב גם בעתונות העברית): „שלשום נשא כבוד הרב הגאון מעירנו מספד וקינה בביהכ"נ הגדול אל הלקח מאתנו פאר דורנו הרה"ג ר׳ ישראל יהושע אבד"ק קוטנא. הבית היה מלא אנשים מפה לפה וכולם עמדו צפופים ודחוקים, ומעיניהם זרמו זרם דמעה כנחל שוטף. האמנם זה איזה שנים לא יצא הרב מפתח ביתו וחוצה, אולם לכבוד הגאון בקוטנא זצ"ל אשר היה ידיד נפשו נשא בפקודתו על כתף לביהכ"נ, ויקשר עליו מספד מר ותמרורים כשעה חדא, ויתאר בצבעים בהירים בשפת אשכנזית צחה את האבדה הגדולה אשר אבדה כנסת ישראל בכלל והוגי תורה בפרט, וכי עזב אותנו לאנחות בלי השאיר תמורתו תחתיו. העם הוסיפו לגעות בבכי ופלגי מים הורידו עיניהם על האי שופרא דבלי בארעא, ואחרי סיימו דבריו צוה להושיבהו, על גרם המעלות ולשלוף נעליו מעל רגליו, ולהחזן נתן מגילה, ויקונן ממנה החזן עם להקת משורריו בקול נהי חודר כליות ולב את הקינה..." אשר חיבר הרב לרגלי המאורע הזה והוא היה אז בן תשעים ושלוש.[4]

את הדרשנות ראה הרב כשליחות ותפקיד. וכך הוא מסביר את שם ספרו „קול אומר קרא" בהקדמתו: „כי יודע אלהים כי לא רציתי מתחילה להתגדר במלאכת הדרוש כי אם שקדתי על דלתי העיון בהלכה ובפוסקים, אולם הרגשתי בלבבי כל ימי חלדי לחץ וצמאון, להוכיח בשער את בני עמי ולהגיד לעמי פשעם ולהסיר חרולי הטעויות מדרכי ההמון ולהנחותו תחת שבט מישור תורתנו הקדושה המישרת דרכי בני אדם ללכת באורח מוסר וצדקה. ויעידון עלי בני לוויתי אשר כמה פעמים נהייתי ונחליתי, שוכב על ערש דווי ובהגיע תור הזמן בשבתות ויו"ט אשר הסכנתי לדרוש ברבים ותהי בלבי כאב עצור בעצמותי, כלכל לא יכולתי וקמתי ממיטתי בחולשת מתנים ורעד ברכים בלי סידור הדרוש מקודם כאילו ממרום קול אומר קרא". דרכו של הרב קרא בדרשותיו היא דרך הדרשנות המסורתית־הלמדנית. הוא לא רק מרבה לצטט מאמרי חז"ל ודרשותיהם, פירושי המפרשים, ראשונים ואחרונים, ספרי פילוסופיה, חקירה וקבלה, אלא מישב סתירות, מקשה ומתרץ, משווה ומפשר. גם הדרשות אשר בהן גוברת יד החקרנות ואשר עקבות ההשכלה גלויים בהן לא ניטל מהם כוח הרעננות והחיות. רוב דרשותיו מצטיינות ברוח אמונה חזקה, בתוכחה כנה ובשאיפה לרומם את שומעיו, להשפיע עליהם ולקרב אליהם את דבר השם. הרגשת סיפוק על השגיו מדברת מתוך דברי הפתיחה הפיוטיים והפתיטיים לדרשה לפרשת פרה:[5] „אליך שמש כל עולמות אור לכל חיים, אלהים צבאות נשאתי את עיני ואודה לך אלהי תהילתי, הגדלת חסדיך עלי לפקח ארובות עיני לרגעים, להציץ מחרכי לבבי אלי מסתרי עדותיך, שפוני טמוני תורתך. אנא אדון, ברוחך הטובה תנה לי אומץ וכוח אשר כל עוד ירבו מספר ימי חיי אדמתי וכן אוסיף לחשוף צפוניך בעיני בני עמי, וכן אעביר ואסיר הענן והאופל אשר ישכון על דברות קדושי קדם, ואפתור חידתם מני קדם, כי טמנו תפוחי־זהב בבלויי בגדים ושפכו מים קדושים בכלי חרס, וכן תחדש רוח נכון בלב שומעי להבין אמרי חכמים ודעת לנפשם ינעם, ויהיו לרצון אמרי פי". ואמנם לא רק דרשותיו אלא גם ספריו זכו להכרה גדולה. הופעת ספר עברי רבני בשתי מהדורות בחיי המחבר היה בה משום חזון נפרץ, והנה ספרו „מנחת שבת" על פרקי אבות נדפס בראשונה בקראטאשין בשנת תר"ז ובמהדורה שניה בורשה בשנת תר"מ. ארבעת הכרכים של ספרו „קול אומר קרא" נדפסו בורשה בשנים תרכ"ו—תר"מ[6] ואחר כך בשנת תרנ"ה בווילנא ולאחר פטירת המחבר שם בשנת תרע"ג. בשנת תרנ"ב, בהיותו בן תשעים ושתים, מכר הרב קרא „בספר המקנה... בערכאות דהיינו אצל הנאטאריוס" את כל הזכויות על ספרו למו"ל ר׳ מרדכי קאצענעלענבאגען בווילנא, עסק בלתי שכיח בקורות הספרות הרבנית. הצלחת ספרי דרשותיו מסתברת בעיקר מחמת לשונם הקלה והנעימה, ההסברה הבהירה התום המלבב של הטפתו, שאינה חסרה נימת הומור בריא ומחמת מידת הזדקקותו לשאלות הזמן. בדברים אחדים להוצאה השניה כותב המסדר והמשלים הרב יהודה ציזלינג: „רבים הדרשנים ישאבו מבאר מים חיים אשר כרה הרב ר׳ יוסף חיים... בכל בתי כנסיותנו ובכל בתי מדרשותינו נשמע קול אומר קרא... עד כי במשך איזה שנים אחר גמר הדפסתו קפצו עליה זביני ויעלו כבכורה בטרם קיץ ויהי ליקר המציאות".

דרך טיפולו בהופעות הדתיות והחברתיות של דורו מצטיינת ברוח של סבלנות ושאיפה כנה לגלות את החיוב שבתנועות השונות, למעט את הניגודים ולמזג את הניתן למיזוג. מאלפים בנידון זה הם הספדיו על גדולי הרבנים מבני דורו. עם כל זהירותו, אין הוא נמנע לגמרי מהשמעת דברי הסתייגות ואף דברי ביקורת. והלא אין זה מקרה שדווקא בהספדו על האדמו"ר ר׳ יצחק מאיר מגור,[7] בעל „חידושי הרי"ם", מגדולי הפלפול והחידוד הוא מצא לו מקום לומר דברי ביקורת נגד החכמים החריפים „שעושים ציצים ופרחים לתורה". הוא משווה אותם לברזל „שהוא נצרך לכלי תבשיל אבל התבשיל איננו המטרה הנרצה כי אם אכילה והשביעה. הוא נצרך למסילה להוליך על ידו העגלה הנושאת ואילו העגלה איננו התכלית... כן הפלפולים בלי ביאור הגון הוא רק כלי פחות אל מטרת המקווה..." אחר כך הוא מוסיף „שגם בזה יש לתלמידי חכמים החריפים סגולת הברזל, שהוא עלול לקבל טומאה ביותר ונעשה אב הטומאה אם נוגע בטמא מת, כן בחכמי הפלפול נדבקת הטומאה הרבה אם ח"ו אינם משמרים עצמם מטומאת הגיאות והקינטור...". ביקורת זו על הפלפול חוזרת בצורה אחרת בתורת תביעה לתיקון בסדרי הלימוד. בהספד על „שלושה גדולי ישראל, ר׳ ישראל סאלאנט, ר׳ שמעון סופר, ור׳ צבי אויערבאך" שנפטרו שלשתן תכופין בתוך משך איזה שבועות".[8] הוא מוכיח את עוון רוב לומדי גפ"ת בזמנו „שאינם עוסקים במקרא ומשנה ויסודי התלמוד ואחר כך הלכה כמו שהורינו השל"ה הקדוש, זולת מגאוות לב שיותר נאה לפלפל בגמרא ופוסקים מלעסוק בגמרא ובמשנה, הגיון ודקדוק". לדברים אלה שלכאורה ריח השכלה נודף מהם הוא מצרף תלונה קשה: „ואיככה נוכל לראות באובדן מולדתנו, כלומר בהנהגות הטובות אשר אנו רגילים לראות ולעשות מימי ילדותנו אשר בכל יום הולכים הלוך וחסור כי נעדרים הצדיקים, אשר יילחמו בזרוע לקיימם כאשר שמענו מאחד מהגאונים הנספדים הוא מוהרש"ס אב"ד דק"ק קראקויא ממסירת נפשו על קיום הנהגת הישנות".[9]

הוא לא התנגד להשכלה לכשעצמה כשהוא מונה את שבחיו של תלמיד חכם חשוב שבעיר, הרב ר׳ שאול ליפשיץ[10] שאותו העריך ביותר, הוא אומר עליו: „— — כי לא נמצא כמוהו איש שלם בשלימות התורה, בקי בש״ס וספרי הרמב״ם ז״ל וחכם בלימודיות, מכתביו ושיריו בלשונינו הקדושה שקולים בפלס ההשכלה ודקדוק״, ומאידך בהספדו על גביר נגיד וחכם בתורה ולימודיות אשר גם שרים עבדי ממשלה הרוממה באו להלויתו, ולכן הספיד אותו הרב בלשון אשכנז צחה, הרי מדגיש הרב את הצד השני של המטבע, כלומר את נאמנותו לשמירת מצוות התורה וזה לשונו: „— — הן האיש הזה למד וקרא הרבה בספרים החיצונים וביחוד הכתובים בכתב ולשון אשכנזי, ואף בחיבורי הפילוסופים, מכחישי אמונה וכופרים ביהדות ואיזן וחקר הרבה על דבר זה לא נשמע ולא נראה ממנו וממנהגות ביתו שום נטיה מאורחות צדק ומדה של תורה כמו שמירת שבת ומאכלות כשרות וכל עניני יהדות ובכל שבת ויום טוב עקבותיו נודעו ונראו בבית הכנסת הקדושה וכל חקירותיו ודרישותיו לא הזיזו אותו ממקום עמידתו על קרקע המקדש ואני אזכיר זאת לתהילתו נגד בני זמננו צעירי ימים קלי הדעת חסרי תבונה אשר כמעט נגעו בקצה משענת שכלם מדבש ידיעות הלימודיות, טרם יתבוננו להבדיל בין טוב לרע בין אמת והשקר און יחשוב על משכבו לעשות הרע בעיני השם...״.[11]

עם כל התנגדותו למתקנים ולמחדשים עמד הרב על סדרי בית כנסת מתוקנים ועל הערך שבהידור מקום התפילה. ברה״ש שבה סיימו את בדק ביהכ״נ והרחבתו דרש דרשה מעניינת. בראשית דבריו הוא מרים על נס את התנהגותם של בני העדה „להקריב קרבן למלאכת הקודש מפרי עבודתם ורכושם אף שהימים ימי עוני וחוסר ורק בזיעת אפם ימצא העם די מחסורם אשר יחסר להם,[12] לא קפצו את ידם והרבו העם להביא מנחתם לתת כבוד לבית מקדשנו וגם נישא ברכה לא־לופי ראשי העדה כי חברו ביזע ברוב אונים ואמיץ כוח להשלים הבנין המפואר הזה...״. לא חסרו כמובן אנשים שטענו נגד ההשקעות המרובות בהידור בית הכנסת ושסבורים היו שמן הראוי היה להסתפק במלאכה צנועה יותר ובמקום זה להקדיש את הכספים לבניית בית תפילה נוסף לבני המקום, אשר מספרם גדל במשך השנים, בפרט שגם התנהגות הציבור בבית הכנסת לא הניחה את דעתם של רבים. הרב קארו נתן ביטוי לספקות אלו בדבריו דלקמן: „וכציור הזה אני משער לב בני עדתי היום בחג החינוך הבית הזה. מי שראה נדיבת לב יח״ס (= יחידי סגולה) ובעוד שהיה מספר בני הקהילה כמו ק״נ נושאי בעול לשמחה הביאו בזמן קצר קרוב לשלושים אלף רו״כ להדר ולפאר הבית הזה עד שכמעט לא נמצא בכל המדינה כבית נכון ונישא כמוהו והיה נאות לאמור עליו מה נורא המקום הזה וכו׳ ומצד יראת הכבוד נמשך בימים הראשונים גם הנהגה טובה וסדרים נכונים לשעות התפילה...״ אבל „בקרב שנים מעטים נעשה מהבית המחודש בית עמא כלומר בית אסיפת העם לשעשוע (פאלקס בערזע) וירד המקדש מטה אל בית מסחר (האַנדלס בערזע) כי לא מנעו עצמם במקום המקודש לדבר מענייני מו״מ וכד׳ ומשם הורד המשכן אל בית הפלגה (קאמפפ פלאץ) כי שם רבו בני ישראל זה עם זה עד שהירא את דבר השם נסעו מהיכל השם אל בית הדיוטות ועשו למו עדרים לבדם כמאמר הנביא (מלכים א כ״ב י״ז) ראיתי את כל ישראל נפוצים אל ההרים כצאן אשר אין להם רועה ועל ידי זה לא שתו אל לב לתקן את בדק הבית ובתוך משך הימים נעשה לחורבה וכמעט נפלו אשיות הארמון הקדוש עד שנאמר עליו על דרך הלצה בכוונה הפוכה: מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים: דלולי היה בית איש פרטי היה משגיח עליו לתקנו, כלומר מה מאוד מסוכן המקום הזה...״.[13]

ספר

קול אומר קרא

כולל

דרושים לכל פרשיות התורה למועדים ולרגלים.

מיוסדים על אדני השכלה אמתית. מאירים מאפל הרבה כתובים במקראי קדש תנ״ך. והרבה מאמרי רז״ל הנראים סתומים וחתומים. והוכם רצוף אהבת ה׳ ויראתו ואהבת התוה״ק בכל פנותיה סביב. מלמדים ארחות צדק, דרכי אמונה, וההרגל במדות טובות המוליכות את האדם אל אושר הנצחי.

זאת מטרת הפין הדרושים האלה, כל אחד כפי ענינו המדובר בו, וכל הוגה בהם ישפוט בצדק כי המלאכה רבה היא, וכל אנשי בינות יתנו יקר לבעליה.

ובסוף כל דרוש על התורה נלוה עליו איזו הערות בביאור המקראות בסדר הפרשה. ונקרא בשם:

טעמא דקרא.

אלה המה בני מורשי לבבי, ותולדות דל שכלי אשר חנני ה׳ בוה, **יוסף חיים** בלאאמ״ו הרב **מוהרי״ז קרא**. התוב״ק **ולאצלאוועק**, ומלפנים אב״ד דק״ק **פרדאן** וק״ק **פיננע** (אשר במדינת פרייסען), בעהמ״ח ס׳ **מנחת שבת** על פרקי אבות, **וטבוח והכן** קונטרס על שו״ב, ושאר ספרים אשר עודם אתי בכתובים. וס׳ **יורה ומלקוש**, הספדים על גדולי ישראל.

ועתה נדפס מחדש בתוצאה שניה — בהוצאות המו״ל הר׳ מרדכי קאצענעלענבאגען נ״י, אשר קנה הזכות מהג׳ המחבר שליט״א לצמיתות עולם — בתכלית ההידור והיופי, ובהוספות ותיקונים רבים, וביחוד חלק **טעמא דקרא נוסף עתה על כל התורה כלה**. גם **לוח המפתחות** לכל חלקי התורה, כמבואר הכל מעבר לשער, וכל השבושים והשגיאות שנפלו בתוצאה הראשונה. הגיה ותיקן כבוד הרב הגאון המחבר שליט״א בעצם כתב ידו.

(לוח המפתחות להלק הזה נמצא בספר ויקרא)

ווילנא

שנת **תרנ״ה** לפ״ק

הרב קרא לא היה חסיד וכל מנהגיו היו כמנהגי רב מתנגד. אבל הראה הבנה רבה לדרכם של חסידים והיה מסוגל להעריך את הטיפוס החסידי הערכה אוביקטיבית. בהספידו בשנת תרל״ה את הרב ר׳ אברהם לנדויא, מחברם של התשובות והחידושים „בית אברהם״, „זכותא דאברהם״ (וורשה תרנ״ה), שהיה רב בצ׳כנוב ונהג כאחד מאדמו״רי החסידים, מעריך הרב קרא זה מול זה את שני הטיפוסים: זה של הרב הדיין איש ההלכה מול האדמו״ר והצדיק: „... והנה מצאנו ראינו שני מיני שלימות אשר יבחרו ישרים לסגולתם, שניהם מגדילים בעליהם, מועילים ומצליחים חברת האנושי, ועכ״ז תכונתם שונה זה מזה, האחת נמצאה אצל שרי הדור ובניה ושופטיה ומנהיגיה, במחוגה גדולה או קטנה, הם יורו לעם דבר חוק ומשפט הן בעניני איסור והיתר, דיני אישות, ובדברי ריבות כפי ההלכה וחוקי התורה והמצוה, הנמסר להם בכתב ובע״פ מאת אדון הנביאים, וחכמי ישראל שבאו אחריו, וגם הם יחקקו בספר לדור אחרון מה שהמציאו בחכמתם להורות משפט עמם בצדק ובמישור, והנה אין במלאכה הזאת לא חמלה ולא חנינה ולא רחמים, רצון ונדיבות, כ״א קו הצדק והמשפט בידם וחלילה להם להטות משפט, ללכת באורח צדקה ונדיבות, נגד דבר חוק ומשפט, כמש״ה (שמות כ״ג ג׳) ודל לא תהדר בריבו, וכן אין להתיר האיסור מצד החמלה והחנינה, אמנם יש שלימות שניה שבחרו בם מקצת צדיקי דור, עושי חסד, כי שמו כל מעינם לטוב חברת האנושי רעיו ואחיו ובני עמו, בתומם יהלכו בחדרי אביונים, בבתי כלאים, מקום אשר אסירי עוני [ולחץ] (ולחנן) אסורים שם, להקל מעליהם תוגת לב, לשית עצות לחלכאים, לנחם נכאי לב,

לחבוש מזור לחולים, ואם קצרה ידם להושיע בדרך הטבעי, ישאו תפלה ותחנונים ליושב שמים, והנה אין ספק, כי שני הצדיקים עושים חיל, לשניהם נאוה תהלה ותפארת, ושניהם הם מאורות להאיר חשכת בני תמותה, ויעוד כל אחד נעלה ונשגב, אהוב וחביב לפני השם יתעלה". תוצאות פעולותיהם של שני סוגי המנהיגים שונות הן אבל שתיהן נחוצות. לעתים רחוקות יקרה ששתי המידות תתאחדנה באיש אחד כמו אצל הרב הנספד אשר עליו הוא אומר: „כי בשנים הפליא לעשות אם מצד היותו רב ומנהיג באחת מקהילות ישראל בשבט הצדק והמשפט ואילו רצתה נפשו היה לראש הקהילות היותר גדולות ומפורסמות אשר כלתה נפשם להושיבהו בראשם כי מודעת זאת שהיה בקיא בכל חדרי תורה כאחד מגאוני קדמאי ויצא שמו בכל אפסי ארץ מחריצת שכלו לבנות ולנטוע בגן תוה"ק בידו הרחבה והמלאה בש"ס ופוסקים ספרא וספרי ותוספתא ושני תלמודים ובמלוא רוחב ספרי הלכה וספרי קבלה. ושפט בצדק דלים והוכיח במישור בני עדתו וכל הקרב אליו לא נשא פנים לעשיר ולא חנן דל בשופטו כי כל אשר נודע לו שעבר בשאט נפש על שום איסור הכהו בשבט פיו עד אשר התוודה את עוונו ושב ורפא לו. ומצד השני הרבה טובותיו לבני אדם, החזיק משפחות אביונים למאות מנדבת רוחו ובחכמתו כי רבה היא הפליא לתת עצה ותושיה לנגעי אנשים הבאים אליו ממרחקי ארץ לקבל ברכתו ולהנות מזיו השכינה אשר זרחה על פניו. והיו גם עיניו ולבו על כללת ישראל לכל אשר ימצא שם בדק. זוכר אני זה איזה שנים אשר זמן בחירת בני חיל מישראל לעבודת הצבא נפל בק"ק ווארשא על חג הסוכות, וירע בעיניו בשמעו דבר כי ישבתו אחיו בני ישראל משמחת חגנו ופקד עלי במכתבו כי אסע לוורשא ולבקש מן השרים העומדים על פקודת הצבא להעתיק מועד הבחירה עד לאחר החג. וחשתי ולא התמהמהתי לשמור מצוותו. כה היו תמיד עיניו פקוחות לטוב בני עמו ולא יכילו יריעות הרבה מסיפור נדבת רוחו, צדקתו וקדושתו. אך אחת היא אשר נפשי יודעת כי מיום שנפטר רשכבה"ג רבינו עקיבא איגר ז"ל לא נמצא בכל גדולי ארצנו אשר יודו עליו כל ישראל כי קדוש הוא מרחם משחר כמו הצדיק הנספד הזה וגם אליו גויים ידרושו, כי שמעו וראו כי רוח אלהים בו, ועד שלא שקעה שמשו של רבינו עקיבא כבר זרחה שמש צדיק זה ואורן של ישראל...". הארכתי בהבאת דברי ההספד הזה כי הם מאירים לא רק את דמותו של הנספד אלא גם של המספיד.

נחום סוקולוב כותב בספרו אישים (חלק ב׳ עמ׳ 198), שהכיר את הרב קרא מולוצלבק, „שהיה תלמידו של ר׳ עקיבא איגר ובהליכותיו ובידיעותיו דמה הרבה אל ר׳ הירש קלישר". ואמנם הרב קרא לא היה רק מעריצם של רצ"ה קלישר של ר׳ אליהו מגריידיץ שאותם הוא קורא „חכמים וצדיקים נושאי נזר הקדושה"[14] אלא היה גם שותף להם באהדתו ובעזרתו לתנועת חיבת ציון. בהיותו בן תשעים ושתים פנה אליו אברהם יעקב סלוצקי המו"ל של הקובץ „מאמרי גאוני הדור בשבח ישוב ארץ ישראל" וביקש ממנו להמציא לו מאמר בשבח ישוב ארץ ישראל. הרב הישיש השיב לסלוצקי בדברים אלה: „אם אמנם הכתיבה קשה עלי מאוד ואין בידי למלאות חפץ מעכ"ת להמציא איזה דרוש או מאמר המהלל והמשבח מצות ישוב א"י אשר מעלתו עוסק בה. — אם יש אצלכם ספרי „קול אומר קרא" כל ארבעה הכרכים, הנה ימצאו מאמר נכבד בדרושי לפ׳ נח (כרך א׳, דרוש ט׳) מחלקה השניה במעלת עובדי אדמה. ומסגולות א"י כתבתי אמרי שפר בדרושי לפ׳ דברים (כרך ד׳, אות א׳), אכן כמעט הוא למותר כי המצוה הרבה הזאת בעצמה ברחובות תתן קולה. מי האיש ירא ה׳ לא יחמול על אחינו אשר כצפרים עפות מקניהם נדדו הלכו למצוא מנוח לכף רגלם בארץ אשר יצא משם זה קרוב לאלפים שנה? ואיך לא תעלה מחשבה על לבנו אולי עתה יראה ה׳ בעני עמו לקיים החזון (ישעיה כ"ז י"ב) „ואתם תלקטו לאחד אחד בני ישראל", ואז אין קץ לשכר נדיבות ימינכם...".[15]

הערכתו לתנועה חיבת ציון נבעה מתוך רגש של סלידה כלפי חיי הגלות, על העניות, הדלות וההשפלה שבהם, העושים, לדעתו, ללעג כל דיבור על הגשמת יעודים ואידיאלים דתיים ומוסריים. באחת הדרשות, שדרש עוד לפני שנת תרכ"ו ושבה הוא דיבר על האידיאל של אמונת ישראל שהוא „להיות כל העמים עתידים ליום הזה לעבוד את השם עד שיקויים על ידם היעוד הנעלה מפי החוזה והולכתי עוורים בדרך לא ידעו בנתיבות לא ידעו אדריכם אשים מחשך לפניהם לאור" (ישעיהו מט ט"ז) הוא אומר, שמטרה זו אין עם ישראל יכול להשיגה, כל זמן שהוא מלובש בבגדים צואים בגדי גלות כי עניו ומרודו של העם מונע את באי העולם מלבוא ומלהתחבר אתו.[16] אין ספק שהדברים היו מכוונים נגד בעלי התעודה מבין רבני המערב. בדעתו זו החזיק עד סוף ימיו ומעטים היו הרבנים בזמנו הן במזרח והן במערב שהיו מסוגלים ומוכנים לאמור דברים כפי שהשמיעם הרב קרא בהיותו בן תשעים בדרשה שדרש בז׳ אדר שנת תרנ"ג:[17] „אמנם מה נעים היה גורלנו ומה יפה ירושתנו אם היינו ראויים ומוכנים לשמות הקדושים האלה ממלכת כהנים ושם אלהים, דהיינו ללמד לבני נכר ארחות צדק ומשפטי השם והיינו למו למשל בהביאנו ברכה לביתינו כבוד והדר בחוצותינו אבל אהה כי עינינו הפוך כחומר חותם ככל מה שיש ללמוד ממידות בית ישראל כמו החמלה והחנינה וכד׳ אפילו הסליחה לשונאיו חינם מי ילמוד דינים והנהגות טובות משפלי המדרגה עניים ואביונים אשר זכרם תועבת נפש"...[18]

הרב קרא לא היה הוגה דעות מקורי וגם לא מנהיג לוחם, אבל אין ספק שנכר לו מקום מיוחד בקורות הרבנות בפולין במאה ה־19 וזה לא רק בגלל למדנותו, ידענותו והשכלתו הרחבה. גם בין הרבנים הדגולים והמצויינים מבני דורו, היו רק מועטים, שעינם היתה פקוחה לראות את משמעות תפקידם באותה בהירות כפי שהגדירה הרב קרא. אולם הוא לא רק הכיר וידע את הבעיות, אלא היה בו הרצון למעט את המתיחות בין הישן ובין החדש ובדרשותיו ניסה למזג את שניהם. מצד אחד פעל במשך כל ימי רבנותו למען קרובם של החוגים, שהרחיקו לכת בהשכלתם, לתפישתו השמרנית, ומאידך האיר באור חדש את דברי התורה הנביאים והחכמים לאלה מבני עירו, אשר רק מקרוב באו ולא ידעו טעמה של השכלה.

במאה ה־20, בפרט בימי מלחמת העולם השניה, נשתנו פני קהילת ולוצלבק. תושביה הוותיקים וצאצאיהם, היו למיעוט גמור והחדשים שבאו מערי השדה הקרובות והרחוקות הגבירו את היסוד החסידי מצד אחד ואת היסוד הפרולטרי מאידך. הקהילה זכתה, שבשנים אלה ישב על כסא הרבנות הרב ר׳ יהודה ליב קובלסקי, גדול בתורה, מתלמידיו המובהקים של הרבי מסוחצ׳וב בעל „אבני נזר", ויחד עם זה בעל השכלה כללית עמוקה, ציוני נלהב ולוחם ללא חת. עם כל מלחמת הדעות וההשקפות בין ציונים לבין אנשי אגודה ובין שניהם לבין הבונד, נשארו קווי יסוד משותפים בדמותה הרוחנית של הקהילה גם בתקופה זו. הערנות הרוחנית והחברתית, מידת הסבלנות, ההליכות הנעימות והנימוסים הטובים גם לגבי המתנגדים בדעות היו נחלתם של מרבית ראשיה ודבריה של הקהילה והם הדביקו גם רבים מאלה שבאו או שנשלחו על ידי מרכזי המפלגות. סגולות אלו, שהקנו שם טוב לקהילתנו בתוך קהילות ישראל שבפולין המדינה, היה בהן לא מעט מנחלת העבר, מנחלת אותה תקופה, שבה פעל ודרש הרב יוסף חיים קרא ז"ל.

[1] ב„מגיד" מס' בניסן תרל"ב, 18 באפריל 1872, נתפרסמה כתבה מפורטת ליום מלאת חמשים שנה לחתונת „אדמו"ר הרב המאוה"ג... כמ"ה חיים יוסף קארו... עם אשתו הרבנית מ' שבע". על פרשת חייו ופעולותיו של הרב קרא ראה במאמרו של י. טרונק על קורות הקהילה.

[2] יורה ומלקוש, ווילנא תרע"ג ב' עמ' ד'. דעות מעין אלו גם השמיע בהספדו על ר' שלמה איגר שנדפס בראשונה בשנת תרי"ג ב„שומר ציון הנאמן": „האמינו אחי האמינו בצער גדול ליושבים לפני אלהים בראותם קלקול הדור... כי עיניהם לנוכח יביטו את הקדוש בעיניהם מאלפי שנים באו פריצים ויחללוהו ולצים יליצון על עיקרי התורה וישיתו לבוז את המדת ישראל ותפארתו מימי עולם..." עם הרב ר' יעקב אטלינגר עמד הרב קרא בחליפת מכתבים ואליו מכוונות התשובות בנין ציון סימן קס"ח (משנת תרי"א), בנין ציון החדשות סימן קכ"ב (משנת תרי"ג) וסימן ק"ל, כל השאלות עוסקות בעניני הלכה וביאורי סוגיות.

[3] יורה ומלקוש י"ט עמ' ב' הערה.

[4] על הקורוספונדנציה חתם: מיכאל ליפסקער, ההספד על הגאון מקוטנא נמצא ב„יורה ומלקוש" דרוש ח', אבל הקינה שצורפה שם היא על הרב מקאַנין והקינה שנדפסה ב„הצפירה" מופיעה ב„יורה ומלקוש" בסוף דרוש ה', ההספד על ר' שלמה איגר.

[5] "קול אומר קרא" חלק ב' עמ' ס"ו.

[6] בראש הספר נדפסו הסכמות מאת ר' דב בעריש מייזלס הרב של ווארשא מאת הרב ר' ישעיה מושקט מפראגא ומאת הגאון ר' ישראל יהושע מקוטנא. לכל ספריו הקדים הרב קרא מפתחות מפורטים של פסוקי המקרא מאמרי התלמוד והמדרשים שאותם פירש בדרשותיו. בספר „קול אומר קרא" הוסיף אחרי הדרשות ביאורים לפשוטם של הכתובים ושל מאמרי חז"ל ואותם קרא בשם „טעמא דקרא". באורים אלה חיבר בעצמו רק עד פרשת יתרו ובמהדורה השניה השלים הרב יהודה בר' יוסף ציזלינג את החסר מתוך כתבי המחבר. בחיבוריו נמנע הרב קרא מדברי פולמוס נגד מחברים אחרים. יוצאים מן הכלל הם דברי הבקרת על ר' יעקב צבי מקלענבורג: „ומה נואלו בזה דברי ריצ"ם בהכתב והקבלה שלו ואינם ראויים להזכירם".

[7] יורה ומלקוש ז' עמ' ג'. שם הנספד לא צוין לא בכותרת של ההספד ולא בגופו אבל אין ספק שהכוונה לאדמו"ר הראשון מגור ועל כך מעידים דברי המחבר: „והנה כמעט למותר להגיד לכם אחי השומעים על מה ירמזון מילי, הגאון הקדוש הזה שאנו עסוקים בהספדו הי' לו ד' מדות אלו שמנה הדורש הנ"ל, דמלבד יראת ה' אשר על פניו שאף זרח לעיני כל באי אליו במחזה, הנה כבר בימי נעוריו הי' חריף עצום אשר לא נמצא כמוהו, וגם מורה הי' לישראל, ויותר משלשים אלף נפש זכו להקביל פניו ושתו ממקור חכמתו, והאציל עליהם מברכתו סלה, וגם הנסתרות לא נכחדו ממנו, ת"ח זה אין לו חליפים, הביטו וראו אם ימצאון עוד בכל הדור עשרה צדיקים אשר יגינו עלינו כמוהו, הוי כי נפלה עטרת ראשינו. גלה כבוד מישראל כי לוקח ארון אלהים, הוא היה אבן פנת החסידות המעולה, ובהעדרו תפול ותהרס להרבה כיתות, וקצתם לא ילכו בדרכיו המתוקנים, הוא היה ברזל ונחשת נגד הקמים להרוס או לשנות בעניני הדת והמוסר, וכסכין ברזל ממורט (שטאהל) הי' שכלו חד ועצום להבין כרגע כל דבר אשר הובא לו, היה בבחי' כסף מזוקק שבעתים בלי סוגי הפניות והרהות, להוציא הלכות על בוריין, כאשר יראה הרואה בספריו הנחמדים...".

[8] יורה ומלקוש דרוש י"ח עמ' ב', את ר' שמעון סופר, הרב מקרקוב הכיר הרב קרא באופן אישי הוא כותב: „ואני הגבר זכיתי להשתעשע עמו בחייו שלושה ימים בכפר בעלזא על חתונת בנו עם בת גביר נדיב ארץ ונתקשרתי אתו בקשר אהבה, עיני ראו כי כל מעשיו לשם שמים וכל שיחו הוא בתורת השם מלא רוח חן רוח אהבת קודש לבני עמו" ר' צבי אוירבך היה רב בק"ק קונין הוא היה קרובו של המספיד. נכדו של ר' חיים אוירבך בעל ה„דברי משפט" ואף הוא ידוע כמחברו של הספר „דברי התורה" על ש"ע חו"שן משפט, ורשה תרמ"א.

[9] מדרכו של המחבר לתלות את מות הצדיקים בעוון הדור. בהספידו את ראש בית דינה של ירושלים „גאון תפארת ישראל מו"ה משה ליב שהיה מלפנים אב"ד בק"ק קוטנא בעהמ"ח ספר זית רענן ושערי ירושלים", הוא אומר: „שמעתי וירגז לבי כי שפיר נוכל לומר עליו שנתפס בעוון בני דורו דהיינו איזה אנשי בליעל הולכי רכיל אשר הציתו אש ומחלוקת בין הגאון הנספד ז"ל ובין הגאון חכם דירושלים עיר הקודש קהל ספרדים ועגמת נפשו הטהורה קרבה מיתתו...". וגם בהספידו את שמש הקהילה שחלה פתאום בבוקר ומת בערב ושאת שמו אין הוא מזכיר משום מה, אבל מכנה אותו „איש ירא השם עושה טוב וחסד", הוא אומר: „אבל יחיד נאמר עליו כפי שידענו שלא נמצא כדוגמתו, ומיתתו בפתע פתאום יורה שמיתתו אינו כמות כל אדם במירוץ הטבע כי יזקן ויחלש זולת עונש על עוונות העדה וחטאת עמו גרמה מיתתו...".

[10] יורה ומלקוש ט"ז א'. מענין מה שמספר הרב קרא על ר' שאול ליפשיץ „שהיה כנדר אצלו לבלתי לבא להתפלל פה בביהכ"נ זו, אמנם נזכרתי כי בעת שנתקבלתי פה לרב, ובאתי תחלה לביהכ"נ להתפלל ולדרוש, עמד הצדיק בביהכ"נ סמוך לפתח לקבל פני בבואי שמה וכאשר שאלוהו ע"ז, שיראה כעבר על נדרו, השיב, אדעתא לקבל פני חכם לא נדרתי...".

[17] יורה ומלקוש ל' עמ' ב' שם הגביר ר' מיכאל, שם משפחתו אינו נזכר בהספד, אבל היא כנראה מיכאל גלדזינסקי, אחד מראשי הקהלה. אנשי ולוצלבק, שהספדים עליהם נמצאים בס' „יורה ומלקוש" הם מו"ה משה דאבזשינסקי, הנגיד ר' אברהם דאנציגר, הרבנים מו"ה אהרן ווערטהיים, ר' אברהם טוראנטשיק, מ' זאב קאנינסקי, ועל הרב מוהרש"י דיין מצויין פה „קהילתנו, אשר עמד לי לעזר כמה שנים במשמרתי משמרת הקדש בעבודת עדתי".

שני המושגים עם וארץ ירדו תאומים וכרוכים לעולם ואינם ניתנים להפרדה, „הארץ זה הבסיס שעליו העם קיים", היסוד שעליו העם בונה את חייו. עם ללא ארץ, ללא קרקע תחת רגליו נמשל לבית שיסודותיו באויר. יש אומרים שעובדת קיומו בגולה במשך אלפיים שנים זו ראיה נאמנה לסגולה מיוחדת שרכש לעצמו עם ישראל, ושאינה מצויה בעמים אחרים. שבטי ישראל המפוזרים והמפורדים זה אלפים שנה בכל קצוי התבל רכשו

לעצמם כשרון הסתגלות לתנאי חיים כאלה, אשר בהם שום עם אחר לא יחיה.

אולם האומר, כי עם ישראל היה חי בגולה בלי רגש מולדת אינו אלא טועה, העם במשך כל שנות גלותו היה קשור בכל נימי נפשו לארץ אבות, הקשר הנפשי בין היהודי ובין ביתו העתיק לא נותק אף לרגע, ואף פעם לא פסק מלקוות ומלהאמין כי קרוב היום וישוב לארצו, מקום מושבו היתה דירת־ארעי ורק את ארץ־ישראל ראה כביתו הקבוע.

בימי הרעות, בזמנים קשים ומרים, ידע היהודי להתרומם מעל לשאלות החיים הריאליים, ומעל לדרישות השעה, והיה ניזון מחזון העתיד בדמיונו שהתפתח עד להפליא, חיי העתיד שלו הצטיירו בצבעים מרנינים ובאור־יקרות: בעיני הרוח היה צופה על חזון העתיד ורואה אותו כהווה מתגשם. הזיקה ההיסטורית של היהודי לארץ אבותיו, האמונה השלימה והחפץ האדיר בגאולה קרובה פתחו בלב היהודי כוחות דמיון חזקים, ועוצם הדמוי האגדי עלה לו לכדי מציאות מתגשמת בחיים.

כך היה לפנים. בעשרות השנים האחרונות התחילו לנשב רוחות חדשים והדמיונות עוד אינם, המונות העם רואים את המציאות הגלותית על מוראותיה וארץ־ישראל שבדמיון שוב אינה יכולה לשמש להם תחליף לביתו הדרוש.

הן דרושה היום ארץ־ישראל שבמציאות וארץ כזאת תבנה רק על ידי מעשים. על ידי עבודה, כל השכבות בעם צריכות להשתתף בעבודה הקדושה הזאת, העם צריך לאמץ את כל רצונו, להשקיע את כל מרצו בבנין המולדת העברית. „קרן היסוד״ זהו המכשיר לבנין הזה ואף יהודי אל ישתמט מעשות חובתו הקדושה ויתרום ל„קרן היסוד״.

אלפי שנה חזינו את הארץ וחלמנו עליה, אלפיים שנה היתה היא לנו לאגדה, עתה צריך העם ברצונו העז להפוך את האגדה למציאות. „אם תרצו אין זו אגדה״.

והנה ציור קטן אשר נתפרסם בעתון הוולוצלבקאי „די וולאָצ־לאווקער שטימע״ בחודש אלול תרצ״א, שנכתב ברכבת בשעת נסעו בתור סינטור לאחת הישיבות של הסינט בוארשה, והמראה שבעודנו תפוס לתפקידו בתוך בא־כוח היהדות הפולנית למוסד מחוקקים ממשלתי, הוא עורג וכמה לציון ולבו ומחשבתו מלאים דמיונות וחזיונות לארץ העתיד, בשאפו לבית המחוקקים של עם ישראל על ארץ מולדתו...

„ידידי! אני יושב כולי בודד בקרון הרכבת. מחשבות שונות עוברות חיש־מהר כמראה הבזק במוחי, בכל רגע נולדות מחשבות חדשות ומיד נעלמות וחולפות מבלי להשאיר כל עקבות. המוח שלי נמצא במצב כאאוטי ובלי סדר, ועד כמה שלא אתאמץ לרכז את מחשבותי על נקודה אחת ויחידה, לא עולה זה בידי בשום אופן. אני ניגש אל החלון, מעיף עין לחוץ, אני רואה ומסתכל מסביב, והנה הטבע מתחיה ומתרענן, הכל פורח, הכל צומח, הכל שמח, מזמר ואומר שירה, כל הבריאה כולה נהפכה לתזמורת ענקית, השרה את ההמנון האלקי, את שיר השירים הגדול, שיר האביב הפלאי, השמש שולחת את שליחיה, את קרניה הנוצצות והן שופכות לכל הבריאה כולה שפעת נגוהות. האדמה מכוסה במרבד ירק יפה, העצים עם זרים אדומים־לבנים, השבלים מתפרצות מתוך קני הקש הצפופות ומברכות את הבריאה המחודשת והמרוענת בג׳סטה נעימה מיוחדת. הנחל זורם בנחת, לאט לאט מתוך שביעת רצון בעל־ביתית, גם היער אינו פורש מן הציבור, גם הוא משתתף בחגיגת האביב הצוהלת, הוא מתפלל תפילה לבבית לבורא העולם, מתפלל שהשמחה הזאת לא תופרע חלילה. הוא מתנועע מרוב התפעלות והצפרים מלוות בנגינותיהן לקצב השמחה.

כמה זמן מבדיל מעת ששלט מצב־רוח של מרה שחורה בחלל העולם? כמה זמן מבדיל מעת שהאדמה היתה מלובשת במלבושים מלוכלכים וצואים? בעת שהעצים היו ערומים, מי ומי כיסה את האדמה במרבד כל כך נהדר ייפה? מי עטר את העצים במהירות כה רבה, בזר יפה עד למאד? מי הוא זה האומן שהיה יכול להראות נפלאות האלה? אני הוזה, אני חולם, ופתאום התעוררה בי איזו הרגשה בלתי נעימה ומבלי משים ניצבה לפני השאלה: האם חג זה הוא גם חגי? האם אני מחותן ושושבין בתוך השמחה הזאת? האם העצים, האדמה, השבלים, היער והנחל משתייכים לי? האם השמש שופכת את קרניה בנצוציהן גם עלי? ולפני עיני מרחפות המלים של המשורר העברי: „אתמה מאד על מאור היום אשר יאיר לכל, ואיך יחשיך אלי ואליך?״. ואני מרגיש את עצמי בודד, גלמוד וזר, אני מרגיש עצמי כאבל בין החתנים, מחשבותי נושאות אותי לעולם אחר, לאוירה אחרת, כמיהה נעימה מתעוררת בלב, נפשי מתערגת אל מולדתנו החביבה העתיקה, מתעורר הרצון ליצור לי כנפים ולדאות רחוק מכאן, רחוק ממקום שהכל זר בשבילנו... לא השמים שלי, לא הארץ שלי, לא השמש שלי, לא הלבנה, לא הנחל, לא היער שלי, המה רחוק מן המקום שהכל נפגש אתי בשנאה כבושה ובזלזול. יש הרצון לעוף לכרמל, ללבנון, להר תבור ולשאר הרי ציון. יש ערגון צובט לירדן, לכנרת, להשלוח, ישנה כמיהה לשמים הכחולים שבארץ־ישראל, לשמש המאירה האהובה הארצישראלית, ללבנה היפיפיה והנהדרת הארצישראלית. הביתה! הביתה! מלים אלה מתמלטות מבלי משים מפי, ואני מתחיל שוב לחזות, ואני נשקע שוב בים של חלומות מתוקים, של דמיונות עשירים, ומיד צומחות לי כנפים ואני מתחיל לטוס למעלה למעלה, בגובה גדול, אני ממריא, אני מרגיש עצמי כל כך קל, מסתבר שה„אני״ שלי הסיר מעליו את הלבוש הגשמי ונשאר רק מלא רוחניות, ישנה הרגשה של תענוג גן עדן של עולם הבא. לאט לאט אובד ה„אני״ שלי את האופי האינדיבידואלי והוא מתהווה כחלק מהרוחניות העולמית של הנשמה העולמית, כפי הרגשתם של ההודים ומיד ה„אני״ שלי יבוטל לגמרי ויגיע למדרגה של נירוַנה...

כמה זמן אני נמצאתי במצב כזה אינני יודע בעצמי, פתאום אני שומע את הקול של מנהל הרכבת: ורשה... ואני נופל מהעולמות העליונים בריקנות הגדולה הנקראת מציאות...״

והנה מאמר חריף של הרב נגד ה„אגודה״ שנתפרסם בעתון היומי „היינט״ מס׳ 216 (מיום 15.9.24, בשם: דברים כנים למנהיגי האגודה. המאמר נכתב, כנראה, מתוך התרגשות וזעם עצומים שהדהים ממש את הקהל וחשמל בשעתו את האוירה הציבורית, וביחוד את ההמונים הציוניים, והחרדים המתרכזים מסביב ל„האגודה״.

„מאז התחילה התנועה החדשה לישוב ארץ־ישראל אתם אוסרים נגדה מלחמה חריפה ומוחלטת. כל האמצעים כשרים לכם, למען הכשיל את בנין המולדת העברית בארץ אבותינו: ידיתם אבנים בכל איש מישראל שנטה שכמו לסבול בעד בנין הארץ. לגדולים כרבי שמואל מוהילבר, ר׳ י׳ י׳ רינס זצ״ל ודומיהם. קראתם בשמות „פושעים״, „אפיקורסים״, „מחריבי דת״ וכהא לישנא.

גייסתם את ראשיכם החל מהאדמ״ורים בפולניה וכלה ברבנים בעלי ההשכלה כר׳ פנחס כהן וד״ר יונג, ושלחתם לחזית לקדש מלחמה נגד הישוב החדש. בשנים האחרונות זימנה לכם ההשגחה העליונה את „הקדוש״ דיהאן אשר „יקנא את קנאת ה׳ צבאות ועל ידי מלשינות בלתי פוסקת ישתדל לקרב קץ המנדט, להחיש מפלה לכופרים „המעיזים״ לבנות בית לעם ישראל נגד רצונה של „האגודה״ המהווה כפי שהיא אומרת את רוב בנינה ורוב מנינה של האומה הישראלית.

ואולי הגיעה השעה שתחשבו את דרכיכם ותעשו חשבון־נפש בכל הנוגע לבנין ארץ־ישראל, ואולי השערוריה של ד״ר דהאן, תפקח את עיניכם ותראו, כי מלחמתכם נגד הרעיון הציונות היא טעות נוראה ומזיקה, כשם שטעיתם מר בקדשכם את שם דהאן, ואולי יתעורר בלבכם רגש

של חרטה על החטאים שחטאתם ועל הנזק שגרמתם לעם ישראל, לארץ־ישראל ולתורת ישראל גם יחד.

למעלה מארבעים שנה עברו מזמן שהתחילה תנועת חיבת ציון ואין ספק כי לולא „מלחמת המצוה" שלכם היו עולים הרבה אלפים יהודים בכל שנה לארץ־ישראל ובמשך ארבעים שנה היה מצטבר למספר ענקי, יחד עם הישוב הקיים ועם הריבוי הטבעי היינו מהוים כבר רוב בארץ־ישראל ועם זה אדוני הארץ.

היתכן כי עם נטל מוסרי כבד כזה תוכלו להמשיך בעבודתכם ההרסנית? היתכן כי מוסר כליותכם לא ידריך את מנוחתכם עד אשר תשובו ותתקנו ככל האפשר במה שפגמתם?

יודע אני, כל החלק הארי של אנשי „האגודה" רואה בדהאן קדוש, שמסר את נפשו על קידוש השם והעובדה כי דהאן נשא נוצריה לאשה, וזו ילדה לו בנים וכי עבר על נשג״ז, את השרץ הזה יודעת „האגודה" לטהר בק״ן טעמים, ועדיין דהאן נשאר כסמל ללוחם מלחמת ה׳ ומקנא קנאת ה׳ צבאות.

ובכדי שהתמימים שבאגודה" תהא להם ההזדמנות לראות בפרצופו הרוחני והמוסרי של דהאן, מוצא אני לנכון לצטט כמה חרוזים מהשירים שהוא חיבר בהולנדית בשנים האחרונות, והדפיסם בשבועות האחרונים לפני הירצחו.

החלק הארי של שיריו אלה מוקדשים לצעיר הערבי עבדול, אשר אתו עמד בקשרים הומוסקסואליים. דהאן שר בנשימה אחת על חייו של ר׳ חיים זוננפלד המתנזר והמתקדש ועל קסמי עבדול הנפלאים הוא עומד על יד הכותל המערבי, שארית שרידנו, וברדת עליו רוח השיר הוא משורר: „מי יופיע עתה לפני, אתה אלהי, או עבדול היקר שלי?" דמיון חולני הביא לידי ביטוי על־ידי חירוף וגידוף, והרי זה רק פרח בודד מהזר כולו: „שבע משירי, מבוסם מחיי, תמיד אתפרץ שובע חדש", „רדוף תאוות ושגעונות אברך (סגי נהור) את אלקים ואת ירושלים". או: „ידעתם כי אין אשמה זולת אשמת אלהים ואין רע אשר האל לא יעשהו" וכיוצא בזה: „תפילתי — רינת השמחה אלהי־הבחורות הרעננה". ועוד: „בבית־החולים יתקעו בשופר הנוטים למות שומעים הקול. זו הודאות של חיי המטים, אלהים לא יראה הכל".

רטט נורא עובר באברים בראותנו לפנינו מחרף ומגדף, עושה מעשה ארץ מצרים, ומעשה ארץ כנען, עומד על הבמה ו„האגודה" המונה אלפי יראים וחרדים, מקטירה לכבודו. זה סוף מעשה כשהתורה נהפכת למכשיר פוליטי. „עמי מאשריך מתעים ודרך אורחותיך בלעו"...

דברים כדרבנות, היוצאים מפי לב פצוע. מובן ש„האגודה" לא נשארה חייבת להרב קובלסקי על המאמר הנועז ויצאה חוצץ נגדו בכל חומר הדין, אבל על הרב קובלסקי לא עשו הדברים רושם.

מתוך החומר שמסרנו, משתקפת אישיותו רבת הגוונים של הרב קובלסקי. הוא היה אדם תקיף בדעתו ולא יחת בפני כל. מה שלבו אמר לו, ומצפונו התווה לו, אמר, כתב ופירסם מבלי היסוס כל שהוא. מפני שהאמת הודאית היתה נר לרגלו וכל מה שביטא ונאם נבע מעמקי לבו, מבלי כל שמץ של פניה או חשבון אישי, או מפלגתי. ותמיד היה רגיל להזכיר בנדון זה את דברי ר׳ יוסי: „הרוצה להחנק יתלה באילן גדול", מי שרוצה להחניק את דעתו, מחשבתו, רעיונו והשקפתו לכבוש את חזונו, חלומו ונבואתו, יתלה באילן גדול, עושה זאת מפני שתולה עצמו בדעה אחרת של איזה גדול, מבלי להתחשב עם דעתו האישית, השקפתו העצמית המצורפת, וזוהי ממש החנקה עצמית... ומי שלא רוצה להחניק את דעותיו יגיד בפומבי מבלי להתחשב עם כל דעה אפילו מי שגדול ממנה, וכן הזכיר תמיד את הפתגם „אוהב אני את אריסטו ואת אפלטון אבל את האמת אוהב אני מכולם", והוא ראה ברעיון שלו רעיון הציונות הנאמנה, את האמת לאמיתה שנצרפה בכור המחשבה והתבונה שלו שנים על גבי שנים.

הרב קובלסקי היה אדם בעל תפיסה היסטורית, כל דבר דן מנקודת ההשקפה ההיסטורית. גם רעיון המזרחי ראה מתוך נקודת ראיה היסטורית של „קורא הדורות מראש", אשר הרעיון הזה ראשיתו נעוצה בשרשי היהדות ההיסטורית העתיקה ופירותיו נטושים על כל מהלך הדורות והתקופות. ומתוך מבט היסטורי העיף על כל אביזריהו של הרעיון הנשגב הציוני הזה וגילם אותו במעשים ממש.

הוא היה בעל מעוף, החובק במוחו ובתחום מחשבתו את מכלול השאיפות של עמנו ואת תמצית בעיותיו ומשאלותיו וביחד עם זה היה בקי בפילוסופיה והוגה דעות עמוק. במאמרו הפילוסופי „תורה, עולם ודברי הימים" (אשר נשאר אצל חתנו הנ"ל ולא זכור לי תכנו), דן על ספרו של רנ"ק, „מורי נבוכי הזמן", מתוך ביקורת חדה וזכה ומתוך ידיעה רחבה ועשירה.

במערכת האישים ובגלריה של האנשים הגדולים אשר פעלו, עמלו, חשבו, הרו והגו למען ציון וירושלים, במערכת האישים הללו אשר מסרו את נפשם ומאודם על מזבח התקומה העברית בארץ העברית, אשר הזיזו את היהדות החרדית מקפאונה והדריכו אותה למעשה, לבנין הארץ ולתקומתה יתנוצץ שמו המפואר של רבי יהודה ליב קובלסקי שהופיע כמורה וכמדריך וכמנהיג של דוגלי הרעיון הזה ובהצבת מצבות ליוצרי תקופות, למחוללי רעיונות, לשובבי נתיבות, למסוללי מסילות. נציב נא מצבה חיה לשמו ולזכרו, אשר תשמש למזכרת ולעדה על פרי־עמלו ויבולו המפריא, אשר קצרנו ב"ה ע"י דמעה, עד שנאסף את פרי יגיענו בבנין עדי עד, עד יבוא שילה.

יהא זכרו ברוך ותנצב"ה.

הרב כ. פ. טכורש / תל־אביב

הרב ר׳ יהודה־ליב קאָוואַלסקי ז״ל

א

לאַנגע יאָרן האָט זיך געטראָגן דער ציוניסטישער געדאַנק אינעם וועלט־חלל פון פוילישן יידנטום, אָבער מיט גרויס מי האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג אינעם לעבן. גרויס אין צאָל און פאַרעקשנט זענען געווען זיינע קעגנער, באַזונדערס אין רעליגיעזן לאַגער. חשובע פערזענלעכקייטן פון דאָזיקן לאַגער, אדמו״רים און גאונים האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אידעע, ביז עס האָבן זיך באַוויזן יחידים, וועלכע האָבן גענומען אין זייערע הענט דעם פאַקל פון אויפלעבונג און מקריב זייענדיק פשוט זייער לעבן, געטראָגן אים צווישן די רעליגיעזע פאָלקס־מאַסן.

איינער פון די גרעסטע און מוטיקסטע קעמפער פאַרן רעליגיעזן־נאַציאָנאַלן געדאַנק אין פוילן איז געווען הרב יהודה־לייב קאָוואַלסקי. געבוירן אין יאָר תרכ״ב (1862) אין פאָוואָנזעק נעבן וואַרשע, האָט ער זיך שוין פון די פריסטע קינדער־יאָרן אויסגעצייכנט מיט זיין עילוישאַפט און מיט די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זענען אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אין זיין רייפן עלטער: אַ שטורמישער טעמפעראַמענט, אַ טיפע גוטהאַרציקייט און אַ שטאַרק אַנטוויקלט געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט. אַ באַזונדערע ליבשאַפט האָט ער אויך זיין גאַנץ לעבן אַרויסגעוויזן צו דער נאַטור. נאָך זייענדיק אַ ייִנגל פלעגט ער זיך אָפט אָפּזוכן אַ באַהעלטעניש אין וואַלד און ווייט פון מענטשלעכע אויגן, האָט ער געקענט במשך פון שעהן נאָכפאָלגן דאָס לעבן פון די חיות און געוויקסן.

באַשאָנקן מיט אַ גרויסער תפיסה און פלייסיקייט, האָט ער זיך שטאַרק מתקדם געווען אין זיינע לימודים. שוין אין עלטער פון 12 יאָר האָט ער געלערנט אַ שיעור גמרא מיט דערוואַקסענע בחורים אין גראַבאָווע (נעבן לענטשיץ), ווו זיין פאָטער, ר׳ נחמן, האָט געפירט דאָס רבנות. דער רום פון יינגן עילוי האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אין דער גאַנצער סביבה.

אין עלטער פון 15 יאָר לערנט שוין דער מהרי״ל קאָוואַלסקי ביים סאָכאַטשאָווער גאון ר׳ אברהם ז״ל און איז איינער פון זיינע בעסטע און באַליבסטע תלמידים. אַדאַנק זיין גרויסן פלייס און שאַרפזין באַהערשט ער גיך די שיטה פון לערנען פון זיין גרויסן רבין, אַ שיטה וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר לאָגיק און עמקות און וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער לומדים־וועלט. אין עלטער פון 17 יאָר באַקומט מהרי״ל קאָוואַלסקי סמיכה אויף רבנות פון זיין גרויסן רבין און לערער, דעם סאָכאַטשאָווער גאון זצ״ל. דאָ האָט ער געלערנט ביז זיין 18טן לעבנסיאָר, ווען ער האָט חתונה מיט פרל׳ מינדל, דער טאָכטער פון אַ באַקאַנטן לענטשיצער סוחר און למדן, ר׳ שמואל זיינוויל, זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין במשך פון גאַנצן לעבן. די רבנית איז געווען אַן אינטעליגענטע פרוי, באַהאַוונט אין יידישע לימודים, געהאַט אויך אַלגעמיינע בילדונג, געקענט עטלעכע שפּראַכן און געווען בקי אין דער קלאַסישער ליטעראַטור. נפטר געוואָרן איז זי אין יאָר 1939 אין וולאָצלאַוועק.

נאָך דער חתונה האָט הרב קאָוואַלסקי געלערנט אין לענטשיצער בית־המדרש (די שטאָט ווו ס׳איז געווען רב דער מלבי״ם) מיט די שטאָטישע בחורים עטלעכע שיעורים טעגלעך און שפּעטער געלערנט אַליין מיט גרויס פלייס ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין.

ווען זיין פאָטער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב אין קאַוואָל דקוי״ (נעבן וולאָצלאַוועק), איז מיט אים דאָרט אויך אַריבער דאָס יינגע פּאָרפאָלק. אין עלטער פון 19 יאָר האָט הרב קאָוואלסקי געהאַלטן אין דער פול־געפּאַקטער קאַוואָלער שול זיין ערשטע דרשה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טיפן און רייכן אינהאַלט. די דרשה האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף די צוהערער, אַז פון גרויס התלהבות האָבן זיי אים אויף די הענט געטראָגן אַהיים.

למעשה האָט הרב קאָוואַלסקי אָנגעפירט מיט די ענינים פון קאַוואָלער רבנות, היות ווי זיין פאָטער, וואָס איז שוין געווען אויף דער עלטער, האָט זיי אים איבערגעגעבן. דער יונגער רב האָט זייער אָפט געהאַלטן דרשות, געלערנט תורה און גלייכצייטיק משלים געווען זיינע אַלגעמיינע ידיעות, וועלכע זענען אים נויטיק געווען כדי צו באַקומען — אין הסכם מיטן געזעץ — דעם מלוכה־אַטעסטאַט אויף רבנות. אין עלטער פון 20 יאָר האָט ער באַלייגט דעם עקזאַמען פון פינף קלאַסן און באַקומען דעם אַטעסטאַט.

אין יאָר תרמ״ה (1885) אַלט זייענדיק 23 יאָר, איז ער מיט גרויס כבוד אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב אין גראַבאָווע, אין דער שטאָט אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. זעקס דורות פון דער משפּחה קאָוואלסקי זענען געזעסן אויף דעם כסא הרבנות אין דער דאָזיקער שטאָט.

אין גראַבאָווע האָט הרב קאָוואַלסקי געפירט אַ גרויסע ישיבה פון וועלכער עס זענען אַרויסגעקומען חשובע רבנים און תלמידי־חכמים. עטלעכע פון זיינע תלמידים, אגב, זענען אַריבער צו וועלטלעכע לימודים און געוואָרן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן אדג״ל. הרב קאָוואַלסקי האָט זיך אויסגעצייכנט נישט בלויז מיט זיין לומדות און עמקות, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף זיינע תלמידים, נישט ווייניקער האָט אויך זיי משפּיע געווען זיין רייכע און פילזייטיקע פערזענלעכקייט, וועלכע איז דאַמאָלט געווען אין סאַמע אויפבלי, ווי אויך זיינע גרויסע מידות.

הרב קאָוואַלסקי האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט וועלטלעכע לימודים. ער האָט שטודירט די קלאַסישע ליטעראַטור, געשיכטע און פילאָזאָפיע און האָט זיך דערוואָרבן אַ שלל ידיעות אויף דעם געביט. אַ ספּעציעלן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן פאַר דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע און געקענט כמעט אויסווייניק דעם מורה נבוכים, כוזרי, חובת הלבבות א״אַ. דאָ — ווי אין די לימודים בכלל — איז אים צוהילף געקומען זיין פענאָמענאַלער זכרון.

זייער אַן אַקטיוון אָנטייל האָט הרב קאָוואלסקי גענומען אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט אָרגאַניזירט פילאַנטראָפּישע חברות און אַ סך כוחות האָט ער מקדיש געווען כדי אויפצושטעלן דעם פּרעכטיקן בנין פון דער אָרטיקער שול. בעת עס איז אויסגעבראָכן די כאָלערע־מגיפה רח״ל אין שטאָט, האָט הרב קאָוואַלסקי אַרויסגעוויזן אַ גרענעצלאָזע אָפּפערווויליקייט. ער האָט באַזאָרגט די נויטבאַדערפטיקע מיט שפּייז, דעזינפעקציע־מיטלען, מעדיקאַמענטן אדג״ל. פאַר זיין איבערגעגעבענער רעטונגס־אַרבעט האָט ער באַקומען פון קאַלישער גובערנאַטאָר אַ דאַנק־בריוו.

אינעם יאָר תרנ״ז (1897) איז הרב קאָוואַלסקי אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד ווי אַ רב אין כאָזשעל. דאָרט איז ער געזעסן

אויפן כסא הרבנות צוויי יאָר און אויסגעצייכנט זיך אויף אַלע געביטן. ער האָט דאָ געפירט אַ ישיבה פון 200 בחורים אָנגעקומענע פון נאָענט און פון ווייט, געגרינדעט געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס און באַמיט זיך צו שאַפן די פאָנדן פאַר זייער אויסהאַלטונג. איז ער טאַקע געווען געשעצט און באַליבט אין דער שטאָט.

אין יאָר תרנ"ט (1899) ווערט הרב קאָוואַלסקי פאַרבעטן איבערצונעמען דאָס רבנות אין דער גרויסער וולאָצלאַווקער קהילה, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דאָס הויפּט־קאַפּיטל פון זיין לעבן. דאָ האָט זיך זיין פּערזענלעכקייט אַנטפּלעקט אין איר פולן גלאַנץ און ער איז טאַקע באַרימט ווי דער „וולאָצלאַווקער רב".

כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז זיין קאַנדידאַטור האָט אַרויסגערוקט נחום סאָקאָלאָוו, בעת עס האָט זיך צו אים געווענדעט אַ דעלעגאַציע פון וולאָצלאַווקער אָנגעזעענע בעלי־בתים און געבעטן פון אים אַן עצה וועמען צו וויילן ווי אַ רב אין שטאָט. סאָקאָלאָוו האָט געשעצט דעם רב קאָוואַלסקי ווי אַ גרויסן למדן פול מיט חכמה און שכל און אויך ווי אַ קריסטאַל־ריינעם מענטשן, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיין גרויסער ערלעכקייט און זיין וואַרעם פילבאַר יידיש האַרץ.

כאַראַקטעריסטיש פאַר הרב קאָוואַלסקי איז דער תנאי, וועלכן ער האָט געשטעלט דער דעלעגאַציע וואָס איז געקומען קיין כאָזשעל כדי אים צו קרוינען מיט דער קרוין פון וולאָצלאַווקער רבנות. ער האָט בפירוש זיך אויסגערעדט, אַז ער וועט נישט האַלטן קיין קאַנדידאַטן־דרשה. „איך האָב שוין — האָט ער געזאָגט — באַלייגט מיין רבנות־עקזאַמען זייענדיק רב אין צוויי יידישע קהילות און ס'איז נישט לכבוד התורה איך זאָל נאָכאַמאָל אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַן עקזאַמען". די דעלעגאַציע האָט מסכים געווען אויף דעם תנאי און זיין ערשטע דרשה האָט הרב קאָוואַלסקי טאַקע געהאַלטן ערשט נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען דעם כתב רבנות. (דאָס האָט מיר איבערגעגעבן ה' י. ל. גרינבוים פון תל־אביב, וועמען דער רב האָט עס דערציילט).

מיט גרויס פייערלעכקייט און מיט קעניגלעכן כבוד, ווי קיינער פאַר אים, איז הרב קאָוואלסקי אויפגענומען געוואָרן דורך דער וולאָצלאַווקער קהילה. די גרעסטע לומדים, חסידים, די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים פון שטאָט ווי אויך פשוטע יידן פון אַלע שיכטן, זענען אַרויסגעפאָרן אים אַנטקעגן כדי אים מקבל פנים זיין. דער טאָג ווען ער איז אָנגעקומען אין שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן יום־טוב.

ער האָט זיך אויך גלייך דערוואָרבן די אַלגעמיינע ליבשאַפט פון שטאָט. אַלע, חסידים, מתנגדים און אַפילו די אַסימילאַטאָרן האָבן אים פאַרערט. צו דער צייט האָבן אין אַלע קהלשע אינסטיטוציעס געהערשט די אַסימילאַטאָרן, וואָס עס האָט פאַרשאַפן דעם רב אַ סך צער. גלייכצייטיק האָט דאָס אָבער געוועקט אין אים אויך דעם גייסט פון קעמפערישקייט כדי אַ סוף צו מאַכן צום דאָזיקן מצב.

די פלאַם־פייערדיקע רעדעס און די רייכע אין תוכן דרשות, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויך מיט זייער שיינעם און קלאָרן סטיל, האָבן צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע צוהערער, אַפילו פון די אַסימילאַטאָרן, קעגן וועלכע ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן. אונטער זיין השפעה האָבן זיי — מענטשן על־פי־רוב מיט קולטור און בילדונג — פּאַמעלעך געביטן זייערע מיינונגען. זייערע שורות זענען געוואָרן כסדר שיטערער און אַ סך פון זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן גוטע און איבערגעגעבענע נאַציאָנאַלע יידן, הייסע חסידים פון הרב קאָוואלסקי, וועלכער איז געוואָרן זייער ראַטגעבער און גייסטיקער מדריך.

צו דער צייט האָט דער פּאָליטישער ציוניזם געשטעלט זיינע ערשטע שריט און דער רוף פון גאולה האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אין דער וועלט פון פּוילישן יהדות. דער דאָזיקער רוף איז טיף אַריינגעדרונגען אין רבס האַרצן און אויסגעפילט אַלע זיינע קעמערלעך.

פון אָנפאַנג איז ער געווען אַ פלאַמיקער חובב־ציון. שפּעטער אָבער, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אויפגעברויזט די יידישע וועלט און זיך אַנטוויקלט אין אַ מאַסן־באַוועגונג, האָט זיך הרב קאָוואַלסקי אָנגעשלאָסן אָן איר מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיט לייב און לעבן און פאַרשפּרייט דעם ציוניסטישן געדאַנק ביי יעטוועדער געלעגנהייט: אין שול, בית־מדרש און אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען. ער האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און אומעטום אויפגעפלאַמט די הערצער, געוועקט די מוחות פון די אַלע, וועלכע האָבן נאָך געשטעקט אין די ד' אמות פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע און נישט געקענט זיך פון איר באַפרייען.

אַ דערניקער איז געווען זיין וועג און פול מיט צער. פון אַלע זייטן האָט מען אים פאַרביטערט דאָס לעבן און מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט משפיע צו זיין אויף אים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אידעע. עס האָבן זיך אויף אים געשאָטן פּראָטעסטן, איסורים און קללות מצד אדמו"רים און גרויסע רבנים פון איין זייט און פּערזענלעכע באַליידיקונגען, רדיפות מצד חסידים — פון דער צווייטער זייט. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די געלעגנהייט זיין אַן עדות ווי עס זענען כמעט טאָגטעגלעך אָנגעקומען צום רב פּאַשקווילן, בריוו מיט ביטערע קללות און שאַרפע באַליידיקונגען אויף זיין אַדרעס ווי אויך ווענדונגען פול מיט תחנונים, ער זאָל פאַרלאָזן דעם „מסוכנדיקן וועג" פון ציוניזם. דער רב איז אָבער געבליבן אומגעבויגן. עקשנותדיק און פול מיט ענערגיע און דעטערמינאַציע, האָט ער ממשיך געווען זיין וועג. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק איז טיף אַריינגעדרונגען אין זיין בלוט און געוואָרן אַן אינטעגראַלער חלק פון זיין ישות.

ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שאַרפער קעגנערשאַפט מצד די אדמו"רים צום ציוניסטישן געדאַנק, האָט ער — ווי אַדורכגעדרונגען מיט אַ רוח הנבואה — געזאָגט: „איך בין זיכער, אַז די אייניקלעך און די אור־אייניקלעך פון די דאָזיקע אדמו"רים שליט"א וועלן זיין צווישן די עולים און די אָנטיילנעמער פון דער אויפבוי־אַרבעט אין אונזער פאָטערלאַנד".

אויך דער סאָכאַטשאָווער גאון און אדמו"ר, ר' אברהם זצ"ל, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב משפיע זיין אויף זיין תלמיד, וועלכן ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, ער זאָל פאַרלאָזן דעם וועג אויף וועלכן ער האָט „פאַרבלאָנדזשעט". די אויפריכטיקע ווערטער פון סאָכאַטשאָווער, וועלכע זענען געווען דיקטירט דורך זיין הייסן באַגער צו ראַטעווען הרב קאָוואַלסקי פון זיינע „טעותים", האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פּעולה. דער רב איז געבליבן געטריי דער ציוניסטישער אידעע, וועלכע איז געוואָרן אַ חלק פון זיין האַרץ און נשמה. די וועגן פון גרויסן רבין און זיין גרויסן תלמיד זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף אייביק.

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט אָנגעקניפּט מיטן רב קאָוואלסקי ענגע באַציונגען הרב הגאון מהר"י ריינעס ז"ל.ביידע האָבן געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך צווישן זיך. הרב ריינעס האָט איינגעלאַדן הרב קאָוואלסקי צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „מזרחי", וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין יאָר תרס"ב (1902), און ווו ער איז געווען איינער פון אירע הויפּט־זיילן און אויסגעקליבן געוואָרן אין צענטראַל־ראַט פון דער באַוועגונג.

פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן די פּראַקטישע טעטיקייט פון הרב קאָוואלסקי לטובת דעם מזרחי. אַדאַנק זיין איניציאַטיוו זענען געגרינדעט געוואָרן מזרחי־אָרגאַניזאַציעס אין ווּלאָצלאַוועק און אין פיל אַנדערע שטעט פון לאַנד. אַ זייער אַקטיוון אָנטייל האָט ער אויך גענומען אין דער צווייטער מזרחי־קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען כ״ח ניסן תרע״ט (1919) אין וואַרשע. טראָץ דעם וואָס הרב קאָוואלסקי האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם אַמט פון פּרעזידענט פון דער באַוועגונג, האַלטנדיק אַז דער פּרעזידענט דאַרף זיצן אין דער רעזידענץ־שטאָט און נישט אויף דער פּראָווינץ, האָט ער זיך אָבער סוף כל סוף געמוזט אונטערגעבן דעם דרוק פון די קאָנפערענץ־דעלעגאַטן און אָננעמען דעם אַמט.

אַ סך צייט האָט הרב קאָוואלסקי מקדיש געווען דער באַוועגונג און באַזונדער טעטיק איז ער געווען אויפן געביט פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן דערציונגס־וועזן. אין ווּלאָצלאַוועק האָט ער גלייך געגרינדעט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פאָלקס־שול, וועלכע האָט אַרויסגערופן וויכוחים און אַ פּאָלעמיק אין דער פּרעסע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן און אָנגעפירט מיט זיי.

הרב קאָוואלסקי איז פון זיין נאַטור אויס געווען אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ סך געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין שטאָט און איז געווען זיי איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. אַ סך מי האָט ער אַוועקגעלייגט, כדי צו שאַפן די נויטיקע געלט־פאָנדן פאַר דעם יתומים־הויז, דעם יידישן שפּיטאָל, מושב זקנים, לינת החולים א״אַ.

זיין גאַנץ לעבן האָט הרב קאָוואלסקי געחלומט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זיין באַגער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַפילו געטראַכט עולה צו זיין אַליין. אין יאָר תרפ״א (1921) האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד און פאַרבראַכט אין אים אַ קנאַפּ האַלב יאָר. ארץ־ישראל האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן רושם און אַ באַזונדערע באַגייסטערונג האָט ביי אים אַרויסגערופן די גרויסע מסירת־נפש פון די חלוצים, וועלכע האָבן געבויט דאָס לאַנד מיט זייער בלוט און שווייס.

זיין פרייד איז אָבער גיך פאַרשטערט געוואָרן, ווען עס זענען גראָד אין דער צייט אויסגעבראָכן די געשעענישן אין תל־חי און אין יפו. פול מיט פאַרביטערונג און צאָרן האָט ער אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן די געשעענישן, וועלכע די צענזור האָט אָבער נישט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן. בלויז דער נאָמען פון מחבר איז דערשינען: הרב יהודה־לייב קאָוואַלסקי. (דער אַרטיקל איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער העברעאישער פּרעסע אין פּוילן).

בעת זיין באַזוך אין לאַנד האָט הרב קאָוואלסקי באַוויזן נעמען זיך צו באַקענען מיט די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אויפן אָרט. ער האָט אָנטייל גענומען אין פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן רעדעס אין שולן און אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען ווו עס זענען געקומען אים הערן מאַסן צוהערער.

קיין פּוילן איז ער צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער און צעבראָכענער, אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן אַרויסצוטרעטן אויף צענדליקער פאַרזאַמלונגען און דערציילן וועגן מצב אין ארץ־ישראל. נאָך דעם דאָזיקן באַזוך האָט ער אָן אַן אויפהער געחלומט וועגן פאַרלאָזן דאָס רבנות און באַזעצן זיך אין לאַנד ווי אַ פּשוטער בירגער. צו זיין גרויסן צער האָט ער נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן חלום.

צו דער צייט איז שוין זיין געזונט־צושטאַנד געווען טיף

דערשיטערט. ער האָט געליטן פון אַ שווערער האַלדז־קראַנקהייט און אַ בלוט־פאַרגיפטונג. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו האַלטן רעפעראַטן און דרשות; ער האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט זייער פאַרבאָט און ווייטער געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, כדי צו פאַרשפּרייטן דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

אַ סך צייט און כוחות האָט ער געווידמעט די נאַציאָנאַלע פאָנדן (קרן היסוד און קרן קיימת) נישט נאָר אין ווּלאָצלאַוועק, ווו אַ דאַנק זיין טעטיקייט זענען שטאַרק געשטיגן די הכנסות פון די דאָזיקע פאָנדן, נאָר ער האָט אויך גענומען אויף זיך דעם עול פון אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, ווו ער איז אַרויסגעטרעטן לטובת די פאָנדן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. פון די דאָזיקע נסיעות האָט ער זיך שטענדיק אומגעקערט אַ קראַנקער און אַ פיזיש־צעבראָכענער. ווען מען פלעגט אים אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז די דאָזיקע רייזעס זענען נישט לויט זיינע כוחות, פלעגט ער ענטפערן: „למען ציון לא אחשה״, מען טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און כל זמן איך וועל נאָך האָבן אַ ביסל כוח וועל איך אים מקדיש זיין פאַר ציון״.



הרב קובלסקי והרב אונגר משחקים אשקוקה — צויר ע״י חנה קובלסקי
הרב קאָוואַלסקי און הרב אונגער שפּילן שאַך — געצייכנט דורך חנה קאָוואלסקי

אין יאָר תרפ״ג (1923) איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ סענאַטאָר און אָנטייל גענומען אין אַלע סענאַט־זיצונגען, וואָס עס האָט ביי אים צוגענומען אַ סך צייט. ער האָט אָבער געהאַלטן דאָס פאַר זיין בירגערלעכן חוב, וועלכן ער האָט דערפילט מיט דער אייגנטימלעכער אים מסירות און ערלעכקייט.

אין יאָר תרפ״ה (1925) האָט דער יידישער סיים־קלוב („קאָלאָ״) אויסגעקליבן הרב קאָוואלסקי ווי אַ דעלעגאַט צו דער דערעפענונג פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. ער האָט זיך שטאַרק געפרייט אויף דער געלעגנהייט נאָכאַמאָל צו באַזוכן דאָס לאַנד און געמאַכט אַלע הכנות צו דער דאָזיקער נסיעה. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. ער איז ווידער קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז זיין מצב איז אַן ערנסטער. מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין ברעסלע, ווו ער האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון גרויסע ספּעציאַליסטן, אָבער זיי זענען ליידער געווען אוממעכטיק. ג׳ אלול תרפ״ה האָט ער אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה אין ברעסלע. מען האָט זיין גוף געבראַכט קיין ווּלאָצלאַוועק און אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען כמעט אַלע רבנים פון דער סביבה, סענאַטאָרן, געזעלשאַפטלעכע עסקנים און אָנגעזעענע פּערזענלעכ־

קייטן. וולאָצלאַוועק האָט נאָך אַזאַ לוויה נישט געזעען ווי לאַנג זי עקזיסטירט. דער רב איז געקומען צו קבורה אויפן וולאָצלאַוועקער בית־עלמין אין אַ ספּעציעלן אוהל וואָס איז פאַר אים אויסגעבויט געוואָרן.

כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז הרב קאָוואַלסקי האָט מיט זיין אויפפירונג אַרויסגערופן אין שפּיטאָל די אַלגעמיינע באַוווּנדערונג פון די דאָקטוירים, דעם פּראָפעסאָר־כירורג און דעם גאַנצן פּערסאָנאַל. ער איז אָפּערירט געוואָרן אָן כלאָראָפאָרם און הגם ער האָט געליטן שטאַרקע יסורים, האָט ער נישט געטון קיין קרעכץ. אויף דער פראַגע פון פּראָפעסאָר, ווי אַזוי באַווייזט ער זיך אַזוי צו באַהערשן און נישט אַ קרעכץ טון ביי אַזעלכע שטאַרקע יסורים, האָט ער געענטפערט: „איך בין אַ זון פון יידישן פאָלק וואָס איז געוווינט צו יסורים". דעם רבס תשובה האָט געמאַכט אויפן פּראָפעסאָר אַ גרויסן רושם.

אין טאָג פון דער דערעפענונג פון העברעאישן אוניווערסיטעט האָט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן און געזאָגט: „אַנשטאָט איך זאָל מיך איצט געפונען אויפן הר הצופים, ליג איך אין בעט. גאָט מיינער, צי וועל איך נאָך זוכה זיין צו זען ארץ־ישראל מיט מיינע אויגן? אַ גרויסע אידעע פילט מיך איצט אויס און וויל זיך אַרויסרייסן, אַרויסרייסן" מיט די ווערטער האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

ב

הרב מהרי"ל קאָוואַלסקי איז געווען באַשאָנקען מיט ספּעציעלע גייסטיקע מעלות. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן און קאָנסעקווענטן כאַראַקטער, אָבער גלייכצייטיק איז ער געווען פון דער נאַטור טאָלעראַנט און מילד. זייער זעלטן האָט מען אים געקענט זען אַן אויפגערעגטן אָדער בייזן. ער איז אויך געווען אַ נדבן פון דער נאַטור און בעת עס זענען צו אים געקומען אָרעמעלייט, פלעגט ער פאַרטיילן געלט מיט אַ ברייטער האַנט; אַ וווּנדערבאַרער מכניס־אורח, פלעגט ער מקבל פּנים זיין יעטוועדן, אַפילו קעגנער, מיט גרויס העפלעכקייט; געווען האַרציק צו מענטשן אַ ידיד און חבר פון יעטוועדן, אַפילו פון זיינע תלמידים. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר אַלעמען און עס האָבן זיך אין איר צונויפגעטראָפן תלמידי־חכמים. ער האָט פיינט געהאַט געלט און דערווייטערט זיך פון אַלעם וואָס עס שמעקט מיט געלט־ענינים. דער שרייבער פון די שורות איז געווען אַן עדות פון דעם פאָלגנדיקן פאַקט: ווען דער רב איז נאָך אַ לאַנגער און מאַטערנדיקער אָבער דערפאָלגרייכער נסיעה לטובת דעם קרן היסוד צוריקגעקומען אַ צעבראָכענער און קראַנקער אַ היים, איז אָנגעקומען פון דער קרן־היסוד־צענטראַלע אין וואַרשע אַ טשעק אויף 500 זלאָטעס און אַ בריוו אין וועלכן מען האָט געבעטן דעם רב, ער זאָל אַרויספאָרן אין אַ פּענסיאָנאַט אָפּרוען זיך. דער רב איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן צוליב דעם טשעק — איבערגעבנדיק אים דעם שרייבער פון די שורות האָט ער געבעטן גלייך אים צוריקשיקן, זאָגנדיק: „פאַר דעם פאָלק דאַרף מען אַרבעטן מיט מסירות". און געווען איז דאָס אין אַ צייט ווען אין זיין שטוב האָט געהערשט מאַטעריעלע נויט.

אויך האָט מען דעם רב פיל מאָל פאָרגעלייגט ער זאָל פאָרן קיין אַמעריקע אין שליחות פון באַקאַנטע אינסטיטוציעס, כדי צו פירן לטובת זיי אַן אויפקלערונגס־און זאַמל־אַקציע. ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן אַלע אַזעלכע פאָרשלאָגן מיט דעם גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, מורא האָבנדיק — ווי ער פלעגט זאָגן — אַז דער רייץ פון געלט און די גייציקייט זאָלן אים נישט מכשיל זיין.

כדאי דאָ צו דערמאָנען אַ פאַקט, וועלכער כאַראַקטעריזירט זיין יחס צו געלט־ענינים. איינער פון זיינע גוטע און איבערגעגעבענע פריינט, אַ רב, האָט מסכים געווען צו פאָרן קיין אַמעריקע כדי צו זאַמלען געלט פאַר דערציִונגס־אַנשטאַלטן אין זיין קהילה און ער האָט טאַקע מצליח געווען צו זאַמלען גרויסע סכומים פאַר דעם דאָזיקן צוועק, גלייכצייטיק אָבער האָבן אים זיינע בני־עיר באַשאָנקען מיט מתנות און גרויסע סכומים געלט. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים האָט זיך צו אים געוואָנדן איינער פון די קהילה־פּרנסים און געבעטן ביי אים אַ גרויסע הלוואה. דער רב האָט מסכים געווען און אים געבאָרגט אַ גרויסע סומע געלט. נאָך אַ צייט האָט דער פּרנס באַנקראָטירט און צווישן אַנדערע אָנגעזעצט אויך דעם רב. גראָד דעמאָלס איז דער רב געקומען צו גאַסט צו הרב קאָוואַלסקי און ביי דער געלעגנהייט אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ, צוגעבנדיק אַז עס איז שוין לאחר יאוש און ס'איז נישט פאַראַן קיין האָפענונג צוריקצובאַקומען דאָס געלט. הרב קאָוואַלסקי האָט אים דערויף געענטפערט מניה וביה: „האָסט אַלזאָ באַקומען אַ תיקון אויף די זינד וואָס דו האָסט געזינדיקט מיט געלט־גייציקייט... די גמרא זאָגט, אַז גזל הרבים האָט נישט קיין תקנה, סיידן עס ווערט פאַרווענדעט אויף אַלגעמיינע צוועקן און אַזוי ווי דו זאָגסט מיר, אַז אַ טייל פון געלט האָט גענומען אַ פּרנס, האָט ער עס זיכער פאַרנוצט פאַר אַלגעמיינע צוועקן און דאָס איז אַ תקנה".

הרב קאָוואַלסקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסער ערלעכקייט, פיינט געהאַט חניפה און גלאַטע רייד, געווען אויפריכטיק און נישט פאַרטראָגן קיין פאַלשקייט, אינטריגעס, פּאָליטיק־מאַכעריי און דיפּלאָמאַטיע; ער פלעגט שטענדיק דערמאָנען דאָס וואָרט פון רבי וואָלף פון סטריקאָוו זצ"ל: „דער ליגן האָט זיך מזווג געווען מיט חניפה און האָט געבוירן די דיפּלאָמאַטיע". געווען איז ער אַ מענטש פון אמת, פיינט געהאַט פּוסטע באַרימערייען, גאווה און הויכשטאַפּלעריי. צוליב כבוד — פלעגט ער זאָגן — איז נישט כדאי זיך מבזה צו זיין.

וועגן זיין איידלקייט און אינטערעסלאָזיקייט זאָגט עדות דער פאָלגנדיקער פאַקט: בעת ער איז געווען אין יאָר תרפ"א אין ארץ־ישראל האָט אים סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט זיך דאַמאָלט גראָד געפרנען אין לאַנד, צוגעזאָגט די פולע אונטערשטיצונג פון זיין קאַנדידאַטור אויפן פרייען דאַן פּאָסטן פון תל־אביבער הויפּט־רב. הרב קאָוואַלסקי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו באַמיען זיך וועגן דעם פּאָסטן, מאָטיווירנדיק זיין שטעלונג דערמיט, אַז ער איז רב אין אַ גרויסער קהילה בעת הרב אהרונסון, וועלכער האָט פאָרגעלייגט זיין קאַנדידאַטור איז אַ פּליט פון רוסלאַנד און נויטיקט זיך אין דעם פּאָסטן.

צו זיין עדה האָט זיך הרב קאָוואַלסקי באַצויגן מיט גרויס דעליקאַטקייט, טאַקט און מסירות. כאָטש ער האָט זיך ווי ווייט מעגלעך באַמיט אויסצומיידן יעטוועדן מגע מיט די רעגירונגס־אַמטן, האָט ער דאָס אָבער געטון מיטן גאַנצן האַרצן ווען עס איז נויטיק געווען זיך משתדל זיין פאַר עמיצן און ראַטעווען אים פון אַ צרה. כדי צו ראַטעווען אַ יידן פון טויט האָט ער זיך אַפילו מסתכן געווען, ווי עס זאָגט עדות דער פאָלגנדיקער פאַקט:

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען צוויי יידן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך אַ פעלד־געריכט אָן יעטוועדער אויספאָרשונג. דער טערמין פון אויספירן דעם אורטייל איז שוין געווען באַשטימט, ווען די אומגליקלעכע פרויען פון די פאַרמשפּעטע האָבן זיך געוואָנדן מיט אַ יאָמערלעך געוויין צום רב ער זאָל ראַטעווען זייערע מענער. דער רב האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיטן אומגליק, אַז ער איז

קיין נעכט נישט געשלאָפן און כמעט נישט טועם געווען קיין עסן, טראַכטנדיק כסדר ווי אַזוי צו ראַטעווען די אומגליקלעכע יידן. צופעליק האָט ער זיך דערוווּסט, אַז איינער פון די מיליטערישע ריכטער, וואָס האָבן פאַרמשפּעט די יידן, איז אַ באַקאַנטער אים הויכער אָפיציר. עטלעכע שעה פאַרן אויספירן דעם אורטייל האָט דער רב באַוויזן צוצוקומען צו אים און איבערצייגן אין דער אומשולדיקייט פון די פאַרמשפּעטע דורך אַ שבועה, וועלכע ער האָט לטובת זיי באַלייגט. אַזוי אַרום זענען די יידן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. ווען דער רב איז אַהיים געקומען נאָך דער אונטערווענץ איז ער פּשוט אַוועקגעפאַלן פון גרויס דערשעפּונג. די קינדער פון די פאַרמשפּעטע האָבן נישט געוווּסט ווי צו דאַנקען אים פאַר זיין גרויס מסירת־נפש.

אַ סך פערזענלעכן מוט האָט הרב קאָוואַלסקי אַרויסגעוויזן אין די אומרואיקע יאָרן 1905—1906, ווען אַ כוואַליע פּאָגראָמען האָט פאַרפלייצט רוסלאַנד און פּוילן און די יידן האָבן גענומען אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע אין וולאָצלאַוועק. ער האָט צונויפגערופן עטלעכע צענדליק יינגעלייט ביי זיך אין שטוב, די פאַרזאַמלטע זענען געזעסן ביי אַ ווייס־באַדעקטן טיש אויף וועלכן עס האָבן געברענט גראָבע ליכט, די פענצטער זענען געווען געדיכט פאַרהאָנגען. אַ בלאַסער, מיט בלישטשענדיקע אויגן, האָט דער רב באַשווירן די אָנוועזנדיקע, אַז זיי זאָלן קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט כדי צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד. דעם רבס פייערלעכע ווערטער האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן מיט אַ באַגייסטערונג גענומען אויף זיך די דאָזיקע הייליקע התחייבות און געשטעלט זיך צום רבס רשות.

גלייך נאָך דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין יאָר 1906 איז צונויפגערופן געוואָרן אין דער שול לויט דער איניציאַטיוו פון רב, אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע קעגן פּאָגראָם און זיינע אָרגאַניזאַטאָרן — די רוסישע מאַכט. אינמיטן רבס רעדע איז פּלוצים אָנגעקומען די פּאָליציי. דער עולם איז זיך פונאַנדערגעלאָפן אין אַלע זייטן, בלויז דער רב איז געבליבן שטיין אַן איינגעהילטער אין זיין טלית, שווייגנדיק און בלאַס ווי קאַלך. די פּאָליציי האָט אים גאָרנישט געטון, וואָרום זיין שטאָלצע האַלטונג האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ געפיל פון גרויס דרך־ארץ.

אַן ענלעכן מוט האָט הרב קאָוואַלסקי אַרויסגעוויזן בעת ער איז געווען מיטגליד פון פּוילישן סענאַט. סוף יאָר 1922 האָט אין פּוילן געהערשט אַ גרויסע פּאָליטישע שפּאַנונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען בכוח צו דעצידירן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג (דער פאַראייניקטער סיים און סענאַט) מיט זייערע שטימען לטובת דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט, גבריאל נארוטאוויטש. צו דעם האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן זיינע ביטערע קעגנער, די עקסטרעמע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, אויסגעשפּראָכענע שונאי ישראל. זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן פאַר יעטווידן פּרייז צו די וואַלן און צו דעם צוועק האָבן זיי מאָביליזירט זייער יוגנט, וועלכע האָט פאַרשפּאַרט דעם וועג צום סיים־בנין, ווו עס האָבן געזאָלט פאָרקומען די וואַלן פון פּרעזידענט. איייניקע פון די דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן זענען דורך די כוליגאַנעס פאַרוווּנדעט געוואָרן און צווישן זיי הרב קאָוואַלסקי. גאָרנישט האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן פון דערפילן זיין סענאַטאָרישן און בירגערלעכן חוב. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דעם וועג צום בנין און געשטימט בעת די וואַלן לטובת דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט, וועלכער איז אָבער קורץ דערנאָך דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ נאַציאָנאַליסטישן פאַנאַטיקער.

ג

אַ זייער אָנגעזעען אָרט האָט הרב קאָוואַלסקי פאַרנומען אין דער רבנים־וועלט. זייט ער האָט זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק איז כסדר געוואַקסן זיין רום ווי אַ גרויסער רב, גרויס אין תורה, חכמה און שכל און ווי אַ צענטראַלע פּערזענלעכקייט וואָס ציט צו זיך צו די בעסטע למדנישע און אינטעלעקטועלע כוחות נישט נאָר פון דער שטאָט און איר סביבה, נאָר אויך פון גאַנץ פּוילן. ער האָט געגרינדעט אין דעם בית־מדרש „בית יוסף" די ישיבה „עץ חיים", אין וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון די תלמידים. איינגעהילט אין אַ טלית האָט דער רב געלערנט מיט זיינע תלמידים, אַרויסרופנדיק ביי זיי גרויס באַוווּנדערונג מיט זיין אייזערנער לאָגיק און דער עמקות פון זיין שיטה, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון זיין רבי'ן — דעם סאָכאַטשאָווער גאון. די תלמידים האָבן זיך מתקדם געווען אין לערנען און די ישיבה האָט זיך דערוואָרבן אַ שם אין דער שטאָט און אין דער סביבה.

אויך דאָס רבנות האָט ער געפירט מיט גרויס חכמה און שכל. דער אויטאָריטעט פון בית־דין איז אַ דאַנק זיין פּערזענלעכקייט שטאַרק אויסגעוואָקסן. מיט זיין ערלעכקייט און אָביעקטיווקייט האָט ער זיך דערוואָרבן דעם אומבאַגרעניצטן צוטרוי פון דער באַפעלקערונג, אַזוי אַז מען איז צו אים געקומען צו דין־תורות אַפילו פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

זיין שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט פאַרשידענע מענטשן, רבנים, למדנים, תלמידי־חכמים וואָס זענען געקומען פרעגן אַן עצה, אָדער סתם זיך אויסשמועסן מיט אים, וואָרום יעטוועדער שמועס מיטן רב איז געווען באַלערנדיק און אָנגענעם. אָבער אויך שרייבער, דיכטער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער זענען געווען פון די אָפטע געסט ביים רב. סאָקאָלאָוו, דער באַרימטער סקולפּטאָר חנוך גליצנשטיין א״אַ האָבן בעת די באַזוכן אין פּוילן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו טרעפן זיך מיטן רב און כאַפּן מיט אים אַ שמועס.

הרב קאָוואַלסקי האָט אויך אָנגעהאַלטן גוטע באַציונגען מיטן קאַטוילישן קלער. ער האָט זיך געטראָפן מיטן ביסקופּ און אים געבעטן ער זאָל פּרעדיקן קעגן אַנטיסעמיטיזם און משפּיע זיין, אַז די קריסטן זאָלן לעבן בשלום מיט די יידן. דער ביסקופּ האָט דערפילט דעם רבס ביטע און אָפטמאָל אונטער זיין השפּעה געפּריידיקט אין דעם גייסט. אויך איז דעם רב נישט איין מאָל געלונגען אָפּצוראַטעווען יינגע קרבנות פון שמד דורך אינטערווענירן ביים ביסקופּ.

ווען אין פּוילן איז אַנטשטאַנען די אגודת הרבנים, איז הרב קאָוואַלסקי געווען איינער פון אירע פּראָמינענטסטע חברים און איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע. ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע וויכטיקע און דעצידירנדיקע באַראַטונגען, אויף וועלכע עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן רעליגיעזע און הלכה־ענינים און מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג און מיט זיינע מתקנות אין דער הלכה.

אויך האָט זיך הרב קאָוואַלסקי אויסגעצייכנט ווי אַ בורר, אויסגעגליכן חילוקי דעות, ליקווידירט סכסוכים, געמאַכט שלום צווישן פּרנסים און קהל, דעם רב און שוחט, אָדער צווישן רב און די פּרנסי הקהל. על־פּי רוב האָט ער מצליח געווען אין דער דאָ־

זיקער מיסיע, וואָרום ער האָט זי דערפילט מיט האַרץ און אויפריכטיקן גוטן ווילן.

זיין רום האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן ווייט איבער די גרעניצן פון פוילן. אין יאָר 1910 האָט מען זיך צו אים געווענדעט דורך דער פאַרמיטלונג פון באַקאַנטן עסקן און נדבן ר׳ געצל גאָץ, ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות אין מאָסקווע. דער רב האָט זיך געוואָנדן נאָך אַן עצה צום הרב מזא״ה, וועלכער האָט אים געענטפערט, אַז ער וועט זיין גליקלעך צו האָבן אים ווי אַ חבר אין רבנות. פון גאַנצן ענין איז אָבער גאָרנישט אַרויסגעקומען, וואָרום דעם רב איז נישט געלונגען צו באַקומען אַ וווין־דערלויבניש אין מאָסקווע פאַר זיינע דערוואַקסענע קינדער.

ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך געווען האָט ער זיך באַמיט איינצופירן אַ סדר אין דער קהילה און אין רבנות. זיין שטרעבונג איז געווען צו באַפרייען קהל פון דירעקטע אָפּצאָלן פאַר רעליגיעזע שרותים, ווי למשל שחיטה פון עופות. אויך האָט ער נישט פאַרלאַנגט קיין באַשטימטן אָפּצאָל פאַר מסדר קדושין זיין, רח״ש ווי עס ווערט גערופן, אָבער ער האָט עס איבערגעלאָזן דעם איינזען פון די מחותנים און ווער עס האָט גאָרנישט געגעבן איז געווען גלייך ווי ער וואָלט באַצאָלט, וואָרום ער איז געווען אַ נקי כפיים און זיין גאַנץ באַגער איז געווען אויפצוהויבן מאָראַליש די קהילה. אַ דאַנק די רעפאָרמעס, וועלכע ער האָט איינגעפירט זענען געשטאַרקט געוואָרן דער אָנזען פון דער קהילה, און דער צוטרוי צו איר.

זיין דרך כלפי דער קהילה איז באַשטאַנען אין משפיע זיין, אויפקלערן און פערסוואַזיע. אַזוי האָט ער געהאַנדלט בעת עס האָבן געטראָפן פאַלן פון חלול השבת, טרפות אדג״ל. ער האָט גלייך רעאַגירט, פאַרבעטן צו זיך דעם פורץ גדר און געפרווט אים מיט גוטן איבערצייגן, אַז זיין האַנדלונג איז אַ נישט ריכטיקע. טיילמאָל אָבער האָט ער אויך רעאַגירט שאַרף. ער אַליין איז געגאַנגען שבת אויפן אָרט פון חילול און שאַרף אויסגעמוסרט דעם מחלל שבתניק. אויך איז ער נישט מיד געוואָרן מטיף צו זיין אין שול אין די ענינים און זיינע ווערטער האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה.

ווען דער רב האָט זיך אומגעקערט פון ישראל אין יאָר תרפ״א (1921) נאָך די געשעענישן אין יפו און תל־חי, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין ווין און געפראַוועט דאָרט שבת. צוליב די געשעענישן אין לאַנד האָבן זיך אין ווין געפונען אַ סך חלוצים, וועלכע האָבן נישט געקענט עולה זיין. די חלוצים האָבן איינגעאָרדנט שבת אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן די געשעענישן און פאַרבעטן דעם רב, ער זאָל האַלטן פאַר זיי אַ רעפעראַט. ווען דער רב איז געקומען אין זאַל האָט ער געזען פאַר זיך אַ מאָדנע בילד. אַ גרויסע צאָל פאַרזאַמלטע האָבן געוויכערט פאַפּיראָסן. ער האָט זיך דעמאָלט זייער אויפגערעגט און אויסגעמוסרט די חלוצים. „איר ברענגט אַזויפיל קרבנות פאַר ארץ־ישראל — האָט ער צו זיי געזאָגט — צי קאָנט איר נישט ברענגען נאָך איין קרבן און אויפהערן מחלל שבת זיין? צי דאַרפן חלוצים, די בויער פון לאַנד, אידענטיפיצירט ווערן מיט מחלל־שבתניקעס? אויב איר האָט ליב דאָס לאַנד און דאָס פאָלק טאָ היט דעם שבת, וואָס איז אַ טייער פערל אין דער קאָליע פון דורות. דער שבת האָט אונז אָפּגעהיטן פון שמד און אונטערגאַנג״.

נאָך די דאָזיקע הייסע און אויפריכטיקע ווערטער, וועלכע זענען געקומען פון אַ ריין יידיש האַרץ, האָבן די חלוצים אַוועקגעוואָרפן זייערע פאַפּיראָסן און אויפגעהערט צו רויכערן. דאַמאָלס האָט הרב קאָוואַלסקי אָנגעהויבן זיין רעפעראַט. אַזאַ איז געווען דרכו בקודש אין רבנות און אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

הרב קאָוואַלסקי איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער בעל־שיחה. זיינע באַמערקונגען זענען געווען תמיד רייך אין תוכן, ער האָט זיך אָפט באַנוצט מיט גלייכווערטלעך און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען צום ענין און אין אַ שיינער און קלאָרער צורה, אַזוי אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם אויף די צוהערער.

אין זיינע דרשות און רעפעראַטן זענען געקומען צום פולן אויסדרוק אהבת התורה און אהבת הארץ, וועלכע זענען ביי אים געווען געקניפּט און געבונדן און וועגן וועלכע ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות און מיטן גאַנצן האַרצן. און כאָטש ער האָט נישט מבטל געמאַכט וועלטלעכע לימודים, האָט ער אָבער שאַרף רעאַגירט קעגן די אַלע, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער בילדונג און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף רבנים און תלמידי חכמים, גלייך ווי די וועלטלעכע וויסנשאַפטן וואָלטן געווען דער עיקר און די תורה חלילה טפל. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז די רעאַקציע פון הרב קאָוואַלסקי בעת דער וועלט־קאָנפערענץ פון מזרחי אין בערלין אין יאָר תרפ״ג (1923). אויף דעם רבס אַ צווישרוף, האָט דער רעדנער פון די באַרימטע דייטשע מזרחי־פירער, זיך אָנגערופן: „ מיר זענען דאָך מענטשן מיט אַקאַדעמישער בילדונג״ וועלנדיק דערמיט אַ פּנים אונטערשטרייכן זיין העכערקייט. דער רב האָט זיך דאַן האַסטיק אַ הויב אויף געטון פון זיין אָרט און מיט אַ ציטערדיקער פון אויפרעגונג שטימע געזאָגט: „אונזער אַקאַדעמישע בילדונג איז אַ העכערע אין אַ תשובערע, וואָרום מיר האָבן זי באַקומען ביי אביי ורבא, פונעם רשב״א דעם ריטב״א, רמב״ן, די ראשונים און אחרונים און אונזער טיטל איז אָן אַ שיעור מער מכובד ווי אייערער״. די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די פאַרזאַמלטע וועלכע האָבן רעאַגירט אויף זיי מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

הרב קאָוואַלסקי איז אויך געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער. זיין סטיל איז געווען קלאָר, ריין און געשליפן. כאָטש ער האָט נישט געשריבן קיין סך און נישט אויסגענוצט זיין טאַלאַנט, אָבער דאָס וואָס ער האָט געשריבן און פאַרעפנטלעכט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פאָרם און תוכן. ביים שרייבן איז ער געווען אַ שטאַרקער פּעדאַנט און בודק געווען יעטוועדן זאַץ, פאַרבעסערט און אָפט איבערגעשריבן, ביז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דבר מתוקן. דוד פרישמאַן האָט געזאָגט וועגן רב, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער שרייבער, פאַרמאָגט אַ שיינעם און ריינעם סטיל, שרייבט, אמת, ווייניק אָבער דאָס וואָס עס קומט אַרויס פון אונטער זיין פעדער איז שיין און ציכטיק.

הרב קאָוואַלסקי האָט געשריבן דאָס וואָס דאָס האַרץ האָט אים געהייסן און דאָס געוויסן האָט אים דיקטירט און דעריבער האָט ער עס געטון אָן שום וואַקלעניש. זיין צוגאַנג איז געווען אַ היסטאָריאָזאָפישער. אויך די אידעע פון מזרחי האָט לויט אים, געשמעקט מיט אירע וואָרצלען אין אַלטן היסטאָרישן יהדות און זיך געוועבט איבער אַלע דורות און תקופות. ער איז טיף אַריינגעדרונגען אין דעם קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון אונזער פאָלק, זיינע שטרעבונגען און אידעאַלן, וואָרום ער איז אויך געווען אַ טיפער און זעלבסשטענדיקער דענקער.

אין דער גאַלעריע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען געווען טעטיק פאַר דעם ציון־געדאַנק און אים מקריב געווען אַלע כוחות און געדאַנקען, צווישן די וועלכע האָבן אַרויסגעריסן דאָס רעליגיעזע יידנטום פון זיין פאַרגליווערטקייט און עס אַרויפגעפירט אויפן וועג פון אַקטיווקייט, צווישן די בויער פון לאַנד און די טרוימער פון אַ יידישער מדינה, וועט אייביק שיינען דער ליכטיקער נאָמען פון הרב קאָוואַלסקי ווי פון אַ מורה און מדריך, אַ מנהיג וועלכער האָט געבאַנט נייע וועגן און געגאַנגען אין שפּיץ פון דער מחנה.

מפלגות / פארטייען

יהודה גרינבוים / תל־אביב

ההסתדרות הציונית

קבוצת ראשונים

עוד מלפני הופעת הציונות המדינית פעלה בוולוצלבק קבוצה קטנה של חובבי־ציון שעמדה בקשרים עם הועד האודסאי שבראשו עמד מ. מ. אוסישקין. עם קבוצה זו נמנו: חיים לינקה (חותנו של הד״ר לייב פוקס), סוחר יצואן לתבואות, יהודי משכיל ואציל רוח; יז׳ורה, בעל חנות מכולת מנוהלת בצורה מודרנית, אדם שקט, מתון וישר; יצחק גולדמן — בר אוריין, למד בישיבה ובעל ידיעה רחבה בספרות העברית, ספק סלק לתעשית הציקוריה; מאיר ארנשטין, סוחר בעל חנות למוצרי סדקית, איש ישר, נעים הליכות בקי בספרות יידיש, בעל ידיעה מקיפה למדי גם בספרות העברית. מפרסם מאמרים בכתבי־עת ביידיש והיה גם נואם טוב; משה ויצמן, בעל בית מסחר גדול לרהיטים, איש עשיר וציוני נלהב, שמטרת חייו היתה אחת ויחידה — לעלות לארץ־ישראל ולהשתקע בה; מנדל בוים, סוחר, אדם שקט, ישר דרך, שנהג בעבודתו הצבורית לפי הכלל: „אמור מעט ועשה הרבה״; זאב גרליץ היה מהתושבים החדשים בעיר (הגיע מהעיירה שאָפּס), איש משכיל, ציוני נאמן ומסור לתנועה. ידע יפה את הספרות העברית ושלט בשפה העברית לא רק בכתב כי אם גם בדבור, מה שהיה אז חזון בלתי נפרץ; נתן ברכר, התגורר אמנם בדובז׳ין הסמוכה אולם היה מצוי על פי רוב בעירנו ומסתופף בצלם של הציונים בעיר. היה משכיל, בעל כשרון לנאום ומהתועמלנים הפעילים לציונות בעיר ובסביבה. הגברת לוברניצקה, אמם של האחים לוברני, אשה אינטליגנטית, אצילת רוח וציונית נלהבת. הצעיר שבחבורה היה יצחק קובלסקי, חרש עץ. יהודי אמיד, בר־אוריין, אדם ישר וציוני פעיל.

קבוצה זו הניחה את אבן היסוד לפעולה הציונית בעיר וחבריה חילקו ביניהם את התפקידים, מי שעסק באוסף כספים למען ישוב א״י לפני שנוסדה הקרן הקימת לישראל ואחרי כן משנוסדה — למענה, מי שעסק בהפצת המניות של הבנק הקולוניאלי, במכירת שקלים ורכישת מנויים לעתון העברי „הצפירה״ ומי שעסק בהחדרת הרעיון הציוני בקרב הנוער. לכולם שמורה זכות ראשונים.

עם כל הסגולות האישיות התרומיות של חברי הקבוצה הנ״ל חסרה היתה ביניהם אישיות מרכזית בעלת אבטוריטה מוכרת שבכוחה יהיה להשפיע על הצבור המקומי שיצטרף לתנועה הציונית. אישיות זו הופיעה עם עלותו של הרב י. ל. קובלסקי על כס הרבנות בעירנו. משנכנס הרב בתוקף כהונתו לתוך החיים הצבוריים בעיר התחיל לפעול למען עקירת רוח ההתבוללות ששררה אז בה והחדיר בין כל שכבותיה רוח חדשה, רוח לאומית וציונית. חיש מהר התלכדה סביבו קבוצה ציונית, שהפכה הודות למאמציו להסתדרות ציונית מאורגנת רבת חברים. מיום ליום נצטרפו אליה בהשפעתו האישית הגדולה יותר ויותר חברים מכל החוגים ודוקא מאותם החוגים שהציונות נתקלה בהם בהתנגדות רבה: הדתיים והמתבוללים.

באותו הזמן היו בקהילה שני שוחטים: ר׳ סנדר שוחט (טכורש) ור׳ שלמה דוד שוחט, שניהם ציונים נלהבים, בעלי מדות תרומיות ונועם הליכות. נוסף על כך היו ניחונים גם בנועם שפתיים לנאום לפני קהל רחב. שניהם הצטרפו עכשיו למחנה הפעילים למען הרחבת הציונות בעיר ותפקידם היה להחדיר את הרעיון הציוני בקרב החוגים הדתיים ע״י שעורים במדרש ובאגדה בבתי־התפלה ובחברות השונות של יהודים פשוטי עם. בבית הרב התקיימו בכל שבת אספות של בני נוער. הרב הרצה לפניהם שעור בתולדות ישראל ור׳ מאיר ארנשטין קרא לפניהם ספורים מאת מנדלי ושלום־עליכם בעברית וביידיש.

לאחר פטירתו של החוזה הגדול, ד״ר זאב הרצל ז״ל בשנת 1904, נערכו בעיר אספות הזכרה, במדה שאפשר היה אז בזמן שלטון הצאר להתכנס לאספות בעלות אופי פוליטי. האספות נערכו אפוא, בבתי הכנסת. את נאום ההספד נשא הרב ולא היה זה הספד גרידא, כי אם נאום ציוני־מדיני בתוכנו ובצורתו. היה זה נאום של מנהיג ציוני, נאום שכמותו שמע הקהל בפעם הראשונה בבית הכנסת בעירנו. בבית הכנסת הקטן ברח׳ ז׳אביה 5, נשא ר׳ שלמה דוד שוחט נאום הספד בעל תוכן ציוני וחדור רוח שאיפה חזקה לגאולת ישראל במולדתו הנכספת.

עם פרוץ המהפכה בשנת 1905 ברוסיה ובפולין, גדלה השפעת המפלגות הסוציאליסטיות — ה„בונד״ והאחרות — על הצבור וחלק גדול מבין הנוער נסחף עם הזרם. הציונים בעיר הבינו כי עת לעמוד בפרץ ולפעול ביתר שאת נגד ההשפעות הסוציאליסטיות בקרב הנוער היהודי, ולמען הרחבת הרעיון הלאומי־ציוני בתוכו. הפעולה הראשונה והחשובה ביותר היתה להחדיר בין הנוער את ידיעת השפה העברית וספרותה. בתקופה זו נוסדו בפולין בתי־ספר בשם „חדר מתוקן״, בהם היתה השפה העברית שפת ההוראה, כלומר, לא רק הלמודים העבריים, כגון התנ״ך ותולדות ישראל כי אם גם הלמודים הכלליים נלמדו בעברית. אם כי קהילתנו היתה אז עוד קטנה וצעירה לעומת אותן הקהילות שבהן נוסדו חדרים מתוקנים, ייסדו הציונים גם אצלנו חדר כזה והזמינו להורות בו שני מורים ותיקים, תלמידי חכמים, שולטים בשפה העברית בכתב ובדבור, בקיאים בתנ״ך, בדקדוק עברי ובספרות העברית



מייסדי ההסתדרות הציונית בולוצלבק ופעיליה.
די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וולאָצלאַוועק און אירע אַקטיווע טוער.

בדרך כלל תרמו נציגי אגודת ישראל תרומה חשובה מאד לביסוס התא הציבורי המוכר של יהודי ולוצלבק, ולמרות החיכוכים בין הרוב הציוני לבין הנציגות האגודאית על רקע של השקפות ודעות מפלגתיות, שררו כל השנים יחסים תקינים בין פרנסי הציבור.

רק לגבי שאלה אחת אי אפשר היה להגיע לידי הסכמה מלאה. זוהי „שאלת הרב". בשטח זה קיימת היתה פלוגתא בלתי פוסקת בין המזרחי וה„אגודה" מי צריך להבחר כרב העיר, אחרי פטירתו של הרב קובלסקי ז״ל. אם הוא צריך להיות גם צ י ו נ י, או שמספיק אם יהיה מחונן בכל המעלות הדרושות של מרא דאתרא. ובגלל מחלוקת זו, שהכניסה גם מרירות לא מעטה בשורות העסקנים המקומיים, לא נתמנה רב חדש בולוצלבק במשך 15 שנה, מאז פטירתו של הרב קובלסקי ז״ל.

ג. ביה״ס „יסודי התורה"

מאמצים רבים השקיעו עסקני אגודת ישראל בעיר לשם קיום והחזקת החינוך החרדי לבנים, ולאחר מכן, גם לבנות.

בית הספר החרדי לילדים בגיל 7—13 „יסודי התורה" היה „חדר מתוקן", שירש את מקומם של המלמדים הפרטיים במקום. אחדים מהם היו ידועים לותיקי ולוצלבק בשמם ובכינויים „המקצועי", כגון „הרשקה מלמד", „חונה מלמד", „איכ׳ל מלמד", ועוד. במרוצת הזמן הפך בית הספר „יסודי התורה" למבצר החינוכי של החרדים והחסידים בעיר. בית הספר נמצא, כאמור, בבנין ברחוב קובלסקה 5. בראש העסקנים שנתמסרו בכל נפשם להחזקת בית הספר „יסודי התורה" עמד, כדבר המובן מאליו, ר׳ הניך יאנובר, אשר נשא שנים רבות על שכמו את נטל התקציב והגרעונות של בית ספר זה, שתדיר נמצא במצב כספי דחוק.

הלימודים בבית הספר היו לפי שיטת הלימודים הנהוגה ברוב בתי־ ספר מסוג זה בפולין בתקופה ההיא: הרבה לימודי קודש, חומש עם רש״י, משניות, תנ״ך (בעיקר נביאים ראשונים) וגם קצת עברית ודקדוק. בכיתות הגבוהות נלמד שעור גפ״ת (גמרא עם תוספות). המלמדים לא היו מורים מקצועיים, אבל בשמשם שנים רבות בעבודת

הקודש של לימוד תינוקות של בית רבן, נעשו מומחים לדבר. כן הוקדשו ללימודי חול כמה שעות אחרי הצהרים, לפי המתכונת של בית ספר יסודי עממי, אבל תלמידים רבים שרצו להשתלם במקצועות חילוניים נאלצו לקבל שעורים פרטיים, מאחר שהרמה בלימודי חול לא עמדה על הגובה. האוירה בבית הספר היתה חרדית מובהקת, אף שחלק ניכר מהחניכים היה מהורים לא־חרדים, שמסרו את ילדיהם לבית ספר זה מתוך רצון להקנות להם חינוך מסורתי, לפחות בגיל צעיר.

בית הספר „יסודי התורה" החזיק מעמד עד לפלישה הנאצית ובוא השואה ההיטלרית על הקיבוץ היהודי כולו בפולין. במשך תקופה של יותר מעשרים שנה הוציא הרבה מחזורים של בוגרים שהוכנו להמשך לימודם בישיבות ובלימוד עצמי ב„שטיבל". חלק מהם עבר למלאכה ולמסחר ואחדים עברו גם לגימנסיה העברית בעיר.

כאן היה, איפוא, המבצר החינוכי החרדי היחידי בעיר אשר הודות לו נשמר הדור הצעיר מזרמי החילוניות שהתפשטו בולוצלבק במידה מרובה, אולי יותר מאשר בערים אחרות בפולין הקונגרסאית.

חניכי בית הספר „יסודי התורה" היוו במרוצת הזמן הגרעינים העיקריים של הנוער החרדי שהתארגנו בהסתדרויות הנוער „צעירי אגודת ישראל" ו„פועלי אגודת ישראל". החינוך התורני המקורי שקיבלו וכן האוירה החרדית שנשמו לתוכם במשך שנות לימודם ב„יסודי התורה". הטביעו את חותמם על עיצוב דמותם והתפתחותם הרוחנית גם לאחר שנים, כאשר היה עליהם לבחור בדפוס חיים מיוחד בתור חברי נוער חרדי מאורגן בעל הכרה דתית ברורה.

ד. בית ספר לבנות „בית־יעקב"

עם הופעת תנועת „בית יעקב" ברחבי פולין, נוסד גם בולוצלבק בית ספר מסוג זה לבנות הדתיות. בית הספר שוכן בבנין הקהילה ברחוב קרוליביצקה וזכה לאהדה רבה בקרב הציבור הולוצלבקאי כולו. היה זה כמובן נסיון נועז להקנות לבנות ישראל חינוך מסורתי וידיעות מקיפות ביהדות, בעוד שהיה מקובל מקדמת דנא בקרב עם ישראל שלבנות אין לתת כל חינוך יהודי מיוחד... אולם הצלחתה של תנועת „בית יעקב" ברחבי פולין עברה כל גבול. בכל עיר ועיירה הוקמו בתי ספר „בית יעקב", ואף הורים בלתי דתיים מסרו ברצון את בנותיהם לבתי אולפנה אלה, מתוך כונה להבטיח לילדותיהם חינוך מסורתי ראשוני — שלא קיבלו בשום מוסד חינוכי אחר. גם ב„בית יעקב" בולוצלבק היו הרבה חניכות מהורים לא חרדים, מבין בעלי בתים, בעלי מלאכה וסוחרים זעירים, שהרעיון להקנית חינוך מסורתי ומקורי לבנות שבה את לבם.

כמובן שהתקציב של „בית יעקב" לא היה מבוסס כלל ועסקני המוסד נתלבטו כל השנים קשות בהחזקתו. בגלל חינוך עממי חינם שהיה נהוג בפולין אי אפשר היה לדרוש שכר לימוד מהתלמידות ובית הספר התקיים רק על תרומות ותמיכות פרטיות וכן על הקצבה מטעם הקהילה.

המורה, שנשלחה מהמרכז בקרקוב (שם קיים היה סמינר למורות „בית יעקב" בהנהלת האשה הדגולה והמופלאה, גב' שרה שנירר ז"ל, מיסדת תנועת „בית יעקב") שימשה הציר המרכזי של תנועת „בית יעקב" במקום, והיתה הרוח החיה בקרב הבנות והנשים הדתיות בעיר. היא לא הסתפקה רק בהוראה בבית הספר, אלא התמסרה בכל שעות הפנאי שלה לארגון בנות „אגודת ישראל" ולפעולות חינוכיות וארגוניות אחרות מחוץ לשעות ההוראה הקבועות. הכינה הצגות (בחנוכה ופורים) בהשתתפות החניכות, והשקיעה הרבה ממרצה וכוחותיה לארגון הפעולות הרבות בקרב נשי „אגודת ישראל" ובנותיה שהיא שימשה להן מדריכה ומחנכת כאחד.

בראש הנהלת בית הספר עמד ועד של נשים וכן ועד של גברים, שקיימו לפרקים ישיבות משותפות (שהיו, כמובן, על „טהרת הקודש").

בין העסקניות שהצטיינו בהתמסרותן להחזקת בית הספר יש להזכיר במיוחד את הגבירות ז'ימנבודה (אשת השו"ב ר' הירשל ז'ימנבודה), הגברת הנדלסמן, הגברת סולניק, הגברת פוקס ועוד. ומענין לציין שבנותיהן של אלו שימשו אחר כך בעצמן מורות בבתי ספר „בית יעקב" במקומות שונים בארץ.

ה. התפתחות „אגודת ישראל" ופעולותיה

הפעילות הארגונית של הסתדרות „אגודת ישראל" בולוצלבק לא הצטיינה, כאמור, בכושר מפלגתי רב. למעשה הצטמצמה העבודה המפלגתית שלה בקיום אסיפות בחירות, או בזמנים מיוחדים כשהיה נחוץ להקדיש תשומת לב מיוחדת לענין תורני מסוים או לחיזוק הדת. כן יצאה היזמה בדרך כלל מעסקני ה„אגודה" לכל הפעולות שהיו כרוכות בארגון אסיפות תעמולה בעניני שמירת שבת, כשרות, טהרת המשפחה ועוד. וכפי שציינו למעלה נתרכזו פעולות אלו בעיקר מסביב למרכז החרדי הידוע בעיר שמקום מושבו היה ברחוב קובלסקה 5.

בין העסקנים שעמדו בראש ה„אגודה" נמנו נציגי „אגודת ישראל" בקהילה — שהזכרנום למעלה — וכן כמה עסקנים נוספים, שהיו צנועים יותר בהליכותיהם ולא הופיעו כלפי חוץ אלא במקרים יוצאים מן הכלל. בין אלה ראוי להזכיר את רבי יצחק מאיר דורמבום, טיפוס נדיר של תלמיד חכם ומצניע לכת. את ניהול חנות הגלנטריה שלו השאיר בידי אשתו והוא בעצמו ישב ברוב שעות היום ב„שטיבל" ולמד. היה נחשב כקיצוני במחנה, ולמרות שהיה שתקן מטבעו, מספיק היה שישמיע הערה בודדת ביחס לשאלות שניסרו בחלל האויר של חיי הציבור וב„אגודת ישראל", כדי שחוג העסקנים ישנה את עמדתו בהתאם לרצונו ולדעתו. מעמודי התווך של ראשי אגו"י נחשב רבי חיים רובינשטיין. היה מחונן בכשרונות רבים. נואם בחסד, בעל מחשבה מעמיקה ובעל ידיעה רחבה בתורה וביהדות. היה בקיא בספרות העברית המודרנית ושלט יפה בלשון העברית החדישה. הוא היה נבחר לבטח כנציג אגו"י בקהילה לולא מחלתו הפתאומית, מחלת לב קשה, שהשאירה בו את אותותיה לכל ימי חייו. כתוצאה ממחלתו נאלץ היה לצמצם את שטח עבודתו הציבורית ולהתרחק ככל האפשר מפעולה עסקנית שעלולה היתה לסכן את בריאותו הרופפת. אולם למרות זאת לקח חלק פעיל באגו"י ואף נשא נאומים — בעיקר בזמן בחירות באסיפות תעמולה, שרישומם על קהל השומעים היה חזק.

יותר מאוחר השתקע בולוצלבק ר' דוד קניגסברג, עסקן אגודאי תוסס ובעל מרץ, שנתפרסם עד מהרה ככוכב עולה בין עסקני אגו"י במקום. ר' דוד קניגסברג, שקבע את מגוריו בולוצלבק לאחר שייסד כאן בית מסחר סיטוני לחמרי ברזל, הגיע מלובלין, במקום שהיה פעיל מאוד בקרב חוגי הנוער החרדי. הוא היה בעל כשרון יוצא מן הכלל. נואם וסופר, מחונן בכל הסגולות הדרושות לעסקן ציבורי ממדרגה ראשונה. ואמנם למרות גילו הצעיר נתיחד לו מיד מקום נכבד וחשוב בציבוריות הולוצלבקאית. השתתף בעתונות המקומית ואף הופיע בכמה אסיפות משותפות של כל הארגונים בעיר בעת המסע נגד ההיטלראות בגרמניה (בשנים 1932—1933). כמובן שבראש כל הפעולות האגודאיות עמד ר' הניך יאנובר, שהיה מראשי

המדברים בכל ישיבה ואסיפה אגודאית. לעומת זאת היתה עסקנותו של ר׳ אלעזר פלקסר מסוג אחר לגמרי. את ר׳ אלעזר פלקסר, אשר נחשב כאבטוריטה תורנית וחסידית מוכרת בעיר, לא הזמינו לכל אסיפה אגודאית רגילה, כי לא רצו להטרידו יתר על המידה. ידעו שר׳ אלעזר פלקסר — סוחר גדול וטיפוס חסידי נדיר — יושב בכל שעות הפנאי שלו ולומד בשקידה רבה. הוא היה ידוע כלמדן גדול וכבקי בש״ס ופוסקים וכולם התיחסו אליו בהערצה רבה. אולם במקרים יוצאים מן הכלל, כאשר על הפרק עמדה שאלה חשובה מאד והיה צריך להזעיק את הציבור החרדי בעיר בדבר חיזוק עניני הדת וכו׳, אז הוזמן גם ר׳ אלעזר פלקסר והוא נענה מיד ובעצם נוכחותו באסיפה הטביע עליה חשיבות מיוחדת. כי הכל ידעו שאם ר׳ אלעזר משתתף באסיפה, סימן הוא שעל הפרק עומדים דברים חשובים עד למאוד.

מלבד העסקנים הבולטים היו עוד כמה וכמה עסקנים־משניים, שחוג פעילותם נצטמצם בתוך ד׳ האמות של הארגון והיו מצניעי לכת במידה רבה. מבין אלה יש להזכיר את ר׳ מנדל פלקסר, את ר׳ מנדל הנדלסמן, מאיר סגל, ר׳ הירשל ז׳ימנבודה.

הפעולות הארגוניות האגודאיות לא הקיפו, כאמור, מרכזי פעולה רבים, אולם בעצם העמידה על המשמר ובתגובה המתמדת למען חיזוק וביצור עמדות היהדות החרדית בעיר, מול הנסיונות הבלתי פוסקים של הארגונים וההסתדרויות החופשיים לכבוש את חיי הציבור היהודי ולהטביע עליהם אופי חילוני בולט — הובטח קיומו והמשך פעילותו של המרכז החרדי והחסידי בעיר.

ז. ארגוני הנוער ותפקידם

התפתחותם וביסוסם של ארגוני הנוער האגודאים חלו בעיקר לאחר שהדור הצעיר, מחניכי „יסודי התורה״, גדל ויצא למרחב. שני ארגוני הנוער, „צעירי אגודת ישראל״ ו„פועלי אגודת ישראל״, שהיוו חלק אירגני של אגודת ישראל, פעלו בדרך כלל במשותף, וכמעט ואי אפשר היה להבדיל במהותם בין שני חלקי הנוער בתוך האגודה. אף על פי כן קיים היה הבדל בולט אחד. בשעה שעל חברי „צעירי אגודת ישראל״ נמנו עפי״ר מ„חובשי ביהמ״ד״, בח׳ורים שישבו ולמדו ב„שטיבל״ בכל שעות היממה, או שעזרו קצת להוריהם במסחר כמה שעות ביום ויתר הזמן הקדישו ללימוד תורה, נתרכזו בשורות „פועלי אגודת ישראל״ צעירים שבגלל מצבם החמרי נאלצו לחפש להם מקומות עבודה אצל בעלי מלאכה שונים בעיר.

אמנם בתקופה ההיא חל כבר שינוי ערכין ביחסו של הציבור היהודי ל„בעל־המלאכה״. חלף כבר הזמן שבעל המלאכה, איש העבודה, ייחשב כ„נחות דרגא״ לעומת הסוחר ואיש העסקים. ואפילו בקרב החרדים, שעדיין קיימת היתה רתיעה לשלוח את הילדים ללמוד מלאכה, כל זמן שלא ראו הכרח לכך, חדרה כבר ההכרה כי אין ה„מלאכה״ כלל התעסקות בזויה, כפי שהיה מקובל בדורות הקודמים, וכי על הדור הצעיר לשקוד על רכישת מעמד בחיים על־ידי לימוד מלאכה והסתגלות לעבודה פרודוקטיבית מתאימה.

אולם מדבר אחד אי אפשר היה להמנע לפי שעה: אלה שנשלחו לעבוד אצל בעל המלאכה בעיר, נאלצו לבלות כל שעות העבודה בתוך סביבה בלתי דתית ולהמצא בתוך אוירה זרה ועוינת ליהדות המקורית, ומתוך כך קיימת היתה הסכנה כי במוקדם או במאוחר יסטה הנער מ„דרך הישר״...

לפיכך שמה לעצמה הסתדרות „פועלי אגודת ישראל״ למטרה לרכז את הצעירים העובדים האלה, לחזקם מבחינה רוחנית ודתית על־ידי קיום שעורי ערב, פגישות, הרצאות על נושאים שונים ו„שבת אחים״ בכל שעות הערב אחרי יום העבודה הקשה. ויש לציין כי פעולותיה של „פועלי אגודת ישראל״ בולוצלבק הוכתרו בהצלחה רבה. מספר החברים גדל מיום ליום והתנהגותם והכרתם הדתית של הפועלים הדתיים היתה למופת.

הפעולות הארגוניות של צא״י ופועלי אגו״י נתרכזו גם כן באולמי „יסודי התורה״, ששימשו, כאמור, כמועדונים בשעות הערב לנוער האגודאי בולוצלבק.

ואף שבדרך כלל השתלבו פעולות הנוער בפעולות „אגודת ישראל״, בעיקר על רקע תעמולת הבחירות ועניני דת, שמרו ארגוני הנוער על עצמאותם המיוחדת ויצרו לעצמם הוי מיוחד. הדבר בלט



קבוצת פעילים של צעירי אגודת ישראל — אַ גרופּע אַקטיווע טוער פון צעירי אגודת ישראל.
יושבים — זיצן: ש. צוקר, שלמה וישניבסקי; עומדים — שטייען: דורמבוס, הולנדר.

עוד יותר לאחר שמרכזי הסתדרויות הנוער הקימו מנגנוני תעמולה יעילים ודאגו לספק לסניפים עתונות משלהם, חוברות הסברה וכן כינסו מזמן לזמן כינוסים אזוריים וארציים. דבר זה השפיע בהרבה על הכרתם של החברים אשר נתחשלו ברוחם והפכו במרוצת הזמן לעסקנים ציבוריים בעלי הבחנה מעמיקה. ואמנם לאחר שנים מספר של פעלתנות ארגונית נתגבש בולוצלבק נוער חרדי תוסס ובעל הכרה, שעירנותו ודריכותו לפעולות ציבוריות וסוציאליות שימשו מופת לאחרים.

בראש „פועלי אגודת ישראל" עמדו עסקנים צעירים בעלי מרץ, מחוננים בכשרונות רבים, בקיאים היטב בכל הליכות החיים ובעלי הכרה דתית עמוקה.

מבין ראשי פא"י התבלט במיוחד מר שמעון צוקר, שהצטיין כנואם בחסד וכאשר הופיע באסיפה אגודאית, או אף באסיפת פועלים מקצועיים בלתי דתיים — הלהיב המונים בכשרון הדיבור שלו. שמעון צוקר נמצא כיום באמריקה אחרי שניצל מהשואה לאחר גלגולים רבים במחנות השמדה.

על העסקנים מן השורה נמנו: מנדל לבקוביץ, ליבל בינברכר, יהודה פשדצקי, יאיר פריזנד (נמצא כיום בישראל) ועוד.

בין אלה שעמדו בראשי צא"י יש לציין את שלום הנדלסמן, אשר ז'מנבודה, שמואל דורמבוס, אלחנן זילברברג, יצחק סולניק (כולם ניספו בשואה) ועוד.

אך מן הראוי לציין ולהדגיש שהנוער האגודאי הולוצלבקאי הצטיין בחיבתו העמוקה לציון. ואפשר לומר בכל הוודאות כי נוער זה היה אלמנט בריא ומתאים מכל הבחינות לעליה חלוצית. ואמנם השאיפה בקרב הנוער האגודאי לעלות לארץ־ישראל היתה חזקה מאד עוד בתקופה שאגו"י לא עברה באופן רשמי לעבודה ארצ־ישראלית אקטיבית. עד כמה שאני נזכר הוקמה עוד בשנת 1927 „הכשרה" מקומית שאורגנה על־ידי פועלי אגו"י במטרה להכשיר את הנוער האגודאי לעליה חלוצית. אבל משום מה — ויש להצטער על כך מאד — לא ניתנה לנוער חלוצי זה האפשרות המעשית לעלות לארץ־ישראל כחלוצים, והם נשארו בגולה.

לאחר ההתעוררות הגדולה שקמה ביהדות החרדית למען עבודה ארצישראלית פעילה גבר עוד יותר הלהט הארצישראלי בקרב הנוער האגודאי בולוצלבק. רבים מבין חברי צא"י ופועלי אגו"י נצטרפו לקיבוצי הכשרה שאורגנו על־ידי מרכזי אגו"י ופועלי אגו"י במקומות שונים בארץ, מתוך תקוה להשיג סרטיפיקטים לאחר תקופת ה„הכשרה". אולם ההצלחה לא האירה להם פנים ויד השואה הנאצית השיגתם בגולה הדוויה.

במסגרת העבודה הארצישראלית של הנוער האגודאי בולוצלבק כונסו מזמן לזמן כינוסים אזוריים מהסביבה בהם השתתפו מאות בני נוער. כינוסים אלה החדירו תשוקה כבירה בקרב הנוער לעליה לארץ־ישראל. אולם למרות הנכונות המלאה מצד מספר גדול של חברי פא"י וצא"י לעלות לארץ־ישראל, לא יכלו אלה להגשים את שאיפתם בגלל העדר סרטיפיקטים. רק לאחר שהוקצבה על־ידי הסוכנות היהודית מכסה מסוימת של סרטיפיקטים נתאפשרה העליה החלוצית האגודאית בממדים רחבים יותר.

לבסוף יש לציין כי מלבד הפעולות הארגוניות והחינוכיות הושקעו הרבה מרץ ויזמה מצד כמה סופרים מחברי אגו"י בהוצאת עתון מקומי וחומר ספרותי אחר. במשך שנים אחדות הופיע שבועון דתי בולוצלבק בעריכת כותב השורות ושמעון צוקר.

בעתון זה, שמילא תפקיד ציבורי חשוב בעיר, ועמד על רמה ספרותית יפה, נתפרסמו הרבה מאמרים ודברי מחשבה מפרי עטם של סופרים דתיים במקום, והיתה לו השפעה מרובה על עיצוב החיים הציבוריים בקרב היהדות החרדית בולוצלבק. על הסופרים הקבועים של השבועון נמנו דוד קניגסברג, חיים רובינשטיין, שמואל דורמבוס, יהודה פשדצקי ועוד.

מאיר דוד אלטער / ניו יורק

די געשיכטע פון „בונד" אין די יארן 1900–1920

דער אָנהויב פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג

שוין אין יאָר 1900 זענען קליינע גרופּן, הויפּטזעכלעך פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ, אומלעגאַל זיך צוזאַמענגעקומען און אָנגעהויבן צו פּלאַנירן ווי אַזוי צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער שטאָט. די גרופּע האָט אָבער געהאַט שוועריקייטן אַריינצודרינגען צווישן די יידישע מאַסן צוליבן נישט קענען רעדן די יידישע שפּראַך. זיי האָבן דעריבער צוגעצויגן עטלעכע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געקענט רעדן אויף פּויליש און אַליין זיך אָנגעהויבן לערנען יידיש.

אין יאָר 1901 איז שוין געשאַפן געוואָרן דער ערשטער אומלעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון קאָמאַשן־מאַכער. דער פאַראיין איז, אמת, נישט געווען אָנערקענט פון די בעלי־הבתים, עס איז אָבער געצאָלט געוואָרן אַ געוויסער מיטגליד־אָפּצאָל, כדי אָנצוזאַמלען אַביסל געלט, אויפן פאַל ווען עס וועט גערופן ווערן אַ שטרייק פון דעם פאַך.

די גרינדונג פון „בונד" אין וולאָצלאַוועק

אין אָנהויב פון יאָר 1902 איז די פּאַרטיי „בונד" געגרינדעט געוואָרן אין אונזער שטאָט. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אינטעליגענטן און אַרבעטער.

עס זענען פאָרגעקומען אַלע שבת נאָך מיטאָג, געהיימע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט גערעדט וועגן קאַמף קעגן דער צאַרישער אָרדענונג, קעגן עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און וועגן דער וויכטיקייט צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין זומער פון דעם זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער דורכפאַל פון אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון גאָלדע די שניידערין, אויף דער זשאַביע גאַס. ווען די פּאָליציי־לייט האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און זענען אַריין, האָבן זיי אָנגעטראָפן, נאָר גאָלדען און איר „מאַן" שיע, וועלכער איז פאַקטיש געווען אַ שליח פון צ. ק. פון „בונד". ביידע זענען אַרעסטירט געוואָרן. די איבעריקע איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער וווינונג דורך אַ צווייטן אַריינגאַנג.

די אַרעסטירטע זענען געמאַטערט געוואָרן כדי אויסצוגעבן די אַנטיילנעמער, אָבער זיי האָבן אַלץ אויף זיך גענומען און קיינעם נישט אויסגעגעבן. ביים פּראָצעס האָבן זיי זיך מוטיק געהאַלטן און פאַרשיקט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר אין טיף־רוסלאַנד.

דער דורכפאַל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטאָט. יידן האָבן אין דער גאַס, אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך, געזידלט די „יונגען", „וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם רוסישן קיסר", און „ווער ווייס וואָס פאַראַ צרות זיי וועלן נאָך ברענגען אויף יידן"...

דער דורכפאַל האָט אָבער נישט אַרויסגערופן קיין אַפּאַטיע צווישן די אַרבעטער, נאָר פאַרקערט — עס איז געוואָרן אַ באַוועגונג



פעילי ה„בונד" הראשונים — די ערשטע בונדישע טוער.
שורה מראשונה מימין — ערשטע ריי פון רעכס: מ. רוזנטל, ברגלאָ, י. ל. רוזנטל; **שורה שניה — השני מימין — צווייטע ריי, צווייטער פון רעכטס:** מ. ד. אלטער; הרביעי — פערטער — קלמן זשעלאָנקא.

זיך בעסער צו אָרגאַניזירן. עס האָט זיך גלייכצייטיק אָנגעהויבן אַ קאַמף פון די רייכע און סתם אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, קעגן די יידישע אַרבעטער. מ'האָט געסטראַשעט מיט מסרן דער פּאָליציי.

די בונדישע גרופּע אין יענער צייט איז פּאַקטיש געווען דער פאָרלויפער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער שטאָט.

אין יאָר 1904 און 1905 זענען די פירער פון וולאָצלאַווקער „בונד" געווען שלמה הילער, נחמן גלוזמאַן, פינעק (פּאַוועל) פרענ־קעל און זיין שוועסטער פּאָלא, נח אונגער, שימיינסקי (געהאַט אַ קורצע האַנט, האָט מען אים גערופן „ראָנטשקע"), משה ווישע־גראָדסקי און אַנדערע.

שוין אין יאָר 1904 זענען פאָרגעקומען שטרייקן פון די קאַ־מאַשן־מאַכער און שניידער, אָנגעפירט פון די אומלעגאַלע פּראָפעס־יאָנעלע פאַראיינען.

די רעאַקציע מצד געוויסע בעלי־בתים (מייסטערלעך) איז געווען אַ שאַרפע. זיי זענען פשוט נישט געווינט געווען צו הערן די כלומרשטע „חוצפּהדיקע" פאָדערונגען פון די אַרבעטער, ווי אַ 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג (דער אַרבעטס־טאָג איז דעמאָלט געווען 16 און 18 שעה אַ טאָג), העכערן די שכירות און מענטשלעכע באַ־האַנדלונג.

די שטרייקן זענען אָבער פאָרגעקומען פאַר פּורים, ווען עס איז דאָ אַ סך אַרבעט. זענען די בעלי־הבתים געצוווּנגען די פאָדע־רונגען נאָכצוגעבן.*

די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָבן אין אַפּריל 1905 אַרויסגע־

* אויפרופן פון דער דאָזיקער צייט, וואָס זענען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן פון די וולאָצלאַווקער האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שניידער־ און קאַמאַשן־מאַכער, געפינען זיך אין דעם „פראַנץ קורסקי" אַרכיוו אין ניו־יאָרק.

שטעלט פאָדערונגען פון אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. פון 8 ביז 8. איין שעה מיטאָג, העכערן דעם לוין פון 10 ביז 50 פּראָצענט, שבת רוען אַ גאַנצן טאָג און נישט אַרבעטן שבת ביינאַכט, 2 וואָכן אור־לויב, מעדיצינישע הילף, בעסערע באַהאַנדלונג און אַנדערע.

ענלעכע פאָדערונגען אַנטהאַלטן אויך די אויפרופן פון די וואָלצלאַווקער שניידער און קאַמאַשן־מאַכער.

די שניידער האָבן אין אָקטאָבער 1905 אַרויסגעלאָזט אַ העקטאָ־גראַפישן אויפרוף צו בויקאָטאירן דעם שניידער־מייסטער באָק, פאַר כוליגאַנישער האַנדלונג קעגן די אַרבעטער.

דער סטאָליער־ארבעטער־פאַראיין האָט גערופן אין אַן אויפ־רוף צו בויקאָטירן דעם חבר ז. (ער האָט געאַרבעט אין פּאָטערס סטאָליערריי) פאַר „כוליגאַנישע און פּראָוואָקאַטאָרישע אויפטריטן. פאַר ברעכן צוויי מאָל אַ סטרייק און פאַר פאָדערן געלט פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר פּערזענלעכע צוועקן". (ער איז דעמאָלט אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון „בונד").

די אויפרופן דריקן אויס דאָס לעבן און קאַמף פון יענער צייט פון די וולאָצלאַווקער אַרבעטער. די אַרויסגעשטעלטע באַשיי־דענע פאָדערונגען, שפּיגלען אָפּ זייער האַרט און שווער לעבן, וועל־כעס איז זיי אויסגעקומען אַדורכצומאַכן פאַר זייער באַגרענעצטער עקזיסטענץ.

דער מאָרד פון אַ יידישן סוחר און די ערשטע מאַניפעסטאַציע*

אין חודש אויגוסט 1905 איז ביינאַכט געקומען מיט דער באַן פון רוסלאַנד אַ יידישער ס:חר. אויפן וואָקזאַל איז ער אַריינגענאַרט

* אַ טייל פון דער אינפאָרמאַציע גענומען פון „די לעצטע פּאַסירונגען", אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", אָקטאָבער, נומער 1905.

געוואָרן אין דעם פּלאַץ, ווו עס ווערט געהאַלטן דער באַגאַזש און איז פון רוסישע זשאַנדאַרן צעמזיקט געוואָרן. אויפן וועג אין שפּיטאָל האָבן די זשאַנדאַרן אים פאַרשטופּט דאָס מויל, כדי ער זאָל ניט שרייען, און ביז ער איז געקומען אין שפּיטאָל, איז ער שוין געווען דערשטיקט.

די ידיעה האָט אין דער שטאָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג.

דער „בונד" האָט געוואָלט אָרגאַניזירן אַ פאַרזאַמלונג אין דער גאַס, אָבער פּאָליציי האָט פונאַנאַדערגעטריבן דעם עולם.

צומאָרגנס איז די פאַרזאַמלונג פאָרגעקומען אויפן בולוואַר ביי דער ווייסל. טויזנטער מענטשן זענען געגאַנגען צו דער לוויה, די יידישע געשעפטן זענען אויף אַ האַלבן טאָג געווען געשלאָסן. אַלע יידישע אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. הינטערן ארון האָבן די אַרבעטער געזינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, אויפן בית־עולם זענען געהאַלטן געוואָרן רעוואָלוציאָנערע רעדעס.

דער „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט אַן אומלעגאַלע געדרוקטע פּראָקלאַמאַציע אין טויזנט עקזעמפּלאַרן וועגן דער הריגה פון דעם יידישן סוחר, קעגן דעם צאַריזם און די בלוטיקע מערדער.

עס איז אַדורכגעפירט געוואָרן די ערשטע גרויסע מאַניפעסטאַציע, וועלכע האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין דער שטאָט, און שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

קאָנספּיראַציע

דאָס וואָרט קאָנספּיראַציע איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די מאַסן. אַלע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען שטאַרק קאָנספּיראַטיוו. די פּאַרטיי־מיטגלידער זענען געווען איינגעטיילט אין גרופּן. יעדע גרופּע אָדער ווי מ'האָט עס גערופן „קרייז", האָט געהאַט אירס אַ פאָרשטייער. די „בירזשעס" (געמיינזאַמע שפּאַצירן אין גאַס), זענען געווען אויך אַ וויכטיק פּראָפּאַגאַנדע־מיטל. גרעסערע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין וואַלד איבער דער ווייסל, אָדער אין בריסקער וואַלד. די פּאַרטיי האָט אַליין אויסגעשטעלט „פּאַטראָלן" וועלכע האָבן באַצייטנס געלאָזט וויסן אויב פּאָליציי קומט. אָפט זענען פון ליפּנע געקומען צו רייטן קאָזאַקן אויף פערד. אַזוי ווי מען האָט זיך על־פּי־רוב פריער דערוווּסט דורך די „פּאַטראָלן", אַז מיליטער קומט אָן, איז מען זיך פאַר דער צייט פונאַנדערגעלאָפן און גאַנץ אָפט זענען אַרעסטירט געוואָרן זייטיקע יונגטלעכע, וועלכע די קאָזאַקן האָבן אויפן וועג געשלאָגן מכות רצח. אויך ביינאַכט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע פאַרזאַמלונגען אין די פינצטערע וועלדער, מיט רעדנער צוגעשיקטע פון צענטראַל־קאָמיטעט (צ. ק.). די אָרגאַניזאַציע האָט אויך געהאַט אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק. די ביכער זענען געהאַלטן געוואָרן אויף עטלעכע פּלעצער און אין דער גאַס, האַלטנדיק אונטער דעם פּאַלטן, האָט מען זיי געטוישט.

אָקטאָבער־מאַניפעסט פון יאָר 1905

ערב דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער אייזנבאַן־סטרייק איבערן גאַנצן לאַנד. מען האָט זיך שוין דערוווּסט, אַז די רעגירונג גייט דערקלערן דעם באַרימטן אָקטאָבער־מאַניפעסט.

פּראָטעסטירנדיק קעגן דער „געשענקטער קאָנסטיטוציע...", האָט דער „בונד" אין וולאָצלאַוועק אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף און גערופן צו אַ פּאָליטישן שטרייק.

אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען דער „פּריזיוו". (דאָס צושטעלן זיך צום מיליטער) און דער פאַקט וואָס ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג אין דער „פּריסוסטווע" איז געשטאָרבן אַ יידישער רעקרוט, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג. (אגב, אונזער בן־עיר, דער שפּעטער באַקאַנטער לאָדזשער ארבעטער־פירער ישראל ליכטענשטיין, איז דעמאָלט טאַקע געקומען נאָך וולאָצלאַוועק זיך צוצושטעלן צום פּריזיוו).

ביי דער לוויה אויפן בית־עלמין זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס קעגן דער רעאַקציע און מיליטאַריזם.

נאָך דער לוויה איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע אויף דער ברייטער גאַס, פּאָליציי מיט בלויזע שווערדן האָט זיך אַריינגעריסן אין עולם און פאַרוווּנדעט עטלעכע מענטשן.

דער אַלגעמיינער שטרייק האָט נאָך אָנגעהאַלטן. דעם 2־טן נאָוועמבער ד"י איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אויף דער הויפּט־גאַס. דערנאָך זענען די מאַסן מיט רויטע פאָנען, פאַקלען, ברענענדיקע לאַמטערנעס און ליכט געגאַנגען צו דער טורמע אויף די „קאָקאָשקעס" און געפאָדערט די באַפרייונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

די „קאָנסטיטוציע", ווי באַוווּסט, האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דעם 6־סטן נאָוועמבער זענען שוין אין דער שטאָט געווען אויפגעקלעפּט אין די גאַסן מעלדונגען פון דער רעגירונג און פון וואַרשעווער גובערנאַטאָר, אַז אַלע פאַרזאַמלונגען וועלן פונאַנדערגעטריבן ווערן דורכן מיליטער. גלייכצייטיק האָט מען אויך אין דער שטאָט גערעדט, אַז די רעגירונג אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אַלס מיטל אונטערצודריקן די רעוואָלוציע און אין דער שטאָט האָט מען שוין טאַקע געקענט באַמערקן איבערגעטוענע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן געוואָלט פּראָוואָצירן געשלעגן און האָבן אויך געמאַכט אָנפאַלן אויף יידן.

זעלבסטשוץ

די שטימונג, נאָך עטלעכע כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען פון די אַנטיסעמיטן, איז געוואָרן ביי די יידן אַ געדרוקטע און אומרואיקע. עס איז געפאַלן די לאָזונג פון אָרגאַניזירן אַ יידישן זעלבסטשוץ.

דער „בונד" און די „פּועלי ציון" האָבן אָרגאַניזירט באַזונדערע זעלבסטשוצן. דער אַלגעמיינער בירגערלעכער קלאַס האָט אויך איינגעזען, אַז מיט שתדלנות וועט מען ווייט נישט דערגיין און אויך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און כמעט אין יעדן יידישן הויז האָט זיך געפונען עפּעס אַ „קאַלט" אָדער אַ „הייס" געווער, כדי זיך צו קענען פאַרטיידיקן פון אַן אָנפאַל.

די שטאָט האָט אָבער אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם און מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

ערשטע גאָסודאַרסטווענע דומע

צו די וואַלן פון דער ערשטער „דומע" סוף 1905 האָט דער „בונד" אין וולאָצלאַוועק, צוזאַמען מיט דער „פּ.פּ.ס." אַרויסגעלאָזן אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע, גערופן צו אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק און צו אַ מאַסן־מיטינג, וועלכער איז פאָרגעקומען אויפן „גרינעם מאַרק". די רעדנער פון „בונד" און „פּ.פּ.ס." האָבן גערופן צו באָיקאָטירן די וואַלן צו דער „דומע".

די גאַסן זענען געווען פאַרפלייצט מיט פּאָליציי און סאָלדאַטן, פּאַטראָלן מיטן פּאָליציי־מייסטער בראש זענען אַרומגעפאָרן איבער

דער שטאָט. דער באַפעל צו די סאָלדאַטן איז געווען צו שיסן ביי יעדן צוזאַמענשטויס מיט דער באַפעלקערונג.

אין דעם זעלבן יאָר האָבן פאַרשטרייקט 120 האַנדלס־אַנגעשטעלטע. דער שטרייק האָט געדויערט 12 טעג. זיי האָבן נאָר טייל־ווייז געוווּנען געוויסע פאָדערונגען. דערפאַר אָבער האָבן די 24 שטרייקנדיקע קאַמאַשן־מאַכער פולשטענדיק געוווּנען דעם שטרייק.

כאָטש די רעאַקציע האָט שוין גוט געבושעוועט, זענען נאָך יעדן אויפדערנאַכט פאַרגעקומען „בירזשעס" אויף דער ברייטער גאַס און ביי דער ווייסל מיט אַ 150 באַטייליקטע. אָפט זענען די „בירזשעס" באַפאַלן געוואָרן פון מיליטער־פּאַטראָלן, וואָס האָבן גע־שלאָגן און צעטריבן די אַרבעטער.

געשאָסן אברהם „די לאָמע האַנט"

די רעפּרעסיעס און די רעאַקציע האָט זיך מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט. אין אַ נאָכמיטאָג אין זומער 1906 זענען כמעט אַלע גאַסן אין דער שטאָט אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך מיליטער, זשאַנדאַר־מען און פּאָליציי. יעדער איינער, ווער עס איז נאָר געווען אין דער גאַס, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, געמוזט ווייזן זיין פּאַס און איז געוואָרן באַזוכט.

אין שטאָט איז געווען באַקאַנט אַ טיפּ — אברהם. ער האָט גע־האַט אַ האַלבע האַנט. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש. מ'האָט אים גאַנצע טעג געזען אין דער גאַס. ער איז געווען גייסטיק נישט נאָרמאַל. זיין נאָמען איז געווען אברהם דאַבזשינסקי, אָבער יעדער האָט אים גערופן אברהם „די לאָמע האַנט". ער האָט געהאַט אַ ברודער יעקב, אַ גרויסן חסיד און אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז ער האָט פון אברהמען אויסגענאַרט די ירושה, וואָס זיין פאָטער האָט פאַר אים איבערגעלאָזט. דאָס זאָל האָבן גורם געווען צו זיין נישט נאָרמאַלקייט. אברהם איז געווען תמיד שמוציק אָנגעטאָן און שטאַרק אָפּגעלאָזט. אין דעם שבת פון דער מיליטערישער „אַבלאַווע", האָט ער אויפן רוף פון אַ פּאַטראָל צו בלייבן שטיין, זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן אַנטלויפן. די זעלנער האָבן אים נאָכגעשאָסן און ער איז געפאַלן אַ טויטער נעבן דער אַלטער שול אויף זשאַביע גאַס. אַזוי איז ער געלעגן עטלעכע שעה אין דער גאַס געהיט פון עטלעכע זעלנער.

דער קרבן האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג און טרויער ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דער טויטער קערפּער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער „חברה קדישה", וועלכע האָבן אים שטילערהייט מקבר געווען.

ליקווידאַציע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען

צוליב די פאַרפאָלגונגען און רעפּרעסיעס, ווי אויך צוליב דער דעפּרעסיע און אַנטוישונג וועלכע האָבן באַהערשט די מאַסן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון דער פּאָליטישער באַ־וועגונג.

די אינטעליגענץ און אויך די באַקאַנטע אַרבעטער־טוער זענען אויס מורא אַרעסטירט צו ווערן, אַנטלאָפן נאָך אויסלאַנד, אָדער אין אַנדערע שטעט אין לאַנד.

סוף 1906 זענען שוין אַלע פּאַרטייען פון זיך אַליין ליקווידירט געוואָרן. און כדי זיך אַליין צו פאַרטומלען, האָט זיך דער עולם אַריינגעלאָזט אין קאָרטן־שפּיל, ביליאַרד און טאַנצן.

דער בעסערער עלעמענט האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו קומען צו זיך, זיך צוזאַמענצוקומען אין קליינע גרופּן און געקלערט ווי אַזוי צוריק אויפצולעבן דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן צווישן די אַרבעטער־מאַסן.

נייע אומלעגאַלע ביבליאָטעק

עס איז געפאַלן אַ געדאַנק צו אַרבעטן איצט הויפּזעכלעך אויפן קולטורעלן געביט, גרינדן געהיימע ביבליאָטעקן און אָרגאַניזירן אַמאַטאָרישע טעאַטער־גרופּן.

אין „בונד" זענען געווען צוויי עקשנים: קלמן זשעלאַנקאַ און מיין ווייניקייט, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו שאַפן אַ נייע אומלעגאַלע ביבליאָטעק און זיך באַמיען צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אָנפירנדיקע מענטשן פון „בונד" אין וואַרשע אָדער אין אַן אַנדערער גרויסער שטאָט.

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט עטלעכע אַרבעטער און זיי אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר האָבן גלייכצייטיק געגרינדעט. די ביכער פון דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק האָבן מיר געהאַלטן אין אונזערע פּריוואַטע שטיבער. און געטוישט זיי געהיימערהייט אין גאַס פון אונטער דער פּאָלע.

דער לייענער־קרייז איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און אויך די צאָל ביכער וועלכע מיר האָבן געקויפט דורכן פאַרלאַג „די



פעילי ה„בונד" — בונדישע טוער.
יושב באמצע — זיצט אינמיטן: מ. ד. אַלטער.

וועלט" אין ווילנע, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. מיר האָבן שוין גע־מוזט זוכן אַ לאָקאַל ווו צו האַלטן די ביכער.

דאָס ערשטע צימערל האָבן מיר געהאַט אין שמאָלן געסל „זאַפּיעצעק". דאָס צימער איז אָבער נישט געווען צוגעפּאַסט צו די אומלעגאַלע באַדינגונגען. ס'איז געוואָרן אויפפאַלנדיק ביי די זייטיקע מענטשן. האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט דעם באַקאַנטן אין שטאָט טיפּ, כאַלע „פּ"... אַן עלטערער קאַרגער בחור. ער האָט געהאַט אַ וווינונג פון דריי צימערן אויף דער בזשעסקא גאַס. מיר האָבן ביי אים געדונגען אַ צימער און באַצאָלט אים דירה־געלט פאַר דער גאַנצער וווינונג.

אין דער וווינונג האָבן מיר אויך אָנגעפירט שבת נאָכמיטאָג פּאָליטישע שמועסן און דיסקוסיעס.

די אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן גרעסער. אונזער כאַליע האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן. פּאָליציי קען זיך דערוויסן וועגן די אומ־

לעגאַלע פאַרזאַמלונגען און ער קען נאָך צוזאַמען מיט אונז אַרעסטירט ווערן. האָבן מיר אים דערלייגט נאָך עטלעכע רובל צום דירה־געלט. דערפאַר איז ער שוין אונטן ביים איינגאַנג פון הויז געשטאַנען אויף דער „וואַך" און אונז געהיטן מ'זאָל נישט האָבן קיין דורכפאַל.

פאַרבינדונגען מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד"

אין יאָר 1909 האָט זיך אונז איינגעגעבן דורך אַ צופאַל איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד".

די קאָרעספאָנדענץ האָבן מיר געפירט מיט אַ חבר אין ניצאַ, פראַנקרייך. (עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דזשאָן מיל, איינער פון די גרינדער פון „אַלגעמיינעם אַרבעטער — בונד").

מיר האָבן אויך געקראָגן אין בריוו נומערן פון דעם אומלעגאַלן אָרגאַן „די שטימע פון בונד" און דעם רוסישן אָרגאַן „אָטקליקי בונדא", וועלכער האָט זיך געדרוקט אויף ביבולע־פאַפּיר. שפּעטער האָבן מיר אויך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז גאַנצע פּעקלעך פון די „אָטקליקי בונדא" זאָלן אָנקומען נאָך טורין (דעמאָלט געהערט צו דייטשלאַנד) און פון טורין, דורך אַ יידישן שמוגלער איבערגעשמוגלט ווערן נאָך אַלעקסאַנדראָוו, און מיר האָבן זיי געבראַכט קיין וולאָצלאַוועק. פון דאָ האָבן מיר געשיקט קלענערע פּעקלעך לויט באַקומענע אַדרעסן קיין אָדעס, מינסק, קיעוו און לאָדזש. עטלעכע מאָל איז עס דורכגעגאַנגען, ביז דער שמוגלער איז אַמאָל דורכגעפאַלן און אַרויסגעגעבן פאַר וועמען ער האָט עס געבראַכט, און אין יאָר 1910 בין איך דעריבער אַרעסטירט געוואָרן.

כדאי צו דערמאָנען, אַז וולאָצלאַוועק איז געווען פון די געציילטע שטעט, וואָס האָבן אין דער שווערסטער צייט פון דער רוסישער רעאַקציע, נישט אויפגעגעבן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אַלעמאָל אָפּגעהיטן, אַז דאָס הייליקע אידעישע פייערל זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען

די ערשטע טעאַטער־אונטערנעמונג האָבן מיר אַדורכגעפירט אין יאָר 1910, אין דעם „ווינער־זאַל" ביי פּאָפּיאָלעק אויף דער ציגאַנקע גאַס, אונטער דער רעזשי פון משה קאָהן. עס איז אויפגעפירט געוואָרן „דער פאָטער און זון" פון ש. אַנסקי.

עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאָרשטעלונג יוסף האָרן, נאַטאַלקאַ יאַקובטשאַק, שיינע איטע בוקס, יחיאל מאיר בערנשטיין, שמואל אָלשאַנסקי, זאַנוול זילבערמאַן, ברוך לעפּקאָוויטש און מיין ווייניקייט אַלס סופלאָר.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז מיר האָבן נישט קיין דערלויבעניש פון דער מאַכט צום שפּילן, דאָך האָט עס קיינעם נישט אָפּגעשראָקן.

דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן און די זאַך איז גוט אויפגעפירט געוואָרן.

אין די שפּעטערע יאָרן האָט משה קאָהן אויך אויפגעפירט די „ירושה" פון פאולה ר. (נח פּרילוצקיס פרוי), אברהם שלמה מאָשקאָוויטשס דראַמע און נאָך אַנדערע זאַכן.

די פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע עס איז שוין געווען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט, האָבן אַלעמאָל צוגעצויגן אַ גרויסן דאַנקבאַרן עולם.

שמואל לאַנדאַו

צוליב די רעפּרעסיעס פון דער רוסיש־צאַרישער מאַכט, האָבן מיר אין דער עפנטלעכקייט פיגורירט אַלס די „יידישיסטישע" גרופּע.

מיר האָבן אָנגעפירט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור.

ווען אסתר־רחל קאַמינסקיס דראַמאַטישע טרופּע האָט געשפּילט אין וואַרשע, האָבן מיר זיך באַמיט, אַז זי זאָל אויך קומען קיין וולאָצלאַוועק און געבן עטלעכע פאָרשטעלונגען. מיר האָבן געוווּסט, אַז שמואל לאַנדאַו, אונזער אַ בן־עיר, איז איינער פון די הויפּט־אַרטיסטן פון קאַמינסקיס טרופּע. אין נאָמען פון דער גרופּע „יידישיסטן" האָבן מיר געשריבן אַ בריוו צו לאַנדאַו וועגן אונזער פאַרלאַנג, אז די טרופּע זאָל קומען קיין וולאָצלאַוועק. ס'איז אונז טאַקע געלונגען זי אַריבערצוברענגען.

דאָס ערשטע צוזאַמענטרעפן זיך מיט לאַנדאַו איז געווען אונטער די קוליסן פון טעאַטער צווישן דעם ערשטן און צווייטן אַקט פון „מירעלע אפרת". צוזאַמען מיט זיינס אַ שוועסטער, אַן אינטעליגענט מיידל, אַ לערערין, האָבן מיר, אַ דעלעגאַציע פון פינף בונדיסטן, אין נאָמען פון דער „יידישיסטישער" גרופּע, אויסגעדריקט אים און דער גאַנצער טרופּע, אַ דאַנק וואָס זיי האָבן דערפילט אונזער פאַרלאַנג און זענען געקומען אין אונזער שטאָט. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז דער פינאַנציעלער דערפאָלג זאָל זיין אַ גרויסער, און דאָס האָט זיך אונז איינגעגעבן. אויך דער מאָראַלישער דערפאָלג איז געווען אַ באַדייטנדיקער. דעם גוטן איינדרוק, וואָס דאָס טעאַטער האָט איבערגעלאָזט אין שטאָט, האָבן מיר באַטראַכט ווי אַ נצחון פון דער יידישער שפּראַך און קולטור און פון אונז, די „יידישיסטן", וואָס עס האָט פאַקטיש געמיינט די בונדישע גרופּע.

לאַנדאַו האָט זיך מיט אונז זייער דערפרייט און אויסגעדריקט גרויס צופרידנהייט, וואָס אין זיין געבוירן־שטאָט, אין דעם פאַרפוילישטן וולאָצלאַוועק, ווערט פון יידישע אַרבעטער אָנגעפירט אַ באַוועגונג פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. ביים געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט: „איך ווייס וואָס דער נאָמען „יידישיסטן" באַטייט און איך בין זייער נאָענט צו אייך".

שמואל לאַנדאַו האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אַרטיסטן אויף דער יידישער בינע. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טאַלאַנט און טעאַטער־קולטור. במשך פון לאַנגע יאָרן האָט ער געהערט צו דער קאַמינסקי־טרופּע און געשפּילט צוזאַמען מיט דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער" אסתר רחל קאַמינסקי. ער האָט זיך באַצויגן מיט ערנסט צו זיינע ראָלן און דער יידישער טעאַטער־עולם האָט געוווּסט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ חשובן אַקטיאָר.

שמואל לאַנדאַו האָט זיין טעאַטראַלע עבודה געטאָן ממש ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. דעם 7־טן דעצעמבער 1940, איז דער 70־יעריקער לאַנדאַו געשטאַנען אויף דער סצענע אין ביאַליסטאָקער טעאַטער און געשפּילט זיין ראָל אין שעקספּירס „שטורעם". ביים סוף פון ערשטן אַקט האָט ער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און איז באַלד געשטאָרבן.

נחום סאָקאָלאָווס פאָרלעזונג אין פּויליש

די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים גערופן „יידישיסטן", האָבן זיך דערוווּסט, אַז די ציוניסטן גרייטן זיך צו ברענגען קיין וולאָצלאַוועק נחום סאָקאָלאָוון אויף אַ פאָרלעזונג און די פאָרלעזונג זאָל זיין אין דער פּוילישער שפּראַך.

מיר האָבן זיך געווענדט צו די פירער פון די ציוניסטן מיט אַ פאַרלאַנג סאָקאָלאָוו זאָל רעדן אין יידיש. תחילה האָבן זיי אונז אינגאַנצן איגנאָרירט. אַזוי ווי מיר האָבן פון זיי נישט באַקומען קיין ענטפער, האָבן מיר זיך געווענדט צו סאָקאָלאָוון מיט אַ בריוו און

אים דערקלערט, אַז מיר אַכטן אים זייער שטאַרק און זענען צופרידן, אַז ער וועט זיין אין וולאָצלאַוועק, אָבער מיר פאַרלאַנגען ער זאָל רעדן אין יידיש. מיר האָבן פון אים באַקומען אַן ענטפער, אַז ער וואָלט גערן נאָכגעקומען אונזער פאַרלאַנג, אָבער די דערלויבעניש איז גענומען געוואָרן, אַז ער זאָל רעדן אין פויליש, (אין דער צייט פון מיין אַרעסט איז דער בריוו פאַרניכטעט געוואָרן).

מיר האָבן אים געשריבן, אַז זיין ענטפער שטעלט אונז נישט צופרידן, אַז צוליב זיין כבוד־וועגן וואָלטן מיר נישט וועלן ער זאָל האָבן אומאנגענעמלעכקייטן און צווישנרופן בעת ער וועט רעדן, און דעריבער פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו רעדן אין יידיש.

קיין תשובה אויף דעם בריוו האָבן מיר נישט באַקומען, אָבער עטלעכע טעג שפעטער ווען קלמן זשעלאָנקא און איך זענען געגאַנגען אויף דער ברייטער גאַס, האָט אונז גערופן מאיר ערנשטיין און אונז פאָרגעלייגט אָפּצוהאַלטן מיט עטלעכע פון ציוניסטישן קאָמיטעט אַ באַראַטונג. די באַראַטונג איז פאָרגעקומען ביי ערנשטיינען אין הויז אויף דער ברייטער גאַס, וווּ עס איז געווען זיין געשעפט. אַחוץ ערנשטיינען זענען בייגעווען משה ווייצמאַן, הערמאַן קינאָ, גערליץ, און אַ פינפטער וועמען איך געדענק נישט, פון די אַזוי־גערופענע „יידישיסטן" זענען געווען קלמן און איך. עטלעכע שעה האָבן מיר זיך געאַמפּערט און געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז שפעטער אויך אָנגענומען געוואָרן פון סאָקאָלאָוון, דהיינו, אַז סאָקאָלאָוו זאָל עפענען די פאַרלעזונג מיט עטלעכע ווערטער אין יידיש, ער זאָל זאָגן, אַז „ער באַדויערט וואָס ער קען נישט רעדן אין יידיש, ווייל די דערלויבעניש איז פאַר דער פוילישער שפּראַך און האָפט, אַז מ'וועט אים אויפמערקזאַם אויסהערן".

סאָקאָלאָווס קומען האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטאָט. די בילעטן זענען געווען מיט טעג פריער שוין אויספאַרקויפט. מיר האָבן געהאַט פאַרנומען כמעט ביידע זייטן פון דער גאַלעריע אין דעם „נאָוואָשטשי"־טעאַטער אויף דער ציגאַנקא גאַס, וווּ די פאַרלעזונג האָט געדאַרפט פאָרקומען.

דער זאַל איז געווען איבערפולט. סאָקאָלאָוו האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסע אָוואַציעס. ער האָט אָבער, לײדער, דעם צוזאָג צו עפענען די פאָרלעזונג מיט די עטלעכע יידישע ווערטער, ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט, נישט געהאַלטן. (מעגלעך, אַז דאָס איז נישט געווען זיין שולד). ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן מיט עטלעכע פוילישע ווערטער, האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן, אָבער אָן אויפהער. סאָקאָלאָוו האָט זיך גענייגט עטלעכע מאָל, אָבער אַזוי ווי דאָס אַפּלאָדירן האָט פאָרט נישט אויפגעהערט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אונזער „אָבסטרוקציע". ער האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט און עס איז שטיל געוואָרן. ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו רעדן אין אַ פיינעם קלינגענדיקן יידיש די זעלבע ווערטער ווי עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיט אונז. שפעטער האָט ער אין העברעאיש באַגריסט זיינע חברים ציוניסטן און אָנהענגער, און איבערגעגאַנגען צו דער טעמע פון רעפעראַט אויף פויליש.

מיר האָבן געפילט, אַז מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, וועלכער האָט אונז צוגעגעבן אַ סך פּרעסטיזש און געהויבן אונזער אָנזען, אַזוי, אַז שפעטער ביי געוויסע האַנדלונגען פון ציוניסטישן קאָמיטעט אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט מען זיך מיט אונז גערעכנט און מ'האָט געוואָלט וויסן אונזער שטעלונג בנוגע זיי.

פאַראייניקונג מיט דער ציוניסטישער ביבליאָטעק

די ציוניסטישע גרופּן האָבן אין יאָר 1912 אָדער 1913 באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר אַ לעגאַלער ביבליאָטעק און לייען־זאַל. נאָכן עפענען די ביבליאָטעק האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט די פירער פון דער בונדישער אומלעגאַלער ביבליאָטעק וועגן פאַראייניקן ביידע ביבליאָטעקן.

עס איז באמת געווען שווער צו פירן אויף אַן אומלעגאַלן אופן אונזער ביבליאָטעק. דאָך האָבן מיר זיך געשראָקן, אַז די פאַראייניקונג זאָל אונז אַמאָל נישט שטערן אין אונזער פּאָליטישער אַרבעט.

עס זענען ביי אונז געווען מיינונגען קעגן דער פאַראייניקונג, אָבער נאָך לאַנגע אַמפּערייען און דיסקוסיעס, האָט די מערהייט אָנגענומען מ'זאָל זיך פאַראייניקן אויף פאָלגנדע באַדינגונגען:

1. מיר זאָלן באַקומען צוויי פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג.
2. די „יידישיסטישע" גרופּע זאָל האָבן די זעלבע רעכט אויף דעם לייען־זאַל ווי די ציוניסטישע גרופּן.
3. צו יעדער צייט זאָלן די „יידישיסטן" האָבן אַ רעכט אַרויסצונעמען צוריק די ביכער.

די פּונקטן זענען אָנגענומען געוואָרן פון ביידע צדדים.

דער נאָמען פון דער ביבליאָטעק און לייען־זאַל איז געווען „יידישע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק". זי האָט זיך געפינען אויפן ערשטן שטאָק אין הויף פון דער ציגאַנקאַ גאַס נומער 9.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען געווען דוד ערסלער (דעם „אַלטן חזנס" זון), פיווקאָ, פערדינאַנד קאופמאַן. (דאַכט זיך אויך מענדל באום, חיים לאָזער טכורש און יחזקאל ברייטשטיין). פון „בונד", אָדער די „יידישיסטן", זענען געווען קלמן זשעלאָנקא און מאיר דוד אַלטער.

די ערשטע צייטן איז דאָס צוזאַמענלעבן געגאַנגען זייער גוט. די ביבליאָטעק איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן און האָט געוועקט אַ גרויסן אינטערעס ביים עולם. דער לייען־זאַל, וואָס האָט געהאַט אַ זייער גרויסע צאָל צייטונגען אין עטלעכע שפּראַכן און איז געווען פּאַסיק דעקאָרירט מיט בילדער פון יידישע שרייבער און אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, איז יעדן אָוונט געווען איבערפולט פון לייענער. די ביבליאָטעק איז געווען אַ פּונקט פון אַלע צוזאַמענטרעפונגען.

דער „שידוך" האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די דיסקוסיעס און פּאַרטיי־רייסערייען האָבן זיך וואָס אַמאָל פאַרשטאַרקט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז מען וויל אונז, ווי מ'האָט זיך דעמאָלט אויסגעדרוקט „צערייבן"... עס זענען פאָרגעקומען קריגערייען צוליב די רעכט אויפן לייען־זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען. דער פּראָצענט פון איינקויפן יידישע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק איז געווען אַ צו קליינער. פּוילישע און העברעאישע ביכער איז, לויט אונזער אָפּשאַצונג, געקויפט געוואָרן פאַרהעלטנישמעסיק צו פיל.

דעם הויפּט קאַמף פאַר העברעאיש האָבן געפירט שלמה מאַלאַוואַנטשיק און יחזקאל ברייטשטיין. פערדינאַנד קאופמאַן האָט זיך גערופן דער אומפּאַרטייאישער. ער האָט זיך באמת באַמיט צו מאַכן שלום צווישן די ביידע צדדים. עס האָט אָבער צו קיין שלום נישט געקענט קומען און מיר האָבן די ביבליאָטעק געמוזט ווידער צעטיילן.

לויטן אָפּמאַך האָבן מיר אַרויסגענומען אַלע יידישע ביכער. וועלכע מיר האָבן אַריינגעגעבן און אויך אַ טייל פון די ניי צוגעקויפטע.

דאָס פונאַנדערגיין זיך האָט אַרויסגערופן אַ סך בייז בלוט, אָבער קיין פּערזענלעכע שונאים זענען מיר נישט געוואָרן און אויפן

געביט פון ביבליאָטעק־ענינים האָבן מיר זיך אָפט געעצהט איינער מיטן אַנדערן.

„אַלגעמיינע יידישע ביבליאָטעק"

עס איז אונז געלונגען צו ווירקן אויף אַ האַלב־אינטעליגענטן ייד מיטן נאָמען פּאָמעראַנץ (ער איז געווען אַ שילדן־מאָלער), אַז ער זאָל אָפּגעבן אַ ביטע אין וואַרשע וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן ביכער צום לייענען. דער ייד איז אויך געווען אַ קאַרגער און גייציק נאָך געלט. האָבן מיר אים צוגעזאָגט, אַז ווען די דערלויבעניש וועט אָנקומען, וועלן מיר, פאַר לאָזן אונז האַלטן די ביכער און פירן די ביבליאָטעק, אים באַצאָלן דאָס גאַנצע דירה־געלט. ער וועט אויך קאָנען האַלטן בילדער צום פאַרקויפן און אַז מענטשן וועלן קומען טוישן די ביכער וועלן זיי מעגלעך אויך קויפן בילדער.

גאָר אין אַ קורצער צייט איז די דערלויבעניש געקומען אויף דעם אָפיציעלן נאָמען „אַלגעמיינע יידישע ביבליאָטעק".

דער ערשטער לאָקאַל איז געדונגען געוואָרן אויף דער ברייטער גאַס נומער 16. די אַרבעט איז געגאַנגען נישט שלעכט. דער לאָקאַל איז אָבער באַלד ענג געוואָרן און עס איז געדונגען געוואָרן אַ גרעסערער, אין הויף אויף דער ברייטער גאַס נומער 13.

דאָ האָבן מיר געהאַט אַ זייער גרויסן צימער. מיר האָבן שוין פאַרמאָגט אַ פיר טויזנט ביכער און העכער הונדערט פּאָרמעלע אַבאָנענטן פון דער ביבליאָטעק, וועלכע זענען פאַקטיש געווען מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן אין די שבתים אין דעם לאָקאַל אָפּגעהאַלטן גרעסערע פאַרזאַמלונגען און פּאָליטישע דיסקוסיעס.


אין דער לופט האָט מען שוין געפילט, אַז עס וועט אויסברעכן דער מלחמה־שטורעם — די ערשטע וועלט־מלחמה.

די ערשטע וועלט־מלחמה

אין חודש אויגוסט אין יאָר 1914 האָט דער שטורעם אויסגעבראָכן, די ערשטע וועלט־מלחמה.

אין דער שטאָט איז אַלע מאָל געווען אַ סך רוסיש מיליטער, הויפּטזעכלעך קאַוואַלעריע, אַרטילעריע און קאָזאַקן. נישט איין מאָל האָבן מיר געהאַט גענוג צרות פון זיי, ווען זיי זענען געשיקט געוואָרן צו צעטרייבן די „בירזשעס", וועלכע זענען עטלעכע מאָל אין דער וואָך פאָרגעקומען, און מיט די פערד האָבן זיי זיך געלאָזט אויף די מענטשן שלאָגנדיק מיט די קאָזאַצקע נאַגייקעס אויף רעכטס און אויף לינקס.

אַזוי ווי די שטאָט וולאָצלאַוועק איז נישט געווען קיין סטראַטעגישער פּונקט, האָט דער רוסישער גענעראַל־שטאַב באַשטימט, אַז דאָס גאַנצע מיליטער זאָל אַריבער אויף דער רעכטער זייט ווייסל.



לביקורו של ו. מדם בעיר.
צו וו. מעדעמס באזוך אין שטאָט (1915)

צוויי טעג שפּעטער, אין אַ זונטיק פאַרטאָג, האָבן מיר שוין געהערט דאָס אויפרייסן מיט דינאַמיט די קאַזאַרמעס, די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען אין גאַס, און עס האָט עפּעס יעדן איינעם אַרומגענומען אַ רחמנות אָנצוקוקן און זען די פאַרלוירנקייט פון די ביז־איצט „העלדישע" מיליטערישע פירער.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך געזעגנט מיט דער באַפעלקערונג, און ווען דער לעצטער סאָלדאַט איז אַריבער די ווייסל־בריק, איז די בריק גלייך פון די סאַפּיאָרן־זעלנער אויפגעריסן געוואָרן.

די אָרדנונג פון דער שטאָט איז באַלד איבערגענומען געוואָרן פון דער שטאָטישער ציווילער מיליץ, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיט דער הילף פון די רוסישע שטאָט־באַאַמטע פאַר זייער פאַרלאָזן די שטאָט. עס זענען נישט פאָרגעקומען קיין אַנטיסעמיטישע אויסברוכן. די פּאָליאַקן זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ מורא פאַר די דייטשן, וועלכע זיי האָבן אַגב געהאַלטן פאַר „פריינט" פון יידן און מען האָט זיך אין יענעם מאָמענט גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן די צרות און פּיין, וואָס די מלחמה קען ברענגען.

אַזוי ווי די רוסישע רעאַקציע און אונטערדריקונג זענען געווען זייער גרויס, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווען די דייטשן וועלן אָקופּירן דאָס לאַנד וועט מען אויך געניסן פון די דייטשע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט און פרייהייטן. זענען טאַקע די דייטשע פאָרפּאָסטנס, וועלכע זענען אַריין אין שטאָט מיט אַ טאָג שפּעטער, אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד ווי די „באַפרייער" פון דער באַפעלקערונג.

(צי האָט זיך אַ מענטש דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיט אַ 40 יאָר שפּעטער וועט ווידער זיין נאָך אַ גרעסערע און שרעקלעכע וועלט־מלחמה, און די זעלבע דייטשן וועלן אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן אויסמאָרדן איבער זעקס מיליאָן יידן ?).

קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט"

די דייטשע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען קיין פּוילן און מיר האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, אַרויס פון דער קאָנספּיראַציע און אָרגאַניזירט זיך אָפן ווי מיר וואָלטן געווען אַ לעגאַלע געזעלשאַפט פון תמיד אָן.

מיר האָבן געדונגען עטלעכע צימערן, איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל אונטערן נאָמען „יידישע ביבליאָטעק", און ווען עס איז פון די דייטשן איינגעשטעלט געוואָרן די דייטשע ציווילע שטאָט־רעגירונג, זענען מיר שוין געווען אַ לעגאַלע אינסטיטוציע. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן מיר שוין געהאַט אַ זייער גרויסן לאָקאַל און געגרינדעט אָפיציעל אַ קולטור געזעלשאַפט „צוקונפט", (אגב, מיר זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגענומען אין פּוילן דעם נאָמען „צוקונפט", שפּעטער זענען אַנטשטאַנען אין אַ גרויסער צאָל שטעט, ענלעכע קולטור־געזעלשאַפטן).

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די געזעלשאַפט „צוקונפט" האָט געהאַט העכער 800 מיטגלידער, איינגעשטעלט אַ דראַמאַטישע גרופּע אין וועלכער ס'האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל די ח'טע מאַניע ראָזען, (שפּעטער דעם ח' אַרטור זיגעלבוימס פרוי, אַ לערערין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין אָטוואָצק. אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים), אַ גרויסן כאָר אונטער דער פירונג פון דיריגענט יעקב הערש קאָהן, אַ קלוב אַ טיי־האַלע און אַ בופעט, וועל־



מקהלת „צוקונפט" — דער „צוקונפט"־כאָר.

כער איז געווען דער טרעף־פּונקט און אַלעמאָל געווען פול מיט אַרבעטער, ספּעציעל אין די אָוונטן, ווו מ'האָט דיסקוטירט איבער פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, אַ קיך וועלכע האָט אַרויסגעגעבן ביז 150 מיטאָגן אַ טאָג.

עס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער מאַנגל אין שפּייז, ספּעציעל אין די גרעסערע שטעט, הויפּטזעכלעך אין לאָדזש.

די טעקסטיל־אַרבעטער האָבן אינגאַנצן קיין אַרבעט נישט געהאַט, ווייל די דייטשן האָבן אַרויסגענומען די מאַשינען פון די פאַבריקן, זענען אַ גרויסע צאָל יידישע טעקסטיל־אַרבעטער פון לאָדזש געקומען קיין וולאָצלאַוועק. דאָס האָט באַוויגן צו עפענען אַ קיך, ווו אַן אַרבעטער האָט פאַר אַ גאָר ביליקן פּרייז געקענט באַקומען אַ גוטן מאָלצייט.

די פּראָדוקטן האָבן מיר באַקומען מיט דער הילף פון די ראַטמענער שלמה הילער, אַבראַם טאָראָנטשיק און איגנאַץ חיימאָר־וויטש. דער מאַגיסטראַט האָט צוגעשטעלט די פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען אָן קאַרטן, אויף אַ נאָרמאַלן פּרייז און אויך אַ געוויסע צאָל פּראָדוקטן אומזיסט.

דער נאָמען פון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָט געהייסן „וולאָצ־לאַוועקער יידישע ביבליאָטעק" איז געענדערט געוואָרן אויף „בראָניסלאַוו גראָסער ביבליאָטעק" ביי דער קולטור געזעלשאַפט „צוקונפט".

די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט העכער 4000 יידישע ביכער און 2 טויזנט אין אַנדערע שפּראַכן, אַ לייען־זאַל און אַ אוידיטאָריום וואָס האָט אַריינגענומען זעקס הונדערט מענטשן.

דאָס איז פאַקטיש געווען די איינציקע גרויסע געזעלשאַפט אין דער שטאָט, ווו אַלע יידישע אַרבעטער און ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן זיך גרופּירט, און וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן אָנזען אין שטאָט.

לעקציעס און קולטור אַרבעט

די ערשטע פאָרלעזונג, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט איז געווען פון חבר וולאַדימיר מעדעם אין יאָר 1915. די לעקציע איז פאָרגעקומען אין טעאַטער „נאָוואָשטשי", דער גרעסטער זאַל אין שטאָט. מיט עטלעכע טעג פריער זענען אַלע בילעטן שוין געווען אויספאַרקויפט.

מענטשן פון אַלע שיכטן זענען געקומען הערן מעדעמען, דער איינדרוק פון דער פאָרלעזונג איז געווען אומגעהויער גרויס, און געהויבן אונזער פּרעסטיזש אין שטאָט.

דייטשישע רעפּרעסיעס

כמעט יעדן חודש האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פאָרלעזונג פון בונדישן פירער פון וואַרשע, אָדער געבראַכט אַ יידישן שרייבער, וועלכער האָט גערעדט אויף אַ ליטעראַרישע טעמע.

עס זענען אָבער אויך געווען עלעמענטן אין שטאָט וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרגינען אונזער גרויסע אַרבעט און דעם איינ־פלוס וואָס מיר האָבן אַלץ מער באַקומען אין שטאָט. זיי האָבן פאַר־מסרט ביי די דייטשן, אַז אונטער דער מאַסקע פון אַ קולטור־געזעלשאַפט פירן מיר סאָציאַליסטישע אַרבעט און קעגן די דייטשן.

די דייטשע מאַכט האָט די פירער פון דער „צוקונפט" אָפּט גערופן אויף פאַרהערן, געשטערט אונז אין דער אַרבעט, נישט גע־וואָלט לעגאַליזירן קיין לעקציעס און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און אויך געוואָרנט, אַז זיי וועלן אינגאַנצן פאַרמאַכן די „צוקונפט"־געזעלשאַפט.


מיר האָבן אָנגעגעבן בקשות קיין בערלין, געווונדט זיך אויך צו דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט) און אָפּטמאָל האָט עס טאַקע געהאָלפן און די רעפּרעסיעס זענען שוואַכער געוואָרן.

עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און אין יאָר 1916 האָט מען מיך, דעם סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט"־געזעלשאַפט, גערופן אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור און געזאָגט אַז זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז ס'וועט פאָרקומען דעם ערשטן מאַי אַ דעמאָנסטראַציע. וואָרנט ער, אויב די דעמאָנסטראַציע אָדער מאַניפעסטאַציע וועט פאָרקומען, וועט ער פאַרמאַכן די געזעלשאַפט „צוקונפט". „עס איז קריגס־צייט און ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס זענען נישט דערלויבט".

ערשטער מאַי

די מאַניפעסטאַציע איז פאָרגעקומען. די דייטשן האָבן זי צעטריבן נישט ערגער פון די רוסישע קאָזאַקן. צומאָרגנס, ווען מען איז געקומען אויפמאַכן דעם לאָקאַל, איז די טיר געווען פאַרזיגלט דורך דער דייטשער מאַכט.

נישט קוקענדיק אויף דעם דייטש־קריגערישן פּאַטריאָטיזם, און די מורא וואָס איז געווען ביי יעדן דייטשן זעלנער נישט צו מישן זיך אין סאָציאַליסטישער פּאָליטיק אין דער צייט פון דער מלחמה, זענען מיר געווען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַ גרעסערער גרופּע דייטשע זעלנער, און אָפט מיט זיי געהאַט געהיימע פאַרזאַמלונגען.



ועד הספריה — ביבליאָטעק־קאָמיטעט (1917)

ערב דעם ערשטן מאַי אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אין געהיים א צוזאַמענקום, ווו עס האָבן זיך אויך באַטייליקט זעקס דייטשע זעלנער, איינער פון זיי איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון דער „לייפּציגער דייטשער ס. ד. פאָלקסצייטונג", די ביקסן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און איין דייטש איז געשטאַנען אין גאַס און געהיט, אַז עס זאָל קיין דורכפאַל נישט זיין. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ערשטן מאַי.

דאָס פאַרמאַכן פון דער געזעלשאַפט האָט שטאַרק געווירקט אויף אונז, מען איז שוין נישט געווינט געווען בכלל צו רעפּרעסיעס און אומלעגאַלער אַרבעט.

נאָך שווערע מי איז נאָך עטלעכע חדשים געלונגען די געזעלשאַפט זאָל צוריק געעפנט ווערן.

די פאַרפאָלגונגען האָבן אָבער נישט אויפגעהערט. מען האָט געהאַלטן אין איין שלעפּן די פירער פון דער געזעלשאַפט אין דער קאָמענדאַנטור און געסטראַשעט זיי מיט אַרעסטירן.

זייער אָפט איז טאַקע אויסגעקומען צו שלאָפן אין פרעמדע פלעצער צוליב די רעוויזיעס, וואָס זענען פון די דייטשן געמאַכט געוואָרן, און אויב זיי וואָלטן וועמען פון אונז געכאַפּט, וואָלט ער — ווי דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעדריקט — געווינט אין האַוועלבערג (אַ דייטשער געפאַנגען־לאַגער פאַר פּאָליטישע).

אונזער אָנזען אין שטאָט איז אָבער געווען גרויס. ווען עס איז געקומען צו שטאָט־ראַט־וואַלן, האָבן מיר אַלע מאָל געהאַט אַ גרויסע פאַרטרעטערשאַפט.

אונזערע ראַטמענער־חברים שלמה הילער, אַבראַם טאָראָנטשיק, איגנאַץ חיימאָוויטש, און אַנדערע זענען געווען באַליבט ביי די יידישע און פוילישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן. אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט זענען געעפנט געוואָרן צוויי גרויסע שפּייז־געוועלבער. עס איז געווען שווער צו באַקומען פּראָדוקטן, אָבער אַ דאַנק דער מי און ענערגיע פון די דערמאָנטע בונדישע ראַטמענער, האָט דער קאָאָפּעראַטיוו באַקומען פּראָדוקטן און פאַרקויפט פאַר אַ ביליקן פּרייז צו די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער, וועלכע זענען באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון אַרבעטער און אָרעמע פאָלקסמאַסן.

בונדישע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט

יאָר 1917. די רעפּרעסיעס פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן, אָבער די בונדישע באַוועגונג האָט דאָך געהאַלטן אין איין וואַקסן און מיר האָבן געקראָגן אַ גרויסן אָנזען אין שטאָט. מיר האָבן זיך אַלע מאָל אָפּגערופן אויף אַלע פראַגן, וואָס דאָס לעבן האָט אויפגעוועקט, סיי אויפן פּאָליטישן און סיי אויפן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן געביט. וואָס פאַר אַ נייע פאַראָרדענונג עס זאָל נישט אַרויסגעגעבן ווערן פון דער דייטשער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע, האָט מען געוואָלט הערן וואָס דער „בונד" וועט וועגן דעם זאָגן און אונזערע ראַטמענער האָבן אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראַט אַלע מאָל דרייסט און אָפן פּראָקלאַמירט אונזער שטעלונג.

אָפּטמאָל, אין ספּעציעל יידישע פראַגן איז פאָרגעקומען אַ קאַמף מיט די פוילישע אַנטיסעמיטישע ראַטמענער („נאַראָדאָווצעס"), וועלכע האָבן באַגלייט זייערע אַרויסטרעטונגען מיט דראָונגען און נישט זעלטן האָבן פּ.פּ.ס.־ישע ראַטמענער באַשיצט אונזערע חברים פון פיזישע אָנגריפן מצד די דאָזיקע ראַטמענער. די מוטיקע אַרויסטרעטונגען פון די בונדישע פאָרשטייער אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראַט האָבן שטאַרק געהויבן אונזער פּרעסטיזש אין שטאָט.

ווען די דייטשן האָבן אין סוף פון יאָר 1917 אָנגעהויבן צו כאַפּן גרעסערע מפּלות אויף די שלאַכטפעלדער, האָבן זיי וואָס עפטער אויסגעלאָזט דעם כעס צו דער באַפעלקערונג און האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער צו פאַרפאָלגן אונזער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן ווידער אונזער פּאָליטישע בונדישע אַרבעט געמוזט אָנהויבן פירן אומלעגאַל, די טוער האָבן זיך געמוזט אויסהיטן נישט צו ווערן אַרעסטירט.

אונטער שווערע באַדינגונגען האָבן מיר אָבער ווייטער אָנגעפירט אונזער אַרבעט אויפן פּאָליטישן און קולטורעלן און אויך ווירטשאַפטלעכן געביט.

די דייטשע רעוואָלוציע

נאָוועמבער 1918. ס'האָט אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע. דער קייזער ווילהעלם האָט אַבדיקירט, אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט צו זען ווי די דייטשע סאָלדאַטן גייען אַרום מיט רויטע שלייפלעך און בלומען אָנגעשטאָכן אין די מונדירן.

באַנען מיט דייטשע סאָלדאַטן זענען געפאָרן צוריק פון די פראָנטן. רויטע פאָנען האָבן געהאָנגען אויף די וואַגאָנען און עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל" און אויסגעשרייען

קעגן מלחמה און קאַפּיטאַליזם. מען איז געווען אַרומגענומען מיט אַ זיכערקייט, אַז ס'איז דער אָנהויב פון סוף פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און די מענטשן פון דער גאַנצער וועלט וועלן שוין ענדלעך קענען אָנהויבן צו לעבן פריי און אָן מורא.

די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט

די געשעענישן זענען אָבער זייער שנעל געלאָפן.

אין דעם זעלבן חודש נאָוועמבער יאָר 1918 איז דערקלערט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

צוליב דער אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה מצד די פּוילישע אַנטיסעמיטן, האָט די פרייד פון די פּאָליאַקן אַרויסגערופן שרעק ביי דער יידישער באַפעלקערונג. און פאַקטיש האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם קעגן יידן.

דער דייטשער סאָלדאַטן־ראַט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן באַלד נאָכן אַבדיקירן פון ווילהעלמען, האָט זיך געווענדט צו אונזער אָרגאַניזאַציע מען זאָל צו זיי שיקן אַ דעלעגאַציע, זיי ווילן האָבן מיט אונז אַ קאָנפערענץ וועגן אַ וויכטיקער פראַגע.

דריי חברים זענען באַשטימט געוואָרן אין דער דעלעגאַציע און אויף דער זיצונג פון סאָלדאַטן־ראַט האָבן די דייטשן אונז געמאָלדן, אַז זיי זענען מיטגלידער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אונז דערקלערט, אַז זיי האָבן גענויע אינפאָרמאַציעס אַז די פּאָליאַקן גרייטן צו אַ פּאָגראָם אויף די יידן. אַזוי ווי די דייטשן איז מער נישט דערלויבט צו האַלטן די אָרדענונג אין דער שטאָט, ווילן זיי דעריבער אונז איבערגעבן דאָס גאַנצע געווער און אַמוניציע, וועלכעס איז אין זייער באַזיץ, כדי מען זאָל זיך קענען באַשיצן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז מיר ווייסן נישט צי מיר וועלן באַוויזן אין אַזאַ קורצע צייט צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, בפרט אַז די פּאָליאַקן האָבן באַלד אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז וועמען פון דער ציווילער באַפעלקערונג זיי וועלן כאַפּן מיט געווער, וועלן זיי אויפן אָרט דערשיסן. מיר האָבן דעריבער דעם אָנבאָט פון דעם דייטשן סאָלדאַטן־ראַט נישט געקענט אָננעמען, נאָר אַ צען רע־וואָלווערן און קוילן האָבן מיר גענומען און באַהאַלטענערהייט אי־בערגעפירט אויף אַ זיכערן פּלאַץ.

פּאָגראָם

די פּאָליאַקן האָבן טאַקע זייער אומאָפּהענגיקייט באַלד „גע־פייערט“ מיט אַ פּאָגראָם אין שטאָט, וועלכער האָט געדויערט דריי טעג.

אָנגעהויבן האָבן זיי דעם פּאָגראָם, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון שטאָט, אין דער „פּאָלאָניע“. דער מיטינג איז גערופן געוואָרן פון די לינקע פּ.פּ.ס. און פּ.ס.ד.

אַ סך פון אונזערע חברים האָבן זיך אין דעם מיטינג באַטיי־ליקט. פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן די געשרייען פון די כוליגאַנעס, וועלכע זענען באַשטאַנען פון הונדערטער פּוילישע שילער און אונטערוועלט מענטשן, און אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געקענט אַריינרייסן אין זאַל, האָבן זיי געוואַרט אויף דער גאַס, געשלאָגן מיט שטעקנס און אייזנס יעדער אַרויסגייענדיקן יידן און צוגערויבט פון די קעשענעס, וואָס איינער האָט נאָר געהאַט.

ליידער האָבן נישט די פּ.פּ.ס. און נישט די פּ.ס.ד. געפּרוווט באַשיצן די יידישע אַרבעטער. ווי נאָר איינער האָט געקענט, האָט ער זיך אַליין פאַרטיידיקט.

די וואָס האָבן זיך שטאַרקער פאַרטיידיקט זענען אַרעסטירט געוואָרן פון דער פּוילישער פּאָליציי.

אַלע וואָס זענען אַרויס פון די כוליגאַנישע הענט, זענען געלאָפן אין לאָקאַל פון דער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט“.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די „צוקונפט“ וואָלט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל, מען האָט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט און פאַרבונדן די וווּנדן.

אין אָוונט האָבן די כוליגאַנעס געשטורעמט דעם לאָקאַל פון דער „צוקונפט“, מען האָט זיך אָבער שטאַרק פאַרבאַריקאַדירט און זיי האָבן נישט געקענט אַריינקומען.

נאָך דריי טעג פון פריי אַרומווילדעווען, האָבן די פירער פון די פּאָליאַקן זיך אַרומגעזען אַז עס איז שוין גענוג געהוליעט און אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו דער פּאָליציי צוריק איינצושטעלן די אָרדענונג אין שטאָט.

די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען זייער אַ דערשלאָגענע. אָבער איינציקווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן צוגע־געווינען צום נייעם רעזשים. די פּאָליאַקן האָבן אויך איינגעזען אַז צום אויפבויען דאָס צעשטערטע פּוילן נויטיקן זיי זיך דערווייל אין דער הילף פון די יידן און דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן.

פּוילישע רעפּרעסיעס, פאַרמאַכט די „צוקונפט“

אונזער פּאַרטיי איז אינגאַנצן געוואָרן אונדערגעדריקט. דער גרויסער לאָקאַל פון דער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט“ מיטן גאַנצן פאַרמעגן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזוי פיל מי, אַרבעט און געלט פון די יידישע אַרבעטער, איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

מיר האָבן ווידער געגרינדעט אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע.

עס איז זייער שווער געווען דאָס צוזאַמענקומען זיך, מיר האָבן די אָרגאַניזאַציע איינגעטיילט אין גרופּן און לויט די מעגלעכקייטן ווידער געפירט אונזער פּאָליטישע אַרבעט.

רוסיש־סאָוועטיש פּוילישע מלחמה

אין מערץ 1920, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־סאָוויעטיש פּוילישע מלחמה, איז דער אַנטיסעמיטיזם ווידער געשטאַרקט גע־וואָרן. פּאָליאַקן האָבן געשריען אַז „טראָצקיס יידישע אַרמייען ווילן פאַרכאַפּן פּוילן“.



אברהם ואסתר טורונצ'וק — אבֿרהם און אסתּר טאָראָנטשוק

אין אַ קורצער צייט איז די רוסיש־סאָוועטישע אַרמיי צוגעקו־מען קעגנאיבער דער שטאָט אויפן רעכטן זייט ווייסל.

די פּאָליאַקן האָבן געשלעפּט יידן אויף די געפּערלעכסטע ער־טער צו גראָבן „אָקאָפּעס", לעשן די פייערן, וואָס די האַרמאַטן־קוילן האָבן אָנגעצונדן. עס זענען געפאַלן קרבנות פון דער יידישער באַ־פעלקערונג.

ווידער אומלעגאַל, אַרעסטן

ווען די רוסיש־סאָוועטישע אַרמיי איז צוריקגעשטויסן געוואָרן פון דער שטאָט און אין אָקטאָבער 1920, ווען די מלחמה איז געקומען צו אַ סוף, האָבן זיך די רעפּרעסיעס אויף אונז נאָך מער געשטאַרקט.

אַ טייל חברים זענען אַרעסטירט געוואָרן. אַ טייל איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. פאַר מיר און אויך פאַר אַ סך אַנדערע חברים איז געוואָרן אוממעגלעך פאַרבלייבן לעגאַל אין פּוילן. מיר האָבן באַ־שלאָסן צו עמיגרירן.

זייענדיק אומלעגאַל אין שטאָט, אויף דער לעצטער זיצונג פון בונדישן שטאָטישן קאָמיטעט איז מיר פּשוט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים נישט דערלויבט געווען זיך אָפיציעל צו געזעגענען מיט מיינע טייערע חברים און יוגנט־פריינד, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגע־קומען אַזוי פיל יאָרן צו אַרבעטן צוזאַמען און דורכלעבן אַזוי פיל פרייד און צער. מיינע טייערע און ליבע חברים — קלמן זשעלאָנקאַ, שלמה הילער, יעקב־לייב ראָזענטאַל, איגנאַץ חיימאָוויטש, אברהם און אסתר טאָראַנטשיק, שיע כרזשאָנסטאָווסקי, הערש בוקס און אַ סך אַנדערע האָבן אין די ווייטערדיקע יאָרן נאָך 1920 אָנגעפירט מיט דעם פּאָליטיש־קולטורעלן, און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט צווישן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. מיט פרייד און שטאָלץ האָבן מיר באַוווּנדערט דעם גרויסן וווּקס פון „בונד", זיין שטייגנ־דיקן איינפלוס און די ליבשאַפט מיט וועלכער די מאַסן האָבן אַרומ־גענומען די פירער.

די באַוועגונג מיט די אַלע טוער און די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג איז אומגעקומען, אָבער זיי וועלן בלייבן לעבן אין דער גע־שיכטע און מיר, די קליינע צאָל לעבן־געבליבענע, וועלן זיי קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן. זיי וועלן בלייבן איינגעקריצט אין אונזער זכרון און זיין איינגעבאַקן אין אונזערע הערצער מיט דער גרעסטער ליב־שאַפט און געטרייקייט.

א גרופּע ארטיקע פירער פון „בונד"

שלמה גדליה הילער *



אַ פּיאָנער פון בונד אין וולאָצלאַוועק און במשך 40 יאָר געטריי געדינט די פאָלקס־מאַסן פון זיין שטאָט.

שלמה גדליה — געבוירן אין 1884 — איז געווען אַ זון פון יחיאל הילער. דער פאָ־טער — אַ גערער חסיד און רייכער מאַנו־פאַקטור־סוחר אין וולאָצלאַוועק. צו 17 יאָר ווערט דער חסידישער בחור שלמה גדליה אַ בונדיסט און אַזאַ איז ער שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. בעת דער צוויי־טער וועלט־מלחמה איז ער אויסגעגאַנגען פון הונגער און צער אין וואַרשעווער געטאָ.

שוין אין 1901 האָט ער געהאָלפן שאַפן דעם ערשטן אומלע־גאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון קאַמאַשן־שטעפּער. ער איז אויך געווען איינער פון די וואָס האָבן געשאַפן די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין וולאָצלאַוועק.

אין 1905 האָט מען הילערן אַרעסטירט און ער איז אָפּגעזעסן 6 חדשים. נאָך דעם איז ער נאָך אייניקע מאָל געזעסן. ווען נאָר די צאַרישע אָכראַנע האָט דורכגעפירט אָבלאַוועס און אַרעסטן אין דער שטאָט, האָט זי אים גענומען. אין 1920 האָט ער אויך פאַרבראַכט אַ צייט אין דער פּוילישער תפיסה בעת די רעפּרעסיעס פון דער פּוילישער רעגירונג קעגן „בונד". דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט אַנט־מוטיקט. סאָציאַליזם און בונדיזם זענען ביי הילערן געווען אַן אמונה, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון זיין איידעלער נאַטור און טיפן אידעאַ־ליזם. אַ פאָלקס־אינטעליגענט אין בעסטן זין פון וואָרט. אַ לעבן לאַנג געזאָרגט וועגן די נויטליידנדיקע פאָלקס־מאַסן און וועגן זיך און זיין פאַמיליע אַמווינציקסטן געטון.

זיינס אַ בן־עיר, מאיר קוטשינסקי, דערציילט וועגן אים:

„ווען ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער בונדישער בעקעריי, איז באַמערקט געוואָרן, אַז קיין מזל־ברכה קומט נישט אַריין אין דער אונטערנעמונג, כאָטש די שטאָט קויפט גערן דאָס ברויט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלמה הילער פאַרטיילט בחינם ברויט אָרעמע יידענעס. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט קוילן פון זיין אייגענעם קוילן־סקלאַד. אונטערגעוואָרפן הינטער דער טיר זעקלעך קוילן, פאַרטאַכלענדיק דעם טאַטנס ירושה... ער האָט געוווּסט ווו מען הונגערט, ווו מען פרירט. ער פלעגט אַרומגיין ביז דריי־פיר פאַרטאָג איבער דער שטאָט ווי אַן אמתער שטאָט־טאַטע און בודק זיי דעם ברוק, די קאַנאַלן, די באַלייכטונג. פיל פּאָליאַקן, פון די אָרעמע, האָבן געפלעגט שטימען פאַר אים. געווען פון די ערשטע און לעצטע יידישע ראַטמענער אין פּוילן. ער האָט אַמאָל פאַרפירט אַ קאַמף קעגן די שטאָטישע אינזשיניערן, וואָס האָבן רעגולירט די ווייסל שטראָם־אַראָפּ. ער האָט אויפגעוויזן, אַז די אַרבעט דאַרף געמאַכט ווערן שטראָם־אַרויף און ער האָט געזיגט. צו אים האָט טאַקע די ווייסל גערעדט יידיש!"

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען צווישן די הויפּט־בויער פון די קאָאָפּעראַטיוון־ און אַרבעטער־קיכן. צום ערשטן מאָל איז הילער געוויילט געוואָרן פון דער בונדישער ליסטע אַלס ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט אין יאָר 1917 און אויך ביי די ווייטערדיקע וואַלן איז ער כסדר געוויילט געוואָרן (דאָס לעצטע מאָל — אַפּריל

[1] אינפאָרמאַציע פון מאיר דוד אַלטער (וולאָצלאַוועק—ניו־יאָרק), לעווין שוואַרץ (וולאָצלאַוועק—ניו־יאָרק). יובל־בוך 611 א. ר., ניו־יאָרק, 1951. (אַרטיקלען פון מ. ד. אַלטער, ח. טאַבאַטשניק, ח. גאָסטינסקי, מ. לישאַק, ל. שנורבאַך, מ. אלמאַן). אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1942. מאיר קו־טשינסקי: דער נייער מאָמענט, סאַן פּאַולאָ, 29 מאַי 1952.

1939). די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט און ליב געהאַט. כאַראַק־טעריסטיש, אַז אויך פּוילישע אַרבעטער און אָרעמע פאָלקס־מענטשן פלעגן פאַר אים שטימען — אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז דער קעמפער פאַר די אינטערעסן פון אָרעמען מענטש.

בעת די לעצטע שטאָט־ראַט־וואַלן (1939) האָט די פּאַרטיי־אָר־גאַניזאַציע גענומען אין אַכט זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד און, וועלנדיק אים שוינען, זיין נאָמען געשטעלט צום סאַמע סוף פון דער קאַנדידאַטן־ליסטע, מיט דער אויסרעכענונג, אַז אַדורכגיין וועלן די ערשטע קאַנדידאַטן. די וויילער האָבן אָבער צונישט געמאַכט דעם חשבון. וואַרפנדיק זייערע שטימען בעיקר אויף אים, האָבן זיי אים געוויילט, הגם ער איז געווען דער לעצטער...

אין די יאָרן פון אומאָפּהענגיקן פּוילן איז הילער אויך געווען אַ געוויילטער בונדישער פאַרשטייער אין דער יידישער קהילה. גלייכצייטיק איז ער געווען אין די אָרטיקע פּאַרטייאישע אינסטאַנצן און פלעגט קומען אַלס דעלעגאַט אויף בונדישע צוזאַמענפאָרן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער בונדישער וועטע־ראַן געקומען קיין וואַרשע. אויך דאָרטן, הגם אַלט און קראַנק, האָט הילער נישט גערוט. צוזאַמען מיט אַ גרופּע וולאָצלאַווקער חברים איז ער געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און דאָ פאַר־ענדיקט זיין לעבן אין יאָר 1941.

מ. ד. א.

קלמן זשעלאַנקאַ



געבוירן אין יאָר 1888 אין קאָוואַל ביי וולאָצלאַ־וועק, ביי אָרעמע רעליגיע־זע און באַלעבאַטישע על־טערן. דער פאָטער איז גע־ווען אַ מלמד.

די פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק, ווען קלמן איז נאָך געווען אַ קליין קינד. צו 11 יאָר האָט שוין קלמן געאַרבעט אין אַ שניידער־וואַרשטאַט אַלס אַ לערן־ייִנגל.

אין 1902, זייענדיק סך־הכל אַלט 14 יאָר, איז ער שוין געקו־מען אין קאָנטאַקט מיט די ערשטע קאָנספּירירטע בונדישע קרייזלעך אין שטאָט. אין 1904 איז ער שוין געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון „בונד" און אין 1905 געגרינדעט די ערשטע אומלעגאַלע ביב־ליאָטעק אין וולאָצלאַוועק.

אין 1906, אין דער צייט פון די גרעסטע צאַרישע רעפּרעסיעס, ווען די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט איז כמעט צעפאַלן געוואָרן, האָט ער צוזאַמענגענומען אַ גרופּע אַרבעטער און באַנייט איר טע־טיקייט. ער איז לאַנגע יאָרן געווען פאָרזיצער פון „בונד" אין וולאָצלאַוועק.


אין דער חורבן־צייט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז קלמן געווען אַקטיוו אין אומלעגאַלן בונדישן קאָמיטעט. דער „בונד" איז געווען זיין העכסטער גלויבן און אידעאַל.

אויך זיין פרוי מאַניע איז געווען טעטיק אין „בונד", אין די אומלעגאַלע צייטן פון צאַריזם זענען אין איר וווינונג פאָרגעקומען די געהיימע קרייזלעך און פאַרזאַמלונגען.

קלמן און מאַניע — ביידע האַרציקע חברים און מסירת־נפש־דיקע בונדיסטן — זענען דורך די נאַציס אַרויסגעפירט געוואָרן קיין זאַמאָשטש און שפּעטער אומגעברענגט געוואָרן.

מ. ד. א.

יעקב לייב און סאַמעק ראָזענטאַל



געבוירן געוואָרן אין גאָסטינין אין 1886. זון פון בנימין־מענדל און איטע־רבקה. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר.

אין 1905, ווען יעקב לייב האָט נאָך געטראָגן דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע היטל און לאַנגע קאַפּאָטע, איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין גאָס־טינין. אין יענער צייט האָט די פאַ־מיליע זיך איבערגעצויגן קיין וולאָצ־לאַוועק און יעקב לייב האָט געאַרבעט אַלס שרייבער אין אַ ניעשאַווער וואַלד.

אין וולאָצלאַוועק ווערט ער באַלד אַקטיוו אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין 1921 און 1929 געווען דעלעגאַט אויף די בונדישע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די בונדישע אָר־גאַניזאַציע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין שטאָט, האָט יעקב לייב זיך נאָך מער אַריינגעטון אין דער פּאַר־טיי־אַרבעט. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד אין בונדישן קאָמיטעט און איז אויך געווען ראַטמאַן און קהילה־דאָזאָר פון וולאָצ־לאַוועק. ער איז אויך געווען זייער אַקטיוו אויפן געביט פון שול־וועזן.

ווען וולאָצלאַוועק האָט זיך שוין געפונען אונטער דער נאַצישער הערשאַפט האָט דער קהילה־ראַט געדאַרפט שיקן אַ מענטשן קיין וואַרשע צום „דזשאָינט" וועגן הילף פאַר די וולאָצלאַווקער יידן און קיינער פון די קהילה־פאַרשטייער האָט זיך ניט געוואָלט איינשטעלן צום פאָרן, האָט יעקב לייב פרייוויליק זיך געמאָלדן, איז צוויי מאָל געפאָרן קיין וואַרשע צום „דזשאָינט" און האָט גלייכצייטיק זיך פאַרבונדן מיטן געהיימען צ. ק. פון „בונד". פון וואַרשע האָט ער גע־בראַכט אַ גרוס, אינפאָרמאַציעס, אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס וועגן דער אונטערערדישער טעטיקייט.

אין וולאָצלאַווקער געטאָ האָט דער „בונד" אין טהרה־שטיבל פון בית־עולם איינגעאָרדנט אַ קיך, וווּ מ'האָט אַרויסגעגעבן טויזנט מיטאָגן אַ טאָג. יעקב לייב איז געווען דער סעקרעטאַר און פירער פון דער קיך. ער איז געווען אַקטיוו אין אַלע אַרבעטן פון דער פּאַרטיי.

זיין געראָטענער זון סאַמעק האָט אָנגעפירט מיט דער אומ־לעגאַלער טעטיקייט פון „סקיף" און געווען דער פאָרזיצער פון אונטערערדישן קאָמיטעט פון דער יוגנט־בונד „צוקונפט". סאַמעק איז אויך געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער פּוילישער אומ־לעגאַלער צייטונג, וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן אין געטאָ — די „וויאַדאָמאָשטשי ראַקאָטאָווסקיע". (די געגנט, וווּ דער געטאָ איז געווען, האָט געהייסן ראַקאָטאָוועק).

אין נאָמען פון י. ב. „צוקונפט״ פלעגט ער אַרויסטרעטן ביי די אומלעגאַלע ערשטע־מאַי־פייערונגען און אַנדערע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען פון „בונד״ איינגעאָרדנט געוואָרן אין געטאָ.

צוזאַמען מיט די לעצטע טראַנספּאָרטן יידן, וואָס זענען פון די דייטשן אַרויסגעפירט געוואָרן צום אומקום אין כעלמנאָ, זענען מיט נאָך חברים בונדיסטן אויך אומגעקומען יעקב לייב און זיין זון סאַמעק.

מ. ד. א.

הערש בוקס



געבוירן אין וולאָצלאַוועק אין 1895 ביי אָרעמע האָרעפּאַשנע עלטערן, דער פאָטער שמעון־אהרן, אַ שוסטער, און די מוטער רחל, זענען געווען טייערע און אמתע פאָלקס־מענטשן.

פון די זעקס קינדער אין דער פאַמיליע זענען פינף געוואָרן בונדיסטן. הערש בוקס איז געווען אַ שניידער־אַרבעטער, ער איז אַריין אין „בונד״ אין 1908. אין יאָר 1910 איז ער שוין געווען אַ מיטגליד פון פּאַר־טיי־קאָמיטעט. שפּעטער איז ער געווען איינער פון די גרינדער און פאָרזיצער פון באַקליידי־אַרבעטער־פאַראיין און איז געווען אַ שטענדיקער דע־לעגאַט צו אַלע לאַנד־צוזאַמענפאָרן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַ־וועגונג. פאַר געהערן צום „בונד״ איז ער אין יאָר 1920 אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן עטלעכע חדשים אין טורמע.

אין די דרייסיקער יאָרן איז ער געווען אַקטיוו אין דער בונ־דישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע. בעת דער צוויי־טער וועלט־מלחמה איז ער פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעפירט גע־וואָרן און איז אומגעקומען אין די לאַגערן פון טראַווניקי־פּאָניאַטאָוו.

הערש בוקס איז געווען אַ שטילער, געטרייער און איבערגע־געבענער בונדיסט. אַן אמתער פאָלקס־טיפּ, וועלכן אַלע האָבן ליב געהאַט.

מ. ד. א.

שיע ברזשאָנסטאָווסקי



געבוירן געוואָרן אין יאָר 1894 אין אַ דאָרף לעבן גאָס־טינין. אַ זון פון דוד פייוויש און מינדל. דער פאָטער איז געווען אַ וואַלד־שרייבער. אין דער פאַמיליע זענען געווען פיר זין און דריי טעכטער. אַלע פיר זין און צוויי טעכטער זענען געווען בונדיסטן. שיע, וועלכער האָט געלערנט אין ישיבה, איז געווען אַ שניידער־אַר־בעטער.

ער איז אַריין אין „בונד״ אין 1908. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער פאַר־

שלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד ווי אַ צוואַנגס־אַרבעטער. אין 1918 האָט ער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער דייטשער רעוואָלוציע. ער איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט און געווען טעטיק אין דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד.

צוריקקומענדיק קיין וולאָצלאַוועק ווערט ער באַלד אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג. אין יאָר 1928 פאָרט ער קיין וואַרשע, איז אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און ווערט אויך דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון סאָציאַליסטישן האַנטווערקער פאַראיין. שפּעטער באַזעצט ער זיך אין דאַנציק און איז אַקטיוו אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ווען די נאַצי־חיילות פאַרנעמען דאַנציק, פאָרט ער קיין פּאַריז. ס'האָט אים אָבער געצויגן קיין פּוילן. ער באַזעצט זיך ווידער אין וולאָצלאַוועק. ווען די נאַציס האָבן אין 1939 פאַרנומען די שטאָט, פאָרט ער קיין וואַרשע און ווערט טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פון „בונד״. באַזונדערס אַקטיוו איז ער צווישן די וולאָצ־לאַוועקער פּליטים.

צוזאַמען מיט זיין פרוי רעגינאַ און זיין טאָכטער צעלינאַ איז ער אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

מ. ד. א.

מאַניע ראַזען־זיגעלבוים *



געבוירן אין סאָמפּאָלנע (וולאָצ־לאַוועקער ראַיאָן) ביי חסידיש־באַ־לעבאַטישע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר. שפּעטער האָט די פאַמיליע זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק.

אין די צאַרישע צייטן, אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך פאַרבונדן מיט די אומ־לעגאַלע בונדישע קרייזן. אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַרטיסטישע פעי־קייטן, פלעגט זי זיין די דעקלאַ־מאַטאָרין אויף די בונדישע ליטעראַרישע אָוונטן און אַנדערע צו־זאַמענקונפטן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ מיט־גליד פון דער וולאָצלאַוועקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ און געווען זייער אַקטיוו. זי פלעגט אויך שפּילן מיט יעקב ווייסליץ אין די פאָרשטעלונגען פון דער דראַמאַטישער גרופּע ביי דער בונדישער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט״ און איז געווען באַליבט ביי די אַר־בעטער און יוגנט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מאַניע אַוועק קיין וואַרשע, כדי ערנסט זיך צוגרייטן צו אַן אַרטיסטישער קאַריערע. זי טרעט

---

[1] אינפאָרמאַציע פון דיאַנאַ בלומענפעלד־טורקאָוו (וואַרשע—ניו־יאָרק). זיגעלבוים־בוך, ניו־יאָרק, 1947. מ. ד. אַלטער, וולאָצלאַוועק אין דער צייט פון צאַריזם ביז דעם יאָר 1920 (יובל־בוך פון ברענטש 611 א. ר. ניו־יאָרק, 1951). בערנאַרד גאָלדשטיין: פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, ניו־יאָרק, 1947. לובא בלום: די יידישע אַרבעטער־פרוי אַמאָל און היינט (פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, 15 נאָוועמבער 1947). מלך ניישטאַדט: חורבן און אויפ־שטאַנד פון די יידן אין וואַרשע, תל־אביב, 1948.

אַריין אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שול פון הרינאַוויעצקא. נאָכן ענדיקן די שול אין 1926 שפּילט זי אין אַ ריי שטעט ייִדיש טעאַטער אין די טרופּעס פון יאַנאַס און זיגמונט טורקאָוו. אין 1927 האָט זי אַ לענגערע צייט געשפּילט אין אַן ערנסטן רעפּערטואַר אין קראָקעווער געזעלשאַפטלעכן טעאַטער — „דאָס נייע ייִדישע טעאַטער" אונטער דער אָנפירונג פון יאַנאַס טורקאָוו.

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט מאַניע חתונה מיטן באַקאַנטן בונדישן טוער שמואל מרדכי זיגעלבוים (זי איז געווען זיין צווייטע פרוי). ס'זענען אָפּגעלאָפן די דרייסיקער יאָרן און ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. באַלד אין די ערשטע חדשים רוקט זיך חבר זיגעלבוים אַרויס אין פּאָדער־גרונט פון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג. וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין יענע געפּייניקטע טעג, דערציילט ש. מ. זיגעלבוים (וועמען מ'האָט אין דער באַוועגונג גערופן חבר אַרטור):

„מאַניע — מיין בראַווע פרוי און אונזער נייַן־יאָריקער זון אַרטור האָבן אַלץ געטאָן, כדי מיר גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון יענע טעג. יעדן אין דער פרי פלעג איך אַרויסגיין פון שטוב, כדי צו טאָן יענע אַרבעטן, וואָס האָבן געדיכטער געמאַכט די טויט־געפאַר אַרום מיין קאָפּ. מאַניע פלעגט מיך באַגלייטן מיט אַ מוטיקן שמייכל אויף די ליפּן ביז דער טיר. איר בליק פלעגט אָבער מאָדנע הילפלאָז אַ פלאַטער טאָן, ווען זי פלעגט קוים צו הערן אַרויסשעפּטשען: „זיי פאָרזיכטיק"... „ווען איך פלעג אין אָוונט, האַרט פאַר דער ,פּאָליציי־שטונדע' עפענען די טיר, פלעגט מאַניע אַרויסלאָזן דאָס העמדל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן און ביים שפּיל פון ליכט און שאָטן, וואָס דאָס טאַנצנדיקע פלעמל פון חלבנעם ליכט האָט געשאַפן, פלעג איך קענען באַמערקן, ווי עפּעס אַן אָנגעשטרענגקייט אין איר פּנים און אין גאַנצן גוף לאָזט נאָך און גיט איר אַ דערלייכטערונג. כמעט אַן אָפּגעשטאַרבענע און אָן כוחות פלעגט זי ענטפערן אויף מיין קוש, אַרויסברענגענדיק אַ קוים־אָנזעעוודיקן שמייכל אויף אירע ווייס געוואָרענע ליפּן". און ביים געזעגענען זיך בעת זיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד: „מאַניע איז געשטאַנען אַן אויסגעבלייכטע, אַ פאַר־גליווערטע, מיט די פינגער צונויפגעפלאָכטן אויף דער ברוסט און מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף מיר, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך יעדע באַוועגונג מיינע. איר בליק האָט מיך דערשיטערט: אין אים איז געווען אַן אַ שיעור ווייטאָג און גרענעצלאָזע שרעק. ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איך קוק אויף איר, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שטילן, דערשראָקענעם ,אַך!' און האָט זיך גלייך גענומען פאַרען מיט דער זעלבער רויקייט, וואָס פריער". (זיגעלבוים־בוך).

נאָכן אוועקפאָרן פון מאַן האָט מאַניע געאַרבעט אין דער קינ־דער־סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם אין מיעדזעשין. זומער 1942, ווען די דייטשע מערדער זענען געקומען צונעמען די קינדער צום אומברענגען, איז מאַניען מיטן זון געלונגען צו אַנטרי־נען. זיי זענען געקומען אין וואַרשעווער געטאָ, וווּ מאַניע איז געווען טעטיק אין אונטערערדישן „בונד". ביז מערץ 1943 האָט זי אָנגעפירט מיט אַ געהיימע 4־קלאַסיקע ייִדישע פאָלקס־שול אויף פראַנטשיש־קאַנער גאַס 24, וווּ ס'האָבן זיך געלערנט 60 קינדער.

צוזאַמען מיט איר 12־יאָריקן זון טוביה (אַרטור) אומגעקומען בעת די שלאַכטן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, בערך ד'עם 10 מאַי 1943, אין שפּיטאָל־בונקער אויף גענשע 6. מיט אַ מעת־לעת שפּעטער — אין דער נאַכט פון 11 אויפן 12 מאַי — איז זייער מאַן און פאָטער, ווי אַ שליח־צבור פון די פּוילישע ייִדן, אין ווייטן לאָנדאָן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן שלאָפנדיקן גע־וויסן פון דער וועלט, פּנים אל פּנים מיט דער פאַרניכטונג פון די ייִדן אין אייראָפּע.

י. ש. ה.

גיטל ווישניעווסקי־סלוצקי

געבוירן אין וולאָצלאַוועק 22 פעברואַר 1901 ביי אָרע־מע באַלעבאַטישע עלטערן. אין די יונגע יאָרן געווען זייער פרום. גלייכצייטיק האָט זי זיך אָנגעהויבן אַליין צו בילדן. שפּעטער האָט זי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט".

צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק יונגע מיידלעך, אויך וועלכע זי האָט געהאַט אַ ווירקונג, איז זי אַריין אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". די חברטע גיטל ווישניעווסקי איז פאַקטיש געווען די גרינדערין פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" אין וולאָצלאַוועק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זי געווען אַ לאַנגע צייט אַ מיטגליד אין פאַרטיי־קאָמיטעט פון „בונד" אין וולאָצלאַוועק. חברטע גיטל איז געווען אַ גוטע רעדנערין און פלעגט אַרויסטרעטן אויף גרויסע מאַסן פאַרזאַמלונגען. מיט איר פיינעם רעדן און צאַרטן גוטמוטיקן פּנים, האָט זי געוועקט צו זיך ליבע און צוטרוי. איר איידלקייט און טרייסאַפט האָט זי אומבאַגרענעצט אָוועקגעשענקט דער באַוועגונג. אויך איר מאַן סלוצקי איז געווען טעטיק אין יוגנט־בונד „צוקונפט" און „בונד".

אין די חורבן־יאָרן איז זי געווען אַקטיוו אין געטאָ און אין אונ־טערערדישן „בונד" און אין די קולטורעלע, ווירטשאַפט־און הילף־אינסטיטוציעס. בעת דער ליקווידאַציע פון וולאָצלאַוועקער געטאָ, איז זי דעם 28סטן אַפּריל 1942 אומגעקומען אין היטלערס גאַז־קאַמערן אין כעלמנאָ.

מ. ד. א.

יששכר און יחיאל קינאַל

ביידע געבוירן אין שידלאָוויעץ (ראַדאָמער געגנט). ווען זיי זענען נאָך געווען קינדער, צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבער קיין וולאָצלאַוועק. זיי זענען געווען מיטגלידער פון „יוגנט־בונד צוקונפט" און שפּעטער פון „בונד" אין וולאָצלאַוועק.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז יששכר אָוועקגעפירט געוואָרן קיין טאַרנאָוו, וווּ ער האָט געאַרבעט ביי זיין שוסטער־פאַך. צוליב אַ פּראָוואָקאַציע פון אַ דייטש האָט מען אים אַרעסטירט און דערשאָסן אין טאַרנאָווער תפיסה. חוץ אַן אַקטיווער פּאַרטיי־מיט־גליד איז ער אויך געווען טעטיק אַלס פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער אין וולאָצלאַוועק.

זיין ברודער יחיאל, געבוירן 1918, איז אויך געווען אַ שוסטער. דעם אָנטייל אין דער באַוועגונג האָט ער אָנגעהויבן אין דער בונ־דישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף". ווען יחיאל איז אַריין אין „סקיף" איז ער געווען אַן אַנאַלפאַבעט. די קינדער האָבן אים גערופן „אַכצן־ניינצן" (אָנשטאָט צו זאָגן, אַז זיין געבורטס־יאָר איז 1918, פלעגט ער זאָגן פאַרקערט). פריער אין „סקיף" און נאָך דעם אין יוגנט־

בונד „צוקונפט״ האָט דאָס שוסטער־ייִנגל דורגעמאַכט אַ גוטע שול און מ׳האָט אים אויסגעוויילט אין יוגנט־קאָמיטעט.

אין 1939 האָט ער געדינט אין 8טן פּולק פון שווערע אַרטילעריע אין טורן. אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און איז געקומען קיין וולאָצלאַוועק און ווייטער אַוועק קיין שידלאָוויעץ.

מיט אַ גרעסערער צאָל ייִדן איז ער שפּעטער אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די סקאַרזשיסקער לאַגערן צו אַרבעטן אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. פון דער פאַבריק פלעגט מען אַרויסשמוגלען געווער פאַר פּאַרטיזאַנער. איינמאָל האָט מען אויף דער באַן געכאַפּט אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט געפירט אַ טראַנספּאָרט געשמוגלטע געווער. ביי דער אויספאָרשונג האָט ער געזאָגט, אַז דאָס געווער האָט ער פון קינאַלן.

די געסטאַפּאָ האָט זיך באַלד גענומען צו יחיאלן. זי האָט אים געפּייניקט עטלעכע טעג און פאַרלאַנגט פון אים אַרויסצוגעבן זיינע שותּפים. נישט געקוקט אויף די מוראדיקע ליידן, האָט ער קיינעם נישט אַרויסגעגעבן. דער אורטייל איז געווען — טויט אויף דער תּליה. אַלע פון לאַגער האָט מען צונויפגעטריבן. ווען מ׳האָט יחיאלן צוגעפירט צו דער תּליה, איז אים נישט געווען צו דערקענען — אַזוי פאַרענדערט האָבן אים די אוממענטשלעכע טאָרטורן. פאַר די אויגן פון אַלע געפאַנגענע אין לאַגער האָט מען אויפגעהאָנגען דעם העלדישן יחיאלן. געשען איז דאָס אין 1944.

שמולעק שוואַרץ



אין יאָר 1909, אין דער צייט פון די גרויסע רעפּרעסיעס פון דער רוסישער, צאַרישער רעגירונג, ווען מיר האָבן מיט שווערע אָנשטרענגונגען געפירט אונזער אומלעגאַלע ביבליאָטעק, און אין דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע זיך צוזאַמענגעקומען מיט קליינע גרופּן אַרבעטער, ווו מיר האָבן געלערנט מאַרקס „קאַפּיטאַל״, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, און צוזאַמען געלייענט אַרטיקלען פון דעם בונדיסטישן זאַמל־בוך „צייט־פראַגן״, האָט מיך אין גאַס איינמאָל אָפּגעשטעלט אַ יונגער בחור אַרום 17 יאָר אַלט, מיט אַ זייער נישט דרייסטער און ציטערנדיקער שטים, מיר שטילערהייט געזאָגט. „איך פאָלג אייך נאָך שוין אַ לענגערע צייט, איך ווייס איר זייט בונדיסטן, איך וויל זיין מיט אייך״.

איך האָב געקענט די פאַמיליע, די מוטער איז געווען אַן אַקושערין, דער פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע שלעפּ־שיף („בערלינקע״) און געפירט סחורות אויף דער ווייסל. שמולעק איז געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ ציקאָריע־פאַבריק.

איך האָב זיך געוואונדערט, ווי קומט ער צו האָבן אַ פאַרלאַנג צו זיין פאַרבונדן מיט אונזער געהיימער גרופּע, און אויך זיין אויסגעשטעלט אויף געפאַרן פון ווערן אַרעסטירט. איך האָב אים פּרובירט אָפּצורייִדן, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט, זיין ערלעכע ערנסטקייט האָט אונז באַלד גובר געווען. מיר האָבן אים אַריינגענומען אין דער אָרגאַניזאַציע. שמולעק שוואַרץ איז באַלד געוואָרן איינער פון אונזערע טייערסטע און איבערגעגעבנסטע מענטשן. מיר האָבן זיך גענויטיקט אין אַן אינטעליגענטן מענטשן, וואָס זאָל גוט קענען די פּוילישע שפּראַך. מיר זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט אַ קליינער צאָל פּוילישע אַרבעטער פון דער געבליבענער פּ.פּ.ס.־פּאַרטיי און אויך עטלעכע פּ.ס.ד.עקעס (פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן).

דעם ערשטן מאַי האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע אויף ייִדיש. חבר שמולעק האָט זי איבערגעזעצט אויף פּויליש און מיט דער הילף פון אַ פּ. ס. ד.׳עק, וועלכער איז געווען אַ זעצער אין אַ שטאָטישער פּוילישער צייטונג אַרויסגעגעבן אַ געדרוקטע פּוילישע ערשטער מאַי־פּראָקלאַמאַציע.

די פּראָקלאַמאַציע איז ביינאַכט אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף אַ סך הייזער און פאַבריקן. די פּאָליציי איז אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, געריבן די ווענט און געוואָלט כאַפּן די וועלכע האָבן עס געטאָן. מען האָט אַרעסטירט עטלעכע פּוילישע אַרבעטער, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט ביים לייענען די פּראָקלאַמאַציע. עס האָט געמאַכט אין שטאָט אַ שטאַרקן רושם.

די גרעסטע צאָל געהיימע זיצונגען זעמען פאָרגעקומען ביי אים אין הויז. זיינע עלטערן, זייער ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע מענטשן, האָבן געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און קיין מאָל נישט געשטערט אונזערע צוזאַמענקונפטן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען מיר טאַקע אַ דאַנק דעם חבר שמולעק געקומען אין קאָנטאַקט מיט עטלעכע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע סאָלדאַטן, מיט וועלכע מיר פלעגן אָפט צוזאַמענגעקומען און זיי האָבן אונז אַפילו באַזאָרגט מיט אַ ביסל רעוואָלווערן, אין פאַל מען וועט עס אַמאָל דאַרפן.

ליידער האָבן מיר זיך מיטן חבר שמולעק לאַנג נישט געקענט פרייען.

ער איז קראַנק געוואָרן אויף דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט, שווינדזוכט. אָבער ביזן לעצטן אָטעם זיינעם, האָט ער, ליגנדיק אויפן קראַנקן בעט, זיך אינטערעסירט מיט אונזער אַרבעט.

זיינע לעצטע ווערטער צו אונז זענען געווען אַ ווונטש, אַז מיר זאָלן ווערן אַ גרויסע באַוועגונג און דער „בונד״ זאָל אַרומנעמען אַלע ייִדישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. ער האָט געבעטן מיר זאָלן נישט דערלאָזן אַז די „חברא קדישא״ זאָל זיך מיט אים נאָכן טויט פאַרנעמען נאָר די פּאַרטיי זאָל אַליין די לוויה דורכפירן. מיר האָבן זיין ווונטש געטריי אַדורכגעפירט. ער איז געשטאָרבן דעם 20־טן יוני 1916 אין בליענדיקן עלטער פון 24 יאָר.

מיר האָבן די לוויה איינגעאָרדנט. כמעט אַלע ייִדישע אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. דער לוויה־צוג, מיט קרענץ און רויטע בענדער מיט שוואַרצע אויפשריפטן, האָט מאַרשירט איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט, און אין געשלאָסענע רייען צוגעקומען צום בית־עולם.

מיט רעוואָלוציאָנערע רעדעס און לידער האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דעם טייערן חבר, וועלכער איז אַזוי יונג אַוועק פון אונז. זיין קבר איז באַצירט געוואָרן מיט די קרענץ וועלכע זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ ספּעציעל גלאָז־שענקל ביים קאָפּ פון קבר.

אַ סך יאָרן איז עס אַזוי געשטאַנען, ביז די נאַציס זענען געקומען און האָבן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מצבות אויך דעם קבר פון אונזער חבר שמולעק שוואַרץ געשענדעט און פאַרניכטעט.

מ. ד. א.

חיים טאַבאַטשניק־גאָסטינסקי



חיים טאַבאַטשניק, געבוירן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1902 ביי עלטערן האָרעפּאַשנע פאָלקס־מענטשן, דער פאָטער געווען אַ שוסטער.

הגם חיים האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג, איז ער זייער יונג אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בונדישער באַוועגונג, און אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער שוין געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט.

ער איז פון פאַך געווען אַ שניידער־אַרבעטער.

אין דער צייט פון היטלער־חורבן האָט ער אַדורכגעמאַכט די אַלע צרות פון די טויטן־לאַגערן, גוטענברוק, ביי פויזן, אָשוויענטשים און אַנדערע לאַגערן.

ער איז אַדורך דעם גיהינום ווי אַלע אַנדערע יידישע געפאַנגענע. נישט זעלטן האָט ער געוואַרט אויפן טויט, וואָס זאָל אים באַפרייען פון ווייטערדיקע ליידן, יסורים און פּיין.

חיים'ס ערשטע פרוי רחל זאַנדבערג, האָבן די היטלער רוצחים אין יאָר 1942 פאַרשיקט מיט זייערע צוויי קינדער אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ, ווו זיי זענען אומגעקומען.

חיים איז על־פּי־נס לעבן געבליבן.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און וולאָצלאַוועק איז באַזעצט געוואָרן דורך די דייטשן, אונטער די סכנותדיקע באַדינגונגען פון דער היטלער־אָקופּאַציע, האָט חיים אַרויסגעוויזן אין אַ גאַר גרויסער מאָס מוט און העלדישקייט.

ביי אים אין שטוב זענען פאָרגעקומען אומלעגאַלע זיצונגען פון שטאָטישן בונדישן קאָמיטעט. אים זענען אָנפאַרטרויט געוואָרן די פאַרבינדונגען מיטן בונדישן צענטער אין וואַרשע און מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּ.פּ.ס." אין וולאָצלאַוועק.

ווען די יידן זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין וולאָצלאַוועקער געטאָ, איז דער נייער בונדישער קאָמיטעט באַשטאַנען בלויז פון דריי חברים: חיים טאַבאַטשניק, יעקב לייב ראָזענטאַל, און מיעטעק ראַוויצקי. די לעצטע צוויי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די דייטשע טויט־לאַגערן.

די וולאָצלאַוועקער יידן, פאַרשפּאַרט אין געטאָ ביים בית עולם, זענען געווען פאַראורטיילט צו אַ הונגער־טויט.

דער בונדישער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־קיך, דאָס עס־צימער איז געווען דאָס טהרה־שטיבל אויפן בית־עולם.

די קיך האָט אַרויסגעגעבן טויזנט מיטאָגן אַ טאָג. חיים איז געווען דער פאָרזיצער פון דער קיך־פאַרוואַלטונג און אונטער זיין אָנפירונג איז אויך געפירט געוואָרן אַ געוויסע קולטורעלע אַרבעט אין געטאָ.

אָבער, ווי באַוווּסט, זענען די יידן פון געטאָ פאַרשיקט געוואָרן אין די דייטשע טויטן־לאַגערן און וולאָצלאַוועק איז געבליבן יידן־ריין.

נאָך דער מלחמה אין יאָר 1945 האָט זיך חיים אומגעקערט קיין וולאָצלאַוועק. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פרוי און ביידע קינדער און די גאַנצע משפּחה זענען אומגעבראַכט געוואָרן. איינצעלנע געראַטעוועטע יידן האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען אין די שטאָט.

חיים האָט גערעכנט, אַז עס וועט נאָך צוריק אויפגעבויט ווערן אַ יידיש לעבן אין דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צונויפקלייבן די לעבן־געבליבענע, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די דייטשע טויט־לאַגערן און פון די שקלאַפן־לאַגערן פון סטאַלינס רוסלאַנד.



פעילי ה„בונד" בשנת 1947
„בונדיסטן" אין יאָר 1947

אָבער די פּרוּוון האָבן זיך נישט איינגעגעבן. עס איז געווען אוממעגלעך צוריק אויפצובויען אַ יידיש לעבן אין דער שטאָט, אויף דער ערד, וועלכע איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אַזוי פיל יידיש בלוט.

מיט דער הילף פון זיינע חברים אין ניו־יאָרק, האָט ער און זיין איצטיקע פרוי עווא באַקומען די מעגלעכקייט צו עמיגרירן פון פּוילן און זיי האָבן זיך באַזעצט אין מעלבורן (אויסטראַליע).

ער האָט דורכגעמאַכט די ערשטע שווערע צייטן פון עמיגראַנטן־לעבן, ווי אַ גוטן שניידער־אַרבעטער, האָט זיך אים אין אַ קורצער צייט איינגעגעבן עקאָנאָמיש נישט שלעכט איינצואָרדענען.

אויך אין דעם נייעם אָרט מעלבורן איז ער באַלד געוואָרן אַקטיוו אין דעם דאָרטיקן קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן.

עס איז אים אָבער נישט לאַנג באַשערט געווען צו געניסן פון אַ בעסערן, רויקן און נאָרמאַלן לעבן. ער איז פּלוצלינג דעם 19־טן יאַנואַר 1958 אַוועקגעפאַלן, רעדנדיק דורכן טעלעפאָן מיט ח'טע סלוצקאַ פון וולאָצלאַוועק און אין עטלעכע שעה שפּעטער, ניט צוריקקומענדיק צום באַוווּסטזיין, געשטאָרבן.

פון דער ווייטער אויסטראַליע האָט ער ביים לעבן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס, אַז עס זאָל פאַראייביקט ווערן די קהילה קדושה וולאָצלאַוועק אין אַ יזכור־בוך. אין בוך זענען פאַראַן זיינע אַרטיקלען „די אַרבעטער באַוועגונג אין וולאָצלאַוועק צווישן די צוויי וועלט מלחמות" און „דער „בונד" אין וולאָצלאַוועקער געטאָ" (אַ קאָלעקטיווע אַרבעט).

מ. ד. א.

ח. טאַבאַטשניק / אויסטראַליע

דער „בונד" צווישן די צוויי וועלט־מלחמות (1920–1939)

סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

נאָך דעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה איז געווען פאַרענדיקט אין 1918, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די פויליש־סאָוויעטישע מלחמה און זי האָט זיך געצויגן צוויי יאָר צייט. אין יאָר 1920 ווען די סאָוויעטישע אַרמייען זענען אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד און אָנגעשפּאַרט ביז אונזער שטאָט, האָט זיך אַ שטאַרקע פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע כוואַליע צעגאָסן איבער פּוילן. די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַרעסטירט אַרבעטער־טוער, פאַרמאַכט פאַראיינען און קולטור־אינסטיטוציעס. דער „בונד" איז טיילווייז געוואָרן אומלעגאַל.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע רדיפות, רעוויזיעס און אַרעסטן ביי אונזערע בעסטע חברים, איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן אונזער שטאָט דער ח' מ. ד. אַלטער, צו וועלכן אַלע האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן דרך־ארץ און וועלכער האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם וויכטיקסטן און גרעסטן טייל פון אונזער פּאָליטישער און קולטורעלער אַרבעט. און ער איז נישט געווען דער איינציקער. אויך אַנדערע חברים האָבן געמוזט אַוועקפאָרן. אָבער נישט געקוקט דערויף וואָס עס האָבן געפעלט די אַקטיווע טוער, איז דאָך געלונגען אין אַ געוויסער מאָס ווייטער צו פירן די אַרבעט.

צום דעמאָלטיקן אומלעגאַלן קאָמיטעט פון „בונד" האָבן געהערט די ח"ח: יעקב לייב ראָזענטאַל, קלמן זשעלאָנקאַ, יעקב אדט כזשאָנסטאָווסקי, חיים ווישעגראָדסקי און יאָסל שניידערמאַן. אין יענער צייט זענען נאָך געבליבן אַרעסטירט אין טורמע די ח"ח: שלמה הילער, ראַטמאַן פון „בונד" און הערש בוקס, פאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן שניידער־פאַראיין. די גאַנצע פּאָליטישע און קולטורעלע אַרבעט האָבן מיר געפירט אַרום די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע ס'איז אונז געלונגען צו דערהאַלטן לעגאַל. די אָנגעשטעלטע פון די קאָאָפּעראַטיוון מיטן ה' זשעלאָנקאַ בראש האָבן געאַרבעט מיט גרויס פאַרשטענדעניש און איבערגעבנקייט.

צוליב די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין לאַנד, האָט די רעאַקציע זיך באַמיט צו דערשטיקן יעדן אויפשטייג פון פּאָליטישן



בלימל־פּאַרקויף, 1919 — יום הסרט, 1919

און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך אין אונזער שטאָט איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פאַראַליזירט געוואָרן. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אַרבעטסלאָזיקייט און דער שטייגנדיקער יקרות, האָבן אָנגערעגט די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון פּראָפ. באַקלייד־פאַראיין, ווי אויך אָפּטיילונגען פון שוסטער, קאַמאַשנמאַכער, האָלץ און בעקער. די בונדישע השפּעה אין די פאַראיינען איז געווען אַ גאָר באַדייטנדיקע.

צו יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע ביי אונזערן אַ חבר, ראָזנפעלד, אַ דרוקער. מען האָט ביי אים געפונען אַן אומלעגאַלע בראָשור, אַ באַריכט פון דאַנציקער צוזאַמענפאָר פון „בונד". צו זיין פּראָצעס איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע אַלס עקספּערט דער ח' וויקטאָר אַלטער. מיר האָבן אויסגענוצט זיין אָנוועזנהייט ביי אונז אין שטאָט און דורכגעפירט זייער אַ געלונגענע פּאָליטישע פאַרזאַמלונג.

דעמאָלט איז אויך געקומען צו אונז דער ח' משה יחיאל שאַטאַן (איצט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע). דער ח' שאַטאַן איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זיין איבערגעבנקייט און שטאַרקע ענערגיע האָבן גורם געווען צו אַ גרויסער אויפלעבונג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר האָבן געעפנט אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון „בראָניסלאַוו גראָסער", אויף לאַנגע גאַס 50. אַרום דער ביבליאָטעק האָבן זיך גרופּירט אונזערע פּאַרטיי־מיטגלידער און כמעט די גאַנצע יידיש־רעדנדיקע אינטעליגענץ.

וואַלן צו דער יידישער קהילה

די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג אונזערע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1924. דאָס איז געווען צו די ערשטע וואַלן פון דער יידישער קהילה. די וואַלן זענען פאָרגעקומען ביי זייער שווערע באַדינגונגען. ערשטנס די רעאַקציאָנערע וואַל־אָרדינאַציע, ביי וועלכער פרויען האָבן אינגאַנצן קיין וואַל־רעכט נישט געהאַט און מענער האָבן געהאַט וואַל־רעכט ערשט אויפן 25־טן לעבנס־יאָר. דערצו איז צוגעקומען די אַפּאַטיע און דער באַרעכטיקטער אומווילן פון די יידישע מאַסן צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

מיט אונזער ענערגישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איז אונז געלונגען גובר צו זיין די אַפּאַטיע פון די יידישע אַרבעטער און אַריינציען אַ גרעסערע צאָל מענטשן אין אונזער ווירקונגס־קרייז. און אויב מען זאָל נעמען אין אַכט די שטאַרקע אַגיטאַציע, וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן אונדז מצד אונזערע קעגנער, איז דער רעזולטאַט פון די וואַלן פאַר אונז געווען אַ גאַנץ גוטער. מיר האָבן באַקומען צוויי ראַטמענער.

אונזערע ראַטמענער — די ח"ח שלמה הילער און י.ל. ראָזענטאַל — האָבן מיט כבוד אָפּגעהיט די מאַנדאַטן, וואָס זענען זיי אָנגעטרויט

געוואָרן און פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. ביי יעדער אַרויסטרעטונג פֿון ח׳ ראָזענטאַל איז געקומען צו גרויסע סקאַנדאַלן. דער רעליגיעזער בלאָק האָט געליאַרעמט, אָבער אונזערע חברים האָט עס נישט אָפּגעשראָקן. יעדע עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונג זייערע איז געווען אַ געשעעניש אין שטאָט. אויף יעדער זיצונג איז די גאַלעריע געווען איבערפֿולט פֿון אַרבעטער. זיי זענען געקומען אונטערשטיצן אונזערע חברים בעת זייערע אַרויס־טרעטונגען.

אונטער אונזער דרוק איז די קהילה געצוווּנגען געווען אַריינ־צושטעלן אין איר בודזשעט אַ סובסידיע פֿאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול, אַ סומע פֿון פֿיר טויזנט זלאָטעס.

דער „אַרבעטער ווינקל"

די צווייטע אינסטיטוציע נאָך דער „גראָסער־ביבליאָטעק" איז געווען דער „אַרבעטער ווינקל". דאָס איז געווען אַן אַרבעטער־רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ גרויסן שיינעם און באַקווע־מען לאָקאַל אויף פּיעקאַרסקאַ 15. דער „אַרבעטער ווינקל" האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און איז געווען אַן אמתע היים פֿאַר די יידישע אַרבעטער.

אַלע גרופּירונגען ביי אונז אין שטאָט האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם „אַרבעטער ווינקל". אַ גאַנצע רייע חברים און חברטעס האָבן צוזאַמען מיט דער פֿאַרוואַלטערין דער ח׳טע באַלקאַ בוקס, געאַרבעט מיט גרויס איבערגעבנקייט, כדי צו מאַכן די דאָזיקע היים פֿאַר די יידישע אַרבעטער וואָס באַקוועמער און עסטעטישער. דערביי איז אויך אַ סך געזאָרגט געוואָרן דערפֿאַר, אַז די פּרייזן זאָלן זיין גאָר ביליקע און נישט באַשווערן צופֿיל דעם אַרבעטערס בודזשעט, וואָס איז צו יענער צייט געווען זייער אַ מאָגערער.

דער „אַרבעטער ווינקל" איז בלי שום ספֿק געווען אַ פּרעכטיקע אינסטיטוציע און צוגעגעבן אַ סך אָנזען דער אַרבעטער־באַוועגונג אין וולאָצלאַוועק.

פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען

אונזער באַוועגונג איז זיך צו יענער צייט שטאַרק פֿאַנאַנדערגע־וואַקסן. די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען האָבן אַריינגעצויגן אין זייערע רייען די גרעסטע צאָל יידישע אַרבעטער. סטרייקן זענען פֿאָרגע־קומען זייער אָפֿט, ווייל דער יקרות איז געווען גרויס און דער פּוילי־שער זלאָטי האָט כסדר פֿאַרלוירן זיין ווערט.

אין יאָר 1926 האָט דער ח׳ שאַטאַן, וואָס האָט מיט דערפֿאָלג אָנ־געפֿירט מיט דער גאַנצער אַרבעט, געמוזט צוליב געוויסע סיבות אָפּפֿאָרן קיין וואַרשע. דער צ. ק. פֿון „בונד" האָט דעמאָלט דעלעגירט צו אונז אַלס פֿונקציאָנאַר דעם ח׳ סענדער בורשטין (איצט אין מעלבורן).

דער ח׳ בורשטין האָט שוין געפֿונען גוט איינגעשטעלטע פּראָ־פֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, אַ קאָאָפּעראַטיוו פֿון צוויי קאָנסום־געוועלבער, אַ בעקעריי, דעם „אַרבעטער ווינקל" און אַ גוט פֿונקציאָנירנדיקע ביבליאָטעק, אויסער דעם איז שוין צוריק געווען טעטיק די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפֿט".

די „צוקונפֿט" האָט נאָך דעמאָלט געפֿירט זייער אַ שוואַכע טעטיקייט. אָבער בעת עס האָט זיך אומגעקערט פֿון דייטשלאַנד דער ח׳ שיע כזשאָנסטאָווסקי, האָט די אַרבעט צוריק אויפֿגעלעבט. דער ח׳ שיע האָט זיין גאַנצע נשמה אַריינגעלייגט אין דער יוגנט־באַווע־גונג, אַזוי אַז אין אַ קורצע צייט איז זי אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסע באַוועגונג ביי אונז אין שטאָט. די „צוקונפֿט" האָט אָנטייל גענומען אין אַלע אַקציעס פֿון דער פּאַרטיי און אויך געפֿירט אירע אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. זי האָט אָרגאַניזירט פֿאַרלעזונגען פֿון געקומענע רעדנער און געפֿירט אַנטוויקלונגס־קרייזן מיט אייגענע אָרטיקע רעפֿערענטן. די יוגנט האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך בלאַט אין דער געשיכטע פֿון אונזער באַוועגונג. די טעטיקסטע מיטגלידער אירע זענען געווען: דער שוין דערמאָנטער ח׳ כזשאָנסטאָווסקי (אומ־געקומען אין וואַרשעווער געטאָ), גיטל סלוצקאַ (אומגעקומען אין וולאָצלאַוועקער געטאָ), זלמן ליכטענשטיין (איצט אין ניו־יאָרק), פּנחס וואָלקאָוויטש געווען אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט" (איצט אין מאָנטרעאל) און אַ גאַנצע רייע אַנדערע.

אויך אַ „סקיף" (אַ סאָציאַליסטישער קינדער־פֿאַרבאַנד) האָט עקזיסטירט אין וולאָצלאַוועק. זיין אַרבעט איז זיך ערשט רעכט פֿאַנאַנדערגעוואַקסן ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן די יידיש־וועלט־לעכע שול.

צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע „ציש"א"

אין יאָר 1927 האָבן מיר צוזאַמען מיט לינקע און רעכטע פּ. צ. געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פֿון „ציש"א" (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע). אין דער ערשטער געוויילטער פֿאַרוואַלטונג זענען געווען 6 בונדיסטן, 2 רעכטע פּ. צ. און איינער פֿון די לינקע פּ. צ. ס׳איז דעמאָלט געעפֿנט געוואָרן אַ י. ל. פּרץ־שול און די דאָזיקע שול האָט זיך אַנטוויקלט זייער גוט. ס׳איז יעדעס יאָר צוגעקומען אַ נייער קלאַס ביז זי איז אויסגעוואַקסן צו אַ שול פֿון 6 קלאַסן. ביי דער „ציש"א" איז אויך געווען טעטיק אַן אָוונט־שול, ווו הונדערטער עלטערע און יוגנטלעכע האָבן דערגענצט זייער וויסן.

עס זענען געקומען צו אונז לערער, וואָס האָבן געענדיקט דעם ווילנער לערער־סעמינאַר ווי למשל, ראָזע קאַנטאָר, משה אלמאַן, גרשון טענענבוים, סימע ליכטציער, חנה קאַרעליץ, באָטשאַן און אַנדערע.

די שול האָט עקזיסטירט 6 יאָר צייט טראָץ די פֿינאַנציעלע שוועריקייטן, וואָס איז אונז כסדר אויסגעקומען גובר צו זיין. די לערער האָבן געמוזט אַרבעטן ביי די שווערסטע באַדינגונגען, ממש פֿאַר הונגער־לוינען, אָבער דאָך האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם עקזאַ־מען, די שול האָט עקזיסטירט. די רעאַקציאָנערע פּוילישע מאַכט האָט אָבער כסדר געזוכט אַ געלעגנהייט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון איר. און ענדלעך איז עס איר געלונגען. מיט איין שטריך פֿון פֿעדער איז ליקווידירט געוואָרן די דאָזיקע שיינע אַרבעטער־אינסטיטוציע, וואָס איז געווען פֿאַר אונז די גרעסטע מאָראַלישע סאַטיספֿאַקציע, ווייל אַ דאַנק דער שול האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערציען אונזערע קינדער אין אונזער גייסט.

סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פֿאַראיין

אין דעם זעלבן יאָר 1927 האָבן מיר לויט דער איניציאַטיוו פֿון אַ גרופּע האַנטווערקער, הויפּטזעכלעך קאַמאַשנמאַכער, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר דער פֿירמע קאָנעצקי, געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פֿון סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פֿאַראיין.

אין שטאָט האָט שוין פֿון פֿריער עקזיסטירט אַ בירגערלעכער האַנטווערקער־פֿאַראיין. דער פֿאַראיין איז געווען גוט אָרגאַניזירט, האָט געציילט ביז 500 מיטגלידער און די ציוניסטן האָבן דאָרט געהאַט אַ גרויסע השפּעה.


אונזערע כאַלופּניקעס האָבן ניט געקענט געהערן צו דעם בירגערלעכן פאַריין שוין צוליב דעם אַליין, וואָס קאַנעצקי, פּאַר וועמען זיי האָבן געאַרבעט, איז דאָרט געווען אַ גאַנצער מאַכער.

צום סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַראיין האָבן, לויטן סטאַ־טוט, געמעגט געהערן צוויי מינים האַנטווערקער: כאַלופּניקעס, וואָס נעמען אַרויס אַרבעט פון גרעסערע אונטערנעמער און באַשעפטיקן נישט מער ווי צוויי אַרבעטער און זעלבסטשטענדיקע האַנטווערקער סאָציאַליסטן, וואָס צוליב זייער פאַראיינס־טעטיקייט זענען זיי באָיקאָטירט געוואָרן פון די אונטערנעמער און האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

דער סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַראיין האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט. געווען צייטן ווען ער איז געגאַנגען באַרג אַרויף, ס׳זענען אָבער אויך געווען צייטן ווען זיין אַקטיוויטעט איז אַ סך פאַרקלענערט געוואָרן צוליב פאַרשידענע סיבות. ער האָט אָבער עקזיסטירט די גאַנצע צייט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די מערדערלעכע נאַציס האָבן אַ סוף געמאַכט צו זיין עקזיסטענץ.

שטאָטראַט־וואַלן

אין יאָר 1927 זענען פאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד שטאָטראַט־וואַלן. דער צ. ק. פון „בונד" האָט ספּעציעל צו דער וואַל־קאַמפּאַניע צוגעשיקט צו אונז דעם זייער ענערגישן און טיכטיקן ח׳ בערעק שניידמיל (דער טראַגיש אומגעקומענער העלד פון וואַרשעווער געטאָ). ער האָט מיטן ח׳ בורשטין, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען ביי אונז, געדאַרפט אָנפירן מיט דער גאַנצער וואַל־אַרבעט. די



הפעילים בבחירות לעיריה ב־1927
טוער בעת די שטאָטראַט־וואַלן אין 1927

אַמביציע פון אונזערע חברים איז געווען נישט אָפּצושטיין פון אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג ביי די דאָזיקע וואַלן.

מיט אַ געוויסער צייט פריער האָבן מיר געהאַט דורכגעפירט אַ קליינע וואַל־קאַמפּאַניע. דאָס איז געווען צום ראַט פון דער קראַנקן־קאַסע. די וואַלן האָבן אַרומגענומען אַ קליינע צאָל מענטשן, ווייל וואַלרעכט האָבן געהאַט בלויז אַרבעטער, מיטגלידער פון דער קראַנקן־קאַסע. אונז איז דעמאָלט געלונגען דורכצופירן אַ ראַטמאַן דעם ח׳ חיים ווישעגראַדזקי.

די איצטיקע וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען פון אַ סך ברייטערן פאַרנעם. מיר האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט און אַריינגעצויגן אַ סך אַ גרעסערן קרייז חברים און סימפּאַטיקער. דער אָפּרוף איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. טויזנטער מענטשן זענען געקומען צו אונזערע עפנטלעכע מיטינגען און באַדייטנדיקע צאָלן צו אונזערע הויז־פאַרזאַמלונגען. די גאַנצע פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט איז געווען אַריינגעצויגן אין דער הויז־אַגיטאַציע און צוזאַמען מיט זיי האָבן אויך מיטגעאַרבעט אַ סך אומפּאַרטייִשע אַרבעטער. די גאַנצע פּרעכטיקע יוגנט אונזערע און דער „סקיף" האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט און אייניקע יוגנט־טוער האָבן זיך אין דער דאָזיקער וואַל־קאַמפּאַניע אַרויסגערוקט אויבנאָן.

פון צ. ק. פון „בונד" איז אונז צוגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלער פילם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו די וואַרשעווער וואַלן, ער האָט זיך אָבער אויך גוט צוגעפּאַסט פאַר אונזער שטאָט.

אין זעלבן יאָר קומען פאָר וואַלן צום שטאָטראַט און מיר פירן אַדורך צוויי ראַטמענער, די חברים קינאָ און באָרנשטיין, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די מוניציפּאַלע אַרבעטן, ווי פאָרשטייער פון דער יידישער אָרעמקייט.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שווערער. מיר שאַפן דריי קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון און איין בעקעריי, אין וועלכע די אויסגעהונגערטע באַפעלקערונג זעט אַ גרויסן אָנשפּאַר, ווייל די פרייזן זענען דאָ נידעריקערע ווי אין די פּריוואַטע געוועלבער און די בעקעריי האָט נישט אַזוי מדקדק געווען ביים אויסטיילן דאָס ברויט לויט די ברויט־קאַרטן.

די אַרבעט פון דער פּאַרטיי ווערט מיטאַמאָל באַשווערט, ווען עס קומען אָן די ידיעות וועגן די גרויסע מפּלות פון דער דייטשער אַרמיי אויפן מערב פראָנט. די אָקופּאַנטן פאַרשטאַרקן די רעפּרעסיעס קעגן אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, אַרעסטירן זיי און זעצן איין אין טורמעס. עס ווערן געכאַפּט יונגע מענטשן אין גאַס און אַוועקגעשיקט קיין טיף־דייטשלאַנד אויף אַרבעט. די דייטשע אַרמיי באַקומט איין קלאַפּ נאָכן צווייטן און מען זעט בחוש, אַז זי וועט באַלד האָבן די אַנטגילטיקע מפּלה. די דענערווירונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט שטייגט טאָקע כסדר.


די ידיעות וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרשטאַרקן די האָפענונג אויף דער נאָענטער באַפרייונג .אין דער פּאַרטיי יערט. מען דיסקוטירט די נייע פּאָליטישע פּראָבלעמען אין ליכט פון פּועלי־ציוניזם.

בעת אַ טרויער־אָוונט, געווידמעט דעם טויט פון מענדעלע מוכר ספרים, קומט די שרעקלעכע בשורה אַז אונזער יונגער, אין לעגענדעס איינגעהילטער, לערער און פירער בער באָראָכאָוו איז געשטאָרבן אין קיעוו. נפתלי זשעלעכאָווסקי האַלט אַ קורצע רעדע געווידמעט דעם גרויסן מנהיג, וועמענס פריצייטיקער טויט איז אַזאַ שווערע אבידה פאַר דער באַוועגונג. דער גאַנצער זאַל איז איינגעהילט אין טיפן טרויער. מיט אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע באָראָכאָוו־טרויער־אַקאַדעמיע צו וועלכער עס זענען געקומען אַ טויזנט מענטשן.

פאַר דער צייט עקזיסטירט שוין אַ יוגנט־גרופּע, וועלכע פירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט צווישן דער אַרבעטער־יוגנט און אויך צווישן דער שילערשאַפט.

1918. די דייטשע אימפּעריע פאַלט. עס קומען אָן די ערשטע ידיעות, אַז אין לובלין האָט זיך געבילדעט אַ פּוילישע רעגירונג מיט אַ סאָציאַליסט אַלס פּרעמיער. אין שטאָט קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס קעגן די דייטשן, וועלכע ווערן אַנטוואָפנט דורך דער פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. אַ סך פּאָלאַקן האָבן געמישט זייער פרייד צוליב דער דערוואָרבענער פרייהייט מיט אַ גיפט קעגן יידן. מען באַפאַלט נישט בלויז דייטשע זעלנער, נאָר אויך אייגענע בירגער, יידן.

מיר און דער „בונד" האָבן געהאַט צוגעגרייט גוט־אָרגאַניזירטע און באַוואָפנטע זעלבסטשוץ־גרופּן. מיט אונזער גרופּע האָט אָנגעפירט הערשל זעמעלמאַן, אַ מוטיקער ספּאָרטלער פון דאַמאָלסדיקן טורן־פאַראיין. בשעת די אָפטע כוליגאַנישע איבערפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג האָבן די זעלבסטשוץ־גרופּן אָפּגעשלאָגן די פּאָגראָמשטשיקעס. די „אַרבעטער־היים" איז באַוואַכט געוואָרן טאָג און נאַכט. ווען עס האָבן זיך איינמאָל באַוויזן די כוליגאַנעס און אויסגעהאַקט די שויבן איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג. אַ דאַנק דער העלדישקייט און מסירות־נפש מצד דער זעלבסטשוץ זענען דער לאָקאַל און די ביבליאָטעק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אָבער צענדליקער חברים האָבן נאָך דער געווינענער שלאַכט געמוזט אָנקומען צו מעדיצינישער הילף. די פּוילישע פּאָליציי האָט תמיד געפונען אַ זכות אויף די כוליגאַנעס און אַרעסטירט די באַפאַלענע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ „העזה" זיך אַנטקעגנצושטעלן. די אָנפאַלן האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן און ערשט נאָך אַן ענערגישער אינטערווענץ פון די יידישע



ח׳ זרובבל (יושב באמצע) עם קבוצת חברי פוע״צ (שמאל) — ח׳ זרובבל (זיצט אינמיטן) מיט אַ גרופּע חברים פון פּוע״צ (לינקע)

עסקנים אין דער הויפּטשטאָט, האָט די פּאָליציי אַרויסגעוויזן מער אַקטיוויטעט קעגן די כוליגאַנעס.

ביסלעכווייז נאָרמאַליזירט זיך דאָס יידישע לעבן. אַלע יידישע פּאַרטייען פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט. אונזער קאָנקורענט אויף דער אַרבעטער־גאַס, דער „בונד״, האָט עקזיסטירט פריער פאַר אונז און זיין פּאָזיציע איז געווען אַ שטאַרקע, אָבער נישט אַלע האָבן גורס געווען זיין אַנטי־ציוניזם. מאַסן האָרעפּאַשניקעס האָבן גראָד געטרוימט אונזער חלום...

פאַר דער פּאַרטיי עפענען זיך נייע מעגלעכקייטן. מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען דער ערשטער נומער פון דער „אַרבעטער צייטונג״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אַ פאַרכאַפּטער דרוקעריי פון דעם... „אגודה״־אָרגאַן אין וואַרשע. דער אינטערעס צום פּועלי־ציוניסטישן וואָרט איז געווען אומגעהויער. ביז דאַן האָט מען זיך באַגנוגנט מיט דעם „יידישן אַרבעטער״, — אַ וואָכן־צייטונג פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון.

עס הייבט זיך אָן דער בלי־פּעריאָד פון דער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד. אונזער לאָקאַל איז יעדן אָוונט געפּאַקט. עס פירן זיך הייסע דיסקוסיעס וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און ווי דאָס אַלץ אויסצוגלייכן מיט אונזער אידעאַל, דעם אַרבעטער־צענטער אין ארץ ישראל.

די יוגנט באַקומט אַ באַזונדערן לאָקאַל. זי איז זיך שטאַרק צעוואָקסן. עס קומען פאָר אָוונט־קורסן און קרייזלעך, וווּ עס ווערן באַהאַנדלט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

אויך אין דער אַרומיקער פּראָווינץ קומט פאָר אַ באַשיימפּערלעכע אויפלעבונג. עס קומט זיך צונויף די ערשטע וולאָצלאַוועקער ראַיאָן־קאָנפערענץ, ערב דעם ערשטן אַלפּוילישן צוזאַמענפאָר. איבערן ראַיאָן טראָגט זיך שטורמיש דער פלאַמפייערדיקער רעדנער חבר זשאַמע בורשטיין, אַ פּינסקער, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אונזער שטאָט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער אַקטיווער חברטע רוחמה קאוואלסקי, די טאָכטער פון וולאָצלאַוועקער רב. אגב, אויך דעם רב׳ס אַנדערע טאָכטער, רולא — לעבט אין ישראל — און חנה האָבן געהערט צו אונזער פּאַרטיי. די באַגאַבטע מאָלערין, חנה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּועלי־ציוניסטישן טוער, ברוך ווינאָגוראַ, וועלכער איז שפּעטער אַריבער צו די קאָמוניסטן. (ביידע זענען אומגעבראַכט גע־

וואָרן דורך די נאַציס אין פּאַריז). זשאַמע איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

צום ראַיאָן־צוזאַמענפאָר איז געקומען ווי אַ פאָרשטייער פון צ. ק. דער אַזוי פרי־פאַרשטאָרבענער פּועלי־ציון־פירער ישראל שורעק. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער שטאָט אַ פאַרשטויבטער אין אַ שוואַרצן חתונה־אַנצוג מיט... הילצערנע באַסאָקעס אויף די פיס און אַ רוקזאַק מיט ביכער אויף די פּלייצעס. מיר האָבן נישט געוווּסט צי ער איז געקומען מיט דער באַן צי צופוס... צום שלוס פון דער קאָנפערענץ האָט ער פאַרלאַנגט אַ באַלדיקע זיצונג, געגעבן אינס־טרוקציעס און באַלד פאַרשוווּנדן. געזען האָבן מיר אים נאָך איין מאָל ביי אונז אין שטאָט אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן חבר, יצחק לעוו, אויף אַ מיטינג צו די וואַלן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר אויפגענומען די טרויעריקע ידיעה וועגן זיין פריצייטיקן טויט, וואָס איז געקומען פון אַ שווערער פאַרקילונג בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צום ערשטן סיים.

צום ערשטן יוגנט־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע, יוני 1919, האָבן מיר שוין געשיקט אַן אייגענעם דעלעגאַט און נאָך זיין צוריקקומען ווערט די אַרבעט צווישן דער יוגנט איבערגעפירט אויף ברייטערע רעלסן, מיט שוווּנג. אונזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ווערט די גרעסטע אין שטאָט.

מיט פאַרנעם און פייערלעך איז אַדורך דער ערשטער באַזוך פון חבר זרובבל. אויף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט איז פאַר דער באַשטימטער שעה שוין נישט מעגלעך געווען אַריינ־צוקומען אין לאָקאַל פון דער „אַרבעטער־היים״. אַלע זייטיקע צימערן און קאָרידאָרן זענען געווען באַזעצט. חבר זרובבל ווערט אויף די הענט אַרויפגעטראָגן פון גאַס און נאָך זיין גרוס פון דער וועלט־באַוועגונג שטייגט דער ענטוזיאַזם אומגעהויער. צומאָרגנס קומט פאָר די עפנטלעכע פאַרלעזונג אויף דער טעמע „שלום, רעוואָלוציע, פּאַלעסטינע״. אין אַ דריי־שעהדיקן רעפעראַט האָט דער חבר זרובבל פאַנאַנדערגעוויקלט אַלע אַקטועלע יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. די פאַרלעזונג האָט פאַרשאַפט גרויס אַנזען אונזער פּאַרטיי *.

אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען הויבט זיך אָן דער קאַמף פאַר פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, אַקעגן דעם פּרינציפּ פון פּערסאָנאַלע וואַלן וועלכן דער בונד האָט פאַרטרעטן מיט דער כוונה צו דיסקרימינירן די פּועלי־ציוניסטן. די פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט האָט אונז געשענקט צוטרוי ביי די ערשטע וואַלן צו דער קראַנקן־קאַסע און מיר האָבן אַדורכגעפירט אונזער ראַטמאַן, חבר הערשל זעמעלמאַן.

עס רוקט זיך אָן דאָס יאָר 1920. עס קומען פאָר אין דער פּאַרטיי גרויסע טעאָרעטישע וויכוחים וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פראַגן. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן אויסגאַנג פון דער 5טער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד ווערט געשפּאַנט. די רעאַקציאָנערע קרייזן העצן צו מלחמה כדי אָפּצונעמען אוקראַינע פונעם ראַטנפאַרבאַנד; גלייכצייטיק פאַרשטאַרקן זיך די

* הרב קאָוואַלסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ליבעראַל־קייט, האָט שטאַרק באַדויערט וואָס ער קאָן אַלס רב נישט קומען צו זרובבל׳ס רעפעראַט, ער האָט אים אָבער נישט פאַרזוימט צו פאַרבעטן צו זיך צומאָרגנס אויף מיטאָג.



חיים ז׳יטלובסקי (יושב באמצע) עם קבוצת חברי פוע״צ — חיים זשיטלאָווסקי (זיצט אינמיטן) מיט אַ גרופּע פּוע״צ

רעפּרעסיעס קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז אוממעגלעך איינצואָרדענען אַ פּאָרלעזונג. אַזוי ווי דער באַרימטער היסטאָריקער יצחק שיפּער איז געווען דאַמאָלט אונזער סיים־דעפּוטאַט און האָט געהאַט פון אומבאַרירלעכקייט, האָבן מיר אים איינגעלאַדן צו אַ פּאָרלעזונג א. ד. ט. „סאַן רעמא און די באַלפור דעקלאַראַציע״.

אַ שטאַרקן קלאַפּ באַקומט די פּאַרטיי צוליב דער שווערער קרענק פון חבר נפתלי זשעלעכאָווסקי, דעם פאָטער פון דער פּוע״צ־באַוועגונג אין וולאָצלאַוועק און איר אַקטיווער טוער. אַ צווייטער חבר, דער פריער דערמאָנטער זשאַמע, ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

נפתלי זשעלעכאָווסקי, אַ זון פון חסידישע עלטערן, האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציונג. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן איידעלן כאַראַקטער און גרויס וויסן אין פּאָליטישע און קולטורעלע פראַגן. כאָטש אָן אָראַטאָרישע פעיקייטן, ווערט ער נאָך אין די צאַרישע צייטן אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער און איז געשעצט אין אַלע שטאָטישע קרייזן. אין דער פּאַרטיי איז ער געווען דער טאָן־געבער. די חברים האָבן זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן דרך־ארץ און גערעכנט זיך אויך מיט זיין מיינונג. ער האָט צונויפגערופן דעם ערשטן יוגנט־קרייז און אַליין געווען דער לעקטאָר. געאַרבעט האָט ער אין זיין פאָטערס קאָלאָניאַל־געשעפט. דעם גרעסטן טייל פון טאָג אָדער ביז שפּעט אין אָוונט, האָט ער פּאַקטיש פאַרבראַכט אין פּאַרטיי־לאָקאַל און קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען שוין געווען פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ היפּשע צאָל, קאָאָפּעראַטיוון, בעקעריי, פאָלקס־קיך, ביבליאָטעק, דראַמאַטישער קרייז. דאָס האָט אונטערגעגראָבן זיין געזונט. צוליב זיין פּאָליטישער אַקטיוויטעט קומט ער אין כסדרדיקע קאָנפליקטן מיט זיינע עלטערן, וואָס זענען נישט אימשטאַנד געווען אים אָפּצושאַצן. פון גרויס שפּאַנונג, צוליב די רעפּרעסיעס מצד דער מאַכט אויף די פּוע״צ־אינסטיטוציעס, און דער באַציונג אין שטוב, ווערט ער קראַנק אויף אַ שווערע מוח־קראַנקהייט. נאָך אַ יאָר שווערע ליידן שטאַרבט ער אין אַ פּויזנער שפּיטאָל. די פּאַרטיי האָט נאָך גרויסע באַמיונגען אַראָפּגעבראַכט זיין טויטן קערפּער קיין וולאָצלאַוועק און זיין לוויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אימפּאָזאַנטער מאַניפעסטאַציע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. מיט יאָרן שפּעטער, בעת דער ווידמונג פון זיין נאָמען אויף דער פּוע״צ־ביבליאָטעק, איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע, מיט דער באַטייליקונג פון קנאַפּע טויזנט צוהערער און אַ פאָרשטייער פון צ.ק., חבר וואַקס פון וואַרשע. ער האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון נפתלי זשעלעכאָווסקיס פערזענלעכקייט.

אַ צווייטער טוער וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער פּאַרטיי, איז געווען יוסף האָרן, אָבער ווי אַנדערש איז געווען זיין שטעל און גאַנג... ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די סאַמע אָרעמקייט צו אַ פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַגאַבט אויף אַ סך געביטן, ווי אַ רעדנער, שרייבער, שוישפּילער, האָט ער אָבער נישט געקענט באַהערשן זיינע אַמביציעס וועלכע האָבן אים פאַרפירט אויף אומוועגן. שפּעטער, ווען ער ווערט ראַטמאַן און נאָך זיין צוריקקומען פון אַמעריקע מיט אַ צווייפלהאַפטן דאָקטאָר־דיפּלאָם, פאַרפּלאָנטערט ער זיך אין דעם פאַר אים אויסגעשפּרייטער נעץ מצד דער סאַנאַציע, פון וועלכער ער ווערט אַן אינסטרומענט... עס איז געווען פיינלעך צו זען ווי אַזוי עס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט דער דאָזיקער פעיקער מענטש מיט וועלכן מען האָט געבונדן אַזוי פיל האָפענונגען.

אַן איבעררייס אין דער פּאַרטייִשער טעטיקייט קומט בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. יינגעלייט פון אַכצן ביז דרייסיק יאָר, ווערן מאָביליזירט. עס קומען פאָר כסדרדיקע אָבלאַוועס. טעראָר און ווילדע שנאה קעגן יידן הערשן אין שטאָט. דער פראָנט דערנענטערט זיך צו וולאָצלאַוועק און עס פאַלן פיל ציווילע קרבנות בעת דער באָמבאַרדירונג.

ערשט נאָכן סוף פון דער מלחמה הויבט זיך צוריק אָן ביסלעכווייז און פאָרזיכטיק די פּאַרטיי־און יוגנט־אַרבעט. די פאַרזאַמלונגען קומען פאָר געהיים אין דער בעקעריי און אין די געוועלבער פון די קאָאָפּעראַטיוון. עס קומען צוריק אַ טייל חברים פון דער געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד. איינער פון זיי, דער פּאָפּולערער וואָלף פאַנטל, האָט אַדורכגעמאַכט אַ פּועלי־ציוניסטישן סעמינאַר וואָס די רוסישע פּועלי־ציון, דאַן נאָך אַ לעגאַלע באַוועגונג אין ראַטנפאַרבנד, האָבן ספּעציעל איינגעאָרדנט פאַר די געפאַנגענע פּוילישע חברים. (אגב, חבר פאַנטל איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קריגס־געריכט אין פּוילן צוליב זיין איבערגיין די פראָנט־ליניע און איז על פי נס באַפרייט געוואָרן. יעצט איז ער ווידער טעטיק אין דער ישראלדיקער פּאַרטיי).

די ערשטע־מאַי־פייערונג אין 1921 קומט פאָר אין אַ גאָרטן, שטרענג באַוואַכט דורך אונזערע אָרדענער. אויף דער דאָזיקער פייערונג האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן און אָנגענעמען סורפּריז. עס קומען זיך דעקלאַרירן ווי אָנהענגער פון פּועלי־ציוניזם, מאיר קאָטשינסקי און לאה לינדוואַסער, מיטגלידער פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער בונדישער יוגנט, וועלכע האָבן זיך געהאַט באַטייליקט, ווי דעלעגאַטן, אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער בונדישער „צוקונפט״. מאירס רעדע אויף דער מאַי־פייערונג אין גאָרטן האָט געמאַכט אַ רושם און מיר האָבן אים גלייך באַטראַכט ווי אַן אייגענעם. מיט גרויס אייפער וואַרפט זיך דאָס פּאָרל אַריין אין דער אַרבעט און אין אַ קורצער צייט ווערט אונזער יוגנט די שטאַרקסטע און אָנגעזעענסטע אין שטאָט. מאיר האָט געבראַכט אין דער אָרגאַניזאַציע דוד גאָטספאָרכטן, וועלכער האָט זיך גלייך אויסגעטיילט מיט זיין בקיאות און שאַרפקייט אין אַלערליי פּראָבלעמען. נאָכדעם, מיט אַ צייט שפּעטער, האָט דוד גאָטספאָרכט פאַרלאָזט די רייען פון אונזער, לינקער פּאַרטיי און צוזאַמען מיט וואָלף שענקער, (היינט ראַטמאַן אין תל־אביבער שטאָטראַט), אַריבער צו די רעכטע פּ. צ. היינט צו־טאָג איז דוד גאָטספאָרכט, אַ חבר פון קיבוץ שפיים, אין די פאָדערשטע רייען פון דער באַוועגונג אין ישראל.




טיול באנית קיטור בהשתתפות הח׳ זרובבל — אַן אויספלוג מיטן דאַמפער מיטן אָנטייל פון ח׳ זרובבל

נאָכן קריזיס פון 20־טן יאָר, דעם טויט פון זשעלעכאָווסקין און נאָכדעם ווי אַ רייע באַוווּסטע, אָנפירנדיקע חברים (קינאָ, באָרנשטיין) האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, נעמען איבער יונגערע חברים די אָנפירונג. „דודל פאַלעסטיניעץ" (מעכל פשעדעצקי) איז איינער פון זיי. ער האָט באמת געווידמעט דער פאַרטיי זיין לעבן, זיין נשמה. גרייט געווען צו טון פאַר איר יעדע אַרבעט אַפילו די שווערסטע און אומדאַנקסבאַרסטע. קלוג און שאַרפזיניק, מיטן וואָפן פון חוזק־קריטיק, האָט ער זיך אַן עצה געגעבן מיטן שאַרפסטן קעגנער. אין די קריזיס־יאָרן פון דער פאַרטיי האָט ער איינער אַליין אויסגעטראָגן איר עול, געווען אומדערמידלעך אין דער אַרבעט און גרייט אויף יעטוועדן קרבן פאַר איר.

נעבן אים איז געשטאַנען דער דינאַמישער הערשל זעמעלמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ השפעה אויף די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און איז יאָרנלאַנג געווען פּועלי־ציוניסטישער ראַטמאַן אין שטאָטראַט, ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין זעלטענעם מוט און ענערגיע. אַ גראָדליניקער און ערלעכער טוער, האָט ער נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער אָפט אימפּראָוויזירטער פאַרטייִשער טעטיקייט, אַ פּועל־יוצא פון אָביעקטיווע באַדינגונגען און די מאַטעריעלע שוועריקייטן. אַ גלענצענדיקער אָרגאַניזאַטאָר מיט שווונג, איז די פאַרטיי אונטער זיין אָנפירונג ווידער אַריין אין אַ פּעריאָד פון אויפבלי, און פאַר־שטאַרקט איר השפעה דער עיקר צווישן די טרעגערט, וועלכע מיר האָבן אָנגערופן מיטן שיינעם נאָמען „טראַנספּאָרט־אַרבעטער". דער דאָזיקער עלעמענט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געזונטן אינסטינקט און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. זיי פלעגן זיך שטעלן אין די ערשטע רייען אָפּצושלאָגן אַ שונא־ישראל. איינמאָל געווען פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, זענען זיי אויף תמיד געבליבן געטריי דער פאַרטיי, כאָטש מיר האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון זיי, מחמת זייער בונטאַ־רישקייט... אין תוך ערלעכע לייט, זענען זיי אָפט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דעק־לייט און עס האָט זיך געפאָדערט פון דער פאַרטיי אַ סיסטעמאַטישע און גוט־פאַרטראַכטע דערציונגס־אַרבעט כדי זיי אַרויפצוהויבן צו אַ קולטור־ניוואָ און דיסציפּלין. אויב דאָס איז טיילווייז געלונגען איז עס אַ פאַרדינסט פון ח' הערשל.

אַ באַשיידענע אָבער אַ גאַנץ אייפלוסרייכע ראָל האָט געשפּילט אין דער פאַרטיי חבר אהרון זעמעלמאַן, (נישט קיין קרוב פון חבר הערשל). זיין פּועלי־ציוניזם דאַטירט זיך נאָך פון 5־טן יאָר. צוזאַמען מיטן רב'ס זון, יעקב און זשיכלינסקין איז ער אַוועק אין די טערקישע צייטן קיין ארץ־ישראל און אָפּגעאַרבעט דאָרט אַ צוויי יאָר. אהרון האָט געפלעגט דערציילן זיינע איבערלעבענישן פון יענער צייט און וועגן זיינע פריינד פון דער צווייטער עליה. נישט קענענדיק אויסהאַלטן מער דעם הונגער, איז דאָס דרייליגג צייטווייליק אַוועק קיין פּאַריז, כדי אָנצוזאַמלען אַ ביסל געלט און אומקערן זיך אין יידישן לאַנד. יעקב קאָוואַלסקי האָט עס געוואָלט מאַכן געשווינדער און נאָכדעם ווי זיי האָבן אַסעקורירט זייער אונטערנעמונג, אַ קאָנדי־טעריי, האָבן זיי זי אינטערגעצונדן... אהרון און זשיכלינסקי האָבן באַ־וויזן עוקר צו זיין און יעקב איז אָפּגעזעסן אין אַ פראַנצויזישער תפיסה 8 יאָר. נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין וולאָצ־לאַוועק און אויפסניי זיך באַטייליקט, אַ געוויסע צייט, אין דער באַוועגונג.

אהרון זעמעלמאַן האָט געגאָגט אַ פיינלעכע בענקעניש נאָך ארץ־ישראל. ער איז ווידער אַהין געפאָרן און זיך באַטייליקט אַקטיוו אין דער פאַרטיי, און זאָגאַר איינמאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת אַן אָנפאַל צוליב יידיש אויף אונזער לאָקאַל. שפּעטער ווידער צוריק־



קבוצה פוע"צ — יושב ם מימין: מ. קוצ'ינסקי, וילדר, הרשל זמלמן; **עומדים**: שוורץ, יעקובובסקי, פשדצקי, בורנשטין, בריצ'קובסקי.
אַ פוע"צ־גרופּע — זיצן פון רעכטס: מאיר קוטשינסקי, ווילדער, הערשל זעמעלמאַן; **שטייען**: שוואַרץ, יאַקובאָווסקי, פשעדעצקי, ברנשטיין, בריטשקאָווסקי.

געקומען און לסוף אויף תמיד זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין ישראל.

פון די באַליבסטע און פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אין דער פּאַרטיי איז געווען אָן שום ספק חבר גרושקע. אין אים האָט געפלאַקערט אַ גרויסע אהבה צו דער באַוועגונג, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעפאָרעמט זיין פּערזענלעכקייט. די פּאַרטיי און סצענע האָבן אויסגעפילט זיין לעבן. שפּעטער ווערט ער דורך דער פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט צו די קהילה־וואַלן און געוויילט אַלס דאָזאָר.

אָפט איז די פּאַרטיי געשטורעמט געוואָרן דורך ליקווידאַטאָרן, דער עיקר פון צווישן דער אינטעליגענץ. איינער פון זיי, שאול אמסטערדאַם, איז געווען אַ וולאָצלאַווקער איידעם און אָפט באַזוכט אונזער שטאָט. נאָך אַ באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין נאָמען פון פועלי־ציון אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־קאָנגרעס, איז ער געקומען צו אונז אין שטאָט און פונאַנדערגעוויקלט אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פון אונזערע חברים די טעאָריע פון „פּערספּעקטיווישקייט". ער האָט אָבער אויפן אָרט באַקומען אַ שאַרפן אָפּשניט. דאָס איינציקע וואָס איז אים געלונגען איז צו געווינען פאַר זיינע אידעען חיה טורקעלטויב. וועלכע איז שפּעטער געווען זייער אַקטיוו אין דער קאָמבאַוועגונג און אָפּגעזעסן יאָרן אין דער וולאָצלאַווקער תפיסה. שאול אמסטערדאם איז ליקווידירט געוואָרן בעת די „ריינּיקונגען" אין ראַטן־פאַרבאַנד.

בכלל איז יענע צייט געשטאַנען אונטערן צייכן פון אָפּוועך קעגן די אָנגריפן פון דער קאָמבאַוועגונג אויף פּוע"צ, וואָס האָט טאַקע געהאַט אַ קאָמוניסטישע פּלאַטפאָרמע אין וועלטפּאָליטישע פראַגן, אָבער מיט ענדציל פון אַ טעריטאָריעלן צענטער אין ישראל. די קאָמוניסטן האָבן איינגעלייגט וועלטן און אומאויפהערלעך אַטאַקירט אונזער באַוועגונג. מיר זענען אָבער געבליבן קאָנסאָלידירט און אומדערשיטערט.

פלוצים באַקומט אונזער פּאַרטיי אַ קלאַפּ צוליב דער פּאָלגענדיקער מעשה. אין וולאָצלאַוועק איז געווען טעטיק אַ יידישע קאָמוניסטישע גרופּע, וועלכע האָט געהאַט אין אירע רייען אַ פּראָוואָקאַטאָר, שמאי גוטמאַן. (נאָך דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי האָבן געהאַט נאָך איינעם, דעם באַקאַנטן מוטשניק. שמאי איז געוואָרן פּראָוואָקאַטאָר צוליב אייפערזוכט).


דער אַרעסט פון דער גרופּע האָט אויפגעטרייסלט די שטאָט, ווייל צווישן די אַרעסטירטע האָבן זיך געפונען קינדער פון באַלעבאַטישע און אַפילו בורזשואַזע שטובן. אונזער אַן אַקטיווער יוגנט־טוער, אברהם פּערלבערג, דער זון פון באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן נתן פּערלבערג, האָט נישט געקענט פאַרליידן די עוולה פון די דאָזיקע אַרעסטן אין געהיים, נישט דערציילנדיק קיינעם, האָט ער געפּלאַנט אַ „רעוואָלוציאָנערן" שריט. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ דראָונגס־בריוו צום שעף פון דער געהיים־פּאָליצײ מיט דער פאָדערונג ער זאָל באַלד באַפרייען די יוגנטלעכע קאָמוניסטן. אין קעגנפאַל... וועט ער דערשאָסן ווערן. דער פּאָליצײ־שעף דערשרעקט זיך נישט פאַר דער דראָונג, אָבער דער נאַיווער "קנאַפּוש" (אַזוי האָט מען אים גערופן צוליב זיין קליינער וווקס) ווערט דרייסטער... דאָס מאָל שיקט ער אַ בריוו צו דער פרוי פון פּאָליצײ־שעף און בעט איר צו קומען נאָכמיטאָג אויפן בולוואַר ביי דער ווייסל, ווו ער וועט איר אויפקלערן די סכנה וואָס עס דראָט איר מאַן, אויב ער וועט נישט באַפרייען די אַרעסטירטע קאָמוניסטן. די פרוי פון פּאָליצײ־שעף קומען, נאַטירלעך, צו דער באַשטימטער שעה, בעת פון אַלע זייטן זענען געווען פאַרשטעקט ציווילע געהיים־אַגענטן. פּינקטלעך צו דער מינוט דערנענטערט זיך אויך צו דער פרוי דער העלד, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט אַ רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער ליטעראַטור, און ווען ער גיט איבער מינדלעך זיינע דראָונגען, לויפן אָן די געהיים־אַגענטן און אַרעסטירן דעם געפערלעכן „טעראָריסט".

כאָטש עס זענען שוין אַוועק העכער דרייסיק יאָר זייט דעם טרויעריק־קאָמישן עפּיזאָד, קענען מיר נאָך אַלץ נישט באַגרייפן, ווי אַזוי דער קליינער „קנאַפּוש", אַ בחור אַ בר־דעת איז געפאַנגען געוואָרן פון אַזאַ אידעע־פיקס. אָבער די פאָלגן זענען געווען פאַטאַלע. פּאָליצײ האָט חושד געווען אַז די פּוע"צ־יוגנט איז פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן. מיר האָבן „קנאַפּושן" געהאַלטן פאַר אַ רייפן און אינטעליגענטן בחור און זיין שטוב אַ זיכערע פאַרן אַרכיוו פון יוגנט־סעקרעטאַריאַט, ווייל זיין פאָטער איז געווען באַקאַנט ווי אַ בירגערלעך־ציוניסטישער עסקן. גראָד האָבן מיר געהאַט אַדורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן אַלע אונזערע יוגנט־חברים מיט פאַרשידענע פראַגן וועגן דער טריישאַפט צו אונזערע פּרינציפּן און יעדער האָט געדאַרפט לייגן זיין חתימה. אָט די אַנקעטע מיט די אַדרעסן מיט נאָך פיל אַנדערע דאָקומענטן זענען באַלד נאָך זיין אַרעסט געפונען געוואָרן אין דער שטוב פון די פּערלבערגס.

עס זענען אַרעסטירט געוואָרן די פּאַרטיי־פירער הערשל, שלמה טשאַרני, אברהם ווייסלפיש (היינט אין ישראל). די אַרעסטירטע חברים האָבן לייכט געקענט זיך אָנשטויסן, אַז עס גרייטן זיך ווייטערדיקע אַרעסטן צווישן דער פּוע"צ־יוגנט. זיי האָבן באַוויזן אַרויסצושיקן אַ קליין בריוול, אין וועלכן זיי וואָרענען וועגן די כוונות פון דער פּאָליצײ. גלייך ווערן צוזאַמענגערופן די פּאַרטיי־און יוגנט־קאָמיטעטן און עס ווערט באַשלאָסן אַז די זעלבע נאַכט פאַרלאָזן די אָנפירנדיקע חברים די שטאָט כדי זיך אויסצובאַהאַלטן „עד יעבור זעם".

ווען די פּאָליצײ איז געקומען אין דער שטוב פון חבר מאיר קוטשינסקי און אים נישט געטראָפן, האָט זי מיטגענומען זיינע צוויי שוועסטער, וועלכע זענען אויך געווען טעטיק אין דער באַוועגונג: גיטל און יוכבד (ביידע אומגעקומען אין די היטלער־שחיטות). זיי זענען אָפּגעזעסן אַ קנאַפּ יאָר צייט און שפּעטער אויסגעקויפט געוואָרן פאַר גרויסע סומעס. מיין פאָטער * געלינגט צו באַלוינען דעם פּאָליצײ־שעף און ער דערלויבט מיר און שפּעטער אויך מיין ברודער מאירן צוריקצוקומען: — עס וועט זיי גאָרנישט געשען — האָט ער פאַרזיכערט. פּערלבערג מיט די שוועסטער קוטשינסקי און נאָך אַנדערע זענען געבליבן אין טורמע. ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען, האָב איך גלייך באַקומען אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן צום אויספאָרשונגס־ריכטער. פיר שעה האָט מען מיך געפאָרשט וועגן מיין טעטיקייט און וועגן מיינע באַציונגען מיט פּערלבערגן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געלייקנט שטיין און ביין. דאָס האָט מיך געראַטעוועט און מען האָט מיך אָפּגעלאָזט. מאיר קוטשינסקי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע און איז געווען טעטיק אין געהיים אין דער יוגנט־באַוועגונג, ווי אַ שליח פון צ. ק. פון וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד. נאָך לאַנגע באַמיונגען מצד דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט, געלינגט מיט אַ גרויסער סומע געלט איבערצוקויפן דעם שעף פון

* מיין פאָטער ע"ה איז געווען פון די ערשטע אַקטיווע מיטגלידער פון דער „אַרבעטער־היים". ווי נאָר עס האָט זיך געגרינדעט די פועלי־ציוניסטישע יוגנט־גרופּע האָט ער אַהינגעפירט מיין דעמאָלט 16־יעריקן עלטערן ברודער, מאיר (איצט אין פּאַריז) און מיך, אַ 14־יעריק יינגל צו יענער צייט. אויך מיינע צוויי יינגערע ברידער האָבן געהערט צו די גרינדער פון אונזער ספּאָרט־באַוועגונג אין וולאָצלאַוועק און שפּעטער אין פּאַריז. ביידע זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע רוצחים.



הברי פוע״צ (שמאל) — השני מימין: מאיר קוצ׳ינסקי.
פוע״צ־חברים (לינקע) — צווייטער פון רעכטס: מאיר קוטשינסקי.

דער פּאָליטישער פּאָליציי און ער גיט דעם הכשר, אַז מאיר קוטשינ־סקי מעג צוריקקומען אין שטאָט. מיר זענען געווען אַזוי נאַאיוו און אים געגלויבט (אגב, זאָל מען דאָ דערמאָנען, אַז די אַלערליי שאַנ־טאַזש־געלטער און געריכטלעכע קויציעס האָבן די פּאַרטיי בדלות געשטעלט. מיר האָבן געמוזט פאַרקויפן די בעקעריי און אַ פּאָר קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער. די עלטערן פון די אַרעסטירטע זענען אַלע געווען אָרעמעלייט).

אויפן צווייטן טאָג נאָך מאירס צוריקקומען ווערט ער אַרעס־טירט און אַ געשמידטער אין קייטן געפירט דורך דער הויפּטגאַס אין טורמע. פּערלבערג, וועלכער איז שוין געהאַט געזעסן 2 יאָר, איז באַפרייט געוואָרן אויף אַ הויכער קויציע. ער איז אַנטלאָפן קיין דאַנציק און דאָרט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. למען האמת, דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער דאָזיקער בחור האָט זיך געהאַלטן קאָרעקט און העלדיש בעת דער אויספאָרשונג. ער האָט, ווי ווייט מעג־לעך, פאַרניכטעט די אונטערשריפטן פון די באַקאַנטסטע חברים, וואָס דאָס איז עם געלונגען, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעקריגן דורך אַ פאַלשער הבטחה פון דער פּאָליציי אַ סך דאָקומענטן. ער האָט קיי־נעמען נישט פאַרשיט און אַליין נעבעך באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין שריט. דאָס איז געווען זייער אַ פלייסיקער טוער, אַ שרייבער און איבערשרייבער. ער פלעגט אָפּזיצן גאַנצע נעכט און מיט דער אייגענער האַנט, ווי אַ מאַשין, אַרויסוואַרפן צענטליקער קאָפּיעס פון בריוו, אויפרופן אאַ״וו. געניסנדיק פון טאַטנס ליבעראַליזם, האָט ער געטון אין שטוב וואָס ער האָט געוואָלט, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ סעקרעטאַריאַט פון דער יוגנט־פּאַרטיי.

כאָטש עס האָט געפעלט דער הויפּטהעלד, פּערלבערג, האָט פונדעסטוועגן די פּאָליציי איינגעאָרדנט דעם פּראָצעס. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער פּועלי־ציון פּראָצעס אין לאַנד. ביידע צדדים האָבן זיך געגרייט... מצד דער פּאַרטיי האָט מען זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון דערפון, אַז דער אויסגאַנג פון פּראָצעס קען דינען ווי אַ פּרעצעדענס אויף להבא און ווערן אַ יורידיש ווערקצייג אין די הענט פון דער פּאָליציי צו רודפן די באַוועגונג. דאָס איז טאַקע געווען די כוונה פון דער רעגירונג. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען געזעסן 15 יוגנטלעכע, פּאַקטיש אָבער די גאַנצע פּועלי־ציון־פּאַרטיי. פון מיניסטעריום איז דעלעגירט געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער עקספּערט, קאַפּיטאַן קעלער, וואָס האָט, למען האמת, אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין דער געשיכטע פון פּוע״צ, אין אַלע אירע אַנט־וויקלונגען און אידעאָלאָגישע וואַנדלונגען. ער האָט אויפגעקלערט אַז די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז קאָמוניסטיש, אָבער זי איז נישט קיין טייל פון קאָמינטערן, ווייל דער קאָמינטערן וויל זי נישט אַריינגעמען. די פּאָליציי האָט צוגעשטעלט אַ סך „יאָר־עדות״ וואָס האָבן אַלע אָנגעוויזן אויף מאירן, ווי אויף דעם הויפּט־פירער און „פאַרפירער״... עס האָבן נישט געפעלט קיין קאָמישע מאָמענטן, למשל, דאָס עדות זאָגן, אַז די באַשולדיקטע האָבן געזונגען אין וואַלד דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל (!). אַן אַנדערער „יאָר־עדות״ פון דער פּאָליציי האָט געבראַכט אַ רויטן קרבן מנחה סידור ווי אַ באַווייז...

די פאַרטיידיקונג איז געלעגן אין די הענט פון אַדוואָקאַט אָקרענט, אַ משומד פון וואַרשע און אַ שוואַכער פאַרטיידיקער. אַ שטאַרקערן האָבן מיר נישט געקענט דינגען צוליב מאַנגל אין געלד. דער צווייי־טער אַדוואָקאַט איז געווען דער נאָר־וואָס אָנגעקומענער פון קראָקע ד״ר שוואַרץ, וואָס זאָל האָבן אַליין געווען אַמאָל אַ לינקער פּועלי־ציוניסט, אָבער אין וולאָצלאַוועק איז ער אַרויס פון דער הויט כדי צו באַווייזן זיין אַסימילירטקייט און כלומרשטע אַריסטאָקראַטישקייט. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך. דער אַנטיסעמיטישער צוגאַנג סיי פון פּראָקוראָר און סיי פון עקספּערט איז געווען בולט.

דער דערמאָנטער עקספּערט קעלער, האָט אָנגעהויבן זיין פיר־שעה־דיקע עקספּערטיזע מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז לעולם זענען אַלע יידן, אָן אויסנאַם אַנטי־מלוכיש, אַפילו די... אָרטאָדאָקסיע.

אַ שאַרפער איינפאַל האָט געראַטעוועט מאירן און זיין שוועסטער גיטל, פון שווערע יאָרן תפיסה, כאָטש סייווי איז ער געזעסן צוזאַמען מיטן פאָראַרעסט אָן אורטייל העכער צוויי יאָר. ער האָט זיך נעמלעך ביים אויספאָרשונגס־ריכטער אונטערגעשריבן נישט ווי געוויינטלעך און עס איז אַרויסגעקומען אַ להלוטין אַנדערע האַנטשריפט. דער קאַליגראַפישער עקספּערט האָט באַשטעטיקט אַז קוטשינסקיס אונטער־שריפט ביים ריכטער איז אַן אַנדער ווי די וואָס מען האָט געפונען אין די אַלערליי דאָקומענטן. דאָס געריכט האָט אים צוגערופן צום טיש און געהייסן אים אונטערשרייבן זיך. ער האָט איבערגעחזרט דאָס שפּיל און אַ וואַרשעווער עקספּערט האָט דאַן פעסטגעשטעלט, אַז די אונטערשריפט איז די זעלבע וואָס ביים אויספאָרשונגס־ריכ־טער און אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי אויף די „קאָמוניסטישע" דאָקו־מענטן.

דאָס געריכט האָט נישט געקענט משלים זיין דערמיט און נאָך אַ גאַנצן טאָג באַראַטונגען פאַרמשפּט מאירן און זיין שוועסטער גיטל צו איין יאָר תפיסה.

פאַמעלעך, פאַמעלעך קומט צו־זיך די באַוועגונג נאָכן גרויסן אַרעסט. עס דאַרפן דערמאָנט ווערן לשבח אייניקע מענטשן, וואָס האָבן אונז אַרויסגעוויזן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף אין דעם דאָזיקן שווערן פעריאָד. אויפן ערשטן אָרט דער גוטהאַרציקער יחזקאל ברייטשטיין ע"ה און אויך משה לעווי; ביידע קעגנער פון אונזער באַוועגונג, האָבן זיי אָבער אונז פיל מיטגעהאָלפן אין דער פאַר־טיידיקונג.

די באַוועגונג צעוואַקסט זיך אויפסניי. עס ווערט געגרינדעט די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „שטערן". וועלכע ווערט זייער באַליבט ביי דער באַפעלקערונג. אירע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען ווערן שטאַרק באַזוכט און די מאַרשן און געזאַנגען פון אונזערע ספּאָרטלער פלעגן אויפ־וועקן די שלאָפנדיקע שטאָט יעדן שבת אין דער פרי. איינמאָל האָבן מיר זיך אָנגענומען מוט און אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענפלי פון אַלע „שטערן"־אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרומיקער פּראָווינץ, דורך דער ברייטער גאַס האָט זיך געצויגן אַ הערלעכע דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פונאַנדערגעיאָגט געוואָרן בלוטיק נישט דורך דער פּאָליציי, נאָר דורך די ...קאָמוניסטן.

✶

דאָ ענדיקט זיך מיין פאַרבינדונג מיט די וולאָצלאַוועקער פּועלי־ציון. איך האָב עמיגרירט קיין אויסלאַנד. די פאָן פון דער פּאַרטיי איז געטראָגן געוואָרן ווייטער און אומאונטערבראָכן דורך די געטרייע הענט פון איבערגעגעבענע חברים פון וועלכע בלויז געציילטע זענען געבליבן ביים לעבן. לאָמיר דערמאָנען דאָ שיינדל ווילדער, די געטרייע סעקרעטאַרין פון אונזער באַוועגונג און איר מאַן דוד בערנפעלד, וועלכע געפינען זיך היינט אין אַרגענטינע און אַרבעטן געטריי פאַרן אידעאַל פון פּועלי־ציון. מיט גרויס ווייטאָג קוק איך זיך אַרום און געפין נישט מער אונזערע צענדליקער און הונדערטער אידעע־ברידער וואָס האָבן מיט מסירת־נפש און ליבשאַפט געדינט די אידעאַלן פון אונזער באַוועגונג. זיי אַלע האָבן געפונען זייער רו אין דעם אַנאָנימען ברידער־קבר פון זייער קלאַס און פאָלק. געהייליקט זאָל זיין זייער נאָמען.



האגוד הספורטאי של פוע"צ (שמאל) „שטרן" (הכוכב) — פוע"צ־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „שטערן" (גוויאַזדאַ)

תנועות נוער / יוגנט-באוועגונגען

„החלוץ"

ש. כהן, ד. פרידה * / תל־אביב

ראשית התנועה

באחד מימי הקיץ של שנת 1916 פרסמו שני סטודנטים מוורשה בעתונים „היינט ו„מאָמענט" קריאה לנוער היהודי שיתארגן ויכשיר את עצמו לעלות לארץ־ישראל לכשתתגלה האפשרות הראשונה לכך.

שני צעירים בעירנו: שמעון כהן ויולק ברגלוי, חניכי „החדר המתוקן" של י. בחורסקי, ראו בקריאה זו מעין התממשות הרעיונות שספגו בבית רבם ועד מהרה התקשרו עם בעלי הקריאה. התשובה לא אחרה לבוא ונתלוו לה הוראות ארגוניות. כן הבטיחו לבקר בעירנו בעלי הקריאה.

אל שני היוזמים הצטרף עוד בהתחלת הפעולה יהושע קרושינ־סקי. שלישיה זו התחילה להסביר לבני הנוער בוולוצלבק את רעיונם ולקרבם לפעולתם.

כהן וקרושינסקי מקורבים היו ל„צעירי־ציון" ואילו בעשייתם החלוצית החלו דוקא בקרב הנוער הבלתי מפלגתי, כי ראשי התנועה „צעירי ציון" בוולוצלבק לא גילו ענין רב בקריאה. הם פנו, איפוא, לצעירים שלמדו אז, או סיימו את חוק לימודיהם, ב„ביה"ס העירוני למסחר" שברחוב שקולנה וב„ביה"ס הגרמני" אשר ברחוב אוגרודובה. הצעירים הללו שמבשרם חזו את היחס העוין לגביהם מצד חבריהם הנוצרים, היו תוהים ומחפשים ביטוי לרגשות היהודיים המקננים בלבם. ראשית כל דרשו מהנהלת בית־הספר שינתן להם שיעור ביהדות כשם שחבריהם הנוצרים מקבלים שיעור בנצרות. תביעה זו נתמלאה לאחר זמן מה. הרב ר' יהודה־לייב קובלסקי הרצה לפניהם מפקידה לפקידה על עיקרי היהדות והרצאותיו טיפחו את הרגשות הלאומיים, שהיו עד עתה עמומים בלבות הצעירים ועוררו בהם כמיהה למעשה. עד מהרה נמשכו צעירים אלה אחר הקוראים והצטרפו לקבוצה הראשונה של מארגני „החלוץ". לא יצאו ימים מרובים ובשלהי 1916 התקיימה, באחת השבתות, אסיפה רשמית ראשונה, שמטרתה היתה לארגן נוער יהודי המבקש להכשיר עצמו לעליה ארצה.

באסיפה זו, שהתקיימה בדירת „החדר המתוקן" של בחורסקי, נטלו חלק יותר מעשרים נער ונערה. ישב־ראש בה הרב קובלסקי שק־שר, כאמור, קשרים עם נוער זה על ספסל הלימודים. שני הסטודנטים מוורשה שהגיעו לאותה אסיפה (שמו של אחד מהם היה זייצ'יק הרחיבו את הדיבור על הצורך בהכשרה ובהתכוננות לעליה לכשתת גלה האפשרות הראשונה לכך.

באסיפה נבחר ועד בן חמשה חברים: שמעון כהן, יולק ברגלוי, יהושע קרושינסקי, רדזייבסקי ושוורץ. הוועד, שמרכזו היה בדירת י. ברגלוי, פנה לנוער היהודי מכל השכבות וחבריו קיימו שיחות אישיות וקולקטיביות, בין היתר גם עם אנשי „צעירי ציון" (ביחוד עם הח' יחזקאל ברייטשטיין), בדבר הצטרפות נוער המפלגה לארגון „החלוץ", כתוצאה מפעולות ועדת החמישה נרשמו ל„החלוץ" כשלו־שים נער ונערה.

קבוצת חברים זו החלה בפעולה: למדו עברית וידיעת הארץ, קיימו שיחות, ערכו טיולים ועל כולם, התכוננו לעליה ארצה בבוא העת. משום שרובם היו חברי ה„טורן־פאריין" (אגודת ההתעמלות, קיימו על־פי־רוב את השיחות במעון האגודה, הן על שום חוסר מקום אחר והן מתוך הנחה שבאורח זה עשויים הם להשפיע על הנוער המתעמל שיצטרף אליהם. אלא שלא נסתייע הדבר — לא היו הצטרפויות רבות. התביעה להגשמה עצמית היא שהרתיעה.

בהכשרה חקלאית מעשית החלו לעסוק בימי הקיץ, ב־1917. באותו קיץ התקיימה בוורשה התייעצות, שנקראה ע"י זייצ'יק וחברו. השתתפו בה ש. כהן, וי. ברגלוי, ההכשרה התנהלה בקבוצות קטנות, אחת, באחוזה בוכנה, בסמוך לליפנה, שהיתה נחלתם של משפחת רוזנברג, והאחרת באחוזה של משפחת טייפלד. שני בעלי־האחוזה היו תושבי ולוצלבק וברצון קיימו נקודות הכשרה לנוער באחוזותיהם.

השתתפות החברים בהכשרה לא הפסיקה את הפעולה בעיר. זו היתה מתנהלת על־ידי ברגלוי ושוורץ, שנשארו בעיר, בעזרת החברות צינמון, בר'נקה ברייטשטין ולוברניצקה וכן מספר חברים מההכשרה שהיו באים מזמן לזמן העירה.

בשלהי 1918 עם תום מלחמת העולם הראשונה, סברו חברי „החלוץ", כי הגיעה העת לעלות ארצה, אף כי הדרכים משובשות היו ועוד לא היה קשר ותחבורה עם הארץ. שמעון כהן החליט לעלות ויצא לדרך.

תחילה נדד לגרמניה המבוסה והמסוערת, משם פנה לשטח הגר־מני הכבוש בידי האנגלים. אחרי כן עשה דרכו על פני אוסטריה ואיטליה. בסיכון הגובל בהרפתקה הגיע באוניית פחמים לחופי הארץ בתחילת 1920.

בעקבות שמעון כהן יצאה קבוצה שנייה.

---

* רשם מפיהם ד. שחרי.

א. אונגר / תל־אביב

ההתארגנות המחודשת

בשלהי 1919 אחזה התלהבות ציונית את יהדות פולין. בימים ההם קם מחדש „החלוץ" בולוצלבק שביקש להמשיך בפעולה שהתחילה בה השלישיה — כהן, ברגלוי, קרושינסקי, ושהופסקה עם עלייתם ארצה של קבוצת „החלוץ" הראשונה.

חבורת צעירים, רובם יוצאי המעמד ה„בעלי־ביתי" ובראשם שמאי רוט ואריה (לייב) אונגר, התחילו בפעולה, נעזרים במרכז בוורשה ובמיוהד בח"ה י. ריטוב, א. דובקין, י. מרמינסקי (מרום) — כולם כעת בארץ — פתחו בפעילה מאומצת. הפעה כהסתדרות הרשומה כחוק.

שמאי רוט (הושמד על־ידי הנאצים) ויבדלו לחיים, אריה אונגר, דוד קויפמן, דוד הורוביץ, זאב שנרוק, יהושע קרושינסקי (כולם בארץ) נבחרו כהנהלת סניף „החלוץ".

ראשית פעולתם היתה רכישת הברים, אך בד בבד עם פעולה זו ארגנו שעורי ערב לעברית, שהתקיימו בדירת הגימנסיה העברית בהדרכת המורה יעקב קויפמן (נמצא בארץ). פעולה זו וכן הפעולות האחרות: עזרה לעלייה וכדומה, דרשו אמצעים כספיים אשר לא היו בהישג ידם של החברים. לשם כך אורגנו קרנות מיוחדות כגון: קרן לעברית, לעליה ועוד.

הקרנות שאבו עיקר הכנסותיהן מנשפים שהאווירה הארצישראלית היתה שורה עליהם ומשום כך משכו רבים ונכבדים. הכנסות נוספות באו מתרומות. בהתרמת האוכלוסיה, ובעיקר בעלי היכולת, שהיו רחוקים מרעיוננו, ראינו — נוסף להכנסה הכספית — אף דרך להפצת הרעיון שלנו בקרב השכבות „המחוסנות" של יהודי עירנו. חברי האגודה רבו והלכו ומספרם הגיע באותם הימים לכמה מאות.

אגודת הספורט „מכבי" שהקימה לה בית גדול ברחוב קרולביצקה, מסרה לרשות „החלוץ" שני חדרים באגף הבנין. מעון זה שימש מרכז הפעולה והפעילות. שם נתארגנה הכשרת חברי „החלוץ" לעבודה פיזית פרודוקטיבית במקצועות שהיהודים לא הרבו לעסוק בהם בעירנו.

הקימונו מסגריה בצריף־עץ במגרש הקהילה היהודית ברחוב ז'אביה ליד בית־הכנסת הישן. ניהל את המסגריה בעל־מקצוע ידוע — נוימן. עם עלייתו ארצה ריכז אותה תלמידו א. ד. טכורש (כיום בעל בית־חרושת בירושלים). נוימן, שהיה מסגר מעולה, הנחיל מידיעותיו המקצועיות לתלמידיו־חניכיו, חברי „החלוץ", שביצעו תוך כדי הכשרה עבודות מסגרות שונות. במלאכתם הנאה והמדוייקת רכשו שם טוב למסגריה, שנמסרו לה עבודות רבות ומורכבות מבחינה מקצועית.

בית־מלאכה לקליעת סלים הוקם בחדרים שבקומה ב' ברחוב קרולביצקה 4 (מעל למקווה) בהדרכתו של בעל־מקצוע נוצרי. בית־מלאכה זה נועד להכשרת חברות. שתיים מבין חברות הכשרה זו, אטקה לוקסנבורג—קויפמן ומרים גליקסמן נמצאות בארץ. תפיסתן הטובה של החברות והדרכתו המקצועית של המדריך הנוצרי הפכו בית־מלאכה זה תוך זמן קצר לאחד הטובים בעיר והוא שימש מקור הכנסה להרחבת הציוד בבתי המלאכה ולשיכלולו.

מחוסר מקום מתאים לא עלה בידינו לארגן בית־מלאכה לנגרות אם כי רכשנו שולחנות עבודה וכלים אחרים למטרה זו.

הכשרה חקלאית

נוסף על ההכשרה המקצועית נתנו דעתנו גם על ההכשרה החקלאית. ברשותה של הקהילה היהודית היו כמה מגרשים ריקים בחלקי העיר השונים. לאחר מאמצים ושתדלנות נתאפשרה במגרשים



חברי „החלוץ" עם קבוצת חברים מאוקראינה — בשנת 1919 — חברים פון „החלוץ" מיט אַ גרופּע אוקראינישע חברים אין יאָר 1919



סדנת הכשרה של „החלוץ" — הכשרה־ווארשטאַט פון „החלוץ" (1921)

אלה הכשרתם של חברינו בגננות, בגידול ירקות ועוד. נציין, כי בהסכמת ועד הקהילה להעמיד לרשותנו מגרש להקמת צריף למסגריה, חדרים לבית־מלאכה לקליעת סלים ומגרשים ריקים לסידור גינות, רב היה חלקם של חברינו יהושע קרושינסקי וחנינה ינובר, שאבותיהם היו מראשי פרנסי העיר. אולם לא רק במגרשים אלה, אשר סידורם ועיבודם הטוב היה נושא לשיחה בפי יהודי עירנו, ואת תנובתם קנו ברצון, אלא אף בכפרים הסמוכים סידרנו מספר חברים להכשרה חקלאית.

אף על פי שמעשה־ההרשמה עלה יפה — לא על נקלה נעשתה מלאכה זו. תחית פולין, הצורך בשיקומה אחרי שיעבוד, מלחמה וכיבוש, פתחו אפשרויות רבות. המצב הכלכלי לאחר שנות צמצום שבכיבוש הוטב והלך. והנה באנו קומץ צעירים וביקשנו להחדיר רעיון ובעקבותיו מעשה חדש של פרודוקטיביזציה, עלייה וכדומה בקרב היהודים, אשר התלהבו אמנם מהצהרת בלפור, אולם שקועים היו בעסקיהם ולא היו מוכנים לקבל את תורת „החלוץ", לפיה ילמדו בניהם מקצועות פרודוקטיביים ויעלו ארצה.

בפעילותנו עמדה לנו לעזר העובדה, שבנו של הרב ר' יעקב אונגר ובניהם של שוחט נכבד רבי יעקב־לייב טכורש, של ר' סנדר טכורש ופרנסי העיר ר' נטע קרושינסקי והניך ינובר עוסקים במלאכת המסגרות. מיוזעים, כשהם לבושים בגדי עבודה, הם מובילים זבל בעגלות רתומות סוסים דרך רחובות העיר הראשיים, כדי לזבל את הגינות שהם עצמם היו מעבדים. כל אלה פעלו את פעלם החיובי: הנוער התחיל זורם אלינו, שורות החלוץ גדלו והלכו. המועצה והמזכירות שבבית „מכבי" שקקו חיים ותכונה לעלייה.

באותו פרק זמן, בסתיו 1920, נקלעה לוולוצלבק קבוצת חלוצי אוקראינה, שזה עתה עבר עליהם גל של פרעות. שבורים ורצוצים באו אלינו לזמן־מה בגלל עיכוב בעלייתם ארצה. הנהלת „מכבי" העמידה לרשותנו חלק מהבנין שהפכנו אותו עד מהרה למעון לחברים הנ"ל. סודרו מיטות והחברות עשו כל הדרוש לכלכלתם במשך חודשים מספר. הימצאותם של ה„אוקראינים" בעיר חיזקה והגבירה את הרוח החלוצית בקרב הנוער ורבו המצטרפים להסתדרותנו.

בתחילת שנת 1921 עזבה קבוצה זו את העיר בדרכה לארץ. חודשים מועטים לאחר יציאתה עלתה קבוצת חברינו. אולם לקבוצה זו לא שיחקה השעה, אנייתם הגיעה לארץ זמן קצר אחרי פרעות יפו, במאי 1921 ולפי פקודת נציב העליון דאז, הרברט סמואל, לא הורשו הנוסעים לרדת לחוף. לאחר שכל מאמצי ההנהלה הציונית לא הצליחו הוחזרו חברינו אחרי טלטולים לוינה, שם התגלגלו קרוב לשנה עד שניתן להם לחזור ולעלות ארצה.

הפרעות, האניות המוחזרות, סגירת שערי הארץ בפני העלייה החפשית וכיוצא באלה פורעניות, הכו גלים בקרב יהדות פולין וגם נתנו אותותיהם בפעולות „החלוץ" בעירנו. רבים שהתכוננו לעלייה — עוכבה עלייתם. עובדי בתי־המלאכה המשיכו אומנם בעבודתם, אולם הורגשה התרופפות הפעולה.

עם פרסום הספר הלבן של צ'רצ'יל ב־1922 ועמו ההגדרה החדשה — העלייה היהודית לפי יכולת הקליטה — נתקבלו רשיונות עלייה רשמיים — סרטיפיקטים. מספר הסרטיפיקטים שקבלנו לא הספיק לכל המועמדים לעלייה, בקבוצה הראשונה עלו, איפוא רק חלק מעובדי המסגריה, מבית המלאכה לקליעת סלים וחברי „החלוץ" אחרים והם: ח. ד. קויפמן, אטקה לוקסנבורג, פלק קרושינסקי, חנניה ינובר, דוד טייכנר, שמעונוביץ, א. ד. טכורש, מגיד. פופיולק, מאיר זלקוביץ, נפתלי לבקוביץ (אלכסנדר קיובסקי).

אלה שלא נכללו בקבוצה שעלתה בהתחלת 1922 (סוף ינואר)

התחילו מסתדרים קימעה כל אחד בעבודה מתאימה תוך ציפייה לחלוקת סרטיפיקטים חדשה שעוד לא ידעו מתי תהיה.

יציאת הפעילים לארץ, בתוכם מנהל המסגריה ועוזרו, והסתדריתם ההכרחית של יתר החברים בעבודות במקום, גרמו להחלשה הדרגתית של הפעולה עד שבסוף 1922 נפסקה כליל.


שני חדרי המועדון בחצר בית „מכבי" וארונות המזכירות, המסגריה ובית־המלאכה לקליעת סלים נסגרו עם צאת שנת 1922.

ד. שחרי / תל־אביב

„החלוץ" עד השואה

הפגיעה הקשה שפגעה ממשלת גרבסקי בפרנסתם של יהודי פולין בתוכנית ההבראה הפיננסית שלה, אשר רוששה המוני היהודים ושברה מטה לחמם; ההטבה שחלה במצב בארץ־ישראל; האפשריות שנפתחו לעלייה גדולה ועצם פריצתה של עליית המונים זו (העלייה הרביעית) — גורמים אלה חוברו יחד והביאו להתגברותן של פעולות „החלוץ" בפולין. נצטרפה לכך התארגנותה המחודשת של „י. ס. א. י." „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־יוגנט") — תנועת הנוער של „פועלי־ציון" ימין בעירנו, אשר ראתה בפעולות „החלוץ" אחד מתפקידיה היסודיים וסימן ההיכר, המבדיל בינה לבין תנועות נוער אחרות. גם בעירנו חודשה פעולת החלוץ בחורף 1924/25, כשנתיים לאחר שנפסקה. בראש הסניף ניצבה קבוצת פעילים, הח"ח: אברהם ויסלפיש (כעת בת"א), חיים לוקסנבורג (כעת בקיבוץ עין־כרמל), בער יוטשינסקי (דב שחרי, כעת בת"א), סנדר סקורזינסקי, צעיר מסור ובעל יכולת פעולה ורצון עשייה, משה שניידרמיל, בעל תפיסה וחקרן (לימים, כאשר קצרה רוחו, התרחק מתנועתנו ועבר לתנועה קיצונית) ועוד חברים צעירים, ששמותיהם, לצערי, אינם זכורים לי.

בפעולתנו זו, לחידוש וארגון „החלוץ" בעירנו, נעזרנו בהרבה ע"י חברינו המבוגרים, מייסדי „פועלי־ציון" ימין בעירנו ופעיליה: דוד גוטספורכט (כעת בקיבוץ שפיים) — זאב שנקר (כעת חבר הנהלת עת"א), יצחק ינקליביץ (כעת בת"א), לייבל לוקסנבורג, מנדל דורפמן.



קבוצת חברי החלוץ בשנת 1921 — אַ גרופּע חברים פון החלוץ אין יאָר 1921
עומדים מימין — שטייען פון רעכטס: פ. קרושינסקי, י. לובינסקי, ד. הורוביץ, ח. ינובר; **יושבים — זיצן:** א. שימנוביץ, רדזיאָבסקי, ש. רוט, א. אונגר, ח. ד. קויפמן.

שוב נפתחו הלשכה והמועדון בבית „מכבי", שסגורים היו במשך זמן רב על מסגר ובריח. שוב החלו שוקקים במקום חיים ופעולה אינטנסיבית של התארגנות נוער ומתבגרים. במועדון התנהלה פעולה תרבותית וסודרה בו פינת קריאה, עם עתונים מא"י, שסופקו ע"י המרכז. בדירת הגימנסיה אורגנו שעורי ערב לעברית בהנהלת המורה הורונסקי, שהתחבב מאוד על חברי „החלוץ".

מאז הופסקו פעולות „החלוץ" בעירנו חל שינוי בתוכנה ובמהותה של ההכשרה בפולין. מרכז „החלוץ" הקים נקודות הכשרה ארציות. חוות גרוכוב בחקלאות, קלוסובה — בחציבה, סמיאטיץ — „שחריה" במנסרה וכו'. סניפי „החלוץ" חייבים היו לשלוח את חבריהם להכשרה רק באמצעות המרכז ולנקודה שצויינה ונקבעה על ידו.

בין החברות הראשונות, שיצאו להכשרה בגרוכוב היתה הח' מרים גליקסמן (עתה בארץ).

לנוכח סידורי ההכשרה החדשים שוב לא היה טעם לחדש את המסגריה, ובית־המלאכה לקליעת סלים, שהיקף ההכשרה בהם היה קטן ונשא אופי מקומי. אולם עלה בידינו לקבל — אחרי מו"מ — את הסכמת המרכז לארגון הכשרה בסביבה שלנו — לפי המתכונת החדשה. משפחת אהרנרייך, בעלת האחוזה „הלנובק" ליד אלכסנדרוב קוייבסקי, נענתה לפנייתנו ועזרה לנו בהקמת נקודת הכשרה באחוזתה, שהיה בה משק מעורב וחממה גדולה ומפותחת. כן היה בקרבת המשק ביח"ר ללבנים מסוג „סיליקט".

בחודש מאי יצאנו — גרעין של 25 חבר — ל„הלנובק". עבדנו שם בכל עבודות המשק עד אחרי חג השבועות, כשנאלצנו להפסיקן בגלל משבר קשה, שפקד את משפחת אהרנרייך. אך שבועות אחדים אחרי שובנו מהלנובק, סודרה הכשרה חקלאית אצל כמה אכרים בעלי קרקעות ליד העיירה דובז'ין שעל גדות הויסלה. אצל אכרים אלה עבדנו בכל העבודות החקלאיות עד התחלת החורף, עת השדות מכוסים שלג והעבודה החקלאית כמעט ונפסקת.

בארגון הכשרות אלה השתתפו הח"ח: אברהם ויסלפיש, בטה, טוביה מרקוביץ, הלפרין, בער יוטשינסקי, יהודה מושקוביץ ואחרים. מן העניין לציין כי חברות לא השתתפו בהכשרה, אם כי, לפי התוכנית, היה בהלנובק מקום גם לחברות.

הכשרת דובז'ין לא היתה דומה לזו של „הלנובק", כשם שדובז'ין היהודית לא היתה דומה לאלכסנדרוב היהודית. בהלנובק נמסרה לרשותנו כל קומה ב' של הווילה, שם סודר המטבח, חדר האוכל, לשכה ומחסן. כן הועמד לרשותנו אולם גדול לחדר־שינה. אחרי עבודה היינו מתאספים בחדר־האוכל והיינו עורכים שיחות ופעולה תרבותית, לרבות לימוד עברית. החיים נשאו אופי קולקטיבי מובהק. לא כן בכפר ליד דובז'ין. כאן חולקה קבוצתנו בין כמה וכמה אכרים, אצלם עבדנו, עמם במטבח אכלנו, וחדר השינה היה — המתבן או עליית הגג באורווה. המפגשים היו ברחבה שלפני בית האכרים.

בהלנובק קשרנו קשרים עם נוער יהודי מאלכסנדרוב הסמוכה ובצאתנו משם נשאר גרעין של נוער חלוצי במקום. בדומה לכך בדובז'ין. בעיירה התארגן סניף „החלוץ" שעם חבריו עמדנו זמן רב בקשר.

נוסף להכשרה בהלנובק וליד דובז'ין יצא מספר חברים לנקודות הכשרה בחוות גרוכוב ובעיקר למנסרה „שחריה" שבסמיטיץ.

לעת החורף, עם שובנו מההכשרה, הוגברה הפעולה בסניף, שהתחזק גם ע"י הצטרפותם של חברי „השומר־הצעיר" המתבגרים. כמה מהם: אהרן שניצר, משה קויפמן, חיים לובינסקי (כולם בארץ), דוד כץ ז"ל (נפטר בארץ) נכנסו בעול הפעולה יחד אתנו. כן

הצטרפה אלינו קבוצה קטנה, אשר במהלך מחשבותיה קרובה היתה ל„התאחדות" ו„גורדוניה", ואף עשו למען הקמת סניף תנועתם בעירנו. בקבוצת חברים זו התבלטו במיוחד הח"ח: סוניה פרלברג, כיום יפה ינקליביץ (נמצאת בארץ, פעילה באחה"ע ובהסתדרות), משה בוימגרט ז"ל (נפל בקרית ענבים במאורעות תרצ"ו, אחד מהחמשה, שעל שמם נקראת „מעלה החמשה") וציטרון.

אחרי מאמצים רבים, בעזרת הח' משה לוי, חבר מועצת הקהילה והח' זיגר, חבר ועד הקהילה מטעם פוע"צ ימין, חברים וגורמים אחרים, קבלנו לרשותנו שני חדרים בקומה ב' מעל ל„מקווה" ברח' קרולביצקה 4 בבניין השייך לקהילה היהודית, במקום המועדון ב„מכבי", שנסגר בפנינו. ושוב התנהלו הפעולות כסדרן.

השפעתנו בין הנוער בעיר עלתה ורבים מהם הצטרפו אלינו. הצטרפות זו, יתכן ואף הושפעה מהעליה הגדולה אז לארץ־ישראל — העליה הרביעית — וכן מהמדיניות הכלכלית של ממשלת פולין, („מדיניות גרבסקי"), שפגעה קשה ביהודי עירנו, שהיתה עיר המסחר והתעשיה.

בחורף 1925/26 עמדנו, כמה עשרות חברי „החלוץ", לבחינה לפני בא־כוח המשרד הא"י לשם עליה לארץ. הח' מנחם ביר (נמצא בארץ) בא לבחון את המועמדים לעליה. רובנו אושרנו לעליה, אך האפשרות לעלות ניתנה רק לבודדים, כי העליה צומצמה כבר מפאת משבר „העליה הרביעית".

שנות המשבר בארץ וצמצום העליה השפיעו בהכרח על פעולו־תינו והיא התרכזה בשנים 1927—1930 בעיקר בשטח התרבותי־העיוני וההסברתי בקרב הנוער, בפעילות למען הקרנות וביציאת חברים — לא רבים — להכשרה לנקודות שונות. לשם הכנת רזרבה ל„החלוץ" לעת הגברת העליה, התחלנו בארגון „החלוץ הצעיר". כדי לרכוש נוער בגיל 13—14, צריך היה להגיע לתלמידי כיתות ו'—ז' של ביה"ס העממי, אבל ההשתייכות לתנועת נוער אסורה היתה על תלמידי בתי־הספר ועל איסור זה שמר בקפדנות מנהל ביה"ס העממי לילדי ישראל מר קרוטושינסקי (כעבור שנים, בהשפעת האנטישמיות כנראה, שינה במקצת עמדה זו לטובה). אף־על־פי־כן העיזו כמה נערות מביה"ס העממי, להרשם ב„החלוץ הצעיר". ניהלנו אתן שיחות על בעיות חברתיות, על הקבוצה והקיבוץ בארץ, כן למדו ידיעת הארץ, השתתפו בטיולים ובסיורים, משולבים בשיחות חברינו, שנמ־צאו בחופשה מההכשרה.

נערות אלה, ברובן בנות הורים עמלים, באו מכל קצות העיר, רק מעטות מהן זכורות לי היום, והן: האחיות מלכה ואסתר פלוימנ־בוים (משכונת ה„קוקושקי"), מלכה בלומנטל ואחותה מרים בוימגרד (נמצאת בארץ ועובדת כאחות בבי"ח). כעבור זמן החלו להביא עמהן תלמידים ותלמידות נוספים של ביה"ס העממי. בהתבגרותם היוו הללו את המילואים למבוגרים שעלו, וחלק מהם עלה ארצה.

צמצומה של העליה בשנות 1927—1930 גרם להארכת תקופת ההכשרה. התנאים הקשים בקיבוצי ההכשרה לא סיפקו חלק מהאנשים, אשר ראו בה רק שלב המאפשר עליה ארצה. רבים קצרה רוחם מישיבה ממושכת בהכשרה, מאידך, ציפו אחרים בקוצר־רוח ליציאה להכשרה. הכרחי היה איפוא למצוא מקומות הכשרה חדשים. בשנות 1929—1930 ניסינו לארגן נקודת הכשרה בעירנו, מבוססת על עבודה בתעשיה. בזמן הראשון התכוונו להעסיק רק חברים מסניפנו, כדי למנוע בעיות דיור, סדור מטבח וכדומה.

קווינו למצוא אוזן קשבת לפעולה זו אצל בעלי בתי־חרושת יהודים בעיר. כותב הטורים האלה, בתור מזכיר הסניף והח' לייבל לוקסנבורג, חבר פעיל של „פועלי־ציון" ימין, פנו בנדון למר אופטו־בסקי, בעל ביח"ר ללבידים, שהיה איש ה„מזרחי" ולמר בונדזדרוב, בעל ביח"ר למסמרים וחוטי ברזל, שאף הוא נמנה עם התורמים לקרנות הציוניות, אך פניותינו נדחו באמתלות שונות: עבודה בשבת, התנגדות הפועלים הפולניים וכו'. היתה זו התחמקות מצד בעלי בתי־חרושת יהודים אלה להעסקת חברי „החלוץ" כפועלים. בתופעה זו — אי קבלת עובדים יהודיים לבתי־חרושת שבבעלות יהודים — נתקלה תנועתנו כמעט בכל ערי התעשיה בפולין והמצב בנדון נשתנה רק בשנות השלושים כתוצאה מלחץ דעת הקהל והת־גברות האנטישמיות.

ב־1931 ארגן מרכז „החלוץ" קיבוץ הכשרה בלודז', שהיה מבוסס כולו על עבודה בתעשיה. אחרי לבטים וסבל של ראשוני המייסדים, שנאלצו להאבק על השגת מקומות עבודה ונוסף לכך גם עם מפלגת פועלים יהודית, שהכריזה מלחמת מצווה על קיבוץ הכשרה זה, נראה היה כי על־אף־הכל מתבסס הקיבוץ, שנשא את שמו של בר ברוכוב. הדבר הביא להתעוררות גם בערים תעשייתיות אחרות ועירנו בכלל זה. אולם הפעם נעשתה המלאכה לא ע"י בני עירנו.

ב־1932 הגיע לולוצלבק גרעין קטן — „אל על" — קיבוץ הכש־רה של „השומר־הצעיר" (לפי החלטת ועידת „החלוץ" השלישית בדנציג 1926 קיים השוה"צ קבוצי הכשרה נפרדים). קשה היתה דרכו של גרעין זה עד אשר הצליח להכות שורש במקום. לעזרתו באו, נוסף לחברי סניף החלוץ השוה"צ, גם נשי „ויצו" ובראשן הרב־נית קובלסקי, אשר פעלה רבות למען להשיג עבודה לחברי הקיבוץ. כאשר נתמלא לבה מרירות על קשיחותם של התעשיינים היהו־דים, פירסמה ב„וולאָצלאַווקער שטימע" (מס. 2. (233) 11.1.1935 וכן מס. 42 (244) 25.10.1935 / מאמרי זעקה, בהם הוקיעה יחסם לחברי קיבוץ ההכשרה.

זעקת הרבנית ודבריה נשאו פרי. הראשון שנענה לקריאה היה מר גרונדלנד, בעל בית־חרושת גדול לציקוריה. אף כי רחוק היה בהשקפותיו מהציונות, פתח את שערי בית־החרושת שלו לחברי קיבוץ ההכשרה והם נקלטו בעבודה וזכו ליחס טוב. פעולה זו של גרונדלנד, אשר היה ידוע בפעולתו הפילנטרופית הרבה והמסורה למען בית־החולים היהודי בעיר ואח"כ גם למען בית־היתומים (אוכרונקה), זכתה להד רב. אחריו בא בית־החרושת של משפחת בלומנטל לתיבות עץ ועבודות עץ שונות. ראש המשפחה ומייסד בית־החרושת, איש „מזרחי" היה, בניו השותפים לביהח"ר, היו אנשי „מכבי" מסורים. בעקבותיהם באו גם אחרים וכך גדל מספר חברי קיבוץ ההכשרה בעיר וחבריו עסקו בעבודות, אשר עד כה לא נעשו בידי יהודים. להתעסקות חברי ההכשרה בכל העבודות נודעת היתה השפעה עצומה על הנוער היהודי.

העלייה המוגברת לארץ בשנת 1932 הביאה להתעוררות רבה ב„החלוץ". רבו היוצאים להכשרה והחברים שנמצאו בקיבוצים נטלו חלק פעיל בעבודה הארגונית־חברתית בקיבוציהם. חיים לוקסנבורג היה חבר פעיל במזכירות הגלילית של פולסיה, אברהם גוטספורכט ואברהם טכורש — במזכירות זגלמביה, חנניה יאכימוביץ — במזכירות בקרמניץ פודולסקי וכן עשו חברים רבים בתפקידים שונים בקיבוצי הכשרה על פני כל חלקי פולין. שמה של ולוצלבק התפרסם בזכות חבריה הפעילים ובעלי יכולת העשייה.

בשנות 1932—1935 עלתה ארצה קבוצה גדולה למדי של חברי „החלוץ", מייסדיו ופעיליו בחלקם הגדול, פעילי הנוער של פוע"צ ימין — „פרייהייט" וחברי המפלגה: כותב הטורים האלה, אברהם וייסלפיש (שאז כבר לא נמנה עם חברי „החלוץ"), משה ויסוצקי,



חברי „החלוץ" לעליתו של פ. קרושינסקי (באמצע) — חברים פון „החלוץ" צו דער עליה פון ח' קרושינסקי (אינמיטן)

הלה ינובר, זאב ורחל שנקר, גבריאל גרמן (נפטר בארץ), דבורה ינובר־גרמן, מאיר לנציצקי, אלה סקורזינסקי־לנציצקי, צבי קייזר, בועז שטיינבוק, פייביש זומר סוניה פרלברג־ינקליביץ, יצחק ינקליביץ, מרים גליקסמן, אברהם וחוה גוטספורכט, לוינסקי. שנים מספר אחר כך עלו: חיים לוקסנבורג, חנניה יאכימוביץ ועוד רבים אחרים, אשר נמצאים אתנו כאן בארץ. בזמן ההוא עלו גם פעילי „השומר הצעיר" בעירנו: אהרן שניצר, בטה ולדמן־שניצר, דוד כץ (נפטר בארץ), יחזקאל ברייטשטיין, משה קויפמן, גצל יגלינסקי, חיים ליבינסקי, חיים לוברניצקי ושתים משלושת הגוטות שבקן הולוצלבקאי: גוטה זוסמן וגוטה שקולניק ועוד רבים אחרים.

אונדזער טעטיקייט האָט אויך אַרומגענומען צייט־פראַגן. דער עיקר אויף דעם געביט זענען געווען די „קעסטל־אָוונטן", וועלכע זענען פאָרגעקומען יעדן פרייטאָג־צונאַכט און האָבן אַרום זיך קאָנצענטרירט גרויסע יוגנט־גרופּן. מיט די דאָזיקע „קעסטל־אָוונטן" האָבן צוערשט אָנגעפירט די עלטערע חברים ווי דוד שטראַסבורג, וואָלף שענקער, חיים לוקסענבורג. נאָכדעם איז די אָנפירונג איבערגעגאַנגען אין אונדזערע יונגע הענט, און מיר האָבן ממשיך געווען די דאָזיקע „קעסטל־אָוונטן" אין משך פון לאַנגע יאָרן. איינצייטיק מיט די „קעסטל־אָוונטן" זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט רעפעראַטן אויף פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס, על פּי רוב מיט דער באַטייליקונג פון רעפערענטן פון וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט (די ח"ח ד. קרייזמאַן, לייבל שפּיזמאַן א"אַ).

אונדזער אינטענסיווע טעטיקייט האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט מצד די עקזיסטירנדיקע יוגנטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס: פון „יוגנט־בונד־צוקונפט" און פון „יוגנט" לינקע „פּועלי־ציון". די ערשטע, וועלכע האָט געהערשט אין די יוגנט־סעקציעס פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן האָט זיך געפילט שטאַרק און אונדז מבטל געווען ווי „קעסט־קינדער פון דער בורזשואַזיע", „נאָכשלעפּערס און משרתים פון די ציוניסטן" און מיט ענלעכע עפּיטעטן. פאַרביסענער אין איר קאַמף קעגן אונדז איז געווען די „יוגנט" פון די לינקע „פּועלי־ציון", פאַר וועלכער מיר זענען געווען אַ שאַרפער און ממשותדיקער קאָנקורענט צווישן דער יידישער יוגנט אין שטאָט.

איינער פון די פלעצער פון אָפטע צונויפטרעפן פון די יוגנטלעכע אַרבעטער און דערפאַר אַ פּאַסיקער פּלאַץ פאַר ווערבירן נייע חברים איז געווען די „פאַך־דערגענצונג־שול פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער", וועלכע יעדער יוגנטלעכער אַרבעטער איז געווען מחויב צו באַזוכן. די דאָזיקע שול איז געווען אַ געמישטע פאַר דער יידישער און פּוילישער יוגנט און זיך געפונען אויף דער גענשע גאַס, אין אַ פּוילישער געגנט. ס'זענען צוגעקומען נייע חברים: לייבל גאָטספּאַרכט, צבי־הערש קייזער, מתתיהו מאַטושאַק, מאיר לענטשיצקי, רוזשקע נאַטאַן, חיים שיפער, עלא סקוזשינסקא, פראַניא טכורש א"אַ.


אויפן געביט פון ארץ־ישראל־טעטיקייט איז אונדזער אַרבעט געווען:

1. באַטייליקן זיך אין דער אָרטיקער קק"ל־קאָמיסיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער קרן־קימת־אַרבעט אין שטאָט, אַקטיווע באַטייליקונג פון אונדזערע חברים־ות אין אַלע געלט־זאַמלונגען, ווו מיר האָבן זיך גראַד אויסגעצייכנט (און דערפאַר גערופן געוואָרן דורך אונדזערע קעגנער „פּושקע־קלאַפּערס").

2. אָרגאַניזירן דעם וולאָצלאַוועקער סניף פון „החלוץ"; ווערבירן חברים, העלפן שיקן זייערע חברים אויף „הכשרה", אָרגאַניזירן עברית־קורסן און קולטור־טעטיקייט.

3. מיטאַרבעטן אַקטיוו פאַרן „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד („קפאי") און שפּעטער ביים אָרגאַניזירן די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל".

4. פאַרשפּרייטן דעם „רויטן שקל" (אַזוי האָט געהייסן דער פּוע"צ־שקל צום ציוניסטישן קאָנגרעס פאַרן איינפירן דעם אַלגעמיינעם שקל) און נאָכדעם דעם אַלגעמיינעם שקל, וואָס האָט געגעבן



חברי הועד — די קאָמיטעט־חברים (1928)

די וואַל־רעכט צום קאָנגרעס, אַגיטאַציע־אַרבעט פאַר די קאָנגרעס־וואַלן.

אין יאָר 1925 איז צושטאַנד געקומען די פולע פאַראייניקונג פון די צ.ס.־גרופּן מיט אונדזער פּועלי־ציון־פּאַרטיי (רעכטע) און איצט איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך די פאַראייניקונג פון ביידע פּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אמת, אין יאָר 1922 האָט זיך די צ.ס.־יוגנט פאַראייניקט מיט דער פּועלי־ציון־יוגנט און געשאַפן די י.ס.אַ.י., אָבער אַזוי ווי די יוגנט איז דאַן געגאַנגען פאַר דער פּאַרטיי און אַזוי ווי פון דער פולער פּאַרטיי־פאַראייניקונג איז דאַן גאָרנישט געוואָרן, האָט אַ טייל פון דער צ.ס.־יוגנט געפירט ווייטער איר פּאַרטייאישע טעטיקייט.

דער וויכוח אַרום דער פאַראייניקונג איז געווען בלויז אַ טעאָרעטישער, וואָרעם קיין צ.ס.־יוגנט האָט ביי אונדז נישט עקזיסטירט. די געוועזענע צ.ס.־יוגנטלעכע האָבן זיך שוין פון לאַנג, נאָך אין יאָר 1922, אָנגעשלאָסן אין אונדזער יוגנט, אָבער די זאָרג פאַרן אידעאָלאָגישן אינהאַלט פון דער באַוועגונג האָט אונדז געשטויסן גרינטלעך זיך באַקענען מיט דער פאַראייניקונג־פראַגע און אירע פאָלגן פאַר דער באַוועגונג. צו דעם צוועק האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּלאָצק, ווו עס האָט עקזיסטירט בלויז אַ צ.ס.־יוגנט.

אין אַ פרייטיק, אָנפאַנג מאַי 1926, אין די סאַמע טעג פון פּילסודסקיס איבערקערעניש, זענען מיר אַ גרופּע פון 40 חברים און חברטעס אַרויס מיטן דאַמפער קיין פּלאָצק.

מיר האָבן זיך באַקענט מיט די פּלאָצקער צ.ס.־יוגנטלעכע און פאַרבונדן מיט זיי חברישע באַציונגען, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן אויך ווייטער. אין שפּיץ פון דער פּלאָצקער צ.ס.־יוגנט, בעת אונדזער ערשטן באַזוך און אַ צייט נאָכדעם, זענען געשטאַנען די ח"ח משה זאַנדער, יצחק נאַשעלסקי און פּנחס בוכמאַן, דריי יונגע בחורים, פול מיט ענערגיע, ווילן און אַקטיוויטעט. אַרום זיי האָבן זיך גרופּירט יונגערע חברים און חברטעס: דוד גרינשפּאַן, אריה ליכט, טאָבקע נאַשעלסקא, יפה פּאַפּירטשיק, שוואַרץ, לאַנדוי, יהושע ראָזענבלום, זילבער, שלמה גרינפּשאַן און אַנדערע, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז אין ישראל.

דער אויספלוג קיין פּלאָצק האָט אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט אונדזער פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פאַראייניקונג פון ביידע פּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אין חודש יוני 1926, כמעט אַ יאָר נאָך דער פּאַרטיי־פאַראייניקונג, האָט זיך די י.ס.אַ.י. פאַראייניקט מיט דער צ.ס.י. און די נייע אָרגאַניזאַציע האָט געטראָגן דעם נאָמען: „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־יוגנט „פרייהייט", אָדער בקיצור „פרייהייט". אַ קורצע צייט נאָך דער פאַראייניקונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ מאָנאַטשריפט מיטן זעלבן נאָמען.

אונדזער טעטיקייט האָט זיך כסדר פאַרברייטערט און אויך פאַרפעסטיקט. ס'זענען צוגעקומען יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן און אַלע געגנטן פון דער שטאָט, פון די „קאַקאָשקעס", „זאַזאַמטשע", פון דער קאַשאַרן־געגנט אויף סטאָדולנע־גאַס און פון די קעלערס אין ווילאַנדס הויז.

דער ביז איצטיקער פּאַרטיי־לאָקאַל איז געוואָרן קליין און ענג און ס'איז כמעט אוממעגלעך געווען צו פירן אין אים אַ רעגולערע טעטיקייט. סוף 1926 איז אונדז מיט דער הילף פון די ח"ח מענדל דאַרפמאַן, לייבל לוקסענבורג און יעקב העלמער געלונגען צו דינגען אַ דירה פון דריי צימערן אין אַ הילצערן הייזל אין הויף אויף קראָלעוויעצקע 23.

דאָס איבערגיין אין אַ נייעם, באַקוועמען לאָקאַל האָט געעפנט גוטע מעגלעכקייטן פאַר אונדזער פאַרשידנאַרטיקער אַרבעט. די צאָל קרייזן איז פאַרגרעסערט געוואָרן, די אַבסאָלווענטן פון די ערשטע קרייזן האָבן איצט גענומען פירן אַליין יוגנט־קרייזן. חברישע שמועסן, קאָלעקטיווע רעפעראַטן זענען געווען אַ גרויסער טייל פון אונדזער טעטיקייט אין אייגענעם לאָקאַל.

לענינס „נעפּ" — נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, פּילסודסקיס מאַי־איבערקערעניש, דאָס אויספירן דעם אורטייל איבער סאקאַ און וואַנצעטי — צוויי איטאַליענישע אַרבעטער־טוער אין אַמעריקע, דער גרויסער און באַוווסטער סטרייק פון די קוילן־גרעבער אין ענגלאַנד ועל כולם פראַגן פון אונדזער יידישן לעבן און דער מצב אין ארץ־ישראל און אין דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, דער קריזיס פון דער פערטער עליה און די ירידה פון לאַנד, וואָס איז געווען אַ גרויסע „מציאה" פאַר די אַנטי־ציוניסטישע פאַרטייען און נאָך אַ גאַנצע ריי אַקטועלע געשעענישן און פּאָליטישע פראַגן זענען דיסקוטירט און באַהאַנדלט געוואָרן ביי אונדז אין דער „פרייהייט".

אונדזער לאָקאַל אויף קרולעוויעצקע 23 איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער צווישן דער יידישער יוגנט אין שטאָט און דאָס אַ דאַנק אונדזער דינאַמישער און לעבהאַפטער טעטיקייט אויף אַלע געביטן. אין יאָר 1927 איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז אונטער דער אָנפירונג פון דוד שטראַסבורג און דער אַקטיווער מיטהילף פון די ח"ח דבורה יאַנאָווער, אפרים רויטשטיין, רוזשקע נאַטאַן, העלא יאַנאָווער און אַנדערע חברים און חברטעס. דער דאָזיקער דראַמאַטישער קרייז האָט זיך נישט פאַרמאָסטן אויף קיין גדולות, ער האָט פשוט געשטרעבט צו געבן אַ מעגלעכקייט אונדזערע באַגאַבטע חברים און חברטעס אויסצולעבן זיך אַרטיסטיש. צו דער הנאה פון די צוהערערס זענען אויסגעפירט געוואָרן איינאַקטערס פון שלום־עליכם. דעם טונקעלן, דעקלאַמאַציעס א"אַ און פון צייט צו צייט סאַטירישע בילדלעך פון אונדזער היימישן לעבן. צוזאַמען מיטן דראַמאַטישן קרייז האָט זיך אָרגאַניזירט אַ כאָר אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט פיל חברים און חברטעס און איז אין אַ צייט שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרייז פאַר געזאַנג און שפּיל. פיל שיינע אויפטרעטונגען זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך דעם דאָזיקן קרייז, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט אחוץ דעם מאָראַלישן סוקצעס, אויך אַ שיינע געלט־הכנסה. די געלט־הכנסה האָט געדינט אויף אָרגאַניזירן אַן אייגענע ביבליאָטעק, בעיקר פון וויסנשאַפטלעכע און נייע יידישע ביכער.

אין דער ערשטער תקופה איז די דאָזיקע ביבליאָטעק אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך די ח"ח רוזשקע נאַטאַן, משה וויסאָצקי, סטופיי, דוד שטראַסבורג און בער יוטשינסקי (שחרי). נאָכדעם איז זי איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די יונגערע חברים.

אויגוסט 1927 איז גערופן געוואָרן — מיט דער הסכמה פון מרכז — אַ צוזאַמענפלי פון אַלע „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס פון אונדזער געגנט קיין פּלאָצק. עס האָבן זיך אין דעם דאָזיקן פּלאָצקער צוזאַמענפלי באַטייליקט: די פּלאָצקער, וולאָצלאַוועקער און גאָסטינינער אָרגאַניזאַציעס און איינצעלנע חברים אָדער קליינע גרופּעס פון דער נאָענטער געגנט ווו ס'האָט קיין „פרייהייט" נישט עקזיסטירט, ווי באָדזאַנאָוו, דראָבנין און אַנדערע. צום דאָזיקן צוזאַמענפלי איז אויך געקומען אַ קליינע גרופּע פון וואַרשעווער „פרייהייט" בראש מיט איר פוטבאָל־מאַנשאַפט.

דער דאָזיקער צוזאַמענפלי, וואָס איז געווען דער ערשטער פון דעם מין אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט קרוב 460 חברים, האָט געפּרוווט אָנצייכנען דעם וועג און שאַפן די פּאַסיקע ראַם פאַר אַזעלכע צוזאַמענפליען להבא. כדי צו פלעגן די געשאַפענע פאַרבינדונגען צווישן חברים פון דער געגנט און פאַרטיפן זיי, איז אין די ראַמען פונעם צוזאַמענפלי אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון „פרייהייט", וועלכע האָט אַרומגענומען: וולאָצלאַוועק, פּלאָצק, קויל, און די קלענערע שטעט און שטעטלעך אַרום זיי.

דער באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן ערשטן ראַיאָן־קאָמיטעט איז געווען: וולאָצלאַוועק — חיים לוקסענבורג, ב. יוטשינסקי, מ. וויסאָצקי; פּלאָצק — יצחק נאַשעלסקי, משה זאנדער; גאָסטינין — פּינטשעווסקי; ראטשיאָנזש — גאָלדבערג.



משתתפי המועצה המחוזית של „פרייהייט" בפלוצק (1930)
חברים פון ראַיאָן־קאָמיטעט בעת אַ צוזאַמענקונפט אין פּלאָצק (1930)

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכדעם ווי ס'זענען אַנטשטאַנען נייע „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציעס אין די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך, איז דער ראַיאָן־קאָמיטעט פאַרברייטערט געוואָרן און זיין צוזאַמענשטעל איז געווען: וולאָצלאַוועק — משה וויסאָצקי, ב. יוטשינסקי, ח. לוקסענבורג; פּלאָצק — ש. גוטערמאַן, מ. זאַנדער; ראַטשיאָנזש — חוה יעגערוואַלד, גאָלדבערג; באָדזאַנאָוו — פּעסיע כהן, יהושע זאַלצמאַן; דראָבנין — עקמאַן; זשיכלין — לייבל שאַנאָווסקי; גאָסטינין — פּינטשעווסקי, צווייגהאַפט; קויל — צוויי חברים וועמענס נעמען כ'האָב פאַרגעסן.

די אינטענסיווע טעטיקייט פון אונזער ראַיאָן־קאָמיטעט, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע אין אונדזער באַוועגונג. איז מער ווי איינמאָל ספּעציעל באַצייכנט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע ראַיאָן־קאָמיטעטן.

העקטאָגראַפישע אינפאָרמאַציע־בלעטלעך. אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנווייזונגען און אַ ציקל רעפעראַטן פון ח' פּאָזשענטשעווסקי וועגן דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. טעזן צו לערנען סאָציאָלאָגיע און נאָך אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן געדינט אַלס וויכטיקע הילף אין דער אָרטיקער טעטיקייט פון דער „פרייהייט"; אָפטע באַזוכן אין ראַיאָן זענען געווען אַ טייל פון דער טעטיקייט פון ראַיאָן־קאָמיטעט, און די צונויפטרעפונגען פון „פרייהייטאָוועס" האָבן געשטאַרקט דעם קאָנטאַקט צווישן דעם ראַיאָן־קאָמיטעט מיט דער אָרגאַניזאַציע און איינגעשטעלט חברישע פריינטשאַפטלעכע באַציונגען מיט די חברים פון די שטעט און שטעטלעך.

אין די אָפטע צונויפטרעפן און צוזאַמענפליען, וואָס זענען פאַרגעקומען אין פּלאָצק, וולאָצלאַוועק, קויל אין די זומער־חדשים אָדער יום־טובים, האָבן זיך שטענדיק באַטייליקט חברים פונעם צענטראַל־

קאָמיטעט, צווישן זיי די ח"ח האָראָוויץ, קרייזמאַן, דובדבני, אין סוכות 1930 דער ח' אליעזר גראַוויצקי, שליחים פון א"י.

אינעם צוזאַמענפלי אין וולאָצלאַוועק, זומער 1928, האָבן זיך שוין באַטייליקט נייע אָרגאַניזאַציעס, ווי דאָברין ביי דער ווייסל, באָדזאַנאָוו און גרעסערע גרופּעס פון זשיכלין און גאָסטינין, אַ חוץ די דריי גרעסערע שטעט — פּלאָצק, קויל און וולאָצלאַוועק.

זומער 1929 זענען קיין פּוילן געקומען אין שליחות פון דער „בחרות הסוציאליסטית" צו דער „פרייהייט" די ח"ח זאב שערף און אליעזר גראַוויצקי. זייער שליחות האָט געהאַט דעם ציל צו פאַר־שטאַרקן און פאַרטיפן די ארץ־ישראל־טעטיקייט צווישן דער „פריי־הייט" און דער יידישער יוגנט בכלל. דער ערשטער שריט אין דער דאָזיקער טעטיקייט זייערער זענען געווען זומער־קאָלאָניעס (מושבות קיץ — אויפן לשון פון די שליחים). די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירט ווערן אין פאַרשידענע געגנטן פון פּוילן און עס האָבן זיך אויף זיי געדאַרפט טרעפן, אין צוויי־וואָכן גרופּן, די אַקטיווע חברים פון ראַיאָן, כדי צוזאַמען לערנען די פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג, די געשיכטע און די טעטיקייטס־וועגן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, אירע פּאַרטייען, וועגן דער אַל־געמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, ועל כולם — פאַרטיפן די חברישע באַציונגען און שאַפן אַן אייגנאַרטיקן „פרייהייט"־שטייגער.

אונדזער ראַיאָן־קאָמיטעט איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט נאָך דעם זעלבן זומער 1929 איינגעאָרדנט אַ „פרייהייט"־זומער־קאָלאָניע. אויפן רעכטן ווייסל־ברעג, נישט ווייט פון פּלאָצק. אין דאָרף ברווילנאָ־וויסאָקע — Brwilno-Wysokie — וואָס ליגט האַרט ביים ווייסל־ברעג. אין עטלעכע דאָרפישע כאַלופּקעס, אָן וועלכער ס'איז דערפאַרונג אויף דעם געביט, האָבן מיר איינגעאָרדנט אונדזער זומער־קאָלאָניע, וועלכע האָט געדאַרפט עפענען אַ נייעם צווייג פון אונדזער טעטיקייט, און דינען אין אַ געוויסער מאָס אַ מוסטער פאַר אַנדערע ראַיאָן־קאָמיטעטן.

הילף אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט אויפן פּלאַץ, בעיקר דאָס געפינען דעם פּאַסיקן אָרט, וואָס האָט געהאַט סיי טייך און סיי וואַלד, האָב איך, אַלס סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט, באַקומען פון ח' אברהם אש, אַ „פרייהייט"־און פּאַרטיי־חבר פון פּלאָצק, אַ זייער באַלעזענער און באַוווסטזיניקער, אַ שטאַרקער און פעסטער בחור. צוזאַמען מיט מיר האָט ער געשפּאַנט צופוס איבער די פּוילישע שאָסייען, כדי צו זוכן און געפינען דעם פּאַסיקן פּלאַץ. אויף זיינע פעסטע פּלייצעס האָט ער שפּעטער געשלעפּט שווערע זעק מיט פּראָ־דוקטן פאַר דער קאָלאַניע און ח"ח: עובד אישאַיעוויטש, שוואַרץ, קרוטשעק, שמואל זילבער און אַנדערע, האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מי און צייט און געהאָלפן מיט וואָס נאָר נויטיק און מעגלעך. אין חודש תמוז תרפ"ט איז אויף אַ פייערלעכן אופן, מיט דער באַטיי־ליקונג פון „פרייהייטאָצעס" פון גאַנצן ראַיאָן, געעפנט געוואָרן אין דאָזיקן דאָרף — ברווילנאָ־וויסאָקע — אונדזער ערשטע זומער־קאָלאָניע, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג אין גאַנץ פּוילן.

אונדזערע ראַטשיאָנזשער חברים האָבן אונדז געמאַכט אַ סיורפּריז און געקומען מיט זייער בלאָז־אָרקעסטער. אַלס פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געקומען דער ח' זאב שערף, איינער פון די צוויי שליחים פון דער „בחרות הסוציאליסטית". דער חבר שערף איז געווען באַשטימט צו בלייבן מיט אונדז אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער קאָלאָניע און אָנפירן מיט דער קולטורעלער אַרבעט.

כ'מוז זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ מאָמענט און דערמאָנען אַ זאַך, וואָס האָט נאָכדעם געהאַט אַ השפעה אויף דער „פרייהייט"־טעטיקייט.

באַלד נאָך דער דערעפענונג זענען מיר אַלע אַוועק אויף אַ חברים־שמועס אין וואַלד. אויסגעזעצט אין אַ גרויסן ראָד, האָט דעם שמועס געעפנט דער חבר דוד גאָטספּאָרכט און אַרויסגערוקט כלפּי דעם חבר שערף די פראַגע וועגן פאַראייניקונג פון „אחדות העבודה" (אונדזער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל) מיטן „הפועל הצעיר", וואָס האָט געהאַלטן ביים רעאַליזירט ווערן. די דאָזיקע פראַגע איז פאַר אונדז געווען זייער אַן אָנגעווייטיקטע. אונדזער פּאַרטיי און פּוילן איז געווען קעגן דער דאָזיקער פאַראייניקונג, צוליב ריינע אָרטיקע טעמים. „הפועל הצעיר" איז געווען געבונדן אין פּוילן מיט דער „התאחדות"־פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל אַרבעטנ־דיקער אינטעליגענץ און געווען ווייט פון סאָציאַליסטישן געדאַנקן־גאַנג ציענדיק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. אונדזער פּאַרטיי האָט מורא געהאַט אַז די ארץ־ישראלדיקע פאַראייניקונג וועט ברענגען מיט זיך די פאָדערונג פון פאַראייניקן די פּאַרטייען אין פּוילן, וואָס עס וואָלט אָפּגעשוואַכט די סאָציאַליסטישע באַזע און דעם אָנזען פון אונדזער פּאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעטער און געדראָט אַוועקפירן די פּאַרטיי־ליניע אויף רעכטס (נאָך דער פאַראייניקונג מיט דער צ.ס.). די דאָזיקע מורא האָט אויך עקזיסטירט ביי אונדזער יוגנט. די „התאחדות" האָט געהאַט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָ־מען „גורדוניה", אירע חברים זענען געווען בעיקר שילער און נישט־אַרבעטנדיקע יוגנט, וועלכע איז געווען ווייט פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג און פון די פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־יוגנט. צוויי וועלטן ממש.

דער חבר שערף, האָט אין זיין תשובה אויף אַ גרינטלעכן אופן אויסגעמאָלט פאַר אונדז דעם מצב אין דער ארץ־ישראלדיקער אַר־בעטער־באַוועגונג און אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וואָס עס פאָדערט די שטאַרקונג פון אַרבעטער־פראָנט, פון די אמתע בויער פון לאַנד און דאָס איז נאָר מעגלעך ווען די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל וועלן בילדן אַ פאַראייניקטע מחנה. דער דאָזיקער חברים־שמועס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זייער אינטערעסאַנטן וויכוח, וועלכער האָט באַלד נאָכדעם זיך איבערגעטראָגן און גע־פירט געוואָרן אין דער פּאַרטיי און אין איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

אין יאַנואַר 1930, אַ האַלב יאָר נאָך דעם דאָזיקן וויכוח, האָבן זיך אין ארץ־ישראל פאַראייניקט די „אחדות העבודה" מיטן „הפועל הצעיר" אין איין פּאַרטיי מיטן נאָמען „מפלגת פועלי ארץ־ישראל".



מקהלת „פרייהייט" — „פרייהייט"־כאָר

טראָץ אַלע באַמיאונגען מצד דער ארץ־ישראל־פּאַרטיי, און דעם וועלט־פאַרבאַנד צו פאַראייניקן די פּאַרטייען אין פּוילן, זענען אין קאָנגרעס־פּוילן געבליבן די „פּועלי־ציון" און „פרייהייט" נישט פאַראייניקט מיט דער „התאחדות" און „גורדוניה" ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

צוליב די בלוטיקע געשעענישן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל תשעה־באב תרפ"ט און דעם צוריקפאָרן פון אַלע שליחים פון פּוילן, האָט דער חבר שערף פאַרלאָזט אונדזער קאָלאָניע פאַר דער צייט. אויף זיין אָרט, אַלס פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט, איז געקומען דער חבר פּאָלושקאָ, וועלכער האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער קולטור־טעטיקייט. צוזאַמען מיטן חבר פּאלושקא (איצט אין קיבוץ יגור) זענען געקומען צוויי חברות פון וואַרשעווער "פרייהייט" — סאבא (סימא) ראק, די טאָכטער פונעם האַנטווערקער־עסקן אלימלך ראק און די חברטע שרה.

בערך 50 חברים און חברטעס פון גאַנצן ראַיאָן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט איין טורנוס, צוליב די געשעענישן אין לאַנד און דער שחיטה אין חברון און אין צפת.

די קאָלאָניע איז געוואָרן אַ טראַדיציע, זומער 1930 איז זי פאָרגעקומען אין אַ דאָרף אויפן לינקן ווייסל־ברעג, צווישן די דערפער באַראָוויצקי מיט איר צוקער־פאַבריק און סוטשעווקא מיט איר ריזיקער פּאַפּיר־פאַבריק, אין וועלכער מיר האָבן באַזוכט בעת אונדזער זיין אויף דער קאָלאָניע. ביים אויסקלייבן פון אָרט האָבן מיר ווייטער געזוכט טייך און וואַלד.

אין אונדזער צווייטער קאָלאָניע האָט זיך באַטייליקט דער ח׳ מרדכי האַלטער, לערער פון דער „תל־חי"־שול אין פּינסק. אונפער באַראָוויצקי מיט איר צוקער־פאַבריק און סוטשעווקא מיט איר אַ גאָר ברייט אָרט דער יינגער יידישער ליטעראַטור.

דאָס מאָל, זומער 1930. האָבן מיר געהאַט אַלס שכנים צו אונדזער קאָלאָניע, דעם „השומר הצעיר" פון אונדזער גליל און דעם פּלאָצקער „הנוער הציוני", וואָס איז געווען געבונדן מיטן „נוער ציוני עקיבא" אין מערב־גאַליציע.

די שכנות פון נאָך צוויי קאָלאָניעס האָט צוגעגעבן אינטערעסאַנטקייט און אַ ביסל פאַרשידנאַרטיקייט אונדזער לעבן אַ דאַנק די קעגנזייטיקע וויכוחים און אויך צוליב די שטיפערייען, ווי עס פירט זיך ביי יוגנט.

דאָס איינאָרדענען זומער־קאָלאָניעס איז נאָכדעם געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער „פרייהייט"־טעטיקייט נישט בלויז ביי אונדז אין וולאָצלאַוועק און אין ראַיאָן, נאָר אין פיל געגנטן פון פּוילן און איז אויך איבערגעגאַנגען און אָנגענומען געוואָרן דורך אַנדערע אַרבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן תחילה געזען אין דעם אַן ענין פון נאָכמאַכן דעם „בורזשואַזן" „השומר הצעיר". אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען פאָרגעקומען זומער־קאָלאָניעס נעבן שטעטל לוביען, נישט ווייט פון וולאָצלאַוועק, אין טשערווינסק ביי דער ווייסל, בשותפות מיט דער וואַרשעווער „פרייהייט".

אָנפאַנג ווינטער 31־1930, איידער איך האָב פאַרלאָזן וולאָצלאַוועק און פאַרן איבערגעבן מיין אַמט אַלס סעקרעטאַר פונעם ראַיאָן־קאָמיטעט, מיט וועלכן כ׳האָב אָנגעפירט זייט זיין אָרגאַניזירונג, איז כמעט נישט געווען קיין איין שטעטל, אָנהייבנדיק פון בריסק, לובראַניעץ, איזביץ, אין דער ריכטונג פון קויל און גייענדיק אויף צפון־מזרח, ווי דראָבנין, שערפּץ, ריפּין, באָדזאַנאָוו, דאָברין ביי דער ווייסל (נישט רעכנענדיק ראַטשיאָנזש, פּלאָצק, גאָסטינין, זשיכלין) אָן קיין „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע. אַפילו אין דער בונדישער פעסטונג, קוטנע, האָבן מיר אָרגאַניזירט, מיט דער הילף פון פּראָפ. ד"ר שור, דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע, סוכות 1930 אַ „פרייהייט"־גרופּע.

אויפן פאַרלאַנג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, ספּעציעל פון חבר שפּיזמאַן און פונעם פּלענום פון ראַיאָן־קאָמיטעט, בין איך אַרויסגעפאָרן האַרבסט 1930 אויף אַ באַזוך אין גאַנצן ראַיאָן. כ׳האָב דאַן באַזוכט צום לעצטן מאָל די שטעט און שטעטלעך — פּלאָצק, באָדזאַנאָוו, שערפּץ, ריפּין, זשיכלין, גאָסטינין, לוביען, בריסק, לובראָנץ און צום סוף ליפּנע, ווו ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „פרייהייט"־גרופּע.

דער באַריכט, וואָס כ׳האָב איבערגעגעבן דעם ראַיאָן־קאָמיטעט און דעם צענטראַל־קאָמיטעט און וועלכער איז דערשינען אין דער „יוגנט־פרייהייט", האָט אויספירלעך געשילדערט די טראַגישע און אויסזיכטסלאָזע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך בכלל און פון דער יידישער יוגנט בפרט. און אָנגעוויזן אויף ביז גאָר וויכטיקע אויפגאַבעס וואָס ליגן אויף אונדזער באַוועגונג אַרויסצוראַטעווען די יוגנט פון יאוש און נישט לאָזן זי גיין אויף פאַלשע וועגן.

דער סוף פון די צוואַנציקער יאָרן זענען געווען יאָרן פון זייער אינטענסיווער טעטיקייט און כסדרדיקער פאַרגרעסערונג פון אונדזערע רייען. אַזוי למשל, האָבן זיך ביי 10 חברים באַטייליקט אינעם וועלט־צוזאַמענפלי פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט אין ווין, זומער 1929.

מיט דער איניציאַטיוו פון חבר מרדכי לעווינסקי און נאָך עטלעכע חברים איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון בערך 30 חברים און חברטעס אונטער דער לייטונג פון ח׳ בעקערמאַן, אַ פּינג־פּאָנג גרופּע און אַ קראַפט־פוטבאָל־מאַנשאַפט.

די זייער אָפטע אויפטריטן פון די דאָזיקע גרופּעס און אין דער ערשטער ריי פון דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער, מערסטנס מיט גרויס דערפאָלג, האָבן געשטאַרקט דעם אָנזען פון דער „פרייהייט".

אין דער זעלבער צייט, צום סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אָנגעהויבן אַן אַקציע צו אָרגאַניזירן אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין געבונדן מיט דער „פרייהייט", אונטערן נאָמען „יידישע סאָציאַליסטישע סקויטן־אָרגאַניזאַציע „יונג־פריי". דאָס שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ נויטווענדיקייט, כדי צו פאַרזיכערן רעזערוו־קאַדרען פאַר דער „פרייהייט". די דאָזיקע נויטווענדיקייט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָכדעם ווען די „החלוץ־הצעיר"־קאָנפערענץ אין יאָר 1927 האָט באַשלאָסן צו פאַרבאָטן זייערע חברים — אונטערן מאַנטל פון אַפּאָליטישקייט — צו געהערן צו וועלכער עס איז אַנדערער אָרגאַניזאַציע (געמיינט האָט מען בעיקר די „פרייהייט", די איניציאַטאָרן פון דעם באַשלוס — די גורדוניה — זענען געשטיצט געוואָרן אין אַ געוויסער מאָס פונעם „השומר־הצעיר").

די סקויטן־אָרגאַניזאַציע „יונג־פריי" האָט אַרומגענומען יוגנטלעכע פון 10—14 יאָר. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר אָרגאַניזירט ביי אונדז אין שטאָט אַ „יונג־פריי"־סקויטן־גרופּע. די דאָזיקע אַרבעט איז גאָרנישט לייכט אָנגעקומען. דאָס אָנגעהערן פון פאָלקסשול־שילער צו וועלכער עס איז נישט אָרגאַניזאַציע איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און קינדער אין עלטער פון 10 ביז 14 יאָר זענען געווען דאָך בעיקר שילער (לויטן געזעץ פון צוואַנגס־בילדונג).

צוויי קינדער, די ברידער ראָזען, די קינדער פון מאָלער ראָזען (אַלטער מאַרק אין אַנקערס הויז), וועלכע איך האָב באַוויזן זיך אָנצושליסן אין אונדזער סקויטן־אָרגאַניזאַציע, האָבן געפירט אַ שטילע און פּערמאַנענטע אַגיטאַציע צווישן זייערע חברים אין דער פאָלקסשול און דערוואָרבן זיי פאַר אונדזער סקויטן־אָרגאַניזאַציע. אין אונדזערע סקויטן־גרופּעס זענען געווען אויסשליסלעך ייִנגלעך.

די סקויטן־טעטיקייט איז געפירט געוואָרן בעיקר שבת און אין דער צייט פון די שול־פעריען. זי איז באַשטאַנען פון אויספלוגן צופוס אין די נאָענטע וועלדער און געגנט, בשותפותדיקן לייענען פון דער סקויטן־צייטונג „יונג־פריי" (דאָס איז אויך געווען דער באַגריסונג־פּאַראָל), לערנען ארץ־ישראל־לידער, לייענען ייִדישע ליטעראַטור, פּאָפּולערע שמועסן וועגן סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אויספירן קליינע פאָרשטעלונגען און נאָך אַנדערע טעטיקייטן. וואָס האָבן פאַרשאַפן דעם יונגוואַרג אַ פרייד.

אַ גאָר חשובן פלאַץ האָט אין אונדזער באַוועגונג פאַרנומען די פּאָליטישע און טעכנישע הילף וועלכע מיר האָבן דערלאַנגט דער פאַרטיי דורך פירן אַגיטאַציע. פאַרשפרייטן שקלים, א״א.

די „פרייהייט"־טעטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון ענדערונגען. נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אויף דער צווייטער „פרייהייט"־קאָנפערענץ פסח — אַפּריל 1931. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט דער שליח פון דער „בחרות הסוציאליסטית", דער חבר זאב שערף, אונטערגעשטראָכן אין זיין רעפעראַט, געווידמעט דער פּראָגראַמאַטישער טעטיקייטס־ליניע פון דער „פרייהייט", די נויטווענדיקייט פון אַ נאָענטער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער „פרייהייט" און דעם „החלוץ־הצעיר" און די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אין דעם גייסט. אָנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער, אין יאָר 1932, שטעלט דער לאַנדסראַט פעסט אַ וואַקסנדיקע באַטייליקונג פון „פרייהייט"־חברים־ות אין „החלוץ" און אין הכשרה, זעענדיק „אין דעם „החלוץ" די אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף דערציען דעם חבר צום איינהייטלעכן אַרבעטס־קלאַס אין ארץ־ישראל".

דאָס אַריבערפירן דעם שווערפּונקט אויף דער ארץ־ישראל־טעטיקייט, האָט געעפנט אין דער באַוועגונג אַ נייע תקופה, וואָס האָט נאַטירלעכערווייז דערפירט צו דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ פון דער „פרייהייט" מיטן „החלוץ־הצעיר" דעם 15—18 סעפּטעמבער 1938 אין דאָרף יוזעפאָוו, נישט ווייט פון וואַרשע.

דער נייער קורס פון דער „פרייהייט", וועלכער איז בהתמדה געפלעגט געוואָרן פון די שליחים פון דער „בחרות הסוציאליסטית" און אַנדערע ארץ־ישראל־שליחים, איז אָן שום ספק אויך באַווירקט געוואָרן פון דעם שווערן מצב אין פוילן, ווו דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעהויבן צו ברויזן מיט אַן אומגעצוימטער ווילדקייט.

אונדזערע היימישע וולאָצלאַוועקער אַנטיסעמיטן, וועלכע זענען בדרך־כלל נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע חברים אין די גרויסע שטעט, האָבן אין די דרייסיקער יאָרן אָנגעהויבן ביי אונדז אין שטאָט זייער מלאכה פריער ווי אַנדערשוו. צוזאַמען מיט דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער יוגנט, האָבן אויך אונדזערע חברים פאַרטיידיקט די ייִדישע באַפעלקערונג פון כוליגאַנישע אָנפאַלן אין די גאַסן פון דער שטאָט.

אונטער דער השפעה פון שוידערלעכן מצב אין וועלכן די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך געפונען און איר כסדרדיקער פאַראָרעמונג איז דער עליה־דראַנג נאָך מער געוואַקסן. אונדזערע חברים זענען געווען פאַרטאָן אין הכשרה און אַ גרויסער טייל אין עולה זיין קיין ארץ־ישראל (זע מיין רשימה וועגן „החלוץ").

דעם אָרט פון די חברים וואָס זענען עולה געווען, האָבן פאַרנומען יונגערע און די וואָס האָבן נישט געקענט צוליב פאַרשידענע סיבות עולה זיין.

פאַרטון אין דער אַקטיווער ארץ־ישראל־אַרבעט, האָבן מיר אָבער נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין איין מינוט אונדזער אָרטיקע טעטיקייט. דער לאָקאַל אויף קרולעוויעצקע 23 איז ענג און קליין געוואָרן, מיר זענען אַריבער אין יאָר 1935 אין אַ גרעסערן און באַקוועמערן לאָקאַל אויף שפּיכלערנא גאַס און דאָרט פאָרטגעזעצט אונדזער סאָציאַליסטישע דערציונגס־אַרבעט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייער, יונגער דור עסקנים, דורכגעזאַפּטע מיט די „פרייהייט"־אידעען און טראַדיציע, וועלכע האָבן געפירט מיט מסירות די אַרבעט צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט אין אונדזער שטאָט און אין ראַיאָן.

צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן האָט אונדזער לאָקאַל געברויזט פון טעטיקייט. גלייכצייטיק מיט דער שטילער דערציונגס־אַרבעט צווישן דער יוגנט, האָט זיך געפירט אַ שטאַרקע פּאָליטישע טעטיקייט צוזאַמען מיט אונדזער פאַרטיי קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך צעיוכעט און מען האָט אים געדאַרפט צוימען מיט כוח; קעגן די „שטאַפּעטן" ביי די ייִדישע קראָמען און מאַרק־הענדלער; פאַר גלייכע בירגער־רעכט; פאַר פּראָלעטאַרישער אייניקייט, פאַר עליה קיין ארץ־ישראל מיט אַלע וועגן; קעגן דעם ענגלישן ווייסן בוך, וואָס האָט געוואָלט באַגרענעצן נאָך מער די ייִדישע רעכט אין ארץ־ישראל.

אונדזער „פרייהייט" איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם לעבן פון די יוגנטלעכע אַרבעטער אין שטאָט און אין גאַנצן ראַיאָן.

ווען וולאָצלאַוועק איז באַהערשט געוואָרן דורך דער נאַצישער חיה, זענען אונדזערע „פרייהייט"־חברים, צוזאַמען מיט די פאַרטיי־מיטגלידער און אַנדערע ייִדישע אַרבעטער־פאַרטייען, געווען די ערשטע קרבנות פונעם דייטשן טעראָר. בלויז אַ קליינער טייל חברים זענען געבליבן נאָכן גרויזאַמען אומקום, אַ גאָר קליינער טייל געפינט זיך צווישן אונדז אין ישראל.

אין די גאַז־קאַמערן און אויוונס, אין כעלמנאָ און אַנדערע פּלעצער זענען צווישן די מיליאָנען קרבנות אומגעקומען אונדזערע פרייהייטאָווצעס אין יונגן בליענדיקן עלטער און נישט זוכה געווען צו דערגרייכן זייער ציל — עולה זיין קיין ארץ־ישראל, דערלעבן די ייִדישע מדינה — די קרוין פון זייערע טרוימען.



קבוצת חברי „פרייהייט" בשנת 1932

אַ גרופּע חברים פון „פרייהייט" אין יאָר 1932

הרב כ. פ. טכורש / תל־אביב

„צעירי המזרחי" ו„החלוץ המזרחי"

א.

בד בבד עם תנועת „המזרחי" בעירנו קיים ופעל ארגון נוער דתי בשם „צעירי המזרחי" ובמאוחר יותר גם ארגון „החלוץ המזרחי". „צעירי המזרחי" כלל צעירים דתיים, ברובם עובדים בעלי מקצוע, פקידים, בחורי ישיבה ומתלמדים. ארגון זה שימש זרוע ל„המזרחי", המבצעת פעולות כלליות ומיוחדות בכל שטחי חיי הצבור. יחד עם זה היווה הארגון גם גורם עצמאי, אוטונומי ועסק בפעולות מיוחדות שיש בהן ענין מיוחד ונגיעה ישרה לנוער הדתי.

„החלוץ המזרחי", לעומת זאת, פעל במיוחד בשטח העבודה הארצישראלית — בהכשרה, בעליה, ובגביית כספים למען „קרן החלוץ המזרחי", שמגמתה „לעודד את עליית הצעירים הדתיים לא"י ולהכשירם מקודם לעבודה חקלאית וכו'".

הגרעין הראשון של „צעירי מזרחי" נשתל בשנת תרע"ה ביוזמת כ. פ. טכורש וב. ביז'ינסקי. מיני אז החל הארגון להתפתח ולפעול, אם כי רשמית הוכרז על הקמתו באספת היסוד במוצש"ק פ' צו בשנת תרפ"א. באספה זו מסרו דין וחשבון החברים כ. פ. טכורש וב. ביז'ינסקי מוועידת אנשי אמונים של „המזרחי" בוורשה שהתקיימה ביום ג', ה' אדר ב' תרפ"א ואשר בה התגבשה חטיבה של נוער „המזרחי", שהחלה בארגון מרכזי, ברכישת חברים לתנועה בכל רחבי הארץ ואח"כ התכוננה בתור תנועה מרכזית במדינה.

ומאז התפתח הארגון הזה בעירנו והצטיין בעבודה הענפה בהרבה שטחים. חבריו לקחו חלק פעיל גם בעבודת המרכז הארצי, בבקורים שונים בערים ובעיירות הסמוכות לשם ארגון הסניפים בהן ובניהול תעמולה בין הנוער הדתי למען רעיון של „תורה ועבודה". כמו"כ השתתפו נציגי „צעירי מזרחי" בעירנו בכל הוועידות הארציות של ארגון זה בפולניה (החל מהוועידה השניה). באספת חברים שנתקיימה ביום כ' תמוז תרפ"ב, נבחרו בתור צירים לוועידה השניה של „צעירי מזרחי" בפולניה, שהתקיימה בוורשה ביום ג', י"ד אב תרפ"ב: כ. פ. טכורש, ב. ביז'ינסקי, ח. ז'רנוביצקי וב. סרברניק; בתור ממלאי מקום: ג. טייטלבוים, י. ח. גולדשטין וח. ד. האלע. הח' כ. פ. טכורש וב. ביז'ינסקי היו פעילים בוועדה המתמדת והר־פיעו בהרצאה בפני מליאת הוועידה. הם גם נבחרו במוסדות המרכ־זיים של התנועה. וכן בוועידה השלישית שהתקיימה בוורשה בימי י' — י"ב כסלו תרפ"ה השתתף גם הח' א. ל. איזביצקי באופן פעיל וב. ביז'ינסקי הרצה בה על בעיות תרבות. בוועידה הרביעית, שהת־קיימה בוורשה בימי כ"ז — כ"ט אייר תרפ"ז, השתתף גם הח' פישל גוטהרט מראשי „החלוץ המזרחי" וכ. פ. טכורש הרצה על הקרנות הציוניות. בוועידות: החמישית (בוורשה, בימי כ"ו — כ"ז טבת תר"ץ) והששית (בוורשה, בימי י"ט — כ"א מנ"א, שנת תרצ"ב) הרצה כ. פ. טכורש על בעיות תרבות וחינוך. בכל הוועידות הללו נבחרו חברי „צעירי מזרחי" בעירנו למרכז התנועה ולמוסדותיה המרכזיים והיו פעילים בהם. בוועידה הארצית הראשונה של „החלוץ



מימין לשמאל: **בצלאל ביז'ינסקי (בזק), חיים שנקלובסקי, כ. פ. טכורש (יו"ר), זלמן אונגר, אברהם מימון**
פון רעכטס צו לינקס: **בצלאל ביעזשינסקי (בזק), חיים שענקעלאָווסקי, כ. פ. טכורש (פאָרזיצער), זלמן אונגער, אברהם מימון**

המזרחי" בפולניה, שהתקיימה בוורשה בימי ו' — ח' תמוז תרפ"ה השתתף מעירנו כציר. א. ל. איזביצקי, שהיה גם אחד מראשי תנועה זו, וכן השתתף בשם ארגון זה בוועידות אנשי האמונים של „המזרחי" בפולניה, שהתקיימו בוורשה, בימי כ"ז — כ"ח תמוז תרפ"ג וביום ב' כ"ח ניסן תרפ"ז, וכן בוועידה הארצית החמישית של הסתדרות „המזרחי" בפולניה, שהתקיימה בימי א' — ג' טבת תרפ"ח.

הח' ב. ביז'ינסקי נבחר מטעם ארגון „צעירי מזרחי" בתור ציר לקונגרס הציוני הי"ב בקרלסבד (כ"ח אב — ח' אלול תרפ"א), לוועידה הציונית העולמית בקרלסבד בימי א' — ו' אלול תרפ"ב ולקונגרס הציוני הי"ג בקרלסבד בימי כ"ד מנ"א — ו' אלול תרפ"ג. במאוחר יותר נבחר כ. פ. טכורש בתור ציר לוועידה העולמית של „המזרחי" בדנציג בימי ג' — ו' אלול תרפ"ח והיה פעיל שם בוועדת החינוך.

ב.

הפעולות העיקריות של ארגוני „צעירי מזרחי" ו„החלוץ המזרחי" התרכזו בשטחים שונים, מהן שהשתלבו בפעולות הכלליות של „המז־רחי", כגון עבודה ציונית־מדינית, ציבורית־חברתית ועוד, ומהן: פעולות מיוחדות בשטח התורני־תרבותי־חינוכי וכן הארגוני הכללי וביחוד בשטח העבודה הא"י הממשית ע"י „החלוץ המזרחי". כמו"כ התקיימו פעולות תורניות־תרבותיות מיוחדות, שעורים קבועים בתלמוד בכל יום, שעורים במדרש רבה ובמדרש תנחומא, שעורים לתנ"ך ועברית, וכן שיעור ב„חובת הלבבות" בכל ליל ש"ק, והרצ־אות על נושאים שונים שביהדות בכל מוצאי שבת קודש. במסגרת הפעולה התרבותית יש לציין את בית מקרא באולם הגדול של „המזרחי", שנפתח ביום כ"ו אדר תרפ"ד במעמד קהל חברים רב. בבית המקרא נמצאו כל העתונים המזרחיים והיה פתוח בכל יום אחרי השיעור לתלמוד.



ועד „צעירי מזרחי" (1933) — קאָמיטעט פון „צעירי מזרחי" (1933)

ביחוד יש לציין את העובדה, שחברי „צעירי והחלוץ המזרחי" השתדלו לדבר ביניהם לבין עצמם בעברית ולנהל את שיחותיהם בצוותא בשפה זו, מה ששימש גם כהכנה והכשרה לעלייתם ארצה.

ג.

בשטח פעולותיו של ועד „החלוץ המזרחי" יש לציין במיוחד דבר הקמת שלוש חוות חקלאיות, שבהן הוכשרו החברים בעבודה חקלאית וכן בעבודה מקצועית למען עליה לארץ־ישראל:

א. בחלקת אדמה בת עשרה דונמים בערך, שהקדיש אחיו של כותב הטורים האלה — ישראל משה טכורש (נספה בשואה הי"ד) — בפרבר העיר ברח' מילא 5/7, מתוך אדמת הרכוש של חברה מסחרית



ועד „החלוץ המזרחי"

לזרעים בשם „באשיונה" (ששותפיה היו: אחי חיים אלעזר טכורש, הנמצא בירושלים, קרקובסקי, הנמצא באנגליה, שמואל וינטר ויוד־סקי שנספו בשואה, הי"ד).

ב. בחלקת אדמה ברח' קליסקה, שהקדיש משה ליב אופטובסקי.

ג. בחלקת אדמה שהקדיש בלומנטל ברח' פלוצקה (בפרבר העיר ע"י ביח"ר צלולוזה).

בחוות אלה עברו הרבה חברים את הכשרתם החקלאית והמק־צועית ורובם עלו לארץ־ישראל ונמצאים בתוכנו.

ראוי לציון מיוחד בשטח זה התעניינותו המלאה ועזרתו הישירה של הרב מהרי"ל קובלסקי, שטרח אפילו לרכישת סוסים, שהיו נחו־צים לחווה זו.

באי־כוח „צעירי מזרחי" ו„החלוץ המזרחי" היו פעילים בכל השטחים, השתתפו בכל המוסדות הציונים הכלליים בעירנו כמו קק"ל, קרן היסוד, שקלים וכו' ובכל פעולות ציוניות או עירוניות לקחו חלק פעיל בהן.

ולשם ציון זכרון־עד נציב נא יד ושם לאלה החברים שהיו פעילים ב„צעירי המזרחי" ו„החלוץ המזרחי", שעשו את עבודתם במסירות גדולה לטובת התנועה ונספו בשואה: הח"ח פישל גוטהרט, קלמן טייטלבוים, יוסף פירשט, יוסף ליכטנשטין, ראובן ווישוגרודסקי, אייזיק אונגר, וויינטראוב, חיים ז'רנוביצקי, עקיבא ליכטנשטין, האחים צוקר, יעקב הירש סרברניק, מ. רובינשטין, א. בירקנפלד, אלחנן האלע, י. ח. דראכמן, בקרמן, שטכלברג.

ויזכרו החברים הפעילים, החיים אתנו היום פה בארץ־ישראל: הרב כ. פ. טכורש, בצלאל ביז'ינסקי (כעת בזק), אבא לייב איזביצקי, ישראל חיים גולדשטין, מיכאל ז'יכלין, גרוסמן, ובחו"ל: זליג גונ־שרובסקי, מרדכי לעפקא.

דוד רובינשטין

הנוער הציוני

בשנת 1932 קם בולוצלבק ליד הועד העירוני של ההסתדרות הציונית סניף החלוץ הכללי ציוני, שנקרא בעירנו „החלוץ הכלל ציוני והנוער הציוני". את ארגון הסניף קיבלו על עצמם מטעם הועד העירוני הח"ח: יהודה־לייב גרינבוים, ואברהם הוברמן (שיפוני) ועם פעיליו נמנו: אהרן סויצקי, מורה הגימנסיה העברית, יהושע בלומנטל, צבי איזביצקי, ח. ניימן, מ. פוזנר, ז. מנס, ד. וינירסקה, ח. טמפל, ל. שטכלברג, י. לייזר, צ. הולצמן ר. פסטר. הסניף ארגן שעורי ערב לעברית, ארגן אסיפות הסברה, היה פעיל באיסוף כספים למען הקרנות ושלח בשנים 4—1933 מספר חברים לקיבוץ ההכשרה בלודז'. מועדון הסניף נמצא ב„מכבי".

בשנים 5־1934 פתח הנוער הציוני בפעילות עצמאית כתנועת נוער צופית וקיים מגע הדוק עם השומר הלאומי בליפנה שפעל שם החל משנת 30—1929.

עם בואו של הח' ח. חיימוביץ, שנשלח לעירנו על ידי ההנהגה הראשית של הנוער הציוני בפולין (שהיה ידוע כ„על המשמר" בראשותו של יצחק גריבוים), נפרד הנוער הציוני בעירנו מהחלוץ ועבר למועדונו החדש ברחוב קליסקה בבית לוינסקי. בתקופה זו התפתח הקן, אורגנו קבוצות וחוגים חדשים והתנהלה פעילות ענפה בשטח החינוך הציוני והצופי לקראת עליה והגשמה.

בהנהגת הקן היו אז: אברהם קוזיק, קשקה לידזברסקה, סימק ינובר, רפאל קנטור וכראש הקן שימש חיימק חיימוביץ. לשם הגברת הפעולות החינוכיות והצופיות והעמקתן, אורגנה בחודש יולי 1936 מושבת קיץ בכפר קוקבי ליד קובל. חניכי הקן, שהשתתפו במושבה חזרו ממנה עם ידע ציוני וצופי, בו השתמשו בעבודתם הארגונית והחינוכית בשכבות הצעירות של התנועה.

בשנת 1937 פקד את הקן משבר, חלק מהחברים, וביניהם חבר ההנהגה, עזבו את הקן. אולם ההתאוששות באה במהרה. מועצת גדוד „הסולל", בה השתתפו בוגרי הקן, הפכה למועצת הקן שאורגן מחדש בהדרכתו של רפאל קנטור. ההנהגה החדשה נגשה במרץ לעבודתה החינוכית. כעבור זמן קצר הגיע מספר חברי הקן — מבין הנוער העובד והלומד — ל־250 איש, שאורגנו בקבוצות וגדודים חדשים, כגון: „בני חופש", „למרום" ו„עבודה". להנהגת הקן הצטרף אז מאיר דוידוביץ מבוגרי הגמנסיה העברית. הנוער הציוני זכה בתקופה זו במקום הראשון בפעילות למען הקרן הקיימת בעיר.

הפטרונים של הנוער הציוני היו בתקופה זו: ד"ר ל. פוקס, המורה אהרן סויצקי, ה"ה ביזינסקי, גולדמן ורוסק. בסוף שנת 1937 עבר הקן למועדון חדש ברחוב קרולביצקה, בבית המטבחיים לעופות מעל למקווה, כשמימינו מועדון ה„פרייהייט" ומשמאלו — „בית יעקב". בין המועדון של הנוער הציוני ו„בית יעקב" הפריד חדר עליה עליו נטושה מלחמה במשך כל הזמן.

מן הראוי להזכיר כאן גם את „המועדון השני" שלנו, שנמצא בביתה של המילדת, הגב' ש. בלך ז"ל, ברחוב 3 במאי 1. כאן נתקבלו בסבר פנים יפות ואורחו כל מבקרי הקן מהחוץ, כגון שליחי ההנהגה הראשית ואחרים. הגב' בלך עזרה גם בהכנת כל המסיבות



קבוצת „הסולל"


התחגיגות שנתקיימו בקן. כשפרצה מלחמת העולם השניה, בשנת 1939, ואי אפשר היה כבר להתאסף במועדון ברחוב קרולביצקה, נפגשו החברים בביתה של הגב׳ בלך.

בשנת 1938 נעשתה פעולה ענפה לחינוך צופים בכתלי הגמנסיה העברית בהדרכתם של חברנו אברהם קלודבסקי מליפנה כנציג התנועה ובעזרתם המלאה של מנהל הגמנסיה, ד״ר א. קרויזלר וחברנו — המורה אהרן סויצקי. ע״י ארגון הנוער הלומר קיבל הקן דחיפה לעבודה מוגברת ועוד באותה השנה נשלחו חניכים רבים למושבת הקיץ בכפר דובייגניבו שעל יד דובז׳ין. בט״ו בשבט באותה השנה התקיימה הצגה פומבית של חניכי הקן בשם „האדמה הטובה" באולם בעלי המלאכה. את התפאורות צייר שמעון סוכצ׳בסקי (זושקה).

בקיץ 1938 שלח הקן כמה מחבריו וחברותיו לקבוץ ההכשרה החקלאית בצ׳נסטוכוב, שהפך לאחד מקבוצי ההכשרה הגדולים באירופה. מקיבוץ זה יצא גרעין ראשון של קבוץ צופים, שהקים בעלותו ארצה את גבעת המעפילים בהדר ליד רמתיים ואשר התאחז במרוצת הזמן בניצנים.

בחודש מאי 1939 עלו כמה מחברי הקן בעליה ב׳ ארצה.

עם פרוץ המלחמה הגיע חלק מבוגרי הקן לוילנה ושם מצאו רבים מפעילי התנועה מכל חלקי פולין. במרוצת הזמן אורגנו כולם בקבוצי הכשרה שפעלו אמנם במחתרת לאחר הכיבוש הסוביטי, אבל קיימו ביניהם קשרים הדוקים חברתיים וארגוניים. עם הכיבוש הנאצי של וילנה חזרו רבים מחברינו לורשה והתארגנו במסגרת הפעולה המחתרתית של הקן המקומי. רק קומץ מחברינו נצולו ואלה מהם שזכו להגיע ארצה נקלטו בה וממשכים בפעילותם הציבורית במסגרת העובד הציוני.



חנוך גליצנשטיין ויוסף שובינסקי

הננה קאוה / פריס

יוסף שובינסקי

מאנשי החזון והמופת, מסור לרעיון הלאומי, עמד יוסף שובינסקי בראש שורות הלוחמים ושמש משך ארבעים שנה דוגמא לנאמנות למולדת המתחדשת.

נולד בקולו בשנת 1875 כבנו בכורו של זליג שובינסקי, ממשפחה אשר ידעוה והוקירוה על נאמנותה לערכי האומה. בד בבד לחינוכו היהודי המסורתי הקפדני למד הצעיר בסתר, בכוחות עצמו, מאחורי גבם של מחנכיו הקנאים, למודי חול.

עם הופעת „הצפירה" בורשה, פרסם בה את מאמריו והכיר מקרוב את י. ל. פרץ ואת נחום סוקולוב. הרב והסנטור יהודה־ליב קובלסקי מולוצלבק, אחד מראשוני הרבנים הציוניים בפולין, ויוסף שובינסקי היו לצמד בלתי נפרד של חברי מפלגה נאמנים. במלה ובכתב נשאו ברחבי פולין תהילתם של חלוצי הרעיון הלאומי ומגשימיו הראשונים. תלמידו של הרב קובלסקי, שלום אש, שהיה אחד מאלה אתם נפגש יוסף שובינסקי, היה מזכירו באהדה רבה.

במלחמת העולם הראשונה נתעכב בפולניה הפסל חנוך גליצנ־שטין. זמן מה היה אורחה של משפחת שובינסקי בולוצלבק. אחרי שרכש תהילה בין־לאומית וקבל אותות הצטיינות לרוב מידי מלכים ונשיאים, התגעגע האמן לעיירתו טוראק. הוא חלם לתור בפולין ולבקר את שרידי העבר היהודי. את נסיעתו לצורך מחקר ארכיאולוגי מעמיק בבתי־קברות עתיקים ובתי־כנסיות עשה בחברתו של יוסף שובינסקי, שהיה בקי בנושא זה.

אסון קשה פקד בשנת 1917 את יוסף שובינסקי ואשתו. הם איבדו את בנם יחידם, משה ז"ל, תלמיד מצטיין וכנר ראשון בתזמורת בית־הספר וב„מכבי". עטוף באבל כבד לא נטש שובינסקי את עבודתו הציבורית והמדינית. מוקף ידידים בעלי שאר־רוח כד"ר יצחק בן־צפור, ד"ר שמואל שטרמן, פרופ' ויינברג, בלום ואחרים, המשיך במאבקו. כשפרצו פרעות ביהודים, לא ישב יוסף שובינסקי בביתו אלא נשא קולו ברמה מעל במות בתי־כנסיות, בככרות העיר ולעתים קרובות התנגש עם בעלי אגרוף ואנשי משטרה. בנאומיו המזהירים הלהיב את שומעיו אחרי הכרזת בלפור ואחרי הנהגת „גיטו הספסלים" באוניברסיטאות פולין יצא חוצץ נגד עלבון הסטודנטים היהודים.

כששהה שנים מספר בגדאנסק, היה יוסף שובינסקי ידידו של כותב תולדות העם היהודי שמעון דובנוב, אשר לא נהג להתרועע עם אנשים, אבל אתו היה מבלה שעות רבות בלבון בעיות עמנו לאור תולדותיו.

יוסף שובינסקי, יושב־ראש חבר נבחרי מועצת העיריה בולוצלבק, נשיא הועד־הפועל של ההסתדרות הציונית בפלך קויאבי, יושב־ראש הקורטוריון של שני בתי־הספר היהודיים אשר היה בין מיסדיהם, יושב־ראש מועצת הקהילה, זנח חיי עושר ועמדה ציבורית ומפלגתית בולטת ועלה ארצה. היה בין המעטים שהקדישו אושר אישי כדי להשתקע עם רעיתו הנאמנה בארץ בלתי מפותחת, בה היו חיי זוג האנשים הקשישים שרשרת בלתי פוסקת של ויתורים וסבל. בפולניה השאיר את קבר בנו יחידו, עתה חי רק למען הרעיון. בפולניה נשארו ארבעה בתי־ספר ציוניים, שהיה בין יוזמיהם, מצוידים במכשירי ספורט ותרבות הגוף, במעבדות לפיזיקה־וכימיה, במועדונים — הודות למאמציו. בגימנסיה בולוצלבק נשארה ספריה עשירה ע"ש משה בנו, על שמו גם נותר אולם בבית־חולים עם ציוד רפואי מלא ושני מקומות בבית־הקברות למרגלות הבן נשארו למען ההורים...

אחרי שהשתקע בארץ התמסר „הצעיר" בן ה־60 כל כולו לעניני ההגנה והיה מדבר על נושא זה כשברק בעיניו.

כשביקר באנגליה כידידם של נחום סוקולוב, של ד"ר צורי, של ההיסטוריון ססיל רות ושל ד"ר שטינברג, שר לשעבר בממשלת אוקראינה העצמאית, הוקירוהו גדולי הדור בגלל רוחב ידיעותיו בשדה היהדות והמדע האירופי, כמו־כן בגלל תכונותיו התרומיות וחנו האישי. כשנפטר נחום סוקולוב, עמדו יוסף שובינסקי ואשתו במשמר הכבוד על יד ארונו של מנהיג הדור ביחד עם קרוביו וחוג ידידיו של המנוח.

פרשת העינויים והסבל שפקדו את עם ישראל תחת שלטונם של רוצחי עמים צבתה בלא רחמים כבמלקחיים את לבו הגדול. אבדן כל משפחתו בפולין, הידיעות שהגיעו אליו כי למרמס היו היכלי ה' והמצבות מבתי הקברות נעקרו לסלילת רחובות, שברו את רוחו. יוסף שובינסקי, שהיה בריא כל ימיו, התחיל לחלות. לבו הטוב והישר של איש המופת נעצר פתאום, מרוב כאב וצער מת בזמן העבודה על סף הכרזת עצמאות מדינת ישראל.

עפרו נח בגניגר בארץ הקודש, שאהבה מכל. יהי זכרו ברוך.



משה קול / ירושלים

ד"ר אברהם לייב פוקס ז"ל

1953 - 1888

קרוב ליובל שנים שרת ד"ר אברהם לייב פוקס ז"ל, מבחירי בניה של יהדות פולין, את תנועת התחיה הלאומית של עמו במסירות, בנאמנות, מתוך הזדהות שלמה עם שאיפותיה. הוא היה מאותם האישים שעליהם נשענת תנועה, שעל־ידם היא נבנית ועליהם היא יכולה לסמוך בימי מיבחן. פעילות ציונית דינאמית מזה, ומילוי תפקיד של רופא בשירות העם והאדם היחיד, פעילות חברתית והומא־נית מזה — אלה הקווים הבולטים בדרך חייו של ד"ר פוקס. היתה זו דרכם של רבים מן האינטליגנציה היהודית שנכבשה על־ידי הרעיון הציוני ושרתה אותו במיטב כשרונותיה ובמלוא יכולתה.

ד"ר פוקס נולד בשנת 1888 בעיירה קיקול שעל־יד ליפנה בגליל פלוצק. כבר בשנת 1913 סיים את לימודי הרפואה בעיר האלה שבגרמניה, אולם עוד כתלמיד גימנסיה הצטרף אל ההסתדרות הציונית ובשנים 1909—1914, בהיותו סטודנט בהאלה, היה מראשי הקורפורציה הציונית שם.

הנה תחילת דרכו הציונית של צעיר יהודי, סטודנט, הלומד מדעי רפואה וסופג לתוכו את תרבות המערב; באותו הזמן, כשמתחוללת ברוסיה המהפכה ובראשה תנועות חברתיות כבירות, רואה ד"ר פוקס את העיקר המהפכני לצעיר היהודי — בתוכן הציוני. אכן, הציונות היתה בשבילו התשובה המהפכנית החשובה והממצה ביותר. ודאי שקסמו לו רעיונות חברתיים מתקדמים בעולם, אולם הוא ידע שמהם עמו לא ייוושע, ורק בנאמנות אל ההסתדרות הציונית שהקים הרצל עשוי הוא למלא שליחות כבן לעמו הסובל וכאזרח העולם.

ב־1914 עמד ד"ר פוקס בבחינת נוסטריפיקציה רוסית באוניברסי־טת חרקוב, כדי שיוכל לעבוד במקצוע הרפואה ברוסיה; מיד לאחר מכן, עד 1916, שימש כרופא בבית החולים היהודי הגדול בוורשה

ברחוב טשיסטה, מ־1916 עד 1919 שימש כמנהל בית־חולים למחלות מידבקות בעיר זדונסקה־וולה בגליל לודז'. הוא מתקדם במהירות במקצוע הרפואה. הרי זו קפיצה רצינית בשביל צעיר, שרק לפני מספר שנים סיים את לימודי הרפואה, הוכחה לכשרון שבו ולאימון שרכש. אולם ד"ר פוקס לא ידע רק את העבודה במקצועו ואת השירות לאזרח. באופן מקביל נארגת כחוט השני בתולדות חייו הפעילות הציונית והלאומית. כשהוא לומד רפואה פעיל הוא בין הסטודנטים הציוניים ורוכש נפשות ביניהם. כשהוא מנהל בית חולים בזדונסקה־וולה בה היו ישוב יהודי, קהילה יהודית, שתרשום בעתיד פרקים חשובים בתולדות הציונות הפולנית, מקים ד"ר פוקס, מנהל בית החולים במקום, את ההסתדרות הציונית ועומד בראשה. אין הוא יכול לתאר לעצמו קהילה יהודית בלי תנועה ציונית. בשנת תר"פ רושמים אותו חברים וידידים לאות הוקרה, בספר הזהב על יזמתו זאת.

לאחר מלחמת העולם הראשונה נתמנה ד"ר פוקס למפקד בית חולים צבאי בדרגת קפיטן של צבא פולין ומ־1922 עד 1939, עד פרוץ מלחמת העולם השניה, עסק ברפואה ופעילות ציבורית ענפה בעיר ולוצלבק. כאן נתגלה האיש בכל הקף פעילותו הרב־גוונית בכל שטחי החיים היהודיים. היה זה מובן מאליו שד"ר פוקס תפס מהר את מקום יושב־ראש ההסתדרות הציונית בעיר. יחד עם זה היה באותו זמן יושב־ראש הקורטוריון של הגימנסיה היהודית ואף ראש נשיאות מועצת הקהילה ויושב־ראש ה„מכבי". היה חבר מועצת העיר מטעם האוכלוסיה היהודית ובאותו זמן מנהל בית החולים היהודי המקומי. שמו נתפרסם לא רק בעירו ובקהילתו, אותם ייצג בכבוד בכל מקום שנשלח, אלא אף בתנועה ציונית בפולין, בועידו־תיה, במועצותיה, ולבסוף נבחר חבר הועד המרכזי של ההסתדרות הציונית הארצית בפולין הקונגרסאית. ד"ר פוקס ייצג בכבוד ובצורה הנאה ביותר את שולחיו כאיש שמיזג בתוכו תרבות כללית, מערבית ופולנית, ותרבות יהודית. בשבילו היה זה מובן מאליו, שציונות מזדהית עם פעילות למען חינוך יהודי, ומשום כך התמסר לגימנסיה היהודית במקום ועמד בראש הקורטוריון שלה. פעילות ציונית בשבילו היתה לא רק בהבעת דעות בכינוסים ארציים, אלא בנין תאים ראשונים יסודיים של חיים יהודיים לאומיים וציוניים מאורגנים.

כך בונים תנועה בריאה. זו דרכו של עסקן מסור הפעיל ומפעיל, אדם הנותן דוגמה לאחרים כיצד מזהים חיים אישיים עם האינטרס של כלל העם. ציונות בשביל ד"ר פוקס פירושה היה עבודה מעשית למען בנין ארץ־ישראל, ומשום כך נתן הרבה מזמנו לקרן היסוד בשמשו כחבר הדירקטוריון הארצי של הקרן בפולין. כיו"ר ועד קרן היסוד בוולוצלבק התרים רבים והפעילם למען משימות קרן הבנין וההתישבות. ד"ר פוקס היה גם איש העם וההסברה בעל־פה. הוא השתתף בעתון היהודי הציוני הגדול „היינט" שהופיע בוורשה והיה שולח את רשימותיו ל„העולם" שהופיע בלונדון ואחר כך בירושלים. יכולת לפגוש בו לא רק בועידות ארציות אלא גם בקונגרסים ציוניים עולמיים. הוא עשוי היה לפאר כל משלחת ציונית, במציאת שפה משותפת עם צירים מארצות אחרות, בין שהזדהה עם השקפותיהם ובין שחלק על דעותיהם; תמיד היה ידיד, משרד אוירה טובה למען המטרה המשותפת.

במלחמה על זכויות היהודים בפולין עמד ד"ר פוקס לימינו של יצחק גרינבוים ייבדל לחיים ארוכים. תמיד היה בעד קו המאבק הנועז על זכויות היהודים, אותו ייצג גם במועצת העיריה בכבוד ובגאווה. ציונותו היתה סינתטית, שורשית; לא זו בלבד שדאג לחינוך

יהודי ולקרן־היסוד אלא שנאמן היה גם בתמיכתו בתנועה החלוצית ובתנועת הנוער הציונית. אכן, ציוני מתקדם היה במלוא מובן המלה; לבו פתוח ואוזנו קשובה לשאלות חברתיות של התקופה. מבחינה זאת היה ד"ר פוקס קרוב מאוד לסיעת „על המשמר" שגרינבוים עמד בראשה, אף־על־פי שלא בכל היה תמים דעה עמה. בשאלת הרחבת הסוכנות היהודית ומשיכת חוגים יהודיים נוספים לאחריות לבנין הארץ, תמך ד"ר פוקס בקו של סיעת „עת לבנות" והיה ממעריציו הגדולים בפולין של ד"ר חיים וייצמן ז"ל.

לפנינו, איפוא, אישיות שלא ידעה את הלויאליות העוורת לסיעה, אלא תמיד קבעה עמדה עצמאית בהתאם לבעיות הנוקבות שהועמדו להכרעה. כל שלטון בהסתדרות הציונית בפולין ידע להוקירו ולהעריכו מכיון שהוא עצמו בנה בסיס רחב לפעילות בולוצלבק שהיתה מרכז יהודי וציוני חשוב. הוא שמר על יחסים תקינים עם אנשי כל הסיעות והמפלגות, ולא הבין כיצד אפשר להעביר חילוקי דעות רעיוניים ועניניים לשטח אישי. ד"ר פוקס היה אדם אציל נפש, ידיד וחבר, שרצה בכל מאוויי נפשו לעזור תמיד לזולת ולמצוא בו את האורות ולא את הצללים. משום כך היו לו אוהדים וידידים בכל חוגי היהדות בעירו, ומשום כך רחשו לו כבוד וחיבבוהו אף הפולנים, ויכול היה לתפוס עמדות מינהליות בעיר ובארץ שלא הצטיינה כלל באהבת־ישראל. אישיותו קורנת היתה על הזולת במידותיה התרומיות, באורח חייו וממעשיו.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה והחורבן הגדול שבא על יהדות פולין וקהילתו, גויס לשירות צבאי, ועם מפלת צבאות פולין לפני הגרמנים, עבר עם בית החולים כרופא בדרגת מיג'ור את הגבול ההונגארי. בהונגריה נכלא במשך חדשים אחדים במחנה־מעצר לקציני צבא פולניים, אולם אין הכוח שיכול היה למנוע מאישיות כמו ד"ר פוקס למצוא את הקשר אל היהודים ואל הציונים בארץ החדשה אליה נקלע בשעת חירום. הודות לקשרים הללו עם ההסתדרות הציונית, ובעזרת ידידיו ומרכז ההצלה בקושטא, נמלט מהונגריה והגיע במארס 1940 לארץ־ישראל. כאן מצא מיד את הקשר עם נציגות פולין הגולה ושימש זמן ידוע כרופא הצבא הפולני בארץ־ישראל. אולם ד"ר פוקס לא היה מהגר פולני גולה בארצנו. הרי הוא הגיע לארץ שהיתה מחוז חפצו כל ימי חייו ושלמענה עשה ופעל במסירות נפש ובנאמנות. משום כך מיהר לפשוט את מדי הצבא הפולני והשתקע בארץ־ישראל כאזרח במולדתו, כיהודי וכציוני שבא לחוף מבטחים.

הוא נתמנה כרופא הבית הציוני המרכזי בירושלים, כרופא הסוכנות היהודית והקרנות הלאומיות. הוא היה לאזרח ירושלים, ומאושר היה לשרת את בירת עמו הנצחית ואת הבית הציוני אליו היה קשור מצעירותו. ד"ר פוקס זכה לחיות בירושלים בימים הקשים ביותר, בימי הגבורה והמחסור, בימי ההפגזות, בימי מלחמתנו על עצמאותנו. הוא קיבל תגמול על כל מה שעשה במשך כל ימי חייו בשירות עמו; זכה לחיות בתקופה הכרת האומות המאוחדות בזכותנו למדינה עצמאית ושמח לתרום את חלקו הוא אף בגיל יותר מבוגר לכינון הממלכתיות היהודית; גם כאן שירת את העם ואת היחיד במסירות ובאהבה. בבית ההסתדרות הציונית הוקירוהו, כבדוהו ואהבוהו.

כשם שהיה ציוני מתקדם בפולין, כך ידע למצוא מיד את דרכו בארץ־ישראל אל הציונות המתקדמת ואל העובד־הציוני. כשנולדה המפלגה הפרוגרסיבית היה לחבר נאמן שלה, התעניין בבעיות העובדים ובמאבקו של העובד־הציוני בתוך הסתדרות העובדים הכללית. זאת היתה הדרך בה צעד תמיד ואתה הזדהה כל שנות חייו.

כל מה שעבר עליו בימי מלחמת העולם ובימי מלחמתנו מתוך התרגשויות אישיות, נתן את אותותיו במצב בריאותו. ידעתי שהיה חולה־לב, אולם מעולם לא התאונן ותמיד בא לבית הציוני מתוך דאגה וחרדה לבריאותם של האחרים אשר הופקד לשרתם.

בספטמבר 1953 נסתלק מאתנו בהשאירו את משפחתו בירושלים, כשהוא מאושר בהתקדמות בנו בקרב הסגל האקדמאי של האוניברסיטה העברית; השאיר ידידים ומוקירים רבים בקרב כל המפלגות, בני עירו וקהילתו, שעלו לארץ, בקרב עובדי הסוכנות היהודית והקרנות הלאומיות ובקרב חוגים רחבים בירושלים שהכירוהו וחיבבוהו.

באישיותו נתגלם המושג „רופא חולי עמו ישראל", במובן הנעלה ביותר.

דמותו של ד"ר פוקס תישאר חיה כאחד מבחירי בניה של יהדות וציונות פולין, כאחד הלוחמים והחולמים, כאחד מהעושים והמגשימים את שאיפותיה ורעיונותיה הנעלים.

התנועה הציונית

(ספיחים)

ולוצלבק היתה אחד המרכזים התוססים בתנועה הציונית בזכות העסקנים המסורים ובראש ובראשונה בזכותו של הרב יהודה־לייב קובלסקי ז״ל.

בקונגרס הרביעי שהתקיים בלונדון משתתף אורבך מולוצלבק ועליו אנו קוראים בכתבה ב„המליץ" גל' 172 משנת 1900:

„באסיפת ציוני רוסיה שקדמה לקונגרס משתתף ה' אוערבאך (צ״ל אורבך — המער.) מוולאצלאוועק, המוצא את מרכז הפוסתא ואת המכתבים התאוריים נחוצים ומעיר, שישנן כמה וכמה חברות וכמה וכמה מוסדים שלא באו בחשבונו של הד״ר ברנשטין־כהן והדבר הזה מעיד כי הד״ר אווינאוויצקי לא צדק בשימו לאל את הדו״ח של המרכז. הוא מעיד על עצמו שהנהו א ו ה ב קולטורא, אבל הנהו מתנגד לה בחשבון, מפני למה יאמרו מתנגדינו. הוא מתחנן על נפש האמונה הקדושה לכל העם לבל יגעו במכתבי המרכז. הרצל כתב את „מדינת היהודים" לא מפני שאנו עניים בקולטורא כי אם מפני שאנו עניים בנכסים גשמיים." [1]

בקונגרס החמישי בשנת 1901, משתתף פאוול גולדה מעירנו. הוא מציין שהדו״ח הכספי על הפעולה התרבותית אינו משקף את הפעולות למעשה, כי במקומות מגויסים סכומים המנוצלים במישרין לצורך פעולות כאלה.

בדו״ח מיום 22 באוגוסט 1903 מס' 2883 של הגוברנטור הורשאי הוא מציין שבגליל ורשה קיימים חוגי ציונים בגרודזיסק ובולוצלבק. בולוצלבק ישנם „150 חברים עם הרב קובלסקי בראש, ברשותם חדר מתוקן והם מנהלים פעילות ענפה." [2]

[1] כידוע התנהלו בקונגרסים הראשונים ויכוחים סוערים על עבודת התרבות במסגרת התנועה הציונית. מכיון שהחוגים הדתיים בתנועה הציונית התנגדו לכל פעולה תרבותית העשויה לשאת צביון חילוני, עשה הרצל את כל המאמצים כדי למנוע ויכוחים אלה שצפויה היתה מהם סכנה לשלמות התנועה. אוערבאך תמך בגישה זו מאותם הנימוקים שהדריכו את הרצל.

[2] שמחה לעוו, פרקים יידישע געשיכטע, ברוקלין—ניו־יורק 1941, עמ' 161.



ועד „הנוער הציוני" ו„החלוץ הכלל־ציוני" עם חברי הועד העירוני י. ל. גרינבוים וא. הוברמן.
די פאַרוואַלטונג פון „הנוער הציוני" און „החלוץ הכלל־ציוני" מיט די מיטגלידער פון ציוניסטישן שטאָט־קאָמיטעט י. ל. גרינבוים און אברהם הובערמאַן.

בקונגרס השביעי שוב אנו מוצאים בין המשתתפים את ט. קינו מעירנו.

בתקופה לאחר מלחמת העולם השניה היו כבר בני עירנו מיוצגים בקונגרסים במידה גדלה והולכת ורבים עשו את כל המאמצים כדי לפחות להשתתף בהם כאורחים.

גם תנועת פועלי־ציון הצטיינה בעירנו בתנופתה. ב„אידישער קעמפער" מס' 17 מחודש יולי 1906 מופיעות ההחלטות שנתקבלו בועידה בולוצלבק. „בועידה הראשונה של תת־המחוז הולוצלבקאי — קוראים אנו שם — של אגודת הפועלים הסוציאל־דימוקראטיים היהודים „פועלי־ציון" בפולין ביום 25 במאי 1906 נתקבלו ההחלטות כדלהלן" ולהלן ההחלטות על „המצע שלנו" „ביסוס הפלסטיניזם", „המאבק המדיני", „ההגנה", „ספרות־הסברה." [3]

ראויים העסקנים הרבים שפעלו בעירנו מתוך אהבת העם ולמען תחיתו על אדמת אבותיו, שנייחד על כל אחד מהם את הדיבור ונקים בספר זה יד ושם לזכרם, כי רבים ביניהם היו אנשי סגולה ובעלי שעור קומה. לצערנו לא נסתייע הדבר בידינו, כי לא נשאר קרוב וגואל שיכתוב את תולדות חייהם.

אנו מביאים איפוא, רק שתי רשימות על עסקנים ציוניים בולטים והם יוסף שובינסקי וד״ר לייב פוקס, שרישומם היה רב בתנועה הלאומית ואשר תפסו עמדות צבוריות מרכזיות בערנו.

וייזכרו כאן גם העסקנים המסורים שעליהם נכתב אמנם במאמרים הרבים בספר זה: דוד ארסלר, אציל הרוח, העסקן המסור בתנועה הציונית בעירנו ומפעיליה, מאיר ארנשטיין, יז'יורה, ויצמן ממשפחתו של ד״ר חיים וייצמן, הגב' לוברניצקה, לינקה ורבים אחרים.

[3] ר' „אידישער אַרבעטער־יאָרבוך און אַלמאַנאַך", 1928. רעדאַגירט פון ב. לאקער, ניו־יארק, עמ' 225.

חינוך ותרבות / קולטור און דערציִונג

מאיר קוטשינסקי / סאַן־פּאַולא (בראַזיל)

דאַס געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע פּנים פון יידישן וולאָצלאַוועק

פון ווייטנס — אָרט און צייט, — שווימט אַרויס דאָס בילד פון דער שטאָט, וווּ ס'איז געשטאַנען אונזער וויג, וווּ ס'איז געווען דער פרילינג פון אונזער לעבן, אונזער יוגנט, אונזער ראָמאַן...

געשטאַלטן און געשעענישן ווינקען צו אונז מיט אַ בקשה אויף תיקון, אויף פאַראייביקונג: „חרוב און אָפּגעמעקט איז אונזער שטאָט, — זאָל כאָטש אויף שטענדיקן געדעכעניש אויפגעהיט ווערן אונזער זיין אין איר". ווי שטורמיש און דראַמאַטיש וועלט־געשעענישן זאָלן אונז נישט באַהערשן, פאַרטונקלען זיי נישט די סאַמע הייליקסטע און אינטימסטע שפּורן פון אונזער ערשטן באַטרעט אויף גאָטס וועלט, אין יענער שיינער שטאָט, וואָס ביי דער ווייסל, וווּ מיר, יידן פון דער פאַרשניטענער קהילה קדושה, האָבן געהאָלפן אין איר וווּקס, אין איר אַנטוויקלונג, — געבויט אירע פאַבריקן, געשפּייכלערט אירע תבואות, צעפירט איבער מרחקים אירע סחורות.

יידן האָבן אין וולאָצלאַוועק געבילדעט אַ פיל־קלענערן מיעוט, ווי אין אַנדערע פוילישע שטעט (אַן ערך 20% פון דער באַפעלקערונג). מחמת דער גרענעץ און טראַנזיט־כאַראַקטער פון מקום — איז דאָס יידישע וולאָצלאַוועק געווען אַן אַמאַלגאַמאַט פון אַלע היסטאָרישע באַוועגונגען און שטרעמונגען אין יידישן לעבן און קיין איינער פון די באַזונדערע שטייגערס האָט נישט מאָנאָפּאָליזירט נישט די יידישע שטוב, נישט די יידישע גאַס.

אַנדערע פוילישע קהילות זענען געווען חסידישע, צי משכילישע (שעדלעץ, זאַמאָשטש); אַנדערע — אַרבעטעריש־רעוואָלוציאָנערע, צי ציוניסטישע (מעזריטש, ביאַליסטאָק). וולאָצלאַוועק איז געבליבן אַ מאָזאַיק פון אַלערליי סטילן און שטייגערס און ס'האָבן אין איר נישט אויסגעפעלט אַפילו חידושדיקע פיגורן, שיער נישט מוזעאַלע עקזעמפּלאַרן.

דער אַלטער יחסנדיקער „עכטער וולאָצלאַוועקער" האָט געהאַט אַן אָריגענעלן ריח פון אַ דייטשמערישן אַסימילאַנט. דאָס זענען געווען די חשובע און אײדעלע פילאַנטראָפּן פון דער אַמאָליקער „דאָבראָטשינאָשטש", — (וווילטעטיקע). די שענפעלדס און זלאַטאָגורסקיס, די וואָלמאַנס און יוסף גאָלדס, די פערעצעס און די טשאַפּלינסקיס, — רייכע עקספּאָרטערן און קאָמערציאַנטן, באַנקירן און אינדוסטריעלער, — האָבן זיי אַלע געאָטעמט מיט דער לופט פון שכנותדיקן פרייסן און געפירט זייערע סאַלאָנען לויט די טראַדיציעס פון דער בערלינער השכלה, — הגם קיין אָנגעזעענע אינטעלעקטועלע קראַפט האָט זיך ביי זיי נישט אַרויסגעשיילט. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט דייטש, געדאַוונט פון דייטשע סידורים און מחזורים.

די שטעטישע תלמוד־תורה, וווּ עס האָבן געלערנט אַ פּאָר הונדערט קינדער, — פון די אָרעמע בעלי־מלאכות, — איז געווען אַ טיפּישער ביישפּיל פון אָט דעם דייטשמערישן נוסח: דעם חומש האָט מען געלערנט אויף דייטש: „בראשית — אין אַנפאַנג, ברא אלהים — האָט דער עוויגער בעשאַפן, את השמים, — די הימלען, ואת הארץ — און די ערדע". די מלמדים: די ערלעכע און געטרייע פּעדאַגאָגן — מיגדאַל און באַגנער — אַליין די קרבנות פון אָט דעם סדר, זענען געווען פּשוטע פאָלקסמענטשן.

אין דער „אַלטער שול", — וווּ עס האָבן געדאַוונט די „אַלטע וולאָצלאַוועקער", האָט זיך ביז לעצטנס אויפגעהיט אַ מין צערעמאָניאַלע טערמינאָלאָגיע אין טייטש.

לשבח אָט דעם דעקאַדענטישן שיכט פון די געמיינדע־פאַרשטייער, מוז מען דערמאָנען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ ברייטן פילאַנטראָפּישן פאַרנעם. בכלל איז ביי זיי געווען די קהלשע אַרבעט — פילאַנטראָפּיע.

יוסף גאָלד גופא, — וועגן וועמענס עשירות ס'זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס, — האָט יעדן אַנהייב־ווינטער צעטיילט פאַר די פּאָר הונדערט אָרעמע תלמוד־תורה־קינדער וואַרעמע מאַנטלען — „בונדעס" האָט מען זיי גערופן — און שטיוועלעך. אויף די חנוכה־פעסטן (ווען אַן אויסגעקליבענער תלמיד האָט געהאַלטן אַ דייטשע דרשה מיט פאָלגנדיקן אָנהייב: ...אַלס עס וואַר אין דען צייטן דעס אַנטיאָכעס עפּיפאַנוס...) האָט ער, אויף אייגענע הוצאות, געלאָזט דעקן די טישן פאַר הונדערטער קינדער און זייערע עלטערן און יעדן אייגנהענטיק אַהיימגעגעבן אַ זעקל זיסקייטן און פּירות, נישט פאַרגעסנדיק דעם בעל־הדרשה צו דערלאַנגען אַ זילבערנעם רובל.

די פּרעכטיקע נייע שול, מיט די גרויסע צימערן פאַר דער תלמוד־תורה, האָט, ווי באַקאַנט אויך אויפגעבויט יוסף גאָלד און מען האָט יאַקאָש פאַר ליב גענומען די אָן אַ צאָל אויפשריפטן מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: Dar Josefa i Kaili Gold.

עס האָבן אין דער שפּעטערדיקער תקופה אויך נישט געפעלט פילאַנטראָפּן, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט אַזעלכע ברייטע השגות ווי יוסף גאָלד.

לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם אַלטיטשקן שענפעלד, דער „פּאַטראָן" פון די יידישע יתומים, דער יאָרן־לאַנגער איבערגעבענער אָנפירער פון דער „אָכראַנקע", וואָס האָט באַקליידט און באַשפּייזט הונדערטער

יידישע קינדערלעך, פאַרוואָרלאָזטע און עלנדע. זעלטן אַן עסקן זאָל זיך אַזוי צונויפגיסן מיט דער זאַך, פאַר וועלכער ער אַרבעט, ווי שענפעלד.

דער גייסטיקער פאָטער פון אָט דער תקופה און פון אָט דעם אָנפירנדיקן שיכט איז געווען דער אַלטיטשקער וולאָצלאַווקער רב ר׳ חיים יוסף קאַראָ, „קול אומר קרא״. אַ תלמיד נאָך פון ר׳ עקיבא אייגער. הרב קאַראָ איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון קנאַפּע הונדערט יאָר און איז געווען פיל געאַכפּערט אין שטאָט. אין די לעצטע יאָרן האָבן די שמשים אים געברענגט אויף די הענט צו טראָגן אין שול אַריין, צו האַלטן די דרשה (אויף דייטש).

רודימענטן פון אָט דעם דייטשמערישן נוסח האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין וולאָצלאַווקער יידיש, נאָך מער אָבער אין די קליינע שטעטלעך פון אַרום. נישט בלויז אַן אָריגינעלער לעקסיק (וואָס שמואל ווינטער האָט אויסגעפאָרשט און פאַרעפנטלעכט אין נח פרילוצקיס העפטן „יידיש פאַר אַלע״), נאַר אויך דער חנוודיקער דימינוטיוו — „כיע״, וואָס האָט אַזוי הומאָריסטיש געקלונגען אין די אויערן פון אַ וואַרשעווער אַ ווילנער. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער, זייער אינטערעסאַנטער געביט.

אָט די דייטש־רעדנדיקע דאָזאָרעס פון דער „דאָבראָטשינאָשטש״ זענען פאַרשווונדן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, ווען די יידישע גאַסן האָבן באַהערשט די מאָדערנע פּאָליטישע און קולטורעלע אידעען און ווען די אַסימילאַטאָריש־סאַלאָנאָווע „דאָבראָטשינאָשטש״ האָט געמוזט אָפּטרעטן דער נייער, אויף מער דעמאָקראַטישע יסודות געוויילטער קהילה.

סאָציאַל איז דער דאָזיקער פאַרגליווערטער און אַריסטאָקראַטישער קלאַס בטל בששים געוואָרן און איז אינגאַנצן אַרונטער פון לעבן, ווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַוויזן נייע, זייער רירעוודיקע סוחרים און פאַבריקאַנטן, קליינע און גרעסערע, פאָלקסטימלעכע און דינאַמישע, יידיש־רעדנדיקע און שוין אָרגאַניזירטע אין פאַרטייען און צעכן — אַ טייל אָרטיקע און אַ גאָר גרויסער טייל צוגעפאָרענע, בעת דער מלחמה, פון וואַרשע און לאָדזש.

שפּעטער איז די אַסימילאַציע געגאַנגען אויף פּויליש. ווי אַ געזעלשאַפטלעכער כוח איז זי אָבער געווען שוין אויסגעשפּילט, הגם דאָ און דאָרט האָט זי זיך פאַראַנקערט אין אַ צדקה־אינסטיטוציע, און אין דער פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכער קאָרפּאָראַציע פון די „קאָמבאַטאַנטן״.

דאָס אָרט פון די אַסימילאַטאָרן האָבן איצט פאַרנומען די ציוניסטן.

דער ציוניסטישער טייל פון דער שטאָט, דער אָנגעזעענסטער און דעה־זאָגנדיקער, האָט זיך געטוליעט אַרום הרב יהודה־לייב קאָוואַלסקי, וואָס איז, בלי ספק, געווען איינער פון די פרייעסטע און אָפנסטע מוחות צווישן די דאַמאָלטיקע פּוילישע רבנים. דער ערשטער ציוניסט צווישן די רבנים און דער ערשטער רב אינעם פּוילישן ציוניזם, הגם ער איז געווען יאָרנלאַנג דער פירער פון „מזרחי״, האָט זיין ציוניזם נישט געהאַט אַ רעליגיעזן יסוד פון אַ הרב מאָהילעווער, נאָר אַ נאַציאָנאַלן, שיר נישט אַ וועלטלעכן, — אַ סינטעז פון הערצליאַניזם און פּאָליטישער רעוואָלוציאָנערישקייט, — לויט דער טראַדיציע פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע און רוסישן ציוניזם, פון דעם העלסינגפאָרסער פּלאַטפאָרם.

הרב יהודה לייב קאָוואַלסקי איז געווען דער פאַרקערפּערער פון מאָדערנעם, פּאָליטישן ציוניזם, אָבער אייניקע טרוימער פון די חובבי־ציון זענען געווען אין שטאָט, איידער דער רב איז אויפגענומען געוואָרן. לאָמיר קודם־כל דערמאָנען דעם אַלטן מאיר ערנשטיין, פאַרוועמען ארץ ישראל איז נישט געווען קיין פאַרטיי־באַגריף, צי אַ פּאָליטישע לאָזונג, — נאָר אַ פּאָעטיש שטרעבן צו אַ נייעם לעבנסטיל, — אַן עכטער חובב־ציון, וואָס האָט אין זיין שטוב געאָטעמט מיט דער ארץ־ישראלדיקער לופט. ער איז געווען דער ערשטער וולאָצלאַווקער עולה; פרוי לובראַניעצקי, וועלכע האָט ביידע זין געלאָזט לערנען אין דער הערצל־גימנאַזיע אין יפו; טרייטל־מרדכי איזביצקי, סענדער טכוזש שו״ב, אַלע באַאַרנטע יידן, וואָס האָבן דעם היסטאָרישן זכות געהאַט צו ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דער צאָלרייכער קאָלאָניע וולאָצלאַווקער אין אונזער אַלט־ניילאַנד.

אַ קולטור־פּאָזיציע פון ציוניזם איז געווען באַכורסקיס „חדר־מתוקן״, ווו מ׳האָט געלערנט „עברית־בעברית״, און וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ דור פון גוטע העברעיש־קענער. אַליין אַ גרויסער למדן, האָט באַכורסקי נישט סתם געקנעלט חומש „לויט אַ נייער מעטאָדע״ נאָר, דער עיקר, אַריינגעוועבט חיבת־ציון אינעם לימוד. אגב, האָם הרב קאָוואַלסקי איינגעפירט דעם זעלבן מעטאָד (און די זעלבע חיבה) אין דער תלמוד־תורה, ליקווידירנדיק דעם אַנאַכראָניסטישן דייטשמעריש.

אין שפּעטערדיקן, פאַרטיי־פּאָליטישן, פעריאָד, האָט דער ציוניזם אַרויסגעגעבן פיל אָנגעזעענע טוער און קעמפער. אין דער ערשטער תקופה איז געשטאַנען דוד ערסלער, דער זון פון אָרטיקן באַליבטן „אַלטן חזן״, — וועלכער האָט עלעגאַנט און קולטורעל אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער פראַקציע אין שטאָטראַט, ד״ה געפירט די יידישע פּאָליטיק אין שטאָט. אַ קריסטאַל־ריינער מענטש, אַ באַגאַבטער רעדנער (די חזנישע שטים פון טאַטן!), האָבן זיך יידן אין אים געשפּיגלט.

מיטן באַזעצן זיך פון ד״ר לייב פוקס אין יאָר 1920 אין וולאָצלאַוועק האָט ער איבערגענומען די פירונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטאָט — ביידע האָבן פאָרגעשטעלט אַ האַרמאָנישן דועט און ערנסט און אויפריכטיק געדינט דעם ציוניזם.

ד״ר ל. פוקס איז געווען דער ערשטער און אַ לאַנגע צייט דער איינציקער נאַציאָנאַלער ייד צווישן די וולאָצלאַווקער דאָקטוירים, וואָס אויב זיי זענען נישט געווען געשמדט, זענען זיי געווען אַסימילירט.

ווי אַ מעדיקער האָט ער אָנגעיאָגט און אַפילו איבערגעשטיגן דעם זייער פּאָפּולערן ד״ר קאַלטמאַן, וועלכער האָט געהערט צו די אָריגינעלסטע טיפּן אויף דער יידישער גאַס, סיי מיט זיין דאָקטאָרישער בקיאות און סיי מיט זיין טראָגיקן און צו־להכעיסדיקן באַנעמען זיך ביי רייכע יידן און פּריצים. אָן אַ שיעור וויצן און לעגענדעס האָבן קורסירט וועגן „משוגענעם קאַלטמאַן״ וועלכער האָט זיך, אין טאָג פון זיין טויט, געשמדט, אויסשטעלנדיק די צונג דער חברה קדישא, וועלכע האָט זיך געגרייט צו נעמען אַ הויכן פּרייז פאַר זיין קרקע.

*

דער ציוניזם האָט אויפגעבויט אין שטאָט צוויי וויכטיקע קולטור־מוסדות — די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק און די גימנאַזיע.

די ביבליאָטעק איז געווען פון די רייכסטע יידישע ביבליאָטעקן אין פּוילן — ביז דרייסיק טויזנט בענד אין העברעאיש, יידיש און פּויליש. מיט דער זעלבער ביבליאָטעק האָבן זיך אויך באַדינט פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אַזאַ רייכע זאַמלונג נישט פאַרמאָגט אין שטאָט.

די נשמה פון דער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק איז מיט דער צייט געוואָרן שלמה מאַלאָוואַנטשיק, אַ הייסער קנאַי פאַר לשון־

קודש און ציוניזם, וואס צוליב זיין אומפשרותדיקייט און פרינציפיעלקייט האט מען זיך צו אים באצויגן ווי צו אן „אריגינאל" און וועלכער האט אפילו אין די אייגענע ציוניסטישע קרייזן נישט געפונען צו זיך קיין חבר, צוליב זיין מיליטאנטישער עקסטרעמקייט. שלמה מאלאוואנטשיקס פארדינסטן זענען בכלל נישט אפגעשאצט געווארן בשעתו און ער האט פארנומען אפילו קלענערע פאזיציעס אין ארטיקן לעבן, ווי עס איז אים געקומען. זיין אידעאליזם און אומאייגננוציקייט האט עפעס געהאט פון אסקעטיזם. ער האט מיט זיך אידענטפיצירט דעם אנטי־יידישיזם און אנטי־גלותיזם.

די העברעיש־פוילישע גימנאזיע איז געשטאנען אויף א הויכן ניווא און פון איר איז ארויסגעוואקסן א יינגע יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האט נישט פארשעמט די גירסא דינקותא.

*

אן ארגאנישער טייל פון ציוניזם איז געווען זיין מזרחיסטישער פליגל, אנגעפירט דורך ר' „סענדער שוחט" און זיין ייננגסטן זון כתריאל פישל, — ר' סענדער שוחט, כאטש א גרויסער למדן און מחבר פון א סך ספרים, האט געהאט א געשווירענע אודיטאריע פון בעלי־מלאכות, פרומע שניידערס און שוסטערס, וועלכער ער האט אין א פאלקסטימלעכער און פשוטער שפראך איינגעטייטשט א סדרה, מדרש און אן „עין יעקב". בעת די גרויסע וואל־פארזאמלונגען האט דער באליבטער סענדער שוחט שעהן־לאנג געהאלטן צוגעשמידט דעם עולם מיט זיינע דרשות, אין וועלכע ער האט אריינגעפלאכטן פאפולערע משלים, פאלקס־ווערטלעך, גימטראות צו דעם נומער פון דער וואל־ליסטע, פאר וועלכע ער האט אגיטירט. דער בעלי־מלאכהשער עולם האט אין די דרשות געפונען טויזנט טעם און חן.

ר' סענדער האט פארעפנטלעכט א ספר וועגן שחיטה און וועגן כנויים אין תלמוד. אנהויב 20־ער יארן האט ער פארלאזט אונזער שטאט און זיך באזעצט אין כפר־חיטין. בעת די אראבישע אנפאלן אין 29־סטן יאר איז אט יענע געגנט אויסגעשטעלט געווען אויף גרויסע סכנות. דערציילט מען, אז אין שטוב פון ר' סענדער האבן זיך פארזאמלט פיל יידן פון דער גאס און דער אלטער וולאצלאוועקער שוחט האט ארויסגענומען אלע חלפים זיינע, זיי אנגעשארפט, און צעטיילט צווישן דעם עולם: „יעצט קענען קומען די רוצחים".

בכלל איז די שטוב פון ר' סענדער געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע און אנגעזעענסטע אין וולאצלאוועק, געבענטשט מיט זיבן זין און פיר טעכטער, האט די משפחה פארגעשטעלט מיט זיך א פארלאמענט בזעיר אנפין. אלע שיטות און שטרעמונגען אויף דער יידישער גאס זענען דארט געווען פארטרעטן. זי האט אויך צוגעשטעלט פירערשאפט צו די אלערליי פאליטישע, נאציאנאלע און קולטורעלע באוועגונגען אויף דער יידישער גאס און דאס האט צוגעגעבן א ספעציעלן קאלאריט דער פאמיליע טכוזש. באזונדערס איז צו פארצייכענען אז אלע זין זענען געווען חובשי בית־המדרש און אייניקע אויך בעלי הוראה.

דער ארטאדאקסישער סעקטאר פון די באלעבאטישע יידן, וואס איז נישט געווען ציוניסטיש, האט זיך גרופירט אין דער „שלומי אמוני ישראל", — מער נאך ווי אין פראלעטארישע ריכטונגען, האבן זיך גראד דא אויסקריסטאליזירט ליידנשאפטלעכע און מיליטאנטישע טוער, שארפע קנאים, וואס האבן זייער פאלעמישן קאמף קעגן ציוניזם געפירט מיט אן עקסטרעמן אייפער, כאטש כלפי־חוץ, אין דער שטאט־פאליטיק, זענען ביידע סעקטארן געגאנגען האנט־ביי־האנט. ווי אומגלייבלעך עס זאל נישט זיין פאר דעם מענטש פון היינט — איז אבער א פאקט, אז גראד די מאהיקאנער פון דער אמאליקער אסימילאציע זענען געווען א היפשע שטיצע פאר דער ארטאדאקסיע. דאס רעשטל „צילינדער־יידן" און ערב־משומדים האבן גיכער זיך צונויפגערעדט מיט די גערער חסידים, איידער מיט די ציוניסטן.

אין דעם אויפגעקלערטן, קאמערציאליזירטן און אינדוסטריאליזירטן וולאצלאוועק, האט דער חסידיזם ארומגענומען פיל קלענערע קרייזן, ווי אין די אנדערע יידישע שטעט, כאטש חסידישע „שטיבלעך" זענען געווען אין שטאט: גערער, סאכאטשאווער, אלעקסאנדער א"א. ווען די גאס איז געווען פארפאליטיקירט און פארטייישקייט האט אריינגעדרונגען אין די „שטיבלעך", איז געווען זייער אויסטערליש צו הערן חסידישע פלאם־פייערדיקע דרשות אינעם באקאנטן פובליציסטישן צייטונגס־זשארגאן. גראד די חסידים, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען שארפע און חריפותדיקע רעדנער האבן ליב געהאט זיך צו באנוצן מיט א סך פרעמדווערטער.

א ווירדיקער און זייער חריפותדיקער שליח־ציבור פאר די אלגעמיינע יידיש־נאציאנאלע אינטערעסן איז געווען דער ארטאדאקסישער פירער ר' ס׳בי פראשקער, יארנלאנגער ראטמאן אין שטאטראט. זיין אויסטענהן זיך מיט די אנטיסעמיטישע ענדעקעס איז געווען א פארמעסט פון יידישער חכמה מיט גוישער שטומפיקייט און עזות. כאטש פראשקערס פייליש איז געווען מיט א חסידישן אקצענט און דער טאן פון א גלות־ייד, — האט ער אבער שטענדיק איבערגעקליגט די שונא־ישראל.

אין דער קהילה האט דער קאמף אגודה — ציוניזם קיינמאל זיך נישט איינגעשטילט. דא האט די ארטאדאקסיע געהאט אן אומדערמידלעכן עסקן ר' הענעך יאנאווער, וואס האט מקריב געווען זיינע געשעפטן און מתעסק געווען זיך לטובת הכלל. חדשים און יארן איז אנגעגאנגען די ארטאדאקסישע קריטיק קעגן הרב קאוואלסקי, וואס איז פאר זיי געווען צו אויפגעקלערט און צו פריי, כאטש זיי האבן מודה געווען, אז ער איז א למדן.

די חסידישע היימען, בתוכם אויך פון ר' הענעך יאנאווער, זענען אבער שוין געווען באאיינפלוסט פון אלערליי נייע מאדערניסטישע אידעען. די פארטריארכאלסטע חסידישע משפחות ווי ר' עזרא ווערטהיים, ר' אלעזר פלאקסער, ר' יעקב אונגער, די האלענדערס און פון דעם פריער דערמאנטן טכוזש — האבן ארויסגעגעבן מאדערנע יונגווארג, וואס האט זיך נישט בלויז געקליידעט אייראפעיש, נאר בפירוש זיך אנגעשטעקט מיט אלערליי נאציאנאלע און אפילו ראדיקאל־סאציאלע אידעען, אפט זיך אנגעשלאגן אן די קאמוניסטישע רייען... אבער דאס איז זיכער נישט געווען קיין לאקאל־וולאצלאווקער דערשיינונג.

די עקאנאמישע ירידה פון יידישן בירגערטום אין די דרייסיקער יארן האט אממיינסטן געטראפן דעם חסידיש־ארטאדאקסישן קרייז, ווו ס'האט זיך באזעצט נישט בלויז א שרעקלעכע ארעמקייט, נאר אויך אן עצה־לאזיקייט און די בארימסטסטע, אמאל נגידישע, פרומע הייזער זענען זיך צעפאלן.

*

דער פראלעטארישער שיכט איז באגרענעצט געווען אויסשליסלעך צו די היימווארשטאטן פון שוסטעריי, שניידעריי, און סטאלעריי. דא און דארט האט זיך אריינגעכאפט א ייד, ווי אן ארבעטער, אין די פאיאנס־פאבריקן, וואס האבן געהערט צו יידן. דער אדמיניסטרא־

טיווער פּערסאָנאַל פון דער פּאַפּיר־און פּאַיאַנס־אינדוסטריע און פון דער באַרימטער וואָלאָצלאַווקער ציקאָריע־פאַבריק איז יאָ געווען אַ יידישער.

האָרעפּאַשניקעס און סתם קבצנים פון אַלערליי סאָרטן זענען געווען זייער פיל, — אָבער אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס — נישט, כאָטש די לינקע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן באַוויזן אויפצובויען שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אַנשטאַלטן.

כאַראַקטעריסטיש, אַז ביי די ערשטע שטאָט־ראַט־וואַלן, אונטער דער דייטשער אקופּאַציע, איז דער בונדיסטישער ראַטמאַן, שלמה הילער, אויסגעוויילט געוואָרן אין דער בירגערלעכער קוריע, און נישט אין דער פּראָלעטאַרישער.

בראש פון סאָציאַליסטישן לאַגער איז געגאַנגען דער „בונד״ אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען סיי בעלי־מלאכהשע עלעמענטן און סיי פון לומדיש־באַלעבאַטישן אָפּשטאַם. דער בונדישער שטאַב מיט דער גלאָריע נאָך פון „5־טן יאָר״, האָט געלויכטן מיט אַ רייע אידעאַליסטן און פאַנאַטיש־איבערגעגעבענע צו דער פּאַרטיי־פאָן.

שלמה הילער, פון אַ חסידישער למדנישער שטוב, איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער גאַנצער שטאָט, פון דער פּוילישער אַריינגערעכנט. זייענדיק דער ערשטער סאָציאַליסטישער ראַטמאַן פון די דייטשע צייטן אָן, האָט ער נישט פּאַרלאָזט סיי דעם ראַטמאַן־פּולפּיט און סיי דעם גאַסן־ברוק ביזן לעצטן מאָמענט, ווען מ׳האָט אים צוזאַמען מיט די טראַגישע רעשטן פון דער יידישער קהילה איבערגעפירט צו דעם טויט־קעסל פון וואַרשעווער געטאָ.

ער האָט געטריי געדינט דער שטאָט, ווי אַ ייד, ווי אַ סאָציאַליסט, ווי אַ פאַכמענישער ראַטמאַן. אין ריין ווירטשאַפטלעך־טעכנישע געביטן ווי קאַנאַליזאַציע, ברוק, ווייסל־רעגולירונג, האָט ער אָפּגעהיט ווי אַן אמתער שטאָט־טאַטע און אָפט פּאָלעמיזירט מיט די אינזשענירן, ווי אַזוי דער קאַנאַל זאָל געגראָבן ווערן און בעת דער רעגולירונג פון טייך, געלינגט אים אויפצווייזן אין פּלענום, אַז די אַרבעט זאָל זיך ציען שטראָמאַרויף און נישט אַראָפּ, ווי די אינזשענירן האָבן אָנגעהויבן.

אויף אים איז געזאָגט געוואָרן שלום אַשס מאמר: „די ווייסל איז מיינע״, אַזוי ווי אַ נאַכט־שומר פּלעגט ער שלאָפן גיין ערשט ביים מאָרגענשטערן, פּלעגט זיך איינהערן צי אַלץ אין „זיין שטאָט״ איז אין אָרדענונג.

לעגענדעס האָבן זיך געוועבט וועגן שלמה הילערס שרעקלעכער אָרעמקייט (זיינע אייגענע עסקים האָט ער פאַרוואַלטעט זייער אַנאַרכיסטיש). ווען משפּחה און פריינד האָבן אים געעפנט אַ קוילן־סקלאַד, פּלעגט ער אונטערוואַרפן, ווי פּרצעס נעמיראָווער רבי, זעקעלעך קוילן הינטער אָרעמאַנישע טירן (שלמה הילער האָט געווסט ווער עס פרירט...) וויצלער פּלעגן מוסיף זיין: די קוילן האָט ער צום ערשט אָפּגעפּוצט...

בעת ער האָט פאַרוואַלטעט מיט דער בונדישער בעקעריי, פּלעגט ער אָרעמע ווייבער צוואַרפן אַ זעמעלע, אַ ברייטל, גורם זייענדיק היזקות דער בעקעריי, פון וועלכער ער איז צוליב דעם באַזייטיקט געוואָרן.

זיין פּאָפּולאַריטעט האָט דערגרייכט די פּוילישע אָרעמקייט, פון וועלכער ער (און דער „בונד״) פּלעגן קריגן שטימען ביי די שטאָטראַט־וואַלן.

דער טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי איז געווען יעקב לייב ראָזנטאַל, אַ פאָלקס־אינטעליגענט, וועלכער האָט דאָקטרינעריש און דאָגמאַטיש געפירט די פּאַרטיי־שיף אַ קעגן די אַלערליי פראַקציאָנעלע אַטאַקעס, די שיף זאָל נישט אַראָפּגיין אַ האָרעלע פון אָרטאָדאָקסאַלן וועג.

אין פּעריאָד פון „שטורעם און דראַנג״, בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איידער דער שפּאַלטונגס־פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די בונדיסטן זיך קאָנצענטרירט אין דער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט״, וווּ נעבן דער רייכער ביבליאָטעק האָט פונקציאָנירט אַ כאָר (דיריגירט דורך בערלינערן), אַ דראַמקרייז, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט און שפּעטער אויך אַ ביליקע קיך. בראש פון אָט דער באַלעבאַטישקייט איז געשטאַנען דער קאַמאַשנשטעפּער מאיר דוד אַלטער, אַ פאָלקס־אינטעליגענט און אידעאַליסט. אים האָט באַגלייט תמיד דער גוט־באַקאַנטער און פּאָפּולערער קלמן זשעלאָנקאָ.

די פּועלי־ציון, — דער צווייטער סעקטאָר אויף דער פאָלקסגאַס נעבן „בונד״ — זענען יאָרנלאַנג געווען „קנעכט פון זייער שאַפונג״ — געהאַט אויפגעבויט אַ גרויסע נעץ פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, אַ בעקעריי, אַ פאָלקס־קיך, אַ זייף־סאָדע־פאַבריק אדג״ל. דאָס האָט פאַרברויכט כמעט זייער גאַנצע ענערגיע און אין די שפּעטערדיקע עקאָנאָמישע קריזיסן האָבן אָט די געוועלבלעך, וואָס זענען געוואָרן דלותדיקער פון יאָר־צו־יאָר, מוראדיק באַלעסטעט די פּועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ פיינעם קולטור־ווינקל (די „אַרבעטער־היים״) מיט אַ דראַמאַטישן קרייז (דאָס באַגאַבטע ליטווישע פּאָרל פישמאַן) און אַ רייכע ביבליאָטעק.

זייער רירעוודיק, באַלעבט מיט אַ פרייען גייסט, איז געווען די צאָלרייכע פּוע״צ־יוגנט״ — די גרעסטע אין שטאָט. זייערע שבתדיקע שפּאַצירן, די אויספלוגן און צוזאַמענפליען פון ספּאָרט און געזאַנג, פון קולטורעל־ליטעראַרישער אויפקלערונג, האָט באַגייסטערט הונדערטער און הונדערטער יוגנטלעכע. אין שפּיץ זענען געשטאַנען דוד גאָטספאָרכט, מאיר און גיטל קוטשינסקי, וואָלף שענקער און עוזר שוואַרץ. אַ תל פון אָט דער פּרעכטיקער באַוועגונג איז געוואָרן צוליב דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי און שפּעטער צוליבן גרויסן אַרעסט אין 1922, ווען די פּוילישע מאַכטהאָבער האָבן אַזוי סאַדיסטיש זיך איזדיעקעוועט איבער אָט דער פרידלעכער יוגנט, פאַרמשפּטנדיק, נאָך אַ 7־טאָגיקן עפנטלעכן פּראָצעס, די פירער (מאיר און גיטל קוטשינסקי) צו יאָרן תפיסה.

אַן איידעלע געשטאַלט אין דער פּוע״צ באַוועגונג איז געווען נפתלי זשעלעכאָווסקי. ער איז יונג געשטאָרבן, ווייל ער האָט זיך מוראדיק איבערגענומען (פון זינען אַראָפּ), בעת דעם פּאָליציישן פּאָגראָם אויף די פּוע״צ אינסטיטוציעס אין 1920. די גרויסע פּוע״צ ביבליאָטעק האָט שפּעטער געטראָגן זיין נאָמען.

בכלל האָבן זיך די פּוע״צ־פירער נישט געהאַלטן אין שטאָט. יצחק באָרענשטיין, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, האָט אין וואַרשע געפונען מער מעגלעכקייט פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון „דזשאָינט.״

דאָס אינטעליגענטע פּאָרפּאָלק קינאָ, מיט אַן אַלטער גלאָריע פון רעוואָלוציאָנערן און „פּאַלעסטינצעס״ האָבן אויפגעבליצט אין די יאָרן 18—20, צוריקקומענדיק פון אויסלאַנד. כאָטש זיי זענען געוואָרן געוויילט אין שטאָט־ראַט, האָבן זיי וולאָצלאַוועק אויפסניי אויסגעטוישט אויף אַ מער אוניווערסאַלע טעטיקייט.

אַ פּופּולאַריטעט האָבן זיך שפּעטער דערוואָרבן די פּוע״צ־טוער הערשל זעמעלמאַן און מעכל פּשעדעצקי („דודל פּאַלעסטיניעץ״). דער ערשטער, ראַטמאַן אין שטאָט, צוליב זיינע מוטיקע און עק־


שנותדיקע אינטערווענצן ביי די מאַכט־אָרגאַנען לטובת באַוואָלטע אָרעמעלייט און דער צווייטער, ווי אַ זייער ריירעוודיקער און מיט הומאָר באַשאָנקענער קולטור־טוער און זשורנאַליסט.

דער קאָמוניזם אויף דער יידישער גאַס האָט באַהערשט סיי די אינטעליגענטישע און באַלעבאַטישע יוגנט, סיי די פּראָלעטאַרישע. בלויז געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט אַז דעם רב׳ס זון, יעקב, איז אַ וויכטיקער קאָמוניסטישער טוער (די טעכטער רוחמה און חנה זענען געווען לינקע פּ. צ.)

אַלס קאָמוניסטן פלעגן איבערראַשן קינדער פון גאָר־בירגערלעכע היימען, ווו מ׳האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט — די באַלעבאַטישסטע און טראַדיציאָנעלסטע פאַמיליעס — ראַוויצקיס, פּראשקערס, לעווי׳ס, טרעמבסקי׳ס — אַן אויסדרוק פון דער אויסזיכטלאָזיקייט און שטיקעניש אויף דער יידישער גאַס, וואָס עס האָט נאָך בולטער געפילט די יידישע אינטעליגענץ, פאַר וועלכער עס איז געווען פאַרהאַקט און פאַרזיגלט יעדע שאַפונגס־מעגלעכקייט און קאַריערע. וולאָצלאַוועק האָט געקראָגן אַ שם אין דער געשיכטע פון אַנטי־

דער בלוטדורשטיקער פּאַליציי־קאָמענדאַנט אדאמטשעווסקי (וועלכער איז פּעט געוואָרן פון יידישן שוחד) פלעגט מיט אַ ספּעציעלער הנאה זיך וואַרפן אויף דער יידישער קאָמוניסטישער יוגנט. בראש מיט אַ באַנדע צעיושעטע פּאָליציאַנטן, איז ער אַמאָל אַריינגעפאַלן מיט די קאָלבעס אין דער תפיסה און דאָרט שרעקלעך צעשלאָגן די אַרעסטירטע יידישע בחורים, (אייניקע זענען שפּעטער געשטאָרבן פון די קלעפּ). מיט וועלפישער גיריקייט פלעגט דער דאָזיקער היצעל לויערן בעת די פּראָלעטאַרישע לוויות, ביז ביים פאַרשיטן דאָס קבר ווען אַ חבר האָט אָנגעהויבן דעם הספד. דער בית־עולם, אַ צוגעשלאָסענער, פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שלאַכטפעלד.

אַ גראָטעסקע פיגור ביי די קאָמוניסטן איז געווען דער „רויטער סאָכער״, — וואָס האָט פאַרפּייניקט אַלע קעגנערישע רעדנער מיט זיינע צווישנרופן. אין וואַרשע האָבן שוין די רעדנער און לעקטאָרן, פאַרן משווה ווערן צו קומען קיין וולאָצלאַוועק, זיך געבעטן באַוואָרענישן פאַרן „רויטן סאָכער״. ער האָט איבערגעפירט די שענסטע מיטינגען און געשטרויכלט דעם געניטסטן טריבון.



יצחק קאַצענעלסאָן מיט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער ייד. געז. ביבליאָטעק.
יצחק קצנלסון עם חברי ועד הספריה היהודית הצבורית.
עס זיצן פון רעכטס — יושבים מימין: אברהם ראָזנצווייג, י. מ. ניימאַן, י. קאַצענעלסאָן, י. בחורסקי.
עס שטייען — עומדים: ......, מ.מ. טכוזש, ש. מאַלאָוואַנטשיק, הירשבערג, ח.מ. ראָטבלאַט, יחזקאל בראָטשטיין.

קאָמוניסטישן טעראָר וואָס איז, כידוע, געווען שטאַרק אַנטיסעמיטיש באַפאַרבט. הגם די פּוילישע גאַס איז געווען אַ קאָמוניסטישע פעסטונג, מיט טויזנטער און טויזנטער קאָמוניסטן, זענען אָבער אין דער וולאָצלאַווקער תפיסה על פּי רוב געזעסן יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געפּראַוועט קאָמוניזם אויף דער יידישער גאַס.

אין שפּיץ פון אָט דער קאָמוניסטישער יוגנט האָבן זיך אויסגעטיילט דער זייער דינאַמישער און פעיקער משה בירקנפעלד (דער פאָטער, ר׳ הענעך, איז געווען אַ גערער חסיד). דער געבילדעטער סטודענט לולקא גרוינאָווסקי און חיה טורקלטויב האָבן אַפילו אין תפיסה נישט אויפגעהערט אָנצופירן מיט דער באַוועגונג אין גאַס.

ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט קלינגען, איז עס אָבער אַן אויטענטישער פאַקט, אַז זיי האָבן אין דער תפיסה איינגעאָרדנט אַ געהיימע קאָמוניסטישע דרוקעריי און דאָרט אָפּגעדרוקט אויפרופן, וועלכע זענען צעטיילט געוואָרן אין שטאָט.

יום־כיפּור צו כל־נדרי, פלעגט דער „רויטער סאָכער״ קומען צניעותדיק און פאַרשעמט אין דער אַלטער שול און זיך שטעלן ביי דער טיר... קיין צווישנרופן פלעגט ער דאַן נישט מאַכן און זיין געזונט־רונדיק פּנים מיט די גרויסע אומשולדיקע אויגן, פלעגט בעל־תשובהדיק זיך איינהערן צו די תפילות — — —

*

צוויי ברידער זענען זיי געווען: יעקב הערש, אַ שניידער און משה, אַ קאַמאַשנשטעפּער, די ברידער קאָהן. ביידע באַשאָנקען מיט זייער אַ סובטעלער קינסטלערשער אינטויציע, וואָס האָט פיל איבערגעשטיגן זייער וויסן און אַפילו זייערע השגות און אַמביציעס. ביידע, האָבן זיי זיך אַ לעבן־לאַנג געראַנגלט ווי אַזוי צו געבן אַ תיקון די מוזעס, וואָס האָבן זיי באַהערשט און אוודאי אויך — געמוטשעט...

יעקב הערש קאָהן איז געווען אַ מוזיקער און דיריגירט כאָרן און

אַרקעסטערס, צענדליקער יאָרן. דער וולאָצלאַוועקער „מכבי"־אָרקעס־טער, אונטער זיין לייטונג, האָט געוווּנען דעם לאַנד־פּריז צווישן אַלע אָרקעסטערס אין פּוילן; ער, יעקב הערש, האָט געוווּנען דעם אויסגעשריבענעם קאָנקורס פון בילדונגס־מיניסטעריום, ווי אַזוי מוזיקאַלישער צו פאַרענדיקן דעם פּוילישן הימן „יעשטשע פּאָלסקאָ ניע זגינעלאָ", וועלכער איז טאַקי געזונגען און געשפּילט געוואָרן מיטן וולאָצלאַוועקער שניידערס אויסלאַז.

משה קאָהן, דער ברודער, איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שוישפּילער, וואָס האָט געקענט פאַרשאַטענען באַרימטע סטאַרן. אַ מייסטער פון קאָמיזם, האָט ער פּרעכטיק פּאַרקערפּערט אויף דער בינע דעם נאַאיוון, דעם פלעגמאַט, דעם שלימזל און לאָ־יצלח. דער דאַזיקער באַ־ליבטער פאָלקס־אַרטיסט, וואָס האָט געשפּילט פאַר וולאָצלאַוועקער יידן זייט 1905, איז דערצויגן געווען אויף דעם פּרימיטיוון רעפּער־טואַר, אָבער ער האָט אויך געניאַל ממש געשפּילט די שלום־עליכמשע מאָנאָלאָגן. ער האָט זיך זעלטן אַרויסגעריסן פון דעם היימישן ווינקל, און געבליבן דער ליבלינג פון וולאָצלאַוועקער עולם.

שפּעטער איז אויפגעשטאַנען אַ נייער, יונגער דור אָרטיקע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין דער דראַמסעקציע און שפּע־טער אין דער „ייד. טעאַטער־געזעלשאַפט". צווישן אָט דער גרופּע האָבן זיך געפונען גרויסע טאַלאַנטן ווי לעמל ליכטנשטיין, האַזנפעלד, טיגער און די פרויען אַלפּערט, בלאַושטיין און ראַוויצקי. בראש פון אָט דער אַמביציעזער און שעפערישער גרופּע איז תמיד געווען דער באַליבטער און טאַלענטירטער גרושקאַ, אַ פּודלמאַכער פון פאַך. די גרופּע האָט צענדליקער יאָרן אויפגעפירט ליטעראַרישע און אַפילו קלאַסישע שטיק, אונטער דער רעזשי פון וואַרשעווער באַ־רימטע רעזשיסאָרן.

✶

דער יידישיסטישער לאַגער האָט אַרומגענומען אַ רייע פאָלקיס־טישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך אָפּט דערנענטערט צום „בונד" אין זייער שטרעבן צו „מאַסאַווער" קולטור־אַרבעט.

פּאָפּולער, אין אַ געוויסן פּעריאָד, — איז געווען אהרון הילדעס־היים, פון דער טראַדיציאָנעלער חסידישער פאַמיליע. אַ געבילדעטער און ראָמאַנטישער עלטערער בחור, האָט ער אין די יאָרן פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע און שפּעטער, אָנגעפירט מיט אַן אָריגינעלער מעדיציניש־היגיענישער אויפקלערונג צווישן די אָרעמע שיכטן. אָט די באַוועגונג האָבן יידן פון גאַס געקרוינט מיטן נאָמען „יידישיזם".

אהרון הילדעסהיים האָט דער ערשטער אין וולאָצלאַוועק געשאַפן אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער (אין לאָקאַל פון דער תלמוד־תורה), וווּ ער האָט, אין יידיש, געלערנט אַריטמעטיק, געאָגראַפיע א"אַ לימודים. א. הילדעסהיים איז שפּעטער אַוועק קיין רומעניע און פלעגט זיך נאָר אויף די ימים־טובים באַווייזן אין וולאָצלאַוועק.

דער אידעאָלאָג און מיליטאַנט פון יידישיזם און „דאָיקן" קולטור־ריזם, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אידעאַליזאַציע פון גלותיזם, איז געווען שמואל ווינטער, איינער פון די בולטסטע און פּירענ־דיקסטע פיגורן אין אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער, צוזאַמען מיט זיינע אינטימע פריינד חיים אלעזר טכוזש (היינט אין ישראל) און יחזקאל בראַטשטיין, האָבן פינאַנסירט די וויסנשאַפטלעכע און פאָלקלאָריסטישע עקספּעדיציעס פון אָרטיקן ייוואָ־קאָמיטעט איבער די יידישע מקומות אין דער קויאַוויע און וואָס האָט אויפגעזאַמלט אַן אוצר פון היסטאָרישע דאָקומענטן, (קהילה־קונט־רסים, פּנקסים פון חברות) קונסט־חפצים (סינאַגאָגאַלע אָרנאַמענטיק, אַ וווּנדערלעכע ספירה־אילומינאַציע פון פאַר צוויי־הונדערט יאָר צוריק), אַלטע כתבי־יד און אַ שלל פון פאָלקלאָר.

ווינטערס נאָענטסטער פריינד און חבר לדעה איז געווען דער זייער געאַכטעטער און פּאָפּולערער יחזקאל בראַטשטיין, אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ און אַ טייערע נשמה. ער האָט, אין די פריערדיקע יאָרן, צוזאַמען מיטן אויבנדערמאָנטן שלמה מאַלאָוואַנטשיק, געאַר־בעט אין דער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק, ווי אַ הייסער העב־רעיסט און ציוני. ס'איז געבליבן עפּעס נישט אויפגעקלערט זיין שפּעטערדיקער איבערגאַנג צום יידישיזם. יחזקאל בראַטשטיין, אַ ווייכער און סענטימענטאַלער מענטש, מיט הומאַניטאַרע און פאָלקס־טימלעכע נטיות איז לייכט באַאיינפלוסט געוואָרן פון די דירעקטע און אוממיטלבאַרע אנשויונגען צו בויען רק דאָ, אויפן אָרט, נישט „דאָרט". ער איז אָבער תמיד געבליבן געאַכטעט פון די ציוניסטישע קרייזן, ווי אַ קרישטאַל־ריינער אידעאַליסט. אויך זיין יידישיזם (פּונקט ווי ווינטערס) איז נישט געווען אַנטי־העברעיש — אַלאַ „בונד". אדרבא: גראַד די ייוואָ־גרופּע איז געווען די טיכטיקסטע (און אפשר די איינציקסטע) אָפּנעמערין פון דער העברעישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק...



דראַמאַטישער קרייז ביים יוגנט־בונד „צוקונפט": מיטן רעזשיסער משה קאָהן (זיצט אינמיטן).
החוג הדרמטי, ליד הסתדרות הנוער הבונדאי „צוקונפט" עם הבמאי משה כהן (יושב באמצע).

שמואל ווינטער און יחזקאל בראַטשטיין זענען ביידע אומגעקומען טריי־דינענדיק די יידישע אינטערסן ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג אין וואַרשעווער געטאָ. ביידע האָט מען געגעבן מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. ביידע האָבן אָבער געוואָלט טיילן דעם גורל פון די מיליאָנען קדושים.

✶

לאַנגע יאָרן האָט געוווינט אין וולאָצלאַוועק שמעון האָראָנטשיק, דער באַוווּסטער ראָמאַניסט. ער האָט זיך באַוויזן פון דעם שכנותדיקן שטעטל סאָמפּאָלנע, האַרט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אַן אָפּגעטראָגענעם סאָלדאַטסקן שינעל, מיט אַ גראָבן פויערשן שטעקן. געוווינט יאָרן „איבער דער ווייסל", אויף אַ הויכן באַרג (ביי „רעש־קען"), ווו ער האָט סיי געפירט און סיי געהונגערט, — כאָטש זיין



יידישער פאָלקס־כאָר — המקהלה העממית היהודית.
אין צענטער זיצן: דיריגענט יעקב הערש קאָהן, און הינטער אים אינזש. א. שטאָלצמאַן.
במרכז יושבים: המנצח יעקב הרש כהן ומאחוריו אינז׳ א. שטולצמן.

אויסערלעכקייט האָט דערמאָנט אַ געזונטן קרעפּטיקן, דאָרפישן בעל־גוף.

קיין איינדרוק פון אַ גייסטיקן שאַפער, אַן אינטעלעקטואַל, האָט ער נישט אַרויסגערופן... ערשט נאָך חדשים און יאָרן קאַנטשאַפט, האָט מען דערקענט אין אים דעם חכם און דענקער, הגם באַהאַלטנס און ביטרע־פויערישעס איז שטענדיק געווען ביי אים. ער האָט נישט פאַרפעלט שטאָטישע אסיפות און געמאַכט נישט־געהובלטע צווישנרופן, וואָס האָבן מאַנכעס מאָל געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט די אָנוועזנדיקע.

אַ צייט איז ער געשטאַנען נאָענט צום „בונד" און געשיקט פון וולאָצלאַוועק צו דער „פאָלקסצייטונג" דערציילונגען. אין זיין ראָמאַן „זומפּ", פון דעם שפּעקולאַנטן־לעבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אויך אין זיין „הויז אויפן באַרג", זענען פאַראַן וולאָצלאַוועקער פּראָטאָטיפּן. ער האָט שפּעטער געהאַט פיל אויסצושטיין פון אייניקע העלדן, וועלכע ער האָט געשילדערט נעגאַטיוו אין זיינע ראָמאַנען.

בעת שלום אש האָט, אין יאָר 1926, באַזוכט וולאָצלאַוועק, האָט ער זיך זייער פריינדלעך אָפּגעגעבן מיט האָראָנטשיקן און מיר זענען אַליין געווען עדות, ווי ער האָט אים אויף גאָר אַ בריטן שטייגער מאַטעריעל אַרויסגעהאָלפן אין דער נויט, נישט געקוקט אויף דעם טרויעריק־באַקאַנטן „קאַפּיטל 42" אין האָראָנטשיקס ערשטלינג־ראָמאַן „די פאַרפלאָנטערטע וועגן", ווו שלום אַש ווערט באַליידיקט.

נאָכדעם ווי האָראָנטשיק איז אַמאָל אין אַ שווערן ווינטער אַראָפּגעפאַלן פון אַ באַרג נעבן זיין שטיבל אין וואַלד, איז ער שוין געבליבן וווינען ביי דער אייל־מיל פון דער פרוי ראַוויצקי, דער שוועסטער פון באַרימטן וואַרשעווער רב און געלערנטן ד"ר ש. א. פאָזנאַנסקי און די מוטער פון דיכטער און פּאָבעליסט פישל־בער ראַוויצקי. דאָרט, אויך הינטער דער שטאָט, נעבן דער שטאָטישער באָד, פלעגט ער פאָרלייענען נאָך־נישט פאַרעפנטלעכטע פראַגמענטן. אָן זיין פאַמיליע, האָט זיין גרויס צימער, פאַרוואָרלאָזט און אָרעם, געמאַכט אַ טיפיש בחורשן איינדרוק. אויף דער וואַנט האָט ער אויפגעקלעפּט „עשרת הדברות פאַר אַ שרייבער" — וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט און וואָס האָבן אים דיסציפּלינירט.

אין דער קליינער שרייבער־משפּחה האָט זיך אַרויסגעזען פישל בער ראַוויצקי. ער האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ דיכטער־פּאָבעליסט און פּעליעטאָניסט ערשט אין זיינע שפּעטערע מיטל־יאָרן, הגם געווען טעטיק אויפן קולטור־געביט פון דער יוגנט אָן.

די נאַציס האָבן אים שוין אין יאָר 1940 אַוועקגעשיקט קיין דאַכאַו, ווו ער איז נאָך דריי מאָנאַט דערשאָסן געוואָרן. זיין אַש האָבן די נאַציס יעזויטיש צוריקגעגעבן זיין אַלמנה, כדי שפּעטער זי אומצוברענגען מיט איר גאַנצער פאַמיליע.

פון דער פאַרצווייגטער ראַוויצקי־משפּחה האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען פישל בערס זון, מנחם, וואָס געפינט זיך יעצט אין ישראל.

*

אַ פיל־באַשטריטענע פּערזאָן איז געווען יוסף האַרן, אַ רופא, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע מיט אַ פּאַרדעכטיקן „דאָקטאָר־ דיפּלאָם". אַן אַמביציעזער און אין־זיך איינגעגלויבטער מענטש, האָט ער פּאַרלוירן זיין דערגרייכטע פּאָפּולאַריטעט (געווען פּוע"צ־ ראַטמאַן און רעדאַקטאָר פון אַן אייגענער צייטונג), ווען ער האָט אין באַקאַנטן „סאַנאַציע"־פּעריאָד זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון דער מאַכט און געוואָרן אירס אַ ווערקצייג אין דער אַנטי־יידישער פּאָלי־ טיק. מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאַט אַרויסגעגעבן אַ דראַמע „סאָ־ ניעס גליקן". ער האָט אויך, אין זיין צייטונג, געשריבן אַלערליי פּאָליטישע, ליטעראַרישע און מעדיציניש־פּאָפּולערע אַרטיקלען. צו יוסף האַרנס שבח מוז דערמאָנט ווערן, אַז שטאַמענדיק פון גאָר אַן אָרעמער משפחה, האָט ער מיט אייגענע כוחות זיך דערשלאָגן דורך יאָרן עקשנותדיקער אַרבעט און פלייס צו אַ פּאָזיציע אין לעבן.

אין שטאָט איז געווען פּאָפּולער די צווייטע יידישע צייטונג, וואָס איז געוואָרן רעדאַגירט פון נתן פּערלבערג און וואָס איר רעדאַקציע האָט איבערגענומען נאָך זיין פּאַרלאָזן וולאָצלאַוועק דער יונגער, אינטעליגענטער און באַגאַבטער י. מ. בידערמאַן, אַן אַביטוריענט פון דער וולאָצלאַוועקער גימנאַזיע. פון דער גאַנצער פאַמיליע בידערמאַן איז ער אַליין געבליבן לעבן און געפינט זיך אין ניו־יאָרק, ווו ער איז באַקאַנט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

*

אַ בונטאַרישע און עטוואָס אַן אַנאַרכיסטישע משפחה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער פאַראיין פון די יידישע בעלי־מלאכות, גערופן דורך זיי „דער פריינד". ער האָט אַרומגענומען קרוב צוויי טויזנט מיטגלידער, פון אַלע צעכן. די דאָזיקע האַרעפּאַשנע און ערלעכע עלעמענטן האָבן זיך יאָקאָש נישט געקענט אַליין פאַרוואַלטן און גע־ מוזט אָנקומען צו אַפּוטרופּסים (י. האַרן א. אַ.).

אַ בוררים־געריכט ביים פאַראיין האָט טאָג־טעגלעך געפירט די קאָמפּליצירסטע טעטיקייט פון אויסגלייכן סיכסוכים צווישן בעלי־ מלאכות און די געזעלן. דער אורטייל איז געווען אַ יושרדיקער, לויט די באַגריפן פון ערלעכע האַרעפּאַשניקעס און באַזירט אויף דער יידישער טראַדיציע. דאָ, אין בית־דין פון די האַנטווערקער,



פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ. ועד ידידי ייוואָ.
פון רעכטס — מימין: זילבערבערג, אַלמאַן, ווינטער, קאָטשינסקי, בראַטשטיין.

האָט מען באַשיימפּערלעך געקענט זען ווי פריש און נישט־אָפּגעלעבט עס זענען די דינים פון בבא מציעא, בבא קמא און בבא בתרא... דער שופט איז על פי רוב געווען ר' הענעך קאָטשינסקי, אַ שוסטער, וואָס האָט אין זיין מעכטיקן זכרון אויפגעהיט אַלע חילוקי־דעות בנוגע עקאָנאָמישע און יורידישע פאַלן און זייערע אויסגלייכונגען דורך די פּוסקים. ער האָט שטענדיק, ביי יעדן סכסוך, געזוכט אַן אַנאַלאָגיע צו דעם פאַל אין דער רבנישער ליטעראַטור. דער בעלי־מלאכהשער בית־דין האָט געקראָגן אַ שם אין שטאָט און עס האָבן זיך צו אים געווענדעט אויך אויסגלייך סתם יידן. עס איז געווען דאָס ערלעכסטע בית־דין.

דאָס בילד פון אונזער שטאָט וועט נישט זיין פול, אויב מיר וועלן נישט אַריינגעמען אויך פאַרשידענע געשטאַלטן, וואָס האָבן צו קיינעמען זיך נישט אָנגעהערט, אָבער זענען פונדעסטוועגן געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון דער שטאָט און געפּאַרעמט איר גייסטיק פּנים.

מיר האָבן שוין דערמאָנט פריער דעם „דזשיוואַק" דאָקטאָר קאַלטמאַן. געווען נאָך צוויי יידישע דאָקטוירים פון עלטערן דור — איינער ד"ר וואָלבערג, האָט זיך געשמדט און געוואָרן פּרומער פון פּרומסטן קאַטאָליק, אַרויסגעהאַנגען בעת אַ קריסטלעכן יום־טוב די קאַטוילישע פאָן אויפן באַלקאָן פון זיין הויז, אין צענטער פון יידישן וולאָצלאַוועק, אָבער נישט געווען קיין שונא ישראל. אַ צווייטער, דאָקטאָר פּאַיאַנס איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער ווי אַ ייד, זייער געאַכטעט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער נישט אַזוי פּאָפּולער, אַלס דאָקטאָר, ווי קאַלטמאַן, דער „משוגענער".

שפּעטער זענען שוין געקומען יידישע דאָקטוירים פון נאַציאָנאַלן שניט: ד"ר בריש, הילדעסהיימס איידעם, געווען טעטיק אין אַ ריי אָרטיקע געזעלשאַפטן („אָרט", טוריסטיק אדג"ל).

געווען אַ פּאָפּולערער זשורנאַליסט־רעפּאָרטער פון דער פּוילי־ שער לאָקאַלער פּרעסע — צעראַנאָוויטש, וועלכן מ'האָט גערופן „קוריער". ער פלעגט אויפן שטיפן (גומענעם) מאַנקעט פון זיין העמד פאַרציכענען די געשעענישן און זיי ברענגען אין רעדאַקציע. דאָס איז געווען זיין פּראָפעסיע. שלעכטס האָט ער זיינע גלויבנס־ ברידער נישט געטון. אדרבא, בימי אַנטיסעמיטיזם האָבן די פּאָליאַקן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו אים און באַזייטיקט אים פון דער פּרעסע. „קוריער", וואָס איז אַמאָל געווען אַן עלעגאַנטער גוט־פאַרדינענדיקער קאַוואַליר, האָט שפּעטער געלעבט אין גרויס דחקות. זיין בוזעם פריינד איז געווען אַגרעסט, דער בעל־הבית פון עלעגאַנטסטן קאַפע־ הויז אין דער שטאָט.

ביי אַגרעסטן איז געווען דער שטאָטישער קלוב, דער „זבאָרני פּונקט" פון דעם באַלעבאַטישן קלאַס. יאָרן לאַנג האָט אַגרעסט אַמביציעז איינגעהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון שענסטן, עלעגאַנטסטן און רייכסטן קאַפע. אַלע יידישע און יידיש־פּוילישע צייטונגען, דאָס פיינסטע מעבל, די בעסטע מוזיקאַנטן, דאָס טייערסטע שפּיל־געצייג (ביליאַרד, שאָך א.אַ.וו.). שפּעטער, אין דער צייט פון דער פאַראָרע־ מונג פון דעם באַלעבאַטישן קלאַס, האָט זיך דער דלות אויך באַזעצט ביי אַגרעסטן. פּראָפעסיאָנעלע שפּילערס, כראָנישע אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן נישט געהאַט אַ צווייער אויף אַ גלעזל טיי, האָבן געפונען אַ וואַרעמען אָרט, אַ באַקוועמען פאָטעל זיך אויסצורוען די ביינער ביי אַגרעסטן.

ביסלעכווייז איז אַגרעסטס קאַפע מגולגל געוואָרן אין אַן עפּנט־ לעכן הקדש, מיט אָפּגעריבענע מעבל. ס'איז געקומען דערצו, אַז

מ׳האָט ביי אַגרעסטן זיך געצערוועט די זאָקן... חברה „ווילע יונגען״ האָבן דאָרט געפירט די גראַנדע.

פון אַן אַנדערן טיפּ, איז געווען די אכסניא פון נאָווערן אויף דער שול־גאַס. אַ טיפּיש־ייִדישע אכסניא, אפשר די איינציקע פו דעם שניט, אין „אַלטן״ װלאָצלאַװעק. ביים „אַלטן נאָווער״ האָבן בעלי־מלאכות, אין די שפּעטע אָוונטן געשמועסט „פּאָליטיקע״, פאַרביסן מיט אַ זויערע אוגערקע, אַן איי, אַ געזאַלצענער מצה. צוגעפאָרענע עלטערע ייִדן, פון דער נאָענטער פּראָווינץ, האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט.

נאָווער איז געווען אַ שוואָגער פון דעם באַוווסטן נגיד און כלל־טוער, יעקב־נטע קרושינסקי, דער גבאי און תקיף פון דער קהילה, פון דער „אַלטער שול״, פון דער חברה קדישא. יעקב־נטע האָט איינגעהאַלטן זיין נגידישקייט און תקיפות ביז די לעצטע מאָמענטן און געפירט די קהילה־ענייִנים מיט אַ פעסטער האַנט. הגם נישט קיין ספּעציעלער נדבן, אָדער מעצענאַט, האָט ער אָבער די קהלישע ענייִנים געפירט אָן אייגן־נוץ. געווען אַן אַלט־מאָדישער טיפּ פון אַ שטאָטישן מנהיג, אָן מאָדערניזם און אָן געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע השגות. געווען אָפּגערוקט פון דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס האָט „געבורשעוועט״ אַרום אים, אַרום זיינע פיר איילן, אין דער קהילה, אין דער שול. קהל און קהילה־עניינים האָבן ביי אים געהייסן: שכירות פאַר די משועבדי־הקהילה, דערפילן אַלע הצטרכותן פאַר יתומים, אַלמנות, תלמודי־תורה, טיילן מיט יושר די עליות, באַגראָבן מיט איינזען, לויטן שטאַנד און לויטן יחוס, — די נפטרים; ריין און ציכטיק האַלטן גאָטס־הויז, די „אַלטע שול״. פונדעסטוועגן האָט דאָס יאָרן־לאַנגע עסקנות און די אָביעקטיווע פּאָזיציע פון אַ ראש־הקהל, אויסגעברייטערט אַביסל זיינע האָריזאָנטן און ער איז, בדיעבד, געוואָרן אַ שטיקל מנהיג. געווען אין תוך זייער אַן ערלעכער מענטש, אָבער זיך נישט געלאָזט פירן פון קיינעמען. ער פלעגט דאָס איינטיילן װלאָצלאַװקער ייִדן אויף צוויי קלאַסן — ערשטע — „אַלטע״ װלאָצלאַװקער און צווייטע — צוגעפאָרענע פון די קליינע שטעטלעך. דער ערשטער קלאַס האָט ביי אים גענאָסן פון פיל פּריווילעגיעס ביי די עליות און אויפן... בית־החיים.

צווישן די באַלעבאַטישע און פּראָלעטאַריש־אָרגאַניזירטע שיכטן איז געווען אַ פאַרביקער און געמישטער עלעמענט פון „ווילע יונגען״ — וואָס אָט האָבן זיי געהאַט אַ ריח פון ראַנד־און אונטערוועלטניקעס, און אָט האָבן זיי געפינקלט מיט העראָיזם און מענטשלעכקייט.

כמעט אַלע פּאַרטייען האָבן דעם דאָזיקן ערב־רב געוואָלט אויסנוצן פאַר זיך. זיי האָבן אָבער געבילדעט אַ מין אייגענע פּאַרטיי און צוזאַמען מיט די טרעגער, קצבים־ייִנגען און דראָפּסגייער, האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערן קלאַס, וואָס קיין שום אידעישע באַוועגונג האָט נישט געקענט גורס זיין.

דער זייער פּאָפּולערער „בנימין ר.״, די ברידער פּערשט, די פּאָפּיאָלקעס און די „קאָטעקעס״, — שטאָט האָט געהאַט זיך צו קראַצן פון זיי. נישט איין בעל־הבית האָט געמוזט צאָלן לאַ־יחרץ־געלד, כאָטש אין תוך זענען עס געווען ערלעכע און האָרעפּאַשנע יונגען — ציבעלע־הענדלער, שטיין־אויפקלייבערס אין ווייסל, סעדערס און אוגערקע־זייערס.

בעת די אָפּטע אַנטי־ייִדישע עקצעסן, ווען דער בירגערלעכער קלאַס האָט געציטערט און זיך פאַרקלאַפּט אין די קעלערן, צי אויף די בוידעמער, האָבן גראָד אָט די יונגען אָפּגעהיט דעם נאַציאָנאַלן כבוד און זיך געשלאָגן מיט שטעקענעס און אייזערנע הענטשקעס און שפּעטער, חדשים דערנאָך, זיך אָפּגערעכנט מיט די כוליגאַנישע שקצים. אין קאָשע האָבן זיי זיך נישט געלאָזט שפּייען.

*

שרייבן מיר יעצט אָט די שורות־זכרונות פון אַמאָל און ווידער שטייען אויף פאַר אונז די געשטאַלטן, אָט ווי זיי וואָלטן געלעבט. בשעתו האָבן מיר אַליין נישט געוווּסט ווי רייך, ווי דערהויבן איז געווען זייער גאַנג, זייער שטרעבן, זייער געראַנגל, זייער קאַמף...

אָפּגעמעקט און פאַרניכטעט פיזיש־מאַטעריעל איז זייער לעבן אין די ווינקלען ווו זיי האָבן געלעבט. — די קהילה קדושה װלאָצלאַװעק. אָבער אין ספר החיים פון אייביקן ייִדישן פאָלק וועלן זיי תמיד רוען און זייער געדעכעניש וועט לויכטן צוזאַמען מיט די נשמות הטהורות פון די זעקס מיליאָן קדושים!



שלושה מכתבים מאת שלום עליכם
למאיר ארנשטין

ירושלים דליטא, 24 יולי 1908

אדוני הנכבדים!


מכותלי אגרתכם אני רואה שיש בדעתכם להעשיר את כל החדרים המתוקנים והמסוכנים וגם את קופת הלאום היקרה לנו לכלנו, אלא שאין אני רואה מאין. המן הגורן או מן היקב של 350 ר׳, שבאמת הם רק 250 וא״נ הוצאות 70 (שהם באמת 120) יעלה כל הסכום 130, ואני הקטן שלום עליכם אינו יכול לבוא לעיר ואפילו שהיא קטנה ככף איש ר״ל כוולאצ־לאבסק, בלתי אם יערובו לי מאתים רובלים בעד טרחתי ועמלי והוצאות נסיעתי ובטול זמני וכו׳ וכו׳. —


אפשר תעשו שותפות עם פלאצק העיר בתנאי ששתי העירות יערובו לי שלש מאות רובלים בעד שני נשפים זא״ז מלבד ההוצאות שלי מוארשא העיר וחזרה?

וזמן באי לוארשא לא קודם מן 10.12 אוגוסט.

ושלום עליכם
מאת
(—) שלום עליכם

↓





↑

ווילנא, 1908.VII.20

ילדים טובים!

מי הוא זה ואיזה הוא אשר מלאו לבו להגיד לכם ששלום עליכם אינו רוצה לבוא אליכם?! בכאן אני שוהה מהיום כל ימי השבוע הבע״ל, ואחר כך אני נוסע לוויטבסק, לדווינסק ועוד שתים שלוש עירות, ובראשית ירח אוגוסט אשוב לווארשא, ואז בודאי אבקר גם את עירכם. עליכם, ילדים טובים, להשיג רשיון מהממשלה ולעשות את כל ההכנות, ולזה אני שולח לכם מודעות ופרוגרמות שמהן תראה הרשות ותעשה כן. אולם אחת אבקש מכם: שתואילו להודיעני במוקדם האפשרי אם יש אצלכם תיאטרון הגון, כמה מקומות אצלו, מחיר המקומות והסכום (ברוטטא) וההוצאות בערך והעיקר המטרה* ומי המה האנשים העומדים בראש ההסתדרות? והיה כשאקבל את תשובתכם אודיעכם את התנאים שלי.

ושלום לכם מאת „דודכם הטוב״
(—) שלום עליכם

* המטרה צריכה להיות לעגאלית, כמובן.

26.7.1908


אדונים נכבדים ויקרים!

הנני שב לווארשא ליום 10.23 אוגוסט ויכול אני להיות אצלכם ביום ג׳ 12/25 אוגוסט. עליכם לעשות את כל הכנות הצריכות עם הרשיון בתוכן ובלבד שלא תרבו בהוצאות בכדי שלא תבאו בטענות. והיה לכשאשוב לווארשא ואמצא את אגרתכם שהכל מוכן ומזומן ליום באי ואבא אליכם ליום הנ״ל ואודיעכם ע״י תלגרמע שני ימים למפרע והכל על מקומו יבא בשלום — אמן.

בכבוד גדול
(—) שלום עליכם

רצ״פ פרוגרמה מאשרת ע״י הרשות בווילנה להיות לכם לפה.

↓



מאיר קוזין / תל־אביב

הגימנסיה היהודית

יסוד הגימנסיה היהודית בעירנו בשנת 1917, בשלהי מלחמת העולם הראשונה, הוא אות וסימן לתמורות החברתיות והתר־בותיות המעמיקות שהתחוללו בקרב האוכלוסיה היהודית באותה תקופה.

בימי השלטון הרוסי לא היה קיים חוק לימוד־חובה וילדי היהו־דים למדו ברובם המכריע ב„חדרים" לסוגיהם השונים (דרדקי, חומש וגמרא), שהתנהלו לפי המסורת המקובלת מדורי דורות. תזוזת־מה בשטח זה חלה בעשור הראשון למאה שלנו כשקמו כמה חדרים מודרניים (גונסקי, שפירא־ליכטנשטיין, גרינפלד, פאלושאק), בהם נלמדו במדה מצומצמת גם למודי־חול (קריאה וכתיבה ברוסית, חשבון ולפעמים גם גרמנית). היה בכך משום ויתור לשלטונות, כי זה היה התנאי למתן רשיון רשמי לניהול ה„חדר", ולא פחות להורים, שהיו מעונינים שילדיהם ירכשו את הידיעות המינימליות בלימודי חול הדרושות בחיי יום־יום. המורה ללימודי חול בתלמוד־תורה וביתר ה„חדרים" היה מר קרוטושינסקי. באותה תקופה נוסד בעיר גם „חדר מתוקן" של יעקב בחורסקי ושם למדו, כמובן, ילדי הציונים.

מעטים מבני המקום, בעיקר מבתי אמידים ו„משכילים" למדו בבית־הספר העירוני הרוסי או בבית הספר למסחר ששפת ההוראה בו היתה גרמנית. גימנסיה לא היתה בעירנו ורק יחידים המשיכו בלימודיהם בגימנסיה הרוסית בפלוצק, אם זכו להתקבל בה בשל ה„נומרוס קלאוזוס" (רק 10% מכלל התלמידים יכלו להיות יהודים).

הבנות מהמשפחות האמידות והמתקדמות למדו ב„פנסיות" (כך נקראו אז בתי הספר לבנות), הבנות היהודיות ברובן ב„פנסיה" של הגב' מריה סאניצקה, אבל מספר מסויים מהן, בעיקר מהמשפחות האמידות, למדו ב„פנסיה" האקסלוזיבית של הגב' אספיס או העמ־מית יותר באופיה של הגב' מאסלובסקה.

תכנית הלימודים ב„פנסיות" היתה מצומצמת, כי הדגש הושם על חינוך לנימוסים טובים לפי מושגי אותם הזמנים. הבנות קדו קידות למנהלת ולמורות (מורים היו במוסדות אלה יוצאים מהכלל) ונישקו את ידיהן עם בואן לבית־הספר וצאתן ממנו. ב„פנסיות" הפולניות — ובעיקר של הגב' אספיס שרוב תלמידותיה היו בנות בעלי האחו־זות בסביבות העיר — שררה אוירה שמרנית והמשטר בפנימיות שלידן הזכיר מנזר. ב„פנסיה" של הגב' סאניצקה שררה אמנם אוירה חפשית יותר, אבל הבנות התחנכו כאן ברוח ההתבוללות ושפת יידיש („ז'ארגון" כפי שנקרא בזלזול) היתה בגדר בל ייזכר ובל ייפקד.

החינוך בבתי־הספר הלא־יהודיים ואפילו ב„פנסיה" של הגב'



כיתת תלמידות בביה"ס של הגב' מ. סאַניצקה (יושבת בשורה השניה באמצע).
אַ קלאַס פון שילערינס אין דער שול פון פרוי מ. סאַניצקאַ (זיצט אין דער צווייטער שורה אינמיטן).



צוות המורים בשנת תרע"ט
לערער — פערסאָנאַל אין יאָר 1919.
יושבים (מימין) ס'זיצן פון רעכטס): קמינסקה, טרוקנהיים (מנהלת ביה"ס לבנות — די לייטערין פון דער מיידל־שול), אינג' ב. עפרון (מנהל ביה"ס לבנים — דירעקטאָר פון דער מענער־שול), בחורסקי, טרוקנהיים.
עומדים — ס'שטייען שורה ב': בראמס, מלובנצ'יק־לאַטרנר, ח.מ. רוטבלאט, מ. זוננברג, ש. וולמאן, רוזנוואַכס־רוטבלאט;
שורה ג': א. רוזנצווייג, מ. דונקהורסט, חזנוביץ', י. קמינסקי, סקשיפצה;

סאניצקה יצרו תהום בין התלמידים והתלמידות שלמדו בהם ולבין ההורים והרחיקום מסביבתם הטבעית.

המלחמה החישה את התהליכים החברתיים והכלכליים שהסתמנו כבר בעשור הראשון של המאה העשרים ומשטר הכיבוש הגרמני, שהיה ליברלי באופן יחסי לעומת המשטר הצארי, ערער עד הסוף דפוסי חיים מקובלים. העשירים הותיקים, ה„תקיפים", ירדו מנכסיהם ובמקומם באו „עשירי המלחמה", השפעת הדת ו„כלי הקודש" רפתה ומה שקרוי „עמך", בני המעמד הבינוני הנמוך, תבעו את חלקם בחיי הציבור. השאיפה להשכלה חילונית (תיכונית וגבוהה) היתה לנחלת רבים, כי היא סללה את הדרך לעליה בסולם החברה.

ברוב ערי פולין הקונגרסאית נוסדו אז גימנסיות יהודיות וגם עירנו לא יצאה מכלל זה. ביוזמת הציונים החליטה הקהילה להקים את הגימנסיה ומכאן שמה „הגימנסיה היהודית של הקהילה בוולוצלבק", אולם למעשה היתה זו ההסתדרות הציונית שנשאה בעול ניהולה והחזקתה במשך כל תקופת קיומה.

לא מהדברים הקלים והפשוטים היה להקים בשלהי מלחמת העולם הראשונה בפולין הקונגרסאית בית־ספר תיכון יהודי. שכבת האינטליגנציה היהודית בחבל זה של פולין היתה דלילה מאד ומעטים, אם היו בכלל, בעלי ההכשרה או נסיון בהוראה. הזמנים היו מסוערים. ברוסיה פרצה המהפכה. מפלת הגרמנים הסתמנה כבר באופק והפולנים, המפולגים אמנם באוריינטציות הבינלאומיות והמפלגתיות, היו דרוכים לקראת הקמת מדינתם הריבונית לאחר 150 שנות שעבוד. ברחוב היהודים צצו ופרחו המפלגות השונות למיניהן, שניהלו ביניהן וכוחים ערים ותעמולה רעשנית, שפילגו אפילו משפחות.

העסקנים הציוניים לא נרתעו מהקשיים ונגשו ליסוד הגימנסיה לפי המתכונת של בתי־הספר מיסודו של ד"ר מ. בראודה. בבתי־ספר אלה, שנקראו „אוטראקביסטיים" (דו־לשוניים) נלמדו הלימודים הכלליים בשפת המדינה ולימודי היהדות — בשפה העברית.

הציונים הקנאים ראו אמנם פסול בעובדה שאין הגימנסיה מתנהלת על טהרת העברית וה„יידישיסטים" מאידך על שאין בה זכר לשפת „יידיש" ולספרותה ואלה וגם אלה התריעו על כך שהיא מחנכת להתבוללות, אולם הנסיון הוכיח שבתי־ספר אלה מילאו את יעודם. הם חינכו אינטליגנציה יהודית בעלת מטען נכבד למדי של מדעי היהדות (ידיעת התנ"ך, השפה העברית, ספרותה ותולדות העם היהודי), שהיתה ברובה חדורה תודעה יהודית, דגלה ברעיון התחיה הלאומית ושמרה לו אימונים.

הגימנסיה לבנים פתחה את שעריה בסתיו 1917 בבנין שנמצא בחצר בבית פרטי ברחוב קושציושקו (היתה גם כניסה מרחוב קאליסקה) והיו בה תחילה מכינה ושלוש כיתות. מדי שנה בשנה נוספה כיתה עד שהגימנסיה הגיעה לשמונה הכיתות לפי החוק.

כעבור שנה, בשנת 1918 נפתחה הגימנסיה לבנות בבנין בחצר הבית ברחוב 3 במאי מס' 25.

מנהל הגימנסיה לבנים היה אינג' ב. עפרון. בא אלינו מוארשה שם כיהן כחבר העיריה מטעם המפלגה העממית („פאלקיסטים") שבראשה עמד נח פרילוצקי. מנהלת בית הספר לבנות היתה הגב' טרוקנהיים.

נאָך יאָרן אָנגעשטרענגטע אַרבעט אויפן געביט פון לעגאַליזירן די פאָלקסשול ביי דער שולמאַכט, אַרויסטרעטונגען פון יידישע אַרבעטער־ראַטמענער אין שטאָטראַט און אין קהילה וועגן סובסידירן די פאָלקסשול, געבן יידישע קינדער אַ מאָדערנע יידישע דערציונג — איז אין יאָר 1930 געשלאָסן געוואָרן די יידישע פאָלקסשול א.נ. פון י. ל. פרץ.

די עטלעכע הונדערט שילער פון דער פאָלקסשול זענען שוין נישט פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער יידישער שפּראַך, פאַר דער יידישער געזעלשאַפט. אין זייערע היימען איז געבליבן דאָס יידישע בוך וואָס די שול האָט זיי איינגעשאַפן, דאָס שולבוך — אין וועלכן נישט איין טאַטע און מאַמע האָט זיך אַריינגעלייענט.

אויפן אָרט פון דער פאָלקסשול איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער אַ יידישע נאָכמיטאָג־שול פאַר שילער פון די פאָוושעכטע שולן, ווו די קינדער האָבן 3 אַמאָל אין וואָך, צו עטלעכע שעה, געלערנט יידיש און פאַרברענגט אין אַן אייגענער סביבה. די נאָכמיטאָג־שול האָט זיך אויסגעהאַלטן נאָר פון שכר־לימוד. עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה 1939.

אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פאָלקסשול האָבן מיטגעאַרבעט: י. מ. שאַטאַן (מאָנטרעאָל), שיע כזשאַנסטאָווסקי, חיים טאַבאַטשניק, הענריק ווישעגראָדסקי, איגנאַצי חיימאָוויטש, יעקב אדם כזשאַנסטאָווסקי, שייע שאטאן, יעקב לייב ראָזענטאַל, אפרים ליכטנשטיין, זלמן ליכטנשטיין (פ״שט), משה פראווער (רעכטע פ.צ), משה לעווי (רעכטע פ. צ.), זעמעלמאַן (לינקע פ. צ.), דוד פשעדעצקי (לינקע פ. צ.).

פאָלגנדע לערער האָבן געאַרבעט אין דער פאָלקסשול: ראָזע קאַנטאָר (פ״שט), משה אלמאן (ענגלאַנד), סימע ליכטציער, לייב גרשוני, דאָראַ אלמאן (אומגעקומען מיט די אָסטראָווצער יידן), ראָזנבוים (לערערין), באָטשאַן, חנה קראַוויעץ (איצטער אין ישראל), זעמעלמאַן, אַ מוזיקער (אומגעקומען אין פראַנקרייך), אברהם פאזשענטשעווסקי, אַ העברעיש־לערער.

משה אלמן / ענגלאנד

„אָרט"

די געזעלשאַפט „אָרט" * איז געגרינדעט געוואָרן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1930 און עקזיסטירט אַרום 7 יאָר.

מיט דער „אָרט"־אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט אַ קאָמיטעט פון 7 מיטגלידער. פון יאָר צו יאָר איז געוויילט געוואָרן אויף אַן אַלגע־מיינער פאַרזאַמלונג אַ נייער קאָמיטעט. די אָפּטיילונג האָט געציילט אַרום 400 מיטגלידער. די צאָל איז בישט געוועזן קיין באַשטענדיקע. ס'זענען אָפּגעפאַלן אַלטע און צוגעקומען נייע מיטגלידער. פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פלעגט די רעווידיר־קאָמיסיע קאָנטראָ־לירן די טעטיקייט פון קאָמיטעט און זיין בוכפירונג.

די הכנסה פון „אָרט" איז איינגעפלאָסן פון: מיטגליד־אָפּצאָל, יערלעכע געלט־זאַמלונגען (אַקציעס), שכר־לימוד און פון דעם בלימל־טאָג איין מאָל אין יאָר.

„אָרט" האָט אויסגעהאַלטן אַן אייגענעם לאָקאַל, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ לערן־זאַל און ביוראָ. נאָך אַ כוליגאַנישן איבערפאַל מצד אַנטיסעמיטן אויפן ערשטן לאָקאַל, בעת אנטי־יידישע אַרויס־טרעטונגען אין שטאָט **) האָט „אָרט" פאַרנומען אַ פאַסיקן לאָקאַל אויפן אַלטן מאַרק.

די טעטיקייט פון „ארט" האָט זיך געלאָזן פילן אין שטאָט צוליב דער צאָל דורכגעפירטע פאך־ און דערגענצונגס־קורסן.

פאָלגנדיקע קורסן האָט „אָרט" דורכגעפירט אין וולאָצלאַוועק:

1. אַ מאָדעליר־קורס פאַר קאַמאַשנמאַכער. געדויערט 6 חדשים און געציילט איבער 30 שילער, מענער.

2. וועש־נייעריי פאַר מיידלעך און פרויען. דער קורס האָט זיך געצויגן קנאַפּע צוויי יאָר און געציילט אַרום 50 שילערינס.

3. אָנדולאַציע פאַר פריזירער. געדויערט 6 חדשים. באַזוכט געוואָרן דורך 20 שילער פון ביידע געשלעכטער.

4. ראַדיאָטעכניק. דער קורס האָט געדויערט אַרום אַ יאָר. גע־ציילט איבער 20 שילער.

5. אַ 3־חדשימדיקן קורס פון מענער־צושניידעריי. אַרום 20 פאַכמענער־שניידער האָבן באַזוכט דעם קורס.

* וועגן אָרט זע אויך אין דאָזיקן ספר דעם מאמר וועגן האַנדווערקער־פארבאנד.

** זע אין דאָזיקן ספר ז' 125.

6. אַ 3־חדשימדיקן קורס פון גאָרסעטן־נייעריי. באַזוכט געוואָרן דורך שילערינס, אַרום 20 אין צאָל.

7. דאַמען־שניידעריי. דער דאָזיקער קורס האָט זיך געצויגן אַרום 2 יאָר. געציילט אַ 60 שילערינס. אין צווישנצייט געהאַט 3 אינסטרוקטאָרינס.

אַלע אינסטרוקטאָרן זענען רעקאָמענדירט געוואָרן דורך דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון „אָרט" אין וואַרשע.

די קורסן זענען געוואָרן לעגאַליזירט דורך דער צענטראַלער שול־מאַכט, בילדונגס־מיניסטעריום אין וואַרשע און געהאַט רעכט אַרויסצוגעבן צייגענישן. ביים אָפּשליסן אַ קורס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן עקזאַמען און אַן אויסשטעלונג פון די שילער־אַרבעטן. פאַר דער שול־מאַכט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער לייטער פון די קורסן: ד"ר א. קרויזלער.

אויף אַ ספעציעלן באַנקעט פאַר „אָרט"־טוער און שילער איז פאָרגעקומען די פאנאדערטיילונג פון די פאַך־צייגענישן און דער „אָרט"־קאָמיטעט האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו שעפּן נחת פון זיין טעטיקייט. בלויז דער ראַדיאָ־טעכנישער קורס האָט, צוליב לעגאַלי־זאַציע טעמים, נישט באַקומען קיין אַרויסלאָז־צייגענישן.

אין פאַרלויף פון דער „אָרט"־עקזיסטענץ האָבן באַזוכט וולאָצ־לאַוועק מיט רעפעראַטן פאָלגנדע אַקטיווע „אָרט"־טוער: ב. אייסור־ראוויטש, יעקב לעשטשינסקי, ד"ר א. סינגאלאָווסקי און אינזש. י. יאשונסקי. אַזאַ באַזוך האָט אַריינגעברענגט יום־טובדיקייט אין שטאָט.

פאָלגנדע מיטגלידער האָבן אָנגעפירט מיט דער „אָרט"־טע־טייקיט איין אָדער מער קאַדענצן:

אָסטערן י. פּראָפעסאָר אין דער העברעאישער גימנאַזיע. פאַר־נומען דעם פאָרזיץ אין „אָרט" אַ יאָר צייט. (אומגעקומען אין פּשע־מישל). בריש ב. ד"ר מעדיצין. לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון „אָרט" און מיטגליד פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג אין וואַרשע (אומגע־קומען צווישן די פּוילישע אָפיצירן אין קאַטין, הינטער סמאָלענסק). בראַטשטיין יחזקאל, קאַסירער פון „אָרט", חיימאָוויטש איגנאַצי. מאַגיסטער אָסאָווסקי, טייטלבוים ישראל, דירעקטאָר פון האַנטוו. און קליינהענדלער־באַנק, טאַבאַטשניק חיים (געשטאָרבן אין אויסט־ראַליע), ד"ר קרויזלער אַברהם (פ"שט). טכוזש ח. אל.; שענקער וו.; זיידע (די לעצטע דריי אין ישראל), ראוויצקי פייוויש, אומגעקו־מען אין וואַרשעווער געטאָ.

אינקאַסענט פון „אָרט" איז געווען מינץ בנימין.

די געזעלשאַפט „אָרט" האָט אָפּגעשטעלט, צייטווייליק, איר טעטי־קייט אין יאָר 1937 צוליב רדיפות פון דער אָרטיקער זיכערהייטס־מאַכט ***).

*** זע אין דאָזיקן ספר ז' 131.

ד״ר י. מ. בידערמאַן / ניו־יורק

די וולאָצלאַוועקער יידישע פּרעסע

א.

די ערנסטע באַציונג צום געדרוקטן וואָרט איז פון תמיד אָן געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידן, דעם פאָלקסטימלעכן ייד גלייך ווי פאַר דעם יידישן אינטעליגענט. דאָס רעליגיעזע ספר און שפּעטער דאָס וועלטלעכע־העברעישע און יידישע בוך און די יידישע צייטונג — האָבן געהאַט אַן אומגעהויערע השפּעה אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון יידישן יחיד און יידישן כלל און זענען געווען פון די ווירקזאַמסטע פאַקטאָרן אין יידישע צבורישן לעבן.

מיט דעם אויפקום און דער אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער העברעישער און יידישער פּרעסע אין פּוילן, האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן אז דער יידישער לייענער איז אַ מבין אויף גוטע זשורנאַליסטן און „לעקט די פינגער" פון אַ געלונגענעם אַרטיקל אָדער שאַרפזיניקן פעליעטאָן; עס איז אויפגעקומען דער טיפּ פון אַ „קורא ותיק", וואָס האָט זיך נישט באַגענוגנט מיט סתם איבערלייענען די צייטונג, נאָר געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע בריוו צו דער רעדאַקציע די מיינונגען און געדאַנקען וואָס האָבן געריזלט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די צייטונג איז על־פּי־רוב דערשינען אין דער הויפּטשטאָט און ווייל זי האָט געדאַרפט און געוואָלט אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון דער פּראָווינץ, האָט זי דערמוטיקט אָרטיקע קאָרעספּאָנדענטן צו באַשרייבן לאָקאַלע געשעענישן און אַוועקשטעלן פאַר אירע לייענער לאָקאַלע פּראָבלעמען.

וולאָצלאַוועק איז נישט אָפּגעשטאַנען אין דער הינזיכט פון אַנדערע ישובים. אדרבא, ווי אויף אַ סך אַנדערע געביטן, האָט זי אויך אין דער צענטראַלער יידישער פּרעסע פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ וואָס איז נישט געשטאַנען אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער גרויס פון אָרטיקן ישוב. ווען מען לייענט י. טרונקס געשיכטלעכע אַרבעט אין דאָזיקן ספר, וואַרפט זיך טאַקע אין די אויגן דער פאַקט, אַז איינער פון די הויפּט־מקורים פאַר דער רעסטאַווירירונג פון דער געשיכטע פון די יידן אין אונזער שטאָט אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצענטן יאָרהונדערט, איז די פּרעסע — פון דער פּוילישער „יוטשענקא" ביז די שפּעטערדיקע העברעישע צייטונגען: „המליץ", „המגיד" און „הצפירה". מיט דער אנטוויקלונג פון דער יידישער אַלגעמיינער און פּאַרטייישער פּרעסע ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז וולאָצלאַוועק אַן אָפטער גאַסט אויף אירע שפּאַלטן און אַנטפּלעקט זיך ווי אַן אַקטיווע יידישע שטאָט מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטייישער טעטיקייט.

וולאָצלאַוועק האָט אויך געהערט צו די בעסטע אָפּנעמער פון צייטונגען און פאַרנומען אַ גענוג חשוב אָרט אין די קאָלפּאָרטאַזשאָפּטיילונג פון יעדער צייטונג, צייטשריפט אָדער זשורנאַל. אין ערשטן יאָרצענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איידער עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען די וואַרשעווער יידישע צייטונגען („דער היינט"

אין יאָר 1908 און „דער מאָמענט" אין יאָר 1910), האָבן די וולאָצלאַוועקער יידן, שפּראַכלעך על־פּי־רוב אַסימילירטע, געשמאַק געלייענט די ליבעראַלע פּוילישע טאָג־צייטונגען, בעיקר פּריזעס „קוריער פּאָראַננ״" (אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1877) אָדער קעמפּנערס „נאָוואַ גאַזעטאַ", אין וועלכער עס האָט מיטגעאַרבעט אונדזערער אַ בן־עיר וואַסערצוג. אונטער זיין פּען־נאָמען „ווידז".

מיט דער צייט האָבן זייער אָרט פאַרנומען די יידישע צייטונגען, וואָס האָבן מער אָנטשפּראָכן דעם יידישן לייענער, סיי צוליב דער שפע פון ידיעות וועגן יידישן לעבן און סיי צוליב דעם אומאויפהערלעכן וווקס פון יידיש־רעדנדיקע עלעמענטן, וועלכע האָבן געשפּאַרט קיין וולאָצלאַוועק פון דער פּרעמד. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די יידישע טאָג־פּרעסע אין פּוילן האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין אַ תקופה פון דערוואַכטע נאַציאָנאַל־יידישע געפילן פון איין זייט און פאַרשאַרפטן אַנטיסעמיטיזם פון דער אַנדערער זייט. גענוג צו דערמאָנען די געוואַלדיקע ראָל, וואָס דער „היינט" האָט געשפּילט בעת די וואַלן צו דער פערטער „דומע" אין יאָר 1912 און שפּעטער בעת דער אַנטיסעמיטישער באָיקאָט־אַקציע אָנגעפירט דורך די ענדעקעס פון דמאָווסקיס חדר.

בעת וולאָצלאַוועק איז געווען אין משך פון ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעשניטן פון וואַרשע (אונזער שטאָט האָבן די דייטשן פאַרנומען אין נאָוועמבער 1914 בעת וואַרשע איז דורך זיי אקופּירט געוואָרן אין אויגוסט 1915) איז קיין וולאָצלאַוועק אָנגעקומען די „לאָדזשער טאָגצייטונג". דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ צייטווייליקע דערשיינונג.

אין דער תקופה פון צווישן ביידע מלחמות איז אין פּוילן דערשינען אַ רייכע און פילפאַרביקע יידישע פּרעסע, אַרויסגעגעבן פון כמעט אַלע ריכטונגען אין יידישן לעבן. די דאָזיקע צייטונגען האָבן זיך פאַרנומען מיט אַלגעמיין־פּאָליטישע און יידישע פּראָבלעמען און נישט געקענט ווידמען צופיל אויפמערקזאַמקייט און אָרט די לאָקאַלע ענינים פון די הונדערטער יידישע פּראָווינץ־שטעט. עס איז דעריבער געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז יעטוועדער גרעסערער יידישער ישוב האָט זיך באַמיט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן; די גרויסע שטעט, ווי ווילנע, לעמבערג, קראָקע, ביאַליסטאָק, לובלין און אַנדערע האָבן אַרויסגעגעבן טעגלעכע צייטונגען און די קלענערע שטעט — וועכנטלעכע. גאַנץ אָפט האָבן די צענטראַלע טאָג־צייטונגען איבערגעלאָזט אַ גאַנצע זייט אָדער מער פאַר אַזוי גערופענע „מוטאַציעס", ביילאַגעס פאַר דער געגעבענער שטאָט אָדער קרייז, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן, ס׳רוב, אויפן אָרט. וולאָצלאַוועק איז אויף דעם געביט געווען איינע פון די רירעוודיקסטע שטעט.

ב.

ס׳איז שווער איצט צו באַשרייבן די ראשיתן פון דער יידישער לאָקאַלער פּרעסע אין וולאָצלאַוועק. די סיבה איז אַ פּשוטע — אי ס׳זענען נישט פאַרבליבן קיין זכרונות פון יענע טעג, אי ס׳זענען נישט פאַרבליבן קיין שום שפּורן פון די צייטונגען פון יענער תקופה. ס׳איז אָבער באַקאַנט, אַז אין דעם ערשטן צענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך אַרויסצוגעבן אַ לאָקאַלע צייטשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך. איר רעדאַקטאָר איז געווען פּאַוועל גאָלדע, אַן אָנפירנדיקע און צענטראַלע פיגור אין יענער תקופה אין וולאָצלאַוועק. גאָלדע האָט געגרינדעט און איז געווען אין פאַרלויף פון יאָרן דער דירעקטאָר

פון דער סוחרים־באַנק, אַקטיוו אין אַ ריי געזעלשאַפטלעכע, ווילטעטיקע אינסטיטוציעס. אין תוך איז ער געווען אַן אַסימילאַטאָר, אָבער איז געוואָרן מיטגעריסן פון דער אויפגייענדיקער ציוניסטישער באַוועגונג (נאָך הערצלס טויט אָנגערופן זיין נייגעבוירענעם זון מיטן נאָמען טעאָדאָר), און שפּעטער ווידער זיך דערווייטערט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. לײדער האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות וועגן דער דאָזיקער צייטונג און ווייסן אפילו נישט ווי לאַנג זי האָט עקזיסטירט. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פּרווו אין יענער צייט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, וואָרום נישט געקוקט אויף די פינצטערע רעאַקציע פון צאַרישן רעזשים, איז די קולטור־טעטיקייט אין וולאָצלאַוועק געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ לעבעדיקע און ס׳איז זיך גרייַלעך פאָרצושטעלן, אַז פון צייט צו צייט זאָלן זיך האָבן געפונען „משוגעים לאותו דבר״, וואָס דער יצר־הרע פון שרייבערישע אַמביציעס געכפּלט מיט דעם ווילן צו באַאיינפלוסן דעם דעת הקהל, האָט זיי געשטויסן צו שאַפן אַן אייגענע, לאָקאַלע טריבונע.

פּאַקטיש אָבער איז די לאָקאַלע יידישע פּרעסע אין פּוילן אויפגעקומען מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. די דעמאָקראַטיזאַציע פון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, דאָס אינטענסיוו פּולסירנדיקע, פילפאַרביקע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן, האָבן אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע צאָל אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער און די אָרטיקע פּראַגן האָבן אַלץ מער אינטערעסירט די דיפערענצירנדיקע זיך יידישע באַפעלקערונג.

שוין אין יאָר 1919 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ צייטונג, מיטן נאָמען: „וולאָצלאַוועקער טאָגבלאַט״. פון דעם אונטערקעפּל דרינגט אַרויס, אַז די צייטונג האָט געזאָלט באַדינען עטלעכע שכנותדיקע פּאָוויאַטאָווע שטעט, ווי פּלאָצק, וולאָצלאַוועק, קוטנע, און אויב מיר זאָלן משפטן לויט דעם וואָרט „טאָגבלאַט״, איז דאָס געווען אַ טעגלעכע צייטונג. אַ פּנים, אַז די דאָזיקע צייטונג האָט קיין לאַנגען קיום נישט געהאַט. אין דעם 4־טן נומען פון „טאָגבלאַט״ דאַטירט דעם 2־טן מערץ 1919, וואָס איז אונדז אויסגעקומען צו האַלטן אין האַנט, איז אָנגעגעבן דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע אויף פּיעקאַרסקע גאַס נומער 3 (אין פּלאָצק — טומסקא 7, קוטנע — פּאַלאַץ־גאַס, ביי הערש פּאַסט). עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס איז געווען אַ פּרעסע־אָרגאַן פון באַשטימטע פּאַקטאָרן מיטן ציל צו דינען אַ געוויסע אַקטועלע אויפגאַבע. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען 1919!

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז אַרום יענע יאָרן האָט אין וולאָצלאַוועק אָנגעהויבן צו דערשיינען דער פאָרלויפער פון דעם „נאַש פּשעגלאָנד״, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן „קוריער זשידאָווסקי״ און איז געווען דאָס ערשטע קערנדל פאַר דער שפּעטער וואַרשעווער יידישער פּרעסע אין דער פּוילישער שפּראַך. די דאָזיקע צייטונג איז געוואָרן געדרוקט אין דער דרוקעריי פון וואָלקאָוויטש און איינער פון אירע רעדאַקטאָרן איז געווען דער דעמאָלט יונגער בן־עיר אונזערער שמואל וואָלקאָוויטש, וועלכער איז שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע, געווען טעטיק אין דער פּאָלקס־פּאַרטיי און רעדאַגירט דיווירטשאַפטלעכע זייט פון דעם אויבן־דערמאָנטן „נאַש־פּשעגלאָנד״.

אין פעברואַר 1926 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָס וולאָצלאַוועקער וואָכנבלאַט״ — „אַן אומפּאַרטייישע, געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע וואָכנצייטונג״ אונטער דער רעדאַקציע פון ד. גייער, ח. פּלאַקסער און מ. מיעדזשינסקי. דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע איז אָנגעגעבן — ציגאַנקע 20. מיר נעמען אָן, אַז די צייטונג, הגם נישט דירעקט פאַרבונדן מיט דעם קליינהענדלער־פאַראיין, וואָס זיין לאָקאַל האָט זיך געפונען אויף דעם דאָזיקן אַדרעס, האָט דאָך געהאַט צו טאָן אין דער ערשטער ריי מיט די אינטערעסן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, ווייל אירע רעדאַקטאָרן, אַ חוץ ד. גייער, זענען געווען אירע פּראָמינענטסטע עסקנים. העניך (חנוך) פּלאַקסער, אַ זון פון אַ חסידישע פאַמיליע פון גרויסע למדנים, אַליין טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן וויסן, אַן איידעם פון דעם באַוווסטן קינסקער רב, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זיין עקסטרעם פרומער היים און דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלע אידעאַלן, געוואָרן איינער פון די מיטגרינדער און אָנפירער פון דעם וולאָצלאַוועקער „מזרחי״. זיין פּרנסה האָט ער געצויגן פון אַן אייזן־געשעפט, וואָס ער האָט געפירט ביז זיין עליה קיין ארץ־ישראל אין די סוף דרייסיקער יאָרן. פּלאַקסער האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן סטיל אין שרייבן. זיינע אַרטיקלען און פּעליעטאָנען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פּאָלקסטימלעכער און אידיאָמאַטישער יידישע שפּראַך און זענען געווען באַהויכט מיט אַ סובטעלן הומאָר. אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען אַ געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט, ווייל ער האָט זיך באַוויגן צווישן דער מצווה פון כיבוד־אב־ואם און די פליכטן פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן כלל־טוער. עס איז גענוג צו דערמאָנען די געשיכטע וואָס האָט געהאַט צו טון מיט די וואַלן פון אַ רב אין וולאָצלאַוועק. די ציוניסטיש־מזרחיסטישע פראַקציע אין קהילה־ראַט האָט געוואָלט אויפנעמען דעם סעמיאַטיטשער רב אויף דעם וולאָצלאַוועקער כסא רבנות. די „אגודה״ האָט זיך פאַרלייגט נישט צו דערלאָזן צו דעם דאָזיקן אַקט. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע כוחות צו שטערן די וואַלן. פּלאַקסער האָט זיך נישט געוואַקלט, איז געקומען צו דער זיצונג און געוואָלט און געזאָלט שטימען פאַר דעם נאַציאָנאַלן קאַנדידאַט. אין מיטן דער זיצונג איז אַריינגעלאָפן אַ צעהיצטע מיט אויסגעשטרעקטע הענט און אַ פאַרוויינטע פּלאַקסערס מוטער און אויסגעשריען: „העניך, דער טאַטע גוססט, קום שנעל, ער וויל דיך זען!״ אַ בלייכער און אַ צעשראָקענער האָט פּלאַקסער נישט געקוקט אפילו צו דער זייט פון זיין היסטערישער מאַמען, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון גערער שטיבל צו שטערן דעם גאַנג פון די וואַלן. זיין פאָטער, ר׳ אליעזר, אַ באַוווסטער גערער חסיד און דעם רבינס אַ מקורב, איז געווען געזונט און שטאַרק. (אגב, זיינע יאָרן האָט ער אויסגעלעבט צוזאַמען מיט זיין פּרוי אין ארץ־ישראל). העניך פּלאַקסער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אויפריכטיק און ערלעך איז אויך געווען העניך פּלאַקסער׳ס זשורנאַליזם.

מ. מיעדזשינסקי איז געווען פון אַ גאָר אַנדער טייג געקנאָטן. אַליין פון זשיכלין, האָט ער זיך שנעל איינגעבירגערט אין וולאָצלאַוועק און ווי אַן אייגנטימער פון אַ קליין טאַבאַק־געשעפט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכלעך מיט די ענינים פון קליינהענדלער־פאַראיין. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַ מאָדערנעם שתדלן און האָט זיך פאַרנומען מיט אינטערוועניצן לטובת יחידים ביי די מאַכט־אָרגאַנען. זייענדיק אויסגעקאָכט מיט די פּוילישע מאַכטהאָבער, האָט ער אַ סך מאָל אויסגעפּועלט טובות פאַר יידישע נצרכים און דערפאַר איז זיין פּאָפּולאַריטעט געוואַקסן. ער איז אַזוי אַרום געשטיגן אויפן לייטער פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און שטיצנדיק זיך אויף זיין פאַראיין, געוואָרן ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. שרייבעריש, אין דער צייטונג, האָט מיעדזשינסקי, קיין סאַך נישט בייגעטראָגן.

ד. גייער איז אָנגעקומען קיין וולאָצלאַוועק פון זיין גאַליצישער היימשטאָט אין יאָר 1921 ווי אַ לערער פאַר געשיכטע אין דער

יידישער גימנאַזיע. (אין די ערשטע יאָרן האָט ער זיך גערופן סאַסאָווער). אַ צייט לאַנג איז ער געווען טעטיק אין דער אָרטיקער ציוניסטישער גרופּירונג „התאחדות", שפּעטער האָט ער אַרויסגעוויזן סימפּאַטיעס צום רעוויזיאָניזם און דאַן זיך אידענטיפיצירט מיט דער „על המשמר"־פראַקציע פון אַלגעמיינעם ציוניזם. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער שאַך־שפּילער און אָפט האָט מען אים געזען פאַרטון אין אַ פּאַרטיע שאַך אין די וולאָצלאַווקער קאַוויאַרניעס. ער האָט אויך אַנטייל גענומען אין שאַך־וועלט־פאַרמעסטונגען און אַ געוויסע צייט אַרויסגעגעבן אין וולאָצלאַוועק אַ שאַך־זשורנאַל אין דער פּוילישער שפּראַך. די לעצטע יאָרן איז ער געווען טעטיק אין דעם ספּאָרט־קלוב „מכבי". גייער האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערן זשורנאַליסטישן טאַלאַנט. אין „דורך מיינע ברילן", ווי עס האָט זיך גערופן זיין שטענדיקע רובריק אין „וואָכנבלאַט", האָט נישט געפינקלט מיט קיין אָריגינעלקייט פון צוגאַנג אָדער סטיל. ער האָט פונדעסטוועגן, ווי דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט אין דער רעדאַקציע, באַוויזן צוצוציען אַ ריי יונגע כוחות, צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט גאַבריש (גבריאל) ראָט, וואָס האָט געדרוקט דאָרט זייער פיינע רעפּאָרטאַזשן. ער האָט אויך איינגעפירט אַ ווינקל פאַר קרייצווערטער און רעבוסן. ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זייער הויפּט־צושטעלער איז געווען זיין געוועזענער תלמיד פון דער יידישער גימנאַזיע — ישעיהו ברוך מירעלס (דער היינטיקער ניו־יאָרקער תושב און באַקאַנטער וולאָצלאַווקער טוער, סטענלי ב. מירעלס), וואָס האָט ווי אַ גימנאַזיסט זיך נישט געטאָרט באַטייליקן אין דער פּרעסע און פאַרדרייט זיין נאָמען אויף „סלערים".

דאָס וואָכנבלאַט איז דערשינען אַ קנאַפּ יאָר צייט און אין מערץ 1927 האָט אָנגעהויבן אויף זיין אָרט אַרויסגיין דאָס „וולאָצלאַווקער לעבן" אונטער דער רעדאַקציע פון דעם אויבנדערמאָנטן ד. גייער. ווי דער אַרויסגעבער פיגורירט הערמאַן קינאָ. געוויינלעך פלעגט אונטערשרייבן ווי דער אַרויסגעבער פון אַ צייטונג, אָדער ווי מען האָט אין פּוילן גערופן „פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר" אַ מענטש, וואָס איז נישט תמיד געווען פאַראַנטוואָרטלעך... ער האָט הויפּט־זעכלעך אויסגעפירט די ראָל פון אַ „זיץ־רעדאַקטאָר", פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אינהאַלט פון דער צייטונג פאַר די מאַכט־אָרגאַנען. אין דעם פאַל אָבער איז עס ווייט נישט געווען אַזוי. הערמאַן קינאָ איז געווען אַן אָנגעזעענער און, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, אַ פאַרמעגלעכער יידישער סוחר אין שטאָט, אַ מענטש מיט טיפער אַלגעמיינער קולטור און מיט פאַרשטענדניש פאַר ליטע־ראַטור און קונסט. זיין שטוב איז געווען אַ בית־ועד אויך אַ דאַנק זיין פרוי, וואָס איז געווען די פירערין פון דער אָרטיקער „וויצאָ"־פרויען־אָרגאַניזאַציע און פונקט ווי איר מאַן זיך געהאַלטן פאַר אַ מבין אויף סקולפּטור און מאַלעריי. די ווענט פון זייער רחבות־דיקער היים אויף זשאַביע גאַס זענען געווען באַהאַנגען מיט פּראַכט־פולע מאָלערייען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען לייוועטן פון דעם באַרימטן מאָלער הענעך גליצענשטיין, וואָס האָט אַ צייט גיוווינט ביי זיי אין וולאָצלאַוועק און מיט וועלכן זיי האָבן זיך משפּחהדיק געיחוסט. הערמאַן קינאָ האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט מיט עכטער גוישער גראָדליניקייט. פון איבערצייגונג איז ער געווען אַ ציוניסט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דעם באַלעבאַטישן וולאָצלאַווקער אַלגעמיינעם ציוניזם אַ באַדיי־טענדיקע דאָזע פון אומאָרטאָדאָקסאַלע, רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וואָס זענען געבליבן אַ ירושה פון זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז

געווען אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּוילן די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, תחילת ווי אַ פראַקציע פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז הערמאַן קינאָ געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער גרופּע אין וולאָצלאַוועק און אויך שפּעטער געבליבן ביז צום סוף געטריי דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אויך דאָס דאָזיקע וואָכנבלאַט האָט נישט באַוויזן אָנצוהאַלטן מער ווי אַ האַלב יאָר און ווי זיין המשך הויבט אָן צו דערשיינען אין סעפּטעמבער 1927 „די ראַיאָן־צייטונג" אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. ב. ציפּור. לויט דעם אונטערקעפּל האָט די צייטונג געדאַרפט דינען ווי „אַן ערנסטער וואָכנזשורנאַל פאַרן גאַנצן מערב־פּוילישן יידנטום". די צייטונג האָט באַדינט אַ חוץ וולאָצלאַוועק אויך די שטעט פּלאָצק, קוטנע און בידגאָשטש.


ד"ר י. ב. ציפּור איז געווען דער איידעם פון הרב קאָוואַלסקי. אַליין אַ בעסאַראַבער ייד איז ער אין זיין קינדהייט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אַריבער קיין פּאַריז און באַקומען דאָרט אַ פראַנצויזישע בילדונג. אָנגעהויבן האָט ער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך און אַריבערקומענדיק אין 1912 קיין וואַרשע האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט י. ל. פּרץ און דערמוטיקט צו שאַפן אין יידיש. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע עסייען אין פּסיכאָלאָגיע, געשריבן דראַמאַטישע מיסטעריעס און פּיעסן, ווי „די שכינה אין גלות", „דער אויפשטאַנד", וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער יידישע טעאַטערס און אויך דורך דעם וולאָצלאַווקער יידישן טעאַטער־קרייז. ער האָט רעדאַגירט ליטעראַ־רישע זאַמלביכער צוזאַמען מיט י. מ. ווייסנבערג און ביז זיין קומען קיין וולאָצלאַוועק געדרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „וואַר־שעווער טאָגבלאַט" וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ד. נאָמבערג. ער האָט אויך געפּרוווט שרייבן קינדער־פּיעסן, פון וועלכע עס זענען דערשינען עטלעכע אין יידיש ווי אויך אין אַ העברעישער איבערזעצונג. ד"ר י. ב. ציפּור, וואָס זיין אמתער נאָמען איז געווען יצחק שטערמאַן, האָט זיך באַטייליקט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין וולאָצלאַוועק, אָנפירנדיק אויך אַ גאַנצע ריי קורסן פאַר דערוואַקסענע און פאַר יוגנט. אין דער „ראַיאָן־צייטונג" האָט ער געדרוקט דערציילונגען און אַרטיקלען. צו זיין שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז אָפּגעהיטן געווען אין לשון און גענוצט אַ ראַפינירטן סטיל. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט דעם מאָדערנעם יידישן אויסלייג אין דער פּראָווינצער פּרעסע. אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט ער אַ שטויס געטאָן די וולאָצלאַווקער זשורנאַליסטיק פאָראויס.

אויך די דאָזיקע צייטונג האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים. די סיבות פון דער עפעמערישקייט פון די אַלע צייטונגען דאַרף מען זיכער זוכן, קודם כל, אין זייער שוואַכער פינאַנציעלער באַזע. דער פאַקט וואָס די דאָזיקע צייטונג פונקט ווי אַלע פריערדיקע, האָט געשטרעבט צו זיין „אומאָפּהענגיק" און נישט ווערן קיין אָרגאַן פון דער אָדער יענער פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע, האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשווערט איר מאַטעריעלע לאַגע. די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען ביכולת אויסצוהאַלטן, אָדער ווי געהעריק שטיצן אַ צייטונג, איז געווען די ציוניסטישע. איז זי אָבער געווען פאַרנומען אין פאַרלויף פון לאַנגע־לאַנגע יאָרן מיט דעם אינערלעכן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי אידעאָלאָגישע גרופּן, וואָס האָבן צעטיילט די מחנה: די „עת לבנות" — און „על המשמר"־פראַקציעס. דער פאַרזוך, ווידער, צו פאַראייניקן עטלעכע שטעט

אַרויסצוגעבן איין צייטונג האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן. וואָרום די לייענער האָבן נישט געפונען קיין אינטערעס אין דעם מאַטעריאַל וואָס איז געדרוקט געוואָרן פון די אַנדערע שטעט. אַ חוץ וואָצלאַוועק האָבן די אַנדערע שטעט נישט געקאָנט שאַפן קיין גרעסערע צאָל אַבאָנענטן. אין פאַל פון דער „ראַיאָן־צייטונג" האָט דער רעדאַקטאָר געדאַרפט אויך האָבן פרנסה און אפילו קיין טיילווייזע חיונה דערפון נישט געקענט אַרויסציען.

ג.

אַ סטאַבילע וואָכנצייטונג האָט דאָס יידישע וואָצלאַוועק באַקומען ערשט פון אויגוסט 1930. די „וואָצלאַווקער שטימע" איז דערשינען אָן איבעררייס ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די ערשטע צייט איז די „שטימע" רעדאגירט געוואָרן פון נתן פּערלבערג און יוסף האָרן. נתן פּערלבערג איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט, און ווי אַ פאַרברענטער חסיד פון יצחק גרינבוים איז ער געווען דער רוח החיה פון דעם וואָצלאַווקער „על המשמר". ער איז אַ צייט לאַנג געווען דער הויפּט־טוער פון דעם ציוניסטישן וועד העירוני. ער איז געווען דער פאַקטישער גרינדער פון דער צייטונג, געשאַפן פאַר איר אַבאָנענטן און די ערשטע צייט געזאָרגט צו באַקומען מודעות און אַנאָנסן פון אָרטיקע פירמעס און געשעפטן.



נתן פערלבערג

אַ דאַנק זיינע איבערמענטשלעכע כוחות און ענערגיע האָט ער פאַרוואָרצלט די צייטונג אויפן וואָצלאַווקער יידישן באָדן. יוסף האָרן, וועלכער איז געווען אַ פעלטשער פון פאַך, האָט אין יענע יאָרן געהערט צו די רעכטע פּועלי־ציון, געווען טעטיק אין דער שול־קולט־אָרגאַניזאַציע (געפאָרן אין איר נאָמען אויף אַ זאַמל־אַקציע קיין אַמעריקע, זיך קיין מאָל פון די געלטער נישט אויסגערעכנט, דאַקעגן האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ „דאָקטאָר־טיטל" וואָס ער האָט געמוזט אַראָפּנעמען פון זיין שילדל אונטער דער דראָונג פון פאַרלירן די מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן אַלס פעלטשער) און געווען פאַרבונדן געזעלשאַפטלעך אויך מיט די אָרטיקע האַנטווערקער. אין איינעם פון די ערשטע נומערן פון דער צייטונג איז געקומען אַ מעלדונג מצד דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, אַז האָרן „אַרבעט מיט דער צייטונג אויף אייגענע אחריות". זיין מיטאַרבעט מיט דער צייטונג האָט, אָבער, סיי־ווי נישט לאַנג געדויערט, ווייל שוין אין נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר ווערט געמאָלדן, אַז „צוליב פּרינציפּיעלע סיבות איז יוסף האָרן אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע". דאָס מאָל האָט זיין אַרויסטריט גאָר ווייניק געהאַט צו טאָן מיט זיין פּאַרטייישער אָנגעהעריקייט. ער האָט זיין פּאַרטיי פאַרלאָזט און דורכגעמאַכט אַלערליי גלגולים, דערנענטערנדיק זיך צו דער פּוילישער מלוכה־פּאַרטיי, דער סאַנאַציע, און אָנשליסנדיק זיך צו די רעוויזיאָניסטן געוואָרן אַ געטרייער מיטלויפער פוןביידן. אין יאַנואַר 1931 האָט נתן פּערלבערג פאַרלאָזט די שטאָט און האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די רעדאַקציע האָט איבערגענומען דער שרייבער פון די שורות, וועלכער פירט מיט איר אָן פון וואַרשע, וווּ ער שטודירט ווי אַ סטודענט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט און אין דעם אָרטיקן יודאַיסטישן אינסטיטוט.

די פאַקטישע רעדאַקציאָנעלע אַרבעט אויפן אָרט האָט געפירט וואָלף זילבער. זילבער, אַ יונגער מענטש אין די מיטעלע צוואַנציקער יאָרן, איז געקומען קיין וואָצלאַוועק פון דעם דערבייִקן בריסק. ער האָט ערשט געהאַט פאַרלאָזט דעם בית־המדרש און האָט זיך מיט ברען איבערגעגעבן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל. אין בריסק איז אים געווען צו ענג. ער האָט געזוכט תכלית אין וואָצלאַוועק. אויסגעלערנט זיך בוכהאַלטעריע און זיך דערמיט פאַרנומען. זיין געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט האָט ער אויסגעלאָדן אין דער „וואָצלאַווקער שטימע". ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גלענצענדיקער פּובליציסט מיט גרויסע פעיקייטן פאַר פּראַקטישן זשורנאַליזם בכלל. ער איז געווען באַשאָנקן מיט אַן אַנאַליטישן חוש און פאַרמאָגט אַ שאַרפע פעדער. אין זיין שרייבן — דער לייטאַרטיקל „פון דער וואָך" האָט געהערט צו אים — האָט ער ווירדיק פאַרטראָטן די שטאָלצע ליניע פון אַלגעמיין יידישער ווי אויך ציוניסטישער פּאָליטיק *. אָנהויבנדיק פון יאָר 1935 ווען דער שרייבער פון די שורות האָט זיך אומגעקערט אויף סטאַביל קיין וואָצלאַוועק, וווּ ער האָט איבערגענומען דעם פּאָסטן פון לערער פאַר העברעיש אין דער יידישער גימנאַזיע, האָט ער זיך אויך געווידמעט דער רעדאַקציע פון דער צייטונג, צוערשט צוזאַמען מיט וו. זילבער און דאַן זי איבערגענומען אַליין.

די „וואָצלאַווקער שטימע" האָט אין איר פּובליציסטיק פאַרטראָטן די ליניע פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע אויפן געביט פון דער א. ג. יידישער קעגנוואַרטס־אַרבעט אין פּוילן. זי האָט אָבער ברייט געעפנט אויך אירע שפּאַלטן פאַר דער גאַנצער גאמע פון פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען און באַמיט זיך

---

* אין „פּנקס גאָסטינין", רעדאַגירט פון י. מ. בידערמאַן, ווערט דערציילט אינעם אַרטיקל: „גאָסטינינער יידן אין שאָטן פון תליות" פון שמעון רומער, ז׳ 282, דאָס פאָלגנדיקע:

„וואָלף זילבער, אַ געבוירענער אין בריסק קויאַווסקי, אַ יונגער מענטש, געווען אַן איידעם פון דעם באַקאַנטן ציוניסטישן טוער הערמאַן לעווי פון וואָצלאַוועק. ער, צוזאַמען מיט זיין שווער און זייער פאַמיליע, זענען מיטן אויסברוך פון קריג געקומען קיין גאָסטינין, ווו זיי האָבן געהאָפט צו קענען איבערלעבן די מלחמה, ווייל זייער היימשטאָט איז באַלד אין אָנפאַנג איינגעגלידערט געוואָרן אין דריטן רייך, און יידן זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן אויפן שרעקלעכסטן אופן. וואָלף זילבער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און אַ יידישער מענטש דערצו. ער האָט אין לאַגער געהאַט די פונקציעס פון דעם לאַגער־שרייבער. ער האָט זיך פאַר יידן איינגעשטעלט און באַמיט לינדערן זייער לאַגע. פאַרשטענדלעך, אַז קנאַפּ וואָס האָט ער געקענט אויפטון."

געטריי אָפּצושפּיגלען דאָס אָרטיקע רייכע און פאַרביקע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן. דעם טאָן האָט געשטעלט שוין אין די ערשטע נומערן פון דער צייטונג איר ערשטער רעדאַקטאָר נתן פּעלבערג און די ליניע איז קאָנטינוירט געוואָרן ביז צום לעצטן נומער, וואָס איז דערשינען אינעם טאָג, ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, פרייטיק דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 (דער נומער האָט שוין אָבער נישט באַוויזן קאָלפּאָרטירט צו ווערן).

פאַרשטענדלעך, אַז די צייטונג, וואָס איז דערשינען אין אַ ביז גאָר שווערער תקופה פון שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם און אַלץ מער וואַקסענדיקער ווירטשאַפטלעכער עקסטערמינאַציע, האָט מיט איר שטאָלצער און צומאָל מיליטאַנטישער שטעלונג ווייט נישט געגאָסן פון דער סימפּאַטיע פון דער מאַכט. גאַנץ אָפט איז זי דערשינען מיט ווייסע פלעקן אין „צווייטע אויפלאַגעס", נאָכדעם ווי די צענזאָר האָט די ערשטע אויפלאַגעס קאָנפיסקירט צוליב אַן אויסדרוק, אַן אַרטיקל אָדער וועלכער נישט איז אינפאָרמאַציע, וואָס האָבן נישט געפונען קיין לייטזעליקייט אין זיינע אויגן. באַזונדערס האָבן זיך די ווייסע פלעקן אָנגעהויבן מערן בעת די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין דער מיט פון די דרייסיקער יאָרן, ווען אויך די וואָלאָצלאַווקער אַנטיסעמיטן האָבן זיך פאַרנומען אויף די ווילדע וועגן פון דער אַלגעמיין־פּוילישער שנאת־ישראל, אָנגעהויבן נוצן „שלאָגנדיקע אַרגומענטן" אין זייער קאַמף מיט די יידן און אַוועקשטעלן פּיקעטן אַרום יידישע געשעפטן אין שטאָט. „איך פאָדער רעכט און שוץ" — איז געווען דאָס קעפּל פון נתן פּערלבערגס אַ פּלאַמיקן אַרטיקל, וואָס האָט אויסגעשריען דאָס ווײ־געשריי פון וואָלאָצלאַווקער יידנטום קעגן די כוליגאַנישע פּאָגראָמטשיקעס און קעגן זייערע באַשיצער, די פּוילישע מאַכטהאָבער און קעגן די פּאָליציי־אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך רויק צוגעקוקט צו די בלוטיקע געשעענישן און געלאָזט די שלעגער זיך ווילגיין. דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געדינט ווי אַ גלענצנדיקער מאַטעריאַל פאַר דער יידישער סיים־רעפּרעזענטאַנץ, דער „קאָלאָ", אַריינצוטראָגן אַ שאַרפע אינטערפּעלאַציע. נתן פּערלבערג האָט געשריבן זייער אייגנאַרטיק און פאָלקסטימלעך־יידישלעך. אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען פיזיש — שלאַנק, הויך און שטאָלץ — אַזוי שטאָלץ איז געווען זיין שרייבן.

נאָך שווערער איז געוואָרן די לאַגע בעת ס'איז אין פּוילן אָנגעגאַנגען די סיים־דעבאַטע וועגן דער יידישער שחיטה. דאָס אָנגענומענע שחיטה־געזעץ האָט אין אַ גאָר גרויסער מאָס אָנגערירט די אינטערעסן פון דער פּאָמערנער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס וואָלאָצלאַוועק איז אַדמיניסטראַטיוו אין איר אין יענעם צייט־אָפּשניט איינגעגלידערט געוואָרן. דאָס געזעץ האָט געאסרט די יידישע שחיטה אין וואָיעוואָדשאַפטן מיט א יידישע באַפעלקערונג, וואָס מאַכט אויס ווייניקער פון 3% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. לויט דער סטאַטיסטיק האָט פּאָמערן קיין 3% יידן נישט געהאַט. וואָלאָצלאַוועק אָבער האָט פאַרמאָגט ביי 15% יידן. דאָס געזעץ האָט געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט, וואָס האָט גענוצט כשר פלייש און געמוזט עס ברענגען פון אַנדערע מקומות. די גזירה האָט אויך געטראָפן די הכנסות פון דער קהילה, וואָס האָט קיין אייגענע שחיטה מער נישט געקאָנט אָנפירן און איר בודזשעט, וואָס האָט זיך אויף איר געשטיצט. עס האָט אויך אומגליקלעך געמאַכט אַ ריי שוחטים, מנקרים, טרייבערס און קצבים. די „שטימע" האָט באַקעמפט דאָס געזעץ און גערופן צו אַן אַלגעמיינעם, דעמאָנסטראַטיוון פלייש־תענית, וואָס זאָל טרעפן די פּויערים, בעת זיי וועלן נישט געפינען קיין אָפּנעמער פאַר זייערע בהמות און רינדער. די ווייסע פלעקן האָבן רויניררט די אַזוי אויך שוואַכע פינאַנסן פון דער צייטונג און כדי נישט צו פאַלן אַ קרבן פון די אָפטע קאָנפיסקאַציעס, האָט די רעדאַקציע זיך באַמיט, אַז די אַרטיקלען, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט די פראַגן פון יידישער פּאָליטיק אין פּוילן אָדער מיט אירע פּאָלגן אין וואָלאָצלאַוועק, זאָלן ווערן געשריבן אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם פון אומשולדיקע משלים, אויסצוגן פון הייליקע ספרים, וואָס האָבן נישט געקענט אָפיציעל קאָנפיסקירט ווערן, האָבן אָבער אויף אַן אומצווייזדייטיקן אופן געטראָפן אין פינטל פון די שווערע פּראָבלעמען. עס געדענקט זיך גוט, ווי דער שרייבער פון די שורות האָט, רעאַגירנדיק אויף דעם שחיטה־געזעץ, געבראַכט אַ קאַפּיטל פון „זוהר", אָנגעבנדיק דעם פּרק און פּסוק פון הייליקן ספר.


דער טרויעריק־באַרימטער און „אַלמעכטיקער" פּרעסע־רעפערענט פון וואָלאָצלאַווקער סטאַראָסטע־אַמט, זיגמונטאָוויטש, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דעם דאָזיקן לייט־אַרטיקל, וואָס זיין כוונה איז געווען אַזוי דורכזיכטיק און דער מוסר־השכל אַזוי פאַרשטענדלעך. בדרך כלל איז דער רעדאַקטאָר געווען אַן אָפטער איינגייער אין די דאָזיקע אַמטן, וואָס האָבן אים „פאַרבעטן" צו קומען און אויסהערן כלערליי וואָרנונגען און אַפילו דראָונגען מיט דעם שרעקלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז בערעזע.

די דראָונגען האָבן נישט געהאַט קיין צו גרויסע פּעולה. דער רעדאַקטאָר און די מיטאַרבעטער פון דער „שטימע" האָבן גובר געווען די שוועריקייטן און גענוצט ווייטער דאָס זעלבע לשון אויך אין די אינערלעך־יידישע אָנגעלעגנהייטן אין שטאָט. די צאָל סאַנאַציע־מיטלויפער האָט זיך געמערט אין וואָלאָצלאַוועק ענלעך ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. די „אגודה", דער סוחרים־פאַרבאַנד, דער קליינהענדלער־פאַראיין, דער האַנטווערקער־פאַראיין, און אין אַ געוויסער מאָס אויך די קרייזן פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, האָבן געשוויבלט מיט די דאָזיקע סאַנאַציע־מיטקריכער, וואָס זענען מיטגעלאָפן הויפּטזעכלעך צוליב אָפּאָרטוניסטישע און קאַריעריסטישע סיבות. די צייטונג האָט זיי קריטיקירט, אַראָפּגעריסן און באַוויזן די שעדלעכקייט פון זייערע האַנדלונגען.

ד"ר לייב פוקס האָט געהערט צו די חשובסטע מיטאַרבעטער פון דער „וואָלאָצלאַווקער שטימע". הגם ער האָט זיך אָפט געדרוקט אין וואַרשעווער „היינט" און פון מאָל צו מאָל אין לאָנדאָנער „העולם", האָט ער אָבער נישט זעלטן געשריבן ספּעציעל פאַר דער „שטימע". זיין קעמפערישקייט ווי אַ ראַטמאַן אין שטאָטראַט און פּרנס פון דער קהילה, זיין אויסגעהאַלטנקייט ווי אַ ציוניסטישער כלל־טוער, זיין הייסע ליבע צום יידישן לאַנד, זענען געקומען צום אויסדרוק אין זיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און איבערגעבנקייט צו די אינטערעסן פון יידישן ציבור.

הרב כ. פ. טכורזש איז ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג, און איז געווען דער מחבר פונעם וועכנטלעכן לייט־אַרטיקל. ער האָט אָנגעהאַלטן מיט איר אַ נאָענטן קאָנטאַקט אויך נאָך דעם ווען ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט און גאַנץ אָפט צוגעשיקט זיינע מאמרים. זיין „פּערדל" איז געווען די „אגודה", וואָס ער האָט זי באַקעמפט צוליב איר לאַנדס־פּאָליטיק און איר נעגאַטיווע באַציונגען צום ציוניזם. ר' כתריאל פישל — אַזוי פלעגט מען דעם היינטיקן רב פון תל־אביב היימישלעך רופן — איז געווען זייער פלינק אויף די פעדער. געשריבן האָט ער נישט בלויז פאַר דער „שטימע". אויך דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַן פון „מזרחי" האָט פאַרעפנטלעכט זיינע מאמרים. די „הצפירה" פלעגט דרוקן זיינע קאָ־

רעספּאָנדענצן ביז עס האָט זיך אונטערגערוקט אַ יונגער „קאָנ־
קורענט״, אַ גימנאַזיסט, וואָס פלעגט אונטערשרייבן זיינע קאָרעס־
פּאָנדענצן מיט די ראשי־תיבות ימ״ב... עס געדענקט זיך ווי היינט
ווי ס׳איז אַמאָל פינף אַ זייגער פאַרטאָג, קיין וואַרשע אויף
דזשעלנע 31 אַריינגעקומען, ווי פּייל פון בויגן, כ. פ. טכוזש און
האָט געטראָפן די דריי וואָצלאַווקער סטודענטן, צווישן וועלכע
עס איז אויך געווען זיין פלימעניק יצחק טכוזש, וואָס זענען דאָרט
געווען איינקוואַרטירט אויף סטאַנציע. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם
פּאַלטן, שנעל געלייגט טלית און תפילין, אָפּגעדאַוונט און זיך
אַוועקגעזעצט און געשריבן אַן אַרטיקל. דער אַרטיקל איז נאָך דעם
זעלבן פרימאָרגן מיט אַ שפּיליטער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין וואָצ־
לאַוועק כדי זיך צו באַווייזן אין פרייטיקדיקן נומער פון דער
„שטימע״. ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן דעמאָלט די פינפטע יאָרצייט
נאָך הרב קאָוואַלסקי ז״ל און אַ געלעגנהייטס־מאמר האָט געמוזט
אַריין אין נומער.



דוד ערסלער

די „קאַרידאָר־פּאָליטיק״ פון דער „אַגודה״ און אירע אומפּאַר־
טיישע מיטלויפער אין שטאָט־ראָט און אין דער קהילה־פאַרוואַל־
טונג זענען אויך געווען די טעמעס פון די אַרטיקלען פון דוד ערסלער.
אַ צייט לאַנג דירעקטאָר פון דער סוחרים־באַנק ביז זיין אַריבערפאָרן
קיין וואַרשע, ווו ער האָט פאַרנומען אַן עקזעקוטיוון אַמט אין דער
„פויליש־פּאַלעסטינישער האַנדלס־קאַמער״. דוד ערסלער האָט
געהאַט אַ גוטן נאָמען אין שטאָט און גענאָסן פון דעם צוטרוי פון
די ברייטע שיכטן פון דעם יידישן און נישט־יידישן וואָצלאַוועק
צוגלייך. ער איז געווען דער זון פון „אַלטן חזן״, אלכסנדר זיסקינד
ערסלער, און איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער
שטאָט ווי אַן איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער עסקן. זיין הער־
לעכע פערזענלעכקייט האָט געפינקלט מיט ערלעכקייט אויך אין די
שווערע יאָרן פון וואַרשעווער געטאָ, ווו ער איז, ווי מען דערציילט,
אויסגעגאַנגען פון הונגער. ערסלער האָט אין דער „שטימע״ געשטור־
רעמט די באַסטיליע פון אַלטמאָדישער תקיפות, וואָס האָט זיך ברייט
פונאַנדערגעזעצט און געשאַלטעוועט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג
מיטן חסד פון דער אַנטיסעמיטישער מאַכט. ער האָט באַשיינט מיט
זיין נאָמען די צייטונג ביי ריין ציוניסטישע געלעגנהייטן פון קרן־
היסוד אָדער קרן־קיימת קאַמפּײנען אין שטאָט.

די ציוניסטישע וואָרט־זאָגער אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג און
אין קהילה־ראָט, פערדינאַנד קאָופמאַן און הערמאַן לעווי זענען געווען
אָנגעזעענע מיטאַרבעטער אין דער צייטונג. זייערע אַרטיקלען האָבן
זיך אויסגעצייכנט מיט זאַכלעכקייט און לאָגיק. זיי האָבן זיך בעיקר
פאַרנומען מיט די ענינים פון דער קהילה.

אין זייערע יונגע יאָרן האָבן זיי געאַרבעט ווי „מענטשן״ ביי
סלוזשעווסקין אין הורטאָוונעם קאָלאָניאַל־סקלאַד. ביידע האָבן זיך
אין פאַרלויף פון די יאָרן פינאַנציעל אַרויפגעאַרבעט און אין אַ געוויסן
מאָמענט אָנגעהויבן פירן גרויסע געשעפטן אונטער דער פירמע
„ווולקאַן״. פערדינאַנד קאָופמאַן, וועלכער האָט אָפט זיינע אַרטיקלען
אונטערגעשריבן עפּ־קאַ, איז געווען ניכטער אין זיינע געשעפטן
און פונקט אַזוי ניכטער איז ער אויך געווען אין זיין געזעלשאַפט־
לעכער אַרבעט. נעט געקליידעט, האָט ער תמיד די לעצטע מינוט
פאַרן אַריינגיין אין קהילה־זאַל זיך עלעגאַנט צורעכטגעמאַכט דעם
קראַוואַט, אַרויסגענומען דאָס שפּיגעלע און פאַרקעמט די עטלעכע
האָר, וואָס האָבן קוים פאַרדעקט דעם אַלץ מער אויסשפּרייטנדיקן
זיך פּליך. קאָופמאַן האָט זיך באַמיט צו העלפן דער צייטונג אויך
פינאַנציעל, זעענדיק אין איר אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר
אין קאַמף מיט דער סאַנאַציע און אירע יידישע אַרויסהעלפער. זיין
שותף, הערמאַן לעווי, איז געווען אַ ראַפינירטער געזעלשאַפטלעכער
טוער און גאַנץ אָפט איז זיין קלוגשאַפט אויסגענוצט געוואָרן אין
דער סטראַטעגיע פון ציוניסטישן בלאָק אין דער קהילה. זיינע אַר־
טיקלען האָבן אָפט צערודערט די רייען פון דער אָפּאָזיציע.
ער איז געווען ערלעך אין זיין ציוניזם, געפירט אַ נאַצ־
יאָנאַל הויז און דערמוטיקט די עליה פון זיין טאָכטער קיין ארץ־
ישראל. זיינע פּאָליטישע קעגנער פונקט ווי זיינע פריינד, האָבן
צו אים אַרויפגעקוקט.

יצחק גאָלדמאַן האָט געהערט צו די וואָצלאַווקער אויטאָכטאָנען.
אַ „הישער״ (אַ היגער, לויט דער וואָצלאַווקער אויסשפּראַך, וואָס
איז געווען באַאיינפלוסט פון דייטש), דאָס מיינט אַ וואָצלאַווקער
געבוירענער אָדער לכל הפחות אַ קויאַווער מדורי־דורות, האָט ער פאַר־
געשטעלט מיט זיך אַ באַזונדערן יחוס צווישן אונזערע בני־עיר,
באַזונדערס צווישן די „הישע״. ער פלעגט מיט שטאָלץ דערציילן
וועגן די אָנהויבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט, וועגן
די „חובבי־ציון״, די ערשטע צעירי־ציון, וועגן די ערשטע פאָנד־
זאַמלונגען אין שטאָט. ביי אים איז אַ זיצונג פון ועד־העירוני, דעם
ציוניסטישן שטאָט־קאָמיטעט, געווען אַן עבודת־הקודש, צו וועלכער
ער האָט זיך מכין געווען. יצחק גאָלדמאַן איז געווען אַ יודע ספר,
אין זיין יוגנט אַ סך געלערנט, געווען אויסגעבונדן אין ש״ס און
געקענט גוט דעם רמב״ם און ליב געהאַט דעם נייעם העברעיש
אהבת־נפש. ער איז געווען אַ שטענדיקער אָפּנעמער פון העברעישן
בוך און צייטונג. ער האָט זיך גאָר שטאַרק אינטערעסירט מיט דער
יידישער גימנאַזיע, זייענדיק אַלע יאָרן אַ פירנדיקער מיטגליד אין
איר קוראַטאָריום. נישט איינמאָל האָט ער בייגעווינט די העברעאישע
מאַטורע־עקזאַמענס און געקליבן נחת אָדער געהאַט אַמאָל עגמת־
נפש פון די קענטענישן וואָס די אַביטוריענטן האָבן אַרויסגעוויזן.
אַליין האָט זיך אים די צונג נישט געלייגט אַרויסצוזאָגן ריכטיק
אָדער פליסיק אַ וואָרט אין דעם ספרדישן, פאַרפּתחטן העברעיש.
די ליצני־העיר פלעגן אים רופן „דער אייראָפּעער״ — מעגלעך דער־
פאַר וואָס ער פלעגט אָפט זיין אין אויסלאַנד, אין קאַרלסבאַד און

אין אַנדערע מקומות, און מעגלעך דערפֿאַר וואָס זיין באַנעמונג איז געווען אויסערגעוויינלעך העפלעך און אין יענע צייטן האָט מען אייראָפּע אין די ישיבה־בחורשע קרייזן באַטראַכט ווי אַ מקור פון עלעגאַנץ, פיינקייט און אַריסטאָקראַטיע... אין דער „שטימע" האָט גאָלדמאַן געשפּילט קודם כל די ראָל פון דעם „קורא־ותיק" און העפלעך אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען און קריטיק. ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ שעת־הכושר, האָט ער אָנגעשריבן אַ מאמר, אַ שטייגער וועגן נחום סאָקאָלאָוו'ס באַזוך אין וולאָצלאַוועק, אַרויסברענגענדיק פּרטים, וואָס זענען געווען אינטערעסאַנט קודם־כל פאַר די „הישע", דערמאָנענדיק פלעצער וואָס האָבן אינצווישן משנה־שם געווען, מענטשן וועלכע ער האָט אַרויסגעצויגן פון פאַרגעסעניש. זיינע זכרונות־אַרטיקעל אַרטיקלען האָבן צוגעשטייערט אַ סך צום לאָקאַליזם פון דער צייטונג און געטראָגן מיט זיך אַ ספּעציפישן משכיליש־ציוניסטישן אַראָמאַט.

אין די לעצטע יאָרן פון צעווילדעוועטן אינערלעכן קאַמף אין דעם האַנטווערקער־פאַראיין, האָט זיך גענומען פאַר דער פען איינער פון זיינע הויפּט־טוער, וועלכער האָט זיך מיטאַמאָל געפונען אין דער אָפּאָזיציע. דאָס איז געווען יעקב זאַאושניצאַ, אַ זון פון אַ צעצווייגטער און שיינער יידישער משפחה אין שטאָט. פאַרמאָגנדיק אין זיך דעם שאַרפזין פון זייט טאַטן ר' מרדכי, וועלכער פלעגט לערנען „עין יעקב" און מדרש מיט דעם עולם אין דער חברה תהילים אויף דער פּיעקאַרסקע גאַס און איז געווען איינער פון די ערשטע מזרחיסטן אין שטאָט, האָט ער געצילעוועט זיינע פיילן צו יוסף האָרן און זיינע האַנטווערקערישע מיטלויפער. זיינע פּאָלעמיקעס זענען געווען שאַרף, אָנגעווירצט מיט פּסוקים, שברי־פסוקים און טרעפלעכע משלים, עלעהיי שלום עליכמס טוביה דער מילכיקער. יעקב — אָדער ווי מען פלעגט אים רופן גוט־ברודעריש יאַקובעק — (היינט אין ישראל) איז געווען אַ פלאַמיקער ציוניסט, אַ צייט געווען ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, פאַרנומען זיך מיט קהלשע טעטיקייטן, זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין יידישן טורן־פאַראיין און שפּעטער אין „מכבי", האָט מיט טאַלאַנט, הגם נישט איין מאָל ווולגאַר, געפירט זיין וואָרט־געפעכט מיט זיינע קעגנער.

פון אַן אַנדער זשאַנער איז געווען דוד זאַאושניצאַס שרייבן. דוד איז געווען אַן אינזשיניער. געאַרבעט אין טאַרטאַק פון דער משפחה און איז געווען אויסגעקאָכט אין אַלע אַספּעקטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט. אַ צייט לאַנג געווען סעקרעטאַר פון האַנטווערקער פאַראיין און אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו און גוטן ווילן. אין אַן אומגליקס־פאַל אין טאַרטאַק האָט ער פאַרלאָרן עטלעכע פינגער פון דער האַנד, וואָס ער האָט געטראָגן שטענדיק אין אַ לעדערנער הענטשקע. ער איז אויך געווען יאָרן־לאַנג לערער פון מאַטעמאַטיק אין דער מזרחי־שול. דוד זאַאושניצא האָט געשריבן על־פי־רוב וועגן פראַגן וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער יידישער עקאָנאָמיע אין לאַנד און אין שטאָט און אַרויסגעוויזן אין זיינע אַרטיקלען אַ סך בקיאות און אינטעליגענץ.

אברהם הובערמאַן (היינט שיפוני, אין ישראל), לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון וועד העירוני און אָנפירער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק, איז געווען העברעישער לערער אין דער מזרחי־שול. הובערמאַן האָט אָפּט געדרוקט אַרטיקלען אויף קולטור־ און ציוניסטישע טעמעס אין צייטונג. זיין האַנטשריפט איז געווען פּערעלעך, און זיין סטיל איז געווען תמציתדיק און געטאָקט.

אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געדרוקט מגר. אהרון סאַוויצקי (היינט ד"ר סביב, אַ פירנדיקער יידישער דערציער אין די פאַראייניקטע שטאַטן), וועלכער האָט פאַרנומען אין די דרייסיקער יאָרן אַ לערערישן פּאָסטן אין דער יידישער גימנאַזיע און האָט געהערט צו די אַקטיווסטע יונגע ציוניסטן אין שטאָט. ער האָט אָפּט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף היסטאָרישע טעמעס. דער עיקר־אויפטו אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז געווען צו באַווייזן דעם יידישן אָנטייל אין פוילנס באַפרייונגס־קאַמפן און ווי עס האָט זיך געלאָזט באַווייזן באַזונדערס דעם אָנטייל פון וולאָצלאַוועקער יידן אין זיי. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף ציוניסטישע טעמעס.

צווישן די ליטעראַרישע מיטאַרבעטער פון דער „וולאָצלאַוועקער שטימע" דאַרף דערמאָנט ווערן י. מ. זילבערבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון לוויוויטש. אַ ייד, אַן אויטאָדידאַקט, שטאַרק באַלעזן און מיט אַ סך יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, האָט ער זיין פרנסה געצויגן פון שרייבן ביטעס צום געריכט און צו דער מאַכט. זיין קאַנצעלאַריע איז תמיד געווען פול מיט קליענטן; בעיקר אין מאַרק־טעג זענען צו אים געקומען די אָנגעפּאָרענע פּויערים און פאָרגעבראַכט פאַר אים זייערע טענות ומענות. ער פלעגט זיי געדולדיק אויסהערן, אַ טיפן קרעכץ טאָן אויף זיין ביטערע פרנסה און אויפן אָרט זיך אַוועקזעצן ביי דער שרייב־מאַשין, אַריינטאָן דעם גאַנצן קאָפּ מיט די שטאָק־קורצזיכטיקע אויגן אין דער קלאַוויאַטור פון דער מאַשין און מיט די צוויי פינגער אויסקלאַפּן די פּראָשעניעס. אָבער אויפגעלויכטן האָט זיין לבנה־רונדיק פנים, ווען ער פלעגט אַריינברענגען זיין אַרטיקל, געשריבן מיט אותיות מאירות עינים אויף לאַנגע און דינע בויגעלעך פּאַפּיר און אָנגעזאָגט דעם רעדאַקטאָר נישט צו ענדערן קיין וואָרט, נישט איבערשטעלן קיין קאָמאַ. די עובדה פון שרייבן דעם אַרטיקל איז ביי אים געווען מלאכת הקודש, דאָס לייענען דעם געדרוקטן מאמר — אַ יום־טוב. ווער שמועסט, אַז עמיצער פון די לייענער האָט אים פאַרהאַלטן און געפרעגט:

— פאַניע זילבערבערג, וואָס איז דער טייטש פון דעם פראַנצויזישן אויסדרוק וואָס איר האָט גענוצט?

אין אַזאַ מאָמענט האָבן אויפגעבליצט די אויגן פון אונטער די גראָבע גלעזער און מיט באַזונדערער הנאה האָט ער אַוועקגעלייגט אויף אָרט און שטעל אַ גאַנצע דיסערטאַציע אין עטימאָלאָגיע און שפּראַכן־פאַרגלייך... זילבערבערג האָט געדרוקט זיינע עלעגאַנטע עסייען און פעליעטאָנען, געניסנדיק פון אַ גרויסער פּאָפּולאַריטעט צווישן די לייענער.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן אברהם שלמה מאָשקאָוויטש, דער עלטסטער זון פון „בלינדן מאָשקאָוויטש", וואָס האָט אַליין אויך געהאַט עפּעס אַ מין בעלמע אויף דעם לינקן אויג. מיט פאַרגעניגן פלעגן מיר אין ערב־יום־טובדיקע נומערן דרוקן זיינע זייער אינטערעסאַנטע און צומאָל גוט געשריבענע דערציילונגען, אָנגעפילט מיט לאָקאַל־וולאָצלאַוועקער באַחנטע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. דער דאָזיקער מאָשקאָוויטש האָט זיך געיחוסט מיט דעם, אַז ער האָט זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן פון י. ל. פּרץ אליין, ווען ער, אברהם שלמה, איז נאָך געווען זייער יונג. ער איז ספּעציעל אַוועק מיטן דאַמפער פון וולאָצלאַוועק קיין וואַרשע, מיטגענומען מיט זיך אַ פּעקל כתבים און זיך אַוועקגעלאָזט אויף צעגלאַנע גאַס צו פּרץ. פּרץ — האָט מאָשקאָוויטש אין איינער פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען געשריבן — האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל שרייבן, אַ סך שרייבן, וועט ער זיך אויסשרייבן אַ שיינע האַנטשריפט... ווער ווער, אָבער מיר אין רעדאַקציע האָבן געקענט דעם שווערן כתב, ממש קאָטשערעס, פון אברהם שלמה, וואָס מען האָט קוים קוים

געקענט דורכגיין. דער טאָג, ווען די זעצערס אין דער דרוקעריי האָבן געקראָגן דעם העראָגליפן־מאַנוסקריפּט פון מאַשקאָוויטשן, איז געווען תשעה־באב אין דער דרוקעריי...

אַ נייעס אין דער צייטונג איז געווען דער געגראַמטער פעליע־טאָן פון „זוזעק". אונטער דעם דאָזיקן פסעוודאָנים האָט זיך אויס־באַהאַלטן אונזער ליבער און טייערער חבר זיסקינד איזביצקי, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות דורכגעמאַכט ווי אַ ייִנגל דעם „מזרחי"־חדר, פאַרענדיקט די יידישע גימנאַזיע און שפּעטער צוזאַמען שטודירט אין דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אין יודאַיסטישן אינסטיטוט. איזביצקי האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבוי־רענעם שרייבערישן טאַלאַנט. ער האָט געשריבן יידיש און העב־רעיש. האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער. ער איז געווען אַ לעבעדיקער בחור מיט שוישפּילערישע פעיקייטן און האָט לייכט געשריבן אויך טעקסטן פאַר פאַרשידענע געלעגנהייטן. נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אים הערן אימפּראָוויזירן לאַכערייקעס אין גראַמען, אין וועלכע ער האָט צונויפגעמישט גרויפּן מיט באַטווינע און געגעבן אַן אינטעליגענטן געגראַמטן קוילעטש מענינא דיומא, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. אין די דאָזיקע פעליעטאָנען, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער „שטימע" האָט ער אָפּגעלאַכט די שטאָטישע טאַטעס און קהלשע קאָכלעפל מיט בייסנדיקער איראָניע. זיסקינד איזביצקי האָט פאַרן צווייטן וועלט־קריג חתונה געהאַט אין ראָוונע, ווו ער האָט זיך באַזעצט ווי אַ העברעישער לערער אין דער דאָרטיקער יידישער גימנאַזיע.

[redacted]

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט אין דער צייטונג מיטגעאַרבעט מאיר דאַווידאָוויטש, וועלכער האָט נאָכן ענדיקן די מיטלשול זיך געגרייט ממשיך צו זיין זיינע לימודים און געזאַמלט גראָשן צו גראָשן פאַר דעם צוועק פון די אָפּגעשפּאָרטע מיזערנע שכירות וואָס ער האָט באַקומען פון פריוואַטע לעקציעס. ער פלעגט שרייבן וועגן יידישע ימים־טובים און יידישן לעבנס־שטייגער.

האַרט פאַר דער מלחמה האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער „שטימע" דער יונגער א. זיגפריד, וועלכער האָט געשריבן געלונגענע רעפּאָרטאַזשן און באַריכטן פון עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען.

עס איז שווער צו שרייבן וועגן דער מיטאַרבעט פון אינזש. אַלפרעד שטאַלצמאַן, וועלכער האָט, ליידער, מיאוס געענדיקט אין וואַרשעווער געטאָ, ווי אַ מיטגליד פון יודן־ראַט איז ער געשטאַנען בראש פון זיין אַפּראָוויזאַציע־אַמט. אָבער אין וולאָצלאַוועק, זייענדיק דער לייטער פון סוחרים־פאַרבאַנד און שפּעטער פאַרטרעטנדיק די וולאָצלאַוועקער יידן אין מאַגיסטראַט ווי אַ לאַווניק, האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַ טוער פון ערשטן ראַנג. אויך ער האָט אַ צייט לאַנג מיטגעאַרבעט אין דער „וולאָצלאַוועקער שטימע". זיינע „באַמער־קונגען" און „פעדער־שפּריצן" זענען געווען געשריבן שאַרפזיניק, קורץ און צו דער זאַך. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן אַ צוויי־וועכנטלעכע ביילאַגע אין דער פּוילישער שפּראַך. עס איז אים שטאַרק אָנגעגאַנגען דאָס, וואָס די קויאַווער פּוילישע פּרעסע שרייבט וועגן יידן און האָט געוואָלט זיך פאַרזיכערן אַ טריי־בונע, פון וועלכער ער זאָל קענען פּאָלעמיזירן מיט די אַנטיסעמיטישע פּאָלאַקן. עס האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן אַריינציען אינעם קרייז פון דער ציוניסטישער השפּעה די אַסימילירטע יידן, וועלכע האָבן

קיין יידיש נישט געלייענט. פון דער פּוילישער ביילאַגע איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. עפּ איז יאָ אַרויסגעקומען אַ ביילאַגע אין העברעאיש „מוסף עברי", וואָס האָט געהאַט אין זינען די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וואָס אויך זי האָט קיין יידיש על־פּי־רוב נישט געלייענט. אין דער העברעישער ביילאַגע האָבן אַ חוץ דעם שרייבער פון די שורות זיך סטאַביל באַטייליקט יחיאל פוקס, אַ ברודער פון ד״ר לייב פוקס און שמעון סטופּאַי,ביידע העברעישע לערער אין דער יידישער גימנאַזיע. עס האָבן זיך אויך אין איר באַטייליקט אַ ריי יוגעלייט וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די יוגנט־באַוועגונגען.

אַן ערשטקלאַסיקן רעפּאָרטערישן מאַטעריאַל האָט אָנהייבנדיק פון יאָר 1936 געליפערט אַדאַם לעשינסקי. ער איז געווען נאָך גאָר יונג ווען ער האָט דערפילט דעם אינערלעכן רוף זיך צו ווידמען דער זשורנאַליסטיק. נאָך אַ גימנאַזיסט אין 6־טן קלאַס, האָט ער שוין אָנגעהויבן אין געהיים צו דרוקן רעפּאָרטאַזשן אין דער אָרטיקער פּוילישער פּרעסע. יידיש האָט ער קוים פאַרשטאַנען. הגם זיינע עלטערן (דער פאָטער — אַ ברודער פון באַקאַנטן דאָקטאָר אין וולאָצלאַוועק) זענען געווען ציוניסטיש געשטימט, איז דאָך די שטוב געווען א פּויליש רעדנדיקע — און געשיקט האָבן זיי אים אין דער יידישער גימנאַזיע, אַ פּנים דערפאַר, ווייל אין דער פּוילישער מלוכהשער שול האָט געהערשט דער נומערוס קלאַוזוס. אַדאַם איז געווען אַ פעיקער בחור און האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט צו זיינע נישט פולע 20 יאָר. קיין אַפּליקאַנטור האָט ער נישט געקאָנט באַקומען, האָט ער דעריבער גענומען זיך צו זשורנאַליסטיק. די וולאָצלאַווקער „אַ־בע־צע", וואָס איז דערשינען ווי אַ מוטאַציע צו דער וואַרשעווער אַנטיסעמיטישער טאָג־צייטונג און געדרוקט זיך אין דער דרוקעריי פון משומד נוימאַן, (האָט אויך אגב אַרויסגעגעבן כלערליי גלחישע ליטעראַטור פון דער וולאָצלאַוועקער דיעצעזיע און סתם אַנטי־יידישע ליטעראַטור), האָט דעם באַגאַבטן יונגערמאַן אויסגענוצט ווי אַ רעפּאָרטער. ער האָט געבראַכט אַ סך מאַטעריאַל פון די געריכטן, ווו ס'איז אים צונוץ געקומען זיין יורידיש וויסן. ער איז אָפט געקומען דאָרט, ווו אַ יידישער פוס האָט נישט געטאָרט איבער־טרעטן די שוועל און איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן ענינים וואָס האָבן געדאַרפט אינטערעסירן דעם וולאָצלאַוועקער יידן. ווען דער גלח טשעטשיאַק, דער מפורסם געוואָרענער שונא־ישראל האָט געשיפּעט קעגן די יידן אויף אַ רעפעראַט אין „וויאָשלאַרסקי קלוב" איז לעשינסקי דאָרט געווען דער איינציקער ייד. מיר האָבן געפילט, אַז די גלענצנדע אינפאָרמאַציע וואָס ער האָט קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר דער „שטימע". אינטערעסאַנט וועט זיין צוצוגעבן, אַז ער האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן זיינע אַרטיק־לען, נישט אין „אַ־בע־צע", ווייל, זעט אויס, ער האָט זיך געשעמט צו זיין אַ מיטאַרבעטער פון אַזאַ צייטונג און נישט אין דער „שטימע", צוליב „מה יאמרו הגויים"... אין תוך, איז ער געווען אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ גוטער ברודער און פּראָדוקט פון זיין צייט, נישט צו גליקלעך מיט זיין פּוילישקייט און נישט איבעריק שטאָלץ מיט זיין יידישקייט.

אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן זענען געדרוקט געוואָרן רובריקן „דער יורידישער ווינקל", מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דער ביטע־שרייבער י. טענענבוים און אַדוואָקאַט אברהם גרינבערג. און „עצות פון אַ דאָקטער" אָנגעפירט תחילה פון ד״ר פוקס און שפּעטער פון ד״ר ב. בריש.

צום נייעם יאָר פלעגט די „וולאָצלאַווער שטימע" רעגולער

דרוקן אַן איבערזיכט וועגן דעם געראַנגל, אויפטועז און דורכפאַלן פון די פוילישע יידן אין פאַרלויף פון יאָר. אַוודאי זענען אַרומגענומען געוואָרן אין די דאָזיקע איבערזיכטן ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט יידישע וועלט־פּראָבלעמען און מיט ארץ־ישראל און ציוניזם, אָבער תמיד האָט דער רעדאַקטאָר געהאַט אין זינען, אַז די צייטונג איז אַ לאָקאַלע און דאַרף קודם כל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די יידן אין וולאָצלאַוועק און קויאַווע.

אָבער פון אַ ספּעציעלן מין איז געווען דער יערלעכער „שפּאַציר איבער שולן און בתי־תפילות אין די ימים נוראים" פון שרייבער פון די שורות, וואָס פלעגט זיך אונטערצייכענען „א מנגן". דאָס איז געווען אַ סאָרט הומאָרפולער, אין פעליעטאָניסטישן טאָן געהאַלטענער, אַרטיקל, וואָס האָט אָפּשאַצנדיק די תפילות, דעם נוסח, די שטימען, די מוזיקאַלישקייט פון די חזנים און בעלי־תפילות, אַ טשעפּע געטאָן דעם און יענעם „עמוד־קינסטלער". אינטערעסאַנט, ווי די דאָזיקע פעליעטאָנען זענען געווען דאָס געשפּרעך פון לאַנגע וואָכן צווישן פּראָפעסיאָנאַלן, האַלב־פּראָפעסיאָנאַלן און סתם מעלאָמאַנען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן, און נישט זעלטן מיט רעכט, ווי יודעי דבר. „א מנגן" האָט אָפט געשריבן רעצענזיעס פון קאָנצערטן פון יידישן פאָלקס־כאָר, וואָס איז אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן אָנגעפירט געוואָרן פון דעם היימישן יעקב־הירש קאָהן, דעם טאַלענטירטן מוזיקער און דיריגענט.

די צייטונג האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט אויסלענדישע וולאָצלאַווקער לאַנדסמאַנשאַפטן. אַזוי זענען נישט זעלטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַריכטן פון דער טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגאָ, ניו־יאָרק אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין פּאַריז. די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן פלעגן ביילייגן אַמאָל אַ קליין טשעקעלע, וואָס האָט געהאָלפן פינאַנציעל דער צייטונג. עס האָבן זיך אויך אָפּגערופן פון אייגענער איניציאַטיוו וולאָצלאַווקער פון ווייטע ווייטן און אַזוי זענען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען פון ג. שאַיאַק, וואָס איז געווען רעדאַקטאָר פון דער לאָנדאָנער „צייט", פון מאיר קוטשינסקי פון בראַזיל. פאַר די לעצטע יאָרן זענען געדרוקט געוואָרן קורצע דערציילונגען פון ש. האָראָנטשיק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און איז פאַררעכנט געווען צווישן די שעפערישטע יידישע ראָמאַניסטן צווישן ביידע מלחמות.

אַרום דער צייטונג האָט זיך אויך גרופּירט די פּראָווינץ. קוטנע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער פאַראינטערעסירט אין אָנהאַלטן שטענדיקע קאָנטאַקטן מיט דער צייטונג און האָט געהאַט אַ ספּעציעלן מענטשן, אין דער פּערזאָן פון דעם זייער טיכטיקן און יונגן אליהו ליפשיץ, וואָס האָט צוגעשיקט רעגלמעסיק זיינע קאָרעספּאָנדענצן ווי אויך מודעות און אַנאָנסן. בידגאָשטש איז געווען פאַרטראָטן דורך איבערזיכטן און אינפאָרמאַציע, צוגעשיקט פון אברהם לעדערמאַן. אַ חוץ זיי זענען אויך געווען שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן פון ליפּנע, לובראַניעץ, אָשענטשין, איזביץ, בריסק קוי., קאָוואָל, לובין א. א. אָפט זענען די פּראָבלעמען פון דער אַרומיקער פּראָווינץ באַהאַנדלט געוואָרן פון רעדאַקטאָר אַליין אין אַ מין „פּראָווינצער שפּיגל". פון לובין זענען אויך געקומען די אַרטיקלען פון דעם בן־הרב פּיאָטריקאָווסקי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרף, דורכדרינגענדיק אויג.

בלעטערנדיק היינט די יאָרגענג פון דער „שטימע", וואַרפן זיך אין די אויגן די צאָליקע גראַטולאַציעס, נעקראָלאָגן, האַנדלסאַנאָנסן. די נשמה פון דער דאָזיקער זייט פון דער צייטונג, פון דער געשעפטלעכער זייט, איז געווען איר לאַנגיאָריקער אדמיניסטראַטאָר, וואָס האָט קוים געצויגן חיונה דערפון אָבער געווען אינגאַנצן אַריינגעטון אין איבערגעגעבן איר, מיכאל פּערלע, וואָס האָט געדינט די אינטערעסן פון דעם בלאַט פון סאַמע אָנהייב ביז דעם אומגליקלעכן סוף.

דרייסטע פּלענער האָבן מיר געוועבט, געטראַכט וועגן פאַרגרעסערן די צייטונג און רייכער מאַכן איר תוכן, כדי זי זאָל זיין באמת דאָס וואָס זי איז געווען — אַ לאָקאַלע פאַמיליען־צייטונג. מיר האָבן געפּלאַנט אַרויסגעבן אַ וולאָצלאַווקער פּנקס, אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט דאָס אַלץ צו נישט געמאַכט. מיט דער פאַרטיליקונג פון דער וולאָצלאַווקער קהילה איז אויך אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן איר „שטימע".

ד.

ווי געזאָגט, האָבן זיך געמערט אין וולאָצלאַוועק כלערליי אומצופרידענע. די „אגודה" פון רעכטס האָט געליטן זייער שטאַרק פון די ציוניסטישע אַטאַקעס און אין דער „ציוניסטישער פעסטונג", ווי זי פלעגט אָנרופן אונזער שטאָט מיט ווייטיק, איז זי צום וואָרט זייער זעלטן געקומען. אירע פאַרטרעטער אין שטאָט־ראַט און קהילה־ראַט זענען געווען פרום און גוט, אָבער צוזאַמען דערמיט נישט געשולט אין פאַרלאַמענטאַרישע פירונגען און קוים געקענט זיך אַן עצה געבן מיט די מאָדערנע וועגן פון דעמאָקראַטישער עסקנות. האָט זיך פון צייט צו צייט אין פאַרלויף פון די יאָרן 1931 און 1932 באַוויזן אַ שריפט אונטערן נאָמען „וולאָצלאַווקער טריבונע", וואָס איר הויפּט־קוואַרטיר איז געווען קאָוואַלסקע גאַס 6, דאָס גערער שטיבל. דער הויפּט־פּובליציסט איז דאָרט געווען דוד קעניגסבערג, וואָס איז אַהער געקומען פון לובלין און איז געווען פון די רירעוודיקסטע טוער אין דער וולאָצלאַווקער „אגודה". פון זומער 1932 ביז סוף 1934 האָט די „אגודה" אַרויסגעגעבן דעם „וולאָצלאַווקער וואָכנבלאַט" אונטער דער רעדאַקציע פון פישל פלאַקסער, יהודה פשעדעצקי און שמעון צוקער. אַלע דריי זענען געווען ישיבהבחורים, פאַרברענטע גערער חסידים און אויפגייענדיקע שטערן פון דער קעמפערישער אָרטאָדאָקסיע. פישל פלאַקסער (היינט אין ישראל, מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון דער כנסת), דער זון פון אויבנדערמאָנטן העניך פלאַקסער, איז געווען דער ממונה אויף ליטעראַטור און פאַרעפנטלעכט קורצע דערציילונגען און פעליעטאָנען אונטער דעם שטריך, יהודה פשעדעצקי האָט געדרוקט רעפּאָרטאַזשן און דער רוח החיה פון דער צייטונג איז געווען דער עלטסטער צווישן זיי — שמעון צוקער (היינט אין ניו־יאָרק), וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּובליציסטישער טייל און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפער פּאָלעמיק מיט דער „שטימע" און אירע מיטאַרבעטער.

אַ קורצע צייט איז דערשינען אויך אַ מאָגערע וועכנטלעכע אויסגאַבע פון די רעוויזיאָניסטן א. נ. „וולאָצלאַווקער וואָרט" אין פאַרבינדונג מיט דער פּעטיציע־אַקציע און דעם פאַרזוך צו שאַפן די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די צייטונג איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם ליכטענשטיין און חיים־אלעזר סאָלניק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אויפגעשטעלט געוואָרן א שותפות פון דעם „אגודה"־אָרגאַן מיט די רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן צוגענומען צו הילף אַ ריי סאַנאַציע־נאָכלויפענדיקע האַנטווערקער און קליינהענדלער. יוסף האָרן איז געווען דער רעדאַקטאָר. האָרן האָט ווי זיין שטייגער געדעקט די קהילה און אירע מעשים טובים. אין דער צייטונג האָבן אָבער מיטגעאַרבעט אידעאַליסטישע יונגע מענטשן,

צומאָל מיט שרייבערישן טאַלאַנט. אין װאָכנבלאַט האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע קאַריערע אליהו קזשאַק (היינטיקער א. עמיקם פון די באַגאַבסטע זשורנאַליסטן אין ישראל). ער האָט נאָך דעמאָלט רעכט קיין יידיש נישט געקענט. ער האָט אָבער געשריבן מיט איבערצייגונג און פייער. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן מיט אַן אַרטיקל יעקב וויניאַרסקי (דער היינטיקער מרידור, מיטגליד פון כנסת און פירער פון „חרות״). ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די אידעאַליסטן זענען עולה געווען קיין ישראל און געבליבן איז האָרן מיט זיין אַדמיניסטראַטאָר בנימין מינץ.

אין „װאָכענבלאַט״ האָט אויך געפינען א מקום מקלט אַ טשיקאַווער ייד, יוסף־לייזער הילקאָוויטש, וואָס האָט געלעבט פון זיין שניידעריי און האָט געפירט אין וולאָצלאַוועק אַ באַלעבאַטישע שטוב, איז אָבער געווען זייער להוט צו זען זיך געדרוקט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע אידעען ווי אַזוי צו ראַטעווען די וועלט און די יידן און געווען דער מחבר פון געגראַמטע און נישט־געגראַמטע בראָשורן, ווי „מיין פּראָיעקט אַז מענטשן זאָלן לעבן 140 יאָר״, „מיין אינטערפּעלאַציע״ (וועגן „דער יידישער לאַגע אין פּוילן), „אַן אַפּעל צו צער בעלי־חיים״ („צי זאָל מען אַלע ראַסן מענטשן אויך נעמען ווי בהמות אונטער שוץ״), „מיין ציוניסטישער עמיגראַציע־פּראָגראַם להגירה לארץ־ישראל״. אַלע די בראָשורן, פולע מיט נאַיוויטעט און גראַפאָמאַניע, האָט ער געדרוקט אין פּיאָטרקאָוו טריבונאַלסק אויף אייגענע קאָסטן אין די יאָרן 1935—1936.

וולאָצלאַוועקער יידן האָבן דעם „װאָכנבלאַט״ געלייענט. ווארום ער איז געווען שאַרף, געקאָנט אַמאָל אַריינזאָגן אַ מענטשן ביז אונטער די זיבעטע ריפּ. די צייטונג האָט אין די סאַמע לעצטע תקופה פאַוואָריזירט די יידישע קאָמבאַטאַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווירקן אין וולאָצלאַוועק, ווי אין גאַנץ פּוילן, ווי אַ פּאָליטישער פאַקטאָר אין דער יידישער געזעלשאַפט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע וואַלן צום וולאָצלאַוועקער שטאָט־ראַט איז אין פעברואַר 1939 אויך דער „בונד״ אַרויסגעקומען מיט אַן אייגענער וועכנטלעכער אויסגאַבע א. נ. „וולאָצלאַוועקער וועקער״, פון וועלכן ס׳זענען דערשינען אַכט נומערן. די צייטונג איז אַרויס אין אַ קליינעם פאָרמאַט אונטער דער רעדאַקציע פון י. שטערן, איינער פון די יונגע און צוזאָגענדיקע בונדיסטישע טוער (היינט אין ניו־יאָרק, לייטער פון פּובליקאַציע־אָפּטייל פון יידישן קולטור־קאָנגרעס). פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען מ. אַלמאַן, אַ טיכטיקער בונדיסט און דירעקטאָר פון דער ציש״אָ שול אין וולאָצלאַוועק ביז 1930 און נאָכן פאַרמאַכן די שול געווען סעקרעטאַר פון „אָרט״ (געשטאָרבן אין 1963 אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד). אין דער צייטונג האָבן זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען די אַקטיווע בונדיסטישע טוער יהודה כרזשאָנסטאָווסקי און אהרן גערצאָוויטש (וואָס איז געוואָרן פאַרשיקט פון דער פּוילישער מאַכט קיין קאַרטוז־בערעזע, היינט אין ישראל). אויך פישל בער ראַוויצקי האָט געדרוקט דאָרט עטלעכע הומאָרעסקעס.

די צייטונג האָט ערלעך פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד״ אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן און איז געווען קעמפעריש אין איר אַנטי־קלעריקאַליזם און אנטי־ציוניזם.

***

אַזוי האָט געלעבט אַ פּרעסע אין אַ שטאָט וואָס האָט זיך גערופן וולאָצלאַוועק. די דאָזיקע פּרעסע האָט נישט בלויז אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן אין שטאָט. זי האָט זיך באַמיט דאָס לעבן צו געשטאַלטיקן, אָדער לכל הפחות באַווירקן און באַאיינפלוסן. נישטאָ מער די יידישע וולאָצלאַוועק און מיט איר איז פאַרשוווּנדן איר פּרעסע. בלויז אויף פאַרשטויבטע ביבליאָטעקן־פּאָליצעס האָבן זיך געראַטעוועט די אותיות פורחות פון אַ גרויסער מגילה פון קאַמף, פרייד און ליידן.

ה.

עס איז ווערט אויך צו דערמאָנען כאָטש אין עטלעכע שורות, עטלעכע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען אין וולאָצלאַוועק. זייער צאָל איז נישט געווען גרויס, אָבער זייער עצם דערשיינען זאָגט עדות וועגן דעם פאַקט, אַז מענטשן האָבן געזוכט צו געפינען אַן אָרט ווו צו קומען צום אויסדרוק. אין די ערשטע יאָרן פון פּוילישער אומאָפּהענגיקייט איז דערשינען לכבוד חנוכה אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען „גבורתנו״. אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער פּובליקאַציע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען פון כ. פּ. טכורש און בצלאל ביעזשינסקי (היינט ב. בזק, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער מזרחי וועלט־באַוועגונג אין ירושלים) הרב י. ל. קאָוואַלסקי און אַנדערע וואָרט־זאָגערס.

דער „השומר הצעיר״ האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון אַ העברעיש־פּוילישער צייטשריפט „הצעיר״, וואָס איר הויפּט־איניציאַטאָר איז געווען נתן קאָלסקי. עס האָבן זיך דאָרט באַוויזן די ערשטלינג־כתבים פון יעקב בראַטשטיין (היינט אבני, פון די הויפּט כעמיקער־אינזשינערן אין די ווייַן־קעלערן פון „כרמל מזרחי״ אין זכרון יעקב), פון יעקב רוזמן (שפּעטער שטודירט אין דעם יודאיסטישן קאָלעדזש אין לאָנדאָן און דערנאָך אין פּאַריז, זיך באַטייליקט אין דער קעמפערישער אַנטי־היטלערישער אונטערערד אין פּאַריז און געפונען דאָרט זיין העלדישן טויט). אויך דער שרייבער פון די שורות, האָט דאָרט געדרוקט זיינע עטלעכע העברעישע גראַמען...

„שלהבת״ איז געווען דער נאָמען פון אַ זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן אין עטלעכע נומערן אונטער דער רעדאַקציע פון זיסקינד איזביצקי, י. מ. בידערמאַן און א. ליכטענשטיין. דער זשורנאַל האָט זיך געדרוקט אין העברעיש און אין יידיש און האָט געהאַט אַ אָפּקלאַנג אין דער יידישער יוגנט־וועלט אין פּוילן, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער אידעאָלאָגישער קאַמף.

אינטערעסאַנט איז אויך צו דערמאָנען די געדרוקטע אויסגאַבעס פון דער יידישער גימנאַזיע. דער דירעקטאָר און די לערער האָבן דערמוטיקט די תלמידים צו שרייבן און געזען אין דעם אַ וועג צו דער אַנטוויקלונג פון זייערע טאַלאַנטן. אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן האָבן די תלמידים געדרוקט אַ זשורנאַל „התלמיד״, וואָס האָט אויך געדרוקט אַ פּוילישן טייל „ז לאַווי שקאָלנעי״. עס האָבן זיך דאָרט באַוויזן מיט לידער, הומאָרעסקעס און אַרטיקלען מאיר קאָזשען (כוכבא), כומקאַ זשיכלינסקאַ און אַנדערע.

אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער מלחמה האָט ד״ר אברהם קרויזלער, דער לעצטער דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע (היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן) אַרויסגעגעבן יאָרביכער, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעם צוועק צו געבן אַן אָרגאַן דער לערערשאַפט וואָס האָט געדאַרפט אַ ליטעראַרישע אכסניה, ווו זי זאָל קענען פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון אירע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און אַרבעטן. די יאָר־ביכער זענען דערשינען אין העברעיש און אין פּויליש און די ברייטע יידישע געזעלשאַפט האָט צוגעהאָלפן זייער דערשיינען דורך געבן אַנאָנסן. אין לעצטן יאָר־בוך פון 1939 איז צווישן אַנדערע אויך דערשינען אַ לענגערע אַרבעט פון דעם שרייבער פון די שורות, וועגן דער „אידעע פון אַרבעט אין דער העברעישער ליטעראַטור״.


„WŁOCŁAWKER SZTYME" Cena gr. 20
Nr. 7 (290)
װלאצלאװקער
שטימע
Najpoważniejsze fabryki jak:
ZAKLADY ŻYRARDOWSKIE W ŻYRARDOWIE
BRACIA CZECZOWICZKA W ANDRYCHOWIE
AJTUNG" Cena gr. 40
№ 1 (26)
D. Reich Włocławek Kilińskiego 16
№ 5
EBEN" Cena gr. 35
װלאצלאװקער
לעבען








אידישע
פרעסע
אין
וולאצלאוועק



העתונות
היהודית
בולוצלבק





לעמעל ליכטענשטיין / תל־אביב

„יידישע בינע" און „יידישע טעאטער־געזעלשאפט"

אין די יארן 1925 - 1936

עס ציטערט דאָס האַרץ ווען כ'דערמאַן די אַלטע טייערע חברים, וואָס זענען געווען די נשמה פון דער קינסטלערישער טעטיקייט אין אונזער שטאָט און בשעת איך שרייב די שורות שוועבן אויף פאַר מיינע אויגן זייערע טייערע געשטאַלטן — איינע נאָך דער אַנדערער. עס שטייט פאַר מיר די דערהויבענע געשטאַלט פון מיין פריינד און לערער פראָפעסאָר יעקב הערש כהן מיט זיין געדיכטער, גרויער טשופרינע. ליב און אָנגענעם איז ער געווען אין זיין באַנע־מונג און פאַראייניקט אין זיך איידלקייט מיט פאָלקסטימלעכער נאַטירלעכקייט. אַ זעלטענער מוזיקאַלישער טאַלאַנט, אַ דאַנק זיין שטאַרקן ווילן און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן אויפגעשטיגן שטאַפל נאָך אַ שטאַפל און באַקומען אַ רעגירונגס־דיפּלאָם אַלס לערער פון מוזיק. געווען צוערשט דיריגענט פון דעם כאָר אין דער אַלטער שול צוזאַמען מיטן באַרימטן חזן ערסלער ז"ל, שפּעטער אָרגאַניזירט דעם כאָר פון „בונד" און צום סוף געוואָרן מוזיק־לערער אין דער העברעישער גימנאַזיע. מיט דער צייט איז דער גימנאַזיע־כאָר געוואָרן פאַררעכנט ווי דער בעסטער אין גאַנצן קרייז און גענומען די ערשטע פּריזן אין מוזיקאַלישע קאָנטעסטן. געגרינדעט און דיריגירט מיט דעם בלאָז־אָרקעסטער פון ספּאָרט־פאַראיין „מכבי", ווי אויך מיט דעם „פאָלקס־כאָר", מיט וועלכן ער האָט איינגעשטודירט און אויסגעפירט מיט גרויס הצלחה שובערטס „נישט פאַרענדיקטע סימ־פאָניע", אַקאָמפּאַנירט דורכן אָרקעסטער פון 14 פולק (דעם טעקסט צו דער דאָזיקער שאַפונג האָט פאַרפאַסט פּראָפ. וואָלמאַן). געווען טעטיק אין די פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן און פאַרפאַסט מוזיק צו פּיעסן און שלאַגערן. אין יאָר 1938 גרינדעט כהן אַ סימפאָנישע אָרקעסטער ביי „מכבי" און דעם 29 מערץ ד"י קומט פאָר דער ערשטער קאָנצערט, וואָס איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

א קינסטלער אין יעדן גליד איז אויך געווען זיין ברודער משה כהן, אַ שטעפּער פון פאַך, אַ געבוירענער קאָמיקער און כאַראַקטער־שוישפּילער איז ער געווען דער ליבלינג פונעם טעאַטער־עולם. משה כהן איז געווען דער פּיאָנער פון טעאַטראַלער קונסט אין אונזער שטאָט, פון די הויפּטזיילן פון די פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן, אַ שוישפּילער, אַ רעזשיסער און אַ טאַלאַנטפולער מאָנאָלאָ־גיסט. ער האָט געבראַכט אויף דער בינע גאָלדפאַדענס אָפּערעטן, גאָרדינס דראַמען און אנדערע. די פאַרשידענע געשטאַלטן, וואָס ער האָט פאַרקערפּערט, האָבן געלאָזן אַ טיפן איינדרוק אויפן פּובליקום. עס איז כדאי באַזונדערס צו דערמאָנען זיינע ראָלן אַלס פּראָקאָפּ אין „דאָרפס־יונג" פון קאָברין און יאָסעלע באָבצעס אין „דער טויבער" פון בערגעלסאָן. דער נאָמען משה כהן איז געווען אַ שם־דבר ביים וולאָצלאַוועקער טעאַטער־עולם.

גרושקא (ציפּקעוויטש). מיר האָבן אים גערופן „דזשיאַדעק", נישט ווייל ער איז געווען דער עלטסטער צווישן אונז, נאָר צוליב



אַ סצענע פון דער פּיעסע „דער דאָרפס־יונג" פון אָסיפּ דימאָוו (1923)
תמונה מהמחזה „בן־הכפר" לאוסיפ דימוב (1923).
פון רעכטס — מימין: לעמל ליכטנשטיין (2), רפאל ראדזיעווסקי (3), גרושקא (4), העניא אלפערט (5)

זיין חברישן און וואַרעמען צוגאַנג צו יעדן חבר, קליין צי גרויס. ער איז געווען אַקטיוו איבעראַל. דער טעאַטער איז פאַר אים געווען ווי אַ טעמפּל וואָס דאַרף וועקן רעספּעקט און אַ הייליקן ציטער. די גרויסע שוישפּילער האָט ער באַטראַכט ווי כהנים וואָס דינען אין טעמפּל. ער איז געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן די דראַ־מאַטישע קרייזן, ווו ער איז געווען שטענדיק דער ערשטער, גרייט צו יעדער טעטיקייט. אַ דראַמאַטישער שוישפּילער, אין יעדער ראָל אַריינגעלייגט האַרץ און נשמה. אין טאָג פון אַ פּרעמיערע פלעגט גרושקא נישט פאַרלאָזן די בינע, זאָרגנדיק פאַר יעדער קליי־ניקייט. די געשטאַלטן ווי חנא דער קברן אין „אוצר" פון דוד פּינסקי, דער וואַסערטרעגער אין „יאָשקע מוזיקאַנט" פון אָסיפּ דימאָוו, דער טויבער אין דער פּיעסע פון בערגעלסאָנען, דער משומד אין „מאָשקע חזיר" פון י. ד. בערקאָוויטש, וועלכע גרושקא האָט פאָרגעשטעלט, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע צושויער. געווען אויך טעטיק אַלס רעזשיסער און געהאַט דערפאָלג אויך אויף דעם געביט. צו דעם אַלעם זייער פאָלקסטימלעך, אַ גוטער און געטרייער פריינד פון אַלע מיט וועמען ער איז געווען אין קאָנטאַקט, איז ער טאַקע דורך אַלעמען געווען באַליבט.

רוזשקאַ ראַוויצקאַ. אַ וווּנדערלעכער סינטעז פון יידישער טראַדיציע מיט מאָדערנער קולטור, פרויען־צערטלעכקייט צוזאַמען מיט אַ שטאַרקן ווילן און באַוווּסטזיין — אַ מענטש אין פולן זין פון וואָרט. אירע ווערטער האָבן שטענדיק געוועקט אינטערעס און זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט אויפמערקזאַמקייט און דרך־ארץ. אַ גרויסער דראַמאַטישער טאַלאַנט, מיט אַן אויסערגעוויינלעך ערנסטן צוגאַנג צו יעדער ראָל. באַזונדערס איז צו דערמאָנען די ראָל פון ביילקע אין „עמך" פון שלום עליכם, ראַכטשע אין מאָשקע חזיר" פון י. ד. בערקאָוויטש, קריינדל אין „יזכור" פון ה. סעקלער, רבקהלע אין „נס פון פערדל" פון שלום אש, אז'ל אינעם „אורטייל" פון סאָפּיע לעוו. די ראָלן אין די פּיעסן „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „דאָס לעבן רופט" האָבן זי אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון דער „יידישער בינע" און דער „יידישער טעאַטער געזעלשאַפט". זי איז אויך געווען צווישן די גרינדער און אַקטיוויס־טער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

פישל בער ראַוויצקי. אַ קעמפער פֿאַר יידישער קולטור. אויסער זיין אַקטיווער באַטייליקונג צוזאַמען מיט זיין פרוי בערטא אין די פֿאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן אין שטאָט פֿאַרנומען זיך אויך מיט ליטעראַרישער שאַפונג. אַ גרויסן דערפֿאָלג האָבן געהאַט ויינע אַקטועלע שלאַגערן און סקעטשן, וועלכע ער האָט ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט פֿאַר אונזערע דראַמאַטישע קרייזן. די לידער: „פּליסאַקעס" (די וואָס פירן מיט דער ווייסל געהילץ אין טראַטוועס קיין דאַנציג), „בריווטרעגער" א"א זענען געווען זייער פּאָפּולער און דער וולאָצלאַווקער עולם האָט זיי געשמאַק געזונגען.

פייוויש ראַוויצקי, געווען צווישן די גרינדער פון דער „יידישער בינע" און דער „יידישער טעאַטער געזעלשאַפט". אַ זייער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער, אָפּגעגעבן זיין צייט און ענערגיע פֿאַר יעדע קולטורעלע אונטערנעמונג אין שטאָט. אַ גוטער פריינד און בעל־מידות. דאָס הויז פון פייוויש ראַוויצקי און זיין פרוי עטקא איז געווען שטענדיק אָפן פֿאַר יעדן וואָס האָט באַדאַרפט ראַט און הילף.

הערש דוד שעמעל. אַ מיטגליד פון דער פֿאַרוואַלטונג פון דער „יידישער בינע" און דער „יידישער טעאַטער געזעלשאַפט". אין זיין דרוקעריי „עקספּרעס" אויף דער זשאַביע גאַס האָבן זיך געפֿאָרעמט די פּלענער און אַקציעס פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן. אַן איבערגעגעבענער און ענערגישער כלל־טוער און אָרגאַניזאַטאָר.

זאָלן אויך דערמאָנט ווערן דאָ די נעמען פון העניע אַלפערט, שמחה שעמעל, יצחק האַזנפעלד, נחמיה גרינבוים, דוד פשעדעצקי, יהושע טיגער, און אַלע אַנדערע חברים, וועלכע האָבן זיך פֿאַרדינט געמאַכט ווי די גרינדער און אַקטיווע טוער פון די דראַמאַטישע קרייזן אין די יאָרן 1925—1939. זאָלן זייערע נעמען זיין פֿאַראייביקט אין דעם „יזכור־בוך" צוזאַמען מיט אַלע אונזערע ברידער און שוועסטער אין וולאָצלאַוועק, וואָס זענען אומגעקומען אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

***

די געשיכטע פון דער טעאַטראַלער קונסט אין וולאָצלאַוועק הויבט זיך נישט אָן אין יאָר 1925. נאָך אַ שטיק פֿאַר דער דאָזיקער דאַטע זענען אַנטשטאַנען אין שטאָט פֿאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן און אַמאַטאָרן־טרופּעס.

אין יאָר 1907 האָט אַן אָרטיקע אַמאַטאָרן־טרופּע אויפגעפירט טשיריקאָווס „יידן" און די הכנסה פון דער פֿאָרשטעלונג (איבער 300 רובל) איז געגאַנגען פֿאַר די געליטענע יידן פון יאַסער פּאָגראָם)[1].

אין יאָר 1908 איז געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען יעקב הערש כהן. טעטיק אין דאָזיקן קרייז זענען געווען: אברהם ראָזענבוים, נח וואַסערצוג, משה דובנאָ, לעווארטאָווסקי, יהודית און לאה ליכטענשטיין, יעקב זאַושניצע. די פֿאָרשטעלונגען — אין דער יידישער שפּראַך — זענען פֿאָרגעקומען אין „ווינטער־זאַל" אויף דער קרולעוויעצקאַ גאַס 25 (גוצקאָוו'ס: „אוריאל אקאָסטא" א"א). דער קרייז איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט דעם פּלאָנסקער דראַמאַטישן קרייז

[1] זע: פערדינאַנד קויפמאַן, אויפן פרישן קבר פון אַ פריינד (צום טויט פון מיכאל לובאָווסקי), וולאָצלאַווקער שטימע פון 30.7.1937 (366) 31.

איך גיי פון הויף צו הויף
אויפן העכסטן שטאָק אַרויף,
אַראָפּ אין קעלער טיף
צעטראָג איך מיינע בריוו.
און דאָרטן אויבן וואַרט
א מיידל שיין און צאַרט
פון איר געליבטן פריינד
א בריוו צו קריגן היינט.
מען נעמט מיך אויף מיט פרייד,
געשטרעקטע אָרעמס ברייט.
ווען ס'הערן מיך די לייט,
רופט יעדער אויס פון ווייט:

ר ע פ ר ע ן
בריווטרעגער גוטער,
בריווטרעגער מיין,
אפשר א בריוועלע
וועט פאר מיר זיין.
עפן דיין זעקעלע
און נעם אַרויס,
ווייל נאָך א בריוועלע
גייט ס'האַרץ מיר אויס.





אמאַטאָרן־גרופּע וואָס האָט אויסגעפירט טשיריקאָווס „יידן" (אין פּויליש) אין יאָר 1907 ; קבוצת חובבים שהציגה את „היהודים" לצ׳יריקוב (בפולנית) ב־1907; פון רעכטס זיצן — מימין יושבים : בזשעסקי (2), גאָלדמאַן (3), עס שטייען — עומדים : דער פעלטשער (החובש) טייכנר (1), מ. לובאָווסקי (2), פ. קאופמן (4). דוד ערסלער (7).

מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט יחזקאל בלאָטניק — יוסיפון (היינט — אין ישראל). ביידע קרייזן האָבן אויפגעפירט די זעלביקע פּיעסעס און זיך געטראָגן קעגנזייטיקע הילף (אויסגעבאָרגט אַמאַטאָרן, רעקוויזיטן, קאָסטיומען אדג"ל). אין יאָר 1910 האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קרייז פאלושאק. יעקב שקאָלניק, אנאטאָליע שקאָלניק, הערשל פרענקל, משה כהן א"א. דער קרייז האָט אויפגעפירט גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס (שולמית, בר־כוכבא, די צוויי קוני־לעמל א"אַ) גאָרדינס פּיעסעס (גאָט, מענטש און טייוול, מירעלע אפרת א"א).

אין יאָר 1910 האָט זיך געגרינדעט אַ צווייטער דראַמאַטישער קרייז און אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען יצחק קאָוואַלסקי, דעם רב׳ס זון. צום דאָזיקן קרייז האָבן געהערט : שאול אייזענבערג, רחל שקאָלניק, משה מאקאָווסקי, פרוי גערשאָנאָוויטש, ראַסקין א"א. זיי האָבן פאָרגעשטעלט אין זאַל „נאָוואָשצי" (אויף ציגאַנקע־גאַס) און די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען טשיריקאָוו׳ס „יידן". די ביידע קרייזן זענען געווען טעטיק ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.


אין יאָר 1911 האָט יעקב־הערש כהן געגרינדעט אַ פאָלקס־כאָר וועלכער האָט געציילט אַבציק מאַן. דער כאָר איז אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן אין זאַל נאָוואָשצי מיט די שאַפונגען פון לעוואַנדאָווסקי, הענדעל א"אַ. דער חזן ערסלער האָט געהאָלפן דעם כאָר מיט ראַט און טאַט. צום כאָר האָבן געהערט צוו. אנד. : שקאָלניק, קנאָפּ, אַבראַמסקי, קובא קאַליסקי, יצחק פּאָזנאַנסקי, צעראַנאָוויטש א"א [2].

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און דער האַלב־לעגאַלער טעטיקייט פון די פּאַרטייען צו יענער צייט, האָבן זיך געגרינדעט דראַמ־קרייזן ביים „בונד" דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מאַניאַ ראָזען, (שפּעטער די פרוי פון אַרטור זיגעלבוים), פּאַלושאק, אַניאַ צעראַ־

[2] די פרטים האָט אונז איבערגעגעבן די פרוי זאושניצאַ־דובנאָ.

נאָוויטש, ביי פּוע"צ — יוסף האָרן און זיין פרוי, פּישעלעוויטש א"אַ.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אַנטשטיין פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן און אַמאַטאָר־טרופּעס. עס האָבן אין זיי אַנטייל גענומען: ד"ר י. ב. צפור, בענעדיקט, פּישערמאַן, ברעסלער, בעקערמאַן, י. האָרן און זיין פרוי א"א. די דאָזיקע קרייזן אָבער האָבן עקזיסטירט אַ קורצע צייט, צוליב פעלן פון געזעלשאַפטלעכער אונטערשטיצונג און צוליב זייער אָרעמען רעפּערטואַר. זיי האָבן נאָכגעמאַכט די יידישע טרופּן אין פּוילן פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָבן געשפּייזט זיך מיטן רעפּערטואַר פון די אַמעריקאַנער „סטאַרן", שפּילנדיק שונד־פּיעסן פון הורוויטש, לאַטיינער, שמ"ר א"אַ. די דראַמ־סעקציעס האָבן געפּרוּווט אויפפירן די אָפּערעטן „שולמית", „בר־כוכבא", „קוני לעמל" פון גאָלדפאַדן אדג"ל. אַ מער ערנסטער עקספּערימענט איז שוין געמאַכט געוואָרן דורך משה כהן, וועלכער האָט אויפגעפירט אויף דער בינע גאָרדינס רעפּערטואַר „כאַשע די יתומה", „די שחיטה", „גאָט מענטש און טייוול"; שלום אַש'ס: „מאָטקע גנב", „גאָט פון נקמה", ווי אויך די פּיעסן פון פּינסקי, „יענקל דער שמיד" און צום סוף זייער אַ דערפאָלגרייכע פאָרשטעלונג פון קאָברין „דער דאָרפס־



אַ סצענע פון י. ל. פּרץ „די נאַכט אויפן אַלטן מאַרק".
תמונה מהמחזה של י. ל. פרץ „הלילה בשוק הישן"
לעמל ליכטנשטיין און האַזענפעלד.

יונג". אָט די לעצטע פאָרשטעלונג האָט געלאָזט אַ זייער טיפן איינדרוק אויפן פּובליקום, וועלכער האָט דערפילט די גרויסע ווענדונג וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם דערשיינען פון נייע כוחות אויף דער בינע, ווי העניע אַלפּערט, ראַדזשעיעווסקי, גרושקא, פישל בער ראַוויצקי, בלאושטיין, רחל ראַוויצקאַ, לעמל ליכטענשטיין א"אַ.

אין דער צווישנצייט האָט זיך אויסגעלייטערט דער הימל איבער יידישן טעאַטער אין וואַרשע. דער קונסט־טעאַטער „צענטראַל" בראש מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ און די „ווילנער טרופּע", וועלכע איז געקומען קיין וואַרשע, האָבן אָנגעפאַנגען אויפפירן אַ רעפּערטואַר פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער: פּיעסן פון שלום עליכם, ש. אַנסקי, ה. לייוויק, שלום אש, גוצקאָוו א"א. די פרישע ווינטן זענען אויך דערגאַנגען צו דער פּראָווינץ.

„וויקט" (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער), וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ. איז אַרויס אויף גאַסטראָלן איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך און געקומען קיין וולאָצלאַוועק. די פאָרשטעלונגען פון „וויקט" און די גאַסטראָלן פון אַנדערע גרויסע שוישפּילער, ווי פּאול באַראַטאָוו, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, יוליוס אַדלער און אַנדערע, האָבן דערוועקט פיל אינטערעס אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אונזער שטאָט. די ציכטיקע שפּראַך פון די באַרימטע שוישפּילער אין זייערע קונסט־אויפטריטן האָט געהויבן דעם אָנזען פון אונזער „מאַמע־לשון". די דאָזיקע אויפפירונגען האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטעדיקער אַנטוויקלונג פונעם שטאָטישן דראַמאַטישן קרייז. אַרום די עטלעכע כלל־טוער, וואָס זענען געווען טעטיק אויפן געביט פון טעאַטראַלער קונסט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן נייע כוחות. אונטער דער רעזשי און מיטן אַנטייל פון די „וויקט"־שוישפּילער סאָניא אַלטבוים און אַדאַם דאָמב, זענען אין 1926 אויפגעפירט געוואָרן שלום־עליכמס צוויי פּיעסן — „טוביה דער מילכיקער" און „דאָס גרויסע געווינס".

אין יאָר 1927 איז געגרינדעט געוואָרן „די יידישע בינע". פּסח ד"י איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון דוד פּינסקיס „דער אַוצר" אונטער דער רעזשי פון גרושקאַ, די דעקאָראַציעס געמאָלט פון משה כזשאָנסטאָווסקי. די הויפּטראָלן האָבן אויסגעפירט מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג: גרושקא („חנא דער קברן"), י. טיגער („יודקע"), ה. אלפּערט („טיליע"), פּ. ב. ראַוויצקי („סוסקי דער גביר"), ח. ל. גרינבוים (ראש הקהל"), דוד פּשעדעצקי („שדכן").

אין סעפּטעמבער ד"י פירט אויס די „יידישע בינע" די פּיעסע פון י. ד. בערקאָוויטש „מאָשקע חזיר", אונטער דער רעזשי פון באַוווּסטן „וויקט"־אַרטיסט שמואל לאַנדוי (אונזער אַ בן־עיר). דער טעאַטער־זאַל „נאָוואָשצי" איז געווען געפּאַקט און די פאָרשטעלונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

די ראָל פון מאָשקע דעם משומד האָט טאַלאַנטפול אויסגעפירט דער רעזשיסער אליין, אָבער נישט ווייניקער האָבן זיך אויסגעצייכנט די אַמאַטאָרן גרושקע, אַלפּערט, יוכבד קוטשינסקי, רחל ראַוויצקאַ, טיגער, פּ. ב. ראַוויצקי, דוד פּשעדעצקי, לעמל ליכטענשטיין. די פּיעסע איז פיל מאָל אויסגעפירט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער הצלחה אין שטאָט און אומגעגנט.

אין יאָר 1928 איז געקומען צו אונז י. גרודבערג (דער יינגסטער ברודער פון די טורקאָווס, היינט אין ישראל). ער האָט אויפגעפירט די פּיעסן „דער זינגער פון זיין טרויער" („יאָשקע מוזיקאַנט") פון אָסיפּ דימאָוו, „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום

עליכם, „יוסי פון יוקרת" פון צ. ה. סעקלער. נאָך די דאָזיקע פאָרשטעלונגען ווערט באַקאַנט דער נאָמען פונעם וולאָצלאַווקער דראַמאַטישן קרייז אויך אויסער די גרענעצן פון דער שטאָט ווי איינער פון די בעסטע דראַמאַטישע קרייזן אין פוילן. יעדער ערנסטער רעזשיסער האָט געהאַלטן פאַר אַ כבוד מיטצואַרבעטן מיטן קרייז. די יידישע שטעטלעך אין דער סביבה האָבן מיט אומגעדולד אויסגעקוקט דעם באַזוך פון דער „יידישער בינע".

אויף אַ לענגערע צייט איז איינגעלאדן געוואָרן דער אַקטאָר פון דער „ווילנער טרופּע" סימא וויינשטאָק, וועלכער האָט געשטעלט מיטן קרייז די קאָמעדיע „גאָלדגרעבער" פון שלום עליכם, „דער מבול" פון בערגנער, ווי אויך אַ צאָל אַקטועלע רעוויעס, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין שטאָט מיט זייער ליכט־און שאָטנזייטן. אויף דעם געביט האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט פישל־בער ראַוויצקי, וועלכער האָט פאַרפאַסט די טעקסטן און שלאַגערן און י. ה. כהן, וועלכער האָט קאָמפּאָנירט די מוזיק. די רעוויעס האָבן זייער אויסגענומען ביים ברייטן עולם און די שלאַגערן זענען געוואָרן פּאָפּולער אין אַלע הייזער און אַרבעטספּלעצער.



אַ גרופּע „וו.י.ט." — טוער אויף דער קונסט־אויסשטעלונג פונעם רעזשיסער און קינסטלער יעקב ראָטבוים.
קבוצת פעילי „ו.י.ט." בתערוכת תמונות של הבמאי והצייר יעקב רוטבוים.
ס'זיצן פון רעכטס — יושבים מימין: פייוויש ראַוויצקי, גרושקאַ (ציפּקיע־וויטש), רוזשיאַ ראַוויצקאַ, י. ראָטבוים, הערשט דוד שעמעל, לעמל ליכטנשטיין, פ. ב. ראַוויצקי.
ס'שטייען — עומדים: זלאָטאָגורסקי, מאיר קוטשינסקי, ה. קאָנפּעדעראַק, משה כזשאָנסטאָווסקי, איטשע שטערן.


מיט אייגענע כוחות זענען אויסגעפירט געוואָרן „יזכור" פון צ. ה. סעקלער, „דער נס פון פּערל" פון שלום אש און „דער טויבער" פון בערגעלסאָנען.

די שענסטע תקופה הויבט זיך אָן מיטן אנשטייען פון דער „יידישער טעאַטער־געזעלשאפט". אין דער צייט ווען די יידישע גאַס אין וולאָצלאַוועק, פּונקט ווי אין גאַנץ פוילן, איז געווען צער־שפּליטערט און ווען דער ברידער־קאַמף האָט זיך צעשפּרייט אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַנטשטאַנען די דאָזיקע אינסטיטוציע, וועלכע האָט אויפן קולטורעלן געביט פאַראייניקט אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען. אין דער לופט האָט זיך שוין געשפּירט דער ריח פון פּולווער. די נאַצישע פּעסט האָט זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ פוילן. עס איז געפאַלן דער מאָראַל אין

דער יידישער געזעלשאפט. מען האָט געזוכט חיי שעה, ביליקע פאַרוויילונגען. עס בליט דער שונד אין דער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע און אין יידישן טעאַטער, וועלכער שפּילט „מלכהלע סאָלדאַט", „חצקעלע כלבויניק", „די יידישע שיקסע", „אורקע באַכאַלניק". די קולטור־טוער פון אַלע פּאַרטייען — די ח"ח שמואל ווינטער, פּ. ב. ראַוויצקי, פייוויש ראַוויצקי, דוד כץ, הערש דוד שעמעל, מאיר קוטשינסקי, ח. ל. טכורזש, איטשע שטערן, ה. קאָנפּעדעראַק, לעמל ליכטענשטיין האָבן אויפגענומען דעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער



„דאָס לעבן רופט" פון ביל ביעלאָצערקאָווסקי (רעזשי יעקב ראָטבוים)
„החיים קוראים" של ביל בילוצרקובסקי (במוי יעקב רוטבוים)
(פון רעכטס — מימין: גרושקאַ, האַזענפעלד, ליכטנשטיין



דער בונט אין אויסבעסערונגס־הויז פון לאַמפּערט (רעזשי י. ווייסליץ)
„המרד במוסד חינוכי" ללמפרט (במוי יעקב וייסבליץ).
פון רעכטס — מימין: רוזשיא ראוויצקא, לעמל ליכטנשטיין, שאַלעק.

קולטור־ירידה אויף דער יידישער גאַס און געגרינדעט די „יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט אין וולאָצלאַוועק".

דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז געווען אַנטקעגנשטעלן זיך דער אַסימילאַציע און אָפּהענטיקייט און פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן שונד אויף אַלע געביטן פון יידישן קולטור־לעבן. דער גרויסער זאַל אויפן אַלטן מאַרק נומ. 2, ווו די געזעלשאַפט האָט געהאַט איר לאָקאַל איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטראַלן טרעף־פּונקט פון אלע ערנסטע און שעפערישע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאַפט אין שטאָט. בעיקר האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען אַהער

די יוגנט. יעדע פּרעמיערע פונעם דראַמאַטישן קרייז ביי דער געזעלשאַפט איז געווען אַ יום־טוב פאַר אַלע סימפּאַטיקער פון גוטן טעאַטער אין שטאָט.

מיט אויסערגעוויינלעכער באַגייסטערונג האָט אויפגענומען דאָס פובליקום די אַמאַטאָרן־שוישפּילער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שפּילן און זיך געקענט פאַרמעסטן מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער. במשך פון אַ קורצער צייט זענען אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסן: „דאָס לעבן רופט” פון ביל־ביעלאָצערקאָווסקי, רעזשיסירט דורך יעקב ראָטבוים, רעזשיסער פונעם וואַרשעווער „יונג־טעאַטער”, „דער בונט אין אויסבעסערונג־הויז” פון לאַמפּעל, רעזשיסירט דורך דעם מיטגליד פון דער „ווילנער טרופּע” יעקב ווייסליץ און צום סוף „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” פון י. ל. פּרץ, אויך אונטער זיין רעזשי.

די אַלע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ סך מי און אויסדויער, אָנשטרענגונג און ענערגיע, האָבן געצויגן מאַסן צושויער און זענען שפּעטער אַלזייטיק באַהאַנדלט געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכע צונויפטרעפן פון יוגנטלעכע און דערוואַקסענע.

די באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די וואַנדערנדיקע יידישע טעאַטערן האָבן אויפגעהערט צו קומען צו אונז אויס פּחד זיי זאָלן נישט דורכפאַלן, צוליבן הויכן קינסטלערישן ניווֹאָ פון אונזער טעאַטער. נאָר טרופּן וואָס זענען רעקאָמענדירט געוואָרן פון דער געזעלשאַפט האָבן גאַסטראָלירט אין וולאָצלאַוועק.

אויסער דעם דראַמאַטישן קרייז, איז געווען טעטיק אין דער געזעלשאפט אַ ליטעראַרישער קרייז, געגרינדעט דורך מאיר קר־טשינסקי (יעצט אין בראַזיל). נאָך יעדער פאָרשטעלונג איז אינעם קרייז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע דיסקוסיע וועגן דער פּיעסע און איר פאַרפאַסער, רעזשי און אויספירונג. עס זענען פאָרגעקומען פאָרטראַגן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע טעמעס, פאַר וועלכע די יונגט האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס. די פרייטיק־צו־נאַכט־אימפּרעזעס זענען געווען אַ שם־דבר אין שטאָט. פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט איז געווען פייוויש ראַוויצקי, סעקרעטאַר — איטשע שטערן.

דעם 16־טן אָקטאָבער 1935 האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין געבורטשטאָט, איבערלאָזנדיק מיין טייערע מוטער, קרובים, שכנים און אַ סך גוטע פריינד. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די לעצטע טעג, ווען כ׳האָב פאַרבראַכט צווישן מיינע חברים און פריינד פון דער „יידישער טעאַטער געזעלשאַפט”, די געזעגנונג־פאָרשטעלונג אין „מכבי־זאַל”, אין וועלכער עס האָבן אַנטייל גענומען אַלע מיטגלידער פונעם דראַמאַטישן קרייז, דעם באַנקעט נאָך דער פאָרשטעלונג אין דעם באַלויכטענעם און דעקאָרירטן זאַל פון דער געזעלשאַפט, די שטראַלנדיקע פּנימער פון מיינע חברים און פריינד, די אַטמאָספער פון פרייד וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט צער פון דער צעשיידונג. מיין האַרץ איז פול געווען מיט שווערע כאָטש אומקלאָרע פאָרגעפילן... די פרייד איז נישט געווען קיין גאַנצע... א שטילער אומעט האָט באַהערשט אַלעמען. עס איז אָבער קיינעם נישט געקומען אויפן געדאַנק אַז מיר געזעגנען זיך אויף אייביק און אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט זען די אַלע וואָס זענען מיר געווען אַזוי נאָענט און טייער.



הנהלת ועדות התיאטרון והתרבות של האגודה התיאטרלית היהודית „וויט” לרגל עליתו ארצה של חברה לעמל ליכטנשטיין.

פון אונטן — מלמטה: שורה א׳ פון רעכטס — מימין: זלאָטאָגורסקי, י. שטערן, ה. קאָנפעדעראַק;

שורה ב׳: מ. כזשאָנטאָווסקי, ר. ראַוויצקי, ל. ליכטענשטיין, מנוחה פזשעדעצקאַ, פייוויש ראַוויצקי.

שורה ג׳: גרושקאַ (ציפּקיעוויטש), פישל־בער ראַוויצקי, חיים־אַלעזר טכוזש, דוד פזשעדעצקי, פזשעדעצקי.

מרדכי אפרים שמל / תל־אביב

הבמה היהודית

צרור זכרונות

הקבוצה הקטנה — כשלושים איש — שהתרכזה סביב ה„יידישע בינע („הבמה היהודית") בעירנו, היתה רב־גונית ומורכבת מנציגי כל השכבות — בעלי־מלאכה, פועלים, פקידים, סטודנטים, בעלי מפעלים זעירים, סוכנים וכו׳, חברי כל המפלגות וסתם יהודים, גברים ונשים בני גילים שונים. פה מצאו פורקן למאווייהם הכמוסים שלא באו על סיפוקם, הנה ברחו מפני המציאות הקודרת של אותם הימים ומדאגותיהם היומיומיות והאפורות. במעון „הבמה" ראו מקום מקלט בטוח. פה שמחו בצוותא על כל הצגה שהצליחה והצטערו על כל כשלונה ופה התווכחו בניחותא ומתוך בדיחות הדעת.

בזכרונותי אלה אעלה כמה דמויות של חברי „הבמה", ממעצבי דמותה וממתווי דרכה וארשום כמה מהקוריוזים בפעולתה, שנחרתו בלבי והמשקפים את אוירת התקופה ואת ההווי ששרר אז.

עמודי התווך

אחד מראשוני החובבים של האמנות התיאטרלית בולוצלבק, ממניחי היסוד של „הבמה" היה משה כהן. את ראשית דרכו על הבמה עשה במחזותיו של יעקב גורדין, בהן שיחק את תפקיד היהודי השלומיאלי ה„לא־יוצלח", המפרנס בצמצום את משפחתו, הטרוד תמיד בדאגות פרנסה והנכנע לאשתו השולטת בו. אלה היו תפקידי הכתר שלו, שעשו תמיד רושם עז על הצופים. על הבמה היה מופיע יהודי קטן, צנום בקפוטה שחורה וארוכה עם שני טלאים מבריקים באחוריה ומטפחת אדומה משתרבבת מכיסו, אבנט חגור על מתניו וכובע „יהודי" שחור חבוש לראשו. אין אתה מבחין, אם הוא מתפלל בשעת התעסקותו או מתעסק בשעת התפילה. אשתו רוטנת תמיד, מקללת אותו ויש שהיא מגרשת אותו אפילו מן הבית. הוא חוזר כל פעם על הבמה בצורתו העלובה ובפיו הפסוק: „כתוב — והוא ימשול בה". הקהל פורץ בצחוק ומוחה לו כף בהתלהבות. ואילו הוא, משה כהן, כאילו אין כל זה נוגע לו, ממשיך בתפקידו. משפגשת אותו ברחוב ושוחחת אתו סתם ככה, נדהמת ממש למשמע אותו הקול שאתה שומע מפיו על הבמה ולמראה אותן התנועות של היהודי ממחזותיו של גורדין. כהן נוצר כאילו לתפקידים אלו ויחד עם זאת היה שחקן מטבע ברייתו, מה שהוכיח כאשר הופיע במחזות חדישים ש„הבמה" הכניסה במרוצת הזמן לתוך הרפרטואר שלה.

השני מבחינת הוותק בחוגי החובבים היה גרושקה — ציפקיביץ׳, הוא היה הזקן בחבורה, כבן ששים, ומשום כך כינוהו „הסבא" („דזיאדק"). בניגוד לכהן היה גרושקה הטרגיקן. שיחק את הטיפוס הרציני במחזה, את ה„בעל־בית", היהודי האמיד, בעל הכרס, הסוחר שירד מנכסיו. אחר תקופת מחזותיו של גורדין, שיחק גרושקה את „טוביה החולב" ו„שימלה סורוקר" (200,000) לשלום־עליכם.

נוהג היה גרושקה לפני צאתו לבמה „לבשר" את הופעתו בשיעול רם ובגניחות כדי שהקהל באולם ידע כי הנה הוא בא. ועוד טבע היה לגרושקה — משנכנס למומנטים הטרגיים, לנקודת השיא של הדרמה קורעת הלבבות, לא ידע גבול. בכה והתיפח עד שהזיל דמעות מעיני הנשים הרגישות בין הצופים. ה„חברה" אמרו,



משה כהן באחד מתפקידיו — משה קאָהן אין איינע פון זיינע ראָלן

שלמעשה שופך גרושקה בדרמה את מרי שיחו ובוכה על מר גורלו. ואמנם קשים היו חייו של אותו בעל־מלאכה זעיר — יצרן קופסאות מקרטון. העסק לא „הלך" ואשתו מררה את חייו על שאינו דואג לפרנסה אלא משקיע את כל חושיו בתיאטרון. ואליבא דאמת היה גרושקה ראשו ורובו נתון בעניני „הבמה". כל הזמן היה עסוק בחזרות ובימים האחרונים לפני כל הצגה נטש את ביתו לימים שלמים, הזניח את עסקיו והתמסר להצגה בלב ובנפש. טיפל בכל דבר מקטן ועד גדול. שכירת האולם, סידור הבמה, רכישת האביזרים, עריכת המודעה, הדפסת התכניה וכו׳ — כל זה היה על ראשו. אשתו ידעה כבר כי בימים אלו אין נפש בעלה נתונה לעסקיו ומשכה, יחד עם הנער העוזר, בעול ה„עסק". בענינים שידה לא היתה משגת לסדר, שלחה את הנער לשאול את פי בעלה לאחד משני המקומות ששם אפשר היה למצוא אותו בימים אלה של ערב ההצגה: למעון „הבמה" ברחוב זדונסקה או לבית הדפוס של שמל.

„ישיבות דחופות"

בית הדפוס של שמל ברחוב ז׳ביה מול בית־הכנסת הישן, היה בשנות 1925—1930 בית ועד לחברי „הבמה" ומקום מפגשם. בעל

בית הדפוס, הירש־דוד שמל, או בקיצור הירש־דוד, היה במשך שנים מספר מזכיר „הבמה" והיה מכנס את חברי ההנהלה לישיבות בבית הדפוס בשעות העבודה, בצהרי היום, כדי לדון אתם על ענינים „שאינם סובלים דיחוי".

והענינים „שאינם סובלים דיחוי" היו רבים ומספרם גדל והלך במרוצת הזמן עד כדי כך, שכל אימת שנזדמנת לבית הדפוס מצאת שם את בעליו עם שלושת הפועלים וחברי הועד כשהם עומדים ועוסקים בצרכי ציבור.

מה ראו לעסוק בצרכי ציבור בעמידה ולא בישיבה? ראשית כל משום שצר היה המקום מלהכיל מספר כה רב של אנשים בישיבה ושנית — מה יאמרו הבריות? יהודים בעלי משפחות ועסקים מתבטלים מעבודתם ובמקום לדאוג לפרנסה הם עוסקים ב„דברים בטלים". ובכן? כדי לא לתת פתחון פה למרננים התקיימו הישיבות בעמידה, „על רגל אחת" כביכול.

על מה דנו ב„ישיבות" אלו? על הכל. על הצגה שהצליחה או נכשלה ולמה; על הזמנות שנתקבלו מכל מיני מוסדות ציבוריים להופיע מטעמם בהצגה. הנה פנייה מעיירה שכנה המבקשת לערוך הצגה במוצאי שבת לטובת הליגה למען ארץ־ישראל העובדת; והנה בקשה מהנהלת הספריה בעיירה אחרת להופיע במערכון בחול־המועד; הזמנה שלישית מבית החולים של הקהלה לתרום הצגה לטובתו „בהתחשב במצב הקשה בו נמצא מוסד חיוני זה". יש שוב ודנו בישיבה דחופה על ענינים כספיים. מהבנק הגיעה התראה אחרונה לפרעון שטר, שזמן פרעונו כבר פג. ושטרות כאלה היו רבים. „הבמה" שקעה בגרעונות. ההוצאות עלו על ההכנסות ומה עוד כשהוזמן במאי מוארשה והיה צורך לאכסנו כחודש ימים ולשלם לו שכר טרחה, לא היתה ברירה אלא להשיג הלוואה בבנק. החותמים על השטרות היו על־פי־רוב הירש־דוד ופייבוש רביצקי, המבוססים בחבורה ומה שחשוב יותר, חברי המזכירות החייבים הרי לשאת בעול.

איך הגיע הירש־דוד ל„הבמה" לא ידוע למעשה. נטול כל כשרון למשחק תיאטרלי לא הופיע בכלל על הבמה. לא פעם רטנו עליו מאחורי גבו „השחקנים" כשהוא התערב לעניני משחק דרמתי: „מה לו להירש־דוד — אמרו — שאין לו כל מושג באמנות המשחק, לתחוב לכל דבר קטן את אפו הארוך?" ואגב, הכינוי „האף הארוך" רדף אותו כל ימי חייו. הבמאי יעקב רוטבאום, שהיה גם צייר, צייר את הפורטרט של הירש־דוד והבליט בו את אפו, הבולט בלאו הכי, בצורה מוגזמת ביותר. משנשאל מה ראה לציירו בצורה זו, ענה „אני רואה את הירש־דוד כאף עם משקפיים".

הירש־דוד היה עקשן המרגיז לעתים בעקשנותו, אבל כל אלה שהכירוהו מקרוב סלחו לו רבות ואף חיבבוהו בגלל מזגו הטוב ומסירותו ללא גבול, בלב ונפש, ל„הבמה". במשך שנות כיהונו במזכירה, הקדיש לה את רוב זמנו ומרצו.

רוחות חדשות

בסוף שנות העשרים התפשט בתיאטרון היהודי בפולין סוג חדש של הצגה — הרביו, המורכב ממערכונים קלילים, תמונות מההווי, פזמונים וכו'. אופנה זו לא פסחה גם על עירנו ופישל־בר רביצקי — או כפי שקראו לו — פיבר, מצא כעת כר נרחב ליצירה. הוא חיבר פזמונים, שנושאיהם היו אירועים מקומיים, מוסדות ואישי ציבורי. יעקב הירש כהן הלחין הפזמונים הערבים והעממיים, אשר נתחבבו על „עמך" ובמשך זמן רב לאחר ההצגה פיזמה אותם כל העיר.

כפי שנודע אחר כך ניסה פיבר גם להשפיע על הורונצ'יק שיכתוב למען „הבמה", אולם הלה הלך אז כבר בגדולות וסרב לרדת „מאגרא רמה לבירא עמיקתא".

אחד הפזמונים הפופולריים ביותר של פיבר היה הפזמון „על גדות הויסלה", בו תוארו הפגישות הרומנטיות של הזוגות הצעירים בשדרות מעבר לנהר. פזמון זה הושר על־ידי כל העיר. כן הצליח מערכונו הסטירי בשם „בוץ" („בלאָטע") המתאר בראי עקום את החיים הציבוריים בעיר ואת העסקנים על כל מגרעותיהם וחולשותיהם.



מיטגלידער פון „וו.י.ט." אין יאָר 1932 נאָך דעם רעוויע־פּראָגראַם פון פ. ב. ראַוויצקי מיטן קאָמפּאָזיטאָר יעקב הערש קאָהן און דעם מאלער פון די דעקאָראַציעס נחמיה גרינבאום.

חברי „וו.י.ט." בשנת 1932 אחרי הצגת הרביו של פ. ב. רביצקי עם מלחין הפזמונים והשירים י. ה. כהן וצייר התפאורות נחמיה גרינבאום.

אין ספק שהיתה סמיכות בין ה„בוץ" של פיבר וה„ביצה" („די זומפ") של הורונצ'יק, רומן הדן גם הוא בהתנוונות החיים הציבוריים והחברתיים בעירנו ושעורר עם הופעתו רעש גדול, כי היה זה כעין רומן מפתח וכל המעורה בחיי העיר הבחין תיכף מי האנשים ששימשו אב־טיפוס לגבורי הרומן. פיבר והורונצ'יק היו ידידים טובים, בילו יחד את חדשי הקיץ במעון קיט שמעבר לנהר ויסלה ורוב שיחותיהם נסבו על נושאים ספרותיים. הסמיכות בין שמות שתי היצירות הולידה מימרה: „שניהם נכנסו מעבר לויסלה. פיבר הציץ ונפגע ב„בוץ" ואילו הורונצ'יק — ב„ביצה" (ביידיש: איינער איז אַריין אין בלאָטע און דער צווייטער — אין זומפּ).

פיבר אהב לצטט מימרה זו, הלא בה דובר עליו ועל הורונצ'יק בנשימה אחת והיא הכניסה אותו בכפיפה אחת עם הסופר ששמו הלך אז לפניו. ברם מה עשו הרשעים בדור? הם הוסיפו רק מלה אחת: להבדיל, לאמור: האחד נכנס ל„בוץ" והשני להבדיל — ל„ביצה" (איינער איז אַריין אין „בלאָטע" און דער צווייטער אין „זומפּ", להבדיל). המלה להבדיל נאמרה בהדגשה ומתוך חיוך קל שאינו משתמע לשתי פנים והיה די בכך כדי להקניט את פיבר והרי זו היתה הכוונה.

בתקופה זו הסתמנו שתי מגמות בין חברי „הבמה". קבוצה אחת — ונציגה היה פיבר — היתה בדעה שיש לטפח גם נושאים מקומיים בהצגות „הבמה" ולתת אפשרות בימוי גם לחובבים. מובן שבמקרה זה יכול היה לכתוב את הפזמונים ואת

המערכונים רק מחבר מקומי, שנהירים לו חיי העיר והמכיר את עסקניה וטיפוסיה. שונה היתה דעתם של הצעירים שהתחילו אז להתבלט ב„במה" הודות לכשרונותיהם בזמרה, ביצועם הרענן של הפזמון וקלות תנועותיהם. עם קבוצה זו נמנו למל ליכטנשטין, יצחק הזנפלד, שמחה שמל ואחרים. הם סברו שיש להרחיב את היריעה ולא להצטמצם בדל"ת האמות של ההווי המקומי והעיקר, דרשו להזמין במאים מבחוץ שילמדו את החובבים את תורת המשחק וירחיבו את אופקיהם האמנותיים. בסופו של דבר הכריע את הכף הנימוק המשקי. להצגות שנושאיהן נלקחו מההווי הולוצלבקאי לא האירה ההצלחה פנים בערי השדה. הקהל שם לא הכיר את עסקני ולוצלבק ולא תפס את העוקץ שבפזמונים והמערכונים. לא נשאר אלא לחזור לרפרטואר כללי שהיה סחורה עוברת לסוחר. וכך נצחו הצעירים.

משחק ליצים

בין שחקני האופי של „הבמה" בלט שיע (יהושע) טיגר, בעל־מלאכה ממקצועו, אם כי איש לא ידע בדיוק במה הוא עוסק. מה שכן היה ידוע הוא, שתמיד הוא נתון במצוקה וזקוק להלואה כדי לפרוע שטר שזמן פרעונו פג והועבר כבר לידי הנוטריון. ומכיון שטיגר לא היה פנוי ללמוד ולשנן את התפקיד נמצא שהוא עלה על הבמה כשהתפקיד אינו שגור בפיו והוא נתון לחסדיו של הלחשן (באותו זמן היה הלחשן הזנפלד). מובן שבהופעותיו של טיגר לא חסרו משום כך קוריוזים מבדחים, לא תמיד הבחין בהם הקהל אולם חברי הלהקה רגזו על „חוסר האחריות" שלו וקראו לו באירוניה: „המאלתר הגדול" („דער גרויסער אימפּראָוויזאַטאָר").

טיגר אהב ללגום מפעם לפעם מהטיפה המרה ובמיוחד לפני הצגה. השתיה לפני ההצגה — כפי שהסביר — מוסיפה לו מרץ. התפקיד בה הצטיין במיוחד וקצר בו הצלחה רבה היה של הפופ (הכומר) ב„מושקה חזיר" לד. ברקוביץ. באחת המערכות מופיע הפופ, רוסי זקן, שיכור ועובר בטל, במונולוג כשבקבוק יי"ש מזדקר מכיסו. תוך כדי המונולוג הוא מוציא את הבקבוק מכיסו, לוגם ממנו, מסתכל בו, נאנח מדי פעם בפעם ואומר: „הולך ופוחת". יחד עם גמר היי"ש בבקבוק מסיים הוא גם את המונולוג.

להופעה זו הצטייד טיגר תמיד בבקבוק יי"ש ממש. והנה קרה שבאחת ההצגות חמדו להם חבריו לצון, הוציאו את הבקבוק מכיסו, שתו ממנו את היי"ש והחזירו לכיסו בקבוק ריק. בהגיעו למונולוג הגיש טיגר את הבקבוק לפיו ומשנוכח לדעת שהוא ריק, העמיד פנים שהוא שותה, עשה הוויות משונות אולם לא הוציא הגה מפיו למרות לחישותיו הנואשות של הלחשן. לבסוף הוציא את הבקבוק מפיו ונהם: „נגמר, הכל נגמר" חבריו אמרו באירוניה, כי היה זה „שיר ללא מלים" ואילו בשבועון „וולאָצלאַוועקער שטימע" העלה המבקר על נס את הביצוע הנפלא של המונולוג שהיה „מלאכת מחשבת של הבמאי ושל השחקן טיגר גם יחד".

המונולוג „ללא מלים" היה קוריוז אחד מני רבים בהופעות „הבמה". במיוחד הרבו לאלתר משהופיעו בפני הקהל, שלא העריכוהו בהרבה, בעיקר בערי השדה. במקרים כאלה, כשלב ה„חברה" היה טוב עליהם, „הרביצו" מהבמה ככל העולה על רוחם וללא כל קשר לעלילה. באחת העיירות קרה, שאחד השחקנים לא עלה בזמן על הבמה וגרושקה „לא איבד" את עשתונותיו והשמיע בינתיים... קדיש דרבנן. עם כניסתו של השחקן נמשכה ההצגה כאילו לא קרה דבר.

הופעות אורח

נסיעות הלהקה לערי השדה היתה בהן משום חוויה מיוחדת במינה ואם כי רוב חברי „הבמה" היו בעלי משפחות ועסקים, יצאו ברצון להופעות אורח, שהתקיימו בעיקר במוצאי שבתות וחגים, בחול המועד פסח וסוכות או בימי פגרא אחרים. על פי רוב הופיעו בעיירות השכנות, אבל יש ונסעו גם לערים הגדולות שבסביבה, כגון קוטנו, פלוצק או אפילו למקומות מרוחקים, כגון: לריפין, דוברין ע"נ דרוונצה וכו'.

בעיירות הקטנות נערכו לאחר ההצגה לכבוד חברי הלהקה קב־לות פנים חגיגיות. בשביל עסקני המקום היתה הצגה כזאת לא רק ענין של פעולה תרבותית בלבד, אלא גם הזדמנות להפגש עם אנשי העיר הגדולה ולהוכיח שאין הם נופלים מהם. הרבו להשתמש בנאו־מיהם במלים לועזיות ועל־פי־רוב בצורה מסורסת או שלא לענין. את השחקנים קראו בשמות הגבורים, שגילמו על הבמה. „הנה — אמרו — הגיע מר יושקה" (הכוונה ללמל ליכטנשטין ששיחק את „יושקה מוזיקנט"), או „רשות הדיבור לחבר המכובד, מושקה" (גרושקה ב„מושקה חזיר"). מסיבות אלו נמשכו עד לשעות המאוחרות בלילה ו„החברה" חזרו הביתה לפנות בוקר עייפים ורצוצים ולא אחד מהם חייב היה ללכת ישר מהאוטובוס שהביאם בחזרה, לעבודתו.

ההצגות בעיירות התחילו תמיד באיחור של שעות. חברי הלהקה ישבו באכסניה, לגמו כוס תה וחיכו עד שבאו להודיע להם, כי האולם מתמלא. קרה פעם בלובראנץ שה„חברה" חיכו עד להתחלת ההצגה למעלה משעתיים. בשעה עשר וחצי התפרץ סוף סוף לאכסניה שליח והודיע: „רבותי, אתם יכולים להתכונן הקהל מתחיל כבר לזרום לאולם". משיצאו השחקנים שמעו את בעל האכסניה כשהוא מעורר את רעיתו: „שרה'לה, שרה'לה, קומי חמודה, כבר הולכים לשחק בתריאטרון" („מ'גייט שוין שפּילן טריאַטער"). על אנשי בריסק דקוי' סיפרו שכמה ממבקרי ההצגות נהגו לבוא לאולם עם שקי הטלית ותפילין, כדי שיוכלו עם תום ההצגה ללכת לבית התפילה ולהתפלל עם „המנין הראשון" לפני צאתם ליריד.

האולמות, בהם הופיעו בעיירות, לא הצטיינו כמובן בהידור רב. על־פי־רוב היו אלה מועדוני מכבי־אש ויש אפילו שההצגות התקיימו במחסנים או באסמים. בלנצ'יץ קראו בלעג „התיאטרון הקמרי" לבנין המחסן (קאמער — ביידיש), בו התקיימו ההצגות.

✡

במשך שנים קרוב הייתי לאותה קבוצת החולמים וההוזים בהקיץ, השתתפתי בשמחתם ובצערם ומדי העלותי זכרונות אלה, עומדים הם שוב לפני הכוכבים התועים, שכבו לפני זמנם.

חנוך קונפדרק (בן־שלום) / חיפה

ה„יידישע בינע"
ועיירות הסביבה

החוג הדרמטי „יידישע בינע", שנוסד בשנת 1927 והאגודה התיאטרלית והתרבותית לאחר מכן (החל משנת 1934), עשו רבות למען העלאת הרמה התרבותית של תושבי עירנו על־ידי טיפוח הזיקה למחזה המעולה והאמנותי ובמאבקם ללא פשרות נגד הצגות הקלוקל שהשתלטו אז ברחוב היהודי. ועל כך כותבים בהרחבה בספר זה למל ליכטנשטין ומרדכי־אפרים שמל. אולם פעולותיה של ה„יידישע בינע" לא הצטמצמו לעירנו בלבד, השפעתה על הנוער במיוחד בעיירות הסביבה היתה מבורכת לא פחות.

בחול־המועד פסח וסוכות נוהגת היתה ה„יידישע בינע" לצאת לסיבובים לעיירות הסביבה, והבה נקדיש מזכרונותינו לשטח פעולה זה. הנה העיירות בהן הציגה ה„יידישע בינע":

✶

בריסק דקוי', שכנה במרחק של 14 ק"מ מעירנו ועשתה רושם של עיירה תרבותית. הופענו שם לעתים קרובות באולם בית העם העירוני. גרושקה — ציפקיביץ' ביים מזמן לזמן הצגות מיוחדות בהשתתפות כוחות מקומיים.

✶

לובראנץ (21 ק"מ מעירנו). הנוער המקומי הצטיין באמנותו לציונות. כאן, כמו בבריסק דקוי, יש לזקוף זאת לזכותו של ר' שלום קונפדרק ז"ל, שעמל ללא ליאות בשדה החינוך והתרבות במקומות אלו. ה„יידישע בינע" הופיעה באולם הספריה של ההסתדרות הציונית מכיון שהפולנים סרבו להשכיר לנו את בית העם העירוני. מדי פעם בפעם הופיע כאן גרושקה—ציפיקוביץ בנשפי הקראות.

✶

איזביץ דקוי' (30 ק"מ בערך מעירנו). כאן היה קיים חוג דרמטי מקומי שהופיע באולם קופצ'ינסקי. הנוער במקום הצטיין בערנותו. ה„יידישע בינע" הציגה לעתים מזומנות.

✶

אושנצ'ין (30 ק"מ בערך מעירנו). במקום פעלה הסתדרות נוער ציונית־סוציאליסטית נהדרת, שפתחה את שעריה לרווחה לאמנות ולתרבות ביידיש. ביקרנו שם פעמים רבות.

✶

פיוטרקוב דקוי' (50 ק"מ מעירנו). כאן הופענו בימי חוה"מ סוכות ופסח בלבד.

קובאל (20 ק"מ מעירנו). בעיירה שלטו החוגים הדתיים והנוער נלחם נגדם בעקשנות. החוג שלנו הציג כמה פעמים באולם מכבי־האש בתנאים פרימיטיביים ביותר. היציע נמצא בחדר העליה והקהל שם היה מוכרח להתכופף כל הזמן, משום שאי אפשר היה לעמוד בקומה זקופה. בעלי הכרטיסים היקרים ישבו על שולחן ביליארד שבור הנשען על שלוש רגלים בלבד.

✶

לנצ'יץ (50 ק"מ מעירנו). עיירה גדולה למדי והנוער השתייך לכל המפלגות שהיו אז קיימות ברחוב היהודי. הצגנו כאן מחזות מובחרים ורציניים.

✶

קולו (קויל — בערך 50 ק"מ מעירנו). הנוער כאן היה תוסס ויסד חוג דרמטי מקומי בהנהלתו של החבר בורקובסקי. הצגות החוג עמדו על רמה נאותה. המחזה הראשון שהצגנו בקולו היה „דער פארשאלטענער" וכבשנו בו את הקהל. אם כי לא קל היה להניח את דעתם של אניני הטעם המקומיים, הרי לאחר שראו אותנו לא התגאו יותר ב„רמתם הגבוהה" כביכול. הנוער בקולו היה פעיל בכל שטחי התרבות והחינוך.

✶

חודץ'. גם פה היתה נטושה מלחמה עם החוגים הדתיים. מלבד ימי חוה"מ פסח וסוכות הופענו כאן גם בימים כשהנוער ערך מגביות למטרות מסויימות.

✶

קרושניביץ (30 ק"מ מעירנו). הנוער כאן היה יותר מעודן מאשר במקומות האחרים שהזכרנו עד כה ועשה מאמצים כדי להרחיב את השכלתו. החוג הדרמטי הופיע פה על־פי־רוב בימי חוה"מ פסח וסוכות.

✶

אלכסנדרוב דקוי' (20 ק"מ מעירנו). הנוער במקום היה אינטליגנטי, מתקדם ופעיל. השפעה גדולה בעיירה זו היתה נודעה למשפחת פשדצקי. בת המשפחה, מנוחה, הצטיינה בכשרונותיה הדרמטיים, עברה בתקופה מאוחרת יותר לעירנו והיתה פעילה בחוג שלנו. באלכסנדרוב הופענו תמיד בהצגותינו המובחרות.

✶

רדז'יוב (כ־40 ק"מ מעירנו). עיירה שמרנית עם נוער בלתי מתורבת ביותר, שהעדיף לבלות את הזמן בריקודים ובמשחקים. הצגנו שם לעתים קרובות.


פלאקאטען און פראגראמען


מודעות ותוכניות



















ZYD. TOW. TEATRALNE
WE WŁOCŁAWKU
יידישע טעאטער געז.
SALA „MAKABI"
זאל „מכבי"
א געזעגענונגס
WIECZOR
POŻEGNALNY
פארשטעלונג
Z OKAZJI WYJAZDU TOW.
צו דעם אפפאר פון ח.
לעמל
L. LICHTENSTEINA
ליכטענשטיין
W PROGRAMIE:
אין פראגראם:
1) BUNT
W DOMU POPRAWCZYM
1) בונט
אין אויסבעסערונגס הויז
2) NOCĄ
NA STARYM RYNKU
2) ביינאכט
אויפן אלטן מארק
3) „FLISACY"
4) „LISTONOSZ"
5) FINAŁ
6) POŻEGNANIE
3) פליסאקעס
4) בריוו-טרעגער
5) פינאל
6) געזעגענונג
ORKIESTRA POD BATUTĄ PROF.
J. H. KOHNA
מוזיק-לייטונג:
פראפ. י. ה. קאהן
„ZYD. SCENA ARTYSTYCZNA"
PROGRAM
Pocałunek Szatana
פראגראם
דעם טייוועלס קוש
„Żyd. Scena Artyst."
SZULESZ SYDES
SIMI WEINSTOKA
PROGRAM
פראגראם
שלש סעודות
Stow. Żyd. Scena Art.
we Włocławku
PROGRAM
DER BEZYM
דער בעזים
פראגראם
פראגראם
דאס גרויסע געווינס
„ŻYDOWSKA SCENA ARTYST."
PROGRAM
SZULESZ SYDES
פראגראם
שלש סעודות

מאיר קוטשינסקי

שמואל ווינטער



1943 — 1891

מיר קענען נישט געבן קיין פול בילד פון יידישן וולאצלאוועק פאר דעם לעצטן פעריאד און נישט אפשטעלן זיך דערביי ברייטער אויף איינעם וואס האט פיל משפיע געווען אין ארטיקן יידישן לעבן. אויף איינעם פון די בולטסטע און כאראקטעריסטישסטע פערזענלעכקייטן אין שטאט — אויף שמואל ווינטערן, ע״ה.

געבוירן אין אונדזער שטאט אין 1891,ביי א פאמיליע פון כלי־קודש (דער פאטער געווען נאמן, און די מוטער א טאכטער פון „אלטן דיין״). דער באקאנטער דיין ר׳ לייב קוטשינסקי איז געווען שמואלס זיידע, און זיין עלטער זיידע ר׳ יששכר־בער קוטשינסקי איז אויך געווען דיין.

שמואל האט געלערנט אין א ישיבה און איז בחורוויז מיטגע־כאפט געווארן פון די נאציאנאל־וועלטלעכע אידעען. ער איז געווען א מענטש מיט וויסן און גרינטלעכע קענטניש פון דער יידישער קולטור, אין ברייטסטן זין פון ווארט.

עס איז שווער צו געבן א גייסטיקן פארטרעט פון שמואל ווינטערן, ווייל זיין טעטיקייט איז נישט געווען באגרענעצט צו איין געביט און זיין געזעלשאפטלעכע אריענטאציע, וואס איז זיכער נישט געווען קיין פארבלאזע און מטושטשדיקע, איז פון דעסט וועגן פאר־בליבן אן אינדיווידועלע און האט זיך נישט אידענטיפיצירט מיט קיין איינציקער פאליטישער ריכטונג. אפשאצנדיק דאס ווערטפולע פאר ייד און דאס אנציענדע פון יעדער שיטה און בלייבנדיק צום רעשט

כמעט תמיד אין אפאזיציע, האט שמואל ווינטער זיך פאראינטערע־סירט מיטן נאציאנאל־פאליטישן קאמף אונדזערן ווי א יידישע מינדערהייט און מיטן גענערעל סאציאלן געראנגל, וואס האט נישט אויפגעהערט קיין איין רגע אין דעם א. ג. אומאפהענגיקן פוילן (1939—1918).

אונדז האט געבונדן א געזעלשאפטלעכע פריינדשאפט וואס איז איבערגעגאנגען צו א פערזענלעכער א וואסערע 15—17 יאר, כאטש איך בין געווען א בן־סנדלר און ער איינער פון די פארמעגלעכע יידן אין אונדזער שטאט. ער איז געווען איינער פון די פיר שותפים פון דער וועלט־באקאנטער פירמע „נאשיאנא״ פון זוימן (זרעות). די פירמע האט געהאט ביוראס און שפייכלערס אין אונזער שטאט און אין דאנציק. איר קאנטאר איז געווען פאר זיך א שטיקל בערזע און אפט אויך א יועץ פאר פארשידענע סוחרים וועלכע האבן דא באקו־מען פאכמענישע עצות און אנווייזונגען. די גרעסטע פריצים פון ארומיקן קאנט האבן נאך פאר דעם שניט שוין געהאט פארקויפט דער „נאשיאנא״ זייערע זאטן (זרעים), וואס האבן נאך געגרינט אויף די פעלדער. מיר דערציילן דאס, ווייל סייווי איז עס געווען א גרויסער חידוש, ווי אזוי אזעלכע אומבאמיטלטע ישיבה־בחורים (חיים אלעזר טכורש און שמואל ווינטער (די אנדערע צוויי שותפים זענען געווען יודסקי און קראקאווסקי) האבן אויפגעבויט אזא אונטערנעמונג מיט אזוי פיל שווונג און פארנעם און וואס האט מפרנס געווען צענטליקער שכירי־יום און פארמיטלער. אבער מיר קענען זיך ברייטער אויף דער דאזיקער טעטיקייט ווינטערס נישט אפשטעלן.

זייענדיק א פארמעגלעכער מענטש האט ער זיך אבער דערמיט נישט געגרויסט, נאר, אדרבא געווען מיטן פנים צו דער פראלעטא־רישער און פאלקסטימלעכער גאס און צו דער פאלקסשאפונג. גע־שטיצט מיט א ברייטער האנט, דיסקרעט, יידישע שרייבער און קינסטלער און געגאלטן ווי אן אמתער מעצענאט פון דער יידישער ליטעראטור. מעצענאטישקייט איז אבער א צו לעבלעך ווארט פאר שמואלס טעטיקייט. זיין יידיש־ליבע האט געהאט — ווי מיר ווען דאס ווייטער זען — טיפע ווארצלען.

טרעפן מיר אים צווישן די גרינדערס און איניציאטארס פון כמעט אלע יידישע קולטור־מוסדות אין דער שטאט, אנהייבנדיק פון ערשטן „דראמאטישן פאראיין״, מיט ד״ר י. ב. (שטערמאן) צפור, דעם בארימטן דיכטער, איידעם פון הרב י. ל. קאוואלסקי, אלס פארזיצער און פישל בער ראוויצקי אלס סעקרעטאר, די שפעטערדיקע, טעאטער־געזעלשאפט, (וועלכע איז פארמאכט געווארן פון דער מאכט). דיביידע גרויסע ביבליאטעקן, — די ציוניסטישע און די בונדישע, — צו יעדער פאזיטיווער איניציאטיוו צוגעלייגט זיין אקסל, אבער אמאינטימסטן זיך צונויפגעוועבט מיט דער „געזעלשאפט פריינד פון ייוואָ״ וואס ער האט, צוזאמען מיט די פריינד חיים אלעזר טכורש, יחזקאל בראטשטיין און שמעון האראנטשיק געגרינדעט. דא האט ער געפונען די פולסטע מעגלעכקייט פאר אן אייגענער, זעלבסט־שטענדיקער שעפערישקייט, פאר א סיסטעמאטישער פארש־און־לערן־ארבעט און זיך דערווארבן א צוגעבונדענע און געטרייע אוידיטאריע. די „פריינד פון ייוואָ״ איז געווען בעצם ווינטערס לעקטארישע טריבונע און ליטעראַרישער ווארשטאט.

לא די וואס אט די קליינע גרופע איז געווען פון די רירעוו־דיקסטע, נאר זי האט אויך געהאט א געזעלשאפטלעכן אנזען אין דער שטאט. סיסטעמאטיש זיך אפגערופן אויף אלע ליטעראַרישע דערשיינונגען, נאכגעפאלגט דאס ארטיקע קולטור־לעבן, איניצירט און ארגאניזירט דאס זאמלען פון רעגיאנעלן פאלקלאר, די

בעלי־מלאכהשע טערמינאָלאָגיע, דעם אַלטן, אָריגינעלן און אַראַמאַטישן יידיש פון אונדזער מקום, מיטן ספּעציפישן דימינוטיוו, — אַלץ אונטער דער השפעה פון שמואל ווינטערן.

געלעבט און געווירקט אין דער צו־מערב אַממייַנסטן אַרויסגערוקטער יידישער שטאָט, די אַממייַנסטן אַסימילירטע, סיי אין פּויליש און סיי אין דייטש, האָט שמואל ווינטער געאָטעמט מיט דער לופט פון ווילנע, וועלנדיק דעם נוסח־ווילנע איבערפלאַנצן אין דער שפּראַכלעך־אַסימילירטן יולאָצלאַוועק. און אָנגעהויבן עס ביי זיך, אין זיינע אייגענע ווינקלען. די קאָמערציעלע בלאַנקען געדרוקט אין יידיש און אין זיין שפּייכלער, ווו עס האָבן געאַרבעט יידישע אַרבעטער, האָבן נישט געפעלט מודעות אין יידיש. באַוועגנדיק זיך צווישן דייטשמעריש־ריידנדיקע תבואה־עקספּאָרטערן און ציקאָריע־פאַבריקאַנטן, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע, אַ ביכעלע יידישע פּאָעזיע, אַ פּייסאַזש פון אַ יידישן קינסטלער. אמת, דאָס האָט אָפט דערמאָנט אַ דאָן־קישאָטישקייט און ער איז מחמת דעם געווען אַן אָביעקט פון די אומברחמנותדיקע קליינשטעטלשע איראָניזירערס, וואָס האָבן נישט תופס געווען דעם ריזיק־הויכן און רייכן געשעפטסמענטש, — מיטשותף צו דער אָנגעזעענער באַרימטער עקספּאָרט־פירמע „נאַשיאָנאַ", אַ „ראַדצע" אין דער וואַרשעווער האַנדלסקאַמער, וואָס קאָנפערירט מיט די אָנגעזעענסטע פריצים פון קאַנט, און פאַרנעמט זיך מיט התלהבות מיט אַ טייטש־חומש, עברי־טייטש, מיט יידישע רעדנסאַרטן...

שמואל האָט זיך נישט אַסך געמאַכט פון דער צאָליקער קריטיק, וואָרום זיין יידיש־ליבע איז ווייט נישט געווען סתם אַ שוואַכקייט צו פאָלקלאָר; זיין קאַמף און ליבע פאַר יידיש איז געשווינדער געווען אַן אויסדרוק פון זיין קוק אויפן יידישן פּראָבלעם, אויפן היסטאָרישן גאַנג פון יידישן פאָלק, פון זיין גלותיסטישן און אויטאָנאָמיסטישן באַנעם, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער שטאָלצער לאָזונג: „נישט פאַרווישן דעם אייגענעם פּרצוף, נישט פאַרמאַסקירן זיך". דאָס האָט אים אָפט געפירט צו מאַכן זיגזאַגן: דאָ דערנענטערט זיך צו דער אָרטאָדאָקסיע און דאָ... צו די קאָמוניסטן.

ווען דער וולאָצלאַוועקער פּאָסטאַמט האָט אַ מאָל זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַ דעפּעשע אין יידיש, האָט שמואל ווינטער אַוועקגעלייגט זיינע עסקים, אינטערוועגירט אין אַלע געהעריקע אַמטן ביז ער האָט אויסגעפועלט, אַז „היות יידיש איז אַן אייראָפּעישע שפּראַך, במילא האָט זי אַלע רעכט, ווי אַזעלכע, אין דער פּאָסט".

ער האָט פיינד געהאַט בתכלית השנאה, אָרגאַניש ממש, די אַלערליי סעזאָן־שתדלנים, קאָרומפּירטע קאַריעריסטן, וואָס האָבן זיך די לעצטע יאָרן געהאַט געמערט אויף דער יידישער גאַס, צוזאַמען מיט די נגישות אויף אונדז. נישט אַרויסזאָגנדיק זיך קיינמאָל פּרינציפּיעל קעגן ציוניזם, איז ער אָבער אַרויסגעטראָטן תמיד קעגן דעם שלילת־הגלות, וואָס האָט זיך, — אָפט געווענדעט קעגן דער ציוניסטישער פּראַקטיק, דער עיקר אויפן קולטור־און שול־געביט. אין אַ בריוו צו מיר קיין בראַזיל, אין אַפּריל 1938, שרייבט ער צווישן אַנדערעס:

> ... אַ סך מאָל באַפאַלט איינעם אַ ייאוש, בפרט ווען די גאַנצע יידישע בירגערלעכע פּרעסע פאַרשפּרייט אַ שרעקלעכן דעפעטיזם אויף דער יידישער גאַס. מע טויט אָפּ אין די יידישע לייענער יעדן גלויבן אַז ס'וועלן קומען בעסערע און ליכטיקערע צייטן... ס'טוט וויי דאָס האַרץ און מען פאַרלירט יעדן חשק צום לעבן, ווען מען זעט, למשל, ווי די אייגענע קינדער ווערן אַריינגעצויגן דורך דער פאַרפּוילישטער ציוניסטישער שול אין אָט דער פאַרנייגערישער באַציונג צום גאַנצן דאָהי" — — —

ווינטער האָט אומדערמידלעך געפאָדערט אַריינצונעמען אין פּראָגראַם פון דער גימנאַזיע דעם למוד פון יידיש.

זיין יידיש־ליבע איז נישט געווען געבויט, חלילה, אויפן איגנאָרירן העברעיש. ער איז נישט מסכים געווען מיט די בונדיסטן, וואָס האָבן העברעיש אין זייערע שולן נישט געלערנט. פון אַלע טיפּן שולן מיט יידיש ווי אַ לימוד־שפּראַך זענען אים אַמנאָענטסטן געווען די פון ווילנער צ.ב.ק. כ'דערמאָן זיך ווי ער האָט אַ מאָל דערציילט, אַז פון צווישן די הונדערטער „געשווירענע העברעיסטן" אין דער שטאָט, איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאָלפן דעם פאָרשטייער פון העברעישן זשורנאַל „מאזנים" פון ארץ־ישראל, צו שאַפן דריי אַבאָנענטן און די דריי זענען געווען פון אָרטיקן יידישיסטישן ייוואָקאָמיטעט...

שמואל ווינטער איז געווען איינער פון די אינטעליגענטסטע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טוער אין אונזער קאַנט. ווי אַן אומפּאַרטייישער איז ער געשטאַנען אין אַ זייט פון דעם אָפענעם פּאָליטישן קאַמף. אָבער מיט זיין פּערזענלעכן פּרעסטיזש האָט ער משפּיע געווען אויף אַלע יידיש־עפנטלעכע מוסדות איינצופירן אַ ריינעם, גוטן יידיש אין זייערע אָפיציעלע פירונגען, און האָט אויסגעשטעלט אַ קאַדער פון יידיש־טוער, יידיש־זוכער, פאָלקלאָריסטן און זאַמלער. ער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט דעם אָפּשיי, דעם דרך־ארץ פאַר אַ יידישן שרייבער, וואָס איז ביי אים געווען ווי אַ כוהן, אַ מענטש וואָס טוט עבודת הקודש. ער פלעגט דערציילן ווי נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ער מיט די לעצטע פאָר קאָפּיקעס געמאַכט אַ נסיעה קיין קוטנע, ווען שלום עליכם איז דאָרט אויפגעטראָטן אין זיין באַקאַנטן טור איבער פּוילן.

איז זיין הויז געווען ברייט און ווייט באַקאַנט די קינסטלער און שרייבער. זיין פּריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען די רייכסטע זאַמלונג אין שטאָט. נישט געווען קיין יידיש בוך, וואָס שמואל זאָל עס נישט האָבן געקענט. פאַר אַן אַלטן עקזעמפּלאַר — אַ „נחלת צבי", אַ „טויזנט אין איין נאַכט", אַן אַלטע תחינה איז קיין שום פּרייז ניט געווען צו טייער פאַר אים און ער האָט זיך נוהג געווען, ווי ווייט מעגלעך, איינצוהאַנדלען צוויי עקזעמפּלאַרן: איינעם פאַר זיך און איינעם פאַרן „ייוואָ".

צוליב זיין סאָציאַלער לאַגע האָט ער זיך געפילט כלומרשט „פאלטש", ווען ער האָט זיך צונויפגעקומען מיט דער מאַסע אין דעם קריטישן פּעריאָד פון דער שרעקלעכער פאַראָרעמונג פון כמעט אַלע שיכטן אויף דער יידישער גאַס. אָבער אינערלעך, אַזוי האָט ער מיר אומצאָליקע מאָל פאַרזיכערט, האָט ער שטענדיק התרוממות, ווען ער איז מיט זיי. און וויפיל מאָל האָט ער לאַנג געלאָזט וואַרטן אַ פּוילישן פּריץ אין אויפנאַמצימער פון זיין קאָנטאָר, אַבי נישט איבערצורייסן אַ שמועס וועגן אַ ציבור־ענין.

ער האָט ליידנשאַפטלעך באַקעמפט יעטלעכע ביטול־באַציונג צו פּוילן און צו פּאָליאַקן. פון אים האָט אַרויסגערעדט דער פּוילישער ייד פון דור־דורות: יידן זענען זיך צונויפגעוואַקסן מיט איר ערד, און געקניפּט און געבונדן מיט אירע פּייסאַזשן, מיט איר געשיכטע, מיט איר פּאָליטיש און נאַציאָנאַל לעבן. „שני גויים בבטנך".

איז עס דען נישט געווען דער דרך פון זיין דור? דאָס איז דאָך

געווען די אילוזיע וואָס האָט געשפּייזט סאָציאַליסטן, פאָלקיסטן, אַסימיליאַנטן. מחמת דעם האָט שמואל געפונען טיילמאָל גוטע ווערטער אפילו פאַר אָט די לעצטע, וואָס האָבן דאָך געשאַפן סאָלידע, סאָציאַל־ווילטועריש פּאָזיציעס — שפּיטעלער, האַנטווערקער־שולן, עלטערהיימען אדג״ל — וואָס זענען אַן אָנשפּאַר אינעם קאַמף פאַר פּאָליטישע רעכט: אָט דעם דאָזיקן יידיש־פּויליש „פּאַטריאָטיזם” איז שמואל טריי געבליבן ביזן לעצטן אָטעם פון זיין לעבן, טראָץ די ביטערע אַנטוישונגען, וואָס דאָס לעבן האָט געבראַכט.

אין דעם בריוו פון דער פריער־דערמאָנטער דאַטע צו מיר שרייבט ער:

„....מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך גראָד געווען אין וואַרשע בעת עס איז דאָרט פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און יוגנט. כ׳האָב מיך צוגעקוקט צו דער מערשעהדיקער דע־מאָנסטראַציע פון אָט דער יוגנט. כ׳האָב געוויינט במשך פון דער גאַנצער צייט. כ׳בין נישט געווען אַליין: כ׳האָב אַליין געזען, ווי אַן אַלט פּאָרפאָלק, קריסטן, האָבן זיך אויך געווישט די אויגן פאַר שמחה. זיי האָבן מסתמא פאַרגליכן זייערע שטרעמונגען און אַמאָליקע קאַמפן פאַר אַ באַפרייט פּוילן מיט דעם אַלעם וואָס קומט פאָר היינט צו טאָג אין דעם אויסגעחלומטן און טייערן פּאָטערלאַנד. אַזאַ דעמאָנסטראַציע גיט צו אַסך כוח איבער־צוהאַלטן די היינטיקע קאָשמאַרצייטן און פעסטיקט דעם גלויבן אַז ס׳איז אָן שום ספק פאַראַן נאָך אַן אַנדער פּוילן, וואָס וועט נעמען אין זיינע הענט אַריין דעם גורל פון בשותפותדיקן פּאָטערלאַנד. (אונטערגעשטראָכן פון מיר מ. ק.).

ב.

שמואלס שריפטשטעלערישע טריבונע איז געווען דער ווילנער „טאָג”, ווו ער האָט אינטענסיוו מיטגעאַרבעט. זיינע טעמעס זענען געווען סיי וואָלאָצלאַווקער־לאָקאַלע און סיי פון אַלגעמיינעם יידישן אינטערעס. פון זיינע אָפטע נסיעות אין אויסלאַנד האָט ער פאַר־עפנטלעכט זייער אינטערעסאַנטע איינדרוקן, וואָס זענען נישט אַדורך אומבאַמערקט פון אַנדערע צייטונגען און אָפט דורך זיי איבערגעדרוקט געוואָרן.

כאָטש אַ „רעגיאָנאַליסט” האָט ער פונדעסטוועגן נישט מיט־געאַרבעט מיט דער וואָלאָצלאַווקער פּרעסע, אפשר מחמת דעם ציוניס־טישן כאַראַקטער פון איין בלאַט, און דעם „סאַנאַציע”־כאַראַקטער פון צווייטן. ביידע האָבן אים, שמואלן, אָפט געטשעפּעט...

אין אַלע דריי גרויסע מאָנומענטאַלע אויסגאַבעס פון ייוואָ „די פּילאָלאָגישע שריפטן” איז ער פאַרטראָטן מיט אַרבעטן אויף זיינע באַליבטע געביטן: פון וואָלאָצלאַווקער פאָלקלאָר. אין 1־טן באַנד („לאַנדוי־בוך”) קאָרטן־שפּראַך, אין 2־טן אַ רייכע זאַמלונג פון בעל־מלאכישער טערמינאָלאָגיע און אין 3־טן דער יידישער לעקסיק פון דער פּוילישער געאָגראַפישער טערמינאָלאָגיע.

אין די קרייזן פון יידישע היסטאָריקער האָט אַרויסגערופן אַן אויפזען זיין היסטאָרישער אַריינפיר צווי קונטרסן מיט חשבונות פון לובראַנצער קהל 1818—1819 וואָס ער האָט געלייענט אויפן ייוואָ־צוזאַמענפאָר, אויגוסט 1935 און איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעצעמבער נומער פון די ייוואָ־בלעטער (1935, אַכטער יאָרגאַנג).

אינטערעסאַנט אַז די אַרבעט איז געווידמעט אַ פריינד אַ פּאָליאַק, ד״ר לובאָוויעצקי — אַ באַקאַנטער פּוילישער עקאָנאָמיקער.

ווייטערדיקע פאָרשונגען זיינע זענען: חברה קדישא אין אָשיענטשין און חברה חייטים אין דאָברין. ס׳לעצטע נישט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן און מסתמא פאַרלוירן געגאַנגען. אָט די אַלע אַרבעטן זענען פראַגמענטן און מאַטעריאַלן צו זיין פאַרטראַכטער, — און נישט פאַרענדיקטער מאָנאָגראַפיע „יידן אין דער קויאַווע”. עס האָט געזאָלט זיין אַ היסטאָרישע אַרבעט און שמואל האָט געהאַט אָנגע־קליבן זייער פיל דאָקומענטאַרן־מאַטעריאַל פון אונדזער עבר אין דער קויאַווע. אויף זיינע הוצאות (צושטייער געגעבן האָבן, ווי תמיד, זיינע אינטימע חברים: יחזקאל בראַטשטיין און חיים אלעזר טכוזש) זענען אַדורכגעפירט געוואָרן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס אין די שטעטלעך בריסק ד׳קוי, איזשביץ, פּשייטש, כאָדטש, לובראָנץ, קיקל און ניעשאווע. עס איז געלונגען צונויפזאַמלען אַ שלל ווערט־פולע כתב־ידן, פּנקסים און קינסטלערישע אילומינאַציעס צו סינאַ־גאָגאַלע טעקסטן, וואָס האָט באַוויזן, אַז אָט דער קאַנט, איז געווען אַ מאָל אַ גייסטיקער צענטער, וואָס האָט געבראַוזט מיט אַן אינטענ־סיוו יידיש לעבן. ס׳איז געווען שמואלס אַמביציע דאָס צו פאַראייביקן. ווען ער וואָלט נישט פיינד געהאַט טאַנדעט־אַרבעט און דילעטאַנ־טישקייט, וואָלט זיין מאָנאָגראַפיע שוין לאַנג געווען אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זי קיינמאָל נישט געוואָלט אָפּשליסן. איך דערמאָן זיך דערביי זיינע אומזיסטע באַמיונגען צו דערשלאָגן זיך צו די אַרכיוון פון וואָלאָצלאַווקער עפּיסקאָפּאַט. וואָס האָבן בלי שום ספק פיל מאַטעריאַלן פון אונדזער עבר אין דער קויאַווע (אין זיין „לובראַנצער קונטרס” זעט מען, ווי די קירך האָט געהאָלפן בויען די שול...), ער האָט זיך קוים דערשלאָגן צו אַן אינטערוויו מיטן לעקטאָר אין וואָלאָצלאַווקער גלחישן סעמינאַר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן (דורכן באַקאַנטן „דיעצעזיא”־פאַרלאַג) אַ וואָגיק ווערק וועגן דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט. אין אָט דעם בוך איז דאָ אַן עקסטראַ קאַפּיטל וועגן יידן און וועגן דעם אַמאָליקן געטאָ. (דערמאָנט זיך דאָ אַ צווייטער גלח פון בריסק ד׳קוי, וואָס הערנדיק מיין בקשה וועגן דעם, צי ווייסט ער עפּעס פון דעם יידן־אָנטייל אין דער אַלטער געשיכטע פון דעם היסטאָרישן שטעטל, האָט ער מודיע געווען, אַז פּנים אל פּנים מיט אַ ייד פּאַסט אים נישט צו רעדן, וועט ער פון צווייטן חדר הויך אַריינרעדן... און גראָד געגעבן אונדז אינטערעסאַנטע פּרטים).

צו שמואלס היסטאָרישע און פאָלקלאָרישע אַרבעטן דאַרף מען מצרף זיין דעם „וואָלאָצלאַווקער אידיאַטיקאָן”, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין אייניקע נומערן פון נח פּרילוצקיס „יידיש פאַר אַלע”. שמואל האָט נישט פאַרפעלט קיין שום רעדנער אין שטאָט, פון קיין שום פּאַרטיי, צוליב ריין־לעקסיקאָלאָגישער נייגעריקייט. ער האָט תמיד אָנגעוויזן אויף דער פאַרוויסטונג וואָס דער צייטונג־יידיש און דער פּאַרטייישער זשאַרגאָן טוען אָפּ אין דעם אַלטן זאַפטיקן יידיש. צוליב דעם איז ער אָפט אויך געגאַנגען דאַווענען אין דער אַלטער שול (און אפשר נישט בלויז צוליב דעם...) ווו די גאָר אַלטע מתפּללים פון געהויבענעם וואָלאָצלאַווקער יחוס האָבן נאָך גערעדט דעם וואָרצלדיקן, אַרכאַישן לשון מיט דער כאַראַקטעריס־טישער פאַרווייכונג וואָס האָט זיך אויפגעהיטן ביים אויפרופן צו דער תורה (צייגן: שטייגערן; די אַלטפּוילישע מטבעות ביי די נדרים: דיטכיער, פּייעמס, גילדוינים, גראָשוינים).

אין אויגוסט 1935 שיקט די וואָלאָצלאַווקער „געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ” אַ גרעסערע דעלעגאַציע קיין ווילנע אויפן אַלוועלטלעכן ייוואָ־צוזאַמענפאָר מיט שמואלוויינטערן בראש. (עס האָבן זיך אין

איר נאָך באַטייליקט: יחזקאל בראַטשטיין, חיים אלעזר טכוזש, יחיאל־מאיר זילבערבערג, פּייוויש און פישל בער ראַוויצקי, בוקס און זלמן ליכטנשטיין) שמואל ווערט אויסגעוויילט אין וועלטראַט פונעם ייוואָ, וועגן צוזאַמענפאָר גופא שרייבט ער מיר אין אַ בריוו פון 1935.11.17:

...אין ווילנע איז געווען אַ גרויסער טומל, אַ מאַסע מענטשן פרעמדע... קיין גרויס נחת האָב איך נישט געהאַט, בעוויל ס׳זענען געווען גרויסע מחלוקות... מיר זאָלן זוכה זיין אויף אַ דעלעגאַט פון בראַזיל צום צווייטן צוזאַמענפאָר! הלוואי גאָטעניו! אמן ואמן!

די דאָזיקע צאַפּלדיקע שורות אילוסטרירן שמואלס ווידערגעפיל צו פּאַרטייען, צום קנאה און שנאה־שפּיל און נישטפאַרגינערישקייט, וואָס האָט זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט אַפילו אין די פאָרשערישע געצעלטן פון ייוואָ... עס געדענקט זיך, אַז ווען עס איז געשטאָרבן דער באַרימטער אָרטאָדאָקסישער מנהיג דר. נתן בירנבוים (מתתיהו אחר) וועלכער איז אין דער יוגנט געווען אַ פּאָרויסגייער פון יידישיזם און איינער פון די צונויפרופער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז געווען מצד די „פּראָלעטאַרישע" פאָרשטייער אין וואָלאָצלאַווקער ייוואָ (את חטאי אני מזכיר היום — — —) אַן אָפּאָזיציע צו שמואלס פאָרשלאָג צוזאַמענצורופן אַן עקסטראַ טרויער־זיצונג לזכר דעם נפטר. שמואל האָט זיך געגעסן פאַר צער, פאַרוואָס אייגענע מענטשן קענען מיטאַמאָל ווערן אַזוי פּרא־אָדמנדיק...

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך שמואל דערנענטערט שטאַרקער צום „בונד", כאָטש פאָרמעל איז ער סייווי געבליבן אומאָפּהענגיק. געווען טיילמאָל אויך קענטיק אויף אים רעמינעסצענצן פון קאָמוניסטישן איינפלוס. ווי ביי אַ שפּאָרן טייל ווילנער יידישיסטן, האָט אויך אים שטאַרק אימפּאָנירט דער מלוכהשער כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, אין יענער תקופה. געהאַלטן פאַר אַ וואַזשנע זאַך, וואָס די יידישע שפּראַך איז אַ שפּראַך צווישן שפּראַכן. די יידישע שול, די וויסנשאַפט, דאָס טעאַטער, ליטעראַטור, זענען גלייכע און אַפילו געצערטלטע אין דער אַלגעמיינער קולטור־שאַפונג. דאָס איז אָבער געווען דער איינציקער באַריר־פּונקט מיטן קאָמוניזם, ווייל ער האָט פון דער צווייטער זייט נישט גורס געווען די איינזייטיקייט פון דער סאָוויעטיש־יידישער קולטור און בכלל געווען אַ קעגנער פון דער שיטה „פּראָלעטקולט". דאָס האָט ער אומצאָליקע מאָל פאָרמולירט בעת זיינע לעקציעס.

דעם 19־טן סעפּטעמבער 1936 שרייבט ער מיר:

...דער פּראָצעס אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אויף אונדז אַלע געמאַכט אַ צעשמעטערנדיקן איינדרוק און אַ לאַנגע צייט האָבן מיר פשוט נישט געקענט אויפהייבן די אויגן איינער פאַרן אַנדערן.

אין דער געשפּאַנטער אַטמאָספערע פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין פּוילן, אין 35־סטן יאָר, ווען דער „בונד" און מסתמא אויך אַנדערע פּראָלעטאַרישע ריכטונגען האָבן זיך געקליבן פירן אַן אונטערערדישע אַרבעט און ווידערשטאַנד, האָט שמואל מיט זיינע צוויי אומצערייסבאַרע חברים, יחזקאל בראַטשטיין ע"ה און חיים אלעזר טכוזש, אים צו לענגערע יאָרן, זיך באַטייליקט מיט אַ גרויסער סומע געלד פאַר אָט דעם צוועק. שמואל זיגעלבוים (חבר אַרטור) ע"ה, איז עקסטראַ געווען געקומען צו זיי. שמואל האָט מיר געוויזן די קבלה פון אָט דער באַשטייערונג. ער האָט זי באַהאַלטן צווישן זיינע טייערסטע דאָקומענטן.

דאָס איז געווען בעת די לעצטע טעג פון אונדזער געמיינזאַמער טעטיקייט. מיר האָבן פאַרלאָזט וואָלאָצלאַוועק אין אויגוסט 1935. אַן אָונט פאַר דעם האָט שמואל פאַר אונדז איינגעאָרדנט ביי זיך אין וווינונג אַ געזעגנונג. פון דאַן און ווייטער איז אָנגעהאַלטן געוואָרן צווישן אונדז אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ. דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן 4 יאָר שפּעטער — — —

ג.

מיר האָבן פון דער ווייטנס הילפסלאָז, פאַרצווייפלט און דערשראָקן געזוכט און געפאָרשט נעמען פון אונדזערע נאָענטע. אין איינעם אַ טאָג האָט די יידישע פּרעסע איבערגעגעבן די לעצטע רשימה פון שרייבער, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע עסקנים, אומגעקומענע אויף קידוש השם און קידוש העם, וואָס עמנואל רינגעלבלום ע"ה האָט צונויפגעשטעלט און נאָך באַוויזן אַרויסצושיקן צו דער יידישער וועלט, איידער ער אַליין, רינגעלבלום, איז אומגעקומען.

אין אָט דער רשימה האָב איך געפונען די טייערע נעמען שמואל ווינטער און יחזקאל בראַטשטיין — שפּעטער איז געווען אַ ידיעה, אַז שמואל איז געווען איינער פון די ערובניקעס אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס די נאַציס האָבן געהאַלטן פאַר אַ משכון. איינציקווייז איז קלאָר געוואָרן פאַר מיר, — כאָטש נישט אין די דעטיילן — די פולע טראַגעדיע פון גאַנצן יידנטום אויף דער פּוילישער ערד און פוןביידע פאַמיליעס, ווינטער און בראַטשטיין. שמואל האָט זיי איבערלעבט בלויז אויף איניקע חדשים — — —

פון די פאַרעפנטלעכטע זכרונות מצד געטאָ־קעמפער (צביה לובעטקין, יאָנאַס טורקאָוו, רחל אויערבאַך א. אַ.) איז צו זען, אַז שמואל האָט אין וואַרשעווער געטאָ פאַרנומען אַ שליסל־פּאָזיציע ביים אַפּראָוויזירן די אונטערערד, אויסנוצנדיק דערביי זיין אָפיציעלן אַמט, ווי דער באַשפייזער פון די אַ. ג. שאָפאַרבעטער ביי דעם וואַרשעווער אומגליקלעכן „יודנראַט". דאָס איז אָבער געווען זיין ראָלע שוין ביים סוף פון געטאָ, ערב דעם אויפשטאַנד. במשך פון זיין גאַנצן אויפהאַלט אין וואַרשעווער געטאָ, ווען אויך וואָלאָצלאַווקער יידן זענען דאָרט פאַרשלאָסן געוואָרן, האָט שמואל געטריי זיין וועלט־אָנשויונג און טיפער אמונה אין דער יידישער קולטור, אונטערגעהאַלטן דאָס פייערל פון קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער געטאָ־טראַגעדיע איינגעהאַלטן די ווערדע, דעם צלם־אלוקים פון געפייניקטן ייד און במילא אים גערופן צו איבערהאַלטן און צו ווידערשטאַנד. שמואל איז דאַן איינער פון דער געזעלשאַפט „עונג שבת", וואָס פירט אַדורך סיסטעמאַטישע קינסטלעריש־ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, כדי נישט צו לאָזן פאַלן דעם מוט פון געטאָ־ייד.

דער אין די חורבות פון וואַרשע געפונענער טאָגבוך פון שמואל ווינטער, פון יאַנואַר 1943 אָן, וואָס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן האָט פאַרעפנטלעכט פון אים בלויז איניקע פראַגמענטן מיט פאָטאָסטאַטן פון שמואל׳ס כתב („בלעטער פאַר געשיכטע" יאַנואַר—יוני 1950), איז אַן אויסערגעווייטלעכער היסטאָרישער דאָקומענט.

די פאַרעפנטלעכטע פראַגמענטן זענען אָפּגעהאַקטע געשרייען פון אין יסורים זיך קאָרטשענדיקן מאַן און פאָטער. — — — עס שטייען אים פאַר די אויגן תמיד זיין פרוי און קינדער און עס פייניקט אים דער געוויסן, אַז אפשר האָט ער נישט אַלץ געטון זיי צו ראַטעווען, אָבער אַפילו אין יענע מאָמענטן האָט ער אין זין די

ווערטפולע קולטור־זאַמלונגען, וועלכע מע דאַרף אָפּראַטעווען פון פאַרניכטונג. אין אָט די רגעס פון די „פאַלנדיקע ווענט" זאָרגט ער זיך רק וועגן איינגראָבן דעם אַרכיוו (פון דער „עונג־שבת"־געזעל־שאַפט), אַלט־יידישע ספרים, הגדות, תחינות... ער ווייטיקט, הלמאי יידישע אַקטיאָרן אין אָט די לעצטע טעג, פאַרוויילן דעם עולם מיט פּראָפּאַנע שונד־פּראָגראַמען.

די נאַציס האָבן, זעט אויס, געוווּסט פון שמואלס וויכטיקער טעטיקייט אין געטאָ, ווייל זיי האָבן אים כסדר געזוכט און אים פאַרלאַנגט פון „יודנראַט". מען האָט זיי, — די נאַציס — געהאַט אייניקע מאָל אָפּגענאַרט: ווינטער איז שוין לאַנג צווישן די „אויסגעזידלטע" — — —

ווייסן מיר נישט גענוי, צי האָט שמואל באַוויזן זיך צו דער־האַלטן ביזן לעצטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אַפּריל 1943. דאָס טאָג־בוך פירט ער אין בונקער. די לעצטע בלעטלעך זענען פון פעב־רואַר 1943.

ווינטערס לעצטער לעבנספּעריאָד, — וואַרשעווער געטאָ, — איז אַ וווּנדערלעכער אַטעסטאַט אויף זיין קריסטאַל־ריינעם כאַ־ראַקטער און עטישקייט. אויב געטאָ איז געווען אַ פּרובירשטיין פאַר כאַראַקטערן, איז שמואל פון אָט דעם פייערפּרווו אַרויסגע־קומען נאָך מער אַ פאַרהאַרטעוועטער און אויסקריסטאַליזירטער. אַלע עדי־ראיה דערמאָנען שמואלס נאָמען מיטן גרעסטן יראת הכבוד. שמואל מיט זיין פאַמיליע און מיט זיין האַרציקן־חבר יחזקאל בראַטשטיין און זיין פאַמיליע, האָבן נאָך אין 40־סטן יאָר געקענט אַנטרינען פון געטאָ, פון פוילן. (ווי עס דערציילט זיין אינטימער חבר חיים אלעזר טכוזש), ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אין די קריטישסטע טעג אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט און ער האָט עס תמיד אָפּגעוואָרפן. ער איז געבליבן מיט די לעצטע יידן, מיט די לעצטע קעמפער, דער לעצטער אין זיין בונקער — — —

ווייל אַזוי איז געווען זיין שליחות אין לעבן: גראָדליניק און אויסגעהאַלטן האָט ער באַגלייט דעם פוילישן ייד. געפאָרשט זיין לשון, זיין עבר, זיך געגרויסט מיט זיין יחוס און געפילט אויף זיך די אחריות פאַר זיין צוקונפט. איז איצט זיין אחריות געחתמעט מיט זיין בלוט און מיט זיין אַש. זאָל זיין נאָמען אויפגעהיט ווערן אין אייביקן גערעכעניש פון אונדזער פאָלק!

מירל ערדבערג־שאטאן / פש״א שמעון האראנטשיק 1890 - 1939



וולאָצלאַוועק, די וווּנדערלעכע שטאָט ביי דער ווייסל מיט אירע געדיכטע אַלייען לענג אויס פון איין זייט שטאָט, ווו די צווייטע זייט שטאָט איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ בריק אַן ערך אַ מייל לאַנג. די בריק האָט געפירט צום וואַלד, מיט הויכע געדיכטע סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן זיך געצויגן מיילן אין דער לענג, מיילן אין דער טיף און מיילן אין דער ברייט. הויכע בערג און טיפע טאָלן, זיל־בער־ווייסע זאַמדיקע פּלאַזשעס. עס איז געווען דאָס אָנגענעמסטע און שענסטע פּלאַץ פאַר זומער אָפּרו: „שפּעטאַל".

דאָרט אויף איינעם אַ הויכן באַרג, אין טיפן וואַלד, אין אַן אָרעם הילצערן הייזל האָט געוווינט דער שרייבער שמעון האָראָנטשיק מיט זיין פרוי. די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געוווינט אין וולאָצ־לאַוועק פון 1922 ביז 1926 איז כמעט ניט געווען דער טאָג, אַז האָראָנטשיק זאָל אונדז ניט אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

איך האָב שוין געהאַט באַגעגנט שמעון האָראָנטשיק מיט אַ צייט פריער, נאָך דעמאָלט ווען ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין ערשט און לעצט לידערביכל „פעלד־בלומען". עס איז טאַקע געווען אין שפּעטאַל ווו עס זענען יעדן זומער געקומען דיכטער, שרייבער און קולטור־טוער זיך קוויקן מיט דער שיינקייט פון דער הערלעכער נאַטור.

דאָרט צווישן דער געזעלשאַפט אין שפּעטאל האָב איך אויך באַגעגנט ש. האָראָנטשיק. זיין אויסזען איז געווען אַ ביסל מגושמדיק ווי אַ דאָרפס־מענטש פון דור־דורות. אויך דער הילוך זיינער איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין אויסזען. ער האָט נאָך דעמאָלט געוווינט אין סאָמפּאָלנע, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון וולאָצלאַוועק. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון אַ שפּייז־געוועלבל. אויף דער פּרנסה זיינער האָט ער זיך אַלע מאָל באַקלאָגט: איר ווייסט, זאָגט ער צו מיר גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש, אויב איך וועל באמת פאַרווירקלעכן מיינע חלומות און אָנשרייבן די ווערק וואָס איך האָב אין זינען, וועט עס זיין אַ דאַנק די הערינג מיט די ווייבער! גיב איך זיי אַ גראָבן הערינג, ווילן זיי אַ דינעם, גיב איך זיי אַ דינעם, ווילן זיי אַ פעטן; גיב איך זיי אַ פעטן געפעלט זיי ווידער נישט. אַזוי טאָפּטשע איך אַרום מיט מיינע הענט אין דעם פאָס געזאַלצע־נעם לאָגל ביז איך גיב דעם הערינג אַ זעץ ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין! דאָס זאַלץ גיט אַ שפּריץ אין דער אידענעס פּנים און זי לויפט אַרויס אויסשיטנדיק אַ גאַנצן זאַק קללות אויף מיין קאָפּ. איך מוז זיי אַוועקוואַרפן די הערינג, אַפילו מיין ווייב טאָר זיי ניט אָנקוקן!

שמעון האָראָנטשיק האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, פאַרקויפט

דאָס געוועלבל, אָפּגענומען עטלעכע הונדערט זלאָטעס און זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק. אַ שטיקל צייט האָט ער געוווינט אין שטאָט. זיין פרוי האָט געניייט קליידער און אים אַרויסגעהאָלפן אין דער פּרנסה. האַראָנטשיקן האָט נישט געפעלן די שטאָט מיט אירע שוואַכקייטן צו קנאה, רכילות און אַנדערע זאַכן און האָט זיך באַזעצט אויף אַ הויכן באַרג אין שפּעטאַל. די עטלעכע הונדערט זלאָטעס האָט ער אַוועקגעגעבן זיין פרויס ברודער אויף פּראָצענט. דער שוואָגער האָט געהאַט אַ גרויס הורטאָווע שפּייז־געשעפט. פאַר דעם פּראָצענט איז אויסגערעדט געוואָרן אַז האַראָנטשיק וועט פאַר זיך מיט זיין ווייב באַקומען יעדע וואָך אַ ביסל שפּייז, ווי קאַווע, צוקער, בעבלעך, מעל אאַ״וו.

אין אַ פּאָר הויכע שטיוול מיט אַ סאָלדאַטסקן שינעל וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פון וואַרשעווער ליטעראַרן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, אַ קויש אין איין האַנט, אין דער צווייטער האַנט אַ גראָבן שטעקן, איז ער טאָגטעגלעך געקומען אין שטאָט אַריין. מיט דעם קויש האָט ער איינגעקויפט אַ ביסל גרינצייג, און אויך יעדע וואָך געגאַנגען צום שוואָגער נאָך פּראָצענט, ד״ה שפּייז.

קיין איין טאָג האָט ער נישט פאַרפעלט צו קומען צו אונז. טאָמער האָט ער יאָ אַמאָל צוליב עפּעס אַ סיבה ניט געקאָנט קומען, האָבן שוין די שכנים פון אונזער הויף, וואָס האָבן אים יעדן טאָג געזען אַדורכגיין געפרעגט: וואָס איז עפּעס דער „אַרענדאַר״ היינט ביי אייך ניט געווען, האָט עפּעס חלילה מיט אים פּאַסירט?

דעם ערשטן ראָמאַן „פאַרפלאָנטערטע וועגן״ האָט שמעון האַראָנטשיק נאָך אָנגעהויבן שרייבן אין סאָמפּאָלנע. פאַרענדיקט האָט ער אים שוין אין וולאָצלאַוועק.

ווי אַלע אָנפאַנגער איז אים נישט גרינג אָנגעקומען אַז דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ סך טירן פון פאַרלעגער און פאַרלאַגן, אָבער אַלץ אָן דערפאָלג. אין יענער צייט האָט דער שריפטשטעלער י. מ. ווייסבערג געהאַט אַ „שטיקל״ פאַרלאַג ווו ער מיט ד״ר ציפּור צוזאַמען האָבן אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „זאַמלביכער״ און אויך שריפטן פון יונגע טאַלאַנטן. האַראָנטשיקן האָט ווייסנבערג אויפגענומען ווי איינעם פון די באַעוולטע. ער האָט אים צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם ראָמאַן „פאַרפלאָנטערטע וועגן״ מיט דעם באַדינג אַז ער, האַראָנטשיק, זאָל ווייסנבערגן דערלויבן צוצוגעבן אַ קאַפּיטל צום בוך, וואָס זאָל זיין אַ מין אָנקלאַגע קעגן געוויסע שרייבערס און אויך קעגן וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. דאָס קאַפּיטל האָט טאַקע פאַראורזאַכט אַ סקאַנדאַל אין די ליטעראַרישע קרייזן.

„פאַרפלאָנטערטע וועגן״ איז אַ ראָמאַן ווו האַראָנטשיק שילדערט דאָס לעבן אין קליינעם שטעטל אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז פון דעם זשאַנער ווי עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגלערס״, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די ליטעראַרישע קרייזן.

איך געדענק גאַנץ גענוי, ווי עס וואָלט איצטער געווען: עס איז געווען אין אַ פרייטיק, האַראָנטשיק ווי געוויינלעך גיט אַ ברייטן פּראַל אויף די טיר, לויפט אַריין אַ פאַרסאָפּעטער אָן אָטעם מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. איר זעט — זאָגט ער מיט ענטוזיאַזם — דער ערשטער אָפּרוף און שוין אַ גוטער! עס איז געווען דער „היינט״, ווו י. מ. ניימאַן האָט געגעבן אַ גוטע אָפּהאַנדלונג איבער די „פאַרפלאָנטערטע וועגן״. דאָס האָט האַרנטשיקן געגעבן אַ שטויס צו זיין ווייטערדיקן שאַפן.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט האַראָנטשיק פאַרענדיקט זיין צווייטן ראָמאַן „זומפּ״. אויך מיט דעם בוך איז געווען פאַרבונדן אַ שטיקל סקאַנדאַל. אַזוי ווי די קריטיק האָט זיך נישט זייער גינסטיק אָפּגערופן אויף דעם בוך, האָט ער געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן און טאַקע אין דער וווינונג פון דער „קולטור־ליגע״. ער האָט אויסגעטרונקען סם, אָבער מ׳האָט אים שנעל אָפּגעראַטעוועט. „זומפּ״ איז אַ ראָמאַן ווו האַראָנטשיק שילדערט דאָס לעבן פון זיין שוואָגערס אויפגעקומען גביריש הויז אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה. געלט איז געפלאָסן פון אַלע זייטן, מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס דערמיט צו טון. סיי די פרוי, סיי די קינדער, אַלע זענען געוואָרן דעמאָראַליזירט אויפן העכסטן אופן, די דינסטן, די קינדער, אַלע האָבן געגנבעט פון אַלע זייטן און ער, דער בעל־הבית, האָט אין די גרינגע געלט־מאַכעריי נישט געזען וואָס ביי אים אונטערן נאָז טוט זיך. די פרוי האָט זיך אויסגעפּוצט אין די טייערסטע קליידער און איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר אַוועק אויף גאַנצע טעג פון שטוב. ער, האַראָנטשיק, האָט געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דער אויפגעקומענער גבירישער שטוב. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען אָפּצושטיין שעהן לאַנג ביי זיין שוואָגער אין געשעפט מיטן קויש אונטערן אָרעם ביז מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן דאָס ביסל שפּייז ווי אַ נדבה. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט און באַליידיקט; ער האָט געביילט אויף זיי מיט די פויסטן. ווען ער האָט דאָס אונז דערציילט, האָט ער בייז צוגעגעבן מיט זיין גראָבער שטים: „איך וועל זיי שוין באַשרייבן״.

די טעמע פאַרן דריטן בוך „אויפן באַרג״ האָט ער גענומען ביי זיינע נישט־יידישע שכנים וואָס האָבן געוווינט נישט ווייט פון אים אויפן באַרג. צו דעם ראָמאַן האָט אים אָנגערעגט אַ לעטישע פרוי, וועלכע האָט געפירט אַ געהיימע ליבע מיט אַ פרעמדן מאַן און פאַראַטן איר אייגענעם מאַן. עס איז אַ בוך פול מיט סעקסועלע אויפברויזן און האָט אַרויסגערופן מיינונגס פאַרשידנהייטן אין די ליטעראַרישע קרייזן. שפּעטער איז אַרויס פון דרוק „אין גערויש פון מאַשינען״. אין דעם ראָמאַן שילדערט האַראָנטשיק די אויפוואַקסונג פון פויליש־יידישן אַרבעטער. פון 1905, האַראָנטשיק אַליין איז אין יענער צייט געווען אַ שטריקער־אַרבעטער ביי זיין רייכן פעטער אין קאָליש. ער איז געווען איבערגעזעטיקט פון די עוולות וואָס זענען קעגן אים און קעגן אַלע אַרבעטער באַגאַנגען געוואָרן.

ווי שוין דערמאָנט, האָט שמעון האַראָנטשיק אין וולאָצלאַוועק אויפן באַרג געפירט אַ זייער אָרעם לעבן. ממש אין דחקות! אַ קליין אָרעם הילצערן שטיבל מיט צוויי בעטלעך, אַ טישל מיט קוים צוויי שטולן איז געווען דאָס גאַנצע מעבל. סיי זומער סיי ווינטער האָט מען געקליבן ריטלעך, שפּענער אין וואַלד, — זומער אויף צו קאָכן, און ווינטער אויף צו באַהייצן. האַראָנטשיק איז אָבער געווען פול מיט בטחון און גלויבן אַז ער וועט זיך סוף כל סוף אַדורכשלאָגן אַ וועג אין דער יידישער ליטעראַטור. און דאָס האָט אים געגעבן מוט אַפילו ביי די שווערסטע באַדינגונגען. דאָס לעבן אויפן באַרג איז געווען זייער אָנגענעם און אינטערעסאַנט. עס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און עס האָט אויסגעזען אָז דאָס איז שוין געווען די לעצטע מלחמה, אַ מלחמה אויף צו פאַרענדיקן מלחמות און... עס קומט אָן אַ נייע שיינע וועלט, עס וועט זיין אַ צייט פון רו און שלום פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

האָבן מיר טאַקע אָן זאָרגן יעדן שבת נאָכמיטיק פאַרברענגט ביי האַראָנטשיק אין וואַלד אויפן באַרג. אַ גרופּע פריינד זענען מיר אַזוי פון שבת צו שבת געקומען. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף דער ווייכער גראָזיקער וואַלדיקער ערד. האַראָנטשיק האָט

מערסטנס פאַרגעלייענט קאַפּיטלען פון זיינע ראָמאַנען נאָך אין מאַנוסקריפּט. מיר האָבן געשמועסט, געזונגען לידער און אַנגענעם פאַרבראַכט. אַזוי זענען מיר געזעסן ביז די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן גאָר נידעריק און מיט אירע פייער־רויטע פאַרבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם קעגנאיבערדיקן קלאָרן וואַסער פון דער ווייסל.

ווען מיר האָבן אין 1926 פאַרלאָזן ווילאַצלאַוועק, האָט האָראָנטשיק נאָך געוווינט אין וואַלד אויפן באַרג. אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען אין די ליטעראַרישע קרייזן אין וואַרשע. זיינע ווערק האָבן זיך שוין געדרוקט אין עטלעכע טעגלעכע צייטונגען און אין זשורנאַלן, אויך אין דער „צוקונפט". געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „היינט" און אין דער „פאָלקסצייטונג". מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט ער זיך איבערגעקליבן קיין וואַרשע. אין דער „צוקונפט" פון אויגוסט 1939 איז געווען אָפּגעדרוקט זיינס אַ גרעסערע דערציילונג, כמעט אַן אויטאָביאָגראַפיע, ווי ער וואָלט ממש פאָרויסגעפילט אַז דאָס וועט זיין זיין לעצט ווערק. לויט ווי מיין זכרון דינט מיר ווערט דאָרט דערציילט וועגן די ליידן און בזיונות וואָס אַן אָרעמער לערנייִנגל האָט אויסצושטיין ביי אַ רייכן קרוב, דעם פאַבריקאַנט.

האָראָנטשיק איז געווען אַ טיף עמאָציאָנעלער מענטש און האָט רעאַגירט אויף אַלע אומרעכטן וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן פון מענטש צו מענטש. און ער האָט דאָס אויך אַרויסגעבראַכט אין אַלע זיינע ווערק.

ביי דער געלעגנהייט איז ווערט צו דערציילן וועגן אַן אינטערעסאַנטן פאָרפאַל וואָס איז פאָרגעקומען צווישן האָראָנטשיקן און צו לאַנגע יאָרן דעם שרייבער יוסף אָקרוטני וואָס געפינט זיך איצטער אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע.

יוסף אָקרוטני איז געקומען צו גאַסט קיין ווילאַצלאַוועק. מיר האָבן אים באַקענט מיט האָראָנטשיקן. האָראָנטשיק האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין וואַלד אויפן באַרג.

אַרום 7 פאַרנאַכט האָבן זיי געזאָלט ביידע צוריקקומען אין שטאָט אַריין אויף אַ קאָנצערט. מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעגרייט בילעטן. עס איז זיבן־אַכט־ניין — זיי זענען ניטאָ. אַגב האָט אָקרוטני געדאַרפט קומען נעכטיקן. מיר האָבן פאָרויסגעפילט אַז עפּעס איז געשען, אָבער מיר האָבן שוין מיט אומגעדולד געמוזט וואַרטן אויף מאָרגן. ווייל אין דער נאַכט־פינצטערניש צו גיין אין טיפן וואַלד אַריין האָט געשמעקט מיט געפאַר. קיין טעלעפאָנישע פאַרבינדונג, ווי עס פאַרשטייט זיך, איז דאָך נישט געווען און אויך אַן אויטאָ צו אונזער דינסט איז נישט געווען צו יענער צייט מעגלעך צו באַקומען. מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט עס זאָל ווערן טאָג. מיט אומרו און שנעלע טריט האָב איך זיך פאַרנומען אין וואַלד אַריין, אַז איך בין נאָר אַרויפגעקומען אויף דער בריק נעבן דער ווייסל, האָב איך באַגעגנט האָראָנטשיקס פרוי. אַ דערשראָקענע האָט זי מיר דערציילט אַז סיי האָראָנטשיק סיי אָקרוטני ליגן מיט צעבראָכענע הענט און זי איילט נאָכן דאָקטער. זיי האָבן ביידע שפּאַצירט אין וואַלד און פאַרטיפטע אין אַ שמועס נישט באַמערקט די טאָלן. אַז עס איז שוין געווען שטאָק־פינצטער האָט זיך ערשט באַוויזן דער וואַלדוועכטער און זיי קוים לעבעדיקע אַרויסגעצויגן פון טיפן גרוב און קרעכצנדיקע זיי אַהיים געפירט. אויף צו מאָרגן האָט דער דאָקטער געטון וואָס מען האָט געדאַרפט און געהייסן וואַרטן אויפן צווייטן טאָג ביז עס וועט זיין פלאַץ פאַר זיי אין שפּיטאָל. אין אָונט זענען מיר אַ גרופּע פריינד געגאַנגען מבקר־חולה זיין די קראַנקע. מיט לאַמטערנעס און עלעקטרישע האַנט־לאָמפּן זענען מיר געגאַנגען אין דער פינצטערער נאַכט אין וואַלד אַריין. מיר האָבן זיך געהאַלטן איינער אָן צווייטן און מיט מורא געשטעלט יעדן טראָט. דער פירער פון דער גרופּע איז געווען דער אומגעקומענער צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן קדושים, יהושע כשאָנסטאָווסקי פון ווילאַצלאַוועק. ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו האָראָנטשיקן האָבן מיר געזען אַזאַ בילד: אין איין בעט איז געלעגן האָראָנטשיק די רעכטע האַנט פאַרבאַנדאַזשירט, געשוואָלן ווי אַ פאַס. ביים מינדסטן באַוועג האָט ער געגנומען חלשן און מיר האָבן אים געמוזט מינטערן. אין צווייטן בעטל איז געלעגן אָקרוטני אויך די רעכטע האַנט פאַרבאַנדאַזשירט און געשוואָלן. ער האָט זיך געהאַלטן אַ סך העלדישער פון האָראָנטשיקן כאָטש ער איז געווען אַ מפּיל־קינד אַנטקעגן אים. צומאָרגנס האָט מען זיי ביידן אַוועקגעפירט אויף פערד און וואָגן אין שפּיטאָל אַריין ווו מען האָט זיי ביידן אָפּערירט. שיינע עטלעכע וואָכן האָט מען זיי ביידן געזען אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן פון ווילאַצלאַוועק מיט פאַרבאַנדאַזשירטע הענט.

צווישן סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1939, ווען עס האָבן שוין אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז די גרויל־נייעסן וואָס די נאַציס טוען צו יידן, איז אויך דערגאַנגען די דערשיטערנדיקע ידיעה אַז שמעון האָראָנטשיק איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין קאַלושין, אַ קליין שטעטעלע נישט ווייט פון וואַרשע. איידער אומקומען פון די נאַצישע בלוטיקע הענט, האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן דורך איבערשניידן די אָדערן מיט אַ ראַזיר־מעסער. אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז שמעון האָראָנטשיק געווען דער סאַמע ערשטער פון די יידישע שרייבער וואָס איז אומגעקומען דורך די נאַציס אויף קידוש השם.

לאָמיר זיי אַלע הייליק געדענקען און נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

מאיר קוטשינסקי

דער משלים־שרייבער און דיכטער פישל בער ראַוויצקי

(זכרונות און באַטראַכטונגען)



דער נאָמען פישל בער ראַוויצקי איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, פונקט ווי זיין מאַרטירער־טויט איז בטל־בשישים געוואָרן אינעם בלוטיקן ים פון די מיליאָנען קדושים. חוץ אין דעם אייזערנעם רעגיסטער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, דער עיקר פון דער פאבוליסטיק, — לעבט ער אין געדעכעניש פון זיינע צעזייטע און צעשפּרייטע פריינד און בני־עיר פון דער שווער געשטראָפטער שטאָט וולאָצלאַוועק, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן, געאַרבעט און געשאַפן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין טשעכאָטשינעק דעם 8־טן דעצעמבער 1892, און אַלס קינד אַריבער מיט די עלטערן קיין וולאָצלאַוועק. די שטוב איז געווען אַ שטרענג פרומע לויטן אַמאָליקן מתנגדישן נוסח. די מאַמע האָט געשטאַמט פון אַ דאָרפישער משפחה פון ראַציאָנזשעק, ניעשאַווער פּאָוויאַט און איז געווען אַ שוועסטער פונעם באַוווּסטן געלערנטן הרב ד״ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי, רב און פּרעדיקער פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. (אַגב איז פישל־בער געווען זייער ענלעך צו זיין באַרימטן פעטער). דער פאָטער, מענדל וואָלף, וועמען דער דיכטער היילּיקט זיין ערשט ווערק „משלים". האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע ווו אייל־שלעגעריי איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. דאָס גרינדן אַן אייל־מיל איז געווען די סיבה פון זיין באַזעצן זיך אין וולאָצלאַוועק. ער איז געשטאָרבן צו עטלעכע און דרייסיק יאָר, איבערלאָזנדיק אַ פרוי מיט דריי קינדער, פון וועלכע דער עלטסטער, פישל בער, איז אַלט געווען צוועלף יאָר. די אונגע אלמנה, אַ טיפ „מירעלע אפרת" האָט אַרויסגעוויזן מאַנצבילישע בריהשאַפט, ענערגיש געפירט די פרנסה פון איר מאַן און געגעבן די קינדער אַ לייטישע דערציונג.

פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט פישל בערן געצויגן צו גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס נישט תמיד האָבן אים די מאַטעריעלע באַדינגונגען דאָס דערמעגלעכט.

מיר טרעפן אים אין די פאָדערשטע רייען פון יענער געקליבענער גרופּע פון די דעמאָקראַטיש־פאָלקסטימלעכע קולטור־טרעגער, אידעאַליסטן, נישט פאַרפאַרטייזירטע און פּאָליטיריזירטע, — וואָס האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן וועלטלעך־קולטורעלן רענעסאַנס צווישן די פאָלקס־שיכטן אין אונדזער שטאָט.

צוזאַמען מיטן דיכטער ד״ר י. ב. ציפור, הרב קאָוואַלסקיס איידעם, יצחק באָרנשטיין (אַ צייט אַ פועל־ציוניסטישער ראַטמאַן און שפּעטערדיקער „דזשוינט"־טוער (אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים), האָט פישל־בער אָנגעפירט מיטן „דראַמאַטישן פאַראיין" (וואָס האָט אַ צייט פאַרנומען דעם שפּיגל־זאַל פון האָטעל „דריי קרוינען" אויפן אַלטן מאַרק) אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע. דער דראַמאַטישער פאַראיין איז געווען אַן אָפּבילד פון דעם נאָר־וואָס־געהאַט אונטערגעגאַנגענעם פּרציאַנישן „הזמיר" פון וואַרשע און פון דער בונדישער לאָדזשער „האַרפע". דעם דראַמאַטישן פאַראיין קומט די בכורהשאַפט אַריינצופירן צווישן די וולאָצלאַווקער יידן דאָס שיינע קינסטלערישע וואָרט. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט פאַרשידענע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך צוליב ריין־פּראָזאַאישע סיבות בעת דעם דעמאָלטיקן הונגער־פּעריאָד אויפגעהאַלטן ביי אונדז אין שטאָט, — די רעזידענץ פון דער זאַטער און פעטער קויאַווע, ווו אַ שטיקל ברויט איז, לפי ערך, געווען לייכטער צו קריגן ווי אין וואַרשע צי אין לאָדזש.

חוץ דעם רבס איידעם — ד״ר י. ב. ציפור, — וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם „פאַראיין" און פישל־בער דער סעקרעטאַר, איז געווען טעטיק זיין ברודער ד״ר ש. שטערמאַן, וואָס האָט זיך גערופן „פיליוס האָמיניס", אַן איינזאַם טראַגישע און מיסטעריעזע פיגור מיט לאַנגע צעוואַקסענע האָר ביז צו די אַקסלען. ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אַ בוך „דער משוגענער דאָקטאָר עלדאַד" *

דער „דראַמאַטישער פאַראיין", מיט זיין הויכן ניוואָ האָט פיל משפיע געווען אין דער שטאָט און אויף דער יוגנט, וועלכע זענען געוווּנען געוואָרן פאַר אהבת פאָלקסטימלעכקייט און אהבת יידיש־העברעיש. צווישן זיי — זאָל מען דאָ דערמאָנען בלויז אייניקע — זענען געווען קענטיק אַהרן הילדעסהיים, פון דער באַוווּסטער מיוחסדיקער פאַמיליע וועלכער האָט שפּעטער אין די פּראָלעטאַרישע רייען געטראָגן בילדונג און וויסן; דעם רבס טעכטער: רוחמה (שפּעטער אַ לינקע־פועלי־ציוניסטקע, אַוועק קיין רוסלאַנד). און חנה — די מאָלערן, וואָס איז צוזאַמען מיט איר מאַן,

---

* אין די באַוווּסטע ווייסנבערג־זאַמלביכער האָט י. ב. ציפור אָנגעשריבן אַן עסיי — „אַ טויט פאַרשוויגן בוך" — וועגן זיין ברודערס שאַפונג. אין אַ ציקל לעקציעס האָט ד״ר שטערמאַן געפּרוווט באַגרינדן זיין פילאָזאָפישן יאוש; ווי אַ קאָנטראַסט צו אים זענען געווען די פריילעכע און געזונטע ברידער אַברהם און יצחק ראָזענצווייג — דיכטערס, שוישפּילערס, מוזיקערס — ביידע העברעיסטן; אָפט פלעגט קומען דער ווונדערלעך שיינער און ייִנגער דיכטער פון לאָדזש, מיט זיין תמימותדיקן פנימל און געלאָקטע האָר — יצחק קאַצענעלסאָן ע״ה, וואָס האָט געלייענט פּאַטעטיש און מעלאָדיש זיין ווערק „הנביא" (אין העברעיש); אין זיין באַגלייטונג פלעגט אויך אַראָפּקומען י. מ. ניימאַן (א. פויגל), וואָס האָט געלייענט אַ פּאָעמע „איך ליב זי ביז צום האַסן; איך האָס זי ביז צום ליבן".

דעם ליטעראַטור־קריטיקער ברוך ווינאָגורא * אומגעבראַכט געוואָרן פון ד׳ נאַציס אין פּאַריז.

צו אָט דעם דראַמאַטישן פאַראיין איז פון ערגעץ אין די קרעסן (אָבער־אָסט) אָנגעקומען אַ יינגערמאַן, מיט אַ דיפּלאָם פון אַ דראַמאַ־טישער שול. מיט אַ זאַנפטער סאַמעטער שטימע, מיט אַזעלכע האַר־ציקע וואַרעם מאַמעדיקע טעמברען פון אירע קלאַנגען, האָט ער גאָר אַנדערש — לחלוטין אַנדערש ווי ביז דעמאָלט, — אינטערפּרעטירט די ווערטער פון דער יידישער שפּראַך („ווו עס ווײנען און לאַכן ריזן וואָס זענען ווי פּיאָלון ביטער" — פּרץ). דער דעמאָלט נאָך אומבאַקאַנטער יעקב ווייסליץ האָט באַפרייט די סצענע פון בדחנישן גראָבן שאַרזש און קאַריקאַטור. זיינע רעציטאַציעס זענען געווען פּלאַסטישע פאָרשטעלונגען און די ראָליעס, — דער עיקר די ווייבע־רישע, — זענען געשפּילט געוואָרן מיט פיל צאַרטקייט. ווייסליץ האָט, בעת די רעציטאַציעס, געשפּילט צען, צוואַנציק ראָליעס. ער האָט געעפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער פּראָווינץ־סצענע — די יידישע בעלעטריסטיק. זיינס אַ פראַגמענט מענדעלע, פּרץ, האָט אויפגעהויבן דעם עולם, אים צעוואַרעמט. ער האָט געהאַט אייניקע פּיעסעס צום רעציטירן, ווו עס האָט זיך באַזונדערס צעשטראַלט זיין מערקווירדיקע יידישע ליבע און פאָלקס־טיפן־ליבן: „יאַנקל בוילע" און „ווילנער בעל־הביתל".

אָט דער געבענטשטער דריילינג: ד״ר י. ב. ציפּור, פישל בער ראַוויצקי און יעקב ווייסליץ האָבן דערהויבן דעם ניוואָ פון „דראַמאַ־טישן קרייז", וואָס איז באמת געווען בשעתו אַ ברכהדיקע שפע, אַ פרוכפּערדיקע שפּראָצונג אויף דער יידישער גאַס פון אונדזער שטאָט אין יענעם פּעריאָד, איידער די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זי באַהערשט... די פאַמיליע־אָוונטן מיט אַ רייכן ליטעראַרישן און קינסטלערישן תוכן, אין אונדזערע ביידע שפּראַכן (נישט ווי אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַ פּשרה, נאָר ווי אַ נאַטירלעכע זאַך). די שטאָט האָט באַקומען אַ שם ווי אַ ברויט־שטאָט און ווי אַ קולטור־שטאָט. און אויף די ברעטער פון אָט דעם פאַראיין האָט פישל בער געהאַט זיין דעביוט.

דאָס זענען געווען די ערשטע שריט פון פישל־בערן. אין דער שטיל האָט ער מסתמא שוין פון פריער געהאַט געשאַפן „זאַכן". איז ער אָבער ביז דאַן געבליבן א „נחבא אל הכלים" און זיך אויסגעלעבט מיט דער ליטעראַריש־קולטורעלער כלל־טועריי.

.2

קען זיין, אַז ווען עס וואָלטן פישל בערן צוגעגליקט גינסטיקע אויסערלעך־מאַטעריעלע פאַקטאָרן, וואָלט ער געווען מער ווי אַ לאָקאַ־לע באַרימטקייט. אויך דער טיפּיש יידישער שטריך פון פאַמיליע־צוגעבונדנקייט, ווירקט נעגאַטיוו ביי אַ דיכטער, לאָזט אים נישט אַ פלי־טון, צעשפּרייטן די פליגלען, אַדרבא ער פאַרשקלאַפט צו די טאָג־טעגלעכקייטן פון מלחמת הפרנסה און קיום המשפחה.

פישל בער איז אויך געוואָרן אַ שקלאַף צו אַן אויסטערליש העכסט־אָריגינעלער „אידעע־פיקס", וואָס האָט שטאַרק משפּיע געווען סיי אויף זיין לעבן און סיי אויף זיינע שאַפונגען. צוויי מוזעס האָבן געקלאַפּט אין זיין בוזעם: אַ פּאָעטיש פאַבוליסטישער און אַ טעכ־ניש־מאַשינעלע.

* ברוך ווינאָגורא איז אַ צייט געווען טעטיק אין וולאָצלאַוועק, ווי אַ פונקציאָנער פון דער לינק־פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי. דאַן האָט זיך גע־שלאָסן זיין קאַנטשאַפט מיטן רבס טאָכטער, וואָס איז געווען, ווי איר שוועס־טער רוחמה אַ פּועלי־ציוניסטקע.

נעבן דער מוטערס איילמיל האָט פישל בער אויפגעבויט אַן אָריגינעלע פאַבריק פון קייטן און טיילן פאַר וועלאָסיפּעדן — פון פאַנאַנדערגענומענע מאַשינען, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט אין שלעזיע אויף וואָג פון אַ ליקווידירטער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דייטשער פאַבריק. איז עס געוואָרן אַ קוואַל פון אָפּקומעניש אויף צענדליקער יאָרן.

יאָרן נאָכאַנאַנד, פון פאַרטאָגס אָן ביזן זון־פאַרגאַנג האָט זיך פישל בער געפּאָרעט אַרום אַלערליי שטאַמסן און פרעסן, קאָוואַדלעס און קלעשטשעס, ביי פייער און וואַסער, קנעטנדיק די ניטן, שמירנדיק די רינגלעך, כדי אַרויסצוקריגן, ענדלעך, סיי אַ האַרטן, סיי אַן עלאַסטישן מאַטעריאַל. זייענדיק נאָר אַן אויסגע־שולטער שלאָסער־מעכאַניקער, אָבער אָן טעאָרעטישער צוגרייטונג אין געביט פון קייטן־פּראָדוקציע און אייזן־פאַרהאַרטונג איז ער נאָך לאַנגע גלגולים עמפּיריש דערגאַנגען צו דעם וואָס די טעכניק האָט שוין אַ צייט פריער דערגרייכט. די דאָזיקע משונהדיקע אַליין־פאַר־שקלאַפונג צו דער אידעע־פיקס איז געווען אַ צעברעקלונג פון זיין גייסטיקן „איך", אַ טאָג־טעגלעכע „אָפּנוצונג", און געהאַט אַ השפּעה אויף פישל בערס פערזון־טעכניק, אויף די פאַבוליסטישע טענדענצן, אויפן איבערוואָג פון שכל לגבי דער פאַנטאַסטיק, וואָס עס איז באַ־זונדערס קענטיק אין דער סעריע באַלעמלאָכישע דיאַלאָגן, וואָס זענען דערפאָלגרייך אינסצעניזירט געוואָרן אויף פאַרשידענע קליין־קונסט־בינעס אין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש און אין זיין אייגענער שטאָט.

.3

זיין ערשט בוך „משלים" איז אַרויס אין פאַרלאַג „כוחות", וואַר־שע, 1929.

כידוע, איז אָט דער זשאַנער געווען און געבליבן אַ ווייניק באַ־טראָטענער אין דער יידישער דיכטונג. די צאָל יידישע משלים־שרייבער איז זייער אַ קליינע, און צווישן זיי זעט זיך אָן פישל בער.

פישל בערס „משלים" זענען עכטע, ניט־פּרעטענציעזע און טראָגן אויף זיך דעם חותם פון לאָקאַליזם. מען פילט דאָ דעם שאַרפן קריטיציזם צו די „געמויזעכצער" און זיי שפּיגלען אָפּ, אין אַ געווויסער מאָס, דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאַמף פון פּוילישן ייד אין יענער תקופה, ווי צום ביישפּיל אין דעם משל:

די וואַנסעס און די פּאות

געפּאָרן איז אַמאָל אין אַ באַן
אַ שטאָלצער „יאַשניע פּאַן",
אַ רויט פּרצוף, פּולע באַקן
אויסגעפּאַשעט האַלדז און נאַקן;
וואָנסעס לאַנגע, שטייפע שפּיצן.
דערלעבן איז געזיצן
אַ ייד — אַ הדרת פּנים, קלוגע אויגן
אַ שאַרפער מוח;
דער שטערן ברייט און הויך.
דעם פּריצס וואָנצעס, בייז און אָנגעצויגן
דערזען דעם יידס ציטערדיקע פּאות
און רופן אויס: — „אַז אָך צו אייך און וויי איז!
איר הענגט ביים קאָפּ
ווי עקן צוויי אַראָפּ;
צעקנייטשט, צעזױרייט,
צערודערט און צעשפּרייט;
ס׳קוקט יעדערער אויף אייך מיט ביטול;

כ׳) עם קימום המדינה, הביע את המית רוחו ושמחתו בפירוש הפרק שבתהלים (קכ״ו א—ב) „שיר המעלות בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים, אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה, אז יאמרו בגוים הגדיל ה׳ לעשות עם אלה״.

והסביר את זה ע״י תאות אדם מסכן, עני, דל ואומלל, שחלם חלום על התעשרות, לקח שטר־גורל והצליח לזכות בסכום גדול, תחילה לא האמין למשמע אזניו, ואפילו כשקבל את הכסף, לא האמין שאפשר לקבל תמורתו אוכל וחפצים, חשב שהכל חלום, אך כשנגש לבתי־מסחר וקנה בכסף זה אוכל וחפצים שונים, הבין שאין זה חלום, אבל עדיין לא השלים עם הרעיון שהוא נעשה עשיר, רק בהסתובבו ברחובות העיר, כשהוא רואה איך האנשים מצביעים עליו ואומרים: „תראו איך אדם הזה נעשה עשיר גדול ברגע אחד ונהפך מאביון לאמיד גדול,״ רק אז הוא התחיל להרגיש, כי אמנם אין זה חלום ודמיון אלא עובדה שהוא עשיר ממש.

כן הדבר בעמנו אנו „בשוב ה׳ את שיבת ציון, היינו כחולמים״, כל כך היינו משוקעים במצוקת הגולה, שלא האמנו כשזכינו לשיבת ציון עם הכרזת המדינה למשמע אזנינו ולמראה עינינו „היינו כחולמים״ כחוזים וכדמיוניים, לאט לאט התרגלנו לרעיון זה. עם העבודה והיצירה הממשית וההתפתחות הדינמית של המדינה היא עוד לא היתה למציאות חיה ממש אלא רק „כשאז יאמרו בגוים הגדיל ה׳ לעשות עם אלה״, משאנו רואים שהגויים מתלחשים ומצביעים על גדולתנו ועל שגשוגנו, ורבי המדינות ונשיאי ממלכות מבקרים אצלנו ומשבחים, מפארים ומעריצים את מפעלנו ההיסטורי רק אז, אנו רואים במפורש, כי כל זה אינו חלום אלא מציאות ממשית „ומאת ה׳ היתה זאת היא נפלאת בעינינו״.

אלה היו קצות מעשיו, דרכיו ומחשבותיו, הגיגיו במשך ימי חייו. ויהא זכרו ברוך!

מאיר קאָזשען

אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

אין דעם בדרך כלל שוואַך־אינדוסטריאַליזירטן אַמאָליקן קאָנגרעס־פוילן האָט וולאָצלאַוועק געהערט צו די קנאַפּע שטעט מיט אַ באַדייטנדיקער, פאַרהעלטענישמעסיק צאָל גרעסערע פאַבריק־אונטערנעמונגען. דאָס אַנטשטיין און די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט די שטאָט געהאַט צו פאַרדאַנקען אירע גוטע קאָמוניקאַציע־וועגן, קודם כל דער ווייסל, וועלכע האָט דערמעגלעכט אַ ביליקן און באַקוועמען טראַנספּאָרט און צווייטנס דער באַן־ליניע, וואָס איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1862. אויפן כאַראַקטער פון דער לאָקאַלער אינדוסטריע און אויפן אָפּקלייב פון די צווייגן, וועלכע האָבן זיך דאָ אין דער ערשטער תקופה באַזונדערס אַנטוויקלט, האָט ווידער משפּיע געווען די לאַנדווירטשאַפטלעכע סביבה, אין וועלכער די שטאָט איז געלעגן — די פרוכטבאַרע קויאַווער ערד מיט איר רייכער תבואה און די גרינוואַרג־פעלדער.

די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אַנטשטייען אין אונזער שטאָט אין אָנהויב פון 19טן י״ה, אין דער תקופה פון פּוילישן קעניגרייך, בעת עס האָט געהערשט אַ טענדענץ צו סטימולירן די אינדוסטריע אין לאַנד דורך שאַפן באַזונדערס באַקוועמע באַדינגונגען פאַר יעטוועדער איניציאַטיוו אויף דעם געביט און דורך צוציען אויסלענדישע פאַכלייט און קאַפּיטאַל.

אין דער דאָזיקער תקופה אַנטוויקלט זיך די וולאָצלאַוועקער אינדוסטריע — ווי געזאָגט — אין די צווייגן, וואָס זענען דירעקט פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט און לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, ווי מילן, ציקאָריע־פאַבריקן, ברויערייען און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

די פאַסקעוויטש־תקופה (נאָכן נאָוועמבער־אויפשטאַנד אין יאָר 1831), איז געשטאַנען אונטערן סימן פון אַ ברוטאַלן פּאָליטישן טעראָר, וועלכער האָט פּאַראַליזירט יעטוועדע איניציאַטיוו. אַ באַזונדער ווייטיקלעכן קלאַפּ האָט די יינגע פּוילישע אינדוסטריע געליטן צוליבן איינפירן, אָנהויב יאָר 1832, אַ צאָל־גרענעץ צווישן רוסלאַנד און דעם קעניגרייך.

אַן איבערברוך אין דאָזיקן מצב האָבן געבראַכט די פאָלגנדיקע דריי געשעענישן: 1) דאָס עפענען די וואַרשעווער־ווינער באַן־ליניע אין יאָר 1845 [1]; 2) דאָס אַנטשטיין פון אַ דאַמף־קאָמוניקאַציע אויף די פּוילישע טייכן און 3) דאָס אָפּשאַפן אין יאָר 1850 די צאָל־גרענעץ צווישן רוסלאַנד און דעם קעניגרייך. ענלעך ווי אין גאַנץ קאָנגרעס־פוילן האָט אויך די וולאָצלאַוועקער אינדוסטריע זיך אָריענטירט בעיקר אויפן גרויסן רוסישן מאַרק און דאָס אָפּשאַפן די צאָל־גרענעץ האָט פאַר איר טאַקע געעפנט נייע האָריזאָנטן.

אָנהויבנדיק פון די זיבעציקער יאָרן טרעט קאָנגרעס־פוילן אַריין אין דער א״ג גרויס־קאַפּיטאַליסטישער תקופה, וועלכע ציט זיך כמעט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז אַ תקופה פון אַ ראַשער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין לאַנד. אין אונזער שטאָט אַנטשטייען דאַן אונטערנעמונגען, וועלכע זענען שוין נישט דירעקט פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפט, ווי למשל: פּאַפּיר־פאַבריקן, די צעלולאָזע, פאַיאַנס־פאַבריקן א״א.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָרום די פּוילישע אינדוסטריע איז פּלוצים אָפּגעשניטן געוואָרן פון איר גרויסן רוסישן אָפּזאַץ־מאַרק. אַ צווייטן קלאַפּ האָבן דער אינדוסטריע געגעבן די דייטשע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן צעראַבירט די פאַבריקן, אַרויספירנדיק די מאַשינען און קאָנפיסקירנדיק רוי־שטאָפן און די פּאַרטיקע אויסאַרבעטונגען. זייער כעס האָבן זיי אויסגעלאָזט באַזונדערס צו די אונטערנעמונגען, אין וועלכע זיי האָבן געזען די פּאָטענציעלע קאָנקורענטן פון דער דייטשער אינדוסטריע (פּרעציזע אויסאַרבעטונגען, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אדג״ל).

מיטן אַנטשטיין פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין יאָר 1918, האָט זיך די אָרטיקע אינדוסטריע געפונען אין ביז גאָר געענדערטע באַדינגונגען, צו וועלכע זי האָט זיך באַדאַרפט צופּאַסן מיט גרויס מי. דער רוסישער מאַרק איז געווען אַ פולשטענדיק פאַרלוירענער, דער אינערלעכער — אַ שטאַרק באַגרענעצטער. אין טייל צווייגן איז צוגעקומען די קאָנקורענץ פון די אונטערנעמונגען אין די מער אַנטוויקלטע מערב־געביטן, וועלכע זענען איצט צוריק איינגעגלידערט געוואָרן אין דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מדינה. דווקא אין די שכנותדיקע צו וולאָצלאַוועק געביטן (פּאָמערן, גרויספּוילן) זענען געווען אַנטוויקלט די אינדוסטריעלע צווייגן, וועלכע עס האָט אויך פאַרמאָגט אונזער שטאָט (ציקאָריע, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, כעמיקאַליען אדג״ל).

די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער וולאָצלאַוועקער אינדוסטריע אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן גייען שוין טאַקע אין אַן אַנדערע ריכטונג. עס אַנטשטייען קודם כל אונטערנעמונגען, וועלכע פּראָדו־

[1] מיט וועלכער וולאָצלאַוועק איז פאַרבונדן געוואָרן אין יאָר 1862 אַ דאַנק דער וואַרשעווער—בידגאָשטשער באַן־ליניע.

צירן פאַר דער בוי־באַוועגונג, אָדער באַדינען די פאַרבונדענע מיט איר צווייגן (טאַרטאַקן, קאַפלעס, נעגל, ציגל־פאַבריקן, מעבל אדג״ל).

מיט גרויס מי האָט זיך די וולאָצלאַווקער אינדוסטריע צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, זי האָט זיך באַמיט צו געפינען אָפּזאַץ־מערק פאַר איר פּראָדוקציע אין אויסלאַנד (ענגלאַנד, רומעניע, אונגאַרן, דרום־אַמעריקע), ווי אויך אין לאַנד, אַפילו אין די מערב־טיילן, וווּ די פּראָדוקציע־קאָסטן זענען געווען צוליב פאַרשידענע סיבות העכערע ווי ביי אונז.

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1929 און אָנגעהאַלטן ביז דעם יאָר 1935, האָט אויפסניי פּאַראַליזירט די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און זי אַוועקגעפירט אויף די וועגן פון היים־אַרבעט (כאַלופּניקן). אַ שטיקל אויפלעבונג לאָזט זיך ווידער באַמערקן אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, אָבער דאַן איז שוין דער יידישער חלק געווען אַ ביז גאָר קנאַפּער.

✶

אין גרעסערע צאָלן האָבן זיך די יידן אָנגעהויבן צו באַזעצן אין אונזער שטאָט גראָד אין דער ערשטער אַנטוויקלונגס־תקופה פון דער וולאָצלאַווקער אינדוסטריע. אירע פּיאָנערן זענען געווען בעיקר דייטשן (די משפּחות באָהם, האַאַק, פּעטקע א״א) און אין אַ קליינער מאָס פּאָלאַקן (באָיאַנטשיק), די יידן האָבן אָבער אין דער תקופה געשפּילט אָן אַ ספק אַ גרויסע ראָל ווי פאַרמיטלער ביים צושטעלן די רוי־פּראָדוקטן און ביי אָפּנעמען די פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען.

די ערשטע גרעסערע יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג איז אין וולאָצלאַוועק אַנטשטאַנען אין יאָר 1853, דאָס איז געווען די ציקאָריע־פאַבריק פון דער משפּחה לעווענשטאַם [2] (די שפּעטערדיקע „סטעללא״).

וויעלאָפּאָלסקיס רעפאָרם פון יאָר 1862, וועלכע האָט אָפּגעשאַפן די באַגרענעצונגען פאַר יידן, האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע השפּעה אויפן יידישן האַנדל און אויך גורם געווען דערצו, אַז יידן זאָלן אָנהויבן אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אויך אין וולאָצלאַוועק הויבט אָן צו וואַקסן דער יידישער אָנטייל אין דער אינדוסטריע. די גרינדער פון דער צעלולאָזע זענען די ברידער קאַסירער, דייטשע יידן, ענלעך ווי די מיהזאמס —די גרינדער פון דער פאַבריק פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. די יידן אַנטוויקלען איצט אויך נייע צווייגן, ווי פאַיאַנס, פּאַפּיר אדג״ל.

דער דאָזיקער פּראָצעס האַלט אָן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע מאַכט צו אים אַ סוף. די גרעסערע אונטערנעמונגען גייען אַדורך אַ שווערן קריזיס און דאָס רוב פון זיי איז געצוווּנגען זיך צו שליסן. גלייכצייטיק אַנטשטייען צענדליקער קליינע אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן כל המינים אויסאַרבעטונגען און אַרטיקלען, אין וועלכע עס האָט זיך געלאָזט דאַן פילן אַ שאַרפער מאַנגל. עס אַנטשטייען דאַן פאַבריקלעך פון צוקערלעך, קאַפּעלושן (מאַנעס), פּאַפּיר־אַרטיקלען (ראטהויז) א״א, וועלכע האָבן אין נאָרמאַלע צייטן נישט געקענט רעכענען אויף קיין אָפּזאַץ צוליב דער קאָנקורענץ פון גרויסע און באַקאַנטע פאַבריקן אין לאַנדס־מאַסשטאַב. די דאָזיקע פאַבריקלעך זענען, פאַרשטייט זיך,

[2] זע אין דאָזיקן בוך, טרונק ז׳ 56. אין דער געבראַכטער דאָרט קאָרעספּאָנדענץ פון דער „יוטשענקאַ״ רעדט זיך וועגן צוויי יידישע ציקאָריע־פאַבריקן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1861. ווייזט אָבער אויס, אַז די צווייטע פאַבריק איז געווען אַ קליינע און איר קיום — אַ קורצער.

געווען קאָניונקטורעלע און מיט דער נאָרמאַליזאַציע נאָך דער מלחמה, האָבן זיי זיך על־פּי־רוב ליקווידירט.

אין דער צווישן־מלחמה־צייט ווערן געמאַכט דורך יידן פּרוּוון פון אויפשטעלן פאַבריקן, אָבער זייערע אָנשטרענגונגען ווערן נישט תמיד געקרוינט מיט דעם געהעריקן דערפאָלג. די שטייערן־פּאָליטיק, דער קריזיס און די נישט־פריינדלעכע, אָפטמאָל אַפילו פיינדלעכע באַציונג צו די יידישע אונטערנעמונגען מצד די מלוכהשע און קאָמונאַלע פאַקטאָרן, גראָבן אונטער זייערע עקזיסטענץ אָדער אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

טראָץ די שוועריקייטן האָבן אין יאָר 1938 עקזיסטירט אין וולאָצלאַוועק 33 יידישע פאַבריקן [3]. פּאַראַלעל צו די דאָזיקע פאַבריקן האָבן עקזיסטירט אין אונזער שטאָט — ענלעך ווי אין גאַנץ פּוילן צו יענער צייט — „פאַבריקאַנטן אָן פאַבריקן״, דער א״ג כאַלופּניקעס סיסטעם. קאַפּיטאַליסטן־פאַרלעגער האָבן צוגעשטעלט די היים־אַרבעטער (כאַלופּניקעס) רוי־מאַטעריאַלן און שפּעטער פאַרקויפט די אויסאַרבעטונגען. הונדערטער אַרבעטער און האַנטווערקער זענען געוואָרן באַשעפטיקט דורך די פאַרלעגער און פּראָדוצירט פאַר זיי גרויסע קוואַנטומס סחורות. די דאָזיקע פאָרם האָט זיך באַזונדערס אַנטוויקלט אין די קריזיס־יאָרן, וואָרום זי האָט אויסגעניצט די ביליקע האַנט־אַרבעט, איינגעשפּאָרט אַדמיניסטראַטיווע הוצאות און אינוועסטיציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט פירן אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג און דערמעגלעכט אויף אַזאַ אופן צו פאַרביליקן די פּראָדוקציע און קאָנקורירן מיט דערפאָלג מיט פאַבריק־און האַנטווערקער־אויסאַרבעטונגען. אין אונזער שטאָט האָט זיך דער כאַלופּניקעס־סיסטעם באַזונדערס אַנטוויקלט אין דער שוסטעריי (ברידער קאָנעצקי, גראַבאָווסקי) און אין דער סטאָלעריי (וואָלקאָוויטש). די דאָזיקע פּראָדוקציע האָט געהאַט איר עיקר־אָפּזאַץ אויף די פּוילישע מערב־געביטן (פּאָמערן און גרויספּוילן).

האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך ווידער געלאָזט באַמערקן אַן אויפלעבונג אין דער אינדוסטריע אין לאַנד. די מלוכה האָט אויסגעבויט דעם צענטראַלן אינדוסטריעלן צענטער (צ. אָ. פּ.) און סטימולירט בכלל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. יידן האָבן — ווי דערמאָנט אויבן — שוין ווייניק וואָס געגאָסן פון דער דאָזיקער אויפלעבונג צוליב דער צילבאַוווסטער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וועלכע איז באַזונדערס שאַרף געקומען צום אויסדרוק אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט.

✶

מיר ברענגען ווייטער בקיצור די געשיכטע פון די וולאָצלאַווקער פאַבריקן בכלל און פון די פאַבריקן וואָס זענען מלכתחילה געגרינדעם געוואָרן דורך יידן אָדער מיט דער צייט אַריבער אין זייערע הענט — בפרט. די פּרטים נעמען מיר דער עיקר פון ד״ר פראַנציששעק שעליגאַ׳ס בוך: וולאָצלאַווקער אינדוסטריע [4].

אויפן יסוד פון די געבראַכטע אין דערמאָנטן בוך מאַטעריאַלן איז אויך צונויפגעשטעלט געוואָרן די כראָנאָלאָגישע טאַבעלע, וועלכע דאַרף אילוסטרירן די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער וולאָצלאַוו־

[3] א. בזשעזשינסקי: „יידישע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1938 („וולאָצלאַווקער וועקער״ נר. 6 פון 24סטן מערץ 1939).

[4] Dr. Franciszek Szeliga, Przemysł Włocławski, 1928.
אַ פאָטאָסטאַטישע קאָפּיע פון דאָזיקן בוך איז אונדז פריינטלעך צוגעשיקט געוואָרן דורך דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

קער אינדוסטריע במשך פון די לעצטע העכער הונדערט יאָר, פון אירע ערשטע שריט ביז צום יאָר 1927, בעת דאָס בוך איז דערשינען.

די נעמען פון די פאַבריקן זענען אָנגעגעבן לויטן נאָמען פון לעצטן באַזיצער אָדער לויט דעם אמיינסטן באַקאַנטן אין שטאָט נאָמען.

כראָנאָלאָגישע טאַבעלע

פון די וולאָצלאַווקער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די יאָרן 1816—1927

באָהמס ציקאָריע־פאַבריק	1816
מירעוויטשס זייף־פאַבריק	1825
די מיל אויף דער קאַפּיטולקע	1826
די מיל אויף סלאָדאָווע [5]	1827
באָיאַנטשיק ברויעריי	1832
הערשטיינס זייף־פאַבריק	1848
באָסאַק לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען־פאַבריק	1850
„סטעללאַ״־ציקאָריע־פאַבריק	1853
נוימאַנס פאַבריק פון פּרעציזע אָפּטישע מכשירים	1860
נוימאַנס דרוקעריי	1868
פּיאָטראָווסקיס דרוקעריי	1870
באָיאַנטשיקס צעגעלניע	1870
פאַיאַנס־פאַבריק (טייכפעלד־אַסטערבלום)	1873
וואָלקאָוויטשס דרוקעריי	1875
באַוערס ספּירט־רעקטיפיקאַציע	1878
פּיעטרקאָווסקיס גלאָז־הוטע	1878
שטייניקעס סמאָלע־פאַבריק	1880
לעווינסקיס פאַבריק פון מילשטיינער	1880
טשאַמאַנסקיס פאַיאַנס־פאַבריק	1880
מיהזאַמס פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען	1883
לוקס סמאָלע־פאַבריק	1883
קויאַווער מאַשינען־פאַבריק (געגרינדעט דורך איגנאַצי קאָכאַנאָוויטש)	1886
צעגעלניע אויף די קאָקאָשקעס	1889
באַקאַלאַשעווס זאַלץ־מיל	1890
פאָזנאַנסקיס פאַרע־טאַרטאַק	1890
פאַיאַנס־פאַבריק „קעראַמאָס״	1894
בענגאַל־כעמיקאַליען־פאַבריק	1894
קלאַוקעס דראָט־פאַבריק	1895
די צעלולאָזע	1895
ספּירט־פאַבריק (אויף דער גענשע)	1897
פאַבריק פון לאַקיר און פאַרבן „נאָבילעס״ (פאַרלייגט דורך מיכאַל און יוזעף קאָכאַנאָוויטש)	1897
באָהנעס ציקאָריע־פאַבריק („גלעבאַ״)	1899
רייכס פּאַפּע־פאַבריק	1900
זאַקשעווסקיס פאַבריק פון לאָקאָמאָבילן און דאַמף־דרעש־מאַשינען	1900
שטערנס זאַלץ־מיל	1902
בערנאַרד זילבערס בוי־אונערנעמונג	1903
אייכנוואַלדס פאַבריק פון עלעקטרישע מכשירים	1904
די דיעצעזיאַלע דרוקעריי	1905
דיסטיליערס סמאָלע־פאַבריק	1906
זענגערס פּאַפּיר־פאַבריק	1906

[5] ריכטיקער די דאַטע פון פאַרפאַכטן די מיל.

שוואַרצשטיינס פּאַפּיר־פאַבריק	1906
„באָראָוואַ״־ציגל־פאַבריק	1908
שטערנס דאַמף־מיל	1908
זאָקן־פאַבריק פון שמואל הערמאַן	1908
שוואַרצס אַקסן־פאַבריק	1908
פאַבריק פון ווייסע ציגל (פרידריך שולץ)	1909
גאָזדזשעוויטשס סמאָלע־פאַבריק	1909
כהנס דאַמף־טאַרטאַק	1910
זשולטיס דאַמף־טאַרטאַק	1910
פאַבריק פון בעטאָן־אויסאַרבעטונגען (ס. גאָלדע, ל. כהן)	1910
פאַבריק פון קאַלקעס און טאַשמעס צו שרייב־מאַשינען—„קאַרבאָן״	1912
אָפּאַטאָווסקיס צעגעלניע	1913
„ דיקטן־פאַבריק	1913
האַרענדאָרפס עלעקטראָווניע	1913
ציעכורסקיס מאַנאָמעטרן־פאַבריק	1915
„בודולעץ״ דאַמף־טאַרטאַק	1915
יעקב זאַאושניצאַס טאַרטאַק	1916
די ערשטע שטאָטישע עלעקטראָווניע	1916
פאַרבאַנד פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון (אויסגעאַרבעט צוקערוואַרג פּאַפּיר־טוטן, קאַרטאָנען אדג״ל)	1917
בוי־אונטערנעמונג — פּאַפּלאַווסקי און פירסטענוואַלד	1918
שטאָטישע ציגל־פאַבריק	1920
בלומענטאַלס קעסטלעך־פאַבריק	1920
יאַבלאָנקעס גאַרבעריי	1920
האַנושקעוויטשס מעבל־סטאָלעריי	1921
פאַבריק פון סופּערפאָספאַטן (ראָבערט מאַי, איניציאַטאָר מיכאַל באָיאַנטשיק)	1922
„קלאַווס״ נעגל־פאַבריק (באָנדזשזדרווו)	1922
פאַיאַנס־פאַבריק פון די ברידער כהן	1922
פאַבריק פון קאַפּלעס (עוגעניוש שאַלווינסקי און שותפות)	1922
„לאַוויניט״ — קינסטלעכער מאַרמאָר (קרופּקאַ)	1923
„סושיצע״ — טשאַרניס מיל	1923
פאַבריק פון געבויגענע מעבל „פּאָלאַרס״	1923
שימאַנסקיס טאַרטאַק (אויף זאַזאַמטשע)	1924
לובאָווסקיס זייף־פאַבריק „קויאַוויאַנקאַ״	1927
צעגעלניע — „פּאַלבאַנקאַ״	1927
„לוסטראָפּאָל״ — דוד קויפמאַנס פאַבריק פון שפּיגלען	1927

כראָנאָלאָגישע זאמל־טאַבעלע

פון די וולאָצלאַווקער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

תקופה	צאל אַנטשטאַנענע אונטערנעמונגען
1816—1849	6
1850—1859	2
1860—1869	2
1870—1879	6
1880—1889	7
1890—1899	9
1900—1914	22
1915—1919	6
1920—1927	15

באַשפּייז־פּראָדוקציע

ציקאָריע־פֿאַבריקן

איינע פֿון די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין וולאָצלאַוועק און אין פּוילן בכלל, איז געווען די באַרימטע ציקאָריע־פֿאַבריק (אויף זאַזאמטשע), וועלכע עס האָבן געגרינדעט די ברידער פּערדינאַנד־גאָטליב און לודוויק־ווילהעלם באָהם. אין יאָר 1923 איז די פֿירמע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציע־געזעלשאַפֿט אין וועלכער עס האָבן גענומען אָנטייל די יורשים — די משפּחות אייכנוואַלד, פּעטקע, באוער א״א. אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון די אַקציעס האָט זיך אויך געפֿונען אין די הענט פֿון הוגאָ און וויקטאָר מיהזאם און באַראָן לעאָפּאָלד יאַן קראָנענבערג דער באַזיצער פֿון וויעניעץ.

אַרום באָהמס פֿאַבריק זענען געווען באַשעפֿטיקט אַ סך יידן, סיי ווי צושטעלער און סיי ווי אָפּנעמער אָדער פֿאַרשפּרייטער פֿון דער פּראָדוקציע. אַ צייט האָט אויסגעאַרבעט די קאַסטנס פֿאַר דער פֿאַבריק ישראל נתן גוטמאַן, וועלכער האָט געפֿירט זיין אונטערנעמונג אויפֿן שטח פֿון דער פֿאַבריק.

שפּעטער זענען אַנטשטאַנען ווייטערדיקע ציקאָריע־פֿאַבריקן, צווישן זיי די פּאָפּולערע אין דער צווישן־מלחמה־תּקופֿה — „סטעללא״.

די פֿאַבריק איז געגרינדעט געוואָרן אינעם יאָר 1853 דורך בערנארד און לודוויק לעוונשטאם און זי האָט זיך געפֿונען אין אַ געדונגען הויז אויף ראָג קרולעוויעצקא און סטאָדולנא. די פֿאַבריק האָט פֿאַרמאָגט אַ דאַמף־מאַשין און באַשעפֿטיקט אַרום צען אַרבעטער. אין יאָר 1857 האָט בערנארד לעוונשטאם אָפּגעקויפֿט דאָס דערמאָנטע הויז און אויסגעברייטערט די פּראָדוקציע. אין יאָר 1890 איז די פֿאַבריק אַריבער אין די הענט פֿון העַנריק ליפּסקי, וועלכע האָט דערפֿירט איר פּראָדוקציע ביז אַן ערך 200 טאָן יערלעך. פֿון ליפּסקין האָט די פֿאַבריק אָפּגעקויפֿט אין יאָר 1909 יוסף גרונדלאנד צו וועלכן זי האָט געהערט ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין דער פֿאַבריק געאַרבעט 50 אַרבעטער און די פּראָדוקציע האָט דערגרייכט 500 טאָן יערלעך. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן און די אייגנטימער האָבן געליטן גרויסע היזקות (פֿאַרפֿאַלענע חובֿות אין רוסלאַנד). אין יאָר 1923 איז די אונטערנעמונג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציע־געזעלשאַפֿט מיט אַ גרונד־קאַפּיטאַל פֿון 700 טויזנט זלאָטעס. איר פּראָדוקציע אין יאָר 1927 האָט באַטראָפֿן איבער 800 טאָן ציקאָריע יערלעך, דער אומזאַץ — אַ מיליאָן זלאָטעס און די צאָל אַרבעטער איז דערגאַנגען ביז הונדערט.

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט זיך די פֿאַבריק נאָך מער פֿאַרברייטערט און אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע ריי קאַווע־סוראָגאַטן, וועלכע האָבן געפֿונען אַ ברייטן אָפּזאַצמאַרק.

דער ביורא־פּערסאָנאַל פֿון „סטעללא״ איז באַשטאַנען פֿון יידן.

אַ חוץ די דערמאָנטע ציקאָריע־פֿאַבריקן איז אין יאָר 1899—1900 געגרינדעט געוואָרן אַ דריטע פֿאַבריק פֿון דעם מין דורך רישארד באָהנע. אין יאָר 1918 איז די פֿאַבריק אַריבער אין די הענט פֿון אַ גרופּע גוטבאַזיצער פֿון דער געגנט און זיך גערופֿן „גלעבא״.

די פּראָדוקציע פֿון די אַלע דריי פֿאַבריקן האָט אין יאָר 1927 באַטראָפֿן קנאַפּע פֿינף טויזנט טאָן.

מילן

קויאַווע איז געווען באַרימט פֿון אירע תּבֿואות, וועלכע זענען עקספּאָרטירט געוואָרן דורך דאַנציג קיין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. פֿאַרן אָרטיקן געברויך האָבן געמאָלן די וואַסער־מילן ביי דער זגלאָוויאָנטשקע און דער קאַפּיטולקע: סלאָדאָווע און פּשיסלאָדאָווע, לענג און שוויעך.

די סלאָדאָווער מיל, איינע פֿון די עלטסטע אין שטאָט, האָט געהערט במשך פֿון די יאָרן צו פֿאַרשידענע בעלי־בתּים. אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1906 האָבן זי געפּאַכטעט י. זשיכלינסקי און ה. פּשעדעצקי, אין יאָר 1915 איז זי אַריבער אין די הענט פֿון די ברידער זשיכלינסקי און מ. טשארני און אין יאָר 1928 האָט זי איבערגענומען מ. טשאַרני.

די מיל אין שוויעך, אויך פֿון די אַלטע מילן אין שטאָט, האָט אין יאָר 1921 איבערגענומען פֿון עדוואַרד לודוויג, דער אָרטיקער סוחר — דוד יאקובֿ.

אַ חוץ די דערמאָנטע וואַסער־מילן האָט אויך וולאָצלאַוועק פֿאַרמאָגט דאַמף־מילן. די גרעסטע פֿון זיי האָט געהערט צו דער פֿירמע ל. שטערן און זין א. ג. אויפֿגעבויט די מיל האָט אין די יאָרן 1907־1909 לייב שטערן און פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געהערט נישט נאָר צו די גרעסטע אין וולאָצלאַוועק נאָר אויך אין דער גאַנצער געגנט. די טעכנישע איינריכטונגען פֿון דער מיל האָבן געהערט צו די מאָדערנסטע און זי האָט געמאָלן אַכט טויזנט טאָן תּבֿואה יערלעך, על־פּי־רובֿ ווייץ (5,500 טאָן). אין יאָר 1918 איז ביי דער מיל אויסגעבויט געוואָרן אַן עלעוואַטאָר אויף הונדערט וואַגאָן תּבֿואה, וועלכער איז געווען פֿאַרבונדן דורך אַ ספּעציעלער אָפּצווייגונג מיט דער באַן־ליניע. געאַרבעט אין מיל האָבן 40 אַרבעטער.

אַ קלענערע מיל האָט אין יאָר 1923 אויסגעבויט אין שפּעטאַל דאָלני אַלעקסאַנדער פּאוור א״נ „סושיצע״. אין יאָר 1925 האָט זי אָפּגעקויפֿט יעקבֿ טשארני און פֿון אים איז זי אַריבער אין יאָר 1927 צו יצחק גאָלדמאַן, אַ לענטשיצער סוחר.

זאַלץ־מילן

אין יאָר 1902 האָט לייב שטערן אויסגעבויט אַ זאַלץ־מיל, כדי צו קאָנקורירן מיט דער פֿירמע פֿון פּ. באלאשעוו, איינע פֿון די גרעסטע צושטעלער פֿון זאַלץ אין פּוילן.[6] שטערן האָט באַזיצט פֿון יאָר 1885 דאָס אויסשליסלעכע רעכט פֿון פֿאַרקויפֿן דאָס טשעכאָטשינקער זאַלץ אין לאַנד און געליטן דעריבער צוליב באלאשעווס קאָנקורענץ.

ענלעך ווי באלאשעוו האָט אויך שטערן געבראַכט דאָס זאַלץ פֿון טעאָדאָזיע אין רויען צושטאַנד קיין דאַנציג און פֿון דאָרט מיט בערלינקעס קיין וולאָצלאַוועק. דאָ האָט מען עס געטרוקנט, גערייַ־

[6] פּ. באלאשעוו, יאגד־הער אויפֿן צאַרישן הויף, האָט פֿאַרמאָגט אין קרים (טאורידער גובערניע) ספּעציעלע איינאָרדנונגען צו עקספּלאָאַטירן ים־זאַלץ. דאָס זאַלץ האָט ער געמאָלן אין אָדעסער מילן און עס פֿאַרקויפֿט קיין קאָנגרעס־פּוילן. צוליב דעם הויכן פּרייז פֿון פֿראַכט האָט באלאשעוו באַשלאָסן צו ברענגען דעם רוי־מאַטעריאַל מיטן ים־וועג פֿון קרים קיין דאַנציג און פֿון דאָרט מיט דער ווייסל, כדי אויפֿן אָרט אים איבעראַרבעטן. צו דעם צוועק האָט באלאשעוו אויסגעבויט אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1890 אַ זאַלץ־מיל. דאָס איז געווען איינע פֿון די געציילטע אונטערנעמונגען פֿון דעם מין אין פּוילן און זי האָט שטאַרק פּראָספּערירט. באלאשעווס זאַלץ־מיל איז געווען טעטיק ביזן יאָר 1916. בעת דעם אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין די לאַגערס געפֿונען 5,500 טאָן זאַלץ, וועלכע האָבן געשטילט דעם געברויך אין זאַלץ אין קאָנגרעס־פּוילן אין די ערשטע מלחמה־יאָרן.

ניקט און געמאָלן אויף פאַרשידענע סאָרטן. די מיל האָט פּראָדוצירט טעגלעך צוויי וואַגאָנען זאַלץ.

דער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די צוויי פאַבריקן האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם יאָר 1909 און גורם געווען צום פאַרביליקן דעם פּרייז פון זאַלץ אין לאַנד.

אין יאָר 1908 האָט שטערן פאַרפאַכטעט די מיל צו אַ האָלענדישע פירמע, וועלכע האָט זי געפירט ביז דעם יאָר 1914.

נ. ג. דער מלחמה איז אין פּוילן אייגעפירט געוואָרן אַ זאַלץ־מאָנאָפּאָל און די מילן האָבן אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט.

אייל־מילן (אָלעיאַרניעס)

אין וולאָצלאַוועק זענען געווען צוויי אייל־מילן. איינע האָט געגרינדעט מענדל וואָלף ראַוויצקי אין יאָר 1899 אויף דער גענשער גאַס (שפּעטער קאַרנקאָווסקיעגאָ), די צווייטע — די ברידער אייזיק (האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געפונען זיך אויפן גרויסן מאַרק (פּלאַץ וואָלנאָשצי) עק זדונסקע גאַס. די לעצטע האָט איבערגעריסן איר פּראָדוקציע אין יאָר 1938 צוליב דער שאַרפער קאָנקורענץ פון דער געשטיצטער דורך דער רעגירונג גרויסער אייל־און ראַפינעריע־פאַבריק אין טורין.

ראַוויצקיס אָלעיאַרניע איז געווען טעטיק ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָכן טויט פון זיין גרינדער האָבן זיינע זין פישל בער און יצחק יעקב אויסגעביטן די פּרימיטיווע איינריכטונגען און פערד־קראַפט אויף מאָדערנע גרויסע הידראַלישע פּרעסן און שטויסערס. אין סעזאָן (ווינטער) האָט די פאַבריק באַשעפטיקט ביז 15 אַרבעטער (געאַרבעט אַ גאַנצן מעת־לעת אין דריי שיכטן) און פּראָדוצירט פאַרן אינערלעכן געברויך ווי אויך פאַר אַנדערע געביטן אין פּוילן אַלערליי סאָרטן נישט ראַפינירטן אייל (רעבס, סימיע, מאָן, סאָיע, זונען־קערנדלעך אדג״ל).

ברויערייען

אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה זענען אין וולאָצלאַוועק געווען טעטיק 14 ברויערייען. איינע פון די גרעסטע האָט אין יאָר 1832 אויסגעבויט קאַזשימיעזש באַיאַנטשיק (אויף דער לענגער גאַס). נאָכדעם ווי די רוסן האָבן איינגעפירט אַן אַקציז אויף ביר, האָט זיך דאָס רוב ברויערייען אין שטאָט פאַרמאַכט. געבליבן זענען בלויז די דערמאָנטע ברויערײ פון באַיאַנטשיק און אַ צווייטע אויף דער אייזן־גאַס (שפּעטער קאָשציושקי) פון אַ געוויסן בראַון. נאָך אַ זיבן־יעריקן איבעררייס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט באַיאַנטשיקס ברויערײ באַנייט איר טעטיקייט אונטער דער פירמע: „בראָוואַר און סלאָדאָווניע א. ג.״ אייגנטימער — יעזשי באַיאַנטשיק, אירענא האאק א״א.

די דאַמף־דיסטילאַרניע און פאַבריק פון לייכטע געטראַנקען עריק באוער א״ג

אין יאָר 1878 האָט לודוויק באוער געגרינדעט אויף דער בזשעסקע גאַס אַ ספּירט־רעקטיפיקאַציע, בראָנפן־דיסטיליאַרניע און עסיק־פאַבריק. אין אָנהויב האָט די פאַבריק פּראָספּערירט, אָבער נאָכן איינפירן אין יאָר 1897 דעם רוסישן ספּירט־מאָנאָפּאָל האָט זי זיך געמוזט ליקווידירן אין דער פאָרם. לודוויק באוערס עלטערער ברודער, עמיל, האָט אין איר פּראָדוצירט ביז זיין טויט אין יאָר 1915, זיסן בראָנפן.

געירשנט נאָך אים די פאַבריק האָט זיין זון עריק, וועלכער האָט געפירט די אונטערנעמונג ביז דעם יאָר 1927. דאַן איז די פירמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער אחריות, וועלכע האָט געהערט צו: יעקב נטע קרושינסקי, זיינע זין — מיעטשיסלאַוו. פעליקס און בערנאַרד, די טאָכטער — ראָמא דאַומאַן און צו עריק באוער.

מעטאַל־אינדוסטריע

שוין אין דער העלפט פון 18טן י״ה זענען אין וולאָצלאַוועק אנטשטאַנען פאַבריקן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. די אַממיינסטן באַקאַנטע צווישן זיי איז געווען מיהזאמס פאַבריק (געגרינדעט אין יאָר 1883). אין יאָר 1888 איז געגרינדעט געוואָרן דורך איגנאַצי קאָכאַנאָוויטש נאָך אַ פאַבריק אויף פּיעקאַרסקע־גאַס אונטערן נאָמען „קויאַווער מאַשינען־פאַבריק און גיסעריי״. די וואַקסנדיקע טענדענץ צו מאָדערניזירן די לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד און די שטרעבונג צו באַפרייען זיך פון דער פרעמדער פּראָדוקציע, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אינדוסטריע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

אַ ביז גאָר גרויסער סטימול פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריע־צווייג איז געווען דאָס אָפּשאַפן אין יאָר 1850 די צאָל־גרעניץ צווישן רוסלאַנד און פּוילן, וואָס האָט געעפנט דעם רוסישן מאַרק פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען פון די ברידער באָסאַק

אין יאָר 1908 האָבן די ברידער באָסאַק מאַקסימיליאַן און מאַוריצי, אָפּגעקויפט די עקזיסטירנדיקע פון בערך 1850 אונטער פאַרשידענע פירמעס, פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים. די פאַבריק האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָר 1921 אונטערן נאָמען: „פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען פון די ברידער באָסאַק״.

די ברידער באָסאַק האָבן אינוועסטירט אין דער פאַבריק גרויסע קאַפּיטאַלן, זי שטאַרק פונאַנדערגעבויט און אויסגעברייטערט. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ נייע קעסל־האַלע, אַ גיסעריי, מאָנטירט אַ נייע דאַמף־מאַשין און אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד מאָדערנע מאַשינען. אין יאָר 1910 האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט 110 אַרבעטער און די יערלעכע פּראָדוקציע האָט באַטראָפן 4 טויזנט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן צעשטערט די פאַבריק, צונעמענדיק אָן יעטוועדער אַנטשעדיקונג מאַשינען און דעם גאַנצן רוי־מאַטעריאַל. מיט גרויס מי האָבן די ברידער באָסאַק קאָמפּלעטירט די פאַבריק און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ באַשיידענעם מאסשטאַב. אין יאָר 1921 איז די פאַבריק איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אַן אַמעריקאַנער פירמע, וועלכערס אַקציאָנערן זענען געווען כמעט אויסשליסלעך פּאָליאַקן, אַמעריקאַנער בירגער. פון זיי האָבן איבערגענומען שפּעטער די פאַבריק וויטשעך און העלענא פּאָדלאַסעק.

וולאָצלאַווקער פאַבריק פון לאָקאָמאָבילן און דאַמף־דרעש־מאַשינען

אויפגעשטעלט אין יאָר 1900 בערך אויף דער ליטעווסקע גאַס דורך אַלעקסאַנדער זאַקשעווסקי. בעת דער מלחמה נישט טעטיק. אין יאָר 1920 האָבן די פאַבריק איבערגענומען די יורשים לעאָן און רעגינא זאַקשעווסקי. די פאַבריק האָט זיך פאַרמאַכט אין יאָר 1925.

וולאָצלאַוועקער דאַמף־האַמערייען — י. שוואַרץ

אין יאָר 1908 האָבן די ברידער מאַקסימיליאַן און מאָריצי שוואַרץ פאַרלייגט אין וולאָצלאַוועק אַ פאַבריק פון אַקסן צו וואָגנס אונטער דער פירמע: „וולאָצלאַוועקער דאַמף־האַמערייען — י. שוואַרץ". ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די פאַבריק אַנטוויקלט נאָרמאַל און עקספּאָרטירט אירע אויסאַרבעטונגען קיין רוסלאַנד (אין לאַנד זענען גרייטע אַקסן נישט געווען איבעריק פאַרשפּרייט). עס זענען געווען אין איר באַשעפטיקט 50—60 אַרבעטער. אין די ערשטע מלחמה־יאָרן איז די פאַבריק — נאָך אַ קורצן איבעררייס אין איר טעטיקייט — אַריבער צו דער פּראָדוקציע פון אַקער־אייזנס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, וואָרום אויף אַקסן איז דאַן נישט געווען קיין נאָכפראַגע (די דייטשן האָבן קאָנפיסקירט יעטווידן נייען וואָגן). אין יאָר 1917 האָבן די דייטשן געצוווּנגען די פאַבריק אויסצואַרבעטן מלחמה־אַרטיקלען. אויך די פּוילישע מאַכט האָט שפּעטער געמאַכט אין דער פאַבריק גרויסע מיליטערישע באַשטעלונגען.

אין יאָר 1923 האָבן די ברידער שוואַרץ איבערגעטראָגן די פאַבריק פון דער שפּיכלערנער גאַס (ווו זי האָט זיך געפונען אין איבערגעבויטע שפּייכלערס) אויף קאַפּיטולנע און כסדר זי פאַרגרעסערט און פאַרפולקאָמט. אין יאָר 1927 האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט 90 אַרבעטער.

קלאָוקעס דראָט־פאַבריק

די פאַבריק האָט פאַרלייגט אין יאָר 1895 קאַראָל קלאָוקע, שפּעטער זענען צו איר צוגעטרעטן די זין — ערנסט און אַלפרעד און די פאַבריק האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט. בעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1914, האָבן די אָפּציענדיקע רוסן מיטגענומען מיט זיך נישט נאָר די אויסאַרבעטונגען און רוי־מאַטעריאַלן נאָר אַפילו אַ טייל מאַשינען. מיטן סוף פון דער מלחמה האָט זיך די משפחה קלאָוקע באַזעצט אין דייטשלאַנד, פאַרקויפנדיק די פאַבריק צו יוסף גרונדלאַנד.

אונטער דער נייער לייטונג האָט זיך די פאַבריק שטאַרק פונאַנדערגעבויט. עס האָבן אין איר געאַרבעט 80 אַרבעטער און דער ווערט פון איר פּראָדוקציע אין יאָר 1927 האָט באַטראָפן קנאַפּע אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס.

נעגל און דראָטן־פאַבריק „קלאַוווס" לעאָן באַנדזשדרזשוו און שותפים

די דאָזיקע פאַבריק איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1922. פון אָנהייב האָט זי זיך געפונען אין אַ געדונגענעם בנין אין דער פאַבריק פון די ברידער שוואַרץ. נאָכדעם ווי שוואַרצס פאַבריק איז אַריבער־געגאַנגען אין איר נייעם בנין, האָט די פירמע „קלאַוווס" אָנגעהויבן אויסברייטערן איר טעטיקייט. אין יאָר 1923 טרעטן צו צום שותפות לעאָן באַנדזשדרזשוו פון וולאָצלאַוועק און סאַלאָמאָן ווינטער פון קויל. נאָך אַ צייט טרעטן אַרויס פון דער פירמע דערמאָנטער ווינטער (אין יאָר 1924), ה. מ. יאַבלאָנקע און מ. אָפּענבאַך, און לעאָן באַנדזש־דרזשוו נעמט איבער די גאַנצע פאַבריק. באַשעפטיקט זענען אין איר געווען אין יאָר 1927 פופציק אַרבעטער און זי האָט פּראָדוצירט 120 טאָן נעגל. די פּראָדוקציע איז פאַרקויפט געוואָרן אין שטאָט און אין פּאָמערן, גרויספּוילן א״אַ.

פאַבריקן פון קייטן און טיילן צו ראָווערן „בראַציאַ ראַוויצקי" (ברידער פישל בער און יצחק יעקב ראַוויצקי)

געגרינדעט אין יאָר 1925 אויף דער גענשיער גאַס. דער מאַשין אינווענטאַר אָפּגעקויפט פון אַ דייטשער פאַבריק אין שלעזיע וועמענס בעל הבית האָט זיך, מיטן אַנטשטיין פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, עוואַקוירט קיין דייטשלאַנד. מיט דער צייט האָט מען איבערגעבויט די מאַשינען, צוזאַמענגעשטעלט נייע (דער טעכנישער לייטער — פישל בער ראַוויצקי האָט זיי געבויט לויט אייגענע המצאות) און מאָדערניזירט די פּראָדוקציע. ביזן יאָר 1935 געווען די איינציקע ראָווערן־קייטן פאַבריק אין פּוילן. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה באַשעפטיקט 30 אַרבעטער בתוכם 8 יידן.

פאַבריקן פון פּרעציזיע מכשירים און פיסיקאַלישע אַפּאַראַטן

איינע פון די עלטסטע און אממיינסטן באַקאַנטע אין שטאָט אונטערנעמונגען איז געווען „די ערשטע לאַנדס־פאַבריק פון מאַנאָ־מעטערס, טערמאָמעטערס און לאַבאָראַטאָרישע אינסטרומענטן, הענריק נוימאַן א. ג." (גערופן אין שטאָט „ניימאַן אָפּטיק"). די פאַבריק איז פאַרלייגט געוואָרן אין יאָר 1860 אויף דער פּשעדמיעיסקא גאַס (שפּעטער — אין יאָר 1898 — אַריבער אין אַן אייגענעם בנין אויף קאַליסקע גאַס). די אויסאַרבעטונגען פון דער פאַבריק האָבן באַקומען אַ ריי אָפּצייכענונגען און געהאַט אַן אָפּזאַץ אויך אין אויסלאַנד.

אין יאָר 1915 האָט פאַרלייגט אַן ענלעכע פאַבריק נוימאַנס תלמיד — איגנאַצי ציעכורסקי.

צעראַמישע אינדוסטריע

ציגל און פאַיאַנס־פאַבריקן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער וולאָצלאַוועקער אינדוסטריע אין דער תקופה 1870—1914 און שפּעטער אין דער צווישן־מלחמה־צייט. די פּראָדוקציע (ציגל און דאַכוואָקעס, פאַיאַנס־אויסאַרבעטונגען) איז פאַר דער מלחמה מייסטנטייל עקספּאָרטירט געוואָרן קיין רוסלאַנד און געווען אַ חשובער מקור פון פּרנסה אין דער שטאָט. די צעגעלניעס זענען על־פּי־רוב געווען אין קריסטלעכע הענט (איינע פון די גרעסטע אונטער־נעמונגען פון דעם מין איז געווען באַיאַנטשיקס ציגל־פאַבריק) דערפאַר אָבער זענען די פּיאָנירן פון דער פאַיאַנס־אינדוסטריע אין וולאָצלאַוועק געווען אויסשליסלעך יידן.

ציגל־פאַבריקן

אין יאָר 1889 האָט הערמאַן גראַסעניק פון עלבלאָנג (מערב־פּרייסן) אויסגעבויט אויף קאַקאַשקעס אַ ציגל־פאַבריק, וועלכע עס האָבן פון אים אָפּגעקויפט אין יאָר 1893 משה און אהרן פאָזנאַנסקי. שפּעטער זענען צו זיי צוגעטרעטן ווי שותפים י. שוואַרץ און יצחק שטערן. אין יאָר 1899 האָט שוואַרץ פאַרקויפט זיין חלק צו בנימין לייב שטערן. איר טעטיקייט האָט די פאַבריק אָפּגעשטעלט אין יאָר 1910. נאָך דער מלחמה זענען אויפן פּלאַץ פון דער ציגל־פאַבריק אויסגעבויט געוואָרן שוואַרצס דאַמף־האַמערייען.

די ציגל־פאַבריק פון מ. ל. אָפּאַטאָווסקי איז פאַרלייגט געוואָרן אין יאָר 1913 דורך משה לייב אָפּאַטאָווסקי אויף דער פּלאַצקער גאַס. זי האָט זיך אָנגעהויבן שיין צו אַנטוויקלען ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די דייטשן האָבן רעקווירירט אַ גרויסע צאָל מאַשינען ווי אויך דעם נויטיקן צו דער פּראָדוקציע אינווענטאַר. ביז דעם יאָר 1925 איז די פאַבריק נישט געווען טעטיק און אויך שפּעטער האָט זי זיך שוואַך אַנטוויקלט צוליבן מאַנגל אין

אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל. די פּראָדוקציע האָט זיך געפירט דורך האַנט־אַרבעט און איז דערגאַנגען אין יאָר 1927 צו צוויי מיליאָן ציגל יערלעך. געאַרבעט האָבן 50 אַרבעטער.

„בראָוואָ"־פאַבריק פון ווייסע סיליקאַט־ציגל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1908 אויף דער קאַפּיטולקע דורך קריסטיאַן לידקע און אַנדערע. אין יאָר 1916 האָבן זי אָפּגעקויפט לודוויק דיסטיליער, יהודה בראָד, אבא ליכטעושטיין און בערנארד זילבער. אַ לאַנגע צייט איז די פאַבריק געשטאַנען. זי איז פון דאָסניי געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אין יאָר 1927. איר פּראָדוקציע האָט דאַן באַטראָפן 750 טויזנט ציגל יערלעך. די פאַבריק האָט אין דער תקופה געהערט צו לודוויק דיסטיליער, בערנארד זילבער און מאַרעק קאָן.

פאַיאַנס־פאַבריקן

די פאַיאַנס־פאַבריק טייכפעלד און אסטערבלום

די ערשטע פאַבריק פון דעם מין האָבן אין וולאָצלאַוועק אויסגעבויט אין יאָר 1873 אויף דער אייזן־גאַס (שפּעטער קאָשציושקי־גאַס) — זיגמונט קוהפעלד, דוד טשאמאנסקי, איזידאָר שרייער און בערנארד באָאס. די פאַבריק איז באַשטאַנען פון אַ שטאָקיקן בנין, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פינף אויוונס, אַ גלאַזור־אָפּטיילונג, אַ שלאַמאָווניע, מאַגאַזינען און אַ מיל, באַוועגט דורך אַ פערד־קעראַט.

אין יאָר 1874 האָבן דוד טשאמאנסקי, איזידאָר און בערנאַרד באָאס פאַרקויפט זייערע חלקים צו זיגמונט קוהפעלד און לודוויק קאָן. אין יאָר 1880 האָט די פאַבריק געליטן פון אַ שריפה, בעת וועלכער עס זענען געוואָרן שטאַרק באַשעדיקט די בנינים און טעכנישע פאַבריק־איינריכטונגען. אין אַזאַ מצב האָבן די פאַבריק אָפּגעקויפט אין יאָר 1882 יוסף טייכפעלד און לודוויק אסטערבלום. די נייע בעלי־בתים האָבן אָפּגעבויט די פאַבריק, פאַרגרעסערט די צאָל אויוונס ביז צען און איינגעפירט מעכאַנישע מאָדערנע איינריכטונגען לויטן מוסטער פון די דייטשע פאַבריקן. די פאַבריק האָט זיך איצט גערופן: „וולאָצלאַוועקער פאַיאַנס־פאַבריק טייכפעלד און אסטערבלום". פון אָנפאַנג האָט מען אימפּאָרטירט די רוי־מאַטעריאַלן פון דייטשלאַנד (זאַקסן־האַללע), שפּעטער אָבער ווען פאַיאַנס־ליים און קאַאָלין זענען אַנטדעקט געוואָרן אין רוסלאַנד, האָט מען זיי געבראַכט פון דאָרט. אין דער ערשטער תקופה זענען אין דער פאַבריק געווען באַשעפטיקט דער עיקר מייסטערס און ספּעציאַליסטן פון דייטשלאַנד. מיט דער צייט אָבער האָבן זיך אויסספּעציאַליזירט אין דער פּראָדוקציע אָרטיקע כוחות. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען ביז 90% פון די אויסאַרבעטונגען פאַרקויפט געוואָרן קיין רוסלאַנד און דערגאַנגען ביז סיביר, טורקעסטאַן, וולאַדיוואָסטאָק א"אַ.

אין יאָר 1902 איז געשטאָרבן לודוויק אסטערבלום און די יורשים האָבן פאַרקויפט זייערע חלקים צו יוסף טייכפעלד, וועלכער האָט פאַקטיש אָנגעפירט די גאַנצע צייט מיט דער פאַבריק. אין יאָר 1911 האָט איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק נתן קרופּקא און געפירט זי ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1914. די פּראָדוקציע, וועלכע האָט אין יאָר 1895 באַטראָפן אַ סומע פון 182 טויזנט רובל, איז אין יאָר 1914 דערגאַנגען ביז 358 טויזנט רובל.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) האָט די פאַבריק געאַרבעט טיילווייז מיט אַ קליינער צאָל אַרבעטער און אויסגעברענט בלויז דעם האַלב־רוישטאָף וואָס האָט זיך געפונען אין גרויסע קוואַנטומס אין די לאַגערס.

אין יאָר 1918 האָבן די אונטערנעמונג אָפּגעקויפט די שותפים: סטאַניסלאַוו עהרנדייך, מאיר ניעשאַווסקי, וואָלף זלאָטאָגורסקי, יעקב נטע קרושינסקי, נתן קרופּקא און זיגמונט ביבערשטיין.

דער פּוילישער מאַרק האָט זיך אַרויסגעוויזן צו קליין און די פאַבריק האָט אָנגעהויבן זוכן נייע עקספּאָרט־מערק פאַר איר פּראָדוקציע (רומעניע, אַפריקע, אויסטראַליע, אינדיע און דרום־אַמעריקע).

אונטער דער נייער לייטונג איז די פאַבריק אויסגעוואַקסן, עס זענען אויסגעבויט געוואָרן נייע פאַבריק־און וווין־בנינים, די אויוונס פאַרגרעסערט און טעכנישע איינריכטונגען מאָדערניזירט. אויך איז אויסגעוואָקסן די צאָל אַרבעטער — פון 70, בעת די פאַבריק האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט, ביז 330 אין יאָר 1913/14 און 395 — אין יאָר 1927.

צולעצט (פון יאָר 1927) האָט די פאַבריק פיגורירט אונטערן נאָמען: „מאיר ניעשאַווסקי און שותפים" און דער ווערט פון איר פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אין יאָר 1926/27 קנאַפּע צוויי מיליאָן זלאָטעס, דערפון איז 20% עקספּאָרטירט געוואָרן קיין אויסלאַנד.

די וולאָצלאַוועקער פאַיאַנס־פאַבריק לעאָפּאָלד טשאמאנסקי און שותפים א"ג

אין שכנות פון דער ערשטער פאַיאַנס־פאַבריק, האָבן אין יאָר 1880 אויסגעבויט אויף דער אייזן־גאַס (קאָשציושקי) אויף אַ שטח פון 6375 קוו"מ, גרשון דאַנציגער, בערנארד הופנאגל און שותפים אַ צווייטע פאַבריק פון דעם מין.

פון אָנפאַנג איז די פּראָדוקציע פון דער דאָזיקער פאַבריק געווען אַ קליינע. אין יאָר 1881 איז זי איבערגעגאַנגען בירושה צו לודוויק און פראַנציסקאַ שרייער און אהרון ענגעלמאַן און זיך גערופן: „נייע וולאָצלאַוועקער פאַיאַנס־פאַבריק ענגלמאַן און שרייער". אונטער דער נייער לייטונג איז די פאַבריק, אמת, אויסגעוואַקסן, אָבער גלייכצייטיק אויך אַריין אין גרויסע חובות, וואָס עס האָט דערפירט דערצו, אַז אין יאָר 1888 איז זי אויסגעשטעלט געוואָרן אויף ליציטאַציע. אָפּגעקויפט די פאַבריק האָט פאַר אַ סומע פון 66 טויזנט רובל לעאָפּאָלד טשאמאנסקי, וועלכער האָט זי פאַרגרעסערט און מאָדערניזירט. נאָך טשאמאנסקיס טויט אין יאָר 1891 האָבן אָנגעפירט מיט דער פאַבריק זיינע יורשים.

פאַר דער מלחמה איז דער הויפּט־אָפּזאַץ־מאַרק געווען רוסלאַנד. די ווערט פון דער פּראָדוקציע איז אויסגעוואַקסן פון 100 טויזנט רובל אין יאָר 1899 ביז 350 טויזנט רובל אין יאָר 1913. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז די פּראָדוקציע שטאַרק געפאַלן. אין יאָר 1919 האָט די פאַבריק געליטן פון אַ שריפה, בעת וועלכער עס זענען אָפּגעברענט געוואָרן נישט בלויז די בנינים און איינריכטונגען, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל ווערטפולע מאָדעלן, וועלכע די פאַבריק האָט באַוויזן במשך פון די יאָרן צונויפצוזאַמלען. פיר יאָר האָט געדויערט דער רעמאָנט פון דער פאַבריק און דאָס פאַרשאַפן נייע מאָדערנע איינריכטונגען. אין יאָר 1923 איז די פאַבריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציען־געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 200 טויזנט זלאָטעס. פון יאָר 1927 האָט די פאַבריק געהערט צו די יורשים פון לעאָפּאָלד טשאמאנסקי און די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זענען געווען: אַדאָלף און יוליאַן טשאמאנסקי און לעאָפּאָלד פּראָם. די פּראָדוקציע אין דעם יאָר האָט באַטראָפן העכער אַ מיליאָן זלאָטעס, פון וואָס אַ קנאַפּ פינפטל איז אַוועק אויף עקספּאָרט.

פאַיאַנס־פאַבריק „קעראַמאָס"

די פאַבריק איז פאַרלייגט געוואָרן אין יאָר 1894 דורך אויגוסט

פיביגער פון לאָדזש. אַזוי ווי זי האָט נישט געבראַכט קיין הכנסות האָט ער זי אין יאָר 1903 פאַרקויפט צו סאַלאָמאָן און לאה קאָזאַק, וועלכע האָבן אין יאָר 1907 באַנקראָטירט. אויף דער ליציטאַציע האָבן די פאַבריק אָפּגעקויפט: זיגמונט פראָם, יוזעף אָטטערבלום, ערנעסטינא גאָלדע, הערמאַן און וויטאָלד טשאַמאַנסקי און זי איז אַריבער צו סטאַניסלאַוו עהרנרייך און אין יאָר 1927 האָט זי אָפּגעשטעלט איר טעטיקייט.

פוילישע פאַיאַנס־פאַבריק פון די ברידער כהן און שותפים

די דערמאָנטע פאַבריק איז אַנטשטאַנען אַמשפּעטסטנס פון אַלע פאַיאַנס־פאַבריקן אין שטאָט, ווייל ערשט אין יאָר 1922. זי האָט זיך געפונען אויף דער בראַצקאַ־גאַס און אירע גרינדער זענען געווען: הערמאַן כהן, מאוריצי כהן, איזידאָר כהן, יעקב כהן, אינזש. לודוויק טאַבאַטשניק, אברהם בעלדיגער און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז צו איר צוגעטרעטן עליאש וויטקאָווסקי.

די פאַבריק האָט זיך געפונען אין די אַמאָליקע קאַשאַרן־בנינים, וועלכע זענען געוואָרן איבערגעבויט און צוגעפּאַסט צו זייערע נייע אויפגאַבן. טראָץ די אומגינסטיקע באַדינגונגען, אין וועלכע די פאַבריק האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט (די אינפלאַציע און דעפלאַציע־יאָרן), האָט זי אַ דאַנק איר הויכן טעכנישן און האַנדלס־ניוואָ באַוויזן צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די חשובסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין שטאָט. אָנגעהויבן האָט די פאַבריק מיט 40 אַרבעטער און דערגאַנגען אין יאָר 1927 ביז 300 און פון 75 טויזנט זלאָטעס יערלעכע פּראָדוקציע ביז 1,200.000 זלאָטעס.

כעמישע פּראָדוקציע

זייף־פאַבריקן

די ערשטע זייף־פאַבריק אין שטאָט האָט געגרינדעט אין יאָר 1825 קאַראָל פּעטקע. זי האָט זיך געפונען אויף דער ברייטער גאַס (שפּעטער 3 מאַי גאַס) 25. ביז צום יאָר 1890 האָבן מיט דער פאַבריק אָנגעפירט פּעטקעס יורשים. דאַן האָט זי געפּאַכטעט אַנטאָני מירעוויטש און איבערגעטראָגן זי אויף דער בראָוואַרנע גאַס. אין יאָר 1926 איז צוגעטרעטן צו דער פאַבריק ווי אַ שותף מיעטשיסלאַוו זשולקאָווסקי. די פאַבריק האָט פּראָדוצירט זייף (ביז פינף וואַגאָנען יערלעך) און ליכט פאַר דעוואָציאָנעלע צוועקן.

זייף־פאַבריק פון יצחק הערשטיין

פאַרלייגט די פאַבריק האָט אין זיין אייגן הויז אויף טומסקע 3, אין יאָר 1848, ווילהעלם פּעטקע. ער האָט זי מיט דער צייט פונאַנדערגעבויט און אָנגעפירט מיט איר ביז זיין טויט אין יאָר 1870. נאָכדעם האָט איבערגענומען די פאַבריק זיין זון יוליאַן פּעטקע און זי פאַרפּאַכטעט אין יאָר 1894 צו שטשאַראַנסקי, וועלכער האָט זי פאַרקויפט אין יאָר 1896 צו גרשון פּשעדעצקי.

פון פּשעדעצקין האָט די פאַבריק אָפּגעקויפט יצחק הערשטיין און זי געפירט פון אָנפאַנג אין אַ קליינעם פאַרנעם. אין יאָר 1917 האָבן די דייטשן רעקווירירט די רוי־מאַטעריאַלן און פאַרמאַכט די פאַבריק. אין יאָר 1919 האָט די פאַבריק באַנייט איר טעטיקייט און זיך כסדר אַנטוויקלט, דערגייענדיק אין יאָר 1927 צו אַ יערלעכן אומזאַץ פון אַ קנאַפּן פערטל מיליאָן זלאָטעס.

זייף־פאַבריק „קויאַוויאַנקע"

די פאַבריק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927 דורך די ברידער גרשון און מיכאל לובאָווסקי אויף זאַפּיעצעק 10. פון אָנפאַנג איז די פאַבריק געווען אַ קליינע אָבער פאַמעלעך האָט זי זיך פאַרגרעסערט און איר יערלעכע פּראָדוקציע אין יאָר 1927 האָט באַטראָפן אַרום 120 טויזנט זלאָטעס.

פאַבריקן פון סמאָלע־אויסאַרבעטונגען

אונטער דער השפּעה פון פאַרשידענע גורמים (וווקס פון ווילשטאַנד, אויפקלערונגס־אַקציע מצד די מאַכט־פאַקטאָרן און פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן) האָט די דאָרפישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן ביים דעקן די דעכער מיט פאַרשידענע נישט־ברענבאַרע מאַטעריאַלן, שטאָט דעם אָנגענומענעם פון דורות שטרוי. צו די ביליקסטע מאַטעריאַלן פון דעם מין האָט געהערט די דאַך־פּאַפּע. אַ צווייטע מעלה אירע איז געווען אַז די בינדונג פון די דעכער האָט ביי פּאַפּע געקענט געמאַכט ווערן פון דין האָלץ (וואָס עס האָט ווייטער איינגעשפּאָרט הוצאות) און דערלויבט בעסער אויסצונוצן דעם שטח אין די געביידעס. אויפן פאַרשפּרייטן זיך פון אָט דעם פאָרם פון דעקן די דעכער אין דער וולאָצלאַוועקער סביבה האָט משפּיע געווען דער פאַקט וואָס זי איז געלעגן נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ פון וואַנען מען האָט געקאָנט ברענגען די רוי־מאַטעריאַלן אויף גוטע באַדינגונגען. אויף אַזאַ אופן איז וולאָצלאַוועק געוואָרן איינע פון די חשובסטע אַנטוויקלונגס־צענטערס פון אָט דער פּראָדוקציע אין לאַנד.

דער ערשטער אויף דעם דאָזיקן געביט אין אונדזער שטאָט איז געווען אַ דייטשער בירגער ווילהעלם שטייניקע, וועלכער האָט געגרינדעט אין יאָר 1880 די ערשטע פאַבריק פון סמאָלע־אויסאַרבעטונגען אויף דער וויעניעצקאַ־גאַס. מיט דער צייט זענען אין שטאָט צוגעקומען ווייטערדיקע פאַבריקן פון דעם מין.

די פאַבריקן פון סמאָלע־אויסאַרבעטונגען ס. לוקס

די דאָזיקע פאַבריק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1883 דורך אַדאָלף איוואַנטשיק און אויסגעאַרבעט אין יאָר 1886 60 וואַגאָנעס פאַרטיקע פּאַפּע, באַשעפטיקנדיק 20 אַרבעטער. דאָס אַנטשטיין פון עטלעכע פאַבריקן פון דעם מין אין שטאָט און די הערשנדיקע צווישן זיי קאָנקורענץ, האָבן גורם געווען, אַז איוואַנטשיקס פאַבריק האָט זיך שוואַך אַנטוויקלט. אין יאָר 1916 האָט זי פון אים אָפּגעקויפט סאַלאַמאָן לוקס און פאַרפּאַכט אויף פינף יאָר צו מ. לעשינסקי. אין די יאָרן 1921 — איז די פאַבריק נישט געווען טעטיק און ערשט אין 1927 האָט זי פון דאָסניי געלאָזט אין גאַנג סאַלאָמאָן לוקס, אָבער אין אַ קליינעם פאַרנעם.

פאַבריק פון סמאָלע־טעקטורן און צעמענט־אויסאַרבעטונגען ד. רייך

אין יאָר 1900 האָט פאַרלייגט אַ פּאַפּע־פאַבריק בנימין גאָלדע. אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די פּראָדוקציע באַטראָפן יערלעך 25 טויזנט פּאַפּע־ראָלקעס (יעטווידע ראָלקע 25—30 קילאָ) אויף אַ סכום פון 30 טויזנט רובל. אין יאָר 1905 האָט זיך די פירמע פאַרוואַנדלט אין אַ שותפות א"נ „בנימין גאָלדע און שותפים". צו די שותפים האָבן געהערט פּאַוועל און הענריק גאָלדע און יאַקובאָוויטש. אין דער תקופה פון דאָזיקן שותפות איז די פּראָדוקציע געפאַלן ביז 15 טויזנט רובל יערלעך.

אין יאָר 1910 איז די אונטערנעמונג אַריבער אין די הענט פון דער פירמע „ד. רייך און שותפים" און געהערט צו דוד רייך און הענריק גאָלדע. די פאַבריק האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו אַנטוויקלען אָבער אין יאָר 1914 איז זי אַריבער אין די הענט פון אַ נייעם שותפות און געפירט זיך אונטער דער פירמע: „רייך און לעשינסקי".

צוליב דער מלחמה זענען די הכנסות געפאַלן און דאָס שותפות האָט זיך ליקווידירט אין יאָר 1918. ביי דער פאַבריק איז פאַרבליבן בלויז דוד רייך, וועלכער האָט איינגעפירט אין איר אַן אָפּטיילונג פון צעמענט־אויסאַרבעטונגען.

דיסטיליערס פאַבריק

אין יאָר 1906 האָט לודוויק דיסטיליער געגרינדעט אַ פאַבריק א״ב „וולאָצלאַווקער אונטערנעמונג פון אַספאַלט, כעמישע אויסאַרבע־טונגען און פאַבריק פון סמאָלע־טעקטורן — לודוויק דיסטיליער״. די פאַבריק האָט זיך געפונען אויף די געפאַכטעטע פון לייב שטערן פלעצער, אויף דער אייזן־גאַס (קאָשציושקי־גאַס) און זי האָט זיך גוט אַנטוויקלט. די יערלעכע פּראָדוקציע אין די יאָרן 1906—1911 האָט דורכשניטלעך באַטראָפן בערך 6 וואַגאָנעס רוי־מאַטעריאַלן, 20 ציסטערנעס סמאָלע און 2 וואַגאָנעס אַספאַלט. אין יאָר 1914 האָט דיסטיליער אָפּגעקויפט אויף קאָשציושקי־גאַס 24 אַ שטח און שפּעטער אויפגעבויט אויף אים אין די יאָרן 1915—1916 אַ פאַבריק פון סמאָלע־אויסאַרבעטונגען.

די תקופה פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך פאַטאַל אָפּגעשלאָגן אויף דער אונטערנעמונג. די דייטשן האָבן רעקווירירט אַ טייל פונעם פאַבריק־אינווענטאַר און צען וואַגאָנעס פאַרטיקע פּאַפּע. ביז דעם יאָר 1918 איז די פאַבריק נישט געווען טעטיק ערשט אין דעם יאָר האָט זי פון דאָסניי אָנגעהויבן איר פּראָדוקציע, אָבער שוין אין אַ קלענערן פאַרנעם, ווייל אין דער צייט האָט שוין אָנגעהויבן וואַקסן דער פאַרברויך פון דאַכוווקעס און עטערניט ביים דעקן די דעכער.

לעשינסקיס פּאַפּע־פאַבריק

נאָכן אַרויסטרעטן פון דער פירמע רייך און לעשינסקי, האָט נ. לעשינסקי געגרינדעט אין יאָר 1917 אַן אייגענע אונטערנעמונג. זי האָט זיך אָבער נישט אַנטוויקלט און געווען כמעט פאַרמאַכט. די דייטשן האָבן דערצו רעקווירירט די אויסגעאַרבעטע סחורה. ערשט אין יאָר 1919 טרעט אַריין אַן אויפלעבונג אין דער פאַבריק, וועלכע האָט זיך אינצווישנצייט אַריבערגעטראָגן אויף דער ראָלנא־גאַס, און אין יאָר 1927 איז די פּראָדוקציע דערגאַנגען ביז 15 טויזנט ראָלקעס אַ יאָר.

פּאַפּע־פאַבריק א״נ „ווויקאָ״

געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1935 אַלס פיליאַלע פון אַ וואַרשעווער גרויסער פאַבריק פון פאַרשידענע דאַך־באַדעקונגען, ביטאָמישער פּאַפּע, סמאָלע־פּאַפּע אדג״ל, אונטער דעם זעלבן נאָמען (אייגנטימער וו. קאָהען). זי האָט זיך געפונען אינעם פאַבריק־בנין פון „לאַווינט״ אויף דער כלאָדנער גאַס און איר ביוראָ און פאַרקויף־שטעלע אויף דער וואַרשאַווסקער גאַס אויף שימאַנסקיס פּלאַץ. איר פאַרוואַלטער איז געווען פייוויש ראַוויצקי, פריער דער טעכנישער לייטער פון לוקס פּאַפּע־פאַבריק.

די פּאַפּיר־און גראַפישע אינדוסטריע

די גרויסע אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן קיין רוסלאַנד און די באַקוועמע געאָגראַפישע לאַגע פון אונדזער שטאָט, האָבן באַוויגן די ברידער איזידאָר און מאַקס קאַסירער (פון דייטשלאַנד) צו פאַרלייגן דאָ אין יאָר 1895 אַ פאַבריק פון צעלולאָזע.

די פאַבריק איז בהדרגה געוואַקסן. אין יאָר 1914 האָבן אין איר געאַרבעט 750 אַרבעטער און די פּראָדוקציע האָט באַטראָפן הונדערט טאָן צעלולאָזע טעגלעך.

צוליבן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די פאַבריק איבערגעריסן איר טעטיקייט ביז דעם 1טן יאַנואַר 1916, ווען זי האָט אָנגעהויבן טיילווייז אַרבעטן פאַר דער דייטשער אַרמיי, פּראָדוצירנדיק ניטראָצעלולאָז פאַר אויפרייס־מאַטעריאַלן און פאַר ליגנין.

אין יאָר 1920 איז די פאַבריק אַריבער אין די הענט פון דער פּאַביאַניצער אַקציען־געזעלשאַפט ראָב. זענגער, וועלכע איז געווען פינאַנסירט דורך אַ גרופּע פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן.

זענגערס פּאַפּיר־פאַבריק

אין יאָר 1906 האָט אויף דער טאָרונסקא־גאַס פאַרלייגט אַ פּאַפּיר־פאַבריק סאַלאָמאָן אַלטמאַן. די פאַבריק איז געווען אַ קליינע, באַשעפטיקט 60 אַרבעטער און אויסגעאַרבעט 7 טאָן פּאַפּיר טעגלעך. אין יאָר 1910 איז די פאַבריק אָפּגעברענט געוואָרן און אַלטמאַן האָט דערקלערט באַנקראָט. אָפּגעקויפט די פאַבריק אויף דער ליציטאַציע האָט דער פּאַביאַניצער אינדוסטריעלער ראָבערט זענגער, וועלכער האָט זי פאַנאַנדערגעבויט און פאַרברייטערט. אין יאָר 1920 איז די פאַבריק אַריבער אין די הענט פון דער פּאַביאַניצער אַקציען־געזעל־שאַפט ראָב. זענגער, פּאַפּיר־פאַבריק. אין יאָר 1927 האָט איר פּראָ־דוקציע באַטראָפן העכער 7000 טאָן פּאַפּיר (טוטן און פּאַק־פּאַפּיר „יאַווא״) און באַשעפטיקט 130 אַרבעטער.

די וולאָצלאַווקער פּאַפּיר־פאַבריק א״ג

אין יאָר 1906 האָט שמואל לוידאָר אויסגעבויט אויף דער קאַליסקע־גאַס אַ פּאַפּיר־פאַבריק, וועלכע האָט באַשעפטיקט 25 אַרבעטער און אויסגעאַרבעט אַנדערטהאַלבן טאָן פּאַק־פּאַפּיר טעגלעך.

אין יאָר 1909 איז די פאַבריק אַריבער אין די הענט פון דער פירמע „זאַקס, טיבאָראָווסקי און שותפים״, וועלכע האָבן זי פאַר־גרעסערט און אַ דאַנק אַ ריי טעכנישע אויסבעסערונגען, דערגאַנגען צו טעגלעכער פּראָדוקציע פון פיר טאָן פּאַק־פּאַפּיר און אַנדערע סאָרטן פּאַפּיר, באַשעפטיקנדיק 60 אַרבעטער.

אין יאָר 1913 האָט די פאַבריק אָפּגעקויפט די פירמע „שוואַרצ־שטיין און שותפים״. די נייע אייגנטימער האָבן ווייטער פונאַנדער־געבויט די פאַבריק אַריינגעשטעלט אין איר אַ גרויסע דאַמף־מאַשין און אַנדערע מאַשינען און אַ דאַנק דעם איז די פּראָדוקציע דערגאַנגען ביז זעקס טאָן פּאַפּיר טעגלעך.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די פאַבריק געאַרבעט מיט קליינע איבעררייסן און אין יאָר 1921 האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַקציען־געזעלשאַפט א״נ „וולאָצלאַווקער פּאַפּיר־פאַבריק א.ג.״ צו דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געהאַט איר זיצאָרט אין וואַרשע האָבן געהערט: אייזיק, מאַוריצי, איגנאַצי און אדם שוואַרצ־שטיין. דער ווערט פון דער יערלעכער פּראָדוקציע האָט אין יאָר 1927 באַטראָפן אַ סומע פון 1,800,000 זלאָטעס בערך.

צום שבח פון דער דאָזיקער פאַבריק דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז זי האָט באַשעפטיקט אינעם אַדמיניסטראַטיוון און ביוראָ־פּערסאָ־נאַל יידן און אויסגעצייכנט זיך מיט די מוסטערהאַפטע אַרבעטס־באַדינגונגען און באַציונגען, וועלכע האָבן אין איר געהערשט.

דרוקערייען

אין וולאָצלאַוועק זענען געווען עטלעכע דרוקערייען צווישן וועלכע די גרעסטע איז געווען די דיעצעזיע־דרוקעריי (געגרינדעט אין יאָר 1907). די עלטסטע דרוקעריי איז אָבער געווען די געגרינדע־טע אין יאָר 1868 אויף דער נייער גאַס 8 (שפּעטער ברייטע און צום סוף 3 מאַי גאַס) דרוקעריי פון הערמאַן נוימאַן (מיט דער צייט

האָט זיך די משפּחה אויסגעשמדט). נעבן דער דרוקעריי האָט נוימאַן געפירט אַ לאַגער פון שרייב־מאַטעריאַלן און דעריבער האָט די פירמע צו יענער צייט זיך גערופן: „ה. נוימאַן, ביכער־געוועלב, דרוקעריי און לאַגער פון פּאַפּיר־מאַטעריאַלן". די דרוקעריי האָט זיך פאַרגרעסערט און אין יאָר 1882 איז זי צוגעטרעטן צו דרוקן אַ בוך (מאַקסימיליאַן באָרוצקי: קויאַווער ערד) און געקויפט צו דעם צוועק אַ פלאַך־מאַשין און דעם נויטיקן זאַץ (ביי ס. א. אָרגעלבראַנד). אין יאָר 1913 האָט נוימאַן אַריבערגעפירט די דרוקעריי אויף ציגאַנקאַ־גאַס אין הארענדאָרפס ניי־אויסגעבויטן הויז, כדי צו קענען זיך באַנוצן מיט עלעקטרישער קראַפט פון הארענדאָרפס עלעקטראָווניע.

נאָך הערמאַן נוימאַנס טויט אין יאָר 1914 איז די דרוקעריי אַריבער צו זיין זון איזידאָר יעזשי נוימאַן. בעת דער מלחמה האָט זי זיך שוואַך אַנטוויקלט און אַן אויפלעבונג האָט אין איר ערשט אַריינגעבראַכט דער נייער שותף, וואַצלאַוו טאָמאַשעווסקי, אַ גראַפיקער פון פאַך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זי געווען איינע פון די גרעסטע דרוקערייען, נישט נאָר אין וולאָצלאַוועק. עס האָבן זיך אין איר געדרוקט ביכער, צייטשריפטן און אַ טאָג־צייטונג, דווקא די אַנטיסעמיטישע „א. ב. צ. דלא וולאָצלאַווקאַ אי קויאַוו".

אַן אַנדערע גרויסע דרוקעריי האָט געהערט צו די ברידער פּיאָטראָווסקי (פאַרלייגט אין יאָר 1870 דורך אַ געוויסן בלענדאָווסקי און אַריבער נאָך פאַרשידענע גלגולים אין יאָר 1910 צו די ברידער יאַן און פּיאָטר פּיאָטראָווסקי. שפּעטער איז צו זיי צוגעטרעטן אויך סטעפאַן פּיאָטראָווסקי. דאָ האָבן זיך געדרוקט ביכער פאַר וואַרשעווער פאַרלעגער ווי אויך צייטונגען. פון יאָר 1922 — „גאַזעטאַ קויאַווסקאַ" און פון 1928 — „עקספּרעס קויאַווסקי".

די דרוקעריי פון מ. וואָלקאָוויטש און שותּפים

אין יאָר 1875 האָט מאַרקוס וואָלקאָוויטש געגרינדעט אַ דרוקעריי און ליטאָגראַפיע אויף דער ברייטער (שפּעטער 3 מאַי־גאַס). די דרוקעריי האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין אַ ברייטן פאַרנעם און באַשעפטיקט 30 אַרבעטער. געאַרבעט האָט זי פאַר דער רוסישער רעגירונג און אויך פאַר פּריוואַטע קליענטן. פאַר דער מלחמה האָט דער אומזאַץ פון דער דרוקעריי באַטראָפן בערך 20 טויזנט רובל יערלעך. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די דרוקעריי געווען קנאַפּ טעטיק, וואָרום די אָקופּאַנטן האָבן רעקווירירט דעם רוב זאַץ און די מעשענע מאַשין־טיילן.

נאָך זיין טויט, אין יאָר 1926, איז די פירמע אַריבער צו די יורשים: היימאַן טשאַמאַנסקי און פּאַולינאַ וואָלקאָוויטש.

אין וולאָצלאַוועק זענען אויסערדעם געווען טעטיק נאָך עטלעכע קלענערע דרוקערייען ווי „גראַפיקאָן" (דוד האָראָוויץ), „עקספּרעס" (הערש־דוד שעמעל) א"אַ.

האָלץ־אינדוסטריע

כאָטש אין דער וולאָצלאַווקער סביבה זענען נישט געווען קיין סך וועלדער (די פעטע און פרוכטבאַרע קויאַווער ערד האָט מען גלייכער אויסגענוצט פאַר תבואה־פעלדער און סעדער) איז אָבער בייגעשטאַנען דער שטאָט דער זכות פון דער ווייסל, וועלכע איז געווען אַן אידעאַלער וואַסער־וועג פאַר געהילץ. לענגאויס דער ווייסל האָבן זיך טאַקע אַ גאַנצן זומער געצויגן אָן אַ שיעור טראַטוועס מיט געהילץ פון די פּוילישע מזרח־געביטן אויפן וועג קיין דאַנציק. סטימולירט די האָלץ־אינדוסטריע אין שטאָט האָט די געניג לעבעדיקע בוי־באַוועגונג און די גרויסע צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין קאַסטנס פאַר זייער פּראָדוקציע.

אָפּאַטאָווסקיס דיקטן־פאַבריק

אין יאָר 1913 האָט משה־לייב אָפּאַטאָווסקי פאַרלייגט אויף דער פלאָצקאַ־גאַס אַ פאַבריק פון געקלעפּטע דיקטן. אין ערשטן יאָר האָט די פאַבריק געאַרבעט אין דריי שיכטן, וואָרום די פּראָדוקציע האָט געהאַט אַ געזיכערטן אָפּזאַץ אין ענגלאַנד. קורץ דערנאָך איז אָבער אויסגעבראָכן אַ קריזיס אין דער דיקטן־פּראָדוקציע צוליב דעם סינדיקאַט פון אויסלענדישע אָפּנעמער, וועלכער איז דאַמאָלס אַנטשטאַנען, און די גאַנצע פּראָדוקציע פון ערשטן האַלבן יאָר 1914 איז געבליבן אויפן לאַגער.

בעת דער מלחמה — אין די יאָרן 1915—1916 — האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט אָן אַנטשעדיקונג דעם גאַנצן לאַגער גרייטע סחורות און די רוי־מאַטעריאַלן. כדי אויסצומיידן די רעקוויזיציע פון די מאַשינען, האָט אָפּאַטאָווסקי פאַרפּאַכטעט די פאַבריק צו אַ דייטשער פירמע, וועלכע האָט מיט איר אָנגעפירט ביזן סוף פון דער מלחמה. נאָך דער מלחמה האָט די פאַבריק מיט גרויס מי צוריק אָנגעהויבן איר פּראָדוקציע.

דער דאַמף־טאַרטאַק שמעון כהן און זון

געגרינדעט דעם טאַרטאַק האָט אין יאָר 1910 אַ געוויסער מיסטקאָווסקי אויף דער פלאָצקאַ־גאַס. פון אים האָט דעם טאַרטאַק אָפּגעקויפט אין יאָר 1918 שמעון כהן און ישראל טשיזשעווסקי. דער טאַרטאַק איז געווען אומטעטיק. ערשטט אין יאָר 1922 האָט דעם טאַרטאַק איבערגענומען שמעון כהן און אים געלאָזן אין באַוועגונג.

„אָדבודאָוואַ" — י. זאַאושניצאַ

אין יאָר 1916 האָבן יעקב זאַאושניצאַ און חיים בלומענטאַל אויסגעבויט אויף דער סטאַראָדעמבסקע גאַס אַ טאַרטאַק און אַ מעכאַנישע סטאָלעריי. אין 1918 האָט זאַאושניצאַ אויסגעצאָלט בלומענטאַלן זיין חלק און אַליין געפירט די אונטערנעמונג אין אַ קליינעם פאַרנעם צוליבן מאַנגל פון אומזאַץ־קאַפּיטאַל. אין יאָר 1927 האָט דער טאַרטאַק און די סטאָלעריי באַשעפטיקט 22 אַרבעטער און דער חודשלעכער אומזאַץ האָט באַטראָפן 20 טויזנט זלאָטעס.

קעסטלעך־פאַבריק פון ח. און י. בלומענטאַל

די פאַבריק האָבן פאַרלייגט אין יאָר 1920 אויף דער סטאָדולנע גאַס חיים און יהודה בלומענטאַל. אין אָנפאַנג האָט די פאַבריק פּראָדוצירט הונדערט קעסטלעך טעגלעך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די פאַבריק אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אייגענעם בנין אויף דעם בריסקער שאָסיי, די פּראָדוקציע אירע איז כסדר געוואַקסן און האָט דערגרייכט אַ דאַנק די ניי־איינגעפירטע דאַמף־מאַשינען — 500 קעסטלעך אַ טאָג.

דאַמף־טאַרטאַק און העבלעריי „טראַק" פון די ברידער שימאַנסקי

אין יאָר 1924 האָבן די ברידער שימאַנסקי — ווינצענטי, הענריק, יעזשי און טאַדעאוש, די אייגנטימער פון אַ האָלץ־לאַגער א. ב. „דוד שימאַנסקי" אויף דער וואַרשאַווסקאַ־גאַס, אָפּגעקויפט פון יעקב זאַאושניצאַ דעם טאַרטאַק אויף סטאַראָדעמבסקע און אים געלאָזט אין גאַנג. דער טאַרטאַק האָט באַדינט די אָרטיקע קליענטן ווי אויך דעם דערמאָנטן אויבן האָלץ־לאַגער. די ברידער שימאַנסקי האָבן אויך געהאַט אַ מעכאַנישע סטאָלעריי. אין יאָר 1926 האָבן די ברידער ווינצענטי און יעזשי שימאַנסקי אָפּגעקויפט דעם דאַמף־טאַרטאַק „זאַזאַמטשע".

פאַבריק פון געבויגענע מעבל „פּאָלאַרס"

די פאַבריק פון געבויגן מעבל און האָלץ־אויסאַרבעטונגען איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1923 דורך ש. וואָלקאָוויטש און מ. פישעלעוויטש, אויף דער שקאָלנאַ־גאַס. למעשה האָט מען דאָ בלויז אויסגעענדיקט מעבל פון גרייטע טיילן, וועלכע עס האָט צוגעשטעלט אַ האָלץ־פאַבריק אין זוויעזשיניעץ ב/וו. אַ קורצע צייט האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין דער פאַבריק זאָפיא און הענריק אאוערבאַך (1923—1924). די ראשע אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1926, ווען עס איז צוגעקומען אַ נייע אָפּטיילונג פון טרעפּעס מיט הילצערנע פּאָדעשוועס (25,000 פּאָר יערלעך). די אויסאַרבעטונגען זענען על־פּי־רוב עקספּאָרטירט געוואָרן קיין דאַנציק.

פּאָזנאַנסקים דאַמף־טאַרטאַק

דאָס איז געווען איינע פון די עלטסטע אונטערנעמונגען אין שטאָט. אין יאָר 1830 האָט מאוריצי פּאָזנאַנסקי געגרינדעט אויף דער טאָדונסקא גאַס אַ דאַמף־טאַרטאַק און אַ האָלץ־לאַגער. אין אָנפאַנג האָט דער טאַרטאַק שטאַרק פּראָספּערירט און זיין אומזאַץ פאַר דעם יאָר 1914 האָט באַטראָפן הונדערט טויזנט רובל יערלעך. בעת דער מלחמה האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט די סחורות און די רוי־מאַטעריאַלן. אין דער צווישן־מלחמה־תקופה האָט דער טאַרטאַק געאַרבעט בלויז פון צייט צו צייט.

דאַמף־טאַרטאַק „בודולעץ"

אין יאָר 1918 האָבן אָפּגעקויפט לודוויק שטערן און סאלאָמאָן לעשטשינסקי דעם טאַרטאַק אויף פּלאָצקא (אויסגעבויט אין יאָר 1915 דורך אַנטאָני ביעגאלסקי). די אונטערנעמונג איז געווען טעטיק ביז דעם יאָר 1924 און שפּעטער זיך אָפּגעשטעלט צוליב מאַנגל אין אומזאַץ־קאַפּיטאַל. אין יאָר 1927 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו לאָזן פון דאָסניי דעם טאַרטאַק אין באַוועגונג.

זשולטים דאַמף־טאַרטאַק

דער טאַרטאַק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1910 אויף זאזאמטשע און במשך פון דער צייט אַריבערגעגאַנגען אין פאַרשידענע הענט. אין יאָר 1926 האָט אים אָפּגעקויפט משה זשולטי. דער אומזאַץ פון דער אונטערנעמונג אין יאָר 1927 האָט באַטראָפן איבער 150 טויזנט זלאָטעס.

מינעראַל־אינדוסטריע

פאַבריק פון מילשטיינער — יוזעף לעווינסקי

דער גרינדער פון דער דאָזיקער פאַבריק איז געווען יוזעף לעווינסקי, וועלכער האָט געפירט אין די יאָרן 1875—1880 אַ פאַר־טרעטערשאַפט פון אַ דייטשער פירמע, וואָס האָט פּראָדוצירט מיל־שטיינער. נאָכדעם ווי ער האָט באַקענט זיך מיט די אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן פון דאָזיקן אַרטיקל אויפן אָרטיקן מאַרק איז ער אַוועק קיין פראַנק־רייך כדי זיך צו ספּעציאַליזירן אין דער פּראָדוקציע פון מילשטיינער. אין יאָר 1880 האָט ער טאַקע פאַרלייגט זיין פאַבריק אין וולאָצלאַוועק און באַשעפטיקט אין איר אויסלענדישע ספּעציאַליסטן, וועלכע ער האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט אין זיין אונטערנעמונג. פון אָנפאַנג האָט די פאַבריק שטאַרק געליטן פון דער דייטשער קאָנקורענץ, אָבער מיט דער צייט האָט לעווינסקי אָנגעהויבן עקספּאָרטירן זיינע אויסאַרבעטונגען קיין רוסלאַנד און כדי צו זיין קאָנקורענץ־פעיק, געעפנט אין יאָר 1896 אַן אָפּטיילונג פון דער פאַבריק אין אָדעס. דאָס איז געווען די איינציקע פאַבריק פון דעם מין אין רוסלאַנד און געהאַט מאַסן אָפּנעמער נישט נאָר אין אוקראַינע נאָר אויך באַוויזן צו עקספּאָרטירן אירע אויסאַרבעטונגען, אַ דאַנק דעם ביליקן פראַכט, קיין רומעניע, בולגאַריע און מיטן דונאַי קיין סערביע. אַזוי ווי דער אָפּזאַץ פון נאַטירלעכע מילשטיינער איז אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן שטאַרק געפאַלן האָט לעווינסקי אָנגעהויבן אין יאָר 1913 די פּראָדוקציע פון קינסטלעכע מילשטיינער. דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט אַ סוף געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק. נאָך דער מלחמה האָט לעווינסקי געלאָזט פון דאָסניי אין גאַנג די פאַבריק, אָבער איר אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן זענען געווען באַ־גרענעצטע.

פאַבריק פון בעטאָן־אויסאַרבעטונגען — ל. כהן

די פאַבריק האָבן אין יאָר 1910 פאַרלייגט ס. גאלדע און ל. כהן. אין יאָר 1916 איז זיך דאָס שותפות פונאַנדערגעפאַלן און די פאַבריק איז אַריבער צו לייב כהן. זי האָט פּראָדוצירט אַלערליי בעטאָן־אויסאַרבעטונגען, ווי רוירן, טרעפּן, דאַכוווקעס, הוילע ציגל אדג"ל.

אַן ענלעכע פאַבריק, אָבער אין אַ גרויסן מאַסשטאַב האָט געפירט דער מאַגיסטראַט (דער א"ג בוי־פּאַרק), וועלכע האָט געאַר־בעט פאַר דער געברויך פון דער שטאָט.

„לוסטראָפּאָל" — שפּיגל־שלייפעריי

אין יאָר 1927 האָט דוד קאופמאן פאַרלייגט אַ שפּיגל־שלייפעריי אין וועלכער עס זענען פּראָדוצירט געוואָרן שפּיגלען. די אונטערנע־מונג האָט זיך ראש אַנטוויקלט און געפונען אַן אָפּזאַץ פאַר אירע אויסאַרבעטונגען אויפן אָרטיקן מאַרק.

„לאַווינִיט" — פאַבריק פון קינסטלעכן מאַרמאָר קרופּקא און פּערליטש

אין יאָר 1923 האָבן נתן קרופּקא און ברוך פּערליטש אָפּגע־קויפט אַ פּאַטענט אין דייטשלאַנד אויף פּראָדוצירן קינסטלעכן מאַר־מאָר. די פאַבריק האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעבויט אַן אייגענעם בנין אויף דער כלאָדנע־גאַס. זי האָט אויסגעאַרבעט לייכטערס, פּאָס־טומענטן צו לעמפּ און זייגערס, אַשבעכערס אדג"ל.

בוי־אינדוסטריע

בוי־אונטערנעמונג פון בערנאַרד זילבער:

אין די יאָרן 1903—1906 האָט בערנארד זילבער געפירט אַ ריי בוי־אַרבעטן אויף אייגענער האַנט. שפּעטער האָט ער זיך פאַרבונדן מיט יאַן בראָקמאַן און זיי האָבן געפירט בשותפות די אונטערנעמונג, וועלכע האָט אויסגעפירט די בוי־אַרבעטן ביי די בנינים פון דער וואַרשעווער־ווינער באַן, צאָל־קאַמערן אדג"ל. אין וולאָצלאַוועק גופא האָבן זיי אויפגעשטעלט אַרום פערציק הייזער. בעת דער מלחמה האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט דעם לאַגער בוי־מאַטעריאַלן. נאָך דער מלחמה האָט זילבערס אונטערנעמונג געפירט אַ שוואַכע טעטיקייט צוליב אַ סך אָביעקטיווע סיבות (מאַנגל אין אומזאַץ־קאַפּיטאַל, שוואַכע פּריוואַטע בוי־באַוועגונג און דאָס פּאַוואָריזירן פּוילישע פירמעס ביים בויען קאָמונאַלע און מלוכהשע בנינים).

דעם אויבן־אָן ווי אַ בוי־אונטערנעמונג האָט אין דער צווישן־מלחמה־צייט פאַרנומען די פירמע יאַן פּאָפּלאַווסקי און ערנעסט פירסטענוואַלד (געגרינדעט אין יאָר 1918), וועלכע האָט אויסגעבויט אין וולאָצלאַוועק און אין אַנדערע שטעט צענדליקער בנינים.

צו קלענערע יידישע בוי־אונטערנעמער דאַרפן פאַררעכנט ווערן אין דער צייט די ברידער יוסף און יעקב קוויאַטקאָווסקי, מיכאל יורובלעווסקי א"אַ.

גאַרבערייען

יאַבלאָנקאָס גאַרבערײַ

אין יאָר 1920 האָבן פאַרלייגט אַלבערט שניידער, בערנאַרד גאָמבינסקי, וואָלף טײַפל און יעקב יאַבלאָנקאַ אַ גאַרבערײַ אונטערן נאָמען: „ערשטע וואָצלאַווקער גאַרבערײַ, אַלבערט שניידער און שותפים״. פון אָנהויב איז די פּראָדוקציע געווען אַ באַשיידענע, ערשט ווען יאַבלאָנקאַ האָט איבערגענומען די אונטערנעמונג האָט זי זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און דערגאַנגען אין יאָר 1927 צו אַן אומזאַץ פון צוויי מיליאָן זלאָטעס יערלעך, באַשעפטיקנדיק 66 אַרבעטער. די אויסאַרבעטונגען זענען פאַרקויפט געוואָרן קיין פּאָמערן און גרויס־פּוילן ווי אויך אין וואָצלאַוועק און איר סביבה.

עלעקטראָווניעס

ביז דעם יאָר 1913 האָט וואָצלאַוועק נישט געהאַט קיין עלעקטריש ליכט. ביי געוויסע פאַבריקן זענען, אמת, געווען קליינע עלעקטרישע סטאַציעס, אָבער זיי האָבן באַדינט בלויז דעם אייגענעם געברויך. ערשט אין יאָר 1913 האָבן די ברידער הארנדאָרף אויסגעבויט אינעם הויף פון זייער הויז אויף ציגאַנקע אַ באַשיידענע עלעקטראָווניע, וועלכע האָט באַדינט אַ 700 אבאָנענטן.

קורץ דערנאָך (אין יאָר 1916) איז אויסגעבויט געוואָרן אויף דער ביסקופּיא־גאַס די ערשטע שטאָטישע עלעקטרישע סטאַציע און ערשט אין יאָר 1925 האָט די שטאָט באַקומען אַ גרויסע, מאָדערן־איינגעריכטעטע עלעקטרישע סטאַציע און די הארענדאָרפס האָבן געמוזט ליקווידירן זייער אונטערנעמונג.

דער מצב פון דער וואָצלאַווקער אינדוסטריע אין יאַר 1938 [7]

דעם מצב אין דער וואָצלאַווקער אינדוסטריע אין יאָר 1938, די צאָל יידישע און נישט יידישע אונטערנעמונגען, די צאָל באַשעפטיקטע, יידן און נישט־יידן, שפּיגלט אָפּ די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

יידישע און נישט־יידישע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין יאָר 1938 — און די צאָל באַשעפטיקטע אין זיי

אַרט פון אינדוסטריע	יידישע אייגנטימער: צאָל אונטער־נעמונגען	יידישע אייגנטימער: צאָל אַרבעטער — בסה״כ	יידישע אייגנטימער: צאָל אַרבעטער — דערפון יידן	נישט ייד. אייגנטימער: צאָל אונטער־נעמונגען	נישט ייד. אייגנטימער: צאָל אַרבעטער	בסה״כ: צאָל אונטער־נעמונגען	בסה״כ: צאָל אַרבעטער
באַשפּייז־אינדוסטריע							
מילן	2	53	5	3	42	5	95
אייל־מילן	1	15	2	—	—	1	15
ציקאָריע	2	180	18	2	380	4	560
ספּירט־עסיק	2	26	5	—	—	2	26
צוקערלעך־שאָקאָלאַד [8]	3	40	32	1	10	4	50
מעטאַל־אינדוסטריע							
מאַשינען	—	—	—	2	170	2	170
אייזנגיסערײַ	1	140	15	5	112	6	252
דראָט און נעגל	2	350	35	—	—	2	350
קייטן און טיילן צו ראָווערן	1	30	8	—	—	1	30
צעראַמישע אינדוסטריע							
פאַיאַנס	3	570	47	—	—	3	570
כעמישע אינדוסטריע							
זייף	1	15	3	—	—	1	15
פאַרבן־לאַקיר	—	—	—	1	110	1	110
פּאַפּיר־און פּאָליגר. אינד.							
פּאַפּיר	—	—	—	2	3500	2	3500
דרוקערייען	4	14	12	4	56	8	70
האָלץ־אינדוסטריע							
טאַרטאַקן	6	130	13	—	—	6	130
מעבל	1	26	4	—	—	1	26
קעסטלעך	1	30	3	—	—	1	30
בוי־אינדוסטריע	1	62	—	1	30	2	92
פאַרשידענע							
גאַרבערייען	1	100	15	—	—	1	100
שפּיגל־שלייפערײַ	1	6	1	—	—	1	6
בסה״כ	33	1787	218	21	4410	54	6197

[7] אויפן יסוד פון א. בזשעזשינסקיס אַרטיקלען אין „וואָצלאַווקער וועקער״ נר. 6 און 7 פון יאָר 1939, זע אויבן.

[8] די צוקערלעך־און שאָקאָלאַד־פאַבריקלעך האָבן געאַרבעט אין שטאָט פון שטענדיק, אָבער דאָס זענען למעשה געווען נישט־מעכאַניזירטע פּרימיטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן פּראָדוצירט די ביליקסטע סאָרטן זיסוואָרג פאַר קינדער, פּויערים בעת די מערק און יאָרמערק אדג״ל.

אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 54 אונטערנעמונגען, געפינען זיך אין יידישע הענט 33. אַ חוץ אין דער פּאַפּיר־אינדוסטריע זענען די יידן אין יאָר 1938 נאָך פאַרטרעטן אין אַלע צווייגן און אַ טייל פון זיי (די צעראַמישע, האָלץ־נעגל א״אַ אינדוסטריעס) זענען דורך זיי פולשטענדיק באַהערשט.

שילדערנדיק דעם מצב אין דער אינדוסטריע אין דאָזיקן יאָר, שרייבט א. בזשעזשינסקי:

„פיל אונטערנעמונגען (יידישע — מ. ק.) זענען געווען ליקווידירט געוואָרן, עווענטועל איבערגעגאַנגען אין באַזיץ פון נישט־יידן. טייל יידישע אונטערנעמונגען זענען ווידער איבערגעבויט, פאַרגרעסערט געוואָרן, שטאַרקנדיק אַזוי אַרום די פּאָזיציע פון יידישן באַזיץ".

ווי מיר זעען פון דער אויבן־געבראַכטער טאַבעלע האָט די וולאָצלאַוועקער יידישע אינדוסטריע אַרויסגעוויזן אַ גענוגנדיקע מאָס פון שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס עס לאָזט זיך דערקלערן מיט אַ סך אָביעקטיווע סיבות (הויכע ספּעציאַליזאַציע, פּראָדוקציע פון עקספּאָרט־אַרטיקלען, קאָנקורענץ־פעיקייט אדג״ל;) און דערהאַלטן אירע וויכטיקסטע פּאָזיציעס ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

וואָס שייך באַשעפטיקטע יידן אין די יידישע פאַבריקן (אין נישט־יידישע אַרבעטן בכלל נישט קיין יידן), איז זייער צאָל געווען — ווי מיר זען פון דער טאַבעלע — אַ מינימאַלע. אויף 1787 אַרבעטער איז די צאָל יידן געווען 218, ד. ה. עפּעס מער ווי 12,2%. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן באַשעפטיקטע, וואָרום אויב יידן געפינען זיך אין די פאַבריקן, געהערן זיי על־פּי־רוב צום אַדמיניסטראַטיוון און ביוראָ־פּערסאָנאַל. די צאָל יידישע אַרבעטער איז געווען אַ נישטיקע.

אין די לעצטע פאַר־מלחמה יאָרן איז, אמת, געפירט געוואָרן אַן ענערגישער קאַמף פאַר רעכט אויף יידישער אַרבעט לכל הפחות אין די יידישע אונטערנעמונגען. אויך די פאַבריקאַנטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן מער פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג אין אָנבליק פון דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק, וועלכע איז געפירט געוואָרן צו יענער צייט לגבי יידן. דער עפעקט איז אָבער געווען אַ נישטיקער סיי צוליב דער נעגאַטיווער שטעלונג פון די פּוילישע אַרבעטער אין דער אונטערנעמונג, סיי צוליב די באַוואָרענישן וועלכע די יידישע בעלי־בתים האָבן פון תמיד געהאַט לגבי יידישע אַרבעטער.

דוד הורוויץ / תל־אביב

יידישער האַנטווערקער־פאַראיין

די דאָזיקע זכרונות וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע אין וולאָצלאַוועק זענען אַ מצבה און אַן אייביקער אָנדענק מיינע אומפאַרגעסלעכע, אינטימע און געטרייע חברים, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אין משך פון אַ סך יאָרן ביים שאַפן, בויען און אָרגאַניזירן דעם יידישן האַנטווערקער־פאַראיין אין אונזער שטאָט. זיי אַלע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן יישוב אינעם גרויסן חורבן פונעם פּוילישן יידנטום.

אַ שיינע עפּאָכע פון אויפשוונג איז געווען די תקופה פון אונזער צוזאַמענאַרבעט, אַן עפּאָכע פון אָרגאַניזירן די יידישע האַנטווערקער אין שטאָט, פון אַ צעשטויבטער מאַסע אין אַן איינהייטלעכע, געזונטע, שטאַרקע האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע. איינעם אַלגעמיינעם קאַמף פונעם פּוילישן יידנטום פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט האָט דער וולאָצלאַוועקער האַנטווערקער־פאַראיין גענומען אַ ווירדיקן אָנטייל.

איך וויל באַשרייבן דעם פּעריאָד פון יאָר 1915 ביזן יאָר 1930 — פון דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע ביז מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל. פון אַ נישטיקער התחלה איז אויסגעוואַקסן אַ האַנטווערקער־פאַרבאַנד פאַר וולאָצלאַוועק און דער גאַנצער אומגעגנט פאַרטיילט אין ברייט פאַרצווייגטע סעקציעס פאַר יעדן פאַך — שניידער, שוסטער, קאַמאַשנמאַכער, שלאָסער, טישלער, קצבים, היטלמאַכער, זייגערמאַכער, גאָלדשמידן, פריזיערן, בעקער אאַ״וו. די דאָזיקע סעקציעס זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צעכן.

אייגנטלעך איז די געשיכטע פון דעם יידישן האַנטווערקערטום אין אונזער שטאָט אַזוי אַלט ווי די געשיכטע פון דער וולאָצלאַוועקער יידישער קהילה. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען בעלי מלאכות און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אויפן עקאָנאָמישן געביט. זייער געזעלשאַפטלעך לעבן האָט זיך קאָנצענטריט, אויף ווי ווייט מען האָט געקענט בעת דער רוסישער הערשאַפט פירן אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אין אַ פּאָר חברות און מנינים צום דאַווענען און ווי חברים און גבאים אין דער „חברה קדישא", „לינת הצדק", „ביקור חולים" און אַנדערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. אַלס אָרגאַניזירטע גרופּע טרעטן אַרויס די האַנטווערקער אויף דער וולאָצלאַוועקער געזעלשאַפטלעכער אַרענע ערשט אין יאָר 1915. אין דער דאָזיקער צייט האָט אין שטאָט געהערשט דער דייטשער אָקופּאַנט. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז די דייטשן ברענגען פרייהייט און רעכט, באַפרייונג פון דער אונטערדריקונג פון רוסישן רעזשים. די דייטשע מאַכט האָט אויסגעאַרבעט אַ וואַל־אָרדינאַציע צום שטאָט־ראַט לויטן סיסטעם פון קוריעס. די זעקסטע קוריע איז געווען פאַרן קליינבירגערטום, אַרבעטער און פאָלקסמענטשן. אונטער דער מאַסקע פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פּאָליטישע פאַרטייען, ווי די ציוניסטן, „פּועלי־ציון", דער „בונד" אאַ״וו. צווישן די יינגע פּוע״צ־עסקנים האָבן זיך געפונען אויך האַנטווערקער, ווי זשעליכאָווסקי, טכוזש, ה. קוטשינסקי, ה. פּישעלעוויטש, אורבאַך, ד. הורוויץ מיט יוסף האָרן בראש. מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין זאַל פון די פייערלעשער. פון דעם מאָמענט ווען די גרופּע האָט אָנגעהויבן צוזאַמענאַרבעטן, איז געוואָרן רייף דער געדאַנק צו צעמענטירן און אָרגאַניזירן די יידישע האַנטווערקער.

די ערשטע, וויכטיקע טריט פון דער גרופּע זענען געווען צו געפינען אַ שילד, אינטער וועלכן מען זאָל זיך קענען לעגאַל פאַרזאַמלען. די געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט מיט דער איניציאַטיוו צו עפענען אַן אַרבעטער־און־האַנטווערקער־קיך, די אַזוי גערופענע שפּעטער „אַרבעטער־היים". די דערלויבעניש פאַר דער דאָזיקער הילפס־אַקציע מצד דער דייטשער קאָמענדאַנטור איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן און זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פּערזענלעך די חברים הערשל פישלעוויטש, העניך קוטשינסקי און דוד הורוויץ. די קיך איז געווען אין יענער צייט אַ לעבנספּראַגע — אַ צורך השעה. די מלחמה איז געווען אין מיטן ברען, די גרעסטע טייל שטעטלעך אין פּוילן זענען צעשטערט געוואָרן און דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן אָפּגעשטעלט און רויִנירט. די פאַבריקן זענען געווען פאַרמאַכט, די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן צעבראָכן און פון אַלע קריגס־געביטן זענען אָנגעקומען פּליטים, צום מייסטן בעלי־מלאכות און אַרבעטער בחוסר כל. אַרויסגעבן אַ ביליקן אָדער אַ בחינמדיקן מיטאָג איז געווען ממש אַ רעטונגסמיטל. די קיך האָט אויך געדינט אויף צו באַקומען פון דער דייטשער מאַכט שפּייזפּראָדוקטן פאַר די חברים, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט אַ דוחק, ווייל אַלץ איז געווען רעקווירירט דורך דעם אָקופּאַנט. די קיך אָדער די „אַרבעטער־היים" איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּעסטונג פון דער „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי.

דאָס איז נאָר געווען אַ התחלה צו דער גרינדונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטער פאַקטאָר, וועלכער האָט צוגעאיילט די שאַפונג פונעם פאַראיין איז געווען די שווערע לאַגע פון די גרעסערע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן געפילט אַ מאַנגל אין רויִשטאָפן און אַלס אָרגאַניזירטע גרופּע האָבן זיי געהאָפט צוצוקומען צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור. אין יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט אין די גרויסע צענטערס פון פּוילן, ווי וואַרשע און לאָדזש, נאָך פון די רוסישע צייטן, א"ג האַנטווערקער־קלובן, ווי ערטער פון פאַרוויילונג און געזעלשאַפטלעכן פאַרברענגען. לויט זייער מוסטער איז אויך אין וולאָצלאַוועק געגרינדעט געוואָרן אַזאַ קלוב. דער שניידער־מייסטער וואָלף באָק האָט אין יאָר 1916 גערופן און אַגיטירט זיינע פאַך־חברים צו גרינדן אַזאַ קלוב. דער קלוב אָבער האָט נישט געפירט קיין שום טעטיקייט און דער לאָקאַל וואָס ער האָט געדונגען, איז געשטאַנען כמעט שטענדיק ליידיק. דאָס איז אָבער געווען אַ שריט פאָרויס אויפן וועג פון אָרגאַניזירן די האַנטווערקער. די אויבן־דערמאָנטע חברים האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיטן פריינד וו. באָק און זיין גרופּע און אַזוי ווי זיי האָבן הינטער זיך געהאַט אַ שול פון פּאָליטישער אַרבעט אין די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען, האָבן זיי שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און ס'איז אויפגעקומען דאָס באַפרייטע פּוילן, זענען די פּאָליטישע פּאַרטייען אַרויס אויף דער עפנטלעכער אַרענע און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. מיר האָבן באַקומען ידיעות פון וואַרשע און פון אַנדערע פּוילישע שטעט, אַז עס דערוואַקסט אויך דער יידישער האַנטווערקער. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער סטימול אַז די א"ד גרופּע זאָל צוטרעטן צו אַן אויפקלערונגס־אַרבעט און ענדלעך אין אָקטאָבער 1918 איז גערופן געוואָרן די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַלע יידישע בעלי־מלאכות אין וולאָצלאַוועק. עס האָבן זיך גלייך פאַרשריבן 120 מיטגלידער, עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג אין די פּערזאָנען פון וואָלף באָק, משה טרעמבסקי, בועז באָרנשטיין, וואָלף שוואַרץ, העניך קוטשינסקי, פּנחס לאַנדשניידער, זלמן ווייסבערג, אשר גרינבוים, שלום איזביצקי, אברהם ראַדזשעיעווסקי און דוד הורוויץ. די פאַרוואַלטונג איז צוגעטרעטן צו אַן אינטענסיווער און פּרוכטבאַרער אַרבעט. מיט אונזער געזונטן חוש האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז די ערשטע אויפגאַבע איז צו שאַפן אַ סטאַטוט פאַרן פאַראיין און אַרויסבאַקומען אַ לעגאַליזאַציע פון דער פּוילישער מאַכט, כדי נישט צו זיין אָפּהענגיק פון דער וואַרשעווער האַנטווערקער צענטראַלע. די מאַכט האָט אָבער געמאַכט שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן דערלויבענישן. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט די וואַרשעווער צענטראַלע געעפנט האַנטווערקער־אָפּטיילונגען אין כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. דאָס האָט ליידער גורם געווען שפּעטער צו אַ גרויסער צעשפּליטערונג און אַ פאַרביטערטן קאַמף, ווען אין וואַרשע האָבן זיך געגרינדעט צוויי האַנטווערקער־צענטראַלעס, דער פאָלקיסטישער האַנטווערקער־ראַט אויף נאַלעווקי גאַס 2 און דער צענטראַלער האַנטווערקער־ראַט אויף לעשנע 42. כמעט אַלע פאַראיינען אין פּוילן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן רייסעניש. אין יעדער שטאָט זענען געקומען די פאָרשטייער פון ביידע צענטראַלעס און די פאַראיינען אין די שטעטלעך האָבן געפירט צווישן זיך די זעלבע קאַמפן. זייענדיק אָבער אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אייגענע דערלויבעניש, האָבן מיר דעם שפּיל נישט מיטגעמאַכט און זענען אין די דאָזיקע שטרייטן נישט אַריינגעצויגן געוואָרן.

די לעגאַליזאַציע און דערלויבעניש זענען אָנגעקומען נישט לייכט, ווייל די פּוילישע צענטראַלע אָרגאַנען האָבן געקוקט מיט פאַרדאַכט און אומצוטרוי אויף דעם וווקס פון די יידישע בעלי־מלאכות און זייער אָרגאַניזירן זיך. ערשט צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג האָבן מיר באַקומען די לעגאַליזאַציע, אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון פּ' א. ראַדזשעיעווסקי.

גלייך פון אָנהויב פון אונזער טעטיקייט האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די חברים איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע. עס זענען געווען בעלי־מלאכות גוט סיטויִרטע עקאָנאָמיש, מיט אייגענע געשעפטן, זעלבשטענדיקע, קוואַליפיצירטע מייסטערס מיט האַנטווערקער־וואַרשטאַטן פון אַ העכערער מדרגה, אייניקע מיט דיפּלאָמען, שניידער מיט געענדיקטע שניידער־שולן. אַנטקעגן זיי זענען געווען אינעם פאַראיין האַנטווערקער־אַרבעטער, די אַ"ג כאַלופּניקעס און אויך פּשוטע לאַטוטניקעס. אויך די אידעיִש־פּאָליטישע איינשטעלונג פון די מיטגלידער איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע — ציוניסטן, „פּועלי־ציון", „בונד" און אַממייסטן אומפּאַרטייִשע. נאָך אַ זאַכלעכער און פּלאַנמעסיקער באַהאַנדלונג, איז אונז געלונגען צו קאָנסאָלידירן אַלע אין איין פּראָגראַם. אונזער דעוויז איז געווען: „טאָלעראַנץ און חברשאַפט", שטעלנדיק דעם האַנטווערקער־פּרימאַט איבער דער פּאַרטיי־דאָגמע.

די ערשטע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען צו גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַך־סעקציעס מיט געוויילטע פאָרשטייער, וועלכע זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זייערע חברים. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ האַנטווערקער־ראַט. דאָ איז געווען טעטיק אהרן גערשאָנאָוויטש און אַוועקגעשטעלט די אַרבעט אויף געזונטע יסודות.

אין די יאָרן 1919—1920 איז דאָס לעבן נאָך ווייט נישט געווען נאָרמאַל און עס האָט געהערשט אַ כאַאָס אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. דער קליינער בעל־מלאכה איז געווען רויִנירט און די וואַרשטאַטן צעבראָכן. עס האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין לעבנספּראָדוקטן און דער יקרות איז געווען אַ גרויסער. וועלנדיק קומען

צו הילף אונזערע נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט מיט גרויס מסירת־נפש די חברים זלמן ווייסבערג, העניך קוטשינסקי און דוד הורוויץ. די אַקציע האָט אונז אָבער נישט באַפרידיקט, וואָרום זי איז ווייט נישט געווען קיין לייזונג פון דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. מיר האָבן געטראַכט וועגן דעם קאָאָפּעראַטיוון וועג און זענען צוגעטרעטן צו גרינדן אַ קאָנסום־געשעפט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אין יענער צייט האָט שוין אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דער „דזשאָינט" אין פּוילן ווי אויך אַנדערע אַמעריקאַנער הילפס־פאָנדן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו קריגן פון „דזשאָינט" אַ גרויסע צאָל אַרבעטס־כלים און טיילן צו מאַשינען. אויך האָבן מיר באַקומען דירעקט אויף אונזער האַנט די הילפס־געלטער און דאָס האָט אונז דערמעגלעכט צו עפענען דעם קאָנסום־שפּייז־געוועלב אויף זשאַביע גאַס. דאָס האָט דערמעגלעכט די חברים צו באַקומען צו ביליקע פּרייזן אַלע פּראָדוקטן, וועלכע זענען געווען דאַן באַגרענעצט ווי אויך פאַרשידענע האַנטווערקער־כלים און געצייג. מיט דער דאָזיקער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט האָבן מיט טריישאַפט אָנגעפירט די חברים אברהם ראַדזשעיעווסקי, אהרן גערשאָנאָוויטש און ישראל בוימגאַרט. געשעפטסלייטער איז געווען ה. מעלזאַנאָוויטש. עס איז אויך געזאָרגט געוואָרן פאַר מעדיצינישע הילף צו ביליקע פּרייזן אָדער בחינם. ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט האָבן אונז בייגעהאָלפן ד"ר טאַראַנטשיק און שפּעטער — ד"ר בריש.

גלייך פון אָנהויב איז געעפנט געוואָרן אַ לאָקאַל, ווו די חברים האָבן געפונען פאַר נויטיק און כמעט געפילט עס ווי אַ חוב יעדן אָוונט צו קומען. מיר האָבן דאָרט איינגעאָרדנט לייכטע שמועסן, אויך דאַמינאָ און שאַך און צייטונגען. אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער טעטיקייט האָט אונזער ליבער און פריילעכער חבר זלמן ווייסבערג, דער לאָקאַל־לייטער אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון פאַראיין.

כדי איינצוהאַלטן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידישע בעלי־מלאכות האָבן מיר אָנגעהויבן אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צו גרינדן אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו, ווו אונזערע מיטגלידער זאָלן קענען געניסן פון הלוואות וועלכע זיי האָבן אין די פּוילישע רעגירונג־קרעדיט־אינסטיטוציעס נישט באַקומען.

צו יענער צייט האָט עקזיסטירט אין וולאָצלאַוועק נאָך פון די רוסישע צייטן, פונעם יאָר 1904, אַ „שפּאָר־און לייַ־קאַסע פאַר האַנטווערקער און קליינהענדלער". זי איז געווען אָנגעפירט דורך די אַלטע, האַלב־אַסימילירטע כלל־טוער, די ה"ה שענפעלד, גאָלדע, מרגלית, וואַרשאַווסקי א"אַ. די קאַסע האָט נישט געפירט כמעט קיין שום טעטיקייט, ווייל צוליב דער מלחמה און די דעוואַלואַציעס פון רוסישן רובל און נאָך דעם פונעם דייטשן מאַרק, האָט זי פאַרלוירן כמעט איר גאַנצן קאַפּיטאַל און אַרויסגעוויזן שוואַכע סימנים פון לעבן. די האַנטווערקער און קליינהענדלער האָבן צו איר נישט געהאַט קיין צוטריט, ווייל יעדע יערלעכע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען צווישן אַ מנין אייגענע מענטשן. איצט האָבן מיר באַשלאָסן צו שטיין אויף דער וואַך, כדי אויסצונוצן די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויף צו באַהערשן די קאַסע, אין וועלכער — ווי מיר האָבן נאָכקאָנטראָלירט זענען כמעט אַלע אונזערע מיטגלידער געווען חברים. אַ דאַנק אַ צופאַל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין וואָלקאַוויטשעס דרוקעריי ווערן געדרוקט איינלאַדונגען צו דער פאַרזאַמלונג אוז מאָביליזירט צו איר אַלע אונזערע חברים. צו דער גרויסער איבעראַשונג פון די ה"ה שענפעלד און גאָלדע איז די פאַרזאַמלונג שטורמיש דורך אונז באַזוכט געוואָרן און נאָך אַ געהעריקן קאַמף מיט די אַלטע עסקנים פון דער קאַסע זענען מיר פאַקטיש געוואָרן אירע פירער און פאַרוואַלטער. שפּעטער האָבן מיר זי פאַרוואַנדלט אין אַ האַנטווערקער באַנק אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, וועערבירט אַ גרויסע צאָל נייע חברים, וועלכע האָבן אויסגעקויפט פּייען, באַקומען אַ גרויסע געלטהילף פונעם „דזשאָינט" ווי אויך פון דער צענטראַלער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע. די באַנק האָט אַ צייט גוט פּראָספּערירט און געווען אַ גרויסע הילף פאַר דעם יידישן בעל־מלאכה. פאַרוואַלטעט אין משך פון דער צייט מיט דער באַנק האָבן די חברים מרדכי זאַאושניצאַ, אברהם ראַדזשעיעווסקי, זאַלצשטיין, צימערמאַן, ש. לעווי, בוימגאַרט, לאַסקי, דאָרפמאַן, גלאָגאָווסקי, יאַנאָווער, מ. שוואַרץ, מעלגוט, מ. מייערטשאַק און מיכאַלאָווסקי. צום געוויילטן ראַט האָבן געהערט די ה"ה פ. קויפמאַן, לעווי, לובאָווסקי, י. אַלטמאַן און מאיר זשיכלינסקי.

דערמיט אָבער האָט זיך אונזער טעטיקייט נישט געענדיקט, דאָס איז געווען ערשט די התחלה. בעת די קהילה־וואַלן זענען די האַנטווערקער אַרויסגעטראָטן מיט אַן אייגענער ליסטע. וואָס אַן אמת האָבן מיר קיין מאַנדאַט נישט באַקומען, עס האָט אונז געפעלט אַ קליינע צאָל שטימען, אָבער מיר האָבן דעמאָנסטרירט דאָס ערשטע מאָל פאַר דער וולאָצלאַוועקער עפנטלעכקייט אונזער אייגנאַרטיקייט און כוח. ביי די שפּעטערדיקע קהילה־וואַלן האָבן מיר שוין אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, באַקומענדיק צוויי מאַנדאַטן. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן די חברים יצחק קאָוואַלסקי און וואָלף באָק.

אַ דאַנק דער דינאַמישקייט, אינטעליגענץ און באַוווסטזיניקייט פון די האַנטווערקער־טוער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, זענען מיר געווען אַנערקענט אין פּוילן, נאָך וואַרשע און לאָדזש, ווי די בעסטע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע. האָט די צענטראַלע טאַקע אַרויפגעלייגט אויף אונדז די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די האַנטווערקער־פאַראיינען פון דער גאַנצער סביבה. וולאָצלאַוועק איז געוואָרן אַ קליינע צענטראַלע פאַר די שטעט פּלאָצק, קוטנע, ליפּנע, ראַדזיעווע, ניעשאַווע, קיוואָל, ליבראַנץ, קויל א"אַ. אונזערע חברים: גערשאָנאָוויטש, ראַדזשעיעווסקי, מיכאַלאָווסקי, צימערמאַן, בוימגאַרט, ד. זאַאושניצא, טרעמסקי און ד. הורוויץ האָבן אָפט באַזוכט די אַלע שטעט און פ' הורוויץ איז אַפילו דעלעגירט געוואָרן קיין דאָמבראָוויץ ביי לאָמזשע און אין אַנדערע ערטער. אויך צווישן די אייגענע חברים האָבן מיר געפירט אַ ברייטע אויפקלערונג־אַרבעט. כמעט יעדן שבת־צו־נאַכט זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען צו יענער צייט אויפן סדר־היום אין אונזער שטאָט און אין גאַנץ פּוילן. אויך האָבן מיר געהאַט אינערלעכע, ספּעציפישע ענינים, ווי צוזאַמענבינדן זיך אָרגאַניש און צונויפלעבן זיך מיט די א"ג כאַלופּניקעס און מיט מיטגלידער פון פאַראיין, וועלכע האָבן זיך דעקלאַרירט אַלס חברים פון „בונד". דאָס זענען געווען די פ"פ קעניג, הערשקאָוויטש, כזשאָנסטאָווסקי, צאָלע, שטערן, גרינבוים א"אַ. צו די פאַרזאַמלונגען פלעגן קומען רעפערירן די בונדישע עסקנים ווי הילער, ש. בוקס, כזשאָנסטאָווסקי א"אַ. עס איז ביי אונז אַנטשטאַנען אַ גרויסע גרופּע פּרעלעגענטן, ווי די ח"ח בוימגאַרד, ה. קוטשינסקי, לאַנדשניידער, בורשטיין, צימערמאַן, קאָוואַלסקי, שקלאָווער, יערעכאָווסקי, טרעמסקי, פ. טכוזש, באָק, סענדעראָוויטש, גלאָגאָווסקי, לאַסקי א"אַ. עס האָבן אונז אויך באַזוכט באַקאַנטע האַנטווערקער־עסקנים פון וואַרשע, ווי חיים ראָס־


נער, אלימלך בראָמבערגער, יעקב קריסטאַל, אלימלך ראַק א״אַ.

גרויס אָנזען האָט געהאַט דאָס חברים־געריכט. די מייסטערס און די כאַלופּניקעס, די מאַרק־פּאַרקויפער, די האַנטווערקער און זייערע אַרבעטער, וועלכע האָבן אָפט מיטגעבראַכט פֿאָרשטייער פֿון די פּראָפעסיאָנעלע פֿאַראיינען — זיי אַלע האָבן געשעצט און אָנערקענט דעם פסק־דין פֿונעם חברים־געריכט. די ריכטער זענען געווען די פ״פ העניך קוטשינסקי, אהרן גערשאָנאָוויטש, יצחק קאָוואַלסקי און דוד הורוויץ.

אַחוץ דער אויפקלערונגס־אַרבעט און פֿאַך־באַהאַנדלונגען האָבן מיר אויך געפֿירט אַ ברייט־פֿאַרמאָסטענע קולטור־אַרבעט, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרלעזונגען, פֿאַרוויילונגס־אָוונטן, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ ריי פּרעלעקציעס צווישן אַנדערע פֿון הלל צייטלין, נח פּרילוצקי און שלום אַש. לכבוד שלום אַש האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ הערלעכן באַנקעט אין דער דירה פֿון אונזער מיטגליד פ׳ זאַלצשטיין. מיר האָבן זיך אויך פֿאַרבונדן מיט אַ ריי געזעלשאַפֿטלעכע אָדער פּריוואַטע אימפּרעסאַריאָס און געבראַכט פֿון וואַרשע טעאַטער־טרופּעס אויף פֿאַרשידענע פֿאָרשטעלונגען. יעדן פֿרייטאָג־צו־נאַכט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן „עונג־שבת" ביי אַ גלעזל ביר און צובייסן ווו עס האָבן רעפֿערירט אויף היסטאָרישע, געזעלשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע טעמעס ד״ר שטראַוך, סאָסאָווער (גייער), אָסטערן, אינזש. שטאָלצמאַן, האָרן א״אַ.

ביים האַנטווערקער־פֿאַראיין איז אויך געווען טעטיק אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט אַראַנזשירט פֿון צייט צו צייט אָוונטן מיט רעציטאַציעס, רעוויעס, סקעטשן אדג״ל. דער קרייז איז באַשטאַנען פֿון די חברים גלאָגאָווסקי, זעמעלמאַן, זאַלצשטיין, קעניג, צאַלע, א״אַ, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון משה קאָהן. אויף שבתים און יום־טובים האָבן מיר אין לאָקאַל פֿון פֿאַראיין איינגעאָרדנט אַ בית־התפילה אויפֿן נאָמען „האומן". די געלטער, וואָס זענען איינגעפֿלאָסן פֿאַר די „שטעט", פֿון עליות צו דער תורה און פֿון נדרים, זענען באַשטימט געוואָרן אויף נויט־הילף. מיטן בית־התפילה האָבן אָנגעפֿירט א. בלאַו און ש. שטולזאַפט, וועלכע האָבן מיט אמונה אויסגעפֿירט די אויפֿגאַבע פֿון העלפֿן די נויטבאַדערפֿטיקע בסתר.

מיטן סעקרעטאַריאַט האָט אָנגעפֿירט פ׳ גערשאָנאָוויטש און



פֿאַרוואַלטונג פֿונעם האַנטווערקער פֿאַראיין ועד אגודת בעלי מלאכה

פֿון רעכטס — מימין: ס׳זיצן — יושבים: ווייסבערג, לאַנדשניידער, באָק, גרינבאַום;

שטייען — עומדים: העניך קוטשינסקי, באָרנשטיין, שוואַרץ, שלום איזביצקי, דוד הורוויץ.

שפּעטער דוד זאַאושניצא. דער אינקאַסענט איז געווען פּ. וואָלף קאָהן.

אין דער אַ״ג „גראַבסקי־תקופה״ זענען איינגעפירט געוואָרן די דריי שטייערן: אומזאַץ, איינקונפט־און פאַרמעגן־שטייער, וועלכע האָבן שווער געטראָפן די האַנטווערקער. מיר זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו דעלעגירן אין די שטייער־קאָמיסיעס אויך אונזערע פאָרשטייער און האָבן אויסגעקליבן צו דעם צוועק די פּ״פ לאַנדשניידער, יערעכאָווסקי און ראַדזשעיעווסקי צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר. זיי האָבן מיט כבוד אויסגעפירט די שווערע אויפגאַבע און אָפּגעשטויסן די מיאוסע אַטאַקעס פון די פוילישע בעלי־מלאכות, אַפילו מיט אַ טיילווייזן דערפאָלג.

גלייך מיט דער גרינדונג פון אונזער פאַראיין האָט זיך אין אים אָנגעשלאָסן אַ גרופּע חברים, וועלכע זענען צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר געווען די פאַרמיטלער ביי די פאַרשידענע מאַכט־אָרגאַנען. אַ טייל פאַראיין־מיטגלידער האָבן נישט געהאַט קיין בילדונג, נישט באַהערשט גוט די פוילישע שפּראַך און די ח״ת ראַדזשעיעווסקי, ציטערמאַן, דוד און יעקב זאַאושניצא און מאַרקוס יערעכאָווסקי זענען געווען גרייט צו העלפן ביי יעדער געלעגנהייט. דער פּ׳ יערעכאָווסקי איז תמיד געשטאַנען צום דינסט פון די חברים. ער פלעגט פאַרלאָזן זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט כדי צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. מען האָט זיך מיט אים גערעכנט אין די פוילישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן ווי מיט אַן אויפריכטיקן און ערלעכן מענטשן, אַן אָנגעזעענעם, אַלטבאַזעסענעם תושב פון דער שטאָט און זיך באַצויגן צו אים מיט צוטרוי. צוהילף איז אויך געקומען אין די פאַרשידענע אַמטן דער מאַגיסטראַט־לאַווניק אינזש. שטאָלצמאַן און אַ גרויסע הילף האָבן מיר געהאַט פון פּ׳ יעקב זאַאושניצא, וועלכער איז צוליב זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן אויסגעוויילט געוואָרן פון דער האַנטווערקער־ליסטע אַלס מיטגליד אין שטאָטראַט.

אַ געוויסע צייט האָבן מיר אויך אָנגעפירט מיט אַ מיטל־שול, וועלכע מיר האָבן איבערגענומען פון דער פרוי סאַניצקאַ. דער הויפּט־איניציאַטאָר און אויספירער איז געווען מ. יערעכאָווסקי, די לייטונג און אַדמיניסטראַציע פון דער שול איז באַשטאַנען פון א. ראַדזשעיעווסקי, מ. יערעכאָווסקי און י. קאָוואַלסקי. אַ גרויסע הילף ביים אָרגאַניזירן די שול האָבן מיר באַקומען פונעם דאַמאָלטיקן דירעקטאָר פון דער העברעישער גימנאַזיע אינזש. ב. עפראַן.

אין יאָר 1926 רוקט זיך אָן די שווערע גזירה פון צעכן־געזעץ. דאָס פּלאַנירטע געזעץ האָט געצילט צו פאַרקלענערן די צאָל יידישע בעלי־מלאכות. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט דער וואַרשעווער צענטראַלע און באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ ריי קורסן פאַר דערוואַקסענע און אַ דערגענצונג־שול פאַר יידישע לערן־יינגלעך. מיר האָבן אָבער נישט געקענט רעאַליזירן דעם פּלאַן מיט אייגענע כוחות. אין יענער צייט האָט די געז. „אָרט״ געעפנט אייגענע פאַך־שולן און געשטיצט מיט געלט לאָקאַלע קורסן. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיטן פּ׳ גלאָצער, מיטגליד פונעם צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פוילן און ער האָט דעלעגירט צו אונז אַ פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט „אָרט״, דעם ה. אייסעראָוויטש. כדי די אַקציע פון עפענען די קורסן זאָל טראָגן אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, האָבן מיר צו איר צוגעצויגן פאַרשידענע אינסטיטוציעס און פאַרטייען. אין דער אויסגעוויילטער קערפּערשאַפט אָנצופירן מיט דער דאָזיקער טעטיקייט זענען אַריין די ה״ה ד״ר בריש, אָסטערן, חיימאָוויטש, שענקער, לעווי, בוימגאַרט און הורוויץ; דער סעקרעטאַר איז געווען יצחק פּילאָט.

אין משך פון אַ קורצער צייט זענען זיך די קורסן זייער צעוואַקסן. מיר האָבן געעפנט אַ לערן־אַנשטאַלט פאַר מיידלעך, אָוונטקורסן פאַר דערוואַקסענע, דערגענצונגס־קורסן און קורסן פאַר לערן־יינגלעך, וואָס עס האָט דערמעגלעכט די האַנטווערקער זיך פאַכמעניש צו קוואַליפיצירן און צוגרייטן זיי צו די עקזאַמענס. די „אָרט״־אָפּטיילונג אין שטאָט האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער וולאָצלאַוועקער יידישער געזעלשאַפט.

אונזער פרוכטבאַרע טעטיקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין די פייערונגען לכבוד דעם צען־יאָריקן יובל פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן פאַר דער וולאָצלאַוועקער עפנטלעכקייט אונזערע דערגרייכונגען. עס איז נישט צו באַשרייבן די שמחה וואָס האָט דאַן אַרומגענומען אַלע אונזערע מיטגלידער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יובל־קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען אַריין די ה״ה י. קאָוואַלסקי, א. ה. בלאַו, מ. יערעכאָווסקי, א. גערשאָנאָוויטש, וו. באָק, ה. קוטשינסקי, ש. איזביצקי, ז. וויסבערג, ב. באָרנשטיין, פּ. לאַנדשניידער, ד. הורוויץ. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון די וולאָצלאַוועקער בעלי־מלאכות האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אינעם מכבי־זאַל אויף קרולעוויעצקע־גאַס און שפּעטער דעמאָנסטרירט אין געשלאָסענע רייען איבער די גאַסן אונטער די קלאַנגען פון דער „מכבי״־אָרקעסטער מיטן דיריגענט י. ה. קאָהן. אַדורכמאַרשירנדיק די גאַסן קרולעוויעצקע, לענגסקע און ברייטע, זענען מיר אַריין אויף זשאַביע אין דער אַלטער שול. אינעם צוג האָט אויך אָנטייל גענומען ה׳ קרושינסקי אַלס פאָרשטייער פון דער קהילה און פאָרשטייער פון פאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. עס זענען אויך געקומען דעלעגאַטן פון אַ ריי שטעט און שטעטלעך, ווי פּלאָצק, קוטנע, שיערפּץ, ליפּנע, דאָברין, קיוואָל, קויל, ראַדזיעווע, ליבראָנץ, ניעשאַווע, אַלעקסאַנדראָוו און פון דער וואַרשעווער צענטראַלע די פּ״פ בראָמבערגער און א. ראַק, וועלכע האָבן געהאַלטן רעפעראַטן מעניני דיומא.

איך וויל ברענגען אַן אויסצוג וואָס פּ׳ א. ראַק האָט געשריבן אין זיין בוך „זכרונות פון אַ יידישן האַנטווערקער־טוער״ וועגן זיין דאַמאָלטיקן באַזוך אין וולאָצלאַוועק.

„אין יאָר 1928 איז געפייערט געוואָרן די 10־יאָריקע עקזיסטענץ פונעם האַנטווערקער־פאַראיין אין וולאָצלאַוועק. דוכט זיך צען יאָר, נישט מער, אָבער וואָס פאַראַ גרויסע דערגרייכונג האָבן די האַנטווערקער געמאַכט אין די צען יאָר. אַלע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון שטאָט האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די האַנטווערקער, צווישן זיי די קאָאָפּעראַטיווע ליי־קאַסע, אויך אַ באַדייטנדיקע פאָרטרעטונגען אין דער קהילה, שטאָטראַט און אַלע שטייער־אַמטן, אַפילו צווישן די פּרייוויליקע פייערלעשער. די עקזעקוטיווע האָט דערהאַלטן די איינלאַדונג צו דער פייערונג און עס זענען דעלעגירט געוואָרן איך און דן בראָמבערגער. אַז מיר זענען געקומען אין שטאָט, האָט זיך אומעטום געפילט די יום־טובדיקייט פון דער האַנטווערקער־שמחה. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפייערט מיט די בעלי־מלאכות, איינדרוקספול איז געווען די מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט מאַרשירט איבער דער שטאָט אונטער די קלאַנגען פון דער „מכבי״־אָרקעסטער. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין דער שול, ווו דן בראָמבערגער האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט פון 400 פּערזאָן, ווו עס זענען געטיילט געוואָרן גאָלדענע און זילבערנע אויסצייכענונגען פאַר טיכטיקער, איבערגעגעבענער אַרבעט, דאַן אַן אַקאַדעמיע אין זאַל פון

„מכבי“, ווו אַלע אינסטיטוציעס און פּאַרטייען האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס, דאַרונטער אויך איך אַלס דעלעגאַט פון דער וואַרשעווער צענטראַלע“.

די שמחה האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט בעת ס׳איז אויפגעוויקלט געוואָרן די נייע האַנטווערקער־פאָן מיטן עמבלעם פון פּאקל, ווינקל און האַמער און מיט דער אויפשריפט: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך“. דער שטאַנג פון דער פאָן איז געווען באַצירט מיט די נעגל־עמבלעמען פון אַלע סעקציעס. דער פאָן־טרעגער איז געווען פ׳ וואָלף באָק, דער איניציאַטאָר און רעאַליזאַטאָר פון דעם דאָזיקן געדאַנק און דער ערשטער, קען מען זאָגן, מיטגליד פון אונזער פּאַראיין. ער האָט געשטראַלט פון שמחה, הויך טראָגנדיק מיט גאווה, און בדחילו ורחימו אונזער פאָן אין שול אַריין. די צוויי פאָן־באַגלייטער זענען געווען די ח״ח בוימגאַרט און זלמן ווייסבערג. אויף דעם גאַנצן וועג האָט מען דעם האַנטווערקער־צוג באַוואָרפן מיט בלומען, הויפּטזעכלעך פונעם באַלקאָן פון אונזער ערשטן פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד משה טרעמסקי, וועלכער האָט שוין ליידער נישט געקענט אָנטיילנעמען אינעם צוג. מיר האָבן אויך אָפּגעדרוקט אַ יובל־אַלמאַנאַך מיט זייער אַ רייכן אינהאַלט, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק אונזער גאַנצע צען יאָריקע טעטיקייט. זיין אינהאַלט איז געווען:

ד. הערץ — צען יאָר געשיכטע פון דער באַוועגונג; ד. הורוויץ — אונזער פאָן; מ. באָק (וואַרשע) — אַ שטיין ביסטו אַמאָל געווען; כ. פּ. טכוזש — מלאכה און לעבן; יעקב זאַאושניצא — דער שטאָט־ראַט און דער יידישער האַנטווערקער; א. הובערמאַן — די אַנטוויקלונג פון דער האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע; ד. הורוויץ — פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט; י. מ. זילבערבערג — דער האַנטווערקער־קלאַס און די אינטעליגענץ; יצחק קאָוואַלסקי — דער האַנטווערקער און די קהילה; א. מיכאַלאָווסקי — די אַנטוויקלונג פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע ביי יידן; העניך קוטשינסקי — פון ווערטער צו מעשים; שלום לעווי — דער כוח פון אָרגאַניזאַציע; משה דוד ווייסראָק — די דערוואַכונג; יוסף שקלאָווער — דער געבאָט פון יעצטיקן מאָמענט; ה. פלאַקסער — דאָס האַנטווערקטום אַלס מיטל און ציל; דוד זאַאושניצא — די פאַך־שול אַלס איינע פון די צוקונפטיקע שולן פאַר יידישע קינדער.

די לעצטע צוויי יאָר פאַר מיין אָפּפאָר קיין ישראל איז זיך אונזער אַרבעט און אָרגאַניזאַציע שטאַרק צעוואַקסן. דער סעקרעטאַריאַט האָט זיך פאַרגרעסערט, דער לאָקאַל ווערט קליין און ענג פאַר אונזערע באַדערפענישן. עס געלינגט אונז אין דעם זעלבן הויז איבערצונעמען אַ גרעסערע דירה, מיר בויען זי איבער און פאַרוואַנדלען אין אַ שיינעם, פּרעכטיקן לאָקאַל, מיט אַ גרויסן זאַל, אין וועלכן מיר קענען איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען, פאַרשידענע אימפּרעזעס און פאָרשטעלונגען.

צוליב דעם צעכן־געזעץ קומען יעדן טאָג זיך רעגיסטרירן בעלי־מלאכות, כדי זיך צו פאַרזען מיט אַ האַנטווערקער־קאַרטע, וועלכע מיר האָבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן. דער געוואַלטיקער צופלוס פון נייע חברים, אָפּט דעקלאַרירטע פּאַרטיי־מיטגלידער (הויפּטזעכלעך פון „בונד“) און בעלי־מלאכות, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען פון דערווייטנס, האָט צעשטערט די האַרמאָניע, וועלכע האָט געהערשט צווישן די אַלטע מיטגלידער, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל התלהבות און מסירות אויסגעבויט דעם פאַראיין. עס ברעכן אויס סכסוכים און אַ געראַנגל פון פּערזענלעכע אַמביציעס. אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען ווערן דערווייטערט אייניקע פון די בעסטע חברים, עס שאַפן זיך באַזונדערע „מלוכות“, ווייל לויטן צעכן־סטאַטוט האָט יעדער פאַך, יעדע סעקציע און יעדער צווייג פון אַ געוויסן פאַך דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אַלס צעך און ווילן צווישן זיך „סטאַרשעס“ (עלטסטע) און „וויצע־סטאַרשעס“, אויך מיטגלידער אין די עקזאַמינאַציע־קאָמיסיעס. אַזוי ווי אַ טייל בעלי־מלאכות האָט נישט באַזיצט ווי געהעריק די פּוילישע שפּראַך, האָט מען נישט געוויילט אַ באַוווסטזיניקן און איבערגעגעבן מיטגליד, נאָר די וועלכע האָבן געקענט גוט פּויליש. דאָס האָט גורם געווען שפּעטער צו אַ צעשפּליטערונג און צום שאַפן צוויי האַנטווערקער־פאַראיינען און אַ פאַראיין פון כאַלופּניקעס. גלייכצייטיק האָט זיך געפירט אַן עקשנותדיקער, שווערער און פאַרביטערטער קאַמף מיט די קריסטלעכע האַנטווערקער וועגן דעלעגירן אונזערע פאָרשטייער צו דער האַנטווערקער־קאַמער. וולאָצלאַוועק איז אויסגעוויילט געוואָרן פון דער מאַכט אַלס אָרט פון דער צענטראַלער האַנטווערקער־קאַמער פאַרן גאַנצן קרייז און מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט אויף צוויי פאָרשטייער. מיר האָבן דעלעגירט אונזערן מיטגליד ז. צימערמאַן אַלס אונזער פאָרשטייער. פ׳ צימערמאַן איז געווען אַ סטאָלערמייסטער און די קריסטלעכע בעלי־מלאכות האָבן אונז נישט געוואָלט איבערגעבן דעם סטאָלער־צעך. זיי האָבן געטענהט אַז דער סטאָלער־צעך היט אָפּ אַלטע טראַדיציעס, איז פאַרבונדן מיט דער קירכע, אירע פייערונגען און הייליקייטן. נאָך לאַנגע וויכוחים איז פ׳ צימערמאַן אויסגעוויילט געוואָרן אין דער קאַמער אַלס פאָרשטייער פונעם קאַמאַשנמאַכער־צעך ווי אַ ספּעציפיש יידישער פאַך. ז. צימערמאַן איז געווען אַ בן־בית אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, זייענדיק אַ לאַנגע צייט אַ מיטגליד ביי די פרייוויליקע פייערלעשער. ער איז שטאַרק געשעצט געווען פון די קריסטן, געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און רעאַגירט אויף יעדער עוולה. אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דער קאַמער האָט ער אַ סך געהאָלפן און געטון גרויסע טובות דעם יידישן בעל־מלאכה. אַלס צווייטער מיטגליד אין דער קאַמער איז געוויילט געוואָרן פ׳ ח. אגרעסט פון די צוקערמאַכער און לעקעך־בעקער, וואָס איז אויך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יידישער פאַך. סוף־סוף האָבן זיך געגרינדעט די פאָלגענדע צעכן:

1. פּוילישער וורשטנמאַכער צעך;
2. טישלער, דרעקסלער, טאַפּיצירער־צעך;
3, שוסטער־צעך;
4. זייגערמאַכער, גראַוויר־יוווילער־צעך;
5. צוקער, בעקער־צעך;
6. פריזירער־צעך;
7. שניידער־צעך;
8. קאַמאַשנמאַכער־צעך;
9. קאַפּעלושן־און היטלמאַכער־צעך.

די דערעפענונג פון דער האַנטווערקער־קאַמער, איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ גרויסן צוג — קריסטן צוזאַמען מיט יידן — איבער די גאַסן פון דער שטאָט. די קריסטן האָבן אַריינמאַרשירט אין דער קירכע און די יידן אין דער שול, ווו עס האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע דער דעלעגאַט פון וואַרשע, דעפּוטאַט ראָסנער. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער באַנקעט אין זאַל פון די „וויאָשלאַזשעס“. מיר זענען געווען איינגעלאַדן צוזאַמען מיט די קריסטן און כטוב לבם ביין האָבן זיי זיך מיט אונז צעקושט. דאָס זענען אָבער געווען ביטערע און פאַרגיפטעטע קושן. דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, ווען די נעכטיקע האַנטווערקער־קאָלעגן האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרווירקלעכן און אויספירן דעם באָיקאָט קעגן אונז.

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין אָנהויב דרייסיקער יאָרן, דער באָיקאָט און די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק מצד דעם סאַנאַציע־רעזשים האָבן דערפירט דעם יידישן בעל־מלאכה צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. דער האַנטווערקער האָט געזוכט וועגן צו קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. דער דראַנג עולה צו זיין האָט זיך געפילט אין אַלע שטעט און שטעטלעך און אין דער האַנטווערקער־צענטראַלע אין וואַרשע ווערט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון "חלוץ בעל־מלאכה", כדי מיטהעלפן און שאַפן וועגן, לעגאַלע און אומלעגאַלע, פון עליה פאַרן בעל־מלאכה. אויך אין וולאָצלאַוועק שאַפט זיך אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אַבער לײדער איז נאָר יחידים געלונגען עולה צו זיין.

איך גיב דאָ איבער נעמען פון די חברים וועלכע זענען זוכה געווען עולה צו זיין און מיטגעהאָלפן בויען אונזער לאַנד: לייב אונגער, דוד הורוויץ, יעקב זאַאושניצאַ, סענדעראָוויטש, רינקעוויטש.

פון דעם יונגן דור בעלי־מלאכות: דוד גאָלדבערג, יעקב ווישעגראָדסקי, משה זשעליכאָווסקי, אברהם סוכעבראָד, פישלעוויטש.

חברים וועלכע זענען געשטאָרבן אין ישראל: ישראל בוימגאַרט, יודל גאָלדשיין, סוכעבראָד, זימל צימערמאַן, שמעלקע שטולזאַפּט, שניידערמאַן, סענדעראָוויטש.

***

איך האָב דאָ איבערגעגבן אין קורצע שטריכן דאָס לעבן און שאַפן פון מיינע נאָענטסטע חברים. נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן, האָב איך געשריבן אַלץ נאָר פון זכרון. זאָלן לפחות די איבערגעגעבענע פאַקטן פאַרבלייבן אַלס אַן אייביקע מצבה פאַר די יידישע בעלי־מלאכות פון אונזער שטאָט וועלכע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיטן גאַנצן פוילישן יודנטום.

דב שחרי / תל־אביב

אגודת בעלי־מלאכה יהודים

(יידישער האנטווערקער פאראיין)

חלק די ניכר מהאוכלוסיה היהודית בעירנו פרנסתו היתה על המלאכה: חייטים, פרוונים, סנדלרים, צורפים וחרטי־כסף, כובענים, נגרי רהיטים ונגרי בנין וכו׳. בשנות מלחמת העולם הראשונה ולאח־ריה התפתחו לממדים גדולים שני מקצועות והם: נגרות רהיטים מוכנים שעיקר קוניהם היו אכרים מכפרי הסביבה ותפרות שהחלה לתפוס מקום חשוב בין המקצועות, לרגל התפתחות היצוא של נעלים מוכנות מעירנו לפומוז׳ה. רוב העוסקים במקצוע התפרות היו מחובשי הישיבה לשעבר, שנאלצו בגלל המצב הכלכלי לאחוז במלאכה ופנו לתפרות כאל מקצוע שהתאים להם ביותר.

המסגרת החברתית היחידה של בעלי־המלאכה והמותרת ע״י השלטונות הרוסיים, היתה ה„חברה״, כלומר בית־תפילה בו התפללו ואגב גם דנו על עניניהם המקצועיים. בבית התפילה של ה„חברה קדישא״ היו פעילים במשך שנים רבות ר׳ יודל גולדשטיין — כורך ספרים (נפטר בארץ, בניו ובנותיו נמצאים בארץ), איש יודע ספר, נוח לבריות, בעל הומור דק, וביתו פתוח לכל דורש עזרתו, ביילר — חייט (בנו — בילו — ממפקדי אצ״ל בארץ), שעשה בצניעות ובמסירות למען הנצרך. ב„חברת תנ״ך״ שימש במשך שנים רבות קרמסקי — פחח ממקצועו וגבאי מסור לענין החברה. וכמוהם רבים ב„חברות״ אחרות.

עם חלופי השלטון בשנת 1914 והיחס הנוח להתארגנות מצד הכובשים הגרמנים, התעורר בין בעלי־המלאכה בעירנו הרעיון להקים ארגון משלהם בדומה לארגוני הפועלים.

בין הוגי הרעיון היו כמה חברי „פועלי־ציון״, בעלי־מלאכה: הרשל פישלביץ, חנוך קוטשינסקי, ד. הורביץ (נפטר בארץ). יוזמה דומה יצאה גם מבין החייטים. והם מ. יריחובסקי, וולף בוק, משה טרמבסקי, בועז בורנשטין, אף ניסו לארגן אגודה בשם „שניידער־מייסטער פאראיין״, אך ללא הצלחה יתירה.

באפריל 1918, בשלהי הכיבוש הגרמני, הוקם שוב ארגון החייטים ובראשו: מרקוס יריחובסקי, וולף בוק, משה טרמבסקי, דוד לנגמן, וולף שוורץ, בועז בורנשטין, גברת קונסקוולסקי ופישלביץ.

כחצי שנה אחרי יסוד אגודת החייטים, באוקטובר 1918, בעצם ימי התכונה לשחרור פולין מהכיבוש הגרמני, כונסה אסיפה כללית של בעלי המלאכה למקצועותיהם בראשותו של אינז׳ ב. עפרון, מנהל הגימנסיה. האסיפה החליטה ליסד אגודת בעלי־מלאכה יהודיים בעירנו ולועד הזמני נבחרו: וולף בוק (חייט) — יושב ראש, דוד הורביץ (צורף וחרט) — מזכיר, בועז בורנשטין (חייט), פנחס לנדשניידר (סנדלר), חנוך קוטשינסקי (סנדלר), זלמן וייסברג, שלום איזביצקי (קונדיטוריה), משה טרמבסקי, אשר גרינבוים.

המשימה שנטל על עצמו הועד לא היתה מהקלות. במשך דורות חי בעל המלאכה היהודי בהרגשה של קפות, מיעוט דמותו ומעמדו בחברה היהודית. הארגון החדש חייב היה להאבק על מקומו בחברה בכוחות בעלי־המלאכה עצמם. כי כוחות האינטליגנציה, שעוררה תנועות אחרות, והעמידה עצמה בראשן ולרשותן, עמדה כאן מנגד. מפלגות הפועלים ובראשן ה„בונד״ לא ראו בעין יפה התארגנות זו, כי הרי בעלי־המלאכה היו בעיניהן נותני עבודה — מעבידים, מנצלים ולכן אף התנגדו להתארגנות זו. עסקני המפלגות הלא־פועליות התיחסו בשויון־נפש להתעוררות זו ואף חששו למעמד מפלגותיהם שנהנו מתמיכת בעלי־המלאכה.

רק כעבור זמן מה, כאשר התארגנות בעלי־המלאכה לבשה צורה המונית הצטרפו אליה נח פרילוצקי, אישיות דינמית ידועה בין עסקני יהדות פולין, רסנר ואחרים אשר שאפו למשוך את בעלי־המלאכה למפלגתם — מפלגת־העם היהודית („יידישע פאָלקס־פאַרטיי״).

כאשר החמיר המצב הכספי, פנו ותבעו עזרה מהעיירות הסמוכות שתושביהן אושפזו בבית־החולים ונהנו משרותיו. חברי ההנהלה: הימן, ב. קרושינסקי, ורשבסקי בקרו לשם כך בעיירות: בריסק־דקוי, איזביץ, סומפולנו, פיוטרקוב דקוי׳, קובאל, לובין ועוד.

בסוף שנות השלושים (קיץ 1938) ארגנו לודביק קונצקי, הוזנבל (הצעיר) קבוצת „עזרת חולים״. מטרתה היתה לבקר בשבתות אצל המאושפזים בבית־החולים ולחלק ביניהם ממתקים או פירות. למיסדים הצטרפו אחרים והם המשיכו בפעולתם עד פרוץ המלחמה — ספטמבר 1939.

ככל שהחמיר מצב היהודים — כן רבו הנזקקים לבית־החולים. יותר מכל זמן אחר מילא בית החולים תפקיד חשוב, נכבד וחיוני שאין כמותו בחיי היהודים, בתקופה הקשה של סוף שנות השלושים.

כשפלשו הנאצים לעירנו, נכלל בית־החולים ברשת המוסדות לשעת חירום, שעליהם היתה ממונה ועדה מיוחדת מטעם העיריה. ברם הדבר לא עצר את קלגסי הנאצים „לשחרר״ בית חולים זה מחוליו. הם „שוחררו״ למרות התנגדותם החריפה של הרופאים שהיו באותו זמן בבית־החולים (חלק ניכר מהרופאים הקבועים נקראו וגויסו לצבא הפולני) והם: ד״ר רוטשילד (כעת בארץ) וד״ר הוניגשטין (נפטר במחנות), שני צעירים, ילידי העיר, שגמרו רפואה בחו״ל. הם עמדו בתוקף נגד הקלגס בדרגת קצין, רופא שבא לבית החולים, וזכו לתגובה מידית על עמידתם זו — סטירות לחי מצלצלות לנגד עיני החולים והעברה מידית למחנה ריכוז זמני בקסרקטין הגדוד ה־14 של הצבא הפולני שנמצא במרחק קטן מבית החולים.

בית החולים הוחרם ע״י הפולש לשימושו הוא, אחרי שטופח ביד נאמנה ואוהבת כמעט תשע שנים.

ייזכרו כאן לטובה כל אלה שידם היתה בהקמת המוסד ובהחזקתו וניהולו, ביניהם שנספו בשואה הגדולה ואחרים שיבדלו לחיים ארוכים, החיים עמנו בארץ או בחו״ל והם:

הרופאים: ד״ר ל. פוקס, ד״ר פוזננסקי, ד״ר רוטהאוב, ד״ר מיקלאשבסקי — נוצרי שסירב לקבל תמורה עבור שרותו בבית־החולים וזכה להוקרה רבה על כך, ד״ר רוטשילד וד״ר הוניגשטין הצעירים שבחבורה.

אחיות: שרה הילר, מרישה שטולצמן, אווה קיימוביץ, דבורה שטרסבורג — המחלקה הפנימית. לולה טייכנר, מרישה פלוצקי, יאדזיה פוגל, יאדזיה מינץ — המחלקה הגינקולוגית ויולדות. טוסיה אופנבך, אטקה לוברניצקה, אידה ילוק — המחלקה החירורגית.

הלבורנטית אינז׳ לכימיה גב׳ לנצ׳יצקה־חוץ.

מהצוות האדמינסטרטיבי: הופמן — מזכיר, מיזלר — שומר.

אנשים שכיהנו במשך הזמן, תקופות שונות, בהנהלת המוסד:

י. גרודלנד, גומבינסקי, שטולצמן, ל. דיסטילר, ג. אלטמן, קאזימירסקי, א. אברמסקי, אברהם מאירצ׳ק, וו. קאופמן, ס. קונצקי, קאליסקי, שפירא, ש. דאַומן, מ. רובינשטין, ק. יעקוב, י. היימן,

ד. ר. טייטלבוים, וו. זיכלינסקי, עו"ד גרינברג, י. יאבלונקה, ב. קרושינסקי, ש. ווארשבסקי, י. יעקובסקי.

בועדת הביקורת: א. ל. אונגר, יוסף הורן, ה. לעוו, ד. אַרסלר, קאזימירסקי. לעזרת ההנהלה עמדו פעילים מסורים לענין בית־החולים והם: גב' האננה קאווה, ח. ד. קויפמן, קנטרוביץ, לובובסקי, זולוטו־גורסקי, ד. ארסלר, לאַסקי, לידזבאַרסקי, פרידלנדר, י. קובאלסקי, שולץ, ש. בנט, הוזנבל ואחרים ששמותיהם לצערי לא השגתי. ישמר זכרם בקרבנו, ואלה מביניהם החיים עמנו כאן תרענן רשימה זו את עברם שחלף ואיננו עוד.

ג. לינת־החולים (לינת הצדק)

מוסד זה, של עזרה מיוחדת במינה, אופיני היה כמעט לכל ישוב יהודי בעיירות פולין. הוא היה חלק בלתי נפרד מהנוף היהודי ומחייהם של היהודים במקומות אלה.

בעירנו ימיו כימי הישוב היהודי בה והוא מופיע בשמות שונים. בשנת 1862 קיים היה בשם „ביקור־חולים". החזיק מעמד עד אמצע שנות השבעים ונתחסל מסיבות לא ידועות. כן קיים היה זמן מה תחת השם „אחים לצרה" שעיקרו משמרת אצל חולים.

בשנת 1899 שוב התארגנה חברה בשם „לינת־הצדק" כשבראשה ראובן מוחורובסקי, י. ורשבסקי, מ. אנקר, וולף זלוטוגורסקי. חלק מאנשים אלה היו אמידים ותרמו מכספם לקופת החברה. „לינת־הצדק" עסקה גם בתמיכה בעניים ולפני פסח בעיקר במעות חיטין וחלוקתן בין הנצרכים, אולם לא החזיקה מעמד זמן רב.

מי היו מייסדיה הראשונים של החברה לא ניתן היה לקבוע. לפי כל הנתונים שהשגתי, נראה שראשיתה בבית תפילה ששימש גם כעין מועדון חברתי למתפללים, „חברה" של בעלי אמצעים מוגבלים, מפשוטי העם הדבקים במסורת ובעלי תחושה חזקה לעזרה לזולת.

ארוכה היתה דרך התפתחותו של מוסד זה על שלביו השונים עד הגיעו ל„לינת־חולים", חברה שאנו הכרנו בעירנו, אשר נוסדה בתחילת מאה זו.

בתחילה, כשמה כן היתה פעולתה, כלומר לינה אצל חולים בלילות על מנת לאפשר לבני המשפחה העייפים לנוח לאחר טיפול בחולה במשך כל היום. במרוצת הזמן נרכשו אט־אט הכלים הדרושים לעזרה: בקבוקים לחימום, חוקן, אמבטיות עשויות מפח מגולבן (אמבטיות בדירות כפי שאנו רגילים להן טרם היו נהוגות בבתים בעירנו) וכו' וכו'. כלים אלה היו משאילים לחולים שנזקקו להם. המטפלים בהשאלת הכלים והסדרת השמירה אצל החולים היו על פי רוב גבאי „החברה" או גבאים מיוחדים לענין זה. בחנות, דירה, או בית המלאכה שלהם התרכזו הכלים להשאלה ומקום זה שימש אף כמשרד לשם פנו הנזקקים בכל שעות היום והערב, מי לבקש שומר ללינת לילה אצל חולה ומי כדי לשאול כלי למענו.

בלטו „בחברה" מהתחלת מאה זו, ה"ה יוסף באַאַטוס וחילקוביץ ועמם קבוצת מתנדבים מסורים ששמותיהם לא הצלחתי להשיג. מר באַאַטוס, איש שומר מסורת, סוחר, חובש תלבושת יהודית מסורתית „ארוכה" וממתפללי השטיבל של חסידי „סוכצ'וב" שקוע היה רוב זמנו בענינים של „לינת־החולים". מר חילקוביץ, חייט ממקצועו ובמיוחד למדי צבא, שעל שלט בית המלאכה שלו, ברח' 3 במאי, התנוסס שתי מדליות זהב שקבל עבור ביצוע טוב של עבודות החייטות שלו, איש גבה קומה, בעל שפם וזקנקן „מתקדם", היה מסור ללא גבול ל„חברה".

שנות מלחמת העולם הראשונה והמחלות המרובות בקרב האוכלוסיה היהודית בעירנו, התרוששות כמעט גמורה של חלקי אוכלוסיה גדולים, בואם של פליטים יהודים מערים אחרות, הגדילו והגבירו את מספר הנזקקים לעזרת „לינת־החולים". ידי הגבאים לא הספיקו לענות לתביעות עזרה. לקריאתם נענו והתנדבו רבים מיהודי העיר ומילאו חובתם בשמירה אצל חולים בלילות.

מקבוצה קטנה של „משוגעים לדבר" נהפכה „לינת־החולים" למוסד גדול ונכבד שפעל רבות וקנה לו שם ומקום נכבד בקרב יהודי עירנו. התשלומים החדשיים מחברים תומכי המוסד וכן התרומות לא הספיקו לכלכל פעולות המוסד ובמיוחד בשנות המלחמה הקשות. באה לכן פניה אל ועד הקהילה היהודית לעזרה. והתמיכה ניתנה אחרי מאמצים לא קטנים בסך 2500 מרקים גרמניים־פולניים כתמיכה חד־פעמית. אם כי לא היה זה סכום גדול ביותר היה בו כדי לחזק את המוסד ולאפשר לו לרכוש כלים חדשים להשאלה לחולים.

ב־1924 חל מפנה חשוב בדרך התפתחותו של המוסד. בהתאם לתקנות שהותקנו ע"י הרשות חייבת היתה ה„חברה" להירשם כאגודה לפעולה סוציאלית פילנטרופית.

הקניית מעמד חוקי למוסד הביא אתו שינוי יסודי בדרכי הניהול: קריאת אסיפה כללית במועדים קבועים ובחירת הנהלה בהתאם לחוק. באותה שנה נוסף ענף חדש בפעולת „לינת־החולים", והוא: ביקורי־בית של רופאים, בדיקות מעבדתיות חינם או תמורת תשלום קטן ולעתים אף עזרה ברכישת תרופות. פעולה זו היתה כנראה תוצאה מסגירת המרפאה („אמבולטוריום"). באותו פרק זמן הצטרפו להנהלת האגודה שני חברים חדשים: ה"ה ג'בלום ושטרלינג.

הכנסות המוסד וכן כוח האדם שלו לא גדלו עם הרחבת פעולותיו. התחילה להסתמן ירידה בתמיכה הכספית דווקא מצד המבוססים, וכן ירידה במתח אצל חבר הפעילים ובעיקר בין המועמדים ל„שמירת לילה" וכו'. לשם הגדלת ההכנסה נפתח, בחדר ששמש כמשרד — ברח' 3 במאי 12 — „מנין" לתפילה בשבתות וחגים. במנין זה התפללו חברי האגודה ותומכיה וה„נדרים" מהעליות לתורה וכל הכנסה אחרת של „המנין" קודש היתה ל„לינת־החולים".

זמן קצר אחרי פתיחת ה„מנין", הוחל בכתיבת ספר תורה בשביל מנין זה. בחנוכה 1930 התקיים באולם „האוכרונקה" ברח' קרולביצקה 5, הסיום החגיגי של כתיבת ספר התורה. לעת ערב, עם סיום רכישת ה„אותיות" יצאה תהלוכה רבת־משתתפים דרך רחובות העיר אל בית הכנסת הישן ברח' ז'אביה, בה נערכה חגיגה. נשאו נאומים וברכות: הרב פוזננסקי מחודץ', קרושינסקי מטעם ועד הקהילה, חברי הנהלת המוסד ואחרים.

בשנה זו, שנת 1931, התחזק המוסד מבחינה מינהלית ע"י בחירת חברים חדשים להנהלה: חילקוביץ, באַאַטוס, ד"ר בריש, שימנסקי, גלבלום, סגל, פ. גולדה, א. זלקוביץ וזלוטוגורסקי. כיו"ר ההנהלה נבחר זלוטוגורסקי, כמזכיר כיהן במשך שנים רבות דראכמן.

בקיץ של אותה שנה (1931) נעשה ע"י הנהלת המוסד נסיון נועז. היה זה מפעל קייט לנזקקים מחוסרי יכולת ובעיקר בשביל הסובלים ממחלות הריאות בשלבים ההתחלתיים. לצורך זה שכר המוסד בית בתוך יער האורנים שמעבר השני של הויסלה — שפּטל דולני — ונעשו בו הסידורים הדרושים לבית־הבראה בממדים קטנים, כמובן.

הצלחת המפעל עודדה את ההנהלה להרחיב את הפעולות למניעת מחלות אצל האוכלוסיה היהודית, על־ידי מפעל של תוספת מזון לאלה שסבלו מתת־תזונה.

הועד הכלכלי לשעת חירום, שהוקם בעיר בקולות וברקים ובתרועה גדולה ובו נציגי כל השכבות בעיר, לא הגדיל לעשות למען נפגעי החרם הכלכלי. לכן נודעה חשיבות רבה לפעולה זו, של חלוקת מזון על־ידי „לינת־החולים" שנעשתה בשקט, בצנעה, במסירות רבה במיוחד של היו"ר זלוטוגורסקי, ד"ר בריש, ומזכיר המוסד דראכמן ועוד מספר קטן של חברי ההנהלה.

על ממדי העזרה בצורה זו, שהתחילה בחדשים האחרונים של 1931 — ושנמשכה אף בשנים הבאות שלאחר מכן, מעידים המספרים הבאים, שסיכמו את חדשי הפעולה הראשונים של 1931, בפרק זמן זה חולקו:

6000 ליטר חלב טרי, 3150 ביצים טריות, 60 ק"ג חמאה, פירות וכדומה.

ברם פעולה זו לא הסתפקה בחלוקת מצרכי מזון חינם בלבד. במקרים רבים ניתנה גם תמיכה כספית לפי הצורך. הדו"ח מוסר על סכום של 3000 זהובים (סכום נכבד מאוד בזמן ההוא בפולין), שניתן לנזקקים לעזרה דחופה בשנת 1931.

קרוב ל־7000 איש ואשה נהנו בשנת 1931 מפעולות השונות של „לינת־החולים". ולפי עדות חברי ההנהלה גדל המספר משנה לשנה.

ביזמתו של ד"ר בריש ובעזרת כל חברי ההנהלה ובהיענותם של הרופאים: ד"ר לינקה, ד"ר וולדמן, ד"ר פורברט, ד"ר לאָשינסקי והורן, אורגנה ונפתחה מרפאה — פוליקליניקה — להושטת עזרה רפואית רב־צדדית, שפעלה ברח' ז'אַביה, בדירה שהותאמה למטרה זו. נוסף לזה נמשך ההסדר לביקורי־בית של רופאים לפי הצורך.



פעילי „בית־לחם" — די „בית־לחם"־טוערס

(מימין — פון רעכטס)

יושבים — זיצן: בז'סקה־יודקביץ, צ'ארנה, מיכלובסקי, יעקב זאושניצה, מאיר צ'ארני, שלום איזביצקי, זיימן, גב' זיימן, יעקב יעקובוצסקי,

עומדים — שטייען שורה 1: בולקובשטיין־זיימן, אלבה, הניה נוימן־טכורש, מניה צ'ארנה־סרברניק, גוציה אייזנברג־רוט, אנקה רוזנברג,
רחל איזביצקה־טכורש, העלמה קרנישין, דורקה ורשבסקי־זיימן.

שורה 2: לוטקה מיכלסקה, מיכלסקה, מיכלובסקה, ח. ל. איזביצקי, אטקה קוהן־רביצקה, אטקה לוברניצקה־ולדמן, פשדצקה, פוזננסקה.

שורה 3: יוסף לוברניצקי, טרייטל מרדכי איזביצקי, הירשברג, גולדברג, שאיאק, חנה רחל קוטשינסקה, מרדכי מאיר טכורש, איזידור וולקוביץ'.

שוב הרחיבה „לינת־החולים" את פעולתה ודבר זה אף בלט בתקציבה שהסתכם בשנות 1931—1932 בסך —.26,138 זהובים הוצאה לעומת —.25,487 זהובים הכנסה.

הרחבת הפעולה משכהאל „לינת־החולים" עסקנים חדשים שבחלקם צורפו להנהלה החדשה והם: פשאֶדצקי, גולדשטיין, וארשב־סקי. ולועדת הבקורת: רוגוזיק, קאזימרסקי, מיאלז׳ינסקי, אשר משכו בעול הפעולה יחד עם חברי ההנהלה הקודמים.

בשנות השלושים היה „לינת־החולים" המוסד הפעיל והער ואליו נשאו רבים את עיניהם, כשפעולתו מלווה אהדת הציבור בעיר.

תשמש רשימה זו אות והוקרה לזכר לכל העסקנים המסורים, התומכים וכל מי שנתן ידו ל„לינת־החולים" בעירנו.

ד. מושב זקנים

בעיצומה של מלחמת העולם הראשונה, בשנת 1915 הוקם, ביזמתם של קבוצת עסקנים לא גדולה ובראשם יוסף גולד, פילנטרופ ידוע בעיר; טיקוצינר, סוחר נדבן ועוסק בצרכי צבור; מרדכי זאושניצה, איש צבור ועסקן; ל. אברמסקי, מהעסקנים הותיקים בשטח הפעולה הציבורית־סוציאלית ועוד אחרים, מוסד למען זקנים ערירים מחוסרי בית, „מושב זקנים".

כעבור זמן קצר הצטרף לקבוצה שהזכרתי לעיל קרופקה, בעל ביח"ר למוצרי קרמיקה שהיה עד אז מרוחק מפעילות יהודית. הוא היה בן למשפחה עניה, אמו התפרנסה על תנור צ׳ולנט ברח׳ ז׳אביה (מול בית הכנסת הישן). בהיותו כשרוני ובעל מרץ רב עלה בכוחות עצמו ונהיה לבעל ביח"ר, בו התחיל לעבוד תחילה כמנהל חשבונות. אחריו באו: רודה, יעקובסון, וברגלאו, שפעלו אף הם שנים רבות למען המוסד ולמען הרחבתו.

עם הווסדו שכן המוסד בדירה שכורה ללא נוחיות דרושות ומתאימות ורק כעבור זמן נרכש בית בן שתי קומות ברח׳ סטודולנה. בית זה היה אמנם קצת מרוחק ממרכז העיר, אולם לא היתה כל אפשרות לרכוש בית מתאים בסביבה היהודית.

הדאגה להחזקת המוסד, על כל הקשור בכך, היתה על ההנהלה ולעזרתה מאות תומכים־חברים. ועד הקהילה היהודית לא היה מוכן לקבל תחת חסותו את המוסד. הוא הסתפק בהקצבה זעומה שנתית, שאף לא שולמה בזמן. כדי לקבל את כספי ההקצבה נאלצו חברי ההנהלה לבקש מתומכי המוסד, חייבי מס לקהילה, לשלם את סכום המס להם ע"ח ההקצבה. הדבר נעשה אמנם בהסכמת ועד הקהילה, אולם היה גורם לחיכוכים לא מעטים.

עיקר ההכנסה במוסד בא מתרומות קבועות של תומכי המוסד, מתרומות מימי־סרט, מנדרים בעת עליה לתורה ועוד. כמקור חשוב בהכנסה היוו הנשפים, שנערכו בחנוכה ובפורים.

תקציב המוסד היה ב־1927 בסך 1000 זהובים. כעבור ארבע שנים, בשנת 1931, עם העברתו לביתו הגיעו: ההכנסה ל־16,500 זהובים וההוצאה ל־17.200 זהובים, כלומר גרעון של 700 זהובים. בשנים שלאחר מכן עם גידול ההוצאות גדל אף הגרעון.

יכולת הקליטה של מושב הזקנים היתה מוגבלת ל־40 איש. 3—4 איש או אישה בחדר אחד. זוגות קיבלו חדרים נפרדים. רב היה הלחץ להתקבל למוסד ולא תמיד היה בידו להיענות לפניות אלה.

מאמצי ההנהלה כוונו להגדלת יכולת הקליטה, אולם הם לא נשאו פרי, לא נמצאו התורמים והסכומים המתאימים להרחבה ולהג־דלה.

במשך השנים 1930—1931 הצטרפו לפעילים: גב׳ גוסטינסקה, מלגוט, ד"ר שמיאָטאַנסקי — רופא שיניים ורובינשטיין. פעילותם העיקרית היתה בגיוס כספים והפעלת גבירות לפעילות זו.

כעבור שנתיים, בשנת 1933 הצטרפו לתומכי המוסד ואף נבחרו להנהלה: בונדזדרוב, תעשיין ידוע בעיר, שנבחר גם כסגן יו"ר המוסד, ד"ר לינקה, רופא, ממשפחה ידועה בעיר, רובין והוניגשטין, סוחרים בעלי־שם בעיר.

בשנת 1931 מת קרופקה שהיה מראשוני העסקנים וכן יו"ר המוסד במשך שנים רבות כשלצדו פועל במסירות ללא גבול טיקו־צינר, אף הוא מראשוני העסקנים והמייסדים של המוסד. כיו"ר נבחר אברמסקי, חבר ההנהלה במשך שנים קודם לכן.

בצוואתו השאר היו"ר המנוח ל. קרופקה סך 1000 זהובים למוסד. משפחתו הוסיפה מצדה אף היא סכום נכבד וזה לשם יצירת „קרן עזרה להלבשת שוכני מושב זקנים". בשטח ההלבשה היה המצב בכל רע אצל חלק ניכר של תושבי „מושב זקנים". ידו של המוסד, שנאבק על קיומו, לא השיגה כספים למטרה זו. עם הקמת הקרן, נפתחו אפשרויות לשיפור המצב בשטח הלבשת תושבי „מושב זקנים".

כאמור שאפה ההנהלה להרחיב את המוסד כדי שתוכל להיענות לפניות הרבות ופנתה אל ועד הקהילה שיקבלו לידיו. אולם כל הפניות נדחו, כי רב היה הריב המפלגתי במוסד הקהילתי והוא אכל כל חלקה טובה ומנע פעילות קונסטרוקטיבית דווקא בשנים הקשות בחיי היהודים בעיר.

לא נשאר לה להנהלת „מושב זקנים" אלא להיאבק על קיום המוסד בכוחותיה היא ובהתאמצות יתר, כי המצב מבחינה כלכלית בקרב היהודים הלך ורע. התרוששות האוכלוסיה נתנה עד מהרה אותותיה בתקציב „מושב הזקנים".

אולם עם כל ההערכה שהציבור רחש להנהלת המוסד היו גם ענינים, שעוררו מורת רוח בקרב החוגים הלאומיים ובעיקר השליטה המוחלטת של השפה הפולנית בישיבות, במודעות כלפי חוץ ואף בפנים המוסד, בפניות לתורמים יהודים, באסיפות פומביות וכו׳. הדבר נבע בעיקר מהרכב ההנהלה, שחבריה היו ברובם המכריע מתבוללים.

תרומה בסך 17,000 זהובים (כסכום של התקציב השנתי) שהוריש ז׳לונקה מרח׳ טומסקה — וכן נכונותם של משפחת קרופקה ותורמים אחרים להוסיף לתרומת ז׳לונקה הולידו את הרעיון לבנות בית גדול, מתוכנן מלכתחילה ל„מושב זקנים". אולם לכלל ביצוע לא הגיע. הועדה המיוחדת שבחנה את הענין קבעה שהאמצעים לא יספיקו בשביל הקמת בית חדש. הסתפקו לכן בשיפוצים בבית הקיים. הותקנה אינסטלציה סניטרית מודרנית עם חדרי אמבטיה, מים חמים ועוד. כאמור היו במוסד כ־40 מקומות, ועם התיקונים שבוצעו גדל המספר ל־42. רובם של תושבי המוסד היו גברים (ב־1936 27 גברים 15 נשים). את הטיפול בחולי המוסד קבל על עצמו ד"ר לינקה, שהיה חבר ההנהלה.

בשנת 1936 הצטרפו לתומכי המוסד ולעסקניו: גרונדלנד, יו"ר בית החולים היהודי בעיר ובעל בתי חרושת, ס. פראשקר, איש עסקים ומעסקניה של „אגודת ישראל" ואינז׳ קרופקה, בנו של יו"ר המוסד הראשון.

עם כיבוש העיר ע"י צבאות הצורר הנאצי, הקיץ הקץ על מוסד זה כעל כל המוסדות שנוסדו וטופחו על־ידי הצבור היהודי בעיר. תושבי „מושב זקנים" נרצחו ונספו עם עסקניהם ותומכיהם.

את הבית על סידוריו, העבירו הנאצים לרשותם. נשאר הוא, הבית עומד על תלו עוד עצם היום הזה בוולוצלבק ברח׳ סטודולנה. קיריו עוצרים זכרונות מתקופת רבת מעש, מימים שהיו ואינם עוד.

האננא קאווא / פאריז

אינסטיטוציעס פון סאציאלער־הילף

אין וולאָצלאַוועק האָט עקזיסטירט אַ פאַרצווייגטע נעץ פון פי־לאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו לינדערן די שווערע נויט וועלכע האָט געהערשט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף דער יידישער גאַס האָבן געבושעוועט הונגער און קראַנקייטן און באַזונדער שווער איז געווען די לאַגע פון די הונ־דערטער פליטים, וועלכע האָבן געזוכט אַ מקום מקלט אין אונזער שטאָט. אין דער דאָזיקער צייט זענען אַנטשטאַנען די פאָלגענדיקע כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס: בית־לחם, וועלכע האָט געטיילט וואַ־רעמע מאָלצייטן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע; הכנסת אורחים, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר די פליטים און באַזאָרגט זיי מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ מיט זייער אָנקומען אין שטאָט; ביקור־חולים און די יידישע אַמבולאַטאָריע וועלכע האָט געטראָגן מעדיצינישע הילף און געפירט אַ פּראָפילאַקטישע טעטיקייט, דאָס יידישע יתומים־הויז און די היים פאַר מיידלעך („אָכראָנקע”) אויפן נאָמען פון איר גרינ־דער, מאַוריצי שענפעלד א״אַ. שפּעטער איז אַנטשטאַנען דאָס פּרעכ־טיקע יידישע שפּיטאָל, פאַר וועלכן די משפחה גרונדלאנד האָט גע־שפּענדעט די ערשטע פאָנדן.

וולאָצלאַוועק האָט געהערט צו די געציילטע שטעט, ווו עס זענען רעאַליזירט געוואָרן אין דער פולער מאָס די פאָרשריפטן פון סאָ־ציאַלער שוץ, וועלכע זענען באַאַרבעט געוואָרן דורך מאָראַטשעווסקיס סאָציאַליסטישער רעגירונג. אין יאָר 1926 האָט דער מאַגיסטראַט באַשטימט די א״ג סאָציאַלע פּאַטראָנקעס. אין שפּיץ פון קריסטלעכן פּאַטראָנאַט איז געשטאַנען די פרוי־ראַטמאַן דאָוומונט און אין שפּיץ פון יידישן פּאַטראָנאַט — די אויטאָרין פון דער רשימה, וועלכע איז געווען טעטיק אויפן סאָציאַלן געביט פון אירע יינגסטע יאָרן.

אַ דאַנק דער הילף פון שטאָטראַט איז געעפנט געוואָרן אַ שטאָ־



די קינדער פונעם יתומים־הויז און זייערע דערציערינס. — ילדי בית־היתומים עם המחנכות

דריטע שורה אין מיטן פון רעכטס — שורה שלישית באמצע מימין: עטקאַ לוקסענבורג און וואָלקאָוויטש; די לעצטע אין דער פינפטער שורה אויבן — אחרונה בשורה החמישית למעלה: באלבינאַ לעוונשטיין.

טישע קיך פאַר יידישע אַרבעטסלאָזע, די איינציקע אין דער צייט אין פוילן. פון דער דאָזיקער קיך האָבן געקענט געניסן אַלע נויטבאַדערפטיקע (לויטן איינזען פון דער לייטערין, די מחברין פון דער רשימה), בעת פון דער פוילישער קיך האָבן געקענט געניסן בלויז רעיעסטרירטע אַרבעטסלאָזע, באַזיצער פון ראָזע קאַרטן״ (אַזוי ווי יידן זענען בכלל נישט געווען קיין פאַבריק־אַרבעטער האָבן זיי במילא נישט געקענט פיגורירן ווי אַרבעטסלאָזע). די צאָל פעטענטן פון דער קיך איז כסדר געוואַקסן און מען האָט זיך געמוזט ווענדן צו דער קהילה זי זאָל דעקן די אַנטשטאַנענע דעפיציטן. זי האָט דאָס גערן געטון, ווייל די קיך האָט דערפילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל ביים לינדערן די נויט פון יידישע אַרבעטסלאָזע און אַנטלאַסטעט די קהילה אויף דעם געביט.

איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָט איז אָן צווייפל געווען דאָס יידישע יתומים־הויז און די היים פאַר מיידלעך אויפן נאָמען פון מאַוריצי שענפעלד אויף דער קרולעוויעצקא־גאַס 5.

באַלד אין אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ה׳ שענפעלד איינגעלאַדן צו זיך אַ צאָל יונגע פריילינס און מיידלעך אין שול־עלטער, כדי זיי צוצוציען צו כאַריטאַטיווער טעטיקייט. די טעטיקייט איז פון אָנהויב באַשטאַנען אין זאַמלען שפייז־פּראָדוקטן, מעל, קאַשע אדג״ל, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אינעם לאָקאַל פון דער נייער שול אויף דער קרולעוויעצקאַ. די פליטים פון די באַדראָטע שטעטלעך, נשרפים און סתם אָרעמעלייט, האָבן דאָ באַקומען אַ לעפל וואַרעמס אָן שום פאָרמאַליטעטן און שפייז־קאַרטן, וועלכע האָבן דאַמאָלט באַרעכטיקט צו באַקומען פּראָדוקטן. צום ערשטן מיטאָג זענען אויך געקומען פינף קינדער. דאָס קעסעלע עסן האָט מען אָפּגעקאָכט ביי דער וועכטערין פון דער שול. פון טאָג צו טאָג איז די צאָל קינדער געוואַקסן און עס איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון דינגען אַ לאָקאַל, ווו די קינדער זאָלן וווינען און לערנען. די קינדער



הנהלת בית־היתומים היהודי ע״ש מאוריצי שנפלד עם נדבן מארה״ב. — די פאַרוואַלטונג פונעם יתומים־הויז א״נ מאוריצי שענפעלד מיט אַ נדבן פון פש״א (פון רעכטס — מימין) זיצן — יושבים: מ. שענפעלד, אלכסנדר־סענדער טכוזש, טיקאַציגסקי, פ׳ סאַניצקאַ, אברהם אַבראַמסקי, שלום ווינטער, דער נדבן פון אַמעריקע; שטייען — עומדים: פשעדעצקי, בנימין ליכטענשטיין, שמואל ראַכוואַל, מרדכי זאַאושניצא, לעאָן סאַניצקי.

זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין עלטער קאָמפּלעטען און אָנגעהויבן זיך צו לערנען לויט דעם אָפיציעלן לערן־פּראָגראַם אין די ענגע קעמערלעך אויף דער פשעדמיעיסקאַ־גאַס. די ערשטע לערער זענען געווען די פרייליינס באומאַן, ליפּינסקאַ, פּיווקאָ, אהרן און יאַדזשיא הילדעסהייט, דוד זאַושניצא, פרל׳ באָסאַק, שניצער א״אַ.

נאָך דער מלחמה איז שענפעלד געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן כדי צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן וואָס זאָלן דערמעגלעכן אויפבויען אַן אייגן הויז פאַר די יתומים. אַ דאַנק די געזאַמלטע געלטער ווי אויך דער הילף פון דער מוניציפּאַלער מאַכט און אַ ברייטער זאַמל־אַקציע, איז מעגלעך געוואָרן אויפצובויען דאָס יתומים־הויז אויף דער קרולעוויעצקאַ־גאַס. דער ערשטער פרעזעס פונעם הויז איז געווען זיין גרינדער, מאַוריצי שענפעלד, נאָך זיין טויט האָט אים פאַרטרעטן ה׳ דיסטיליער. דער דריטער און לעצטער פרעזעס איז געווען ד״ר ב. בריש, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן מיט די פוילישע אָפיצירן אין קאַטין, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין שיינעם צווייסטאָקיקן בנין פון דער „אָכראָנקע" האָבן זיך געפונען אויפן פאַרטער די שלאָף־זאַלן און דער עס־זאַל. אויפן שטאָק האָבן די קינדער, יינגלעך און מיידלעך אין פאָרשולעלטער, געהאַט זייער שול.

צו דער פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז האָבן געהערט איבערגעבענע עסקנים וועלכע האָבן געזאָרגט צו פאַרזיכערן די באַדערפענישן פון די קינדער. די דערציערינס, פרל׳ קרישעק און נתן, האָבן געטון זייער אַרבעט מיט האַרץ. צו דער קולטור־קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט די השגחה איבער דעם ניוואָ פון די לימודים, אַראַנזשירט קולטורעלע אימפּרעזעס און פאָרשטעלונגען, האָבן געהערט דער גימנאַזיע־לערער שמעון וואָלמאַן און די אויטאָרין פון דער רשימה. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן אַוועקגעשיקט די קינדער אין די גאַז־קאַמערן און איינגעאָרדנט אינעם בנין אַ שאַנדהויז פאַר זעלנער.

אַ שיין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די יידישע כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דאָס זקנים־הויז אויף דער סטאָדאָלנע־גאַס. דער איניציאַטאָר פון הויז און דער איבערגעגעבענער פריינד פון די זקנים איז געווען ה׳ טיקאָטשינער.

זכרונות

ולאָצלאַוועק בעתן פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863 און הרב י. ח. קאַראָ

צעציליע שטיקגאָלד, אַ טאָכטער פון הרב יוסף חיים קאַראָ, האָט פאַרצייכנט זכרונות אַ קורצע צייט נאָכן אויפשטאַנד פון יאָר 1863, ווען זי איז נאָך געווען אונטערן פרישן איינדרוק פון די דאָזיקע געשעענישן.

די זכרונות זענען איבערגעזעצט געוואָרן און צוגעגרייט צום דרוק דורך דעם היסטאָריקער נ. מ. געלבער און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ייוואָ בלעטער באַנד XLII, ניו־יאָרק 1962. מיר דרוקן זיי איבער ווי אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער געשיכטע פון די יידן אין אונזער שטאָט. זיי וואַרפן אַ ניי ליכט אויף דער תקופה פון 1863 און אויף דער געשטאַלט פון הרב י. ח. קאַראָ.

די הערות זענען פון י. מ. געלבער.

אַ קורצע צייט פאַרן אויסבראָך פון אויפשטאַנד האָט מיין פאָטער אָנגענומען דאָס רבנות אין דער קרייזשטאָט ולאָצלאַוועק. אין משך פון זיין דרייסיקיעריקער טעטיקייט אין פרייסן האָט ער דורך אַליין־בילדונג זיך דערוואָרבן גרויס קענטעניש אויף פאַרשידענע געביטן, ספּעציעל — אַ טאַלענט צו רעדן וואָס האָט געטראָפן גלייך אין האַרץ אַריין. דאָס איז געגאַנגען געפּאָרט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער לויטערקייט פון כאַראַקטער און אַ גינציקייט לגבי יעדן איינעם. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען דער יסוד פון זיין גרויסן אָנזען ביי מענטשן. זיין איינשטעלונג איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע, אַפילו וואָס שייך הלבשה, נאָר אַ ביסל געמילדערט דורך אַ פילאָסאָפישן, ספּעציעל ספּינאָזיסטישן, קוק. ולאָצלאַוועק איז צו יענער צייט געווען מער אַ דייטשע שטאָט ווי אַ פּוילישע. יידן האָבן באַטראָפן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך געלערנט אין פּרייסישע שולן. אַ גרויסע צאָל דייטשע אונדוסטריעלער, וואָס דער רוב פון זיי זענען געווען קינדער פון איינגעוואַנדערטע, האָבן געשאַפן אַ קאָלאָניע. לעבן זיי האָט די קליינע צאָל פאַרמעגלעכע, איינגעזעסענע פּאָליאַקן נישט געשפּילט קיין מאָסגעבנדיקע ראָלע. די באַאַמטע, וואָס זענען אַלע געווען פּאָליאַקן, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אייגנטלעכן קערן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן האָבן דאָמינירט דייטש און פראַנצויזיש, אין די אונטערשטע פאָלקסשיכטן האָט מען גערעדט פּויליש. קיין רוסיש האָט מען אין גאַנצן נישט געהערט. דאָס רוסישע מיליטער איז געווען נישט גרויס אין צאָל. ס'איז דאָך געווען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דאָס שווערע ניקאָליישע 15־יעריקע מיליטער־דינסט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. אין דער גאַנצער שטאָט איז בלויז אויפן בנין פון לאַנדראַט געווען אַ רוסישע אויפשריפט, לעבן דער פּוילישער.

פּלוצלינג האָט מען זיך אָנגעהויבן סודען און שושקען און ווי מיט איין קלאַפּ איז אויפגעקומען די מאָדע צו רעדן נאָר פּויליש: מען האָט געזונגען פּאַטריאָטישע לידער און מען האָט געפייערט דעם אָנדענק פון באַרימטע פּוילישע העלדן. דאָס אַלץ האָט גיכער געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ שפּילעריי, אַ מאָדע. אָבער דער טויט פון אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי[1] האָט גורם געווען, אַז דער שפּאַס זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ביטערן ערנסט. אומעטום, ביי אַלע רעליגיעס, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פייערלעכע אַזכרות. פּאָליאַקן און יידן האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרברידערונגס־פייערלעכקייטן[2] און האָבן זיך געשוווירן טריישאַפט אויף לעבן און טויט. די איינוווינערס זענען איבערגעשראָקן געוואָרן דורך נאַכטגעסט וואָס זענען געקומען נאָך אַ צוואַנג־הלוואה. די רעגירונג האָט זיך געמאַכט ווי זי וואָלט געווען בלינד און טויב. פון דער הויפּטשטאָט זענען געקומען באַאומרויקנדיקע ידיעות. אומעטום האָבן זיך אָרגאַניזירט באַנדעס. געווער און אַמוניציע האָט מען אַריבערגעבראַכט איבער דער גרענעץ אין גאַנצן אָפן. די פּאָליאַקן האָבן זיך שוין באַטראַכט ווי די בעלי־בתים פון לאַנד און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרטיילן כיבודים און אַמטן. דערוויל איז אין אונדזער שטאָט אָנגעקומען דער ערשטער גרעסערער מיליטער־טראַנספּאָרט צו דער דיספּאָזיציע פון דער הויפּטקוואַרטיר און צו היטן די דייטשע גרענעץ. צו ערשט זענען געקומען קלענערע מיליטער־גרופּעס און עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ גאַנץ פריינדלעכע באַציונג צווישן מיליטער און דער באַפעלקערונג. די זעלנערס זענען געווען צופרידן וואָס זיי האָבן געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ס'האָבן זיי נישט געאַרט די אָפטע חוזק־רופן און באַליידיקונגען פון מינדעריעריקע קונדסים. די קאָמאַנדירן האָבן זיך אויפגעפירט אַ ביסל רויער, אָבער עס איז געווען ווייט פון בלוטיקע קאַמפן. אַנדערש איז געוואָרן נאָך די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט דער וואַקסנדיקער צאָל פרייוויליקע. וואָס מער נאָכגיביק און אָפּגעלאָזן די רוסן זענען געווען, אַלץ דרייסטער האָט די רעוואָלוציע אויפגעהויבן איר קאָפּ, אַלץ מער האָבן לייכטע קעפּ זיך געלאָזט אויפהעצן צו פאַרלאָזן דאָס הויזגעזינד און אַוועקצולאָזן זיך אין די אַרומיקע וועלדער כדי צו קעמפן און צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד. אויף דער גרענעץ צווישן וויעשעוו [?] און ולאָצלאַוועק האָט זיך געשאַפן אַ גרעסערער לאַגער. ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן זענען אַהין אַוועק גרעסערע מיליטער־אָפּטיילונגען אונטער דער פירונג פון פירשט וויטגענשטיין[3] מיט אַ גאַנצן שטאַב. אַ געוויסער מאַיאָר

[1] דער וואַרשעווער אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט ערב דעם אויפשטאַנד פאַרלאַנגט פון די פּאָליאַקן אַז זיי זאָלן אָנערקענען די יידן ווי ברידער. ער איז געשטאָרבן דעם 8טן יוני 1861. אַ דעלעגאַציע פון רבנים האָט געבעטן אַ דערלויבעניש זיך צו באַטייליקן אין זיין לוויה, וואָס איז געווען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

[2] וועגן דער דאָזיקער תקופה זען מיין בוך: Die Juden und der polnische Aufstand 1863, Wien 1923, pp. 34—61.

[3] אין סעפּטעמבער 1863 האָט דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פאַרלאָזן וואַרשע און איבערגעגעבן די הערשאַפט זיין אַסיסטענט דעם גראַף פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש בערג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי נאַמיעסטניק.

שוואַרץ[4] איז לויטן טיטל געווען זיין אַדיוטאַנט, אָבער פּאַקטיש איז ער געווען דער אמתער אָנפירער פון דער עקספּעדיציע. אַן אויסערגעוויינטלעכער ענערגישער און גלייכצייטיק גייסטרייכער מענטש, איז ער געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער עפּאָכע. און גראָד אויף אים, אויף דעם דאָזיקן פאַרהאַסטן אָפיציר וואָס איז פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ טיראַן און אַ רוצח, איז מיין פאָטער געלונגען צו געווינען אַ געוויסע השפּעה, וואָס איז פאַר אַ סך געווען אַן אמתע תשועה.

גלייך נאָך דעם ווי דאָס מיליטער איז אָנגעקומען, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס ביים דאָרף קזשיוואָסאָנדזש, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער פּוילישער לאַגער.[5] ווי מען האָט זיך געקענט ריכטן האָבן די פּאָליאַקן פאַרשפּילט. כאָטש זיי זענען געווען גרעסער אין צאָל, זענען זיי אָבער מיליטעריש געווען אומגעשולט און זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם אַטאַק פון רעגולערן מיליטער. איינציקע פאַלן פון ווונדערלעכן מוט און העלדישקייט האָבן אָבער דאָס רעדל נישט געקענט איבערדרייען, און אויך מיר די שטאָטישע האָבן דערשפּירט די גאַנצע ערנסטקייט פון דער סיטואַציע. דער בישאָף און זיין שטאַב, וואָס זייער זיצאָרט איז געוואָרן אַ מקום־מקלט פאַר די אויפשטענדלערס, זענען אַנטלאָפן. דער סעמינאַר און די זייטיקע בנינים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפענגעניש וואָס איז גיך איבערגעפולט געוואָרן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קריגסגעריכט וואָס זיין נאָמינעלער פאָרזיצער איז געווען דער פּולקאָווניק מענטנאָוו, אָבער ווידער אַ מאָל, זיין אויספירנדיקע האַנט איז געווען דער באַראָן שוואַרץ. אימה און פּחד האָבן געהערשט איבער די הייזער פון דער שטאָט. רעוויזיעס און בייטאַכטיקע אַרעסטן זענען געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. אין מערסטן טייל פאַלן האָט מען פון די אַרעסטירטע מער נישט געהערט. אין טייל פאַלן איז מיט חדשים שפּעטער געקומען אַ ידיעה פון סיביר. ביים אָנקומען פון פירשט וויטגענשטיין האָט מיין פאָטער צוזאַמען מיט פאָרשטייערס פון דער קהילה אים באַזוכט וועגן דעם ענין און גלייכצייטיק אים געבעטן, מען זאָל די יידן צו רו לאָזן מיט די דאָזיקע מאַטערנישן. דער פירשט איז געווען זייער פריינדלעך און ער האָט געזאָגט מיין פאָטער אַז אויב ער האָט עפּעס אַ קאָנקרעטן ענין זאָל ער זיך ווענדן צום באַראָן שוואַרץ, ביי אים וועט ער האָבן אַ שנעלערע פּעולה. קורץ נאָך דעם האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט און מיין פאָטער האָט זיך געלאָזט אָנמעלדן צום באַראָן. אַן אָרעמער שניידער אין שטעטל קוועל האָט געמאַכט פעלצלעך פאַר די אויפשטענדלערס. מען האָט די פעלצלעך ביי אים געפונען[6] און אָן אַ שום געריכט האָט ער זיך באַלד געפונען אויפן וועג קיין סיביר, איבערלאָזנדיק אַ פרוי מיט פינף קליינע קינדער אָן אַ שטיקל ברויט. מיין פאָטער האָט דעם באַראָן געשטעלט זיפן די פראַגע: צי וואָלט ער אַליין אין אַזאַ פאַל אַנדערש געקענט האַנדלען? וואָס האָט דער אָרעמער ייד געקענט טון, זייענדיק אָן יעדער שוץ, אין גאַנצן אויפן באַראָט פון די אויפשטענדלערס, וואָס זיי הענגען אויף אָן טענה ומענה יעדער איינעם וואָס פאָלגט זיי נישט? די פּעולה פון דער דאָזיקער פראַגע איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע: נישט בלויז וואָס עס איז באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל תיכף צוריקצוברענגען דעם פאַרשיקטן ייד, נאָר דער באַראָן האָט אויך צוגעזאָגט צו באַציען זיך גינציק צו יעדער אינטערווענץ פון מיין פאָטער, אָנגענומען אַז ער וועט נישט פאָדערן פון אים קיין אוממעגלעכע זאַכן. די ידיעה וועגן דער דאָזיקער הצלחהדיקער אינטערווענץ האָט זיך גיך פאַרשפּרייט און די טרעפּ פון מיין פאָטערס פאָדער־צימער זענען יעדן אינדערפרי באַלאַגערט געוואָרן מיט מענטשן וואָס זענען געקומען בעטן הילף. פאַרשטייט זיך, ער האָט זיך געקאָנט פאַרנעמען נאָר מיט אַ קליינעם טייל פון די בקשות, אויב ער האָט נישט געוואָלט אַז זיין השפּעה זאָל געמינערט ווערן. אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעגעבן אויסצופועלן אַ גינציקע באַציונג אויך ביי אַנדערע מאַכטאָרגאַנען, זענען פאָרט אַ היפּש ביסל אומגליקן אויסגעמיטן אָדער געמילדערט געוואָרן.

די פּאָליציי איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער פּוילישער ציווילער מאַכט און זי איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדערן פּאָליציי־פּרעזידענט מיטן נאָמען קאָליאַן, אַ קראָאַט פון געבוירן. ער איז געווען אַן אומגעבילדעטער מענטש וואָס האָט געהאַט נאָר איין אַרגומענט — די בייטש. נישט שטאַנד, נישט עלטער, נישט געשלעכט זענען פאַר אים געווען אַ מניעה זי צו באַניצן. געברענגט צו ווערן פאַר קאָליאַנען איז באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס שרעקלעכסטע אומגליק. און דאָך איז מיין פאָטער געלונגען גראָד ביי דעם דאָזיקן אַכזר אויסצופועלן, אַז מען זאָל די איינוווינערס פאַרשפּאָרן פאַרשידענע נגישות און אַז רויקע בירגערס זאָלן נישט צו פיל באַלעסטיקט ווערן מיט דעם איינגעפירטן קריגסצושטאַנד. אַ קליינער עפּיזאָד איז מיר פאַרבליבן אין זכרון: פאַרן אויסבראָך פון אויפשטאַנד האָבן אַ סך פירמעס אַרויסגעגעבן אייגענע אַזוי גערופענע באָנעס, קליינגעלט־צעטלען, וואָרעם עס איז דעמאָלט געווען אַ דוחק אין קליינגעלט. דער עולם האָט גערן אָנגענומען די צעטלען אַנשטאָט קליינגעלט. אַ קורצע צייט נאָך דער שלאַכט לעבן קזשיוואָסאָנדזש איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון וואַרשע צוריקציען די דאָזיקע באָנעס אין משך פון אַ קורצער צייט, און ווער עס וועט דאָס נישט טון וועט פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. איינע פון די דאָזיקע פירמעס האָט זיך צוליב דעם געפונען אין אַ שווערן קלעם. זי האָט געהאַט בעלי־חובות אין פאַרשידענע קלענערע שטעטלעך און דאָס געלט פון

ער האָט באַשטימט דעם פירסט עמיל זיין־וויטגענשטיין פאַר קאָמענדאַנט פון די שטחים וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט פּרייסן. צו זיין דיספּאָזיציע זענען געשטעלט געוואָרן פינף באַטאַליאָנען אינפאַנטעריע, דריי עסקאַדראָנען קאַוואַלעריע, עטלעכע הונדערט קאָזאַקן און אַ האַלבע באַטעריע קאַנאָנען. די דאָזיקע מיליטעריש׳ע כוחות זענען געווען איינקוואַרטירט אין וולאָצלאַוועק, גאָסטינין, קוטנע, בריסק־קויאַווסק, איזשביץ און כאָטש. וויטגענשטיין אַליין האָט געהאַט זיין וווינאָרט אין וולאָצלאַוועק. זיין אַדיוטאַנט איז געווען דער באַראָן שוואַרץ, אַ באַלטישער דייטש, וואָס האָט געשמט מיט זיין אַכזריות. דעם 8טן נאָוועמבער 1863, האָט אַ גרופּע אויפשטענדלערס, אונטער דער קאָמאַנדע פון פּולקאָווניק זשיכלינסקי פּלוצעם אַטאַקירט וולאָצלאַוועק און אַפילו באַשאָסן וויטגענשטיינס דירה. (Stanislaw Zelinski, Bitwy i potyczki, 1863—64, Rappersville, 1913, p. 50).

[4] זען פריערדיקע הערה.

[5] אין דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס זענען כמעט אַלע אויפשטענדלערס, וואָס זענען אַטאַקירט געוואָרן פון צוויי זייטן, אומגעקומען. צווישן די הרוגים זענען געווען 4 יידישע סטודענטן פון וואַרשע (דצ״וו, זז׳ 24־25).

[6] דער באַראָן שוואַרץ פלעגט פון צייט צו צייט דורכפירן רעוויזיעס. ווען ער האָט געפונען אין דעם שטעטל קוועל אַ מאַגאַזין פון מונדירן פאַר די אויפשטענדלערס האָט ער אַרויפגעלייגט אַ קנס פון 300 רובל, און פאַר יעדער שעה פאַרשפּעטיקונג נאָך 100 רובל. אין אַ בריוו צו זיין פרוי האָט זיך באַראָן שוואַרץ באַרימט אַז אין איין טאָג, דעם 16טן אָקטאָבער 1863, האָט ער אַזוי אַרום אַריינבעקומען 200,000 רובל. ער פלעגט זיך פאַרשטעלן ווי אַן אויפשטענדלער און אַזוי אַרומרייטן אין דער געגנט און אויסזוכן די אויפשטענדלערס. אין וולאָצלאַוועק אַליין זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן 40 אויפשטענדלערס. פ״גל: W. Przyborowski, Dzieje 1863, V, pp. 165-166.

די חובות איז געווען רעזערווירט צו דעקן די באַנעס, אָבער יעדער מין האַנדל האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט, קיינער האָט נישט געצאָלט און גאָר באַזונדער איז וולאָצלאַוועק, מחמת איר פּאָליציי־שעף, אויסגעמיטן געוואָרן פון אַלעמען. מיין פאָטער האָט אָפן וועגן דעם גערעדט מיטן פּאָליציי־שעף און האָט אים געבעטן אַ מאָראַטאָריום. אויף דעם האָט ער געענטפערט אַז יעדער איינער פאַר וועמען מיין פאָטער שטעלט זיך איין איז ווערט מען זאָל אים העלפן. ער האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַן אָפענעם בריוו צו אַלע מאַכטהאָבערס אין קרייז, אַז די חובות אויף וועלכע קוטשינסקי, דער אייגנטימער פון דער פירמע, וועט זיי אָנווייזן זאָלן זיי איינמאָנען אַפילו מיט דער הילף פון מיליטער אויב ס׳איז נייטיק. עס איז גענוג געווען צו ווייזן דעם דאָזיקן בריוו יעדן איינעם נאַטשאַלניק, אַז מען זאָל תיכף ומיד ברענגען קוטשינסקין אַהיים דאָס וואָס ס׳איז אים געקומען.

אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו לויפן אַ ספּעציעלער שליח און דערציילט אַז דער איזשביצער רב,[7] אַ 76־יעריקער זקן, איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. מיין פאָטער האָט באַלד אָנגעפרעגט ביים באַראָן שוואַרץ, אָבער ער האָט דערקלערט אַז דאָס געהער צו דער מאַכטספערע פון פאָליציי־שעף און ער האָט אים מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול. פעסט און זיכער און מיט צוטרוי איז דער פאָטער צו אים אַוועק. אָבער דאָ איז ער דערשראָקן געוואָרן: ער האָט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אין פאָדער־צימער, וואָס ביז דעמאָלט איז אַזאַ פאַל נישט געשען, און ווען קאָליאַן האָט זיך ענדלעך באַוויזן האָט ער קאָלט אַ זאָג געטאָן: „יידן מאַכן פון אַלץ אַ טומל. דעם רב וועט די תפיסה גאָרנישט פאַרשאַטן" אאַז"וו. נאָך דעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט האָט ער צוגעגעבן אַז ער וועט די זאַך נאָכפאָרשן און זאָל דער פאָטער קומען צו מאָרגנס זיך נאָכפרעגן. שטאַרק פאַרצווייפלט איז דער פאָטער אַהיימגעקומען און האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש צוליבן פאַרלוירענעם אָנזען. מיט אַ שווער האַרץ האָט דער פאָטער צו מאָרגנס אין דער פרי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אָבער שוין אין פאָדערצימער איז אים קאָליאַן אַנטקעגנגעקומען אַ צעשמייכלטער און אים געפרעגט צי ער האָט אים נעכטן שטאַרק מצער געווען. יאָ, האָט מיין פאָטער געענטפערט. דערויף האָט קאָליאַן געזאָגט אַז מיין פאָטער דאַרף צו אים נישט קומען מיט קיין רעקאָמענדאַציע פון באַראָן, אַגב איז דער איזשביצער רב שוין פריי און ער איז שוין נעכטן ביי נאַכט געשלאָפן אין זיין אייגן בעט, ווייל ען האָט נאָך נעכטן געשיקט אַן אויסרייטער מען זאָל דעם רב באַפרייען. און קאָליאַן האָט נאָך אַ מאָל אָנגעזאָגט מיין פאָטער אַז צו אים דאַרף ער נישט קיין שום רעקאָמענדאַציעס.

די אונטערדריקונג פון אויפשטאַנד איז דערווייל געגאַנגען פאָרויס. עס זענען פאָרגעקומען אומצייליקע צוזאַמענשטויסן פון אַ גערילע־כאַראַקטער, וואָרעם נאָך דער מפּלה פון לאַנגעוויטשן[8] איז מער נישט געקומען צו קיין גרעסערע קאַמפן. די תפיסות זענען אַלץ מער געוואָרן איבערגעפולט און עס זענען אויפן ברוטאַלסטן אופן אָנגעווענדט געוואָרן מוראדיקע פייניקונגען. מיט שוידער דערמאָן איך זיך ווי דער פאָטער איז אַ געוויסן טאָג צוריקגעקומען פון אַ

[7] אין איזשביץ (אין דער געגנט פון קויל) זענען אין 1856 געווען 971 יידן אויף 2,131 איינוווינערס.

[8] גענעראַל מאַריאַן מעלכיאָר לאַנגעוויטש. דעם 19טן מאַרץ 1863 איז ער אַריבער די גאַליציש גרענעץ וווּ ער איז געווען אינטערנירט צוויי יאָר, שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין טערקיי.

באַזוך אין אַ תפיסה און ער האָט געשילדערט ווי מען האָט אַריינגעבראַנגט אַ ייד פון טשערנין [?], וואָס דער „וואָיעני נאַטשאַלניק" פון קוטנע האָט אים געלאָזט געבן 60 שמיץ, און אַ מוראדיק צעשלאָגענער איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה. בעת אַ צווייטן באַזוך אין דער תפיסה, וואָס איז נאָר מיין פאָטער דערלויבט געווען, האָט ער זיך דערוווּסט אַז אין די קעלערן פון דער פריצה פון טשאָמבין [?] איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שענדלעך פאַרברעכן קעגן אַ רוסישן אָפיציר און זיין פאַמיליע. דער אַזוי גערופענער „הויפייד" פון יענעם גוט האָט אין יענער נאַכט זיך געפונען צוזאַמען מיט זיין זון אין דעם ווירטשאַפטס־בנין, האָט די מאַכט פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל עדות זאָגן, ווייל מען האָט אָנגענומען אַז ער האָט געמוזט וויסן וועגן דעם געוואַלדאַקט. דעם זון האָט זיך איינגעגעבן אַנטרונען צו ווערן. דער עלטערער ייד, נישט געקוקט אויף זיינע שוידערלעכע ליידן, האָט כסדר געטענהט אַז ער ווייס פון גאָרנישט. באַראָן שוואַרץ האָט נישט געוואָלט הערן וועגן קיין שום בקשה ביז דער יונגער ס. וועט נישט געפונען ווערן. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, אין מיטן דער נאַכט, הער איך ווי מען קלאַפּט אין אַ פענצטער פון הויף, אין שרעק און ציטערניש האָב איך אויפגעוועקט דעם פאָטער. מען האָט געפרעגט אין דער שטיל ווער עס איז — איז געקומען אַן ענטפער: „אַ יהודי, כ׳בעט אייך, עפנט!" דער פאָטער האָט געעפנט און אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ יונגער יידישער בחור פון אַ יאָר 25 וואָס האָט דערקלערט אַז ער איז דער אַנטלאָפענער ס. ער האָט דערציילט אַן אַויפטרייסלענדיקע געשיכטע פון זיינע ליידן. במשך די עטלעכע וואָכן נאָך זיין אַנטלויפן האָט ער קיין דאַך איבערן קאָפּ נישט געהאַט; אין די וועלדער האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון מענטשן, ווייל ער האָט מורא געהאַט סיי פאַר די פּאָליאַקן, וואָס קענען וועלן פּטור ווערן פון אַ מעגלעכן עדות, סיי פאַר די רוסן, איז ער געשלאָפן אָדער אונטערן פרייען הימל אָדער אין פאַרלאָזענע סמאָליאַרנעס און האָט זיך דערנערט פון בעטלברויט וואָס מען האָט אים צו מאָל געשאָנקען אין די דערפער. צו דערשלאָגן זיך קיין דייטשלאַנד אָדער עסטרייך איז געווען אוממעגלעך, ווייל אויף די גרענעצן האָט מען אים שטאַרק אַרומגעזוכט. איז ער געקומען פרעגן דעם פאָטער אַן עצה צי זאָל ער זיך צושטעלן פרייוויליק צום קריגסגעריכט. ער ווייסט פון גאָרנישט ווייל אין יענער נאַכט האָט ער זיך נישט געפונען אין שלאָס נאָר אין וואַלד ביים וואַלדשרייבער אין דער כאַטע. מורא האָט ער בלויז פאַר די שמיץ, ווייטער זאָל געשען וואָס עס וויל, ער קען שוין מער אַזוי נישט אויסהאַלטן. זיין אויסזען האָט באַשטעטיקט אַז ער זאָגט דעם אמת: אַן אויסגעצערטער גוף, פאַרוואָרלאָזטע האָר און באָרד, די קליידער פאַרשמוצט און צעריסן פון דערנער, האָט ער גיכער אויסגעקוקט ווי אַ שלעפער איידער אַ גבירישער זון. קודם־כל האָבן מיר אים געגעבן גוט אָפּצועסן און צו טרינקען און זיך אַרומוואַשן, נאָך דעם האָט מען אים פאַרזאָרגט וועש און קליידער און ערשט נאָך דעם, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען אים געגעבן דאָס ריכטיקע בעט און ער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף... מיין פאָטער האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן גרייטן צום שווערן וועג צום באַראָן שוואַרץ.

כדי צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שטאַרקן מוט מען האָט געדאַרפט האָבן פאַר אַזאַ שליחות, וועל איך דאָ דערציילן וועגן אַן עפּיזאָד וואָס איז געשען בערך מיט אַ וואָך פריער אין וואַרטצימער פון באַראָן און וואָס מיין פאָטער האָט בייגעוווינט: ער האָט געוואַרט אויפן אָרדינאַנס, כדי ער זאָל אים אָנמעלדן צום באַראָן. דערווייל

האָבן צוויי זשאַנדאַרן אַריינגעפירט אַ קאַטוילשן גלח. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט דער באַראָן געפעפט די טיר פון זיין קאַבינעט און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער מיט גיכע טריט אַ שפרונג געטון אויפן גלח און מיט אַ גבייליטער פויסט האָט ער אים אָנ־געהויבן שלאָגן איבערן פנים אַז בלוט האָט זיך אים באַלד אַ גאָס געטאָן פון דער נאָז. דער גלח האָט געכאַפּט זיין צלם און האָט זיך דערמיט פאַרשטעלט, רעכענענדיק אַז דאָס וועט אים באַשיצן, אָבער דער באַראָן האָט אַרויסגעריסן דעם צלם פון גלחס האַנט און האָט אים פּשוט צעבראָכן אויפן גלחס קאָפּ. ערשט דעמאָלט האָט ער אים געהייסן אוועקפירן. אויפגעטרייסלט דערפון, האָט מיין פאָטער געפרווּט אַרויסצורוקן זיך אומבאַמערקט, אָבער דער באַראָן האָט אים צוריקגערופן און געפרעגט וועגן וואָס ער איז צו אים געקומען. האָט אים דער פאָטער געזאָגט אַז אפשר וועט ער קומען אין אַ פּאַסיקערער צייט. האָט איר מורא? — האָט אים דער באַראָן גע־פרעגט. דער פאָטער האָט מודה געווען, אַז כאָטש ער איז נישט קיין שרעקעוודיקער, איז עס אמת. דער באַראָן האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז אַזעלכע עקזעקוציעס פאַרשאַפן אים אויך נישט קיין פאַרגעניגן. ער האָט פאַרשאַרצט דעם אַרבל און געוויזן ווי ס'איז אים אויפגעלאָפן געוואָרן דער מוסקל פון דער אָנשטרענגונג. אָבער, האָט ער געזאָגט, נאָכן ערשטן פאַטש איז מען זיך מודה, און דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר רחמנות. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן גרויליקייטן וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן אין גלחס הויז, אַז די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער.

דערפון קען מען זיך לייכט משער זיין אַז דאָס גיין זיך משתדל זיין פאַר דעם יונגן־מאַן איז דאָס מאָל מיין פאָטער נישט לייכט אָנגעקומען. ביים געזעגענען זיך האָט ער פאַרטרויט דער מוטער פאַרשידענע וויכטיקע זאַכן, אונטערן תירוץ אַז זי זאָל אים וועגן זיי דערמאָנען, ווייל דער זכרון איז ביי אים עפּעס לעצטנס אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. אויך האָט ער זיך דאָס מאָל געזעגנט מיט אונז האַרציקער ווי געוויינטלעך, כאָטש מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס דריקט אים.

דער שמועס וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און דעם באַראָן, לויט דעם ווי ער האָט אונז, ד"ה דער מוטער און מיר, איבער־דערציילט נאָך זיין צוריקקומען, איז נאָך ביי מיר לעבעדיק אין זכרון, און קודם־כל — זיינע זעלטן צופרידענע אויגן וואָס האָבן געלויכטן אַזוי ווי אים אַליין וואָלט עפּעס אַ גרויס גליק געשען. דער אָרדינאַנס האָט שוין מיט עטלעכע טעג פריער געקריגן אַ באַפעל ער זאָל דעם פאָטער נישט לאָזן וואַרטן מער אין פאָדערצימער נאָר ער זאָל אים באַלד אַריינפירן אין באַראָנס קאַבינעט. ווי נאָר מיין פאָטער איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט און זיך באַגריסט האָט ער אויסגערופן צום באַראָן: „איך פאַרלאַנג אַ באַלוינונג, איך ווייס ווו דער יונגער ס. באַהאַלט זיך אויס". „ווו איז ער?" — האָט דער באַראָן געפרעגט אָן אויפגערעגטער. „אָנ׳עבּר פריער פאָדער איך די באַלוינונג", האָט דער פאָטער געזאָגט, „און דאָס איז אייער ערנ־וואָרט אַז דער יונגער ס. וועט נישט געשמ־סן און געפייניקט ווערן. דערויף האָט דער באַראָן געענטפערט אַז אַן ערלעכער אָפיציר גיט נישט אַזוי לייכט זיין ערנוואָרט און ער האָט געסטראַשעט אַז ער וועט באַלד הייסן אַרומרינגלען מיין פאָטערס הויז. האָט מיין פאָטער דערוויידערט אַז אויך ער האָט אַן ערנוואָרט און ער האָט געגעבן זיין ערנוואָרט אַז ער וועט נישט אויסגעבן די באַהעלטעניש פון יונגן ס. אויב ער וועט נישט באַקומען קיין צוזאָג אַז דער בחור וועט נישט באַהאַנדלט ווערן אַזוי ווי זיין פאָטער, און מיין פאָטער האָט צוגע־

געבן אַז ער וועט ליבערשט אַליין גיין אין תפיסה אַריין איידער ברעכן זיין ערנוואָרט. דערצו איז נאָך דער בחור אַ שוואַכלינג און אַ פחדן און נאָכן ערשטן פאַטש וואָס ער וועט באַקומען וועט ער זיך מודה זיין אפילו צו דעם אַז ער האָט זיך געגרייט צו דערהרגענען דעם קיסר, און וואָס שייך אַרומרינגלען דאָס הויז איז דאָך אַן אומזין צו טראַכטן אַז ער, מיין פאָטער, וועט באַגיין אַזאַ לייכטזין און אים באַהאַלטן ביי זיך אין הויז. דעמאָלט האָט דער באַראָן צו־געזאָגט, אַז ער וועט נעמען אין אַכט די דערקלערונג פון רב און ער וועט זאָרגן דערפאַר אַז מיין פאָטערס ערנוואָרט זאָל נישט גע־בראָכן ווערן. און אַזוי איז טאַקע געשען.

פינף חדשים צייט זענען פאָטער און זון פאַרבליבן אין תפיסה. אויף אַלע בקשות און טענות פון מיין פאָטער האָט דער באַראָן עקשנותדיק איבערגעחזרט זיין איבערצייגונג אַז דער אַלטער ווייסט, נאָר ער וויל נישט מודה זיין. אַז דער יינגערער ס. ווייסט גאָרנישט האָט ער זיך גיכער געלאָזט איבערצייגן, אָבער ער האָט אים גע־האַלטן פאַרשפּאַרט, כדי ער זאָל באַווירקן זיין פאָטער זיך מודה צו זיין. ביידע זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי געפאַנגענע אָבער נישט גראָב און נישט מיט אומנאַטירלעכער האַרטקייט. ערשט נאָך אַ האַלב יאָר האָט זיך מיין פאָטער איינגעגעבן אויסצופועלן זייער באַפרייונג. ווען דער באַראָן האָט איבערגעגעבן דעם פאָטער דעם באַפרייונגס־צעטל פאַר ביידע האָט ער צוגעגעבן אַז ער איז ווייטער איבערגעצייגט אַז דער אַלטער ווייסט און טראָגט די 60 שמיץ און זיבן חדשים געפענגעניש האָט ער נישט פאַרראַטן. און ער האָט צו־געגעבן: „די גאַנצע אַכטונג פאַר אים!" בעת מיין פאָטער האָט זיי ביידן מיט טריומף געפירט פון דער תפיסה צו אונז אַהיים און האָט דערביי דערציילט ווי עקשנותדיק דער באַראָן האָט זיך גע־האַלטן ביי ס'זייניקע, אַז דער אַלטער פאַרשווייגט וואָס ער ווייסט, האָט דער אַלטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: „דער גוי האָט צדק". מיין פאָטער איז פון דעם פשוט נשתומם געוואָרן. די טיפע הייסע ליבע פון דעם ייד צו זיין פאַמיליע האָט אים געגעבן כוח איבערצוטראָגן די איבערמענטשלעכע ליידן. זיינע אייגענע וואָלטן אומגעבראַכט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אויב ער וואָלט פאַרראַטן. העכסטנס וואָלט אַ שטאַרקע מיליטערישע שוץ אפשר געקענט פאַרהיטן זיין אייגן לעבן, אָבער זיין עקסיסטענץ וואָלט געווען צעבראָכן. האָט ער ליבערשט געוואָלט אַליין שטאַרבן פון די פּייניקונגען איידער שטעלן דאָס לעבן פון זיין פאַמיליע אין סכנה — ווי עס ווייזט אַ פאַל וואָס איז געשען אין שכנותדיקן שטעטל קרושניעוויץ.

אַ פעלדשער האָט דאָרט ביי עפּעס אַ געלעגנהייט געמאַכט אין שפּאַס אַ באַמערקונג, אַז ווען די פּאָליאַקן וואָלטן געקומען אונטער זיין מעסער וואָלט באַלד אַ סוף גענומען צום אויפשטאַנד, אָדער עפּעס ענלעכס. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דעם פעלדשער געפונען אַ געהאַנגענעם אין וואַלד מיט אַ טויטאורטייל אונטערגע־שריבן דורכן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אָנגעהאַנגען אויף זיין ברוסט. דער מאָרד איבער דעם דאָזיקן מענטש האָט פאַר מיין פאָטער גורם געווען שווערע שעהן. דער דערמאָרדעטער איז געווען אַ ייד. די חברה־קדישא האָט גראָד נישט געהאַט קיין מזומנים האָט זי פאַרמשכנט דעם געהרגעטנס זאַכן און דעם משכון איינגעלייגט ביים רב. באַלד נאָך דעם איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע, מען האָט די מלבושים געפונען ביים רב און מען האָט אים מיט נאָך צוויי גבאים געשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט קיין וואָלאָצלאַוועק אין תפיסה אַריין אונטערן חשד, אַז זיי האָבן געוווּסט וועגן מאָרד. די אַרעס־

טירטע זענען געבראַכט געוואָרן 7 אַ זייגער אָוונט. מיין איידעלער פאָטער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אַז אַ רב זאָל אַפּילו איין נאַכט דאַרפן איבערנעכטיקן אין דער תפיסה. אָבער דער באַראָן שוואַרץ איז נישט געווען אין שטאָט, און כאָטש ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעטלעך אין אָוונט איז ער אַוועק צום פירשט. מען האָט אים אָבער נישט צוגעלאָזט, ווייל דער פירשט האָט געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסן באַנקעט און ער האָט געוואַרט אויף די געסט. מיין פאָטער איז נישט געווען פון די וואָס מען קען אַזוי לייכט אַוועקשיקן מיט גאָרנישט. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערוועקן דאָס רחמנות־געפיל ביי דעם פירשטס צוויי אַדיוטאַנטן, אַ געוויסן גראַף וורעַנגעל און אַ צווייטן — פירשט שטשערבאַקאָוו. זענען זיי אַליין אַוועק צום פירשט און האָבן אים דערציילט וועגן דעם פאַל אַזוי רירנדיק, אַז דער פירשט איז באַלד אַרויסגעקומען צום פאָטער, האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס ער האָט אים אַ ביסל אויפגעהאַלטן און ער האָט אויסגעפירט די בקשה פון פאָטער אויף דעם אופן, אַז ער האָט איבערגעגעבן דעם קרושניעוויצער רב אונטער דעם פאָטערס אַפּוטרופסות און האָט אים אַוועקגעשיקט צו אונדז אין הויז. מיין פאָטער האָט אָבער געמוזט ערב זיין אַז דער רב וועט זיך צושטעלן צו יעדן פאַרהער און אַז ער וועט נישט פאַרלאָזן די שטאָט. נאָך אין דעם זעלבן אָוונט — אַרום 10 אַזייגער — איז דער רב שוין געווען ביי אונז אין שטוב. פולע זעקס וואָכן האָט געדויערט דער פּראָצעס. עס האָט זיך איינגעגעבן צו באַווייזן אַז די חפצים האָט די אַלמנה אַליין געברענגט צום פאַרמשכונען און די באַשולדיקטע זענען באַפרייט געוואָרן...

ביי דער גאַנצער שטרענגקייט איז וואָלאָצלאַוועק — ווי שוין געזאָגט — אָפּגעקומען מיט ווייניקער צרות ווי ס׳רוב אַנדערע שטעט. אָבער מען האָט געהאַט אין גאַנצן צו פאַרדאַנקען מיין פאָטער וואָס וואָלאָצלאַוועק איז געווען די איינציקע גרעסערע שטאָט איבערן גאַנצן שטח פון אויפשטאַנד וואָס האָט אויסגעמיטן צו צאָלן אַ גרעסערע קאָנטריבוציע. קיינער האָט ביז איצט וועגן דעם נישט געוווסט, כאָטש מען האָט זיך אַ סך אויף דעם געחידושט.

איין מאָל, ווען מיין פאָטער איז געזעסן אין קאַבינעט פון באַראָן שוואַרץ און האָט געוואַרט ביז יענער וועט אָפּפאַרטיקן אַלע ענינים אין וואַרטצימער, איז זיין אויג געפאַלן אויף אַ באַשריבן בלאַט וואָס איז געלעגן אויפן טיש. ער האָט באַמערקט אַז אויף דעם בלאַט זענען פאַרשריבן די נעמען פון אַ סך אָנגעזעענע וואָלאָצלאַווקער בעלי־בתים און לעבן יעדנס נאָמען איז פאַרצייכנט אַ היפּשע סומע געלט. ער האָט זיך באַלד משער געווען אַז דאָס ליגט פאַר אים אַ פּראָיעקט פון אַ שווערער קאָנטריבוציע אויף דער שטאָט, וואָס האָט אויך אָן דעם שווער געליטן. נאָך אַ קורצער צייט איז דער באַראָן אַריינגעקומען אין אַ בפירוש שלעכטער שטימונג. נאָך דעם ווי ער האָט זיך פאַרנאָטירט דעם ענין וועגן וואָס דער פאָטער איז צו אים געקומען (וועגן אַן אַרעסטירטן וואָס איז קראַנק) האָט ער מיט גרויס גרימצאָרן אָנגעהויבן רעדן וועגן די שטאָטישע בירגערס וואָס גיבן הילף און שוץ די פּאָליאַקן. פאַר דעם וועט ער זיי אָנלערנען, האָט ער מיט כעס געשריגן. אויב זיי האָבן אַזוי פיל געלט, וועט ער ביי זיי צונעמען, און טאַקע גרינטלעך. אַזוי שרייענדיק האָט ער דערלאַנגט מיין פאָטער די קאָנטריבוציע־רשימה און צוגעגעבן אַז אָט די „אויסוואָרפן” האָבן זיך באַשטייערט פאַרן פּוילישן נאַציאָנאַל־פאָנד... מיט דער גרעסטער רויקייט האָט דער פאָטער גענומען די רשימה און צוגעשריבן: „י. ח. קאַראָ, רב פון וואָלאָצלאַוועק”. דער באַראָן האָט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג אויסגערופן:

דאָס איז אוממגעלעך, איר אויך, הער ראַבינער? אויף דעם האָט אים דער פאָטער געענטפערט, אַז ער פּונקט ווי די אַלע אַנדערע בעלי־בתים האָבן נישט קיין געווער־אַרסענאַל אויפן טיש און אויך נישט קיין זשאַנדאַרן אין פאָדערהויז וואָס זאָלן זיי היטן, און ווען עס באַווייזן זיך אין מיטן דער נאַכט צוויי מאַן מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט און בעטן אַ באַשטייערונג, וואָלט ער געוואָלט וויסן וואָס ער, דער באַראָן, וואָלט געעצהט צו טון. „אַרויסווייזן העלדנמוט!” — האָט דער באַראָן אויסגערופן. האָט דער פאָטער דערויף געענטפערט אַז דער באַראָן וואָלט טאַקע אַזוי געהאַנדלט, אָבער ער און אַנדערע בעלי־בתים האָבן קיין העלדן נישט געקענט זיין און זיי האָבן ליבערשט אַרויסגעצויגן דעם טייסטער איידער צו קריגן אַ טויטצעטל. דער באַראָן האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און זאָגנדיק אַז ווען ער רעדט מיט מיין פאָטער פאַרלירט ער דעם כעס, אַפּילו ווען זיין צאָרן איז אַ באַרעכטיקטער, האָט ער צעריסן דעם צעטל מיט די נעמען פאַר קאָנטריבוציע.

דער אויפשטאַנד איז וואָס אַ מאָל געוואָרן שוואַכער. די חיילות זיינע זענען געלעגן צעשמעטערט און אין קייטן געבונדן. איצט איז געווען וויכטיק צו היילן די ווונדן פון דעם דרייייעריקן קאַמף. באַזונדער האָבן די יידן אָנגעהויבן פרייער אָפּצוטעמען. זענען דאָך די שאַרפסטע מיטל־עלטער־שע באַגרענעצונגען אָפּגעשאַפט געוואָרן און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון בילדונג. דער שטרענגער קריגצושטאַנד איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מילדערן, אַזוי גערופענעם שוצרעזשים. די קריגסגעריכטן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן און עס זענען צוריק איינגעפירט געוואָרן די ציווילע געריכטן. דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דעמאָלט, אין 1864, ווידער געפאָרן צום ערשטן מאָל קיין אויסלאַנד, קיין בערלין. דער פירשט וויטגענשטיין מיט זיין גאַנצער סוויטע זענען אים אַנטקעגנגעפאָרן ביז בראָמבערג און דאָרטן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין קעניגלעכן עשעלאָן קיין בערלין. איך מוז די דאָזיקע נסיעה דערמאָנען ווייל מיט דעם איז פאַרבונדן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

תקופת כהונתו של הסיים הרגיל הראשון הגיעה לקיצה ואתה גם כהונתו של פרופ' בארטל כראש הממשלה. עם התפטרותו התקלקל משהו בענין היהודי. לפנינו עמדה השאלה אם לחדש את גוש המיעוטים. האוקראינים מגאליציה המזרחית וכן שאר המיעוטים היו מוכנים לכך. אולם ברור היה שהממשלה תראה בעין רעה את חידושו. גם אי־אפשר היה לצרף את ה„אגודה" לגוש לאחר שהביעה לפני השלטון את חרטתה על שהצטרפה לגוש המיעוטים הראשון. שנים־עשר סעיפי ה„אוגודה" נתקבלו על־ידה ברצון רב.

בשיחתי עם ראש הממשלה נוכחתי לדעת שרצונה האמיתי שיוקם גוש יהודי עם האגודה ואגודת הסוחרים. כשהסברתי שאי־אפשר יהיה לצרפן לגוש עקב בגידתן, הוסבר לי, שהממשלה לא תעזוב אותן לאחר שעזרו למפלגת פילסודסקי כשהיתה עוד חלשה. רציתי עוד לברר אם יוכרז שיווי זכויות היהודים על־ידי החוק, אם תיפתר שאלת העבודה ביום א' ליהודים הנחים בשבת ואם תימלא דרישתנו הלאומית בעניני חינוך והקהילה. הוסבר לי שהממשלה עומדת לפני בעיות רבות עקרוניות של המדינה והן קודמות לבעית היהודים. אין הממשלה מתעלמת ממנה, אבל אין היא יכולה להיות בין הראשונות בתור. אמרתי, הלא כל הממשלות הכירו שדרישות היהודים תובעות את פתרונן. והתשובה היתה ברורה: „אין לשנות את התכנית ואין לקרב את התור".

הבאתי את הענין לפני הועד המרכזי. הבהרתי, שהענין אינו בתור. המפלגה השלטת רואה בגוש המיעוטים מעשה ידי היהודים, שבלעדיהם לא היה קם ורוצה להוכיח שהגוש לא ישיג מנדטים כשיא תנקוט, בעזרת הממשלה כמובן, בכל האמצעים שבידיה כדי להכשילנו. וכך התפתחו הענינים. הממשלה פסלה רשימות מועמדים, הפעילה לחץ על המגישים את הרשימה שיבטלו את חתימותיהם, אפילו היו מאושרות על־ידי נוטריונים, לא התחשבו בהן. פעילינו נרדפו על צוואר. באוקראינים בגאליציה המזרחית לא פגעו השלטונות וכן לא פגעו בגרמנים במחוזות הבחירה שלהם. הוקם גוש יהודי מורכב מאגודת הסוחרים והעממיים (ה„פולקיסטים"), שבעלי־המלאכה פרשו מהם והצטרפו לגוש המיעוטים. השלטונות לא הפריעו ל„בונד" כשפוצץ אסיפות של גוש המיעוטים. בוולין וברוסיה הלבנה, קמו נגדו הקומוניסטים והממשלה לא הפריעה להם. במחוז רובנה לא הצליחו

כל האמצעים האלה ואז נתפסו לחמורים יותר. המועמד היהודי נפצע ונעשו מעשי בריונות כאלה, שבית הדין העליון פסל את הבחירות וקבע בחירות חדשות, בהן נבחר גם נציג היהודים והגיע תורו של המועמד היהודי ברשימה הממלכתית, מעודפי קולות הבוחר.

הלכנו לבחירות ב־1928 מתוך תקווה שננצח בהן. הרגשנו שכחנו גדל, שהמהססים חזרו אלינו ומוכנים למאבק. ד"ר פוקס הלך אתנו בדומה לשאר החברים שהכירו בצדקתנו. 300,000 אזרחים הצביעו בעד רשימותינו. לחץ הממשלה, ההאשמה שחידוש גוש המיעוטים אינו אלא פשע נגד המדינה, שאין לסבול אותו השפיע על הפוסחים על שני הסעיפים, אולם רוב המצביעים ידעו שהצבעתם באה בבחינת הפגנה ולא נרתעו ממילוי חובתם.

למרות כל האמצעים האלה לא זכתה מפלגת הממשלה לרוב בסיים. מטרתה לא הוגשמה. מפלגת השלטון לא קיבלה רוב המאנדטים. נוצרה אופוזיציה חזקה של השמאל הסוציאליסטי והאיכרים הפרוגרסביים מצד אחד והימין הלאומי־דימוקראטי והאיכרים הימניים מצד שני. היהודים הצביעו על־פי־רוב עם האופוזיציה, אבל בענינים הנוגעים ליהודים היתה האופוזיציה הימנית מצטרפת למפלגת הממשלה. בראש הסיים נבחר דאשינסקי, ראש הסוציאליסטים בגליציה כשהיתה חבל אוטונומי של האימפריה האוסטרית.

באותה התקופה התקרב פילסודסקי לאצולה הפולנית הגבוהה, בעלת האחוזות והיערות הגדולים. אצילים אלה ראו מה שקרה לאחוזות והיערות שעברו לרוסיה עם פרוץ המהפכה הדימוקראטית והציעו תכנית צודקת לדעתם: לחלק את אחוזותיהם לאיכרים פולנים מחוסרי אדמה. הרי זאת היא אדמה פולנית ומן הצדק הוא להעבירה לידי האיכרים הפולנים. פילסודסקי קבל את הצעתם, אבל איכרי רוסיה הלבנה ראו בכך עוול כי לדעתם צריכה היתה האדמה להיחלק ביניהם. התחילה מעין מלחמה חשאית נגד האיכרים הפולנים המתישבים.

הסיים הרגיל השני היה האחרון שנלחם נגד תכניותיו של פילסודסקי. הוא פוזר על סמך תיקונים בחוקת היסוד שנתקבלו תחת לחץ הממשלה ובתמיכת הדימוקראטיה הלאומית, שקיוותה להיבנות משגיאותיו של פילסודסקי.

בבחירות של שנת 1930 גבר הלחץ עוד יותר. על חידוש גוש המיעוטים קשה היה לחשוב. האוקראינים טענו: „אי אפשר להמשיך, כי המצב משונה, אנו מתאחדים עם יהודי פולין הקונגרסאית בשעה ש,היהודים שלנו', אינם רוצים ללכת אתנו". הרוסים הלבנים הודיעו פשוט, שדי להם באיחוד עם היהודים, הגרמנים אישרו את ההסכם בדבר בחירתו של ד"ר רוזנבלאט (מלודז').

הצעתי גוש של ההסתדרות הציונית. לא נתקבלה תשובה עד יום הגשת רשימת המועמדים. באותו יום הופיעה משלחת מלבוב והציעה לדון על רשימה משותפת אולם נתברר תוך השיחה שהמשלחת כבר הגישה את רשימתה. אם כן — אמרתי — אין מקום לדון על רשימה משותפת ובקשתי שיעזבו אותנו, כי עלינו להכין את רשימתנו אנו, כדי שלא לאחר את מועד ההגשה.

על ה„היינט", בטאון התנועה הציונית, אסרה הממשלה להדפיס מה שהוא עלי או משלי והזהירה שבאם יעברו על האיסור, ייסגר העתון ולא ינתן רשיון לשום עתון אחר במקומו. בוארשה לא נמצא אף אולם אחד שאפשר היה לקיים בו אסיפת־בחירות למעני. מצאנו בפראגה (פרבר וארשה) חצר שבעליו הסכים שנערוך בו אסיפת בחירות. באו כמה מאות יהודים וגם... קבוצת פולנים. הבינותי שהם באו לפוצץ את האסיפה. פתחתי ואמרתי: „אתם רואים מי בא אלינו. אני מציע שנחליט שכולנו נצביע בעד הפותח. מי בעד — ירים ידו". כל הנוכחים הרימו את ידיהם. אז סגרתי את האסיפה. קבוצת הפולנים ראתה שהקהל מתפזר והלכו גם הם כלעומת שבאו. נבחרתי למרות כל אמצעי הלחץ נגדי. לא נתאמתה הבטחת הממשלה שאכשל. השיל פארבשטין מה„מזרחי" לא נבחר הפעם במחוז ביאליסטוק ועלה ארצה. בגאליציה המזרחית נבחרו שלשה יהודים ובקרקוב — ד"ר יהושע טהון. הודעתי להם שכיון שהם הרוב ינהלו הם את ה„חוג היהודי".

בשנת 1932 עזבתי את פולין ועליתי ארצה.

ד"ר פוקס היה מנאמני הציונות בפולין כפי שהתגשמה בפעולותיה במוסדותיה הפינאנסיים — הקרן הקיימת לישראל וקרן היסוד, בשטח ההכשרה החלוצית והעליה ובשטח החינוך והתרבות העברית. הוא היה גם נאמן למאבקינו לזכויות היהודים בפולין. היו זמנים שהמאבק המדיני במקום העסיק אותנו מאד אם כי בראש דאגותינו עמדו תמיד המטרות הציוניות. כל ועד ציוני במקומו ידע שהתנועה הציונית נאבקת בשתי חזיתות — במקום ובארץ־ישראל. התנועות הציוניות האחרות היו להן שטחי פעולה מיוחדים, אולם נפגשנו בפעולותינו הציוניות, הכלליות, כגון עליה והכשרה, קרן קיימת וקרן היסוד, חינוך ותרבות. נעשו נסיונות להקיף במוסד אחד את עניני הקהילות, העיריות והמדיניות המקומית. אולם הצלחנו רק לרכז את המאבק המדיני במועצה הלאומית הודות לחוג הצירים בסיים ובסינאט שברובם היו ציונים.

ד"ר פוקס נבחר למועצה הציונית והיה משתתף בכל הפעולות והמאבקים של ההסתדרות הציונית. עם פרוץ מלחמת העולם השניה גויס שוב ד"ר פיקס לצבא. למזלו הגיעה היחידה שבה שרת עד לגבול הונגריה והוא יכול היה בשנת 1940 לעלות לארץ ישראל ולהביא הנה את משפחתו. ד"ר פוקס הקים ביתו בירושלים ונתקבל כרופא במרכז הרפואי הפולני ולאחר שנתיים כרופא ראשי.

נפגשתי אתו, כשנתקבל כרופא הסוכנות. היה זה לאחר גמר המלחמה בשנת 1945. מאותה הפגישה לא ראיתי אותו יותר. זכרו שמור אתי מהפגישה הראשונה בולוצלבק ואחר כך מפגישות, ישיבות במרכז הציוני בוארשה, כאחת הדמויות הנלבבות שהכרתי ומהנאמנים והמסורים ביותר בתנועתנו.

ד"ר מ. שטראוך / תל־אביב

ד"ר א. ל. פוקס ז"ל

ד"ר פוקס איחד בקרבו כל כך הרבה תכונות תרומיות ופעל כל כך הרבה בשטחים שונים של העבודה הלאומית, התרבותית והמק־צועית, עד שאין זה דבר קל לתאר אותו ואת פעולותיו במאמר אחד ולהעריכם כראוי. לא נשאר לי אלא לרשום כאן תיאור אופיו רק בקוים יסודיים ולציין את זכויותיו בבחינת נוגע ואינו נוגע.

ד"ר פוקס היה אדם אציל וטוב לב, הגיב מתוך רגש עמוק בלתי־אמצעי וגורל כל איש היה קרוב ללבו עד שהיה מוכן להגיש את עזרתו לכל נצרך. תכונותיו אלה הטביעו את חותמן על פעולתו כציוני וכרופא.

כיהודי הזדהה ד"ר פוקס עם גורל אחיו וכל ימי חייו היה עבד נאמן לעמו המדוכא והסובל והתאמץ להגשים על ידי מעשים את רעיונו של הרצל שהיה ממעריציו. בנקודה זו יש ערך רב לחינוך שקבל ולירושה הרוחנית שנפלה בחלקו.

מוצאו היה ממשפחת רבנים, אביו ואחיו היו רבנים. בנעוריו לא רק שספג אל קרבו את מאור התורה, אלא גם קנה לעצמו יחס חיובי אל המסורת ואל השפה העברית, שעשוהו לאוהד נאמן של רעיון התחיה וללוחם נמרץ למען החייאת השפה העברית. ד"ר פוקס היה אחד המגשימים המסורים ביותר של הרעיון הציוני בפולין, כחבר הועד המרכזי של ההסתדרות הציונית בוארשה, שבעבודתו השתתף השתתפות פעילה ואשר בה הגה את היוזמה לצעדים חשובים. אולם בעיקר פעל בולוצלבק כיושב־ראש ההסתדרות הציונית, כנשיא ועד קרן־היסוד וכראש האגודה „מוריה", היה שוקד תמיד ליצור דברים בני־קיימא וכיושב־ראש הקהילה הצליח להטביע עליה חותם ציוני.

בזכות פעולתו של ד"ר פוקס הפכה העיר הפולנית, הקתולית, העתיקה, שהיתה פעם מפורסמת לגנאי בהתבוללותם העמוקה של תושביה היהודים, לעיר ציונית מובהקת בפולין הקונגרסאית. ולא רק הציונים הכלליים קיימו שם הסתדרות חזקה, אלא גם כל המפלגות, הכיוונים והסיעות הציוניות מלפני המלחמה היו מיוצגים שם; וכמו כן פיתחו כל ארגוני הנוער חיים עצמאיים תוססים ובית ה„מכבי" היווה מרכז החיים הלאומיים־הצבוריים והתרבותיים בעיר.

את ההסתדרות הציונית ידע לזרז לפעולה בלתי פוסקת בחרי־צותו שלא נרתעה מפני כל עמל וכל קרבן. בועד קרן היסוד נתן דוגמא של עסקן למופת.

הכנסות קרן היסוד בולוצלבק היו בין הגבוהות ביותר בערי השדה שבפולין ועירנו שמשה מופת בשטח זה לשאר הערים. תוצאות כאלה הושגו הודות למאמציו הגדולים של ד"ר פוקס. תכופות הזניח את עבודתו המקצועית כדי לבקר אצל אישים אדישים או מתבוללים ולהשפיע עליהם לתרום או להגדיל את תרומותיהם לטובת קרן ־יסוד. וכמעט תמיד עלה הדבר בידיו לא רק משום שנשאו את פניו כאיש מכובד בקהל, אלא משום שכולם ראו בו את איש האידיאלים הטהור, המוכן לכל קרבן לטובת הענין הקרוב ללבו. הוא הגה את הרעיון, שהמתרימים יהיו לא פקידי הקרן אלא חברי הועד המקומי, שיטפלו בפעולות התרמה מתוך התנדבות כנאמני התנועה הציונית. רעיון זה הציע באחת הישיבות של הועד המרכזי בוארשה כעקרון קבוע בכל איסוף כספים של קרן היסוד.

תודות לענין הרב שגילה ד"ר פוקס בשני בתי־הספר כנשיא אגודת „מוריה" שלטה בהם לא רק אוירה לאומית, אלא הושג גם אישור מהשלטונות הפולניים של מספר השעות הגדול ביותר ללמודי היהדות. ואיש לא שמח כד"ר פוקס כששמע תלמידים מדברים ביניהם עברית ולהווכח במגע אתם כרופא בית־הספר וכיושב־ראש ועד החנוך, כי יודעים הם את השפה ידיעה של ממש ואוהבים אותה מקרב לב. ואיש לא היה כה גאה על כך שתלמידי הגימנסיה עומדים בראש ארגוני הנוער הלאומיים לא רק בעירנו, אלא גם במדינת פולין.

על אף עסקנותו הצבורית המסועפת מצא ד"ר פוקס זמן לא רק למלא את תפקידו כרופא בולוצלבק גופא, אלא גם בכל הסביבה, עד לוארשה מכאן ועד לפלוצק מכאן והתמסר לחולה בלב ונפש. למבקשי עזרתו הרפואית התיחס כאם מלאה דאגה וחרדה והשתדל להכיר את מצבו החומרי של החולה. כשמצא, כי הלה נתון במצב דחוק, לא רק שדחה קבלת שכר כלשהו, אלא שם בחשאי סכום הגון למראשותיו של החולה. תודות לתכונות נפש אלו זכה ד"ר פוקס לרגשי חיבה עזים ביותר לא רק מצד האוכלוסיה היהודית, אלא כבוד גדול ניתן לו גם מצד הנוצרים. הציונים היו גאים על כך שיש להם מנהיג כזה, בני הנוער ראו בו מופת ודוגמא והחולים העריצוהו כמלאך מושיע.

ד"ר פוקס לא התאונן מעולם, לא על רוב עמל ויגיעה, לא על הטרדות שהטרידוהו בעניני הציבור. אדרבא, פעולתו רבת ההצלחה בתחום הפוליטיקה, התרבות והמקצוע היתה בשבילו מקור לא אכזב של שביעת רצון פנימית ומצב רוח מרומם.

והנה נשתנה הכל מיום שעלה לארץ משאת נפשו. הוא ראה אמנם את תלמידי בתי־הספר שלו ממלאים תפקידים מכריעים בשטחים שונים בארץ, ושמח מאוד כי תלמידיו הם בין מייסדי נגבה. ובכל זאת הצטער צער רב על שהוא גופו נשאר עומד בחוץ, מבודד בין בוני החיים החדשים ויוצרי עתיד האומה. הצירות הפולנית היתה זאת שידעה לנצל מצב משונה זה והציעה לו משרת רופא בקרב המושבה הפולנית שבארץ, עד שמצאה הסוכנות לבסוף שעת כושר למנותו כרופא של פקידיה. אך כוחותיו הרוחניים, תכונותיו המזהירות נשארו ללא תועלת ולא נוצלו עד יום מותו המוקדם. אין ספק שקצו הוחש, אם לא נגרם, משלא ניתנה לו האפשרות לפעולה ציבורית שהיתה תוכן כל חייו. ברם, הוא לא קבל על גורלו, רק לעתים היה מסתכל סביבו בעינים נוגות כאילו רצה לומר: כנראה אין כאן מקום לאנשים שכמותנו.

ובסיכום ניתן להגיד על ד"ר פוקס במצומצם: אדם נהדר היה, רופא אידיאלי, עבד נאמן למופת של עמו. אילו היו רבים כמותו, היו החיים יפים בהרבה; אילו התייחסו כל הרופאים אל חוליהם כמוהו, היה גורלם קל יותר ואמונתם ברפואה חזקה יותר; ולבסוף אילו היו כל הציונים מלאים וחדורים אהבה עמוקה כזו אל עמם ושקידה קדושה כזו לטובת הענין היקר ומפועמים מנכונות כזו לפעי־לות והקרבה עצמית, היתה אולי מטרתו של הרצל מתגשמת קודם והפער שבין החזון והמציאות לא היה רחב ועמוק כל כך...

מרים פוקס־אחיטוב / ראשון לציון

זכרונות מבית הורי

לכשנתבקשתי לכתוב זכרונות על בית הורי, חשבתי שהמלאכה תהיה קלה, אשב לי אהרהר, אפשפש בזכרונות הילדות ואעלה אותם בכתב, אבל עד מהרה נוכחתי לדעת שבמרוצת השנים אבדו זכרונותי את רעננותם, הם התבגרו כאילו יחד אתי ואין אני יודעת להשקיף על הזמנים ההם אלא בעיני של היום. זה מחד, ומאידך טושטשה הסוביקטיביות של הזכרונות לא מעט על־ידי עשרות הסיפורים ששמעתי מפי אחרים במשך השנים. ואחרי דברי הסייתגות אלה הריני לספר...

דמותו החיצונית של ביתנו לא נבדלה מהבתים האחרים בהם גרו משפחות יהודיות בעירנו. ככל הבתים בתקופה זו הצטיין גם ביתנו ביציבותו ובפשטותו. במשך כל שנות ילדותי עברנו רק פעם אחת לדירה חדשה והרהיטים לא הוחלפו אף פעם. היו אלה רהיטים גדולים, חזקים, המיועדים לשרות ממושך מאד. דומני שסידור הדירה בזמנים ההם לא היה ענין של ראווה אלא בא להבטיח חיי יום־יום נוחים פחות או יותר. רק רהיט אחד הוחלף בדירתנו במרוצת השנים, היתה זו הספריה של אבא. ההתווספות המתמדת של הספרים חייבה החלפת הארון הסגור והמוגבל בשטחו על־ידי מדפים פתוחים, שכיסו קיר שלם בחדר־העבודה של אבא והיה בכך חידוש גדול בעירנו. ספריה זו היתה מורכבת בעיקר מספרי־רפואה וספרים עבריים. אלה האחרונים כללו את כרכי התנ״ך המרובים, את דובנוב, גרץ וספרי היסטוריה ישראלית אחרים, ספרי פרוזה ושירה עברית, כרכים כבדים של „התקופה״ וכדומה. בילדותי לא חיבבתי ביותר ספריה זו, לא היה בה מה לקרוא למעני, ורק מאוחר יותר בהיותי תלמידת הגימנסיה הכרתי בערכו של אוסף מצוין זה; ולא רק אני ניצלתיו.

ועוד רהיט אחד בביתנו ראוי שאזכירו — והוא שולחן האוכל „הקטן״ שעמד בחדר־הילדים. שולחן זה שימש כמרכז חברתי חשוב מאוד. סביבו ישבנו והכנו את שיעורי הבית, עליו ערכו והעתיקו חברי „השומר הצעיר״ את עתון הקן כשאחי היה עורכו, ועליו הוגשו לנו ולחברינו ארוחות־ארבע המפורסמות. לארוחות אלה יצאו מוניטין בשתי הכיתות, שלי ושל אחי, והן זכורות לטובה לידידינו עד היום הזה... הרבה בעיות פילוסופיות וסוציאליות „מצאו את פתרונן״ על יד שולחן זה כשאנו נהנים ממטעמי אמי. ואולי אוירת הבית היא שהוסיפה טעם מיוחד לארוחותינו והפכה אותן לחויה בלתי נשכחת?

ובאשר לאוירת הבית הרי היתה היא עשירה ומגוונת כשאלמנטים שונים משמשים בה בערבוביה ללא כל סתירות ביניהם. הציונות היתה האלמנט השולט בביתנו בבחינת אמונה שאין להרהר אחריה ולא השקפת־עולם אחת מיני רבות. מאידך, שררה בביתנו לויאליות לפולניה ואבא אהב לספר על חוויותיו במלחמה לעצמאותה, שהשתתף בה.

דברנו פולנית אבל העברית נחשבה יותר. היינו חתומים על עתון יהודי־פולני ועל עתון אידיש, לשם שווי המשקל כאילו. אמא היתה מזכה אותנו במיטב התרבות הפולנית ובאבא נעזרנו במקצועות העבריים. אבל מעל לכל שלטה בבית אוירה של הומניטריות ושל דמוקרטיות בחיי יום־יום ויחס־כבוד לאדם. רגילים היו לספר

במשפחתנו שפעם אחת ויחידה בחייו הרים אבא יד על אחי, היה זה כשאחי והוא אז בן שלש או ארבע כינה את העוזרת בשם הגנאי „קוחטא״, והספור כשלעצמו אופייני לאוירה ששררה בביתנו.

עסקנות ציבורית ופעילות סוציאלית היו שייכים לסדר היום אצל שני ההורים. אמא היתה פעילה בועד ההורים של הגימנסיה שלנו, שטיפל בארגון מסיבות, טיולים, תמיכה בתלמידים נצרכים ולבסוף באיסוף כספים לבנין הבית החדש. נוסף על כך היתה אמא מארגנת עזרה דיסקרטית ותמיכה לאנשים הזקוקים לכך. אספה כסף לדירה למען מישהו, הלבישה משפחה לקראת החורף, מצאה תעסוקה למחוסר עבודה וכדומה. היתה לה אוזן קשבת לסבל האנשים. רק מעט ידוע לי על מעשיה אלה למרות שהכל התנהל מתחת לאפי ממש כי בזמנים ההם האמנתי רק בפתרונות כלליים, צבוריים לבעיות הפרט ובזתי לפילנטרופיה.

על אבא ופעילותו כתבו בספר אחרים. אחת אני יודעת שהיה מסור בכל לבו ומאודו לתנועה הציונית ולמקצועו כרופא התיחס כאל שליחות. כוחות פנימיים עצומים דחפוהו לפעילות מסועפת ומגוונת ולהשתתפות בארגונים ציבוריים רבים. הוא היה תמיד עסוק מאד, היום היה קצר מדי למענו, עשה לילות כימים ובכל זאת לא היה מצליח לעמוד בלוח הזמנים שלו. לא פעם רגז ורטן על העומס הגדול שרבץ עליו, אלא שלא ידע, כנראה, מה לחתוך מתוכנית העבודה היומית הגדושה שלו, על מה לותר, כי הכל היה חשוב בעיניו, הכל היה ראוי לטפולו. חושבני שבפעילות למען הכלל ראה את תפקידו של האדם בעולם, זאת היתה אמונתו. היום, כשהרפואה הולכת ומאבדת את אופיה השליחותי, הצבורי והופכת למקצוע, יודעת אני להעריך אל נכון את אבא כרופא.

היו לו לאבי גם תחביבים, הוא אהב לקרוא בתנ״ך, ללמוד ולשפר את ידיעותיו בעברית, לעיין בכתבי־העת וספרי המדע בשטח הרפואה ולבסוף — הוא אהב לכתוב. אבל תמיד היה מקריב עיסוקים אלה למען הפעולות הציבורית, שקדמה אצלו לפני הכל.

בהיותי ילדה כשבקשתי סיפור מאבא, נהג לשים לפני ספר תורה או נביאים ראשונים ולספר לפיו. רק לפעמים היה מחליף את התנ״ך במשלי קרילוב האהובים עליו. את התנ״ך המשיך לקרוא כל ימי חייו ועד יומו האחרון ממש. הרבה לקרוא גם עתונים בעיקר בסוף ימיו, כשלא יכול היה להשתתף בפועל בחיי הכלל, עשה זאת לפחות בדרך זו.

דומני שלא ניתן להעביר שום גבול בין הפעילות המקצועית, הצבורית ובין החיים הפרטיים בביתנו. ואין פלא, שאני זוכרת את ביתנו תמיד מלא אנשים. כשהתרוקן חדר ההמתנה מהחולים, התחילו להופיע חברים לפעולה ציונית וישבו בישיבות, או שבאו סתם אנשים כדי לשפוך את לבם לפני אבא ולהתיעץ אתו. וכן היו באים אליו כלרופא הציוני חברי קבוץ ההכשרה שבעירנו כדי להבדק על־ידו. בני עיר העתידים לעלות ארצה היו באים לקבל את האישור הרפואי בשביל ה„פל־אמט״ וצעירים שסיימו את לימודיהם בגימנסיה ורצו ללמוד רפואה היו באים לבקש המלצה לאוניברסיטה הפולנית. בביתנו היו נערכות מסיבות לכבוד עסקנים ציונים אשר בקרו בעיר וכך זכיתי להכיר את ארלוזורוב כחודש לפני הרצחו. אף בעת החופשות או כשיצא להבראה לא ידע אבא להסתלק מהרפואה או מהציונות. בנסעו לימי פגרה נהג לבקר בבתי־החולים לשם השתלמות או שיצא לכינוסים ציוניים ולקונגרסים. זוכרת אני את אבא כשחזר מהקונגרס ה־20 האחרון לפני המלחמה, שהתקיים בבזל. דנו בו בחלוקת הארץ ואבא חזר מהורהר, ממורמר קצת על חוסר האחדות שבמחנה הציוני ויחד עם זאת מלא תקוות.

אבא היה כה עסוק וטרוד שמעולם לא הבנתי איך הוא מצליח גם לשים עין עלינו הילדים, אולם עובדה היא שאף פעם לא הצלחנו להסתיר מפניו אפילו את „חטאינו הקטנים" כמו הזנחה בלימודים, שחיה בנהר פתוח וכדומה. אבל כשגדלנו התקרבו דרכינו, היינו נפגשים לא פעם בהרצאות של מנהיגים ציוניים שהגיעו לעירנו, וכשאחי — והוא אז סטודנט בירושלים — בא לחופשה, השתתפו שניהם ביחד בחוג לעברית שאורגן ע"י נוער בוגר וחברי קבוץ ההכשרה. כך לאט התהלנו לראות בו, באבא, את החבר, אולי רק חבר קצת לא נוח כי תמיד היינו בצילו... וכך היה לא רק אז. שמו ושם ביתנו ליוה אותי עוד שנים רבות כשהבית לא היה יותר ואבא הלך מאתנו.

כרופא היה אבא קצין עתודות בצבא הפולני והוא נקרא לשרות כשבוע לפני פרוץ המלחמה. בבית נשארנו אמי ואני כי אחי היה שוב בארץ. הבית התרוקן, נדמו צלצולי פעמון הדלת והטלפון ושרר שקט מוזר ומנבא רעות. והרעות לא איחרו לבוא — המלחמה פרצה. מיד אחרי כניסתם החלו הגרמנים לפרק את ביתנו בהדרגה, לקחו לנו את הרדיו, את שמיכות החורף, את תכשיטי אמי, את המיקרוסקופ של אבא ולבסוף החליטו שדירתנו מתאימה למגורי קציניהם. ובאחד מימי אוקטובר 1939 יצאנו מביתנו כדי לא לחזור אליו יותר. אבא היה כבר אז בהונגריה כפליט הצבא הפולני.

לכאורה נגמר בית פוקס ולא היה עוד. אך לאמיתו של הדבר הוא נשאר חי וקיים בזכרונם של אנשים רבים ואנו פגשנו אותם ופוגשים עד היום והרי הם מספרים פרטים כה מדויקים כאילו בקרו בו זה לא מזמן! ואין הם שוכחים להזכיר אף את הכרכרה עם הסוס הלבן ואת העגלון הנאמן של אבי!

בקיץ 1939 נסעתי באוטובוס מולוצלבק לקליש כדי לבקר את חברי בקבוץ ההכשרה, האוטובוס עבר דרך עיירות רבות ועצר מדי פעם בפעם. באחת העיירות, לא אזכור כבר את שמה, יצאתי החוצה כדי לישר את רגלי, והנה הבחנתי בקהל קטן המתאסף סביבי ולבסוף מישהו נגש ושאל אותי אם אני היא בתו של הדוקטור, לא ידעתי איך להתנהג, התבלבלתי, אך למזלי זז האוטובוס והמשכתי בנסיעתי.

כשבאתי ארצה טיילתי לרחבה ולאורכה כדי להכירה. נהגתי להתעכב בקבוצים שונים שבדרך ואז ה ו נגשים אלי חברים יוצאי וולין ופולסיה, וארשה ווילנה והיו מספרים לי על אבי ועל ביתנו שהכירו בזמן הכשרתם בולוצלבק. וכשבית הורי קם מחדש בירושלים ראו הולוצלבקאים מחובתם לבוא לבקרם. אחרי שנים היו מספרים לי „בקרתי את הוריך, מיד אחרי שעליתי..."


לפני שנתיים הגענו, אני ומשפחתי, לניו־יורק ואחרי זמן מה התקשרתי טלפונית עם אחד מחברי אחי, הוא בא מיד ולקח אותנו אל ביתו, וכשישבנו ליד שולחן הערוך כיד המלך, פנה לילדינו ואמר: „אני שמח שביכולתי לארח אתכם פה כי בבית הסבא שלכם קבלוני תמיד וכבדוני ועזרו לי בלימודי".

חודשים אחדים אחר כך הוזמנתי לכנס יוצאי ולוצלבק והסביבה המתגוררים בניו יורק.

בהכנסי לאולם הסתבר לי כי מועטים הם מכרי בין הנוכחים. אך בתום הנאומים נגשו אלי אנשים רבים וספרו לי על ביתנו ועל הורי... ובאמריקה הרחוקה ומפי אנשים זרים דמו הסיפורים לא־גדה —: „היה היה בית יהודי חי ומלא תוכן, והוא הושמד, אך לא כולו הושמד — כי נשאר וחי — כזכרון לאותם הימים שחלפו ולא יחזרו עוד ולנגד עינינו עומדות הדמויות היקרות והבלתי נשכחות. „היה היה בית..." כך התנגנו סיפוריהם באזני!

שמעון צוקער / ניו־יאָרק

ר׳ העניך יאַנאָווער ז״ל



ווי אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָט אויך וולאָצלאַוועק פאַרמאָגט געשטאַלטן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן מיט זייער גייסט, תורה און מידות. אין דער אָרטאָדאָקסישער סביבה, האָט אַזאַ פּלאַץ פאַרנומען אין אונזער שטאָט — ר׳ העניך יאַנאָווער ז״ל.

אויסער דעם, וואָס ער איז געווען אַ בקי בש״ס ופוסקים, איז ער אויך געווען פון די חסידים ראשונים, פון די נאָענטסטע מקורבים נאָך ביים שפת אמת זצ״ל, ביים אַלטן גערער רבין. קומענדיק פון וואַרשע קיין וולאָצלאַוועק, וואָס איז דאַמאָלט געווען בבחינת „ארץ לא זרועה״, אויב עס האַנדלט זיך וועגן חסידות, האָט דער עולם אין אים באַלד דערזען דעם מנהיג. ער אַליין איז געווען ווייט פון גד־לות, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך באַשיידנקייט און עניוות.

די ערשטע אַרבעט צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און מסירות־נפש איז געווען: חינוך. ער איז געווען דער גרינדער פון דעם חדר „יסודי התורה״, וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט, מי און געלט. עס האָבן אין דעם חדר געלערנט הונדערטער קינדער פון וועלכע עס זענען שפּעטער אויס־געוואַקסן שיינע בני־תורה. דער חדר האָט ביי אים פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זיין טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג. גאַנץ אָפט פלעגט ער איבערלאָזן זיינע געשעפטן אין מיטן טאָג און אַריינגיין אין חדר, וואָרעם דער סאַמע קלענסטער פּרט אין חדר האָט אים אינטערע־סירט. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב ווי אַ קליין ייִנגל געלערנט אינעם דאָזיקן חדר, פלעגט זיין באַוווּסט אַלע תלמידים, אַז ר׳ העניך יאַנאָווער גיט 5 גראָשן יעדן ייִנגל, וועלכער קאָן אַ בלאַט גמרא פון אויסנווייניק. יעדן פאַרנאַכט פלעגט מען טאַקע ביי אים אין געשעפט טרעפן ייִנגלעך, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פאַרהערן פון אים צו עטלעכע בלאַט גמרא.

אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט פאַרנומען ביי ר׳ העניך יאָאַנאָווער דאָס קהלישע לעבן. מיטן אויפקומען פון דער לעגאַלער יידישער קהילה אין וולאָצלאַוועק ווערט ר׳ העניך דער פאָרשטייער פון אָר־טאָדאָקסישן יידנטום, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין דער „אגודה״, כמעט אין אַלע קהלישע אינסטיטוציעס.

עס איז כדאי איבערצוגעבן, אַז ווען די גרופּע אומפּאַרטייִשע דאָזאָרעס און פרנסים האָבן געפּרוווט ווירקן אויף ר׳ העניכן ער זאָל אָננעמען די נאָמינאַציע דורך דער מאַכט ווי אַ פּרעזעס פון דער קהילה — האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען די עצה. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די טענות מצד די יונגע אגודיסטן, אַז אויב ער וועט ווערן פּרעזעס פון דער קהילה, וועט ער קענען אַ סך טון לטובת יידישקייט אין שטאָט. ר׳ העניך האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. דער איינציקער וועג, האָט ער מתוך תמימות צוגעגעבן איז אַריינצופאָרן קיין גער און פרעגן דעם רבין. ער איז צוריקגעקו־מען אַ צעשטראַלטער פון שמחה. דער ענטפער פון גער איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין אייגענער איינשטעלונג. אין גער האָט מען געזאָגט — אַל תתוודע לרשות. ער האָט דעם אַמט נישט אָנגענומען.

ווי אַ שליח ציבור איז ר׳ העניך געקומען אין באַרירונג מיט די מאַכט־אָרגאַנען, דער עיקר כדי אָפּשרייען גזירות, זיין הדרת פּנים האָט געוועקט צו זיך רעספּעקט. זיין לאַנגע ווייסע באָרד מיט די אַרונטערגעקעמטע פּיאות, זיינע גרויסע ברעמען, וואָס האָבן פאַר־דעקט די ווייַס פון זיינע אויגן, האָבן איבעראַל אַרויסגערופן יראת הכבוד אַזוי ביי יידן ווי אויך ביי נישט יידן.

אַ באַזונדער אָרט האָט ר׳ העניך פאַרנומען אין דער חסידישער וועלט, אין די רייען פון גערער חסידות. וולאָצלאַוועק האָט פאַר־מאָגט אַ גערער שטיבל פון 20 מנינים יידן. און אַ גרויסער טייל פון יענע יידן זענען געווען באַקאַנטע לומדים, חסידישע פּערזענ־לעכקייטן — אַ שטייגער ר׳ אלעזר פלאַקסער ז״ל, ר׳ אלתר פּריזאַנט ז״ל, ר׳ משה דוד פוקס, ר׳ הערשל זשימנאָוואָדע שוחט און נאָך און נאָך. דאָך האָט מען זיך אין גערער שטיבל נישט דערלויבט צו שטעלן דאַוונען איידער ר׳ העניך איז געקומען. ווען ר׳ העניך פלעגט זיך באַווייזן אין שטיבל, פלעגט ווי פון זיך אַליין געמאַכט ווערן אַ וואַרע פאַר אים. גאַנץ אָפט פלעגט ר׳ העניך שבת פאַר קריאת התורה האַלטן דרשות וועגן רעיון פון אגודת ישראל, וועגן חינוך, מעורר זיין דעם עולם.

כדאי דאָ צו פאַרצייכענען דעם פאָלגענדיקן פאַקט: ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אָרגאַניזירט אַ לאַסט־וואָגן אויף ראש־השנה קיין גער, כדי אַ גרעסערער עולם זאָל קאָנען פאָרן פאַר אַ ביליקערן פּרייז, האָט אַ טאָג פאַר דער נסיעה ר׳ העניך יאַנאָווער מיך געפרעגט וואָס עס איז די סיבה, וואָס איך האָב אים אַרויסגעלאָזט פון דער חבריא. איך האָב אים דערקלערט אַז כ׳האָב געטראַכט, אַז אַן עלטערן מענטשן ווי ער וועט דאָס זיין צו שווער. אַ דערציטערטער בין איך געבליבן ווען ער האָט זיך אָפּגערופן: „ווי פאַלסטו אויס, אַז איך בין נישט בכוח צו פאָרן? ווען מען דאַרף גייִן צופוס, וואָלט איך עס געטאָן״. און ער האָט זיך צעלאָזט אין חסידות און דערביי געזאָגט, אַז די נסיעה גופא איז פון גאָר גרויסער חשיבות, ווייל די מינוט וואָס מען הויבט אָן צו פאָרן ווערט מען שוין מקושר מיטן צדיק הדור. „דערפאַר וויל איך דורכאויס מיטפאָרן מיט אייך״, האָט ער קאַטעגאָריש פאַרענדיקט דעם שמועס. דער קאָמפּאָרט פון דער נסיעה מיט דעם אָרעמען לאַסט־וואָגן מיט אויסגעשטעלטע בענק אַרויסגענומענע פון גערער שטיבל, מיט אַ צעריסענע פּלאַנדעקע, פאַרשפּאָר איך דאָ צו שילדערן. אָבער ביי ר׳ העניכן איז דאָס

געווען זיס און טייער. אַגב, אַלטע חסידים האָבן מיר דערציילט, אַז דער גערער רבי האָט זיך אָפט געפרעגט צו ר׳ הענעך פירט טיש אין וולאָצלאַוועק.

אין דער אַרבעט פון „אַגודת ישראל״ האָט ר׳ הענעך געזען אַ מצווה, גלייך ווי איינע פון די תרי״ג מצוות. ער איז געווען דער יושב־ראש פון „אַגודת־ישראל״ אין שטאָט און אָנטייל גענומען אין אירע וועלט־און לאַנד־קאָנפערענצן. כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז געווען אָנצוזאָגן אין זיינע דרשות נישט אַרויסצווייזן קיין שנאה צו אַנדערע פאַרטייען, ווייל ער האָט געגלויבט אַז סוף־כל־סוף וועלן אַלע ווערן אַגודה אחת...

זיין אייגן פריוואַט לעבן האָט ר׳ הענעך געפירט לויט אַלע פּרטים און דיקדוקים פ׳ן שולחן־ערוך. גאַנץ אָפט פלעגט שבת ביי שלוש סעודות זיין ביי אים אַן עולם אין שטוב. ער פלעגט דאַן האַלטן תורה־שמועסן. אין די יום־טובים פלעגט זיין דירה זיין פול מיט גערער חסידים, לומדים און אַנשי מעשה. יעדער האָט געגאַרט צו הערן פון אים אַ דבר חידוש, אַ דבר תורה, וואָרום דער עולם האָט אים פאָרט באַטראַכט ווי אַ רבין.

ער האָט זיך טאַקע געפירט ווי אַ גוטער ייד: עיניו למטה ולבו למעלה, פלעגט ער אין די ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטן אַריינ־קומען שפּעט צום קידוש. ער פלעגט זיך אָפּשליסן און לערנען.

גאַנץ אָפט פלעג איך זוכן אַ געלעגנהייט צו גיין צום דאַוונען מיט ר׳ הענעך יאַנאָווער כדי אויפן וועג צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים. איין מאָל גייענדיק צום דאַוונען מיט ר׳ הענעך ז״ל, פּסח אינדערפרי, האָט ער מיר אין סוד דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרשטערטן סדר. דאָס דינסטמיידל האָט נישט געוואָלט צוגיין צום סדר־טיש, ווייל זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן שעמעוודיק צו זיצן מיט אַלעמען צוזאַמען. ר׳ הענעך, וועלכער האָט רעכט נישט געקאָנט די פּנימער פון זיינע שנירן און האָט זיי דערקענט לויט זייער קול, האָט געוואַרט עטלעכע שעה ביז דאָס מיידל האָט זיך צוגעזעצט. אין דער נאַכט פון „כל דיכפין״ און פון חירות, האָט ער געוואָלט אונטער־שטרייכן אַז אַ יידיש מיידל איז אַ בת־חורין...

געווען איז ר׳ הענעך אַ גרויסער ייד און איז אומגעקומען פון די טמאדיקע הענט פון די אומברענגער.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

אליהו פלושאק / לאנדאן

געשטאלטן און בילדער פונעם וולאצלאוועקער עבר

עס איז דער צווייטער צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט.

מיר האָבן דאַמאָלט געוווינט אין וולאָצלאַוועק אויף דער קאַוואַלסקאַ גאַס נומער אַכט. עס איז געווען אַ ברייט און גערוימיק הייזל, וואָס מיינע עלטערן האָבן געקויפט עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר זענען געווען אַ גרויסע משפחה פון צען פאַרשוינען ביים געדעקטן טיש, און האָבן באַוווינט דעם גאַנצן אונטערשטן טייל, דעם פאַרטער, פונעם הויז. אינעם הויף איז געווען אַ קליין גערטנדל, ווו עס זענען געוואַקסן פאַרשידענע מינים בלומען און קולטיווירטע טיף־רויטע רויזן. דאָס דאָזיקע שטיקל גערטנדל איז געווען דער שטאָלץ פון מיין פאָטער ע״ה. צו דער לינקער זייט פונעם גערטנדל האָט זיך, אָנגעלענט אָן די מויערן פונעם שכנות־דיקן הויז, געצויגן ווי אַ לאַנגע קישקע, אַ שמאָלער קנאַפּ־איינשטאָקיקער בנין, פאַרשוואַרצט און פאַרסמאַרעוועט פון רויך און סאַדזשע, און מיט צעהאַקטע און צעשפּאָלטענע שויבן. אונטן איז געווען אַ קוזשניע און אַ שלאָסעריי פון דעם מין, וואָס מען האָט געקאָנט געפינען מיט אַן ערך 50 יאָר צוריק אין שטעט און שטעטלעך און גרעסערע דערפער פון פוילן. איבער דער קוזשניע, אויפן ערשטן שטאָק (אויב מען קען עס אַזוי באַצייכענען), איז געווען דער גרויסער בלאָז־זאַק, אַלטע האַלב־פאַרזשאַווערטע מכשירים, מאַטריצן און שטאַנצן, און גענוג פלאַץ, אָפּגעזונדערט אַלס בוידעם פאַר די לאָקאַטאָרן פונעם הויז, צו טריקענען זייער וועש בשעת אַ רעגן.

די קוזשניע און שלאָסעריי האָבן מיינע עלטערן געהאַט פאַרדונגען צו די ברידער לעווינסקי, צוויי יונגעלייט, וועמענס עלטערן מיט דער גאַנצער פאַמיליע זענען געקומען קיין וולאָצלאַוועק פון אַ קליין שטעטל אין קויאַווע. זיי, די עלטערן, האָבן געהאַט אַ געוועלב מיט מעל, גריץ, גרייפּלעך וכדומה אינמיטן דער שטאָט אויפן ראָג פון אַלטן מאַרק, וואָס האָט געפירט צו דער טומסקער גאַס. געווען זענען עס אייגנטלעך נישט צוויי, נאָר פיר ברידער, וועלכע איך האָב געקענט פערזענלעך. אין אונדזער משפחה האָבן מיר זיי אַ נאָמען געגעבן די אַרבעה בנים, פון וועלכע דער עלטערער, בערנאַרד, איז געווען די קרוין און שטאָלץ פון די לעווינסקיס. דער דאָזיקער בערנאַרד, מיטל־הויך געוואַקסן מיט אַן ערנסטן און אַנטשלאָסענעם פנים, האָט שוין זייער יונג פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין דער אַקסן־פאַבריק שוואַרץ, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער אונטערנעמונג. אין דער שלאָסעריי ביי אונדז אויפן הויף איז דער אָנפירער געווען אַ יונגערער ברודער פון בערנאַרדן מיטן נאָמען שלום בייניש — אַ קליינער, אַ „דאַרער און קוואַרער” און דאָך פיזיש גענוג שטאַרק, כדי צו קענען אויספירן גרויסע און שווערע שמיד־אַרבעטן, ווי אייזערנע טירן און טויערן, שטאַכעטן פאַר געוועלבער אַלס שוץ קעגן גנבים, שווערע שטאָל־בלעכערנע קאַניסטערס, און די לאַנגע מכשירים פאַרן ערשטן יידישן טורן־און ספּאָרט־פאַריין אין די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דעם שלום־בייניש האָט מען אייגנטלעך גערופן סאַלעק, און דעם יונגערן ברודער אברהם — אַבראַם. אַזוי האָט עס פאַרלאַנגט דער „גוטער טאָן” דאַמאָלט. אַבראַם דער יינגערער פון די צוויי, און גרעסער, שטאַרקער געבויט ווי סאַלעק, איז צוערשט געווען דאָס לערן־יונגל ביים עלטערן ברודער. ס'איז נאָך צוגעקומען אַ דריטער צו דער חברותא, — אַ יונגער שייגעץ פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן ביי די שווערע שמיד־אַרבעטן, ווו ער איז געווען דער צושלעגער. באַזונדערס געשיקט איז דער שייגעץ געווען ביי קאָמפּליצירטע שווייס־אַרבעטן, ווען צוויי שטיקער גליענדיקע פייער־שפּריצעדיקע אייזנס זענען געוואָרן צוזאַמענגעשמאָלצן, אָדער בעסער געזאָגט, צוזאַמענגעקאָוועט אין איין שטיק. אין אַ זומער־טאָג פלעגט ביי אַזאַ מין אַרבעט די שווערע, שוין אַביסל אויף דער אויבערפלאַך אָפּגענוצטע און אויסגעהוילטע קאָוואַדלע שטיין אין הויף. אַ פעלד־שמידעריי מיט פעדאַלן באַטריב און אַלע אַנדערע הילפס־ווערקצייג מיט די גרויסע און קליינע העמער דערנעבן האָבן געהערט צו די אַרבעטס־כלים. געשיקט און פאַכמעניש אויסגעפירט, האָט דאָס קאָוון פון אייזן מיט צוויי העמער געקלונגען ווי פיין־אינטאָנירטע, ריטמישע מוזיק — אַ מין גלאָקן־שפּיל פון האַמער און גרויסן און שווערן פאַר־האַמער: איינס און איינס; איינס, צוויי און איינס; קלינג און קלינג, קלינג־קלינג און קלינג... דאַמאָלט איז דער קליינער שלום־בייניש געווען אין זיין שעפערישן עלעמענט. זיינע יונגע טונקל־ברוינע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ, און זיין קליין פאַרסמאַרעוועט פנימל מיט שווייס און שטויב האָט אויסגעדריקט אַ פאַרחלומטן יידישן חן.

אַ מער פרימיטיווע אַלטמאָדישע שלאָסעריי און קוזשניע האָב איך אין מיין גאַנצן לעבן אין ערגעץ נישט געזען. עלעקטרע — אַ באַגריף פון אַ פאַרכישופטער וועלט. דער איינציקער מעכאַנישער אַפּאַראַט איז געווען אַ ווערטיקאַלע באָרמאַשין (מיט האַנט־באַטריב) און אַ זייער שוואַכער שפּינדל, וואָס וואָלט שווערע באָר־אַרבעטן נישט פאַרטראָגן. און דאָך איז פאַרהעלטענישמעסיק אַ סך גוטע אַרבעט אַרויסגעגאַנגען פון דער קליינער לעווינסקישער שלאָסעריי און קוזשניע, באַזונדערס די גרויסע האַנט־געבויטע טויער־שלעסער, און די לאַנגע האַנט־געקאָוועטע שליסל, וועלכע האָבן באַדינט מיט פּרעציזער גענויקייט דעם פיין־געאיילטן מעכאַניזם פון די דאָזיקע שלעסער.

וולאָצלאַוועק, אין יענער צייט, די גרעסטע מיטל־שטאָט אינעם מערב פון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע, און אַן ערך 55־60 קילאָמעטער פון דער דאַמאָלטיקער דייטשער גרעניץ, איז דער עיקר געווען אַ האַנדלס־שטאָט. קיין יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי אין לאָדזש, וואַרשע, מעזריטש אָדער ביאַליסטאָק, האָט וולאָצלאַוועק נישט געהאַט. אינעם האַנדל זענען געווען יידישע אָנגעשטעלטע און אין מלאכה — יידישע געזעלן. אין די גרויסע אונטערנעמונגען, ווי אין דער צעלולאָזע־פאַבריק (דאַמאָלט די גרעסטע אין אייראָפּע, אין וועלכע האָט געהערט צו דער באַרימטער פאַמיליע פון יידישע קונסט־מעצענאַטן, קאַסירער, פון בערלין) און אין נאָבעלס אייל־און נאַפט־דעפּאָ, האָבן אין מיין יוגנט־צייט קיין יידן נישט געאַרבעט. שניידעריי, שוסטעריי, קירזשנעריי, מעבל־פאַבריקאַציע און סטאָלערייען, בעקערייען, יוועלן־האַנדל און זייגערמאַכעריי — דאָס זענען געווען די עיקרדיקע יידישע מלאכות. אינעם האַנדל איז עס געווען תבואה, האָלץ און הורטאָוונע אייזן־סקלאַדן. שלאָסעריי און מעטאַלישע קליינאינדוסטרי האָבן עפּעס נישט געפּאַסט צום „יידישן סטיל”.

די עטלעכע יידן, וועלכע זענען שוין יאָ געווען פֿאַרטרעטן אין די מעטאַל־פֿאַכן און אין דער אויפֿקומענדיקער עלעקטרישער בראַנזשע האָבן שוין געהערט צו די אַסימילירטע עלעמענטן. ביי זיי אין דער היים האָט מען גערעדט נאָר פּויליש. זייערע קינדער האָבן זיך קוים געחברט מיט קינדער פֿון ייִדיש־רעדנדיקע עלטערן.

אַזוי איז עס געקומען, אַז די לעווינסקישע שלאָסעריי און קוזשניע ביי אונז אין הויף אויף דער קאָוואַלסקאַ נומער אַכט, אינמיטן דער שטאָט אין דער ייִדישער געגנט, איז געווען אַ שטיקל סענסאַציע. די קליענטן זענען מייסטנס געווען יידן, און אַלע געשעפֿטלעכע עסקים האָבן זיך געפֿירט אין ייִדיש כמעט, אינעם קעגנזאַץ צו דער אַלטער שלאָסעריי פֿון די ליכטנשטיינס (ווו סאַלעק לעווינסקי האָט געלערנט זיין „קונסט"), ווו מען האָט נישט גערעדט קיין וואָרט ייִדיש.

איך פּערזענלעך האָב מיך אין ייִנגלעשן באַנעם געפֿילט שטאַרק צוגעצויגן צו סאַלעק לעווינסקי; מיט זיינע קלוג־ממזרישע אויגן, זיין קלאָונאַרטיקן הומאָר און זיין חברישע, מענטשלעכע באַציונג צו יעדן און אַלעמען האָט ער גיך געוווּנען פֿריינד. אין זיין פּשטות האָט ער נישט געהאַט דעם באַוווּסטזיין, אַז באַהאַלטענערהייט איז אין אים פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ גוטער כאַראַקטער־שוישפּילער אָדער קאָמיקער. זייענדיק נאָך אַליין זייער יונג און שוין אַ זעלבשטענדיקער מייסטער, פֿלעגט ער האָבן אַ גרויסן קרייז פֿון באַקאַנטע. אין צייטן פֿון די שול־וואַקאַציעס פֿלעגן דאָרט אַהינקומען אַ געמיש פֿון יונגעלייט, שילער פֿון העכערע שולן און גימנאַזיעס פֿון אַנדערע שטעט, דערליידיקן די עסקים פֿון זייערע פֿאָטערס. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די אַטמאָספֿערע פֿון דער אויסערלעכער „גרעסערער" וועלט, וועלכע איז מיר נאָך געווען פֿרעמד. עס זענען אייגנטלעך געווען מיינע ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע קאָנטאַקטן, און איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פֿירן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

צווישן די יונגעלייט, וועלכע פֿלעגן אָפֿט קומען צו די לעווינסקיס אין געשעפֿטלעכע עסקים און ריין־פּערזענלעכע ענינים, האָט זיך גענומען באַווייזן אַ בחור, וועמענס אויסזען, אויסערלעכע האַלטונג און ערנסטקייט איז געשטאַנען אין סתירה צו דער אויבערפֿלעכלעכער וויל־יונגערישער זאָרגלאָזיקייט, וועלכע האָט באַהערשט אויפֿן ערשטן בליק דעם קליינעם וואַרשטאַט. געקליידעט איז ער געווען אין אַ קאַשקעטל און דריי־פֿערטל לאַנגן אויבער־ראָק, — אין דער מאָדערנער קליידונג פֿון האַלב־חסידישן שניט. און געקומען איז ער נישט סתם אַזוי אַלס גאַסט אָדער קונה מיט געשעפֿטלעכע כוונות. ניין, ער איז געקומען אַרבעטן טאָג נאָך טאָג. און באַלד האָט מען אים געזען מיט אַ מעטאַל־זעג צעשניידן אַ שטיק אייזן אָדער שטאָל, אָדער מיט אַ פֿייל באַאַרבעטן קליינע און גרויסע מעטאַל־פּלאַכן, בויערן לעכער אויף דער אַלטער אויסגעלויערטער באָרמאַשין מיט דעם צו שוואַכן שפּינדל, שניידן געווינדן מיט אַן אַלטער קלופּע פֿון „סאָביעסקיס צייטן", האַמערן דינע בלעכן און זיי פֿאַרוואַנדלען און אַרומפֿאָרמען אין אָפֿענע מעטאַלישע שאַכטעלעך — געהויזן פֿאַר שטאַרקע שלעסער מיט פֿיר שפּרונג־פֿעדערן, אָדער גאָר באַאַרבעטן אין דער קוזשניע אויף דעם אַביסל אויסגעהוילטן אויבערפֿלאַך פֿון דער שווערער קאָוואַדלע אַ לאַנג זעקס־עקיג שטיק שטאָל, פֿון וועלכן ער האָט אויסגעקאָוועט אַ מייסל. געטון האָט ער דאָס אַלץ מיט גרויסן ערנסט און כוונה, געשטעלט פֿראַגן און פֿאַרלאַנגט עצות, זייענדיק זייער קאַרג מיט ווערטער און אויסנוצנדיק יעדע מינוט פֿאַר זיין אַרבעט.

באַצויגן האָט מען זיך צו דעם ניי־צוגעקומענעם מיט גרויס דרך־ארץ. צוליב דעם שייגעץ און אַ טייל פֿון דער נייער קליענטעלע איז געוואָרן גערעדט אַ סך פּויליש, און ס'איז מיר אויפֿגעפֿאַלן, אַז דער שייגעץ פֿלעגט דעם „נייעם" טיטולירן מיט: פּאַן. אויך קיינער פֿון די לעווינסקיס האָבן אים נישט געדוצט, ווי זייערסגלייכן, נאָר האָבן אים אַרויסגעוויזן גרויס רעספּעקט.

פֿונעם ערשטן טאָג אָן האָט מיך דער „נייער גאַסט" אין דער לעווינסקי שלאָסעריי זייער אינטערעסירט. זיין גאַנצער אויסזען און באַנעמען זיך האָבן גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין דער האַלב־ציגיינערישער סביבה פֿון דעם וואַרשטאַט. זיין צו־באַלעבאַטישער, סטאַטעטשנער און ערנסטער באַנעם איז געווען די גרעסטע סתירה צו דער ווילד־יונגערישקייט פֿון זיין מייסטער סאַלעק לעווינסקי. פֿון־עגן סתם אין דער וועלט אַריין, ווער דער דאָזיקער יונגערמאַן איז, און צוליב וואָס ער איז דאָ אַ שטענדיקער גאַסט, האָב איך מיך פּשוט געשעמט. עס איז נישט געווען ביליקע נייגעריקייט, וואָס האָט מיך געריי־צט. מיך האָט אינטערעסירט דער אינערלעכער מהות פֿון דעם שיין־געבויטן בלאָנדן יונגערמאַן פֿון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, מיט זיין פֿאַרנעפּלטן ווייטן בליק אין די אויגן און זיינע נישט־ייִדישע גרויסע אויסגעאַרבעטע הענט.

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר שבועות האָב איך געהאַט אַ סך צו טון, די צוגרייטונג צו די שלוס־עקזאַמענס פֿונעם שול־יאָר. די שולע איז געפֿירט געוואָרן מיט דער באַוווּסטער דייטשער פּינקטלעכקייט און דיסציפּלין (איך האָב געלערנט און באַענדיקט מיין מיטל־שול־בילדונג אין דער דייטשער האַנדלס־שולע). די תלמידים האָבן געמוזט שווער אַרבעטן, כדי אַפֿילו מיטלמעסיק צו באַלייגן זייערע עקזאַמענס. דערצו זענען צוגעקומען די אָפֿטע חברישע באַגעגענישן מיט די שילער פֿון דער „גאָראָדסקאָיער" — דער רוסישער שטאָטישער מיטל־שולע. אין די העכערע קלאַסן האָבן זיי דאָרט געהאַט אַלס הויפּט־לערער פֿאַר רוסיש, רוסישער ליטעראַטור און געשיכטע אַ גרוזינער פֿון קאַווקאַז אַן עלטערן הויכגעוואַקסענעם בחור מיט אַן אינטעליגענטן אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אין פּנים. זיין אויסטייטש און לעקציעס (וועלכע זענען געווען רעפֿעראַטן) איבער די רוסישע פּאָעטן און נאָוועליסטן פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, באַזונדערס טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי זענען געווען אַ שם דבר, אַ סענסאַציע פֿאַר זיינע תלמידים, וועלכע האָבן משיג געווען די ראָלע, וועלכע די רוסישע ליטעראַטור האָט געשפּילט אינעם לעבן פֿון אַן אַבסאָלוטיסטישער דעספּאָטישער מאָנאַרכיע. איך בין היינט זיכער, אַז „נאַטשאַלסטוואָ" האָט דאַמאָלט נישט קיין סך געוווּסט פֿון דעם איינפֿלוס, וועלכן דער גרוזינער האָט מיט זיינע לעקציעס אויסגעאיבט אויף אַ סך יונגע מענטשן, באַזונדערס אויף זיינע אינטעליגענטע ייִדישע תלמידים. אין אונזער שולע האָבן מיר פֿאַר די זעלביקע קעגנשטאַנדן געהאַט מאַדאַם נאָווי־קאָוואַ, די אלמנה פֿון רוסישן פּאָליציימייסטער נאָוויקאָוו, וועמען די פּעפּעסאָווצעס[1] האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט דערשאָסן נישט ווייט פֿון אונזער הויז, בשעת ער איז געגאַנגען אין טעאַטער. אויך זי איז געווען אַ גרויסע קענערין און ליטעראַטור־ליבהאָבערין און האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי איבערצופֿלאַנצן איר וויסן און ליבע צו דער גרויסער און טיפֿער רוסישער ליטעראַטור אין אונז, יונגע מענטשן.

פֿאַר אונז, דער יוגנט פֿון דאַמאָלט, איז דאָס געשריבענע און

[1] פּ. פּ. ס. — פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ (פּוילישע סאָצ. פּאַרטיי).

געדרוקטע וואָרט געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון אונזער לעבן, און מיר האָבן געפירט ביז גאָר גרויסע דיסקוסיעס. אַ טייל פון אונז זענען געווען קינדער פון מתנגדיש־משכילישע הייזער, ווו אַ יידישע טאָג־צייטונג, יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס און יום־טוב־בלעטער זענען געווען אַן אינטעגראַלער חלק אינעם פאַמיליע־לעבן. און דאָס, וואָס מיר האָבן געלערנט און געוווסט, האָבן מיר פרובירט אַריבערצוטראָגן אין הייזער און פאַמיליעס, ווו אַ „בלאַט־צייטונג" אָדער „גאַזעט" אָדער אַ בוך, אפילו אַ יידיש בוך, איז געווען ענטוועדער טריפה־פסול אָדער אַן איבעריקער לוקסוס, אָן וועלכן מען קען זיך באַגיין.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער ניי־צוגעקומענער בחור האָט עפּעס געהערט פון אונזערע צוזאַמענקונפטן און אונזערע שמועסן, ויכוחים און דיסקוסיעס. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן זיך אַרומצוקוקן, אין וועלכער סביבה ער איז אַריינגעפאַלן. פּאַמעלעך איז ער אַרויס פון זיין רעזערווירטקייט. איינמאָל אַריינקומענדיק אינעם וואַרשטאַט נאָך אַ לאַנגער צייט האָב איך אים דערטאַפּט שרייבנדיק אויף עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז געווען אויסגעלייגט אויף דער קאָוואַדלע. זיין פּנים האָט זיך פאַררויטלט, ווי איך וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גנבה. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען מיט וואָס זיין שרייבן האָט אַ שייכות, ווייל אין דער צווישנצייט בין איך געוויר געוואָרן, ווער דער יונגערמאַן איז און צוליב וואָס ער קומט רעגלמעסיק אין דער לעווינסקישער שלאָסעריי.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געכאַפּט שרייבנדיק, בשעת ער האָט באַאַרבעט אינעם שרויבשטאָק (אין פּוילישע וואַרשטאַטן פלעגט מען דאַמאָלס זאָגן: שרובשטאַק) אַ שטיקל שטאָל. דאָס מאָל האָב איך אים שוין דרייסט געפרעגט, וואָס ער שרייבט. ערשט האָט ער מיר געענטפערט, אַז ס'איז גאָרנישט. פילנדיק, אַז ער זאָגט מיר נישט דעם גאַנצן אמת, האָט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צוגעגעבן, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, איז נאָך נישט רייף. עס פעלט נאָך דער ריכטיקער שליף.

ווי איין אין אַ וואַרעמען זוניקן פרילינגס־טאָג איז די מחיצה צווישן אונז לאַנגזאַם צעשמאָלצן געוואָרן. ער איז אינגאַנצן אַרויס פון זיין צוריקגעהאַלטנקייט און האָט מיר דערציילט, אַז אין די קומענדיקע צוועלף חדשים אַנטשיידט זיך זיין גורל. ער האָט צו טראָגן אַ גרויסן און שווערן עול (דאָס האָט מען געקענט אַראָפּלייענען פון זיין פּנים און זיין טיפן ערנסט). דאָס שרייבן איז נישט דאָס וויכטיקסטע, אָבער ער האָט עס ליב. ער וויל זיך באַמיען אין קומענדיקן יאָר אָנצוקומען אין בערלינער פּאָליטעכניקום, און איינער פון די תנאים איז, אַז אַן עקסטערן מוז האָבן באַענדיקט אַ לערנצייט פון $3\frac{1}{2}$ יאָר אַלס שלאָסער און מעכאַניקער. ער וויל זיך באַמיען דאָס צו טון אין איין יאָר, און איז גרייט שווער צו אַרבעטן, כדי דאָס צו דערגרייכן.

און ער האָט באמתדיק שווער געאַרבעט! עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, צו וועלכער ער זאָל זיך נישט נעמען. ער האָט געהאָלפן בויען די האַנט־פאַבריצירטע גרויסע שווערע טויערן־שלעסער, ער האָט מיטגעהאָלפן אין דער קוזשניע ביים קאָוון און צוזאַמענמאָנטירן אייזערנע טירן און טי־רלעך פאַר גאָרטנס און הייזער, און איז געוואָרן אַ בקי אין אַלע רעפּעראַטור־אַרבעטן, וועלכע קומען פאָר טאָג־איין טאָג־אויס אין אַ פּוילישער שלאָסעריי. איך האָב ביי יידן אין מיין יוגנט־צייט קיין גרעסערן מתמיד אין אַרבעטן נישט געטראָפן. און אַלץ האָט ער געטון מיט גרויסן ערנסט און אַ באַזונדערער פייערלעכקייט, ווי ס'וואָלט געווען אַ מלאכת הקודש.

מיט זיין ערנסט און פייערלעכקייט, און אַ באַהאַלטענער שווערמוטיקייט אין זיין אויסדרוקספולן פּנים, האָט דער דאָזיקער בחור טאַקע געטראָגן אַ שווערן עול אויף זיינע יונגע פּלייצעס. דערצו איז נאָך צוגעקומען זיין דראַנג און חשק צום שרייבן. און דאָ האָט אים אפשר זיין אינסטינקט געזאָגט, אַז ער ברויכט נישט צו זיין קיין „נסתר" פאַר מיר. גאַנץ פון זיך אַליין האָט ער, דער עלטערער, זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו מיר, דעם יונגן שול־יינגל פון $14\frac{1}{2}$ יאָר. עס איז געווען דער אָנפאַנג פון מיין באַקאַנטשאַפט און שפּעטערדיקער פריינדשאַפט מיט פישל־בער ראַוויצקי, דעם משלים־שרייבער פון וואָלאָצלאַוועק.

עס איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך שבועות אינעם יאָר 1913. איך האָב באַלייגט מיינע עקזאַמענס און געהאַט עטלעכע חדשים וואַקאַציעס, גענוג פרייע צייט זיך צו ווידמען מיין שטאַרקער ליידנשאַפט — לייענען. אָבער אממייסטן האָב איך געוואָלט ווידמען מיין פרייע צייט אין דעם זוניקן זומער דעם נייעם טאַלאַנט, וואָס איך האָט אַנטדעקט אין מיין אייגן וועלטל — אין דער שלאָסעריי ביי אונז אויפן הויף. איך האָב מיך געטראָפן מיט עטלעכע עלטערע חברים פון די אַנדערע שולן און זיי מיט אַ יינגלעשער באַגייסטערונג דערציילט פון מיין אַנטדעקונג. די גריכן האָבן געהאַט זייער עזאָפּ, די פראַנצויזן — לא פאָנטעין, די רוסן — קרילאָוו, און מיר יידן מיט אונזער יונג־יידישער ליטעראַטור וועלן האָבן אונזער אייגענעם משלים־שרייבער, און דערצו נאָך, אַ היימישן, אויפגעוואַקסן דאָ צווישן אונז אין קויאַווע, אין וואָלאָצלאַוועק, — פישל־בער ראַוויצקי. און אין מיין יונגער פאַנטאַזיע האָב איך זיי געמאָלן אַ בילד, ווי אַזוי די יונג־יידישע ליטעראַטור וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן צו אַזאַ באַדייט, אַז אין מאָדערנע יידישע שולן וועט יידישע ליטעראַטור זיין אַ לימוד, און יידישע קינדער וועלן נעבן די קלאַסיקער פון אַנדערע פעלקער און לשונות אויך לערנען מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ, און שטאָט די משלים פון קרילאָוו וועלן מיר שפּעטער אין יידישע שול־ביכער האָבן די משלים פון אַן אייגענעם...

און רעגלמעסיק האָב איך מיך אָנגעהויבן צו טרעפן מיט פישל־בער ראַוויצקי אין זיין פרייער צייט, און ער האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיינע צוקונפטס־פּלענער. פון פאָטערס זייט האָט ער קרובים אין בערלין, ווו ער גלויבט צו ווערן אָנגענומען אַלס סטודענט אינעם פּאָליטעכניקום. צו דעם מוז ער זיך גוט און גרינטלעך צוגרייטן. דאָרט פאַרלאַנגט מען אַ געוויסע אַלגעמיינע שול־בילדונג און דעם אָפּשלוס פון אַ „געזעלן־פּריפונג", ווי מען רופט עס אָן אין דייטש. ער האָט אַלס עקסטערן גענומען לעקציעס ביי פּריוואַט־לערערס אין מאַטעמאַטיק (אַלגעברא און געאָמעטריע), געאָגראַפיע און אַלגעמיינע לימודים, איינגעשלאָסן אַביסל פיזיק און כעמיע. ער האָט אַ גרויס ציל פאַר זיינע אויגן, און ער מוז עס דורכזעצן אָן שום קאָמפּראָמיסן.

און דאָ זענען מיר געקומען צום פּונקט, ווו איך האָב פון אים געבעטן, ער זאָל מיר ווייזן און פאָרלייענען עטלעכע שאַפונגען, וועלכע זענען שוין רייף.

אַזוי זענען מיר געוואָרן צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, און אין אַ שיינעם זומער־אָוונט נאָך זיין אַרבעטסצייט אין דער שלאָסעריי האָט ער מיך געפירט אַרויס פון שטאָט און פונעם יידישן קוואַרטאַל אין אַ הויז, ווו ער האָט געלעבט מיט זיין משפחה — אַ מוטער, און אַ יונגערן ברודער און שוועסטער.

איך קען נישט זאָגן, אַז זיין עלטערן־הויז און היים, און די אייל־מיל הינטער דעם הויפּט־בנין אינעם לאַנגן הויף האָבן אויף מיר געמאַכט אַ פריינדלעכן איינדרוק. אַ שטרענגע ערנסטקייט און שווערמוטיקייט האָט זיך געטראָגן כמעט פון אַלע ווינקלען און ווינקעלעך. דער איינציקער פריילעכער שיין איז געקומען פון די ליכטיקע אייגעלעך פון זיין שוועסטערל, וואָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר ייִנגער פון מיר. ווען איך בין געוואָרן פאָרגעשטעלט זיין מוטער, האָט זי מיין אוניפאָרם פון אַ שילער פון אַ העכערער שולע אָנגעקוקט מיט אַ מין פיינדלעכקייט, זי האָט מיך פרעמד אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. אפשר איז איר געווען דערווידער מיין צעלאָזענע און זאָרגלאָזע יינגלשקייט, אפשר האָט זי, די שטרענגע און אָרטאָדאָקסיש־קאָמפּראָמיסלאָזע יידישע מאַמע און יונגע אלמנה, אין מיר געזען אַ פרעמדן עלעמענט, וואָס וויל אַריינדרינגען אין איר וועלט, אין איר דאָמיניע, וווּ אַלץ ווערט געפירט לויט אַ באַשטימטן דרך און סדר, נאָר ווי זי וויל, און וואָס זי וויל, און נישט אַנדערש.

באַזונדערס האָט זי נישט גערן געזען, ווען פישל־בער האָט מיך געפירט צו די פאָליצעס און דעם בוך־שענקל, וואָס זיין פאָטער ע״ה האָט געלאָזן. דאָרט האָב איך מיך געשווינדט צוגעכאַפּט צו די דייטשע קלאַסיקער, און איך קען מיך דערמאָנען, אַז נאָר איינמאָל האָב איך מיר אויסגעבאָרגט אַ באַנד פון שילערס ווערק, וואָס איך האָב נאָך אַ קורצער צייט אייליק צוריקגעבראַכט. איך האָב ביז צום היינטיקן טאָג נאָך דאָס געפיל, אַז צו די דאָזיקע ביכער פון אַן אַנדערער נישט־יידישער וועלט האָט זי זיך באַצויגן ווי צו פיינדלעכע צעשטערערישע עלעמענטן, וואָס פּאַסן נישט אַריין אין איר וועלטל.

הייסט עס, אַז פישל־בערס פאָטער ע״ה איז געווען אַ „געכאַפּטער״ אין דער מעשה, אַ משכיל, אַן אויפגעקלערטער. דייטשע קלאַסיקער און אַנדערע וועלטלעכע ביכער האָט מען דאָך נישט געפונען סתם אַזוי אין יידישע און דערצו נאָך שטרענג־אָרטאָדאָקסישע הייזער. און מיין נייער פריינד, זיין סביבה און לאָמיר דאָס אָנרופן זיין „זכות אבות״ האָט מיך נאָך מער אָנגעהויבן צו אינטערעסירן, נאָך איידער איך האָב געהאַט בדעה עפּעס צו טון, מיטצוהעלפן מיין פריינד פון אַ „נסתר״ צו ווערן אַ „נגלה״.

פישל־בער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען זיין פאָטער, מענדל־וואָלף ראַוויצקי ע״ה, איז געשטאָרבן. עס איז פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה מיט נאָך צוויי קינדער, ייִנגערע פון פישל־בער: אַ בחורל, שטיל און פאַרחלומט, און אַ לעבעדיקע ברונעט־האָריק מיידעלע. עס איז געבליבן אַ גרויס הויז אין אַ ריין־גוייִשער געגנט מיט שפּייכלערס און אַן אייל־מיל. די לייטונג פון די געשעפטן האָט איבערגענומען פישל־בערס זיידע, אַ ייד אַ כעסן, פול מיט שטימונגען און שטענדיק אַן אומצופרידענער. ער האָט ליב געהאַט צו קאָמאַנדעווען, און דער צוועלף־יאָריקער בחור האָט פונעם אַלטן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות און געמוזט טון אַלע שווערע אַרבעטן.

פישל־בערס פאָטער האָט געשטאַמט פון אַרבעטסזאַמע קערנדיקע יידן, נישט קיין גרויסע למדנים, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרום. איין אָפּצווייג פון דער ראַוויצקישער משפחה האָט געהאַט אין אַרענדע פּריצישע גיטער אין מערב־פּוילן, און אַן אַנדערער אָפּצווייג, פון וועלכן פישל־בער שטאַמט אָפּ, פלעגט באַאַרבעטן די פּרוכטן פון דער ערד — געשלאָגן אייל. זיין פאָטער איז שוין געווען דער דריטער דור פון די דאָזיקע אייל־שלעגער, ווי מען האָט זיי פּראָסט גערופן אין אונזער געגנט. ער פלעגט קומען אין באַרירונג מיט פּוילישע פּריצים, גוט־באַזיצער און זייערע אַדמיניסטראַטאָרן, און פון זיי נאָשן אַביסל וועלטלעכע און אַלגעמיינע בילדונג. מיט דער השכלה איז ער באַקאַנט געוואָרן אַ דאַנק אַ קוזין, וועלכער האָט שטודירט מעדיצין אין בערלין (דאָקטאָר ראַוויצקי איז געווען זייער באַקאַנט אין בערלין און געהאַט אַ גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק). פישל־בערס פאָטער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פון אַ זאַמלער, באַזונדערס אין פאָלקלאָר. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע פאַמיליע־בריוו, אָנהויבנדיק פון די דרייסיקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, אַרומפאָרנדיק צום דאָזיקן צוועק איבער גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, זיי סעגרעגירט לויט דער צוגעהעריקייט צו די בתי אב, איבערגעשריבן מיט אַ געקינצלטער פּערל־שריפט אויף פּאַרמעט, און ביי יעדן ציקל בריוו אויפגעצייכנט דעם גענעאַלאָגישן בוים פונעם באַשטימטן אָפּצווייג פון דער משפחה. דאָס אַלץ האָט ער איינגעבונדן אין אַ גרויס בוך מיט אַ לעדערנע איינבאַנד אין פאָרם פון אַ מחזור. אויך האָט ער געזאַמלט און סעגרעגירט לויט אַן אַלפאַבעטישן סדר פּוילישע, פּראַנצויזישע און לאַטייַנישע שפּריכווערטער. (עס איז באמת אַ וווּנדער, ווי אַזוי איז דערגאַנגען דער דאָזיקער אויטאָדידאַקט צו די קענטענישן פון פּראַנצויזיש און לאַטייניש!). די פאַמיליע־בריוו האָבן געהאַט אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט, און דער קדוש זלמן רייזען ע״ה, וועלכער האָט זיי געזען, האָט געוואָלט אויספּועלן ביי פישל־בערס מוטער, אַוועקצושענקען די בריוו דעם ייוואָ. זי האָט עס נישט געוואָלט טון, און איז דאַרויף באַשטאַנען, די בריוו זאָלן בלייבן אַלס פאַמיליע־ירושה, און איבערגיין פון דור צו דור [2].

פישל־בערס מוטער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. אין דאָרף ראַציאָנזשעק ביי די הורבות פון אַ פּוילישן מיטלעלטערלעכן פירשטלעכן שלאָס האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען יצחק־יעקב פּאָזנאַנסקי. ער איז געווען פון אַ רבנישער לומדישער משפחה, א תלמיד חכם פון דעם שניט, וואָס האָט נישט געוואָלט מאַכן פון דער תורה אַ פּרנסה, און האָט געצויגן זיין חיונה פון אַ קלייט מיט אַלע נויטיקע זאַכן פאַר פּויערן. חוץ דעם איז ער געווען אַ שרייבער אין דער אָרטיקער גמינע. ער האָט געהאַט דריי זין און פיר טעכטער. די ייִנגסטע פון די טעכטער האָט געהייסן דאָבריש, און זי איז די מאַמע פון פישל־בער. נאָך איר איז געקומען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער ראַבינער און פּרעדיקער פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע, ד״ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי — דער פאָרשער פון דער גאונים־תקופה און די קאַראַימער, אַ וועלט באַקאַנטער געלערנטער, גרינדער פון סעמינאַר פאַר יידישע רעליגיע־און היסטאָריע־לערער אין די פּוילישע מלוכהשע פאָלקסשולן פאַר יידישע שילער. אויך איז ער געווען דער איניציאַטאָר פינעם יודאַיסטישן אינסטיטוט אין וואַרשע און פון דער יודאַיסטישער ביבליאָטעק. זיינע צוויי עלטסטע ברידער זענען געווען: דער ראַבינער ד״ר וואָלף־אַדאָלף פּאָזנאַנסקי, רב אין ווין, מחבר פונעם בוך „שילה״, אַ זאַמלונג פון מיטלעלטערלעכע ויכוחים צווישן יידן און קריסטן איבער דעם טייטש פונעם פּסוק: „לא יסור שבט מיהודה וכו׳״, און ד״ר חיים (העברי) פּאָזערט, איינער פון די באַדייטנדיקסטע דאָקטוירים אין מעמפּיס, פּש״א. אין דער אייגענער משפחה האָט מען זיך שפּעטער געחידושט, פון וואַנען האָט זיך

---

[2] דער גאַנצער פאַמיליע־אַרכיוו איז אונטער דער נאַצי־הערשאַפט געגאַנגען פאַרלוירן.

גענומען צו ר׳ יצחק־יעקב פּאָזנאַנסקי, דעם שטרענגן מתנגד, תּלמיד חכם און דאָרפס־תושב, דאָס דאָזיקע שטרעבן צו געבן זיינע זין הויכע בילדונג, און נאָך דערצו אין נוסח פון דער מענדעלסאָנישער השכלה.

די טעכטער האָט ר׳ יצחק־יעקב דערצויגן אין אַ שטרענגן יידיש־רעליגיעזן גייסט. די יינגסטע, דאָבריש, איז געווען זייער פרום און אָפּגעהיטן אין אַלע דינים, און זיך געפירט לויטן אַלטן מתנגדישן שטייגער. חסידות האָט ביי איר געשמעקט מיט פרעמדקייט און „אפיקורסות", און זי האָט ביז צו די לעצטע מינוטן פון איר לעבן נישט געקענט מוחל זיין דעם יינגערן ברודער פון פישל־בער הלמאי ער פאָרט צום גערער רבין און געהערט צו דער „חסידישער כאָפּטע". (זי איז געשטאָרבן שבועות 1939).

מיט דרייסיק יאָר איז זי געוואָרן אַן אלמנה און נישט געוואָלט מער חתונה האָבן, נישט וועלנדיק געבן אַ שטיף־פאָטער פאַר אירע צוויי זין און טאָכטער. זי האָט געהאַט אַ זייער שטרענגן ערנסטן כאַראַקטער. אין איר מהות איז זי געווען אַ מאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט און געזאָרגט, די משפּחה פון איר צד זאָל זיך האַלטן צוזאַמען און זיין געקניפּט און געבונדן. עס זענען איבערגעבליבן יתומים פון אַ יונג־פאַרשטאָרבענער שוועסטער. איבער זיי האָט זי געהאַלטן אַן אפּוטרופּסישע האַנט. מען פלעגט נישט שליסן קיין שידוך אָן איר הסכּמה, און אויך האַט מען איר אָפּגעגעבן רעגלמעסיקע באַריכטן וועגן אַלע ענינים און וויכטיקע שריט אין לעבן. די אייניקלעך האָבן געמוזט קומען יעדן שבת צו דער באָבע אויף שבת־אויבסט, און יעדן יום־טוב זי באַגריסן. פישל־בער האָט זיין מוטער זייער פאַרערט און איר אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע, כאָטש זי האָט נישט מסכּים געווען מיט זיינע „נייע דרכים", מיט זיין שטרעבונג אַריינצודרינגען אין דער מאָדערנער טעכנישער וועלט. זי האָט אָבער אין די שפּעטערע יאָרן חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך געהאַט אַקעגנגעשטעלט צו זיין שטודיום אין בערלין און אים צוריקגערופן אַהיים. זי האָט געוואָלט, ער זאָל ווערן אַ רב.[3]

2.

דאָס שרייבן פון משלים קען דאָך נאָר זיין אַ פּועל יוצא פון אַ געדאַנקלעכער פילאָזאָפישער איינשטעלונג צו מענטש, וועלט און סביבה פון אַ שרייבער מיט אַ פּאָעטישן חוש און אַ לייכטן שפּילעוודיקן פאָלקסטימלעכן הומאָר און, ווען נויטיק, בייסנדיקער סאַטירע. אָן דער באַפּוצונג און באַפליגלונג פונעם פּאָעטישן און לייכטן הומאָר וואָלט דאָס משלים־שרייבן געווירקט אויפן לייענער ווי בדחנות אָדער טענדענציעזער מוסר. דאָס מוז דער אָנהויבער פישל־בער האָבן געשפּירט אין זיינע יונגע יאָרן. מחמת דעם האָט ער זיינע ערשטלינגס־ווערק כסדר געשליפן, אויסגעבעסערט און סטיליסטיש און שפּראַכלעך איבערגעאַרבעט.

און ער איז מיר, דעם יונגיטשקן ענטוזיאַסט, געווען זייער דאַנקבאַר, ווען איך האָב אויף אונזערע שפּאַציר־גענג, מייסטנס אין די אַלייען פונעם גרויסן שטאָט־גאָרטן, צוגעצויגן מיינעם אַן עלטערן פריינד און בן עיר, סענדער ציאַנמאַן וועלכער איז דאַמאָלט שוין געווען אַ האַלבער סעמינאַריסט, און האָט זיך צוגעגרייט צו ווערן אַ לערער. סענדער איז געווען אי זאַכלעך, אי אויפריכטיק. ער האָט נישט נאָר געוואָלט אינהאַלט, סטיל און גראַם, נאָר אויך ריטם. די

[3] די גענויע פּרטים פון דער פאַמיליע־כראָניק פאַרדאַנקט דער מחבר מנחם ראַוויצקי, דעם זון און איינציקן יורש פון פישל־בער ע״ה.

שפּראַך, די זאַצן, די שורות מוזן, לויט דער דאַמאָלטדיקער שיטה פון פּאָעזיע, אפילו אין משלים־שרייבן, זיין געוויגן און געמאָסטן, — עס מוז זיין ריטם. אויך אין יידיש מוזן פערזן האָבן דעם וווילקלאַנג און מוזיקאַלישן גלייך־קלאַנג. און פישל־בער האָט זיך געאיילט נאָכצוקומען דעם דאָזיקן באַגער און גוט־געמיינטער עצה, און ווי מעגלעך, האָט ער זיינע שוין אָנגעשריבענע משלים איבערגעאַרבעט לויט דעם נייעם נוסח.

אָבער דאָס אַלץ האָט אים נאָך נישט באַפרידיקט. מיט געשריבענע מאַנוסקריפּטלעך און צעטעלעך אין אַלע טאַשן, קען מען באַקאַנט ווערן ביי אַ מנין אָדער צוויי. עס האָט אים געריסן צו דער וועלט, ווערן מפורסם, באַקאַנט, ווי יעדער אַנדערער שרייבער. עס איז דאָ שוין, ברוך השם, אַ יידישע פּרעסע. אין וואַרשע דערשיינען רעגלמעסיק צוויי־דריי טעגלעכע צייטונגען. די ריזן פון דער יונג־יידישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק האָבן געפּראַוועט גרויסע טריומפן. זיי זענען געווען אין זייערע בעסטע שאַפערישע יאָרן. און די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן געלייענט און געפירט וויכּוחים איבער אַלץ, וואָס איז געוואָרן דאַמאָלט געשריבן. פישל־בער האָט געוואָלט ווערן איינער פון די יונגע, פון די ניי־צוגעקומענע. ער האָט געגאַרט צו זען עפּעס פון זיינע זאַכן געדרוקט. און דאָ איז וואָלאַזשוק, אַ פיינע שטאָט מיט אַ ביסל אינטעליגענץ, אָבער אָן אַ יידישער צייטונג אָדער זשורנאַל, און וואַרשע איז אַזוי ווייט, און די מענטשן אַזוי פרעמד. אָבער אין וואַרשע איז דאָך דאָ י. ל. פּרץ, און פּרץ פּראַוועט טיש, און האָט ליב מקרב צו זיין יונגע טאַלאַנטן.

און מיר האָבן אים שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל פאָרן קיין וואַרשע, ער זאָל אַליין פאָרלייענען פאַר פּרצן. אפשר זאָל ער אים צוערשט שרייבן אַ בריוו, אָנפרעגן, ווען ער קען צו אים קומען. קיין סך צייט וועט ער ביי אים נישט אָוועקרויבן, און ווען ער, פּרץ, וועט זאָגן, אַז זיין שרייבן האָט נישט קיין ווערט, וועט ער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אינגאַנצן אויפגעבן.

ליידער איז עס צו דער געפּלאַנטער רייזע צו פּרצן נישט געקומען, מחמת פישל־בער האָט באַענדיקט זיין לערן־צייט ביי די לעווינסקיס, און איז געפאָרן קיין בערלין אינעם פּאָליטעכניקום. נאָך ניין אָדער צען חדשים איז ער, ווי עפּעס אַן אַנטוישטער, צוריקגעקומען. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די קרובים פון בערלין, וועלכע האָבן אים אין אַ געוויסער מאָס געזאָלט זיין ביי־הילפיק בשעת זיין דאָרטיקן שטודיום, האָבן זיך באַצויגן צו אים פרעמדלעך. ווי איך בין שפּעטער געווויר געוואָרן, האָט זיין מוטער שטאַרק געדרענגט, ער זאָל אַהיימקומען. אין אַ געוויסער מאָס האָט זי געהאַט רעכט. זי האָט איר באַליבטן בכור נישט געוואָלט האָבן אין רשות פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך צו אים קאַלט באַצויגן.

עס איז געווען דאָס יאָר פון 1914, עטלעכע חדשים פאַרן אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז געווען אַ שיינער זומער מיט אַ רייכן גאָלד פון אַ וואַרעמדיקער זון בייטאָג און אַ ברילאַנטענעם הימלבלוי און די קורצע זומער־נעכט מיט זילבער־בלישטשענדיקע שטערן און שטערנדלעך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לאַנגע זומער־וואַקאַציעס פון די מיטעלע און העכערע שולן אין דער שטאָט. איך אַליין און אַ סך פון מיינע חברים האָבן גראָד באַענדיקט אונזער שולצייט, און אונזער ווייטערדיקער גורל האָט זיך געזאָלט אַנטשיידן אין די קומענדיקע חדשים. צוגעקומען זענען די גימנאַזיסטן און אוניווערסיטעט־סטודענטן פון די גרויסע שטעט. טאָג־איין, טאָג־אויס זענען אָנגעקומען מיט דער באַן פאַמיליעס מיט קינדער און יוגנטלעכע אויף דאַטשע קיין שפּעטאַל אויף דער אַנדערער זייט

ווייסל. די גאַסן, גערטנער און בולוואַרן זענען געווען אָנגעפּילט מיט יונגע מענטשן און זייער שפּרודלדיקן לעבן; אָנגעפּילט מיט גלויבן, גלוסטן און האָפענונג. מען האָט אַ סך גערעדט, דעבאַטירט און געשפּינען חלומות. יונגוואַרג, אַרויסגעקומענע פון די שולן, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע מונדירן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּירן ווי האַלב־דערוואַקסענע, שטופּן זיך און מישן מיט די עלטערע בחורים און מיידלעך פון שטאָט.

מען האָט געלעבט אונטער דער צאַרישער קנוטע, און פרייע אָרגאַניזאַציעס אָדער געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פאַראיינען אָן פּאָליציייִשער קאָנטראָל זענען נישט געווען דערלויבט. עס איז געווען די צייט פון דער פינצטערסטער רעאַקציע. חוץ דער קהילה מיט אירע שולן, בתי מדרשים, רעליגיעזע חברות און חסידים־שטיבלעך, האָט מען מיטן אויסנאַם פון דער יידישער ביבליאָטעק קיין וועלטלעכע אינסטיטוציע אָדער פאַראיין פאַר דערוואַקסענע נישט געקענט. די דאָזיקע ביבליאָטעק איז געוואָרן פאַרוואַלטעט פון אַ קאָאַליציע פון ציוניסטן, האַלב־אַסימילאַנטן און אַמאָליקע בונדיסטן (דער „בונד”, ווי אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען אומלעגאַל). די דאָזיקע קאָאַליציע איז צוליב פאַרשידענע טעמים נישט געווען קיין גלייכער שידוך, אָבער ביי די דאַמאָלט געגעבענע אומשטענדן האָבן די צדדים קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. כדי עס זאָל נישט קומען צו רייבונגען און קאָנפליקטן אין באַציונג צו יידיש־לייענער און העברעיש־לייענער (אָדער פּויליש) זענען צוגעטיילט געוואָרן צוויי דעלעגאַטן, איינער פון יעדן צד, צו דער שטענדיקער און באַצאָלטער ביבליאָטעקאַרין. פון דער בונדישער זייט איז עס געווען דער „וועטעראַן” (נאָך דאַמאָלט אַ יונגערמאַן אין די צוואַנציקער יאָרן) מאיר דוד אַלטער און פון דער ציוניסטישער זייט איינער פון די זין פון ראש השוחטים, מאיר דוד טכוזש. זייער אַמט אַלס דעלעגאַטן אָדער אויפפּאַסערס האָבן זיי אויסגעאיבט נאָך זייער טעגלעכער אַרבעט ביז בערך צען אַ זייגער אין אָוונט. די ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ וויכטיקער טרעפפּונקט, און די ווייניקע קולטורעלע אונטערנעמונגען, וועלכע מען האָט זיך דאַמאָלט געקאָנט דערלויבן ביי דעם שטרענגן פּאָליציייִשן טעראָר, האָבן דאָרט געהאַט זייער אויסגאַנגס־פּונקט.

אַזוי איז פון דאָרט געקומען די בשורה, אַז פּרץ, דאַמאָלט דער אומגעקרוינטער קעניג אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור, וועט אין וולאָצלאַוועק האַלטן אַ פאָרלעזונג. אַזוי ווי די ברידער טכוזש זענען געווען גוטע פריינד פון פישל־בער, בין איך געווען איינער פון די ערשטע געוויר צו ווערן דעם דאָזיקן סוד. אין מיין אייגענעם קרייז האָט די ידיעה אַליין שוין אַרויסגערופן גרויס התפעלות. איצטער וועט פישל־בער האָבן די געלעגנהייט פאַר פּרצן אַליין פאָרצולייענען זיינע ערשטלינגס־ווערק! דאָס איז לייכטער, ווי צו פאָרן נאָך וואַרשע און וואַרטן אויפן חסד צוגעלאָזן צו ווערן צום ריז פון דער יידישער ליטעראַטור. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז נחום סאָקאָלאָוו געווען אין וולאָצלאַוועק און האָט מיט גרויס דערפאָלג געהאַלטן אַ פאָרלעזונג אינעם טעאַטער „נאָוואָשטשי” אויף פּויליש. נאָך דער פאָרלעזונג איז געווען אַ גרויסער באַנקעט ביים שטאָטישן רב ר׳ יהודה־לייב קאָוואַלסקי ז״ל, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע נאָטאַבלען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון וולאָצלאַוועק און דער אומגעבונג. מען האָט עס געקענט שפּירן אין דער לופט, אַז דאָס קומען פון פּרצן קיין וולאָצלאַוועק וואָלט געווען די גרעסטע סענסאַציע און דעמאָנסטראַציע פאַר יידיש און דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ביבליאָטעק מיט איר לייען־זאַל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַלע גוטע שאַפונגען אין בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, טאָג־צייטונגען, פּעריאָדישע אויסגאַבעס, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען וכד׳, און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די יידישע מאַסן, וועמען דער חדר און שולע האָבן נישט געגעבן גענוג בילדונג. עס זענען געווען די צייטן פון די גרויסע קאַמפן צווישן יידישיסטן און העברעיסטן, און די לעצטע, די חובבי שפת עבר, האָבן מורא געהאַט, אַז מיטן קומען פון פּרץ קיין וולאָצלאַוועק וועט דער זיג און טריומף פאַר יידיש זיין אומבאַשטרייטבאַר. דאָס האָבן זיי געוואָלט פאַרמיידן, און פון אַלע האָפענונגען און צוגרייטונגען איז גאָרנישט געוואָרן. פּרץ איז נישט געקומען קיין וולאָצלאַוועק.

און כאָטש פישל־בער איז צום ציוניזם געווען צוגענייגט מער ווי צו יעדער אַנדערער יידישער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון זיין צייט, האָט ער מיר דאָס אַלץ מיטגעטיילט מיט אַ טרויער, ווייל פּרצעס טריומף האָט אויך געקאָנט ווערן זיין אייגענער טריומף.

אַליין איז ער געווען אַ צעמישטער און אומצופרידענער נאָך זיין קורצער „עסקאַפּאַדע” אין בערלין. זיין פריינד טכוזש האָט אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל אַריינטרעטן אַלס יונגער סוחרישער אָנגעשטעלטער אינעם תבואה־געשעפט פון גליצנשטיין (אָדער גליצענשטיין און קאָמפּאַניע) אויף דער ברייטער גאַס. ער האָט דעם פאָרשלאַג צוליב פאַרשידענע טעמים נישט אָנגענומען, און אין זיין אויפריכטיקער פריינדשאַפט צו מיר (דאָס האָב איך אין מיין גאַנצן לעבן נישט פאַרגעסן) האָט ער אין אַ פּריוואַטן שמועס מיט גליצנשטיין אַליין, מיך פאָרגעשלאָגן פאַר דעם דאָזיקן פּאָסטן.[4]

עס איז געקומען די צייט פון סאַראַיעוואָ, מיט דעם מאָרד פונעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ־פּאָר. פּאָליטישע כמאַרעס האָבן זיך פאַרצויגן איבער גאַנץ אייראָפּע. עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג.

אין אַ דאָנערשטיק אָוונט, אין די לעצטע טעג פון אַ זומערדיקן יולי, איז אַ קליינע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון אַ יונגן אָפיציר, אַרומגעריטן אין פאַרשידענע שטאָט־טיילן, און מאָנאָטאָן פאָרגעלייענט די קייזערלעכע פּראָקלאַמאַציע פון אַ מאָביליזירונג פון אַלע מיליטערישע כוחות אין די מערב־פּראָווינצן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען אַ הייסע זון האָט געברענט און געבראָטן אין אַלע נישט־באַשאָטנטע ווינקלען און יידן האָבן זיך צוגעגרייט מקבל זיין דעם שבת, האָבן דינע שוואַרצע וואָלקן באַדעקט, אָדער בעסער געזאָגט, אונטערגעדעקט דעם בלויען הימל. דאָס איז געקומען פון די נאָבעלס נאַפט־דעפּאָס מחוץ דער שטאָט, די נאַפט־זאַפּאַסן, וועלכע זענען אויפן באַפעל פונעם מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט געוואָרן פאַרברענט. זונטאָג איז די לאַנגע צענעמבאַרע בריק, וועלכע האָט פאַרבונדן וולאָצלאַוועק מיטן דאַטשע־אָרט און דאָרף שפּעטאַל, געוואָרן אויפגעריסן מיט דינאַמיט. אַן אומזיכטבאַרע נערוועזיטעט האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן די געמיטער. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז די רוסישע חיילות וועלן ווערן צוריקגעצויגן פון די מערב־פּראָווינצן, הויפּטזעכלעך פון קויאַווע, עס איז נאָר געווען אַ פראַגע פון עטלעכע טעג און עס וועלן אָנקומען די ערשטע פאָרפּאָסטן פון דער פּרייסיש־דייטשער אַרמיי.

אָבער, דאַמאָלט איז דייטשלאַנד, חוץ איר מיליטאַריסטישער

---

4 צוליב דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָב איך דעם פּאָסטן נישט באַקומען.

איינשטעלונג, נאָך געווען איינע פון די ציוויליזירטע לענדער פון אייראָפּע. „דאָס לאַנד פון דיכטער און דענקער״, ווי זיי האָבן זיך אליין טיטולירט, און פאַר יידישע משכילים און אויפגעקלערטע — דאָס מעקאַ פון בילדונג, פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. לעבנדיק אָן האָפענונגען אונטער דער צאַרישער קנוטע מיט די „קראָמיע יעוורעיוו״ (חוץ יידן) געזעצן, קען אפשר די אינוואַזיע פון דייטשן מיליטער און דאָס איבערנעמען פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג און אַדמיניסטראַציע ברענגען אַ שנוי צום גוטן. עפנטלעך האָט מען דאָס מורא געהאַט צו זאָגן. גויים ווי יידן האָבן זיך אויסערלעך רויק פאַרהאַלטן, און כדי עס זאָל נישט קומען צו עקסצעסן און אַנאַרכיע, איז געוואָרן פאָרמירט אַ ציווילע מיליץ מיט קריסטן און יידן צוזאַמען.

נאָך עטלעכע טעג זענען אָנגעקומען מיט דער באַן־ליניע פון טוירן די ערשטע דייטשע פאָרפּאָסטן. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען צו רעפּערירן די צעשטערטע באַן־ליניע, וואָס גייט נאָך וואַרשע. נאָך זייער צוריקצוג זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט עטלעכע רעגימענטן פון טיף־רוסלאַנד און סיביר, צווישן זיי אַ סך מאָנגאָלן און קירגיזן. מיט זייער אויסזען און באַנעמען האָבן זיי אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער יידישער באַפעלקערונג. זיי זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון אַ גרויסן רעאַקציאָנער און שונא ישראל, גענעראַל פירשט מאַמאָטאָוו. צו הויבן די מאָראַל פון זיינע חיילות זענען אים געוואָרן צוגעטיילט עטלעכע ראָטעס פון קאָזאַקן. אַלע צוזאַמען האָבן זיי זיך באַנומען ווי אין אַ פרעמדאָקופּירטן לאַנד, האָבן געשלאָגן יידן, געריסן ביי די בערד, געטשעפּעט און באַלעסטיקט די פרויען, געשלעפּט צו שווערע אַרבעטן, ווי אויסלאָדעוועון רעקוויזירטע סחורות און מכשירים פאַר מיליטערישע צוועקן. עס האָט געהערשט אַ ווילדער טעראָר. נאָך דער אינטערווענץ אונטער דער אָנפירונג פון שטאָטישן רב, דעם אַלגעמיין־געשעצטן ר׳ יהודה־לייב קאָוואַלסקי ז״ל, האָט זיך דער טעראָר אַביסל אָפּגעשטעלט, און די מיליטער־פירונג איז געוואָרן איבערגעטראָגן צו אַ ליבעראַלערן העכערן אָפיציר, גענעראַל גראַף קעלער.

אינעם הארבסט זענען פון מערב־זייט אָנגעקומען שטאַרקע דייטשע חיילות מיט אינפאַנטעריע און לייכטער אַרטילעריע, און נאָך אַ פאַרהעלטענישמעסיק שטאַרקער שלאַכט, ביי וועלכער די רוסן האָבן זיך זייער שלעכט און שוואַך פאַרטיידיקט, האָבן די דייטשן באַזעצט וואָלאָצלאַוועק ביז צום סוף מלחמה, נאָוועמבער 1918.

עס א״ז געקומען דער פוילישער האַרבסט מיט זיינע מילדע און שאַרפע ווינטן און רעגנס. די שטאָט, וועלכע האָט געלעבט פון האַנדל מיט דער אויסנוועלט און קליין־אינדוסטריע, איז מחמת דער מלחמה געווען נישט נאָר אָפּגעשניטן פון דער וועלט, נאָר אַוועק פון דעם טייל פוילן, ליטע און רוסלאַנד, ווו עס האָט רעגירט די אַלרוסישע מאכט. אַרבעטסלאָזיקייט און אָרעמקייט האָט געהערשט אין אַ סך יידישע הייזער, נאָר די, וועלכע האָבן געהאַנדלט אָדער פּראָדוצירט אויסאַרבעטונגען, וועלכע האָבן אין אַ באַשטימטער מאָס געקענט דינען פאַר מיליטערישע צוועקן, און אַזוי אַרום די נייע „באַלעבאַטים״, האָבן געקענט אָנהאַלטן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד אָדער אפילו גאָר אים פאַרבעסערן.

פישל־בערס פערזענלעך לעבן האָט זיך געניי אַזוי געענדערט אונטער די נייע לעבנס־באַדינגונגען, ווי דאָס פערזענלעכע לעבן פון אַלע זיינע בני־עיר. וואָס ס׳איז שייך זיין מוזע, האָבן מיר, סענדער ציגאַמאַן און איך, אים געראָטן זיך צו זען מיט ד״ר שטערמאַן, דעם איידעם פון רב קאָוואַלסקי, וועלכער איז נאָך זיינע שטודיען אין פּאַריז, געוואָרן אַ תושב אין אונזער שטאָט. ד״ר שטערמאַן האָט אונטער דעם פּסעוודאָנים י. ב. צפור אין יענער צייט אַ סך געשריבן אין יידיש, און איז פאַר דער מלחמה אויפגעטרעטן אין וואַרשע מיט אַ סעריע לעקציעס איבער ליטעראַטור. באַזונדערס מפורסם איז ער געוואָרן מיט זיינע גוט־געשריבענע עסייען און אַ מיסטישע דראַמע איבער גאולה און גלות מיטן טיטל: „די שכינה אין גלות״.

ד״ר שטערמאַן האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען, און ווי פישל־בער האָט מיר נאָך דעם געשפּרעך אויספירלעך דערציילט, האָט ער אים זייער דערמוטיקט ווייטער צו שרייבן, און אַזוי באַלד ווי עס וועט זיין אַ פאַרבינדונג מיט וואַרשע, וועלכע איז אינגאַנצן געווען אָפּגעשניטן פון אונז, זאָל ער פּרובירן אַריינצושיקן זאַכן צום דרוק פאַר די ליטעראַרישע פרייטאָג־אויסגאַבן פון די דאָרטיקע טעגלעכע צייטונגען. ער האָט אים געלויבט פאַר דער זאַפטיקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, וועלכע דאַרף בלייבן אַ מקור פון זיין שאַפן, אָבער ער מוז זיך היטן למען השם נישט אַריינצופאַלן אין אַ טאָן פון בדחנות, פון וועלכער עס איז שוין דאָ גענוג אין די פריערדיקע עלטערע שאַפונגען פון אונזערע פּאָעטן.

אַזוי האָט ער ווידעראַמאָל באַאַרבעט זיינע זאַכן, געשליפן, געשניטן און צוגעגעבן נייע ווערטער, גרייט צום דרוק אין דער צייט, וואָס וועט קומען. ער האָט זייער אַ סך געשריבן. זיינע טאַשן זענען אייביק געווען פול מיט כתב־ידן, פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, און ווי יעדער שרייבער, וואָס גלויבט אין זיינע שאַפונגען, האָט ער גאָרנישט אַוועקגעוואָרפן. יעדן איינפאַל אויפגעשריבן און אָפּגעהיטן מיטן געדאַנק, אַז עס קען אַמאָל צונוץ קומען.

מיט דער צייט, נאָך איידער זיינע זאַכן זענען אַריין אין דרוק, איז ער אין געוויסע קרייזן פון דער אייגענער יוגנט געוואָרן באַקאַנט אַלס מענטש מיט גייסטיקע יידיש־וועלטלעכע קולטורעלע אינטערעסן, אַלס דער פּאָעט פון בהמות, פערד און חיות, און אין זיין בוך „משלים״ מאַכט ער זיך אַן אַפּאָלאָגיע צו זיין מוזע:

„מיט גרויס תרעומת איז צו מיר אַריין די מוזע:
— וואָס האָסטו פאַר אַ העזה,
מיך באַהעפטן מיט בהמות און חיות,
פון אַנדערע פּאָעטן נעם דיר ראיות,
זיי זינגען פאַר דער מענטשהייט נאָר,
מיט רעש, מיט שטורעם,
ווי אַ מלאכים־כאָר,
ראָמאַנסן, סערענאַדן,
סאָנעטן, לידער לירישע, באַלאַדן,
אָבער דו? דו טוסט מיר אָן יסורים,
דו גיסט מיר אַלס חברים,
חמורים, פערד און אָפּטמאָל גאָר חזירים.״

אינעם אַריינפיר אָבער צו די „משלים״ זענען באַפאַלן דעם מחבר מיט אַ ירגזון די בהמות, חיות, אייזלען און פערד:

„ס׳איז ממש אומדערהערט,
דו נעמסט דיך חוצפהדיק און אומגעשטערט
פון אונז אַ מענטש צו מאַכן״.
און כ׳האָב געענטפערט מיט אַ לאַכן:
„איך טו פאַרקערט,
איך נעם די פיינסטע לייט,
צי אָן אַ פעל אויף זיי,

הענג אָן אַ זנב, ווי ס׳געהער צו זיין,
נאָכדעם פאַרטרייב איך עטלעכע אין וועלדל ווייט,
שטעל אַנדערע אין שטאַל אַריין,
זיי זאָלן קייען שטרוי און היי.״

פון די געבראַכטע ציטאַטן זעען מיר, ווי דער ערנסטער סטאַטעטשנער בחור פאַרמאָגט אַ טיפן טיפּיש־יידישן הומאָר, און אַלס בן־עיר וואָלט איך געוואָלט צוגעבן, אַ לאָקאַלן קויאַווער־יידישן הומאָר.[5]

און ווייל עס איז נישט מער דאָ קיין יידיש־פאָלק און קיין יידיש־לעבן ווי אַמאָל, אין פוילן אַלס לאַנד און אין וולאָצלאַוועק אַלס שטאָט, איז עס וויכטיק שוין פון ליטעראַריש־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט צו דערמאָנען, אַז נאָר אין אַ סביבה פון אַן אייגן לעבן מיט אַן אייגענער קולטור און טראַדיציע, און ווו דער דריי און אַ האַלב מיליאָניקער יידישער ישוב, כאָטש געטיילט אין רעליגיעזע און וועלטלעכע גרופּעס און שיטות, איז דאָך געווען אַ מאָנאָליטישע פאָלקס־איינהייט — נאָר אין אַזאַ עטנישן און שפּראַכלעכן קבוץ האָט אַ דיכטער זיך געקאָנט אויסווירקן און שאַפן אַזאַ שיין ביכל פאַר יידישע קינדער, ווי דאָס האָט געטון פישל־בער ראַוויצקי ע״ה מיט זיין צווייטער אויסגאַבע פון „אַ זינג — אַ שפּיל״ (פאַר קינדער), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1935 אין וואַרשע.

.3

עס איז געווען ווינטער 1915. קאַלט און אָפּגעזונדערט איז די שטאָט געווען, איינזאַם און אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דאָס דייטשע אָקופּאַציע־מיליטער איז געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון שטאָטישן לעבן. קיין ציוויל־רעכט האָט נישט עקזיסטירט. אויך נישט קיין באַוועגונגס־און פאַרזאַמלונגס־פרייהייט. צו פאָרן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאַכט (אַ פּשעפּוסטקע). מער ווי דריי מענטשן האָבן זיך נישט געטאָרט פאַרזאַמלען אויף דער גאַס. די נייאויפגעוואַקסענע יוגנט דרייט זיך אַרום אָן באַשעפטיקונג, אָן אַ ציל, אָן אויסזיכטן, ווייל קיינער ווייסט נישט, ווי לאַנג די מלחמה קען אַזוי אָנהאַלטן. דער איינציקער פּלאַץ, ווו מען קען זיך אַמאָל טרעפן איז די ביבליאָטעק, דער לייען־זאַל. די שטאָט אין אָוונט, מחמת מלחמה, שלעכט באַלויכטן, האָט מען נישט געוווסט זיך ווו אַהינצוטון. האָבן זיך אַ גרופּע בחורימלעך, געטראָפן אינעם ביוראָ פון שניצערס האָלץ־סקלאַד. דער האַנדל איז דאָך געווען טויט, האָבן מיר באַזעצט דאָס „ביוראָ״, גערעדט, געשמועסט, דיסקוטירט און זיך געהיצט. אפשר וועט פון רעדן דאָך עפּעס אַרויסקומען? און ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן אין אָוונט „אויסצומעסטן״ די גאַסן, שפּאַצירן גיין אין גרופּעס פון דריי און פיר מענטשן (אין אַ גרופּקעלע שטיין־בלייבן איז געווען דערלויבט נישט מער ווי דריי), הערן, וואָס זיי זאָגן, וואָס זיי טוען, און וואָס זיי ווילן טון. האָט זיך צו אונז אָנגעשלאָסן אַ יונגער שניידער־געזעלן מאָשקאָוויטש, אַ פּאָר יאָר עלטער פאַר מיר, און האָט פאָרגעשלאָגן, אַז זיין צימערל, ווו 8 ביז 10 מענטשן קענען זיך טרעפן, קען דינען אַלס פאַרזאַמלונגס־אָרט. דאָרט ביי אים וועט מען קענען באַשמועסן זאַכן, פּלאַנעווען, האַלטן קליינע פאָרלעזונגען, דיסקוטירן וכו׳ וכו׳.

דער פּלאַן איז געוואָרן אָנגענומען, און איך האָב מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט „מענטשן״, און האָב אויסגעפונען, אַז אייגנטלעך זענען מיר פון אָנהויב אָן שוין אַריבערגעוואַקסן די צאָל פון צען מענטשן, און דאָס האָט געקאָנט ווערן געפערלעך מחמת די שטרענגע מיליטערישע געזעצן.

די ערשטע, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צום קרייז זענען געווען: פישל־בער ראַוויצקי, וועלכער האָט מייסטנטייל פאָרגעלייענט זיינע אייגענע שאַפונגען און סענדער צינאַמאָן, וועלכער פלעגט אָפּהאַלטן קליינע רעפעראַטן איבער ליטעראַטור, געשיכטע און פראַגן פון אַלגעמיינעם וויסן, דער אויבן־דערמאָנטער מאָשקאָוויטש, אין וועמענס צימערל עס זענען פאָרגעקומען די צוזאַמענקונפטן, אַן אַנדער יונגער בעל־מלאכה מיטן נאָמען סאָכאַטשעווסקי, צוויי פון מיינע נייע באַקאַנטשאַפטן: פייגע (פעלא) יאַקובאָוויטש — אַ יונגע שניידערין, צוריקגעקומען אַהיים פון דער פרעמד און אירע אַ פריינדין מיטן נאָמען בעלא טכוזש (אַ טאָכטער פונעם קאַמאַשנמאַכער) צוויי פון מיינע עלטערע שוועסטערן, חנהלע און פייגע־פעלאַ (געשטאָרבן יונגערהייט), אַ געוויסער פּאַרושאַק, אַן עלעגאַנטער פיינער יונגערמאַן, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ הוט־געשעפט אויף דער ברייטער גאַס און זיינער אַ פריינד — ביידע פון לאָדזש, מאַניאַ סאָכאַטשעווסקא און אירע אַ פריינדין, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. דער קרייז וואָלט דאַמאָלט געקענט אויסוואַקסן אָבער דאָס צימערל, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן איז נישט געווען גרויס גענוג, און חוץ דעם האָבן מיר נישט געוואָלט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון „באַטשאַלסטוואָ״.

מיר האָבן אונזערע צוזאַמענקונפטן געהאַלטן בסוד, אָבער ווי באַקאַנט, האָבן זיך אַנדערע מענטשן אויך אין ערגעץ געטראָפן. די אומלעגאַלע בונדאָוצעס פון אַמאָל זענען אַרויס פון די „נאָרעס״ און האָבן אויך באַשלאָסן עפּעס צו טון, עפּעס מער ממשותדיקעס ווי אונזער גרופּע. מיט מיר האָט זיך שוין קורץ פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה געהאַט געחברט אַ זייער סימפּאַטיש־פריינדלעכער יונגער האַנדלס־אָנגעשטעלטער מיטן נאָמען מאַקס ראָזענטאַל (אַ געשוועסטער־קינד פונעם אומגעקומענעם בונדישן פירער יעקב־לייב ראָזענטאַל) און ער האָט מיר דערציילט פון געהיימע און אינטערעסאַנטע „סכאָדקעס״[6], אָנגעפירט פון מאיר־דוד אַלטער און קלמן זשעלאָנקאַ. ער האָט מיר די „סכאָדקעס״ געשילדערט מיט באַגייסטערטע ווערטער, און מיך געוואָלט אַריינציען אין זיין קרייז. אָבער דערצו איז עס דאַמאָלט נאָך נישט געקומען.

באַלד זענען אונזערע צוזאַמענקונפטן, אַזוי שטיל און געהיים ווי זיי זענען פאָרגעקומען, געווען אַ „סוד פאַר גאַנץ בראָד״. שניצער און לעווין שוואַרץ (היינט אין אַמעריקע), דער „שוסטאַק״ (זעקס פינגער אויף דער לינקער האַנט) וואָלקאָוויטש און יוחנן זילבער, אשר אַלטער (מאיר דוד אַלטערס יונגסטער ברודער און מיין לייבל׳עכער שוואָגער) און פראַניאַ שפּיראָ, — אַ האַלבע שטאָט יוגנט, יונגע געזעלן פון דער פרעמד, וועלכע האָבן געוווינט ביי זייערע באַלעבאַטים, יונגע היימישע געזעלן און בעלי־מלאכות — אַלע האָבן זיי געוואָלט צושטיין צו אונז, און ווו עמעצער האָט געהאַט אַן עוולה אויסצושטיין, איז מען געקומען ענטוועדער צום קוואַדרומווירא̈ט „אַלטער — זשעלאָנקאַ — הילער — ראָזענטאַל״ אָדער צו אונז. מיר האָבן פּשוט אָנגעהויבן זיך צו פילן וויכטיק, און ערלעך געזאָגט, מיר האָבן דערליידיקט געוויסע סיכסוכים על הצד היותר טוב, אָבער מיר האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זיך אַליין.

[5] אַן ענלעכן, ערלעכן און טיפן ערד־געבונדענעם הומאָר וועט איר געפינען ביי משה עובד ע״ה, דעם לאָנדאָנער יידישן דיכטער, וועלכער איז אויך געווען אַ קויאַווער, פון אַלעקסאַנדראָוואָ ביי דער ווייסל.

[6] אומלעגאַלע צוזאַמענטרעפן.

פון אָנהויב אָן האָבן מיר זיך געהאַט געשטעלט בילדונגס־און קול־טור־אויפגאַבן, און נישט פּאָליטישע אָדער געווערקשאַפטלעכע (עפּעס, וואָס איז אונז געווען פרעמד אין טעאָריע און פּראַקטיק).

מיט אַמאָל זענען מיר שוין געווען אַ גרופּע פון 40 ביז 50 מענטשן אינעם עלטער פון 16 (איך אַליין) ביז 24־25 יאָר. מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו טרעפן אָפיציעל ביי מאַשקאָוויטשן, אָבער די פאַרבינדונג איז געבליבן אויף אונזערע שפּאַצירגענג אין די גאַסן פון שטאָט. נישט־דירעקט, האָבן מיר געהאַט פאַרבינדונג מיט די אַמאָליקע טוער פונעם „בונד", וועלכע האָבן אונז באַטראַכט פאַר חברים אינעם צוקונפטיקן אויפבוי פון קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע זיי האָבן געפּלאַנעוועט. מיט דער צייט וועט די דייטשע מיליטער־מאַכט מילדערן די געזעצן, און עס וועט דערלויבט ווערן אַ געוויסע מאָס פון פאַראיינס־פרייהייט.

די גרעסטע צאָל לייענער אין דער ביבליאָטעק האָט געלייענט יידיש. עס איז אויפגעוואַקסן אַ נייע, אַ וויסן־דורשטיקע יוגנט. אַלע ווילן זיי לייענען און לערנען. קיין סך פון בילדונג האָבן זיי, נישט אין חדר און נישט אין דער שקאָלע, געגאַשט. פון דער וועלט איז מען אָפּגעשניטן, קיין פאַרגעניגנס זענען נישטאָ. די שול און בית־המדרש האָבן פאַר זיי נישט מער דעם רייץ פון אַמאָל. „נייע צייטן — נייע פייגל, נייע פייגל — נייע לידער". וויל מען לייענען און לייענען.


אָבער אין דער ביבליאָטעק ווערן זיי נישט באַהאַנדלט (אַזוי לפּחות פילן זיי) ווי די פּויליש אָדער עברית־לייענער, זענען זיי געקומען צו אונז מיר זאָלן זיך אָננעמען פאַר זייער עוולה. די תשובה וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג האָט אונז נישט באַפרידיקט און מיר האָבן זיך גענומען גרינדן אַן אייגענע ביבליאָטעק. מיר האָבן מאָביליזירט אונזערע כוחות צו זאַמלען ביכער, ווו מיר האָבן נאָר געקענט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר שוין געהאַט אַן ערך 400 ביז 450 ביכער אין יידיש און אין פּויליש. (אַן אַסימילאַטאָרישע פאַמיליע לעווינסקי — נישט אונזערע לעווינסקיס — האָבן געשענקט 127 ביכער). מיר האָבן אין געהיים געגרינדעט אַ פליענדיקע ביבליאָטעק, אָדער ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן אינעם אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד: „לעטוטשאַיאַ ביבליאָטעקאַ". די הויפּט־קוואַרטיר איז געווען ביי אונז אין שטוב. דאָ זענען אויך געשריבן געוואָרן די צייטווייליקע קאַטאַלאָגן פון אַ פּראָוויזאָרישער ביבליאָטעק. מיר האָבן זיכער געגלויבט, אַז מען וועט אונז נאָכגעבן. מיר זענען אויך זיכער געווען, אַז מען וועט אונז נישט פאַראַטן און נישט מסרן.

די קליינע צוזאַמענקונפטן ביים יונגן שניידער־געזעלן מאַשקאָוויטש און די זאַמלונג פון ביכער פאַר דער פּראָוויזאָרישער ביבליאָטעק זענען געווען די ערשטע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען פון פישל־בער, איידער ער איז מפורסם געוואָרן אַלס שרייבער און קולטור־טוער איבער די גרעניצן פון זיין היים־שטאָט וולאָצלאַוועק.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, חול המועד פסח 1915 (אָדער איז עס געווען 1916?) איז צו מיר צוגעקומען מאיר דוד אַלטער און מיר מיטגעטיילט, אַז מיר ברויכן וועגן אונזער אַקציע גאָרנישט קיין מורא צו האָבן. אין אַ פריינדלעכן שמועס מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, האָט די „ציוניסטישע פראַקציע" באַשלאָסן פרייוויליק אַרויסצוגעבן די 800 ביכער, וועלכע די אַמאָליקע אַרבעטער־ביבליאָטעק (נישט אין מיינע צייטן) האָט צושטייער געגעבן צו דער אַלגעמיינער יידישער ביבליאָטעק פון וולאָצלאַוועק. די צען־יאָריקע קאָאַליציע איז דערמיט געקומען צו אַ סוף. אין אַ זייער קורצער צייט איז אין אַ פאַרהעלטענישמעסיק קליינעם חדר אויף דער ברייטער גאַס געוואָרן געגרינדעט די נייע אַרבעטער־ביבליאָטעק, פון וועלכער עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די געזעלשאַפט „צוקונפט" מיט איר דראַמאַטישער סעקציע, דעם גרויסן שיינעם לייען־זאַל, דער גרויסער בראָניסלאַוו־גראָסער־ביבליאָטעק, וועמענס אויפבלי אין די צוואַנציקער יאָרן און שפּעטער איך האָב נישט מער בייגעוווינט. די ערשטע ביבליאָטעקאַרן פון דער ניי־באַגרינדעטער ביבליאָטעק זענען געווען: מאיר דוד אַלטער און איך.

*

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. ס'איז אַנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן און קורץ נאָכדעם איז פאַרגעקומען די פּויליש־סאָוויעטישע מלחמה. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבושעוועט און דער רוב פון אונז האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַוועק, ווער קיין אַמעריקע און ווער קיין מערב־אייראָפּע. דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין וולאָצלאַוועק האָט זיך אָבער ווייטער געפירט, געהאַט זיינע עליות און ירידות, אָבער קיינמאָל זיך נישט איבערגעריסן ביז עס זענען געקומען די דייטשע בעסטיעס, אַ גאַנץ פאָלק פון רוצחים און אויסגעהרגעט, פאַרטיליקט, פאַרגאַזירט דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן און צעשטערט זיין לעבן, קולטור און המשך. אויסגערויכערט טויזנט יאָר יידיש לעבן און יידיש שאַפן.



ברויט־קופּאָנען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

תלושי לחם במלחמת העולם הראשונה.

מאיר קוטשינסקי / בראזיל

זכרונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

תשעה באָב איז אויסגעבראָכן די מלחמה און יידן האָבן געזאָגט אַז ס׳איז אַ ריכטיקער תשעה־באָב.

אונזער שטאָט ליגט נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ און באַלד ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן זיך די רוסן צוריקגעצויגן פון דער שטאָט. זיי האָבן איבערגעלאָזט די שטאָט הפקר און מיר, חדר־יינגלעך, האָבן זיך געלאָזט אין די קאַזאַרמעס און גענומען אוצרות שליפעס מיט זעלנערישע קנעפּ — פאַר אונז גאַנצע מציאות. אויף דער ווייסל האָבן די רוסן אונטערגעצונדן די הילצערנע בריק און דער עולם איז געגאַנגען אין די טויזנטער צוקוקן זיך ווי זי ברענט. אויך די באַן־מאַגאַזינען און די נאַפט־רעזערוואַרן האָבן געברענט און אָנגעוואָרפן אַ גרויסע אימה אויף דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט פאַרבראַכט טאָג און נאַכט אויף די גאַסן. אין דריי טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן אייניקע דייטשע יינגינקע זעלנערלעך. דער עולם האָט געקוקט אויף זיי מיט חידוש.

זיבן טעג האָט זיך די שטאָט געפונען אין רשות פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיך זעלטן באַוויזן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. די רוסן זענען שפּעטער צוריקגעקומען. יידן, פּריזיוואָניקעס, זאַפּאַסניקעס האָבן זיך באַהאַלטן, מיט דער האָפענונג אַז די רוסן וועלן סיי ווי פאַרלאָזן ווידער די שטאָט און זיי וועלן אויסמיידן צו גיין אין דער מלחמה. דאָס נייע רוסישע מיליטער איז באַשטאַנען פון קאָזאַקן מיט געלע פּאַסן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אויפן וועג פון בריסק נאָך וולאָצלאַוועק איז געפאָרן דער יידישער בעל־עגלה העניך דער בלינדער, וואָס האָט אומגליקלעך געהייסן לויט דער פאַמיליע גערמאַן (אַ דייטש אויף רוסיש), האָבן קאָזאַקן אים אויפגעהאָנגען. טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָבן זיך געחברט מיטן רוסישן קאָזאַקישן מיליטער, וועלכע האָבן נישט פאַגראָמירט, נאָר סתם אַריינגעגאַנגען אין יידישע קראָמען און גענומען וואָס עס האָט זיך זיי געגלוסט. אין גאַס האָבן זיי געטשעפּעט יידן.

איז געגאַנגען הרב קאָוואַלסקי צום קאָזאַקישן גענעראַל מיט אַן אָנקלאַגע אין נאָמען פון יידישן קהל. די יידן האָבן שטאַרק געציטערט פאַר זיין גורל. דער רב, האָט מען דערציילט, האָט באַקומען אַ גאָב אַז יידן זאָלן נישט זיין קיין דייטשע שפּיאָנען, וועט זיי גאָרנישט געשען.

דריי וואָכן איז געבליבן דאָס רוסישע מיליטער. אייניקע מאָל זענען פאָרגעקומען קאָזאַקישע לוויות פון דערהרגעטע קאָזאַקן ביי צוזאַמענשטויסן ביי ניעשעווע, צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון אונז. די קאָזאַקן זענען געטראָגן געוואָרן דורך זייערע חברים אין אָפענע טרומנעס, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. איך האָב זיי געזען, אַראָפּקוקנדיק פון אונזער פענצטערל אויפן דריטן שטאָק. יידן האָבן זיך בעת די קאָזאַקישע לוויות נישט באַוויזן אין גאַס. דער טויזנט־קעפּיקער ציווילער עולם איז באַשטאַנען בלויז פון פּאָליאַקן.

דערנאָך זענען ווידער אַוועק די רוסן און ווידער אָנגעקומען די דייטשן. אייניקע טעג האָט די שטאָט צו קיינעם נישט געהערט. האָט זיך געבילדעט אַ בירגער־מיליץ, אין וועלכער עס זענען געווען פאַרטראָגן זייער פיל יידן און איינער פון די קאָמענדאַנטן איז אויך געווען אַ ייד. דורך דער צייט איז געוואָרן אַ מיש־מאַש מיט די געלטער: רוסיש געלט האָט מען נישט גערן גענומען (פּאַפּירענעם), דייטש איז נאָך נישט געווען, האָט די שטאָט און דער בירגער־וואַך אַרויסגעלאָזט אייגן געלט: וולאָצלאַוועקער געלט.

דאַסמאָל זענען די דייטשן אַריין אין די טויזנטער. איך, אַ תלמוד־תורה יינגל פון 11 יאָר אַלט האָב אַראָפּגעוואָרפן דעם חדר־יאָך פון זיך (ענלעך ווי עס האָבן געטון אַלע יינגלעך און אויך די מלמדים...) און מיטגעפיבערט מיטן דייטשן מיליטער: געדינט זיי פאַר צען פעניג אַ גאַנג, אָנגעוויזן אַן אַדרעס או״וו. ווי אַלע יינגעלך האָב איך מיר געמאַכט אַ שאַכטל צו פאַרקויפן פּאַפּיראָסן און „אַנזיכט״־קאַרטן״, צוויי אַרטיקלען, וואָס די דייטשן האָבן גערן געקויפט.

ביי אונז אין גרויסן, שטאַרק־באַוווינטן הויז האָט זיך געפונען אַ ליידיקער 2טער שטאָק, אין וועלכן ס׳האָבן זיך איינגעקוואַרטירט דייטשע זעלנער. בין איך אינגאַנצן געוואָרן היימיש מיט זיי.

כ׳געדענק:

אין אָוונט האָבן זיי געלייענט די ביבל און באַזונדערס די „פּסאַלמען״ (תהילים). די עלטערע דייטשן האָבן צום מייסטן געראויכערט לאַנגע פאָרצעלאַנענע ציבעקעס. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין רייניקן, „לויזן״ און טוישן די וועש. זיי האָבן די אַרומיקע שכנים געשאָנקען מיט פולע הענט פּירקאַנטיקע האַרטע סוכאַרקעס, אויך ברויט („קאָמיס״־ברויט). אין זייערע רוקזעק איז געווען פול מיט וווּרשטן, סאַרדינען, שפּעקן, חזיר־שמאַלץ.

דאָס אַרומיקע פאָלק, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו הונגערן, האָט געקראָגן פון זיי רעשטלעך פון די מיטאָגן מיט שטיקלעך פלייש. אויך אָפּגעטראָגענע שיך, אויערן־וואַרעמערס, וואָס זענען געווען אַ חידוש פאַר אונז.

אַכט וואָכן זענען זיי געווען די דייטשן, אַלטע לייט מיט אַזעלכע שוואַרצע, שיפּע היט. דערנאָך האָבן זיי געטון דאָס זעלבע וואָס די רוסן: אונטערגעצונדן די באַן־בריקן אויפן טייכל, אויפגעריסן די שינעס און אַוועק...

די שטאָט איז מיט זייער אַוועקגיין געווען אין אַנגסטן. דורך די צוויי חדשים וואָס זיי זענען דאָ געווען האָט זיך די באַפעלקערונג ווי נישט איז באַרויקט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט זעלנערישע טריט פון טויזנטער זעלנער, גיין און גיין.

צומאָרגנס אין דער פרי — די רוסן זענען ווידער דאָ.

זיי זענען נאָכגעלאָפן צו פוס דאָס אַוועקגייענדיקע דייטשע מיליטער. אונזער שטאָט איז געווען אַ דורכגאַנג־פּונקט. אין די צענער טויזנטער זענען זיי אַדורכגעגאַנגען. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעגרייט וועגענער מיט געבעקס און געוואָרפן ברויט אין די רייען פון דעם לויפנדיקן רוסישן מיליטער. הונגעריק זענען זיי געווען און לויפנדיק געגריזשעט דאָס ברויט.

אַ סך קליינע האַרמאַטן האָבן זיי געטראָגן און אַלץ געלאָפן, שנעל נאָך די דייטשן. פון די רייען האָט זיך געהערט רופן: „אַ יהודי״. האָט מען אַריינגעוואָרפן זעמל, חלה, עפּל.

די שטאָט איז אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט רוסן. הונגעריקע, מידע, נישט־אויסגעשלאָפענע. ווידער איז צום טאַטן אַרויפגעקומען אַ גרופּע זעלנער זיך פאַרריכטן די שטיוול. כ׳געדענק: מיין מאַמע

האָט אָפּגעקאַכט דעם גרעסטן טאָפּ מיט ציקאָריע און געשאַפּן ברויט און די אַלטע רוסישע זעלנער האָבן זיך דערקוויקט. די מאַמע האָט זיי געמאַכט נייע אָניצעס אין די שטיוול אַריין און דער טאַטע מיטן ברודער האָבן זיי „באַזוילט". כאָטש זיי האָבן זיך געדונגען מיטן פּרייז, אָבער באַצאָלט האָבן זיי און זיך אויך באַדאַנקט.

דאָסמאָל האָבן די רוסן נישט געטשעפּעט יידן. בלויז אייניקע פֿאַלן פון כאַפּן שטיוול ביי שיך־געשעפטן.

זיבן טעג זענען זיי געווען אין שטאָט ביז ס'איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט. מיר האָבן געוווינט אויפן 3טן שטאָק, דאָס העכסטע הויז, די העכסטע וווינונג אין שטאָט און האָבן געהאַט דאַך־פענצטער. איז אַרויפגעקומען אַ רוס און געהייסן אָדער נישט ברענען קיין ליכט אָדער פאַרשטעלן דאָס פענצטער.

ביינאַכט האָט מען געהערט כסדר שיסן, פון פּולעמיאָטן, אָן אויפהער, כמעט איינטאָניק. ס'איז געווען סוף זומער, פינף פאַרטאָג. קאַיאָר איז די שיסעריי איינגעשטילט געוואָרן און כ'האָב געכאַפּט די הייזלעך און זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב.

אין גאַס זענען געווען דייטשן מיט ראָווערן, מיט פערד. דער ציווילער עולם האָט געשטראָמט אונטער דער שטאָט קיין „דזשיאַדאָווע" אַ דריי קילאָמעטער הינטער וולאָצלאַוועק.

זע איך ווי דער רב און יעקב נטע קרושינסקי גייען — גיי איך שוין מיט. אין די הינטערשטאָטישע גאַסן האָט מען געזען ליגן אַ מאַסע בלעכלעך וואָס די קוילן־גילזן זענען אויסגעסדרט אין זיי און שפּעטער־צו אַ סך צעבראָכענע ביקסן, גילזן און אין דער ברייט פון איין געסל איז געלעגן אויסגעצויגן אַ הערלעך ווייס פערד — דער ערשטער מלחמה־געפאַלענער, וואָס כ'האָב געזען. ווייטער־צו זענען געלעגן ביי די אַנאָנסן־סלופּעס צוויי טויטע רוסישע זעלנער. אין די בלעכערנע סלופּעס זענען געווען לעכער פון די קוילן וואָס האָבן זיי געטראָפן.

דאָס געסל ביי דזשיאַדאָווע איז פול געווען מיט צעבראָכענע ביקסן, פּויקן, שווערדן, גאַרטלען, ראַניצעס. יינגע דייטשלעך זענען אַריין אין די פּויערישע שטיבלעך און אַנטוואָפּנט אַלטע בכבודיקע רוסישע זעלנער, צוגענומען ביי זיי די ביקסן און אויפן שטול צעבראָכן. ווייטער, גאַס־אַרויף ביי די באַן־שינעס האָט מען געזען אַ דייטשן אָפיציר מיט אַן אָפענעם קאָפּ. דער געהירן איז געלעגן אויף די שינעס. אין נייע שטיוול, אין ברילן, אין אויסגעטאָקטע בגדים, מיט אַ צעבראָכענעם קאָפּ... אין פעלד ביי די שינעס זענען געלעגן מאַסן טויטע רוסן, געלע ווי וואַקס. דער רב און דער דאָזער (און איך בתוכם) זענען געגאַנגען פון בר־מינן צו בר־מינן, אויפגעשניטן דעם שינעל ביים האַלדז אָדער אויפגעקנעפּלט און געקוקט צי טראָגט ער אַ צלם, אַן איקאָנע אָדער אַן ארבע כנפות. אייניקע זענען געווען טאַקע יידן. כ'דערמאָן זיך נישט, צי מען האָט זיי קובר געווען באַזונדער. אויף דער אַנדערער זייט שינעס, אין דעם טיפן וואַלד, זענען געלעגן הונדערטער דייטשע דערהרגעטע אַזעלכע יינגיטשקע, זאַטע, רייכע.

איז אָנגעקומען צו רייטן אַ דייטש אויף אַ פערד און באַפוילן דעם אַרומיקן עולם העלפן צוזאַמענשלעפּן די טויטע רוסן. געדענק איך ווי דער עולם האָט אויפגעטורעמט אַ באַרג פון טויטע זעלנער...

כ'האָב פאַרלוירן דעם רב פון אויג און כ'בין הענדום־פּענדום אין איין אָטעם אַהיימגעלאָפן פון שלאַכטפעלד. די דריי קילאָמעטער ביז אונזער שטוב האָבן מיר גאָרנישט געדויערט. כ'האָב אַראָפּגעבראָכן דאָס ביסל עסן, וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבן דעם טאָג...

ס'האָט מיך ווידער געצויגן צום שלאַכטפעלד און מיט מיין עלטערן ברודער שלמה, וועמען כ'האָב דערציילט וועגן אַלץ, וואָס כ'האָב געזען, זענען מיר צוזאַמענגנס, וואָס איז געווען שבת, ווידער געגאַנגען „אַהין".

די רוסישע טויטע זענען שוין נישט געווען און מען האָט געהאַלטן אין באַגראָבן די דייטשע. מיר זענען בייגעווען ווען מען האָט איינגעוויקלט די זעלנער יעדן אין זיין זעלנערישע ווינט־דערע און מיט זיינע בגדים, נייע שטיוול און פּאַסקעס — באַגראָבן. פינף אין יעדן קבר. מיר און אייניקע שקצימלעך האָבן געהאָלפן צושיטן דאָס זאַמד.

אויפן הויפּט־שליאַך האָט זיך דערווייל געצויגן אָן אויפהער דער דייטשער אָבאָז. הויכע פורן מיט פיר בעלגישע פערד, צוויי אין אַ רייע און גרויסע רעדער. דער אָבאָז האָט זיך געצויגן קילאָמעטער־ווייז. איז פאַרגלייך מיט די קליינטשיקע רוסישע וועגעלעך האָבן זיי אויסגעזען אימפּאָזאַנט און יידן האָבן אויף זיי געזאָגט: „עמלק גייט און דאָס מאָל — „נאַ דאָברע" — נישט אַוועקצוגיין מער".

יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מיך געצויגן צו דזשיאַדאָווע, וואָס דער קריגס־בית־עולם מיטן שטייענרנעם דענקמאָל איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעמענטער פון דער אַרומיקער הינטער־שטאָטישער אָרעמקייט.

דערנאָך האָבן זיך געצויגן וואָכן נאָכאַנאַנד פּאַרטיעס רוסישע געפאַנגענע, טויזנטער מחנות געפירט דורך 4־8 דייטשע זעלנער. געשלעפּט זיך ווי האַלב־טויטע און געבעטן ביי די אַרומיקע ברויט, עסן, אַ טרונק. זיי האָבן געשטופּט פּאַפּירענע רובל אין די הענט אַריין פאַר אַ זעמל, פאַר געבראָטענע קאַרטאָפל. מען האָט זיי פאַרלאָדנט אין וואַגאָנען פאַר בהמות און אַוועקגעשיקט זיי קיין דייטשלאַנד. ביי די באַן־שינעס איז געגאַנגען אַ געשמאַקער האַנדל מיט געבעקס, וואָס איז נאָך געווען אין שטאָט לרוב.

ווידער האָבן זיך איינקוואַרטירט דייטשע זעלנער אויפן צווייטן שטאָק אונטער אונזער וווינונג און ס'איז מיט אונז היימיש געוואָרן אַ דייטשער סאָלדאַט, אַ ייד, וועלכער האָט ליב געהאַט זיך מיליטעריש פאָרצושטעלן: „קאַרל גרוינעמאַן פון עלבערפעלדער, אַ פרייוויליקער".

ער האָט זיך פאַר אונז פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען ר'איז געוואָרן אַ פרייוויליקער. צו וואָס האָט עס אים געטויגט. ער האָט איבערגעלאָזט די מאַמע אַליין, די מאַמע וועלכע מאַכט ריטועלע צערעמאָניעס יעדן פרייטאָג צו־נאַכטס. דער טאַטע איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ טראַמוויי־צוזאַמענשטויס. דער קאַרל גרוינעמאַן פון עלבערפעלדער האָט פאַרלוירן זיין פאָלק און דינט צייטווייליק אין דער אינטענדאַנטור, ביז דער פאָלק וועט זיך אָפּגעפינען. ברענגט ער אַרויף צום טאַטן יעדן טאָג די נייעסטע טעלעגראַמעס, וואָס קומען אָן צום שטאַב, איידער ער ווייזט זיי דעם הויפּטמאַן. קומט ער אַרויף, גלוסט זיך אים נישט אַוועקצוגיין. די פולע שטוב קליינע קינדער מעסטן אָן זיינע מיליטערישע קליידער און געווער. ער עסט מיט מיט אונז און גיט צו־ערשט זיין קאָמיס־ברויט.

בלאַס ווי אַ מת קומט ער אַרויף איינמאָל אין מיטן טאָג און געזעגנט זיך מיט אַ געוויין — דאָס האָט זיך אָפּגעפונען זיין פאָלק און ער ווערט גלייך אַהין אָפּגעטראַנספּאָרטירט. כאָטש ער האָט צוגעזאָגט גלייך צו שרייבן איז פון דאַמאָלט אָן פון קאַרל גרוינעמאַן פון עלבערפעלדער קיין ידיעה נישט געווען...

די ערשטע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען אַוועק מיט מיטלעבן מיט די דורכמאַרשירנדיקע חיילות, באַוואונדערן די אַרטילעריע, די קאַוואַלעריע, באַזוכן די שפּיטעלער, וואָס זענען פול

געווען מיט פֿאַרווונדערטע און מיט מאַכן מאַניפֿעסטאַציעס לכבוד די דייטשע זיגן.

אַזעלכע מאַניפֿעסטאַציעס זענען געווען פֿון גאַסן־קינדער, די וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט די אַנזיכסט־קאַרטן, על פּי רוב יידישע יינגלעך. מען האָט געקענט פֿון אויסנווייניק די „גלאָריאַ, וויקטאָריאַ", „דויטשלאַנד איבער אַלעס", די „פֿייגלען אין וואַלדע" א"אַ. אויף איינער אַזאַ מאַניפֿעסטאַציע לכבוד איינגעמען אַנטווערפּן, האָבן דייטשע אָפֿיצירן געוואָרפֿן די יינגלעך געלט־שטיקער און געטיילט קאָמיס־ברויט מיט טשעקאָלאַדעס. שפּעטער־צו זענען זיי שוין נישט געווען אַזוי צוגעלאָזן צו דער היימישער באַפֿעלקערונג, וועלכע זיי האָבן אַנשטאָט קאָמיס־ברויט געשאָנקען יעדן טאָג נייע פֿאַראָרדענונגען, אָבער, פֿונדעסטוועגן, פּרנסה האָט נאָך אַ האַלבע שטאָט פֿון זיי געצויגן. ס'האָבן זיך געעפֿנט אַ מאַסע טיי־שטובן מיט לאַקאָנישע שילדן: קאַפֿעע, טעע, ביר. בלויז אייניקע פֿון זיי זענען געווען אומאַנשטענדיקע. יידן האָבן די דייטשן פֿאַרקויפֿט די לעצטע רעשטן פֿון טאַבאַק, מאַכנדיק אַליין פּאַפּיראָסן, די איבערקויפֿערינס האָבן צרגעשטעלט עופֿות, מעל, קאַשעס, וואָס די דייטשן האָבן אַהיימגעשיקט נאָך דייטשלאַנד צו זייערע פֿאַמיליעס.

ס'זענען שטרענגער געוואָרן וואָס אַ מאָל מער די פֿאַראָרדענונגען און דאָס גאַנצע שטאָטישע לעבן איז געווען געפּענטעט דורך דער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג, וועלכע האָט אַלע מינים סחורות און עסנוואַרג רעקוויזירט פֿאַר זיך. יידן האָבן געמוזט האַנדלען בלויז מיט „הענקל" (אַ מין וואַש־פּולווער). ס'זענען פֿאָרגעקומען הויז־זוכונגען נישט בלויז ביי סוחרים נאָר אויך ביי בעלי־מלאכות, וועמען מען האָט צוגענומען אַ שטיקל לעדער, אַ שטיקל פּאָטשעווקע.

געהערשט אין שטאָט האָט דער פּאָליציימייסטער קאָגוט, אַ פֿאַרדייטשטער פּאָליאַק פֿון אויבערשלעזיען, וועלכער האָט גערעדט אַ צעקאַלעטשעטן פּויליש. ער איז געווען דער ריכטער און עקזעקוטאָר — ער האָט געשמיסן פֿאַרן מינדסטן פֿאַרברעכן.

אַרויסצוקריגן די סחורות, תבואות, פּי, פֿון דער באַפֿעלקערונג איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן דייטש אַ „וואַרן־איינפֿור" מיט יידישע מאַכערס. שרעקלעכע עוולות האָט מען זיך אָנגעליטן דורכן „וואַרן־איינפֿור" און דורך יידישע מוסרים. איין יידל פֿלעגט אויפֿן טאָרג צונעמען ביז אַ פֿונט שאַבלאַק, קאַשע פֿון די אָרעמסטע פּויערטעס. אַ יידישע קצבים־פֿאַמיליע האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף די בהמות. זיי זענען שטיין־רייך געוואָרן.

אַ חוץ דעם האָט געבליט אַ ספּעקולאַציע־האַנדל מיט אויסטערלישע סחורות און מען האָט פֿאַרדינט דערביי „אוצרות". דריי אַרטיקלען זענען באַזונדערס „געגאַנגען": זאַלץ, עסיק־עסענץ און הענקל. די ספּעקולאַציע האָט אָנגענומען פֿאַנטאַסטי־שע פֿאָרמען. די סחורות זענען אַריבער פֿון האַנט צו האַנט ווי ווערט־פּאַפּירן און זענען, דוכט זיך, בכלל נישט דערגאַנגען צום קאָנסומענט.

אַ באַקאַנטע חסידישע פֿאַמיליע, ווערטהיימס, האָבן געהאַט צו טון מיט אויסהאַקן די וועלדער פֿאַר די דייטשן. כאָטש די דאָזיקע חסידישע פֿאַמיליע האָט אין די שרעקלעכסטע צייטן פֿון אַרומיקן הונגער און נויט געלעבט אויפֿן ברייטסטן שטייגער, האָבן זיי זיך קונה־שם געווען מיט אַ וויכטיקער טאָט: אין די וועלדער האָבן זיי געגעבן באַשעפֿטיקונג בלויז יידן און פֿאַר די הונדערטער צוגעוואַנדערטע היימלאָזע איז עס געווען אַ לעבנס־דערהאַלטונג.

וולאָצלאַוועק האָט געקראָגן אין פּוילן אַ שם פֿון אַ ברויטשטאָט. האָבן זיך אַהער געצויגן מחנות אָרעמע יידן, היימלאָזע פֿון די פּראָווינצן, לאָדזשער, סאָכאַטשעווער, קאַלישער, וואַרשעווער. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ קיך, אַ בית־עם, וואָס האָט געגעבן די היימלאָזע בחינם עסן און נאַכטלעגער. די נויט און די שרעקלעכע מלחמה־מעשיות, וואָס זיי האָבן דערציילט, זייערע מלחמה־ליידן, גייען אויך איצט נישט אַרויס פֿון זכרון. פּוילישע היימלאָזע האָט מען נישט געזען. חוץ די מיטאָגן אין בית־עם, האָט סיי ווי יעדע יידישע שטוב געהאָלפֿן די היימלאָזע. למשל, ביי אונדז אינדערהיים, ווו ס'איז געווען אַ דחקות און די מאַמע האָט געמוזט באַשפּייזן צוועלף נפֿשות, איז אָבער אַ מיטאָג פֿאַר אַ היימלאָזן יעדן טאָג געווען.

פֿון קיין אַמעריקאַנער פֿאָנדן האָט מען דאַמאָלט נאָך נישט געוווּסט און פֿונדעסטוועגן איז די הילפֿסאַרבעט יאַקאָש אָנגעגאַנגען. אויך איז געווען אַ קיך פֿאַר אָרעמע קינדער, וועלכע האָבן געקראָגן עסן צו דער זעט. אין די ערשטע מלחמה־צייטן האָט מען קיין הונגער נישט געפֿילט.

דער דייטש האָט אויסגעשנאַפּט יעדעס ביסל עסנוואַרג און עס אַוועקגעפֿירט און די בעקערס האָבן צוגעמישט קאַרטאָפֿל און קלייען צום ברויט, וואָס איז געווען פֿייכט און פֿאַרדעמפּעט. ווייס ברויט האָבן געגעסן בלויז עושרים. אויך ווייס מעל איז געווען אַ יקר־מציאות. כ'דערמאָן זיך, אַז דער טאַטע האָט מיך אָפּגעשיקט מיט אַ פּאָר שיך צו אַ נגיד, האָב איך באַמערקט אין „זלעוו" ליגן לאָקשן. כ'האָב עס דערציילט ז'ער מאַמען, דאָט זי תּון איר זייט איבערגעגעבן וועגן אַן אַנדערן נגיד וואָס עסט ווייס ברויט.

דער דייטש האָט צווויסן געגעבן אַז מען זאָל שאַפֿן אַ יידישע געמיינדע־פֿאַרוואַלטונג, איז מיין טאַטע געווען דער דעלעגאַט פֿון די בעלי־מלאכות. געדענק איך, אַז ער האָט דערציילט, ווי דער רב האָט אַרויפֿגערופֿן צו זיך די געמיינדע־פֿאָרשטייער און די רביצן האָט זיך באַקלאָגט אַז זיי קומען אָפּ שבתים און ימים־טובים מיטן פֿאַרדומפּעטן ראַזעווון געבעקס און צו דעם איז דערגאַנגען דער רב פֿון דער פֿאַרהעלטעניסמעסיק פֿאַרמעגלעכער שטאָט.

די קינדער אין שול־עלטער האָבן געמוזט באַזוכן די שולן און די תלמוד־תורה איז ווידער געווען טעטיק. ס'איז אויך געווען אַ קיך אין דער תלמוד־תורה פֿאַר די קינדער פֿון די היימלאָזע צוגעוואַנדערטע. איך געדענק אין מיין קלאַס אַ סך קינדער (פֿון לאָדזש) געשוואָלענע פֿון הונגער.

יעדע וואָך האָט מען געפֿירט די תלמוד־תורה־קינדער אין אַנטלויזונג־אַנשטאַלט — אַ הילצערנע באָד, אייליק אויפֿגעשטעלט אויפֿן פֿעלד הינטער דער שטאָט. מען האָט אַביסל זיך אָפּגעוואַשן און די קליידער אַריינגעוואָרפֿן אין אַ קעסל, פֿון וואָס די לייז זענען אַוועקגעקומען. פֿון די קליידער איז אָבער געווען אַ תּל און די חדר־יינגלעך זענען אין די גרעסטע פֿרעסט אַהיימגעלאָפֿן מיט שרעקלעכע געשרייען, נאַקעט און דער עיקר באָרוועס, ווייל די שיך זענען אינגאַנצן אָפּגעבראָטן געוואָרן אין דעם אַנטלויזונג־אַנשטאַלט. נישט בלויז קינדער, נאָר יעדער איינציקער, וואָס האָט געדאַרפֿט אין ערגעץ פֿאָרן אָדער בלויז אַריבערגיין די ווייסל־בריק, האָט געמוזט זיך „אַנטלויזן" און ברענגען אַן „אַנטלויזונג־שיין".

ס'איז אויסגעבראָכן אַ טיפֿוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, וואָס די דייטשן זענען געווען אין שטאָט. די היימלאָזע זענען אומגעקומען מאַסנווייז. מיין פֿעטער הערש פֿון דער חברה קדישא האָט געאַרבעט פֿון פֿאַרטאָג ביז אויף דער נאַכט. מען האָט די מתים באַגראָבן אין קאַסטנס. די טיפֿוס־מגפֿה האָט זיך אויך פֿאַרשפּרייט צווישן די תלמוד־תורה־קינדער.

שטאָטישע אינטעליגענטן, דעמאָקראַטן־יידישיסטן האָבן געשאַפֿן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל פֿירן אַ היגיענישע אויפֿקלערונג. מען

האָט געהאַלטן פאַרלעזונגען וועגן דער שעדלעכקייט פון לאַנגע נעגל, לאַנגע האָר און האַנט־דערלאַנגען. אַפילו פרייילינס האָט מען געזען מיט אָפּגעשוירענע קעפּ. דאָס איז געווען די ערשטע לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג ביי יידן נעבן דעם „בית־עם".

יידישע אַרבעטער האָבן ביי די דייטשן געהאַט ווייניק אַרבעט. שניידערס לחלוטין נישט. מאַסנווייז האָט זיך דער עולם פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „צוואַנגס־אַרבעט". פיל פון די אַוועקגעפאָרענע זענען דאָרט געשטאָרבן פון הונגער און קעלט און אין דער שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בית־עולם אין דייטשלאַנד מיט באַגראָבענע יידישע צוואַנגס־אַרבעטער. כ'האָב די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע געזען ביי מיין ברודער עזריאל, וואָס איז שפּעטער, באין ברירה, אויך אַוועק אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין מאַגדעבורג.

אין לעצטן מלחמה־יאָר איז דאָס לעבן געוואָרן שווערער. אָרעמקייט צווישן יידן איז געווען נישט צו דערציילן און דער טיפוס האָט געשניטן אויף רעכטס און לינקס. די תלמוד־תורה איז געוואָרן געשלאָסן צוליב דעם.

די מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצוגעבן אַלע מינים מעטאַל וואָס געפינט זיך אין שטוב — כלים, מעשענע קליאַמקעס, סאַמאָוואַרן, לייכטערס אאַ"וו. אַ ממונה דערויף איז געוואָרן אַ יידישער אַלטוואַרג־סוחר און דאָס האָט געשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם צווישן די קריסטן, וועלכע האָבן מאַסנווייז געליפערט שטרביקע זאַכן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען צלמים, רעליקוויעס אאַ"וו. יידן האָבן גלאַט אים געזידלט און געשפּיגן אים אין פּנים פאַר זיין מיאוסער פּרנסה.

כ'געדענק ווי מיין טאַטע האָט מיך מיטן ברודער אָפּגעשיקט מיטן גרויסן קופּערנעם טשייניק, וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה באַשטעלט ביים קאָטליאַזש און וואָס איז געווען אַ צירונג אין שטוב. דער ממונה האָט אים אָפּגעוויגן, געגעבן אַ פּאָר פעניג און אַרויפגעוואָרפן אים אויפן באַרג חפצים. ס'איז דאָרט געווען אַ טומלעריי, גויים האָבן זיך געוואָלט שלאָגן, אָבער מורא געהאַט, ווייל אין דרויסן האָט זיך געדרייט אַ דייטשע וואַך. סיי ווי האָט די באַפעלקערונג אָפּגעליפערט בלויז אַ טייל פונעם מעטאַל־באַזיץ, דאָס איבעריקע האָט מען באַגראָבן אין דער ערד. אויך מיר האָבן באַגראָבן די לייכטערס און די פיש־פאַן.

איינמאָל אַ טאָג, ווען מיר זענען געווען אין שול (קהל האָט איינקע תלמוד־תורה־קינדער איבערגעשיקט אויף זייער חשבון צו לערנען אין דער גימנאַזיע פון פרוי סאַניצקא) אין מיטן אַ לעקציע קומט אַריין אַ הער, אַ יונגער פּאָליאַק און סודעט זיך מיטן לערער־פּערסאָנאַל (די גימנאַזיע איז געווען אַ יידיש־אַסימילאַטאָרישע מיט שטאַרק פּאַטריאָטישע לערער). דער לערער באַפרייט אונדז און זאָגט, אַז ווער עס וויל זאָל לויפן צו דער קאַטעדרע, ווייל די דייטשן ווילן אַראָפּנעמען דעם דאַך, וואָס איז אַ קופּערנער.

מיר זענען אַראָפּ אין גאַס, ווו ס'איז געווען אַ גרויס געלויף פון פּאָליאַקן און יידן צו דער קירך. איך בין שטיין געבליבן ביים גרויסן פּלאַץ פאַר דער קאַטעדרע און געהערט דאָס דונערנדיקע געשריי פון פּאָליציי־מייסטער קאָגוט אין זיין געבראָכענעם פּויליש. אים אַנטקעגן ביי דעם אַריינגאַנג זענען געשטאַנען געשלאָסן אין אַ קייט אַ סך גויים און גוייטעס. פיל פון זיי האָבן געוויינט און אַ סך האָבן צוריקגעשריגן צו קאָגוטן אויף פּויליש. דער עולם איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און ס'איז אויך פול געווען מיט יידן.

איך האָב געזען אַ בליאַסק פון אַן אַרויסגעצויגענער שווערד און אַ געשריי פון אַ מענטש, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ס'איז גלייך אָנגעקומען מיליטער אויף פערד און צעיאָגט דעם עולם. איינקע באַקאַנטע פּאָליאַקן האָבן געפירט אַ פאַרוווּנדעטן, וואָס ס'בלוט איז אים גערינען פון קאָפּ. דער פאַרוווּנדעטער איז שפּעטער געשטאָרבן און קאַנאָניזירט געוואָרן ווי אַ הייליקער פון דער קאַטוילישער קירך.

דעם קופּערנעם דאַך האָבן די דייטשן אַראָפּגענומען און באַשלאָגן אים מיט געווייינטלעכן בלעך.

אין דער אָרטיקער קולטור־געזעלשאַפט „צוקונפט" האָבן זיך גרופּירט פיל לאָדזשער און וואַרשעווער אַרבעטער, פון די וואָס זענען אַהערגעקומען אַלס היימלאָזע און שפּעטער געפונען אַרבעט ביים אויסהאַקן די וועלדער, ביי דער בריק אאַ"וו. אַן אָרטיקער אינטעליגענט פלעגט איבערזעצן אויף יידיש די „לייפּציקער פאָלקסצייטונג" און די אַנטי־מלחמה־רעדעס פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די דאָזיקע איבערזעצונגען זענען געוואָרן אַרויסגעהאָנגען אויף די ווענט פון דער געזעלשאַפט און אַפילו באַלעבאַטישע יידן האָבן געוואָלט געוואָר ווערן וואָס דאָרט שטייט. ס'פלעגן אויך אַרויפקומען איינקע פּאָליאַקן. אין איינעם פון די קריגס־יאָרן — כ'געדענק נישט וואָסער יאָר — איז פאָרגעקומען אַן ערשטע־מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט פאַרבליפט די דייטשן און אַרויסגערופן גרויס אויפזען ביי דער באַפעלקערונג. אַ דעמאָנסטראַציע אָן פענער און אָן געזאַנג, אָבער דאָך אַ דעמאָנסטראַציע.

ביים ווייסל־בולוואַר, וואָס איז געווען אַ שפּאַציר־אָרט, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט איינקע הונדערט מאַן און האָבן זיך אויסגעשטעלט צוויי אין אַ ריי, צום מיינסטן פאָרלוויז — מאַן און פרוי — און אַזוי געאָרעמט געגאַנגען אַ לאַנגזאַמען שפּאַציר אין מיטן שטאָט אַריין. אין די לאַצן האָבן געשטעקט רויטע אָפּצייכענונגען. אַז דער עולם איז צוגעקומען צו דער העלפט פון דער הויפּטגאַס (ברייטע גאַס), איז אָנגעקומען קאָגוט מיט זיינע געהילפן, אַרויסגענומען די שווערדן און צעיאָגט די דעמאָנסטראַנטן. איינקע פאָרלעך זענען פאַרנומען געוואָרן, צווישן זיי מיין שוועסטער און שוואָגער. יידן האָבן שטאַרק געציטערט פאַר עווענטועלע שטראָפן און קאָנטריבוציעס מצד דער מאַכט.

חוץ דעם בית־עם איז אויך געווען אַן אַרבעטער־קיך, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביליקע מיטאָגן פאַר די צוגעפאָרענע אַרבעטער. די יידישע קהילה האָט נישט גערן סובסידירט די קיך איבער דער כשרות־פראַגע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע. די דייטשן האָבן פאַרלאָזט וולאָצלאַוועק און יידן האָבן געציטערט פאַרן אומבאַקאַנטן מאָרגן...

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

אַ וואָלאָצלאַוועקער תושב

(אַ דערציילונג)

איבער דער „ברייטער גאַס", וואָס האָט דורכגעשניטן דעם צענטער פון שטאָט, האָט געבלענדט מיט ווייסקייט. פלאַכטעס שניי ווי פוכענע דעקעס זענען געלעגן אויף די טראָטואַרן און אויפן ברוק. אַ טרוקענער פראָסט האָט געשניטן דאָס לייב. אַ דייטשער זעלנער, אַ „לאַנדשטורמער" מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע שפּרייזן אַרויף און אַראָפּ און אַכטונג געטון, אַז די דורכגייער זאָלן גיין אויף רעכטס. טרייטל מרדכי האָט זיך געפילט מונטער אונטער דעם אָפּגעמאָסטענעם פוטער. צוקומענדיק צו דער ציגאַנקע גאַס האָט ער דערזען ווי יודל גאָלדשטיין, דער איינבינדער גייט אים אַנטקעגן. — גוט מאָרגן, טרייטל מרדכי.

— גוט יאָר. וואָס טוסטו אַזוי פרי אין גאַס?

— נישט חלילה צוליב פּרנסה־זאַכן, מעגסט זיכער זיין — האָט יודל, דער איינבינדער געשמייכלט אין זיין ברוינער צעפּלאָסענער באָרד אַריין — כ'בין דאָך עפּעס אַ חברה קדישא־מאַן, אַ לינת הצדקניק, גיי איך איצט צו אַ חולה וועגן שיקן אַ „דיזשור" אויף ביינאַכט... און דו, וואוהין?

— כ'וויל צוגיין צום דאָזער קרושינסקי זיך דורכריידן וועגן דעם רבס שכירות, איידער מ'גייט די זאַך ברענגען צו אַ זיצונג פון דער קהילה.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט יודל נישט פאַרשטאַנען.

— דו ווייסט גאָרנישט? — האָט טרייטל מרדכי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל — און אויב דו ווייסט טאַקע נישט, מעגסטו הערן. אייערנעכטן, ווי נאָר דער רב האָט געהערט, אַז כ'בין אויפגעשטאַנען פון שבעה נאָכן טאַטן עליו השלום, שיקט ער רופן נאָך מיר, נאָך קרושינסקי און נאָך צוויי בעלי בתים... מיר קומען אַרויף צו אים, פירט ער אונז אַריין אַ שווייגנדיקער אין בית דין־שטיבל, קוקט אונז אָן אַ לענגערע ווײלע און איידער וואָס ווען, גיט ער אַ פרעג צי ס'איז נישט קיין חרפה פאַר אַ שטאָט יידן, אַז זייער רב זאָל הונגערן... פאַרשטייסט יודל, כ'האָב שוין פון לאַנג געוווסט אַז דעם רבס שכירות איז קנאַפּע, אַז ער לעבט בדוחק. דערצו האָט ער נאָך אַ טבע, אַז וואָס ער קריגט אַליין, צעטיילט ער צווישן די מלחמה־פּליטים... אָבער, אַז ער אַליין באַקלאָגט זיך שוין פאַר מענטשן, מסתמא איז דאָס שטיקל ברויט שוין ביי אים אויסגערעכנט... וואָס וויל איך דען? — האָט דער רב געטענהט — כ'בין דאָך נישט ערגער פון אַ חזן, אַ דיין, צי אַ שוחט... און דאָס איז אַ חרפה פאַר דער וואָלאָצלאַוועקער קהילה! אונזער רב ר' יהודה לייב, מוזטו וויסן, איז אָנגעזען אין גאַנץ פּוילן, ער פירט שטאָט! און ווען ס'איז אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, נישט ער, ר' יהודה לייב, וואָלט ער שוין לאַנג פאַרלאָזט אַזאַ רבנות־שטעלע.

— כ'גלויב נישט, אַז דו וועסט עפּעס פּועלן — האָט יודל גאָלדשטיין אַ פאַרחידושטער פון דער נייעס זיך אָנגערופן — כל זמן די „דייטשען" מיט די צילינדערס וועלן פירן ס'רעדל אין דער קהילה...

טרייטל מרדכי האָט איבערגעלאָזט יודל גאָלדשטיינען און געגאַנגען ווייטער — ער האָט געטראַכט אַז מיט אַ דור צוריק האָט דער פריערדיקער רב ר' קאַראָ נישט געדאַרפט קומען מיט אַזוינע

תביעות צום עולם. ער האָט געהאַט אַ שיינע הכנסה פון זיינע חיבורים און צוגאָב צו די שכירות און דער פאַרדרוס פאַרן באַליידיקטן רב האָט געמאָנט מען זאָל עפּעס טון.

דער שניי האָט זיך געקנייטשט אונטער די פיס. דיקע פלאַכטעס זענען געוועזן צעלייגט איבער די דעכער און איבער די מויערן. ער איז צוגעקומען צום נייעם מאַרק. פאַר דער רוסישער צערקווע מיט דעם אָפּגעווייסטן צלם איז געווען אויסגעשטעלט דייטשיש מיליטער. דאָס מיליטער — אומצאָליקע רייען מיט אַלטע לאַנדשטורמער — אין גרויע שינעלן, מיט ביקסן איבער די שווערע רוקזעק, איז גרייט צו יעדער רגע אַרויסצומאַרשירן פון שטאָט.

פונעם ראָג גאַס זענען אָנגעקומען יידן דערשראָקענע, פאַרלוירענע און אומרויק געקוקט אויף דעם אָפּגייענדיקן מיליטער.

— דער דייטש ציט שוין ווידער אָפּ!

— די קאָזאַקן שטייען שוין הינטער דער שטאָט.

— ס'איז איצט אונז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין!

— צוערשט האָט מען אַוועקגעשיקט די קאַוואַלעריע און די אולאַנער. איצט גייט אַוועק די פּיעכאָטע...

— יידן, הלוואי זאָל זיין גוט! — האָט הערש גראַבאָווסקי, אַ געוויקסיקער בייכיקער ייד, אַן אָפּטער נייעס־ברענגער פון די פראָנטן, זיך אַריינגערוקט אין רעדל — מיר ווייסן דאָך וואָס פּאָניע האָט אָפּגעטון נאָכן אַריינקומען אין אַנדערע שטעט...

אַרום דעם מיליטער האָבן זיך אַרומגעדרייט פּועל בטלדיק עטלעכע פּוילישע טרעגער־יונגען. זיי האָבן זיך געקראַצט אין די פּאַטעלניצעס, אונטערגעשמייכלט, קענטיק הנאה געהאַט, וואָס די יידן שטייען פאַרלוירענע.

טרייטל מרדכי האָט אָנקומענדיק געוואָלט באַרויקן, כאָטש ער האָט אַליין זיך געשראָקן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ער האָט געוווסט, אַז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דער דייטש פאַרלאָזט וואָלאָצלאַוועק און דער רוס קומט אַריין, די דייטשן וועלן נאָך צוריקקומען אַ דריט מאָל. אַזוי איז מלחמה. אַ באַזאָרגטער האָט ער געקוקט ווי די מענטשן צעגייען זיך אין איילעניש. די גאַסן ווערן אָפּגעליידיקט, ווי צוזאַמען מיטן אָפּציענדיקן מיליטער וואָלט אויך די זיכערקייט זיך אַרויסגעקליבן פון שטאָט.

נאָך דער שול־גאַס, פאַרן „זאַפּיעצעק" זענען געשטאַנען עטלעכע בעלי עגלות מיט שמוישענע היטלעך און פאַרפרוירענע נעז. די בעלי־עגלות האָבן אַריינגעמאַכט די הענט אין די אַרבל, פון קעלט געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס און אונטערגעשמועסט אַביסל פּאָליטיק.

טרייטל מרדכי איז צוגעקומען צום „זאַפּיעצעק". אַן אויפגעלייגטער האָט ער אָנגענומען אַ בעל־עגלה, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער אַלטער, אָפּגעשיילטער וואַנט און ער האָט זיך צעשמייכלט.

— נו, משה דוד, און איר האַלט נאָך אַלץ אָן דזשיגאַנסקיס מויער, זי זאָל נישט אומפאַלן?..

די בעלי־עגלות האָבן זיך צעלאַכט און געוווסט, אַז דער ייד האָט ליב צו שפּאַסן אַפילו אין דער גרעסטער געפאַר. מיטאַמאָל האָט טרייטל מרדכי זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָך היינט אין זיין בעקעריי נישט געווען און אַפילו נישט אַריינגעשמעקט אין געשעפט. איצט איז ער זיכער געווען, אַז צוליב די קהל־זאַכן פאַרזעט ער אַלץ. ער האָט באַוואונדערט דאָס ווייב, וואָס פאַרגעסט אים אויסצורײדן, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: איי, ס'געשעפט פירט זיך שוין אַליין! און אַן אויפגעהייטערטער האָט ער געשפּרייזט פאָרויס. אַ שעה שפּעטער איז שוין קיין זכר נישט געווען פון די דייטשן.

פון דער באַן־גאַס איז אָנגעריטן אַ פּאָרפּאָסטן פון די רוסן. דאָס זענען געווען צעיאַכמערטע קאָזאַקן אויף פערד. קרענצלעך גויים, ליידיקגייערס האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון די זייטיקע געסלעך. זיי זענען אַנטקעגן געגאַנגען די קאָזאַקן און זיך באַגריסט מיט זיי ווי מיט אַלטע באַקאַנטע.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט דאָס רוסישע מיליטער שוין געהאַט באַלאַגערט די שטאָט. פּאַרטיעווייז האָבן קאָזאַקן זיך געלאָזט איבער די גאַסן. ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיי אָנגעיאָגט אַ מורא אויף די יידישע איינוווינער. זיי האָבן אויפגעבראָכן טירן, גערויבט, אָפּגעטון הפקר־מעשים.

פון פאַרטאָג אָן איז טרייטל מרדכי געשטאַנען אין דער טיר פון זיין געשעפט און נאָכגעקוקט דעם צעטל פון די, וואָס דאַרפן ברענגען מלבושים פאַר די מלחמה־געליטענע. די יידן פון דער גאַנצער פּראָווינץ, וועמענס הייזער זענען חרוב געוואָרן אין די שלאַכטן, האָבן זיך געראַטעוועט קוים מיטן לעבן, איבערגעלאָזט זייערע פאַרמעגנס אויף הפקר און היימלאָזע זיך געשלעפּט איבער שטעט און דערפער. אומעטום האָט מען די פּליטים באַזאָרגט מיט צייטווייליקע דירות. מען האָט געבראַכט קליידונג, שפייז. טרייטל מרדכי איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער הילפס־אַקציע. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי יידיש האָב און גאָב איז אויסגעפּלינדערט געוואָרן, יידישע פּראַצע איז אַוועק מיטן פייער און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט.

ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז מיט פּופּצן יאָר צוריק אַליין געקומען פון גאָסטינין אַן אָרעמאַן, מיט ליידיקע הענט. ער האָט פאַרגליכן יענע צייט מיט די היינטיקע טעג, ווען ער איז אַליין בכוח צו טון פאַר אַנדערע און ער האָט געזען דעם שכר.

פון דער ברייטער גאַס איז געקומען אָנצולויפן מנשהקע דער טרעגער. ער איז געלאָפן און געשריגן, ווי ער וואָלט געברענגט דער שטאָט יידן אַ וואָרנונג:

— פאַרמאַכט די געוועלבער. מען ראַבעוועט!

טרייטל מרדכי האָט זיך אַרויסגערוקט אין גאַס און זיך אַרומגעקוקט. זיין ווייב לאה, וואָס איז געבליבן שטיין אין איין שרעק, האָט אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן די זשאַלוזעס איבערן שוי־פענצטער און איבער דער פראָנט־טיר. טרייטל־מרדכי, ווי ער וואָלט דערשנאַפּט די געפאַר, האָט אַרויסגעפירט לאהן דורכן הויף, אין דער דירה אַריין. ער האָט אין איילעניש נאָך באַוויזן אַראָפּצולאָזן די לעצטע זשאַלוזע און פאַרהאַקן די טירן פאַר דעם אָנקומענדיקן קאָזאַק.

דער קאָזאַק, אַ רויטער, אַ קליינאויגיקער ווי אַ קאַלמיק, איז געבליבן שטיין אַביסל צעטומלט. עס האָט אים נישט געשמעקט וואָס האַרט פאַר זיין נאָז האָט מען פאַרקלאַפּט פאַר אים די טיר. ער איז אַריין דורכן טויער אין הויף. די שכנים, וואָס זענען ערשט געשטאַנען אין קרענצלעך, זענען מיטאַמאָל אויסגערינען. איבערגעשראָקענע האָבן זיי זיך באַהאַלטן הינטער טיר און פענצטער. טרייטל מרדכי האָט נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין שטוב, אַ פאַרלוירענער איז ער געבליבן שטיין פאַר דער הינטערשטער געוועלב־טיר מיט די שליסלען אין האַנט.

— עפן, יעווריי! — האָט דער קאָזאַק צוקומענדיק האַסטיק געקלאַפּט מיט די שפּאָרן פון זיינע שטיוול.

— כ׳וועל נישט עפענען! — האָט טרייטל מרדכי אַ בלאַסער זיך אַקעגנגעשטעלט.

— אַזוי גאָר? — האָט דער קאָזאַק מיט רציחה זיך אַ כאַפּ געטון צום באַגנעט — כ׳הייס, דו זאָלסט עפענען, מאַשעניק!*

טרייטל מרדכי איז געבליבן שטיין אַ גלייכער און זיך נישט גערירט פון אָרט, דאָס בלאָנדע בערדל האָט געציטערט. פון די רויטלעכע באַקן איז מיטאַמאָל אויסגערינען דאָס בלוט, ער האָט זיך אַ רוק געגעבן פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ער אַליין איז אויך אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט און מיטן גאַנצן אימפּעט האָט ער אַ נעם געטון דעם גאָזאַק פאַר די הענט און זיי אַרונטערגעדרייט אַזוי, אַז יענער איז געבליבן שטיין אַן אָנמעכטיקער, ווי צוגענאָגלט צו דער וואַנט.

די שכנים וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין די שטובן, האָבן איצט אייניציקווייז גענומען אַרויסשטעקן די קעפּ, ווער דורך אַ האַלב־אָפן פענצטער, ווער דורך אַ שפּאַלט פון אַ טיר און באַוווּנדערט טרייטל מרדכיס געוואַגטקייט.

— נישטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל דערלויבן צו ראַבירן! — האָט טרייטל מרדכי אַריינגעשריגן אין דעם קאָזאַק.

— ס׳איז יאָ דאָ! — האָט דער קאָזאַק זיך געריסן — דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן, אַז מען מעג.

— טאָ קום צום קאָמענדאַנט!

— קום!

טרייטל־מרדכי האָט זיך געלאָזט צום טויער. דער קאָזאַק — נאָך אים. אָבער וואָס נעענטער זיי זענען צוגעקומען צו דער גאַס, אַלץ גיכער האָט דער קאָזאַק געשטעלט די טריט. ער האָט געמאַכט אַזעלכע שפּרייזן, אַז טרייטל־מרדכי איז געבליבן נאָכאַנאַנד הינטערשטעליק. ער האָט געזען, אַז דער קאָזאַק האָט שוין חרטה, אַז ער וויל אָפּציען — האָט ער אים אָנגעיאָגט און, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע עטלעכע מטבעות, האָט ער ס׳קלייגעלט אים דערלאַנגט.

— דו ווילסט דאָך רויכערן... נעם אויף פּאַפּיראָסן...

דער קאָזאַק איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער מיט אַן אָפן מויל. ער האָט נישט באַנומען פאַרוואָס דאָס קומט אים. ער איז איצט גרייט געווען זיך אַוועקצולייגן אויף דער ערד, אַראָפּנעמען די אייגענע נאַגייקע און זיך הייסן שמייסן פון דעם ייד. אָבער טרייטל מרדכי איז שוין נישט געווען נעבן אים.

די שכנים וואָס זענען איצט צוריק אַרויס אין הויף, האָבן זיך געזאַמלט אין קרענצלעך און פעסט געטענהט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן, מען דאַרף אַרויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד און טרייטל־מרדכי האָט טאַקע איצט געוויזן אַ ביישפּיל ווי מ׳דאַרף אָנלערנען די קאָזאַקן.

— ווען איך האַלט אים אין מיינע הענט, וואָלט ער שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס! — איז בער לייב, אַ שמאָל, מאָגער מענטשל, אַן אייגנטימער פון אַ קאָלאָניאַל־געשעפט, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן אויפן בוידעם, מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אין הויף — מיט אַ שטיין וואָלט איך אים דעם קאָפּ געשפּאָלטן!

— איצט זענען אַלע גרויסע העלדן! — האָט לאה זיך אָנגענומען פאַר איר מאַן — ווען מיין מאַן האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן און געגאַנגען זיך ראַנגלען מיט אַ קאָזאַק, איז קיינער נישט אונטערגעקומען.

אין הויף האָט מיטאַמאָל זיך באַוויזן ר׳ חאַצקל שמש, ער איז

* שווינדלער.

אָנגעקומען אַ ן גרויס איילעניש מיט אַ צעפּראַלטע קאַפּאָטע, מיט צעפלויגענע פּיאות ווי אַ געיאָגטער.

— ר׳ טרייטל־מרדכי. דער רב לאָזט אייך רופן?

— וואָס איז געשען?

— כ׳קען גאָרנישט זאָגן, ביים רב וואַרט מען אויף אייך.

טרייטל־מרדכי האָט געלאָזט שטיין דעם שמש, די הויף־שכנים און אַ כאַפּ געטון דעם פּעלץ. ער איז אַרויס דורך דער לענגסקע־גאַס. ער איז דורכגעגאַנגען דעם אַלטן מאַרק און איידער עמעץ האָט נאָך באַוויזן אים צו באַגלייטן, איז ער שוין געשטאַנען פאַרן רבס הויז.

אין דער דירה פון רב האָט איצט געיאָגט מיט אומעט. די חדרים ברייטע, גראָמע, וואָס האָבן שטענדיק געוואַרעמט מיט זייער היימלעכקייט, זענען איצט פול געווען מיט זאָרג. די רביצין, אַ ווירדיקע, אַ הויכע וואָס האָט גערעדט פליסיק פראַנצויזיש און וועגן וועלכער מען האָט גערעדט, אַז זי דערמאָנט גיכער אַ סאַלאָן־דאַמע איידער אַ שרה בת טובים, איז אַרומגעגאַנגען איצט אַן אומעטיקע. אַרום איר האָבן זיך געקליבן די זין און טעכטער.

פונעם אָפענעם בית־דין־שטיבל האָבן זיך אַרויסגעזען די קעפּ פון דעם דיין און פון בורר. זיי זענען געזעסן איבערגעבויגענע איבערן טיש, ווי זיי וואָלטן זיך מתווכח געווען ביי אַ דין תורה.

דער רב, ר׳ יהודה לייב, אַ גלייכער, אַ געזעצטער איז אַנטקעגן געקומען טרייטל מרדכין. זיין גרויער קאָפּ, דאָס ערנסטע פּנים, די שוואַרצע באָרד, דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע בייטשלעך, — אַלץ האָט אויסגעדריקט שטומען צער. ער האָט אַריינגעפירט טרייטל מרדכין אין בית־דין שטיבל און געבעטן אים זיצן. ער האָט איצט גענומען רעדן געלאַסן.

— וולאָצלאַוועק קריגט איר חלק... אונזער שטאָט, די איינציקע אין פּוילן, וואָס איז איבערגעקומען ביז היינט די מלחמה אָן שאָדן און אויסגעמיטן די שלאַכטן, שטייט איצט פאַר אַ געפאַר... כ׳מיין נישט אַזוי ווייט די שטאָט, ווי די יידן. כ׳זע אַז עס קומט אַ גזירה...

— וואָס איז געשען?

— דער רוסישער קאָמענדאַנט קייזער האָט געשיקט צוויי סאָלדאַטן נאָך מיר. כ׳האָב די זעלנער צוריקגעשיקט און געהייסן זאָגן, אַז כ׳ווייס אַליין דעם וועג... כ׳וויל אָבער, אַז נאָך אַ ייד זאָל מיטקומען מיט מיר צו דעם צורר. זענט איר גרייט?

— כ׳בין גרייט.

דער קאָמענדאַנט, אַ הויכער, אויסגעצערטער רוס מיט אַ פּנים פון אַ כינעזישן קולי און מיט אַן עכט דייטשן נאָמען קייזער, האָט אויפגענומען דעם רב מיט זיין באַגלייטער קאַלט. ער האָט געפירט איבער דער קאַנצעלאַריע זיין גרויסן הונט אויף אַ קייט, גערויכערט, פאַרציענדיק די סטעליע מיט וואָלקנדלעך רויך. מיטאַמאָל האָט ער האַסטיק זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט דורכגענומען מיט זיינע שמאָלע אויגן דעם רב, טרייטל־מרדכין און דערנאָך גענומען שטעלן פאַרדעכטיקע פראַגן. ווען ער האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן, האָט ער פון כעס עטלעכע שמיץ געטון זיין הונט און זיך צעשריגן.

— הייסט עס אַז איר לייקענט אין פאַראַט? גוט! מיר ווייסן, אַז די שפּיאָנען זענען ביי אייך אויסבאַהאַלטן. זיי שפּירן אויס אונזערע פּאָזיציעס און זיי טראָגן אינפאָרמאַציע צום דייטש... זייט דעריבער וויסן! אויב איר וועט אונז נישט איבערגעבן די שפּיאָנען אין פיר און צוואַנציק שעה לעבעדיקערהייט, וועלן מיר אויסשטעלן אין אַלטן מאַרק אַלע יידן מיט אייך, ראַבין אין דער שפּיץ און יעדן צענטן וועלן מיר דערשיסן.

די שטאָט האָט אויפגענומען די גזירה אין גרויס בהלה. זקנים האָבן געעצהט גוזר תענית זיין. דער רב איז געווען צעבראָכן און נישט געקענט טרייסטן דעם עולם. טרייטל־מרדכי, וואָס האָט זיך נישט געבויגן פאַר מלכות, פאַר גזרות, האָט געהאַט געניג בטחון. ער האָט באַרויקט די דערשלאָגענע. דערווייל האָבן די יידן זיך פאַרזאַמלט איןביידע שולן. די ראשי־הקהל האָבן געזאָלט רעדן צו די איבערגעשראָקענע. מען האָט געדאַרפט געפינען אַן אויסוועג פון דעם אומגליק.

יענע נאַכט זענען ביים רב אין הויז זיך צונויפגעקומען געציילטע יידן, געקליבענע בעלי בתים, פאַרטרויונגס־מענטשן און געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי אַרויסצופאָרן פון שטאָט, ווען יעדער אַרויסגאַנג איז געווען פאַרצוימט. מען האָט געוואָלט אָנשפּאַרן צו דער העכערער מאַכט און זיך באַקלאָגן, ווען פאַר דעם קאָמענדאַנט און פאַר זיין גזירה האָט קיין העכערע מאַכט אין מלחמה־צייט נישט עקזיסטירט. מען האָט איבערגעגעבן די אייגענע לעבנס צו דער אייבערשטער השגחה, מען האָט ווידער אַמאָל איבערגעחזרט אַז: לא אלמן ישראל און געהאָפט. אויב ביז מאָרגן וועט קיין נס נישט געשען, וועט מען מוזן גרייט זיין צו אַ בלוט־באָד.

און ווען די וולאָצלאַוועקער יידן זענען געזעסן פאַרלוירענע און געוואַרט אויף אַ נס האָט מיטאַמאָל פונעם מאַרק זיך פאַרטראָגן דאָס גערויש פון אַ טראָמפּייט. דאָס גערויש האָט געהילכט איבער דער שטאָט, אַן אָנזאָג, אַז נייע מיליטער קומט אָן. באַלד זענען פון דער ווייסל־זייט אָנגעלאָפן מענגעס מענטשן מיט געשרייען: די דייטשן זענען דאָ!

די יידן האָבן נישט געגלויבט זייערע אויערן. זיי זענען אַרויס פאַר די טירן און שוין מער נישט צוריק געקומען, דאָס דייטשע מיליטער איז אָנגעקומען אין שטאָט מיט רייטערס, מיט פוס־גייערס, מיט אָבאָזן און זיך צעלייגט איבערן אַלטן מאַרק און איבער די אַרומיקע גאַסן.

אַ גאַנצע נאַכט זענען די וולאָצלאַוועקער יידן וואַך געווען. מען האָט זיך געשטעלט אין קרענצלעך און באַוווּנדערט אויף וואָס פאַראַ שפּיצל די דייטשן זענען פעיק געווען דאַסמאָל. זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אויף אַ גאַנצן מעת לעת, איבערגעגעבן זי צום שונא, כדי דערנאָך אים, דעם שונא, צו נעמען געפאַנגען. מען האָט נישט געפילט דעם פראָסט וואָס האָט איצט געברענט אין דעם גרויען באַגינען. מיט די אייגענע אָטעמס האָט מען געוואַרעמט די דעקעס שניי און די פאַראומערטע הערצער זענען איבערפולט געוואָרן פון פרייד.

אין פרימאָרגן האָבן די דייטשן אַריינגעפירט אין שטאָט צוזאַמען מיט די געפאַנגענע רוסן, אויך גאַנצע פּאַרטיעס פאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט איבערגעבן אין געפאַנגענשאַפט און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד מיט געווער. צווישן די געפאַנגענע זענען געווען הונדערטער טויטע. די קהילה האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע חברה קדישא־לייט, זיי זאָלן אַרויספאָרן הינטערן שטאָט אין וואַלד, ווו ס׳איז מיט אַ נאַכט פריער געווען אַ שלאַכט. די חברה קדישא־לייט האָבן געזאָלט אויסזוכן צווישן די הרוגים די יידן און זיי ברענגען צו קבר ישראל.

אין געשפּאַנטן שליטן זענען געזעסן דער וולאָצלאַוועקער רב, טרייטל מרדכי און נאָך עטלעכע חברה קדישא־לייט. דער שליטן האָט זיך געשלעפּט אין שניי צווישן די שורות פאַרוווּנדעטע און טויטע און לויט סימנים געזוכט די יידישע מתים. סאַניטאַרן זענען

אַרומגעלאָפן מיט טראָג־בעטלעך. גויים, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע האָבן זיך געדרייט אין וואַלד און באַהאַלטענערהייט אַראָפּגעצויגן גאָלדענע רינגלעך פון די טויטע אָפיצירן, און דאָרט ווו די רינגלעך האָבן זיך נישט געלאָזט אַראָפּנעמען, האָבן די גויים אָפּגעשניטן גאַנצע פינגערס.

דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער רב איז אַרויסגעשטיגן. נאָך אים איז אַרויס טרייטל־מרדכי און די איבעריקע בעלי־בתים. אַלע זענען פלוצים געבליבן שטיין פאַרחידושטע נעבן אַ בוים.

נעבן בוים איז געלעגן דער רוסישער קאָמענדאַנט קייזער מיט אָפּגעהאַקטע פיס. דאָס פּנים זיינס איז געווען שוואַרץ, אויסגעלאָשן ווי אַ קויל, דאָס מויל, וואָס האָט מיט אַ מעת לעת צוריק געדראָט צו דערשיסן יעדן צענטן ייד, איז איצט געווען שטום, באַקן־ביינער זענען געווען איינגעלאָפן, די אויגן — שטאַר, פאַרגלאָצט. דער רוס איז געווען אין גסיסה.

דער שטאַרבנדיקער קאָמענדאַנט האָט אַ הויב געטאָן זיין קאָפּ איבערן פאַרבלוטיקטן מונדיר. אין די מידע, פאַרלאָשענע אויגן האָט מיט אַמאָל אויפגעבליצט דער לעצטער שיין פון לעבן. די אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך מילד, מיט אַזאַ געבעט, ווי זיי וואָלטן גע־וואַרט אויף רחמנות און פאַרגעבונג.

טרייטל־מרדכי האָט זיך איבערגעקוקט מיטן רב, אויף שטום־לשון געגעבן אָנצוהערן, אַז דער מענטש איז בטבע אפשר נישט קיין רשע, אַז ער ווייכט פון שלעכטס. אַ געריכטער האָט ער צוגערופן צוויי סאַניטאַרן און געהייסן דעם גוסס טון זיין רעכט.

דער שניי האָט איצט זיך געשאָטן געדיכטער און געפאַלן איבער שטיינער, איבער הייזער צודעקנדיק די זיפצן פון די פאַרוווּנדעטע און די לעצטע גסיסה־קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע. מיט אַמאָל האָט פון דער טומסקע־גאַס זיך פאַרטראָגן אַ שיסעריי. באַלד איז דאָס שיסעריי געוואָרן העכער, שטאַרקער, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מען באַשיסט די שטאָט.

אַ דיקער דייטש מיט אַן אָנגעגאָסענעם ביר־בויך, מיט אַ רויטן געפּאַלדעוועטן קאַרק, איז אויסגעוואַקסן אויף אַ פערד אינמיטן מאַרק. ער איז ראַשיק געריטן אַרום די מויערן און געשריגן אויף זיין באַס:

— צעגייט זיך! אַריין אין די הייזער! דער פיינד האָט אָנגע־הויבן אַן אַטאַקע הינטער דער שטאָט. מיר וועלן ענטפערן מיט אונזערע קאַנאָנען. רוימט אָפּ די גאַסן, אויב איר ווילט נישט, אַז די שטאָט זאָל ווערן באַשעדיקט!

די איינוווינער זענען געלאָפן אין די הייזער, אין די הויפן, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טויערן. די גאַסן זענען מיט אַמאָל געוואָרן פּוסט, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן.

אין מיטן טומל איז טרייטל־מרדכי אַרויס אין הויף. די דרייס־טערע צווישן די שכנים זענען אויך אַרויסגעקומען. טייל פון זיי זענען געווען אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אונטער אַ לאַנגן הויף־באַלקאָן, טראָץ די געשרייען פון זייערע ווייבער, און הנאה געהאַט, דווקא אין דער געפאַר, צו שמועסן וועגן מלחמה. פּאָמעראַנץ, אַ בוכהענדלער — אַ קרענקלעכער און נערוועזער, וואָס האָט געשמט פאַר אַ פּאָליטיקער און לאַנד־חכם האָט איצט אָנגעזאָטלט די פּענסנע אויף זיין נאָז. ער האָט אַרויס־גענומען פון בוזעם אַ פּעקל צייטונגען און זיך פאַרטיפט אין זיי ווי אין אַ מאַפּע, דערנאָך האָט ער מעשה־סטראַטעג אַ זאָג געטאָן.

— ס'איז די לעצטע שלאַכט!

— דאָס שיסעריי קומט דאָך פון דעם דזשאַדאָווער וואַלד! — האָט טרייטל־מרדכי באַשטעטיקט.

— גוט אַזוי. וועט מען נישט באָמבאַרדירן די שטאָט.

— דער דייטש שוינט וואָלאָצלאַוועק, ווייל זי איז נאָענט צו זייער גרענעץ־שטאָט טוירן.

— וואָסערע קנאַלן!

— דאָס שיסן דאָך די האַרמאַטן!

— די צוויי־און־פערציקער?

— מען זאָגט, אַז אויף דער סטאָדולנע גאַס ליגן באַהאַלטן מחנות רוסיש מיליטער!

— דער דייטש וועט זיי זיכער נעמען אין „פּלען”!

— וואָס דאַרף ער אַזויפיל פּרעסערס?

— ער וועט זיי נישט נעמען אין געפאַנגנשאַפט — האָט פּאָמעראַנץ פאַרזיכערט זיינע שכנים מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געוווּסט אַלע מיליטערישע סודות — מ'וועט די רוסן לאָזן אָפּציען... ס'לוינט נישט צו נעמען אַזויפיל פּאָניעס אין „פּלען”... פאַרלאָזט זיך אויפן דייטש...

דאָס קנאַלעריי האָט נישט אויפגעהערט. בליצן זענען געפלויגן איבער דעכער, איבער הייזער און שרפות געצונדן, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז די שטאָט וועט באַלד אַוועק מיטן רויך.

פאַרנאַכט איז דאָס שיסעריי שוואַכער געוואָרן. איינציקווייז האָבן טויערן זיך געעפנט. אַ פור איז צוגעפאָרן צום מאַרק, איבער־לאָזנדיק שפורן פון שניי. פאַרבייגייער האָבן אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבער די גאַסן און די שטאָט איז ווידער געוואָרן פול מיט טומל.

אין עק לענגסקאַ־גאַס האָבן זיך געזאַמלט מענגעס מענטשן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן דורכגייענדיקן רוסישן מיליטער. טרייטל־מרדכי האָט צוזאַמענגערופן די שכנים, די אייגנ־טימער פון די געוועלבער פון די אַרומיקע גאַסן און צו זיי געזאָגט:

— יידן, מען דאַרף עפּעס טון... הונגעריקע זעלנער וועלן באַלד דורכגיין די שטאָט. זיי ציען זיך צוריק פון אַ פאַרשפּילטער שלאַכט... מ'דאַרף זיי העלפן... לאָמיר זיי אַקעגן גיין מיט ברויט און פּאַפּיראָסן...

ער איז אַליין אַריין צו זיך אין דער בעקעריי און אַ קוק געטון צי ס'וועט קלעקן מעל. ער האָט געהייסן זיינע געזעלן אויף גיך אויסבאַקן אָן אַ שיער בולקעס, ווייסע זעמל, די געזעלן האָבן געזען אין דעם אַ מצווה־זאַך און מיט חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַ שעה שפּעטער האָבן ריחות פון פרישע געבעקס געשפּאַרט פון אויוון. צוויי געזעלן האָבן מיט לאַנגע לאָפּאַטעס אַרויסגעשאָטן הונדערטער בולקעס.

טרייטל־מרדכי האָט אָנגעפילט עטלעכע קוישן מיט בולקעס, ער האָט געכאַפּט איין קויש און אַליין זיך אַרויסגעשטעלט אין עק לענגסקע־גאַס, דורך וואַנען דאָס רוסישע מיליטער האָט געזאָלט דורכגיין. קרעמערס האָבן זיך באַוויזן מיט פּעק מאַכאָרקע און מיט פלעשער שנאַפּס. אַגרעסט, דער דיקער קאַפּע־אייגנטימער פון דער ברייטער גאַס איז אָנגעקומען אַ באַלאָדענער מיט שאַכטלען פּאַפּי־ראָסן. פונעם שפּייז־געוועלב האָט דער אַלטער, געבויגענער ראָזען אויסגעקאָלערט אַ פעסל מיט הערינג.

און מיט אַמאָל האָבן מחנות רוסישע זעלנער זיך גענומען אַרויסשיטן פון דער סטאָדולנע־גאַס. די גרויע שינעלן און די אויס־געליידיקטע ביקסן זענען מיד געהאָנגען אויף זייערע געבויגענע רוקנס — אַן אָנזאָג פון פאַרשפּילטן קאַמף. די זעלנער זענען געגאַנגען אין צעשאָטענע רייען, אין גאַנג געזונקן ביז די קניען אין טיפן שניי.

טרייטל־מרדכי האָט אַ שאָט געטאָן דעם קויש בולקעס און הונדערטער פּאָר הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו כאַפּן. די קרעמערס האָבן אים נאָכגעטון. זיי האָבן אויסגעט־ילט הערינג, גלעזלעך שנאַפּס און פּאַפּיראָסן, און איטלעכס מאָל, ווען זעלנער האָבן געוואָלט דורכברעכן די רייען און באַפאַלן די שפּייז, איז אַרויסגעוואַקסן אַן אָפיציר מיט אַ נאַגייקע אין האַנט. ער האָט געשמיסן איבער די קעפּ, ווי ס׳וואָלט קיין צייט נישט געווען איצט זיך אָפּצושטעלן — דער שונא שטייט הינטער די פּלייצעס — און די מחנות האָבן ווייטער געצויגן אין שניי, געאיילט ווי געטריבענע שעפּסן.

טרייטל־מרדכי איז געשטאַנען אַ צעשטראַלטער. דאָס בלאָנדע בערדל איז געווען פאַרשפּיצט פון פראָסט. די רויטלעכע באַקן האָבן געפלאַמט. ער איז געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, דעם קאָפּ אויפגעהויבן ווי ער וואָלט נאָכגעקוקט ווער פון די זעלנער האָט נאָך נישט געקראָגן זיין חלק. ער האָט אויסגעליידיקט איין קויש בולקעס נאָכן צווייטן. ער האָט מיט פריידן געקוקט ווי די שכנים פון הויף ברענגען כסדר פרישע קוישן און זיינע הענט זענען נישט מיד געוואָרן פון אויסטיילן.

די חיילות האָבן געצויגן פאַרויס מידע, געבראָכענע. טייל זענען געפאַלן אין שניי, אָבער דער האָגל פון די נאַגייקע־קלעפּ האָט זיי געשטעלט צוריק אויף די פיס. די סאָלדאַטן זענען געוואָרן ווילד. זיי האָבן געריסן די זעמל, די פּאַפּיראָסן, די גלעזלעך שנאַפּס און בלויז אויס נקמה, וואָס זיי קענען מיט זיך אַלץ נישט מיטנעמען, האָבן זיי געשפּיגן אויף די שפּייז־אויסטיילער און ווייטער זיך געשלעפּט אין דעם לאַנגן שנייקן וועג.

טרייטל־מרדכי האָט נישט געזען ווי די סאָלדאַטן שפּייען און באַוואַרפן אים מיט שניי. ער האָט בלויז געזען דעם הונגעריקן, פאַר־פייניקטן מענטש און די ברייטע הענט האָבן ווייטער געשאָטן די פרישע בולקעס פאַר די אָפּציענדיקע חיילות. ער האָט זיי געשאָטן אויף רעכטס, אויף לינקס.

סט. גאָמבינסקי / פּאַריז — געשטאַלטן און געשעענישן

נישט לייכט איז אַריבערצוטראָגן אויפן פּאַפּיר זכרונות פון ווייטן אַמאָל. געשטאַלטן און געשעענישן טויכן אויף פון אַלע זייטן און דו ווייסט פּשוט נישט פון וועמען און פון וואָס אָנצוהויבן.

געווען איז אונזער שטאָט אַן אַלטע און דער ייִדישער ישוב אין איר — פון אַ באַזונדערן שניט. ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַריסטאָקראַטישקייט און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע ברייטע השגות און כמעט גרויסשטעטישן סטיל פון לעבן.

ווי אַ שטאָט האָט אויך וולאָצלאַוועק פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן. זי איז געלעגן ביים ברעג פון דער רחבותדיקער ווייסל, אין וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די וואַלד־באַדעקטע בערג פון שפּעטאַל, וואָס האָבן אויסגעזען הויך אין אונזערע אויגן, געוווינטע צו די פלאַכע שטחים פון צענטראַל־און צפון־פּוילן. אין באַגינען, ביים זון־אויפגאַנג, האָט די ווייסל געשימערט מיט גאָלד און אין די פאַרנאַכטן, ביים זון־אונטערגאַנג האָט זי אויסגעקוקט מאַיעסטעטיש אין איר פּורפּור־רויטקייט.

וולאָצלאַוועק איז געווען די הויפּטשטאָט פון קויאַווע באַקאַנט פון איר פרוכטבאַרער ערד און פון אירע פּולע מיט בענקשאַפט „קויאַוויאַקעס״, וועלכע שאַפן האָט, ענלעך ווי די „מאַזורקעס״ פון שכנותדיקן מאַזאָווש, באַרימט געמאַכט אין דער וועלט.

קויאַווע איז געווען אַ תבואה־צענטער און אין וולאָצלאַוועק זענען צוזאַמענגעקומען אַלע טראַנזאַקציעס פון תבואה־אויפקויף. דאָ איז די תבואה פאַרלאָדנט געוואָרן אויף בערלינקעס, וועלכע האָבן זי געבראַכט קיין גדאַנסק (דאַנציק) און פון דאָרט איז זי עקספּאָרטירט געוואָרן קיין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער. דער תבואה־האַנדל און דאָס פאַרבונדענע מיטן עקספּאָרט באַנקוועזן איז געלעגן אין ייִדישע הענט.

אין די יאָרן 1840—1860 האָט געפירט אַ גרוי־סן תבואה־האַנדל אין אונזער שטאָט מיכאל געלדזשינסקי און וועגן אים און זיין משפּחה שרייבט ישעיה טרונק אין זיין געשיכטלעכער אָפּהאַנדלונג אין דאָזיקן ספר.*

* זע ז׳ 59.

פון דער משפּחה געלדזשינסקי האָבן געשטאַמט די אַרנשטיינס; געווען איז אין וולאָצלאַוועק אַ דענטיסט הענריק אַרנשטיין און שפּעטער, ביז דעם אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה — זיין זון, יאַן אַרנשטיין. אַ סך וולאָצלאַווקער געדענקען געוויס נאָך די כאַראַקטעריסטישע געשטאַלט פון דער אַלטער „פּאַני אַרנשטיין״, די פרוי פונעם ערשטן און מוטער פון צווייטן.

אויב מען רעדט וועגן אַמאָליקע וולאָצלאַווקער תבואה־סוחרים, דאַרף דערמאָנט ווערן די משפּחה לעווינסקי, וועלכע האָבן געפירט אין די יאָרן 1860—1880 אַ ברייטן תבואה־מסחר און אַ באַנק. שפּעטער, פון יאָר 1900 האָבן זיי געהאַט „בלויז״ אַ פאַבריק פון מיל־שטיינער. פון דער משפּחה — מיט דער צייט גענצלעך אַ פאַרפּוילישטער — האָט געשטאַמט דער באַרימטער פּוילישער עקאָנאָמיסט, פּראָפ. יאַן סטאַניסלאַוו לעווינסקי. צום סוף דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די תבואה־סוחרים חיים (היימאַן) לינקע, שלמה זאַקשעווסקי, יוסף גאָלד, די משפּחה זשיכלינסקי און די גרעסטע אין די לעצטע יאָרן פירמע פון תבואה־האַנדל: „נאַשיאָנאַ״.

די דאָזיקע פירמע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921 דורך אַבֿרהם גליצענשטיין, מענדל קראַקאָווסקי, יעקב יאַקובֿ, מרדכי אברהם יודסקי, שמואל ווינטער און ח. אל. טכורש. מיט דער צייט האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער פירמע גליצענשטיין און יאַקובֿ און זי האָט געטראָגן דעם נאָמען: Nasiona — Spółka Rolniczo-Handlowa, Krakowski, Tchórz i Ska. הערט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פירמע פאַרלאָזן קראַקאָווסקי און איר נאָמען איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין Nasiona — Spółka Rolniczo-Handlowa, Ch. L. Tchórz I Ska.

„נאַשיאָנאַ״ איז געווען אַ וועלט־פירמע. זי האָט געהאַט גרויסע שפּייכלער אין וולאָצלאַוועק, גדאַנסק און גדיניע און אויפגעקויפט תבואה אין גאַנץ פּוילן. עקספּאָרטירט האָט זי קיין אויסטראַליע, צפון־אַמעריקע און אין אַ סך לענדער פון אייראָפּע. דער יערלעכער אומזאַץ פון דער פירמע איז געווען ביז פינף מיליאָן זלאָטעס.

ווי דערמאָנט, איז וולאָצלאַוועק געווען אויך אַ שטאָט פון באַנק־

ווען. פון די אַמאָליקע באַנקירן אין שטאָט דאַרף דערמאָנט ווערן די משפחה קאָהן (Cohn) און די משפחה פּרץ. דער הויפּט־פאָרשטייער פון דער ערשטער איז געווען לואיס קאָהן וועמענס באַנק האָט זיך געפונען אויף דער אַמאָליקער אייזן — און צולעצט קאָשציושקי־גאַס, אינעם בנין וווּ ס'איז אין די יאָרן 1914—1930 געווען דער מאַגיסטראַט. לואיס קאָהנס, דוכט זיך אַן אייניקל, איז געווען דער באַרימטער געלערנטער לודוויק הירשפעלד, דער אַנטדעקער פון דער קלאַסיפיקאַציע פון בלוט־גרופּעס.

די פּרצס האָבן געשטאַמט פון קאַליש. אַ טייל פון דער משפחה האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און אַ טייל — אין וולאָצלאַוועק.

צו די באַנקירן אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט געהערט יוסף גאָלד, וועלכער האָט אויפגעבויט אין יאָר 1910 די „נייע שול" אויף דער קרולעוויעצקע־גאַס. זיין אייניקל איז געווען דער באַרימטער פידלער־ווירטואָז טשאַפּלינסקי, וועלכער האָט זיך שוין פון דער פריסטער יוגנט אויסגעצייכנט אין בערלין און קאַנאַדע. ער איז אומגעקומען אין אַ טויטן־לאַגער. בעת מען רעדט וועגן באַנקירן, דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן די משפחה הירשבערג. איזאַק הירשבערג איז געווען דירעקטאָר פון באַנק פאַר האַנדל און אינדוסטריע און אויך א מומחה אין עקאָנאָמישע און פינאַנס־ענינים. ער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

*

דער וולאָצלאַווקער בית־עלמין האָט זיך געפונען „ווייט פון דער שטאָט", רעכטס פון קיוואָלער שאָסיי. געגרינדעט איז ער געוואָרן אין יאָר 1830. איינע פון די עלטסטע מצבות, וועלכע זענען פאַרבליבן אין זכרון פונעם שרייבער פון די שורות, האָט זיך געפונען אין דער ערשטער אַליי, לענגאויס דעם אַריינגאַנג. די מצבה איז געשטאַנען אויפן קבר פון לואיס מעיער און וועגן אים שרייבט אויספירלעך ישעיה טרונק.* אויף דער הינטערשטער זייט פון דער מצבה האָט זיך געפונען אַן אויפשריפט אין דייטש:

“Ein Jude und ein Pole sein
Das ist des Unglücks Doppelkranz”.

און ווייטער — ווערטער פול מיט פּשטות און טרויער וועגן גורל פון די פוילישע „איזראַעליטן". אינעם ווייטערדיקן טייל פון בית־עלמין איז געשטאַנען דער אוהל פון באַקאַנטן וולאָצלאַווקער רב קאַראַ.

איינער פון הרב קאַראַס זין איז געווען אַ באַרימטער כעמיקער אין דייטשלאַנד פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַרימטן כעמישן טרעסט פּ.אי.אי.ג. (פאַרבעזי־אינדוסטרי אינטערעססען־געמיינשאַפט). אויף דעם געביט האָט ער געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן קייזערלעכן דייטשלאַנד און באַקומען הויכע אויסצייכענונגען.

זיינע אויפטוען האָבן זיך אָבער נישט באַגרענעצט צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע. אויך ווי אַ געלערנטער האָט ער פאַרנומען אַ חשובן אָרט צווישן די דייטשע כעמיקער. דאָס האָט טאַקע פּראָפ' קאַראַ אַנטדעקט האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָדער אין אירע ערשטע חדשים, אַ מעטאָדע צו באַקומען שטיקשטאָף פון דער לופט. די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע, פּשוט נישט צום אָפּשאַצן, באַדייטונג, פאַר דער מלחמה־אינדוסטריע, וואָרעם ביז דאַן איז די פּראָדוקציע פון פּולווער און דינאַמיט געווען אָפּהענגיק פון דער אימפּאָרטירטער פון טשילי סאַלעטרע.

* זע ז' 61 און פאָלגנדיקע.

אַ צופאַל אָדער די איראָניע פון גורל? גלייכצייטיק כמעט מיטן פּראָפ' קאַראַ, האָט געמאַכט אין קעגנערישן לאַגער, אין ענגלאַנד, אַן אידענטישע אַנטדעקונג אַ געלערנטער און אויך אַ ייד — פּראָפ' חיים ווייצמאַן...

און אויפן ראַנד פון די זכרונות וועגן פּראָפ' קאַראַ. אין יאָר 1924 איז אַוועק קיין דייטשלאַנד אַ וואַרשעווער כעמיקער, אינזש' אירליכט, כדי צו דערגיין געוויסן סודות, וועלכע זענען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן אין דער דייטשער אינדוסטריע. ער האָט זיך אַלזאָ פאָרגעשטעלט ווי אַ פּשוטער כעמיקער־לאַבאָראַנט און איז באַשעפטיקט געוואָרן אין איינער פון די פּ.אי.אי.ג.־פאַבריקן אין לודוויקסהאַפן. מאַכט זיך אַז איינער פון די מייסטערס האָט עפּעס פאַרזען און עס האָט געדראָט אַ סכנה פון אַן אויפרייס, וואָס וואָלט נישט נאָר חרוב געמאַכט די פאַבריק און די מאַטעריאַלן, נאָר אויך גורם געווען צו מענטשן־קרבנות. אינזש' אירליכט האָט זיך באַלד אָריענטירט אַז אַ צוגאַב פון געוויסע כעמישע שטאָפן איז בכוח צו פאַרמיידן דאָס אומגליק. און ער האָט עס טאַקע באַוויזן. אין דער דירעקציע האָט מען זיך אָבער באַלד געכאַפּט דערויף, אַז אירליכטס ידיעות שטייגן ווייט אַריבער די ידיעות פון אַ פּשוטן לאַבאָראַנט און דאָס האָט דערוועקט אַ חשד. אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט אין סודות פון דער מלחמה־פּראָדוקציע, איז אירליכט געוואָרן אַרעסטירט און עס האָט אים געדראָט אַ שטראָף פון עטלעכע יאָר תפיסה. זיין שווער, נאָווער, אַ באַקאַנטער וואַרשעווער אינדוסטריעלער, וועלכער האָט געשטאַמט פון וולאָצלאַוועק, איז גלייך אַוועק קיין דייטשלאַנד און האָט באַוויזן צוצוקומען צום פּראָפ' קאַראַ. נאָך 48 שעה איז אינזש' אירליכט באַפרייט געוואָרן.

*

אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אינעם זכרון פונעם שרייבער פון די שורות, איז געווען יאַן בראָקמאַן. געשטאַמט האָט ער פון אַ באַקאַנטער קאַלישער משפחה און פון דער משפחה האָבן אויך געשטאַמט דער באַרימטער קינדער־דאָקטער, פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, ווי אויך דער אַלגעמיין־באַקאַנטער פּאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן, אַדוו' וואַצלאַוו בראָקמאַן, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן אין געריכט מצד די פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטע אין די יאָרן 1905 און 1920—1939. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה.

יאַן בראָקמאַן האָט זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן י"ה. געשטאָרבן איז ער אין 1916 אין עלטער פון 70 יאָר. קומענדיק אין אונזער שטאָט האָט ער באַוויזן באַלד צו דעראָבערן זיך דעם אַלגעמיינעם אָנזען און איז עטלעכע מאָל געווען ראש הקהל. בראָקמאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געפיל פון פערזענלעכן און קאָלעקטיוון כבוד. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפן חוש פון הומאָר, פאַרמאָגט בילדונג, שכל און קולטור. ער האָט רעפּרעזענטירט דעם שענסטן טיפּ פון אַ יידישן פּאַטריציער פון אַמאָליקן שניט. זיין אייניקל איז געווען פּראָפ' טאַדעאוש רייכשטיין, אַ כעמיקער, פּראָפעסאָר אין דער באַזעלער אוניווערסיטעט און נאָבעל־פּרייז־טרעגער (אַנטדעקט קאָרטיזאָן).[1]

[1] פּראָפ. טאַדעאוש רייכשטיין איז געבוירן געוואָרן אין וולאָצלאַוועק, דעם 20־טן יולי 1897 און אַוועק קיין שווייץ צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין יאָר 1906. אין יאָר 1920 האָט פאַרענדיקט דעם פעדעראַלן טעכנישן קאָלעדזש אין ציריך מיטן טיטל אינזשעניר כעמיקער. דעם נאָבעל־פּרייז האָט ער באַקומען צוזאַמען מיט נאָך צוויי געלערנטע אין יאָר 1950 פאַר זיינע אויפטוען אויפן געביט פון פיזיאָלאָגיע און מעדיצין. ער האָט אַנטדעקט דעם כעמישן באַ־

יאַן בראָקמאַן איז געווען אַ בוי־־אונטערנעמער; אין זיין אונ־טערנעמונג האָט געשטעלט די ערשטע שריט בערנאַרד זילבער, דער שפּעטער אָנגעזעענער תושב פון אונזער שטאָט ווי אויך געוועזענער פּרעזעס פון דער יידישער קהילה.

אַ באַזונדער קאַפּיטל וואָלט כדאי געווען מקדיש צו זיין דעם פּאָפּולערן וולאָצלאַווקער דאָקטער קאַלטמאַן, וועגן וועלכן מען האָט שוין אַפילו געשריבן אין דער פּוילישער ליטעראַטור.[2] באַקאַנט איז ער געווען אין שטאָט פון זיין רשלנותדיקן אַנטון, דעם שטאַרקן גע־פיל פון אחריות כלפּי זיינע פּאַציענטן און פון זיין... שאַרפער צונג. ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז אַ באַקאַנטע פּוילישע אַריסטאָקראַטין, אַ גוט־באַזיצערין בשכנות פון וולאָצלאַוועק, האָט געשיקט נאָך אים איר אַדמיניסטראַטאָר אין אַ קאַרעטע מיט אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט געבעטן דעם דאָקטער ער זאָל קומענדיק צו איר ברענגען מיט זיך אַן אָוונט־אַנצוג צוליב די אָנגעזעענע געסט, וועלכע וועלן ביי איר אין פּאַלאַץ. קאַלטמאַן האָט מיט דער קאַרעטע מיטגעשיקט זיין אָוונט־אַנצונג און אַליין איז ער פאַרבליבן ביי זיך אין שטוב...

וועגן זיין נאָכפאָלגער, ד״ר ל. פוקס, וועלכער איז נישט נאָר געווען אַן אויסגעצייכנטער דאָקטער נאָר אויך פון די צענטראַלע געשטאַלטן אין וולאָצלאַוועקער יידישן און אַלגעמיינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן — שרייבן אין דאָזיקן בוך אַנדערע.

און ווען עס קומט צו רייד וועגן יידישע דאָקטוירים אין שטאָט, שווימט אויף אין זכרון די געשטאַלט פון ד״ר טאָרנער־טאָרונסקי.

געשטאַמט האָט ער פון ליבראַנץ. ווי אַ יונגער בחור האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט און איז אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט פאַרענדיקט אַ מיטל־שול און שפּעטער מעדיצין נאָך אין די צייטן פון קייזערלעכן דייטשלאַנד. במשך פון עטלעכע יאָר, פאַר דער ערש־טער וועלט־מלחמה, איז ער געווען אַ שיפס־דאָקטער אויף די שיפן פון דער געזעלשאַפט „האַפּאַג״ (האַמבורג—אַמעריקע—פּאַקעט א.ג.). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אָנגענומען, ווי אַ געבוי־רענער אין פּוילן, די פּוילישע בירגערשאַפט. לויט די תקנות פון יענער צייט האָט יעדער מעדיצין־דאָקטער, וואָס איז צוריקגעקומען קיין פּוילן געדאַרפט רעיעסטרירן ביז אַ געוויסן טערמין זיין דיפּלאָם. האָט ער דאָס נישט געטון אין דער צייט איז ער געווען געצוווּנגען צו באַלייגן דעם א״ג נאָסטריפיציר־עקזאַמען.

ד״ר טאָרונסקי האָט פאַרנאַכלעסיקט די דאָזיקע רעיעסטראַציע; ווען ער איז אָנגעקומען קיין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1922 אָדער אין 1923, איז שוין געווען צו שפּעט. כדי צו מאַכן די אַלע נויטיקע עק־זאַמענס איז ער שוין געווען צו אַלט, בפרט אַז ער האָט קיינמאָל נישט געקענט די פּוילישע שפּראַך. איז אים געבליבן נאָר איינס: פּראַקטיצירן אומלעגאַל. און צוליב דעם האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַן אַ שיעור צרות: פּראָטאָקאָלן, שטראָפן, כסדרדיקע משפּטים, ענינים מיט דער פּאָליציי און דער סטאַראָסטווע. אָבער ווי עס איז האָט ער ממשיך געווען מיט זיין פּראַקטיק.

שטאַנדטייל״ פון קאָרטיזאַן־האַרמאַן און פון אַנדערע דריזן־אויסטיילונגען פון די נירן.

פּראָפ. רייכשטיין איז אַ נאַציאָנאַלער ייד און געווען אַ פּערזענלעכער פריינד פון פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן. (רעד.).

[2] זע די זכרונות פון „טשאיקאַ״ סטאַכאָוויטש, געבוירן שוואַרץ. אַ נאָענטע קרובה פון באַרימטן יידישן סקולפּטאָר מאַרק שוואַרץ. פאַרבונדן מיט וולאָצלאַ־וועק דורך מאַקסימיליאַן און מאָריצי שוואַרץ, וולאָצלאַווקער אינדוסטריע־לער. אין אירע זכרונות Czarownica na huśtawce דערציילט זי אויך וועגן דער משפּחות קינאָ, צווייער און דערמאָנט דעם באַזוך פון באַרימטן סקולפּטאָר הענריק גליצענשטיין אין אונזער שטאָט ווי אַ גאַסט פון דער משפּחה קינאָ.

פון אויסזען — אַ טיפּישער פּרייס. אַ פול, רויטלעך פּנים, קורץ געשוירענע האָר און שטענדיק מיט אַ ציגאַר אין מויל. שעהנווייז פלעגט ער אָפּזיצן אין „גראַנד־קאַפע״ און אין אַ מאָדנעם געמיש פון דייטש, יידיש, האָלענדיש מיט עטלעכע פּוילישע ווערטער האָט ער אויסגערעדט אויף אַלעם און אויף אַלץ. זיינע פּאַציענטן האָט ער אויפגענומען ביי זיין טישל אין קאַפע־זאַל און אין די שפּעטע אָוונט שעהן — אין זיין איין־צימערדיקן בוידעם־שטיבל. בעת דער לעצטער מלחמה האָט ער זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ און דאָרט אומגעקומען

פריער נאָך, פאַר דאָקטער קאַלטמאַן, אין די יאָרן 1880—1914, איז איינער פון די ערשטע, ווייזט אויס, יידישע דאָקטוירים אין וולאָצלאַוועק געווען פּאַיאַנס.[3] צו דער משפּחה פּאַיאַנס האָבן זיך אויך אָנגעהערט דער באַקאַנטער זשורנאַליסט און ליטעראַט ראָמאַן פּאַיאַנס ווי אויך דער פּראָמינענטער געלערנטער, פּראָפעסאָר אין מינכענער אוניווערסיטעט קאַזשימיעזש פּאַיאַנס, איינער פון די וויטאַמינען־אַנטדעקער און פאָרשער פון זייער ראָל.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען די וולאָצלאַווקער פעלדשערס, צו וועלכע אַ סך תושבים האָבן געהאַט מער צוטרוי ווי צו דאָקטוירים — דויטשער, טייכנער און האָרן, דעם לעצטן האָט מען אַפילו טיטולירט דאָקטער און די פּאָלאַקן: וואַסילעוויטש און קעמפּ־טשינסקי, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך יידישע פּאַציענטן און געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע געשטאַלט אין וולאָצלאַוועק איז אויך געווען אַדוואָקאַט באָק, דער „מעצענאַס״ ווי מען האָט אים גערופן. אַ סך יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז באָק געווען דער ערשטער יידישער אַדוואָקאַט אין וולאָצלאַוועק.

באָק איז געווען אַן אַבסאָלווענט פון דער וואַרשעווער שקאָלאַ גלוונאַ, אַ לערנאַנשטאַלט, וואָס האָט אין די קורצע יאָרן פון זייז עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן אַ שורה גרויסע געלערנטע, פּראָמינענטע טוער און באַרימטע פּערזענלעכקייטן. צווישן זיי אַ סך יידן ווי למשל: פּראָפ׳ סאַמועל דיקשטיין, אַ באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער, פּראָפ׳ אַלעק־סאַנדער קראַוסהאַר, יוריסט און היסטאָריקער, הענריק קאָניץ, יוריסט און אַנדערע וויסנשאַפטלער.

שוין דער אויסזען אַליין פון מעצענאַס באָק האָט אַרויסגערופן דרך ארץ. אַ הויכער, אַביסל איינגעבויגן מיט באַקנבערד אַלאַ פראַנץ יאָזעף און אַ מאָנאָקל אין רעכטן אויג. סיי ווינטער און סיי זומער האָט ער געטראָגן אַ „זשאַקעט״ און אָנשטאָט אַ קראַוואַט אַ פּלאַסטראָן (אַ מין שטייפע וועסטל צוזאַמען מיט אַ קראַגן). זיינע קליענטן האָט ער באַהאַנדלט שטרענג און פון דער הויך, ווען בשעת דער אויפנאַמע האָט זיך עמעצער אָנגעהויבן אַריינצולאָזן אין נישט־וועזנטלעכע פּרטים, האָט ער אים איבערגעריסן און געזאָגט: „רעדט וויפל איר ווילט. פאַר יעטוועדן וואָרט צאָלט איר מיר סיי ווי 15 קאָפּיקעס״. פאַרשטייט זיך, אַז דער קליענט איז צעטומלט געוואָרן און גיך פאַרענדיקט זיין ענין.

כאָטש טרוקן פון דער נאַטור און אַ מענטש וואָס האַלט זיך ווייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט באָק נישט געוואַקלט זיך אַרויס־צוטרעטן ווי אַ פאַרטיידיקער פון דער יידישער יוגנט און דער אופן ווי ער האָט דאָס געטון האָבן געוועקט כבוד. דאָס זענען געווען די שטורמישע יאָרן פון „בונד״, „פּועלי־ציון״, פּ.פּ.ס. און ס.ד.ק.פּ.ל. די יאָרן פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. די יידישע יוגנט איז געוואָרן מאַסנווייז אַרעסטירט, איינגעזעצט אין תפיסות און פאַרמשפּט.

---

[3] וועגן ד״ר פּאַיאַנס זע זייט 61 הערה 2 אין דאָזיקן ספר.

באָק האָט תמיד געוווּסט צו זיין איר אמתדיקער פּאַרטיידיקער.

שרייבנדיק וועגן פּאָליטישע ענינים, דאַרף מען דערמאָנען די משפּחה פורמאַן. דער אַלטער פורמאַן, אַן אייגנטימער פון אַ קאָלאָניאַלן הורט־סקלאַד, האָט געהאַט דריי זין, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַ־דייטנדיקע ראָל אין די פּוילישע פּאָליטישע באַוועגונגען — צוויי זין אין די דאַמאָלטדיקע ס.ד.ק.פּ.ל. (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע און די שפּעטערדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי) און דער דריטער — אין פּ.פּ.ס. אין די יאָרן 1922—1924 איז באַרימט געוואָרן לעאָן פורמאַנס אַנטלויפן פון „פּאַוויאַק". ביים אַלטן פירמאַן אין סקלאַד האָט געשטעלט די ערשטע שריט טאָרונטשיק, אַ באַקאַנטער בונדישער טוער אין שטאָט, שפּעטער ראַטמאַן.[4]

[4] לעאָן פורמאַן האָט אויך געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין קאָמינטערן אין ראַטן־פאַרבאַנד. פּרטים ברענגען מיר פון: פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַן אילוזיע (זכרונות), אויסגאַבע — ביכער־סעריע: דאָס פּוילישע יידנטום, בוענאָס איירעס, 1954 — תשי"ד, ז' 183—184.

„אינעם דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (1925) האָבן זיך באַטייליקט: בוכאַרין, זינאָוויעוו און מאַנואילסקי, דער אוקראַאינער פאָלקס־קאָמיסאַר מיקאָלאַי סקריפּניק, אַן אַלטער באָלשעוויק און פערזענלעכער פריינד פון לענינען.

דער צוזאַמענפאָר האָט דערגרייכט זיין ציל: די רעכטע זענען ליקווידערט געוואָרן. דער קאָמינטערן, געטריי זיין טאַקטיק, האָט נישט געוואָלט אָנפאַר־טרויען דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַפּאַראַט בלויז די לינקע און אין נייעם צ.ק. זענען אויך אַריינגעגאַנגען אַ ריי מענטשן ווי יוליאַן לענסקי (לעש־טשינסקי), לעאָן פורמאַן, סקולסקי (מאַרטענס) א"אַ, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אַ מין קעגנגעוויכט צו דאַמסקין און זאָפיע אונשליכט. עס האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז לענסקי, אומקערנדיק זיך קיין פּוילן, איז אַרעסטירט גע־וואָרן און די פּאַקטישע אָנפירונג איז ווייטער געבליבן אין די הענט פון די אולטראַ־לינקע און פון פורמאַנען.

פורמאַן איז צו יענער צייט געווען זייער געשעצט און באַליבט אין דער פּאַרטיי. נאָך זיין סענסאַציאָנעלן אַנטלויפן פון „פּאַוויאַק" צוזאַמען מיט זדזשאַרסקין איז זיין פּאָפּולאַריטעט נאָך מער אויסגעוואַקסן. כאָטש פורמאַן איז געווען אַ תלמיד פון קאָסטזשעווא, האָט ער זיך אָבער דיסטאַנצירט פון די רעכטע און פאַרנומען אַ צענטריסטישע פּאָזיציע צווישן די רעכטע און אולטראַ־לינקע.

מיט יאָרן שפּעטער, בעתן בירגערקריג אין שפּאַניע, איז ער געשיקט געוואָרן פון קאָמינטערן קיין באַרצעלאָנאַ און פאַרנומען דאָרט אַ זייער וויכ־טיקע פּאָזיציע. צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין שפּאַניע. דער דאָזיקער באַריכט האָט מסתמא נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק, ווייל באַלד נאָך זיין באַריכט איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פורמאַן האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער און אַסימילירטער יידישער פאַמיליע פון וולאָצלאַוועק. ער איז געווען אַ זייער באַגאַבטער מענטש מיט אַ סך מאַרקסיסטישן וויסן. אַ חוץ דעם אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר און גלענצנדיקער מאַסן־רעדנער.

זיין פּאָליטישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין פּ.פּ.ס. (לינקע) און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געאַרבעט אין לאָדזש און אין קוילן־ראַיאָן פון זאַגלעמביע. אויך זיין פרוי, אַ פּשוטע לאָדזשער טעקסטיל־אַרבע־טערין, בראָנקע היבנער, איז געווען זייער אַקטיוו אין דער קאָמפּאַרטיי. וועגן זיין זעלבסטמאָרד האָט מען, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ שוויַיג אין דער פּאַרטיי".

און אגב, אין שפּאַניע האָט זיך פורמאַן זיכער געטראָפן מיט דעם יונגן הענריק (העניעק) טאָרונטשיק אַ זון פון אויבנדערמאָנטן טאָרונטשיק, וועלכער האָט איבערגענומען דעם אַלטן פורמאַנס קאָלאָניאַל־סקלאַד.

העניעק טאָרונטשיק האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּוילישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי מעגלעך נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע, אָדער אַ יאָר־צוויי שפּעטער. אין יאָר 1936 איז ער אַוועק קיין שפּאַניע, כדי צו קעמפן אין די שורות פון דער פּוילישער פאָרמאַציע אויפן נאָמען פון דאָמב־ראָווסקי („דאָמבראָווטשאַקעס") און געווען נאָענט צום גענעראַל שווער־טשעווסקי („גענעראַל וואַלטער"), וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער

אין יאָר 1905 זענען אין וולאָצלאַוועק געווען טעטיק פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. אַ סך חשובע טוער פון ס.ד.ק.פּ.ל. האָבן פאַרבראַכט אין אונזער שטאָט. אין וולאָצלאַוועק זענען געווען טעטיק און דאָ אויך געוואָרן אַרעסטירט דורך דער צאַרישער פּאָליציי: רובינשטיין — „דער גלח", בראָנסקי־וואַרשאַווסקי, לענינס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער, זאַקס־רייך, שפּעטערדיקער פינאַנץ־מיניסטער אין דער רוסישער פעדעראַטיווער רעפּובליק און סך אַנדערע. און מען וואָלט געקענט אָנפילן אָן אַ שיעור בענד מיט דערציילונגען ווי אַזוי באַקאַנטע, וולאָצלאַוועקער „בורזשויעס" האָבן מיט אַלערליי תחבו־לות באַמיט זיך צו באַפרייען די אַרעסטירטע פון די פּאָליציייִשע הענט.[5]

*

אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן י"ה איז דער יידישער ישוב אין וולאָצלאַוועק שטאַרק אויסגעוואַקסן און צוזאַמען מיט אים דאָס ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן. דעם אויבן־אָן אין דאָזיקן לעבן פאַרנעמען די משפּחות: וואָלמאַן, טשאַמאַנסקי, וואַסערצוג, פּראָם, קינאָ, ניעשאַווסקי, לענטשיצקי, גאָמבינסקי, פּאָז־נאַנסקי (באַקאַנטער מעדיצין־דאָקטער אין שטאָט), הילדעסהיים, קרור־שינסקי, גרונדלאַנד, זלאָטאָגורסקי און אַ סך אַנדערע.

די אַלטע שול האָבן אויסגעפילט אין די ימים־נוראים זין און איידעמס, אָפטמאָל אייניקלעך און אַפילו אור־אייניקלעך, וועלכע זענען געקומען צו זייערע עלטערן, זיידעס און באָבעס, פון ווייטע לענדער — פון פראַנקרייך, בעלגיע ענגלאַנד, אַמעריקע און ארץ־ישראל, ווו זיי האָבן געלעבט. די אַלטע הילצערנע בענק מיט די מע־שענע שילדלעך, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון ערשטן „שטאָט"־באַזיצער, אויסגעריבענע במשך פון די פיל יאָרן, האָבן געקענט דערציילן וועגן דעם יחוס־בוים פון דער משפּחה. ער אָדער זיין פאָטער האָט נאָך געדענקט ווי די שול איז געבויט געוואָרן און איצט שטייען נעבן אים די ווייטערדיקע דורות, שוין צעשפּרייטע און צעזייטע איבער גאָר דער וועלט.

דער אַלטער שמש ניסן פּאַרשאָס האָט געקענט אַלע און אויסגע־רופן זיינע מעלדונגען אין דער „דייטשער" שפּראַך: „זמן שחרית אורע אַבט". אין דער ערשטער שורה נעבן ארון הקודש, אינעם לינקן ווינקל, איז געשטאַנען דער פאָטעל פון הרב קאָוואַלסקי. אינמיטן שול איז געזעסן דער חזן ערסלער, „דער אַלטער חזן", ווי מען האָט אים גערופן, האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט א ם אַ לעבעדיקן אַראָפּגענומען פון מאַוריצי גאָטליבס בילד אָדער פון אַנדריאָלליס שטיכן. אָנגעטון

פאָרמאַציע. נאָך דער מלחמה איז טאָרונטשיק געווען אַ צייט וויצע־מיניסטער אינעם מיניסטעריום פאַר די צוריקגעקערטע געביטן צו פּוילן (מיניסטער איז געווען וולאַדיסלאַוו גאָמולקא). שפּעטער פאַרנומען הויכע מלוכה־און אַד־מיניסטראַטיווע פּאָסטנס אין פּוילן. געשטאָרבן פרילינג 1966. (רעד).

[5] כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז וולאָצלאַוועק, ווי אַ פאַרהעלטענישמעסיק גרויסער אינדוסטריע־צענטער, געווען אַן אָרט פון אַקטיווער קאָמוניסטישער טעטיקייט און. אין שטאָט זענען געקומען חשובע פּאַרטיי־אַקטיוויסטן. צווישן זיי איז געווען שאול אַמסטערדאַם און אַלפרעד לאַמפּע. מיטן ערשטן האָט חתונה געהאַט סטעלא בערגלאַר און מיטן צווייטן צילאַ קינאָ.ביידע, אַמסטערדאַם און לאַמפּע, האָבן אָנגעהויבן זייער פּאָליטישע קאַריערע ווי יוגנט־טוער פון די לינקע פּוע"צ און אַריבער אין יאָר 1921 צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַמסטערדאַם איז אומגעקומען אין ר"פ. לאַמפּע האָט אָרגאַניזירט אין די מלחמה־יאָרן צוזאַמען מיט וואַנדא וואַסילעווסקא דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן און אויך די פּוילישע אַרמיי אין ראַטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן אין יאָר 1943 אין עלטער פון 43 יאָר. (רעד).

אין טלית מיט אַן אַקסאַמעטנעם חזנישן קאַפּל אויפן קאָפּ, אויסגעטון פון ערדישע ענינים, פאַרטיפט אין דער תפילה, האָט ער קיינעם נישט געזען נאָר אַריינגעקוקט אין סידור, וואָס איז פאַר אים געלעגן אויפן שטענדער. האָר האָט ער געהאַט נישט גרויע נאָר זילבערנע. די איידעלע שטריכן פון זיין פּנים זענען געווען ווי אויסגעשניצטע, און קוקנדיק אויף אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון אַ ווייטער תקופה און פון אַ ווייטן לאַנד: ער האָט אויסגעזען צו זיין ווייט אויף הונדערטער מייל און יאָרן פון דעם רעשיקן עולם, וועלכער האָט אים אַרומגערינגלט.

זיין זון, דוד ערסלער, האָט פאַרנומען אַ ביז גאָר חשובן אָרט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. געווען איז ער ראַטמאַן אין שטאָטראַט, אַ טעטיקער ציוניסט, מיטגרינדער פון דער וולאָצלאַווקער יידישער גימנאַזיע, טעטיק אין אַ סך אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיווע בענק, הילפס־אָרגאַניזאַציעס און סאָציאַלע אינסטיטוציעס פאַר קינדער. געווען גלייכצייטיק אַן אויסערגעוויינלעך ערלעכער, קולטורעלער און גוטער מענטש.

אין די אַמאָליקע יאָרן האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין יידישן לעבן פּאַוועל גאָלדע, אַ טעטיקער בירגער און געזעלשאַפטלעכער עסקן. זיין ברודער סעלים גאָלדע איז די לעצטע יאָרן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ הויכער באַאַמטער אין די וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. באַקאַנט זענען אויך געווען הערמאַן קינאָ אַמאָל אַ סאָציאַליסט און מיט דער צייט אַ קעמפערישער ציוניסט, פאָרזיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, מאַקסימיליאַן וואַסערצוג, בערנאַרד גאָמבינסקי, געוועזענער ראַטמאַן אין וולאָצלאַווקער שטאָטראַט און גרינדער פון געזעלשאַפטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, ווי אויך אַ אַנדערע יידישע פּערזענלעכקייטן.

און נאָך אַ בליק צוריק. ווער געדענקט נאָך דעם זקן קאַפּלאַן? געווען אַ רעליגיע־לערער יאָרנלאַנג און נאָך אין די יאָרן 1916—1920 זענען געקומען צו אים תלמידים — ער איז שוין דאַמאָלט געווען שוואַך צו רירן זיך פון שטוב — און ער האָט זיי געוויזן דאַנק־בריוו פון די רוסישע צאַרן: פון דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן, פאַר זיין געטרייער דינסט. אויך אַזוי איז עס געווען אַמאָל...

פון דעם יונגערן דור קאָן זיך אונזער שטאָט באַרימען מיט אַ גאַנצע שורה נעמען וואָס פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור. שמואל איזבאַן, באַרימטער יידישער שרייבער, מיטרעדאַקטאָר פונעם ניו־יאָרקער „טאָג און מאָרגן־זשורנאַל" (אַ זון פון טרייטל־מרדכי איזביצקי, וועגן וועלכן ס'ווערט אַ סך געשריבן אין דאָזיקן בוך), האַננאַ קאַוואַ, אַ דיכטערין און שרייבערין, שטאַמט פון דער משפחה הילדעסהיים, אַן אומדערמידלעכע טוערין אויפן קונסט־געביט אין פּאַריז, פּראָפ' אפרים אלימלך אורבאַך, איינער פון די פּראָמינענטסטע געלערנטע אויפן געביט פון יודאַיסטישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט. אין דאָזיקן אוניווערסיטעט איז אויך פּראָפעסאָר דער זון פון ד"ר פוקס — אלכסנדר פוקס. זיין געביט איז דאָס קלאַסישע אַלטערטום גריכנלאַנד און רוים. אַ וויסנשאַפטלעכע קאַריערע האָבן אויך געמאַכט: ק. רובין (דער זון פון וולאָצלאַווקער אייגנט מער פון אַ יוועלירגעשעפט), ביאַלאָגלאָווסקי (אַגראָנאָמיע אין קאַליפאָרניע), פּולמאַן, אַ צוזאָגנדיקער געלערנטער אין פּאַריז (פאָרשונגען איבער קרעבס־קראַנקהייטן), אַדאַם זאַאושניצאַ, אַן אינזשעניר, ספּעציאַליסט אויפן געביט פון טעאָרעטישער אָפּטיק, רייך — אַ יונגער ליטעראַטור־קריטיקער אין מערב־דייטשלאַנד א"אַ.

*

די לעצטע און טרויעריסטקע בלעטער אין זייער לעבן האָבן אַ סך וולאָצלאַווקער פאַרשריבן אין וואַרשעווער געטאָ. זיי האָבן זיך דאָ אָפּט געטראָפן און פאַרלוירענע אין דאָזיקן גיהינום געפילט זיך נאָך מער געקניפּט און געבונדן.

דאָס רוב פון זיין איז געווען טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ אָדער אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס. וועגן דער איבערגעגעבענער טעטיקייט פון שמואל ווינטער, אליעזר הירשבערג ווערט באַזונדער געשריבן אין דאָזיקן ספר. זאָלן דאָ נאָר דערמאָנט ווערן בערנאַרד זילבער, וועלכער האָט געפירט אַ טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, דער איידעלער יחזקאל בראַטשטיין, די פרוי אַדווי' הילדעסהיים־בריש. אין וואַרשעווער געטאָ זענען אומגעקומען: זילבער, ערסלער, די ניעשאַווסקיס, קרושינסקיס טשאַפּלינסקיס, לענטשיצקיס, זלאָטאָגורסקיס, אינזש' שטאָלצמאַן, אַדווי' גרינבערג, אַדווי' סאַניצקי, די לערערין העלענאַ פערנבאַך און אַסך, אַסך אַנדערע.

וועגן דעם לעבן פון די יונגע וולאָצלאַווקער אין וואַרשעווער געטאָ און זייער גבורה שרייבן אַנדערע. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז צווישן אַנדערע זענען אויך אומגעקומען אויף דער „אַרישער" זייט אין וואַרשע צוויי וולאָצלאַווקער: יעזשי זיעף און באָלעסלאַוו פּראַנקענשטיין. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין דער באַרימטער גרופּע פון די פּופּציק דערשאָסענע.

איצט נאָכן גרויסן מבול און פון דער פּערספּעקטיוו זעען מיר נאָך מער ווי ווען אַמאָל ס'איז, אַז מיר קענען שטאָלץ זיין מיט אונזער היימשטאָט, שטאָלץ זיין מיט איר עבר, אויך מיט איר יידישע תושבים. זאָלן מיר — די ווייניק פאַרבליבענע ביים לעבן — איבערגעבן די צוקונפטיקע דורות וויפיל שיינקייט, וויפיל טאַלאַנט און וויפיל נישט־אויסגעלעבטע חלומות זענען געוואָרן צו אַש אין די אויוונס אין טרעמבלינקע, אָשוויענטשים, און אין די אַן אַ צאָל ערטער פון יידישן פּיין און יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

גלאַנץ־לעיעלעס / ניו־יאָרק

װלאָצלאַװעק

קראָשנעוויץ און װלאָצלאַװעק! דאָס זענען צוויי נעמען, וואָס ליגן אויפן סאַמע גרונט פון מיין זכרון, אויפן דנאָ פון מיין נשמה. איך בין דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש, ווו איך האָב פאַרבראַכט ביז צו זעכצן און אַ האַלב יאָר. אָבער געבוירן בין איך אין װלאָצלאַװעק, וואָס איז מיין מאַמעס שטאָט. קראָשנעוויץ איז מיין טאַטעס שטאָט. מיין פאָטער, עוזר זלמן (שלמה) גלאַנץ האָט חתונה געהאַט צו אַכצן יאָר מיט מיין מאַמע, חישע (טאַקע חישע, מיט אַ „ח" און נישט כאַשע) גאָלדע פאַקמאַן פון װלאָצלאַװעק. נאָך דער חתונה האָט מיין פאָטער געוווינט אין װלאָצלאַװעק, אויף קעסט ביים זיידע, מרדכי (מאָטל וויטאַשקעס) פאַקמאַן.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן דער עיקר צוליב דעם שם, וואָס מיין פאָטער האָט געהאַט, ווי אַן עלוי. ער איז געווען איינער פון די באַליבסטע תלמידים פון דעם דאַמאָלטיקן קראָשנעוויצער רב, ר' אברהם באָרנשטיין, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ פּוילן, ווי דער סאָכאַטשעווער רבי, ר' אברהמל. אין דעם סאָכאַטשעווער רבים חבורים ווערט מיין פאָטער דערמאָנט ווי „הבחור עוזר מקראָשנעוויץ" פאַר די האַרבע קשיות, וואָס ער האָט אָפט געשטעלט, ווי אויך פאַר די גוטע תירוצים, וואָס ער האָט געגעבן.

מיין זיידע מאָטל וויטאַשקעס פון װלאָצלאַװעק האָט געשטאַמט פון ביאַלע, און ווי איך האָב געדרונגען פון מיין פאָטערס דערציילונגען האָט ער עפּעס געהאַט אַ שייכות מיט דעם ביאַלער רבי. איין אײדעם זיינער האָט טאַקע געהייסן דוד לאַנדאַ, דאָס הייסט געהאַט דעם זעלבן פאַמיליען־נאָמען, וואָס דער רבי און געווען זיינס עפּעס אַ קרוב. ווי נאָענט, ווייס איך נישט.

יעדנפאַלס, דער זיידע, און נאָך מער מיין װלאָצלאַװקער באָבע, וואָס וועגן איר וועט מיר דאָ אויסקומען מער צו רעדן — האָט געזוכט אַ לערנער־שידוך און מיין פאָטער האָט, משמעות, צופרידנגעשטעלט זייערע פאָדערונגען.

דער װלאָצלאַװקער זיידע איז אַמאָל געווען היפּש פאַרמעגלעך, פאַרמאָגט אַן אייגענע קאַמעניצע אויף דער ברייטער (שעראָקאַ) גאַס, געפירט אַלערליי געשעפטן און זיך געקאָנט פאַרגינען אויסצוהאַלטן אַן אײדעם אויף קעסט און לאָזן אים לערנען עטלעכע יאָר. אין די פריערדיקע צייטן איז אָט דער זיידע, מרדכי פאַקמאַן געווען אַ „פאָדרייטשיק" (פּאָדריאַדטשיק). ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון מיין באָבעס שילדערונגען, האָט ער געשפּילט אַ שטיקל ראָלע אין דער פּוילישער פּאָווסטאַניע פון 1863. יעדנפאַלס זעט עס אויס, אַז דער זיידע האָט אַ געוויסע צייט געוווינט אין אוקראַינע, אין דעם שטעטל קראַסילאָוו, ווו ער האָט זיך אויפגעפירט מעשה פריץ. די באָבע האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גויישע באַדינטע, מענער און פרויען, דעם גרייטן סאַמאָוואַר צו פרישטיק, דעם גויס קוש אין האַנט און זיין הכנעהדיקן „זדראַסטוויטיע כאָזיאַיקאַ".

איך האָב דעם װלאָצלאַװקער זיידע שוין נישט געקענט. דערפאַר האָב איך גוט געקענט מיין װלאָצלאַװקער באָבע, שרה דינה.

קודם־כל בין איך אָפט אַלס קינד זומערצייט געפאָרן קיין װלאָצלאַװעק צו דער באָבע, וואָס האָט נאָך געוווינט אין איר הויז אויף דער ברייטער (שעראָקאַ) גאַס. איך האָב מיט מיין מוטער פאַרבראַכט אָדער ביי איר אָדער מיר זענען געפאָרן אויף אַ זומער־וווינונג אין דער װלאָצלאַװקער פאָרשטאָט, וואָס האָט געהייסן שפּעטאַל. ס'איז געווען אַ געגנט אַרומגערינגלט מיט סאָסנאָווע און אַנדערע וועלדער. איינגעטונקען אין ביימער און בלומען. איך פלעג דאָרט קלייבן יאַגדעס, שוואַרצע און רויטע (פּאָזשעמקעס), און געקאָנט אָפליגן שעהן אויפן גראָז און קוקן אויפן הימל, וואָס האָט מיר געהאַט צו דערציילן אויסטערלישע וווּנדער־מעשיות, עלעהיי אַ גרויס בלאָ בילדערבוך. וואָס האָב איך נישט צעמאַכט פון די ווייסע וואָלקנס און וואָלקנדלעך! איך האָב דאָרט געזען מענטשן און חיות און אַלע צאַצקעס פון די לאָדזשער שוי־פענצטער — דער גלוסט און טרוים פון מיין האַרץ. איך האָב אַליין צוגעטראַכט די געשיכטעס, וואָס האָבן



דער שטאָטישער פּאַרק אויף זאַזאַמטשע לענגאויס דער זגלאָוויאַנטשקע.

הגן העירוני בזאזמצ'ה על גדות הזגלו־ ביונצ'קה.

זיי פאַרבונדן אין געקייטלטע לעגענדעס און עפּאָפּעעס. איך האָב די מעשיות דערנאָך דערציילט מיין מאַמע, מיין יונגן זיבעצן־יעריקן פעטער שעיה און מיין באָבע. זיי האָבן אָנגעקוואָלן און זיך איבער־גערעדט : „דער טאַטע אויסן אויג". מיין פאָטער איז פאַר דער באָבע געווען אַן אומהיילבאַרער פאַנטאַזיאַר. אגב, איז מיין פאָטער אויך געווען אַ שרייבער, פאַרפאַסט לידער, דראַמען מיט גראַמען — אויף יידיש. ער איז אויך געווען גוט באַקאַנט מיט נחום סאָקאָלאָוו און געשריבן העברעישע קאָרעספּאָנדענציעס און סתם מאמרים אין „הצפירה" אונטערן נאָמען זיוו.

מיין וולאָצלאַוועקער באָבע איז געווען פאַרקאָכט אין יחוס, אָבער דער נאָמען וולאָצלאַוועק ראָלט פאַר מיר אויף אין זכרון נישט בלויז מיין באָבעס יחוס־שטאָלץ, נאָר אויך אַ סך מער ערדישע זאַכן, וואָס בלישטשען מיט שיינקייט און רופן אַרויס נאָסטאַלגיע.

וולאָצלאַוועק איז בכלל געווען פון די גרעסערע שטעט אין פּוילן, און צווישן זיי די עלעגאַנטערע, געפּוצטערע און רחבותדיקע.


הויכע שטיינערנע הייזער, געברוקירטע גאַסן מיט גוט־געהאַל־טענע טראָטואַרן. די הויפּט־גאַס, די ברייטע, האָט פון ביידע זייטן פאַרמאָגט רייכע קראָמען מיט געצירטע שוי־פענצטער. עס איז געווען אַן אַלטער מאַרק און אַ נייער מאַרק. עס איז געווען ווו צו שפּאַצירן. אַלע גאַסן מיט ביימער. עס האָט זיך געפילט די נאָענטקייט פון פּרייסן, דער דייטשער מער קולטורעלער געשמאַק און די דייטשע ריינקייט און אָרדענונג.

אַפילו דאָס לשון איז געווען שטאַרק אונטער דייטשער השפעה. דאָס וואָרט „טאַטע", אַ שטייגער, האָט מען אַרויסגעזאָגט ווי דאָס דייטשע „פאַטער" מיט אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער אַלף — „טאַאַאַטע". די פאַרקלענערונגס־ווערטער האָבן געקלונגען מיט אַ ווייכער „כ". נישט שיסעלע, לעפעלע, גאָפּעלע, נאָר שיסעלכיע, לעפעלכיע, גאָ־פּעלכיע. אַזוי אויך די יידישע נעמען : רפאל־הערשכיע, משה איטע־כיעס וכדומה. מען האָט אָפּט געזאָגט איך, ווי אין דייטש. נישט־וולאָצלאַוועקער האָבן אָפּט אָפּגעלאַכט און געוויצלט זיך : „באַן ענק" (ביי אייך) זאָגט מען דאָך : איכיע, מיכיע, שטעכיע דיכיע". געווען אַ מטבע — צוויי דיטכיע. דאָס זעלבע דייטשמעריש האָט געקלונגען אין די הילפס־ווערבן. אַנשטאָט צו זאָגן „כ'וואָלט געגאַנגען" האָט אַ וולאָצלאַוועקער ייד געזאָגט „כ'העט געגאַנגען".

די נאָענטקייט צו פּרייסן האָט מען אין וולאָצלאַוועק געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט אויף טריט און שריט. מען איז געגאַנגען בע־סער און נעטער אָנגעטון. יידן האָבן זיך מער פאַרגונען צו גיין קורץ־געקליידט און מיט קאַפּעלושן, אָנשטאָט אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די קאַמישע, קליינע גראָטעסקע היטלען. די פּרייסישע גרענעץ איז געווען ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. מען האָט נישט געברויכט קיין אויסלענדישן פּאַס. אַ פּאַפּירל, אַ פּולפּאַסעק, איז געווען גענוג. זענען יידן געפאָרן לרוב און דער שמוגל, נישט אויס־גערעדט זאָל עס זיין, האָט געבליט. די שיינע שטאָט איז געווען פול מיט מולכער, שוואַרצער און אויך מיט רוסישע, צאַרישע זעלנער. אין דער שטאָט איז שטענדיק געשטאַנען אַ היפּשער גאַרניזאָן.

די גרעסטע צוציונג פון וולאָצלאַוועק איז פאַר מיר געווען די ווייסל. קיין לאָדזש זענען מיינע עלטערן איבערגעפאָרן ווען איך בין געווען אַ פּיצל קינד. דאָרט האָב איך כסדר געהערט וועגן דעם שיי־נעם, גרויסן פּוילישן טייך, כאָטש איך האָב קוים געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ טייך. אין לאָדזש איז בלויז געווען אַ בידנער סטאַוו (יידן האָבן עס פאַריידישט מיט אַ מלופין „סטווו"), אַ וואַסערל אַזאַ, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אַחוץ מיט דעם ריח נחוח — מען האָט עס געשפּירט אויף מיילן אַרום און אַרום. דער אָפּפאַל פון די לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקן האָט דאָס דאָזיקע וואַסער איינמאָל פאַר אַלעמאָל רוינירט.

אָבער די ווייסל ! ווען מיינע עלטערן האָבן וועגן איר גערעדט, האָב איך געהאַט די פאָרשטעלונג ווי וועגן עפּעס אַ גרויס און לע־בעדיק בשפעפניש, אַ פּריינדלעכס, אַ שיינס און אַ זילבערנעס. איך האָב דאָס באַשעפעניש ליב געהאַט, נאָך איידער איך האָב עס געזען און נאָך איידער כ'האָב געוווּסט, וואָס עס איז. איך האָב יאָ געוווּסט, אַז דאָס זילבערנע באַשעפעניש טראָגט אויף זיך אַ סטאַטעק (אַ דאַמף־שיף), און מען קאָן אויף אים פאָרן קיין פּלאָצק און אין דער סאַמערעדנער וואַרשע. אויך באָדט מען זיך אין דער נעמלעכער ווייסל און עס איז געוואַלטיק גוט.



די בולוואַרן לענגאויס דער ווייסל.

הטיילת ליד הויסלה.

בקיצור — איך האָב שוין געבענקט אָנצוקוקן די גרויסע, פריינדלעכע, זילבערנער חיה.

איך האָב זי ענדלעך געזען. איך בין נישט אַנטוישט געוואָרן. אדרבא. זי האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט נאָך מער מאַיעסטעטיש, ווי מיין קינדישע פאַנטאַזיע האָט זי אויסגעמאָלן. אַזאַ גרויס וואַסער, אַזוי לאַנג — נישט צו כאַפּן מיטן אויג פון וואַנען זי קומט, וווהין זי גייט. איך האָב שוין געוווסט, אַז זי פאַלט אַריין אין ים. אָבער דאָס וואָרט ים אַליין האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ, און איך האָב באין אופן נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס דאָס איז אַזוינס. פאַר מיר איז געווען געננוג די ווייסל. זי איז געווען „מיין" שוין דערמיט אַליין וואָס מיין טאַטע־מאַמע האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן איר. מיין מאַמע האָט מיר אויך דערציילט אַלערליי לעגענדעס וועגן דער ווייסל, וועגן די וואַסער־מיידלעך (רוסאַלקעס, נימפן) מיט די לאַנגע, גאָלדענע, צעוואָרפענע האָר און גרינע אויגן. אויך וועגן דעם, אַז אין אַ געוויסער חגא לאָזן די פּאָליאַקן שווימען אויפן וואַסער בלומען מיט פּאַפּירענע לאַמטערנעלעך, וואָס אין זיי ברענען ליכטלעך. איך האָב דאָס אַלץ געזוכט. ווען די זון האָט געשיינט און די ווייסל האָט זיך געררונצלט און געפּעכלט, דאָ געזילבערט, דאָ געגאָלדיקט, בין איך אפילו געווען זיכער, אַז איך זע אי די וואַסער־מיידלעך, אי די בלומען מיט די ליכטלעך. פון מיין מאַמע האָב איך אויך געהערט, אַז די ווייסל נעמט זיך יעדעס יאָר צו ווייניקסטנס איין מענטש. פאַר־וואָס, פאַר ווען, האָב איך נישט געוווסט, נאָר גיי גלויב נישט, אַז די מאַמע זאָגט.

איך בין שוין אויך באַלד געווען אויף דעם לעגענדאַרישן סטאַטעק. פון מיין טייך־נסיעה געדענק איך גוט צוויי זאַכן. מיין טאַטע און מאַמע האָבן מיר געהאַט אָנגעזאָגט, אַז באַהיט זאָל איך ווערן צו טרינקען פון דעם טייך — ס'וואַסער איז נישט געזונט, סכנות־נפשות. און דאָ נעמט אַ פּאָליאַק, בייגט זיך אַריבער און שעפּט אָן מיט אַ קענדל פון טייך און טרינקט. כ'בין געווען זיכער, אַז דער מענטש וועט נאָך יענעם טאָג שטאַרבן. דאָס צווייטע געדענק איך אַ הילכיקן פּאַטש אויף מיין האַנט. דאָס האָט מיך מכבד געווען מיין מאַמע, ווען זי האָט מיך געזען גאַנץ טיף אַריבערבייגן זיך און אַריינשטעקן מיין האַנט אין טייך. מעגלעך, אַז איך האָב געוואָלט אַרויספישן אַ באַבלימטע, פּאַפּירן לאַמטערן מיט אַ ליכטל, וואָס כ'בין געווען זיכער, אַז איך זע. מעגלעך, אַז איך האָב געוואָלט אַ גלעט טאָן דאָס גאָלדענע זייד פון אַ וואַסער־מיידלס קאָפּ, וואָס האָט בפירוש צו מיר אַרויפגעלאַכט מיט אירע גרינע אויגן. מאַלע וואָס אַ יינגל פון זעקס־זיבן יאָר זעט, קאָן אַלץ דערבליקן אין דער ווייסלס טיפעניש.

מיטן באָדן זיך אין דער ווייסל האָב איך נאָך ערגער אָפּגעשניטן. צו באָדן זיך האָט מען געדאַרפט אַראָפּגיין עטלעכע טרעפּלעך. דער, וואָס איז מיט מיר געגאַנגען, איך געדענק שוין נישט ווער, האָט מיך נישט געהאַלטן פאַר דער האַנט, נאָר מיך געלאָזט אַליין. איך האָב זיך אויף דעם לעצטן טרעפּל אויסגעגליטשט. עס איז מסתמא דאָרט נישט טיף געווען. נאָר פאַר אַ קינד איז גענוג עטלעכע פוס וואַסער, אַז עס זאָל זיך נעמען טרינקען. היינט די שרעק! זי איז אויך געווען גענוג גרויס, אַז איך זאָל פאַלן, און בול־בול־בול — איך האָב שוין באַלד גאָרנישט געפילט. כ'האָב אָנגעהויבן זיך אָנצופילן מיט וואַסער און עס איז מיר געוואָרן גאַנץ גרינג.

קלאָר, אַז מען האָט מיך באַצייטנס אַרויסגעשלעפּט און אָפּגעראַטעוועט. קיין צו גרויסן חשק צו גיין נאָך אַמאָל זיך באָדן אין דער ווייסל האָב איך שוין נישט געהאַט. נאָר די ליבע צום וולאָצלאַוועקער טייך האָב איך פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן. די ליבע ווי אַ זילבערנער בלישטש שטעקט נאָך אַלץ אין מיין זכרון. דערביי הייסט דער בלישטש נישט „וואַיסל" און אַוודאי נישט ווייכסל, ווי געוויסע יידישע שרייבער האָבן זיך פאַרגונען צו שרייבן, נאָר לויט דעם פולן נוסח פון פּויליש־יידיש: וואַסל. מיט אָט דער וואַסל, איז מיין געבוירן־שטאָט וולאָצלאַוועק אַן אייביקע בליונג אין מיין בענקשאַפט.

מיט וולאָצלאַוועק איז אויך פאַרבונדן מיין ערשטער אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור.


מיין וולאָצלאַווקער באָבע האָט געהאַלטן אַ קראָם. דער געשעפט־פירער איז געווען מיין מאַמעס יינגסטער ברודער שעיה. קיין צופיל קונים פלעגן נישט זיין. בכלל איז מיין יונגער פעטער געווען אַ קנאַפּער סוחר. ער האָט אַ סך ליבער געהאַט צו לייענען מעשה־



WŁOCŁAWEK. Ul. 3-go Maja.

די ברייטע (שעראָקאַ) גאַס, שפּעטער דריטער־מאַי־גאַס.

רח' שרוקה, אח"כ רח' שלישי למאי.



די אַלטע הילצערנע בריק אויף דער ווייסל.

גשר העץ הישן על נהר הויסלה.

ביכלעך. געדענק איך, ווי שעיה פלעגט אָפט לייענען אין קראָם אויפן קול שמרס ראָמאַנען און סיי מיין מאַמע, סיי איך האָבן זיך געשמאַק צוגעהערט. אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט שמרס „אייזערנע פרוי". דערביי פלעגן טרעפן גאַנץ הומאָריסטישע זאַכן. ביי די גאָר סענטימענטאַלע פלעצער האָט שעיה נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך הויך צעבעטשעט און צעהעשעט. מיין מאַמע האָט עס אויך פאַרקלעמט ביים האַרץ פון דער גרויזאַמקייט, וואָס דעם העלדס צווייט יונג ווייב האָט אַרויסגעוויזן און זיך ענערגיש געווישט די אויגן. איך האָב שוין אַוודאי קיין ברירה נישט געהאַט, און קוקנדיק אויף זיי ביידע האָב איך הויך געוויינט און געכליפּעט. אין מיטן דערינען איז אין קראָם אַריין אַ זעלנער. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז וולאָצלאַוועק איז געווען פול מיט סאָלדאַטן פון דעם אָרטיקן גרענעץ־גאַרניזאָן. ווען ער האָט דערזען די טראַגישע סצענע און געהערט דאָס ביטערע געוויין האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז אַרויס פון דעם געוועלב. אין גרויס איילעניש האָט ער איבערגעלאָזן אויפן טומבאַנק אַ היפּש ראַזעווע ברויט, איינס פון יענע, וואָס האָבן געשמט מיט זייער באַטעמטקייט. אַזוי ווי דער זעלנער איז נישט צוריקגעקומען, האָט דער פעטער דאָס ברויט צעשניטן, מיר דערלאַנגט אַ שפּאָר פעניצל און עס באַשיט מיט פאַרין־צוקער. עפּעס געשמאַקערס האָב איך, דאַכט זיך, קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געגעסן.

דער קלאַנג וולאָצלאַוועק אַליין איז גענוג אַוועקצושאַרן אַלע לאַנגע, אָנגעקליבענע יאָרצענדליק, ווי מיט אַ כישופדיקן בעזעם, און איך זע די ברייטע גאַס, דער באָבעס קאַמעניצע, די ציכטיקע גאַסן, הער די ברייטע יידישע אויסשפּראַך.

וולאָצלאַוועק איז אויך דער לויטערער קנופּ, וואָס פאַרבינדט מיך מיט מיין טאַטע. איך זע אים זייער קלאָר, דעם נעכטיקן קרושנעוויצער ישיבה־בחור, ווי ער כאַפּט זיך אַרויס צווישן לערנען און דאַווענען צו באַקוקן די שיינקייט פון דער נייער גרויסער שטאָט, ווי ער פאַררייסט דעם קאָפּ צו זען די וולאָצלאַווקער הויכע שטיינערנע הייזער און שטייט אָפּ לאַנגע ווייל׳עס ביי די וויטרינעס פון די רייכע וולאָצלאַווקער געשעפטן, וואָס האָבן שוין דאַמאָלט אין זיך געהאַט עפּעס פון מאָדערנע אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע דעפּאַרטמענט סטאָרס. מען האָט דאָרט פאַרקויפט אַלערליי סחורות — פון מעש, קופּער, זילבער, און גאָלדוואַרג ביז טוך, פאָרצעליי־און גאַלאַנטעריי־סחורות. וולאָצלאַוועק האָט דעם שניט געגאַשט נישט פון לאָנדאָן אָדער ניו־יאָרק, נאָר פון דער נאָענטער פרייסן און דער עיקר פון ברעסלוי. מיין טאַטע האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן דער התפעלות, וואָס ער האָט געכאַפּט פון אַזאַ מין געשעפט דורך זיינע ערשטע שפּאַצירן איבער וולאָצלאַוועק, באַלד נאָך זיין חתונה. געשטאַנען איז דאָס געשעפט אויף דער ברייטער גאַס, ביים ראָג פון אַלטן מאַרק און געהערט האָט עס צו אַ ייד ש. י. מאַזור. אָט דער מאַזור איז געווען אַ מאָדנער פאַרשוין. אַ גלאַט, ראַזירט פּנים און אַ פרומער ייד, דערצו אַ פאַרברענטער חסיד פון דעם טשעכאַנאָווער רבי. ער פלעגט גיין אין שטיבל דאַווענען, זיך שטאַרק געשאָקלט, אַרויסגעלאָזן הויכע קולות, געמישט מיט בכיות און ביי דער הויכער שמונה עשרה, ביי קדושה האָט ער זיך פשוט מוסר נפש געווען מיט זיינע קולות: „קדוש, קדוש, קדוש!".

אָט דער ייד האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיין טאַטע און אים שיער נישט געמאַכט פאַר אַ גביר אין וולאָצלאַוועק. נאָר מיין טאַטע האָט נישט געטויגט צו מסחר און פון דער געחלומטער עשירות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך — נישט קיין ווייסל און אַפילו נישט קיין „רזשיקע", נאָר משמעות — באַשערט! — דער לאָדזשער „סטווו".

מיין טאַטע איז אויך אויסגעהיט געוואָרן פון ווערן אַ רב אין אַ דערבייייק קליין שטעטל, וווהין מען האָט אים גערופן לויט ר׳ אַבּרהמל סאָכאַטשעווערס רעקאָמענדאַציע. פון אַלע גליקן איז ער איבערגעפאָרן קיין לאָדזש. איך בין דעמאָלט געווען צוויי יאָר אַלט.

מיין טאַטע האָט אַ היפּשע צייט נאָך אָנגעהאַלטן געוויסע באַציונגען מיט וולאָצלאַוועק און זיך ספּעציעל דורכגעשריבן מיט דעם דאַמאָלטיקן וולאָצלאַווקער רב, וואָס האָט געהייסן קאַראָ און וואָס האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון דעם גרויסן ספרדישן גאון און מקובל ר׳ יוסף קאָרו, דעם מחבר פון שולחן ערוך, און דעם הייסן

מאמין אין שלמה מולכוס משיחיות. דער רב קאַראָ האָט געוואָלט, אַז מיין טאַטע זאָל אים צוזאַמענשטעלן אַ דעטאַלירטן יחוס־בריוו, וואָס זאָל אים טאַקע פאַרבינדן מיט יענעם גאון. איך ווייס נישט, צי דאָס איז צושטאַנד געקומען.

דער שפּעטערדיקער וולאָצלאַוועקער רב, מיטן נאָמען קאָוואַלסקי, איז אויך געווען מיין טאַטעס אַ חבר. אויך מיט אים האָט ער זיך דורכגעשריבן. דער רב קאָוואַלסקי האָט פאַרמאָגט עטלעכע זין און טעכטער, וואָס זיי אַלע האָבן, אַזוי צו זאָגן, פאַרטיילט צווישן זיך די מיטגלידערשאַפט אין די פאַרשיידענע יידישע פאַרטייען. איין קינד, איך גלויב אַ טאָכטער, איז געווען אַ סאָציאַליסטקע־טעריטאָריאַליסטקע, געהערט צו דער זעלבער פאַרטיי, הייסט עס, וואָס איך. מיין טאַטע האָט מיר וועגן דעם געהעריק צו וויסן געטון קיין לאָנדאָן.

מיין גייסטיקע פאַרבינדונג מיט וולאָצלאַוועק האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. דעם טאַטעס התפעלות און נייגעריקייט צו דער גרויסער שטאָט, וואָס וולאָצלאַוועק איז פאַר אים געווען נאָך קרוש־

נעוויץ, האָט זיך מיר גרינטלעך איבערגעגעבן. לאָדזש מיט די פאַבריקן און שטענדיק געפּאַקטע גאַסן, לעבט אין מיר. לאָנדאָן מיט די אור־אַלטע געביידעס, שטאָלצע סקווערן און נאָבעלע מאָנומענטן, מיט די מיליאָנען מענטשן, הערט קיינמאָל נישט אויף וויברירן פיל־קלאַנגיק אין מיין געדעכעניש. ניו־יאָרק האָב איך לייבלעך ליב און בענק נאָך איר, ווּהין איך זאָל נישט צייטווייליק פאַרפאָרן. די גרויסע שטאָט איז, משמעות, מיין נאַטירלעכער עלעמענט און האַביטאַט.

אָבער וולאָצלאַוועק איז די געצערטלטע לעגענדע פון מיינע אָנהויבן, דער גרין־זילבערנער אַריינפיר צו דער רויער און מער גראָער רעאַליטעט פון מיינע שפּעטערדיקע גרויס־שטאָט איבער־פלאַנצונגען. וולאָצלאַוועק מיט דער ווייסל, מיט די קאַשטאַן־ביימער, מיט די גערטנער און אַרומיקע וועלדער, מיט אַלע חנען, פריידן און אומעטן, בלענדענישן און מעלאַנכאָליעס פון דער נאַטור, וואָס צו זיי בין איך אויך קיינמאָל נישט גלייכגילטיק.

מנחם ראַוויציקי / תל־אביב

מיין היימשטאַט וולאַצלאַוועק

אין די לעצטע צוויי יאָר פאַר דער מלחמה בין איך געווען ווייט פון מיין היימשטאָט. זייענדיק אין דער פרעמד, פלעג איך לעכצן נאָך אונזער פאַרצויגענעם יידיש־פּוילישן דיאַלעקט. נאָך אונזערע האַרציקע וולאָצלאַוועקער יידן. ווען עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקעניש נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך מיין היים און מיינע נאָענטע, פלעגט מיין מחשבה וואַנדערן צו די ברעגעס פון דער ווייסל, צום פּאַרק ביי דער זגלאָוויאָנטשקע, צו די גאַסן און געסלעך פון וולאָצלאַוועק.

אויף פּעריען, ווען די באַן האָט מיך צוריקגעקערט אַ היים און האָט זיך פרי פאַרטאָג דערנענטערט צו דער שטאָט, האָבן מיינע אויגן געשלונגען מיט דורשט די ברייטע פליינען, די שוואַרצע פעטע קויאַוועער ערד, די פולע תבואה־זאַנגען, די נידעריקע הייזקעס פון שטעטלעך און דערפער.

עס טיילן מיך איצט אָפּ פון וולאָצלאַוועק קאָנטינענטן און ימען. עס ליגט צעשפּרייט צווישן דעם היינט און דעם אַמאָל דער ים פון יידיש פאַרגאָסן בלוט, אָבער די שטאָט מיט אירע יידן איז ממשיך איר קיום אין מיין זכרון. ווען עס קומט די רגע פון טרויער, ווען מיין גאַנצער יש ווערט אַרומגענומען מיט זכרונות פון אַמאָל, גייט צוריק מיין געדאַנק דאָרט, ווו עס האָט געברויזט מיין קינדהייט און יוגנט.

וולאָצלאַוועק ליגט ביים ראַנד פון לאַנד קויאַווי, דעם טייל פון פוילן, אויף וועלכן מען פלעגט זאָגן, אַז פון דאַנען לאָזט זיך אַרויס אַ פויער מיט אַ שטיקל ברויט צו זוכן אַ שטעקן (און מען גייט דאָך דווקא מיט אַ שטעקן זוכן ברויט...). דאָס דאָזיקע ווערטל האָט געוואָלט אָנדייטן, אַז צוליב דער פעטער ערד, וואָס האָט זיך געטויגט צו לאַנדווירטשאַפט, האָט מען אין משך פון דורות אויסגעהאַקט יעדן זכר פון אַ וואַלד. די אומגעגנט אָבער פון אונזער שטאָט איז געבענטשט מיט גרויסע שטחים פון סאָסנע־און יאָדלע־וועלדער. שפּאַצירנדיק אויף די בולוואַרן ביי דער ווייסל, האָבן זיך אויפן צווייטן ברעג אַנטפּלעקט צוערשט אַלערליי קאָלירן פון פאַרזייטער און צעאַקערטער ערד און איבער זיי באַרג־אַרויף, אין אַ האַלב־


רונדיקן קרייז, גרויסע וואַלד־שטחים — דער שפּעטאַל דאָלני און גורני — אַן אָרט פון זומערוווינונגען פון דער וולאָצלאַוועקער יידישער מיטלקלאַס און פון שבתדיקע שפּאַצירן און אויספלוגן פון דער יוגנט.

די ווייסל, רחבותדיק און ברייט אויסגעגאָסן, האָט אָפּגעשפּיגלט די ברוינקייט פון די פעלדער און די גרינקייט פון וואַלד. ווינטער פלעגט שטיין בלייבן דער טייך, איינגעקאָוועט אין אַ שיכט אייז. פרילינג, ווען עס האָבן זיך אַ ריר געטון די קריעס, זענען מיר געשטאַנען פאַרגאַפט און געקוקט ווי זיי פירן אַ קאַמף מיט דער ווייסל־בריק, שפּאַרן אָן מאַסנווייז אויף אירע קאָלאָנעס און באַלד פאַלן זיי אין וואַסער, צעברעקלטע אויף פּיצלעך און שווימען אַוועק ווייטער.

זומער, אין טאָג פונעם הייליקן יאַן, האָבן יונגע גויעס אַרויסגעלאָזט מיטן ווייסל־שטראָם הונדערטער קרענץ און קרענצלעך, באַלויכטענע מיט פאַרביקע לאַמטערנדלעך. לענגאויס דעם ברעג זענען געשטאַנען העל־בלאָנדע יונגען און געצויגן די בלומען פון וואַסער, גלייבנדיק אַז די וועמענס קרענץ זיי האָבן געכאַפּט, וועלן זיין זייערע באַשערטע...

זומער האָבן זיך אויך באַוויזן אין מיטן טייך גרעסערע און קלענערע זאַמד־שטחים — די פלאַזשעס. ס'זענען געווען צייטן, ווען יידן האָבן זיך דאָרט געבאָדן פראַנק און פריי, אַריבערשיפלנדיק זיך פון ברעג מיט דער הילף פון גוישע שיפלעך. שפּעטער אָבער, ווען עס האָבן זיך געמערט די אָנפאַלן פון ענדעקעס און סתם שקצים, האָט דער מכבי־באַסיין אויפן צווייטן ברעג געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג.

פרילינג האָבן טראַטוועס מיט פליסאַקעס געפירט געהילץ מיט דער ווייסל קיין דאַנציג. פאַרנאַכט פלעגן זיי אָנצינדן קליינע נאַפט־לעמפלעך און ציען זיך לאַנגזאַם איינע נאָך דער אַנדערער מיטן שטראָם. זומער, נאָכן שניט, האָבן בערלינקעס געלאָדן און אויסגעלאָדן די תבואה פון די פיר אַלטע און גרויסע שפּייכלערס, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו אחינו בני־ישראל. דער גאַנצער תבואה־האַנדל אין שטאָט איז טאַקע געלעגן אין יידישע הענט. געזונטע,



די אַלטע הילצערנע בריק און די וועל־דער פון שפּעטאַל.

גשר העץ הישן ויערות השפּאַטל.

מוסקולירטע גויים — די טרעגערס — זענען געלאָפן מיט די זעק אויף די פּלייצעס אַהין און צוריק אויף משופּעדיקע, שמאָלע ברעטער. אָנגעלאָדענע בערלינקעס, צוגעטשעפּעטע צו לאַסט־דאַמפּערס פלעגן אָוועקשווימען קיין דאַנציג.

פונעם ברעג פון דער ווייסל, פון די בולוואַרן, האָבן געפירט עטלעכע שמאָלע געסלעך אַרויפצו צום אַלטן מאַרק. דער מאַרק, אַ ברייטער אויסגעברוקירטער פּלאַץ איז יעדן פרייטאָג און ערב יום־טוב פאַרפולט געוואָרן מיט ביידלעך און וועגעלעך פון פויערים פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע האָבן פאַרזאָרגט די יידן מיט כל טוב...

אונטן ביים ראַנד פון מאַרק און פון ביידע זייטן האָבן זיך געפונען די יידישע קראָמען. אין דער דערבייַיקער גאַס, דער לענגער, אָדער ווי די יידן פלעגן זי רופן — די טאַבעכע גאַס, האָבן זיך געצויגן די קצבישע יאַטקעס. אויפן מאַרק אויבן אָן, נישט ווייט פון דער ברייטער גאַס (טזשעציעגאָ מאַיאַ) איז געשטאַנען דער שטאָטישער ברונעם. איידער ס'איז איינגעפירט געוואָרן די וואַסער־לייטונג אין שטאָט, האָבן פון דאָ די וואַסערטרעגערס צעטראָגן די עמערס איבער הייזער און שטובן. גויים האָבן אויך צעפירט די וואַסער אין פעסלעך אויף וועגעלעך מיט אויסגעדאַרטע פערדלעך אין די ערטער ווו עס האָבן זיך נישט געפונען קיין פּלומפּן.

ווינטער האָט זיך געשאַפן אַרום דעם דאָזיקן רעזערוואַר אַ גרויסע גליטש און משמח געווען יידישע קינדער פון דער אומ־געגנט. סעפּטעמבער, מיטן אָנהויב פונעם נייעם שול־יאָר, האָט דאָ געווימלט מיט שילערס, יידישע און פּוילישע, וועלכע האָבן איינע



די נייע אייזערנע בריק, די כאַראַק־טעריסטישע בערלינקעס און דער דאַמפּער.

גשר הברזל החדש, הדוברות האופיי־ניות ואונית הקיטור.

ביי די אַנדערע געקויפט און פאַרקויפט שולביכער און ווירקזאַם קאָנקורירט מיטן אַלטן זעלקאָוויטש אינעם ביכערקלייט אונטן.

די ברייטע גאַס, שפּעטער דריטער מאַי־גאַס האָט פאַרבונדן דעם אַלטן מאַרק מיטן נייעם. ביזן יאָר 1925 איז דאָ געשטאַנען די צאַרישע צערקווע. די פּוילישע מאַכט האָט זי פונאַנדערגעוואָרפן, פאַרזייט אויפן גאַנצן שטחביימער און גרינס. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער סקווער פון פּלאַץ וואָלנאָשטשי.

אַרום דעם אַלטן מאַרק, אין די גאַסן און געסלעך, האָט געוווינט דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. שפּיכלערנאַ, די לענגער, קאָוואַלסקאַ, ציגאַנקאַ, קרולעוויעצקאַ א״אַ — דאָס איז געווען דער יידישער קוואַרטאַל פון שטאָט. די טומסקע־גאַס, אויך באַוווינט פון יידן האָט געפירט צו דער קאַטעדראַלע, צום קלויסטער, צום גרויסן שטאָטישן פּאַרק, צום שטאָטישן שפּיטאָל, צו דער גויישער געגנט.

גייענדיק אַרויף פון אַלטן מאַרק אויף דער ברייטער גאַס, האָבן די געסלעך לינקס — די ציגאַנקע, זשאַביע, פּיעקאַרסקע, און פּשעדמיעסקע פאַרבונדן מיט דער פּאַראַלערער קרולעוויעצקיע, וווּ עס זענען געווען קאָנצענטרירט די יידישע אינסטיטוציעס — די קהילה, דער בית־העם, די מקווה, דאָס שלאַכטהויז, שענפעלדס יתומים הויז (אָכראָנקע), די נייע שול (סינאַגאָגע), די פאָלקסשול נומער 9 (די „פּאָושעכנע") און „מכבי". די פּאָושעכנע נום. 10 האָט



די פייערלעשער רעמיזע אויף דער זשאַביע גאַס.
מגדל כבאי־האש ברח׳ ז׳אביה.

זיך געפונען אויף דער לענגער גאַס אין די קלאַסן פון דער אַמאָליקער „מזרחי"־שול. דאָס זענען געווען צוויי שטאָטישע זיבן־קלאַסיקע שולן פון עלעמענטאַרער בילדונג אין דער פּוילישער שפּראַך פאַר יידישע קינדער, די א״ג „שאַבאַסוווקעס". די יידישע גימנאַזיע האָט זיך געפונען אויף דער קאַליסקער גאַס ביים נייעם מאַרק (פּלאַץ וואָלנאָשטשי), וווּ עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די פּוילישע געגנט.

לינקס פון דער נייער שול האָט זיך געפונען דער „גרינער מאַרק" (פּלאַץ דאָמבראָווסקיעגאָ) מיט אויפגעבויטע האַלעס, וווּ יידן האָבן אין זיי און אַרום זיי געהאַט געשטעלן מיט געפעס, שיך און אָנטועכץ. דאָ און אין די געסלעך אַרום האָט זיך קאָנצענטרירט דער יידישער קליינהאַנדל און מלאכה.

אויף זשאַביע, כמעט ביים ראַנד פון דער פּוילישער געגנט איז געשטאַנען די אַלטע שול, אַ מקום תפילה, וואָס כאָטש נישט אַזוי רחבותדיק און באַקוועם ווי די נייע שול, האָט ער אָבער געהאַט ביי די תושבים מער אָנזען און חשיבות. דאָ זענען טאַקע פאָרגעקומען אין די יידיש־נאַציאָנאַלע יום־טובים און פּויליש־מלוכהשע חגאות די געהעריקע תפילות און „מי שברך". דערנעבן, אויף זאַפּיעצעק, האָט זיך געפונען דער אַלטער בית־המדרש און די ישיבה, וווּ בחורים פלעגן לערנען תורה און גיין עסן קעסט צו די בעלי־בתים.

כאָטש וולאָצלאַוועק איז נישט געווען קיין ספּעציפיש יידישע שטאָט, איז אָבער איר צענטער געווען באַזעצט מיט יידן און אין איר הויפּטגאַס זענען דאָס רוב געשעפטן געווען יידישע.

מיט דער זשאַביער גאַס ביי דער אַלטער שול פלעגט מען אַרייַנגיין אויף דער בזשעסקע. דאָ זענען שוין די יידן געווען אַ מינדערהייט, געוווינט אויסגעמישט מיט גויים, און פון דאַנען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פּוילישע גאַסן, וועלכע האָבן פון אַלע זייטן אַרומגענומען דעם יידישן קוואַרטאַל. אויף דער דאָזיקער גאַס, פּונקט אַנטקעגן דער שול, איז געשטאַנען די עוואַנגעלישע קירך. אַביסל ווייטער לינקס, אַ קאַטוילישער קלויסטער. רעכטס אַראָפּ, ביי דעם צוזאַמענטרעף פון נאָך צוויי גאַסן — די ציגאַנקע און גענשע (קאַרנקאָווסקיעגאָ) — נאָך אַ קלויסטער צוזאַמען מיט דעם סעמינאַר פאַר קאַטוילישע גייסטלעכע. דאָ האָט אַ סקווער געפירט צום גאָרטן אויף זאַזאַמטשע, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקן פּאַרק, אַרומנעמענדיק גרויסע שטחים פון ביידע זייטן פון דער זגלאָוויאָנטשקע, דעם קליינעם צופלוס צו דער ווייסל.

אויף בזשעסקע, קילינסקיעגאָ, קאָשציושקי (וואָס האָט געפירט צום וואָקזאַל), אָנהויב וואַרשאַווסקע און קאַליסקע, גאַסן נישט ווייט פונעם צענטער, האָבן געוווינט מערסטנטייל פאַרמעגלעכע פּאָליאַקן און באַאַמטע. ווייטער, אויף גענשע נאָך דער שטאָטישער תפיסה און אויף די גאַסן אויף דער צווייטער זייט פון דער באַן־ליניע ביז דער קאָקאָשקי־פאָרשטאָט האָט זיך געפונען דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט און אָרעמקייט. גייענדיק אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, האָט זיך פאַר די אויגן אַנטפּלעקט די גאַנצע גרויל פון דער פּוילישער נויט. איינגעפאַלענע הייזקעס, קליינע ביידלעך, געבויטע פון צעבראָכענע קלעצער און ברעטער, טיילמאָל אַפילו לעכער און נאָרעס, געגראָבענע אין דער ערד — זענען געווען דער מקום מקלט פאַר מענטשלעכע באַשעפענישן. דאָ האָבן אויך געוווינט די עטלעכע יידישע בעטלערס פון דער שטאָט. די פאָרשטעט קאָקאָשקי, גזשיוונאָ און ראַקוטוווק האָבן אויך געשמט מיט זייער אונטערוועלט.

אין דער לעצטער האָט זיך געפונען דער יידישער בית־הקברות און נישט איינמאָל זענען יידישע לוויות באַגלייט געוואָרן מיט אַ האַגל שטיינער. דערפאַר אָבער איז דער בית־עולם געווען געפלעגט

מיט זאָרג און אָפּגעהיט דורך דער חברה־קדישא בראש פון יעקב נטע קרושינסקי.

די וויטאַליטעט פון די וולאָצלאַווקער יידן האָט געשפּראָצט פון יעדן ווינקל פון דער שטאָט. בעלי־מלאכהשע ווערקשטעלן, פאַבריקן, מסחר, די יידישע גימנאַזיע, די צוויי פאָלקסשולן, טעכנישע קורסן פון „אָרט", די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק, די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען, קולטור־אַנשטאַלטן, דראַמאַטישער קרייז, „מכבי" און אַנדערע טורן־פאַראיינען — דאָס איז געווען די קליינע וועלט פון יידישן אויסלעבן זיך.

פאַרנאַכט, פרילינג און זומער, פלעגט די ברייטע גאַס זשומען מיט שפּאַצירערס. מען איז געגאַנגען אַהין און צוריק אויף דעם גאַס־אָפּשניט צווישן פּלאַץ־וואָלנאָשטשי און ציגאַנקע און טרעפן זיך מיט באַקאַנטע און פריינד. אויף קרולעוויעצקע, קאָוואַלסקע און לענגער גאַס פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף די טרעפּלעך פון די הייזער די בעלי־מלאכות און קליינהענדלער און שמועסן וועגן פּאָליטיק, פרנסה און וועגן טאָג וואָס איז פאַרגאַנגען. פון די „חברות", שטיבלעך און קלייזלעך האָבן זיך געאיילט אַ היים אויף וועטשערע יידן נאָך מנחה און מעריב. די יוגנט האָט פאַרפילט די פּאַרטיי־און אָרגאַניזאַציע־לאָקאַלן.

ערב שבת איז שטיל געוואָרן אינעם יידישן קוואַרטאַל. יידן מיט צעקעמטע בערד, זשופּיצעס און חסידישע היטלעך האָבן פאַרפילט דעם גערער שטיבל אויף דער קאָוואַלסקע און אַנדערע חסידישע חברות. נאָכן דאַווענען זענען זיי רחבותדיק געגאַנגען אַ היים אַפילו איבער די גויישע גאַסן. אין די פאַרפולטע שולן און בתי־מדרשים האָט מען מיט דביקות מקבל געווען שבת מלכתא.


די יוגנט האָט באַלאַגערט אין דער נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת די בולוואַרן ביי דער ווייסל און די בריק איבער איר. אויף די וואַלן, פון דער צווייטער זייט, האָבן די געדיכט־פאַרצווייגטע ווערבעס באַהאַלטן די פּאָרלעך און כוואַלעס פון טייך האָבן אַוועקגעטראָגן זייערע סודות. אונטער די שאָטנס פון די ברייט־צעוואַקסענע ביימער אין שטאָטישן פּאַרק האָט מען שבת געזוכט אָפּרו און פאַרוויילונג.

עס האָט געברויזט די וולאָצלאַווקער יוגנט. די יידישע גימנאַזיע האָט יעדן יאָר אַרויסגעלאָזט נייע אַבסאָלווענטן, דורשטיקע נאָך וויסן און די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן דערצויגן אַ נייעם טיפּ פון אַ שטאָלצן יידישן פאָלקס־אינטעליגענט. ציוניזם, בונדיזם, קאָמוניזם — אַ וועלט צווישן ביידע וועלט־מלחמות פול מיט שטרעבונגען און אידעאַלן...

אין די געסלעך פון וולאָצלאַוועק, אויף די פעלדער און וועלדער אַרום האָבן מיר געשפּינט אַ חלום פון נייע און בעסערע צייטן — ווער ביי די וואַסערן פון ירדן און ווער ביי די ברעגעס פון דער ווייסל...

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 האָבן מיר געהערט די דערשיטערנדיקע בשורה פון דער מלחמה. עס איז געווען פרייטאָג אין דער פרי. פאַרנאַכט ווען יידן זענען געגאַנגען פונעם דאַווענען, האָט מיט איינמאָל אַ שוואַרצער וואָלקן פאַרדעקט די לבנה וואָס איז געהאָנגען איבער דער ציגאַנקער גאַס. מיר זענען געשטאַנען, אַ גרופּע יוגנטלעכע, אויף עק קאָוואַלסקע און געפרעגט איינער דעם צווייטן צי איז דאָס נישט אַ סימבאָל פונעם גרויל וואָס קומט אָן...

דער סימבאָל איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. דאָס יידישע וולאָצלאַוועק איז אַוועק מיטן רויך פון גאַזקאַמערן און מיר די פאַרבליבענע, צעשפּרייטע איבער לענדער און אָקעאַנען, טראָגן מיט זיך דעם זכר פון דער שטאָט, ווו מיר זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ווי פון אַ ווייטן און אומעטיקן חלום — אַ טרוים וואָס איז פאַרשוווּנדן.



דער שטאָטישער פּאַרק אין ווינטער — הגן העירוני בחורף.

דב שחרי / תל־אביב

וולאצלאוועקער דערציילן

זכרונות פון אַמאָל דערציילט פון עלטערע שטאָט־לייט — פרוי דאַבינסקא, די טאָכטער פון י. זשיכלינסקי („דער גאָל־דענער איציק"), פרוי דובנאַ, די טאָכטער פון מרדכי זאַוש־ניצאַ, פרוי זאַווישניצאַ, די טאָכטער פון שקאָלניק, יעקב זאַווישניצאַ א״אַ.

געזאַמלט, באַאַרבעט און געבראַכט צום דרוק דורכן מחבר.

1. כשר וואַסער אויף פסח

דער ברונעם אויפן אַלטן מאַרק איז געווען איינער פון די הויפּט־מקורות פון וואַסער. דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג האָט געשעפּט וואַסער פון דער שיין סטיליזירטער אייזערנער פּלומפּ און די וואַסער־טרעגער פלעגן פון דאַנען צעטראָגן די וואַ־סער איבער ייִדישע שטובן, ביז מען האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגראָבן אין די נייע הייזער אַרטיזיאַנישע ברונעמס און איינגעפירט צענטראַלע וואַסער־לייטונג.

ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די פּסח־וואָך איז געווען די זאָרג פון ייִדן, אַז די שקצים זאָלן חלילה נישט חמצדיק מאַכן די וואַסער אין דער פּלומפּ דורך אַריינוואַרפן דאָרט ברויט אָדער אַן אַנדערן חמץ. מער אָפּגעהיטענע פלעגן שיקן זייערע קינדער אין די שפּעטע אוונט־שעהן צו באַהמס ציקאָריע־פאַבריק, ווייט פון ייִדישן צענטער אין שטאָט, ווו עס איז געווען אַ ייִדישער נאַמן, און טראָגן פון דאָרט וואַסער, וואָס פלעגט פליסן כסדר פונעם אַרטיזיאַנישן ברו־נעם דורך אַ רויער אין גאַס.

2. נישטאָ קיין ייִדישע מוסרים אין שטאָט

דער פאַקט וואָס וולאָצלאַוועק איז געווען גאָר נאָענט צו דער פּרייסישער גרענעץ (פאַר 1914) און די גרעסטע שטאָט נאָך דער גרענעץ האָט גורם געווען, אַז זי האָט געדינט ווי אַ איבערגאַנגס־פּונקט און אַ סטאַציע פאַר די שמוגלערס און זייערע סחורות אויף דער רוסיש־צאַרישער זייט. צו דער דאָזיקער „סחורה" האָט אויך געהערט די פאַרבאָטענע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

די אָרטיקע פּאָליציי איז נישט בכוח געווען צו באַהערשן דעם מצב און דער שמוגל איז אָנגעגאַנגען אין אַ גרויסן פאַרנעם. איר צו הילף איז אָנגעקומען פון וואַרשע אָדער פּעטערבורג אַ הויכער פּאָליציי־באַאַמטער, וועלכער האָט געדאַרפט ליקווידירן די שמוגל־באַנדעס.

די אָרטיקע פּאָליציי־קאָמאַנדאַנטור האָט איינגעלאַדן באַקאַנטע דריי ייִדן, וועלכע האָבן זייער ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן" און געגעבן זיי יי״ש כיד המלך, לויטן כלל „נכנס יין, יצא סוד", האָבן זיי געגלויבט, אַז ווען זיי וועלן זיין „טויט־שיכור", וועלן זיי אויסגעבן די נעמען פון די שמוגלערס.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען געזען אַרויסגיין די ייִדן פונעם פּאָליציי־בנין, געאָרעמט אין דרייען און שיכורע ווי לוט און וואַק־לענדיק זיך לענגאויס דער ברייטער גאַס האָבן זיי געזונגען: „וואָס מיר זענען, זענען מיר, נאָר קיין מוסרים זענען מיר נישט".

מען האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז די המצאה פון דער פּאָליציי איז

נישט געלונגען, דער יי״ש איז טאַקע אַריינגעדרונגען, אָבער דער סוד איז נישט אַרויס. ניטאָ קיין ייִדישע מוסרים אין וולאָצלאַוועק!...

3. וולאָצלאַוועק האָט נישט קיין אָרעמעלייט

אין איינעם פון די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט מען צונויפגעזאַמלט 400 רובל אויף „קמחא דפסחא", אַ בכבודיקע סומע אין יענע צייטן. עס זענען אָבער נישט געווען קיין בעלנים צו נעמען די דאָזיקע שטיצע און מען האָט געדאַרפט איבערשיקן דאָס געלט פאַר די בויטבאַדערפטיקע אין דעם נאָענטן שטעטל בריסק־דקוי. וולאָצלאַוועקער ייִדן האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין נדבות...

4. קבצנים לאָזט מען נישט גיין איבער די הייזער

אין וולאָצלאַוועק זענען יאָרנלאַנג נישט געווען קיין קבצנים. אונזער שטאָט האָט אָבער געצויגן צו זיך בעטלערס פון אַנדערע מקומות. מען האָט באַשלאָסן נישט לאָזן זיי גיין איבער די הייזער. מען האָט אָרגאַניזירט אַ געלט־אַקציע צו שטיצן די קבצנים און יעדער, וועלכער איז געקומען אין שטאָט, האָט געקריגן זיין „פּדיון" און געוואָרן געבעטן גלייך צו פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי האָט עס זיך געצויגן לאַנגע יאָרן און די קבצנים פלעגן קומען אָפּנעמען זייער „אָפּצאָל" פון די ה״ה אַסאַווסקי און אַדעלבערג, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דער מצוה פון צדקה און ווען די קאַסע איז געווען ליידיק נישט איינמאָל צוגעלייגט פון זייער קעשענע.

5. די ערשטע טורמע (תפיסה)

די גענשע גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים קאַטוילישן קלויסטער און גלחישן סעמינאַר און געפירט אויף די „קאַקאַשקעס" און צום דאָרף סלאַדאָווא, איז געווען אַ „שם־דבר", האָט אָנגע־וואָרפן אין אַ געוויסער מאָס אַן אימה און געדינט אַלס טעמע פאַר פאַרשידענע גלייכווערטלעך. אויף דער דאָזיקער גאַס האָט זיך גע־פונען די טורמע, וואָס האָט געדינט פאַר דער גאַנצער אומגעגנט. דאָס איז אָבער געווען די צווייטע „מאָדערנע" תפיסה. די ערשטע, וואָס מיר האָבן נישט געקענט, האָט זיך געפונען ביים צופּלוס פונעם טייכל זגלאָוויאַנטשקאַ, נישט ווייט פון באַהמס ציקאָריע־פאַבריק.

6. דער „סאַנד" (געריכט)

כמעט ביז צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט אין שטאָט נישט עקזיסטירט קיין אָפיציעלער געריכט. ווער ס'האָט זיך געדאַרפט משפטן, האָט געמוזט פאָרן צו דעם צוועק קיין ליפּנאָ, ווו עס האָט זיך געפונען אַ „סאַנד".

די עיקר־סיבה דערפון איז געווען וואָס ייִדן זענען נישט גע־גאַנגען אין גוייִשן משפט. האָבן זיך ייִדן אָנגעהויבן משפטן פאַר גוייִשע געריכטן, זענען באַלד אין שטאָט אַנטשטאַנען צוויי אַזעלכע אַנשטאַלטן.

7. די צילינדערס און מעלאַניקעס

ביזן סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן אין שטאָט „געהערשט" די צילינדערס. ייִדן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר בכבודיקע בעלי־בתים, האָבן שבת און יום־טוב שפּאַצירט אין צילינדערס. נאָכ־דעם האָט זייער אָרט געירשנט דער מעלאַניק (אַ רונדער האַרטער שוואַרצער קאַפּעליוש). דאָך איז דער צילינדער געבליבן ביי די וויכטיקע און אָנגעזעענע ייִדישע תושבים ווי אַן אויסדרוק פון העכערן מעמד.

8. יידן אינעם פוילישן אויפשטאנד אין יאר 1863

מיטגעהאלפן אקטיוו די פוילישע אויפשטענדלער קעגן דער צארישער מאכט האבן משה גרינער (וועגן אים פעלן פרטים) און קאליסקי. ער איז געווען א שניידער און געניייט מונדירן פאר רוסישע אפיצירן און פאר די פוילישע קעמפער בשעתן אויפשטאנד. אין זיין שטוב פלעגן די לעצטע אויסבאהאלטן געהיימע ליטעראטור און געווער. ער האט אויך געדינט אלס פארבינדלער צווישן די איינצלנע קאמפס־גרופן.

ווען פוילן איז געווארן אומאפהענגיק, איז ער אנערקענט געווארן אלס „וועטעראן פון אויפשטאנד 1863" און באקומען רעגירונגס־רענטע. לויט זיין צוואה האט א מיליטערישער ארקעסטער באגלייט זיין לוויה — קעגן יידישן מינהג. „פאר מיין באטייליקן זיך אינעם אויפשטאנד", האט ער געשריבן, „האבן מיר די רוסן געשמיסן ביי די קלאנגען פון א מיליטערישער מוזיק, זאל אויך מיין לוויה שפילן א פוילישע מיליטערישע ארקעסטער".

אויך יידישע פרויען האבן געהאלפן די אויפשטענדלער. פרוי ארנשטיין, (די מוטער פונעם דענטיסט ארנשטיין) האט ארגאניזירט א פרויען־גרופע, וועלכע האט געזאמלט מעדיקאמענטן, באנדאזשן און אנדערע נויטיקע מאטעריאלן. אנדערע פלעגן זיך זאמלען אין די אוונטן ביים וויינשענקער שקאלניק אין שטוב און שטריקן ווארעמע מלבושים פאר די קעמפער. אין יידישע הייזער פלעגן זיך אויסבאהאלטן די אויפשטענדלער, טראץ דער גרויסער סכנה וואס האט געלויערט אויפן בעל־הבית.

9. צוויי וולאצלאווקער צווישן די באפרייער פון פילסודסקי

אין דער דרייסטער און בארימטער אקציע פון באפרייען דעם שפעטערדיקן מארשאל און פירער פון אומאפהענגיקן פוילן, יוזעף פילסודסקין, פון דער רוסישער פעסטונגס־ציטאדעל אין ווארשע, האבן זיך באטייליקט די צוויי ברידער פורמאן. זייער פאטער, א סוחר אויף דער טומסקער גאס, האט געדאוונט אין דער אלטער שול אויף דער זשאביער גאס. זיין פרוי איז געווען א „פארברענטע" אסימילאנטקע און אנגעשטעקט דערמיט אירע ביידע זין. ווען זיי פלעגן אראפקומען אין שטאט, זענען זיי צוליב כיבוד־אב געגאנגען מיט אים דאוונען אין דער שול, ווו יידן האבן זיי ארויסגעוויזן גרויס אכטונג *.

10. שולן און בילדונג

ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער עיקר לערנען פון יידישע קינדער אנגעגאנגען אין די חדרים און אין „חדר מתוקן". עס זענען געווען אין שטאט וועלטלעכע קריסטלעכע עלעמענטארע שולן; א רעגירונגס־האנדל־שול און א שול ביי דער עוואנגעלישער קירך אויף דער אגראדאווער. קיין גימנאזיע האט נישט עקזיסטירט און ווער עס האט געוואלט באקומען מיטלע בילדונג, האט געדארפט פארן קיין פלאצק אדער קיין ווארשע.

מיידלעך פון פארמעגלעכע און פארגעשריטענע עלטערן האבן געלערנט אינעם איינציקן פריוואטן פענסיאן פון היימאנען. פאר יינגלעך האט די קהילה געמוזט לויטן צארישן געזעץ אויסהאלטן אויף איר חשבון א דערגענצונג־שול, ווו די חדר־יינגלעך האבן געלערנט רוסיש און חשבון. זי האט זיך געפונען אין קהילה־הויף אויף קרולעוויעצקיע נומ. 5. איר לייטער און לערער איז געווען קאפעליוויטש.

* איינער פון די זין — לעאן פורמאן. זע אויבן, זייט 713.

11. די שול פון פרוי סאניצקא

אין יענער צייט האט די פרוי סאניצקא געפרוווט צו עפענען א פריוואטע שול. זי איז געווען די טאכטער פונעם שניידער קוטשינסקי פון דער קאוואלסקער גאס. אליין אן אויטאדידאקט, זייער א פעיקע און אימפולסיווע פרוי, וועלכע איז געווען טעטיק אויפן געזעלשאפטלעכן יידישן געביט אין וולאצלאוועק.

פרוי סאניצקא האט נישט באקומען קיין דערלויבעניש פון דער צארישער מאכט (דער אפיציעלער ארגומענט איז געווען, אז זי איז נישט קיין דיפלאמירטע לערערקע) און איז געצווונגען געווען צו פירן די שול אומלעגאל, זייענדיק שטענדיק אונטער דער געפאר פון שווערע שטראפן און אפילו ארעסט.

נאך א געוויסער צייט, ווען דער פענסיאן פון היימאן האט פארלאזן וולאצלאוועק, איז די שול פון פרוי סאניצקא נאך גאר גרויסע שתדלנות און מיט דער מיטהילף פון די קהילה־עסקנים לעגאליזירט געווארן דורך דער צארישער מאכט. ביז צו דער גרינדונג פון דער העברעישער גימנאזיע אין יאר 1917 איז דאס געווען די איינציקע יידישע מיטל־שול אין שטאט.

12. די נייע שול אויפן נאמען פון יוסף און קיילע גאלד (סינאגאגע)

די נייע שול אויף דער קרולעוויעצקער גאס האט אנגעהויבן צו בויען פאוועל גאלדע, ווען ער איז געווען פרנס אין דער יידישער קהילה. צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן איז דאס בויען געווארן איבערגעריסן אין מיטן. ממשיך געווען האט אויף זיין חשבון יוסף גאלד, א באוווסטער נגיד און פילאנטראפ אין וולאצלאוועק. נאכן ענדיקן דעם בנין האט ער אויך געשענקט דריי ספרי־תורה, דוכט זיך אויף זיין, זיין פרוי און טאכטערס נאמען.

אויף א מארמארענעם טאוול אין פראנט און אויף אלע פענצטער־וויטראזשן איז געווען אויסגעקריצט מיט גרויסע גאלדענע אותיות אויף פויליש און לשון־קודש אז די סינאגאגע איז א געשאנק פון יוסף און קיילע גאלד. פאוועל גאלדעס אנהויב איז נישט דערמאנט געווארן.

13. באנקירן

צווישן באנקירן האבן יידן פארנומען דעם אויבן־אן אין שטאט. די אנגעזעענסטע צווישן זיי זענען געווען: משפחה פרץ, יוסף גאלד און זיין איידעם טשאפלינסקי. טשאפלינסקי איז תחילה געווען א בוכהאלטער ביי גאלדן. גאלדס איינציקע טאכטער האט זיך פארליבט אין אים און נאך א שווערן קאמף מיט אירע עלטערן חתונה געהאט מיט איר אויסדערוויילטן.

טשאפלינסקי האט געהאט דריי קינדער, צוויי טעכטער און א זון, וועלכער איז געווען א באוווסטער פידלער אין פוילן. איין טאכטער געפינט זיך אין ישראל. דער פאטער איז געווען פארטאן נאר אין באנק־וועזן. מיט קיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט האט ער זיך נישט פארנומען.

14. פאוועל גאלדע

פאוועל גאלדע האט געשטאמט פון פלאצק און איז געווען א פאדריאטשיק (צושטעלער) ביים רוסישן גארניזאן אין שטאט. אין די רוסישע צייטן איז ער געווען יארנלאנג דער פרנס פון דער יידישער קהילה.

ביזן יאר 1907 איז ער געווען א הייסער אנהענגער פון הערצלען

און אַפילו אָנגערופן זיין זון מיט הערצלס נאָמען — טעאָדאָר. אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט ער זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע צונויפטרעטן ביי שקאָלניקן אין שטוב און דאָרטן אויפגעקלערט די באַדייטונג פונעם ציוניסטישן געדאַנק און זיין וויכטיקייט פאַרן יידישן פאָלק. אין דעם דאָזיקן קרייז האָט זיך אויך באַטייליקט דער שוחט ש. ד. בזשעשקאָווסקי.

15. די ערשטע דרוקעריי אין שטאָט

די ערשטע מאָדערנע דרוקעריי אויף יידיש, פויליש און רוסיש האָט געגרינדעט אַ ייד — זיגמונד־זיגוש נוימאַן. זיין זון, וועלכער האָט געירשנט די דרוקעריי, האָט זיך געשמדט און געפירט די אונטערנעמונג בלויז אין פויליש. אין דער דרוקעריי האָט זיך אין אומאָפּהענגיקן פוילן געדרוקט אַן אַנטיסעמיטישע צייטונג. נוימאַן האָט אויך געהאַט אַ פּוילישן ביכער־פאַרלאַג.

16. האַנדלס־צענטער

דער עיקר האַנדל און געשעפטן פון יידישן הורט־מיסחר האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער טומסקער גאַס, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער האַנדלס־צענטער אין שטאָט אין משך פון לאַנגע יאָרן און פון קאָלאָניאַלע אַרטיקלען ביזן חורבן.

17. יידישע חתונה־זאַלן

יידישע חתונות אינעם שיינעם און עלעגאַנטן לאָקאַל פון „דריי קראָנען"־האָטעל אויפן אַלטן מאַרק (אין יענער צייט פון די נייעסטע און אימפּאָזאַנטסטע האָטעלן) זענען פאָרגעקומען ערשט האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס רוב חתונות האָט מען געפּראַוועט אין ווינער־זאַל אויף קרולעוויעצקא און אין זאַל אויף דער ציגאַנקא־גאַס (אין הויז פון שפּעטערדיקן קינאָ „נאָוואָשצי"). די פאַמיליע פּאָפּיאָלעק האָט צוגעגרייט דעם כיבוד, באַדינט די געסט און געזאָרגט וועגן אַלע אַנדערע איינצלהייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער שמחה. די איבערגעגעבנקייט פון אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה האָט זיי באַרימט געמאַכט אין שטאָט און זיי פלעגן איינאָרדנענען די עלעגאַנטסטע חתונות.

18. דער בלינדער מאַרשעלעק

אַ באַוווּסטער בדחן אויף די חתונות איז געווען „דער בלינדער מאַרשעלעק". זעלטן ווער האָט געוווּסט זיין נאָמען און פאַמיליע. עס האָט אים געפירט אין די זאַלן זיין פרוי, אַ הויכע, פולע יידענע. ער אַליין איז געווען אַ מיטלוווּקסיקער, דראָבנער ייד מיט אַ קורצער, שוואַרצער באָרד און אויסגעריניענע אויגן.

קוים איז ער אַרויף אויף אַ שטול, וואָס האָט אים געמאַכט העכער און אָנזעעוודיק פאַרן קהל, האָבן זיך פון זיין מויל אָנגעהויבן צו שיטן, ממש ווי פּערל פון אַ שנור, גראַמען, גלייכווערטלעך, וויצן, וועלכע האָבן געמאַכט לוסטיק און הייטער דעם עולם. אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט ער אָבער קיין סך פרייד נישט געהאַט. געווען אַ קבצן „מיט זיבן פּאָלעס", געוווינט אין ווייַלאַנדס הייזער אויף דער סטאָדולנע גאַס, געהאַט אַ סך קינדער. בלויז פון בדחנות איז אָבער שווער געווען אויסצוהאַלטן אַ משפּחה, און די פרוי האָט געמוזט צוהאַנדלען אויפן „גרינעם מאַרק".

19. קולטור־לעבן

די צאַרישע מאַכט האָט פאַרוועט יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און בפרט צווישן די יידישע איינוווינער פון די פאַרנומענע געביטן. אַפילו אויף דער טעטיקייט אויפן קולטורעלן געביט האָט זי געקוקט מיט חשד, זורכנדיק אין איר אַנדערע, פאַרבאָטענע טענדענצן.

טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָט זיך דאָך געפירט אין שטאָט אַ באַשטימטע קולטור אַרבעט לויט די רעאַלע מעגלעכקייטן פון דער צייט. אין יאָר 1910 האָט יעקב הערש כהן אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז, פון וועלכן ער איז אויך געווען דער רעזשיסער. אינעם קרייז האָבן זיך באַטייליקט: אברהם ראָזענבוים, נח וואַסערצוג, משה דובנאָ, יהודית לעוואַרטאָווסקי, לאה ליכטענשטיין, יעקב זאַושניצאַ. אין „ווינער זאַל" אויף קרולעוויעצקא 25 האָט דער קרייז אויפגעפירט „אוריאל אקוסטא" און אַנדערע דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען. מיט דער צייט האָט זיך דער קרייז פאַרברייטערט און עס זענען צו אים צוגעשטאַנען יעקב שקאָלניק, אַנדזשיא שקאָלניק, א. פּאַלושאַק א"אַ. עס זענען אויסגעפירט געוואָרן גאָלדפאַדענס אָפּערעטן ווי „שולמית", „בר־כוכבא", „קונע־לעמל" א"אַ.

אַ דאַנק יעקב זאַושניצא האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרבונדן זיך מיטן דראַמאַטישן קרייז פון זיין געבורט־שטעטל פּלאָנסק, געביטן זיך מיט די רעקוויזיטן און געטיילט זיך מיט פאַכמענישע עצות. די טעטיקייט פון קרייז איז געפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג ביזן אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1914.

מיט אַ צווייטן דראַמאַטישן קרייז האָט אָנגעפירט יצחק קאָוואַלסקי, דער זון פון הרב קאָוואַלסקי. אינעם דאָזיקן קרייז האָבן זיך באַטייליקט: שאול אייזענבערג, רחל שקאָלניק, משה מאַקאָווסקי, פריילין גערשאָנאָוויטש און ראַסקין. דער קרייז האָט אויפגעפירט בעיקר ערנסטע פּיעסעס, וואָס האָבן געהאַט אַן אַקטועלן און סאָציאַלן אינהאַלט. צווישן אַנדערע איז געשפּילט געוואָרן טשעריקאָווערס „יידן", אַן איינדרוקספולע פאָרשטעלונג, וואָס שילדערט אַ פּאָגראָם, באַהאַנדלט און קריטיקירט די באַציונג פון די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען צו די אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. דער קרייז איז אויך אַרויסגעפאָרן אין די דערבייִיקע שטעטלעך און עקזיסטירט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

20. דער ערשטער יידישער כאָר

אין יאָר 1911 האָט דער לייטער פון חזן ערסלערס כאָר — יעקב הערש כהן געגרינדעט אַ וועלטלעכן כאָר, וואָס האָט אויסגעפירט פאָלקסלידער און אַנדערע מוזיקאַלישע שאַפונגען. דער כאָר איז דערגאַנגען צו אַכציק מיטגלידער. סאָליסטן זענען געווען: אַנשעלאַ שקאָלניק, קנאָפּ, אַבראַמסקי, קובאַ קאַליסקי, יצחק פּאָזנאַנסקי, צעראַנאָוויטש. אויך דער חזן ערסלער האָט געשאַפן פאַרשידענע קאָמפּאָזיציעס פאַרן כאָר און געשטיצט אים מיט פאַכמענישער הילף. די קאָנצערטן זענען פאָרגעקומען אין זאַל „נאָוואָשטשי" און אַרומגענומען פאָלקסלידער, שאַפונגען פון לעוואַנדאָווסקי, הענדעל א"אַ. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט געוואָרן די שאַפונגען פון חזן ערסלער, וואָס זענען זייער באַליבט געווען צווישן וולאָצלאַווקער עולם.

מאיר קאָזשען

דער סוף פון א תקופה

(זכרונות)

ווי דער שטייגער אין יידישע היימען האָט מען אויך ביי אונז אין שטוב ליב געהאַט צו דערמאָנען פאַרשידענע געשיכטעס פון אַמאָליקע יאָרן און אָפט זיי איבערדערציילן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן בעת עס זענען זיך צונויפגעקומען פריינד און באַקאַנטע ביי אַ גלאָז טיי און פּאָפּולערן אין אונזער שטאָט „שטרודל־קוכן". ווייניק וואָס איז פאַרבליבן דערפון אין מיין זכרון, אָבער גענוג כדי אַרויס־צופילן דעם ספּעציפישן גייסטיקן קלימאַט, וועלכער האָט געהערשט אין יידישן וולאָצלאַוועק אינעם ערשטן צענדליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דאָס איז געווען אַ בפירושדיקע איבערגאַנגס־תקופה. די אַלטע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן און נייע אויסצושיילן זיך, אמת נאָך נישט קלאָר פאַר דעם פשוטן יידן, אָבער עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון אין זיינע באַגריפן. מען האָט נאָך אָפּגעהיטן אַלטע מנהגים, אָבער שוין אָן אייפער און אָן דעם טיפן גלויבן אין זייער אומבאַרירלעכקייט. מען האָט שוין נישט גערעדט בדחילו ורחימו וועגן קייסער, מיניסטאָרן און אַנדערע מאַכטהאָבער, נאָר פאַרקערט מיט זלזול, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אָן אַ שיעור בייסיקע וויצן. די נייע אידעען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אין וועלט־חלל און וועלכע די קינדער האָבן אַריינגעבראַכט אין די שטובן, האָבן גערעדט צום דמיון און האָבן געלאָקט, אָבער די אָנגעזאַמלטע במשך פון לאַנגע דורות ביטערע דערפאַרונג האָט ווי געצוימט יעטוועדע התלהבות און די יידישע לעבנס־חכמה האָט זיך באַצויגן סקעפּטיש צו די געוואַגטע חלומות פון דער מכלומרשט נאָענטער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ישועה. דער דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 און דער זיג פון דער רעאַקציע האָבן ווי באַרעכטיקט דעם דאָזיקן סקעפּטיציזם. עס האָט זיך פאַר־שטאַרקט דאָס געפיל פון אָנמאַכט, פאַטאַליזם, אָבער דאָס ראָד פון דער געשיכטע האָט מען שוין נישט געקענט צוריקדרייען.

דאָס ערשטע צענדליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט געהערט צו די פינצטערע תקופות פון די יידן אין רוסלאַנד. אָנגע־הויבן האָט עס זיך מיט אַ כוואַליע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן אָנגעגנר־מען די דראַמאַטישסטע פאָרם אינעם טרויעריק־באַקאַנטן קישינעווער פּאָגראָם אין יאָר 1903. אַ כוואַליע פון אומרו און צאָרן האָט אַרומ־גענומען דאָס יידנטום אין רוסלאַנד און אין גאָר דער וועלט. באַלד דערנאָך איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. טויזנטער יידן זענען מאָביליזירט געוואָרן און אַוועק אויף די מאַנדזשורישע פעלדער, כדי צו קעמפן פאַר דער פוילנדיקער רוסישער מאָנאַרכיע, וועלכע זיי האָבן געהאַסט פון גאַנצן האַרצן. זייער זיסע נקמה האָבן זיי געהאַט אין די מפּלות פון די רוסישע חיילות. וועגן דער דאָזיקער מלחמה האָט מען זיך געהאַט צו דערציילן לאַנגע יאָרן. מען האָט אָפּגעשפּעט אין דער בייסיקסטער פאָרם פון די רוסישע גענעראַלן און געוווּסט זיך צו דערציילן פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן דער כיטרע־קייט פון זייערע קעגנער, די יאַפּאַנישע קאָמאַנדירן און דער גרויסער גבורה פון די יאַפּאַנישע זעלנער. יאָרנלאַנג האָב איך געהערט זינגען דאָס לידל: „פּאַי, לאַסטאָטשקאַ, פּאָי / פּאָרט־אַרטור אוזשע ניע טוואָי" (זינג, שוועלבעלע זינג / פּאָרט־אַרטור איז שוין נישט דיין), אָדער דאָס בייסיקע ווערטל: „אַלכסנדר מוקדון האָט פאַרלוירן די שטיוול אין דער מלחמה" (אַ רמז צו דער רוסישער מפּלה ביי מוקדען).

אַ ביז גאָר טיפן רושם האָבן איבערגעלאָזט די שטורמישע יאָרן 1904—1906 און באַזונדערס דאָס דראַמאַטיש־העראָאישע יאָר 1905. אָבער ווי געוויינלעך נאָכן דורכפאַל פון דרייסטע חלומות און נישט־דערפילטע האָפענונגען, האָט זיך אויסגעדריקט די ביטערע אַנטוישונג אין סאַרקאַסטישע וויצן. מען האָט, אַן אמת, דערציילט וועגן די שטורמישע דעמאָנסטראַציעס אין שטאָט, שטרייקן און העלדישקייטן, אָבער נישט פאַרגעסן בייסיק צוצוגעבן, אַז „קלמן קאַמאַשנמאַכער האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן ניקאָלאַי דעם קייסער און אַוועקזעצן זיך אויף זיין טראָן". מען האָט זיך דערציילט מיט שפּאַס ווי אַ יידישער בוי־אַרבעטער (און געווען איז דאָס גראָד אַ הויקער) איז געזעסן אויף די פּלייצעס פון אַ גרופּע דעמאָנסטראַנטן פאַר דער אָרטיקער תפיסה און געשריען: „חברים, די אַלטע מויער האַלט ביים איינפאַלן!" אינעם מויל פון אַ בוי־אַרבעטער האָט די דאָזיקע לאָזונג געהאַט אַ ספּעציפישן בייגעשמאַק. מען האָט דערמאָנט מיט אַ שמייכל, ווי די באַקאַנטע אין שטאָט הייבאַם, פרוי שוואַרץ, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון אירע קינדער (איבערגעגעבענע בונדישע טוער) און געזונגען מיט דביקות: „אין דעם לאַנדע דער פּיראַמידן וואַר איין קעניג גראָס און שטאַרק" און ווי אונזערס אַ שכן, אַ שטיקל פאַבריקאַנטל, האָט שפּעטער נאָכן זיג פון דער רעאַקציע, האָפערדיק געזונגען: מען האָט שוין נישט קיין מורא פאַר די שטרייקאָרס".

ווי אַ קאָשמאַר האָט זיך געלייגט אויף די יידישע געמיטער דער טרויריק־באַרימטער בייליס־פּראָצעס. ביי אונז אין שטוב איז זיכער ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעגן אַ זאַץ „מאָמענטן" מיט די באַריכטן פון דאָזיקן פּראָצעס. די נעמען פון די פאַרשידענע עקספּערטן און אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דאָזיקן פּראָצעס האָבן יאָרנלאַנג געקלינגען אין מיינע אויערן: הרב מאַז"ה, גרוזענבערג, מאַקלאַקאָוו א"אַ, ווי אויך להבדיל — גלח פּראַנייטיס, שמאַקאָוו און די הויפּט־העלדין טשעבעריאַקאָוואַ. איך דערמאָן זיך אויך ווי אין אַ נעפּל, אַ רעגנדיקן האַרבסט־אָוונט (ווי איך ווייס היינט איז דאָס געווען אין יאָר 1913), ווי עס האָט זיך אין שטאָט בליצשנעל פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם פּסק־דין וואָס האָט באַפרייט ביילִיסן. די ידיעה איז אָנגעקומען צו סיני פּראַשקער (טעלעגראַפיש אָדער טעלעפאָניש) און פון דאָ פונאַנ־דערגעטראָגן זיך אין שטאָט, אַרויסרופנדיק אַ געוואַלטיקע שמחה צווישן די יידן. (בייליסעס באַפרייונג האָט אָבער נישט געשטערט, אַז די פוילישע קינדער זאָלן אונז אַלע יאָרן נאָכרופן: „בייליס" אויף וואָס מיר קינדער האָבן געענטפערט: „מאַצאָך", אַ רמז צו אַ משפט קעגן אַ קאַטוילישן גלח מיט דעם נאָמען).

קיין צרות האָבן טאַקע נישט געפעלט, אָבער לעבן האָט מען געמוזט און מען האָט זיך באַמיט מיט דער יידישער עלאַסטישקייט

צופּאַסן זיך צו די הערשנדיקע באַדינגונגען.

אין דער תקופה, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ און באַזונדערס נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך געלאָזט אַרויספילן אַ שטיקל ווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג. די שטאָט האָט זיך ראַש גענומען פונאַנדערבויען. אַ דאַנק יידישער ענערגיע און איניציאַטיוו זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער ברייטער גאַס נייע דריי־שטאָקיקע הייזער (מאַנעס, שרוט, גאָמבינסקי, מאכענבאום אאַ"וו), און זי האָט אָנגענומען אַ גרויס־שטאָטישע צורה. יידן זענען אויך געווען די בוי־אונטערנעמער און צושטעלער („פּאָדריאַטשיקעס") ביים בויען די גרויסע קאָשאַרן פאַרן רוסישן מיליטער און דערביי נישקשהדיק פאַרדינט. וולאָצלאַוועק האָט באַמיט זיך צו פאַרדינען דעם נאָמען פון „קליין־וואַרשע". מען האָט געבאַליעוועט (פאַר פילאַנטראָפּישע צוועקן, פאַרשטייט זיך) אין די זאַלן פון האָטעל „דריי קראָנען" אויפן אַלטן מאַרק, איינגעאָרדנט קאָנקורסן פון טענץ, גליטשן זיך אויף אייז אין ווינטער און סקייטינג („וואָרטקעס") — אין זומער. אין שטאָט איז געווען אַן „אילוזיאָן" („ספינקס" אין קויפמאַנס הויז), אַ טעאַטער־זאַל „נאָוואָשטשי" (אויף ציגאַנקאַ) און אַ שטיקל קאַבאַרעט (אין ווינקל פון „נייעם מאַרק" און דער ברייטער גאַס), ווו מען האָט געזונגען רוסישע און ציגיינערישע ראָמאַנסן („היידאַ טרויקאַ סניעג פּושיסטי").

עמך האָט געפּרוווט צו פאַרטרייבן דעם קאָשמאַר אויף אַנדערע אופנים. עס האָט געבליט דאַמאָלט די קיבעצעריי („בלאַזשאָנעס", ווי מען האָט עס גערופן ביי אונז אין שטאָט) און מען האָט אַריינגעלייגט אַ סך קאָפּ און מי, כדי צו פאַרטראַכטן און אָפּטון פאַרשידענע שפּיצלעך איינער דעם צווייטן פון וועלכע די שטאָט האָט וואָכנלאַנג געלאַכט און וועלכע מען האָט שפּעטער יאָרנלאַנג דערמאָנט.

דער האַנדלס־צענטער אין יענע יאָרן האָט זיך געפונען אויף דער טומסקער גאַס, אין די שכנותדיקע טיילן פון דער ברייטער גאַס און אויפן אַלטן מאַרק. צווישן די צענדליקער יידישע סוחרים, וועלכע האָבן דאָ געהאַט זייערע קראָמען, האָט זיך אויך געפונען אַ הויכער, דיקער טיפּישער דייטש מיטן נאָמען אָטאָ דאָמיניק. ער האָט געהאַט אַ קראָם מיט מיל־שטיינער און מאַשין־טראַנסמיסיעס. געווען איז ער אויסגעקאָכט מיט זיינע יידישע שכנים און גערעדט אַ גאָר נישקשהדיקן יידיש. ער פלעגט אָפּט זאָגן, ווי מען האָט דערציילט: „אַ גוי וואָס קען יידיש און אַ פרוי וואָס קען גמרא, זענען ביידע ווערט אַ כפּרה!" ער האָט זיך אויסגעקענט אין יידישע מינהגים און אַפילו דינים. אַזוי צום ביישפּיל, ווען מען האָט ביי אים באַשטעלט פאַר ראַוויצקיס איילמיל איינלאַגעס פון קעמל־פעל, כדי אומצובייטן די בייוועלנע, וועלכע מען פלעגט אַריינלייגן אין די אייל־פּרעסן, האָט ער געוואָרנט אַז מען וועט... טריפה מאַכן די סחורה.

דער דאָזיקער דאָמיניק איז געווען אַ קרבן פון אָן אַ שיעור שפּיצלעך, וועלכע ער האָט אויפגענומען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און אָן רוגז. אַזוי האָט מען דערציילט, אַז אין אַ פראָסטיקער נאַכט האָט מען פלוצים אָנגעקלונגען צו אים מכלומרשט פון שטערנס מיל, אַז אַ טראַנסמיסיע האָט זיך צעריסן און מען בעט אים גלייך ברענגען אַ נייע, כדי די אַרבעט אין מיל זאָל זיך קענען ווייטער פירן. דאָמיניק האָט זיך נישט געפוילט, צוגעגאַנגען פון זיין שטוב אויף שפּיכלערנער גאַס צו דער קראָם, אַרויסגענומען אַ נייע טראַנסמיסיע, אַרויפגעלאָדן זי אויף אַ דראָזשקע און צוגעפאָרן אין דעם שניי און קעלט צו דער מיל, כדי דאָ זיך צו דערוויסן, אַז מען האָט צו אים בכלל נישט געקלונגען און דאָס איז געווען אַ שפּיצל פון זיינע יידישע ידידים...

איך דערמאָן זיך אַ וויזיט אין דאָמיניקס דירה, אַ טיפּישע דייטשע דירה מיט שטייגן מיט פייגל, אַ גרויסן הונט, גרויסע וויג־שטולן, אין איינעם פון וועלכע עס איז געזעסן די פרוי דאָמיניק. זי איז געווען טויב ווי אַ וואַנט, און מען האָט געמוזט אַריינשרייען דער „מוטערכיען" אין אַ גרויסע פאַטעלניע, וועלכע זי האָט געהאַלטן ביים אויער. זייער זון, הוגאָ, איז געגאַנגען אין פּאָטערס וועגן, און געהאָלפן יידן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

פאַר פּסח האָבן וולאָצלאַוועקער „קיבעצער" נישט געפוילט זיך אָפּצודרוקן ספּעציעלע באַן־בילעטן „קיין מצרים" און פונאַנדערגעשיקט זיי ביי זוויליק צו אמתע און מכלומרשטע פאַרכעס. דער קרבן פון דאָזיקן וויץ איז געווען קודם כל אַ געוויסער „מנשקה פאַרד". דאָס איז געווען אַ טרעגער, וועלכער איז געשטאַנען אַלע יאָרן, זומער און ווינטער, אין ווינקל פון דער ברייטער און זשאַביער גאַס. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ בורקע, איבערגעבונדן מיט אַ שטריק, געווען נישט קיין הויכער, מיט אַ גרוי בערדל, ווי איך געדענק אים נאָך, ליב געהאַט אַ כוסה, אָפּט געשניפּט טאַבאַק פון אַ הילצערנער טאַבאַק־שקאָטל. ער האָט זיך געדרייט אויף זיין פּאָסטן, אויסקוקנדיק אויף אַ ביסל טרעגער־אַרבעט, ווינטער געקלאַפּט מיט די אָרעמס אויף דער ברוסט און די פּלייצעס כדי זיך צו דערוואַרעמען. געהאַט האָט ער אַ פּאָר קליינע פריילעכע אויגן, און נישט אַדורכגעלאָזט קליין און גרויס אָן צו פאַרטשעפּן מיט אַ ווערטל אָדער אַ וויץ. ווייל דער דאָזיקער פּשוטער טרעגער איז געווען אַן אמתער פאָלקס־מענטש און געשפּרודלט מיט הומאָר. ער איז געווען ווי אַיינגעוועבט אין דער פאַרמלחמהדיקער יידישער לאַנדשאַפט און איינער פון די פּאָפּולערסטע טיפּן אין שטאָט.

אין די שבתדיקע זומער־פאַרנאַכטן פלעגן זיך יידישע בעלי־בתישע פּאָרלעך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר איבער דער ווייסל. מען איז געגאַנגען מיט דער הילצערנער דאַמאָלט פּאַנטאָן־בריק. אָפּט האָט געטראָפן, אַז מען האָט געדאַרפט אַדורכלאָזן אַ דאַמפּער אָדער אַ הויכע בערלינקע, וועלכע האָבן געמאַכט זייער וועג קיין טורן אָדער דאַנציק. דאַמאָלט האָט מען אָפּגערוקט אַ טייל פון דער בריק (וואָס איז געשטאַנען אויף שיפן) און די באַוועגונג אויף איר האָט זיך אָפּגעשטעלט במשך פון אַ שעה צייט ביז מען האָט זי צוריק צונויפגעשטעלט. איבער דער ווייסל האָבן געוווינט דייטשע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט אין זייערע גערטנדלעך טישן מיט שטולן. דאָ האָט מען געטרונקען זויער־מילך און די קינדער האָבן זיך געהוידעט אויף די הושדאַוועס אָדער געפאָרן אויף די קאַרוזעליעס, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן ברעג פון שכנותדיקן וואַלד.

געווען זענען אויך אין דער צייט באַקאַנט דער יורגושקי און דער זאַקסישער גאָרטן ווו עס זענען פאָרגעקומען פאָלקס־פאַרוויילונגען. ביידע גערטן זענען מיט דער צייט ליקווידירט געוואָרן.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער מצב פון די יידן ווידער שטאַרק פאַרערגערט. די יידישע שטעלונג צו די וואַלן צו דער פערטער דומע אין יאָר 1912, האָט פאַרשאַרפט די באַציונגען מיט די פּוילישע שכנים. איבערן לאַנד האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט אָנגענומען אויך עקאָנאָמישע פאָרמען.

די פוילישע אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען האָבן גערופן צו באָיקאָטירן דעם יידישן האַנדל אונטער דער לאָזונג „סוווי דאָ סווע‎גאָ פּאָ סוואָיע". יידישע סוחרים האָבן אָנגעהויבן באַנקראָטירן (וועגן איינעם האָט מען זיך דערציילט, אַז ער האָט אַלע קינדער געגעבן נעמען מיט דעם זעלביקן אָנהויב־אות, כדי נישט דאַרפן איבער־צומאָלן דעם שילד אין פאַל פון די כסדרדיקע באַנקראָטן, ווען ער פלעגט איבערשרייבן די פירמע יעדן מאָל אויפן נאָמען פון אַן אַנדער קינד). שריפות זענען אויסגעבראָכן זייער אָפט און מען האָט זיך געשושקעט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אומגליקלעכער צופאַל... (געווען אַפילו אַ וויץ, אַז בעת די סירענע פון די פייערלעשער פייפט, ווייסן שוין די פערד ווו צו לויפן מיט די שיקאַוועקעס). און גלייכ־צייטיק האָט מען מאַסנווייז עמיגרירט. צענדליקער משפחות האָבן דאַמאָלט ליקווידירט זייערע עסקים, צונויפגעפּאַקט דאָס ביסל האָב־און־גוטס און געלאָזט זיך וואַנדערן, ווער קיין רוסלאַנד, ווער קיין מערב־איראָפּע און ווער מעבר לים.

אומעטיקע יאָרן זענען דאָס געווען. מען האָט געוואַרט אויף עפּעס אַ נס וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צום דאָזיקן קאָשמאַר. און דער־ווייל האָט מען פּאָליטיקירט. געווען שוין צו יענער צייט אַ יידיש־שפּראַכיקע פּרעסע („דער היינט" און „דער מאָמענט"). האָט דער עולם אַריינגעלייענט זיך געשמאַק אין די פאַרשידענע ידיעות און באַזונדערס הנאה געהאַט פון די פּאָליטישע איבערזיכטן (די פּאָפּולערסטע זענען געווען יאושזאָהנס־איטשעלעס „פּאָליטישע בריוו"), וועלכע זענען געווען צוליב דער שטרענגער צענזור פול מיט רמזים, פאָלקס־ווערטלעך, משלים און מעשיות מיט אַ מוסר־השכל. מען האָט געלעקט די פינגער פון די שאַרפסזיניקע איינפאַלן פון זייערע מחברים ווי אַזוי צו שרייבן, אַז דער צענזאָר זאָל „פּלאַצן" און מוזן עס אַדורכלאָזן. פרויען האָבן פאַרגאָסן ביטערע טרערן אויפן גורל פון די העלדן אין די ערשטע שונד־ראָמאַנען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין המשכים אין די דאָזיקע צייטונגען (פון די פּאָפּו־לערסטע איז געווען צו יענער צייט דער ראָמאַן: „די פאַרשלייערטע דאַמע"). מען האָט געלייענט די צייטונגען, נישט אַדורכלאָזנדיק קיין איין שורה ביז צו דער לעצטער, ווי מען פלעגט זאָגן: ביז „דאָזוואָלענאָ צענזוראָי" (אַ שורה אין רוסיש — „דערלויבט דורך דער צענזור" וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט קליינע אותיות אויפן ראַנד פון דער לעצטער זייט אין דער צייטונג) און דער עיקר, מען האָט געוווּסט צו לייענען „צווישן די שורות".

✶

דעם 28סטן יוני 1914 זענען געפאַלן די גורלפולע שאָסן אין סאַראַיעוואָ. די צייטונגען זענען אַרויס מיט גרויסע פעטע קעפּ און געווען פול מיט סתירותדיקע ידיעות, וועלכע מען האָט געשלונגען, געוואָרפן צווישן פּחד און האָפענונג.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן און מיט איר איז געקומען אַ סוף צו אַ תקופה, אַ סוף צום יידישן „אַלטן וולאָצלאַוועק".



דער אַלטער מאַרק. פון לינקס דער בנין פון שטאָטישן געריכט (פריער דער זאַל פון „דריי קראָנען").

השוק הישן. משמאל בנין בית־המשפט העירוני (מקודם אולם „שלושת הכ־תרים").

זאב שענקער / תל־אביב

זכרונות פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וולאָצלאַוועק

איך וויל ברענגען עפּיזאָדן און קוריאָזן פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונזער שטאָט, וועלכע איך האָב בייגעוווינט אינעם צייט־אָפּשניט פון סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן יאָר 1933, ווען איך האָב פאַרלאָזן וולאָצלאַוועק און עולה געווען.

די קעסטל־אָוונטן אין דער „אַרבעטער־היים" פון פּועלי־ציון

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין אונזער שטאָט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אַרבעט פון אַלע יידישע פּאַרטייען. די קעסטל־אָוונטן אין דער פּועלי־ציון־היים אויף דער לענגער גאַס נומ. 44 זענען געווען אַן אויסדרוק פון דעם ברייטן אינטערעס, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן די פּועלי־ציון מיטגלידער צו אַקטועלע פּראָבלעמען פון ספּעציפיש יידישן און אַלגעמיינעם כאַראַקטער. די אָוונטן זענען פאָרגעקומען יעדן פרייטאָג און די פאַרוואַלטונג האָט זיך באַמיט צו אַנגאַזשירן אַ פּאַסיקן פרעלעגענט, וועלכער זאָל קענען ענטפערן אויף די אַלע צעטלעך־פראַגן, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון דער וואָך אָדער געשטעלט געוואָרן אין משך פונעם אָוונט. עס האָט זיך באַטייליקט אין זיי אַן אינטעליגענטער בחור פון דייטשלאַנד מיטן נאָמען יודעס, פון פאַך, דוכט זיך, אַ פאַרטרעטער פון האַנדלס־פירמעס אָדער אַ זעלבשטענדיקער סוחר, לויט זיינע איבערצייגונגען אַ „צעירי־ציון".

אַ ספּעציעלן דערפאָלג האָבן געהאַט די אָוונטן אין וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט דער חבר זיאַמע (בורשטיין), פון די פּועלי־ציון־פירער. קיין וולאָצלאַוועק איז זיין משפּחה געקומען פון פּינסק אין יאָר 1917 אָדער 1918. דאָס איז געווען אַ קולטורעלע און מיוחסדיקע משפּחה.

זיאַמע פלעגט רעדן מיט פּאַטאָס און געזינדיקט מיט אַ שפּאָר ביסל טעאַטראַלער פּאָזע, וועלכע איז דאַמאָלט בכלל געווען אין דער מאָדע צווישן די פּאַרטיי־רעדנער. ווען די קעגנער פלעגן אים איבעררייסן און מאַכן אַ רעש אין זאַל, האָט ער אויפגעהערט צו רעדן, געשטאַנען אַ שווייגנדיקער, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, געקוקט מיט אַ דורכדרינגנדיקן בליק אויף די צעהיצטע קעגנער. נאָכדעם ווי דער טומל האָט זיך צוביסלעך איינגעשטילט, האָט ער רויק, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט געזאָגט: „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן, היינט איז אייער צייט" (פון אברהם רייזען באַרימט ליד צו יענער צייט). דאָס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף די אָנוועזנדיקע און זיינע אָנהענגער זענען געווען מלא התלהבות.

זיאַמע איז שפּעטער אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן בעת די באַקאַנטע רייניקונגען.

נאָך די אָוונטן האָבן זיך שעהן־לאַנג געצויגן די דיסקוסיעס. מיר, יונגע בחורים, האָבן זיך נאַיוו געהיצט און געקריגט איבער פּראָבלעמען, וועלכע זעען זיך איצט אָן ווי נישט־וויזנטלעך. אין יענע צייטן האָבן אָבער די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יוגנט פון אונזער שטאָט.

די ערשטער־מאַי דעמאַנסטראַציע פון יאָר 1929

עטלעכע חדשים פאַר דעם 1טן מאַי 1929 האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (באַקאַנט ווי „פּע פּע עס") אין וולאָצלאַוועק איינגעלאַדן דעם „בונד" און די „פּועלי־ציון" זיך צו באַטייליקן אין אַ געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב.

ביידע פּאַרטייען האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. דער „בונד" אָבער האָט נישט געקענט משלים זיין דערמיט, אַז ער וועט מוזן דעמאָנסטרירן מיט אַ ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אונטער די לאָזונגען פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. זייערע פאָרשטייער האָבן זיך באַמיט ביי דעם פּוילישן הויפּט־שותף זיי זאָלן נישט באַטייליקן די „פּועלי־ציון" אין דער דעמאָנסטראַציע.

די פּ. פּ. ס. האָט נישט געקענט פאַרשטיין די סיבות פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט און ווען די בונדיסטן האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי קענען נישט מסכים זיין אויף דער לאָזונג „זאָל לעבן דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל", האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן געפּסקנט, אַז אַנשטאָט דעם זאָל געטראָגן ווערן דער טראַנספּאַראַנט „זאָל לעבן דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם". דער „בונד" האָט בעל־כרחו מסכים געווען.

די „פּועלי־ציון" האָבן געזען אין דעם זייער אַ נצחון, ווייל דאָס איז געווען אַ נאָך מער שאַרפע פּאָליטישע לאָזונג, בפרט אַז אויף זייער פאָן האָבן זיי געהאַט דעם אויפרוף וועגן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. פון דער פאָן — האָט דער פאָרשטייער פון פּ. פּ. ס. געפּסקנט — טאָר מען גאָרנישט נישט אויסמעקן...

ביזן יאָר 1936 איז דאָס געווען די איינציקע געמיינזאַמע ערשטער־מאַי דעמאָנסטראַציע אין שטאָט.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

נאָכן אַנטשטיין פון דער פּוילישער מלוכה האָט זיך אַנטוויקלט אין שטאָט אַ פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און עס האָבן זיך געגרינדעט דער שניידער־פאַראיין, דער לעדער־אַרבעטער־פאַראיין און דער פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך באַמיט אויסצווווירקן זייער השפּעה אויף די דאָזיקע פאַראיינען. דער נאָדל־פאַראיין איז געווען אָנגעפירט דורכן „בונד", איז שוסטער־פאַראיין האָבן דאָס רוב חברים געהערט צום „בונד", אינעם פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז די מערהייט געווען אין די הענט פון פּועלי־ציון, אינעם לעדער־פאַראיין איז די השפּעה געווען געטיילט, מיט די קאַמאַשן־מאַכער האָבן אָנגעפירט די פּועלי־ציון. די פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט באַדאַרפט באַטראַכטן פּראָפעסיאָנעלע פראַגן, פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָליטישע מיטינגען.

איך געדענק אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונעם נאָדל־פאַראיין אינעם פייערלעשער־זאַל, מיט „קאָרעספּאָנדענטן" פון אַלע יידישע

ציַיטונגען — יעדע פּאַרטיי האָט געגעבן אַ באַשטעטיקונג אַ וולאָצלאַוועקער חבר אַז ער איז אַ קאָרעספּאָנדענט פון איר צייטונג אין וואַרשע... עס האָט זיך אויך באַטייליקט אַ פאָרשטייער פון דער צענטראַלע.

באַלד ביי דער דערעפענונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרטיי־קאַמף ביים אויסוויילן אַ פאָרזיצער און נאָכן אַרומקריגן זיך מער ווי א שעה איז אויסגעווײלט געוואָרן אַ מיטגליד פון „בונד". דאַן האָט געקראָגן אַ וואָרט דער פאָרשטייער פון וואַרשע, וועלכער האָט געהאַלטן אַ זייער זאַכלעכע און אינהאַלטסרייכע רעדע. נאָך זיין רעפעראַט האָט זיך אָנגעהויבן די „דעבאַטע", וועלכע האָט פאַרוואַנדלט די פאַרזאַמלונג אין אַ פּאָליטישער אסיפה. די פּאַרטיי־פאָרשטייער און בעיקר די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט באַצויגן צו די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צום נאָדל־פאַך, נאָר גערעדט וועגן אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן און געשיט פעך און שוועבל אויף אַלע „קלאַסן־פאַררעטער" און ספּעציעל אויפן „בונד". די אַטמאָספערע איז געוואָרן זייער אָנגעצויגענע און ווען מען האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן פאָרשלאַגן, האָט זיך אַ שיט געטון מיט רעזאָלוציעס וועגן אַלעם אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן די נאָדל־אַרבעטער. די דיסקוסיעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין געשרייען, די געשרייען אין געוואַלדן און געשלעגן. די פאַרזאַמלונג איז געוואָרן אויפגעריסן, נישט אָננעמענדיק קיין שום באַשלוסן.

אַ שטרייק אין דער גילזן־פאַבריק

געוועזן ביי אונז אין שטאָט אַ פאַבריק פון פּאַפּיראָסן־גילזן, ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט עטלעכע און דרייסיק אַרבעטער.

איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק צוליבן אָפּזאָג פון די אייגנטימער צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־לוינען. אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין וולאָצלאַוועק האָבן געפילט אַ חוב אונטערצושטיצן דעם דאָזיקן „אויסדרוק פון קלאַסן־קאַמף". עס איז גערופן געוואָרן אַ געמיינזאַמע סאָלידאַר־פאַרזאַמלונג אין קינאָ „ספינקס", אויף וועלכער די פּאַרטייען האָבן זיך ליציטירט מיט וואָס מער שאַרפערע רעוואָלוציאָנערע פאָרשלאַגן — פון אַ סאָלידאַר־שטרייק פון אַלע יידישע אַרבעטער אין שטאָט ביז אַ סאָלידאַר־שטרייק אין גאַנצן לאַנד. קיינעם אָבער איז נישט איינגעפאַלן אַזאַ פּשוטער פאָרשלאַג ווי צו באַשטייערן די וולאָצלאַוועקער אַרבעטער מיט אַ געוויסער סומע און מיט דעם זיכערן דעם זיג פון די שטרייקנדיקע. ערשט נאָך דער פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געלט־אַקציע, ווייל די פּאַרטיי־פירער האָט נישט געפּאַסט צו רעדן בשעת דער פאַרזאַמלונג וועגן אַזעלכע פּראָזאַישע מאַטעריעלע ענינים...

אַ גרויסן רושם אויף די אָנוועזנדיקע האָבן געמאַכט די ווערטער פונעם קאָמוניסטישן טוער משה בירקענפעלד, וועלכער האָט אויסגעשריגן צו מיכאַלאָווסקין, איינעם פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט זיך געפונען אין זאַל: „איר פאַרשפּילט דאָך מער אין קאָרטן וויפל עס באַטרעפט די פאָדערונג פון די אַרבעטער!". דאָס איז געווען אַ טריוויאַלער אַרגומענט, אָבער אין דער דאַמאָלטדיקער אַטמאָספער האָט עס געשמעקט מיט „רעוואָלוציאָנערער העלדישקייט"...

גוטמאַן אַ פּראָוואָקאַטאָר

טראָץ די שאַרפע אידעאָלאָגישע קעגנזאַצן זענען די פּערזענלעכע באַציונגען צווישן די מיטגלידער פון די פאַרשידענע פּאַרטייען געווען קאָרעקטע. אַן אויסנאַם איז געווען אַ געוויסער בחור גוטמאַן, אַ זייער פּרימיטיווער און דערביי אַ פאַנאַטישער קאָמוניסט. עס איז נישט מעגלעך געווען מיט אים צו דיסקוטירן, ער האָט אויף אַלעם געהאַט אַן ענטפער: „איר זענט אַלע אַגענטן און שפּיאָנען פון דער רעגירונג".

ווי איבעראַשט איז געוואָרן די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפט אין שטאָט, ווען מען איז פּלוצלונג געוואָר געוואָרן, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט איבערגעגעבן די נעמען פון אַ גרויסן טייל קאָמוניסטישע טוער איז נישט קיין אַנדערער, ווי גוטמאַן...

אַ טאָג־צייטונג אין וולאָצלאַוועק

מיט דער אַנטשטייונג פון דער פוילישער מלוכה האָט אַ יונגער סטודענט, וועמענס נאָמען איך געדענק נישט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אין שטאָט. ער האָט געקויפט אותיות און געבראַכט אַ יידישן זעצער פון פּיעטרקאָוו. די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון וואָלקאָוויטש, אין וועלכער איך בין געווען באַשעפטיקט. זי איז דערשינען נאָר עטלעכע וואָכן. דער יונגער אַרויסגעבער איז אַריין אין אַ געלט־דעפיציט, אויסגעשטעלט געוואָרן אויף סקאַנדאַלן פון בעלי־חובות און פּאָליציי־אינטערווענצן. אין וולאָצלאַוועק זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז די צייטונג איז געשטיצט געוואָרן פון געוויסע מאַכט־אָרגאַנען. אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין לעזער, האָבן די פוילישע רעגירונגס־קרייזן איבערגעריסן די פינאַנציעלע שטיצע [1]

דער „החלוץ" אין אונזער שטאָט

די „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע האָט זיכער געהערט צו די ערשטע אין פּוילן. זי איז געווען זייער טעטיק, אויפגעשטעלט אין שטאָט אייגענע הכשרה־וואַרשטאַטן און די ערשטע חלוצים פון אונזער שטאָט זענען עולה געווען אין אָנהויב צוואַנציקער יאָרן.

מיט דער צייט זענען די עסקנים עלטער געוואָרן און האָבן „דערווייל" נישט געהאַט בדעה עולה צו זיין. זיי האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן דערצו, אַז יונגערע חברים זאָלן איבערנעמען די פירונג פון דער אָרגאַניזאַציע. די עצה דערצו איז געווען אַ ביז גאָר פּשוטע, מען האָט מער נישט אָנגענומען קיין חברים.

דער קאַמף צווישן די אַלטע „חלוצים" און די יונגע האָט זיך געצויגן במשך פון עטלעכע יאָר. די אַלטע זענען צוביסלעך געוואָרן בעלי משפחות, מאַטעריעל זיך נישט־קשהדיק איינגעאָרדנט און אָנגעהויבן זוכן כבוד אין די טעטיקע אין שטאָט געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געווען מער רעספּעקטאַבל.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי גערופן צו זיך די יונגערע חברים, איבערגעגעבן זיי די שליסלען פון לאָקאַל, די סטעמפּלען און געוווּנטשן אַז זיי זאָלן מצליח זיין אין זייער אַרבעט. און זיי האָבן באמת מצליח געווען. דער „החלוץ" איז ווידער אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע.

צוליב איין שטימע

בעת איינע פון די שטאָטראַט־וואַלן האָט זיך אויך באַטייליקט אין זיי דער האַנטווערקער־פאַראיין מיט אַן אייגענער ליסטע אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער אָרטיקער האַנטווערקער־טוער צימערמאַן. ווי גרויס איז אָבער געווען דער פאַרדרוס, בעת

---

[1] זע דעם אַרטיקל פון ד"ר י. מ. בידערמאַן: יידישע פּרעסע אין וולאָצלאַוועק, זייט 413.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכן אָפּציילן די שטימען, אַז צום אויסוויילן צימערמאַנען האָט געפעלט איין און איינציקע שטימע בסך־הכל...

דער דאָזיקער דורכפאַל, וועלכער האָט פאַרשטייט זיך, פאַרקלענערט די יידישע פאַרשטייערשאַפט אין שטאָטראַט, האָט געבראַכט דערצו, אַז בעת די ווייטערדיקע וואַלן זאָל זיך שאַפן אַן אַזוי גערופענער „נאַציאָנאַלער בלאָק" אין וועלכן עס זענען אַריין די ציונים, מזרחי, האַנטווערקער און קליינהענדלער. און הגם איך, ווי אַ חבר פון פועלי־ציון, האָב פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג נישט געוואָלט, האָב איך זי דאָך געהאַלטן ווי אַ פּאָזיטיווע דערגרייכונג פון יידישער אחדות אין די דאַמאָלדיקע שווערע פאַר יידן צייטן.

ווי אַזוי אינזש. שטאַלצמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס לאַווניק

לויט אַלע חשבונות האָט אינזש. שטאַלצמאַן נישט געקענט געוויילט ווערן אַלס לאַווניק, אויב עס וועלן פאַר אים נישט שטימען אַ חוץ די ראַטמענער פון נאַציאָנאַלן בלאָק אויך די צוויי ראַטמענער פון פועלי־ציון, איינער פון די רעכטע און דער צווייטער פון די לינקע.

די פּ.פּ.ס.־פאַרשטייער האָבן פון זייער זייט געמאַכט אַ חשבון אַז אויב מיט זיי וועלן שטימען די ראַטמענער פון „בונד" וועלן זיי האָבן צוויי לאַווניקעס, רעכענענדיק דערביי, אַז דער ראַטמאַן פון די לינקע פּוע"צ וועט זיך אָפּהאַלטן פון שטימען און דער פון די רעכטע וועט שטימען פאַר זיי, די פּ.פּ.ס. זיי זענען געווען אַזוי זיכער דערין, אַז אונטער דער השפעה פון די בודישע עצה־געבערס האָבן זיי בכלל נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פירן אַ משא־ומתן מיט די רעכטע פועלי־ציון וועגן זייער שטעלונג. וואָס אַן אמת איז דאָס געווען טאַקע די שטעלונג פון די צוויי פועלי־ציוניסטישע פאָרשטייער. די לינקע האָבן זיך טאַקע באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן, און די רעכטע — צו שטימען פאַר די פּ.פּ.ס.־לאַווניקעס. אין דעם פאַל האָט אינזש. שטאַלצמאַן נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אויסגעוויילט צו ווערן.

האָט אָבער די האַנדלונג פון די פּ.פּ.ס. שטאַרק פאַרדראָסן די פועלי־ציוניסטישע טוער. האַרן דער ראַטמאַן פון די פּוע"צ־רעכטע האָט זיך געפילט טיף געטראָפן, וואָס די פּ.פּ.ס.־פאַרשטייער האַלטן אַפילו נישט פאַר נויטיק זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די פּאַרטיי־אינסטאַנצן פון די רעכטע פּוע"צ, אַ סברא זיי ליגן שוין ביי זיי אין טאַש... אַלס פּראָטעסט האָט האַרן אין לעצטן מאָמענט געבראַכן די „פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט" און געשטימט פאַר... אינזש. שטאַלצמאַן. אַזוי אַרום האָבן שטאַלצמאַן און דער צווייטער פּ.פּ.ס.יסטישער קאַנדידאַט אויף אַ לאַווניק באַקומען אַ גלייכן צאָל שטימען. מען האָט באַשלאָסן צו וואַרפן גורל. סיני פראַשקער האָט מען מכבד געווען מיט אַרויסציען דאָס קוויטל. און ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס קוויטל לטובת שטאַלצמאַנען.

אַזוי אַרום איז געוויילט געוואָרן אַ יידישער לאַווניק אין וולאָצלאַווקער שטאָטראַט. די פּ.פּ.ס. האָבן זיך נישט געקענט שענקען, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט פירן ביי דער נאָז דורכן „בונד" און צוליב דעם פאַרשפּילט אַ צווייטן לאַווניק.

וולאצלאווקער ווערטלעד

איבערגעגעבן דורך: זאב שענקער

ענלעך ווי אין אַנדערע קהילות האָט זיך אויך אין יידישן וולאָצלאַוועק געשאַפן אַ לאָקאַלער פאָלקלאָר. מען האָט זיך אָפּט באַנוצט מיט ווערטלעך און אויסדרוקן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. פון אָנהייב האָט מען נאָך געדענקט דעם גאַנצן סיפור־המעשה, מיט דער צייט איז ער פאַרגעסן געוואָרן און עס איז פאַרבליבן די פּוענטע. ווייניק ווער עס האָט געוווּסט פון וואַנען דאָס ווערטל אָדער דער אויסדרוק נעמט זיך.

ווייטער ברענגען מיר עטלעכע אַזעלכע פּאָפּולערע אין אונזער שטאָט ווערטלעך מיט דעם סיפור־המעשה ווי אַזוי זיי זענען אַנטשטאַנען.

סמוזשיקס־נייעס

ווען אימיצער האָט דערציילט וועגן אַ געשעעניש, וואָס איז שוין געווען יעדן פון לאַנג באַקאַנט, האָט מען עס געקרוינט אין וולאָצלאַוועק מיטן ווערטל „סמוזשיקס נייעס". מען האָט דערציילט אַז דאָס ווערטל נעמט זיך פון פאָלגנדיקן פאַל.

סמוזשיק, אַ וולאָצלאַווקער איינוווינער (דרך אגב, די סמוזשיקס זענען געווען זייער אַ סימפּאַטישע משפחה), איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין גאַליציע. ער האָט דאָרטן געהאַט אויסצושטיין נויט, פּלאָגן און פּאָגראָמען און דערגאַנגען ביז ווין. ווען ער האָט זיך אומגעקערט שוין עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה אין דער געבורט־שטאָט, האָט ער צו די צענטליקער אים אָפּוואַרטנדיקע משפחה און פריינד אויסגערופן, שטייענדיק נאָך אויף די שטיגן פונעם באַן־וואַגאָן: „איר ווייסט, פראַנץ־יאָזעף איז געשטאָרבן!" ער האָט געוואָלט ברענגען די וויכטיקע נייעס פון דער גרויסער וועלט אין דעם „העק" וולאָצלאַוועק...

איינמאָל, ווען איך בין געזעסן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען ביי דער וואַל־קאָמיסיע צום ציוניסטישן קאָנגרעס, איז געקומען וויילן איינער פון די סמוזשיקס. בעתן זוכן זיין נאָמען אין דער וואַל־ליסטע, האָט שמאי ראָט, וועלכער איז געזעסן ביי דער וואַל־אורנע זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן ווערטל „סמוזשיק נייעס". סמוזשיק האָט זיך באַליידיקט און פאַרלאָזן דעם זאַל. הרב כ. פּ. טכוזש, דער פאָרשטייער פון מזרחי, איז אים נאָכגעלאָפן (ער איז געווען זיינס אַ פּאַרטיי־מיטגליד) כדי צו באַוועגן אים זיך אומקערן, אָבער אָן דערפאָלג. שמאי ראָט האָט זיך נישט געקענט שענקען זיין אומפאָרזיכטיקייט — עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, עס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ שטימע צום ציוניסטישן קאָנגרעס...

צוליב דעם איז נישט כדאי אַזוי צו אַרבעטן...

פרוי האַננאַ קאַווא, אַ באַקאַנטע סאָציאַלע טוערין אין אונזער שטאָט, איז אַמאָל געקומען אין אירע געזעלשאַפטלעכע ענינים צו סיני פראַשקער. אַן אָנגעזעענעם אַגודישן עסקן און דערצו אַ

ייכן סוחר, וועלכער האָט געפירט גרויסע און פאַרצווייגטע געשעפטן.

בעת דעם געשפרעך, וואָס איז כסדר איבערגעריסן געוואָרן דורך אומצייליקע טעלעפאָנען, געשעפטלעכע אָנפראַגעס פון די באַאַמטע, האָט זיך פראַשקער באַקלאָגט פאַר דער פרוי קאַוואַ, ווי שטאַרק ער איז באַשעפטיקט און ווי שווער עס איז די לאַסט פון די עסקים וועלכע ער פירט.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ זייגער עלף פאַרמיטאָג בערך, האָט מען סיני פראַשקער דערלאַנגט פרישטיק וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גלעזל טיי מיט צוויי סוכאַרעס. פרוי קאַוואַ האָט אָנגעקוקט אַביסל פאַרוווּנדערט דאָס דאָזיקע „רייכע" פרישטיק און תמימותדיק נעפרעגט: „צוליב אַ גלאָז טיי מיט צוויי סוכאַרקעס איז אַייך כדאי צו פירן אַזעלכע גרויסע געשעפטן מיט אַזויפיל קאָפּ־דרייעניש?..

„רוהע שנאָרערס!"

וועגן יוסף גאָלד ווערט אין דאָזיקן בוך אַ סך דערציילט. ער איז געווען דער סינאָנים פון רייכקייט אין אונזער שטאָט. האָט אימיצער געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז נישט בכוח אויף עפּעס זיך צו דערלויבן, אָדער ער האָט זיך סתם געוואָלט אַרויסדרייען פון געבן געלט, איז די גרייטע תשובה געווען: „וואָס בין איך עפּעס יוסף גאָלד?"

יוסף גאָלד האָט, ווי באַקאַנט, אויסגעבויט די נייע שול אויף דער קרולעוויעצקע־גאַס. ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט — נעבן ארון־קודש, אויף אַלע וויטראַזשן, איבערן אַריינגאַנג אין די שול — אומעטום זענען געווען אויפשריפטן מיט גאָלדענע אותיות אין העברעיש און פויליש: „מתנת יוסף וכילה גולד" Dar małżonków Józefa i Kajli Gold.

אַליין האָט ער נישט געדאַוונט אין זיין שול, וואָרום דער רוב מתפללים און אַפילו אַ טייל גבאים זענען געווען בעלי־מלאכות. שבתים און יום־טובים פלעגט ער גיין פון זיין דירה אויף דער ציגאַנקאַ־גאַס אין שול אָנגעטון אין אַ צילינדער אויף זיין גרויסן פליכעוואַטן קאָפּ. ערב יום־כיפור איז ער געקומען אין שול פאַר מנחה און נישט אַוועקגעזעצט זיך ביז נאָך נעילה. געשטאַנען איז ער, פאַרשטייט זיך, ביי דער מזרח־וואַנט און די מתפללים הינטער אים האָבן כסדר געזען פאַר זיך זיין פעטן רויטן קאַרק. האָט ווער פון זיי געוואַגט בעתן דאַווענען עפּעס אַ שעפּטשע טון צו זיין שכן, האָט יוסף גאָלד קוים אויסגעדרייט דעם קאָפּ און בייז אַ ברום געטון: „רוהע שנאָרערס!"

„איך בין די יידישע דוכאָווענסטווע"

געווען אין דער אַלטער שול שוין אין די שפּעטערע צווישן־מלחמה־יאָרן אַ שמש, אַ קליין דאַר יידל מיטן נאָמען מנחם פרינץ. ווי געוויינלעך זענען בעת די אָפיציעלע נאַציאָנאַלע פוילישע יום־טובים: דעם 3טן מאַי, דעם 11טן נאָוועמבער (יאָרטאָג פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט) פאָרגעקומען פייערלעכקייטן מיט מיליטערישע פאַראַדעס, צו וועלכע עס זענען, פאַרשטייט זיך, אויך איינגעלאַדנט געוואָרן די פּני פון דער יידישער קהילה — דער רב, דיין, פרנסים, ראַטמענער און אַנדערע אָנגעזעענע תושבים. דער שמש איז געשטאַנען האַרט הינטער די יידישע כלי־קודש.

נאָך דער דעפילאַדע פלעגן, ווי דער שטייגער, דער גענעראַל, דער סטאַראָסטע מיט הויכע אָפיצירן און באַאַמטע גיין לענגאויס דער אויסגעשטעלטער שורה נאָטאַבלען און דריקן יעדן די האַנט. בעת זיי זענען צוגעקומען צו די יידישע כלי־קודש, האָט זיך דאָס קליינע שמשל גיך אַרויסגערוקט, דערלאַנגט די האַנט און מיט חשיבות זיך פאָרגעשטעלט „איך בין די יידישע דוכאָווענסטווע" (Duchowieństwo żydowskie jestem) (ס'מיינט: איך בין דער יידישער גייסטלעכער שטאַנד).

אַזוי על כל פנים האָבן וויצלער זיך געהאַט צו דערציילן אין שטאָט.

יונגערמאַן, שרייבט אַ סך...

אויף דער דריטער מאַי גאַס האָט געהאַט אַ שפּייז־געוועלב הער מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט אויסער זיין מסחר געהאַט אַ שוואַכקייט צום שרייבן. ער האָט איינמאָל געדונגען דעם טעאַטער־קרייז אונטער דער לייטונג פון משה קאָהן און זיי האָבן אויסגעפירט זיינס אַ „פּיעסע" אין טעאַטער „נאָוואָשטשי". די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך. מען האָט גוט געקענט זיין שרייבערישן „טאַלענט", אָבער מען איז געגאַנגען אויס נייגעריקייט אין טעאַטער, בפרט אַז דאָס רוב בילעטן האָט דער מחבר געטיילט בחינם. דאָס איז געווען זיין ערשטע און לעצטע פאָרשטעלונג... זי האָט דעם „שרייבער" אַריינגעפירט אויף לאַנג אין גרויסע געלט־שוועריקייטן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט מאָשקאָוויטש געשריבן זכרונות אין דער „וולאָצלאַוועקער שטימע" און דערציילט צווישן אַנדערע מיט גרויס גאווה אַז ער האָט באַזוכט י. ל. פרץ און אים געוויזן זיינע שריפטן. פרץ האָט אים געראַטן: „יונגערמאַן, שרייבט אַ סך, פון אַ סך שרייבן באַקומט מען אַ שיינעם האַנטשריפט"[2].

„דרך ארץ פאַר אַ יידישן שניידער..."

און ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו ברענגען אַ צווייטן קוריאָז, וועלכן מען האָט דערציילט אין וולאָצלאַוועק אין שייכות מיט אַ צווייטן יידישן שרייבער — און דאָס מאָל אַ טאַלענטירטן — שמעון האָראָנטשיק, אַ לאַנגיאָריקן תושב פון אונדזער שטאָט.

יעדן מאָל, ווען עס איז אין שטאָט פאָרגעקומען אַ יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, פלעגט האָראָנטשיק אַריין אין זאַל בחינם, אין זכות פון זיין שרייבערישן רום. האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער בילעטער, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט נישט געקענט האָראָנטשיקן און אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן אָן אַ בילעט. האָראָנטשיק האָט זיך אָנגעצונדן און אַ געשריי געטון מיט כעס: „דרך ארץ פאַר אַ יידישן שרייבער". דער בילעטער, וועלכער האָט נישט דערהערט זיינע ווערטער, אָדער פשוט נישט פאַרשטאַנען זיי, האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרוווּנדערטער און אַ צי טוענדיק מיט דער פלייצע געזאָגט: „אַ נייער יחוס, אַ יידישער שניידער!"

---

[2] זע דאָרט, זייט 424.

עיירות הסביבה / די אומגעגנט

זלמן גאָסטינסקי / ווארשע

קאָוואַל און זיין יידישער יישוב

קאָוואַל אַ שטעטל אין קרייז וולאָצלאַוועק, וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט אין פוילן. אין יאָר 1569 האָבן די יידן באַקומען פונעם סטאַראָסטע אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־עלמין. דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי האָט זיי אין יאָר 1578 דערטיילט אַ פּריווילעגיע פון ווײַנרעכט ווי אויך אַ דערלויבעניש צו פאַר־נעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה. אין אַ גרעסערער צאָל האָבן זיך יידן באַזעצט אין קאָוואַל נאָך דער שוועדישער מלחמה (1656), ווען די שטאָט איז כמעט חרוב געוואָרן. דער יידישער קאָפּשטייער האָט באַטראָפן אין יאָר 1721 — 300 גילדן, 1734 — 900 גילדן. אין סוף פון 18־טן י״ה איז די קהילה געווען אַזוי ווייט אַריינגעטון אין חובות, אַז דער קעניג האָט געביל־דעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע כדי זיי צו רעגולירן. אין די יאָרן 1827—1862 האָט עקזיסטירט אין קאָוואַל אַ יידן־קוואַרטאַל. אין יאָר 1756 האָבן אין קאָ־וואַל געוווינט 260 יידן, אין 1793 — 306 יידן (און 356 קריסטן), אין 1852 — 1212, אין 1897 — 1402 (די אַלגעמיינע בפעלקערונג — 3993 נפ־שות), אין יאָר 1921 — 1227 יידן (אַלגעמיינע באַפעלקערונג: 4063 נפשות).

ע. ר. (עמנואל רינגעלבלום)

ענציקלאָפּעדיע יודאַיקאַ, באַנד צען, ז׳ 353.

דאָס שטעטל קאָוואַל, אויף קויאַווער ערד, גרייכט מיט זיין שטאַם אין דער אוראַלטקייט פון פוילנס געשיכטע. געוויסע קרוין־מעטריקעס באַווייזן אַז אין יאָר 1185, אין דער צייט פון לעשעקן, האָט שוין אין קאָוואַל עקזיסטירט אַ קירך, וואָס עס באַדייט אַז די ערשטע שפּורן פון באַזעצטקייט גרייכן נאָך אין ווייטערדיקע צייטן. דאָס שטעטל גרויסט זיך מיט דעם וואָס דאָ איז, לויט אַלע וואַר־שיינלעכקייטן געבוירן געוואָרן דער קעניג קאַזימיר דער גרויסער. אַפילו יאַן דלוגאָש האַלט פאַר נויטיק וועגן דעם צו דערמאָנען אין זיין כראָניק: „דעם 30טן קוויעטשיען (אַפּריל — ז. ג.) 1310, אין שטעטעלע קאָוואַלע, אויף קויאַווער ערד, האָט די פּרינצעסין יאַד־וויגאַ, די פרוי פון וולאַדיסלאַוו לאָקיעטעק, געבוירן אַ זון קאַזשי־מיעזש. וועגן דער דאַטע פון געבוירן, ווי אויך וועגן דעם אָרט האַלט איך פאַר נויטיק צו דערמאָנען, איבערגעבנדיק עס די צוקונפטיקע דורות". צו יענע צייטן איז דורך קאָוואַל, צווישן די געדיכטע וועל־דער, אין וועלכע די אָרטשאַפט האָט זיך געפונען (און געפינט זיך טיילווייז עד היום), דורכגעגאַנגען איינער פון די וויכטיקסטע קאָמו־ניקאַציע־שליאַכן פון פוילן — דער טראַקט צווישן קרושוויץ און קראָקע. אין שטעטל האָט זיך דאַן געפונען אַ קעניגלעכער שלאָס, פונעם מין שוץ־פעסטונגען, וועלכער איז אָפט באַזוכט געוואָרן דורך די פוילישע מאָנאַרכן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אין יאָר 1420, אין קאָוואַלער שלאָס, דער קעניג יאַגעללאָ אויפגענומען די טשעכישע שליחים מיט וואָרנערן פון ראַנקאָוו בראש (דלוגאָש).

דאָס אַלץ האָט זיכער מיטגעווירקט דערצו אַז דאָס שטעטל האָט געגאָסן פון פאַרשידענע קעניגליכע פּריווילעגיעס. צו אַזאַ מין פּרי־ווילעגיע האָט אויך, מן הסתם, געהערט די דערלויבעניש, וועלכע קאָ־וואַל האָט באַקומען אין יאָר 1519 פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן, אויף איינצואָרדענען ביז דריי מערק אַ וואָך. פאַר דער ווירטשאַפט־לעכער און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג האָט דאָס באַדייט זייער פיל. אין יאָר 1655 ווערט קאָוואַל, ווי אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, חרוב דורך די שוועדן.

שוין בעת דעם צוריק־אויפבוי הויבט זיך אָן אַ פאַרשטאַרקטע יידישע איינוואַנדערונג אין שטאָט. וועגן דעם דערמאָנען שוין פאַר־שידענע דאָקומענטן, אַפילו פון לאָקאַלן כאַראַקטער, וועלכע האָבן אַ שייכות צו בוי־פּלעצער אדג"ל. נישט לייכט, ווי געוויינלעך, קומט אויך דאָ פאַר די יידישע איינבירגערונג. יידן ווערן אָפט עקאָנאָמיש פאַרפאָלגט. אַזוי האָט אין יאָר 1713 דער קעניג אויגוסט דער 2־טער פאַרבאָטן די יידן צו קאָכן און פאַרקויפן בראָנפן. אין יאָר 1777 האָט דער אַרטיקער בעקער־צעך געמאַכט יידן שוועריקייטן ביים באַקן און פאַרקויפן ברויט.

לויט סטאַטיסטישע אָנגאַבן (פּרייסיש־האָלשע), וועלכע גרייכן צום יאָר 1800 האָבן זיך צו יענער צייט אין דער גאַנצער־בריסק־קויאַווסקער וואָיעוואָדשאַפט (צו וועלכער קאָוואַל האָט געהערט) געפונען אַרום 2565 יידן. די רוסישע סטאַטיסטיק פון יאָר 1878 גיט אָן די אַלגעמיינע צאָל יידן אויף קויאַווע — 12,201 נפשות, דערפון אין קאָוואַל — 1324 נפשות. אין יאָר 1936 האָבן לויט סטאַטיסטישע אָנגאַבן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 5.000 איינוווינער אין קאָוואַל געלעבט 1787 יידן.*

פון דעם יאָר 1878 איז מעגלעך אויף אָנצוגעבן געוויסע ידיעות וועגן דער צאָל געבוירטן, חתונות און טויט־פאַלן ביי די יידן אין שטעטל ביז דעם יאָר 1940 איינשליסלעך און דאָס אויפן סמך פון אויטענטישע אַקטן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן דורך דער יידי־שער קהילה. די געשיכטע פון אָפּגעפינען די ביכער איז אַ זייער אָריגינעלע. אין יאָר 1947 האָט זיי געפונען אין אַ דאָרף נעבן דער פויליש־טשעכישער גרענעץ אַ יונגער גלח, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען די אַלע מאַטעריאַלן צוריק אין שטעטל. איצט געפינען זיי זיך אין צאָל פון 18 בענד אין נאַציאָנאַלן ראַט (מאַגיסטראַט) פון קאָוואַל. ביז דעם יאָר 1916 זענען די ביכער גע־פירט אין דער רוסישער שפּראַך, שפּעטער אין פויליש.

און אָט עטלעכע אָנגאַבן, אויסגערעכנט אויפן סמך פון די בי־כער: די צאָל חתונות פון 1916 ביז 1939 באַטרעפט 240. פאַר דער זעלבער צייט זענען אין שטעטל געשטאָרבן 728 יידן און געבוירן

* לויט ישעיה טרונק (באַזירט אויף Mitteilungen des Gesamtarchivs der deutschen Juden v. IV, p. 92. האָבן אין יאָר 1797 גע־וווינט אין קאָוואַל 387 יידן און 1029 קריסטן. זע ווייטער אין דעם ספר: טרונק: פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער בריסק־קויאַווער קהילה, באַמער־קונג 11.


געוואָרן 823 קינדער! זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט וואָס אויף 11 חתונות אין יאָר 1939 זענען 6 פאַררעגיסטרירט דעם 1 סעפטעמבער, ד״ה אין ערשטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך. די גרעסטע צאָל חתונות — 19 — איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן צייט־אָפשניט אין יאָר 1926, די קלענסטע צאָל אין יאָר 1938 — אינגאַנצן דריי.

אין איינעם פון די ביכער פון חתונה־רעגיסטראַציעס געפינט זיך אַ לאַקאָנישע „אומשולדיקע" צושריפט אין דער דייטשער שפּראַך:

Dieses Familienbuch fuer das Jahr 1939, dass die Eintragen Nr. 1 bis 11 enthalt, wird abgeschlossen. 2 Januar 1940. Der Standsbeamte.

אָט אַזוי פשוט האָט עס אויסגעזען פאַר דעם באַאַמטן — „אָפּשליסן" אַריבער 300 יאָר יידיש לעבן. אָבער פונקט ווי נישט פשוט איז געווען דאָס לעבן פון דעם 1800 קעפּיקן יידישן ישוב, אַזוי איז אויך נישט פשוט פאָרגעקומען זיין אומקום...

ביז צום יאָר 1939 האָבן די יידן אין קאָוואַל, מער ווייניקער ווי אין אַנדערע שטעטלעך אין פוילן, אַדורכגעמאַכט דעם כסדרדיקן פּראָצעס פון עליות און ירידות. אַרויף האָט זיך פון צייט צו צייט דערקליבן אַן איינצלנער און אַראָפּ זענען געגאַנגען וואָס אַ מאָל מער. אַרומגערינגלט מיט רייכע פוילישע דערפער און גרויסע איינגעפונדעוועטע פּריצישע הויפן אין דער ריכטונג צו גאָסטינין און לוביען, מיט וועלדער און קליינע קאַרלאָוואַטע, אויף זאַמדיקער ערד אָרעמע פּויערישע ווירטשאַפטן אין דער ריכטונג צו וולאָצלאַוועק, ווי אויך מיט אַ גרויסער צאָל פּויערישע ווירטשאַפטן אינערהאַלב דער שטאָט, צום מייסטן אין דער א״ג „אַלט־שטאָט", מיט עטלעכע צעגעלניעס, צוויי טאַרטאַקן, האָבן יידן אין גרעסטן טייל געצויגן חיונה פון מלאכה און אויך אין אַ קלענערער מאָס פון האַנדל. דער פּראָצעס פון „אַרויף און אַראָפּ" און, ווי געזאָגט, מער אַראָפּ, האָט זיך געהאַט זיינע צייט־אָפּשניטן. די שטעטלדיקע יידן האָבן נישט באַטראַכט זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דורך דער פּריזמע פון געשיכטלעך־ווירטשאַפטלעכע קריטעריעס. מען האָט געדענקט פאַרהעלטענישמעסיק נאָענטע צייטן, וועלכע זענען געטיילט געוואָרן אַזוי: „ביי די רוסן", „ביי די דייטשן", „פאַר דער ערשטער שריפה", „פאַר דער צווייטער שריפה", „נאָך דער צווייטער שריפה". די צווייטע שריפה, וועלכע ס׳האָט געדענקט דער דור, וואָס איז פאַרשניטן



קאָוואַל, נאָך דער שריפה אין יאָר 1921.
דער מאַרק און אַרום אים די פאַרברענטע הייזער.
קובאל אחרי הדליקה בשנת 1921. — רחבת השוק מוקפת בתים שרופים.

געוואָרן בעת דער היטלער־ממשלה איז פאָרגעקומען אין יאָר 1921. כאָטש אויף דער געשטעלטיקייט פון דער עקאָנאָמישער פּאָזיציע האָבן אָביעקטיוו געווירקט פיל פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן, האָבן דאָך (אין גרעסטן טייל דער עלטערער דור) מענטשן פאַרגלייכט זייער מאַטעריעלן צושטאַנד מיט דעם פון פאַר דער שריפה. דאָס פייער האָט טאַקע אויפגעפרעסן כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. עס זענען אַנטשטאַנען הילפס־קאָמיטעטן, אַמעריקאַנער יידן האָבן געשיקט געלט, ס׳זענען אָרגאַניזירט געוואָרן גאָרקיכן און מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק אויפצובויען. אויפן אָרט פון דער פאַרברענטער הילצערנער שול, מיט צוויי לייבן געשניצטע ביים אַריינגאַנג איז געבליבן אַ פוסטער שול־פּלאַץ. דער אויפגעבויטער „אויף דערוויל" בית־המדרש האָט שוין שטענדיק געמוזט פאַרטרעטן די שול. „אויף דערוויל" איז אויך אויפגעבויט געוואָרן נאָך דער שריפה אַ לאַנג הילצערן הויז נעבן בית־המדרש, אין וועלכן ס׳האָבן דורכגעלעבט ביז זייער אויסזידלונג פון שטעטל עטלעכע צענדליק משפחות אויך אויף „דערוויל", וואָס האָט זיך געצויגן 18 יאָר! די „קניקאַרווע" — אַזאַ נאָמען האָט געהאַט דאָס „קהלס־הויז". גענומען האָט זיך דער נאָמען פון קניקן לייז, ד״ה פון הרגענען לייז, וועלכע האָבן מן הסתם דאָרט נישט געפעלט, פונקט ווי עס האָבן נישט געפעלט קיין וואַנצן, שמוץ און נויט. אויך די „יידישע גאַס" איז אין איר גרעסטן טייל שוין נישט אויפגעבויט געוואָרן, דער מאַרקפּלאַץ דאַקעגן האָט מען צוריק אויפגעשטעלט; נישט איין הויז האָט געשמעקט מיט געלט פון „הילפס־קאָמיטעט", אַ גרויסער טייל אָבער איז געווען דורכגעווייקט מיט בלוט און שווייס פון האָרעפּאַשנער אַרבעט.

צווישן די מלאכות, מיט וועלכע די יידן האָבן זיך פאַרנומען, האָט איבערגעוויגן שוסטעריי און שניידעריי, כאָטש עס זענען געווען עטלעכע בלעכערס, רימערס, אַ סטאָלער, פורמאַנעס, זייגערמאַכער, פריזירער, גערטנער, קצבים, בעקער, שווייגער. שטעפּעריי האָט געהערט צו דעם מין פאַך, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַז בעלי־בתישע משפחות זאָלן קאָנען אַביסל פאַרבייגן דעם נעבעכדיקן שטאָלץ און אָפּגעבן זייערע קינדער צו מלאכה.

אַ חוץ עטלעכע הורט־סוחרים, אַ תבואה־סוחר, אַ טאַרטאַק־אינהאַבער, אַ צוויי, דריי פּראָצענטניקעס, עטלעכע פערד־הענדלער, איז דער גרעסטער טייל אומזאַץ־קאַפּיטאַל פון קליינע געוועלבלעך, אָדער בעלי־מלאכהשע וואַרשטאַטן געווען אַ געבאָרגטער כמעט הויפּטזעכלעך אויף פּראָצענט, געכשרט דורך אַ היתר־עיסקה.

אין די פרימאָרגנס האָבן געסקריפּעט געלאָדענע וואָגנס, וועלכע פלעגן אַוועקפירן אויף מערק קיין לובין, כאָטש, ניעשעווע, ליבראָנץ שניידער־טאַנדייטניקעס און שוסטער. אַנדערע שניידער פלעגן אויף פלייצעס אַוועקטראָגן זייער סחורה אין דאָרף. אין אַ פאַרנאַכט, אָדער אין אַ שפּעטן אָוונט פלעגט אַ דאָרפס־גייער צוריקקומען פון אַ וויטן וועג מיט אַ קאַלב, אַ שעפּס אָדער אַ ציג אויף דער פלייצע, אַן אַנדערש מאָל אַ פעל, עטלעכע היגער, אַביסל אייער אָדער פּוטער. אין אַ פינצטערער נאַכט האָט שטילערהייט אַ קצב „עפּעס" געשאָכטן פון אַ געהיימער שחיטה.

כלי־קודש און „קהילה־גראַבלער" האָבן אויך נישט געפעלט. מען האָט אויך נישט געדאַרפט אימפּאָרטירן פון דער פרעמד אַ צוויי־דריי מוסרים, אַן וועלכע די מאַכט האָט זיך נישט געקענט באַגיין. ס׳זענען אויך געווען דריי יידישע משפחות אינהאַבער פון אַ פּאָלוואַרק — דער „אַנט", וועלכער האָט זיך געפונען גלייך נעבן די גרענעצן פון דער שטאָט. צו דעם „אַנט" האָט אויך געהערט אַ קליין וואַסערל —



„מכבי״־דעפילאַדע אויף די גאַסן פון קאָוואַל — מצעד „מכבי״ בחוצות קובאל. בראש — אריה פּיעכאָטקאַ; פאָן־טרעגער — נושא הדגל: מיכאל שפּערקאַ.

דער תשליך. צוליב די כסדרדיקע ביטערע מחלוקות צווישן די שותפים פונעם „אַנט״, אַגב פון איין משפחה, איז דער פּאָלוואַרק געגאַנגען פון יאָר צו יאָר באַרג אַראָפּ...

פיל מענטשן האָבן געלעבט פון קצבה. נישט איין יידישע משפּחה האָט שטילערהייט („כדי שונאים זאָלן קיין נקמה נישט דערלעבן״ — מ׳שטיינס געזאָגט...) געצאַנקט... די גרעסטע טייל פון דער יוגנט איז געשטאַנען פאַר דעם פּראָבלעם פון אויסזיכטלאָזיקייט. זעלטן זענען געווען די פאַלן פון אויסוואַנדערן אין אַ גרעסערער שטאָט און איינצלנע פאַלן פון עליה קיין ארץ־ישראל. פאַרשאַרפט די סיטואַציע, צוגעבנדיק איר אַ פּאָליטישן קאָלאָריט, האָט דער עקאָנאָמישער באָיקאָט, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן געפירט געוואָרן קעגן יידישן סוחר און בעלי־מלאכה.

די קאָוואַלער יידן האָבן זיך שטאַרק אויסגעטיילט פון יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך דערמיט וואָס זיי זענען געווען אין גרעסטן טייל ברייטפּלייציקע, מיט געזונטע מוסקולן, אַזוי דער עלטערער דור ווי פיל פון יונגערן. האָבן טאַקע דאָ עקזיסטירט צוויי יידישע ספּאָרט־קלובן — אַ ציוניסטישער — „מכבי״ און אַ בונדישער — „מאָרגנשטערן״. דער „מכבי״ האָט געהאַט אַ גרויסן בלאָז־אָרקעסטער, איינער אין דער גאַנצער אומגעגנט פון יידישע שטעטלעך. בעת מלוכהשע חגאות האָט דער „מכבי״־אָרקעסטער שטענדיק דעפּילירט צוזאַמען מיט די ספּאָרטלערס. ס׳זענען אויך פאָרגעקומען גרויסע פּאַראַדן בעת ל״ג בעומר. אין „אַנט״ אָדער אין וואַלד זענען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע פאַרווײַלונגען מיט טענץ און ספּאָרט־אימפּרעזעס. אָפט זענען געקומען יידישע ספּאָרטלער פון וולאָצלאַוועק. צווישן דער בירגערלעכער „מכבי״ און דער בונדישער ספּאָרטלער־יוגנט האָט געהערשט כמעט אַן אייביקע פיינדשאַפט. דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען פיל ברייטער און טיפער ווי די טעטיקייט פון די ספּאָרט־קלובן.

אַ גאַנץ באַזונדערע גרופּע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די אָרטאָדאָקסן. זיי האָבן געהאַט זייער „גערער״ שטיבל, וווּ מ׳האָט אין שבתים אָנגעהויבן דאַווענען שפּעטער און געדינט גאָט מיט גרויס כוונה. זיי האָבן זיך געהאַט זייער אייגן וועג סיי אין די דרכים פון אמונה, סיי אין די דרכים צו מלכות...

די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן געהאַט פיל שאַטירונגען. די איינפלוסן פון דער „מזרחי״, צווישן עלטערן און מיטעלן דור זענען געווען קלענערע ווי פון די אָרטאָדאָקסן, דערפאַר אָבער איז די יוגנט פון „הפּועל המזרחי״, דרך אגב אַ פרום־וועלטלעכע, זייער אַ דענקנדיקע און סאָלידע, געווען אַ פיל גרעסערע ווי די אָרטאָדאָקסישע אין כמות און אויך אַ בעסערע אין איכות.

ווען די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך געשפּאָלטן, זענען אויך אויפגעקומען אַ קנאַפּער מנין שטילע גראָסמאַניסטן. די „בית״ר״־יוגנט אין קאָוואַל איז אין אונטערשיד פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך נישט געווען קיין שטאַרק אָנגרייפערישע. די גרעסטע ציוניסטישע גרופּע זענען געווען די „אַלגעמיינע״. איבערהויפּט האָט צו דער דאָזיקער ריכטונג געהערט דער א״ג מיטעלער שטאַנד. די יוגנט פון דעם שטאַנד האָט דורכגעמאַכט אַ כסדרדיקן פּראָצעס פון וואַקלונגען, פון אָפּפלוסן און צופלוסן צו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי „החלוץ״, „הנוער הלאומי״, „גורדוניה״, „השומר הצעיר״. די טענדענץ פון די וואַקלונגען האָט צום סוף אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געווען דער „בונד״, סיי די פּאַרטיי, סיי די יוגנט. מערסטנטייל איז עס געווען שוסטער־און שניידער־יוגנט, וועלכע האָט אָדער געאַרבעט ביי יענעם, אָדער געאַרבעט אין דער היים „פאַר יענעם״. דאָס זענען געווען זייער אַקטיווע, אָפּפערווילליקע און קעמפערישע בחורים. אַחוץ מזה זענען נאָך געווען „רויטע״. דאָ האָט דער קריטעריום פון שטאַנד, פון באַלעבאַטישע און נישט באַלעבאַטישע קרייזן נישט געקאָנט דינען אַלס אַן עיקר. כאָטש ס׳איז שווער געווען אויף גענוי צו וויסן ווער ס׳איז אַ „רויטער״, האָט מען דאָך פאַררעכנט צו זיי אַ שפּאָרע גרופּע „באַלעבאַטישע קינדער״ (פון דער עלטערער גענעראַציע) צוזאַמען מיט אַרבעטער, שוסטער, עטלעכע בעקר־געזעלן און אַנדערע. די טייל באַלעבאַטישע יוגנט איז אין אַלגעמיין געווען אַ גענוג באַלעזענע און ערנסטע. מער־ווייניקער אין די יאָרן ביז 1930 האָבן זיי פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס אין די ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, ווען עס האָט זיך געקאָכט אין שטעטל אַרום די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

אין יענער צייט האָבן זיך געגרינדעט אין קאָוואַל צוויי ביבליאָטעקן: אַ ציוניסטישע, ביים „מכבי״ און אַ בונדישע. ביידע צוזאַמען האָבן פאַרמאָגט אַרום 3.500 בענד, סיי יידישע, סיי פּוילישע ביכער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז. מען האָט געשפּילט טעאַטער, איבערהויפּט אין דער „סטראַזשאַצקער רעמיזע״ (פייערלעשער בנין). עס זענען געשטעלט געוואָרן אַזעלכע פּיעסעס ווי: „כאַסיע די יתומה״, „דאָס חופּה־קלייד״, „דער דיבוק״, „דער וועג קיין בוענאָס־איירעס״, „די נבלה״, „דער דאָרפס־יונג״, „יאָשקע מוזיקאַנט״, „טוביה דער מילכיקער״ (אין דער הויפּט־ראָל יעקב ווייסליץ), „מאָטקע גנב״, „די שחיטה״, „קרייצער סאָנאַטע״. אַ חוץ ווייסליצן פלעגן קומען אַנדערע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן רעזשיסירט און פיל מאָל אויך געשפּילט. דאָס שטעטל האָט דאַן דורכגעלעבט אַ גרויסן קולטורעלן אויפשטייג, וועלכער האָט זיך שפּעטער איבערגעריסן, איבערגייענדיק אין אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין פּאָליטישן קאַמף, אין ספּאָרט־טעטיקייט, אין סתם וואַגאַבונדיזם... פיל אַנטוישטע אין ליבעס, און פאַרטייען, ווי בכלל אין פּאָליטיק פלעגן זיך טרעפן אין די 2—3 יידישע צוקערניעס, שפּילן דאָרט אין ביליאַרד, קאָרטן, געווײַלט זיך מיט אַ ביליקן ווייץ. אין די צוקערניעס, איבערהויפּט ביי דער „מומע רויזע״, זענען זיך צונויפגעקומען סתם ווילדע־יונגען. אין דער זעלבער צייט האָבן מאַמעס און טאַטעס שווער געקעמפט פאַר דעם שטיקל פּרנסה...

רעדנדיק וועגן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס,

קומט נאָך אויס צו דערמאָנען וועגן אַזאַ אינסטיטוציע ווי די גמילת־חסדים־קאַסע, וואָס האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע אין די וויכטיקסטע פראַגן, — אין די ענינים פון עקזיסטענץ. פון אַ קליין פּאָלקס־לוחל אויפן יאָר תרצ״ח־תרצ״ט, וואָס די אָרטיקע גמילת־חסדים־קאַסע, האָט אַרויסגעגעבן (דאָס לוחל איז מיר על פּי צופאַל אַריינגעפאַלן אין האַנט), דרינגט אַרויס, אַז די גמילת־חסדים־קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927. די צאָל אַרויסגעגעבענע הלוואות פאַר דער צייט ביז דעם ערשטן אַפּריל 1937 באַטרעפט — 1696 אויף אַ סומע פון 190 טויזנט זלאָטעס. דער פּאָזיטיוו פון דער קאַסע אויף דעם זעלבן ערשטן אַפּריל 1937 באַטרעפט —.15,595 זלאָטעס. באַשטאַנען איז דער פּאָזיטיוו פון: „דזשוינט״ —.6,374 זל., „צע.קאַ.בע״. —.1,500 זל. פּקדונות —.269 זל., גרונט־קאַפּיטאַל —.7,452 זל. די די צאָל מיטגלידער פון דער קאַסע באַטרעפט אין דער זעלבער צייט — 155.


כאָטש אין שטעטל איז, ווי אומעטום, געווען שטאַרק און שאַרף די פּאָליטישע דיפערענציאַציע, וואָס האָט זייער אָפט געטיילט איין משפחה אויף עטלעכע פּאַרטייען, האָבן זיך דאָך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייער געלאַסנקייט און פאַרשטאַנד באַוויזן צו עלימינירן אָט די וויכטיקע אינסטיטוציעס ווי ווייט מעגלעך פון פּאָליטישע רייבונגען.

דאגות פרנסה און אַויסזיכטלאָזיקייט, פּאָליטישער קאַמף, טרוי־מען וועגן אַ בעסערן לעבן און שרעק פאַרן מאָרגן; גאָט־גלויביקע פרומקייט און באַוווסטזיניקער דעמאָנסטראַטיווער אָדער האַלבער אַטעיזם, לוויות מיט געוויין און חתונות מיט פרייד, ליבע, גשוווי־רענע אויף „אייביק״ און „אייביקע״ אַנטוישונג, רעזיגנאַציע מצד די עלטערן און האָפערדיקייט ביי דער יוגנט, איינגעבויגענע זיידעס און באָבעס און קינדערלעך, וועלכע האָבן אַ ליאַדע טאָג גע־דאַרפט אַוועקגיין אויף אייגענע פיסלעך — אַ לעבן וואָס האָט פּול־סירט אין 1,800 יידישע נפשות — אָט אַזאַ, מער־ווייניקער, איז געווען דער יידישער ישוב ביז דעם טאָג ווען די נאַצישע האָרדעס זענען אַריין אין שטעטל.

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה פון יאָר ת״ש זענען די דייטשן אַריינגעקומען קיין קאָוואַל. אַן אומשולדיקע מעלדונג אין דריי שפּראַכן: אין דייטש, פּויליש, יידיש: נישט גיין אין גאַס מער ווי ביז 6 אַ זייגער, נישט אָנפאַלן אויף דייטשע סאָלדאַטן און אַ פּאַרזי־כערונג אַז קיין אונטערשיידן צווישן נאַציעס וועלן נישט געמאַכט ווערן. אויף דעם דריטן צי פערטן טאָג זענען צעראַבירט געוואָרן צוויי יידישע מאַנופאַקטור־געשעפטן און איין גאַלאַנטעריע־געוועלב. דייטשע אָפיצירן האָבן פאָטאָגראַפירט ווי אַזוי פּאָליאַקן ראַבירן ביי די יידישע שכנים. אָנגעהויבן האָט עס זיך אין אַלע דריי פאַלן אַזוי: אַ דייטש איז אַריינגעקומען אין יידישן געשעפט, געבעטן וויַיזן אים סחורה, ער וויל זיך עפּעס אָפּקלייבן, דערביי האָט ער גלייך פון כעס אָנגעהויבן שרייען אַז דער „יודע איז אַ שולער״ און אָנגע־הויבן אַרויסוואַרפן די סחורה פון געוועלב אין גאַס... יידן נעמען דאָס אָן פאַר אַ צופאַל...

דערווייל קומען אָן פאַראָרדענונגען, איינע נאָך דער אַנדערער: באַלייגן אַלע פּוילישע מיליטערישע זאַכן, אָנטון געלע לאַטעס, פאַר יידן שטרענג פאַרבאָטן פאַרזאַמלען זיך, שמועסן וועגן פּאָליטיק. איין „צופאַל״ קומט נאָך דעם צווייטן. אויפן 9טן טאָג האָט אַ „צו־פעליק״ דורכגעפאָרענע דורכן שטעטל ס.ס.־אָפּטיילונג דעמאָלירט ביי דרייסיק יידישע הייזער און געפאָרן ווייטער. ס׳קומט אָן אַ פאַרבאָט פון פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה, גלייך נאָך דעם — כאַפּונגען צו דער אַרבעט. אויף דער קהילה ווערט אַרויפגע־לייגט אַ קאָנטריבוציע, וואָס ס׳איז אוממעגלעך צונויפזאַמלען; די דייטשן טוען אַ „טובה״ און נעמען גאָלד, זילבער. פריש־געבאַקענע כלל־טוער מעלדן זיך פרייוויליק אין דער דייטשער פעלד־זשאַנדאַר־מעריע און שלאָגן פאַר צושטעלן די נויטיקע צאָל מענטשן צו דער אַרבעט. זיי ווערן גיך „גרופּן־פירער״. שטאָלצע פון זייער אויפטו, זענען זיי גלייכצייטיק שטרענג צו זייערע מיטברידער, ווייל עס גייט דאָך וועגן דער „טובה״ פון כלל! ס׳הויבן אָן צו דערשיינען „מאַכערס״, וועלכע קאָנען אויסקויפן פון אַרבעט. דאָס אַלץ געשעט בליץ־שנעל, אַזוי אַז דער גרעסטער טייל יידן אין שטעטל קאָן זיך אַפילו נישט אָריענטירן אין דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר. דאָס איז דער אָנהויב פון דעזאָריענטאַציע, וועלכע וועט געוויס הערשן צווישן די אומגליקלעכע קרבנות ביז צו די קרעמאַטאָריעס ממש.

לעת עתה וואַקסט די אָפּהענטיקייט. ס׳קומט אָן יום־כיפור. יידן ריזיקירן און זאַמלען זיך צונויף אין די הייזער צום דאַווענען. מיט דער הילף פון אָרטיקע פּאָלקס־דייטשן ווערן געמאַכט אָבלאַוועס. מיט די טליתים אויף די אַקסלען ווערן די געכאַפּטע ביים דאַווענען אַרויס־געפירט אויף קאָשטשעלנע גאַס, ווו זיי מוזן אַ גאַנצן טאָג אַרויס־רייסן די שטיינער פון ברוק.



הרב ר׳ יהודה לייב ווייגנאָט

דעם 25טן סעפּטעמבער 10 אַ זייגער אין דער פרי איז נפטר געוואָרן דער אָרטיקער רב ר׳ שמואל יהודה ווייגנאָט. ר׳ שמואל יהודה איז געווען אַ געבוירענער אין קאַליש אין יאָר 1856. דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז צו אים אין שטוב אַריינגעקומען אַ דייטשער זשאַנ־דאַרם און אַזאַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אַז עטלעכע שויבן זענען אַרויסגעפאַלן. דער רב, אַ קראַנקער, האָט זיך אויפגעזעצט און זיך געוואָנדן צו לעבן אים זיצנדיקן ראובן ווישעגראָדסקי: „הערסט ראובן, שוין עטלעכע מלחמות דורכגעלעבט און נאָך קיינמאָל האָט מען ביי מיר אין שטוב קיין שויבן נישט אויסגעהאַקט. זייער אַ מאָדנע מלחמה, אוי, גאָרנישט קיין גוטע מלחמה״... עטלעכע מינוט נאָך דעם איז דער רב נפטר געוואָרן. צו דער לוויה איז פאַרבאָטן געוואָרן צו גיין.*

---

* די פּרטים פון הרב ווייגנאָטס לעצטע שעהן ווערן אַנדערש דערציילט ביי א. ל. פּיעכאָטקאַ. זע ווייטער, ז׳ 767.

שווערע אַרבעט, אָנהויב פון הונגער, קלעפּ פון דייטשן, געלט־אויספּרעסונגען און דערצו וואָס אַ מאָל מער טראַגישע גלייכגילטיקייט — דאָס איז געווען דער מצב ביז דעם 11 דעצעמבער 1940. דעם טאָג, 10 אַ זייגער אין דער פרי, איז פאָרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די יידן, וועלכע האָבן באַוווינט דעם מאַרק־פּלאַץ, די גאַס קאַזימיעזשאַ ווויעלקיעגאָ און נאָך עטלעכע געסלעך. אויף צונויפקלייבן זיך איז געגעבן געוואָרן אַכט מינוט צייט! אין יעדער יידישער שטוב זענען אַ חוץ דייטשע זעלנער אויך אַריינגעקומען אָרטיקע פאָלקס־דייטשן, וועלכע האָבן גלייך אויפן אָרט געדאַרפט איבערנעמען די ווירטשאַפטן. די אַכט מינוטן זענען פאַר זיי געווען צו פיל און דעריבער האָבן זיי אויף אייגענער האַנט די צייט פאַרקירצט, כדי די יידן זאָלן נישט צופיל מיטנעמען מיט זיך, ווייל וואָס וועט זיי בלייבן ?..

פינף מעת־לעת אָן עסן, אָן וואַסער, אין פול־געפּאַקטע וואַגאָנען ביז מאַלקין. צו וואָס? ווער קאָן עס וויסן. אויף דער דאָזיקער סטאַציע האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן אַ טאָג און אַ נאַכט און אָנגעהויבן פירן אויף צוריק און דערפירט קיין שימאַנאָוו נעבן בלוינע. אויסגעמאַטערטע, קראַנקע, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ קישן, אָן עפּעס אַ טעפל, האָט מען נאָר געוואָלט איין זאַך — שטאַרבן! דער גרעסטער טרוים איז געווען אויסגיין אויף אַן אייגענעם געלעגער, אונטער אַן אייגענעם דאַך און מער נישט! צו ביסלעך האָט זיך אָבער אומגעקערט דער חשק צום לעבן. די „ברידער" פונעם שימאַנאָווער קלויסטער האָבן אַרויסגעוויזן פיל מיטלייד און דערביי נישט ווייניק געהאָלפן. שטרוי, געקאָכטע וואַסער, קוכעלעך און טעפּ צום קאָכן און צייטנווייז פּראָוויאַנט אויך. מען האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך קומען צו זיך. אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו פונאַנדערפאָרן, ווער צו משפחה, ווער צו באַקאַנטע און ווער סתם קיין בלוינע, זשיראַרדאָוו, גראָדזשיסק, וויסקאָטקי. מער־ווייניקער צום חודש האָט זיך שוין אין שימאַנאָווער „ווינטער־לאַגער" נישט געררויכערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די איינאָרדענונג אויף נייע ערטער, אָבער נישט אויף לאַנג.

אין אַ קנאַפּ יאָר אַרום האָבן זיך די אַלע, וועלכע זענען אין צווישנצייט נישט געשטאָרבן פון הונגער און אַנדערע סיבות, ווידער געטראָפן אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי אַרום איז די ערשטע אויסזידלונג פון קאָוואַל געווען דערביישטייער פון קאָוואַלער יידן צו דער גרויסער און טראַגישער עפּאָפּעע וואָס רופט זיך וואַרשעווער געטאָ...

אין קאָוואַל האָט זיך דערווייל דאָס לעבן „נאָרמאַליזירט" אויף אַזוי פיל, אַז מען האָט נאָך פון צייט צו צייט אַרויסגעשיקט אַ באַשיידן פּעקל שפּייז צו קרובים קיין וואַרשע. צום ביישפּיל, אויף מיין אָנפראַגע פון ראַטנפאַרבאַנד צו מיינע עלטערן, וועלכע זענען געבליבן אין קאָוואַל, צי כ׳זאָל אַרויסשיקן אַ שפּייז־פּעקל, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז כאָטש זיי דאַרפן, זאָל איך דאָס בעסער אַרויסשיקן דעם פעטער פרץ בוקס קיין וואַרשע.

דערווייל זענען אין קאָוואַל, מיט יידישע הענט, צעוואָרפן געוואָרן הילצערנע הייזער, אויסגעריסן געוואָרן די שטיינער פון מאַרק־פּלאַץ און אויף דעם אָרט פאַרזייט גראָז, ברוקירט גאַסן און שאַסייען, באַאַרבעט געוואָרן פעלדער און געשניטן וואַלד. אַפילו די הייליקע פיגורן פון ראָך, יוזעף און „מאַטקאַ באָסקאַ" האָבן אויך די יידן געהאַט דעם כבוד צו פאַרניכטן... אויך צו די יידישע „כלל־טוער", „גרופּע־פירער" האָט מען זיך שוין אין שטעטל צוגעוווינט. מען זאָגט אַז אַ מכה, אויב זי נעכטיקט איבער אין שטוב, ווערט זי אַ היימישע. די יודנראַטלער זענען שוין טאַקע געווען אַן אַלטע מכה און שוין לאַנג אַ היימישע...

, דעם 23טן יוני 1941 איז פאָרגעקומען די צווייטע אויסזידלונג. עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע מענער אין עלטער פון 14 ביז 65 יאָר מוזן זיך שטעלן אויף אַ קאָמיסיע אין דער אָרטיקער „שקאָלע". דעם זעלבן טאָג זענען אַרום 350 מענער פאַרטריבן געוואָרן קיין וולאָצלאַוועק. אין די געוועזענע קאָשאַרן אויף טאָרובסקע גאַס זענען די קאָוואַלער יידן פאַראייניקט געוואָרן מיט יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. אין אַ טאָג אַרום האָט אַ לאַנגער פּאַסאַזשיר־צוג אַוועקגעפירט זיי קיין פּויזן. די באַציונג איז געווען אַ העפלעכע. אויפן פּויזנער וואָקזאַל האָבן הילכערס מודיע געווען אַז יידן זענען פרייוויליק געקומען אַרבעטן... דער טראַנספּאָרט איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע יידישע אַרבעטס־לאַגערן: 1) שטיינעק, 2) אייכענוואַלד, 3) גוטענבלום, 4) סטאַדיאָן, 5) פּאָרט ראַדזשוויל. די „פרייוויליקע" אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן גלייך אויף פאַרשידענע א"ג בוי־שטעלן. צווישן אַנדערע איז מיט יידישן שווייס און בלוט אויסגעבויט געוואָרן דער פּאַרק גאַלערטשין—גאַלענאַ. קומענדיק אַהער, האָבן די יידן געטראָפן אַ גרויסן זאַמד־באַרג, באַגנעס, טאָרף־גרובנס און אַן אָרעם טייכל „באָגדאַנקאַ". דאָס דאָזיקע טייכשוועל איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ באַסיין און די גאַנצע געגנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרוכטבאַרן, לעבעדיקן אָרט. דערפאַר אָבער ווען די „פרייוויליקע" זענען פאַרנאַכט געגאַנגען „אַ היים", האָבן זיי אויף זיך געשלעפּט קראַנקע און טויטע. ווינטערצייט איז געווען גרינגער, ווייל מען האָט געהאַט שליטעלעך. אויף וויפל ס׳איז באַוווסט זענען פון הונגער און טיפוס אין דעם לאַגער „שטיינעק" געשטאָרבן 34 קאָוואַלער יידן, אין „פּאָרט ראַדזשיוויל" — 15. אויפגעהאָנגען פאַר ווידערשטאַנד — פיר, געשאָסן — צוויי!

אין גאַנצן צוויי חדשים נאָכן אָנקומען קיין פּויזן, האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין די ערשטע „רוק־טראַנספּאָרטן". כאָטש אין אָנהויב איז נישט באַוווסט געווען וווּ אַהין די טראַנספּאָרטן גייען, האָט מען דאָך געפילט, אַז קיין גוטס מיינט עס נישט. ס׳זענען אַפילו אָנגעקומען ידיעות אַז מען פאַרברענט זיי, אָבער ס׳האָט זיך נישט געוואָלט דערין גלויבן.

צוזאַמען מיט דער פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן די גלייכגילטיקייט — ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען פרייוויליק אַוועק אין די „רוק־טראַנספּאָרטן", כאָטש זיי האָבן געוווּסט וואָס עס דערוואַרט זיי.

דער קאָוואַלער ייד ראובן ווישעגראָדסקי, וועלכער איז געשטאָרבן עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייונג, האָט אין לאַגער „שטיינעק" געשריבן אַ יזכור־בוך, אין וועלכן ער האָט שוין געהאַט פאַרשריבן עטלעכע טויזנט נעמען, אָן אונטערשיד פון וועלכע שטעט און שטעטלעך די קדושים זענען געווען. ווען דאָס יזכור־בוך, וועלכע ער האָט געשריבן מיט אַזויפיל מסירות־נפש איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם פּוילישן לאַגער־פירער ראַטאַיטשיק, איז עס גלייך אויפן אָרט פאַרברענט געוואָרן.

ס׳איז געקומען די צייט, ווען פּויזן האָט געדאַרפט ווערן „יודן־ריין". דעם 28טן אויגוסט 1943 איז פון פּויזן אַוועק דער לעצטער „רוק־טראַנספּאָרט". דער וועג האָט געפירט קיין אָשוויענטשים, פּונקט ווי אַלע פריערדיקע טראַנספּאָרטן. אין דעם טראַנספּאָרט האָבן זיך געפונען אומגעפער 60 קאָוואַלער. לויט אַ ספּעציעלן באַפעל איז דער פּויזנער טראַנספּאָרט אַריינגעפירט געוואָרן אין קוואַראַנטאַנע, אין דער צייט ווען אַנדערע טראַנספּאָרטן זענען גלייך פון די באַן־

רעלסן, נאָך אַ סעלעקציע, אַוועק אין די אויוונס. זיי זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ אַרום דעם 3טן סעפּטעמבער. אין דער זעלבער צייט איז אַ טראַנספּאָרט פון סאָסנאָוויצער געטאָ גלייך פון די וואַגאָנעס אַוועק מיטן רויך. דער פּויזנער טראַנספּאָרט איז אויך סעלעקציאָנירט געוואָרן. די מענטשן, וועלכע זענען אָפּגעטיילט געוואָרן צו די קרעמאַטאָריומס, האָט מען בפירוש געזאָגט, אַז זיי וועלן פאַרברענט ווערן, באָר אַזוי ווי זיי האָבן גוט געאַרבעט אין פּויזן, וועט מען זיי נישט זשאַלעווען קיין גאַז, כדי זיי זאָלן זיך נישט איבערוועקן אין די אויוונס... דאָס אַלץ איז געשען אין די אויגן פון די איבעריקע, וועלכע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אַרבעטן אין די קוילן־גרובנס פון יאַוואָזשנע. איינער פון קאָוואַל, וועלכער איז אַוועק אין די אויוונס, האָט אָפּגעגעבן די ברויט־פּאָרציע זיין ברודער, וועלכן מען האָט אַוועקגעשיקט קיין יאַוואָזשנע, ווינטשנדיק אים, ער זאָל דאָס ברויט געזונטערהייט אויפעסן... צווישן די, וועלכע זענען אַוועק אין די קוילן־גרובנס זענען געווען אַכצן קאָוואַלער, פון וועלכע דער גרעסטער טייל האָט איבערגעלעבט.

דאַמאָלט, ווען אין וואַרשע זענען קאָוואַלער יידן געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס, ווען אין פּויזן זענען אַוועק די ערשטע „רוק־טראַנספּאָרטן" קיין אָשוויענטשים, מער ווייניקער אין דער ערשטער העלפט אָקטאָבער 1941, נאָך צוויי יאָר דייטשער הערשאַפט, איז פאָרגעקומען די דריטע און לעצטע אויסזידלונג פון קאָוואַל. פאָלקסדייטשן מיט ליסטעס אין די הענט זענען אַריינגעקומען אין די יידישע שטובן, אויסגעלייענט די צאָל נפשות, וועלכע דאַרף זיך דאָ געפינען און געגעבן צען מינוט צייט אויף צונויפקלייבן זיך. ביז אַרום פיר הונדערט פרויען, קינדער, דערין אויך עטלעכע זקנים, זענען צנויפגעטריבן געוואָרן אין דער אָרטיקער קירך, וווּ מען האָט זיי געהאַלטן אַרום צען טעג. ס׳זענען געווען איינצלנע פאַלן, ווען איינער פון די אַמאָליקע פוילישע שכנים און סתם באַקאַנטע האָט זיך אַנטוואַגט און געבראַכט אַ שטיקל ברויט פאַר די אומגליקלעכע. ס׳איז שווער פעסטצושטעלן אויף וויפל די גרעסטע מערהייט שטעטלדיקע פוילישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון זייערע מיטבירגער, דערפאַר אָבער איז גרויס געווען ביי זיי דער גרימצאָרן צוליב דער „שענדונג" פון דער אַלטערטימלעכער פאַראַפיאַלער קירך... אַ לאַנגער צוג, געשלעפּט דורך צוויי לאָקאָמאָטיוון. האָט אַוועקגעפירט די לעצטע יידן פון קאָוואַל, צוזאַמען מיט די יידן פון וולאָצלאַוועק, לובראַניעץ, כאָדעטש און אַנדערע שטעטלעך קיין לאָדזש, אין לאָדזשער געטאָ.

דער ערשטער איינדרוק אין לאָדזש איז געווען אַ „גוטער". עפּעס אַ נייע וועלט — אייגענע יידישע פּאָליציי! אין די צעבראָכענע הערצער פון די זקנים און פרויען, אין די צעשראָקענע אויגן פון קינדער האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אַ שטראַל פון האָפענונג. דער טראַנספּאָרט איז אונטער עסקאָרט פון געטאָ־פּאָליציי אַוועקגעפירט געוואָרן קיין מאַרישין. אין דירות האָט מען דערווייל נישט איינגעאָרדנט, אָבער דער עולם איז צופרידן געווען פון די בלאָקן, ווייל דאָ האָט מען באַקומען עסן. די „גוטסקייט" אָבער האָט נישט לאַנג געדויערט. עס איז געקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע קליינע קינדער מוז מען שטעלן פּאָקן. דער ווייט גרעסטער טייל קינדער איז פון די „פּאָקן" געשטאָרבן... ווער עס האָט געהאַט באַקאַנטע אין לאָדזש איז איבערגעגאַנגען צו זיי אויף איינאָרדענען זיך.

אין דער צייט זענען אין לאָדזשער געטאָ פאָרגעקומען פּעריאָדישע אויסזידלונגען. האָבנדיק פאַרטיקן מענטשן־מאַטעריאַל אין די בלאָקן פון מאַרישין, האָבן די געטאָ־באַלעבאַטים נישט געדאַרפט זיך שטאַרק מטריח זיין ביים שאַפן טראַנספּאָרטן, מען איז פּשוט אַוועק און די באַראַקן און גענומען „איינאָרדענען" די אומגליקלעכע פרויען. דער גרעסטער טייל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער קיין כעלמנאָ, נישט ווייט פון קאָלאָ. צווישן די צוויי יידן, וועלכע האָבן זיך על פי נס געראַטעוועט פון דעם אומקום־לאַגער געפינט זיך דער וולאָצלאַווקער — מרדכי זשוראַווסקי. עטלעכע יונגע מיידלעך פון דעם לאָדזשער טראַנספּאָרט זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּויזן. זייער וועג צום טויט האָט נאָך דערווייל געפירט דורך שווערער אַרבעט. עס האָבן זיי דאָרטן געזען, כאָטש פון ווייטנס, עטלעכע קאָוואַלער יידן פון לאַגער „שטיינעק". אין לאָדזשער געטאָ איז דער טויט געקומען פון הונגער און טיפוס. כאָטש מען האָט זיי באַגראָבן אויפן לאָדזשער בית־עולם, איז דאָך אוממעגלעך צו געפינען זייערע קברים. גאָר אַ קליינער טייל איז אָנגעקומען פון לאָדזש קיין אוישוויץ אין אויגוסט 1944 יאָר. עטלעכע מיידלעך זענען געבליבן לעבן.

נאָך דער דריטער און לעצטער אויסזידלונג, ווען די לעצטע יידן זענען געטריבן געוואָרן דורך די גאַסן פון קאָוואַל צו דער באַנסטאַציע אין טשערניעוויצע, האָבן די דייטשן „רחמנות" באַקומען אויף דריי יידישע זקנות, וועלכע האָבן אַפילו נישט געקענט זיך נאָכשלעפּן און אַרויסגענומען זיי זייער העפלעך פון דער ריי. דאָס זענען געווען: אסתר־שרה פּיעכאָטקאַ, מאַטל קליינבוים און מחלה סענאַטאָר — אַלע מער־ווייניקער אין עלטער פון 70 יאָר. די אומגליקלעכע פרויען זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ צימער אָן עסן און וואַסער. נאָך עטלעכע טעג זענען זיי אַראָפּ פון זינען. פון צימער האָבן זיך געהערט געשרייען פון פאַרצווייפלונג און וואַנזין. די דייטשן האָבן זיך צוגעהערט און געהאַט גרויס הנאה פון „קלוגן איינפאַל". וועלכע פון זיי איז די ערשטע געשטאָרבן, ווי אַזוי האָט זיך דער טויט אָפּגעשפּילט אין די וואַנזיניקע אויגן פון די איבעריקע. ווער קען עס וויסן?! נאָך פינף אָדער זעקס טעג איז געקומען אַ באַפעל צו באַגראָבן. דער באַפעל איז אויך געווען מיט „פאַנטאַזיע", ווייל די פאַרפייניקטע זקנות זענען באַגראָבן געוואָרן אין איין קבר און דערצו נאָך מיט בעטגעוואַנט, כדי עס זאָל זיי נאָכן טויט זיין וואַרעם...

אין איינער אַ פינצטערער נאַכט האָט נאָך דעם ווי ס׳זענען



יידן רייסן אַרויס אויפן באַפעל פון די נאַציס די שטיינער פון ברוק אויפן מאַרקפּלאַץ.
בפקודת הנאצים עוקרים היהודים את האבנים מרחבת השוק.

באַגראָבן געוואָרן די אומגליקלעכע אַלטיטשקע, האָבן זיך דורך פעלדער, אין אַ זייט נעבן שאָסיי, פון דער באַן־סטאַציע אין טשערניעוויצע געשלייכט צום שטעטל צוויי יונגע יידן. דאָס זענען געווען אַברהם פיעכאָטקאַ און שלמה פיעפשינסקי. דער ערשטער וווינט היינט אין מדינת ישראל, דער צווייטער אין ניו־יאָרק. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ראָסטאָוו ביי דאָן, ווו דיביידע בחורים זענען אַנטלאָפן נאָך אין יאָר 1939, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָנצוגעבן אַלס פאָליאַקן און מעלדן זיך אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. נישט געקוקט אויף דער געפערלעכקייט פון אַזאַ שריט, האָבן זיי דאָך באַשלאָסן אויפן וועג אָפּטרעטן אין קאָוואַל, געוואָר צו ווערן וואָס עס הערט זיך. אָנקלאַפּנדיק ביי נאַכט אין אַ הייזל נעבן שאָסיי צו אַ באַקאַנטן פאָליאַק, האָבן זיי זיך טאַקע דערוווסט וועגן אַלעם און געמוזט גלייך אַנטלויפן...

נאָך צוויי יונגע יידן האָבן בעת דער היטלער־ממשלה געפרווט דערנענטערן זיך צו דעם „יידן־ריינעם" שטעטל. אַנטלויפנדיק אָנהויב 1942 פון וואַרשעווער געטאָ, זענען זיי ערשט אין דאָרף קלאָטנע, ביי אַ באַקאַנטן פויער מאַטושאַק געוואָר געוואָרן וואָס עס איז געשען מיט די יידן פון קאָוואַל. עס איז זיי אָבער נישט געלונגען אַרויסצוקריגן זיך פונעם דאָזיקן דאָרף. ווען זיי זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, האָבן זיי געמוזט אַליין אַרויסגראָבן פאַר זיך אַ גרוב און זענען אין אים דערשאָסן געוואָרן. נאָך דער באַפרייונג איז פאָרגעקומען, מיט דער הילף און אונטערשטיצונג פון דער פוילישער מאַכט, אַן עקסהומאַציע פון די צוויי קדושים. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דאָס זענען געווען יהושע טרעמבסקי און יוסף לובינסקי.

שעה נאָך אַ שעה, יאָר נאָך אַ יאָר איז אָנגעגאַנגען דער שוידערלעכער פאַרניכטונגס־פּראָצעס פון די קאָוואַלער יידן — אַ טייל פון דער דריי־מיליאָניקער קדושים־מאַסע. אין געטאָ פון וואַרשע, אין די אַרבעטס־לאַגערן פון פויזן, אין לאָדזשער געטאָ, אין די קוילן־גרובנס פון יאַוואָזשנע אין די גאַז־קאַמערן פון אָשוויענטשים, אויף די קרעמאַטאָריע־רושטן פון כעלמנאָ, — און ווער ווייס ווי נאָך — האָבן זיי, געהייליקטע אין ליידן, אָפּגעגעבן זייערע נשמות.

מקורות

אין מיין אַרבעט האָב איך זיך באַנוצט מיט נישט קיין שטאַרק באַוווסטער געשיכטע פון קאָוואַל, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1921 דורכן גלח אַלפאָנס יענדזשעיעווסקי, אַ קאַפּיטאַן פון פוילישן מיליטער. די בראָשור איז, אגב, פול מיט יידן־פיינדלעכע עפּיטעטן. באַקומען האָב איך דאָס ביכל אין דער קאָוואַלער פּאַראַפיאַלער קירך. איך וועל פּרוּוון ווי ווייט מעגלעך אויפקלערן די עטלעכע דאַטעס און פאַקטן, וועלכע איך האָב אָנגעמערקט אין אָנהויב פון מיין אַרבעט.

וועגן דער געבורט פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן אין קאָוואַל (1310) שטיצט זיך, מסתמא, דער מחבר אויף דער כראָניק פון יאַן דלוגאָש. די פּריווילעגיע און הויפּטזעכלעך דאָס רשות פון רעגירן לויטן כעלמער רעכט rządzenie się prawem chełmskim האָט די אָרטשאַפט קאָוואַל באַקומען פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן — מאָנטיק, אַ טאָג פאַר דעם הייליקן טאָמאַש, אַפּריל יאָר 1519. מיט דער פּריווילעגיע הויבט זיך אָן די פאַרצווייגטע האַנדלס־טעטיקייט אין קאָוואַל. פון דער דאַטע אָן, אָדער אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, זוכן די שפּורן פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין שטאָט.

וועגן דעם אַז קאָוואַל איז בעת דער שוועדישער אינוואַזיע פאַרניכטעט געוואָרן דערמאָנט סיי די א"ד געשיכטע פון קאָוואַל, ווי אויך אַנדערע, איבערהויפּט קירכלעכע דאָקומענטן אין דער קאָוואַלער פּאַראַפיע. אויב עס גייט וועגן די ווייטערדיקע דאַטעס, וויל איך ציטירן פון דער בראָשור פון גלח יענדזשעיעווסקי:

Po wojnach ze Szwedami miasto Kowal już więcej nie mogło się rozwijać, gdyż starostowie przywłaszczyli sobie prerogatywy nad miastem i dopuszczali się różnych nadużyć. Żydzi również wciskać się zaczęli do miasta a stąd i pomagać do upadku. W dokumencie z r. 1659 czytamy: "Żydzi po wycięciu ich przez wojska koronne podczas inkursji przeszłej, dopiero się w tym mieście sadowią, ponieważ prawa nie pokazali i żadnego nie mają, tedy żadnych przeszkód mieszczanom we wszystkich handlach i szynkach czynić nie powinni i owszem zarówno z mieszczanami omnes et quasis contributiones publicas et privatas ponosić powinni będą. Żydzi w Kowalu zamieszkali dopuszczali się różnych nadużyć, tak że w roku 1713 August II zabronił Żydom handlu trunkami, a w roku 1777 cech piekarski utrudnił Żydom wypiekać i sprzedawać chleb. Żydzi jednak opanowali handel w Kowalu.

אריה ליב פיחוטקה / תל־אביב

קובאל ד'קוי'

דרומה לוולוצלבק נמשך כביש ישר ובמצב טוב לעיירה קובאל דקוי', שהיו רחוקות זו מזו כ־15 ק"מ. הדרך הובילה בין יערות ושדות פוריים, שהעידו על עשרה הטבעי של הסביבה והקסימו ביופיים. כבר מרחוק, בהתקרבך לעיירה, אפשר היה לראות את הבתים הקטנים, המוקפים גינות פרחים, את השדות המעובדים המשתרעים מאחוריהם ומעל לכל מתנוסס מגדל הכנסיה. העיירה היתה קטנה, עם שוק מרובע מוקף בתים. לפי האגדה היתה העיירה עתיקת־יומין, המלך קזימיר הגדול נולד בה, הקים בה טירה שבה היה מבלה מזמן לזמן. גם הישוב היהודי, בעיירה זו, קדם לפי הסיפורים לישוב היהודים בוולוצלבק. כבר בתחילת המאה הי"ט התנהלו בעיירה חיים יהודיים ערים מאד. היה בה בית־כנסת שבערך בשנת 12—1910 נעשה בו בדק בית יסודי הודות לתרומתו של נדבן העיירה דאז, דודי ר' יעקב פיחוטקה. בית הכנסת עמד על תלו לתפארת ונשרף בדליקה הגדולה, שפקדה את קובאל בשנת 1921. היה פה בית מדרש ישן, ובית מדרש חדש, שנקרא בית המדרש הגדול, שבו לא פסק לימוד התורה משעות הבוקר המוקדמות ביותר עד השעות הקטנות של הלילה. היה „שטיבל" של חסידים, היתה „הכנסת אורחים" עם כמה עשרות מיטות, היה בית מטבחיים גדול וקטן, ובמוסדות אלו התנהלו חיים יהודיים ערים. הרב והגבאים היו אז המושלים בכיפה, אבל, במרוצת השנים, ירדה השפעתם והחיים בעיר לבשו גון אחר.

התמורות בחיי יהדות פולין כולה, לא פסחו גם על קובאל כך שבשנים האחרונות, היא היתה עיירה ציונית בעיקרה. ציונים סיעה א', ו־ב', צעירי־ציון, פועלי ציון, השומר הצעיר, חלוצים,

מזרחי. מובן שמפלגות אחרות כה„אגודה", ו„בונד", גם הן היו בעיירה, אבל רישומן היה ניכר פחות, למרות שגם הן ניהלו פעולה מפלגתית תוססת למדי.

בימי ילדותי חיו בקובאל כאלף יהודים (המספר אינו מדויק) — עשירים ותלמידי־חכמים ולעומתם עניים ומרי נפש, גם בורים, ומובן שגם השטאָטס־נאר (שוטה העיר) לא חסר. את עניני הקהילה ניהל קומץ יהודים עשירים, כפי שהיה מקובל אז (למי המאה לו הדעה...), ביד רמה. לזכותם של אותם הגבאים (כגון ר' חיים מלינובסקי ר' יענקל אופנבך ואחרים יש לאמור שהם עסקו בצרכי ציבור באמונה שלא על מנת לקבל פרס. הקימו חברות, כגון ביקור־חולים, הכנסת כלה, חברת תהילים, גמילת חסדים וכך עזרו ליהודי הדל שבעיירה להחזיק מעמד. גאוות העיירה היו רבניה, שהיו יהודים גדולים בתורה ותלמידי חכמים.

ברצוני להזכיר את הרב האהרון ר' שמואל יהודה־ליב ויינגוט ז"ל (שהרב הראשי מצפת ר' יששכר ויינגוט ז"ל היה בנו), יהודי פקח, ירא שמים מחמיר, ויחד עם זה מאיר פנים לזולת, בעל מידות והדרת פנים, מכובד אפילו בין הגויים שבעיירה. כאמור היה קפדן גדול, התנגד לציונות, אבל בשנים האחרונות כשהרעיון הציוני כבש את לבותיהם של רוב היהודים בעיירה, רפתה קצת התנגדותו לציונות. עד יומו האחרון שמר על צביונה הדתי של קהלתו הקדושה ויומו האחרון לא אחר לבוא. היה זה אחרי פלישתם של הנאצים. ביום אחד נודע לו, שהגרמנים עומדים להפוך את בית המדרש הגדול לנגריה, והוא אז מתפלל שחרית בחדרו הסמוך. עטוף טלית ותפילין נכנס במרוצה לבית המדרש ושנכח שהורסים את המקום הקדוש האהוב עליו, כרע ונפל מת במקום. כך סיים חייו איש קדוש במקום קדוש *.


החזן שהעיירה נתברכה בו בשני דורות האחרונים היה ר' וולף בענדזעל. איש יודע ספר, פיקח, ישר וקפדן. קומתו הזקופה וזקנו הרחב שיוו לו דמות של יהודי גאה וכזה גם היה. בתור חזן היה בין הטובים שבזמנו בפולין. כל הלחנים, ששר עם מקהלתו, היו פרי יצירתו הוא. כשהתחיל בראש השנה את „הנני העני ממעש", או אחר־כך את „הבן יקיר לי", לא נשאר איש או אשה שלא הזילו דמעה, ואיך התמוגגו מנחת בשמעם כשהוא מסלסל בחן ובמתיקות את ה„ארשת שפתינו", או איזה „קדושה", ביחד עם המקהלה. כמה ערבים לאוזן היהודי היו הניגונים שלו, והוא כל כך ידע לקלוע ל„פינטעלע ייד", שבכל אחד מאתנו. כל העיר חבבה אותו מאד וחבל שיצירותיו לא נאספו לקובץ. (בנו יוסף יצחק בענדזעל, חי בארץ).

השוחט, ר' מענדלי, היה יהודי טיפוסי — שוחט יהודי בעיירה, איש תמים וישר, שקבל הכל באהבה, למדן גדול ואדוק מאד. לא התערב בחיי העיירה, ופרנסתו היתה מצומצמת מאד.

עם קום הסיעות והמפלגות התחיל המאבק, תחילה בין „המתנגדים" והחסידים למיניהם ואחר כך בין אלה ובין המזרחי והציונים, עד שלבסוף ניצחו האחרונים והם שניהלו את עניני הקהילה. נעשה חסד, ונעלה כאן כמה שמות של הפעילים בשנים האחרונות לקיום הקהילה כפי שאני זוכר אותם.

ר' יצחק יעקב ביז'ינסקי, ר' איטשע מנדל שימשה (חותנו של הרב כתריאל טכורש ואביה של הרבנית חנה), ר' יצחק קובלסקי, ר' משה אברהם שליוויצקי, ר' אנשל דוד טכורש (אחיו של הרב כתריאל טכורש), ר' יעקב איצקוביץ, ר' סנדר זריל, ור' הרש מאנס.

היו אלה אנשים נכבדים ונבונים, שניהלו את הקהילה בצורה יותר מודרנית מאשר קודמיהם. נזכיר גם אנשים מכובדים אחרים, תלמידי חכמים, ישרים ונדבנים, שעסקו בעניני צבור והם: ר' יצחק פוזנר, ר' חיים ליב פוזנר, ר' יואל אלטר (נכדו של הרבי מגור) ר' ליב אלכסנדר (ליב פעלטשער) ר' קופל ראַכוואַל, ר' בנימין־נפתלי קירשנבוים, ר' ישכר וינגוט, ר' יעקב לנציצקי, ר' אברהם דובז'ינסקי, ר' צדוק ראדז'ייבסקי, ר' ראובן ווישוגרודזקי, ר' אנשל דוד טכורש, ר' אברהם שפירא, ר' בער ליב פיחוטקה, ר' דוד רדומסקי, ר' מנחם שורצמן, ר' שטיינקה, ר' שמעון שימשה. ר' מרדכי ור' והעניך טשארני, ר' הניך צביק, אשר קוצינסקי, רפאל קרישק, גלוגובסקי, פלושק, חודצקי, יעקובוביץ, חיים מלינובסקי ובנו הירש יצחק מלינובסקי ר' יצחק קובלסקי ר' יענקל אופנבך, ר' אברהם יצחק פוזננסקי, ר' קופל חיימוביץ, ר' אליעזר אייבשיץ, ודודי — ר' יעקב פיחוטקה ור' זלמן פיחוטקה והצעיר במשפחה זו אבי הנערץ ר' מרדכי פיחוטקה, דודי — האחים ר' אברהם וסנדר זריל, ר' אברהם מושקוביץ דיין העיר, בנו של ר' יוסף מושקוביץ, יהודי יודע ספר וירא שמים, ששני בניו הגרו בשעתם לדרום אפריקה ועשו חיל רב ואחרים שאיני זוכר כבר שמותיהם ואתם הסליחה. אלה היו השמנה והסלתה של העיירה. הם נתנו צדקה בגלוי ובסתר, הם שבנו את בית הכנסת (דודי ואבי ר' יעקב ומרדכי פיחוטקה), הם שתרמו את החלקה עבור בית הקברות (דודי ר' יעקב פיחוטקה ובנו ר' ליב וחותניו: ר' דוד רדומסקי ומנחם שורצמן). אחרים תרמו את הגדר מסביב לבית הקברות, ועוד אחרים הקימו את בית המדרש הגדול, וכולם ביחד החזיקו בתרומותיהם את המוסדות הסוציאליים, כגון הכנסת־אורחים, גמילת־חסד, ביקור־חולים וכדומה, וכך התנהלו העניינים בעיירה בשקט ובלי זעזועים ניכרים, והיהודים חיו בה חיים יהודיים מלאים.



ר' שלמה זלמן פיחוטקה, שו"ב

כבר בשנים הראשונות שלאחרי מלחמת העולם הראשונה התחילו נושבות רוחות מודרניים, והנוער התחיל להתארגן במפלגות ותנועות — צעירי ציון, פועלי ציון וגם „בונד" ובמחתרת גם קומוניסטים. שתי המפלגות האחרונות היו קטנות בעיר ועיקר השפעתם היתה רק בין בעלי המלאכות, כגון חייטים וסנדלרים. הצעירים ביניהם, שבמרוצת שנים התארגנו יפה ופעלו רבות, ארגנו

* תיאור שונה על פטירתו של הרב ויינגוט ז"ל מביא זלמן גוסטינסקי (ר' לעיל ע' 760).

כל מיני אסיפות וערבי קריאה וכדומה ובעיקר התעוררו לפעולה בזמן בחירות.

אבל הרוב של הנוער היה קשור בלב ובנפש לכל הזרמים הציוניים ששלטו אז ברחוב היהודי שלטון מלא. נוסדה ספריה ציונית, שבה השתתפו כל הארגונים הציוניים, ליד הספריה היה גם חוג לדרמה, שהשתתפו בו טובי הנוער והצגותיו, גם מחוץ לעיירה, עברו תמיד בהצלחה רבה.

היו בעיירה אז צעירי־ציון ופועלי־ציון וביזמתה של בטה וולדמן מולוצלבק, שבאה כמה פעמים לביקור אלינו, הוקם בעזרת כותב השורות האלה סניף של השומר הצעיר, שגדל לתפארת ורבים מחניכיו עלו אחרי ההכשרה לישראל, כגון: יוסף יצחק בענדזעל, היה פעיל מאד בארגון, דוד ביזינסקי ואחרים.

קצת מאוחר יותר יסדנו כמה חברים בעזרתם הפעילה של אינג׳ שטולצמן, פרופ. גייאר ופרופ. גרובמן שבאו במיוחד לקובאל לצורך זה, את אגודת הספורט „מכבי". כעבור זמן היה ה„מכבי" רב משתתפים ורב השפעה, ומנה כמאתיים חברים, שהרוח החיה בו היה הוועד, מורכב מלייזר לנציצקי, מיכאל שפרקה, לייב שליבוצקי, יעקוביביץ, אברהם חיימוביץ, סונטלבסקי, פיפשינסקי, רדומסקי, אריה שוורצמן, מאיר פיחוטקה, אני הקטן ועוד אחרים שאיני זוכר כבר את שמותיהם. האגודה פרחה לתפארת, היתה גאוות היהודים ותשובה נאה לארגוני הספורט הפולניים שבעיירה, כגון „סוקול" ו„סטשלץ". הפולנים פערו פה, כשה„מכבי" צעד ברחובות העיר, בסדר מופתי, במדים וכובעים. כאשר רכשנו כעבור זמן מה כלי נגינה והתזמורת, בראשותו של המנגן המצוין משה גונשרובסקי, צעדה בראש כל מצעד, רבה היתה ההתרגשות בין יהודי המקום.



הועד של „מכבי" בשנת 1934 — דער „מכבי"־קאָמיטעט אין יאָר 1934
מימין יושבים — פון רעכטס זיצן: סוכצ׳בסקי, אברהם יעקובוביץ, מיכאל שפרקה, מאיר פיחוטקה.
עומדים — שטייען: יצחק רדומסקי, משה גונשרובסקי, אריה ל. פיחוטקה, פייביש פיפשינסקי, יוסף בנדזל, שמואל רדומסקי.

הארגון האחרון שנוסד בעיירה היה ארגון „חלוץ בעלי־מלאכה" שקם אז בפולין. הרעיון של התארגנות בעלי המלאכות ועלייתם לישראל בא מיהודי יקר בכל המובנים מר אברהם כץ (שחי כיום אתנו בישראל) חבר של הועד המרכזי שבראשותו של מר יצחק גרינבוים בוורשה. גם הארגון הזה, אחרי הועידה הראשונה בוורשה בשנת 1935, בה השתתפתי, התרחב מאד וכמעט כל בעלי־המלאכה שבעיירה הצטרפו אליו.

הימים הראשונים אחרי פלישת הנאצים לעיירה היו שקטים יחסית, ואיש לא ידע מה צפוי לו. היה זה ביום השני של ראש השנה כשהגרמנים נכנסו לעיירה, יומיים לפני כניסתם הם הפגיזו את העיירה, אבל לא פגעו הרבה בבתיה כי עיניהם היו למטרות בסביבת העיירה. עם הכנס הגרמנים לעיירה, רק אז הבינו היהודים מה התרחש והפחד השתלט עליהם. הם סגרו חנויותיהם ופחדו לעזוב את בתיהם. אז הוצא כרוז מטעם המושל הצבאי, שבו נאמר שהמלחמה נגמרה, ועל היהודים לפתוח חנויותיהם כתמול שלשום. הוקם יודנראט ראשון, שבו השתתפו יששכר וינגוט, יעקב איצקוביץ, לייבוש הרץ ועוד. תפקידו היה לדאוג לפלוגות עבודה, שנשלחו למרחק רב מהעיירה ועסקו בכל מיני עבודות בלתי פרודוקטיביות. כעבור זמן החליפו הגרמנים את אנשי היודנראט, ונכנסו בו מרדכי בענדזעל, אברהם יעקב מלינובסקי, הירש טשארנה ועוד. הם פעלו וסדרו הכל מה שהגרמנים דרשו. כעבור חודשיים התחילו הגירושים. הראשונים גורשו אלה שגרו בככר השוק, הם נשלחו לעיירה שליד וורשה — שימנוב. מכאן עברו רבים לוורשה, ושם מצאו את המות, לפני או בעת המרד בגיטו. הנשארים בעיירה המשיכו לעבוד בעבודת כפיה, עד שבשנת 1941 בעת הגירוש השני, נשלחו כל יתר היהודים (חוץ מכמה זקנות וילדים) לפוזנן ושם סדרו אותם במחנות מחוץ לעיר. את הנותרים בקובאל, נשים וילדים, הכניסו לכנסיה המקומית, שם בילו כמה ימים ומשם שלחום לגיטו לודז׳. שלש נשים זקנות וביניהם אמי היקרה אסתר שרה פיחוטקה השאירו והכניסו אותם לחדר בביתו של אברהם חיימוביץ, סגרו את הדלתות על בריח ומסמרים, ונתנו להן לגווע ברעב.

האחים יעקובטשאק ליב ואברהם־דוד, היו הראשונים שחזרו בשנת 1945 לעיירה, ובמשך זמן קצר חזרו עוד פוזננסקי מרדכי, נוימן בנימין, קולסקי מאיר, וולף זקשבסקי, לבקוביץ שלמה, אברהם פיחוטקה, והאחרונה שבאה היתה איטקה פיחוטקה, כולם חיים כעת במדינת ישראל. כשאלו חזרו לקובאל, לא היה זכר לחיים יהודיים ולמוסדותיו, אפילו בית הקברות נהרס ורק בדרך נס נשמרה המצבה והקבר היחיד של הרב ר׳ יהודה ליב וינגוט ז"ל.

אהרי מאמצים רבים קבלו החוזרים את בית הקברות לרשותם וגדרו את השטח. כעבור זמן עלו פליטי שואה אלה ארצה, פנו לעבודה חקלאית והתישבו בכפר „חרב לאת" ע"י חדרה.

העיירה קובאל נשארה מיותמת מיהודיה.

נחום סוקולוב / יוסף דוברז׳ינסקי

יוסף דוברז׳ינסקי היה יליד העיירה קובאל, הסמוכה לולוצלבק. נולד בחצי המאה הי״ט, בן משפחה חשובה (בן אחיו של המנוח אברהם דוברז׳ינסקי, שכתב הרבה מאמרים ב„הצפירה״), למד תורה מעלומיו בעיר מולדתו, אח״כ בקונין ובפלוצק ונתיישב בוורשה, ולמחית נפשות ביתו קיבל משרה של רואה חשבון בבית־מסחר של סחורות חו״ל, במשכורת קלה, והיה מבלה רוב זמנו בעבודה זו, ומיעוטה בעבודה מדעית. האיש הזה היה טיפוס של לומד מעצמו. חוץ מבקיאותו בש״ס, היה יוסף דוברז׳ינסקי מוכשר לשבת בקתדרה, ולהורות באוניברסיטה את תורת שפת רומי ויוון וקורות ספרויותיהן. המקצוע המיוחד שלו היה: פילולוגיה.

זה היה איש צנום וביישן, לא־יוצלח פורתא, צדיק גדול, מגוחך משהו? לא! אבל איש לא מעלמא הדין; אדם שבעומק טבעו קבועה היתה ההכרה, כי מך ערכו, וכי שכלו, כשרונותיו וחלקו בחיים הם בשפל־המדרגה. גורלו הביא לו חיים כהים, ולא היתה בו אף בבואה של התקוממות. הוא האמין שכך היא המידה, ושיוסף דוברז׳ינסקי יוכל להיות אך יוסף דוברז׳ינסקי, רואה־חשבון בבית־מסחר של סחורות חו״ל, בשכר של ששים רובל לחודש. הוא היה סולח לכל, ומקבל הכל באהבה, כדבר מובן מאליו. היו מנצלים אותו מימין ומשמאל, והוא היה חושב, שכך צריך להיות: טוב הוא האדם, בכדי שינצלו אותו — בתוקף החוק של הניגוד היותר קטן, ובאותו ההכרח הטבעי, אשר בו זרם של נהר מנקר וחק־תוכות את אפיקו — לא באבן קשה, כי אם בחומר הרך. מעודו נהנה מעולם הזה כמעט לא יותר מר׳ חנינא. ששים רובל לחודש, ומטופל, וקונה ספרים, וכשחלש גופו מגירסיה, צריך היה לעסוק ברפואות.

והאיש הזה, שהיה מוכשר לכתוב ספרים גדולים וטובים — סגנונו העברי ובשפות אחרות היו נפלאים — היה לקוי באיסטניסות מיוחדת; ביקורת נפרזה ביחס לעבודת עצמו. היה כותב הרבה הרבה, אבל כותב ומוחק ומתקן — ולבסוף שורף. הצלתי פעם שני אודים ממש: תרגום פרק מטציטוס והשקפה על מאסף איטלקי. הדפסתים ב„האסיף״, ואילו לא היה כל ימי חייו אוהב דבק בי כאה, היה נפרד ממני בשל העוון הזה.

יוסף דוברז׳ינסקי נפטר בחשאי כמו שחי בחשאי.

(„אישים״. מתוך המסה על חיים יחיאל בורנשטיין)

אריה ליב פיחוטקה / תל־אביב

דמויות מקובאל

הרב ר׳ לוי ליפמן

עם בואו של ר׳ לוי ליפמן לקובאל, התעשרה העיירה בטיפוס מיוחד ונדיר. זה היה יהודי יקר וגדול בתורה, מתמיד גדול שלמד אותה לשמה. הופעתו עשתה רושם רב ומהרגע הראשון, בראותך אותו, מוכרח היית להתיחס אליו בדרך־ארץ ולחלוק לו כבוד, שהוא, אגב, לא עמד עליו, כי היה גם האיש עניו. בזקנו האדום ובחוורון פניו עשה רושם של מקובל מעונה, שמקומו בעולמות העליונים וניכר היה שהוא עושה לילות כימים בתורה.

וכך באמת היה. את יומו הוא מילא בלמדו עם בחורים גמרא, עם בעלי־בתים למד „עין יעקב״, או מדרש, או את הרמב״ם ועם יודעי ספר דף יומי. בלילות התבודד והתמיד בלימוד תורה עד אור הבוקר. שום תענוגות־עולם לא הכיר והאכילה היתה אצלו מבחינת כורח, בכדי להחזיק את הנפש. הוא היה חתנו של רב העיירה ר׳ יהודה ליב וינגוט ז״ל, שעזב בשנותיו האחרונות את כסא הרבנות ומסר את המקום לר׳ לוי ליפמן, שכיהן בתור רב העיירה אחריו.

איש נדיר זה, שכבר לא היו רבים כמותו בזמן הזה, נספה יחד עם בני קהילתו הקדושה. וחבל על דאבדין. ת. נ. צ. ב. ה.

די מומע פרומע־מרים.

לא היתה עיירה בפולין, שלא היתה בה אשה צדקנית, אדוקה, טובת־לב, עושה מצוות, אבל פרומע־מרים היתה יותר מזה, היא היתה „מוסד״.


אשה נמוכת קומה, דקת גו. כפי שאני זוכר אותה, היתה כבר זקנה באה בימים וחלשה. ברם, השנים לא היו להן שליטה עליה ולא הפריעו לה לחיות את חייה, שהיו קודש לזולת. כשנפל מישהו למשכב וידו אינו משגת רופא, באה „די מומע מרים״ וסדרה כבר הכל. היה צריך קצת מרק חם לחולה עני, היה זה מיד בנמצא, מבלי לדעת באיזה אופן. היתה יולדת מתקשה ללדת, או מישהו נטה למות ונחוץ היה „תהילים־זאגן״ או „קברים רייסן״ — היתה הכתובת ה„מומע מרים״. כל הצרכים האלה וגם חלות לשבת לעניי העיר או צרכיו של עני מכובד, שלא צריך לדעת מזה אף אחד — הכל ה„מומע מרים״. אם היתה בעיר „בתולה זקנה״ ונזדמן גבר, לא נחה ולא שקטה עד שעשתה את השידוך ואספה את הנדוניה וכל מיני דברים הנחוצים לזוג.

אם בא אחד מה„גוטע יידן״ לעיירה, היתה הכתובת די „מומע מרים״, שדאגה לאכסניה ואם הוא היה מהמיוחסים, לא מסרה את ה„מצוה״ לאף אחד, אלא אירחה אותו בביתה וכל צרכיו עליה. כשיצא את העיר, היתה מתנת־יד יפה בכיסו.

היא היתה אמם של כל האביונים והסובלים בעיר, עוברת מבית לבית, מחנות לחנות. אף אחד לא העיז לסרב לה ונתן כפי שידו השיגה, בידעו שתרומתו תגיע למקום הנכון, לאלה הזקוקים ביותר. כך היתה משרכת דרכיה, מביאה עזרה לנצרכים ומרפא לכואבים וכולם ראו בה אחת מהצדקניות שבזכותם העולם מתקיים. כשנפטרה השתתפה בהלוויתה כל העיירה, אביונים כעשירים, גדולים כקטנים. לא היה בית בעיר, שלא התאבל בכנות על מותה. הלכה לעולמה אשה רבת פעולים ומעשים טובים. בחסרונה הרגישו ביותר כל הנדכים ומוכי הגורל. יהי זכרה ברוך.

ד"ר חיים פזנר / ירושלים

לזכר ר' יצחק פוזנר ומשפחתו



ר' יצחק פוזנר

אבי ומורי ר' יצחק בן ר' דוד ופיילה פוזנר נולד בשנת 1862 בקובאל, מחוז ולוצלבק, בבית שתורה ומוסר היהדות היו שורים בו. בבית זה, שממנו צמחה משפחה ענפה וידועה בפולין, גדל יצחק פוזנר ובו חונך לשקוד על לימוד כתבי הקודש ותורה שבעל פה.

לאחר היכנסו בעול מצוות שיקע את עצמו בים התלמוד ובחכמת ישראל, וכעבור זמן קצר יצא לו מוניטין של ידען מופלג בלימודי היהדות. חבריו ללימוד בבית המדרש וב„שטיבל" החסידים בקובאל סיפרו כי ידע על פה חלק נכבד מהש"ס, וכבר באותה עת החל מת־פשט שמעו כבן־תורה שניחן בהריפות של עילוי. עם זאת היה עניו, צנוע ובר־לבב כל ימיו.

לעיצובן של תכונות אלו, שהעלו את יצחק פוזנר למדרגה של תלמיד חכם מובהק ואיש מידות, תרמה ודאי העובדה שנפל בחלקו להימנות עם אלה ששתו ממעינו של אחד מגדולי התורה והמוסר של יהדות פולין, הרב יחיאל מאיר ליפשיץ זצ"ל, הצדיק מגוסטינין. הרבי הבחין בסגולותיו של תלמידו וראה לטפחו ולקרבו אליו. אין ספק כי דמותו הנעלה של הצדיק מגוסטינין השפיעה במידה רבה על אישיותו של ר' יצחק והשאירה בה רישום בל יימחק.

הוא התמיד בהעמקת בקיאותו בתורה ובחכמת ישראל גם אחרי נשואיו בקובאל עם אסתר לבית ראכבאל־חיימוביץ, שהוריה המכוב־דים והאמידים ראו לעצמם זכות גדולה להשיא את בתם היחידה לתלמיד חכם כזה. בתקופה הראשונה לאחר שנשא את אסתר לאשה נהג לנסוע מדי פעם לגוסטינין בכדי להתחמם כנגד אורו של הצדיק; אולם היתה זו תקופה קצרה מאד שכן כבר ב־1888 נפטר הרבי יחיאל מאיר ליפשיץ זצ"ל.

רק שנים מספר אחרי נשואיו ניגש ר' יצחק לעשות לביתו והקים עסק למחיית משפחתו. עסק זה, בו פעלה בצידו במסירות וללא ליאות רעיתו אסתר, גזל חלק נכבד מזמנו; אך בכל ערב — בנוסף לשעות אחרות שבהן הצליח להתפנות מעבודתו — היה מתעמק בלימודים עד לשעה מאוחרת בלילה, כשקולו עולה מחדרו



אסתר פוזנר

ומתפשט על פני הבית. הרבה מנוחה לא ידע. במשך שנים נהגו „בחורים" לבוא לביתו בכל יום, בחמש לפנות בוקר, לשמוע מפיו שיעור בתלמוד שנמשך עד תפילת שחרית. הוא קיבל זאת על עצמו בחיבה וברצון שכן למד על מנת ללמד בראותו בכך שליחות וייעוד.

במאמציו להפיץ תורה ברבים ניכרת היטב השפעתו של מורהו הגדול, הצדיק מגוסטינין, אשר ראה בקירוב פשוטי העם לתורה ולמצוות, משימה עליונה. ר' יצחק פעל רבות למען הביא דברי תורה ומוסר גם לאותם היהודים הפשוטים שלא זכו בתקופה ההיא — בעיקר בעיירות הקטנות — לתשומת הלב הראויה מצד רוב המנהי־גים הרוחניים. בשבתות ובימים טובים דורש היה ר' יצחק לפני בעלי מלאכה ו„עמך" בכלל, שהיו מתכנסים בקבוצות או ב„חברות" כדי לשמוע מפיו באורים לפרשת השבוע ולפרקים בנביאים וכתובים. דרשות ושיעורים אלה היו לשם דבר ולחוויה עמוקה לכל מי שזכה להשתתף בהם, כי עם היותם מעמיקים בנושא נאמרו בלשון עממית ומובנת לכל שומע.

ר' יצחק פוזנר גילה ענין מיוחד גם בספרי „משנה תורה" לרמב"ם. היו תקופות בהן הרבה לעיין בספרים אלה והיה מקיים שיעור מקיף ב„משנה תורה" בפני חוג מצומצם ונבחר של בחורים ובתוכם בניו.

בנשוב רוחות חדשות בעיירה כאשר צעירים החלו עוסקים בכתבי ההשכלה, הכליל בלימוד עם בניו קטעים ממחקרו המעמיק של הרמב"ם „מורה נבוכים", בלווית פירושים והסברים משלו, ובזאת ביקש, כנראה, להקדים רפואה למכה.

גדולתו של ר' יצחק פוזנר לא רק בלימוד תורה והפצתה התבטאה, אלא גם בפעלו כאדם בעל שכל חד וכדובר מישרים; הוא היה ידוע כבורר ומשקיט ריב, ושמו יצא למרחוק כמשכין שלום. רבים היו באים לביתו, מבקשים עצתו ומביאים לבוררותו עניינים שהיו שנויים במחלוקת.

ר' יצחק פוזנר תפס מקום מיוחד בין אנשי ה„שטיבל" של

חסידי גור. ייחדה אותו, בין השאר, בקיאותו הגדולה בתנ״ך שהיה מאוד קרוב ללבו. ספוג רוח התנ״ך הצטרף למצדדי תנועת חיבת ציון ודרכה הגיע להזדהות עם עיקר שאיפת הציונות. הוא היה מהראשונים בין גדולי תלמידי החכמים החרדים באיזור שתמכו נמרצות בשאיפה הנעלה, ובנושא זה התכתב עם רבנים ובני־תורה אחרים. ברוח זו אף חינך את בניו ואמנם זכה לראות כיצד הופכים כולם לפעילים במאבק למען תקומת ישראל במולדתו.

למעלה מחמישים שנה ניצבה לצידו של ר׳ יצחק אשתו אסתר והיתה לו לעזר, לשותף נאמן לכל עמלו למען קיום המשפחה ועתידה. אשת חיל וצדקנית היתה, יפת־תואר ויפת־נפש, אצילה בכל הליכותיה ובעלת צדקה למופת. אחרי חיים של יגיעה, של מסירות ללא גבול לבעלה ולילדיה ושל מעשים טובים מלב טהור, רצה הגורל המר שתראה איך כל ילדיה — פרט לשניים — על משפחותיהם נעקרים מבתיהם, מופצים לכל רוח ונרצחים בידי הנאצים; וחיות טרף אלו שמו קץ גם לחייה היא, בסתו 1943.

ואלה הם שמות ילדי ר׳ יצחק ואסתר פוזנר שניספו עם משפחותיהם בשואת יהדות פולין: שרה (נשואה לר׳ יוסף טוגנדרייך), פרומה (נשואה לר׳ הירש־צבי ביז׳ינסקי), רפאל יוחנן (נשוי לליבה מרים לבית אוטרמן), ברכה (נשואה לר׳ לייביש ציקרט) ומשה.*

ארץ, אל תכסי דמם!


ר׳ יצחק פוזנר זצ״ל החזיר את נשמתו לבוראו כבר ביום כ״ו ניסן תרצ״ד (11.4.1934), עשרים שנה לאחר מותו של עוזר ז״ל, הגדול בבניו, ונחסך ממנו לראות באבדן משפחתו בגיהנום הנאצי. חייו היו מופת של דביקות בתורה, יראת שמים, אהבת הבריות, רדיפת שלום ושאיפה לתקומת העם ולשיבת ציון. משכמו ומעלה היה, מורה ורועה, וזכרו יחיה בנו לעד להתפאר ולהתברך בו.

תהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים.

* על משה — ראה להלן בספר זה עמ׳ 955.

הרב כ. פ. טכורש

ר׳ יצחק־מנחם שימשא



ר׳ יצחק־מנחם שימשא, שקראו לו באידיש איטשה־מנדיל, היה בנו של ר׳ דוד פייבוש, תושב ידוע וותיק בקובאל. הבן עסק במסחר אריגים. הוא שימש כמעט במשך כל ימי שבתו בעיר כעסקן, פרנס הצבור והיה פעיל בהנהלת חברה קדישא. שנים רבות היה גם גבאי של בית־הכנסת וניהל שם את הענינים בהבנה ובסבר לשביעת רצון המתפללים.

אשתו הינדה־חיה ז״ל, בתו של ר׳ יצחק־יחזקאל, מלמד ילדים, יהודי תלמיד־חכם ומכובד, היתה מקובלת על הכל ועוזרת נאמנה לבעלה. למשפחה היו שלשה בנים ובת אחת: חיים־שלמה, שמעון־ליב ויעקב שנספו בשואה. הבת חנה נישאה להרב כתריאל פישל טכורש.

ר׳ יצחק־מנחם ואשתו עלו לארץ בשנת תרצ״ד והשתכנו בשכונת שפירא בתל־אביב ליד משפחת הרב טכורש.

במשך חייו בארץ היה עוסק בפקוח על הכשרות בכמה מאפיות גדולות ומילא את תפקידו בנאמנות ובמסירות. נפטר בד׳ אדר ב׳ שנת ת״ש, בגיל שבעים ואחת. אשתו נפטרה בי״ט כסלו תשי״ד בשנת השמונים לחייה. נטמנו בבית־העלמין בנחלת יצחק.

ישעיה טרונק / ניו־יאָרק

פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער בריסק־קויאַווער קהילה

די קהילה אין בריסק־קויאַווסק (אין העברעישע מקורות „בריסק דקויא״) געהערט צו די עלטסטע יידישע קהילות אין דער פּראָווינץ קויאַווע. בריסקער יידן ווערן שוין דערמאָנט אין יאָר 1428[1], אָבער עס איז וואַרשיינלעך, אַז יידן האָבן שוין דאָרט געוווינט אין 14טן י״ה. פון דעם 15טן י״ה ציט זיך אָן איבעררייס די עקזיסטענץ פון דער בריסק־קויאַווסקער קהילה במשך פון מינימום אַ האַלבן יאָרטויזנט.

ליידער האָבן זיך אין די מקורים אויפגעהיט ווייניק ידיעות וועגן דער דאָזיקער אַלטער יידישער קהילה, מסתמא ווייל זי איז געווען אַ קליינע, הגם זי האָט זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט פון דער בריסק־קויאַווער וואָיעוואָדשאַפט. איר זענען אין גערייכטלעכע און שטייער־ענינים געווען אונטערגעאָרדנט אין 18טן י״ה די קהילות אין קוועל, לובין, לובראַניעץ און פּיעטרקאָוו־קויאַווסק, וואָס זענען געווען אין פאַרגלייך מיט איר צאָלרייכער אין נפשות.[2]

אונטן ברענגען מיר אַ בינטל פאַקטן פון דעם עבר פון דער דאָזיקער קהילה. די בריסק־קויאַווסקער קהילה האָט אָנהויבנדיק פון תחילת 16טן י״ה געהערט צום גרויס־פּוילישן גליל און אויף דעם ערשטן באַקאַנטן צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון עלף גרויספּוילישע קהילות אין יאָר 1519, אויף וועלכן עס איז רעגולירט געוואָרן דער אופן פון איינמאָנען די מלוכה־שטייערן ביי די יידן פון דעם גרויספּוילישן גליל (חוץ פון פּויזן) האָט אָנטייל־גענומען אויך אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער קהילה — דוד.[3]

מיט קנאַפּע 20 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1538 האָט דער קעניג זיגמונט I נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט אויפן סיים אין פּיאָטרקאָוו די ערבות (vadium) פון 4,000 „מאַרק״ וואָס די שטאָט־האַרן האָבן איינגעלייגט (אַ פּנים ביים סטאַראָסטע) ווי אַ פאַרזיכערונג אָפּ־צוהאַלטן די בריסקער שטאָטלייט פון אָנפאַלן אויף יידן, וואָס, ווי עס ווערט באַמערקט אין דער קעניגלעכער באַשטעטיקונג, עס פלעגט זיך אָפט טרעפן.

די שטאָט־האַרן האָבן געפאָדערט ביים קעניג, אַז די דאָזיקע ערבות זאָל פון זיי אַראָפּגענומען ווערן. אין דעם ערבות־אָפּמאַך מיט דער שטאָט איז געווען אַ באַשטימונג, אַז אויב אַ בירגער וועט באַגיין אַ געוואַלט־אַקט איבער אַ יחיד, אָדער דער גאַנצער קהילה, דאַרף ער פאַרמשפּט ווערן צום טויט און קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן. אין דער קעניגליכער באַשטעטיקונג איז שוין נישט פאָרויסבאַשטימט די דאָזיקע האַרבע שטראָף, נאָר עס ווערט פעסטגעשטעלט דער כלל אז דער באַשולדיקטער דאַרף געמשפּט ווערן לויט דעם פּאַראַגראַף פון דער גענעראַל־פּריווילעגיע, וואָס זעט פאָר די אויבנדערמאָנטע שטראָף נאָר אין פאַל פון מאָרד.[4]

אויף דעם זעלביקן סיים האָט דער קעניג באַשטעטיקט אַן אַרביטראַזש־אָפּמאַך צווישן בריסקער קהל און מאַגיסטראַט, וואָס איז נוגע דעם יידישן הייזער־באַזיץ און אָפּצאָלן. די בירגער האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן קעניג, אַז די יידן זאָגן זיך אָפּ צו צאָלן דעם „פּאָדוואָדאַ״־שטייער ווי אויך אַנדערע שטאָטישע שטייערן און זיי האָבן אויך פאַרלאַנגט, אַז דער קעניג זאָל באַפעלן די יידן זיי זאָלן פאַרקויפן צו קריסטן די הייזער, וואָס זיי האָבן דער־וואָרבן אין דער שטאָט נאָך דער נישט לענגס פאָרגעקומענער שריפה, וואָס האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אַ חורבן אין יידישן וווינפערטל. די יידן האָבן באַשטעטיקט אַז זיי באַזיצן הייזער אין דער שטאָט גופא, אָבער זיי האָבן די דאָזיקע הייזער געקויפט מיט דער הסכמה פון מאַגיסטראַט און די קניות זענען גענזעצלעכע; זיי צאָלן אויך רעגולער אַלע שטייערן, וואָס עס קומט פון זיי.

דער אַרביטראַזש־געריכט, צו וועלכן עס האָבן געהערט דער הויף־מאַרשאַלעק יאַן פון טענטשין, דער וויצע־קאַנצלער פּאַוועל פון וואָלא ווי אויך דער לובלינער קאַשטעלאַן בערנאַרד מאַטשע־יעווסקי, האָט אַרויסגעטראָגן דעם ווייטערדיקן פּסק: 1) די בריס־קער יידן האָבן רעכט צו האָבן אין זייער אייביקן באַזיץ 15 הייזער, מיטן אויסנאַם פון איין פּלאַץ, וואָס די יידן האָבן גע־קויפט ביים שלאָס אָן דער הסכמה פון דער שטאָט, און וואָס די יידן זענען אויך מחויב צו צאָלן יעדן קוואַרטל דעם שמירה־יערלעך 10 גילדן אונטער ערבות פון אַנדערע 10 גילדן, איינגע־לייגט אַ פּנים ביים סטאַראָסטע, וואָס זיי וועלן פאַרלירן אין פאַל פון ברעכן דעם אָפּמאַך, חוץ דעם נאָרמאַלן הייזער־אָפּצאָל. 3) די יידן זענען אויך מחויב צו צאָלן יעדן קוואַרטל דעם שמירה־שטייער (custodia) צו איין גראָשן פון יעדן הויז ד״ה 4 גר׳ אַ יאָר. 4) אין פאַל ווען אַ יידיש הויז וועט אַריבער אין באַזיץ פון אַ קריסט מוז דער מאַגיסטראַט פאַרקלענערן דעם יערלעכן 10 גילדן־אָפּצאָל מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעל־אַנטשפּרעכנדיקער סומע. 5) יידן טאָרן נישט פאַרגרעסערן זייער באַזיץ מחוץ דער פעסט־געזעצטער צאָל פון 15 הייזער. 6) די שטאָט נעמט דערפאַר די יידן, וואָס דאַרפן טראָגן די זעלביקע לאַסטן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער, אונטער איר ציווילן שוץ. די בריסקער קהילה האָבן רעפּרעזענטירט ביים שליסן דעם אָפּמאַך די פּרנסים משה בן ברוך (בענעדיקט) און מיכאל.[5]

פון די אויבן געבראַכטע צוויי דאָקומענטן איז קלאָר, אַז די שטאָטלייט האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם, אַז יידן זאָלן פאַר־גרעסערן זייער שטאָטישן באַזיץ און אַז אויף דעם באָדן פלעגט קומען צו געוואַלד־אַקטן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

די צאָל פעסטגעשטעלטע פאַר יידן הייזער דערלויבט אונז צו באַרעכענען די לפי ערכדיקע צאָל יידישע נפשות אין בריסק אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט. רעכענענדיק, אַז אַ הויז איז געווען באַוווינט אין דורכשניט פון דריי משפּחות און אַז אויף אַ משפּחה פאַלט אויס אין יענער צייט דורכשניטלעך צו 5 נפשות באַקומען מיר די צאָל פון בערך 225 ייד׳ נפשות.

בעת דער צווייטער שוועד־ישער מלחמה איז די קהילה אין גאַנצן הרוב געוואָרן. אין שביעי של פּסח פון יאָר תט״ז (15טער אַפּריל 1656) האָבן סטעפאַן טשאַרניעצקיס חיילות אַדורכגעפירט

[1] ע. פעלדמאַן: די עלטסטע ידיעות וועגן יידן אין פּוילישע שטעט אין 14־16 יאָרהונדערט, „בלעטער פאַר געשיכטע״, 1934, 1, ז׳ 63.

[2] J. Jacobson. Die Stellung der Juden in den 1793 u. 1795 von Preussen erworbenen polnischen Provinzen zur Zeit der Besitznahme. MGWJ, 1921, H. 1/3 p. 61.

[3] Bershadsky. Russko-Jevreyski Arkhiv, III, p. 140.

[4] M. Bersohn. Dyplomataryusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce, 1911, N. 43.

[5] M. Bersohn. o. c. Nr. 44

אַ שחיטה אין דער בריסקער קהילה. אין דעם האַלבערשטאַדטער „מעמאָר־בוך" געפינט ויך אַ יזכור פאַר די קדושי־בריסק, וואָס עס האָבן געלאָזט שפּעטער אַריינשרייבן דער האַלבערשטאָדטער רב ר' הירש חריף און זיין פריינד משה — ביידע בריסקער בני־עיר, אַ פּנים אַנטלאָפענע בעת דער שחיטה קיין דייטשלאַנד. די רשימה רעכנט אויס די נעמען פון 48 פּערזאָן. זי איז אָבער נישט קיין פולע — עס פעלן כמעט לגמרי די קינדער און 21 מענער זענען אויסגערעכנט אָן זייערע פאַמיליעס, אַזוי אַז מען דאַרף משער זיין אַז אומגעקומען זענען דאַמאָלט איבער הונדערט נפשות. דער ערשטער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אין שכנותדיקן קוועל (Kowal), דער דאָרטיקער איינוווינער ר' יהושע, דער זון פון דעם שניידעמילער רב ר' יוסף (מפילא) איז אַנטלאָפן קיין בריסק, אָבער אויך דאָ האָבן אים דער־גרייכט די רוצחים. פאַר דער שחיטה האָט מען דער גאַנצער עדה געשטעלט די ברירה שמד אָדער טויט, זי האָט אויסגעקליבן דעם טויט, מעגלעך, אַז אַ געוויסע צאָל קינדער האָט מען מיט געוואַלד אָפּגעשמדט און דאָס איז אפשר די סיבה פאַרוואָס זיי ווערן כמעט נישט אויסגערעכנט אין דער האַלבערשטאַדטער רשימה[6].

דער חורבן פון 1656 האָט געגעבן דער קהילה אַ טויטקלאַפּ און זי איז שוין מער נישט צוריקגעקומען צו איר פריערדיקן מעמד. אויך די שטאָט האָט שטאַרק געליטן. די שוועדן האָבן פאַרברענט דעם שלאָס און אַפּנים אויך אַ טייל פון דער שטאָט. ווי ווייט די קהילה איז אַרונטערגעקומען קאָן דינען דער פאַקט, אַז אין אַן אינווענטאַר („לוסטראַציע") פון 1664 ווערן אויסגערעכנט נאָר 4 פּלעצער וואָס געהערן צו יידן, און ס'ווערט דאָרט באַמערקט אַז זיי האָבן נישט קיין „סטאַבילע וווינונגען", וואָס מען דאַרף פאַרשטיין, אַז זיי האָבן נישט קיין אייגענע הייזער נאָר זיי זענען איינגעדונגען אין קריסט־לעכע הייזער.[7] דער פראַנצויזישער רייזנדער (Verdum)), וואָס האָט באַרייזט פוילן אין 1670 שרייבט וועגן דער שטאָט אַז זי איז חרוב.[8]

מיט הונדערט יאָר שפּעטער (1765) האָט די קהילה געציילט ס"ה 164 יידישע צאָלער פון קאָפּשטייער, וואָס צוזאַמען מיט קינדער ביז איין יאָר באַטרעפט דאָס בערך 175 נפשות.[9]

אין דער צייט פון דער א"ג באַרער קאָנפעדעראַציע (1768—1772), וואָס האָט זיך בדרך כלל באַצויגן פיינדלעך צו יידן, האָט די ייד' קהילה אין בריסק אויך געצאָלט איר בלוטיקן קרבן. די קאָנ־פעדעראַטן האָבן אויפגעהאָנגען 4 בריסקער יידן אַפּנים אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש לטובת די רוסן, מיט וועלכער די באַרער קאָנפעדע־ראַציע האָט געפירט אַ מלחמה.[10]

בעת דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן (1793) איז בריסק אַרונטערגעפאַלן אונטער פּרייסישער הערשאַפט (געהערט צו דער וולאָצלאַווקער שטייער־אינספּעקציע), וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1807. אין 1797 האָט בריסק געציילט ס"ה 161 ייד' נפשות (אויף 621 קריסטן), בכן איז די ייד' באפעלקערונג במשך פון איבער 30 יאָר (1765—1797) נישט נאָר נישט געוואקסן, נאָר האָט זיך אפילו אַב־סאָלוט פאַרקלענערט.[11]

אין יאָר 1822 איז לויט אַ פאַראָרדענונג פון נאַמיעסטניק גענע־ראַל זאַיאָנטשעק פון 10טן דעצעמבער איינגעפירט געוואָרן אין בריסק אַ יידישער „רעוויר" (וווינפּערטל), וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1862.

פון בריסקער חברות אין 19טן י"ה זענען באַקאַנט דריי: 1) „חב־רה תהילים". 2) „חברא מקרא" און 3) „חברא קדישא", וואָס זייערע ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אויפגעהיטע פּנקסים האָבן אַרומגע־נומען די יאָרן: 1) 1850־1912, 2) 1862־1895 און 3) 1848־1931. גרעסערע אויסצוגן פון די דאָזיקע דריי פּנקסים האָט פאַרעפנטלעכט שמואל ווינטער אין די „ייוואָ־בלעטער" ב' 13, 1938, זז' 80־86.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט איז בריסקער רב געוועזן ר' יהושע פאלק אויערבאך, דער זון פון קאָנינער רב צבי הירש, אין 1880 האָט ער פאַרלאָזט בריסק און געוואָרן רב אין פּלאָצק.

אין 1897 האָט די בריסק־קויאַווער קהילה געציילט 648 ייד' נפשות אויף אַ באַפעלקערונג פון 2744 (23,6%).

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער „הצפירה" פון 1901 (נומ' 188) ווערט דערציילט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט פרנסה פון דער צוקער־פאַבריק, וואָס געפינט זיך בשכנות און אַז אין דעם יאָר איז מיט דער איניציאַטיוו פון די ראשי־קהל געגרינדעט געוואָרן אַ פרייוויליקע פייערלעשער־קאָמאַנדע, וואָס ציילט בערך הונדערט יידישע מיטגלידער.

אין 1921 האָט די קהילה געציילט 794 ייד' נפשות אויף 3818 איינוווינער (20,7%) און אין 1939 — 633 נפשות.[12]

ווען די צווייטע וועלט מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, זענען אין בריסק געוועזן אין 1940 — 638 יידן, צווישן וועלכע 600 זענען געוועזן תושבים און 38 פּליטים. אין יאָר 1941—648 — עס זענען במשך פון דער צייט צוגעקומען נאָך 10 פּליטים.

ווען דאָס געטאָ איז אַנטשטאַנען איז נישט באַוווסט. אַ געוויסע צאָל יידן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגער וויטענבערג (לובי־נער פּאָוויאַט).

אין אָקטאָבער 1940, האָט מען קאָנפיסקירט יידישע אינדוסטריע־לע אונטערנעמונגען און געשעפטן און אַריינגעזעצט קאָמיסאַרישע פאַרוואַלטער.

דעם 28טן סעפּטעמבער 1941 זענען 399 געטאָ־איינוווינער (109 מענער און 290 פרויען) דעפּאָרטירט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ, צוזאַמען מיט די איבריקע יידן פון וולאָצלאַווקער פּאָוויאַט.

די איבערגעלאָזטע יידן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין כעל־מנאָ, אין דער ערשטער העלפט מאי 1942.

דאָס איבערגעבליבענע יידישע פאַרמעגן איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר 457.02 מאַרק, און די סומע איז איבערגעשיקט געוואָרן דער לאָדזשער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

[6] דעם טעקסט האָט פאַרעפנטלעכט מאָריץ שטערן: Das Gemetzel in Brisk 1656 אין Magazin fuer die Wissenschaft des Judentums, XV, 1888, 149-152

דער מחבר האָט אָבער געמאַכט אַ טעות פאַרבייטנדיק בריסק דקויא מיט בריסק דליטאָ. נישט פאַרשטייענדיק דעם פּשט פון „דקוי"" אינעם טעקסט, האָט ער געענדערט די לעקציע אויף הקד' (הקדושה). ער שרייבט אויך בטעות „יוסף דלגוטש" — עס דאַרף זיין „יוסף דלוגטש" (דער לאַנגער).

[7] M. Bersohn, o.c. Nr. 328. אין דער לוסטראַציע ווערט אויך באַמערקט, אַז אויב די יידן וועלן אין דער צוקונפט זיך אויפבויען פון די חורבות, וועלן זיי מוזן צאָלן פּראָפּאָרציאָנעל די זעלביקע שטאָטישע־און שלאָס־שטייערן ווי די בירגער און וועלן מעגן זיך פאַרנעמען מיט מסחר לויט די אַלטע געזעצן און מנהגים.

[8] Słownik geograficzny Królestwa Polskiego, v. I.

[9] Archiwum Komisji Historycznej; v. XIII.

[10] E. Ringelblum. Żydzi w świetle prasy warszawskiej w XVIII w. "Miesięcznik Żydowski", Nr. 718, p. 46, 1932.

[11] Mitteilung des Gesamtarchivs der deutschen Juden v. IV, p. 92. יאַקאָבסאָן אין דער צייט' אָפּהאַנדלונג, ז' 220, גיט אָן לויט האַלשע אַנדערע ציפערן: 229 יידן און 557 קריסטן. קאָוואַל האָט לויט דעם זעלבן מקור געציילט 387 יידן און 1029 קריסטן, לובראַניעץ — 537 יידן און 622 קריסטן, פּיעטרקאָוו 342 יידן און 497 קריסטן, פּשייטש — 180 און 330.

[12] אַרכיוו פון A.G.O.C. אין ייד' היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, טעקע נר' 324, אַקטן פון דער Getto-Vervaltung, טעקעס V/61, II/41.

שמואל ווינטער

אַ קונטרס מיט חשבונות פון ליבראַנצער קהל פון 1819/1818

רעפעראַט אויפן צוזאַמענפאָר פון ייוו"אָ, אויגוסט 1935 (אָפּדרוק פון ייוו"אָ־בלעטער באַנד 8, נומ׳ 4)

דורך דער מיטהילף פון פריינד מאיר קוטשינסקי איז דער וולאָצלאַווקער געזעלשאַפט „פריינד פון ייוואָ" געראָטן אַרויסצובאַקומען פון ה. י. בזשוסטאָווסקי, ליבראַנץ, אַ העפט פון דאָרטיקן קהל פון די יאָרן 19/1818, ווו מיר געפינען אַ רשימה פון שטייער־צאָלערס מיט די חשבונות פון זייערע צאָלונגען.

ליבראַנץ (פויליש: Lubraniec), אַ שטעטל, וואָס ליגט עטלעכע און צוואַנציק קילאָמ׳ פון וולאָצלאַוועק, איז פאַראַן אַ מאָנאָגראַפיע פון אַ ליבראַנצער קאַטוילישן גייסטלעכן א"ט Lubraniec Monografia) zebrał Ks. St. Muznerowski, אַרויסגעגעבן אין וולאָצלאַוועק אינעם יאָר 1910. פון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע נעמען מיר אַרויס די ווייטערדיקע היסטאָרישע ידיעות וועגן דעם שטעטל.[1]

די ערשטע ידיעה וועגן יידן אין ליבראַנץ שטאַמט פון יאָר 1691, ווען דער אָרטיקער פּריץ זיגמונט דאָמבסקי האָט מיטן אויסרייד, אַז ער בויט פאַר די יידן אַ שול און נייע וווינהייזער, זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן מעשר פאַרן קלויסטער, און דאָס האָט געפירט צו אַ פּראָצעס. די דאָזיקע שול האָט משמעות אָפּגעברענט, ווייל אין די קאַפּיטול־אַקטן אין וולאָצלאַוועק (בוך 85) איז פאַראַן אַ נאָטיץ, אַז די ליבראַנצער יידן האָבן באַקומען אין יאָר 1750 אַ דערלויבעניש פון וולאָצלאַווקער ביסקופּ וואַלענטי טשאַפּסקי אויסצובויען אַ שול און איינצואָרדענען אַ בית־הקברות. אגב, איז אין דער דאָזיקער דערלויבעניש פאַראַן אַ תנאי, אַז די „שול מעג מען בויען נאָר פון האָלץ און זי מוז זיין אָפּגערוקט לכל הפחות 300 טריט פון דער קירך". די היינטיקע שול שטאַמט פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט און שטייט אויפן אייגענעם פּלאַץ, ווו די אויבן דערמאָנטע הילצערנע שול.

דער ליבראַנצער קלויסטער האָט געבאָרגט דער שול אין יאָר 1774 1300 גילדן, דערפאַר האָבן די יידן געצאָלט 5% אויף אַ תפילה פאַר דער נשמה פון מיכאל ווישניעווסקי. לויטן אַקט פון 14 סעפּט׳ 1779 האָבן די ליבראַנצער יידן געמוזט געבן יערלעך אַ האַלבן שטיין צעגאַנגענעם חלב פאַר לאָמפּן אין דער קירך, פּולווער פאַרן מערזשעל צו דער רעזורעקציע (דער צערעמאָניע לכבוד דער תחית־המתים פון יעזוסן אין דער פּאַסכע־נאַכט) און 15 פּוילישע גילדן במזומנים. אַחוץ דעם האָבן זיי געמוזט צושטעלן דעם קלויסטער צוויי פּערטל רינדפלייש: איין פערטל אויף פּאַסכע און דאָס צווייטע אויף ניטל. די דאָזיקע אָפּצאָלן זענען בטל געוואָרן אין יאָר 1826, ווייל

[1] לויט מוזנעראָווסקי איז ליבראַנץ איינער פון די עלטסטע יישובים אין פוילן, כאָטש אַ שטאָט איז זי געוואָרן ערשט אין יאָר 1509. א ישוב איז ליבראַנץ שוין אין 12טן י"ה. אין די עלטערע אַקטן הייסט דער מקום: Lubrancz און Ludbrancz. גאָר אַמאָל זאָל דער ישוב האָבן געהייסן: Lutprand. מוזנעראָווסקי טייטשט אויס דעם נאָמען לוט־פּראַנד — אַ שטאַרקער שטראָם: lut הייסט אין אַלט־פּויליש: אַ שאַרפער, אַ שטרענגער, אַ געוואַלדיקער. (דערפון אויך דער נאָמען פון חודש לוטי); prand איז דער היינטיקער prąd. אַפנים, אַז דאָס טייכל זגלאָוויאָנטשקי (Zgłowiączki), וואָס ליבראַנץ ליגט ביי דעם, איז אַמאָל געווען אַ גרויסער טייך.

דער יידישער נאָמען האָט באַהאַלטן מער ענלעכקייט מיטן אַמאָליקן נאָמען ווי דער איצטיקער פּוילישער: ליבראַנץ = Lubrancz.

עס האָבן געפעלט שריפטלעכע התחייבותן. אונטערן שוץ פון די פּריצים, די דאָמבסקיס, האָבן די יידן זיך שטאַרק פאַרמערט און האָבן געבילדעט אַ רוב אין שטעטל. נישט געקוקט אויף די דערמאָנונגען און בקשות פונעם קלויסטער־עלטסטן האָבן די יידן כּסדר געהאַלטן אָפן זייערע שענקען און געוועלבער בשעת די תפילות אין דער קירך. די גלחים האָבן דערלויבט די יידן, לויטן אַקט פון 23 סעפּט׳ 1789, צו מאַכן אַן עירוב, מיטן תנאי אַז די דראָטן טאָרן זיך נישט געפינען איבערן פּלאַץ פון קלויסטער און זיי מוזן זיין אויפגעהאָנגען אַזוי הויך, אַז מ׳זאָל בשעת אַ פּראָצעסיע נישט דאַרפן איינבייגן די פענער. אין אייגענעם יאָר 1789 האָט קסאַווערי דאָמבסקי באַנייט די יידן דעם פּריווילעג, וואָס זיין פאָטער האָט זיי געגעבן אין יאָר 1780. אין דעם פּריווילעג זענען אָבער אַריינגעטראָגן געוואָרן שינויים אין די יידישע אָפּצאָלן. ביז דעמאָלט האָבן די יידן געצאָלט דעם פּריץ 1600 גילדן, פון היינט אָן מוזן זיי צאָלן יערלעך 4000 ג׳. די סומע איז אָבער שוין כולל דעם צינז פון לאָפּאַטאָווקע, כלעבאָווע, סטודניאָווע און די פּראָוויזיע פון די 300 רויטע גילדן, וועלכע פּאַוועל דאָמבסקי האָט געהאַט געשאָנקען דער שול. חוץ דעם זענען שוין פּטור פון צאָלן דעם פּריץ: די בעקערס, שניידערס, קצבים, דער רב און גבאי.[2] אויך פון בית־עולם־שטייער זענען די יידן געוואָרן באַפרייט. די פּרנסים זענען מחויב געווען יעדן קוואַרטאַל צוזאַמענצונעמען 1000 ג׳ און איינצאָלן דעם פּריץ. אַלע דין־תורות דאַרף משפּטן דער רב. די צדדים האָבן אָבער געקענט אַפּעלירן צום פּריץ. דער אַפּעלאַנט האָט געמוזט אין דעם פאַל באַצאָלן 15 גילדן פאַר דער שול און 15 ג׳ פאַרן הויף. אַ פּרנס האָט נישט געקאָנט ווערן דער ייד, וואָס האָט נישט געצאָלט לכל הפּחות 3 גילדן פון הונדערט. די אויסגעקליבענע פּרנסים האָבן געמוזט ווערן באַשטעטיקט דורכן פּריץ. די פּרנסים האָבן געמוזט איין מאָל אין דריי חדשים אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר צוויי עטאַט־צאָלערס (פּאָדאַטניצי) און פאַר א דריטן, וואָס עס האָבן אויסגעקליבן די אָרעמע און דער המון, כאָטש ער האָט נישט געצאָלט קיין דריי גילדן פון הונדערט, נאָר ער האָט געמוזט זיין אַ למדן (אוטשאָני). אַ פאַקטאָר צום האַנדל, אַ רב און אַ גבאי (שקאָלני) האָבן די יידן אויך געקליבן מיט דער הסכמה פון פּריץ. קרובים האָבן ביי וואַלן נישט געהאַט קיין שטימרעכט. דער רב און דער גבאי (שקאָלני) דעצידירן ביי די וואַלן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה. האָבנדיק ריכטיקע סיבות מעג די אַסיפה אַראָפּזעצן סיי דעם רב און סיי דעם גבאי (שקאָלני). ווען אַ ייד זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן די דאָזיקע תקנות, קען אים די אסיפה באַשטראָפן מעט אַ געלט־שטראָף, וואָס אַ העלפט דערפון גייט פאַר דער שול און די צווייטע העלפט פאַרן שלאָס. חוץ דעם קען מען דעם ווידערשפּעניקן אַריינלייגן אין חרם. דער פּריץ פון זיין זייט זאָגט צו צו האַלטן אין אָרדענונג דריי ברונעמער און אויסצובויען אַ פערטן. ווען ליבראַנץ זאָל ווערן אָפּגעגעבן אין אַרענדע, האָט דער אַרענדאַר

[2] שקאָלני הייסט געוויינטלעך: שמש. אָבער דאַכט זיך, אַז מוזנעראָווסקי מיינט דאָ דעם גבאי.

נישט קיין שום יוריסדיקציע איבער די יידן. אין יאָר 1822 האָבן די יידן באַצאָלט דעם פּריץ 1779 גילדן מיט 13 גראָשן. חוץ דעם האָבן זיי געגעבן דריי פערטל פלייש אָדער 30 גילדן. „אין יאָר 1814 איז געקומען קיין ליבראַנץ דער פּרעפעקט פון בידגאָשטשער דעפּאַרט־מענט. האָט קהל אַנטליען פאַר זיינעטוועגן 100 טאָלער. נאָכן אַוועק־פאָרן האָט דער עולם נישט געוואָלט געבן אויף דעם צוועק קיין געלט, און קהל האָט געהאַט פון דעם גרויסע צרות".

איך האָב דאָ אַזוי באַריכות ציטירט מוזנעראָווסקיס מאָנאָגראַפיע, בכדי אַ סך פּרטים פון געפונענעם דין־וחשבון זאָלן אונז ווערן קלאָרער.

דער געפונענער קונטרס אַנטהאַלט דריי צאָלער־רשימות („צעטיל מגביינא") פון פאַרשידענע אָפּצאָלן, מלוכהשע און ספּעציעל קהלשע. צו איין רשימה איז פאַראַן נאָך אַ הוספה, מחמת די ערשטע הערכה האָט נישט געקלעקט און מ'האָט געמוזט יעדערן העכערן דעם סכום אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

דער קונטרס אַנטהאַלט נישט קיין רשימות פון אַלע שטייערן וואָס די ליבראַנצער יידן האָבן דעמאָלט געצאָלט, אָבער פונדעסט־וועגן זעען מיר פון אים אַרויס בולט, ווי די יידן האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא פון די פאַרשידענע אָפּגאָבן.

ווי גרויס איז דעמאָלט געווען די יידישע באַפעלקערונג אין ליבראַנץ? די גרעסטע רשימה (גביינא להצטרכות הקהלה) אַנטהאַלט 128 נעמען. כאָטש די קלענסטע סומע איז געווען בלויז 14 גראָשן, האָט פונדסטוועגן געמוזט זיין אַ געוויסע צאָל יידן, וועלכע זענען אין גאַנצן געווען באַפרייט אפילו פון דער דאָזיקער גביינא. איך רעד שוין נישט פון די כלי־קודש, וועלכע ווערן דערמאָנט אין קונטרס, אָבער וועלכע זענען נישטאָ אין קיין שום רשימה: דער רב, דער גובה, דער חזן, צוויי שמשים, משרת הקהלה, שמחה מלמד און לייביש מלמד, (עס זענען דאָך געוויס געווען לכל הפחות צוויי שוחטים, אַ קברן, אַ דיין און אַ סופר), נאָר עס האָבן דאָך זיכער חוץ דעם געמוזט אויך זיין אַזעלכע אָרעמע לייט, וועלכע זענען באַפרייט געווען פון וועלכן ס'איז שטייער. ממילא מעגן מיר צו די אויביקע 128 שטייער־צאָלערס צורעכענען 12—13 כלי־קודש און לכל הפחות 10%, בכן 12—13 אָרעמע לייט. צוזאַמען 152—154 פאַמיליען־פאָטערס אָדער 760—770 נפשות. פאַר דעמאָלטיקע צייטן שוין אַ גרויסע קהילה: אין וולאָצלאַוועק זענען געווען אין יאָר 1821 נאָר 248 נפשות.

פון די רשימות קען מען אויך באַקומען אַ שטיקל באַגריף וועגן די פּרנסות פון די דעמאָלטיקע ליבראַנצער יידן: פאַרצייכנט זענען 23 שניידערס, דריי שמוקלערס, דריי קירזשנערס, 1 קאַפּעלוש־מאַכער, 1 שוסטער, וואָס האָט געדאַרפט באַצאָלן בסך־הכל איין שטייער פון 23 גראָשן און דערפון האָט מען אים אויך באַפרייט (אַפּנים, אַז שוסטעריי איז דעמאָלט נישט געווען קיין יידישע מלאכה), 3 גלעזערס, 2 קצבים, 2 בעקערס, 2 בעלי־עגלות, 1 רופא, 1 פישער און 1 מעקלער. סך־הכל הייסט דאָס, עטלעכע און פערציק בעלי־משפחה האָבן געהערט צו די אַרבעטנדיקע עלעמענטן.

פון די אַלגעמיינע קולטור־געשיכטלעכע ידיעות, וואָס מען קאָן אַרויסנעמען פון דעם קונטרס, איז כדאי אָנצוווייזן אויף דעם צו־שטייער צו דער געשיכטע פון יידישע נעמען. ווי באַוווּסט, זענען אין פּוילן איינגעפירט געוואָרן פאַמיליע־נעמען פאַר יידן שוין אין יאָר 1797. אין אונזער קונטרס זענען די פאַמיליע־נעמען נאָך נישט פעסט. אַזוי למשל הייסן די צאָלערס אין איין רשימה: וואַרשער, גאָמבינער, קרושינער, איזשביצער, סטריקעווער, זשאַלאָשינער (באַשיימפּערלעך לויט די ערטער פון וואַנען זיי שטאַמען) און אין אַ צווייטער פון אַ ביסל שפּעטער הייסן די אייגענע צאָלערס: וואַרשאַווסקי, גאָמ־בינסקי, קרושינסקי, איזשביצקי, סטריקאָווסקי און זשאַלאָשינסקי. מענטשן פון דער מאַסע ווערן נאָך בכלל ווייניק באַצייכנט מיטן פאַמיליע־נאָמען: אָדער מען גיט צו צום נאָמען דעם פאָטערס נאָמען אָדער מען פאַרצייכנט דאָס פאַך זיינעם: חייט, בעל־עגלה אאַז"וו. פאַראַן אויך אייניקע צונעמען ווי: חיגר (מסתמא געווען אַ לאָמער), חרש (טויבער), אָרוך, ייוון און פורים־קטן (נאָך היינט זענען פאַראַן אין ליבראַנץ פורים־קטנס!). מעגלעך, אַז שפּעטער האָבן די קינדער גענומען די פאַמיליע־נעמען אויפן סמך פון די דאָזיקע צונעמען: פון חרש איז געוואָרן: טאָבער, פון אָרוך: לאַנגער אאַז"וו, פון ייוון — איוואַנאָוויטש (נאָך היינט פאַראַן אַזאַ פאַמיליע־נאָמען אין ליבראַנץ).

אינטערעסאַנט זענען די טיטלען, מיט וועלכע יעדער צאָלער איז באַטיטלט: מהור"ר, מוה"ר און אַ פּשוטער רב. דעמאָלט האָט דער טיטל „מורנו" געוויס נאָך געהאַט אַ שטיקל קלאַנג. ווי באַקאַנט, האָט אין אָנהייב געקענט באַקומען דעם טיטל „מורנו" נאָר דער, ווער עס האָט געהאַט היתר־הוראה. דער טיטל־געבער ווידער האָט אויך געמוזט האָבן היתר־הוראה; דער געבער האָט דעם טיטל־באַקומער אַרויסגעגעבן אַ כתב וועגן דעם. אין די רשימות שטייען די צאָלערס מיט טיטלען אין אָנהייב, ווייטער גייט דער סדר לויט דער גרייס פון דער שטייער־סומע.

די פּרנסים זענען נישט אַלע געווען רייכע און מהור"רס: מהור"ר הערש נאַשעלסקי האָט למשל געצאָלט ביי אַ גביינא 22 ג'; מהור"ר געציל ענגעל 12 ג'; מהור"ר נחמן נאָוועור 3 ג' מיט 18 גראָשן; רב אהרן דיאַמאַנט 6 ג' און ר' אַברם איזשביץ 4 ג' מיט 15 גר' (ס'זענען נאָך געווען רואי חשבונות, נאמנים און שמאים, ווערן אָבער נישט דערמאָנט מיט די נעמען).

צוויי פון די פּרנסים: דער גביר נאַשעלסקי און דער מורנו נאָוועור האָבן זיך ווייניק געמישט אין די קהלשע ענינים. הנחות אָרעמע־לייט האָבן געגעבן רב אהרן דיאַמאַנט און רב אַברם איזשביץ. די גרעסטע „קהילה־גראַבלערס" זענען געווען די צוויי צולעצט דערמאָנטע. רב אהרן דיאַמאַנט האָט אָבער פון קהלן זיך אָפּגעלעקט אַ ביינדל: ער האָט אַרענדירט די „קרופּקי" (פלייש־קאָראָבקע).

דער עיקר אָבער גיט דער קונטרס אַ פאָרשטעלונג וועגן די פינאַנצן פון קהל אין אַ קליין שטעטל.

דעם גרעסטן טייל פונעם קונטרס האָט געשריבן דער גובה ר' שלום וויילאַנד (אַ באַצאָלטער באַאַמטער: אין קונטרס זענען פאַראַן בסך הכל דריי סומעס, וועלכע ער האָט גענומען „לעת עתה על שכירות הגובה", צוזאַמען 174 גילדן). על פּי רוב חתמעט ער זיך מיט לאַטיינישע אותיות, געמוזט זיין אַ גרויסער פּעדאַנט, אַ בעל־חשבון און אַ שטיקל משכיל. ער באַנוצט שטענדיק דאָס לאַטיינישע: „לאַטוס" פאַר „איבערטראָג".

דער סדר פונעם קונטרס איז אַזעלכער: צוערשט קומט אַ רשימה פון 125 צאָלערס, וועלכע האָבן געדאַרפט באַצאָלן צוזאַמען 323 ג' מיט 18 גר'. די דאָזיקע גביינא איז געוואָרן באַשטימט דעם זעקסטן חשוון תקע"ט. שוין אין דריי טעג שפּעטער, דעם ניינטן חשוון, האָבן די פּרנסים געהעכערט די גביינא אין צווייען: 100 רייכסטאָלער. לויט דער ערשטער הערכה וואָלטן באַצאָלט: איינער 22 ג'; 1—14 ג' 8 גר; 1—13 ג'; 3 צו 12 ג'; 1—9 ג'; 1—8 ג' 8 גר'; 1—7 ג' 15 גר'; 1—7 ג'; 1—6 ג' 18 גר'; 4 צו 6 ג'; 1—5 ג' 12 גר'; 1—5 ג' 8 גר'; 1—5 ג'; 1—4 ג' 15 גר'; 1—4 ג' 6 גר'; 4 צו

3 ג׳ 18 גר׳; 2 צו 3 ג׳ 9 גר׳; 4 צו 3 ג׳; 2 צו 2 ג׳ 21 גר׳; 7 צו 2 ג׳ 12 גר; 1—2 ג׳ 6 גר׳; 2 צו 2 ג׳ 3 גר׳; 1—2 ג׳; 1—1 ג׳ 24 גר׳; 16 צו 1 ג׳ 15 גר׳; 5 צו 1 ג׳ 6 גר׳; 24 צו 1 ג׳; 36 צו 27 גר׳; בכן 65 צאָלערס (מער ווי העלפט) וואָלטן געצאָלט וויניקער ווי צו אַנדערטהאַלבן גילדן.

אָבער שוין אין עטלעכע וואָכן שפּעטער, כ״ה כסליו, האָט מען ווידער געטאָפּלט דעם סכום: מ׳האָט שוין געדאַרפט איינקאַסירן צו־זאַמען 200 רייכס־טאָלער אָדער 1200 גילדן. דער גובה וויילאַנד שרייבט אַזוי: „אנכי הח״מ באתי להודיע שאלופי׳ פרנסי׳ בצירוף אלופי׳ רואי חשבונות נאמני הקהלה שכאשר השגתי הרעפּעטאציע ע״פ סכום פאסטווייערדזייעט מהקאמיסייע אבוואדאווי ובחתימת הפרנסי׳ ונאמני׳ לגבות עוד מאה ר״ט אזי כתבתי הקוויטן להבעלי סכומות לגוביינא שני׳ מיום ד״ה כסליו לסך מאה ר״ט ע״פ סכום דגביינא ראשונה מיום ט׳ חשוון תקע״ט״.

דערנאָך קומט די פּאַרטאָפּלטע רשימה. אָבער שוין בלויז מיט 110 נעמען, אויף 1120 ג׳ 15 גר׳. אויף דער צווייטער זייט איז פּאַראַן אַ באַזונדערע רשימה פון די 15 אַדורכגעלאָזענע און פון נאָך 17 צאָ־לערס, וועלכע האָבן נישט באַצאָלט דעם גאַנצן סכום. אַ סך אָנגעגע־בענע סיבות זענען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מ׳דאַרף זיי ציטירן. ביי איינעם שטייט: מגיע לו בעד יין שלקח הדאזער מייאסט ד״ד דצעמבר חאגי בייז גיבורין. אייניקע זענען אַוועקגעפאָרן: נסע לבריסק אחר סוכות, נסע מפה לעיר חאָטש. עטלעכע האָבן זיך אָפּ־געבעטן, אַז זיי ווען אָפּאַרבעטן דעם שטייער: בפקודת ר׳ אברם ליתן לו הרווחה עד שיהי׳ מן הצורך לשולחו בשליחות הקהלה כרצונו (דער דאָזיקער צאָלער ר׳ לייב חייט האָט געהאַט צו באַצאָלן בסך־הכל 2 ג׳ 18 גר׳). ביי נאָך איינעם: רצונו לרכוב בשליחות הקהלה כי השעה דחוקה עליו. ביי איינעם שטייט: בפקודת ר׳ אברם שיהי׳ הוא מן החוץ לסכומות; ביי אייניקע ווידער פשוט: הנחה על ידי הפרנסים. ביי איינעם (געדאַרפט צאָלן 21 גילדן) שטייט: בפקודת הפרנסים שלא לתבוע אותו כידוע. דער דאָזיקער צאָלער פרענקעל האָט געמוזט געהערן צו אַ משפחה „שטאַרקע״. ביי אַן אַנדער שטייער איז פּאַראַן אַ באַמערקונג אויך ביי אַ פרענקעל: הוא לא רצה ליתן. (דער איינציקער פאַל, אַז איינער זאָל נישט באַצאָלן פשוט, ווייל ער וויל נישט!). ביי אייניקע האָט מען פאַרנומען הפצים: משכן א׳ שיסל של בדיל; משכן שיסעל טעליר פולמיסקי.

נאָך אינטערעסאַנטער זענען די הוצאה־פּאָזיציעס: פון זיי ווערט מען געוואָר גאָר טשעקאַווע פּרטים פון דעמאָלטיקן שטעטלדיקן יידישן לעבן. דערפאַר איז כדאי עטלעכע פון זיי דאָ צו ציטירן.[3]

גאָר אַ גרויסן טייל פון די הוצאות פאַרשלינגען די „לאַפּוועקעס״, וואָס עס האָבן גענומען פאַרשידענע באַאַמטע, מקטן ועד גדול. די פּראָשעניע־שרייבערס האָבן דעמאָלט היפש פאַרדינט: פאַר אָנשרייבן וועלכע ס׳איז ווענדונג צו אַן אַמט האָט מען געצאָלט שווערע געלטער.

כמעט 50% פון די הוצאות פון דער דאָזיקער גביינא זענען געגאַנגען אויף עקזעקוציע־קאָסטן און שתדלנותן וועגן שטייערן. פון די קוויטן ווערט מען געוואָר, אַז די קהילה איז שולדיק געווען „משׂ־נים העברים״ 1900 גילדן, „על מעות בשר כשר״, און מען איז כסדר געפאָרן קיין וולאָצלאַוועק וועגן אַ „וויצאנג מדעקרעט אודות הנחה״ פון 800 גילדן. אין די קוויטן רעדט זיך אויך וועגן עפּעס אַ קנס

[3] אין קונטרס זענען די הוצאה־פּאָזיציעס גאָר קאַרג אין ווערטער: ביי יעדער פּאָזיציע פאַררופט זיך דער גובה אויפן קוויט פון פרנס. צום גליק האָט פ׳ קוטשינסקי, בשעת זיינער אַ צווייטער עקספּעדיציע קיין ליבראָנץ, געפונען צווישן אַ פּאַק פאַרגעלטע קוויטן, טאַקע די אייגענע וואָס ר׳ שלום פאַררופט זיך אויף זיי.

פון אלף זהובים עבור ר׳ וואלף משאמשיץ (א דאָרף ביי אַלענטלין): מ׳האָט באַצאָלט פאַר „שכר כתיבת האפּעלאַציע לשרי המלוכה בווארשי 42 גילדן וגם שני זה׳ עשרה גדולים על נייר שטעמפּיל שטייער וגם שני זה׳ וח׳ פאסט געלד מכתב הנ״ל״.

פון די שטייערן, וואָס קהל האָט געהאַט אויפצומאָנען ביי יידן, ווערט אָפּט דערמאָנט דער שטייער „אָסאָביסטע״.[4] אין איין קוויט לייענען מיר: „קוויט מווראנאווייעצקי שקיבל ד״ו זה׳ וחצי בעד אכילה ושתי׳ ואבראק ודשא משני בע״מ (בעלי מלאכות) עם סוסי׳ שעמדו על עקזקוציע שלשה ימים בגין הטאבעלליס מאסאביסטע״, און אויף דער צווייטער זייט שטייט: „נתתי ד׳ ר״ט בעד ג׳ ימים עקזקוטנע עבור ב׳ שאסערס שבאו אודות טאבעלי... מאסאביסטע וגם מפאטענטאווי״. אין אַ צווייטן קוויט: „קוויט ניתן לר׳ שלום איך שנתן עשרה רייכשטאהלער למ׳ הירש גאמבין שנתן לראש עצה בידיעת הראשי׳ בעלי סכומות עבור עשיות הטאבעליס מאסאביסטע וגם עשיות הטאבעליס מרעקרוטאווי כאשר הי׳ הפקודה מווארשי משרי המלוכה... גם נתן... שבעה רייכשטאהליר להסעקרעטאר גם כן שכר כתיבה בענינים הנ״ל״. אין נאָך אַ קוויט: „קוויט ניתן למ׳ שלום על סך ארבעה ועשרים זה׳ שנתן לאוירבאך שכר טרחתו מהטאבעליס מאסאביסטע״. און ווייטער: „על שלשה זה׳ שנתן לר׳ ליב סאחאטשעווסקי שהלך לווראצלאוועק עם הטאבעליס מאסא־ביסטע״.[5] וויפיל האָט באַטראָפן אָט דער „אָסאָביסטע״־שטייער פון ליבראָנצער יידן, איז פון דעם קונטרס נישט צו זען.

וואָס איז שייך דעם רעקרוטן־שטייער,[6] איז ער געוואָרן באַ־שטימט פון וואַרשע אויס. דאָס איז צו זען פון דעם ווייטערדיקן קוויט: „קוויט ניתן לר׳ שלום על זה׳ וחי גד׳ בעד שני ליבערס ניר לכתיבות טאבעלליס לשלחם לווארשי שיעשו הערכה מרעקרוטין געלט על שנת 1819״. די הערכה פון רעקרוטאווי איז געווען גאָר נישט אין אַלע יאָרן גלייך: אין 1818 האָבן די ליבראָנצער יידן געמוזט באַצאָלן חודשלעך 152 גילדן מיט 19 גראָשן און אין יאָר 1819 נאָר 81 גילדן מיט 8 גראָשן אַ חודש.

אַחוץ דעם שטייער רעקרוטאָווי האָבן די ליבראָנצער יידן נאָך געמוזט צושטעלן עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט טראַנ־ספּאָרטירן רעקרוטן פון וולאָצלאַוועק קיין וואַרשע. פּאַראַן דער־וועגן אַ באַפעל צום קהל אין פויליש, ר׳ שלום האָט צוגעשריבן אויף אים: „נאקאז לשלוח ה׳ אנשים לטראנספּורט עם הרעקרוטין מווראצ־לאוועק לע׳ מ׳ (עיר מלוכה) ווארשי... שילכו עם רעקרוטין טראנ־ספּורט... ושיהי׳ להם מזון על שני שבועות וצדה... ושיעמדו בקא־מיסייע לא יאוחר...״ איין מאָל האָט דער רעקרוטן־טראַנספּאָרט גע־קאָסט קהל 205 ג׳ מיט 9 גר׳, און דאָס צווייטע מאָל 90 גילדן.

אַז די צאָלערס האָבן נישט באַצאָלט אפילו די גביינא להצטרכות

[4] דאָס איז אַ קאָפּשטייער, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר דער גאַנצער לאַנד־באַפעלקערונג פון פוילן לויטן באַשלוס פון סיים דעם 1811.12.23, ד״ה אין די צייטן פון וואַרשעווער הערצאָגטום. לויט דער גרייס איז ער געווען איינגעטיילט אין 10 קלאַסן, פון 500 ג׳ ביז 1 ג׳ אויף אַ קאָפּ.

[5] די „טאַבעליס״ זענען די פּערזאָנען־רשימות פון די שטייער־צאָ־לערס, וואָס קהל האָט באַדאַרפט צושטעלן צו דער קרייז־קאָמיסיע אין וולאָצלאַוועק. פון יעדער שטייער איז געווען אַ באַזונדער טאַבעלע. די השגחה אויפן אָרט איבער דעם האָט געהאַט דער „ראש עצה״, דער וואָיט פון ישוב. חוץ דעם פלעגן אַראָפּקומען באַזונדערע באַאַמטע צוליב דער עקזעקוציע.

[6] דאָס איז געווען אַ ספּעציעל יידישער שטייער, וואָס דורך אים פלעגן זיי זיך באַפרייען פון מיליטער־דינסט. ער איז געוואָרן איינגעפירט אין וואַרשעווער הערצאָגטום לויט אַ דעקרעט פון 1812.1.29.

הקהלה האָט דער ראש עצה געמאַכט עקזעקוציעס: „קוויט ניתן לר׳ שלום על שלשה זה׳ וגד׳ שנתן לשני גארדיסטען שכר הליכה להתרות להבעלי בתים שיתנו להשני מאות ר״ט הנגבה ע״פ סכום... גם נתן זהב וחצי לסעקרעטאר פונט מכתיבות הרעפּעטאציע על שני מאות ר״ט הנ״ל״. אין אַ צווייטן קוויט: „גם נתן שני זה׳ לשאסער שהלך על עקזעקוצייע בגין הגביינא להצטרכות הקהלה״. אין אַ דריטן קוויט ווידער: „איך שנתן ארבעה זה׳ לשני מהגארדיסטען שהלכו בפקודת אלופי קהל וגם בפקודת הראש עצה אודת הגביינא להצטרכות הקהִלה... והנתינה היתה עבור הליכתם א׳ יום וחצי״.

קהל איז שולדיק געבליבן אַ נאַכטוועכטער שכירות, און דער וועכטער האָט דאָס אויפגעמאָנט דורך אַן עקזעקוציע: „קוויט ניתן לר׳ שלום על סך שלשה זה׳ שנתן לשני גארדיסטען שהיו על עקזקוצייע אצל אלופי קהל לשלם להוועכטר המותרות שמגיע לו עבור שלשה רבע שנה שהי׳ שומר לילה אצל היהודים לויט קאנטראקט״. און אין א צווייטן קוויט לייענען מיר: „ידידי מ׳ שלום ווייל דער וועכטר טאג טעגליך איבער מיר לויפט אונד דער ראש עצה וויל ג״כ עוד עקזקוצייע שיקען, ווייל דעם שומר לילה קומט מאלופי קהל נאָך צ״א זה׳ וחצי לתשלום ג׳ רבע שנים שעבד עבודתו עבור אלופי הקהל ע״כ צי טוהן וויא עש מיגליך איז אונד איהם צי בעפרידיגען אונד דיא קבלה זאל מען אין דעם קונטראקט איין שרייבען״.

ס׳האָט אויך געקאָסט שליחות־געלט אַלע מאָל, ווען מ׳האָט געמוזט שיקן בריוו צו דער פּאָסט קיין בריסק: „מ׳ שלום זאל געבין אַן ר׳ שבתי שני זה׳ ווייל ער רייט בלילה נאָך בריסק עם ששה איגרות על הבי׳ דואר ששלחו אלופי הקהל לווארשי ולהבדיל הר״ע (ראש עצה)״.

אין איין קוויט לייענען מיר: „קוויט ניתן למו״ה שלום איך שנתן ששה ושלשים זה׳ לכומר בעד רבע בשר המגיע להם מדי שנה בשנה על חאגי יום הולדת הנוצרי וקוויט של הכומר נחתם בפנקס הקהל בין שארי הקוויטן מהכומר הנ״ל״. און אין אַ צווייטן קוויט: „איך שנתן י״ב זהובים בעד בשר לקצבים שלקחו אלופי קהל למתנות על חאגי שלהם ביז גיבאהרין״.

וועגן צינז פאַרן פריץ איז אין קונטרס נאָר דאָ די ווייטערדיקע פּאָזיציע: „קוויט ניתן לר׳ שלום איך שנתן שלשה זה׳ עקזקוציאן גיביהרן להבעל מלחמה ששלח הר״ע (ראש עצה) על עקזקוצייע לאלופי הקהל לשלם הצינז המגיע לחצר. גם נתן להבע״מ הנ״ל א׳ זהב על שהלך לאסוף אסיפה בגין להתייעץ איך לעשות עם הצינז הנ״ל״.

פון אַנדערע הוצאה־פּאָזיציעס איז כדאי צו פאַרצייכענען: „איך שנתן חמשה זה׳ על עגלה לבריסק עם החזן האשכנזי עם שני משוררי׳ שלו״, „איך שנתן ששה זה׳ לעזר החייטין שהלכו לק״ק קאוואהל לעשות שם מלאכת חייטין אצל הבע״מ (הבעלי מלחמה) העומדי׳ שם לויט בפעהל מהקאמיסיע״.

קהל איז געווען מחויב אָפּצושיקן געכאַפּטע גנבים קיין בריסק. קהל האָט טאַקע געהאַט צרות צרורות, ווייל איינער אַ גנב איז אַנטלאָפן, און מ׳האָט קהל געמאַכט דערוועגן אַ פּראָצעס.

קהל האָט ביי יעדער גביינא געהאַט „היזק מטבע״: ס׳זענען געווען אין אומלויף פאַלשע מטבעות, וועלכע מ׳האָט אַריינגעשטעקט די שמשים, וואָס האָבן איינקאַסירט געלט.

אין קונטרס געפינט זיך אויך אַ רייסטער פון דעם אַזוי גערופענעם „שאַרוואַרק״: „הכנסה מה שהוגבה על ידי לשלוח אנשים לתיקון הדרכי׳ בראטע ייעשעני (אַפּנים, אַז דאָס האָט מען געצאָלט אין צוויי ראַטעס: אין פרילינג און אין האַרבסט) 1819/1818 היינו תשרי חשוון תקע״ט״, אַזוי באַטיטלט דער גובה דעם דאָזיקן אָפּצאָל.

דעם שטייער האָט מען געצאָלט, פונקט ווי דעם פּאָדימנע, פון יעדער הויז צו 10 גילדן. עס שטייט אָבער נישט דערמאָנט אין קונטרס, צי מ׳האָט נאָך דעמאָלט געצאָלט אויך דעם פּאָדימנע־שטייער. בסך־הכל זענען געווען 77 הייזער־בעלי־בתים (בכן, אַ העלפט פון די יידישע פאַמיליען־פּאָטערס האָבן געהאַט אייגענע הייזלעך!), אָבער אַפּנים אַז צווישן זיי זענען געווען אויך היפּשע קבצנים, ווייל ביי אייניקע שטייט פאַרנאָטירט: „הנחה על ידי הפרנסים על ידי שהוא עני״. בסך־הכל האָבן דרייצן בעלי־בתים באַקומען הנחות, אָנגעהויבן פון אין גאַנצן באַפרייט ווערן, ביז אַ הנחה פון 1 גילדן. אין גאַנצן זענען געוואָרן באַפרייט: דאָס הויז וווּ דער רב האָט געוווינט, דער בית־המדרש של קהל, די מקווה. די בעלי־בתים האָבן באַקומען הנחות איבער די ווייטערדיקע טעמים: „בחצי חלק השני איננו דר שום איש״; „הנחה להקדש מאן״; „פטרוהו הפרנסים עבור זוגתו חולנית״; „טענתו שיש לו נומר אחד עם גיסו״; ביי איינעם שטייט: „הוכרח ליתן להעובדי אדמה כידוע״ — וואָס דאָס איז, ווייסן מיר נישט.

חוץ געלט, האָבן יידן געמוזט משמעות צושטעלן אויך אַרבעטער, ווי מ׳זעט עס פון די ווייטערדיקע קוויטן: „קוויט ניתן לר׳ שלום איך שנתן זה׳ וחצי להשני בעלי מלחמות משארווארק שלא ינגשו את היהודי׳ העושים מלאכת תיקון הדרכי׳ ע״פ פקודת המלך״, און אין אַ צווייטן קוויט לייענען מיר: „ר׳ שלום זאל געבין אן די עקזקוצייע וועלכי דער פאן אדאם האָט גישיקט דאש מען זאָל געבין ד׳ אנשים מיט העק אונד רידלעס צי האקין אין וואלד זאלט איהר זייא געבין שני זה׳ פויליש״; נאָך אַ קוויט: „קוויט ניתן לר׳ שלום איך שעשה היזיק סך שמנה זה׳ פויליש על השמנה רידלעס שקניתי אצל מ. ליב ווארשר לתיקון דרכי׳ ומ׳ ליב הגל קנה אותם בחזרה בהיזיק זהב מכל רידלע״; „גם נתן על ידי זהב ויוד גדולים דערלייגט להדגים שקנה האדון אַדאַם מיראָסלאווסקי קאמיסאר משארווארק״. נאָך אין אַ קוויט שטייט דער גאַנצער חשבון פון שאַרוואַרק: „להווי ידוע לאלופי הקהל שכל אחד מאנשים... שכרנו אני ור׳ אברם איזביץ אַ שני זה׳ ליום נמצא עולים הסך 406 מענשין 312 זהוב פוליש מזה אב ציג 36 זה׳ מה שנתן במתנה האדון אַדאַם עבור עניי עמינו, דיטא 24 זה׳ מאותן ד״ד אנשים שקניתי אצל הזערזאנט ומסעקרעטער אַ זהב ליום לחסר מזה ס׳ זה׳ 60 — סך הקוויט 812

לחסר מזה 60

נמצא בטרעפט 752 זה׳

עס זענען נאָך געווען צוויי מאָל צו 15 גראָשן „על ייש״. בסך הכל האָט דער האַרבסט־שאַרוואַרק (ראטע ייעשעני) געקאָסט די ליבראַנצער יידן 766 ג׳ און 3 גראָשן.

דערנאָך גייט אין קונטרס: „חשבון הגובה ממעות רעקרוטין מחודש חשון וכסליו תקע״ט 1818: הערכה מהחודש בטרעפט 157 ג׳ מיט 25 גר׳.״ דערפון גייט אַראָפּ: 8 ג׳ מיט 16 גר׳ וואָס 6 יידן האָבן דירעקט באַצאָלט אין דער שטאָטישער קאַסע. אין וולאָצלאַוועק איינגעצאָלט אַ חודש 144 ג׳ מיט 3 גר׳. דער רעשט פון דער הערכה איז געגאַנגען: שליחות־געלט קיין וולאָצלאַוועק מיטן געלט, פאַרן שמש, מסתמא פאַרן איינקאַסירן און היזק „מטבע״.

ווייטער גייט אין קונטרס אַ רייסטער: „גביינא ע״פ סכום על סך מאה וחמישים זה׳ הנגבה להצטרכות הקהלה, נעשה ג׳ ניסן תקעט״. לויט דער רשימה וואָלט געדאַרפט איינפליסן 163 ג׳ מיט 24 גר׳. צום סוף שרייבט דער גובה: „לאחר העיון... עלה במוסכם שלא לגבות להצטרכות הקהלה כי אם סך מאה וחמישים ולא יותר״. אינטערעסאַנט זענען די נאָטיצן וועגן די צאָלערס, וואָס זענען שול־

דיק געבליבן. ביי איינעם שטייט: „פטרוהו מחמת שהוא מן החוץ לסכומות ולא הי׳ ג״כ בביתו לעת הגביינא״; ביי אַ צווייטן: „הרווחה עד אחר י״ט״ (עס גייט בסך הכל וועגן פערצן גראָשן!).

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז, אויף וואָס ס׳איז געגאַנגען די לעצטע גביינא: 6 ג׳ „מכתיבות הקונטראקט על הקרופקי להחוכר ר׳ אהרן דימאנט״; 6 ג׳ „שכר דירה מאורחים״; „לר׳ יודא משרת הקהלה שני זה׳ גם ז גד׳ על ייש כשהלך לגבות המעות רעקרוטין מארבעה חדשים״; „קנס שטעמפלאווי להראש עצה לויט מאנדאט עבור שאיחרו להראות הקויצע קוויט ממעות רעקרוטין משנת 1812 נתתי יוד זה״; „לרב יוסף קצב עבור בשר לקלויסטר על חגא בפסחם 1819 נתתי חמשה ר״ט; נתתי שלשה זה׳ פסק געלט נידן המשפט עם ר׳ משה שמש״; „נתתי שלשה זה׳ וחצי ע״י יעקב שמש שכר כתיבות הקונטראקט מהמקווה״; „נתתי לר׳ ישראל חוטב עצים טו גדולים צידה לדרך לילך עם צירקלער ב׳ פרסאות וחצי״; „נתתי ד״ד גדולים עבור ליברע נייר לכתיבות הצטרכות הקהלה״; „למוה״ר ליב ווארשר נתתי ד׳ זה׳ וחצי בעד ג׳ ביטעליער פארטער ששלחו אלופי קהל למתנה ביום שבת בהר למו״ה משה במו״ה לייזר מלעסלא״; „נתתי לר׳ ליב הנל חמשה זה׳ בעד ב׳ קווארט יין למתנה לראש עצה על חאגי שוואנטקיס. גם נתתי חמשה זה׳ עבור בשר לראש עצה על חאגי הנ״ל״. בסך הכל זענען געווען הוצאות 162 ג׳ מיט 26 גר׳.

דערנאָך קומט אַ בלאַט: הכנסת הגובה מקיץ תקע״ט, בסך־הכל אויף 182 ג׳: „מאשה ריינה קבלתי על חכירות המקווה עבור חודש אייר תקע״ט ג׳ ר״ט טוג׳פ (טית וואָוו גדולים פויליש, אַלזאָ 18 גילדן מיט 15 גראָשן); פאַר סיוון אויך אַזוי פיל; פאַר תמוז נאָר 13 גילדן (די הכנסות אין תמוז זענען אַ סך געפאַלן אַקעגן די אַנדערע חדשים, מסתמא ווייל מען האָט זיך געבאָדן אין טייך).

דערנאָך גייט ווייטער אין קונטרס אַ ספּעציפיקאַציע: „הוצאות הגובה מקיץ תקע״ט... נתתי בפקודת ר׳ אברם זה לר׳ יוסף פאקיר שרכב לקאלבייע חושים עם איגרת מאדיונקט גרייבער לאדון באַגאטקי; נתתי... זהב וחי גד׳ לאותן שנשאו עצים ונסורת מהבכנ״ס להברוני של ר׳ מאיר קונייעץ לכסות אותה; נתתי שני זה׳ לר׳ עזרא לעזר העגלה שנסע לבריסק אודת למצוא הפסק שפטורי׳ אלופי הקהל מנתינת ה׳ אבנים חלב לכומרי׳ מדי שנה בשנה כמו שתבעו הכומרי׳ עם הקאמיסאר; נתתי יוד זה׳ עבור שעפיל דגן שנתתי יום עש״ק בכניסת השבת עבור הסוסי׳ של אדון דאזער מייאסט; נתתי לבורטשקאווסקי זה׳ על שהלך ביום שבת לסבב אצל הבעלי בתים לאסוף אותם לדאזער מייאסט כמו שהיתה הפקודה מראש עצה; נתתי לר׳ ליב ווארשר ששה ר״ט לעת עתה על המשקות וקאפע ציקר שלקח ר׳ אברם עבור דאזער מייאסט (צום סוף קונטרס איז אויסגערעכנט געַנוי, וואָס מ׳האָט אַלץ געגעבן דעמאָלט דעם „שטאָט־אויפזעער״); נתתי לר׳ אברם ל״ה זה׳ שנתן להדאזער מייאסט ולכותבו; נתתי ד׳ גדולים עבור חבל שלקח השליסער החבל מאותן שהלכו עם הגנב לבריסק; נתתי שכר שליחות... שני זה׳ שהלך בפקודת האדון גרייבערט עם איגרות רזאנדאווע לסטראָסטע; נתתי לר׳ ישראל יון זה׳ על שהלך לאיזביץ עם איגרות להודיע שהאדון נאמייעשניק יבוא שם בחצות היום; והפקודה היתה לשלוח רכב, אך שלא היתה ביכולת להשיג; למ׳ יוסף חזן נתתי בפקודת ר׳ אהרן י״א זה׳ מה שלקח ר׳ אברם השני ר״ט מעות חיטין המגיע למ׳ יוסף ונתנם לגבאי צדקה; נתתי לר׳ זיסקינד חי גדולים צידה לדרך שהלך עם איגרות לאיזביץ ולא הי׳ לו אפילו פרוטה אחת לקנות לו לחם; נתתי זה׳ ויוד גד׳ לכתיבת הפירשטעלינג לראש עצה לנגוש את השמאים לשבועה ולעשות הסכום לויט פקודה מהקאמיסאר; נתתי לגוראנאווסקי שבא עם טערמין אודת אותן שעזבו לברוח הגנב ב׳ זה׳ 15 גד׳; נתתי על ידי קוויט מגוראנאווסקי שבא על עקזקוצייע בנידן הקנס 911 זהובים ועל מעות רעקרוטין מחודש וורזעשין 29 זהב; נתתי לוואָזני וועסאלאווסקי שבא עם טערמין שנית שאבוא עם האנשים שעזבו לברוח הגנב על טערמין לבריסק שלשה זה׳ פ׳; נתתי ע״י ר׳ יודא וועכטר... בכניסת קבלת שבת זהב על נרות לשמירות הרעקרוטן. גם ט גד׳ על יי״ש; נתתי שני זה׳ וג׳ לערל שימעק שהלך ביום שבת עם אקטין קונצעסינע וגם דזעניקעס לאיזביץ לויט הפקודה מראש עצה״. בסך־הכל האָבן די הוצאות באַטראָפן: 212 ג׳ מיט 22 גר׳.

נאָכדעם קומט אין קונטרס: „חשבון הגובה ממעות הרעקרוטין על שנה תמימה מן א׳ שטיצען 1819 למספרם עד א׳ שטיצען 1820 לויט קוויטן מהקאַסע ולויט קוויטאַריוש״. אויפן צווייטן דף קומט: „חשבון ההוצאה ממעות רעקרוטן משנת 1819 הנ״ל״: יעדן חודש איינגעצאָלט צו 81 גילדן מיט 8 גראָשן; „עבור דפוס הקוויטאַריוש״ 18 ג׳ מיט 22 גר׳; „שכר שליחות עם המעות לווראצלאַוועק״ פאַרשיידן: פון 17 גראָשן ביז דריי גילדן; אָנדערטהאַלבן גילדן אַ חודש האָבן גענומען „משרתי הקהלה שהלכו לגבות״; „היזיק מטבע״ פאַרשידן: 18 גראָשן, 20 גר׳ אאַ״וו. בסך הכל הוצאות: 1047 גילדן מיט 10 אַ האַלבן גראָשן.

אויף דער לעצטער זייט איז פאַראַן אַזאַ נאָטיץ: „יעלה לזכרון שעל הפוירשוס שעשה ר׳ אברם... כמבואר בדף הקודם על זה קיבל מגביינא שהוגבה אלף זהב על סילוק הקנס מחודש כסליו תק״פ קיבל ארבעה ועשרים זה״. מ׳האָט בכן, די 911 גילדן סוף כל סוף געמוזט באַצאָלן.

און גאָר צולעצט: „יעלה לזכרון שלקחתי יום ח׳ שבט מאשה ריינה המחזקת חכירות המקוה סך עשרה זה׳ והמעות הנ״ל נתתי עבור הדזעניקעס פראנומעראטע על שנת 1820 תק״פ כמבואר בקוויט המכורך למטה על דף זה״. ס׳איז טאַקע צוגעהאָפטן אַ קוויט אויף פויליש: אַז קהל פון ליבראַנץ האָט באַצאָלט פּרענומעראַט פאַרן „דזיענניק וואָיעוודסקי״ 10 גילדן פאַרן גאַנצן יאָר 1820.

צי אַנטהאַלט דער קונטרס אַלע שטייערן, וועלכע די דעמאָלטיקע ליבראַנצער יידן האָבן געצאָלט? דאַכט זיך, אַז מ׳קען אויף געוויס ענטפערן אויף דער דאָזיקער שאלה: ניין.

בכל אופן שטייט פעסט, אַז די דעמאָלטיקע קהילה אין ליבראַנץ, וואָס איז באַשטאַנען פון אומגעפער 152—154 פאַמיליעס, האָט געהאַט הוצאות:

1. ביי דער גביינא שני מאות רייכסטאַלער (ר׳ שלום רעכנט אויס נאָך נעבן־הכנסות אַחוץ פון די 1120 ג׳ מיט 15 גר׳ פון דער גביינא)	1433 גילדן	24 גר׳
2. רעקרוטאָווי אין 1818 (אין קונטרס פאַראַן נאָר וועגן צוויי חדשים, אָבער ער שרייבט: הערכה לחודש 154 ג׳ מיט 25 גר׳)	1858 ״	
3. תיקון הדרכים (בלויז ראַטע יעשעני!)	766 ״	3 ״
4. מגביינא להצטרכות הקהלה אויסגעגעבן	162 ״	26 ״
5. הוצאות הגובה מקייץ	212 ״	22 ״
6. צינז פאַרן פריץ (לויט מוזנעראָווסקי)	4000 ״	
7. אָסאָביסטע (אַז מ׳זאָל דורכשניטלעך רעכענען צו 2 גילדן פון אַ קאָפּ. און אַז 20% פון דער באַפעלקערונג האָט גאָר נישט באַצאָלט: בכן, אַן ערך 600 צו 2 גילדן	1200 ״	
צוזאַמען	9631 ג׳	מיט 75 גר׳

ס'זענען אָבער שטענדיק מסתמא צוגעקומען אומגעריכטע הוצאות: ווי דער קנס פון 911 ג'; די 1000 קנס פאַרן ייד פון סאמשיץ; 1900 גילדן פון בשר כשר פון פאַרגאַנגענע יאָרן; מעות חיטין, וואָס ווערט דערמאָנט. יעצט בלייבן אומדירעקטע אָפּגאָבן: די קרופקי אאַז"ו.

אפשר וועט דער ליבראַנצער קונטרס מיטהעלפן אַריינצו־ברענגען אַ ביסל מער קלאַרקייט אין דער פראַגע וועגן די יידישע שטייערן נאָענטביים אונטערגאַנג פון קהל. צוויי יאָר שפּעטער, אין 1822, איז דאָס לעצטע רעשטל פון דער אַמאָליקער יידישער אויטאָנאָמיע פאַרשווונדן. ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער קהל, און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין קאָנגרעס־פּוילן דער „דאָזאָר בוזש־ניטשי".

אברהם יצחק קלוסקי

ליבראַנץ

ליבראַנץ ליגט 20 קילאָמעטער פון וולאָצלאַוועק נאָך בריסק דקוי'.

די יידישע באַפעלקערונג אין 1939 האָט געציילט בערך 1050 נפשות, און איז באַשטאַנען פון האַנטווערקער, קליינהענדלער, דאָרפסגייער'ס און אַ קליינער צאָל באַאַמטע. די הויפּט־פּרנסה האָבן די יידן געשעפּט פון די טערגער און יאַרמערק אין שטעטל און אין אַנדערע שטעט. פאַרהעלטענישמעסיק איז דאָס געווען אַ פּרנסה־שטעטל און אַ גרויסער טייל איז געווען מיטל פאַרמעגלעך.

דאָס צוזאַמענלעבן אין דער שטאָט מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז אין אַלגעמיין געווען אַ באַפרידנדיקע, דער עיקר מיט דער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג, דאָס איז אויך די סיבה וואָס פון דעם שטעטל האָט מען פאַרהעלטענישמעסיק ווייניק עמיגרירט.

סאָציאַלע אינסטיטוציעס: 1. הילפס־קאָמיטעט פאַר אָרעמע קראַנקע. 2. הכנסת אורחים. 3. גמילות־חסדים־קאַסע.

ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס: קליינהענדלער־פאַראיין; האַנט־ווערקער פאַראיין; אַ באַנק בשותפות פון האַנטווערקער מיט קליינ־הענדלער.

פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס: ציוניסטישע, פּועלי־ציון, בונד.

אין שטאָט־ראָט: ציוניסטן — 1 ראַטמאַן; פּועלי־ציון — 2 ראַטמענער; בונד — 1 ראַטמאַן.

אין קהילה: ציוניסטן — 1 ראַטמאַן; פּועלי־ציון — 2; בונד — 1; אומפּאַרטייאישע — 4 ראַטמענער; אגודה אינגאַנצן נישט געווען אָרגאַניזירט.

רבנים: בעל מחבר פון אלה תולדות נח — גאָלדשלאַג, זילבער־צאַן, קלוקאָוו — דער לעצטער רב ביזן חורבן — אָרגאַניזירט שעורים אין בית מדרש.

שוחטים און חזנים: מענדל האַלפּערן, קאָוואַדלאָ, הערצקע לאַנדוי (דערנאָך חזן אין אַמסטערדאַם) יעקב גאָלדמאַן.

נעמען פון שטאָטראָט־מענער: שמעון זעליג דראַכמאַן, לוטעק פּאַרדאַנסקי, הענדל איטע פּרינץ — ציוניסטן; אברהם לייב פּיפּע־שינסקי, שואל אליה אייזיק — פּוע"צ; שיע קראַקאָווסקי — בונד; יעקב בזשוסטאָווסקי — אומפּאַרטייאישע; לאָווניק געווען חיים קאַלמאַן, ער איז אויך געווען סעקרעטאַר פון דער קהילה.

נעמען פון דאָזערס און קהילה־ראַטמענער: מענדל ראָזען, אַ בעקער; שיע חיים פּלאָנסקי, אַ זייגערמאַכער; משה אהרון דווישען, שניידער; אברהם איוואַנאָוויטש, סוחר (צונאָמען יורעק); (פאַר דער ערשטער מלחמה: פּינטשעווסקי, מרדכי קאָנינסקי, איציק לייב ראַ־וויצקי), שואל אליה אייזיק, שוסטער, דוד לובינסקי, קצב — פּוע"צ; לוטעק פּאַרדאַנסקי, סוחר; יונה קלוסקי, קצב, יעקב בזשוסטאָווסקי, בעקער; חיים יודסקי, שניידער; מרדכי איוואַנאָוויטש, אַ צונאָמען — מרדכי נאָז; יצחק זאַיאָנטשקאָווסקי, סוחר. ש״ע קראַקאָווסקי, שניי־דער — בונד; יעקב בזשוסטאָווסקי, געוועזן פּרעזעס.

מיטגלידער פון הילפסקאָמיטעט: אברהם יצחק קלוסקי, קצב, (הײַנט אין ישראל) שואל אליה אייזיק, איטע סאָכאַטשעווסקי, הינדע קאַלמאַן, אברהם יוזעפאָוויטש (צונאָמען בראַשקאַ); יצחק האַלפּערן דעם שוחט'ס זון; לייב רויטקאָפּף.

דער הילפסקאָמיטעט האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט צוויי דאָק־טוירים צו דערטיילן מעדיצינישע הילף פאַר אָרעמעלייט בחנם. אַ פּאָר יאָר איז געווען דאָרט אַ יידישער דאָקטער קליין, דערנאָך אַריבער קיין וולאָצלאַוועק. אין שטעטל זענען געווען צוויי יידישע דענטיסטקעס. אַ פּאָר יאָר איז דאָ געווען לערער דער דיכטער יחיאל ראָזענצווייג, דערנאָך אַריבער קיין וולאָצלאַוועק אין דער יידישער גימנאַזיע, די לעצטע יאָרן ביזן חורבן, לערער אין גימנאַזיע פון יצחק קאַצענעלנזאָן.

דער אומקום

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, איידער די נאַציס י"ש זענען אַריין אין שטעטל, האָבן טויזנטער יידן צוגעוואַנדערט אין ליבראַנץ פון דער אַרומיקער געגנט ווי אויך פון ווייטערע שטעט, געקומען פון אָשענטשין, סלוזשעוואָ, אַלעקסאַנדראָוו, וולאָצלאַוועק א"א. דער הילפס־קאָמיטעט האָט באַזאָרגט די פּליטים מיט דירות, איינקוואַרטירט אין די פּאַרטעריי־לאָקאַלן, געליפערט שפּייז פאַר באַדערפטיקע (די פאַרטיילונג איז געווען אין בית־המדרש). דעם 10 סעפּטעמבער 1939 זענען אַריין די היטלער־באַנדיטן. דער ערשטער פּאַטראָל איז געקומען פון אָשענטשינער וועג. גלייך האָבן זיי אויפ־געפאָדערט די גאַנצע באַפעלקערונג, סיי יידן און סיי נישט־יידן זיך צו שטעלן אויפן פּלאַץ קעגנאיבער דער שול, פאַרלאַנגט אַרויס־געבן געווער, ברענגען וואַסער פאַר די זעלנער (געהייסן די בירגער פריער טרינקען) געצוימען זאַקלאַדניקעס, פון די יידן גענומען משה אליעזר טייטלבוים. נאָכמיטאָג איז דאָס שטעטל געוואָרן באָמבאַרדירט פון דער לופט. דערנאָך פאַראָרדנעט אויסנאָם־צושטאַנד (פאָליצײַ־שטונדע). באַלד דערנאָך איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן טאָרן בכלל נישט באַווייזן זיך אין גאַס, אַחוץ 1 שעה אין טאָג.

אַנגעהויבן כאַפּן צו דער אַרבעט פון די שטובן אַרויס, געשלאָגן און געהרגעט, באַפוילן אַרויסצוציען בריקן־טיילן פון דער זגלאַ־וויאַנטשקע האַלב אין וואַסער אונטער נאַגייקעס. אַ פּאָר טעג דערנאָך איז אָנגעקומען דער באַקאַנטער מערדער קראַמער פון וולאָצלאַוועק. אַרויסגערופן צו זיך דעם רב קלוקאָוו מיטן סעקרעטאַר חיים קאַלמאַן און אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ קאָנטריבוציע פון 70.000 זלאָטעס. מיט גרויס אָנשטרענגונג איז די קאָנטריבוציע געוואָרן באַצאָלט. אַ קורצע צייט שפּעטער איז אָנגעקומען דער לאַנדס־קאָמיסאַר ד״ר שמידט, גערופן צו זיך דעם רב קלוקאָוו און די קהילה ראַטמענער, אויפגעפאָדערט צוצושטעלן 10.000 זל. פּאַר איינאָרדענען פאַר זיך די געהעריקע ביוראָס. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ראַבעווען די יידישע וווינונגען און געשיקט די יידן אויף שווערער ארבעט אונטער מוראַדיקע קלעפּ. פון דער שול האָבן זיי געמאַכט אַ שפּייכלער (דערפאַר מסתמא איז זי געבליבן שטיין ביזן היינטיקן טאָג). דערביי מוז צוגעגעבן ווערן, אַז פאַרהעלטענישמעסיק צו אַנדערע שטעטלעך האָט די יידישע באַפעלקערונג וויניקער געליטן אַ דאַנק דעם שמידט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן מילדער ווי די קאָמיסאַרן אין אַנדערע שטעט... ער האָט דערלויבט אין 1940 די יידן דאַווענען כל נדרי אין בית המדרש. אָבער די זשאַנדאַרמעריע איז געקומען און געשלאָגן, אַרויסגעשלעפּט די יידן מיטן רב בראש פון בית המדרש, געצוואונגען צו רייניקן די גאַסן, אַרויפלייגן מיסט אויף אַ וואָגן און דער רב האָט געמוזט אַרויף און מיט זיין קערפּער אָנשטויסן דאָס מיסט, האַלטן אַ בעזעם אין האַנט ווי אַ ביקס און אַרויספירן דאָס מיסט פון דער שטאָט.

גלייך ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה האָט מען אַרויסגעשיקט כמעט די גאַנצע מענלעכע יידישע באַפעלקערונג קיין פויזן אין די לאַגערס. דער רב איז בכוונה נישט אריינגעשטעלט געוואָרן אין דער ליסטע צום אַרויסשיקן. ביינאַכט אָבער האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון שטוב, אָפּגעשניטן אים די באָרד און די האָר פון קאָפּ און אונטער מערדערלעכע קלעפּ אַוועקגעשיקט מיט אַ נאַציִשן קאָנוואָי אין די פויזנער לאַגערן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען די איבערגעבליבענע פרויען, קינדער און אַלטע לייט אַרויסגעשיקט קיין לאָדזש אין געטאָ. די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַ־15 ארבעטספּעציקע בעלי מלאכות, וועלכע זיי האָבן געשיקט נאָך 3 חדשים קיין כעלמנאָ צום פאַרברענען. צווישן זיי איז געווען: זעליג שמידט, חיים קאַלמאַן, מאַקס שאַיעוויטש, אַברהם יוזעפּאָוויטש, שמואל סאַטאַנאַווסקי, זלמן דווישען, בנימין טאַבאַטשינסקי, שיע חיים פלאַנסקי, פראַנקענבערגס דריי זין. די מוטער חנה פראַנקענבערג מיט איר טאָכטער עדזיאַ און יינגסטן זון הענוך זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אונטערוועגנס ביי פויערן אין דאָרף דאָמבייע. דאָרט האָבן די דייטשן זיי געכאַפּט, געברענגט קיין ליבראַניץ, ארויסגעפירט אויפן בית עולם, געהייסן גראָבן אַ גרוב, אַריינגעוואָרפן זיי, נאָכגעשאָסן און פאַרשיט. אין דער זעלבער צייט איז געשאָסן געוואָרן אין גאַס אברהם קאָנינסקי, וועלכער איז געקומען זען זיין פאַמיליע און קיינעם מער נישט געטראָפן.

פון פויזנער געגנט זענען כמעט אַלע פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענצים, ווו דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען און נאָר איינצעלנע האָבן זיך געראַטעוועט. די פרויען, קינדער און אַלטע אין לאָדזשער געטאָ זענען כמעט אַלע אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט. בלויז עטלעכע זענען געבליבן לעבן.

משה פרינץ / כפר־סבא

דמויות מלובראניץ

בשעה שאני מעלה בכתב שורות אלה עומדת שוב לנגד עיני עיירתי לובראניץ. העיירה שכנה בסביבה יפה, מוקפת יער גדול, שהנהר חוצה אותו ומוסיף הוד ויופי לנוף.

היתה זו עיירה תוססת עם חיי מסחר ותרבות ערים ופעילות ציבורית מסועפת. הנוער היה ברובו לאומי והיה מאורגן בהסתדרויות שונות החל מ„השומר הצעיר" וכלה ב„בית"ר". עיקר עיסוקם היה איסוף תרומות למען הקרנות הלאומיות. מרכז החיים היתה הספריה היפה ע"ש יצחק גרינבוים ומועדון הספורט „מכבי".

לא רחוק מהיער היתה גרה משפחת קונינסקי שידועה היתה בנדבנותה ובעזרה שהושיטה לעניי העיר ולעניים הרבים שעברו דרכה. בית משפחת קונינסקי היה תמיד פתוח לפניהם והגברת קונינסקי היתה מכינה להם אוכל לשבת, שלא ירעבו לפחות ביום זה. לא הרחק מהבית הזה היה גר סבי גצל פרינץ, גם הוא נדבן, בעל מדות ומכניס אורחים. עם המשפחות האלה יש להזכיר גם את משפחת ר׳ משה רויטקופף, שלא היה מתישב לקדש את השבת מבלי שלא יסעד על שולחנו אורח.

סבי ר׳ מנדל רוזן היה במשך זמן מפרנסי הקהילה ונמנה עם עסקניה הפעילים. אבי הנערץ, ר׳ אברהם פרינץ, ניספה בגיטו לודז׳ אמי האהובה, הנדל־איטה פרינץ לבית רוזן, היתה חברה במועצת העיירה מטעם ההסתדרות הציונית ופעילה בהרבה ועדות ציוניות. נציגים לאומיים במועצה היו גם: ה„לאוויניק" פרנקנברג ושמואל זליג דרכמן, יהודי בר אורין. כרב כיהן ר׳ זילברצאהן, שהיה אהוד על הבריות והבין לרוח הנוער. חזן־שוחט בעיירה היה גולדמן, איש תורה. מבין עסקני הקהילה יש גם להזכיר את יצחק־ליב רביצקי, שעבר אח"כ עם משפחתו הענפה לולוצלבק.

המורה בעיירתנו היה ר׳ שלום קונפדרק עד שהעתיק את מושבו לולוצלבק. היה זה יהודי משכיל, בעל תרבות וידע.

עם משפחות בעלות תרבות בעיירה נמנה עקיבא לוי ואשתו. עקיבא היה פעיל בחוג הדרמטי. היו בין ראשוני העולים ארצה וכאן שכלו את בנם שנפל במלחמת השחרור.

אחי ישכר היה יושב־ראש ההסתדרות הציונית והיה פעיל מאוד בתנועה בכל שטחי עבודתה: ספריה, „מכבי", קרן קיימת לישראל וכו׳.

אחי הצעיר זלמן היה פעיל בתנועה הקומוניסטית המחתרתית.

בשנת 1933 עברה משפחתנו לולוצלבק.

ישראל קאפלאן

ווי אזוי איז אנטשטאנען די ניעשאווער קהלה

מיר ברענגען דעם מאמר פון ישראל קאפלאן, וואס איז בשעתו געווען אפגעדרוקט אין דער „וולאצלאוועקער שטימע" (מיט עטלעכע אויסבעסערונגען).

לויט דער „יעווריעסקאיא ענציקלאפעדיא" באנד 11, ז' 694 ווערן יידן אין ניעשאווע דערמאנט אין יאר 1487 און אין בערנסאנס דיפלאמאטאריוש (פאר. 118, ז' 82) רעדט זיך וועגן יידן אין ניעשאווע אין יאר 1569.

אין די יארן 1823—1862 האט ניעשאווע געהערט צו די שטעט מיט „רעווירן", ד"ה אז אויף באשטימטע גאסן האבן געמעגט וווינען בלויז פריווילעגירטע יידן. ווי א שטעטל, וואס איז געלעגן אין דער גרענעץ־זאנע, איז דאס באזעצן זיך פון יידן פון אנדערע טיילן לאנד געווען פארבאטן.

אין יאר 1856 האבן אין ניעשאווע געוווינט 283 יידן און 1593 נישט־יידן. לויט דער ציילונג פון 1897 איז די צאל יידן געווען 310, נישט־יידן 2639.

ניעשאווע איז געווען איינע פון די שטעטלעך ווו קיין יידן איז נישט געווען דערלויבט צו וווינען. ערשט אין יאר 1772 נאך דער ערשטער צעטיילונג פון דער פוילישער מדינה, ווען ניעשאווע איז איבערגעגאנגען צו די פרייסן זענען באשטימט געווארן צוויי געסלעך פאר עטלעכע יידישע פאמיליעס, און פון דאן אן, א דאנק גינסטיקע פאליטיש־עקאנאמישע באדינגונגען, האט זיך דער יידישער ישוב פארגרעסערט.

אינטערעסאנט זענען אייניקע פרטים ווי אזוי איז אנטשטאנען די יידישע קהילה אין ניעשאווע.

די ערשטע פאמיליעס האבן געשטאמט פון א שטעטל נעבן טורן וואס האט זיך גערופן מאידאנעס. דארט איז געווען א גוט איינגעארדנטע קהילה, וואס האט געציילט 50 משפחות. נאך דער דערמאנטער חלוקה האט די דייטשע רעגירונג באשלאסן צו פארוואנדלען טורן און איר אומגעגנט אין א פעסטונג. דער פלאן האט אויך ארומגענומען דאס שטעטל. די איינוווינער האבן באקומען א פאראָרדענונג צו פארלאזן זייערע וווינערטער. די ארעמע, וואס האבן זיך נישט געקענט עוואקוירן, זענען ארויסגעפירט געווארן. 18 פארבליבענע פאמיליעס זענען אנגעקומען אין שטעטל פאדגוזש מיט דער כוונה זיך דארט צו באזעצן. די ארטיקע פוילישע באפעלקערונג האט אבער זיי מקבל פנים געווען מיט דרענגער און שטעקנס און נישט אריינגעלאזט אין שטעטל. פאר גוט געלט איז זיי אבער געלונגען זיך אויפצוהאלטן אייניקע מאנאטן און פון דארט זענען זיי אריבער קיין ניעשאווע, ווו עס איז זיי תחילה דערלויבט געווארן צו וווינען בלויז אין צוויי גאסן, ווי עס זאגט בפירוש דאס כתב, וואס איז ארויסגעגעבן דורך דער פרייסישער רעגירונג.*

* פ' חיים אלעזר טכוזש פון ירושלים באמערקט וועגן דעם אפשטאם פון די ערשטע ניעשאווער יידן:

בערך אין יאר 1889 האט מיין פאטער ר' סענדער ז"ל אנגענומען אין ניעשאווע די שטעל פון א שו"ב און בעל תפילה. ווען ער האט דאס ערשטע מאל אנגעהויבן צו זאגן סליחות בציבור, האט ער געזען אז אין די סליחות, וואס זענען געווען צוגעגרייט אויפן עמוד, זענען פאראן אנדערע נוסחאות, ווי אין גאנץ פוילן. ער האט דעם ענין אויסגעפארשט און אט וואס מען האט אים אויפגעקלערט:

אין דייטשלאנד איז פאראן א שטעטל מאידאן. ווען מען האט ארויסגעטריבן די יידן פון דייטשלאנד, האבן א פאר צענדליק יידן זיך באזעצט אין ניעשאווע (צוליב דעם טאקע האט מען זיי גערופן „די מאידאניקעס"). פון דארט האבן זיי מיטגעבראכט זייערע מחזורים, סליחות, קינות אא"וו, וועלכע האבן געהאט אנדערע נוסחאות ווי ביי די פוילישע יידן. זיי האבן נישט געוואלט מוותר זיין אויף זייער נוסח.

די ערשטע ארבעט איז געווען צו קויפן א פלאץ און איינארדענען א יידישע קהילה. שפעטער איז אויסגעבויט געווארן אויף דעם פלאץ א פרעכטיקע שול און אנדערע קהילהשע געביידעס.

די פרנסה פון די ערשטע אייוואנדערער איז באשטאנען פון שניידעריי און „פעדלען" איבער די ארומיקע דערפער. אייניציקווייז האבן די שניידער געעפנט מאנופאקטור, קאלאניאל און אנדערע געשעפטן. די דארפסגייער האבן אנגעהויבן האנדלען מיט תבואה, וואל, פערד, פעל און באזעסן גרויסע לאגערס. דער יונגער דור איז אונטערגעוואקסן און די פאמיליעס האבן זיך פארמערט.

א גרויסער צוווקס פון דער יידישער באפעלקערונג האט זיך געלאזט מערקן בעת דאס שטעטל איז אריבער אין רשות פון רוסלאנד. אלס גרענעץ־פלאץ איז איינגעארדנט געווארן א צאל־קאמער, קאזארמעס פאר מיליטער און עס האט זיך אנגעהויבן א לעבהאפטע ווירטשאפטלעכע טעטיקייט, וואס האט צוגעצויגן א סך מענטשן פון דער פרעמד.

פון די קהילהשע דאקומענטן איז צו זען, אז די גרינדער פון דעם יישוב זענען געווען יידן בני־תורה און די תקנות און פראטאקאלן זענען געשריבן אין א ריינעם פליסנדיקן העברעיש אין אן אויסגעצייכנטן סטיל, וואס עס איז שוין נישט צו באמערקן אין שפעטערדיקע פראטאקאלן. וואס ווייטער באקומט דאס העברעיש א מער פארדארבענעם כאראקטער ביז עס איז ענדלעך פארטוישט אויף יידיש.

אינטערעסאנט איז ביי וועלכע אומשטענדן איז געבויט געווארן די שול וואס איז שפעטער בארימט געווארן אין דער גאנצער אומגעגנט. ווי איך האב שוין געשריבן איז דער מאטעריעלער מצב פון די יידן געווען א צופרידנשטעלנדיקער, דערפאר אבער איז דער גייסטיקער מצב געווארן וואס אמאל מער באדויערנדיק. איינמאל אין א יום־טוב־טאג זענען זיך אין מארק געשטאנען א גרופע בעלי־בתים פון דער פריילעכער חברה... און האבן זיך געווויצלט איבער איינעם פון דער קאמפאניע, וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, נאר א געוואלדיק קארגער. פאלט איין איינעם צו ווענדן זיך אין א שפאס צום קארגן עושר מיט די ווערטער:

„אז דו וועסט געבן טויזנט רובל אויף אויפבויען א שול, גיב איך 2000 רובל". — און איך וועל געבן 5000 — רופט זיך אפ א צווייטער. — און איך צען טויזנט — רופט זיך אפ א דריטער. דאס אלץ איז געזאגט געווארן אין א שפאס, אבי צו רייצן דעם קארגן עושר. אבער ווי דערשטוינט זענען געווען אלע, ווען דער קארגער האט ארויסגעכאפט דעם פארטפעל, איבערגעציילט טויזנט רובל און איבערגעגעבן זיי איינעם פון דער קאמפאניע. אלע זענען געבליבן

צעמישט. די וואָס האָבן זיך פריער געוואָרפן מיט די טויזנטער, האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן און יעדער האָט מסלק געווען אַזוי פיל, וויפל ער האָט צוגעזאָגט.

די געשיכטע איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין גאַנצן שטעטל און עס האָט געמאַכט אַזאַ גוטן רושם, אַז ביז ביינאַכט איז צוזאַמענגעקליבן געוואָרן די גאַנצע סומע, וואָס איז נויטיק געווען כדי אויפצובויען די שול. אין אַ יאָר אַרום איז טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן אין ניעשאַווע אַ שול, וועלכע איז געווען אַ רום פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

ווען דאָס שטעטל האָט שוין געהאַט אַ שול, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וועגן אַ רב. אַזוי ווי אין סלוזשעווע איז געווען אַן אַלטער ערלעכער רב, האָבן די ניעשאַווער בעלי־בתים אונטערהאַנדלט מיט אים ער זאָל ווערן רב אין ניעשאַווע. דער רב איז מרוצה געוואָרן, אָבער די סלוזשעווער האָבן אים בשום אופן נישט געוואָלט אַוועקלאָזן. זענען געגאַנגען עטלעכע ניעשאַווער בעלי־בתים און האָב געדונגען אַ וואָגן און אינמיטן דער נאַכט, ווען דאָס שטעטל סלוזשעווע איז געשלאָפן, האָבן זיי אַרויסגעגנבעט דעם אַלטן רב פון זיין געלעגער אַראָפּ...

פון דאַן אָן האָט זיך די ניעשאַווער יידישע קהילה מער און מער אַנטוויקלט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן פיל נויטיקע אינסטיטוציעס אָבער דאָס דערציונגס־וועזן איז געווען אויף אַ נידעריקער מדרגה, ווייל אַלע רבנים וואָס זענען געווען אין ניעשאַווע האָבן נישט געלאָזט עפּעס אויפטון אויף דעם געביט און אַזוי איז געוואַקסן צווישן דער יוגנט דאָס עם־הארצות און אָן אַ מינדעסטע ידיעה אין העברעיש. פאַרבעסערט האָט זיך די לאַגע, ווען דער הרב פאָזנער איז אָנגעקומען קיין ניעשאַווע אַלס רב.

הרב פאָזנער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן מיטן חינוך־וועזן. ער האָט אָבער באַלד באַקומען אַ שטעלע אין וואַרשע אַלס מורה־הוראה. די שפּעטערדיקע רבנים וואָס זענען אָנגעקומען קיין ניעשאַווע ווי צב״ש זאָנאַבענד, וויינגאַרט האָבן אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויפן חינוך און אַזוי איז די ניעשאַווער קהילה געוואָרן אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע קהילות.

רבקה (רגינה) שטראוס (קפלן) / תל־אביב

ניישאבה ויהודיה

עיירת הנפה ניישאבה שוכנת במרכז פולין הקונגרסאית, על הגדה השמאלית של הויסלה, כ־24 ק״מ צפונית מערבית מולוצלבק. בזמני, בשנת 1926, מנתה העיירה כ־3000 תושבים וביניהם כ־30—40 משפחות יהודיות.

בניישאבה נשארו שרידים משחרית ימיה של פולין וביניהם שרידי מחסניו של המלך קזימיר הגדול (ממחצית המאה ה־14) על גדות הויסלה, שעליהם נבנו בתקופות מאוחרות יותר מחסניהם של הסוחרים. אף הכנסיה הקתולית בעיירה נבנתה על יסודותיה של הכנסיה שנבנתה ע״י המלכה ידוויגה היאגלונית. גם חוקתו החדשה של קזימיר הגדול נקראה „החוקה הניישאבית״.

נופה של ניישאבה היה לשם דבר ביופיו. כבישים רחבים סובבוה וגבעות וחורשות עטרוה לאורך הויסלה, דבר שיצר נוף מרהיב עין.

רחובות העיירה היו ארוכים ורחבים והתמשכו מקצה לקצה לארכה ולרחבה במבנה סימטרי ובמרכזה ככר השוק הגדולה ומשני צדדיה שדרות עצי ערמון ואגוז. בשוק זה התקיים פעמיים בשבוע ה„טאַרג״ (יריד זוטא), אליו באו אכרי הכפרים המרובים שבסביבה, ופעם בחודש יריד גדול.

כרוב העיירות שמשה גם ניישאבה כמרכז לאכרי הסביבה ומכאן נבעה עיקר פרנסתה, נוסף למנסרות העצים שהיו בה ופקידות מועצת הנפה (פוביאט ניישאבה). חלק מתושבי העיירה עסקו בדייג ויתרם עסקו במסחר ומלאכה.

למרות המספר הקטן של היהודים בעיירה, היה בה בית־כנסת גדול ומפואר ובאגפו אולם בית־המדרש, בו התרכזה גם הפעילות הקהילתית והציבורית, כולל הארגון הציוני בעיירה.

השפה השלטת ברחוב היהודי היתה פולנית, אם כי הדור הקשיש ידע כולו אידיש. בגלל העדר בית־ספר יהודי, התחנך הדור הצעיר בבתי־הספר הפולנים על ברכי השפה והתרבות הפולנית, חלק ממנו אף לא דבר אידיש. למרות אוירת התרבות הפולנית, היו רוב היהודים שומרי מסורת — לפחות בחגים ובימים הנוראים. לשמירת הקשר ליהדות נהגו מרבית היהודים לשלוח את בניהם — עד לגיל בר־מצוה ללמוד אחרי הצהרים ב„חדר״ (לפני הצהרים למדו הילדים בבי״ס פולני).

הלימודים ב„חדר״ התנהלו בעברית ובאופן יחסי ברוח מודרנית. הבנות לא קבלו כל חנוך יהודי מסודר והתחנכו כמעט רק על טהרת הלשון והתרבות הפולנית.

לימודי המשך לא היו בעיירה ורק מיעוט מילדי היהודים, בעיקר מבני האמידים, זכו להם בולוצלבק, בוורשה ואף מחוץ לתחומי פולין.

מצבם של צעירי היהודים במקום היה קשה למדי מחוסר יכולת לרכישת השכלה או מקצוע. לרגל מספרם הקטן ושוני ההשקפות אף ארגון נוער לא החזיק מעמד באופן יציב ואוירת חוסר העתיד שלטה בהם. רבים מבני הנעורים התפזרו לערים הגדולות ולעולם הרחב (גם משפחות שלמות היגרו בין שתי מלחמות העולם למקסיקו וארצות הברית. בין המהגרים היו המשפחות גראבלסקי, לאסקי, לונדון, בוברובניצקי, יוסקוביץ, האחים פנסטר ועוד).

כפי שכבר ציינתי התרכזה הפעילות הקהילתית והצבורית באולם בית המדרש, אולם הפעילות התרבותית התרכזה בספריה. הספריה נוסדה עוד לפני מלחמת העולם הראשונה בחדר קטן בביתו של שמואל טכורש המנוח מתרומות יהודי המקום. מארגני הספריה הראשונים היו בנותיהם של טכורש, גוטמן, קפלן ועוד. אחרי מלחמת העולם הראשונה גדלה הספריה והתרחבה ועברה לאולם בביתו של לונדון ונקראה Żydowska Społeczna Biblioteka (ספריה צבורית יהודית). פעיליה העיקרים (בתקופות שונות) היו הבנים והבנות של פנסטר, קפלן, לאסקי, לונדון יוסקוביץ, גראוברט, קובלסקי ועוד. (דמות בולטת בתכנון תכנה של הספריה וקנית ספרים היה אחי

המנוח בן־ציון קפלן שתקופת־מה עסקו רק הוא ואבי המנוח, ישראל קפלן, בהקניית השפה העברית לבני העיירה).

הספרים הראשונים בספריה היו באידיש, אולם במרוצת הזמן הפכו אלו למיעוט והמרבית המכרעת היתה בפולנית. ביחס לגודל הקהילה היהודית היתה הספריה גדולה מאד ומגוונת. בשעות היום הוחלפו ספרים לקוראים, אך בשעות הערב הפך המקום לאולם קריאה, שהיה לרוב מלא קוראים. אולם הקריאה הכיל את כל כתבי העת והעתונים הפולנים החשובים, מספר עתונים באידיש ויותר מאוחר גם עתון עברי. באולם הספריה התקיימו הרצאות על נושאים ספרותיים שונים. הרצאות אלה והדיונים על תכניות הרכישה של ספרים לספריה, שימשו אבן שואבת בעיקר לבני הנעורים, אם כי גם מבוגרים רבים נטלו בהם חלק ועניין. אף מפלגה יהודית לא היתה קיימת בניישאבה, לרגל מיעוט היהודים והבדלי הדעות, פרט לארגון ציוני בעל אופי כללי, שנוסד ע״י אבי ישראל קפלן ז״ל, שבמשך שנים רבות שימש כנשיאו ובאחרית ימיו (נפטר בשנת 1929) כנשיא כבוד. עיקר עיסוקו של הארגון היה בפעילות למען הקרן הקיימת לישראל, ובועידת הקק״ל בוורשה בשנת 1909 הסמיך אוסישקין את אבי לנשיא ועד הקק״ל בניישאבה והסביבה.

בשנת 1924 יסדתי בעיירה בהדרכת הסניף בולוצלבק והמרכז הוורשאי קן של „השומר הצעיר" שבתקופת השיא שלו ריכז כ־20 ילדים ובני נוער עד גיל ההתבגרות.

יהודי העיירה חיו בשלום עם האוכלוסיה הנוצרית במקום ונהנו מזכויות שוות ליתר התושבים. גם אם היו אנטישמיים בעיירה קיומם לא הורגש. למרות מספרם האפסי בעיירה היה תמיד ליהודים לפחות נציג אחד בעיריה. ידועים לי כחברי העיריה (בתקופות שונות) מרסופ, וילדנברג, סוכצ׳בסקי, ויוסקוביץ.

מענין לציין כי דווקא מרסופ היהודי הוא שיסד את ארגון מכבי־אש המתנדבים בעיירה (פולנים ויהודים בצוותא) ואת תזמורת מכבי־האש הידועה.

למרות שיתופם המלא של היהודים בפעולות האזרחיות בעיירה קיימו היהודים והנוצרים פעילות חברתית נפרדת ונוכחותם של יהודים בפעילות חברתית נוצרית היתה לרוב מקרית ולא כחזיון נפרץ.

בספטמבר 1939 נכבשה העיירה ע״י הנאצים הגרמניים וזמן קצר לאחר הכבוש, בראש השנה תרצ״ט, שרפו את בית הכנסת, שהיה לתפארת במשך כמה דורות, והרסו, ללא השאר זכר, את בית הקברות היהודי שהיה קיים כמאתיים שנה. יהודי העיירה רוכזו בגיטו קטנה. לאחר חיסול גיטו קטנה הועברה שאריתם למחוז לובלין בוודיסלב ושם הומתו. מספר יהודים נמלטו קודם לכן לוורשה וגורלם נחרץ עם יהודיה.

מיהודי העיירה נשארו בחיים רק בודדים, אלה שהצליחו להמלט לברית המועצות ואהרים שהשיגו תעודות מזויפות.

ניישאבה נשארה כיום ללא יהודים.

בזאת תמה פרשת יהודי ניישאבה שנרצחו וגורשו ע״י הערלים. זכרם נחרת לנצח בלבבות הבודדים שנשארו בחיים — אבות ואמהות שכולים ובנים ובנות היתומים מהוריהם ורעיהם האהובים.

ישראל יהודה קפלן

דמות מופלאה של איש הרוח, מורה ומדריך היתה לו. איש עולם הרוח שחייו היו קודש לציונות, לחנוך העברי ולאהבת האדם. הוא ידע להנחיל בהתלהבות, וללא תגמול, ערכי תרבות וספרות עברית לבני ניישאבה, כשתחיית ישראל באו׳צו שימשה לו כמקור השראה.

נולד בעיירה קטנה בסביבות פינסק, למד בישיבת פרוז׳נה והוסמך לרבנות, אך בחל בכהונה זו. לאחר נשואיו למד את מלאכת השענות אצל הותנו ר׳ לייזער שרייבמן מקוברין. מספר שנים אח״כ, לאחר ששיכל ארבעה בנים, החליט להגר לאמריקה. בדרכו, דרך פולין הקונגרסאית, נעצר בניישאבה, ששכנה אז בצד הרוסי ע״י הגבול הרוסי־גרמני. השכלתו ותכונותיו כבשו את לב יהודי העיירה, שהפצירו בו להשאר ולבסוף נעתר והשתקע בה.

את פרנסתו הוציא ממלאכת השענות, אך כל ראשו ונשמתו היו בשפה העברית ובחזון הציוני. הוא הקים את הארגון הציוני בעיירה והוסמך ע״י אוסישקין עצמו, כנשיא ועד הקרן הקיימת לישראל בניישאבה והסביבה, וזכה לשבחים רבים על עבודתו המסורה.

הוא הרבה לכתוב בפרוזה ובשירה (בעיקר בעברית). חלק מיצירותיו ומאמריו התפרסם ב„זמנים" „הצפירה" ו„היום", חלק אבד וחלק קטן מהם נמצא עדיין בידי בכתב יד וטרם ראה אור. עיקר הכתיבה התיחס לעניני דיומא ואיבד מאקטואליותו. אך השנינות ועוצמת הבטוי שבה, חורגים מעבר לתחומי הזמן והמקום.

הוא שלט בשפה העברית על מכמניה והעמיד תלמידים הרבה. ראש וראשון למורי העברית היה בעיירה. בהקניית העברית ראה לעצמו שליחות ולא קרדום להפור בו, ומעולם לא ביקש או קיבל שכר מתלמידיו. הסיפוק מהגדלת מספר יודעי שפת־עבר היה שכרו לעמלו הרב. בריאותו הרופפת במשך שנים לא הסיחה אותו מעסקנותו בהוראת העברית ובעבודה הציונית בעיירה.

אנשי אגודת ישראל — שבאותו זמן היו אנטי־ציונים קנאים — שנאוהו שנאה עזה על דעותיו והתאנו לו לא אחת ולא שתים והוא השיבם מלחמה שערה בעטו. חלק משיריו רבי העצמה הוקדש למאבק הרעיוני בין הציונים (אנשי י. גרינבוים) והאגודאים, בהם לא חסך משבט עטו.

כל חייו חלם לעלות לארץ ישראל ולהשתתף בבניתה, אך בריאותו הרופפת, מצבו הדחוק ועול פרנסת משפחתו מרובת הנפשות מנעוהו מכך. נחמתו החלקית היתה בכך שהצליח לשלוח אותי בשנת 1926 (שלוש שנים לפני מותו) לארץ ישראל.

כל ידיעה שהיתה קשורה בא״י גרמה לו לשמחה ולהתלהבות. זכור לי כשנתקבל בביתנו המברק ממרכז הארגון הציוני בוורשה, על אודות הצהרת בלפור, כמעט יצא מדעתו מהתרגשות. עם המברק בידו רקד ברהובות, רץ מבית יהודי אחד למשנהו, לבשר את הבשורה ואף על בתי מתנגדיו לא פסח.

אהבת הבריות שלו היתה ידועה בכל העיירה. היה נכון לבוא לעזרת כל אדם בצר לו, מבלי שים לב להשקפתו ודעותיו. ליצני העיירה נהגו לפרקים להתל בו וכשהיו נתקלים בקבצן, עובר אורח וחסר גג, היו שולחים אותו אליו באמרם: לך לקפלן השען, הוא יאכילך וישכיבך במיטתו.

כזה היה אבי ז״ל. בן 64 היה עת הלך, בשנת 1929. לעולמי.

חיים פרידמאַן / רמת־גן

די געשיכטע פון יידישן יישוב אין טשיעכאָטשינעק

אין דעם טייל פון פוילן וואָס מען רופט קויאַווי, אין דעם טאָל פון דער ווייסל, ליגט די שטאָט טשיעכאָטשינעק, וואָס געהערט צו די גרעסטע און מאָדערנסטע קורערטער אין לאַנד. גרויסע געפלעגטע פּאַרקן און גערטנער און אַ שפע פון בלומען גיבן דער שטאָט אַ ספּעציעלן חן. אויך די אַרומיקע געגנט איז אַ וואונדערבאַרע. אין מרחק פון איין קילאָמעטער פליסט די ווייסל, דער גרעסטער טייך אין פוילן. פון דער צווייטער זייט פון דער שטאָט, אויף אַ הויך פון אַ פּאָר הונדערט מעטער, ליגט דער אַלטער היסטאָרישער יישוב ראַטשיאָנזשעק, איבער וועלכן עס דאָמינירן די חורבות פון אַן אַלטן שלאָס פון 15טן יאָרהונדערט.

טשיעכאָטשינעק באַזיצט הייסע קוואַלן פון זאַלץ־שוועבל־וואַסער, וואָס היילן אַ גרויסע צאָל קראַנקייטן, צווישן אַנדערע רעוומאַטיזם און אַרטרעטיזם, וואָס זענען געווען ספּעציפישע יידישע קראַנקייטן. דערפאַר טאַקע איז אויף צוואַנציק טויזנט קורגעסט אַ יאָר איבער 90 פּראָצענט געווען יידן.

ווינטערצייט האָט טשיעכאָטשינעק געציילט איבער טויזנט יידישע נפשות און האָט זיך נישט אונטערשיידט פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. זומערצייט האָט דאָס שטעטל אויפגעלעבט. צוזאַמען מיט טויזנטער יידישע קורגעסט זענען געקומען רבנים, רביים, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, קינסטלער און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט גענומען שטאַרק פּולסירן.

אינטערעסאַנט איז געווען דער גערער רבי מיט זיין הויף, וועלכער האָט אָפּט באַזוכט טשיעכאָטשינעק. מיטן רבין זענען מיטגעקומען הונדערטער חסידים מיט לאַנגע בערד און פאות, אָנגעטון אין שוואַרצע, זיידענע קאַפּאָטעס, אַרומגעוויקלט מיט גאַרטלען און אין זאָקן ביז איבער די קני.

דער רבי האָט פאַרנומען אַ ווילע אין דעם טייל קוראָרט, וואָס מען האָט גערופן „פּיאַסקי". יעדן נאָכמיטאָג איז ער אַרויס שפּאַצירן אינעם סאָסנע־פּאַרק, וואָס יידן האָבן אים גערופן „דער וואַלד". דער רבי איז געגאַנגען אין מיטן דער אַלייע און פון ביידע זייטן האָבן שפּאַצירט חסידים אין צוויי רייען, אויסגעשטעלט ווי זעלנער.

אָפּטע געסט זענען געווען: הלל צייטלין, יצחק קאַצענעלסאָן, אברהם פראַנק, סטופּניצקי, יקיר וואַרשאַווסקי, יאושזאָן, ברוך שעפנער און מ. קיפּניס, וועלכער האָט כמעט יעדן זומער געשריבן אין „היינט" אַ סעריע אַרטיקלען א"נ „פון דער טשיעכאָטשינקער בלאָטע". זומער איז אָפּט געשפּילט געוואָרן יידיש טעאַטער און עס זענען פאַרגעקומען יידישע קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון די אַרטיסטן: יעקב ווייסליץ, באַריס טאָמאַשעווסקי, יוסף קאַמען, וו. גאָדיק, אַלאַ לילית, זמרה קיפּניס־זעליגפעלד א"אַ.

ווען דער יידישער יישוב אין טשיעכאָטשינעק איז אַנטשטאַנען איז שווער פעסטצושטעלן. קיין פּנקס מיט היסטאָרישע דאַטעס איז אין שטאָט און אין דער קהילה נישט געווען. עס איז אָנצונעמען, אַז דער יישוב איז אַנטשטאַנען אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די ערשטע משפחות זענען געקומען פונעם דערבייִיקן דאָרף ראַטשיאָנזשעק און פונעם שטעטל סלוזשעווע. דאָס זענען געווען די משפחות זאַקס, צוקער, פינקער און פּאָזנאַנסקי. אין ראַטשיאָנזשעק איז אויך געבוירן געוואָרן דער באַוווסטער געלערנטער, וואַרשעווער ראַבינער און פּרעדיקער פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע ד"ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי.

די יידישע באַפעלקערונג אין טשיעכאָטשינעק האָט זיך שטרפענוויז פאַרגרעסערט דורכן צופלוס פון הונדערטער יידן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט טשיעכאָטשינעק געציילט 800 יידישע נפשות.

דאָס רוב יידן האָט געוווינט אין מאַרק און אין די אַרומיקע געסלעך. די איבעריקע האָבן געוווינט אויף די גאַסן זשעלאַזנע, זדראָיאָווואַ און אין אַרעמען קוואַרטאַל „ביאַלע דאָמקי" (ווייסע הייזקעס).

די יידן אין טשיעכאָטשינעק האָבן געפירט אַ שטייגער־לעבן, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אייִנוווינער פון קורערטער: זומער האָט מען געהאָרעוועט כדי אויסצואַרבעטן פּרנסה אויף אַ גאַנץ יאָר, ווינטער דאַקעגן איז די מערהייט באַפעלקערונג אַרומגעגאַנגען ליידיק. נישט אַלע מאָל און נישט יעדן האָבן די זומערדיקע פאַרדינסטן געגנוגנט ביזן נייעם סעזאָן און שוין אין האַלבן ווינטער האָבן אַ טייל יידן געמוזט אָנקומען צו גמילת חסדים.

אין שטאָט זענען אויסער קליינע אויסנאַמען קיין רייכע יידן נישט געווען. אַ קליינער טייל זענען געווען אייגנטימער פון ווילעס און גרעסערע געשעפטן. די איבעריקע האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעמערייַ, געווען הענדלער, בעלי מלאכות, מעקלער פון דירות, אַרבעטער, כלי־קודש און סתם אָרעמע לייט.

טשעכאָטשינעק האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַנדערע שטעטלעך דערמיט וואָס זי האָט נישט געהאַט איר שטאָט־משוגענעם, עס האָבן אָבער דאָ נישט געפעלט אַנדערע כאַראַקטעריסטישע טיפּן.

ביז דעם יאָר 1916 האָט אין שטאָט געלעבט אַן אַלטער ייד, אַ גלעזער מיטן נאָמען שאול שלמה שמולעוויטש, וועלכער האָט געשטאַמט פונעם דערבייִיקן שטעטל אַשיענטשין און גערופן האָט מען אים „שמיל מאַריש". ביי יעדער געלעגנהייט האָט דער ייד דערציילט גוזמהדיקע מעשיות און געהאַט אַ רייכע פאַנטאַזיע. ער האָט אָפּט דערציילט וועגן אַ יונגע און שיינע פּריצהטע, מיטן נאָמען מאַרישע, וועלכע איז געווען אין אים פאַרליבט. דערפאַר האָט מען אים אין שטעטל גערופן „מאַריש". זיין גאַנצן לעבן איז שלמה געווען אַ וויסטער אָרעמאַן. קיינער האָט אים נישט פאַרבעטן און קיינער איז צו אים נישט געקומען. זייענדיק איינזאַם, האָט ער געשפּילט קאָרטן מיט דער לאָמפּ, דערביי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אַז זיין פּאַרטנער איז דער שטאָט־נגיד ר' מיכל צוקער. אין דער צייט פון שפּילן האָט ער געפירט אַ שמועס ווי אַ פאַרברענטער קאָרטן־שפּילער...

זיין זון, אהרן, איז אויך געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ. קליין, דאַר, דאָס גאַנצע פּנים באַוואַקסן, שוואַרצע ממזרישע אויגן, שטענדיק פריילעך, ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און געלעבט דערפון וואָס זיין ווייב, געלע, האָט פאַרדינט מיט האַנדל אויפן מאַרק. זיין איינציקע באַשעפטיקונג איז באַשטאַנען אין אַרויספירן

מתים. אָנגעטון אין אַ שוואַרצן כאַלאַט, איז ער געזעסן אויף דער עגלה, געקנאַקט מיט דער בייטש און זיך געפירט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע. זייער אָפט האָט ער געדראָט: „געדענק, בקרוב וועל איך דיך נעמען אין מיין קעטשל". זיין צונאָמען איז געווען „אהרן דוי".

ביז צום יאָר 1918 האָבן אין טשיעכאָטשינעק געלעבט צוויי כאַראַקטעריסטישע טיפּן: יצחק דער מקווהניק און זעלדישע די מקווהניצע. ער, אַ דאַר יידל מיט אַ הויקערדיקער נאָז, אין אַ צעריסן כאַלאַטל, שטענדיק אַ פאַרשוויצטער און תמיד זיך געאיילט. זי, אַ קליינינקע, אַ דיקע, אַביסל אַ הויקער מיט אַ פיצל נעזל. גערעדט האָט זיך הייזעריק און שטענדיק געווען אין אַ גוטן מוט. געבאַלעבאַטעוועט מיט דער מקוה האָט, פאַרשטייט זיך, זעלדישע. ביידע האָבן זיי דערלעבט אַ טיפן עלטער און געשטאָרבן כמעט אין איין צייט.

יצחקל און זעלדישע האָבן געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער. די קינדער אויך קאַריקאַטורעס נאָר אָן הויקערס. ביידע האָבן חתונה געהאַט און געבוירן קינדער. דער זון, לייבוש, איז געוואָרן אַ טרעגער און די טאָכטער, חנה, האָט זיך פאַרנומען מיט וואַשן וועש און פאָדלאָגעס.

עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן דער שבת־גוי, קאַראָלעק. פריי־טאָג־צו־נאַכט פלעגט ער אויסלעשן דאָס ליכט און שבת געהייצט אין די אויוונס און קיכן. קאַראָלעק איז געווען אַן אַלטער בחור און אַביסל נישט נאָרמאַל. געווען איז ער הויך, דאַר און אַ בעל מום: נישט געקענט רעדן דייטלעך. ער פלעגט טראָגן וואַסער אין יידישע הייזער און גייענדיק מיט די צוויי עמערס פלעגט ער זיך אונטערזינגען: „זשידי דאָ פּאַלעכיכי" (יידן קיין פּאַלעסטינע).

זומערצייט 1914, קרוב פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אַ פרעמדער, משוגענער קבצן, בלייבנדיק אַליין ערב שבת ביינאַכט אין בית־המדרש, צעריסן דריי ספרי־תורה און זיי אריינגעוואָרפן אין דער אוביקאַציע. שבת אין דער פרי, ווען מען האָט דערזען דאָס אומגליק, האָט אַ טרויער אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטל. נאָכן אָפּרייניקן און צוזאַמענלייגן די שטיקלעך פּאַרמעט, האָט מען איינגעאָרדנט אַ לוויה און געבראַכט די ספרים צו קבר ישראל אין שטעטל סלוזשעווע. דער טאָג פון קבורה איז באַשטימט געוואָרן אַלס תענית ציבור. יידן זענען געזעסן שבעה און די רבנים האָבן געדרשנט אין די שולן און בתי־מדרשים און גערופן תשובה צו טאָן. אַ לענגערע צייט האָבן זיך די טשיע־כאָטשינקער יידן געפונען אונטערן פיינלעכן איינדרוק פון דער דאָזיקער אומזיניקער פּראָפאַנאַציע.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אַלס בירגערמייסטער נאָמינירט געוואָרן דער יידישער בעל־הבית הערש שקולניק.

אין יאָר 1915 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע יידישע פאָלקסשול אין שטאָט. די אונטעריכט־שפּראַך איז געווען פּויליש. יידישע לימודים זענען געווען אויף יידיש. מען האָט אויך געלערנט העברעיש. אין אָנהייב איז די שול געווען אַ 4־קלאַסיקע און די לערער האָבן געאַרבעט אָן געהאַלט.

די לערער פון יודאַיקאַ זענען געווען: יואל זאַקס, אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל, פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט, געהערט נאָך צו הערצלס גוואַרדיע און אַ פערזענלעכער ידיד פון נחום סאָקאָלאָוו; דוד פראָנט, אויך אַ ייד אַ משכיל. לערער פון אַנדערע קעגנשטאַנדן זענען געווען: איגנאַץ און הענריק וואָלמאַן, מאַקס ראָגאָזשינסקי, טעקלאַ צוקער, הענריק, סאַלאַ און פּאָלאַ טיקאָ־טשינסקי און גוסטאַוואַ מאַלאַרסקאַ.

אין יאָר 1917 האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג איבערגענומען די פאָלקסשול און אַנגאַזשירט געצאָלטע לערער — דעם ה' געליבטער און די פרויען: דאַנציגער, מרים אונגער, קופּערשטיין און זיילער. מיט דער צייט איז די שול געוואָרן אַ 7 קלאַסיקע און אין יאָר 1925 געוואָרן פאַראייניקט מיט דער אַלגעמיינער פּוילישער פאָלקסשול.

אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ איז די שול שטאַרק באַקעמפט געוואָרן דורך די חסידישע קרייזן. די שילער האָט מען נאָכגעשריגן „שקולניקעס" און זייערע עלטערן האָט מען גערודפט אין בית־המדרש און נישט געגעבן קיין בכבודיקע עליות און מפטירס.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין יידישן לעבן אין טשיעכאָטשינעק פאַרנעמט די קהילה אָדער ווי מען האָט זי גערופן „די יידישע גמינע".

ביזן יאָר 1918 איז דער יידישער יישוב אין שטעטל געווען אַ טייל פון דער קליינער אָבער אַלטער קהילה אין סלוזשעווע. דער רב אָבער האָט געוווינט אין טשיעכאָטשינעק. שפּעטער אָבער איז די גמינע געוואָרן זעלבשטענדיק. די אַלטע סלוזשעווער שול, וועלכע איז געשטאַנען הונדערטער יאָרן און געבויט געוואָרן אין פאָרם פון אַ פעסטונג, כדי די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן אין צייט פון פּאָגראָמען, איז געבליבן די הויפּטשול אויך פאַר טשיע־כאָטשינעק. אָפיציעלע מעלדונגען וועגן חתונות, גטן אדג"ל האָט מען אויפגעהאָנגען אין דער סלוזשעווער שול.

ביז יאָר 1915 איז אין שטאָט קיין בית־הקברות נישט געווען און די מתים האָט מען געפירט קיין סלוזשעווע — אַ מרחק פון 10 קילאָמעטער. ערשט אין יאָר 1916 האָט טשיעכאָטשינעק באַקומען אַן אייגענעם בית־החיים. איינער פון זיינע גרינדער איז געווען דער א"ד דוד פראָנט. דער גורל האָט געוואָלט אַז דווקא ער זאָל פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אויפן בית־הקברות אין עלטער פון קנאַפּע פופציק יאָר...

אין דער צייט ווען די טשיעכאָטשינקער קהילה איז געווען אַן אָפּטיילונג פון סלוזשעווע זענען דאָזערס (פרנסים) געווען די ה"ה: אַדעלבערג, הערש שקולניק און הערש איילענבערג. אין יאָר



די „תרבות"־ביבליאָטעק אין טשיעכאָטשינעק.
ספרית „תרבות" בצ'יחוצ'ינק

1919 האָט די פוילישע מאַכט נאָמינירט אַ קהילה־פאַרוואַלטונג אין וועלכער עס זענען אַריין: חיים־מאיר צוקער, אַנשל זאַלעשינסקי, אברהם מאָשקאָוויטש, הערצקע פאַלץ און משה בראָדזיאַק. אין אָנהויב איז געווען ראש הקהל חיים־מאיר צוקער און שפּעטער אברהם מאָשקאָוויטש.

פון יאָר 1923 האָט די קהילה געפירט אַן אָפיציעלע ביוראָ, איינגעפירט אַן עווידענץ פון די תושבים און אַ נאָרמאַלע בוכפירונג. אַלס סעקרעטאַר איז באַשטימט געוואָרן חיים פרידמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער קהילה לאַנגע יאָרן.

אין יאָר 1924 זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום קהילה־ראַט און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: אַנשל זאַלעשינסקי, אברהם מאָשקאָוויטש, בן־ציון קעניג און משה בראָדזיאַק. אַלס ראש הקהל איז געוויילט געוואָרן דער רב ר׳ חיים יודל סעניאָר. נאָך די צווייטע וואַלן אין יאָר 1930 זענען אַריין אין דער קהילה די ה״ה ברוך מרדכי מאַנאַסאָן, נחום באָרנשטיין און דוד האַמבורגער. אַלס ראש הקהל איז אויסגעקליבן געוואָרן ברוך מרדכי מאַנאַסאָן. די טעטיקייט פון דער קהילה איז באַשטאַנען אין אויסהאַלטן די שול, דעם בית־המדרש, דאָס חסידים־שטיבל, די מקוה, דעם בית־הקברות, די שחיטה און סאָציאַלע הילף. דער געצאָלטער קהילה־אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פון רב ר׳ חיים יודל סעניאָר, פון סעקרעטאַר — חיים פרידמאַן; שוחטים: יצחק יודקעוויטש, מלך הערצמאַן; חזן־שוחט — הערש קאַנדל; קאַסירער — לייבל וויינטרויב; נאמן פון כשר פלייש און שמש אין בית־המדרש — יהונתן וויערושעווסקי; שמש פון שול — ישראל סעניאָר; מלמדים — מרדכי פישל לעווין און נעסינג.

לאַנגיאָריקע גבאים זענען געווען: אין שול — דניאל גלאָווינסקי און שפּעטער וואָלף קאָרנבלום; אין בית־המדרש — חיים בראָדזיאַק און שפּעטער אַנשל זאַלעשינסקי. גבאים אין דער חברה קדישא — הערש לייב לאַנגנאָס און חיים בראָדזיאַק.

עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם ערשטן טשיעכאָטשינקער שוחט ר׳ חיים סאָכאַטשעווסקי, וועלכער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ סגי־נהור און געשטאָרבן אין טיפער זקנה פון קנאַפּע 90 יאָר, ווי אויך די אַלטע, פּאַטריאַרכאַלישע שוחטים — מיכאל אהרן גאָטספּאָרכט און משה ישעיה צוקער. ר׳ סאָכאַטשעווסקי איז נפטר געוואָרן אין 1914 און צוקער און גאָטספּאָרכט אַ קורצע צייט דערנאָך. די דאָזיקע שוחטים זענען געווען פול מיט הדרת־פּנים, יידן חכמים און עס איז געווען אַ כבוד צו שטיין אין זייערע ד׳ אמות.

דאָס בית־המדרש האָט זיך געפונען ביים מאַרק אין דער ווילע „זדראַיאָווע״, דאָרט האָט זיך אויך געפונען דאָס גערער שטיבל. דער בנין פון בית־המדרש האָט געהערט צו דער קהילה, דאַקעגן די שול האָט געהערט צו וואָלף קאָרנבלום און די קהילה האָט געצאָלט דירה־געלט. אין יאָר 1930 האָט די קהילה געקויפט אַ פּלאַץ אויף צו בויען אַ שול. דער פּלאַץ האָט זיך געפונען אין דער ווילע „פּאַד ליפּאַמי״ און געגרענעצט זיך מיט דער קרוטקער גאַס.

דעם זעלבן יאָר, זומערצייט, איז געלעגן געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער שול און אַ ספּעציעלער אַקט, אין לשון־קודש און פּויליש, געשריבן אויף פּאַרמעט, איז איינגעמויערט געוואָרן אינעם פונדאַמענט. דער טאָג פון לייגן דעם גרונטשטיין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב אין שטעטל און עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע פייערונג אין דער אַנוועזנקייט פון די פאָרשטייער פון דער מאַכט, פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון אַ גרויסער צאָל אָרטיקע איינוווינער און קורגעסט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען געזאַמלט געוואָרן מיטלען צום בויען. ליידער איז דער יידישער יישוב אין טשיעכאָטשינעק פאַרשניטן געוואָרן, איידער מען האָט באַוויזן אָנצוהויבן די בוי־אַרבעטן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אירע פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט. אין פאַרשידענע צייטן זענען ראַטמענער געווען: ברוך מרדכי מאַנאַסאָן, אַנשל זאַלעשינסקי, אברהם מאָשקאָוויטש, חיים־מאיר צוקער, לאַסטרעגער און הערש שפּאַצענקאָפּ.

אין יאָר 1924 איז אין שטאָט געעפנט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פונעם וואַרשעווער צענטראַלן סוחרים־פאַרבאַנד. די לייטער פון סוחרים־פאַראיין זענען געווען: ברוך מאיר מאַנאַסאָן און אַנשל זאַלעשינסקי, סעקרעטאַר — חיים פרידמאַן. עס האָט אויך עקזיסטירט אַ האַנטווערקער־פאַראיין אונטער דער לייטונג פון נחום באָרנשטיין.

אין יאָר 1927 איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק. אין דער פאַרוואַלטונג זענען אַריין: הערש שפּאַצענקאָפּ, אַנשל זאַלעשינסקי און דוד האַמבורגער. מיט דער אונטערשטיצונג פון „דזשוינט״ האָט עקזיסטירט ביי דער קהילה אַ גמילות־חסדים־קאַסע.

אין די זומער־חדשים איז געווען טעטיק אַ קאָמיטעט צו העלפן אָרעמע קורגעסט. דער קאָמיטעט האָט געטיילט בחינמדיקע מעדיצינישע הילף, בעדער־בילעטן און געלט־שטיצע. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון פּראַקטיצירנדיקע אין סעזאָן דאָקטוירים און צו אים האָבן געהערט: ד״ר יאָאַכים הורוויץ, ד״ר יעקב פישמאַן, ד״ר מיכאל רובינשטיין, ד״ר בערלינער, ד״ר ליפשיץ, ד״ר לאַסקי, ד״ר קראַוסהאַר א״א. סעקרעטאַר איז געווען חיים פרידמאַן.

לויט דער איניציאַטיוו פון די וואַרשעווער כלל־טוער — ה׳ בלאָך, אַדאַם וויינער, ד״ר יעקב פישמאַן, אשר פערלמאַן — מיט־רעדאַקטאָר פון „מאָמענט״ און ליטעראַט פראַנק איז אין יאָר 1930 געגרינדעט געוואָרן אַ סאַנאַטאָריום פאַר אומפאַרמעגלעכע יידישע קורגעסט „רפואה״ אויף ווידאָק, געשטיצט פונעם „דזשוינט״ און הונדערטער קראַנקע האָבן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל באַקומען יאָר־יערלעך די געהעריקע פלעגע און באַקעסטיקונג.

יוגנט־ארגאניזאציעס, פארטייען און קולטור־אינסטיטוציעס

אין יאָר 1915 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „תבונה״. צו דער אָרגאַניזאַציע האָבן געהערט צווישן אנדערע: נח לאַנגנאָס, אברהם הילדעסהיים, פנחס לובינסקי און הערשל וויערושעווסקי.

אין יאָר 1916 איז אַנטשטאַנען א צווייטע רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע א״נ „חברת תפארת בחורים״, צו וועלכער עס האָבן געהערט צווישן אַנדערע: יחיאל בראָדזיאַק, שלמה פרידמאַן און יחיאל דרייער.

לויט דער איניציאַטיוו פון בנימין רעכטמאַן איז אין יאָר 1918 געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל. אירע אַקטיווע מיטגלידער זענען געווען: יודל צוקער, אברהם, איטע און ברכה הילדעסהיים, נח לאַנגנאָס, הערשל ראָזענפעלד, פייגע און רחל בראָדזיאַק, יצחק און רוזשקע זאַקס, טרייסטמאַן און מאַנעס פייערטאַג. פאָרזיצער איז געווען בנימין

רעכטמאַן. די אָרגאַניזאַציע האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע ציוניסטישע און קולטורעלע טעטיקייט, איינגעאָרדנט רעפעראַטן, קורסן פון העברעיש און יידישע געשיכטע און געהאַט אַן אייגענעם לעזע־זאַל. די העברעישע קורסן האָט געפירט די לערערין פון דער יידישער פאָלקסשול פריילין קופערשטאָק.

צום סוף 1918 האָט טשיעכאָטשינעק באַזוכט דער מזרחי־פירער סענדער טכורש פון וולאָצלאַוועק און געהאַלטן אין בית־המדרש אַ לאַנגן רעפעראַט אויף דער טעמע: „ישראל — תורתו וארצו". די רעדע האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג און אַ סך מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן און פאַרטיפן דעם רעליגיעז־ציוניסטישן געדאַנק אין שטאָט.

אין יאָר 1920 האָט זיך די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָנגעשלאָסן צו דער פאַרטיי „צעירי ציון". אין דעם יאָר איז אויך געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרחי ציון", וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין יאָר 1921 אין דער סקויטישער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר". די גרינדער און די ערשטע מיטגלידער זענען געווען: אליעזר הילדעסהיים, אברהם בערקאָוויטש, חיים פרידמאַן, יצחק בורשטיין, הלל און מרים איילענבערג, פישל און חיה וווזעק, רחל און רבקה דרעזנער, אסתר זאַנאַבענד, שלמה מאַנאַסאַן און אריה רייגעווירץ. פירער פון דער אָרגאַניזאַציע (ראש הקן) איז געווען חיים פרידמאַן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אברהם נעלקען, חנה פרידמאַן, איידל וווזעק, יהודית קאָטשינסקי און משה שטולזאַפט.

דער „השומר הצעיר" האָט פאַרנומען די מזרח־וואַנט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין טשיעכאָטשינעק, געפירט אַן אַלזייטיקע ציוניסטישע און קולטורעלע טעטיקייט, זיינע מיטגלידער זענען אַדורכגעגאַנגען די חלוצישע הכשרה און אַ טייל איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די מערהייט אָבער האָט זיך נאָך אַ געוויסער צייט אומגעקערט אין דער היים־שטאָט און אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין יאָר 1922 האָט די פאַרטיי „צעירי ציון" אויפגעהערט צו עקזיסטירן און עס איז אַנטשטאַנען אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אירע גרינדער זענען געווען: דער לאַנגיאָריקער ציוניסטישער עסקן יואל זאַקס, אַנשל זאַלעשינסקי, ברוך מרדכי מאַנאַסאַן, יהודה צוקער, אברהם ראָזענבערג, יצחק האָפּמאַן, חיים־מאיר און אברהם צוקער, בנימין ביעדערקאַ א"א.

אין יאָר 1929 איז אַנטשטאַנען די רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „בית"ר". אירע אַקטיווע מיטגלידער (צווישן אַנדערע): שמואל, אברהם און חנה מאַיראַנץ, נטע קאָרנבלום, חיה פּאַגעל, אלכסנדר און חיים דרעזנער. מפקד פון „בית"ר" איז געווען נתן קאָרנבלום און שפּעטער שמואל מאַיראַנץ.

אין יאָר 1931 איז געגרינדעט געוואָרן דער „החלוץ הצעיר", וועלכער האָט זיך בקרוב פאַרוואַנדלט אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „פועלי־ציון" (צ. ס.) — „פרייהייט". די גרינדער און טעטיקע מיטגלידער — חיים זאַלעשינסקי — יערי (איצט מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „דבר"), יצחק זאַלעשינסקי־יערי ז"ל (געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „דבר"), יוסף זילבערשטיין (איצט אבני איז רמת־גן), משה שטולזאַפט, אברהם וווזעק, בנימין ביעדערקאַ דוד זילבערשטיין, דבורה און שרה שטולזאַפט, נעשיאַ צוקער און אברהם צוקער (דער לעצטער פון אַלעקסאַנדראָוו).

די אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" האָט געפירט אַ ברייטע ציוניסטישע און קולטורעלע טעטיקייט, געגרינדעט די ציוניסטישע ביבליאָטעק „תרבות" (פּרעזעס געווען בנימין ביעדערקאַ), איינגעאָרדנט העברעישע קורסן, קרייזן פאַר העברעישער און יידישער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכע וואַנט־צייטונג. כמעט אַלע מיטגלידער זענען דורכגעגאַנגען די חלוצישע הכשרה און עולה געווען קיין ארץ־ישראל.



די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר־הצעיר", די קבוצה „ראובן".
הסתדרות הנוער „השומר־הצעיר", קבוצת „ראובן".

אין יאָר 1923 איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון „אגודת שלומי אמוני ישראל" בראש פון דוד האַמבורגער, בן־ציון קעניג, פישל קאָזלאָווסקי און משה בראָדזיאַק. ביי דער „אגודה" האָט עקזיסטירט אַ רעליגיעזע מיידל־שול א"נ „בית־יעקב".

אין יאָר 1917 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע ביבליאָטעק אין טשיעכאָטשינעק. די ביבליאָטעק האָט געהאַט יידישע, העברעישע און פּוילישע ביכער. ביי דער ביבליאָטעק האָבן עקזיסטירט קרייזן פאַר ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן און אַ דראַמאַטישער קרייז. דער רעזשיסער פונעם דראַמ. קרייז, פסח עפשטיין, איז געווען אַ טיפּישער פאָלקס־אינטעליגענט, זייער באַגאַבט, וועלכער האָט אויך געשריבן לידער און דערציילונגען. זייער אָפט האָט די ביבליאָטעק אַרויסגעלאָזט אַ וואַנט־צייטונג רעדאַגירט ה"ה מאָטל פרידמאַן, דוד יודקעוויטש און יצחק בורשטיין. די ביבליאָטעק איז אַדורכגעגאַנגען פאַרשידענע גלגולים. זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך ציוניסטישע יוגנטלעכע ווי חיים־מאיר צוקער, חיים שקולניק, יודל צוקער, תמרה וווזעק, איטע און ברכה הילדעסהיים און יצחק און רוזשקאַ זאַקס. אין יאָר 1921 איז זי אַריבער צום „השומר הצעיר" און אין יאָר 1930 איז איר פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון דער קאָמוניזירנדיקער יוגנט בראש מיט יצחק בורשטיין און מאָטל פרידמאַן. אין יאָר 1937 איז זי קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט אַלס אַ געהיימע אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישע פאַרטיי.

אין יאָר 1926 איז געגרינדעט געוואָרן דער ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא". דער קלוב האָט געהאַט פאַרשידענע סעקציעס, ווי פוטבאָל, האַנט־באַל, לייכטע אַטלעטיק, ציקליסטן אַא"וו. צווישן די מיטגלידער זענען געווען: ישעיהו מאַנאַסאַן, יוסף איילענבערג, אברהם און יעקב וורצלמאַן, שלמה רייטשיק, מאיר, לייזער און

שלמה קאַנדל און בנימין וויערושעווסקי. דער פּרעזעס —אליעזר בליבוים, קאַפּיטאַן — משה פּייערטאָג.

✶

דער גורל פון יידישן יישוב אין טשיעכאָטשינעק איז געווען דער זעלבער ווי דער גורל פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. די אכזריותדיקע האַנט פון די דייטשע רוצחים האָט אים נישט אויסגעמיטן.

דער זומער 1939 איז געווען אַ הייסער. טשיעכאָטשינעק איז געווען פול מיט יידישע קורגעסט. די שטימונג איז אָבער געווען אַ געדריקטע און נישט איינער האָט געטראַכט צי איז דאָס נישט דער לעצטער זומער וואָס ער פאַרברענגט אין קוראָרט. די מלחמה איז געהאָנגען אין דער לופט...

ווען אין דער צווייטער העלפט אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע מאָביליזאַציע, האָבן די קורגעסט מאַסנווייז פאַרלאָזט די שטאָט. ווען דעם 1־טן סעפּטעמבער איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די דייטשן האָבן פאַרנומען אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט האָט אַ גרויסער טייל פון טשיעכאָטשינקער יידן פאַרלאָזט זייערע היימען, מורא האָבנדיק צו פאַרבלייבן מיט דער אָרטיקער דייטשער באַפעלקערונג. זיי זענען געלאָפן קיין קוטנע, גאָסטינין, לאָדזש און וואַרשע, טראַכטנדיק אַז וואָס ווייטער פון דער דייטשער גרענעץ וועט דאָס לעבן זיין זיכערער.

די איבערגעבליבענע יידן האָבן מיט פּחד, ביי האַלב פאַרמאַכטע לאָדנס, געקוקט אויף דעם אַריינמאַרש פון די דייטשע חיילות אין שטאָט.

די ערשטע פּאָר וואָכן פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען געווען פאַרהעלטענישמעסיק רויקע. אויף דער פינפטער וואָך איז אָנגעקומען די „געסטאַפּאָ״ און מיט איר האָבן זיך אָנגעהויבן די גזירות אויף יידן. מען האָט זיי פאַרבאָטן צו גיין אויף די טראָטואַרן און געצוווּנגען צו טראָגן געלע לאַטעס אויף דער ברוסט און פּלייצע. גלייכצייטיק האָט מען קאָנפיסקירט די יידישע געשעפטן און יידן זענען געבליבן גענצלעך אָן פּרנסה. כדי אויסצופּרעסן פון זיי די לעצטע גראָשנס, האָט מען אַרויפגעלייגט אַ גרויסע קאָנטריבוציע און אַלס זאַקלאַדניקעס האָט מען גענומען דעם ראש הקהל ברוך מרדכי מאַנאַסאָן און אַן אָנגעזעענעם בעל־הבית וואָלף קאָרנבלום. אין לויף פון דריי טעג האָט מען באַצאָלט די קאָנטריבוציע און מען האָט די ערובניקעס באַפרייט.

די דייטשן האָבן אויך קאָנפיסקירט די בעסערע יידישע וווינונגען צוזאַמען מיט די מעבל און די יידישע איינוווינער זענען געבליבן אויף דער גאַס.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אפילו פרויען און אַלטע לייט, פלעגט מען נעמען אויף צוואַנגס־אַרבעטן, דערביי האָט מען זיי אָפט מערדערלעך געשלאָגן.

די ערשטע יידישע קרבנות זענען געווען: הערשקע ביעדערקאָ — דערשאָסן אויפן טשיעכאָטשינקער באַזאַר, אברהם נעלקען און אברהם וורצלמאַן — דערשאָסן אין דער טוירנער פעסטונג.

אין יאָר 1941 האָט מען די גאַנצע יידישע יוגנט געשיקט אויף צוואַנג־־אַרבעט קיין אינאָווראָצלאַוו.

סוף 1940 איז געשאַפן געוואָרן די יידישע געטאָ אין דער ווילע פון לייב ווּזעק. ביים ליקווידירן די געטאָ האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט קנאַפּע הונדערט נפשות. אין געטאָ זענען געווען (צווישן אַנדערע) די פאַמיליעס; פרענקעל, טכוזש, דרעזנער, מאַיראַנץ, איילענבערג, רעכטמאַן, זשולטי, באַומגאַרט און בראַנדענבורג.

פאַרטאָג, דעם 19־טן אַפּריל 1942 איז געשען דאָס ערגסטע — עטלעכע לאַסטאויטאָס זענען צוגעפאָרן צום געטאָ. מען האָט די איבערגעבליבענע, אויסגעהונגערטע, קראַנקע און פאַרפּייניקטע יידן אכזריותדיק געשלאָגן און אָנגעלאָדן אויף די צוגעגרייטע מאַשינען. מען האָט זיי אָפּגעפירט אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ, ווו מען האָט זיי אין הערמעטיש פאַרמאַכטע אויטאָס פאַרגאַזט און פאַרברענט אין ספּעציעל צוגעגרייטע גריבער.

דער אַמאָל אַזוי בליענדיקער יידישער יישוב אין טשיעכאָטשינעק האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן...

משה עסיסי / רחובות

דמויות מצ׳יחוצ׳ינק

ר׳ יעקב פוגל

ברצוני להעלות דמות של יהודי פשוט ועממי מהעיירה שלנו צ׳יחוצינק, היכול לשמש דוגמא להתנדבות ולמסירות בפעולה למען יהודים עניים ומדוכאים. שמו היה ר׳ יעקב פוגל.

צ׳יחוצ׳ינק היתה עיר מרפא ידועה ובאו אליה מכל קצות פולין ואפילו מחוץ לגבולותיה. בין החולים שבאו להתרפא היו גם יהודים עניים שלקו בכל מיני מחלות. לעשירים, כמובן, לא היה צורך לדאוג, אבל מה עושים עם חולים עניים? קודם כל כשיהודי בא לישוב הוא פונה לבית־המדרש, שם הוא נפגש עם כל מיני אנשים, מכירים ולא מכירים. הוא יודע שבין יהודים לא יגווע מרעב. בין המתפללים היה תמיד ר׳ יעקב פוגל, שלא החסיר, דומני, בחייו לא שחרית ולא מנחה.

ר׳ יעקב מטופל היה במשפחה של שמונה ילדים ואשה. בקושי פרנס אותם, אבל יחד עם זאת דאג לזולת. כל ימות השבוע היו היהודים העניים דוחים את היום בשה״י פה״י, אבל שבת? כאן התחילה דאגתו של ר׳ יעקב פוגל. ראשית סידר שכל תושב חייב לקבל אורח לשבת. לא עזב את בית־המדרש עד שכל האורחים היו מסודרים ואם נשארו אחדים היה מביאם אליו הביתה ומתחלק אתם עם האוכל שאשתו הכינה. כן דאג יעקב פוגל לסעודה השלישית בשביל האביונים, ולצורך זה היה אוסף במשך השבוע מפירות העונה, מיצים, מרק־פירות, לחם וחלה.

מי שלא ראה איך טיפל ביהודים אלה, אינו יודע מה זאת אהבת ישראל ומסירות נפש. ר׳ יעקב ידע שישנם יהודים הזקוקים בשבת בבוקר לכוס חמין. הכניס קומקומים, כדי חרס ובקבוקים


לתנור האופה מבעוד יום ובשבת השכם היה רץ לחולה, לילד או לאשה שנפלה למשכב כדי להשקותם בתה חם כשר להמהדרין שבמהדרין.

ר׳ יעקב זכה ואמרו עליו: „ר׳ יעקב איז א חסידישער ייד.״ (ר׳ יעקב הוא איש חסיד), והוא התגאה בתואר זה. אפשר לכתוב עליו כהנה וכהנה. את אשר העליתי על הכתב הוא מעט ממעט.

ר׳ יעקב נפטר לפני השואה. מכל משפחתו המסונפת נשארה רק בת אחת.

יהי זכרו ברוך.

ר׳ אשר יהודה (אנשל) זלשינסקי



ועוד יהודי אחד, אבל מסוג אחר לגמרי. שמו ר׳ אשר יהודה (אנשל) זלשינסקי. משכיל, בן־תורה, מושך בעט סופרים. השתתף בתור כתב ב„הצפירה״ של יוסף הפטמן בוארשה, עסקן צבורי, ביתו פתוח לרווחה לכל דורש.

מצד אשתו היה ממשפחת הרב ד״ר שמואל אברהם פוזננסקי, מדען מפורסם, רב ומטיף בבית־הכנסת הגדול ברח׳ טלומאצקה בוארשה. ר׳ אשר יהודה זלשינסקי היה פרנס הקהילה, חבר במועצת העיר ומיצג את יהודי העיירה לפני השלטונות. ברם, עיקר עבודתו היה בעזרה קונסטרוקטיבית, מתן בסתר באמונה ובמסירות והצטיין במישור גמילות חסדים.

השתתף בקופת גמילת־חסד ובבנק העממי. חוץ מזה הפריש מכספו סכום נכבד להלוואות ליהודים בני תורה וסוחרים זעירים.

צ׳יחוצ׳ינק היתה עיירה שקיומה רק בעונת הקיץ ובחורף — הכל היה רדום. בפרוס העונה היה ר׳ אנשל זלשינסקי מקיים את הפסוק: „אשרי משכיל אל דל״, והיה דואג ליהודים אלה להלוואות כדי שיוכל ולקנות מעט סחורה. בעיניו חשובה היתה עזרה קונסטרוקטיבית יותר מצדקה כדי לקיים את הפסוק: „וכי ימוך אחיך והחזקתו.״

שנים רבות היה גבאי בבית־הכנסת והשקיע בתפקידו זה זמן ומרץ ללא גבול. בעיירה שלנו היו קרוב ל־250 משפחות יהודיות, אחוז גדול מהם היו זקוקים לעזרה וכולם היו פונים לר׳ אנשל.

לפני פסח התחיל ר׳ אנשל באפיית מצות. שכר מאפיה, סגר את חנותו, עבד יחד עם משפחתו וגייס את הנוער הציוני לפעולה והכל בכדי לזכות את התושבים במצה זולה. אחרי סוכות, משבא החורף, דאג ר׳ אנשל לפחם בשביל יהודים עניים כדי לחמם ביתם.

היה גם עסקן ציוני פעיל, מפעילי קרן־הקימת, קרן־היסוד ויחד עם זה קבע עיתים לתורה. ביתו היה בית ציוני. את ילדיו חינך לרעיון הלאומי. היה חתנו של ר׳ יואל זק״ש, שהיה חברו של נחום סוקולוב.

זכה לעלות ארצה בשנת 1935. גם פה המשיך בדרכו בעצה ומעש ומהארץ שלח עזרה ליהודי צ׳יחוצ׳ינק ודאג וחרד לקהילתו.

בארץ־ישראל זכה לרוות נחת מילדיו שהכו שורשים במולדת והגיעו למשרות צבוריות מכובדות. שני בניו המבוגרים תפסו עמדה בעתון „דבר״ — חיים בתור עתונאי ויצחק בתור מזכיר מערכת. יצחק נקטף בדמי ימיו בשנת 1964 כבר אחרי הסתלקותו של אביו. הבת דבורה — מזכירה בהסתדרות המהנדסים והצעיר מבין הילדים — שמואל — משמש בתפקידים בכירים בשרות הדיפלומטי של מדינתנו.

ר׳ אנשל יהודה זלשינסקי נפטר בחודש כסלו תש״י.

חבל דאבדין ולא משתכחין. יהי זכרו ברוך.

הארי ל. סאַר (יחיאל הערש קוטשינסקי) / ניו־יאָרק

סלוזשעווע

אַ קליין שטעטל ביים ראַנד פון דער וואַרשעווער באַן־ליניע, נישט ווייט פון איר ענד־סטאַציע אַלעקסאַנדראָווע, ביי דער רוסיש־דייטשער גרענעץ. צווישן בערג און טאָלן, ביי אַ קליין טייכל, אַרומגערינגלט מיט גרינע פעלדער, מיט זאַמדן אין זומערצייט און בלאָטעס אין ווינטער איז געלעגן די „גמינע־שטאָט" סלוזשעוואָ. די „גמינע" האָט אַריינגענומען טשעכאָטשינעק, אַלעקסאַנדראָווע און סלוזשעווע. די רוסישע מאַכט האָט דאָ געהאַלטן אַ גרענעץ־וואַך. די יידן פון די דריי שטעטלעך האָבן געוויילט איין רב, וועלכער האָט געוווינט אין סלוזשעווע. אויך, להבדיל, דער בית־עולם האָט געדינט פאַר די דריי יישובים.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער שול, וועלכע איז געווען געבויט ווי אַ פעסטונג, מיט אייזערנע, שווערע טירן צו שיצן קעגן מעגלעכע אָנפאַלן פון די גויים, און אַרום דעם בית־מדרש אין שטעטל איז אויך געווען אַ מקווה, אַ חברה תהילים און אַ חברה קדישא. מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט מען קיין שום געמיינזאַמס נישט געהאַט און דער איינציקער קאָנטאַקט איז געווען בשעתן מסחר אויפן מאַרק אין אַ דאָנערשטיק, זומערצייט אויף אַן „אָטפּוסט" (בשעת קאַטוילישע ווידוי־טעג פאַרן טאָג פון „אַלע הייליקע" פלעגט בליען דער האַנדל אויפן מאַרק) און ביי אַ משא־ומתן אין די עטלעכע געוועלבלעך אין שטעטל.

די פּאָליאַקן מיט די רוסן האָבן זיך געטראָפן ביי אַ גלעזל יי״ש אין יידישן שענק פון שוויענדזשיעוויטש (אַגב, איז ער געווען אַ ייד אַ משכיל מיט אַ הדרת־פּנים). עס האָט נישט געפעלט צווישן זיי קיין קריגערייען און געשלעגן. די יידן פלעגן זאָגן אַז אין אַ מאַרק־טאָג וואָס איז אָפּגעלאָפן אָן בלוט זענען די געשעפטן נישט געגאַנגען גוט...

קיין גמילת־חסדים קאַסע איז נישט געווען און די בעלי־מלאכות, ווי צ״ב ר' זרח, פּייוול (פּייוולכיע) און גראַבסקי — די דריי שניידערס, וואָס כ'האָב זיך געלערנט ביי זיי שניידעריי און געאַרבעט אַלס געזעל, האָבן די סחורות באַקומען אויף באָרג און וועקסלען ביי יעקב סוקמאַנסקין. דער גאַנצער קרעדיט איז געווען אַ פּריוואַטער. די שוסטערס (אויסשליסלעך פּוילישע) האָבן באַקומען קרעדיט ביי די יידישע לעדער־הענדלער — רב דוישען און רב זימאַן.

איך בין געווען 15 יאָר אַלט ווען כ'האָב פאַרלאָזט סלוזשעווע. פון די סלוזשעווער יידן געדענק איך בלויז געציילטע טיפּן. איך דערמאָן זיך לאַהכיען די „קהלישע רעטערין". ווען ס'איז חס־ושלום ווער קראַנק געוואָרן, פלעגט מען אים ראַטעווען מיט „האַרץ־טראָפּנס", געבראַכט פון טורין, וואָס איז געלעגן אויף דער פּרייסישער זייט. די דאָזיקע רפואה פלעגט מען געבן צו אַלע קראַנקייטן. ווי נאָר לאה האָט דערהערט אַז מען גייט מיט די טראָפּנס צום חולה, איז זי גלייך געלאָפן צום הויז פונעם קראַנקן, פלעגט אַריינוואַרפן אין דעם קליינעם גלעזל מיט די טראָפּנס עטלעכע שטיקלעך צוקער, זאָגן: „אוי גאָטעניו, צו אַ רפואה שלמה!" און דערלאַנגען דעם חולה די ערשטע טרוקענע שטיקלעך. די מיט די טראָפּנס איינגעזאַפּטע האָט זי אַליין אַראָפּגעשלונגען...

יום כפור צו כל נדרי איז אין שול אויף דער פּאָדלאָגע געווען אויסגעשפּרייט פרישער שמעקעדיקער היי, ווייל די יידן פלעגן גיין אין די זאָקן. אַלע זענען געווען אין ווייסע קיטלען און איינגעוויקלט אין לאַנגע טליתים. ביים אַריינגאַנג אין שול איז פון רעכטס געשטאַנען אַ גרויסער קאַסטן מיט ווייסן זאַמד. מילער, אַ דייטש, פלעגט אַ טאָג פריער ברענגען דעם זאַמד פונעם בית־הקברות. אינעם קאַסטן האָט אויך דער מוהל נאָך יעדן ברית באַגראָבן דאָס אָפּגעשניטענע... אין צענטער פונעם קאַסטן פלעגט ברענען אַ גרויס, דיק, געלוואַקסענע ליכט און אַרום אים האָבן יידן אַריינגעשטעקט אינעם זאַמד זייערע יזכור־ליכט. זיי האָבן דערמאָנט מיך אָן די פאַר־שטאָרבענע און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז אין די צאַנקענדיקע פלאַמען פלאַטערן אויך זייערע נשמות צוזאַמען מיט אונזערע דערשראָקענע געמיטער אין הייליקן יום־הדין.

ערב יום כפור האָבן זיך עטלעכע יידן — ר' יעקבכיע, משה איזביצקי, אברמכיע (ר' יעקבס ברודער) און מיין טאַטע דערלאַנגען מלקות. דער גאַנצער קהל האָט נאָך דעם געזאָגט מיט טיפער כוונה די תפילה זכה, כאָטש דער גרעסטער טייל פונעם עולם האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פּירוש המילים...

שמחת־תורה פאַרנאַכט האָט מען איינגעאָרדנט סעודות סיי ביי דער חברה קדישא און סיי ביי דער חברה תהילים. נאָך די סעודות האָבן יידן מאַרשירט מיט געזאַנג איבער דער יידישער גאַס ביז אין דער שול אַריין בראש מיט יעקבכיען און ר' זימאַן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן וועג געטאַנצט און געזונגען. מיר, די קינדער, פלעגן זיי באַגלייטן מיט אייגן געמאַכטע שטורקאַצן (פאַקלען). צו די הקפות פלעגן די פרויען פון דער ווייבערישער שול וואַרפן ראָזשינקעס מיט ניס און מאַנדלען.

תשעה באב, דאַקעגן, פלעגט מען זיך בשעת די קינות באַוואַרפן מיט „בערעלעך", אָדער ווי מען האָט עס גערופן ביי אונז אין שטעטל „קעצלעך" — שטעכעדיקע קנאָפּסן פון קראָפּעווע. ערב איינעם אַ תשעה באב, ווען מיין טאַטע ע״ה האָט געלערנט מיט מיר וועגן די „עשרת הרוגי המלכות", איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק אַז יידיש לעבן איז נישט בלויז דאַווענען און גיין אין שול אַריין און אין מקווה, און כ'האָב אָנגעהויבן זיך צו גריבלען און זוכן אַ נאַציאָנאַלן יידישן אינהאַלט. פאַרשטייט זיך, אויף גאָר אַ נאַיוון ייִנגלערישן אופן און כ'בין פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם ציוניסטישן געדאַנק. דער דאָזיקער פּראָצעס איז געווען ספּעציפיש פאַר אַ גרויסן טייל פון דער סלוזשעווער יוגנט אין מיין עלטער.

דער רייכסטער ייד אין סלוזשעווע איז געווען באַרטשינסקי. ער האָט געוווינט אין אַ גרויס הויז — דאָס שענסטע אין שטעטל. די באַרטשינסקיס זענען געווען צוויי ברידער, האָבן געהאַנדלט מיט תבואה און מיט „אויסלאַנד". אַלע האָבן געהאַט אויף אים מיטלייד, ווען ער האָט פּלוצים באַנקראָטירט. ער איז אַנטלאָפן קיין ארץ־ישראל, אָפּגעווען דאָרט עטלעכע יאָרן און אומגעקערט זיך אין שטעטל.

אַן אויסטערלישער טיפּ איז געווען ר' מעכלכיע — אַ הויכער ייד מיט אַ קליין שיטער בערדל (אַ „קאָזע בערדל"). ער האָט געהאַט אַ קליין געוועלבל מיט הערינג, ראָזשינקעס און נאַפט. ווען איך פלעג שבת אָפּטראָגן זיין טלית און זיין פרויס סידור צו אים אַ היים,

האָב איך באַקומען פּאַר מיין טרחה ראַזשינקעס. זיין לשון איז נישט געווען קלאָר. אין דער שול איז ער געשטאַנען אין אַ ווינקל נישט ווייט פון דעם זאַמד־קאַסטן. ער פלעגט זייער זעלטן מיט עמעצן רעדן און זיין פּריוואַט־לעבן איז געווען אַ סוד. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען זיך דערוווסט אַז ער איז געווען אַ „בעל סודות", האָט אָפּגעריכט „חצות". פון די ספרים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט האָט מען געזען אַז ער איז געווען אַ „מקובל". אויך איז מען דערגאַנגען אַז ער האָט געהאַט אַ זון אַ ראַבינער אין דייטשלאַנד.

עטלעכע יאָר פאַר מיין פאַרלאָזן סלוזשעווע איז אַ דאַנק דער טעטיקייט פון מיין פאָטער איינגעאָרדנט געוואָרן צווישן מנחה און מעריב אַ שיעור. יעקבכיע האָט מיט די יידן געלערנט חומש, ר' זימאַן פלעגט רעדן איבערן רמב"ם און מיין טאַטע האָט אויסגעטייטשט דעם שולחן־ערוך. דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע האָט מער ווי דאַווענען און זאָגן תהילים נישט געקענט.



אברהם קוטשינסקי

ליידער מוז דאָ דערמאָנט ווערן אַז אויסער אונזער משפחה האָט זיך קיינער פון די סלוזשעווער תושבים נישט אָפּגעגעבן לטובת הכלל. מיין ברודער אַברהם, וועלכער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער לערער, האָט געלערנט מיט די קינדער העברעיש, רוסיש, דייטש, פּויליש, געאָגראַפיע און געשיכטע. ער איז געווען דער ערשטער משכיל אין שטאָט און פאַרשפּרייט וועלטלעכע און יידישע בילדונג. ער איז געווען דער סימבאָל פון דעם נייעם מאָדערנעם ייד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויף זיין נאָמען געגרינדעט געוואָרן אין סלוזשעווע אַ יידישע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק.



אלי'עזר מרדכי קוטשינסקי

מיין צווייטער ברודער, אליעזר מרדכי, וועלכער איז געווען אַ רוסישער סאָלדאַט און אַדורכגעמאַכט די ערשטע וועלט־מלחמה אויפן רוסיש־דייטשן פראָנט איז צוריקגעקומען אין שטעטל און זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, געגרינדעט קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אויסגעוויילט געוואָרן אַלס יידישער ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. ווען די נאַציס זענען אַריין קיין סלוזשעווע, איז ער דער ערשטער דערשאָסן געוואָרן אין זיין וווינונג.

זאָל אין דעם דאָזיקן ספר פאַראייביקט ווערן מיין שטעטל סלוזשעווע, אירע יידישע איינוווינער — הונדערט און פופציק משפחות — די קליינע הייזקעס, די שמאָלע געסלעך, די פעלדער און גרינע לאָנקעס אַרום, דאָרט ווו איך האָב אַלס קינד געשטיפט, געלאָפן, געבאָדן זיך און געשווומען אין קליינעם טייכל, געקלעטערט אויף די אַרומיקע בערגלעך און ווינטער געגליטשט זיך פון זיי מיט די שליטנס.

חרוב איז געוואָרן דאָס יידישע סלוזשעווע און אירע תושבים זענען אַזוי גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן דורכן דייטשן רוצח. אָבער אין אונזערע הערצער און זכרון לעבט ווייטער אונזער היימשטאָט.

ד. שחרי

אלכסנדרוב דקוי׳ ודובז׳ין על גדות הויסלה

אלכסנדרוב, שמה הראשון והנכון הוא: „ישוב דרויאנוב״ — שלט בשם זה התנוסס שם באחד הרחובות. בשם אלכסנדרוב היא נקראה ע״ש תחנת הרכבת הקרובה. תחנת רכבת זו היתה עד למלחמת העולם הראשונה, בשנת 1914, תחנת גבול עם גרמניה ומפאת חשיבו־תה נקראה ע״ש הצאר הרוסי אלכסנדר. לפי החוק הרוסי אסור היה ליהודים לגור ליד תחנת רכבת זו, אולם, כיון שמקום זה רמז לפרנסה טובה קמו יהודים ורכשו רשות — תמורת כסף לא מועט — מאת האציל ובעל הקרקעות בסביבה, דרויאנוב, להקים על אדמתו, במרחק מה מהתחנה, ישוב שישא את שמו. ישוב זה התפתח והיה לעיירה יהודית שעיקר פרנסתם של יושביה על המסחר וכל הקשור בתחנת הגבול. הפרנסה היתה בשפע ומצב היהודים היה טוב.

לאחר גמר מלחמת העולם הראשונה עם תבוסת גרמניה במלחמה ותקומת פולין העצמאית, הועתק הגבול מערבה ותחנת הרכבת היפה והמרווחת אלכסנדרוב נשארה זכר לזמנים עברו ויהודי העיירה — ללא פרנסה: נשמט הקרקע מתחת רגליהם והם נשארו תלויים על בלימה, עמוסי משפחות ילדים ודאגה לקיומם.

הנוער שהתבגר בתקופה זו מצא לפניו עיירה החיה על עברה והורים מודאגים. נמצאו בני נוער ששמו פעמיהם לפומוז׳ה לנסות שם מזלם ולהסתדר, אולם אלה מועטים היו. רובם נשארו בעיירה מבלי לראות בכך עתיד לעצמם.

באנו, חברי ה„חלוץ״, להלנובק הסמוכה והתקשרנו עם כמה וכמה משפחות בעיר ובעיקר עם בני נוער של משפחות אלה (רק אחת מהן אני זוכר והיא משפחת רוטנברג, בעלת חנות לכלי עבודה חקלאיים וברזל). מדי ערב באו אלינו להלנובק — מרחק של כמה קילומטרים בדרך עפר — צעירים וצעירות, השתתפו אתנו בשיחות על א״י, בקריאת עתונות א״י, בשירת שירים וכו׳ וכו׳ עד השעות המאוחרות.

בשבתות הוזמנו שוב העירה ובצוותא עם בני הנוער בילינו שם בשיחות וכו׳. בראש פעולה זו להתידדות והדוק הקשרים עמדו הח׳ אברהם ויסלפיש וטובה מרקוביץ, ואכן הצליחו במלאכתם — בעזרת כולנו — בין הנוער היהודי וכאשר נאלצנו לעזוב את הלנובק השרה הדבר צער בלב הנוער ואף בלב הוריהם, אולם נשאר גרעין והוא גדל והפך ליסוד לתנועת א״י העובדת בעיר זו.

דובז׳ין ע״י הויסלה היתה לעומת אלכסנדרוב עיירה יהודית טי־פוסית, ככל עיירה יהודית אחרת. רחובות מועטים והשוק במרכזו. עומדת היא במקום גבוה לחופו הימני של הויסלה. הגישה אליה ברוב ימות השנה היא באמצעות האניות השטות על הויסלה. בחורף כמעט מנותקת העיירה מהעולם (כפי הנראה לא הדאיג דבר זה ביותר את יהוד העיירה), פרנסת היהודים היתה על „ימי השוק״ ועל כפרי הסביבה ואכריה.

מדי בוקר לפני עלות השחר, מתאבק עשן דק מארובות הבתים הנמוכים שרוב גגותיהם מקש ועם שחר נפתחות דלתות נמוכות בחריקה חרישית ומהן יוצאות דמויות כצללים. כל אחד נושא משהו על שכמו. אלה הם יהודי העיירה היוצאים לתור בכפרי הסביבה, כל אחד ומרכולתו ועיסוקו, אחד זגג וארגז זכוכית על כתפיו וחבילת כלי עבודה בידיו, השני שק נישא על שכמו ולא קשה להבחין מה תוכנו; וככה שלישי ורביעי, חמישי ושישי יוצאים הם להביא שבר למשפחו־תיהם. לעת ערב, לעת שקיעת החמה חוזרים הם, לפעמים עמוסי „מצי־אות״, קצת תפוחי אדמה, ביצים או תוצרת חקלאית אחרת ומשפחו־תיהם מצפות כבר להם בפתח ביתם. יש ובעל מלאכה התעכב בכפר למשך ימים אחדים ואינו חוזר אלא בתום מלאכתו.

והנוער? על מצעו שומע הוא יציאת אביו עם שחר לסובב בכפרים, קולט הוא אנחת אמו, אחרי צאת בעלה, מוחו נטרד ממחשבה, האם כאלה יהיו גם חייו הוא? הזהו העתיד המחכה לו? אין חיים אלה קוסמים לו, הוא אינו רוצה בהם. ההתעוררות והתסיסה העוברת בעולם מאז המלחמה, כל הרעיונות הנעלים שצפו, עלו ובאו עם גל הפיכות הגיעו לעיירתו והוא נדבק בהם, וכל הקידמה והטוב שהם מבטיחים, האם גם למענו יהיו, או כלום נבצר יהיה כל זה ממנו?

מחשבות כגון אלה נקרו במוחותיהם של בני נוער בעיירות פולין רבות ודובז׳ין ע״י הויסלה בתוכן.

בואנו לעיירה מדי שבת אחה״צ וכן ביום א׳, בהיותנו חפשיים מעבודה אצל האכרים, עורר ענין רב אצל הנוער היהודי במקום. עד מהרה הסכינו רבים לראות ברעיון שלנו, רעיון „החלוץ״, הכשרה ועליה לארץ ישראל רעיון, דרך ופתרון למצבם הם. התחיל לכן להתלכד סביבנו גרעין חברים וחברות ואחדים מהם אף הצטרפו להכ־שרה שלנו מתוך שאיפה להגשמה הלכה למעשה — דבר אשר בעיני האבות נראה היה כמוזר. בין המצטרפים הראשונים להכשרה שלנו היה אברהם גרניץ, צעיר רב מרץ ויוזמה, מפותח ובעל תפיסה שניסה וטעם כבר טעם עבודה והתערות בחיי העיר הגדולה אשר כפי הנראה לא עלו יפה ולכן גם הבין יותר וסבל סבלם של בני עיירתו הצעירים. במרצו הרב עשה למען רכישתם ל„החלוץ״. עלה ארצה עם התחלת העליה החמישית, כעת בת״א.

חברים אחרים מדובז׳ין הזכורים לי הם: צ׳רנוברודה, הארי שבחבורה, איש המעשה והמחשבה כאחת, העושה, עוסק ומושך בעול הפעולה במקום ומקובל על צעיר וקשיש. עלה ארצה עם העליה החמישית. האלמנה גברת פלד, בניה ובנותיה שביתם, יותר נכון בית־התה שלהם בשוק, שימש מקום מפגש ובהתחלה אף מקום לפעולה. וכל זה נעשה מתוך יחס חם, אוהד ועזרה שנבעה מקרבה לרעיוננו. פרדל ילובר אחת החברות הראשונות והפעילות בגרעין, שהפ־עילה נערות רבות ומשכה אותן אחריה להצטרפות לתנועה עד אשר עלתה בעצמה ארצה בעליה החמישית וכן עוד חברים וחברות אשר שמותיהם נשכחו — לצערי הרב — ובודאי לא מעט מהם נמצאים אתנו בארץ.

ח. מ. ראָטבלאַט / ניו־יאָרק

מיין געבורטס־שטעטל דאָברין ביי דער ווייסל

מיין געבורטס־שטעטל דאָברין איז געווען באַרימט, כביכול מיט אירע פעט־ליימיקע בלאָטעס און מיט אירע יאַזגערלעך, קליינע שטעכעדיקע פישלעך, מער גרעטן ווי פיש־פלייש, וועלכע זענען געווען אַ מאכל מלכים פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, דאָס רוב איינוווינער פון שטעטל...

טאָמער האָבן מיך מיינע חברים אין דער ישיבה געוואָלט אַריינקיבוצען האָבן זיי מיך גערופן „דאָברינער יאַזגער" און איך האָב בשעת מעשה געטראַכט, אין די הונגעריקע טעג: הלוואי וואָלט איך איצט געהאַט אַ שיסעלע יאַזגערלעך וואָלט איך מיך מחיה געווען, אָבער איך האָב מיך פאַררויטלט ווי אַ רויטער זאַפטיקער בוראַק פון די ליימיקע פעלדער און גערטענדלעך אַרום אונזער שטעטל.

אויב די יאַזגערלעך זענען געווען אַ ברכה פאַר די אביונים פון שטעטל, זענען אָבער די בלאָטעס געווען אַן אמתדיקע קללה; אין די האַרבסט־רעגנס האָבן זיי אָפּגעשניטן דאָס שטעטל פון אַלע מקורות פון חיונה, ממש אין יוצא ואין בא און דער דלות האָט געהוליעט אין די אָרעמע הייזלעך, די געוועלבלעך האָבן געפּוסטעוועט אָן אַ קונה און די אָרעמע דאָרפס־גייער האָבן אויסגעגעבן די לעצטע פּרוטות און אין מוח האָט געעגבערט אַ שווערע און ביטערע קושיה: „ואם תאמר מה נאכל?"

די שווערע רעגנס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די צעפּוילטע דעכלעך פון די אַלטע הייזלעך, וועלכע זענען געשטאַנען בנס, פאַרפלייצנדיק די בעטן און דאָס בעטגעוואַנד און דער יאוש האָט פאַרפולט די הערצער. ס'האָט געקאַפּעט פונעם סופיט און פון די אויגן האָט זיך געגאָסן מיט ביטערע טרערן.

אין די ביטערע טרויעריקע טעג און נעכט האָבן די יידן זיך מחיה געווען מיט אַ בלאַט גמרא, מיט אַ פרק תהלים, א שטיקל מעמדות, יעדער לויט זיינע ידיעות; מען האָט פאַרגעסן דעם דלות, געשוועבט אין די עולמות העליונים און חי געלעבט!...

האָט טאַקע אונזער שטעטל געדאַרפט זיין באַרימט מיט דער גרויסער צאָל פון זייַנע למדנים און מיט אירע האַרציקע יראת־שמימדיקע פאָלקסמענטשן, נישט מיט אירע בלאָטעס און יאַזגערלעך. ס'קאָן אָן גוזמא געזאָגט ווערן, אַז אונזער שטעטל דאָברין, וואָס איז געווען אַזוי קליין ווי „אַ טל ומטר" אין אַ קליין סידורל, האָט געהאַט פּראָפּאָרציאָנעל מער למדנים ווי אַנדערע קליינע שטעטלעך אין פוילן און יעטוועדער פון זיי איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון און בעט זיך ממש רחמים: פאַרצייכן מיך לדורות! און דאָס אייגענע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די פּשוטע מענטשן, אָבער ליידער, איז די ראַם פון דעם מאמר צו קליין פאַר אַזאַ אַרבעט.

איך וועל בקיצור דערמאָנען אייניקע טיפּן פון די צוויי קאַטעגאָריעס און מער באַריכותדיק פאַרצייכענען די, וועלכע האָבן באַווירקט מיין יוגנט־פאַנטאַזיע, מיין מוח און מיין האַרץ, און זיי שוועבן פאַר מיינע אויגן, נישט ווי שאָטנס פון אַמאָל, נאָר ווי לעבנס־באַגלייטער...

אָט למשל די צוויי אַזוי קעגנזעצלעכע צווישן זיך למדנים פון אונזער שטעטל: ר' יוסף־הירש סאַלאַטשינקע און ר' משה־לייב קופּעלד.

דער ערשטער — ר' יוסף־הירש — איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט, באַרמהערציקייט, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַן אמתדיקער פאָלקס־למדן, נישט געהאַלטן זיך גרויס, געווען „פאַן בראַט" מיט יעטוועדן פּשוטן יידן, אַ פאָטער צו אַלע ליידנדיקע און אביונים; אַ באַזונדערע שוואַכקייט האָט ער געהאַט פאַר די בכבודע אָרעמע־לייט פון שטעטל, וועלכע זענען גרייט געווען צו מאַכן שבת אָן „המוציא" איבער אַ שטיקל ראַזאָווע ברויט, כדי נישט אויסצושטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה...

יעטוועדן דאָנערשטיק האָט ער געקלאַפּט אין די טירן און געזאַמלט געלט פאַר עניי העיר, אַז זיי זאָלן האָבן אַלע הצטרכותן אויף שבת. קיינער, אפילו די גרעסטע „שקצים" פון שטעטל, האָבן נישט פאַרלאַנגט פון אים קיין דין וחשבון: וויפל געלט ער זאַמלט, ווי אַזוי ער צעטיילט עס. מ'האָט אים אָנגעטרויט די געזאַמלטע בידנע סומעס און יעטוועדער האָט געפילט בחוש, אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון יושר און רחמים, ער וועט קיינעם נישט באַעוולהנען...

און נישט נאָר ער האָט געזאָרגט פאַר דער בידנער חיונה פון די בכבודע און פּשוטע אָרעמעלייט, נאָר טאַקע אויך פאַר זייער גייסטיקער חיונה — ער האָט מיט זיי געלערנט אַ פרק משניות, אַ שטיקל „חיי אדם" אַ ברעקעלע „עין יעקב" און טאַקע מיט מסירות־נפש און אָנסופיקער ליבשאַפט, אָן טובת הנאה. טאָמער האָט אים איינער פון זיינע תלמידים געוואָלט מהנה זיין מיט אַ גלעזעלע בראָנפן, האָט ער נישט געוואָלט הערן אפילו. ער האָט בפירוש טאַקע ליב געהאַט אַ לעק בראָנפן, אָבער נעמען באַלוינונג איז נישט מענטשלעך...

איינמאָל אין יאָר, האָבן אים די תלמידים מהנה געווען און זיך משמח געווען מיט אים — אין שמחת תורה. אין דעם טאָג האָבן אים די פּשוטע יידן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען פון זיין הייזל ביז צום בית המדרש, ווו ער האָט מיט זיי תורה געלערנט און מען האָט אויסגעליידיקט אַ גאַנץ פעסל ביר... און ס'איז געווען ששון ושמחה...

ער האָט געזאָרגט פאַר די עניי העיר און אַליין איז ער געווען אַ קבצן אַ גדול ונורא. געוווינט האָט ער אין אַ שטיבל דלת על דלת, דאָרטן איז געווען זיין געוועלבל, וואָס מען האָט עס געקענט אָפּקויפן מסתמא פאַר דריי רובל; דאָרט האָט ער געלערנט מיט אייניקע יונגע בחורים תלמוד, גמרא מיט רש"י און ער איז געווען אַ פאָטער צו זיינע תלמידים, וועלכע ער האָט געלערנט פריי אָן שכירות.

כ'געדענק, אַז אַנומעלט אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער ווו ס'איז געשטאַנען מיין שלאָפבאַנק און האָט מיך געוואָרנט, אַז כ'זאָל למען השם נישט קומען צום שיעור אָן אַ שאַל אויפן האַלדז, ווייל ס'איז דרויסן אַ קנאַקעדיקער פראָסט... כאָטש דעם אמת זאָגנדיק האָט דער פראָסט געקנאַקט

אויך ביי אים אין שטיבל און מיר האָבן געלערנט אין אונזערע וואַטאָווע בגדים.

און אַזוי ווי ער איז געווען די סאַמע גוטסקייט, אַזוי איז זיין ווייב געווען אַן אמתע מרשעת און ווען ער האָט שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן איר רשעות האָט זיך אַ קללה אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט: „מומע רבקה (מרים רבקה) האָט אַ גוט יאָר!" און בשעת מעשה האָט ער אַוועקגעבלאָזן דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָסל און זיין כעס איז פאַרשוווּנדן מיטן רויך...

נישט קיין ווּנדער, אַז אַלע האָבן אים ליב געהאַט און די גויים פון שטעטל און פון די נאָענטע דערפער, זיינע געטרייע קונים, האָבן אים גערופן: „פּאָדראַבין" ד"ה דיין, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געפּסקענט קיין שאלות...

טראָץ זיין דלות און זיין דחקותדיק לעבן (מער ווי איין בגד האָט ער נישט געהאַט, ווינטער האָט ער צוגעטשעפּעט צו אים אַן אויסגעקראָכן פעלצל און אין די זומער חדשים איז דאָס שטיקל פוטער אָפּגעטרענט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זומער כאַלאַטל), האָט אַ נאַטירלעכער קוואַל פון שמחה און הומאָר געשטראָמט פון אים און אין די ביטערסטע טעג פון זיין לעבן – און געהאַט האָט ער זיי אָן אַ שיעור — האָט זיך קיין קרעכץ נישט אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

מיין מוטער ע"ה האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן אים: נאָך מומע־רבקהס טויט האָט זי אים געוואָלט אָפּקאָכן כאָטש איין מאָלצייט אַ טאָג, האָט ער שמייכלענדיק איר געדאַנקט און געזאָגט: „עסט, מלכה־דבורה טייערינקע, יוסף הירש האָט צוויי פּאָלעס, איינע אַ פליישיקע און די צווייטע אַ מילכיקע; מיט דער ערשטער פּאָלע נעם איך אַראָפּ פון דער פּייערקע דאָס פליישיקע טעפּל און מיט דער צווייטער דאָס מילכיקע טעפּל! נו, אדרבא, זאָגזשע מיר, דאַרף איך הילף?"

ר' משה לייב קופעלד איז געווען דער היפוך פון ר' יוסף הירשן: ראשית כל איז ער געווען אַ גביר און טאַקע אַ למדן מופלג, אַן אמתדיקער קאָצקער תלמיד, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט פיינד געהאַט דעם פּראָסטן עולם, די בעלי מלאכות און א גרויסער תקיף, אפילו דער רב פון שטעטל האָט פאַר אים געציטערט, און דערצו אַ גרויסער קנאי, יעטוועדער מנהג קל שבקלים איז פאַר אים געווען תורת משה, און יעטוועדע אָפּנייגונג פון אים — אַ פאַרברעכן.

ער האָט קיינעם נישט געשוינט, אַפילו נישט קיין למדן. כ'געדענק אַז ר' גרשון קוטנער איז געקומען אין חסידים שטיבל אָנגעטון אין אַ קליין היטעלע, האָט ר' משה לייב, וואָס האָט געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זיין למדנות, אים גוט ברודעריש אויסגעמוסרט, אַז „ער גייט רחמנא ליצלן אַרום בגלוי ראש"...

און אַז זלמן קצב האָט געהאַלטן (נישט: אָנגעצונדן) אַ ליכט אין שבת, און דער רב איז דעם שבת געווען ביים רבין אין גער, האָט אים ר' משה לייב געאַסרט די יאַטקע און דער קצב האָט געמוזט קומען נאָך דעם חודש אין די זאָקן אין בית־המדרש און זיך מתודה זיין אויפן חטא פון חילול שבת...

ר' משה לייב איז געווען בכלל כולו דין, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער בעל מדות, אַ בעל צדקה און אַ מכניס אורחים און אויך אַ גרויסער מרביץ תורה; אַליין געלערנט יומם ולילה און טאַקע מיט תלמידים.

מען האָט אים אין שטעטל שטאַרק מכבד געווען, אָבער נישט ליב געהאַט. זיין תפילה האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. אָט זע איך אים, איינגעהילט אין אַ טלית פון קאָפּ צו די פיס. ער האָט זיך נישט געשאָקלט ביים דאַווענען נאָר געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ נעבן ארון־קודש. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, נאָר זיין קול האָט זיך נישט געהערט. ער איז געשטאַנען בדחילו ורחימו ווי אַ שקלאַף פאַר זיין האַר.

און אַ דריטן למדן וויל איך דערמאָנען: ר' הירש פּראַשקער, דער פאָטער פונעם באַוווּסטן וולאָצלאַווקער גביר, דעם גערער חסיד — סיני פּראַשקער.

ר' הירש פּראַשקער איז געווען גאָר אַ גרויסער למדן, אַ חריף און אַ בקי און דערצו אַ משכיל. אין זיין הויז האָט זיך געפונען דער „המליץ" און די „הצפירה", די „נאָוואָ גאַזעטאַ", דער „בערלינער טאַגעבלאַט" און ער איז געווען דער איינציקער בעל מדקדק אין שטעטל. דערצו האָט ער געפירט גרויסע געשעפטן און גאַנצע טעג אַרומגעפאָרן אין די דערפער, געהאַנדלט מיט די פּריצים, וועלכע האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט פאַר זיינע לינגוויסטישע ידיעות און פאַר זיין ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט.

ווען ער האָט צייט געהאַט צו לערנען תורה — איז פאַר מיר אַ רעטעניש ביז צום היינטיקן טאָג, אָבער קיינער האָט נישט געצווייפלט אין זיין למדנות. דער רב פון שטעטל, וועלכער איז, אגב, נישט געווען קיין גרויסער למדן, האָט פשוט מורא געהאַט זיך מתפלפל צו זיין מיט אים אין לערנען.

ר' הירש פּראַשקער איז געווען אין מיינע יוגנט־יאָרן די לעבעדיקע צייטונג פון שטעטל; ווען ער האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין בית המדרש צו מנחה־מעריב, האָבן אים די יידן אַרומגערינגלט ווי די בינען און זיך געבעטן: „ר' הירש, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט און וואָס שרייבן די בלעטער?"

און ר' הירש האָט זיי מסביר געווען סאָקאָלאָווס אַ מאמר „ועל המדינות בו ייאמר" און די למדנים־בטלנים און די פּשוטע יידן בעלי־מלאכות זענען געשטאַנען פאַרגאַפט און געשעפּטשעט: „אָט דאָס הייסט תורה וגדולה במקום אחד; אַ לעבן אויף אים!".

און אַז מ'רעדט וועגן למדנים־משכילים מוז איך דערמאָנען אויך דוד לעדערבערג, וועלכער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון און האָט געקענט איבערדערציילן אַ טויזנט־זייטיק בוך בנשימה אחת. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון אונזער און פון אַלגעמיינער געשיכטע און כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין דקדוק האָט ער געשריבן אַ מוסטערהאַפטן העברעיש.

ער האָט באַרייזט די וועלט, געווען אפילו אין אויסטראַליע און האָט געקענט אַביסל ענגליש, קאָקעטירנדיק דערמיט, אָבער די לאַנדסשפּראַך איז פאַר אים געווען הערצליפן און אַ באַקאַנטער הויכגעבילדעטער פּריץ פון דער סביבה, וועלכער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים, האָט אים אַמאָל געפרעגט: „פּאַניע (הער) לעדערבערג, ווי קומט דאָס אַז אַזאַ געבילדעטער ייד ווי איר זאָל נישט קענען קיין פויליש?"

האָט ער אים געענטפערט מניה וביה: „און ווען כ'וואָלט געקענט פויליש וואָלט איך נישט געווען קיין פאַרשיווער זשיד (פאַרכוואַטער ייד)?"

און נאָך אַ משכיל וויל איך דערמאָנען — נתן ברעכער, וועמענס פאַמיליע געפינט זיך אין ישראל. געווען איז ער אַ ליפנער, געוווינט אייניקע יאָר אין אונזער שטעטל און געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דער יוגנט.

ער איז געווען דער אידעאַליסט פון שטעטל — זיין ליבע צום

ציוניסטישן אידעאַל און צו דער העברעישער שפּראַך זענען געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן, ער האָט זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר זיי. זיין ליבלינג איז געווען דער נאַציאָנאַל־פאָנד. בכדי צו קריגן אייניקע גראָשן, אָדער גילדן פאַר דעם פאָנד, האָט ער פאַר־נאַכלעסיקט זיינע געשעפטן.

דער וולאָצלאַוועקער רב הגאון ר׳ יהודה לייב קאָוואַלסקי ז״ל, וועלכער האָט אויך מקריב געווען זיין קאַריערע און לעבן פאַרן ציוניזם, האָט אַמאָל געפרעגט:

— נתן, וויפיל זאַמלסטו אַ יאָר פאַר דעם נאַציאָנאַלן פאָנד?

— צוויי‌הונדערט רובל, אויב כ׳האָב מזל!

— אפשר וואָלט געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט געבן פון דיין קעשענע די סומע און נישט רוינירן דיין פאַמיליע? האָט אים הרב קאָוואַלסקי געפרעגט.

— רבי, וואָס רעדט איר? אַז אַ ייד גיט מיר אַ פאָר גראָשן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, הערט ער פון מיר וועגן ציוניסטישן אידעאַל און איך פיל, אַז ער גיט מיר אויך אַ פונק פון זיין נשמה און דאָס איז פאַר מיר דער עיקר, נישט די עטלעכע גראָשן!

און הרב קאָוואַלסקיס נבואה איז, ליידער מקוים געוואָרן, ער האָט פאַרלוירן די לעצטע פרוטה און איז געוואָרן אַ משולח פאַרן אָדעסער קאָמיטעט פון די „חובבי ציון״ און ער האָט זיך געפילט אין זיין נייער ראָל ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער האָט געלעבט ווי אַ קדוש און געשטאָרבן ווי אַ קדוש: אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט מען ביי אים אין קעשענע געפונען אַ טריפה־פסול, די מאַפּע פון ארץ־ישראל און פאַר דעם גרויסן פאַרברעכן האָט מען אים דערהרגעט. אַזוי האָט מען דערציילט אין וולאָצלאַוועקער ציוניסטישע קרייזן.

ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועט זיין ליכטיקע געשטאַלט שייַנען און לייכטן פאַר מיינע אויגן.

די רשימה פון די למדנים איז ווייט נאָך נישט אויסגעשעפּט און כ׳וואָלט געקאָנט מאריך זיין, אָבער די פשוטע האַרציקע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זענען געווען דער רוב מנין און רוב בנין אין מיין שטעטל פאָדערן מיט רעכט אַ פּלאַץ אין די זכרונות.

מיר וועלן מכבד זיין מיט דער ערשטער עליה דעם שטאַרקסטן ייד פון שטעטל, וועלכער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט געקענט קיין עברי: יעמוד הירשקע, „דער גרויסער טייוול״, להיפוך צו זיין ברודער אברהמקע, „דעם קליינעם טייוול״, וועלכער איז נישט געווען אַזאַ גבור און טאַקע אויך נישט אַזאַ עם הארץ, ער האָט געקענט שוין דאַווענען.

הירשקע טייוול איז געווען אַ טרעגער און האָט מקיים געווען דעם פסוק: „בזיעת אפיך תאכל לחם״ טאַקע כדת וכדין: ווער ס׳האָט נישט געזען הירשקען שלעפּן אויף זיין רוקן אַ פאַס (נישט קיין פעסל!) הערינג און פון פאָרנט אַן אַנדערע גרויסע משא, פון ווייסל ביז אין שטעטל (אַ מהלך פון קנאַפּע צוויי וויאָרסט), קלעטערן אויף די בערג, זיך דראַפּען אויף אַלע פיר אין די פעטע ליימיקע בלאָטעס, האָט נישט געזען קיין שווערע אַרבעט. כ׳וואָלט געזאָגט: קיין עבודת הקודש, הייליקע אַרבעט!

און דער פשוטער ייד, וואָס האָט נישט געקאָנט לייענען „עברי״ האָט זיך אויסגעלעבט יידישלעך און מענטשלעך, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. האָט אַ ייד געדאַרפט אַ גמילות־חסדל (און ווער האָט דאָס נישט געדאַרפט?) האָט הירשקע אים געבאָרגט ביז די לעצטע פרוטה; און אָפּגעהיט האָט ער אַלע מצוות ווי אַ כשרער ייד.

כ׳געדענק אַז אַמאָל חמישה־עשר בשבט איז ער אַריינגעקומען אין אונזער געוועלבל און זיך געווענדעט צו מיין פאָטער ע״ה בזה הלשון: „ר׳ חסקעל, ווייזט מיר אַ פייג!״ האָט אים מיין פאָטער, אין שפּאַס, געוויזן אַ „פייג״ מיט די פינגער, האָט הירשקע גע־שטאַמלט און געזאָגט: „כ׳וויל אַן אמתע פייג צו מאַכן אַ ברכה״״, מיין פאָטער האָט זיך פאַרשעמט, אים איבערגעבעטן און טאַקע מכבד געווען מיט די בעסטע פייגן: „עס און האָב הנאה פון אַ מצוה!״. הירשקע האָט זיך מחייה געווען פון כיבוד און האָט בושה־דיק געשטאַמלט: „ר׳ חסקל, מאַכט שוין טאַקע מיט מיר די ברכה, וועל איך האָבן אַן אמתע מצוה!״. מיין פאָטער האָט מיט גרויס כוונה געמאַכט די ברכה און הירשקע האָט נאָכגעזאָגט נאָך מיט מער כוונה. ער האָט געקויפט אַביסל פירות פאַר זיין ווייב זאַשע, זאָל זי אויך הנאה האָבן פון די ארץ־ישראלדיקע פירות... איך האָב זיך בשעת מעשה געטראַכט, אַז די חכמי תלמוד האָבן זייער טרעפלעך געזאָגט: „שאפילו ריקנים שבך מלאים מצוות כרימון״ — אַפילו לײדיקע פון תורה יידן, זענען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך.

אָט נעמט, למשל, אַזאַ יידן ווי משה אהרן קאָם אַ שטיקל שניידער און אַ סעדער, אַ פשוטער ייד אָן תורה און אָן חכמה, אָבער זיין ליבע צו תורה איז געווען אָן אַ שיעור. נאָכן דאַווענען האָט ער געזאָגט מעמדות מיט גרויס כוונה און טאָמער האָט ער פאַרשטאַנען אַ שטיקל מעמדות האָט ער זיך דערקוויקט דאָס האַרץ. האָט ער זיך אָבער אָנגעשטרויכלט אין אַ שווערן פסוק, אָדער אַ שווער וואָרט, פלעגט ער נישט דרייסט איבערהאַקן אַ באַקאַנטן בחורס לערנען און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים פאַרטייטשן אָדער דערקלערן דעם פסוק אָדער דאָס וואָרט און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט צער, רחמים און בקשה, אַז מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ טאָטער אים אָפּצוזאָגן.

און אַ בעל מדות טובות איז ער געווען. אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! צו טון אַ גמילות חסד צו אַ נצרך איז געווען זיין גרעסטער תענוג און טאַקע בסתר, שאַ שטיל, קיינער זאָל נישט רעדן דערפון. טאָמער איז דער נצרך געווען אַ בן תורה, אָדער אַ יודע ספר איז זיין שמחה של מצווה געווען גאָר אַ געהויבענע.

און נאָך אַ פשוטן ייד וויל איך מזכיר זיין: יוסף גאַרניעץ, אַ דאָרפס־ייד, וואָס האָט זיך אין די מיטעלע יאָרן באַזעצט אין שטעטל און געעפנט אַ יאַטקע. וויפיל פאָלקס־חכמה האָט דער פשוטער קצב פאַרמאָגט. געשעפּט האָט ער זי בעיקר פון דער „צאינה וראינה״ און פון טייטש־חומש, דער איינציקער מקור פון זיין תורה און חכמה...

ער פלעגט קומען שבת נאָכן שלאָף אין בית המדרש און זיך אַוועקזעצן געמיטלעך נעבן אַ בחור, וואָס האָט געלערנט תורה. ער האָט אים איבערגעריסן דאָס לערנען און געפרעגט אַ קושיה פון דער סדרה. האָט דעם בחור דאָס מזל צוגעשפּילט און האָט געטראָפן דעם תירוץ פון „צאינה וראינה״ איז ער נתגדל און דערהויבן געוואָרן אין זיינע אויגן, חלילה נישט, האָט ער אים געזאָגט מיט נצחון כהאי לישנא: כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ למדן, נו האָב איך אַ טעות געהאַט, דאָ ביזט אַ למדזשוק!״

אויך ער איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש: די קאָזאַקן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אים אַזוי צעמזיקט, אַז ער איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ דריי־טאָגיקער שווערער גסיסה.

אָבער קיין טלית שכולה תכלת איז אונזער שטעטל נישט

געוועזן. איך וועל דערמאָנען ברמז דריי העסלעכע טיפּן: ש—ק, אַ שכור, אַ נואף און אַ מסור. ער איז געוועזן איינער פון די פּרנסי הקהילה, אָ דאָזער, ווייל מ׳האָט פאַר אים פשוט מורא געהאַט, ווי פאַר דעם מלאך המוות. ער פלעגט זיך באַרימען: „דו פאַרמאָגסט נישט וואָס מיין בויך האָט אויסגעטרונקען! האָט אים מיכאל פעלד געענטפערט: „איר זאָלט דאָס טאַקע פאַרמאָגן וואָס אייער בויך איז ווערט!״

און נאָך אַ העסלעכן טיפּ וויל איך דערמאָנען: ד. ל—ר דער קאָרטנשפּילער פון שטעטל. אַ גרויסער זולל וסובא און פאַרטון איז ער געווען אין קאָרטן, אַז ער פלעגט גיין אויף דער גאַס און רעדן צו זיך: „טרומף, טרומף!״ און די פינגער זיינע האָבן כביכול טאַשירט די קאָרטן.

די ליבע צו תורה איז געוועזן אזוי גרויס און שטאַרק, אַז אויך ער האָט גענומען אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער אַ גרויסן בן־תורה, ר׳ לייב דיינס זון פון דאָבזשין ביי דער דרווענצע, און האָט אים ממש אָפּגעגילט. דער שידוך האָט זיך געענדיקט שפּעטער מיט אַ גט.

אָבער דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט שונאי־תורה, וואָס האָבן פיינד געהאַט אַ בן תורה ווי אַ שפּין אין די אויגן. אַזאַ איינער איז געוועזן שלומקע, דער פרויען־שניידער. די שונאי תורה זענען אָבער געוועזן א מיעוט שבמיעוט.

אַזוי לעבט מיין שטעטל דאָברין אין מיין באַוווסטזיין און אונ־טערבאַוווסטזיין — דאָס שטעטל פון מיינע קינדעריאָרן. שפּעטער זענען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען, גוטע און שלעכטע, אָבער איך האָב זיי נישט מיטגעלעבט און נישט איבערגעלעבט.

איז געקומען די צוויי־פיסיקע חיה, היטלער ימח שמו וזכרו, און האָט אָפּגעווישט מיין שטעטל און אַנדער יידישע קהילות. זאָל דאָס בלוט פון אונזערע קדושים זידן און קאָכן ווי דאָס בלוט פון זכריה הנביא און דאָס אַש פון די קדושים זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין פייער און זאָל ברענען דאָס געוויסן פון דער גלייכגילטיקער וועלט, וואָס האָט מערדעריש געשוויגן בשעת אונזערע קדושים זענען פאַרגאַזעוועט געוואָרן.

ארץ אל תכסי דמנו!!!

מרדכי פינטשעווסקי / אויסטראַליע

כאָדעטש

כאָדעטש אָדער כאָטש, ווי מען האָט עס יידישלעך גערופן, איז געווען אַ קליין שטעטל אין דער קויאַווער געגנט. מען האָט דאָרט געלעבט ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך פון דעם מין אין דער פוילישער פּראָווינץ. די כאָטשער יידן זענען הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות, מאַרק־הענדלער און קליינע סוחרים. אַלע האָבן זיך געמאַטערט אַרויסצוברענגען פרנסה פאַר זייערע קינדער. דער דלות האָט געהערשט איבער אַלעמען און דחקות האָט זיך ברייט אויסגעשפּרייט איבער יידישע היימען.

די קהילה האָט פונקציאָנירט און שווער זיך געראַנגלט צו קאָנען דעקן איר בודזשעט. דער כאָטשער רב, הרב פּאָזנאַנסקי, איז געווען באַקאַנט מיט זיין גרויס לומדות און מיט זיין געזעלשאַפטלעכער עסקנות. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף יידישקייט אין שטאָט צוזאַמען מיט די אַנדערע כלי־קודש. דער שוחט פּאַלושאַק איז געווען אַ ירא וחרד. געווען חדרים און מלמדים פאַר די יידישע קינדער, וואָס האָבן די אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין דער אַלגעמיינער עלעמענטאַרער „פּאָווסעכנער"־שול. מיין מלמדס נאָמען געדענק איך — ישראל בלאַנק. ער האָט אָפּט אונז געשלאָגן און געקניפּט, כדי מיר זאָלן זיך אויסלערנען אַ בלאַט גמרא.


געווען אין אונזער שטעטל אַ הכנסת אורחים, ווו מיין פאָטער איז געווען גבאי. די גמילת־חסדים קאַסע וואָס האָט עקזיסטירט, האָט געגעבן אומפּראָצענטיקע הלוואות צו נויטבאַדערפטיקע און האָט געהאָלפן די אָרטיקע יידן אין זייער עקאָנאָמישן געראַנגל. דער טאַטע מיינער איז אויך געווען אַ צייט לאַנג דער אויפזעער פון דער מקווה. צו די קהילה־פונקציאָנערן דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דער שמש. אַלע זענען געווען אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאַטערט פאַר זייער חיונה.

די יוגנט וואָס איז אויסגעוואַקסן אין שטעטל, האָט דערפילט די אויסזיכטסלאָזיקייט פון אַזאַ עקזיסטענץ. אייניקע האָבן זיך פון שטעטל אַרויסגעריסן אין זייער באַגער צו באַקומען העכערע בילדונג. די יוגנט האָט אָבער געגאַרט פאַר קולטור און דעריבער האָט זי אָרגאַניזירט אַ שיינע יידישע ביבליאָטעק און פאַרשאַפט עטלעכע טויזנט ביכער, אַראָפּגעבראַכט יידיש טעאַטער וואָס האָט פאַרווילט און געלערנט די אָרטיקע יוגנט. אַ צייט־לאַנג איז אין כאָטש געווען דער יידישער שוישפּילער יעקב ווייטליץ, וואָס האָט געאַרבעט מיט דער יוגנט און אויפגעפירט פּיעסעס, וואָס האָבן אויסגענומען ביים עולם. געקומען איז אויך גרושקאַ פון וולאָצלאַוועק צו רעזשיסירן טעאַטער־שטיק מיט אונזערע יוגנט. דאָס ערשטע טעאַטער־שטיק איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַ סטאָדאָלע, אין אַ תבואה־שפּייכלער. ס'זענען אָרגאַניזירט געוואָרן רעציטאַציע־אָוונטן און פאָרלעזונגען מיט דער באַטייליקונג פון פאַרשידענע באַקאַנטע לעקטאָרן און פאָרלייענער פון וואַרשע און וולאָצלאַוועק.

צווישן דער אייגענער יוגנט האָבן זיך אויסגעצייכנט שלמה שקלאַרטשיק, ש. פּאַלושאַק, ש. וויינגאַרט, ב. וויינגאַרט, מ. לובראַניעצקאַ, ר. פּאַלושאַק, פּ. טשיזשעווסקי, מ. גורקאַ א"אַ.

אומגעקומען איז די קהילה קדושה כאָטש. דער דיישער רוצח האָט אַרויסגעיאָגט די יידן, זיי פאַרוואָרפן אין געטאָ און אין לאַגערן און זיי אומגעבראַכט. בלויז 18 יידן זענען פון דער כאָטשער יידישער קהילה געבליבן ביים לעבן.

נישטאָ מער די יידישע כאָטש. זאָל כאָטש איר זכרון בלייבן אויף אייביק.


דער אומקום

משה לישאק / פאריז

שואת הישוב היהודי בולוצלבק

הגרמנים נכנסים לולוצלבק

עם פרוץ המלחמה בין גרמניה הנאצית ופולין ב־1 בספטמבר 1939 וכניסת הצבא הגרמני ב־א׳ דראש השנה תרצ״ט (14 ספטמבר 1939), הגיסטפו והיחידות הנאציות האחרות לולוצלבק, התחיל תהליך הדמים של חיסול האוכלוסיה היהודית בעזרתם הפעילה של גרמנים, תושבי המקום והסביבה („פולקסדויטשה״), חלק מהפולנים ובהסכמתם הפאסיבית של רוב תושביה הנוצריים של העיר.

שנתיים ולמעלה נמשכו הזוועות — מאבק עקוב מדם של הישוב היהודי, מלווה גזירות, נגישות, עינויים ורצח. מהיהודים שהועמדו מחוץ לכל חוק, נגזלו הרכוש, החנויות, בתי־המלאכה, הבתים והדירות; ממונם נלקח ונכסיהם הוחרמו. הם הוגבלו בקניית מצרכי המזון, בחופש התנועה בעיר וכד׳. כל המוסדות היהודיים נסגרו ונכסיהם הופקעו.

בראש המינהל הגרמני עמד הס.א.־שטורמבאנפירר האנס קראמר כראש העיר. סגנו היה אליוט הָאסאָמאַייר (נתלה בולוצלבק אחרי השחרור בפקודת בית משפט עממי פולני). יועצם היה תושב העיר מאקס דונקהורסט, ששימש לפני המלחמה במשך שנים רבות כמורה להתעמלות ב„מכבי״ ובגימנסיה העברית. כפי שהתברר אחר־כך, הוא היה מנהיג הגייס החמישי הגרמני בעיר. שלשתם היו האחראים העיקריים לכל פעולות הנישול של האוכלוסיה היהודית.

שריפת בתי־הכנסת, הגזירות הראשונות, פעולות ההרג והנגישות

גל האימים של נגישות והתעללויות החל עם שריפת שני בתי־הכנסת — הישן והחדש, ביום א׳, אחרי יום הכפורים (24/9), שָפכו אנשי הס.ס. נפט והציתו את בתי־הכנסת ברחוב ז׳אביה וברחוב קרולביצקה. בבנין ברחוב קרולביצקה שכנו משרדי הקהילה והרבנות. את הקירות, שנשארו לפליטה, פיצצו. הם העלו באש גם את בית־התפילה של חסידי הרבי מגור ברח׳ קובאלסקה. התכנית להרוס את בנין ה„מכבי״ לא יצאה לפועל.

דכאון ואבל השתררו בקרב יהודי העיר, אבל מה נבזה וציני היה הדבר, כשעשרה יהודים בבית הסמוך לבית הכנסת הישן ברח׳ השלשה למאי מס. 22 (פינת ז׳אביה) נאסרו באשמת הצתת בית־הכנסת ונסיון להעביר את האש על בתי הסביבה.

בליל כל־נדרי נפלו הקרבנות הראשונים. בביתו של גוטובסקי ברח׳ לנגסקה 69 התאסף מנין לתפילות החג. עם גמר התפילה, בדרכם לבתיהם שנמצאו בקרבת המקום, הבחין בהם סיור של אנשי ס.ס. הם רדפו אחרי המתפללים, ירו על ימין ושמאל, התפרצו לדירות ברח׳ לנגסקה ובככר השוק הישן. את קרבנות היריות, ביניהם אנשים חיים, קברו יחד בחצר הבית, בו נערך המנין. את הבור חפרו יהודים מהסביבה הקרובה. כעבור זמן הועברו הקרבנות לקבר ישראל. בין הנרצחים בליל־אימים זה היו יעקב ברנהולץ, מוטק דישל ודמבינסקי.

בלילות ה־24־25 בספטמבר נערך מצוד בבתים ונאסרו למעלה מ־800 יהודים כבני־ערובה. במצוד הזה נהרגו שני יהודים, אחד מהם היימן מרח׳ קובלסקה. כל העצורים נכלאו בבית־הסוהר העירוני.


Nr. 15 Mittwoch, den / Sroda, dnia 25.X.1939 Preis 5 Rpf / Cena 10 gr.

LESLAUER BOTE

ABC DLA WŁOCŁAWKA i KUJAW

24.10.1939

Deutscher Heeresbericht

Niemiecki komunikat wojenny

Oeffentliche Bekanntmachung Nr. 15

Ogloszenie Nr. 15

Leslau, den 24. Oktober 1939.

Der Stadtkommissar

Komisarz miasta Leslau

גזירת הטלאי הצהוב — די גזירה פון דער געלער לאַטע

כעבור זמן שוחררו החולים והאחרים הועברו לקסרקטין של גדוד חיל־הרגלים מס. 14. מכאן היו מובילים אותם לכל מיני עבודות. באחת הקבוצות נורה למוות אלטשולר (היה בעל חנות לחמרי ברזל ברח׳ ז׳אביה), בשעה שאשתו נסתה להעביר לו אוכל כשצעד בשורה תחת משמר.

ראש העיר קראמר פירסם ב־29 בספטמבר בעתון המקומי „א.ב.צ. דלה וולוצלבקה אי קויאַוו״ („לסלאַוער בוטה״) צו, לפיו חייבים היהודים להכניס עד ה־1 באוקטובר (במשך יומיים!) לגזברות העיר 100 אלף זלוטי, אחרת יוצאו להורג כל האסירים.[1]

---

[1] בסוף המאמר אנו מביאים תרגום של המסמך השפל הזה.

ברם לא היה די בסכום זה. כעבור כמה שבועות הוטל תשלום חדש בגובה 200 אלף זלוטי וכעבור שבוע עוד 250 אלף זלוטי נוספות. הסכום האחרון שולם רק בחלקו.

אחרי שמונה שבועות שוחררו מאות האסירים ותמורתם התחייבה הקהילה לספק כל יום 800 יהודים לעבודות שונות בעיר.

פרק עגום במיוחד היתה ההליכה לעבודה של מאות היהודים, בדרך היו מכים, מענים ומשפילים אותם. ידוע לגנאי היה מקום העבודה ברח' פיבנה, שכינו אותו „סמטת המוות". חייו של כל איש נתונים היו פה בסכנה בגלל היחס האכזרי של המשגיחים הנאציים.

במרוצת ימי האימים נוספו על הגזירה, שאסרה על היהודים ללכת על המדרכה (בגלל „היחס המתגרה", כביכול, של האוכלוסיה היהודית), גזירות חדשות: הסרת כובע בפני כל גרמני במדים, נשיאת הטלאי הצהוב וכו'. ולוצלבק היתה העיר הראשונה בפולין בה הונהגה גזירת הטלאי הצהוב (25.10.1939).

בפרק זמן זה טובעה בויסלה גב' ז'שאָבסקה (מדיירי ככר השוק הישן מס. 4) כעונש על יציאה לרחוב לפני גמר העוצר.



עם הטלאי הצהוב — מיט דער געלער לאַטע

היהודים בורחים מן העיר

כתוצאה מהרדיפות עזבו את העיר משפחות רבות ובמיוחד בני־נוער, כשפניהם מועדות לשטחים שבשלטון הצבא האדום. רבים עברו לקוטנו, ז'יכלין, ורשה ולערים אחרות בהן היה היחס ליהודים פחות חמור. ברם במשך הזמן הורע המצב בכל מקום והולוצלבקאים נרצחו, מתו מרעב או נשלחו למחנות ההשמדה חלמנו, טרבלינקה, מאידנק ואחרים, כיתר אחיהם לצרה.

הטרנספורט הראשון מולוצלבק למחנות נערך בסוף אוקטובר 1939 והקיף את נציגי האינטליגנציה המקומית. דונקהורסט נתן את ידו למבצע זה ואף לא היסס לשלוח להשמדה את מורי הגימנסיה היהודית, שאתם חי בידידות במשך שנות עבודתם המשותפת ואשר רבים מביניהם עזרו לו בשעתו להתכונן לבחינות הממשלתיות של מורה מוסמך בבתי"ס תיכוניים (הוא נכשל בבחינות אלה בגלל העדר אינטליגנציה וידיעות יסוד). אחרי הטרנספורט של המורים היהודים בא תורם של המורים הפולנים וגם פה הלך מבית לבית המדריך להתעמלות לשעבר בלוויית קצין הגיסטפו.

הגירוש הראשון התקיים ב־1 בדצמבר לאוז'רוב. נכללו בו בעיקר עניי העיר, כלומר אלה אשר היו כביכול למעמסה על הקהילה. שמותיהם הוגשו על ידי נציגיה בתקוות־שוא שאפשר להנצל על חשבון הזולת.

בראש הנהלת הקהילה עמדו אז יעקב ציגאנסקי, ברנרד זילבר, סימון בראגינסקי, יוסף רודה (שמילא לאחר מכן תפקיד עגום בגיטו ורשה) ואחרים. הלקם עזבו במרוצת הזמן את העיר והגרמנים מינו תחתם מועצה (יודנראט) עם יצחק קובאלסקי בראש כזקן היהודים (יודנאֶלטסטה). לידו היתה „פעילה" העלמה אלברשטין שנודעה בכינויה „אסתר המלכה".

הגירוש השני חל ב־15 בדצמבר 1939 לולושצ'וב־זמושץ'. השלישי ב־15 בפברואר 1940 לטארנוב. קשה לתאר זוועת גירושים אלה. את המיועדים למשלוח היו מגרשים מהבתים בחשכת הלילה ומרשים להם לקחת רק חבילה קטנה של בגדים. בלילות כפור, בסערות שלג נתמשכו ברחובות שורות ארוכות של זקנים, גברים, נשים וטף. משמרות אנשי הס.ס. התעללו בהם במשך כל הדרך ובבית־הנתיבות עד להכנסתם לקרוןבות המשא. בהגיעם למקומות החדשים חיכה להם המוות מרעב וממחלות מדבקות. אלה שנותרו נספו בתאי הגאזים של טרבלינקה יחד עם שרידי האוכלוסיה היהודית המקומית. רק בודדים מבין אלה שעבדו בפלוגות עבודה זכו להשאר בחיים.

אחרי הגירושים האלה ואחרי בריחתם מהעיר של כ־11 אלף יהודים נשארו בולוצלבק רק כארבעת אלפי מיהודיה.

ריכוז של האוכלוסיה היהודית ברחובות מיוחדים

על הנותרים גזרו הגרמנים כמעט כל יום גזירות חדשות. גזלו מהם את הרהיטים, את כלי המיטה, הבגדים וכד', גרשו אותם מבתיהם וריכזו אותם בסביבת הרחובות לנגסקה, קובאלסקה, קרולביאָצקה, טארגובה והשוק הירוק ונאסר עליהם להמצא ברחובות הראשיים. בתנאים אלה נעשה מצבו של הישוב היהודי המדולדל עוד יותר טראגי. התרחב מעגל העוני והרעב שרר ברוב הבתים. האנשים מכרו את שארית רכושם, שהנאצים עדיין לא הצליחו לגזול וקנו מזון; תמורת הבגדים שפשטו ממש מגופם... חלק מהאוכלוסיה קיבל סעד מה„ג'וינט". מספר קטן של בעלי־מלאכה, שעבדו ברשיון או באופן בלתי ליגלי, חיו באופן יחסי מעל לרמה המקובלת כי הודות לעבודתם יכלו להשיג מזון וזה היה העיקר באותם הימים....

העקירה
די אויסזידלונג









ילדים בגיטו — קינדער אין געטאָ


אופיינית היא העובדה שראש־העיר קראַמר, שהיה מדבר עם הנציגים היהודים כשגבו מופנה אליהם, היה תופר את חליפותיו אצל החייט היהודי חיים טאבּצ׳ניק...[2]

בגיטו בראקוטובק

בתקופה זו הוחל בהכנת הגיטו בסביבת ראקוטובק, שכונה ע״י בית הקברות היהודי. היה זה פרבר עירוני מוזנח, מאוכלס על ידי עניי העיר ואנשי העולם התחתון הפולני. הרחובות לא היו מרוצפים ובלי תאורה חשמלית, הבקתות — רובן מחמר ומקצתן מעץ. זה היה משכנם החדש של שרידי יהודי ולוצלבק. הפולנים, בערך 1000 במספר, הועברו לדירות המגורשים ובמקומם היו צריכים להתישב יותר מ־3000 יהודים.

בשלהי אוקטובר 1940 התחילה הפרשה המזועזעת של העברת היהודים לגיטו.

בחדר עלוב אחד התגוררו כמה משפחות ביחד. שרר פה דוחק, לכלוך ומריבות. אנשים בעלי אופי, מזג ודרישות שונים נאלצו לדור



בתים בגיטו ראקוטובק — די הייזקעס אין געטאָ ראַקוטוועק

[2] ניצל מהמחנות, היגר לאוסטרליה ושם נפטר. (רעה לעיל דף 257).

בכפיפה אחת בתנאים אל־אנושיים. אמנם היו גם פה כמה בתים יותר טובים, אבל באלה גרו עסקני הגיטו למיניהם.

לסיום „אקציה" זו ערכו אנשי הס.א. פרעות ביהודים שעדיין נותרו בעיר, בפיקודם הישיר של קראמר, האַסאַמאייר ודונקהורסט. בשבת, 9 בנובמבר 1940, בין שעות 3.00—6.00 אחה״צ, גורשו מאות יהודים מבתיהם והובלו בריצה אל הגיטו. בדרך הכו אותם והתעללו בהם באכזריות. את מלאכת הדמים סיימו אנשי הס.א. בהפגנה בחוצות העיר בסיסמא „לסלאָו יודאָנריין" (ולוצלבק נקייה מיהודים). למחרת חזרו האומללים לדירותיהם כדי לקחת אל הגיטו את רכושם הדל, שנשאר לפליטה מהפוגרום.

הגיטו נסגר באופן הרמטי והוקף בגדר־תיל דוקרני. כל הגדרות מסביב לבתים פורקו כדי שאפשר יהיה לראות מבחוץ את התנועה בשטחו. השמירה על הגיטו היתה בידי אנשי הס.ס. לעזרתם נתמנתה על־ידי היודנראט מיליציה יהודית, שמילאה את כל פקודות המשמר. במיוחד „הצטיין" במסירותו לגרמנים איגנצי פנסטר שהיה מפקד המשטרה היהודית. (את עונשו קיבל מידי בני עירו במחנה עבודה בנאקלו).

בקרבת הגיטו נמצאה תחנת משטרה ובראשה עמדו הפוליצ־מייסטרים אירמה וראַאַבּה. למעשה היו הם האפוטרופסים של הגיטו. לא מעטים מתושביו ספגו מכות מידיהם על לא עוון בכפם. קרבנם הראשון היה החייט יודל מרקוביץ, שיצא מהבית בלי הטלאי הצהוב על בגדיו. אנשי הס.ס. סחבו אותו לתחנת המשטרה, שם ספג מכות ומהלומות ומשהגיע שבור ורצוץ עד שער הגיטו, נורה למוות.

היהודים עשו מאמצים על־אנושיים בחיפוש אחרי מצרכי מזון. בתחילה הורשו הגרמנים והפולנים להכנס לגיטו ואפשר היה להשיג אצלם מצרכים. האנשים היו מוכרים בשביל פת לחם את בגדם האחרון. חלק מהאומנים שעבד בבית או בבתי־מלאכה מיוחדים, היו מקבלים עבור עבודתם על־פי־רוב מזון. גם היודנראט חילק אוכל, אבל בצמצום רב — סלק ותפוחי אדמה רקובים ולפעמים בשר־סוסים.

המטבח העממי, פעילות ציבורית ותרבותית בגיטו

המטבח העממי שנוסד ביוזמתם והתנדבותם של בעלי־מלאכה ופשוטי העם, היווה סעד חשוב בשביל מחוסרי האמצעים מקרב תושבי הגיטו ועזר להם בקיומם היום־יומי הדל. עשרות אנשים נהנו פה מארוחת צהריים חינם.

לצדם של העניים והרעבים לפת לחם נמצאה בגיטו שכבה דקה של תושבים, אשר חיה ברווחה יחסית. הם ניהלו כל מיני עסקים שחורים. הדימורליזציה בגיטו גברה מיום ליום.

בתנאים אלה התארגנה קבוצת אנשי־עבודה לפעילות ציבורית־תרבותית ענפה. נוסד ארגון בעלי־מלאכה, שמטרתו העיקרית היתה לעזור לחברים במצוקתם. הנוער ארגן יום־סרט לטובת המטבח העממי. כל המפגשים נתקיימו בבית העלמין היהודי, בחדר הטהרה, שם גם פעל המטבח העממי. חדר הטהרה שימש גם כאולם תיאטרון והתקיימו בו הצגות של קבוצת חובבים בהדרכתו של יאנצ׳ה טיגר ושולק זיגר (כעת בישראל). במשך קיום הגיטו נערכו שלוש הצגות ועצרת זכרון לי.ל. פרץ ביום השנה לפטירתו.

תנועות הנוער: „השומר הצעיר", „צוקונפט" וקומוניסטים ניהלו פעילות פוליטית מצומצמת, ברם התרכזו בדרך־כלל בבעיות הפנימיות של הגיטו. שום מגע עם תנועת־ההתנגדות לא היה קיים. השנה היתה שנת 1941 כשבפולין התחילה רק ההתארגנות למאבק נגד קלגסי היטלר.

רושם מדכא עשה על היהודים בגיטו תליתו בככר השוק הירוק של תושב עירנו קנטורוביץ (היה מפעילי „פועלי ציון" ימין). הוא הואשם בחבלה מדומה במאמץ המלחמתי.

את פסק הדין אולצה לבצע קבוצת יהודים מהגיטו. יום תמים נשאר תלוי הקרבן, כדי שאוכלוסית העיר תוכל לחזות ב„מחזה". למקום הובלו תלמידי בתי־הספר, כדי לראות את העלתו לגרדום של „היהודי הארור". מקום קבורתו לא נודע עד הלום.

אלה היו התנאים בהם חיו היהודים עד פרוץ המלחמה בין גרמניה הנאצית וברית המועצות ביוני 1941. המאורע הזה עורר את האמונה שמתקרב הקץ לממשל ההיטלראי וחיזק את התקוה שאולי אפשר יהיה לעבור בשלום את תקופת־האימים.

המשלוחים למחנות העבודה ולגיטו לודז'

לא עבר זמן רב והתחיל שוב פרק עגום בתולדות יהודי ולוצלבק — משלוח למחנות העבודה וגירוש של אלף תושבים לגיטו לודז'.

ב־26 ביוני 1941, לאחר פלישת הגרמנים לרוסיה, נשלחה קבוצה ראשונה של גברים למחנה עבודה בראדזיביל בפלך פוזנן ושבוע לאחר־כך קבוצה שניה לקאלמר ואויש.

בהלקח הבעלים מבתיהם, גדלו המצוקה והרעב אצל מרבית המשפחות והמוות נהיה לתופעה יום־יומית.

אחרי המשלוחים האלה נפסקה כל פעולה תרבותית וציבורית בגיטו, כי כל אחד ראה את עצמו כמועמד פוטנציאלי לגירוש למחנה המוות.

ההעברה לגיטו לודז' התקיימה ב־26 בספטמבר 1941. היא אורגנה ע"י מפקח המשטרה אוטטו בעזרת היודנראט והמיליציה היהודית. הרשימות של המגורשים נערכו במגמה להפריד בין המשפחות. נשלחו ילדים בלי הורים או להיפך. לפי הידיעות שהגיעו כעבור זמן נשלח חלק מהבחורות והנשים מלודז' למחנות העבודה בסביבות פוזנן. הנותרים הושמדו ביחד עם יהודי לודז' במחנה המוות חלמנו.

מחלות, רעב, קרבנות

אחרי המשלוחים האלה צומצם שטח הגיטו. תנאי הדיור והתב־רואה הורעו עוד יותר, חלוקת המזון הצטמקה. תפוחי אדמה וסלק רקובים — זו היתה מנת המזון היומית, וגם את אלה לא כל אחד השיג. התנאים הבלתי אנושיים הגדילו את מספר מזי־הרעב וחולי הטיפוס. התמותה גדלה לאין שיעור.

ב־6 בנובמבר 1941 נסגר הגיטו כליל ע"י קלגסי היטלר באמתלה שהטיפוס יכול להתפשט בעיר. אם מקודם היה קיים קשר כלשהו עם העיר, עתה הוא נותק לגמרי. המצב בגיטו היה נואש, אולם יצר החיים צווה להתגבר על כל המכשולים. נמצאו אנשים ובפרט נוער, אשר התגנבו מאחורי גדר־התיל ויצאו אל מכריהם הפולניים להשיג מזון, למרות הסכנה הגדולה שנשקפה לחייהם. כך נורו למוות, בחזרם לגיטו: פוקס, אונגר, ורשבסקי, הנערה ז'ולטי ואחרים.

גם בתוך הגיטו נפלו 20 קרבנות. הם הוצאו להורג על ידי הרוצחים הנאציים בגלל חטאים מדומים, ביניהם: ראובן גרינגולד, הירש יאָשון, שמעון ביז'ינסקי, יעקובוביץ (בנו של החייט „דער טורקאַר שניידר"), אלפרן (מורה לשעבר בבי"ס „מזרחי"), צרנדורף, ביאלוגלובסקי, ורוצלבסקי (רפד), מוטיל (צבע), גב' רוטמן וגב' לוינסקי. נורו גם שני פולנים אשר רצו להעביר אוכל דרך הגדר למכריהם.


באותו פרק זמן התחילו הגרמנים להרוס את בית־הקברות היהודי. הם שברו את המצבות ואלו העשויות שיש הוצאו. התגברה ההרגשה שימי הגיטו ספורים. בדרכים עקלקלות הגיעו השמועות שבעיירות הסמוכות מחסלים את הגיטאות ואת תושביהם מובילים להשמדה בחלמנו (בסביבות קולו־דומביה). ברם, לא כולם האמינו בידיעות הזוועה. האנשים לא תארו לעצמם עד היכן יכולה להגיע האכזריות של החיה הנאצית. אולם לא עבר זמן רב והשמועות האלו הפכו בגיטו ולוצלבק למציאות מרה.

ב־24 באפריל 1942 נשלחו יותר מ־400 גברים בגיל 14 עד 50 שנה למחנות העבודה בפלך פוזנן לווז'שניה־קובילה פולה, גוטנברון ונאקלו. ברגע האחרון לפני שהחל הטרנספורט לנוע, נרצח בתחנת הרכבת חבר היודנראט בניאָק ברגלאָו (מבעלי בית־חרושת לעורות יאבלונקה).

מרבית אנשי ולוצלבק מתו במחנות אלה. אחדים: פלוימנבוים, פרומר, פיאָפשינסקי, גולדשטין ואחרים נתלו. רובם מתו מרעב ומחלות. המיעוט אשר עבר את כל הסבל והעינויים, נשלח בשנת 1943 לתאי הגאזים של אושוויץ ובירקנאָו.

חיסול הגיטו

אחרי ה„אקציה" של 24 אפריל 1942 הרגישו הנותרים שמתקרב קצם הטראגי. בגיטו נשארו 1000 נפשות, רובם נשים וטף, זקנים וחולים. נשארה גם קבוצה קטנה של נוער, שהסתתרה בבונקר בתקוות־שוא להנצל מהטרנספורטים.



הגיטו בוער — די געטאָ אין פלאַמען

ב־27 אפריל 1942 התחיל הפרק האחרון של חיסול גיטו ולוצלבק. שלושה ימים נמשכה הובלת הקרבנות במכוניות־משא מיוחדות למחנה ההשמדה חלמנו. קשה לתאר מה שהתרחש בזמן העמסת האנשים. בכי, דברי פרידה אחרונים, קללות לעבר הרוצחים הנאציים, שהלמו בקתות הרובים באומללים... זו היתה דרכם האחרונה של שרידי הישוב היהודי בולוצלבק.

לפי עדות הולוצלבקאי מרדכי ז'וראבסקי, שניצל מחלמנו, ארכה השמדתם של אחרוני הגיטו בתאי הגאזים שלושה ימים.

ברגע האחרון התחמקו מהמשלוח וניצלו בתוך הגיטו גב' ברסלר ובתה (כעת בישראל) וקריגר.

אחרי שאוטו המשא האחרון עזב את השער, הציתו הנאצים

את כל השטח, כדי לא להשאיר זכר לפשעיהם. מהגיטו נשאר רק עפר ואפר.

את החיסול הסופי של הגיטו ערכה פלוגה מיוחדת של הס.ס. בפיקודם של אנשי הגיסטאפו המקומיים ובראשם: אוטטו, מאיור הרמן, ד״ר בארסוצקי, האֶסמאייר, דונקהורסט וקראמר.

*

במסרי על חייהם וקצם הטראגי של בני הישוב היהודי בולוצלבק תחת הכיבוש הנאצי, לא היה בדעתי להעריך את התפקיד של היודנראט בתקופה עגומה ואיומה זו. הוא מילא בדייקנות אחרי הפקודות שקיבל מהשלטונות הגרמניים, אך אי־אפשר למנותו עם אלה ששרתו את הנאצים בצורה עיוורת ובנאמנות ללא גבול.

בדרך כלל נשאר רוב היהודים בגיטו בולוצלבק נאמן לכור מחצבתו. אפילו ברגעים הקשים ביותר גילו רגשי אחוה לזולת ועזרו במידת היכולת איש לחברו בעצה ומעש.



מחכים לטרנספורט — מען וואַרט אויפן טראַנספּאָרט

נספח

„א.ב.צ. דלה ולוצלבקה אי קויאוו״
יום ששי, 29 בספטמבר 1938.
מודעה מס. 1

1) בשעת שריפתם של שני בתי־הכנסת המקומיים נתגלו שתי הצתות בבתים המאוכלסים רק ע״י יהודים. הגברים מבתים אלה נאסרו ויועמדו בפני משפט צבאי.

2) אחרי פרסום רשימת המחירים המירביים של דברי מזון, רכשו אותם יהודי המקום בכמויות ניכרות, כדי למכרם אחר־כך במחירים מופקעים. בענפי מסחר אחרים הסתירו היהודים חומרי־גלם וסחורות מוגמרות, כדי לא לגלותם לשלטונות הגרמניים. הם נדרשים למכור לכל דורש את דברי המזון האלה, חמרי הגלם והסחורות, פרט לדברי הלבשה, לבנים ונעליים, שמכירתם נפסקת זמנית. מי שלא יציית להוראה זו, יאסר מיד ורכושו יוחרם לטובת הרייך הגרמני.

3) מיום כניסת הכוחות הגרמניים המזויינים לולוצלבק גילו היהודים עד היום הזה יחס של התגרות כלפי החיילים הגרמניים והפולקס־דויטשה. בהקשר לזה נאסר על היהודים להשתמש במדרכת הרחוב. מהיום והלאה מותר להם ללכת רק על הכביש. אם יפגשו יהודי במקום המיועד להליכה, יאסר מיד.

4) בלילה של ה־25/24 בספטמבר נאסרו מספר יהודים מולוצלבק והסביבה והועברו לבית־הכלא. הקהילה היהודית בולוצלבק מיוצגת ע״י נבהריה שאושרו ע״י שר הפלך הפולני האחרון, מחויבת לספק מזון לאסירים. אם הקהילה היהודית תסרב למלא חובה זו, ימותו יהודים אלה מרעב.

5) הקהילה היהודית, מיוצגת ע״י ההנהלה הנ״ל, מתחייבת בזה להכניס לקופת העיריה עד ה־1 לאוקטובר תשלום רכוש בגובה 100,000.— זלוטי. אם הקהילה היהודית תנסה להתחמק מהתחייבות זו או שמס־הרכוש לא ישולם במועד שנקבע, יוצאו האסירים היהודים להורג.

הקומיסר של העיר ולוצלבק
(—) קראמר

28.9.1939



לאחר העקירה
נאָך דער אויסזידלונג

משה לישאַק / פּאַריז

די מאַרטיראָלאָגיע פון וולאָצלאַווקער יידישן יישוב

די דייטשן פאַרנעמען די שטאָט

מיטן אָנהויב פון דער מלחמה צווישן נאַצי־דייטשלאַנד און פּוילן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 און דעם אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער דעם 14־טן סעפּטעמבער (א׳ דראש השנה תרצ״ט) קיין וולאָצלאַוועק דאַטירט זיך דער אָנהויב פונעם אונטערגאַנג פון יידישן יישוב אין שטאָט.

גלייך מיטן באַזעצן די שטאָט דורך די היטלעריסטישע חיילות און זייערע בלוט־הינט די „געשטאַפּאָ" און אַנדערע נאַצישע פאָר־מאַציעס, האָט זיך אָנגעהויבן דער בלוטיקער אויסראָטונג־פּראָצעס פון דער וולאָצלאַווקער יידישער באַפעלקערונג. אַקטיוו מיטגע־אַרבעט האָבן מיט זיי די פאָלקס־דייטשן פון דער שטאָט און אומגעגנט. מיטגעהאָלפן האָבן אַ טייל פּאָליאַקן מיט אַ פּאַסיווער צושטימונג פון דער מערהייט פּוילישע בירגער פון דער שטאָט.

איבער צוויי יאָר האָט זיך געצויגן דער קאָשמאַר און בלוטיקער געראַנגל פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַגלייט מיט בעסטיאַלישע גזירות, פאַרפאָלגונגען און נגישות. פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך אָוועקגעשטעלט אויסער יעדן געזעץ, האָט מען פון די יידן צוגענומען די פאַרמעגנס די געוועלבער, הייזער און אַרבעטס־וואַרשטאַטן און צעראַבירט זייער האָב און גוטס. מען האָט באַגרענעצט דאָס קויפן פון פּראָדוקטן, דאָס באַוועגן זיך אין שטאָט אא״וו. עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע יידישע געזעל־שאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און זייער פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

בראש פון דער שטאָטישער דייטשער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט איז געשטאַנען דער ס. א. שטורמבאַנפירער האַנס קראַמער אלס אויבערבירגעמייסטער, זיין פאַרטרעטער איז געווען עליאַט העססעמייער (אויפגעהאָנגען געוואָרן אין וולאָצלאַוועק לויטן אור־טייל פון פּוילישן פאָלקס־געריכט). זייער ראַטגעבער איז געווען דער איינוווינער פון שטאָט — דער פאָלקס־דייטש מאַקס דונק־האָרסט, לאַנגיאָריקער לערער פון גימנאַסטיק אין ספּאָרט־קלוב „מכבי" און אין דער העברעישער גימנאַזיע. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז ער געווען דער אָנפירער פון דער דייטשער פינפטער קאָלאָנע אין שטאָט. דער דאָזיקער דריילינג האָט אָנגעפירט מיט די אַלע דיסקרימינאַציע־און אויסראָטונג־אַקציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס פאַרברענען די שולן. די ערשטע גזירות, מאָרדן און פאַרפאָלגונגען

די בלוטיקע כוואַליע פון פאַרפאָלגונגען האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרברענען די צוויי שולן — די אַלטע און די נייע. זונטיק אין דער פרי, נאָך יום כיפּור (24/9), האָבן די ס.ס.־לייט באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן די ביידע שולן אויף זשאַביע גאַס און קרולעוויעצקע. (אין בנין פון דער צווייטער האָט זיך אויך געפונען דער קהילה־אַמט און דער ראַבינאַט). די מויערן פון דער נייער שול האָבן די דייטשן אויפגעריסן. אויך איז פאַרברענט געוואָרן דער גערער שטיבל אויף קאָוואַלסקע גאַס. דער פּלאַן חרוב צו מאַכן דעם „מכבי"־בנין איז נישט געוואָרן אויסגעפירט.

די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אין דעם טאָג זייער אַ געדריקטע, אָבער דאָס געמיינסטע און ציי־נישסטע איז דערביי געווען וואָס עס זענען אַרעסטירט געוואָרן צען יידן פון שכנותדיקן בנין אויף דריטער מאַי גאַס (ברייטע גאַס) נומ. 22 עק זשאַביע (קאַוועס הויז), אַלס די וועלכע האָבן כלומרשט אונטערגעצונדן די שולן און וועלכע האָבן געפרוווט פאַרשפּרייטן דאָס פייער אויף די דערבייִקע הייזער.

אין דער יום־כיפּור־נאַכט זענען אויך געפאַלן די ערשטע קרבנות. אין גוטאָווסקיס הויז אויף לענגער גאַס 69 האָט זיך פאַרזאַמלט אַ מנין צו כל נדרי. ווען זיי האָבן זיך געוואָלט צוריק דערקריגן אַ היים אין די שכנותדיקע הייזער, האָט זיי באַמערקט אַ דורכגייענדיקער ס. ס.־פּאַטראָל. מען האָט די דאַוונערס נאָכ־געיאָגט, געשאָסן אויף רעכטס און לינקס, אַריינגעריסן זיך אין די וווינונגען אויף לענגער גאַס און קאָוואַלסקע און אויפן אַלטן מאַרק. די געשאָסענע, צווישן וועלכע עס האָבן נאָך עטלעכע געלעבט, האָט מען באַגראָבן אין אַ ברודער־קבר אין דעם הויף אויף לענגסקע 69. (צווישן זיי יעקב בערנהאָלץ, מאָטעק דישל און דעמבינסקי). דעם גרוב האָבן געמוזט גראָבן די פאַרהאַלטענע פון דער סביבה יידן. שפּעטער האָט מען די קרבנות באַערדיקט אויפן וולאָצלאַווקער בית־עלמין.

אין דער זעלבער צייט זענען אין פאַרלויף פון צוויי נעכט — דעם 24־25־טן סעפּטעמבער אַדורכגעפירט געוואָרן אָבלאַוועס אין יידישע היימען און עס זענען אַרעסטירט געוואָרן איבער 800 יידן אַלס „זאַקלאַדניקעס". בשעת די אָבלאַוועס זענען דערשאָסן גע־וואָרן צוויי מענטשן, איינער פון זיי — היימאַן פון דער קאָ־וואַלסקע גאַס. די אַלע אַרעסטירטע זענען איינגעזעצט געוואָרן אין דער שטאָטישער תפיסה. נאָך אַ געוויסער צייט זענען אַלטע לייט און קראַנקע באַפרייט געוואָרן און די איבעריקע זענען קאָנ־צענטרירט געוואָרן אין די מיליטערישע קאָשאַרן פון 14־טן פּאָלק, ווו מען האָט זיך מיט זיי באַנוצט צו פאַרשידענע אַרבעטן. פון אָט דער גרופּע איז דערשאָסן געוואָרן אין מיטן גאַס אַלטשולער (געהאַט אַן אייזן־געשעפט אויף זשאַביע 13), בעת זיין פּרוּי האָט אים געוואָלט דערלאַנגען עסן.

דער שטאָט־קאָמיסאַר קראַמער האָט דעם 29־טן סעפּטעמבער פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „א. ב. צ. דלא וולאָצלאַווקאַ אי קויאַוור" („לעסלאַווער באָטע") אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן מוזן דעם 1־טן אָקטאָבער (אין משך פון צוויי טעג!) איינצאָלן די סומע פון 100 טויזנט זלאָטעס, אויב נישט וועלן די אַרעסטירטע דערשאָסן ווערן.[1]

מיט דער סומע האָט זיך די זאַך נישט געענדיקט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען אַרויפגעלייגט אַ נייעם אָפּצאָל

[1] צום סוף פון דער דאָזיקער אַרבעט גיבן מיר איבער די אָפּשריפט און פאָטאָקאָפּיע פון דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן דאָקומענט.

אין דער גרויס פון 200 טויזנט זלאָטעס און אַ וואָך שפּעטער 250 טויזנט זלאָטעס. די לעצטע קאָנטריבוציע איז געוואָרן נאָר טיילווייז באַצאָלט.

נאָך אַכט וואָכן זיצן זענען די עטלעכע הונדערט יידן באַפרייט געוואָרן מיט אַ התחייבות, אַז יעדן טאָג וועט די יידישע קהילה צושטעלן 800 יידן צו פאַרשידענע אַרבעטן אין שטאָט.

אַ באַזונדער טרויעריק קאַפּיטל איז געווען דאָס גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט פון די הונדערטער יידן. מען פלעגט זיי אויפן וועג און ביי דער אַרבעט שלאָגן, פּייניקן און דערנידעריקן. „באַרימט" איז געווען דער אַרבעטס־פּונקט אויף דער פּיוונער־גאַס, וועלכע מען האָט גערופן „דאָס טויטן־געסל", ווייל דאָרט איז קיינער נישט געווען זיכער מיטן לעבן צוליב דער גרויזאַמער באַציונג פון די נאַצישע אויפזעערס.

אין די ווייטערדיקע טרויעריקע טעג זענען צו דער גזירה וואָס פאַרווערט יידן צו גיין אויפן טרעטואַר (כלומרשט צוליב דער אויפרייצנדיקער האַלטונג לגבי דעם דייטשן מיליטער), צוגעקומען נייע, ווי ציען דעם הוט פאַר יעדן מונדירטן דייטש, טראָגן די געלע לאַטע או"ו. וולאָצלאַוועק איז געווען די ערשטע שטאָט אין פּוילן, ווו עס איז אייגעפירט געוואָרן די פאַראָרדענונג צו טראָגן די געלע לאַטע (דעם 25.10.1939).

צו דער צייט איז דערטרונקען געוואָרן אין דער ווייסל די פרוי זשעשווסקא (אַלטער מאַרק נומ. 3) מיטן אויסרייד אַז זי איז צו פרי אַרויס אין גאַס, „פאַרן ענדיקן זיך פון דער פּאָליציישטונדע".

אויסזידלונג־אַקציעס. יידן אַנטלויפן פון שטאָט

אַלס רעזולטאַט פון אָט דער טריויעריקער סיטואַציע האָבן אַ סך פאַמיליעס און ספּעציעל די יוגנט פאַרלאָזט די שטאָט, פאָרנדיק אין די געביטן, וועלכע זענען פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. פיל יידן האָבן איבערגעוואַנדערט אין אַנדערע שטעט, ווי קוטנע, זשיכלין, וואַרשע, ווייל צו יענער צייט איז נאָך אין די דערמאָנטע שטעט דער רעזשים לגבי דער יידישער באַפעלקערונג נישט געווען אַזוי האַרב. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אומעטום געענדערט צום שלעכטן און די וולאָצלאַווקער האָבן מיטגעמאַכט דעם טרויעריקן סוף פון די אָרטיקע יידן. זיי זענען געוואָרן אומגעבראַכט אין די טויט־לאַגערן כעלמנאַ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אַנדערע.

דער ערשטער טראַנספּאָרט פון וולאָצלאַוועק אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער 1939. לויט דער אָנווייזונג פון דונקהאַרסטן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די הייזער און פאַרשיקט געוואָרן צום אומקום אַלע לערערס פון דער יידישער גימנאַזיע — די לערערס, מיט וועלכע דער דאָזיקער דונקהאָרסט איז געווען באַפריינדעט דורך בשותפותדיקער יאָרן־לאַנגער אַרבעט אין שול און אינעם טורן־פאַראיין „מכבי". צווישן זיי זענען געווען עטלעכע, וועלכע האָבן אים בשעתו געהאָלפן צוגרייטן זיך צו די עקזאַמענס פון אַ גימנאַזיע־לערער אין בילדונגס־קוראַטאָריום און ביי וועלכע ער איז דורכגעפאַלן, צוליב זיין קנאַפּע אינטעליגענץ, ידיעות און באַנעם. נאָכן טראַנספּאָרט פון די יידישע לערער איז געקומען די ריי פון די פּוילישע און אויך דאָ איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב דער געוועזענער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר, באַגלייט מיט אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר...

די ערשטע אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען דעם 1־טן דעצעמבער נאָך אָזשאַראָוו. אויפן ערשטן פּייער איז געגאַנגען דאָס אָרעמקייט, כלומרשט די, וועלכע פאַלן צו לאַסט דער קהילה. די ליסטעס מיט נעמען זענען געוואָרן צוגעשטעלט פון דער גמינע. מען האָט אַלץ געמיינט, אַז מען וועט זיך קאָנען ראַטעווען אויפן חשבון פון צווייטן...

צו דער צייט איז די קהילה פאַרוואַלטעט געוואָרן פון יעקב ציגאַנסקי, בערנאַרד זילבער, סימאָן בראַגינסקי, יוסף ראָדע (געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע אין וואַרשעווער געטאָ) און אנדערע. אַ טייל פון זיי איז מיט דער צייט אַוועק פון וולאָצלאַוועק און די דייטשן האָבן נאָמינירט אַ יודן־ראַט מיט יצחק קאָוואַלסקי אלס יודן־עלסטן. נעבן אים איז געווען „אַקטיוו געזעלשאַפטלעך" פריידיין אַלבערטשטיין, באַקאַנט מיטן צונאָמען „אסתר המלכה".

די צווייטע אויסזידלונג איז פאָרגעקומען דעם 15־טן דעצעמבער 1939 — נאָך וולאָשטשאָווע־זאַמאָשטש, די דריטע דעם 15־טן פעברואַר 1940 קיין טאַרנאָוו. עס איז שווער איבערצוגעבן דעם אופן ווי אַזוי די איבערזידלונגען זענען פאָרגעקומען. מען פלעגט די אומגליקלעכע אַרויסטרייבן פון די היימען אין מיטן נאַכט, לאָזנדיק מיטנעמען מיט זיך אַ קליין פּעקל זאַכן. אין פראָסטיקע נעכט, אין שניי־זאַווערוכעס האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען מיט מענער, פרויען, קינדער און אַלטע לייט. די ס. ס.־וואַך, מיט וועלכע זיי זענען געווען אַרומגערינגלט, פלעגט זיך איזדעקעווען איבער זיי אויפן גאַנצן וועג און אויפן וואָקזאַל, ביז מען האָט זיי פאַרלאָדן אין ספּעציעל צוגעגרייטע טראַנספּאָרט־וואַגאָנען. אויף די נייע ערטער האָט אויף זיי געוואַרט הונגער־טויט און עפּידעמישע קראַנקייטן. דער לעצטער וועג פון די איבערגעבליבענע איז געווען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, ווו מען האָט זיי אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן דערלעבט די באַפרייונג נאָר די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגערן אין די פאַרשידענע אַרבעט־בריגאַדן און אויך דאָס אַ דאַנק צופעליק גליקלעכע אומשטענדן, אָבער אַזעלכע זענען נאָר געווען אַ פאָר צענדליק.

נאָך די דאָזיקע אויסזידלונגען און נאָכן אַנטלויפן און פאַרלאָזן די שטאָט פון אַ סך איינוווינער איז פון קרוב 15 טויזנט יידן, וואָס האָבן געוווינט אין וולאָצלאַוועק ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געבליבן נאָר 4 טויזנט.

קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַזונדערע גאַסן

לגבי דער איבערגעבליבענער קליינער צאָל יידן האָט די דייטשע אַדמיניסטראַציע אָנגעוואָנדן יעדן טאָג נייע גזירות. מען האָט צוגענומען דאָס מעבל, דאָס בעטגעוואַנט, די מלבושים או"וו. די יידן זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע וווינונגען און מען האָט זיי קאָנצענטרירט אין דער געגנט פון לענגסקאַ, קאָוואַלסקאַ, קרולעוויעצקאַ, טאַרגאָוואַ און גרינער־מאַרק. אויף די הויפּט־גאַסן איז נישט דערלויבט געווען די יידן זיך צו באַווייזן. אין די דאָזיקע אומשטענדן איז די לאַגע פון דעם איינגעשרומפּענעם וולאָצלאַווקער יידישן יישוב געוואָרן נאָך טראַגישער, עס איז געוואַקסן די נויט און דער הונגער האָט געהערשט אין רוב הייזער. מען האָט פאַרקויפט דאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס די נאַצים האָבן נישט באַוויזן צו

צעראַבעווען, מען האָט פאַרביטן אויף ברויט מלבושים, וואָס מען האָט אראָפּגענומען פון זיך... אַ געוויסער טייל האָט גענאָסן פון דער „דזשוינט"־שטיצע. די עטלעכע האַנטווערקער, וועלכע האָבן געאַר־בעט לעגאַל אָדער אומלעגאַל האָט זיך פאַרהעלטענישמעסיק געלעבט נישט שלעכט, ווייל מיט זייער אַרבעט האָבן זיי זיך געקענט איינ־שאַפן שפייז — און דאָס איז געווען דער עיקר אין יענע צייטן.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס דער אויבערבירגער־מייסטער קראַמער, וועלכער האָט צו דער יידישער פאָרשטייער־שאַפט גערעדט אויסדרייענדיק זיך מיט דער פלייצע, האָט זיך געלאָזט מאַכן מלבושים ביים יידישן שניידער חיים טאַבאַטשניק...[2]



מיט דער געלער לאַטע אין מיטן גאַס
עם הטלאי הצהוב על הכביש

אין געטאָ אויף ראַקוטווועק

צו יענער צייט איז געוואָרן צוגעגרייט אַ געטאָ אין דער געגנט פון ראַקוטוועק, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיטן יידישן בית־עלמין. דאָס איז געווען אַ שמוציקע פאָרשטאָט, באַוווינט פון דער פוילישער אָרעמקייט און אונטערוועלט פון ערגסטן מין. די גאַסן זענען געווען נישט ברוקירט און אָן עלעקטרישער באַלייכ־טונג, די הייזקעס מערסטנטייל הילצערנע אָדער ליימענע. אָט דאָס איז געווען די נייע היים פאַר די איבערגעבליבענע יידן. די פוילישע באַפעלקערונג אין דער צאָל פון בערך טויזנט נפשות איז געוואָרן איבערגעזידלט אין שטאָט, אין די יידישע וווינונגען און אין זייערע הייזקעס האָבן זיך באַדאַרפט באַזעצן איבער דריי טויזנט יידן.

סוף אָקטאָבער 1940 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון פירן די יידן אין געטאָ.


מען האָט צונויפגעפּאָרט עטלעכע משפחות אין איין שטיבל. עס האָט געהערשט ענגשאַפט, שמוץ און קריגערייען, ווייל מענטשן מיט פאַרשידענע מענטאַליטעטן, כאַראַקטערן און פאַר־לאַנגען האָבן געמוזט וווינען אונטער איין דאַך אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. אמת איז, אַז עס זענען געווען עטלעכע בעסערע, געמוירערטע הייזער, אָבער זיי זענען באַזעצט געוואָרן פון די פאַר־שיידענע געטאָ־כלל־טוערס.

צום סוף פון דער דאָזיקער אַקציע האָבן די ס.א.־לייט, אָנ־

[2] דערלעבט די באַפרייונג, עמיגרירט קיין אויסטראַליע און דאָרט נפטר געוואָרן. זע אין דעם ספר ז' 257.

געפירט פון אויבערבירגערמייסטער קראַמער, העססעמייער און דונקהאָרסט אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם אויף די יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין שטאָט. שבת, דעם 9־טן נאָוועמבער 1940, צווישן דריי נאָך מיטאָג און זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט זענען הונדערטער יידן ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע וווינונגען און געיאָגט געוואָרן אין געטאָ. אויפן וועג האָט מען זיי בעסטיאַליש געשלאָגן און געפייניקט. די ס.א.־לייט האָבן פאַרענדיקט זייער בלוטיקע אַרבעט מיט אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון דער שטאָט אונטער דער לאָזונג אַז „לעסלאַו איז יודענריין".

צומאָרגנס זענען אַ סך פון די געליטענע אַוועק אין זייערע



די געטאָ־גאַס — רחוב הגיטו

וווינונגען אין שטאָט, כדי מיטצונעמען מיט זיך אין געטאָ דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן נאָכן פּאָגראָם.

די געטאָ איז געוואָרן הערמעטיש פאַרמאַכט, אַרומגעצוימט מיט שטעכדראָטן. מען האָט פונאַנדערגענומען אַלע פלויטן, כדי מען זאָל קענען זען פון דרויסן די גאַנצע באַוועגונג אין געטאָ. די וואַך אויסער דער געטאָ האָבן געהאַלטן די ס.ס.־לייט. זיי צוהילף איז נאָמינירט געוואָרן דורכן יודן־ראַט אַ יידישע מיליץ, וועלכע האָט אויסגעפירט אַלע פאַראָרדענונגען, וואָס זי האָט באַקומען פון די דייטשן. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט אין ערשטן פעריאָד מיט זיין „איבערגעגעבנהייט" איגנאַצי פענסטער, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער יידישער מיליץ. (ער האָט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף דורך די וולאָצלאַוועקער יידן אין אַרבעטס־לאַגער נאַקלאַ).

נאָענט צו דער געטאָ האָט זיך געפונען דער דייטשער פּאָליי־ציי־רעוויר, בראש מיט די פּאָליציימייסטערס אירמע און ראאבע. זיי ביידע זענען פאַקטיש געווען די „פאַרזאָרגערס" פון געטאָ. נישט איינער פון די איינוווינער פון געטאָ האָט באַקומען פון זיי גע־שלאָגן פאַרן קלענסטן חטא. זייער ערשטער קרבן איז געווען דער שניידער יודל מאַרקעוויטש. זיין „פאַרברעכן" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז אַרויס פון זיין שטיבל אָן דער געלער לאַטע. די ס.ס.־לייט האָבן אים אַוועקגעפירט אין דעם פּאָליציי־רעוויר, וווּ ער האָט באַקומען גוט געשלאָגן. ווען ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום אַריינגאַנג פון געטאָ איז ער געוואָרן דערשאָסן.




די אויסזידלונג
העקירה











קינדער אין געטאָ — ילדים בגיטו

די יידן האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען ווי עס איז אַדורכצולעבן דעם טאָג. אין דער ערשטער צייט איז נאָך דערלויבט געווען די דייטשן און פּאָליאַקן אַריינצוקומען אין געטאָ. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געגעבן אַ מעגלעכקייט אַ טייל יידן זיך צו דערנערן. מען האָט פאַרקויפט זאַכן פון זיך. אַ טייל האַנטווערקער האָבן צו ביסלעך געאַרבעט אין שטוב אָדער אין ספּעציעלע אַרבעטס־וואַרשטאַטן. פאַר אַרבעט האָט מען באַקומען על־פּי־רוב פּראָדוקטן. אויך האָט דער יודן־ראַט געטיילט די באַקומענע שפּייז, אָבער גאָר קאַרג. די פּראָדוקטן זענען באַשטאַנען פון פערד־פלייש, בוראַקעס, פאַרפוילטע קאַרטאָפל א״א.

די פאָלקס־קיך. געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט אין געטאָ

די פאָלקס־קיך, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און אָפּפערוויליקייט פון די האַנטווערקער און פאָלקס־מענטשן איז געווען אַ וויכטיקער אָנשפּאַר פאַר דעם אָרעמסטן טייל פון די געטאָ־איינוווינער און מיטגעהאָלפן אין זייער טאָג־טעגלעכער קאַרגער עקזיסטענץ. צענדליקער מענטשן האָבן דאָ געגעסן פון אומזיסטע מיטאָגן.

זייט ביי זייט מיט די הונגעריקע און בויטבאַדערפטיקע האָט זיך געפונען אַ דינע שיכט פון געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָט געלעבט גאָר נישט שלעכט, מען האָט געמאַכט פאַרשידענע טונקעלע געשעפטן. די דעמאָראַליזאַציע אין געטאָ איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

ביי אָט די באַדינגונגען האָט זיך אָרגאַניזירט, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע אַרבעטס־מענטשן, אַ געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אַרבעט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ האַנטווערקער־פאַראיין, וואָס זיין הויפּט־ציל איז געווען צו העלפן די בויטבאַדערפטיקע חברים. די יוגנט האָט אָפט אַדורכגעפירט בלימל־טעג לטובת דער פאָלקס־קיך.

אַלע צוזאַמענקונפטן זענען פאָרגעקומען אויף דעם בית־עלמין אין טהרה־שטיבל. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די פאָלקס־קיך.

דאָס טהרה־שטיבל איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעאַטער־זאַל, ווו אַ גרופּע אַמאַטאָרן אונטער דער אָנפירונג פון יאַנטשע טיגער און שאָלעק זיגער (היינט אין ישראל) פלעגט אויפפירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דורך דער צייט זענען פאָרגעקומען דריי טעאַטער־אימפּרעזעס. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ טרויער־אַקאַדעמיע געווידמעט דער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ.

אַ ריי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווי דער „השומר־הצעיר", קאָמוניסטן און „צוקונפט" האָבן אָנגעפירט אַ טיילווייזע פּאָליטישע אַרבעט. אָבער מערסטנטייל האָט מען זיך קאָנצענטרירט אין אינערלעכע געטאָ־פּראַגן, ווייל עס איז אינגאַנצן נישט געווען קיין פאַרבינדונג מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. עס איז געווען דאָס יאָר 1941, ווען עס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין לאַנד די כוחות אין קאַמף קעגן היטלעריזם.

אַ דערשיטערנדיקן רושם האָט געמאַכט אויף די יידן אין געטאָ דאָס אויפהענגען אויף דעם גרינעם מאַרק דעם איינוווינער פון דער שטאָט קאַנטאָראָוויטש (געווען אַ טוער פון די רעכטע „פּועלי־ציון"). ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אַלס כלומרשטער קריגס־ווירטשאַפט־שעדיקער.

די עקזעקוציע האָט געמוזט אַדורכפירן אַ גרופּע יידן פון געטאָ. אַ גאַנצן טאָג איז דער קרבן געהאָנגען, כדי די באַפעלקערונג זאָל זיך קענען צוקוקן צו דעם „ספּעקטאַקל". מען האָט געבראַכט שילער פון די שולן זיי זאָלן זען די עקזעקוציע פון דעם „פאַרשאָלטענעם יודע". ווו איז שפּעטער דער אויפגעהאָנגענער באַגראָבן געוואָרן, איז, ליידער ביז היינט נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

אין אָט די באַדינגונגען האָבן יידן געלעבט אין געטאָ ביזן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד אין יוני 1941. די דאָזיקע געשעעניש האָט צוזאַמען מיט שרעק געוועקט דעם גלויבן אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון דער היטלעריסטישע ממשלה און במילא געשטאַרקט די האָפענונג אַז מען וועט איבערלעבן די גרויזאַמע צייטן.

די טראַנספּאָרטן אין אַרבעטס־לאַגערן און אין געטאָ לאָדזש

עס האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן אַ נייער טרויעריקער קאַפּיטל פאַר די יידן אין געטאָ — דאָס שיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן און די אויסזידלונג פון טויזנט געטאָ־איינוווינער קיין לאָדזש.

דעם 26־טן יוני 1941 איז די ערשטע גרופּע מענער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגער ראַדזשיוויל, פּויזנער געגנט און אַ וואָך שפּעטער אַ צווייטע גרופּע קיין קאַלמאַר און אויש.

מיטן צונעמען די מענער פון די היימען איז ביי אַ סך פאַמיליעס געוואַקסן דער הונגער, דער טויט איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

נאָך די דאָזיקע טראַנספּאָרטן האָט זיך אָפּגעשטעלט אינגאַנצן דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין געטאָ, ווייל יעדער איינער האָט זיך געפילט ווי אַ פּאָטענציעלער קאַנדידאַט אויף אַרויסגעשיקט צו ווערן אין די טויט־לאַגערן.


די אויסזידלונג אין לאָדזשער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 26־טן סעפּטעמבער 1941. די אַקציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר אָטטאָ מיט דער מיטהילף פונעם יודן־ראַט און דער יידישער מיליץ. די ליסטעס פון די אויסגעזידלטע זענען אַזוי צונויפגעשטעלט געוואָרן, אַז די משפּחות זענען געוואָרן צע־

שיידט. עס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קינדער אָן עלטערן און פאַרקערט. לויט די ידיעות, וואָס זענען שפּעטער דערגאַנגען, זענען אַ טייל יונגע ביידלעך און פרויען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאָדזש אין די אַרבעטס־לאַגערן פון פּויזנער געגנט. די איבעריקע האָבן געטיילט דעם גורל פון די לאָדזשער יידן אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ.

קראַנקייטן, הונגער, קרבנות

נאָך די דאָזיקע פאַרשיקונגען איז דער שטח פון געטאָ פאַרקלענערט געוואָרן. די וווינונג־און היגיענישע־באַדינגונגען האָבן זיך נאָך מער פאַרערגערט, די שפּייז־פאַרטיילונגען זענען געוואָרן נאָך מער קאַרג. פאַרפוילטע קאַרטאָפל, בוראַקעס, וויטלאַקעס — דאָס איז געווען דאָס טעגלעכע שפּייז און אויך דאָס האָט נישט יעדער באַקומען. די אוממענטשלעכע באַדינגונגען האָבן פאַרגרעסערט די צאַל הונגער־און טיפוס־קראַנקע און די שטערבלעכקייט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן.

מיטן אויסרייד אַז דער טיפוס קאָן זיך פאַרשפּרייטן אין שטאָט, האָבן די ברוינע בעסטיעס דעם 16־טן נאָוועמבער 1941 פאַרמאַכט אינגאַנצן די געטאָ און אויב עס איז פריער געווען אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט, איז זי איצט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. די לאַגע אין געטאָ האָט זיך פילפאַך פאַרערגערט, אָבער



די געטאָ־מיליץ — המיליציה בגיטו

דער ווילן פון לעבן איז געווען שטאַרקער פון אַלעם. עס האָבן זיך געפונען מענטשן און ספּעציעל יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַרויס דורך די פאַרצוימונגען אין שטאָט אַריין צו באַקאַנטע פּאָליאַקן נאָך הילף, נישט געקוקט אויף דער סכנה, וואָס עס האָט אויף זיי געלויערט. אַזוי זענען בשעתן צוריקקער אין געטאָ דערשאָסן געוואָרן פוקס, אונגער, וואַרשאַווסקי, דאָס מיידל זשולטי און פיל אַנדערע.

אויך אין געטאָ גופא זענען געפאַלן איבער 20 קרבנות. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדער פאַר מכלו־מרשטע חטאים, צווישן זיי ראובן גרינגאָלד, הערש יעשאָן, שמעון ביעזשינסקי, יאַקובאָוויטש (דעם טורקערס שניידערס זון), אלפּערן (לערער פון „מזרחי״), צאָרנדאָרף, ביאַלאָגלאָווסקי, ווראָצלאַווסקי (אַ טאַפּיצירער), מאָטיל (אַ מאַלער), די פרוי ראָטמאַן און פרוי לעווינסקי. מען האָט אויך דערשאָסן צוויי פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געפרווט דערלאַנגען דורך די פאַרצוימונגען שפּייז זייערע באַקאַנטע אין געטאָ.

אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן חרוב צו מאַכן דעם בית־עלמין. זיי האָבן אויסגעגראָבן די מצבות, צעבראָכן זיי און די מאַרמורענע האָבן זיי אַרויסגעפירט. מען האָט אָנגעהויבן צו פילן, אַז עס דערנענטערט זיך דער אונטערגאַנג פון געטאָ. דורך אומוועגן זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מען ליקווידירט אַלע געטאָס אין די שכנותדיקע שטעטלעך און מען שיקט זייערע איינוווינער צום אומברענגען קיין כעלמנאָ (אין דער געגנט קאָלאָדאָמביע). אָבער נישט אַלע האָבן געגלויבט אין די מוראדיקע ידיעות, ווייל אַ סך האָבן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן ווי ווייט עס קען דערגרייכן די נאַצישע בעסטיאַלישקייט. באַלד אָבער זענען די דאָזיקע קלאַנגען געוואָרן אויך אין וולאָצלאַווקער געטאָ אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט.

דעם 24־טן אַפּריל זענען איבער 400 מענער אין עלטער פון 14 יאָר ביז 50 אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן אין פּויזנער קאַנט קיין ווזשעשניאַ־קאָבילע פּאָלע, גוטענברון און נאַקלאָ. אין דער לעצטער מינוט, פאַרן אַוועקגיין פונעם טראַנספּאָרט, איז אויף דער באַן־סטאַציע דערמאָרדעט געוואָרן דער יודן־ראַט־טוער בעניעק בערגלאַו (פון די אייגנטימער פון יאַבלאָנקאָס גאַרבעריי).

די מערהייט וולאָצלאַווקער איז אומגעקומען אין די דאָזיקע לאַגערן. עס זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן פלוימענבוים, פּראָמער, פּיעפּשינסקי, גאָלדשטיין און אַנדערע. דאָס רוב איז געשטאָרבן פון הונגער און פאַרשידענע קראַנקייטן. די וואָס האָבן געהאַט דאָס „גליק״ אויסצוהאַלטן די פּיינען, האָט מען אין יאָר 1943 געשיקט אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ־בירקענאַו.

די ליקווידאַציע פון געטאָ

נאָך דער אַקציע פון 24־טן אַפּריל 1942 האָבן די איבערגעבליבענע דערפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טרויעריקער סוף. אין געטאָ זענען געבליבן 1000 נפשות, דאָס רוב פרויען, קליינע קינדער, אַלטע לייט און קראַנקע. עס איז אויך געווען אַ קליינע גרופּע יוגנט, וועלכע האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן, מיינענדיק, אַז אויף אַזאַ אופן וועלן זיי זיך ראַטעווען פון די טראַנספּאָרטן, אָבער ליידער אָן דערפאָלג.

ד׳צם 27־טן אַפּריל 1942 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון דער ליקווידאַציע פון וולאָצלאַווקער געטאָ. דריי טעג האָט געדויערט דאָס פירן די קרבנות אין ספּעציעלע אויטאָס אין אומקום־לאַגער כעלמנאָ. עס איז שווער צו באַשרייבן דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים לאָדענען אין די טראַנספּאָרטן. געוויינען, געזעגענען זיך איינער מיטן צווייטן, קללות אויף די נאַצישע מערדער, וועלכע האָבן געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן די אומגליקלעכע... דאָס איז געווען דער לעצטער וועג פון די רעשטלעך פון דעם וולאָצלאַווקער יידישן יישוב.

לויט דער עדות פונעם וולאָצלאַווקער מרדכי זשוראַווסקי (געפינט זיך אין ישראל), וואָס איז ניצול געוואָרן פון כעלמנאָ, זענען אין פאַרלויף פון דריי טעג אלע אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

אין דער לעצטער רגע האָט זיך געראַטעוועט פונעם טראַנספּאָרט אין געטאָ די פרוי ברעסלער מיט איר טאָכטער (געפינען זיך איצט אין ישראל) און קריגער.

די אויסזידלונג
העקירה









די געטאָ אין פלאַמען — הגיטו בוער



נאָך דעם לעצטן טראַנספּאָרט — אחרי הטרנספורט האחרון

נאָך דעם ווי דער לעצטער אויטאָ האָט פאַרלאָזן די געטאָ, האָבן די נאַציס אונטערגעצונדן דאָס אָרט, כדי צו פאַרווישן יעדן שפּור פון זייערע פאַרברעכנס. פון געטאָ איז געבליבן בלויז אַש און שטויב.

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ האָט אַדורכגעפירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון ס.ס.־לייט אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרטיקער געשטאַפּאָ אין דער שפּיץ פון אָטטאָ, מאַיאָר הערמאַן, ד״ר באַרסוצקי, העססעמייער, דונקהאָרסט, קראַמער און פיל אַנדערע.

★

איבערגעבנדיק וועגן דעם לעבן און טראַגישן אומקום פון וולאַצלאַווקער יידישן יישוב בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָב איך זיך נישט אונטערגענומען צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער ראָל פון יודן־ראַט אין דער אַזוי טרויעריקער און גרויזאַמער צייט. דער יודן־ראַט האָט אויסגעפילט אַלע באַפעלן וואָס ער האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט, כאָטש מען קאָן אים נישט פאַררעכענען צו די, וועלכע האָבן בלינד און היגטיש־געטריי געדינט דעם אָקופּאַנט.

אין אַלגעמיין איז די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אין די טראַגישסטע מאָמענטן טריי אירע טראַדיציעס, ארויסגעוויזן ברידערלעכע געפילן און ווי מעגלעך געהאָלפן איינער דעם צווייטן מיט ראַט און טאַט.

פרייטאָג, דעם 29 סעפטעמבער 1939

א. ב. צ. דלא ולאצלאווקא אי קויאוו

1. בשעת דער שריפה פון די היגע צוויי יידישע סינאַגאָגן האָט מען פעסטגעשטעלט צוויי אונטערצינדונגען אין הייזער, באַוווינטע אויסשליסלעך דורך יידן. די מענער פון די דאָזיקע הייזער זענען אַרעסטירט געוואָרן און וועלן ווערן געמשפּט דורכן קריגס־געריכט.

2. נאָכן פאַרעפנטלעכן די רשימה פון די העכסטע פרייזן פאַר לעבנסמיטלען, האָבן די היגע יידן מאַסנווייז איינגעקויפט די דאָזיקע פּראָדוקטן, כדי זיי שפּעטער צו פאַרקויפן אויף וווכער־פרייזן. אין אַנדערע האַנדלס־צווייגן האָבן יידן באַהאַלטן רוי־שטאָפן און פאַרטיקע סחורות, כדי זיי נישט אויפווייזן דער דייטשער מאַכט. עס ווערט אויפגעפאָדערט די דאָזיקע שפּייז־פּראָדוקטן, רוישטאָפן און פאַרטיקע סחורות עפנטלעך צו פאַרקויפן, אויסער קליידער, וועש און שיך, וועמענס פאַרקויף ווערט צייטווייליק אָפּגעשטעלט. ווער עס וואַרפט זיך נישט אונטער דער דאָזיקער פאַראָרדענונג וועט ווערן תיכף אַרעסטירט און זיין פאַרמעגן רעק־ווירירט לטובת דעם דייטשן רייך.


3. זייט דעם אַריינמאַרש פון די דייטשע מיליטערישע כוחות קיין וולאָצלאַוועק, האָבן יידן באַוויזן ביזן היינטיקן טאָג אַ פּראָ־וואָקאַטיווע באַציונג צו די דייטשע סאָלדאַטן און צו היגע פאָלקס־דייטשן. אין שייכות מיט דעם ווערט די יידן פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיטן טראָטואַר. פון איצט אָן איז זיי דערלויבט נאָר צו גיין אויפן ברוק. אויב מען וועט טרעפן אַ ייד אויפן גיי־וועג, וועט ער ווערן גלייך אַרעסטירט.

4. אין דער נאַכט פון 25/24 סעפטעמבער איז אַרעסטירט געוואָרן אַ צאָל יידן פון וולאָצלאַוועק און אומגעגנט און איבער־געפירט געוואָרן אין דער תפיסה. די יידישע קהילה אין וולאָצ־לאַוועק, פאַרטרעטן דורך דער פאַרשטייערשאַפט, וועלכע איז באַ־שטעטיקט געוואָרן דורכן לעצטן פוילישן וואָיעוואָדע, איז פאַר־פליכטעט צו באַזאָרגן מיט שפּייז די אַרעסטירטע. זאָגט זיך די יידישע קהילה אָפּ פון דער דאָזיקער פליכט, וועלן די דאָזיקע יידן אויסגיין פון הונגער.

5. די יידישע קהילה פון וולאָצלאַוועק, רעפּרעזענטירט דורך דער א"ד פאַרוואַלטונג, איז פאַרפליכטעט צו באַצאָלן אין דער שטאָט־קאַסע ביזן 1־טן אָקטאָבער אַ פאַרמעגנס־אָפּצאָל אין דער גרויס פון 100.000 זלאָטעס. פּרוווט די יידישע קהילה זיך אויס־דרייען פון דער דאָזיקער פאַרפליכטונג, אָדער דער פאַרמעגנס־אָפּצאָל וועט נישט אַריינגעטראָגן ווערן צום באַשטימטן טערמין, וועלן די אַרעסטירטע יידן דערשאָסן ווערן.

קאָמיסאַר פון שטאָט וולאָצלאַוועק

(—) **קראַמער** דעם 28.9.1939



Oeffenliche Bekanntmachung Nr 1.

Im Zusammenhang mit den Brand [illegible] hiesigen jüdischen Synagogen wurden zwei Brandstiftungen [illegible] Häusern festgestellt, die ausschliesslich [illegible]. Die männlichen Bewohner dieses Häuser [illegible] werden und werden kriegsgerichtlich [illegible]

Nach Bekanntgabe [illegible] Lebensmittel haben hiesige Juden [illegible] aufgekauft [illegible] halten, um sie [illegible] zu veraussern. Ferner haben Juden [illegible] Mengen von Rohstoffen und Fertigwaren [illegible] versteckt, um sie den Deutschen Behörden zu entziehen. [illegible] Nahrungsmitteln, Rohstoffen und Fertigwaren [illegible] unverzüglich zum Verkauf zu stellen [illegible] Artikel wie Kleider, Wäsche, Schuhwaren usw. [illegible] in Haft [illegible] Vermögen wird [illegible] Reiches eingezogen.

Seit dem Einzug Deutscher Truppen [illegible] haben die Juden bis zum heutigen Tage [illegible]

In der Nacht [illegible] Anzahl von Juden aus [illegible] in Haft [illegible] Wloclawek vertreten [illegible] Vorstand [illegible] Verpflegung der inhaftierten [illegible] die jüdische Gemeinde sich dieser [illegible] müssen die inhaftierten Juden verhungern.

Die jüdische Gemeinde [illegible] oben genannten Vorstand [illegible] Vermögensabgabe von 100 000 Zloty [illegible] bis 1. Oktober 1939 zu entrichten [illegible] Verpflichtung zu entziehen [illegible] die Einzahlung des Vermögens abgabe nicht rechtzeitig [illegible] werden die inhaftierten Juden erschossen.

Der Stadtkommissar von Wloclawek

[illegible]

OBWIESZCZENIE Nr. 1

1) Podczas pożaru dwóch synagog żydowskich zostały stwierdzone dwa podpalenia w mieszkaniach zamieszkałych wyłącznie przez Żydów. Wszyscy mężczyźni zamieszkujący w tych domach zostali aresztowani i będą sądzeni przez sąd wojenny.

2) Po ustaleniu cen maksymalnych i podaniu takowych do wiadomości miejscowa ludność żydowska zmagazynowała większą ilość środków spożywczych, celem dalszej sprzedaży po cenach wygórowanych. Następnie ludność żydowska w innych przedsiębiorstwach schowała większą ilość surowców oraz gotowych towarów, celem ukrycia takowych przed Władzami Niemieckimi.
Wszelkie za[illegible] środków spożywczych, surowców itp. należy natychmiast odda[illegible] sprzedaży, za wyjątkiem ubrań, bielizny, obuwia, itp., które [illegible] jest narazie [illegible] wzbroniona.
Kto nie zastosuje się do powyższego zarządzenia, będzie natychmiast aresztowany, majątek jego na rzecz Państwa Niemieckiego skonfiskowany.

3) Od czasu wkroczenia Wojsk Niemieckich do Włocławka miejscowa ludność żydowska do dnia dzisiejszego zachowywała się wyzywająco wobec żołnierzy niemieckich oraz miejscowej ludności niemieckiej. W związku z tym zabrania się żydom chodzenia po chodnikach. Żydom [illegible] jezdni. Żydzi, którzy w przyszłości będą [illegible], że chodzą na chodnikach, będą natychmiast aresztowani.

4) W nocy z dnia 24 na 25 września 1939 r. została pewna ilość Żydów z Włocławka i okolicy aresztowana i odstawiona do tutejszego więzienia. Gmina żydowska miasta Włocławka reprezentowana przez ostatnio zatwierdzony przez Województwo zarząd jest obowiązana dbać o wyżywienie aresztowanych żydów.
O ile gmina żydowska będzie usiłowała z nałożonego obowiązku się nie wywiązać, aresztowani żydzi będą z głodu umierać.

5) Żydowska gmina miasta Włocławka reprezentowana przez wymieniony zarząd jest zobowiązana w dalszym ciągu [illegible] razową daninę w sumie zł. 100 000 i wpłacić ją w Kasie Miejskiej do dnia 1 października 1939 roku.
O ile gmina żydowska z nałożonego nań zobowiązania się nie wywiąże, albo w odpowiednim terminie sumy zł. 100.000 nie wpłaci, aresztowani żydzi — będą natychmiast rozstrzelani.

Komisarz Miasta Włocławka
(—) CRAMER

Włocławek, dnia 28 września 1939 r.

אנעקסן

די ערשטע טעג פון דער נאַצישער אקופּאַציע

מיר ברענגען דאָ צוויי גביית עדות פון רינגעלבלום אַרכיוו, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן צו אונזער רשות דורך דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע ווו אויך אַ גביית עדות, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך דער פרוי מ. פוקס פאַר דער וועדת ההצלה אין ירושלים אין יאָר 1940. די אויסגערשידן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אין געוויסע פּרטים און אין דער שילדערונג פון געוויסע פאַקטן זענען אַ פּועל יוצא פון די ספּעציפישע אומשטענדן, אין וועלכע די רעלאַטאָרן האָבן זיך געפונען בשעת די דאָזיקע געשעענישן. די גביית־עדות ווערן געבראַכט מיט געוויסע קירצונגען.

א

באַלייגט אין פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט פאַר פּוילישע יידן אין ירושלים דעם 7טן יוני 1940.

עס האָט זיך געשטעלט פרוי מ. פ. פון וולאָצלאַוועק, וועלכע וווינט איצט אין ירושלים, און האָט דערקלערט פאָלגנדיקס:

קורץ נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אַריין קיין וולאָצלאַוועק האָבן זיי זיך יום־כּיפּור צו כל נדרי אַריינגעריסן אין אַ פּריוואַטער וווינונג. ווו יידן זענען געשטאַנען און געדאַוונט, און האָבן געהייסן די אָנוועזנדיקע אַרויסגיין און לויפן; דאַן האָבן זיי אַ קאָמאַנדעווע געטון „שטיין בלייבן", אָבער עטלעכע יידן האָבן דעם באַפעל נישט דערהערט און זענען ווייטער געלאָפן; האָט מען אָנגעהויבן צו זיי צו שיסן און דערהרגעט פינף אָדער זעקס. יום־כּיפּור ביי טאָג האָבן די דייטשן פאַרברענט ביידע גרויסע שולן. פונעם פייער האָבן זיך אָנגעצינדן אויך עטלעכע פּריוואַטע הייזער. די יידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן זייערע מעבל און בעטגעוואַנט אויף דער גאַס, ווו דער פּוילישער המון האָט די זאַכן צוגעראַבעוועט. אין דער אונטערצינדונג האָבן זיך באַטייליקט הויפּטזעכלעך נישט דאָס רעגולערע מיליטער, נאָר די ס. ס.־לייט. יידן האָבן זיך באַמיט צו ראַטעווען די ברענענדיקע הייזער. דאַן האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון איין הויז אַלע דאָרט זיך געפונענדיקע יידישע מענער אין צאָל פון 26, זיי אַרעסטירט און געצוווּנגען צו חתמענען אַ דערקלערונג, אַז דאָס האָבן זיי אונטערגעצונדן דאָס הויז. נאָכן אַרויסבאַקומען די דאָזיקע דערקלערונג, האָבן די דייטשן מודיע געווען די אַרעסטירטע, אַז זיי וועלן דערשאָסן ווערן פאַר דער אונטערצינדונג, סיידן זיי וועלן געבן 250 טויזנט זלאָטעס אויסלייז־געלט. די יידישע באַפעלקערונג האָט צונויפגעזאַמלט די געפאָדערטע סומע צווישן זיך און די אַרעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן. דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן „ראַציעס" אין די הייזער. מען האָט אַרעסטירט אַרום 350 יידן און זיי אַריינגעזעצט צום טייל אין די קאַזאַרמעס און צום טייל אין מיהזאמס פאַבריק. פון דאָרט האָט מען זיי יעדן טאָג גענומען אויף דער אַרבעט, אָבער עסן האָט מען זיי נישט געגעבן — מען האָט דערלויבט די פאַמיליעס זיי צוצוטראָגן עסן. נאָך פיל באַמיונגען האָט מען לסוף דערלויבט, אַז די אַרעסטירטע זאָלן פון צייט צו צייט לויט ספּעציעלע „פּאַסירשיינען" קאָנען גיין אַ היים אויף אַ קורצער צייט, כּדי זיך „אַרומוואַשן) איבערטון, אָפּעסן אאַ"וו. מיט דעם דאָזיקן באַשעפטיקן סטאַביל ביי דער אַרבעט די 350 אַרעסטירטע איז בשום אופן נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן דאָס כאַפּן יידן אויף אַרבעט איבער די גאַסן פון דער שטאָט. אומאָפּהענגיק דערפון האָט דער אַזוי גערופענער „יודן־ראַט", וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויפן אָרט פון דער ביז איצטיקער קהילה־פאַרוואַלטונג, מיט קאָמפּעטענצן, וואָס האָבן באַגרענעצט זיין טעטיקייט צו דער אויספירונג פון די באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט — צוגעשטעלט טאָג־טעגלעך די באַשטימטע לויט דער פאָדערונג פון די דייטשן צאָל אַרבעטער. די יידן. וואָס זענען גענומען אָדער געכאַפּט געוואָרן אויף דער אַרבעט, האָט מען אומברחמנותדיק געשלאָגן, זיך לוסטיק געמאַכט איבער זיי. ווי אַזוי מען איז זיך באַגאַנגען מיט די יידן בעת דער אַרבעט זאָגט עדות דער פאַקט, אַז דער 52־יעריקער יעקב היימאַן, צו שוואַך כּדי צו קענען בייקומען די פיזישע אַרבעט, איז ביי דער אַרבעט געוואָרן אַזוי צעשלאָגן און צעשטאָכן מיט באַגנעטן, אַז אין עטלעכע טעג נאָכן אומקערן זיך אַ היים איז ער געשטאָרבן.

די שולן זענען געשלאָסן געוואָרן און די יידישע קינדער האָבן זיך נישט געלערנט. אין אָקטאָבער האָבן די דייטשן אַרויפגעלייגט אויף די יידן די פליכט צו טראָגן אויף די קליידער פון הינטן אַ געלע לאַטע און נישט צו גיין אויף די טרעטואַרן, נאָר אויף דער מיט פון דער גאַס. נאָך דעם ווי זיי האָבן אויפגעמאָנט די 250 טויזנט זלאָטעס פאַר דער באַפרייונג פון די מכלומרשטע אונטערצינדער, האָבן די דייטשן אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויפגעלייגט אויף די יידישע באַפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע אין דער הויך פון 500 טויזנט זלאָטעס פאַר מכלומרשטער אומגעהאָרכזאַמקייט לגבי דער פליכט נישט צו גיין אויף די טרעטואַרן.

סוף אָקטאָבער איז אָנגעקינדיקט געוואָרן דער גירוש פון די וולאָצלאַוועקער יידן. עס איז נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן קיין שום באַקאַנטמאַכונג, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט פּשוט דאָס צו וויסן

געטון דער קהילה, געגניער דעם „יודנראַט". זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין שום געשריפט, און ווען זיי האָבן שוין געהאַט אַרויסגעשיקט מיט צוואַנג עטלעכע טויזנט יידן פון שטאָט, האָט דער קאָמענדאַנט גערופן צו זיך דעם יודנראַט און אים אויסגעזידלט פאַר פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן אַ מכלומרשטער אויסווייזונג פון יידן, אָנרופנדיק דאָס „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" און דראָענדיק דערפאַר מיט שטראָפן. די אויסווייזונגען זענען נישט דורכגעפירט געוואָרן תיכף נאָך דער מעלדונג, נאָר מען האָט עס געמאַכט עטאַפּנווייז. תחילה האָט מען אָנגעהויבן צו באַזייטיקן די יידישע איינוווינער פון די שענערע גאַסן. מען פלעגט אומגעריכט אַרויסוואַרפן די יידן פון זייערע וווינונגען און די גאַנצע איינריכטונג און האַב־און־גוטס האָט מען רעקווירירט. ווען די יידן האָבן, זעענדיק וואָס עס רוקט זיך אָן, געוואָלט אַנטלויפן — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יידן טאָרן נישט פאָרן מיט די באַנען. די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט מעלדונגען, אַז פון 6טן נאָוועמבער אָן וועלן אָנהייבן קורסירן ספּעציעלע צוגן פאַר יידן. די יידישע באַפעלקערונג האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ צוגן דאָס וועלן זיין. ווער עס איז נאָר געווען בכוח האָט זיך געדונגען פערד און וואָגן אָדער אַן אויטאָ און איז אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט.

נאָכן אויפמאָנען ביי יידן די קאָנטריבוציע פון 500 טויזנט זלאָטעס פאַרן מכלומרשטן גיין אויף די טרעטוואַרן, האָבן די דייטשן גלייך אַרויפגעלייגט אַ נייע קאָנטריבוציע אין דער הויך פון 750 טויזנט זלאָטעס פאַרן מכלומרשטן אַרויסדרייען זיך פון טראָגן די געלע לאַטע. דער יודנראַט האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז ער איז נישט אומשטאַנד צו באַצאָלן אַזאַ סומע, מחמת ער מוז אויסהאַלטן זייער אַ סך אָרעמע יידן. די דייטשן האָבן געפאָדערט אַ רשימה פון די דאָזיקע אָרעמע און באַקומענדיק זי, האָבן זיי אַרעסטירט הונדערטער אביונים, זיי אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען און אַזוי האָט מען זיי אין פאַרפּלאָמבירטע און נישט באַהייצטע וואַגאָנען אַוועקגעשיקט אין לובלינער קאַנט, כדי... צו פאַרלייכטערן דער קהילה די לאַסט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פונעם גירוש. דערנאָך — פון ענדע נאָוועמבער אָן — האָט מען אָנגעהויבן אין געווויסע צייט־אָפּשניטן צו אַרעסטירן יידן פלוצלינג אין מיטן נאַכט, לויט די הייזער־בלאָקן. און דערלויבנדיק מיטצונעמען מיט זיך בלויז אַ האַנט־רענצל, האָט מען זיי אויפגעלאָדן אין וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט אין לובלינער ראַיאָן. דער שטייגער פון אַרויסשיקן איז געווען דער זעלבער, דהיינו, אין נישט געהייצטע, פּלאָמבירטע וואַגאָנען, וואָס פלעגן גיין אונטערוועגס עטלעכע טעג — און אַ סך פון די אַרויסגעשיקטע זענען קראַנק געוואָרן, און עטלעכע זענען אויפן וועג געשטאָרבן. צווישן די יידן איז געוואָרן אַ געוואַלטיקע בהלה. היות געוועגלעך זענען די „ראַציעס" פאָרגעקומען פרייטאָג־צו־נאַכט, האָבן די יידן געציטערט פאַר דעם דאָזיקן טאָג און אין דער נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת האָבן זיי זיך אינגאַנצן נישט אויסגעטון, נאָר פלעגן איבערזיצן די גאַנצע נאַכט מיט צוגעגרייטע וואַליזקעס אויס מורא, אַז מ'זאָל זיי נישט כאַפּן ביינאַכט אין דער וועש און אַזוי זיי עקספּעדירן. אַ טייל פון די אַרויסגעשיקטע אין לובלינער ראַיאָן איז דערנאָך פון דאָרט אַנטלאָפן קיין וואַרשע. אַנדערע פלאָגן זיך אין לובלין, זאַמאָשטש א"אַ, געניסנדיק פון דער הילף פון „דזשוינט" און פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן. מיט די דאָזיקע אויסווייזונגען האָט מען רעדוצירט די יידישע באַפעלקערונג אין וולאָצלאַוועק אין אַזאַ מאָס, אַז אין שטאָט זענען געבליבן נישט מער ווי 1.500 יידן, ד"ה ווייניקער ווי 10 פּראָצענט פון זייער צאָל פאַר דער מלחמה.

קורץ נאָך זייער אַריינמאַרש האָבן די דייטשן פאַרמאַכט און רעקווירירט די יידישע אונטערנעמונגען און קראָמען. די יידן האָבן געמוזט רעגיסטרירן זייער גאַנצן פאַרמעגן. דערביי האָט אַ ייד אין וולאָצלאַוועק נישט געטאָרט האַלטן אין שטוב מער פון 200 זלאָטעס (אין וואַרשע 2000 זלאָטעס). די פאַלן פון פּייניקן און שלאָגן יידן זענען געווען זייער אָפטע. מען פלעגט שלאָגן יידן נישט נאָר ביי דער אַרבעט, און נישט נאָר מיט עפּעס אַן אויסרייד, נאָר אויך אָן קיין שום סיבה: זיי פלעגן פּשוט צוגיין צו די יידישע פאַרבייגייער אין גאַס און מיט דעם אויסגעשריי „יודע" אָנהויבן זיי צו שלאָגן. אין משך פון אַ קורצער צייט פלעגט מען אַרויסגעבן „פּאַסירשיינען" אויף אַרויסצופאָרן פון דער שטאָט. ביי באַקומען די „פּאַסירשיינען" פלעגט מען זיך מוזן אויסשטעלן אין דריי רייען: די פאָלקסדייטשן, וואָס פלעגן באַקומען די „פּאַסירשיינען" גאַנץ אומזיסט. די פּאָליאַקן, וואָס פלעגן צאָלן דערפאַר 1 זלאָטי און די יידן — 10 זלאָטעס. יידישע פרויען פלעגט מען אויך נעמען אויף אַרבעטן, אָבער זעלטן אויף לייכטע אַרבעטן. ביי דער אַרבעט פלעגט מען זיי באַהאַנדלען „נישקשה", ד"ה מען פלעגט זיי העכסטנס געבן פּעטש. דערפאַר אָבער האָט מען זיי געצוווּנגען צו וואַשן די פּאָלן מיט זייער אייגענער וועש. אָפט האָט מען געפּייניקט אויך פרויען. מען פלעגט אַריינפאַלן ביינאַכט אין די יידישע וווינונגען אונטערן אוסרייד פון אַ רעוויזיע און צווינגען די פרויען זיך אויסטון נאַקעט. ביי פרוי ש. אַ פרוי פון די העכערע ספערן פון שטאָט, האָט מען דאָס באַפוילן און דערביי זי געצוווּנגען צו טאַנצן און שפּרינגען נאַקעטערהייט. אַזעלכע פאַלן זענען געווען אַ סך.

אויך די פּוילישע באַפעלקערונג ליידט זייער פון די דייטשן. די ערשטע אַרעסטן נאָכן אַריינמאַרש זענען פאָרגעקומען צווישן דער אינטעליגענץ, הויפּטזעכלעך צווישן די לערער, פּאָליאַקן און יידן, ווי אויך צווישן די גלחים. אַלע אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, נעבן קעניגסבערג. זינט דעצעמבער זענען פון די אַרעסטירטע קיין ידיעות נישטאָ. פיל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, צווישן זיי דער שטאָט־פּרעזידענט מיסטקאָווסקי און דער דירעקטאָר פון דעם אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג א"אַ זענען דערשאָסן געוואָרן. די איבעריקע זענען אַנטלאָפן אָדער אַרעסטירט געוואָרן, אַזוי אַז איצט איז אין וולאָצלאַוועק אַבסאָלוט נישטאָ קיין פּוילישע אינטעליגענץ, אַפילו קיין איין פּוילישער דאָקטער נישט. עס איז אויך נישט געבליבן קיין איין פּוילישער באַאַמטער. אויף אַן ענלעכן אויפן האָט מען באַהאַנדלט די אַרומיקע פּוילישע פּריצים. נישט בעסער איז מען זיך באַגאַנגען מיט דער פּוילישער האַנטווערקער־ און אַרבעטער־באַפעלקערונג. מען האָט זי אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט, פאַרברענט די פאָרשטעט, ווו זי האָט געוווינט, מאַסענווייז אַרעסטירט מענער און פרויען און זיי אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט אין טיף דייטשלאַנד. פּאָליאַקן זענען אין וולאָצלאַוועק געבליבן זייער ווייניק און די שטאָט האָט שוין קנאַפּע שטריכן פון פּוילישקייט. אַ טייל פון די אָרטיקע דייטשן האָבן זיך דעקלאַרירט פאַר „פאָלקס־דייטשן" און זיי באַציען זיך פיינדלעך צו די פּאָליאַקן און יידן. זיי בילדן אַ מין לייב־גוואַרדיע פון דער דייטשער מאַכט און פילן אויס אַ פירנדיקע ראָל אין אַלע אַנטי־פּוילישע און אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. אָבער עס זענען אויך דאָ אָנשטענדיקע דייטשן, וואָס העלפן די יידן אין זייער נויט. די באַציונג פון די פּאָליאַקן, אַפילו די, וואָס זענען געווען באַוווסט פון זייער אַנטיסעמיטיזם, איז געווען זייער אָנשטענדיק לגבי יידן, סיי אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, סיי צווישן די פאָלקסמאַסן. די

פאַליאַקן האָבן זיך אַליין געמאָלדן צו די יידן מיט פאָרשלאַגן זיי אויסצובאַהאַלטן ביי זיך אָדער צו באַהאַלטן זייער פאַרמעגן. די דייטשן האָבן געשלאָסן און צוגענומען אויך די פוילישע אונטערנע־מונגען און קראָמען.

די לאַגע אין די קליינע שטעטלעך אַרום וולאָצלאַוועק איז אין אַלגעמיין עטוואָס בעסער. אָבער פון אַ גאַנצער ריי פון די דאָזיקע שטעטלעך, ווי פון ליפּנע, ריפּין, שערפּץ. אַלעקסאַנדראָוו, ניעשעווע א"אַ האָט מען די יידישע באַפעלקערונג אין גאַנצן אַרויסגעטריבן. אַזוי ווי די גירושים זענען דאָרט ס׳רוב פאָרגעקומען דורך באַשטימען אַ טערמין, ביז וועלכן די יידן דאַרפן פרייוויליק פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן זיי זיך געלאָזט קיין וואַרשע, ווו עס הערשט צווישן די דאָזיקע פליטים אַ געוואַלדיקע נויט. דער „דזשוינט" העלפט וויפל ער קאָן.



דער פּלאַץ נאָך דער פאַרברענטער נייער שול
המגרש לאחר שריפת בית הכנסת החדש

אַלץ וואָס איך שרייב אונטן זענען אויטענטישע פאַקטן, וועלכע
ענען פאָרגעקומען אין וולאָצלאַוועק אין דער צווייטער העלפט פון
עפּטעמבער 1939 יאָר. דעם גרעסטן טייל האָב איך אַליין געזען, די
עשט קען איך פון די דערציילונגען פון עדי־ראיה.

I.

עס איז פרייטאָג ערב יום כיפור. ביי הער דישעל אויף דער
ענגער גאַס האָבן זיך פאַרזאַמלט צו כל נדרי 20 יידן. אַ חוץ די
ענער געפינט זיך אין דער דירה נאָר די שוועסטער פון ה׳ דישעל.
זייגער 8.19 נאָכן ענדיקן דאָס דאַוונען, גייט מען זיך פונאַנדער.
ען מעג טאַקע גיין בלויז ביז 8, אָבער די מענער ווינען בשכנות.
י גייען אַרויס אין הויף און דורכן טויער אויף דער גאַס. אַן
ומגליקלעכער צופאַל וויל, אַז גראָד קומט אָן אַ פּאַטראָל מיט אַן
פיציר בראש. ער קערט אום אַלע צוריק אין הויף. „אויסגראָבן אַ
רוב!״ פאַלט דער באַפעל. און 20 פערזאָן גראָבן פאַר זיך אַ
רודער־קבר. זיי פאַלן אָבער נישט ביי זיך. זיי מיינען, אַז דער
פיציר וויל זיי אָפּשרעקן. דער גרוב איז שוין פאַרטיק. „די ערשטע
ריי! ווער איז דער באַלעבאָס?״ פרעגט דער אָפיציר. פון אונטער
י פלייצעס פון זיינע חברים רוקט זיך אַרויס אַ בלייכער ה׳ דישעל.
ר וועסט פאַלן דער ערשטער. שטיי דאָ.״ נעבן אים שטעלן זיי
וועק צוויי יוגנטלעכע. ה׳ דישעל וואַקלט זיך אויף די פיס, אָבער
ר גלייבט נאָך נישט. די זעלנער שטעלן זיך אויס אין אָפּשטאַנד
ן 15 טריט. עס פאַלט די קאָמאַנדע. אָבער איידער זיי באַווייזן
ייסצושיסן, פאַלט ה׳ דישעל אין אומבאַוווסטזיין אין גרוב. מען
יבט אים אויף. ווידער אַ קאָמאַנדע און דער פאַראורטיילטער פאַלט
ידער פאַרן שאָס. דאָס מאָל האַלט מען אים אונטער. ה׳ ד. קומט
ם באַוווסטזיין. „שענקט מיר דאָס לעבן״ העשעט ער. „איך האָב
רשט 30 יאָר. איך וועל אייך אַלץ אַוועקגעבן, נאָר שענקט מיר
אָס לעבן״. די רעשט שטייט שווייגנדיק. די גרויליקע סצענע נעמט
פּ ביי זיי דאָס באַוווסטזיין. די וואָס שטייען ווייטער, וואָלטן גע־
אָלט זיין פריער דערשאָסן און נישט פייניקן זיך אַזוי פאַר דער
קזעקוציע. עס פאַלן דריי שאָסן און דער באַלעבאָס, איצט שוין
אַקע פאַרוואונדעט, פאַלט מיט אַ האַרצרייסנדיקן געשריי. צוויי
נדערע רוקן זיך אַראָפּ אין גרוב מיט צעשמעטערטע קעפּ. די
וועסטער. וועלכע איז געצוואונגען צוצוקוקן זיך צו דער מאַקאַב־
שער סצענע — פאַלט אויף דער ערד אַ פאַרחלשטע. „באַגראָבן
י!״ ה׳ דישעל הערט נאָך — „אָבער איך לעב נאָך!!! לאָזט מיך
טאַרבן״. כאָרכלט ער. „אָך, לאָזט מיך שטאַרבן״. די ערשטע שופל
ד פאלט אויפן אומגליקלעכן. „לאָזט מיך שטאַרבן!!!״ נאָר דער
אָפּ שטאַרט אַרויס. „איך שטי...״ און שוין, דער סוף. די דריי,
אָס פאָלגן נאָך, שטעלן זיך אַוועק פאַרן גרוב. עס פאַלט די קאָמאַנ־
. אין דער רגע באַווייזט זיך איינער, אַ העכערער לויט דער ראַנג,
צמען די געשרייען האָבן צוגעצויגן צום אָרט. „וואָס איז?״ פון
ן מויל פאַלט אַ קללה. די סאָלדאַטן לאָזן אַראָפּ דאָס געווער.
ר אָפיציר, שטייענדיק אויף אַכטונג, גיט אָפּ אַ ראַפּאָרט. עס
יסט אים איבער אַ פלאַמענדיקער פּאַטש אין פנים. ער הייסט די
ן זיך פונאַנדערגיין און דער פּאַטראָל מאַרשירט אָפּ.

II.

עס איז געווען 10 אַ זייגער פרי. מיט איינמאָל אַ דונער, אַזוי
עס וואָלט עקספּלאָדירט אַ באָמבע. אַ פויזע און ווידער אַ זעץ.

איך פיל, אַז די פיס בויגן זיך אונטער מיר פון שרעק. ערשט עט־לעכע טעג, ווי עס זענען שטיל געוואָרן די באָמבעס — און איצט ווידער... איך לויף אַרויס אויפן באַלקאָן. אומעטום זעט מען מענטשן, וועלכע קוקן זיך צו מיט מורא. ווידער אַן אויפרייס. אַ כמאַרע פון רויך פאַרשטעלט דעם געוויים. אויפן לויטערן הימל זעט מען נישט



די אַלטע שול ברענט — בית הכנסת הישן עולה באש

קיין אַעראָפּלאַנען און מען הערט נישט דעם גערויש פון מאָטאָר. עס לויפן אָן מענטשן פון אַלע זייטן און גיבן זיך איבער ידיעות פון מויל צו מויל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דייטשן האָבן אויסגעזעצט אין דער לופט דעם אייזערנעם קופּאָל פון דער סינאַגאָגע. די מוראדיקע שפּאַנונג לאָזט אָפּ... מיר וואַרטן אויס... נאָך אַ שעה הויבט זיך אָן פונעם שפּיץ פון דער שול צו ציען אַ שמאָלער פּאַס רויך. ער ווערט געדיכטער, דיקער, זעצט אַרויס פון די פענצטער, פון אַלע זייטן. פון דער הויך, פון דער זייט, אונטן, מען זעט שוין גאָרנישט, נאָר אַ געדיכטן סלופּ רויך. אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט זיך אַ טראַסק און פונעם געמאַך וויקלט זיך אַרויס אַ ריזיקער פלאַם. דאָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט די צעהאַקטע בענק, באַגאָסענע מיט נאַפט... די שול ברענט מיט אַ רעש, אַזוי ווי אַ פאַס מיט סמאָלע. כ׳וואָלט גערן אַוועק פון פענצטער, אָבער איך קען נישט. די פענצטער ציטערן, זיי זענען הייס. פון צייט צו צייט שוועבט אין דער לופטן אַ ציגל, אַרויסגעריסן מיט כוח פון פייער און פאַלט ערגעץ־ווו, צעברעכנדיק אַ שויב, אָדער שפּאַלטנדיק אַ קאָפּ... דאָס בילד ווערט מאָלעריש. די פלאַמען זעצן מיט אַ פאַרביקער קאַסקאַדע אין הימל. פון אומעטום זעט מען אויגן אַזוי ווי צוגעשמידטע צום דאָזיקן גרויליכן בילד. הונדערטער, טויזנטער פּאָר אויגן קוקן, קוקן. עס קוקן חסידים, דאַוונענדיק מיט אייפער, עס קוקן דייטשן, שטייענדיק אויף די דעכער מיט לאָרנעטן אין די הענט. זיי לאַכן. עס קוקן קאַטאָליקן. אין אייניקע געזיכטער מאָלט זיך געריירטקייט, אויף אַנדערע צופרידנקייט. דער אַפּטייקער, וועלכער וווינט אין אונזער הויז, אַ שונא ישראל. שמייכלט. „די דייטשן זענען פאָרט עפּעס אַנדערש״ זאָגט ער מיט אַנערקענונג. „ערשט עטלעכע טעג זענען זיי דאָ און ווייזן שוין וואָס

זיי קענען". און די שריפה ווערט שטאַרקער פון שעה צו שעה. קיינער טראַכט נישט וועגן עסן. דער פלאַם, דוכט זיך, היפּנאָטיזירט, מען קען נישט אָפּרייסן פון אים די אויגן. פלוצלינג כאַפּן זיך אָן די דעכער פון צוויי שכנותדיקע פון דער שול הייזער. מענטשן וואַרפן זיך ראַטעווען. די לאָקאַטאָרן וואַרפן דאָס בעטגעוואַנט דורך די פענצטערס. די הייזער, וואָס זענען געווען באַדראָט, האָט מען באַוויזן אָפּצוראַטעווען, אָבער אין אַ שעה אַרום ווערן אַלע יידישע מענער, וועלכע באַוווינען די הייזער אַרעסטירט פאַר סאַבאָטאַזש... לאַנגזאַם פאַלט צו דער אָוונט. די שרפה פאַרלעשט זיך, נאָר די נאַקעטע פענצטער און מויערן זאָגן עדות וועגן דעם, אַז דאָ איז געווען אַ סינאַגאָגע.

עס איז אָבער נישט באַשערט קיין רו די יידישע איינוווינער פון וולאָצלאַוועק. מיר דאַרפן זיך גראָד אַוועקזעצן צום אָוונטברויט, ווען עס לויפט אַריין אַ פאַרסאַפּעטע די דינסט. „ביטע דעם הערן, ביטע דעם הערן, זאָל זיך דער הער שוין באַהאַלטן". אַן אָבלאַווע אויף מענער. „הער טאָמאַשעווסקי (פאַר דער מלחמה רעדאַקטאָר פון „א.ב.צ.". נאָכן איינגעמען וולאָצלאַוועק דורך די דייטשן, רעדאַקטאָר פון „לעסלאַוער באָע". דערשאָסן דעם 11טן נאָוועמבער 1939) האָט געהייסן דער הער זאָל זיך באַהאַלטן". מיר זענען פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. וואַהין? אין שטוב איז געפערלעך. דעם שליסל פון בוידעם האָבן מיר נישט און איבעריקנס קענען זיי דאָרט אַ קוק טון. אַלזאָ וואַהין? מיר קוקן זיך אַרום הילפסלאָז איבערן צימער. אפשר אַריינגיין צו די קאַטוילישע שכנים? אָבער דאָס איז אויך אויסגעשלאָסן. אונטער אונז וווינט אַדוואָקאַט ג. (אַנטלאָפן פאַרן 11.XI, מען האָט אַוועקגעשיקט נאָך אים שטעקבריוו) — דער וועט זיכער נישט אַריינלאָזן, אַן אַנטיסעמיט, איבעריקנס ציטערט אויף אים אַליין די הויט. אַ שטאָק העכער דער אַפּטייקער דזש., (דערהרגעט אין דאַכאַו) ער האָט אויך מורא. אונזער איינציקע האָפענונג איז דער הער טאָמאַשעווסקי. בעת מיר באַראַטן זיך קומט אַריין דער הער רעדאַקטאָר מיט אַ גלענצנדן איינפאַל. ער פּראָפּאָנירט דעם פאָטער ער זאָל אַראָפּגיין אין קעלער אונטער דער רעדאַקציע, ווו מען היט אָפּ אַלטע פּאַפּירן. דערווייל הערט מען אַ כסדר שטאַרקנדיקן זיך טומל. עס איז נישטאָ קיין צייט אויף צו באַקלערן זיך. דער פאָטער, אַזוי ווי ער שטייט, אָן אַ מאַנטל, לויפט אַרויס מיט די טרעפּ, וואָס פירן פון דער קיך און די דינסט נאָך אים, כדי צו פאַרמאַכן אים פון דרויסן. מיין מוטער איז קראַנק, בלייב איך אַלזאָ לעבן איר בעט. מיר וואַרטן מיט האַרצקלאַפּעניש. אויף די פּאַדערטרעפּ הערט מען הייזעריקע קולות און דאָס קלאַפּן פון שווערע שטיוול. מיר הערן געגנוי ווי אויפן ערשטן שטאָק זעצט מען אין דער טיר. די הערצער האָבן מורא, קלאַפּן. מיר הערן שוין גאָרנישט נאָר דאָס קלאַפּן פון די הערצער. מיר וואַרטן. איך הער, אַז אין דער קיך עפנט זיך די טיר. עס גייט אַריין די דינסט און פונקט צו דער צייט, ווייל אין דער פראָנט־טיר זעצן שוין צעווילדעוועטע שיך און רעוואָלווער־קאָלבן. דאָס דינסטמיידל עפנט. נאָך אַ רגע וואָלט די טיר נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק. „פּאָלען?" — טאַק, טאַק פּאָלען — (יאָ, יאָ, פּאָליאַקן). אין שלאָפצימער גייען אַריין דריי יונגע סאָלדאַטן. „יודע?" — פּאָלען. — זאָגט די מוטער. „וואָ איזט דער מאַן?" — יאַ ניץ ניע ראָזומיעם. צאָ פּאַן כצע אָדעמניע? יאַ יעסטעם כאָראַ. מאָנזש ווישעדל פּאָ אָביעדזיע פּאָ לעקאַרסטוואָ אי יעשטשע ניע וורוציל". (איך פאַרשטיי גאָרנישט. וואָס וויל דער הער פון מיר. איך בין קראַנק. מיין מאַן איז אַרויס נאָך מיטאָג נאָך אַ רפואה און נאָך נישט צוריקגעקומען). די מוטער מאַכט ספּעציעל אַן אָנשטעל, אַז זי פאַרשטייט נישט קיין דייטש, ווייל זי האָט מורא, אַז מען וועט זי נעמען פאַרשן. איינער רוקט זיך פאָרויס, באַלייכט די ווינקלען פון צימער מיט אַ לאַמטערן (דער צימער איז באַלויכטן נאָר מיט אַ נאַפטלעמפל) קוקט אונטערן בעט און גייט אַריבער אין עסצימער. די דינסט און איך נאָך אים. פלוצלינג ווער איך דול פון שרעק. אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון זיידן, אַ זקן מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער באָרד *. דער זעלנער, וועלכער האָט פריער באַלויכטן אַלע ווינקלען, וואַרפט אויף מיר ווילדע פון כעס בליקן, אָבער רעדט גאָרנישט. זיי גייען נאָך אַריין אין דער קיך און אין מיין צימער, אויפן וועג וואַרפן זיי אַלץ איבער מיט די פיס אַרויף און ענדלעך גייען זיי אַרויס. מיר האָבן מורא העכער אָפּצוועטעמען, זאָלן זיי נאָר נישט צוריקקומען. אַך. זאָלן זיי נאָר נישט צוריקקומען.

פּאַמעלעך קערט זיך אום צו אונז דאָס גלייכגעוויכט, זאָלן זיי נאָר נישט געפינען דעם פאָטער. ווייל דאַן... אוי, בעסער נישט צו טראַכטן וועגן דעם. אָבער מיר מוזן, עפּעס אַ מאָדנער אינערלעכער באַפעל. און די פאַנטאַזיע אַרבעט, אַרבעט. פלוצלונג דערהערט זיך פון אונטן אַ שרעקלעכער געשריי. און נאָך אַ רגע אַ כאָראַלער, בעסטיאַלישער געלעכטער. די הערצער הערן אויף אויף אַ ווילע צו קלאַפּן. איז דאָס נישט דעם פאָטערס געשריי? מען קען נישט נאָכקאָנטראָלירן. נאָך אַ ווילע ווידער אַ טופּען פון פיס אויף די טרעפּ. „אַופמאַכען!" ס.ס. זיי גייען. דאָס מאָל לויפט די דינסט פון פאָרויס און איידער זיי קלאַפּן אָן, שטייט די טיר פאַר זיי אָפן. עס קומען אַריין דריי, אָבער דאָס מאָל אַנדערע. פון פאָרויס רוקט זיך אַ נידעריקער, דיקלעכער סאָלדאַט. ער שטינקט מיט בראָנפן. פונעם הייזעריקן פון טרינקען און שרייען האַלדז גיסט זיך אַ ווערטערפלוס. „יודעמענער" און צולייגנדיק אַ ריזיקן שוואַרצן רעוואָלווער צו דער שלייף פון דער דינסט, סאָפּעט ער „צייגע וואָ יודענמענער זינד, צייגע, ווען ניכט שלאַגע איך דיך". דאָס מיידל וואַקלט זיך און פאַרברעכט די הענט. „יאַ ניע וויעם, יאַ ניע ראָזומיעם. צאָ אָן כצע אָדעמניע? (איך ווייס נישט, איך פאַרשטיי נישט. וואָס וויל ער פון מיר?) „צייגע איך ציילע ביז 10". „אָ מוי באָזשע! פּאָלען". די מאַגישע באַשווערונג ווירקט דאָס מאָל נישט. ס'איז קלאָר אַז די בעסטיע איז שיכור. אויפן מיידלס שטערן שלאָגט אַרויס דער שוויס. דערווייל דערנענטערט זיך דער צווייטער צו דער מוטער. „וואָ איזט דער מאַן? האַ?" — „יאַ גיע ראָזומיעם" — דער קול פון דער מוטער ציטערט. פלוצלינג הערט מען פון אונטן אַ שרעקלעכן וואָיען און דאָס ראַטעוועט אונז. זיי גייען אַרויס און נעמען מיט מיט זיך די דינסט זי זאָל ווייזן ווו עס זענען באַהאַלטן די מאַנסבילן. צום גליק שטייט אויף די טרעפּ דער הער רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אַן אייזערנעם פּאַסירשיין. ער באַהערשט גלענצנד דייטש. ער פאַררעדט דעם דריילינג, לאָזט אַריין די דינסט צוריק אין דער וווינונג, פאַרמאַכנדיק נאָך איר די טיר.

דערווייל פאַרשטאַרקן זיך אונטן כסדר די געשרייען. זיי גייען אַריין צום שניידער, וועלכער וווינט אויפן פּאַרטער. זיי לייגן דער ווייב אַ רעוואָלווער צו דער שלייף און פאָדערן זי זאָל זיי אַרויסגעבן דעם מאַן. די פרוי, אַ צעחושטע, עפנט דאָס קעמערל פון קוילן, ווו זי האָט מיט אַ רגע צוריק באַהאַלטן דעם מאַן. אַ נצחונדיקע ריטשעריי און נאָך אַ ווילע, מיט אַ פעסטן זעץ אין קאָפּ, קייקלט זיך דאָס אויסגעדאַרטע שניידערל ווי אַ בעלק פון די טרעפּ... אָבער

* וואַרשיינלעך דאָס בילד פון ר' הענעך יאַנאָווער ז"ל (רעד.).

דאָס איז זיי נישט גענוג. אַ מחנה פּראַ־אָדמס לויפט צו, קאָפּעט און שלאָגט מיט קאָלבן זייער קרבן. און ווען ער פאַרלירט דעם באַוווסטזיין פון ווייטאָג, שטעלן זיי אים אויף די פיס מיט שטעך פון באַגנעטן. וואַקלענדיק זיך פויזעט ער צום טויער און ציט זיך אויס אויף דער ערד. דערווייל לאָזט מען אים איבער. דאָס טויער איז דער זאַמלפּונקט. זיי לאָזן זיך צו די ווייטערדיקע טירן. די לאָקאַטאָרין האַלט זיך קאַלטבלוטיק. דער מאַן ליגט אין קינדערבעטל אונטער דער 11־יעריקער טאָכטער. זיי האָבן נישט באַמערקט. דאָס קאַלטבלוטיקייט פון דער פרוי האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ טעות. זיי מיינען, אַז דער מאַן איז געוואָרן צוגענומען מיט דער ערשטער פּאַרטיע. זיי גייען ווייטער. ניצול געוואָרן!!! אויפן הויף כאַפּן זיי אַ יידן מיט אַ באָרד, וועלכער פירט אויס אַ פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש. מיט באַגלייטונג פון אַ כאָראַלן געלעכטער פירן זיי אים צום טויער. דאַן גייען זיי אַריין אין אַ צימער, אַ באַוווינטן דורך אַ 60־יעריקן זקן. זיי נעמען אים צו. זיי קלאַפּן דערנעבן. דאָרט וווינט מיין חברטע. איר פאָטער האָט געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין פראָנט — איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער קיך. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסגנבענען פון הויז, אָבער זעענדיק, אַז דאָס וועט זיך אים נישט איינגעבן, גייט ער צו אַליין צו דער גרופּע וואַרטנדיקע אין טויער יידן. נאָך אַ ווײַלע שליסן זיך אָן צוויי מענער אין אונטערוועש און אין הויזן, אויף די פיס האָבן זיי בלויז זאָקן, זיי האָבן זיך נישט באַוויזן אָנצוטון... מען האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון בעט. זיי וואַרטן... דערווייל זענען שוין אַלע דירות קאָנטראָלירט. אַן עלטסטער לויט דער ראַנג זעלנער שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער אָפּטיילונג, געבילדעט פון יידן. עס פאַלט אַ קאָמאַנדע: „די פיס אויסגעגלייכט. די הענט אויסגעצויגן לענגאויס די אויגן!" אָבער ווייניק זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע קענען אויספירן דעם באַפעל און אויך די באַקומען מיט נאַגאַיקעס. מערסטנטייל מענער זענען צו צעמאַסאַקרירט אָדער צו אַלט כדי דאָס אויסצופירן. וועמענס הענט אָדער פיס זענען נישט גענוג אויסגעצויגן ווערן זיי אויסגעגליכן מיט דער זויל פון אַ זעלנערישן שוך. די דאָזיקע איבונגען דויערן אַ האַלבע שעה, פאַר די פאַראורטיילטע אָבער — אַן אייביקייט. ענדלעך פאַלט די קאָמאַנדע אויפשטיין און יידן פאַרמירטע אין פירטלען מיט די הענט אין דער הויך מאַרשירן אַרויס אין דער גאַס. די אָפּטיילונגען פון דער גאַנצער גאַס פאַראייניקן זיך און אויפן ראָג שליסן זיי זיך אָן צו די נייע. אַ מאָדנע בילד. עס גייען מענטשן: צעקאַלעטשעטע, אייניקע בלויז אין נאַכטוועש, אַנדערע אין שטעקשיך, נאָך אַנדערע אָן מאַנטלען. זיי גייען. וווּאַהין — זיי ווייסן נישט. מסתמאַ צום טויט. זיי גייען, הענט געהויבענע. זיי גייען. לאַנגזאַם פאַלט צו די דעמערונג. אַ שטילקייט... זיי וועלן מסתמא שוין נישט קומען. אגב, וואָס קען מען וויסן. פּאַמעלעך ציען זיך די שעהן. אָך, זאָל שוין זיין טאָג. אַ מאָדנער געפיל. אַזוי ווי דער טאָג וואָלט געקענט ברענגען עפּעס גוטעס. און דאָך... זאָל שוין ווערן העל. 6 אַ זייגער, גלייך מיטן קאַיאָר, האָט זיך אומגעקערט מיין פאָטער פון קעלער. אָך. ווי ער זעט אויס. בלוי, ער ציטערט אינגאַנצן ווי אין פיבער. מסתמא נישט נאָר פון קעלט. האַלב אויסגעטון וואַרפט ער זיך אויפן בעט. ער קאָן אָבער נישט איינשלאָפן. דער קלענסטער שאָרך הויבט אים אויף. אפשר גייען זיי?

דערווייל האָט מען די מענער־אָפּטיילונגען אַוועקגעפירט אין דער תפיסה. אין אַ קאַמער, אין וועלכער ס'האָבן זיך נאָרמאַל געפונען זעקס מענטשן, האָט מען אַריינגעזעצט דרייסיק. זיי שטייען צוזאַמענגעשטופּט ווי שאָף און קענען זיך נישט רירן. זיי האַלטן נאָך כסדר די הענט אין דער הויך. יעדע עטלעכע מינוט דרייט זיך איבער דער שליסל אין שלאָס. אַלע ווערן דערציטערט, אָבער קיינער קומט נישט אַריין. פלוצלינג גייען זיי אַריין און נעמען צו צען, זאָגן אָן פון פאָרויס, אויף דערשיסן. זיי פאַרשפּרעכן מיט דער רעשט אויך נישט לאַנג צו ענדיקן. דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז איינער איז פאַרווונדעטער אין פוס. דעם גאַנצן וועג האָבן אים די חברים געטראָגן און פאַרביטן זיך און איצט האָט מען אים אַוועקגעלייגט אין אומבאַוווסטזיין פון בלוט־אָפּפלוס. אומזיסט בעט זיך דער פאַרווונדעטער אַ ביסל וואַסער. נישט געגעבן... די זעלנער פירן צען יידן אין אַ פרייען זאַל. דאָ הייסט מען זיי קניען און אָפּזאָגן אַ תפילה פאַרן טויט. נאָך אַ רגע הייסט מען זיך אַוועקשטעלן מיטן פנים צו דער וואַנט. עס פאַלט אַ קאָמאַנדע און — אַ שאָס. נאָכדעם אַ צווייטער, דריטער. זיי שיסן אין סופיט, אָבער די מענטשן, וועלכע שטייען מיטן פנים צו דער וואַנט, מיינען אַז אינעם שכן. ענדלעך דערלויבט מען זיך אויסדרייען. אַן אָפיציר גייט צו צום ערשטן פון ברעג, גיט אים אַ פּאַטש אין פנים און פרעגט: „ווער האָט דיך געשלאָגן?" דער ייד ווערט פאַרגליווערט. ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. „דער הער". „וואָס? איך?" צעווילדעוועט זיך דער אָפיציר — און גיט אים אַ קלאַפּ פון דער צווייטער זייט. „ווער האָט דיך געשלאָגן?" „קיינער נישט". „נאַ דיר נאָך אַמאָל און זאָלסט נישט זאָגן קיין ליגן". נאָך דעם נעמט ער פיר פון דער נאָענט שטייענדיקע יידן, פירט זיי אין דער אוביקאַציע און צווינגט זיי — זיך אויסשמירן קעגנזייטיק די פנימער מיט צואה. מיט די איבערגעבליבענע פינף אָרדנט ער איין גימנאַסטיק און ענדלעך צעביילטע און האַלב לעבעדיקע טיילט מען זיי צו צו די איבערגעבליבענע אין די קאַמערן און מען פירט אין דיסציפּלינירטע שורות צו דער אַרבעט.

עס ווערט טאָג, אַזוי אויסגעוואַרטער פון אַלעמען. אין אָנהויב זעט מען קיינעם נישט אין שטאָט, אָבער פּאַמעלעך רוקן זיך אַרויס פרויען און קינדער. זיי זוכן זייערע מענער, פאָטערס און ברודערס. אויך איך גיי אַרויס אויף דער גאַס. כדי זיך עפּעס צו דערוויסן. עס שרעקט מיך איבער דער גרויסער אומצוטרוי פון די פרויען. אַפילו די פון מיינע קרובים באַהויפּטן, אַז אַלע מענער פון זיי זענען געוואָרן צוגענומען. אָבער אַ סך האָבן זיך דאָך באַהאַלטן און אויף עטלעכע גאַסן איז געווען אין גאַנצן רויק. פלוצלונג קומט צולויפן עפּעס אַ פרוי און זאָגט, אַז מען פירט אַ גרופּע מענער אין אונזער ריכטונג. יעדע האָט מיט זיך עפּעס אַ פּעקל. אפשר וועט זיי געלונגען צו דערלאַנגען? זיי קומען אָן. איינע פון די פרויען דערקענט דעם מאַן. זי לויפט צו, רופט אים לויטן נאָמען און דערלאַנגט דאָס פּעקל. דער זשאַנדאַרם באַמערקט דאָס. באַראָט זיך מיט זיין קאַמעראַד און נאָך אַ ווײַלע רופט ער אַרויס דעם מחוצף, וועלכער האָט געהאַט די העזה צו נעמען דאָס פּעקל. זיי וואַרטן ביז די גרופּע גייט אדורך. נאָך דעם הייסן זיי אים גיין פון פאָרויס און זעצן אים אַריין אַ קויל פון הינטן אין קאָפּ. דער יונגער מענטש פאַלט. מאָמענטאַל שאַפּט זיך לעבן אים אַ קאַלוזשע בלוט. ער לעבט נאָך. די זשאַנדאַרמען דערלויבן אַוועקטראָגן אים אין טויער, אָבער אַחוץ דעם גאָרנישט. קיינער טאָר אים נישט דערלאַנגען אַפילו קיין טראָפּ וואַסער. נאָך צוויי שעה שטאַרבט דער פאַרווונדעטער אין געפערלעכע יסורים.


דערווייל ווייסט נישט די גרופּע וועגן זייער חבר. מען פירט זיי אַוועק ביי דער ווייסל, דאָרט הייסט מען זיי אַרבעטן. די גאָר דיקע יידן ווערן גענוצט אַלס טרעגער. איינער אַ באַקאַנטער, וועלכער האָט קוים געטראָגן די לאַסט פון זיין קערפּער, בייגט זיך איצט

אונטער אַ 100־קילאָדיקן זאַק מיט מעל. די רעשט פאַרנעמט זיך מיט שלעפן פלאַטפאָרמעס אאַ״וו. פלוצלינג קומט אָן עפעס אַ אָפיציר — אַ פאָטאָגראַף־אַמאַטאָר. ער קלייבט פאַר זיך אויס אַ יונגן שיינעם בחור און הייסט אים אַריינגיין אין דער ווייסל. דער פאַראורטיילטער טינקט זיך איין ביזן האַלדז. אין דעם מצב שטייט ער 15 מינוט. דערצו דאַרף ער נאָך שמייכלען. טונקט אונטערן וואַסער, גייט אַרויס אויפן פלאַך און טויכט ווידער. די דאָזיקע אָפעראַציע דויערט דריי פערטל שעה. ווען עס איז אים שוין דערלויבט אַרויסגיין פון וואַסער, מוז מען אים אַרויסציען, ווייל ער האָט שוין נישט קיין כוח. אַן אומבאַוווסטזיניקן טראָגט מען אים אַוועק אַ היים און נאָך עטלעכע טעג שטאַרבט ער פון לונגן־אַנטצינדונג.

ס׳איז מיר שוין גענוג דאָס צו זען. איך קער זיך אום אַ היים. דער פאָטער איז אָנגעטון. אומרויק שפּרייזט ער איבערן צימער. כ׳האָב אַן איינפאַל. מיר וועלן דעם פאָטער אַריינזעצן אין דער קליינער אַנטרעסאָל, ווו עס שטייט דאָס יום־טובדיקע געפעס און אים פאַרדעקן מיט דעם. די פאָזיציע איז זייער אַ נישט באַקוועמע. מען דאַרף זיצן מיט איינגעשרומפטע פיס. דערווייל קומט צו אונז אַריין אַ שכן, וועלכער ווייסט אַז מיר באַהאַלטן דעם פאָטער און פאָדערט פראָסט און פשוט מיר זאָלן אים אויך באַהאַלטן. אומזיסט קלערן מיר אים אויף. אַז מיר האָבן נישט ווו. ער שפאַרט זיך איין ביי זיינעם. ער איז אַן עפילעפטיקער און זאָגט, אַז אויב מיר וועלן אים נישט באַהאַלטן און מען וועט אים כאַפן אין זיין ווױנונג, קען ער באַקומען אַן אַטאַק און אויספלאַפלען זיך. מיר ווייסן נישט וואָס מיט אים צו טון. דערווייל דערלויבן מיר אים צו בלייבן. די מוראדיקע שפאַנונג דויערט. מען ווייסט נישט אויב ביי נאַכט וועט זיך די אָבלאַווע נישט אָנהויבן פון דאָס ניי. דאָס מאָל גייט אַדורך די נאַכט רויק, כאָטש קיינער לייגט זיך נישט. דער פאָטער, קאָמפּלעט אָנגעטון, איז גרייט יעדע רגע צו אַנטלויפן. ס׳קומט אָן דער פרימאָרגן. 8 אַ זייגער פאַלט אַריין אַ שכנה, פאָכעדיק מיט דער צייטונג. אויף דער ערשטער זייט געפינט זיך אַ פאַראָרדענונג מיטן פאָלגענדיקן אינהאַלט: *

ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן
(רינג. ר/1255)

* זע דעם אָפדרוק פון דער פאַראָרדענונג אויף זייט 861—862.



דער אָפגערייניקטער פלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די נייע שול
המגרש המסודר עליו עמד בית הכנסת החדש

ג

די דייטשן זענען אַריין קיין וולאָצלאַוועק דעם 14טן סעפּטעמבער 1939 נאָך אַ כּסדרדיקן באָמבאַרדירן די שטאָט פון דער לופט און מיט אַרטילעריע. אין אָנהויב זענען זיי זיך באַגאַנגען גאָר קאָרעקט. זייער ערשטער אַנטי־יידישע פאַראָרדענונג איז געווען דער באַפעל אַז יידן, אייגנטימער פון סקלאַדן, דאַרפן מעלדן דער דייטשער מאַכט וועגן זייערע סחורות. קורץ דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן רויבן, אין אָנהויב נישט אָפיציעל און נאָך דעם גאַנץ לעגאַל און די רויב־אַקטן האָבן געטראָגן דעם נאָמען רעקוויזיציע. אין אַ סך פאַלן האָבן די דייטשן געעפנט די יידישע קראָמען און געוואָנדן זיך צום צונויפגעזאַמלטן פוילישן פעפול: „נעמט וואָס אייער האַרץ גלוסט זיך". אָפט האָט מען געצוווּנגען די אייגנטימער אַרויסטראָגן די סחורות אויף זייערע אייגענע פּלייצעס און פאַרלאָדן זיי אויף די לאַסט־אויטאָס.

דעם 24טן סעפּטעמבער איז אָנגעקומען קיין וולאָצלאַוועק אַן „ס.א."־אָפּטיילונג און גלייך דעם זעלבן טאָג גענומען זיך צו דער אַרבעט. זייער אַרבעט איז געווען דער באַרימטער וולאָצלאַוועקער ערב יום־כּיפּור, וואָס וועט אָן ספק אַריבערגיין אין דער געשיכטע. מיר איז באַקאַנט אַן עפּיזאָד (איינער פון אַ סך) פון דער דאָזיקער שרעקלעכער נאַכט.

די נאַציס האָבן באַקומען, נישט געוווּסט פון וואַנען, אַ געהיימע ידיעה, אַז אין איינעם פון די הייזער אויף דער לענגער־גאַס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל יידן צו כּל נדרי. אַזאַ זאַך טרעפט זיך נישט יעדן טאָג... האָט מען טאַקע גלייך אַוועקגעשיקט אַן „ס.ס."־אָפּטיילונג כּדי די זאַך צו ליקווידירן. די אָפּטיילונג האָט זיך אָבער פאַרשפּעטיקט. עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען און די מתפּללים זענען זיך צעגאַנגען. די דייטשן רעזיגנירן אָבער נישט אַזוי שנעל. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן די נעמען און די אַדרעסן פון די אָנטיילנעמער און זיי אַרעסטירט (אַרום 30 מענטשן) אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה. דאַן האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויף עפּעס אַ הויף, ווו זיי האָבן געמוזט שטיין ביז אין דער פרי ביי אַ מויער מיט אויפגעהויבענע הענט, גרייט יעדע רגע דערשאָסן צו ווערן. בשעתן עסקאָרטירן צום דאָזיקן פּלאַץ, האָט מען זיי געפּייניקט און אומברחמנותדיק געשלאָגן. פיר פון זיי, צווישן זיי דעמבינסקין און דישלען האָט מען מיט באַגנעטן פאַרשטאָכן אויף טויט. די אַנדערע יידן האָבן געמוזט גראָבן פאַר זיי אַ קבר, ווו מען האָט די אומגליקלעכע קרבנות אַריינגעוואָרפן איינער אויפן צווייטן און באַגראָבן. צומאָרגנס האָט מען די רעשט געשטעלט צום משפּט, עס האָט זיי געדראָט — ווער ווייסט פאַר וואָס — דערשאָסן ווערן. דאָס געריכט האָט זיי דערקלערט אומשולדיק, דאָך האָט מען זיי נישט באַפרייט, נאָר איבערגעשיקט אין די קאָשאַרן אויף אַרבעט, ווו מען האָט זיי שפּעטער פאַראייניקט מיט דער גרופּע „בראַנדשטיפטער" (אונטערצינדער).

דעם 25סטן סעפּטעמבער, עלף אַ זייגער בייטאָג, האָט אָנגעהויבן צו ברענען די אַלטע שול אויף דער זשאַביע גאַס. (מען האָט זי באַגאָסן מיט בענזין, אַפילו אויף די דעכער האָט מען געזען סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אויסגעגאָסן גאַנצע באַנקעס פון דעם דאָזיקן ברען־שטאָף). מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך שוין באַוויזן אַ פייער אין דער נייער שול אויף דער קרולעווי־עצקע. דאָ האָבן די דייטשן געכאַפּט ממש אַ מציאה: אין דעם בנין האָבן זיך געפונען די אַמטן פון דער יידישער קהילה, דער ראַבינאַט און דער בית־המדרש.

דאָ הויבט זיך אָן די אייגנטלעכע טראַגעדיע פון וולאָצלאַוועק. קודם כּל האָט מען פון דעם שכנותדיקן צו דער אַלטער שול גרויסן הויז (3טער מאי גאַס 22) אַרעסטירט אַלע יידישע מענער אונטער דער באַשולדיקונג אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן די שול (ציניזם איז אין דעם פאַל אַ צו שוואַכער אויסדרוק!), און אַוועקגעפירט אין דער תּפיסה. אויף דער טיר פון זייער קאַמער האָט מען אויפגעהאָנגען אַן אויפשריפט „בראַנדשטיפטער". דעם זעלבן טאָג האָט מען אַדורכגעפירט איבער דער גאַנצער שטאָט מאַסן אַבלאַוועס, וואָס האָבן געדויערט פון זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט ביז צומאָרגנס. מען איז געגאַנגען סיסטעמאַטיש פון שטוב צו שטוב און צוגענומען אַלע מאַנסבילן. אויף אַזאַ אופן האָט מען פאַרהאַלטן 1500 יידן, וועלכע מען האָט קאָנצענטרירט אויף זאַמלפּונקטן און אַוועקגעפירט אין דער תּפיסה, שלאָגנדיק זיי כּסדר מיט די ביקסן־קאָלבעס. אויפן וועג האָבן זיי געמוזט האַלטן די הענט אין דער הויך און דערצו נאָך זינגען. טראָץ דעם שטאַרקן רעגן האָט מען זיי געצוווּנגען גיין אָן היטלען. עס איז כּדאַי צו דערציילן וועגן צוויי פאָרפאַלן וואָס זענען פאָרגעקומען בעת דעם דאָזיקן מאַרש:

1) איינעם פון די אַרעסטירטע — היימאַן — האָט זיין פרוי געפּרוּווט דערלאַנגען עפּעס צו עסן. ווען ער האָט אויסגעצויגן די האַנט עס צו נעמען, האָט אים אַ סאָלדאַט דערשאָסן „פאַרן פּרוּוו אַרויסצוגיין פון דער ריי".

2) אַ געוויסער זעמעלמאַן, אַ צען־יאָריק און שוואַך יינגל, האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין. האָט מען געהייסן אים וואַרפן פון האַנט צו האַנט לענגאויס דער גאַנצער שורה. דער אומגליקלעכער האָט באַקומען אַ שאָק און שווער קראַנק געוואָרן.

אין דער תּפיסה האָט מען זיי אַזוי צונויפגעשטופּט אין די צעלן, אַז, ווי עס האָבן שפּעטער דערציילט די אַרעסטירטע, איז אַפילו נישט געווען ווו צו שטיין צוליב דער ענגשאַפט. אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט די נאַכט. צומאָרגנס האָט מען באַפרייט די עלטערע יידן און די רעשט האָט מען אַוועקגעפירט אין די קאָשאַרן, וועלכע האָבן זיך געפונען צוויי קילאָמעטער ווייט. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געמוזט לויפן און נישט געטאָרט אַרויס פון דער ריי — דערפאַר האָבן געדראָט מוראַדיקע קלעפּ.

אין די קאָשאַרן האָט מען זיי געצוווּנגען אויסצופירן די שווערסטע אַרבעט, בעת וועלכער זיי האָבן באַקומען אומברחמנותדיק געשלאָגן, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז דער רוב ממש שוואַרץ געוואָרן פון די קלעפּ.

דער ענין אָבער פונעם „אונטערצינדן" האָט זיך מיט דעם נישט געענדיקט. ער האָט געגעבן דעם דייטשן קאָמיסאַרישן בירגערמייסטער קראַמער (אַן אָפיציר פון דער „ס.א.", עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז ער איז געווען איינער פון די לייטער פון דעם באַרימטן לאַגער אין דאַכאַו) אַ גינציקן מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט, מען מוז מודה זיין, גלענצנדיק אויסגענוצט.

אַלס שטראָף פאַר דער מכלומרשטער אונטערצינדונג האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ קאָנטריבוציע אין דער הייך פון 100 טויזנט זלאָטעס, וועלכע ער האָט באַפוילן צו באַלייגן אין משך פון צוויי טעג, אין קעגנפאַל וועלן אַלע אַרעסטירטע דערשאָסן ווערן. די סומע איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן צום טערמין — מיט אַ געוויסער מיטהילף פון די פּאָליאַקן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אַרויפגעלייגט אַ נייע קאָנטריבוציע אין דער גרויס פון 200

טויזנט זלאָטעס און בערך אין אַ וואָך 250 טויזנט. שוין ביי דער צווייטער קאָנטריבוציע איז געוואָרן אין דער שטאָט אַ פּאַניק. פון איין זייט איז די צאָל ערובניקעס געווען גאָר גרויס, אַז כמעט יעדע פאַמיליע האָט געהאַט אירס אַ נאָענטן צווישן די אַרעסטירטע. פון דער אַנדערער זייט זענען די יידן שוין געווען פינאַנציעל רויגירט, אַזוי אַז ביי דער צווייטער האָט זעלטן ווער און ביי דער דריטער כמעט קיינער נישט געגעבן קיין געלט. האָט מען דעריבער איבערגעגעבן שמוק, האַנט־און אויער־רינגלעך, לייכטערס און אַפילו חופה־וקדושין־רינגען און וועש.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אַרויסגעגעבן 3 נייע פאַראָרדענונגען. מען האָט אומגעביטן דעם נאָמען פון דער שטאָט אין אַ דייטש־קלינגענדיקן — לעסלאַו. מען האָט באַפוילן צו טראָגן אויף דער פּלייצן אַ געלן דרייעק, 15 ס״מ די גרויס, אָן אונטערשיד פון מין און עלטער. מען האָט פאַרבאָטן די יידן צו גיין אויפן טרעטואַר. די לעצטע פאַראָרדענונג איז געווען די ערגסטע. די דייטשע אויטאָס פלעגן ספּעציעל אָדער צופעליק אַרויפפאָרן אויף די גייענדיקע אויפן ברוק (אין וולאָצלאַוועק זענען די גאַסן מערסטנטייל שמאָל) און עס זענען געווען עטלעכע טויטפאַלן.

אין נאָוועמבער האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון רעקווירן די יידישע וווינונגען. דאָ האָט זיך באַרימט געמאַכט דער פאָליאַק גראַבאָווסקי, וועלכער פלעגט אָנווייזן און פירן די דייטשן. די רעקוויזיציע־מעטאָדן האָט מען באַלד „פאַרפולקאָמט״: מען פלעגט זיך אַריינרייסן אומדערוואַרטערהייט אין אַ יידישער דירה, געהייסן אין משך פון אַ קורצער צייט (פון 10 מינוט ביז אַ האַלבער שעה) פאַרלאָזן די דירה און דערביי נישט געלאָזט גאָרנישט אַרויסנעמען. אַלע האָבן געמוזט אַרויסגיין אין דעם וואָס זיי האָבן געטראָגן. די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן פון די רייכע און ממשיך געווען ביז די סאַמע אָרעמסטע.

אין אָנהויב דעצעמבער 1939 איז פאָרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג. מען האָט געכאַפּט עטלעכע הונדערט בעטלערס און אָרעמעלייט, אָפּטראַנספּאָרטירט אויפן וואָקזאַל און אַרויסגעשיקט פון שטאָט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און פון אָרעמע איבערגעגאַנגען צו רייכערע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט נישט געוווּסט „נישט קיין טאָג און נישט קיין שעה״. מען איז געשלאָפן גאַנצע וואָכן אין די פאַלטנס צוקאָפּנס מיט אַ רוקזאַק, מורא האָבנדיק, אַז יעדע מינוט קענען אַריינפאַלן די דייטשן, אַרויספירן פון שטוב און נישט דערלויבן עפּעס מיט זיך מיטנעמען.

איך לייג ביי אַ מער גרינטלעכן באַריכט:

אַ דערציילונג פון איינעם פון די אַרעסטירטע פאַר אונטערצינדן די שול, אַ איינוווינער פון הויז ז״ף דריטער מאַי־גאַס 22, אַ יונגערמאַן דאַן 18 יאָר אַלט.

זונטיק, (24 סעפּטעמבער) איז נאָך אין שטאָט געווען גאַנץ רויק. (בכלל האָבן זיך די דייטשן געפירט אין אָנהויב זייער קאָרעקט און טראָץ די ביטערע נסיונות ערב יום־כיפור, האָבן די יידן שפּאַצירט אויף די גאַסן דרייסטער און מער ווי ביי די פּוילישע צייטן. כ׳האָב זיך טאַקע זייער געוווּנדערט, ווען אַרום מיטאָג־צייט האָב איך דערהערט אַ געוויש פון אַ המון, וואָס איז דערגאַנגען נישט ווייט פון דער שול. אַ באַאומרויקטער האָב איך אַ קוק געטון דורכן פענסטער און דערזען אויפן דאַך פון דער שול אַ פאָרזיכטיק קריכנדיקן דייטש, אין אַ רגע אַרום אַ צווייטן. עטלעכע מינוט האָב איך אָבסערווירט זייערע באַמיונגען אַראָפּצונעמען פון דאַך דעם מגן־דוד. און אַזוי ווי זיין גורל האָט מיך קנאַפּ אינטערעסירט בין איך אַוועק אַ באַרויקטער פון פענצטער און געגאַנגען צו אַ חבר, וועלכער האָט געוווינט אין צווייטן עק שטאָט.

אַדורכגייענדיק די גאַס, האָב איך געהערט ווי אַ המון צוקוקער, פּאָליאַקן, אַפּראָבירן בקול־רם די מעשים פון די דייטשן.

ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען אין מיין אָפּוועזנהייט געקומען אין אונזער הויז דייטשע אָפיצירן און רעקווירירט די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ תירוץ, ווייל מען האָט קיין שום ראַדיאָ נישט צוגענומען, דאַקעגן האָט מען אויסגענוצט די געלעגנהייט און אונטערגעלייגט אין אַ פאַרלאָזענער דירה (דער באַלעבאָס איז אַנטלאָפן און זיך נישט אומגעקערט) אַ צינדבאָמבע מיט אַ זייגער־מעכאַניזם.

כ׳בין געקומען אַ היים אַרום 2 אַזייגער אויף מיטאָג. כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט עסן (ס׳איז אפשר געווען 2.30), ווען כ׳האָב דערהערט אויף דער גאַס אומאויפהערלעכע געשרייען. איך קוק דורכן פענצטער. עס שטייט אַ ריזיקער המון און גאַפט אויף דער אַלטער שול. איך קוק אויך אין דער דאָזיקער ריכטונג. עס שלאָגט פון דאָרט אַ שוואַרצער רויך, דורך וועלכן עס רייסט זיך ערטערווייז אַדורך אַ העל רויטער פלאַם, ווייזט אויס פון דעם בענזין. דער המון פּאָליאַקן (עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער ערגסטער פּעוול) הירזשעט פון פרייד און צופרידנקייט. די מער אימפּולסיווע פּאַטשן מיט די הענט און סקאַנדירן: „בראַ־וואָ! בראַ־וואָ!״.

עס איז נישט אַוועק קיין האַלבע שעה (בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל), ווען עס האָבן זיך באַוויזן די פייערלעשער. מען האָט נישט געדאַרפט לאַנג אָבסערווירן זייער טעטיקייט כדי צו קומען צום אויספיר, אַז זייער ציל איז געווען נאָר צו לאָקאַליזירן אָבער חס ושלום, נישט צו לעשן דאָס פייער.

אינצווישן האָט אויפגעריסן די אונטערגעלייגטע באָמבע אין דער שאַפּע און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ נייע שריפה, דאָס מאָל אין אונזער הויז. מען קען זיך פאָרשטעלן די בהלה, וועלכע האָט באַהערשט אַלעמען, בפרט אַז די פייערלעשער (חוץ עטלעכע) זענען געפאָרן „לעשן״ די ברענענדיקע נייע שול אויף דער קרולעוויעצקע. מען האָט אָנגעהויבן, אייגנטלעך באַמיט זיך, אַרויסגעטראָגן די זאַכן און בעטגעוואַנט אויף דער גאַס, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין טויער האָט מען אַריינגעזעצט אַ „פּלאָקן״ אין דער פּערזאָן פון אַ דיקלעכן זשאַנדאַרם, וועלכער האָט טאַקע אַלעמען אַריינגעלאָזט אין הויף, אָבער נישט דערלויבט קיינעם אַרויסצוגיין. „גייט אַלע אין פלאַמען אַאוף!״ האָט ער געשריגן און געדראָט מיטן רעוואָלווער. עס איז געווען נאָך אַן אַרויסגאַנג פון הויף, דורכן רעסטאָראַן, וועגן וועלכן די דייטשן האָבן נישט געוווּסט, אָבער נאָר געציילטע זענען דורך אים אַנטלאָפן. די מערהייט האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און די אָריענטאַציע.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז „אונזער״ שריפה איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי עס האָט זיך אין אָנהויב געדאַכט. עס איז אונז געלונגען אין אַ פאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט צו פאַרלעשן דאָס פייער. דאַן ערשט זענען אָנגעקומען אונז צו הילף עטלעכע פּוילישע פייערלעשער. זייער הילף אָבער האָט זיך אויסגעדריקט אין פּלינדערן די יידישע וווינונגען און גנבענען פאַרשידענע קלענערע חפצים. נאָך זיי איז אָנגעקומען אַ קליינע „ס.ס.״־אָפּטיילונג. זיי האָבן קודם כל צונויפגעזאַמלט אין מיטן הויף אַלע מענער אין אַ ריי און אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון איר די יידן. די, וועלכע האָבן אויף דער פראַגע: „ביסט דו יודע?״ געענטפערט אַז יאָ, האָט מען געקאָפּעט מיט די שטיוול, געשלאָגן און געהייסן אַוועקשטעלן זיך ביי דער

וואַנט מיט אויפגעהויבענע הענט (ווער עס האָט וויניק וואָס איינגעבויגן די הענט אין די עלנבויגן, האָט באַקומען געשלאָגן). אָבער אויך ביי דער וואַנט האָט מען זיי (ריכטיקער אונז, ווייל מיך האָט מען אויך גענומען), נישט געלאָזט צו רו. עטלעכע זעלנער זענען געפאַלן אויף אַ „גלענצנדן" איינפאַל: זיי האָבן מיט אונזערע קעפּ אָנגעהויבן אויסצוברעכן די שויבן אין די פענצטערס. עס איז נישט אַדורך ביי אַ פערטל שעה און אין די פּאַרטער־פענצטער איז נישט געבליבן קיין גאַנצע שויב. דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די קעפּ (נאַטירלעך ניט מיט זייערע) אין עפּעס מער דויערהאַפטעס — אין די מויער און דאָס האָט געגעבן „בעסערע" רעזולטאַטן... ענדלעך האָט זיך די סעלעקציע געענדיקט. מען האָט אונז צונויפגעזאַמלט — 23 פּערזאָן ביי דער וואַנט, די הענט האָבן מיר כסדר געמוזט האַלטן אין דער הויך, אַזוי אז זיי זענען ווי אָפּגעשטאַנען און פאַרחלשט געוואָרן פון ווייטיק. אַ געוויסער קאַנאַל, וועלכער האָט געליטן פון אַ ברוך און האָט נישט געקענט האַלטן שטייף די הענט, איז געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן. איך גיב אָן באַקאַנטע מיר נעמען: אליהו פלאָרמאַן, קאַנאַל, ראַטהאַוז, (דער אַלטער), שטיוועלמאַן, מאַקס האָראָנסקי, ליכטענשטיין (פאָטער און זון), זעמעלמאַן (פאָטער און זון), פּאָפּיאָלעק, ספּעקטאָר, לעשטשינסקי.

מיר זענען אַזוי געשטאַנען נאָך אַ האַלבע שעה בערך ביז עס האָט זיך באַוויזן קראַמער בכבודו ובעצמו און געהייסן אונז אַרויסגיין איינער נאָכן אַנדערן אויף דער גאַס. דער לעצטער פון אונז — פלאָרמאַן, האָט באַקומען מיט באַיאָנעטן געשטאָכן אין געזעס. אַ יינגל, 12 יאָר אַלט, וואָס האָט זיך געפונען צווישן אונז, האָט מען אויפן האַלדז אויפגעהאָנגען אַ גאַז־מאַסקע אויף אַזאַ אופן, אַז די באַנד, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון הינטן, האָט אים געשטיקט ביים גאָרגל.

ווען מיר זענען אַרויס פון הויף, האָט קראַמער דערקלערט די איבערגעבליבענע (די דערקלערונג האָט זיך שפּעטער באַוויזן אויף די שפּאַלטן פון דער וולאָצלאַוועקער צייטונג „א.ב.צ.") אַז די יידן האָבן אונטערגעצונדן די שול און דאָס הויז, כדי די שולד צו וואַרפן אויף די דייטשן. צוליב דעם באַהאַנדלט ער אונז ווי ערוב־מענער (זאַקלאַדניקעס) און אויב אין שטאָט וועט ערגעץ־ווו אויסברעכן אַ שריפה, וועלן מיר גלייך דערשאָסן ווערן. מיר האָבן אָבער די דערקלערונג שוין נישט געהערט. דערווייל זענען מיר געגאַנגען, איינער נאָכן צווייטן אין מיטן די וולאָצלאַוועקער גאַסן, מיט די הענט אין דער הויך. (פאַר דער קלענסטער אָפּנויגונג פון דער שורה האָט מען אונז געשלאָגן מיט די קאָלבעס). מען האָט באַפוילן מיר זאָלן טרעטן איינער דעם צווייטן אויף די פּיאַטעס און ווער עס איז געפאַלן האָט מען אים מיט עטלעכע גוטע זעצן אויפגעהויבן פון דער ערד. אויפן וועג האָט מען אונז עטלעכע מאָל פאָטאָגראַפירט. אַזוי זענען מיר דערגאַנגען ביז צו דער תפיסה.

אַ זעלנער האָט אונז אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק. (אויף די טרעפּ זענען געשטאַנען „ס.ס."־לייט, וועלכע האָבן אונז אונטערגעיאָגט און דערביי געשלאָגן און געקאָפּעט). דאָ האָט מען אונז צעטיילט אין די קאַמערן (אין דער ערשטער זענען אַריין צוזאַמען מיט מיר צוועלף, אין דער צווייטער עלף), דאַן דערלויבט אַראָפּצולאָזן די הענט, דערקלערט אַז אין גיכן וועלן מיר דערשאָסן ווערן און פאַרקלאַפּט די טיר. די קאַמער איז געווען 4 אויף 5 מעטער, פאַרמאָגט צוויי הילצערנע פּריטשעס, אַ טיש און אַן עמער אויף אומרייניקייטן. די טיר איז געווען באַצירט מיט אַ „יודאַש",* אַנטקעגן איר האָט זיך געפונען אַ קליין פאַרקראַטעוועט פענצטערל.

מיר זענען געווען אַליין אפשר אַ פערטל שעה — ביז עס האָט זעך געעפנט פּלוצים די טיר און עס איז אַריין עפּעס אַ פאָלקסדייטש און צוזאַמען מיט אים אַ מיטגליד פון דער שטאָטישער בירגערלעכער מיליץ. (זי איז אַנטשטאַנען נאָכן אַנטלויפן פון פּויליש מיליטער, און טראָץ דעם אריינטריט פון די דייטשן איז זי גלייך נישט ליקווידירט געוואָרן און נאָר דערפילט די פונקציעס פון דער תפיסה־וואַך). דער דייטש האָט אונז געהייסן אָפּגעבן אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אַפילו ברילן און נאָז־טיכלעך.

איך געדענק, אַז ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך עמעץ דערמאָנט, אַז ער האָט אַ מעסערל אין טאַש. עס האָט אים באַהערשט אַ פחד. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט דעם חפץ. אויב מיר וועלן רופן דעם וועכטער און מיר וועלן אים געבן דאָס מעסערל, דראָט אונז פאַר אויסבאַהאַלטן געווער. אויב מיר וועלן עס אַרויסוואַרפן דורכן פענצטערל קען עמעץ עס באַמערקן אויפן הויף און אָנשטויסן זיך פון וואַנען עס שטאַמט. מיר האָבן באַשלאָסן באַהאַלטן דאָס מעסערל אין אויוון, וואָס מיר האָבן טאַקע געטון מיט אַ געפיל פון פאַרשווערער, וואָס לייגן אונטער אַ באָמבע אויף די באַן־רעלסן און ערשט דאַן האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט, ווי מיר וואָלטן אויסגעמיטן עפּעס אַ גרויסע סכנה. דאָס איז אַ מינדערוועריק געשעעניש, אָבער מאָלט אויסגעצייכנט דעם פּסיכישן מצב אין וועלכן מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען.

געניסנדיק פון דעם וואָס מען באַאומרויקט אונז נישט, האָבן מיר געפּרווט צו דערגיין די סיבות און דעם צוועק פון אונזער אַרעסט. קראַמערס רעדע אויף אונזער הויף האָט קיינער נישט געהערט (ווי איך האָב שוין דאָס פריער באַמערקט — ער האָט זי אָנגעהויבן ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען), האָבן מיר זיך טאַקע נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון אונזער געפערלעכער לאַגע. די מערהייט פון אונז האָט געמיינט, אַז מען האָט אונז געכאַפּט אויף אַרבעט. די דאָזיקע השערה האָט געהאַט אַ גרונט, ווייל מען האָט שוין פריער געכאַפּט — פרייטיק און שבת.

עס זענען אַריבער עטלעכע שעה. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל. מיט איינמאָל האָבן מיר דערהערט שווערע מיליטערישע טריט. די טיר פון אונזער קאַמער עפנט זיך און עס קומט אַריין אַן „ס.ס."־אָפיציר. ער דערנענטערט זיך צום טיש, שפּאַרט זיך אָן אים אָן מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער ציט ער אַרויס אַ רעוואָלווער, רעפּעטירט און הייסט אונז אַוועקלייגן זיך ביי דער וואַנט מיטן פּנים צו דער ערד, דאַן דרייט ער זיך אויס צו דער טיר און רופט אויס: „העריין!". אויף דעם באַפעל קומען אַריין אין דער קאַמער 30 יידן מיט אויפגעהויבענע הענט. (דאָס זענען געווען די פאַרהאַלטענע בשעת די אָבלאַווע, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער גאַנצער שטאָט). דער אָפיציר דערלויבט אונז געפעליק זיך אַוועקזעצן און גייט אַרויס. אין אַ האַלבער שעה אַרום פירט מען אַריין נייע 30 יידן. איינעם ברענגט מען אַריין אויף אַ בלאַט פון אַ טיש. מען האָט אים אַ שטופּ אָדער אַ קאָפּע געטון אויף דער גאָס און ער איז אַזוי שלימזלדיק געפאַלן, אַז ער האָט צעבראָכן אַ פוס.

ווי אַזוי מיר האָבן פאַרבראַכט די נאַכט איז נישט צו באַשרייבן אין דער מענטשלעכער שפּראַך. כ'וועל נאָר דערציילן אַז נאָר עטלעכע זענען געשלאָפן אויף דער פּריטשע און צוויי אונטער איר. די רעשט איז ממש געלעגן איינער אויף דעם צווייטן. איך געדענק, אַז אויף מיר זענען געלעגן דריי חברים. שפּעטער האָבן מיר

* אַ קליין פענצטערל אויף אָבסערווירן פון דרויסן די אַרעסטירטע.

זיך געביטן און איך האָב זיך אַרויפגעקריגן אין דער הויך.

דער צווייטער טאָג פון אונזער אַרעסט האָט זיך אָנגעהויבן גאָרנישט פריילעך. 6 אַ זייגער פאַרטאָג איז אַריינגעקומען דער זעלבער פאָלקסדויטש, וועלכער האָט אונז נעכטן רעווידירט און דערקלערט, אַז ער דערלויבט אונז אַרויסצוגיין אויפן קאָרידאָר כדי זיך אַרומצוואַשן. ער האָט אַרויסגעלאָזן צו צען מאַן און יעדער האָט קוים געהאַט צייט איינצוטינקען די הענט און צו באַשפּריצן דאָס פּנים. אַרום 8 האָבן מיר פון די שכנותדיקע קאַמערן דערהערט עפּעס ווילדע געשרייען: „לאָס! לאָס!”, קרעכצן פון ווייטיק און אָפּהילכן פון קלעפּ פון קאָלבעס אין מענטשלעכע לייבער. ווייזט אויס, אַז מען האָט דאָרט אַדורכגעפירט „פרימאָרגן־גימנאַסטיק”. די געשרייען פון די דייטשן און יידן זענען צו אונז דערגאַנגען נאָך במשך פון אַ שעה ביז זיי זענען מיט איינמאָל פאַרשוויגן געוואָרן. מיר האָבן געוואַרט פול מיט שפּאַנונג, ווייסנדיק אַז איצט קומט אונזער ריי.

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ זשאַנדאַרם אין אַ העלם און אַ ביקס מיט אַ באַגנעט אין האַנט. „הענדע האָך!” האָט ער אַ ריטשע געטון. ער האָט צוגעשטעלט די ביקס צום אַקסל און זי באַוויזן אַנטקעגן אונזערע פון שרעק פאַרשטיינערטע געזיכטער, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אויסקלייבן וועמען פריער צו דערשיסן. ער האָט אָבער נישט אויסגעשאָסן, זיך האַסטיק אויסגעדרייט, אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און געעפנט דעם „יודאש” כדי צו קענען אונז אָבסערווירן. אָבער יעדער שטעקן האָט צוויי עקן — מיר האָבן אים אויך געזען. אין דער רגע ווען ער, מאַרשירנדיק אַהין און צוריק אויפן קאָרידאָר, איז אַוועק פון אונזער טיר, האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט די אָפּגעשטאַנענע און פאַרחלשטע הענט, כדי כאָטש אַ רגע זיך אָפּצורוען. ווען מיר האָבן דערהערט, אַז ער דערנענטערט זיך ווידער, פלעגן מיר זיי צוריק אויפהויבן. ערשט אַרום 11 אַ זייגער האָט ער אונז דערלויבט אַראָפּלאָזן די הענט און זיך אַוועקזעצן אויפן פּאָל.

אַרם 1 אַזייגער האָבן מיר ווידער דערהערט געשרייען און קלעפּ. מען האָט געפירט אונזערע חברים פון די שכנותדיקע „אַפּאַרטאַמענטן” אין קלאָזעט. מען האָט יעדן איינעם געגעבן אַ פערטל מינוט אויף צו דערליידיקן זיך. ווי באַוווּסט איז דאָס פיזיש, אָדער גענויער פיזיאָלאָגיש אוממעגלעך און אַלע פלעגן איבעררייסן דעם דאָזיקן טערמין און די פאָלגן זענען געווען שרעקלעכע. פינקטלעך מיטן אָפּפליסן פון דער 15־טער סעקונדע האָבן די סאָלדאַטן געעפנט די טיר און אַרויסגעוואָרפן דעם קרבן מיט עטלעכע קלעפּ פון דער קאָלבע אַזוי ווי ער איז געזעסן — מיט אַראָפּגעלאָזענע הויזן...

נאָך דעם האָט מען אונז געלאָזט צורו ביז 5 אַ זייגער. (כ׳וויל אונטערשטרייכן אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט מען אונז נישט געגעבן קיין עסן און קיין טרינקען).

אַ זייגער פינף איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר מיט עטלעכע זעלנער, געהייסן אונז, נאַטירלעך, אויפהויבן די הענט און אַראָפּגיין אין תפיסה־הויז. אויף די טרעפּן זענען געשטאַנען ס.ס.־לייט מיט רעוואָלווערן אין די הענט און מיט זייערע קאָלבעס אונז „צוגעגעבן מוט”. אויפן תפיסה־הויף זענען געשטאַנען אַרום 1500 יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפּאָרעט די דייטשן. צוערשט האָט מען אונז אַלעמען אויסגעשטעלט אין רייען און אָנגעהויבן צו סעלעקציאָנירן און קלאַסיפיצירן. אין אָנהויב האָט מען געשאַפן דריי גרופּעס:

1) בין 14 יאָר; 2) איבער 50 יאָר און 3) די רעשט, ד״ה די, וואָס זענען „פעיק צו זיין פאַרמאַכט אין דער טורמע”. שפּעטער אָבער האָט מען צוגעגעבן אַ פערטע גרופּע: אַן אָפיציר האָט געפאָדערט, אַז די מענער פונעם הויז וואָס האָט געברענט זאָלן זיך אַוועקשטעלן באַזונדער. עטלעכע האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל (צווישן זיי איך), אָבער די מערהייט האָט מורא געהאַט זיך מודה צו זיין און נישט אַרויסגעטרעטן. די דייטשן, זעענדיק אַז זיי וועלן נישט דערגיין צו קיין טאָלק, האָבן אויסגעקליבן די מענטשן מיט דער הילף פון איינעם פון די אַרעסטירטע, וועמען זיי האָבן געדראָט אַז זיי וועלן אים דערשיסן אויב ער וועט נישט אָנווייזן אויף די „אונטערצינדער”. סוף סוף האָבן זיך אָנגעזאַמלט 14 מאַן (שפּעטער האָט מען צוגעגעבן אַ 15־טן). עס זענען צו אונז אויך צוגעשטאַנען פרייוויליקע, ווייל זיי האָבן געמיינט אַז מען וויל אונז באַפרייען (און זיי האָבן זיך טאַקע ביטער אַנטוישט), אָבער די נאַציס האָבן זיך אין דעם צופיל נישט געגריבלט.

אינצווישן האָט אָנגעהויבן די רעשט סאָלדאַטן צו רעווידירן אַלע אַרעסטירטע. די קאָנפיסקירטע זאַכן און געלט אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן קויש פון וועש. כ׳מיין אַז מען האָט צונויפגעזאַמלט אַרום 15000 זלאָטעס. ווען מען האָט געענדיקט די דאָזיקע „צערעמאָניע”, האָט מען די דריי גרופּעס אַרויסגעפירט פון הויף (כ׳האָב אַ רושם אַז מען האָט זיי באַפרייט) און אונז האָט מען עקסקאָרטירט צוריק אין דער קאַמער. כ׳גיב אָן די נעמען פון מיינע נויט־חברים, וועלכע איך געדענק: האַראָנסקי, פלאָרמאַן, פּאָפּיאָלעק, לעשטשינסקי, זשוראַווסקי, צוויי זעמעלמאַנס און קאַנאַל.

פלאָרמאַן, וועלכער איז אַרויס דער לעצטער פון הויף (ווי איך האָב פריער דערמאָנט) און האָט באַוויזן צו הערן דעם גרעסטן טייל פון קראַמערס רעדע, האָט אונז אין דער צעלע אויפגעקלערט (ער איז פריער געזעסן אין אַן אַנדערער) פאַר וואָס מיר זיצן און וואָס עס דראָט אונז. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די קאָנסטערנאַציע און שרעק, וואָס האָט אונז באַהערשט!

עס איז אַריין דער צוועלף־יעריקער און דערציילט, אַז ער האָט מיט אַ ווײלע פריער גערעדט מיט אַן אָפיציר און זיך באַקלאָגט, אַז מיר האָבן שוין אַ מעת־לעת גאָרנישט נישט געגעסן און דער אָפיציר האָט צוגעזאָגט עפּעס אַריינצושיקן. מיר זענען געווען אַזוי הונגעריק, אַז די האָפענונג צו באַקומען אַ ביסל שפּייז, האָט איינגעשטילט דאָס געפיל פון שרעק. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און געקוקט מיט בענקענדיקע בליקן צו דער טיר, האָרכנדיק צי עמעץ דערנענטערט זיך נישט. עס איז פאַרביי אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה, אַ שעה און קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. סוף כל סוף האָט איינער זיך אָנגענומען מוט: אָנגעקלאַפּט צום וועכטער און מיט אַ ציטערנדיקער פון שרעק שטימע דערקלערט, אַז מען האָט אונז פאַרשפּראָכן צו ברענגען שפּייז, צום גליק האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַן אָרנטלעכן מענטש, וועלכער האָט צוגעזאָגט די זאַך אויפצוקלערן. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ ליידיקן עמער. „איינער פון אייך קען גיין נאָך וואַסער, מער וועט איר נישט באַקומען, ווייל ס׳איז נישטאָ”. וואָס האָבן מיר געקענט טון? מיר האָבן אויסגעטרינקען דאָס וואַסער און געגרייט זיך צום שלאָפן. פלוצים אָבער האָט זיך די טיר געעפנט און דער זעלבער וועכטער (אַן ס.ס.־מאַן) האָט אַריינגעוואָרפן זעקס אַלטע, פאַרשימלטע זעלנערישע ברייטלעך...

צומאָרגנס האָט זיך געטוישט די תפיסה־וואַך. די ס.ס.־לייט זענען אַוועק און ס׳איז געקומען געוויינלעך מיליטער. די באַציונג צו

אונז האָט זיך געענדערט צום גוטן. באַלד אין דער פרי איז אַריינגעקומען אַ זעלנער און געפאָדערט צוויי פרייוויליקע צו דער אַרבעט. ווען די צוויי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי דערציילט, אַז מען איז זיך מיט זיי באַגאַנגען זייער גוט. די דייטשן האָבן זיי נישט געשלאָגן, נישט געשריגן אויף זיי, מכבד געווען מיט סיגאַרעטן וכד׳. זיי האָבן געקראָגן אַ לייכטע אַרבעט, מען האָט זיי געהייסן אויפרוימען ליידיקע קאַמערן. דאָס וויכטיקסטע אָבער — אויף אונזער טיר האָבן זיי מיט שרעק דערזען די אויפשריפט „15 בראַנדשטיפטער״, אויף די אַנדערע: „8 ברונען־פּאַרגיפטער״, „6 דיבעך״ (גנבים), „באַנדיטן״ אאַ״וו.

נאָך 11 אַ זייגער איז אָנגעקומען יוסף ראָדע, דער פאָרשטייער פון דער קהילה, וועלכער האָט פאַרשריבן אונזערע נעמען, אונזערע פאַרלאַנגען און בקשות פון אונזערע נאָענטסטע. ער האָט איבערגעגעבן, אַז עס קען זיין עס וועט אים געלונגען אַרויסבאַקומען פון קראַמערן פאַר אונז אַ דערלויבעניש צו קענען זיך זען מיט זיי.

1 אַ זייגער טאַקע האָט זיך געעפנט די קאַמער. מען האָט אונז אַרויסגעפירט אויפן טורמע־הויף און דאָ האָבן מיר דערזען אונזערע נאָענטסטע. יעדער איינער פון זיי האָט געבראַכט אַזויפיל שפּייז, אַז מיר וואָלטן דאָס נישט געקענט אויפעסן אין משך פון אַ חודש (מיר האָבן דערציילט ראָדען אַז מען גיט אונז נישט קיין עסן). אַ טייל פון דעם האָבן מיר געמוזט צוריקגעבן, פּשוט צוליב דעם, ווייל עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ ווו עס אַהינצוטון. נאָכן אומקערן זיך אין דער קאַמער זענען אַריינגעקומען צוויי סאָלדאַטן און ווידער געפאָדערט 4 מענטשן. איך האָב זיך אויך געמאָלדן. מען האָט אונז געהייסן אויסליידיקן די טורמע־עמערס. איינער האָט זיך געוואָלט אויסדרייען פון דער אַרבעט און אָנגעהויבן צו געבן באַפעלן. דעם דייטשן איז דאָס נישט געפעלן. „די פערפלוכטע יודען קענען נישט אַרבעטן ווען מען שלאָגט זיי נישט״. ער האָט מיט אַ שטעקן צעשלאָגן דעם מאַרקעראַנט און שפּעטער אונז אַלע. ווען, בלוי פון סיניאַקעס, האָבן מיר זיך נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט אומגעקערט אין תפיסה־קאָרידאָר, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער געהייסן אויפהויבן די הענט, געהאַלטן אונז אַזוי 3 מינוט, נאָך דעם האַסטיק באַהאַלטן דאָס געווער, געכאַפּט ווידער אַ שטעקן און פאַריאָגט אונז אין דער צעלע. דעם טאָג איז שוין מער גאָרנישט געשען.

פאַרטאָג זענען אַריינגעקומען צוויי זעלנער. „וויר בראַוכען 8 מאַן, דו, דו און דו״ — האָט איינער מיט אַ פינגער געוויזן אויף די, וועלכע ער האָט געהאַט בדעה צו נעמען. ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעקליבן 7 מאַן, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געטראַכט וועמען נעמען פאַר אַן אַכטן. זיין בליק איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב זיך אָפּגערוקט אינסטינקטיוו. דאָס האָט דעצידירט. „אונד דו אַוך״ — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף מיר. דווקא דאָס איז געווען מיין מזל, ווייל מען האָט אונז אין צוויי טעג אַרום באַפרייט און די איבערגעבליבענע אין קאַמער האָט מען אַוועקגעפירט אין די פוילישע קאָשאַרן, ווו מען האָט זיי געהאַלטן צוויי מאָנאַט.

דערווייל אָבער האָבן מיר נישט געזען אונזער צוקונפט אין קיין איבעריק ראָזע פאַרבן. מען האָט געהייסן נעמען די מאַנטלען, געגעבן מאַניערקעס מיט שפּייז, צוקאָפּירט צו אונז נאָך דריי פון אַן אַנדערער קאַמער און אַוועקגעפירט אין דער עלעקטרישער סטאַציע. דאָ האָט מען אונז מודיע געווען אַז מען וועט אונז באַשעפטיקן ביי פאַרריכטן די טעלעפאָנישע ליניע, נאָכדעם האָט מען אונז פאַרלאָדן אויף אַ לאַסט־אויטאָ און אַוועקגעפירט אין דער געגענט פון קוטנע, אין דאָרף נאַקאָנאָווא. די אַרבעט איז באַשטאַנען פון אָנציען די דראָטן, אָדער נאָכטראָגן די קעסטלעך מיט מכשירים פאַר די עלעקטראָטעכניקער־פּאָליאַקן. די לעצטע האָבן זיך צו אונז באַצויגן זייער גלייכגילטיק. מיט שטוינונג און אומצוטרוי האָבן זיי געהערט די דערציילונגען וועגן אונזערע ליידן. „איר זעט, זשידעס, אויף אונז האָט איר זיך באַקלאָגט, איצטער האָט איר בעסער״ — דאָס איז געווען זייער איינציקע רעאַקציע, דער איינציקער אויסדרוק פון „מיטלייד״. נאָכדעם האָבן זיי בכלל נישט געלייגט אויף אונז קיין אַכט. ווען מען האָט אונז אין אָוונט אָפּטראַנספּאָרטירט אין דער קאַמער, האָבן מיר זי געפונען אַ ריינע און אַ ליידיקע. לויט אַ באַפעל פון די דייטשן האָבן זי אויסגערוימט פאַר אונז אונזערע געוועזענע חברים, איידער מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין די קאָשאַרן. קיין מיליטער האָבן מיר שוין אויך נישט באַמערקט. די טורמע האָט געהיט די בירגערלעכע וואַך. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ זעונג מיט אונזערע משפחות און מיט דעם האָט זיך דער דאָזיקער טאָג געענדיקט.

דער פינפטער טאָג איז אַדורך גענוי ווי דער פערטער.

פרייטאָג האָט געזאָלט זיין דער לעצטער טאָג פון אונזער אַרעסט. פאַקטיש האָט עס אַזוי נישט אויסגעזען. אין דער מאָרגן־אויסגאַבע פון „לעסלאַוער באטע״ האָט זיך באַוויזן אַ לאַקאָנישע דערקלערונג פונעם בירגערמייסטער קראמער, „אַז אַלע ערובניקעס וועלן ווערן געשטעלט אונטער מיליטערישן געריכט״. קלאָר, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן אין דער שטאָט אַן אמתע פאַניק (צום גליק האָבן מיר וועגן דעם נישט געוווּסט און דאָס האָט אונז פאַרשפּאָרט אַ נישט נויטיקע עמאָציע). מען האָט גלייך אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע פון פרויען (די מענער האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון די הייזער), וועלכע האָט זיך געוואָנדן צו קראַמערן מיט דער ביטע צוריקצוציען זיין באַפעל. ער האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע ערגער ווי שטענדיק. געהייסן דערקלערן דורך אַן איבערזעצער (כאָטש אַלע דעלעגאַטינס האָבן פאַרשטאַנען דייטש), אַז „יידן האָבן אונטערגעצונדן די שול, כדי אַרויפצוּוואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר אויף די דייטשן״ און פאַר אַזאַ פּראָוואָקאַציע מוזן זיי באַקומען די געהעריקע שטראָף און זיי אָפּגעפּטערט מיט גאָרנישט.

די דאָזיקע לעצטע שאַנס האָט פאַרפירט. אַלע אַנדערע אינטערווענצן זענען געווען צוועקלאָז, אויב דער אַלמעכטיקער קראַמער האָט אָפּגעזאָגט. די גאַנצע שטאָט האָט זיך צוגעוווינט צו דער מחשבה, אַז מיר וועלן ווערן דערשאָסן. מיר, אָבער, האָבן ווייטער געאַרבעט, נישט וויסנדיק וועגן דער סכנה, וואָס לויערט איבער אונזערע קעפּ. נאָך מיטאָג איז די טעלעפאָנען־נעץ געווען ענדלעך פאַריכט און אונזערע „אַפּוטרופּסים״, די זעלנער, האָבן וועגן דעם געמאָלדן זייערע עלטסטע, פרעגנדיק צי זיי קענען אונז באַפרייען. אַזוי ווי עס איז נישטאָ פאַר אונז קיין אַנדער אַרבעט. זיי האָבן באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער און געטיילט זיך מיט אונז מיט דער דאָזיקער דערפרייענדיקער ידיעה. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט מיט וווּנדערבאַרע געמיטער אין דער תפיסה, האָבן מיר באַגעגנט אונזערע משפחות מיט טרויעריקע געזיכטער. זיי זענען געקומען אונז צו זען אפשר דאָס לעצטע מאָל און געזעגענען זיך מיט אונז אויף אייביק. מיט פרייד זענען מיר זיי מודיע אַז מען דאַרף אונז באַפרייען — זיי גלויבן נישט און שאָקלען אומעטיק מיט די קעפּ. איינער רופט אַלס עדות די סאָלדאַטן. זיי באַשטעטיקן אונזערע רייד און איינער פון זיי פרעגט מיט אַ מינע פון אַ פאַרוואַלטער פון אַן ערשטראַנגיקן האָטעל: „איר ווילט דאָ נאָך איבערנעכטיקן, אָדער זאָל מען אייך אַוועקפירן גלייך אַ היים?״ פאַרשטייט זיך,

אַז מיר קלייבן אויס דאָס צווייטע און פאַר די אויגן פון אונזערע נאָענטע געשעעט דער נס — די דייטשן פאַרוואַרפן די ביקסן אויף די אַקסלען און זאָגן: „אַלזאָ, וויר גייען“.

אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין אויפטריט אין דער ראָלע פון „בראַנדשטיפטער פון דער סינאַגאָגע“.

הערות

קאָנטריבוציע

די ערובניקעס האָבן געדאַרפט גאַראַנטירן צוויי זאַכן:

1) אַז אין שטאָט וועט נישט פאָרקומען קיין שום אונטערציכדונג, ווי עס איז געווען אונטערגעשטראָכן אין דער מעלדונג פון קראַמערן;


2) אַז די קאָנטריבוציעס וועלן ווערן באַצאָלט צו דער צייט. די ערשטע קאָנטריבוציע (100.000 זלאָטעס) האָט מען אַרויפגעלייגט פאַר „פּראָוואָצירנדיקן באַנעמען זיך פון די יידן כלפּי דעם דייטשן מיליטער“. די צווייטע (150.000 זלאָטעס) פאַר נישט אָפּהיטן דעם באַפעל צו גיין אויפן ברוק. די דריטע (250.000 זלאָטעס) פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדענונג וועגן די געלע לאַטעס.

אַזוי ווי די קהילה האָט נאַטירלעך נישט דיספּאָנירט מיט אַזעלכע גרויסע פאָנדן, האָט מען געמוזט די דאָזיקע סומעס צונויפזאַמלען ביי דער באַפעלקערונג...

ביי דער דריטער קאָנטריבוציע איז געווען נאָך ערגער. די יידן האָבן שוין נישט געהאַט קיין געלט און די דייטשן האָבן מסכים געווען צו נעמען שמוק, ביזשוטעריע, וועש אאַ״וו (הייזער האָט מען נישט גענומען, ווייל „זי זינד זאָ ווי זאָ אונזערע...“). נישט געקוקט אויף דעם האָט די קהילה געמוזט פאַרשידנאַרטיק קאָמבינירן. פון איין זייט האָט זי זיך געוואָנדן צו די דייטשן: „מיר האָבן נישט אַזוי פיל, טוט וואָס איר ווילט, שיסט די ערובניקעס, מיר האָבן פאָרט נישט“ און געקומען צו אַ פשרה, אַז זי וועט אַריינטראָגן נאָר אַ טייל, — פון דער צווייטער זייט האָט זי דאָס קיינעם נישט אַנטפּלעקט און געוואָנדן זיך אוימאויפהערלעך צו די יידן: „איר מוזט אומבאַדינגט צונויפזאַמלען די גאַנצע 250.000, ווייל אויב נישט, וועלן די ערובניקעס דערשאָסן ווערן“.

די קהילה אין דער צייט איז געווען אַ פאָרטגעשריטענע. אירע הויפּט־אָנפירער זענען געווען: פאָרזיצער — י. ציגאַנסקי, געוועזענער באַאַמטער פון באַנק פּאָלסקי; י. ראָדע; איצט קאָמענדאַנט פון אָרדענונגס־דינסט (רעיאָן — גמינע) אין וואַרשע;* פאַנטע; א. טשאַמאַנסקי; טענענבאַום.

* באַציט זיך, פאַרשטייט זיך, צו דער תקופה ווען די גביית־עדות איז אָפּגעגעבן געוואָרן. ראָדע האָט, אגב, געשפּילט אַ העסלעכע ראָלע אין וואַרשעווער געטאָ. זע: יאָנאַס טורקאָוו, חורבן וואַרשע, בוענאָס־איירעס 1948, זז׳ 132, 223, 225 (רעד.).



די צעשטערטע מצבות אויפן יידישן בית־עלמין
המצבות המנותצות בבית העלמין היהודי

די אווידיענץ ביי קראַמערן

קראַמער האָט אויפגענומען די יידישע דעלעגאַציעס אויף אַזאַ אופן: די יידן האָבן געמוזט שטיין ביי דער טיר, ביי דער שוועל פון זיין קאַבינעט. ער פלעגט זיך אויסדרייען צו זיי מיטן רוקן, געקוקט אין פענצטער און געשריגן צו זיי: „שטיין בלייבן, גאָרנישט רעדן, אויסהאָרכן!" דאַן האָט ער דיקטירט זיינע באַדינגונגען און געענדיקט: „יעצט ראַוס פערפלוכטע יודען!"

די אויסזידלונג

די אויסזידלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן סוף נאָוועמבער 1939. די דייטשן האָבן געפאָדערט פון דער קהילה אַ רשימה פון די וואָס פאַלן איר צו לאַסט. די אויסגערעכנטע אין איר האָבן זיי געכאַפּט ביי נאַכט (דאָס זענען געווען כמעט בלויז בעטלערס), אַוועקגע־שיקט ערגעץ ווו אין לובלינער געגנט. די קהילה האָט פון אָנפאַנג די אומגליקלעכע באַזאָרגט מיט שפּייז און קליידער. די טראַנספּאָרטן זענען פאָרגעקומען רעגולער (פרייטיק). ווען מען האָט אָבער אָנגע־הויבן אַוועקצושיקן אויך די רייכערע, זענען אויך די פאָרשטייער פון דער קהילה אַוועק, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף גאָטס באַראָט.

פריער נאָך איז פאָרגעקומען דער פאָלגנדיקער פאַקט. מען האָט געכאַפּט עטלעכע צענדליקער פּוילישע אונטערוועלט־מענטשן פון פאָרשטאָט גזשיוונע, מען האָט זיי אַלע געבונדן מיט איין גראָבן שטריק ביים האַלדז, אַזוי אַז ווען איינער וואָלט געפּרווט אַנטלויפן, וואָלט ער זיי אַלע דערשטיקט און מען האָט זיי טראַנספּאָרטירט מיט די אַרויסגעשיקטע יידן, נישט דערלאַנגענדיק זיי אַפילו קיין טראָפּ וואַסער. די פאָרשטייער פון דער יידישער גמינע האָבן זיי געגעבן אַ טייל פונעם שפּייז, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַרטיילן צווישן די יידן.

אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן
(רינג. 1259/I)

בגיטאות

מאיר קוז'ו / בגיטו וארשה

ימי האימים בולוצלבק התחילו מיד עם כיבוש העיר על־ידי קלגסי הנאצים. גזירות חדשות לבקרים, מעשי־רצח, שוד וחמס התרגשו על יהודי עירנו וגרמו לבריחה מבוהלת ממנה כבר בחודש אוקטובר 1939. מעטים הצעירים בעיקר, נמלטו מזרחה, חצו את הגבול החדש לאורך הנהר בוג ועברו לשטחים שהיו כבר תחת שלטון הסוביטים. רבים, בעלי משפחות, חיפשו ביאושם מקום מקלט במקומות שונים בפולין הכבושה אצל קרובים, שהודיעו כי אצלם „אפשר עוד לחיות”. אולם מאות על מאות משפחות העתיקו את מקום מגוריהם לוארשה, שאליה נהרו גם אלפי יהודים מכל ערי פולין ועיירותיה עד שהפכה לקהילה הגדולה ביותר בפולין.

גיטו וארשה לא זכה עד כה למחקר מקיף ומעמיק כפי שהוא ראוי לו מכל הבחינות. אולם משייכתב מחקר כזה יתפסו בו בני עירנו מקום מכובד ללא כל ספק. רבים מהם ייזכרו לשבח ומעטים, למעשה אחד או שנים בלבד — לגנאי. בפעילות הציבורית המסועפת בכל השטחים השתתפו בני עירנו כעסקנים בולטים. בזכרונות מתקופה זו מופיעים שמותיהם של אנשי ולוצלבק כפעילים במוסדות הסעד והתרבות. במאמרה „ספריות יהודיות” מספרת בתיה טמקין־ברמן על ספרית הילדים שליד „צנטוס” בתקופת הגיטו, שמלאה תפקיד חשוב מאד בימים קודרים אלה. בין ידידי הספריה המבוגרים, שהגישו עזרתם, מי באוסף ספרים, מי בקיבוץ תרומות ומי בפעולה חינוכית, בעריכת שחריות ספרותיות, בהן היו נקראות באוזני הילדים קטעים ממיטב יצירותיהם של הסופרים, מזכירה היא את יחזקאל בראטשטיין, שמואל וינטר ופיווש ראוויצקי.[1] על פעילותו של נחמן קובלסקי ב„יקאר” כתבנו לעיל (ר' הערה בעמ' 649).

פיווש ראוויצקי היה פעיל בולוצלבק כיו״ר הארגון התרבותי הבין־מפלגתי „וולאַצלאַוועקער יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט” וחבר הנהלת „אָרט”. בגיטו וארשה היה חבר הוועד המרכזי של הפליטים מערי השדה והשקיע את כל מרצו בדאגה לסדורם והספקת מזונם. לפי עדותו של הרש ואסר הצטיין ביושרו וטוהר מידותיו. את פעילו־תו זו לא נטש גם כשאשתו הובלה לטבח ומאמציו הנואשים להוציאה מתחנת הרכוז עלו בתוהו ונשאר ערירי כשבתו היחידה מצאה מחסה אצל נוצרים (היא ניצלה וחיה בארץ). פיווש ראוויצקי נספה בפרוץ מרד גיטו וארשה.

יונאס טורקוב מספר בזכרונותיו, כי דוד ארסלר ואינג' טייטלבוים (מי שעמד בראש הבנק לבעלי־המלאכה בולוצלבק) היו בין הפעילים והפופולאריים ביותר בחברה לעזרה עצמית Żydowska Opieka Społeczna.[2]

[1] „וארשה”, כרך ראשון בעריכת יצחק גרינבוים, הוצ. „האינצקלופ־דיה של גלויות” עמ' 522—524.

[2] יאָנאַס טורקאָוו — חורבן וואַרשע, פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום”, בוענאָס־איירעס, 1948, ז' 67—68.

עד פרוץ המלחמה בין גרמניה וארה״ב, כל עוד פעל הג'וינט בפולין, מילא תפקידים חשובים מאוד בשטח העזרה לאוכלוסיה היהודית הנרדפת והנתונה במצוקת רעב ובתנאי חיים מחרידים, בן־עירנו יצחק בורנשטין.

בצעירותו היה בעירנו מפעילי פוע״צ. לאחר מלחמת העולם הראשונה עבר לוארשה והתחיל לעבוד ב„ג'וינט”. במרוצת הזמן נתמנה למזכיר. בשנת 1933 יסד משרד לסטטיסטיקה ולחקר מצב היהודים בפולין, שמטרתו היה לאסוף נתונים לתכניות השיקום של ה„ג'וינט”. פעולות המשרד, שנהנה מתמיכת המכון לעניני המיעוטים, עוררו הסתיגויות מצד הציבוריות היהודית מתוך החשש שהנתונים עלולים לשמש דוקא לא לטובת היהודים. בורנשטין משך למשרד לסטטיסטיקה את מסיימי האוניברסיטה היהודים שמצאו בה כר לפעולה מדעית. בין עובדי המשרד מבני עירנו הייתי אני ואברהם צינמון, חניך הגימנסיה שלנו, עילוי בעל מוח חריף וגישה מעמיקה לבעיות החברתיות והכלכליות, שאותן חקר ועליהן פרסם שורת מאמרים בכתבי־העת מחו״ל וגם בכתב־העת של המשרד „דאָס ווירט־שאַפטלעכע לעבן” בעריכתו של ד״ר רפאל מאהלר (כיום פרופסור באוניברסיטת תל־אביב).

עם פרוץ מלחמת העולם השניה נשאר יצחק בורנשטין בוארשה והתמסר בכל מרצו, שבו הצטיין מאז ומתמיד, לפעולות העזרה. ד״ר מיכאל וייכרט ששיתף אתו פעולה באותה התקופה בשטח זה, מספר רבות על יוזמתו של בורנשטין, פעילותו הנמרצת, התוססת ורבת התושיה בתנאים הקשים של אותם הימים הטרופים*).

בורנשטין יחד עם רעיתו (שגם היא היתה בת ולוצלבק מבית שפירא) ניספו בשואה.

תפקידים חשובים מאד מלאו בגיטו וארשה שמואל וינטר ואינז' א. שטולצמן. שטולצמן עמד בראש המחלקה לאספקה ווינטר היה עוזרו. לפעילותו היו פנים לכאן ולכאן. סופו היה כסופם של יתר היהודים בגיטו וארשה, הוא נרצח. ד״ר לנסקי, שהתגורר בעירנו במשך מספר שנים, מספר בזכרונותיו כי שמע מאיש מהימן, רופא שהצליח עוד לצאת מן הגיטו בתחילת המרד, ששטולצמן נהרג יחד עם האינג' ליכטנבוים, יו״ר ועד הקהילה, על התחנה (אומשלאג). שניהם נורו על־ידי המפקד הנאצי בראנדט, שעמד בראש חיסול הגיטו.[3]


שמואל וינטר היה מהאישים הבולטים בגיטו וארשה ומעמדו כאיש ציבור — מהמכובדים ביותר. הוא היה פעיל בכל השטחים — באספקה, בשטח התרבות ונתן את ידו לפעולות אנשי המחתרת. יחד עם זאת ניסה לראות ולנתח — כאיש המחשבה — את גורל היהודים בימי־אימים אלו על רקע ההתפתחויות הגלובאליות בתקופת הרת עולם זו לכלל ישראל ולעולם כולו. את הגיגותיו

* מיכאל וייכערט, זכרונות, דריטער באַנד, פאַרלאַג „המנורה”, 1963.

[3] ד״ר מ. לנסקי, חיי היהודים בגיטו ורשה, זכרונות של רופא, הוצאת „ספרית השואה” ירושלים. עמ' 85—86.

רשם ביומנו שקטעיו נמצאו — כפי שמספרת במאמרה הסופרת רחל אוירבאך (ר' להלן), על־ידי מר הירש וואסר, מפעילי „עונג שבת" שבראשו עמד עמנואל רינגלבלום ז"ל.

בכיה לדורות". דברים אלה מתהדהדים באזני עד היום אולי משום שוינטר היגה את הרי"ש כלמ"ד ואני שומע אותו אומר: „בכיה לדולות".



דף מיומנו של וינטר בו מספר בין היתר על רציחתו של נחמן קובלסקי ומשפחתו.
אַ זייטל פון ווינטערס טאָגבוך, ווו ס'ווערט דערציילט צווישן אַנדערע וועגן דער דערמאָרדונג פון נחמן קאָוואַלסקי און זיין משפּחה.

עם שמואל וינטר, שאותו הכרתי עוד בעירנו, נפגשתי בחודשי אוקטובר־נובמבר 1939. היה נכנס לעתים תכופות לביתנו (גרנו אז כבר כולנו, משפחתי יחד עם הורי רעיתי הראשונה, משפחת יצחק הרשטיין זכ"ל, ברחוב נובוליפיה 12) וכרגיל בזמנים כאלה, כשידיעה רודפת ידיעה, שוחחנו רבות על המצב ועל הצפוי לנו ולעולם. משיחות אלו נחרת בזכרוני רק מעט, זוכר אני רק שתי שיחות וההתרשמות הכללית מאישיותו התוססת ומגישתו הצבורית האמיצה ובעלת האחריות. בימים, כשרוב העסקנים היו שבורים ורצוצים מכל מה שעבר עליהם בימי המלחמה הקצרים אמנם אולם המזעזעים, כשהם עומדים תוהים ובוהים לנוכח גל מעשי הזוועה נגד האוכלוסיה היהודית והיחס האכזרי שגילו אנשי השלטון הנאצי כלפי נציגי היהודים שבאו אתם במגע רשמי, עשו עלי רושם בל יימחה שקול־דעתו של וינטר ותקיפותו. תיכף עם בואו לוארשה התחיל בעסקנותו הציבורית. הוא ספר לי שהביא אתו מולוצלבק את כל הגליונות של ה„לסלואר בוטה" ואת המודעות עם החוקים נגד היהודים, שהופיעו בעירנו. את החומר החביא — כפי שמסר לי — בארגז במרתפו. יחד עם זאת — הוסיף — יש להמשיך ולאסוף בקפדנות את החומר הרב המופיע בדפוס ובצורות אחרות תחת הכיבוש הנאצי והמתיחס ליהודים. אולם במיוחד התרשמתי כשספר לי על שיחתו עם אנשי הצבור בוארשה, שיש תיכף ומיד לפנות לשלטונות ולדרוש רשיון להוצאת עתון בשפת יידיש. „אם לא ייעשה הדבר כבר עכשיו תהיה זאת

בזכרונותיו הנ"ל מספר ד"ר לנסקי על פגישותיו ושיחותיו עם שמואל וינטר ועל סופו המר.

„אחרי אשר וינטר נבחר לחבר מועצת הקהילה ונכנס לעבודה במחלקת האספקה, פגישותי אתו נעשו נדירות. הוא גר ברחוק מקום ממני. פעם פגש אותי ברחוב. הוא סיפר לי כי הוא עומד בקשר עם חבר העובדים בארכיון של רינגלבלום והציע לי להתחיל לעבוד שמה בעיקר לאסוף חומר בשטח הרפואי. זמן רב לא ראיתי אותו. אחרי „הפעולה" הגדולה בספטמבר 1942 פגשתיו שוב. עמד ברחוב גאַנשה על יד שער אחד הבתים וארז את חפציו, כי עליו היה לעבור לדירה חדשה. היה במצב רוח מדוכא, שמחנו איש לקראת רעהו.

„בשארת בחיים, תודה לאל, כל כך הרבה רופאים הובלו לטרבלינקה", לחץ ידי מתוך התרגשות. „ומשפחתך?" — שאל שוב.

„עודנה בחיים" — עניתי.

„ואיך המצב אצלך?" — שאלתי מתוך חרדה, כי משרטוטי פניו אפשר היה בנקל להסיק, כי נפגע קשה על־ידי „הפעולה".

ספר לי כי אשתו ובנו הצעיר הובלו לטרבלינקה.

„השארתי לה תעודה חתומה על־ידי השלטון הגרמני, כי אשתי ובני יכולים להשאר בוארשה. הבית הוקף על־ידי נאצים. לא הייתי אז בבית, כי עבדתי במשרד. הובילו אותם יחד עם השכנים. הקרונות היו מוכנים והסיעו את כל השבויים ישר לטרבלינקה. לא היתה כל אפשרות להוציא אותם מן „האומשלאג".

„מה השקפתך על העתיד הקרוב?" שאלתי את וינטר.

„חברי במועצת הקהילה בטוחים, כי פעולות חדשות לא תהיינה. שארית הפליטה תעבוד לטובת הגרמנים ותשאר בחיים", אמר וינטר. „אבל דעתי היא לגמרי אחרת. לבי מנבא רעות. הנאצים נתנו רק הפוגה ובדעתם להכרית אותנו כליל, עד היהודי האחרון. ברצוני להציל לכל הפחות את ילדי שנשארו בחיים. אולי יעלה בידי לשלוח אותם למכרי הפולני. הוא בעל אחוזה ויוכל להעבידם בתור „ארים". מראה פניהם הוא טוב. שלחתי מכתב אל בעל האחוזה, אבל עוד לא קבלתי ממנו תשובה".

מחלקת האספקה עברה לרחוב פראנצישקאנסקה 30. וינטר קבל שם דירה. שטולצמן כבר לא היה במחלקת האספקה, כי נעשה בינתים לסגן יושב־ראש בועד הקהילה. זה היה אחרי מותו של אינג' צ'רניאקוב, אשר איבד את עצמו לדעת ב־22 לחודש יולי 1942. את מקומו תפס אינג' ליכטנבוים, אשר בחר לסגנו את שטולצמן.

וינטר היה עכשיו המנהל היחידי של מחלקת האספקה.

פעמים אחדות ביקרתי אצלו בדירה החדשה. בחצר היתה לו מטמורת ערוכה לפי הטכניקה. כפי הנראה שם מבטחו במטמורת, כי החזיק את בנו ואת בתו אצלו. פעם בקשתי, כי ירשני להתקשר עם בתי בעבר הארי. הוא הסכים בחפץ לב.

„אבל היה זהיר. צריך לדבר בלשון רמזים. יש שומעים בנסתר, ומלשינים אחר כך. הרבה אנשים נלכדו ברשת המלשינים".

הזמין אותי אל דירתו. בתו, בגיל 17 שנה, עמדה על יד השולחן ולשה בצק.

„אנו מכינים צנימים. כאשר נשב במטמורת, יהיה צורך בזה", אמר אלי וינטר. עבודה זו של הכנת צנימים לימים הרעים אשר עומדים לבוא, היתה נפוצה אז בין שארית הפליטה. מה הסיבה שוינטר לא עזב את הגיטו ולא עבר אל העבר הארי? האם האמין באמת ביעילותה של המטמורת? או שלא רצה לעזוב את משרתו מנמוקים מוסריים. אפשר שלא היו ברשותו סכומי כסף גדולים להסתדר בעבר הארי?

פה בגיטו לא היתה לו דאגת פרנסה, בעוד אשר הסדור בעבר הארי דרש מאמץ גדול.

יש לי הרושם כי וינטר הושפע על־ידי חבריו ומכריו הקרובים. הם נשארו בגיטו והאמינו כי יעלה בידם להתגונן באמצעות מטמורות הגונות ובמלאי מזון. בעקבותיהם הלך גם וינטר. הוא נספה, יחד עם בני משפחתו בגיטו בשנת המרד".[4]

לצערנו הצלחנו לאסוף רק פרטים מעטים על אנשי עירנו האחרים בגיטו וארשה. על אחדים מהם כותבים בספרנו זה סט. גומבינסקי (ר' לעיל עמ' 716) והירש ואסר במאמרו על אליעזר הירשברג (ר' להלן).

רק מתי מספר ניצלו מהתופת שנקראת גיטו וארשה. רובם של בני עירנו ברצחו ונשרפו בין חומות הגיטו או במשרפות טרבלינקה, טראווניקי, אושביץ ויתר מחנות ההשמדה.

יהי זכרם ברוך!

---

[4] ד"ר מ. לנסקי בספרו הנ"ל עמ' 84—86.

בגיטו לודז׳

בתחילת חודש אוקטובר 1941 הגיעו לגיטו לודז׳ הגולים מולוצלבק והסביבה, 3082 נפשות ברובן נשים עם ילדים וזקנים. רק 920 היו מולוצלבק ואילו האחרים מעיירות הסביבה: מלובראניץ — 762, מבריסק דקוי׳ — 399, מחודץ׳ — 316, מקובאל — 688 איש ויתרם מלנצ׳יץ. את הצעירים והכשרים לעבודה לקחו הנאצים עוד מקודם ושלחו אותם למחנות ולעבודות־כפיה. עם בואם של גולים אלה הפכה לודז׳ לתחנת הריכוז לשילוחים למחנה המוות חלמנו שבבנייתו הוחל רק אז.

להלן אנו מביאים קטעים מיומנו של דוד שיראקובסקי המתארים את בואם של גולי ולוצלבק ומעיירות הסביבה לגיטו לודז׳. היומן נמצא אחרי המלחמה ופורסם בביולטין המכון ההיסטורי היהודי בוארשה (בשפה הפולנית) בחוברת ינואר—מרץ 1959 מס׳ 29 עמ׳ 135—137, 140. מחבר היומן מת משחפת בשנת 1943 בגיל 19.

יום ד׳ 24 בספטמבר 1941

בימים אלה צריכים להיות מועברים לגיטו יותר מרבבה יהודים מעיירות הסמוכות, למעשה רק נשים יהודיות עם הילדים, כי הגברים נשלחו לעבודת־כפייה. המשלוח הראשון צריך להגיע מולוצלבק.

יום ה׳, 25 בספטמבר 1941

לוקחים את מארישין למען הגולים. הם צריכים להגיע מחר בערב. בגלל זה קיצרו את שנת הלמודים. מחר הוא היום האחרון של הלמודים. שנת הלמודים החדשה צריכה להתחיל, כפי שאומרים, ב־16 באוקטובר. אבל לא יודעים איפה ימצא בית־הספר. במארישין ודאי כבר לא. ואנו יודעים היטב מה משמע כשאין בנין. די היה לי כבר בחורף והאביב שעברו. אוי, די והותר!

שבת, 27 בספטמבר 1941

כשהלכתי לארוחת־הצהרים לבית־הספר ראיתי כמה קבוצות של נשים מולוצלבק, שהובילו אותן לבית־המרחץ. מראן יותר טוב משל הנשים שלנו, למרות שהן בבלויי סחבות ועניות. מספרים שהמרקים שלנו לא לכולן טעמו ובבשר־סוס רבות לא נגעו. יותר מדי טוב הרגילו אותן! והמאורעות של הימים האחרונים כנראה גם לא לימדו אותן הרבה. על כל פנים יש לקנאות בגורלן. הן באו הנה ללא כלום פשוטו כמשמעותו. עדיין לא ידוע מה יהיה הלאה.

יום ג׳, 30 בספטמבר 1941

ערב יום כפורים היום. לבית־הספר שלנו הגיעה קבוצה של „גולים״ מלובראַניץ ליד ולוצלבק, ומבריסק דקוי׳. הם נראים מצוין, יש להם מטען ומספרים שחיו טוב למדי. מענין, שאין הם מכירים בכלל את התנאים המקומיים ומגלים אופטימיות רבה. הם אפילו עליזים ומתבדחים ביניהם. אלה הן נשים בגילים שונים, בחורות צעירות וזקנים. גברים בגיל בינוני ונערים אין בנמצא. אלה נמצאים כולם במחנה עבודה.

לתושבי לובראניץ משולש צהוב על גבם, לאחרים — מגן־דוד גדול מצדו השמאלי של החזה. כנראה שסמנו אותנו בצורות שונות. מספרים שהביאו אתם הרבה מזון, אלא שהשוטרים גנבו מהם. לפי השמועות נשלחו כבר כמה שוטרים לבית־הכלא. בכל אופן מתנהגים אתם כמו עם בקר. את החולים, את הילדים והזקנים העבירו לבתי־החולים, לבתי יתומים ולמושב זקנים. את הנותרים מסדרים בבתים שפונו, על קש של הקהילה או על כלי־מטה שלהם. הם מתלוננים על האוכל ועל השתיה. ובכל זאת, אילו היו כולם כך אוכלים עד כה בגיטו, לא היו כל כך הרבה קברים רעננים בבית־העלמין וכל כך הרבה אנשים בעלי חזות כה איומה. שוחחתי אתם יותר משעה והגעתי למסקנה שהאנשים האלה הרויחו שתי שנות מלחמה והגרוע ביותר עוד לא עבר עליהם.

יום ו׳, 10 באוקטובר 1941

אתמול הגיעו לגיטו תשע מאות ועוד כמה עשרות אנשים מקובאל. זהו המשלוח האחרון מווארטה־גאו.

בגיטו זמושץ

בשלהי שנת 1939 הובאו לזאמושץ׳ יהודים מולוצלבק וכן הגיעו הנה יהודים מלודז׳ ומערים אחרות. יהודים אלה שוכנו בבית־הכנסת ובכל בתי־המדרש בעיר, ששימשו מקום תפילה, וכן גם — בבתים ריקים, שדייריהם יצאו את העיר יחד עם הרוסים.

בבית־המדרש הקטן הותקנה מרפאה. הרופא מנדלבוים מולוצלבק* והאחות טושיה אופנבאך קיבלו שם חולים. עונת־החורף בשנת 1939/40 היתה קשה מאד וכל ערב הזדנב ליד המרפאה תור ארוך של יהודים, שהוכו בעת העבודה, או שאצבעותיהם וחוטמיהם קפאו מהקור העז; לכולם ניתנה עזרה ראשונה.

והנה מה שאירע לקבוצת יהודים מולוצלבק:

רבים מבין היהודים של אותה העיר גורשו מבתיהם ונשלחו לשברשין. אחדים מהם העתיקו את מושבם משברשין לזאמושץ׳. והללו ביקשו מאת ממיק גורפינקל (חבר ה„יודנראט״), שישתדל אצל השלטונות הגרמניים שירשו גם ליהודים אחרים מולוצלבק לעבור משברשין לזאמושץ׳. כעבור יומיים הודיע להם גורפינקל, כי אמנם בא בדברים עם הגיסטאפו ומשם הודיעו שאין כל התנגדות לשנוי מקום מגוריהם של היהודים מולוצלבק.

על סמך הודעה זו שכרו 18 יהודים ואשה אחת שלוש מזחלות ויצאו משברשין. כשהגיעו ליאנובצה, הרחוקה 3 ק״מ מזאמושץ׳, נעצרו על־ידי אנשי ס.ס. שחנו בקסרקטין, אשר נמצא באותו מקום.

היהודים בזאמושץ׳ לא ידעו מה עלתה להם, לאנשי ולוצלבק אלה, אך לאחר ימים ספורים באה הערה נוצריה מתושבי יאנובצה והיא שהביאה את הבשורה המחרידה, כי סרדיוטי ס.ס. הפשיטו את הבגדים מעל אנשי ולוצלבק, שפכו מים קרים על גופותיהם העירומים והציגום בחוץ בקור החורף. לבסוף ירו בכולם...

(מתוך זאמושץ׳ בגאונה ובשברה, תל־אביב תשי״ג עמ׳ 103).

* שם הרופא לא מוכר בולוצלבק. יתכן מפליטי המלחמה שהגיע לעירנו או תושב אחת עיירות הסביבה.

ארנה בלאונר-גליק / תל־אביב

בגיטו טרנוב

רצה הגורל שלאותה עיר טארנוב, אליה נמלטתי עם הורי בתחי־לת המלחמה הגיע באמצע פברואר 1940 משלוח אנשים מלוצלבק. בליל חורף קר וחשוך באו. הקבוצה כללה כמאתיים משפחות, ביניהן אחדות מהעיירות הסמוכות לעירנו.

מאוחר יותר הסתבר שטארנוב עתידה להיהפך לאחד ממרכזי ההריגה היומים ביותר, ברם, בימים אלה, כשהגיעו הולוצלבקאים, נרדפים, מוכים ונושאי הטלאי, התנהלו בעיר החיים כתקונם. היהודים המשיכו להתגורר בדירותיהם ולנהל את עסקיהם מעשה יום־יום. הם לא האמינו לספורי הולוצלבקאים על הנעשה שם, יחד עם זאת עלי להעלות על נס את עזרתם לבני עירנו. מיד עם בואם הוקם ועד ובראשו עמד אבי המנוח, שדאג לדירות וסידור ראשון. האנשים עסקו במסחר ובמלאכה והנצרכים קבלו קצבה חודשית. זכור לי שאף שלחו חבילות־מזון לולוצלבקאים שנמצאו בזאמושץ, ולוושצ׳ובו ווארשה שמצבם היה רע.

כולם חיו כמשפחה אחת, בצרות ובשמחות, אף כי רבים לא הכירו איש את רעהו לפני המלחמה. כשהוקם הגיטו בשנת 1942, הועברו לשם כולם ודרו 4—5 משפחות בדירה אחת.

הקרבנות הראשונים מבינינו היו סבי ז״ל א. רוזנברג והאחיות שטולזאפט, שהוצאו לחצר בזמן האקציה הראשונה ב־11 ביוני 1942 ונורו זה אחר זה. באקציה הזו נשלחו למשרפות דודתי יאדזיה רוזנ־ברג עם בנותיה, ז׳ניה ויולק אייזנברג, משפחת טרמסקי, קליינבאום, זילונקה ואחרים.

האקציה השניה התחילה ב־2 בספטמבר, בתקופת החגים ונמשכה שבוע.


ברחוב לבובסקה 4 התגוררו בצוותא מספר משפחות מולוצלבק: טכורש, מ. גוטובסקי, קוצ׳ולק ומוטק פלוצקר. האחרון הגיע לעמ־דה „מכובדת מאוד" בגיטו — במשטרה היהודית. הוא הקים בונקרים במרתף הבית והחביא שם את כולנו תמורת תשלום הגון. שבוע איום זה נמשך בעינינו כשנה תמימה. דוחק, צפיפות, חוסר מים ומזון ומעל לראשינו דשדוש פסיעותיהם של החיילים הגרמניים. צווחות קללותיהם ונביחות הכלבים שלהם, רדפו אותנו והפכו לסיוט מתמיד.

מקרה מיוחד נחרת בזכרוני היטב. גברת טכורש ז״ל הדליקה נר זכרון בערב יום הכפורים למרות התנגדותם של הנמצאים בבונקר שפחדו כי הגרמנים יגלו אותם. „הבה נתפלל" אמרה המסכנה „וה׳ יצילנו".

הבונקר אמנם לא נתגלה אז, אך כעבור חודשיים, בנובמבר ש.ז., בעת האקציה השלישית גילו אותו הנאצים וכולם נשלחו למחנה ההשמדה בלז׳ץ.

בזמן חסול גיטו טארנוב בשנת 1943 כמעט ולא נותרו בו ולוצ־לבקאים. כנראה, משום שהיו בנכר ולא היה להם כל קשר עם הנוצרים בסביבה, פחתו עד לאפס אפשרויותיהם לברוח או להסתתר.

לפי מיטב ידיעותי נצלו מבני עירנו בטארנוב: שניאור טרמסקי, הניה זיק, אמי ואני.



אנשי ולוצלבק בגיטו קוטנו — וולאָצלאַוועקער אין קוטנער געטאָ
מימין — פון רעכטס: מקס שרובשטיין(3), פרדיננד קאופמן (5), מנדל לידזוברסקי (6), בלומנטל (8).

זלמן קלאַדאָווסקי / פש"א

דער יסורים־וועג פון א וולאצלאווקער יוגנטלעכן איבער די נאצישע ארבעטס־לאגערן

זלמן קלאַדאָווסקי, ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַ יונגער בחור, וועלכער האָט געוווינט מיט זיין משפחה אויפן רעכטן ברעג פון דער ווייסל („איבער־דער־ווייסל" — שפּעטאַל דאָלני), איז געווען פון די ערשטע אַרויסגעשיקטע פונעם געטאָ אויף ראַקוטוועק אין די אַרבעטס־לאַגערן אין פּויזנער געגענט. אין פינף העפטן זכרונות באַשרייבט ער זיין מאַרטירער־וועג — פון איבער־דער־ווייסל אין וולאָצלאַווקער געטאָ, דורך די אַרבעטס־לאַגערן: פּאָרט ראַדזשיוויל, אייכענוואַלד, שטיינהעק און קרייזלינג ביז אין אויש־וויץ־בירקענאו. פון דאַנען איז ער מיט נאָך עטלעכע הונדערט יידן אַוועקגעשיקט געוואָרן אָנהויב מאי 1943 קיין וואַרשע כדי אָפּצו־רייניקן פון די חורבות די נאָכן יידישן אויפשטאַנד צעשטערטע און פאַרברענטע געטאָ. זלמן קלאַדאַווסקי געפינט זיך איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

...די נאַציִשע גזירות, וועלכע זענען פריער ווירקזאַם אויסגעפירט געוואָרן אויף די וולאָצלאַווקער יידן, האָבן אויך דערגרייכט די 20 משפחות, וועלכע האָבן געוווינט איבער־דער־ווייסל. עטלעכע טעג נאָכן פאַרברענען די ביידע שולן האָט מען אונז אַרויסגענומען פון די דירות, געטריבן אין מיטן דער גאַס, די הענט אין דער הויך און געשלאָגן מיט די ביקסן. די שקצים האָבן אויף אונז געוואָרפן מיט שטיינער און געלעכערט די קעפּ. פאַרבלוטיקטע, די פּנימער געשוואָלענע פון קלעפּ, זענען מיר אָנגעקומען צום ברעג פון דער ווייסל. די אייזערנע בריק האָט צעשטערט דאָס אָפּטרעטנדיקע פּויליש מיליטער און מען האָט אונז אַריינגעיאָגט אין אַ דאַמף־שיפל (סטאַטעק) צווישן אָנגעלאָדענע בהמות און פערד. אונזערע „שומרים" האָבן אונז יעדע רגע געדראָט צו דערטרינקען און נישט געשוינט קיין קלעפּ און קללות. דערנענטערנדיק זיך צו דער שטאָט, האָבן מיר געזען, ווי עס שטייען יידן האַלב אין וואַסער (עס איז געווען אין מיטן האַרבסט) און ציען אַרויס קלעצער פונעם טייך...

...מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס פון 14טן פּולק, ווו עס האָבן זיך שוין פריער געפונען די געפאַנגענע אין די נאַכט־אָבלאַוועס און אַרעסטן אין דער שטאָט.

אַ דאַנק די באַמיונגען פון די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה זענען מיר נאָך אַ געוויסער צייט איינציקווייז באַפרייט געוואָרן און אומגעקערט זיך צו אונזערע משפּחות...

די צוואַנציק משפחות איבער־דער־ווייסל האָבן געלעבט אין אַ שטענדיקער אימה, נישט וויסנדיק וואָס דער טאָג או נאָך מער די נאַכט וועט ברענגען. אויך דאָ האָט מען פאַרברענט דאָס איינציקע קליינע שולכל. דער פאָרשטייער פון די יידן — וואָלף יאַבלאָנקאַ — האָט יעדן טאָג געמוזט צושטעלן מענטשן צו דער אַרבעט פאַר דער דייטשער פּאָליציי. זיי האָבן געפאָדערט פון אונז איבער אונזערע כוחות, אָבער עס איז געווען אַלץ כדאי, אַבי צו שלאָפן אויפן היימישן געלעגער און זיין צווישן אייגענע.

מיר האָבן נישט געליטן קיין נויט. באַקאַנטע קריסטן האָבן געהאַט אויף אונז רחמנות און געהאָלפן ווי ווייט מעגלעך. מען האָט צוביסלעך פאַרדינט, ווער ביי מלאכה און ווער ביי האַנדל מיט די שכנותדיקע פּויערן אָדער אויספאַרקויפט שטובּיקע זאַכן און קליידער.

אָנהויב חודש מאי 1940 אין טאָג פון דער „דייטשער מוטער" האָבן זיך באַוויזן אויף דער הויפּט־שאָסיי און אין די געסלעך שיכורע דייטשע סאָלדאַטן און נאַציס אין זייערע מונדירן מיט די האַקנקרייצן. מיר האָבן זיך פאַרשלאָסן אין די הייזער און נישט געפּרוווט אַפילו אַרויסצוקוקן דורך די פענצטערס מורא האָבנדיק פאַר אַ מעגלעכער פּראָוואָקאַציע.

פּלוצלינג האָט זיך אַריינגעריסן אין אונזער הויז אַ דייטשער אָפיציר מיט עטלעכע ס.ס.־לייט. מען האָט דעמאָלירט די גאַנצע שטוב, צעהאַקט די מעבל. דעם פאָטער האָט מען געשלאָגן, צעבראָכן אים די ברילן און אויך די קראַנקע מוטער האָט מען נישט געשוינט. מיר איז געלונגען זיך אַרויסצוגנבענען פון שטוב און באַהאַלטן זיך אינעם קלאָזעט אין הויף. עס זענען דערגאַנגען צו מיר די געוואַלדן און געשרייען פון די נאַציִשע חיות, וואָס מיין אַנטלויפן האָט זיי נאָך מער צעווילדעוועט. זיי זענען געלאָפן מיט די רעוואָלווערן און געזוכט ווי די פאַרסמטע מייז. איך האָב אַרויסגעקוקט פון די שפּאַלטן פון דער טיר און געזען אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. כ'האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיין אָרט, אַרויס פון דער אוביקאַציע און געלאָפן אין אַ צווייט הויז. זיי האָבן מיך באַמערקט, געוואָרנט איך זאָל שטיין בלייבן און נאָכגעשאָסן. איך בין אַריין צו אַ שכן, אַן אַלטן ייד, ביי וועלכן עס האָט זיך געפונען אַן אַנטלאָפענע משפחה פון סקעמפּע. איך האָב זיך באַהאַלטן הינטער דער טיר פון אַ צווייטן צימער. עס איז געשען אַ נס. די דייטשן זענען אַריין, צוגעגאַנגען צו דער טיר הינטער וועלכער איך בין געשטאַנען און מיך נישט באַמערקט. זיי זענען אַרויס אין דרויסן, גענישטערט אומעטום. ערשט נאָך אַ לאַנגער צייט זענען זיי אַוועק. איך בין אַרויס פון דער באַהעלטעניש. אין אַלע יידישע וווינונגען אַרום דעם הויף איז געווען ווי נאָך אַ פּאָגראָם און זייערע איינוווינער האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע מתים.

ווען מיין מוטער האָט מיך דערזען, האָט זי פאַרגעסן וועגן די קלעפּ, וועגן דער צעשטערטער וווינונג — ביי דעם גרויסן אומגליק איז געשען אַ גליק...

אַזעלכע אָנפאַלן זענען פאָרגעקומען גאָר אָפט. די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. מען האָט מורא געהאַט צו צינדן ליכט שבת. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען נייע גזירות.

מיט דער אָרטיקער דייטשער פּאָליציי זענען מיר געווען אין פאַרהעלטענישמעסיק גוטע באַציונגען. זיי האָבן געהאַט פון אונז נוצן. מיר האָבן זיי באַדינט, טאָג טעגלעך געפּלומפּט וואַסער אינעם רעזערוואַר אויפן דאַך, כדי עס זאָל זיין גענוג אויף אַ מעת־לעת, געפּוצט די שטיוול, געהאַקט האָלץ, געוואַרעמט די אויוונס.

עס האָט זיך צווישן זיי געפונען אַן אָפיציר, וועלכער האָט זיך זייער אָנשטענדיק באַצויגן צו אונז. ער איז געווען נאָך פון די אַלטע קאַדרעס, אָנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אונז זייער באַדויערט און געטרייסט אַז „עס וועט זיך ענדיקן, עס וועט אייביק נישט דויערן, מען וועט נאָך ווערן פרייע מענטשן". ער האָט דערציילט אַז ער האָט אין דער היים געהאַט יידישע שכנים און געלעבט מיט זיי זייער גוט. מיר האָבן געזען אין אים אַ פריינד און געהאַט צו אים צוטרוי. ער האָט אונז פון צייט צו צייט געקאָסט, אָבער עס איז אונז ווערט געווען...

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט מען צווישן די יידן איבער־דער־ווייסל נישט געליטן קיין נויט. מיר האָבן אַפילו אויסגענוצט דעם אָפיציר אויף איבערצופירן שפּייז און געלט פאַר אונזערע באַקאַנטע און קרובים אין קוטנע, ווו עס איז שוין געווען אַ געטאָ און ווו עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער און אויך קיין וואַרשע.

דער אַרבעטס־לאַגער קרייזלינג

אין אַפּריל 1943 האָט די דייטשע מאַכט באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם לאַגער שטיינהעק ווו עס זענען אויסגעפירט געוואָרן אַרבעטן פון אַ ציווילן און מוניציפּאַלן כאַראַקטער. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די לאַגער־יידן פאַר דעם מלחמה־פּאָטענציאַל.

אַ פּאָר שעה רייזע פון פויזן מיט דער באַן איז געלעגן דאָס דאָרף קרייזלינג. דאָס איז געווען אַ גרויסער און רייכער גוט. וועלכן מען האָט צוגענומען פונעם פּוילישן אייגנטימער און איבערגעגעבן אַ דייטשן פאַרוואַלטער. אויף זיינע שטחים האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו בויען אַ פאַבריק פון לייכטע קריגס־אַעראָפּלאַנען „פאָקע־וואָלף" און פאַרוואַנדלען די גרויסע און גלייכע פעלדער אין אַן אַעראָדראָם.

דער אַרבעטס־לאַגער איז באַשטאַנען פון אַ סך הילצערנע באַראַקן פאַרצוימטע פון אַלע זייטן מיט געדיכטע שטעכיקע דראָטן. אין די באַראַקן זענען געשטאַנען דריי־גאָרנדיקע נאַרעס מיט שטרוי־זעק און צוויי דעקן אויף יעדן געלעגער.

אין לאַגער זענען געווען פאַרשידענע אָפּטיילונגען, אַ קיך מיט אַן עסזאַל (וועלכן מען האָט נישט גענוצט צו דעם צוועק), וואַש־רוימען, אַ באָד, אַן אַנטלויזונג־קאַמער, אַ סאַניטאַר־רעוויר, שוס־טעריי־און שניידער־וואַרשטאַטן (פאַרן געברויך פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג), מאַגאַזינען אא"וו. נישט ווייט פון אונזער לאַגער איז געווען אַ לאַגער פון פּוילישע צוואַנגס־אַרבעטער און פון רוסישע קריגס־געפאַנגענע. צווישן די לעצטע און אונז האָט אָפּגעטיילט אַ געדיכטער און פאַרצווייגטער צוים פון שטעכיקע דראָטן. דער לאַ־גער קאָמענדאַנט איז געווען אַן ס.ס.־מאַן, אַראָפּגעשיקט ספּעציעל פון בערלין.

גלייך ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קרייזלינג האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן אונז מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט און געהאַלטן אַ גיפטיקע רעדע פול מיט זידלערייען; אָנגעזאָגט אַז מען דאַרף געטריי און פלייסיק אַרבעטן, מודיע געווען אַז מיר זענען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער ס.ס. און דער וועלכער וועט פירן סאַבאָטאַזש אָדער וועט פּרוּוון אַנטלויפן וועט ווערן אויפגע־האָנגען אויף דער צוגעגרייטער אין מיטן לאַגערהויף תליה.

נאָך דער רעדע האָט מען אונז נישט אַריינגעלאָזט אין די באַראַקן. מען האָט אונז צוגעטיילט גרויסע שיסלען, ווו מען האָט געקענט אַריינגיסן 10 ליטער פליסיקייט און אַריינגעיאָגט אינעם גרויסן עס־זאַל ביי דער קיך אויף קוואַראַנטאַנע. מען האָט אונז פולשטענדיק איזאָלירט און נישט אַרויסגעלאָזט אַפילו אין בית־הכסא. אונזערע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן האָבן מיר געמוזט מאַכן אינעם זאַל. די נאַציס האָבן געוואָלט זען ווער עס איז שטאַרק און וועט אויסהאַלטן די דאָזיקע אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

עס איז געווען אַ פחד אַריינצוגיין אינעם זאַל — אַ געפערלע־כער געשטאַנק, געוואַלדן און געשרייען ווי אין אַ משוגעים־הויז. איינער איז געלעגן אויפן צווייטן, קראַנקע מיט געזונטע צוזאַמען. (צוליב פעלן פון מינימאַלע סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען אַ סך שווער קראַנק געוואָרן).

דער אויפזעער פון דער קוואַראַנטאַנע איז געווען היינץ, אַ יונגער נאַצי, אַ געליבטער פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט... ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן אונז מיט אַ שטעקן און מערדערלעך געשלאָגן יעדן וואָס איז אים אונטערגעקומען אונטער דער האַנט. יעדן טאָג פלעגט ער ראַפּאָרטירן דעם קאָמענדאַנט וויפיל מענטשן עס זענען געשטאָרבן. ווען בשעתן שלאָגן האָט זיין קרבן געחלשט, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם שטעקן אויפן האַלדז פונעם געפאַלענעם, אַוועק־געשטעלט זיך מיט די שטיוול אויף די צוויי עקן און אים דערשטיקט.

יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעפירט פולע לאַסט־אויטאָס מיט מתים. די וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די אַלע צרות, האָט מען צום סוף אַרויסגעלאָזט און געשאַפן פון זיי אַרבעטס־קאָלאָנעס און איינ־געטיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן. דער גרעסטער טייל איז באַשעפ־טיקט געוואָרן ביים בויען פון דער פאַבריק. איין קאָלאָנע האָט געאַרבעט ביי פּלאַנירן דעם אַעראָדראָם, עטלעכע קאָלאָנעס האָבן געבויט אַ באַן־ליניע, אַנדערע האָבן געגראָבן און געלייגט קאַנאַליזאַ־ציע־רערן, געלאָדן און אויסגעלאָדן מאַטעריאַלן און רוישטאָפן פון די לאַסט־צוגן, געצויגן אונטער דער ערד אַן עלעקטרישן קאַבעל.

אין דער ערשטער צייט, ווען מען האָט געוואָלט צואיילן דעם פאַבריק־בוי האָט מען געאַרבעט אין צוויי שיכטן, ביי טאָג און ביי נאַכט. אַלץ איז געגאַנגען אין אַ שנעלן טעמפּאָ. מען האָט קוים באַוויזן אויפשטעלן די פיר ווענט, האָט מען שוין געלייגט דעם עלעקטרישן קאַבעל, אַריינגעשטעלט מאַשינען און אָנגעהויבן צו אַרבעטן. מען האָט אונז אויך באַשעפטיקט ביים אָפּלאָדן שווערע קאַסטנס מיט מאַשינען און אַרבעטס־כלים. אין אָנהויב זענען נישט געווען קיין פאָראַרבעטער, וועלכע זאָלן אונז געבן אָנווייזונגען און אָנפירן מיט דער אַרבעט, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אָנגעקומען אין אַ שכנותדיקן לאַגער פּוילישע צוואַנגס־אַרבעטער. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך פריי צו באַוועגן, אָנגעפירט מיט די יידישע קאָלאָנעס און געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק, וועלכע האָט זיך צעוואַקסן אין אַ ריזיקער אונטערנעמונג, ווו עס האָבן געאַרבעט טויזנטער אַרבעטער.

די קאָלאָנע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען האָט געאַרבעט ביי דער פירמע „סימענס", וועלכע האָט זיך פאַרפליכטעט אַריינצו־שטעלן אַלע עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס און איינריכטונגען אין דער פאַבריק. אָנגעהויבן האָט מען מיט לייגן אַן אונטערערדישן קאַבעל אין דער לענג פון 15 קילאָמעטער. מען האָט אונז באַשעפטיקט ביים גראָבן אַ קאַנאַל 1 מעטער די טיף און 60 ס"מ די ברייט. מיט

דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט דייטשע אינזשענירן. דאָס זענען געווען ציווילע, מאָביליזירטע צו ספּעציעלע מלחמה־אונטערנעמונגען. זיי האָבן זיך באַציוגן צו אונז זייער גוט, אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו די נאַציס. די דאָזיקע באַציִונג האָט געגעבן גוטע אַרבעטס־רעזולטאַטן. אין גאַנג פון דער אַרבעט האָבן זיי איבערגעפירט איינצעלנע אַרבעטער פון די גרופּן צו ספּעציעלע אויפגאַבן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי אויך מיר אַרויסגערופן און מיטגענומען מיט זיך.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער פאַבריק. דאָ האָט זיך געפונען אַ מאַגאַזין מיט פאַרשידענע עלעקטרישע טיילן און מאַטעריאַלן. דער מאַגאַזין איז נישט געווען באַוואַכט. איך האָב זיך געקענט פריי באַוועגן אין דער פאַבריק און געקומען אין באַרירונג מיט די פּוילישע אַרבעטער. איך האָב זיך מיט זיי אויף אַזוי פיל באַפריינדעט, אַז זיי האָבן מיר יעדן טאָג געבראַכט צייטונגען און עסן, דערציילט וועגן די מפּלות פון די דייטשן אויף אַלע פראָנטן, וועגן די באָמבאַרדירונגען, אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג, וועגן די טראַנספּאָרטן אין די אויסראָטונגס־לאַגערן און וועגן דער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג. אין משך פון אַ קורצער צייט בין איך געוואָרן דער הויפּטקוואַל פון נייעס אין אונזער לאַגער. איך פלעג אַריינברענגען אין די באַראַקן צייטונגען און אויך אַ סך שפּייז. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך מיט דעם איינגעשטעלט דאָס לעבן, נישט רעדנדיק שוין וועגן דער סכנה פון פאַרלירן די אַרבעט אין מאַגאַזין.

אויף מיין „פּאָסטן" האָב איך זיך באַוועגט פרייער פון די פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט כמעט אָן איבעררייס ביי די מאַשינען. דאָס איז מסתמא געווען איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע זיי האָבן מיך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון דער פּוילישער אונטערגרונט.

איך האָב זיי איבערגעגעבן די פּלענער פון דער אונטערערדישער עלעקטרישער נעץ, דעם פּלאַן פון דעם אַעראָפּלאַן „פאָקע וואָלף", געמאַכט אַ גענויע סטאַטיסטיק פון די באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק־האַלע און זייערע פונקציעס, איבערגעגעבן ווו עס ווערן טראַנספּאָרטירט די אויסגעפּאַרטיקטע „פאָקע וואָלפן". יעדן טאָג פלעגן די פּאָליאַקן אַריינלייגן אין דעם איינגעפּאַקטן עסן, וואָס זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אָנווייזונגען פון דער אונטערערדישער באַוועגונג.

ביים אָנפאַנג זענען געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק עטלעכע יידן, אָבער אין משך פון דער צייט בין איך געבליבן דער איינציקער. בשעת דער אַרבעט פלעג איך אויך גיין אַ היים צו די אינזשענירן און אויסגעפירט דאָרט פאַרשידענע שטוב־אַרבעטן. איך האָב דאָ געטראָפן אַ סך פּוילישע פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן פאַרשידענע ידיעות, וואָס זיי האָבן זיך דערוווּסט ביי זייערע דייטשע באַלעבאָסטעס און איך האָב עס מיטגעטיילט דער אונטערגרונט. דאָ האָב איך געקענט הערן דעם ראַדיאָ, אויפגעכאַפּט אויסלענדישע סטאַציעס און איבערגעגעבן די נייעס די לאַגער־יידן.

עס איז אַלץ צוגעגאַנגען אָן קיין שום שטערונגען ביז עס איז אָנגעקומען אין לאַגער די זיכערהייטס־פּאָליציי כדי צו באַוואַכן די פאַבריק. איינמאָל האָבן זיי מיך געכאַפּט ביים אַריבערגיין דעם פאַבריק־זאַל און כאָטש איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש, בין איך געוואָרן אַרעסטירט. דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט מיך געפירט צו דער פּאָליטישער אָפּטיילונג און וועלכער האָט מיך גוט געקענט, האָט איבערגעגעבן די אינזשענירן וועגן מיין אַרעסט. זיי **האָבן מיך** גלייך באַפרייט, אָבער אונטערן באַדינג אַז איך זאָל זיך שוין מער נישט געפינען אין דער פאַבריק־געביידע.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי שווייסן די עלעקטרישע קאַבעלס אין דרויסן, אָבער אויך דאָ האָב איך נישט איבערגעריסן מיינע באַציונגען מיט דער פּוילישער אונטערגרונט.

די אַרבעט ביי דער פירמע „סימענס" האָט זיך געענדיקט און מען האָט צעטיילט די יידן אין אַנדערע קאָלאָנעס.

פון דעם פּוילישן און רוסישן לאַגער איז מען כסדר אַנטלאָפן און כמעט יעדן טאָג פלעגט מען דאָרט זוכן און נישטערן. כדי איבערצושרעקן די יידן זיי זאָלן נישט נאָכטון די גויים האָט מען געזוכט אַ קרבן. אין גיכן איז געקומען די געלעגנהייט.

זומער 1943 האָט אַ דייטשער פאָראַרבעטער געכאַפּט אַ יינגל פון לאָדזש, וועלכער איז שוין געווען צוויי יאָר אין די פּויזנער לאַגערן, בשעת ער האָט אַרויסגענומען דאָס עסן פון זייער אַקטן־טאַש (מען האָט געמוזט זיך העלפן מיט שפּייז אויף אויף אַזאַ אופן...). מער האָט אים שוין נישט געפעלט. מען האָט אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער און פאַרשפּאַרט אין דער לאַגער־תפיסה. ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן ביים טויער אַ סך שעהן און געזוכט אין די קליידער און כלים צי שמוגלען מיר נישט אַריין קיין שפּייז, דערביי האָט מען אונז נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ און זידלערייען.

צעבלוטיקטע, צעקלאַפּטע און הונגעריקע זענען מיר אַריין אין די באַראַקן. פריער נאָך האָט אונז דער לאַגער־קאָמענדאַנט געהאַלטן אַ פּאָר שעה אין הויף און אָנגעזאָגט אין אַ גיפטיקע דרשה, אַז אויב ער וועט אימיצן פּאַקן מיט עסן פון דרויסן וועט ער אים דערשיסן אויפן אָרט. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעלאָפן ווי אַ חיה. עס זענען געווען קלאַנגען אַז די דייטשן האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה אויפן פראָנט און אויסגעלאָזט דעם כעס אויף די יידן. נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט מען געזען ווי די נאַציס שטעלן אויף אין מיטן הויף אַ תליה. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז דער קרבן וועט זיין דער לאָדזשער בחור.

צומאָרגנס האָט מען אים געבראַכט פון דער תפיסה אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ און געפירט ווייזן די תליה. ער האָט נישט געוואָלט אויף איר קוקן נאָר געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן לאַגער־קאָמענדאַנט און געגעבן אויף אים אַ שפּיי. מען האָט אים געפּערלעך צעשלאָגן און אַריינגעוואָרפן אַ צעבלוטיקטן אין אַן ענגער קאַמער, ווו מען האָט געהאַלטן שמוציקע וועש און אַוועקגעשטעלט לעבן קאַמער אַ וואַך.

זיין מוטיקע האַנדלונג האָט זייער משפּיע געווען אויף די לאַגער־יידן. מען האָט באַוווּנדערט זיין גבורה און לאַנגע שעהן גערעדט וועגן זיין העלדישן טאַט. און דאָ האָט פּאַסירט אַן אומבאַגרייפלעכע זאַך.

ווען דער וועכטער האָט קאָנטראָלירט אין דער פרי די קאַמער, האָט ער נישט געפונען דעם געפאַנגענעם. אין משך פון דער נאַכט איז אים געלונגען צו אַנטלויפן — אויף וואָס פאַראַ אופן האָט קיינער נישט געקענט באַנעמען... אין לאַגער איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. דער לאַגער־פירער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער. דעם וועכטער האָט מען איינגעזעצט. מען האָט געמאָלדן אין אַלע פּאָליציי־דיסטריקטן וועגן דעם אַנטלאָפענעם. מען האָט אומאויפהערלעך געזוכט אין דער גאַנצער אומגעגנט. מען האָט אָבער דעם אַנטלאָפענעם נישט געכאַפּט. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ פרייען פעלד אין אַ קליינעם גרוב. ער איז

דאָרט געלעגן דריי מעת־לעתן אָן שפּייז און אָן וואַסער, אויסגעשטעלט אויף די ברענענדיקע זון־שטראַלן. דעם דריטן טאָג אין אָוונט, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, מיינענדיק אַז מען וועט אים שוין מער נישט זוכן. ווי שוואַך ער איז געווען, האָט אים געטראָגן דער אימפּעט און די מורא און ער איז געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג אָבער האָט אים געכאַפּט אַ פּאָליציי־פּאַטראָל און געבראַכט אין דער ס.ס.. דאָ האָט מען אים ווידער געפּייניקט ער זאָל אויסזאָגן ווי אַזוי איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און ווער עס האָט אים געהאָלפן.

...מען האָט אונז אין מיטן דער אַרבעט געפירט צוריק אין לאַגער. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. די וועכטער האָבן אונז געיאָגט מיר זאָלן וואָס שנעלער אָנקומען. ווען מיר זענען אַריין אין לאַגער־הויף, האָבן מיר געזען אַלע אַנדערע אַרבעטס־קאָלאָנעס אויסגעשטעלט אַרום דער תליה.

מען האָט אַרויסגעשלעפּט דעם קרבן פונעם אויטאָ און געפירט צו דער תליה. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט געהאַלטן אַ רעדע און געוואָרנט אַז אויב אימיצער וועט פּרוּוון צו אַנטלויפן, וועט זיין סוף זיין אַן ענלעכער. מען האָט אויסגעקליבן צוויי לאַגער־פּאָליציאַנטן און זיי געהייסן אויספירן דעם טויט־אורטייל. ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צום פאַרמשפּטן האָט ער אויסגערופן אַז ער איז זיי מוחל, ווייל ער ווייסט אַז מען האָט זיי געצוווּנגען אויסצופירן דעם גזר. דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו שילטן די דייטשן, פאָרגעזאָגט זיי אַז אין גיכן וועט קומען זייער סוף און אַז די יידן וועלן נעמען פון זיי נקמה. ווען די געסטאַפּאָ־לייט זענען צוגעלאָפן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, האָט ער זיי באַשפּיגן פון אויבן ביז אַראָפּ. זיי האָבן אויסגעלאָדן אויף אים אַלע קוילן און אַ באַגאָסענעם מיט בלוט געשלעפּט צו דער תליה. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שרייען: „זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק, אייער מפּלה וועט נאָך קומען, מיינע חברים וועלן נקמה נעמען!״ דעם צעלעכערטן דורך די קוילן קערפּער, וואָס האָט זיך געוויגט אויף דער תליה, האָבן שפּעטער די אָנגערייצטע דורך דעם לאַגער־קאָמענדאַנט הינט צעריסן אויף שטיקלעך...

...די אַרבעט־קאָלאָנען האָבן אויסמאַרשירט טאָג־טעגלעך צו דער אַרבעט. פון צייט צו צייט האָט מען אונז געשיקט אין אַנדערע פּלעצער און עס איז פאָרגעקומען אַ האַנדל מיט אונז. באַקומען די יידן האָט די אונטערנעמונג, וועלכע האָט מער באַצאָלט.

די אַעראָפּלאַנ׳ן־פאַבריק איז געוואָרן אויפגעשטעלט און פאַרפולקאָמט. די באַן־ל׳יניע האָט געפירט ביז אינעם פאַבריק־האַנגאַר. דער אַעראָדראָם איז געווען פאַרטיק און די גרויסע אַעראָפּלאַנען זענען אָפּגעפלויגן פון אים. די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע און קאַנאַליזאַציע זענען געוואָרן איינגעשטעלט. אין אַלעם איז געווען איינגעזאַפּט יידישער שווייס, פּיין און בלוט...

מען האָט איבערגעפירט די יידן אויף צו גרובן אַ גרויסן און טיפן אָפּלויף פאַר די שמוציקע אָפּפלוסן פון דער פאַבריק. די הייך איז געווען זייער גרויס, מען האָט געגראָבן אויף אַ שטרעקע פון אַ סך קילאָמעטערס און באַקומען צום עסן אַ ביסל שיטער וואַסער מיט פאַרפוילטע בוראַקעס. די גריבער זענען געווען זייער טיף און דעם באָדן האָט מען געמוזט אַרויפוואַרפן הויך. מיט יעדער שופל ערד, וואָס מען האָט געוואָרפן, האָט מיטגעריסן דאָס האַרץ. פון צייט צו צייט האָט מען זיך געביטן מיט די ערטער, די פון אונטן מיט די וואָס האָבן אויבן צוועקגערוימט דעם באָדן. אין גרוב איז געווען אַ ביסל קילער. די גרובן זענען געווען זייער לאַנג און מען האָט זיך געקענט בגנבה אַוועקזעצן און אַ ביסל אָפּרוען.

פון צייט צו צייט פלעגט מען נעמען פון אונז אַ קליינע גרופּע אַרבעטער צו דער פאַבריק אויסצולאָדן קוילן פון די וואַגאָנען. די קאָנדוקטאָרן און די לאָקאָמאָטיוו־פירער זענען געווען פּאָליאַקן. אין אַ געוויסן טאָג, ווען כ׳האָב געאַרבעט ביים אָפּלאָדן קוילן איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ לאָקאָמאָטיוו־פירער, וועלכער האָט באַקומען אַן אָנווייזונג פון דער פּוילישער אונטערגרונט זיך צו טרעפן מיט מיר און מיר איבערגעבן אַז מען וויל ליקווידירן דעם לאַגער און ריין מאַכן די גאַנצע פּויזנער געגנט פון יידן, וועלכע מען וועט פירן קיין אוישוויץ. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיר אויפגעקלערט אַז דאָס איז אַן אויסראָטונגס־לאַגער. ער האָט דערציילט אַז ער האָט שוין דאָרט געפירט אַ סך טראַנספּאָרטן מיט יידן.

נאָך דער אַרבעט, אין לאַגער, האָב איך זיך געטראָפן מיט עטלעכע באַקאַנטע און איבערגעגעבן די שוידערלעכע נייעס, וועלכע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידן.

מיר זענען געווען הילפלאָז. קיין ווידערשטאַנד האָבן מיר נישט געקענט שטעלן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער און אויב אימיצער וואָלט געפּרוּווט צו אַנטלויפן, וואָלט ער גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. דאָך האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין אַן ענגן קרייז און באַשלאָסן אַז אין טאָג פונעם טראַנספּאָרט זאָלן צוויי פון אונז פּרוּוון צו אַנטלויפן און אויב עס וועט זיי געלונגען, זאָלן זיי זיך באַמיען צו פאַרבינדן מיט דער פּוילישער אונטערגרונט און באַוועגן זיי אויפצורייסן די באַן־רעלסן, ווו עס וועט אַדורכפאָרן דער טראַנספּאָרט.

איין טאָג פאַר דער עוואַקואַציע האָט מען אונז מודיע געווען, אַז מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט אין קרייזלינג און אַז מען האָט אויסגעבויט פאַר אונז אַן אַנדערן לאַגער, ווו עס ווערן אויפגעבויט נייע קריגס־אונטערנעמונגען. מיר דאַרפן זיך צוגרייטן און מאָרגן נאָך מיטאָג פאַרלאָזן מיר דעם לאַגער.

די צוויי, וועלכע האָבן געדאַרפט אַנטלויפן, זענען געווען פּערסאָנאַל־באַאַמטע, אין גוטע באַציונגען מיט די לאַגער־וועכטער. צוליב דעם האָבן זיי געקענט אַרויס פון לאַגער אָן קיין ספּעציעלע שוועריקייטן, ווייל זיי זענען געווען באַשעפטיקט ביים צוגרייטן דעם טראַנספּאָרט און נישט געווען געהיט.

ווען די לעצטע רייען זענען אַרויס פון טויער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס פעלן צוויי העפטלינגע. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט גלייך געמאָלדן וועגן דעם דער געסטאַפּאָ. עס איז אָבער געווען אַ באַפעל ריין צו מאַכן צום טערמין די פּויזנער געגנט פון יידן און מען האָט נישט געקענט צוליב די צוויי אָפּהאַלטן דעם גאַנצן, ריזיקן טראַנספּאָרט.*

צוויי שעה האָבן מיר מאַרשירט צו דער באַן. אויפן באַנהויף האָט מען אונז געגעבן צום עסן, איבערגעציילט נאָך אַ מאָל, אָנגעלאָדן אין די לאַסט־וואַגאָנען, אַריינגעזעצט אין יעדן וואַגאָן אַ באַוואָפנטן לאַגער־וועכטער, פאַרהאַקט די טירן און פאַרקלאַפּט די פענצטערס. דער צוג האָט גערירט פון פּלאַץ...

(באַאַרבעט צום דרוק דורך מנחם ראַוויצקי)

* די צוויי זענען געווען: יוזשיעק ראַוך, דערצויגן אין וולאָצלאַוועק און דאָ געענדיקט די יידישע גימנאַזיע. אין לאַגער אָנגעקומען פון קויל (קאָלאָ) און פּייוויש פּיעפּשינסקי פון קאָוואַל. מען האָט זיי אָבער געכאַפּט און געבראַכט קיין אוישוויץ. פּיעפּשינסקי (פיליפּ פּעפּער) געפינט זיך איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

גבית־עדות פון משה קרושניעווסקי

איך בין געבוירן געוואָרן אין קאָוואָל קויאַווסקי, נעבן וולאָצלאַוועק, פוילן, אין חודש מערץ, 1924. מיר זענען געווען דריי קינדער ביי טאַטע־מאַמע. אַן עלטערע שוועסטער פון מיר מיט צוויי יאָר און אַ ייִנגערע שוועסטער מיט צוויי יאָר. מיין פאָטער איז געשטאָרבן צוויי יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג. באַלד נאָכן פאָטערס טויט איז די מאַמע מיט די קינדער אַריבער קיין וולאָצלאַוועק. איך בין שוין פאַר דער מלחמה געווען אַן אַרבעטער, אַ קאַמאַשנשטעפּער. ערב דער צווייטער מלחמה כאָטש אַ ייִנגל פון 15 יאָר, בין איך פרייוויליק אַריינגעטרעטן אין דער פוילישער אַרמיי.

איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע „פּאָוו" (פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע). ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך געווען אויפן פראָנט און גענומען אָנטייל אין די שלאַכטן קעגן דייטשן מיליטער. ביי דער שטאָט סקערניעוויץ בין איך אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. די דייטשן האָבן די געפאַנגענע איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס, ייִדן און נישט ייִדן. אַזוי ווי איך בין געווען שאַרף בלאָנד און מיין פּנים האָט אויסגעזען „אַריש" האָב איך זיך געשטעלט אויף דער אַרישער זייט. מיין נאָמען קרושניעווסקי איז אויך „אַריש", דער דאָקומענט (פּאַס) איז געווען גענוג צעריסן, אַז מען זאָל זען מיין ערשטן נאָמען משה, האָב איך אויפגעגעבן מיין ערשטן נאָמען בערנאַרד. איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט פּאָליאַקן 4 וואָכן פאַרן דייטש, אַלס אַ געפאַנגענער. נאָך די 4 וואָכן זענען מיר באַפרייט געוואָרן מיטן באַדינג זיך צו מעלדן יעדן טאָג אין דער פּאָליציי.

איך בין אָפּגעפאָרן קיין וולאָצלאַוועק. איך בין אָנגעקומען אין דער שטאָט 12 ביינאַכט, ווען ציווילע מענטשן האָבן נישט געטאָרט זיין אין גאַס. אַ דייטשער פּאַטראָל האָט מיך פאַרהאַלטן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין איצט באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט ווי אַ פּוילישער זעלנער. זיי האָבן מיך באַלד געפרעגט צי איך בין אַ ייִד. אַז איך האָב זיי געענטפערט „ניין", האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ גרויסן נס. זיי האָבן אָבער געוואָלט מיך אָפּפירן צו מיין היים, מסתמא כדי זיך צו איבערצייגן אַז איך בין מעגלעך אַ ייִד. דערפאַר האָב איך שטאַרק מורא געהאַט. עס וואָלט גענוג געווען איין בליק אויף מיין מאַמען צו דערקענען אַז איך בין אַ ייִד. איך האָב זיי פאַרעדט דערמיט, וואָס איצט איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, און מיין מוטער איז זייער אַ קראַנקע פרוי. דאָס האָט זיי איבערצייגט, און זיי זענען מיט מיר אין הויז נישט מיטגעגאַנגען. זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט מיט „הייל היטלער". אַ מינוט שפּעטער האָט מיין מאַמע דערקענט מיינע טריט און אָנגעהויבן פון שטוב צו רופן „משה? משה?". — איך האָב דערציילט דער מאַמען וואָס איך האָב איצט איבערגעלעבט מיט די דייטשן. די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז זי און די שוועסטער מיינער שלאָפן נישט גאַנצע נעכט איבערקלערנדיק וועגן מיין גורל. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. צו דער שמחה פון מיין מאַמען איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. די מאַמע און מיינע שוועסטערן האָבן מיר דערציילט, וואָס די דייטשן האָבן שוין אַלץ געטון פאַר די פּאָר וואָכן זיין אין וולאָצלאַוועק. זיי האָבן געהאָנגען דריי ייִדן אין מיטן שטאָט. צומאָרגנס האָב איך אָפּגעטראָגן די מיליטער־מלבושים אין פּאָליציי. איינער פון מיינע נעכטיקע באַגלייטער האָט מיך דערקענט און האָט מיך געפרעגט צי מיין מוטער איז שוין געזונט. איך האָב אויך איצט מורא געהאַט עס זאָל זיך אים נישט פאַרגלוסטן צו גיין מיט מיר אַהיים.

ייִדן האָבן געאַרבעט פאַרן דייטש. איך האָב נישט געאַרבעט. איך בין אַ „פּאָליאַק". אין נאָוועמבער 1939 האָט מען מיר געמאָלדן פון יודנראַט, אַז משה קרושניעווסקי דאַרף קומען אין יודנראַט וועגן אַרבעט. איך האָב צוגעטשעפּעט אַ מגן־דוד מיט דער געלער לאַטע צו דער פּלייצע פון מיין רעקל און איך בין צוגעגאַנגען צום יודנראַט.

איך האָב געקראָגן אַרבעט ביים אויסגראָבן טויטע, געפאַלענע ביי די שלאַכטן און זיי ברענגען צום בית־עלמין. קריסטן צום קריסטלעכן, און ייִדן צום ייִדישן בית־עולם. איך בין געוואָרן „צוריק" אַ ייִד און מיט אַ מגן דוד אויף דער פּלייצע.

דאָס איז געווען שבת, אין חודש אַפּריל 1940. דער ייִדישער עולם איז געווען אין גאַס און דאָ פּלוצלינג אַ פייפעריי און אַ געלויף פון ייִדן. ס.ס. שלאָגן ייִדן. מען טרייבט זיי אין געטאָ אַריין. איך האָב אַראָפּגענומען פון מיין רעקל דעם מגן דוד מיט דער געלער לאַטע און איך בין ווידער אַ „פּאָליאַק". דער אויסזען מיינער איז ווי איך וואָלט געווען אַ געבוירענער פּאָליאַק. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן די געטאָ פאַר ייִדן. איך בין רויק מיט מיין מאַמען און ביידע שוועסטערן אַוועק אין געטאָ. איך האָב געאַרבעט אַלס אַ קאַמאַשנשטעפּער. די ערשטע צייטן איז נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. די געוועלבער זענען געווען אָפן. אַ היימישע טרופּע האָט געשפּילט איין מאָל אין דער וואָך ייִדיש טעאַטער. איך בין געקומען אויף קליינע פאַרזאַמלונגען פון „השומר הצעיר", ווו איך בין געווען אַ מיטגליד.

דעם 25־טן יוני 1941 האָבן די דייטשן מיך פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין פּויזן. דאָס איז געווען דער ערשטער טראַנספּאָרט אין די לאַגערן. פון דער באַן אין פּויזן ביזן לאַגער האָבן די דייטשן אונדז געיאָגט מיט שטעקנס איבער די קעפּ.

דער לאַגער איז געווען אין אַ דאָרף מיטן נאָמען „פאָרט ראַזשיוויל". מיר זענען געווען בלויז ייִדן, 500 מאַן. צו דער אַרבעט פון אַ באַן־ליניע בין איך געגאַנגען אַהין און צוריק — 20 קילאָמעטער, אַזוי יעדן טאָג.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון אַ קליין שטיקל ברויט, קאַווע און אַ וואַסערדיקע זופּ. אין יאָר 1942 איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. עס האָט קיינעם פון אונדז נישט אויסגעמיטן. מען האָט אונדז קיין מעדיצין נישט געגעבן. מיר זענען געווען איזאָלירט אין דער געביידע.

די געזונטע זענען צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. אָבער דאָס ביסל געזונטע האָבן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט געציילטע גוטע דייטשן, און זיי האָבן אונדז צוגעשטעלט מעדיצינען פאַר די קראַנקע. איך מיין, אַז די דאָזיקע דייטשן האָבן אַ סך רעזיקירט פאַר זייערע טובות צו די ייִדן. — דער לעצטער סך הכל פון לאַגער איז געווען, אַז פון די 500 מאַן, וואָס מיר זענען געווען, זענען געשטאָרבן 200. איך בין געווען פון די לעצטע קראַנקע. איך בין נאָך דער קראַנקהייט געוואָרן געשיקט קיין שטיינעק לעבן פּויזן. דאָ האָט מען נישט געאַרבעט, אָבער אויך נישט געגעסן. איך האָב געקראָגן אַ בריוול פון דער היים, פון ביידע שוועסטערן, אַז מען פירט זיי אַוועק קיין כעלמנאָ, לעבן קאָלאָ. דאָרט זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן.

מען האָט אין לאַגער, אין שטיינעק, פאַרשריבן צו פאָרן קיין לאָדזש. איך האָב זיך אויך פאַרשריבן. מיר זענען אָנגעקומען אין לאָדזש. מען האָט אונז אָפּגעפירט אין דער תפיסה אויף טשאַרניעצקיעגאָ. עס איז געקומען צו מיר אין תפיסה אַ יינגעלע פון אַ יאָר 8, מיינער אַ קוזין, ער איז געקומען צו מיר געוואָר ווערן וועגן זיין פאָטער, וואָס איז מיט מיר צוזאַמען פאַרשיקט געוואָרן. דאָס יינגעלע איז אויך געווען פון וולאָצלאַוועק. ער האָט זיך פון עמעצן צופעליק דערוווּסט, אַז איך בין אין לאָדזש, אין תפיסה. איך בין געווען גערירט ביז טרערן פונעם פאַקט, וואָס ער איז געוויר געוואָרן וועגן מיר און וואָס ער איז געקומען צו מיר. ער וויל וויסן אַ ידיעה וועגן זיין פאָטער.

זיין פאָטער איז ליידער געשטאָרבן פון טיפוס, אָבער איך האָב עס אים נישט געזאָגט, זאָל ער האָבן די אילוזיע, אַז ער וועט נאָך זען זיין טאַטן.

דאָס יינגעלע איז פון מיין ענטפער גאָר געוואָרן טרויעריק. אַ פּנים, אַז ער האָט מיר נישט געגלויבט. איך האָב, אגב, געפרעגט צי ער טוט עפּעס, האָט ער מיר געזאָגט, אַז יאָ, אַז ער אַרבעט ביי אויסגלייכן קאָלדרעס.

צוויי וואָכן בין איך געווען אין לאָדזש. איך בין פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. דאָס איז געווען דעם 19־טן מערץ 1943. איך מיט מיינעם אַ חבר פון אַרבעטס־לאַגער האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. סיי אין מאַרש צו פוס, סיי אין צוג און סיי ביים אַראָפּגיין פון צוג, אָנקומענדיק אין אָשוויענטשים. עס איז געווען אַ ווילדע סומאַטאָכע, מיטן קאָמאַנדעווען פון די דייטשן „רעכטס" און „לינקס" פון דער סעלעקציע.

מיין חבר איז עטלעכע מאָל אַריבערגעלאָפן פון רעכטס אויף לינקס און צוריק. איך האָב געזען ווי דער דייטש האָט אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. מיין חבר איז געווען ווי משוגע. ער איז אַריין אין דער גרופּע, וואָס איז געוואָרן גלייך אַוועקגעפירט צו דער קרעמאַטאָריע. מיך האָט מען געפירט צו אַ בלאָק, ווו מען האָט אויסגעטאַטוירט אויף מיין האַנט אַ נומער. איך האָב געקראָגן דעם נומער 111763. דער וואָס האָט מיר געמאַכט דעם נומער איז געווען אַ ייד.

איך האָב באַמערקט אַז ער מאַכט אַ טעות אין נומער און דאָס קען מיר נאָך צרות פאַרשאַפן. אויף דעם פּאַפּיר האָב איך אים אָנגעוויזן, וועלכן איך האָט געהאַט איז געווען אַ 7 און ער האָט שוין געמאַכט אַ האַלב 3. ווען איך האָב עס אים געזאָגט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש, אָבער באַלד דערנאָך האָט ער ריכטיק אויסגעבעסערט דעם נומער. נאָך דער מלחמה האָב איך געטראָפן דעם דאָזיקן ייד. איך האָב אים דערמאָנט און געפרעגט פאַרוואָס ער האָט מיך געפּאַטשט פאַר אויפמערקזאַם מאַכן אים אויפן טעות ביים שטעלן אויף מיין האַנט דעם נומער? ער האָט עס אַליין נישט געקענט אויפקלערן. ער האָט זיך שטאַרק געשעמט.

איך בין אָנגעקומען אין בלאָק 20, אין קוואַראַנטין. עס זענען דאָרט געווען 530 העפטלינגע. דער קאַפּאָ האָט אונז געשלאָגן ווי אַן אמתער נאַצי. מיט אַ סענקעוואַטן שטעקן האָט ער געשלאָגן. ער האָט געפירט צום קלאָזעט צען מענטשן, ווייניקער נישט, נאָר דווקא צען. אַז מענטשן קראַפּין... האָט עס אים גאָר נישט געאַרט.

איך האָב זיך דאָ אָנגעגעבן אַז איך בין אַ שניידער. איך ווער אָנגענומען, און ווער געשיקט קיין בירקענאַו. איך האָב עטלעכע וואָכן געאַרבעט אויסערן לאַגער. איך האָב אויסגענוצט די לאַגע, וואָס איך געפין זיך אויסערן לאַגער און איך האָב פאַרקויפט און געקויפט כדי צו האָבן עפּעס צו עסן.

דאָס וואָס איך האָב געקויפט איז געווען נאָר עסנוואַרג.

עס איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ רעוויזיע און מ'האָט ביי מיר געפונען פּראָדוקטן, וואָס שטאַמען פון דרויסן. מען האָט מיך דערפאַר געשמיסן און מיך איבערגעשיקט אין דער שטראָף־קאָמאַנדע. צוויי חדשים בין איך דאָרט געווען. יעדע מינוט דאָרטן איז געווען אַן אמתער גיהינום. אַ צייט נאָכן זיין אין דער שטראָף־קאָמאַנדע, האָב איך ווידער געאַרבעט אויסערן לאַגער.

יעדן טאָג זענען מענטשן געפאַלן ביי דער אַרבעט. דאָס האָט זיי די ס.ס. דערשאָסן פאַר גאָרנישט, עס איז געווען ביי זיי אַזאַ שפּיל.

מיר האָבן געמוזט אַריינטראָגן די מתים אין לאַגער. איינער מיטן נאָמען שילינגער איז געווען דער גרעסטער באַנדיט און רוצח. אַפילו די דייטשן אין לאַגער האָבן פאַר אים געציטערט. שילינגער האָט מיך איינמאָל אַזוי צעשלאָגן, אַז איך בין געבליבן ליגן אַ פאַרבלוטיקער. איך האָב דערנאָך געקראָגן אַ באַפרייונג פון דער אַרבעט אויף 5 טעג, דאָס איז געווען צו להכעיס שילינגערן. און דאָ האָב איך דערהערט, אַז שילינגער איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ געהיימער קויל. די דייטשן אַליין האָבן אים אָפּגערוימט פון דער וועלט, אַזאַ מערדער איז דאָס געווען.

נאָוועמבער 1943. איך געפין זיך אין בלאָק 20. איך האָב אַ קראַנקן פוס, איך גיי נישט צו דער אַרבעט. און דאָ קומט דערווייל פאָר אַ סעלעקציע אויפן בלאָק. איך האָב געציטערט. צוליבן קראַנקן פוס בין איך פאַרשפּילט. „פאַרשרייב זיך"... זאָגט צו מיר אַ דייטש. פאַרשרייבן זיך הייסט זיך פאַרשרייבן אין דער ליסטע פון די קרבנות. פון שרעק און צעבראָכנקייט בין איך איינגעשלאָפן. עמעצער האָט מיר אַ שטויס געטון. איך מאַך אויף די אויגן און זע, אַז איך געפין זיך אין קאָרידאָר, ווו עס געפינען זיך די נישט־פאַרשריבענע. מיין פריינד זילבערבערג (אַן אָזאָרקאָווער) האָט מיך אַרומגעכאַפּט: „וואָס פאַראַ נס עס איז מיט דיר געשען, נישט אַנדערש ווי אַ מלאך האָט דיך אַרויסגעטראָגן". אַ געראַטעוועטער פון טויט בין איך איצט אַריין אין שפּיטאָל צו היילן מיין קראַנקן פוס. אַ רייכער ייד, וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל, וואָס האָט פאַר יעדער קלייניקייט געשמירט מיט גאָלד, איז געווען אויסער זיך, וואָס איך בין נצול געוואָרן פון דער סעלעקציע.

דריי וואָכן בין איך געלעגן אין שפּיטאָל. דער פוס איז מיר געזונט געוואָרן. מען האָט מיך איבערגעשיקט קיין בונאַי, געאַרבעט אין מאַנאָוויץ, אין דער שלאָסעריי. איך בין געוואָרן אַ שלאָסער.

דעם 18־טן יאַנואַר 1945 האָט מען אונז, ביי צען טויזנט מאַן, אַרויסגעפירט פון אָשוויענטשים און מיר זענען אָנגעקומען אין גלייוויץ. פון גלייוויץ האָט מען אונז געפירט דורך עסטרייך און טשעכיע און מיר זענען אָנגעקומען אין דאַכאַו, ביי נאַכטהאַוזען. מ'האָט אונז אַריינגעפּאַקט צו 150 מאַן אין אַ וואַגאָן. מענטשן זענען אין וואַגאָן דערשטיקט געוואָרן. מען האָט אונז פריער אַרויסגענומען פון אָשוויענטשים צוליב די באָמבאַרדירונגען פון די אַלירטע. אין דאַכאַו האָב איך געאַרבעט אין אַ טונעל אַלס שלאָסער. דאָס איז געווען דאָס אָרט, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט דעם ראַקעט V2.

אָנהויב אַפּריל 1945. איך פאָר קיין בערגען־בעלזען. אין אַ קליינעם צימערל בין איך געווען מיט 80 מענטשן. קיין עסן, אַ כאַאָס און בהלה. די דייטשן גייען אַרום אָן קעפּ.

דעם 15־טן אַפּריל 1945. ענגלישע טאַנקן; מיר זענען אַרויף אויף

די טאַנקן. אין לאַגער בערגען־בעלזען זענען איצט אַריין רוסישע געפאַנגענע. זיי פרעגן די העפטלינגע ווער עס זענען דאָ געווען די שלעכטע דייטשן? זיי האָבן די דייטשן אויפן אָרט געטויט. די דייטשן, די אַמאָליקע העלדן און רוצחים, ווי האָבן זיי איצט געוויינט און זיך געבעטן מ'זאָל זיי לאָזן לעבן זייער בידנעם לעבן...

איך בין אַוועק אין שטעטל צעליע. געווען דאָרט אַ פּאָר וואָכן. האָב זיך גוט דערהאָלט און געקומען צוריק קיין בערגען־בעלזען, וואָס איז איצט געווען אונטער דער אָנפירונג פון די אַמעריקאַנער.

גביעת־עדות פון די „ייוואָ״־מאַטעריאַלן אין ניו־יאָרק
(אויפגענומען דורך י. פישמאַן, באַאַרבעט: מאיר־דוד אַלטער)

פ. פלאקסר / ירושלים

אגדת קדושי ולוצלבק

היה היתה עיר והיא איננה עוד. כל אחד מיוצאי ולוצלבק נושא בלבו מטען זכרונות מחיי העיר התוססים. נזכר בולוצלבק עת היתה בזהרה ובתפארתה. רובד, רובד ומעמדו המיוחד. אך מה עלתה ליהודי עירנו?

מעטים הם תושבי ולוצלבק, שנמצאו בזמן המלחמה בגיא־ההריגה וניצלו ממלתעות הרשע. משפחות שלמות נכחדו מבלי שנשאר מהן אף שריד. הצוררים שפכו את כל חמתם ורשעתם על תושבי עירנו. הגלום למקומות שונים בשטח הכיבוש. שם חיו כפליטים ועקורים עד אשר נשלחו לארץ גזירה עם יתר הנשלחים למחנות־השמדה.

אחת התחנות במסע הגירושין של יהודי ולוצלבק היתה העיר זאמושץ'. בעיר זו רוכזו אלפי יהודים שגורשו מערים שונות בפולין הכבושה והועסקו שם בעבודות כפייה שונות בטרם נשלחו להשמדה.

הרבה סיפורים סובבו בין הפליטים על הגבורה הנפשית וקידוש השם הנעלה שגילו אחדים מיהודי ולוצלבק.

הנה כמה מהם:

...כאשר הרשעים כינסו בחוצות זאמושץ' אלפי יהודים לשם שליחתם למחנה המוות, ציוו על האומללים לכרוע ברך.

בשמוע ר' הרשל זימנבודה, השוחט מולוצלבק, את הפקודה המרושעת, הזדקף מלוא קומתו והכריז בקול ענות־גבורה: — יהודים, אל תכרעו ברך, זוהי עבודה זרה!

המרצחים נדהמו לרגע מ„חוצפתו״ של היהודי המהין להמרות את פיהם, אך מיד הסתערו עליו והחלו לענות אותו עינויים קשים, כדי שיכרע ברך. אולם ר' הרשל נשאר עומד על רגליו, עד אשר הוציא את נשמתו בקדושה ובטהרה.

ר' מנדל פלאקסר, בנו של ר' אלעזר פלקסר, ידוע היה בקולו הערב. גם במקום גלותו נוהג היה לעבור לפני התיבה ונגינותיו החסידיות הנפלאות הפיגו במקצת את מצב רוחם הקודר של הפליטים. פעם תפסוהו סרדיוטים בלכתו לבית הכנסת לשלוש סעודות וגזזו את זקנו. מרוב בושה חלה. לאחר שהבריא עטף את סנטרו במטפחת, כדי שלא ייראו פניו הגזוזים בעמדו לפני התיבה.

ר' פיניע גרוסווירט, נציג אגודת ישראל בהנהלת הקהילה בולר־צלבק, נרצח ע"י הצוררים בנסיבות טראגיות אלו:

לאחר שריפת כל בתי הכנסת בעיר, סידר ר' פיניע מנין בביתו. ויהודים סיכנו את חייהם ובאו אליו להתפלל בצנעה. כי גם התפילה בציבור היתה אסורה בפקודת הנאצים הארורים. כאשר נודע לרשעים על מקום התפילה בביתו של ר' פיניע גרוסווירט, נכנסו אליו בעיצומו של יום הכיפור והוציאוהו עטוף בטליתו. עינוהו בעינויים קשים בטרם הרגוהו.

ילאה העט לתאר את סבלותם וגבורתם של יהודי ולוצלבק בנדודיהם השונים.

ר' יצחק מאיר דורמבוס, גורש יחד עם משפחתו לגיטו לודז' ומתו שם מרעב, פשוטו כמשמעו. בנו שמואל, העילוי ובעל כשרון שאין כמוהו, התהלך בחוצות הגיטו מזה־רעב, כולו עור ועצמות, עד אשר הוציא נשמתו ביסורים נוראים.

מן הראוי גם להנציח את עוז רוחם ואומץ לבם של אחדים מבין תושבי ולוצלבק שבאורח פלא ניצלו מהשמדה והם חיים כיום במקומות שונים בעולם.

ר' שמעון צוקר, מראשי פועלי אגודת ישראל, החי כיום בניו־יורק, נמצא בראש השנה האחרון שלפני השחרור באושוויץ.

בליל ראש השנה נתכנסו כמה עשרות יהודים בבלוק המחנה כדי להעלות בלבם את זכר החג הקדוש. היו אלה נפשות שבורות ורצוצות. משפחותיהם כבר נשלחו לתנורי הגז ויצר החיים כבר כבה בלבם.

פתח שמעון צוקר ואמר:

במצב אחר היינו כולנו מכונסים עכשיו בבית הכנסת ומתפללים תפילת ערבית חגיגית. אחר כך היינו הולכים לבתינו, אל משפחותינו, ומיסבים לשולחן ערוך מכל טוב. היינו מקדשים על היין, מברכים ברכת „שהחיינו״ ונהנים משמחת החג. עתה, אין בידינו לא יין לקידוש ולא כוס של ברכה וכל יקירינו כבר נמצאים בעולם האמת. הבה — קרא בקול בוכים — נשפוך כולנו את דמעותינו הניגרות מעינינו לתוך ספל; התה שבידינו ונקדש בכוס הדמעות על החג, למען יהיו דמעות אלו עדים לפני כסא הכבוד למה שעבר על עם ישראל בתקופה מרה ואכזרית זו.

מיד נתמלאו הספלים דמעות והבכיות של הנאספים הרעידו את השמים והארץ.

רחל אויערבך / תל־אביב

שמואל ווינטער

באגעגענישן אין געטא ווארשע

זיין נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט שוין פאַר דער מלחמה. ער האָט פיגורירט צווישן די נעמען פון די וויכטיקסטע און אַקטיווסטע עסקנים פון ייוואָ, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פינאַנציעלע פילאַרן פונעם אינסטיטוט.

ווער עס האָט געהאַט צו טון מיט פאַרשפרייטן אַ יידיש בוך האָט געקענט זיין אַדרעס — דעם וויכטיקסטן פון דריי אַדרעסן אין וולאָצלאַוועק: שמואל ווינטער, כאַסקל בראַטשטיין, חיים לאָזער טכוזש. אויף דעם געביט פון יידישן בוך און יידישן טעאַטער איז ער געווען אַ מעצענאַט און מער ווי אַ מעצענאַט — אַ פרומער חסיד. אויב דער באַגריף פון יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע האָט געהאַט אין זיך אַ ממשות, האָט זי גענעסטיקט אין האַרצן און אין די מעשים פון געציילטע מענטשן פון ווינטערס שניט. איך טראַכט דערביי וועגן נאָך איינעם אַזאַ „ייד אַ סוחר", אונזערן אַ גאַליציאַנער, אַברהם זיינפעלד, וועלכער איז אויך געווען אַ חסיד און אַ צדיק אין איין פערזאָן און גלייך מיט ווינטערן אַוועק צוזאַמען מיטן פאָלק על קידוש שם העם.

ווינטער האָט זיך מסתמא געהאַט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס בנוגע די פּאָליטישע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס, אָבער ווי אַ געטרייער מאַן, אַ ראָמאַנטיקער, אַ מאָנאָגאַמיסט האָט ער זיין מסירת נפש אַוועקגעשאָנקען איין אידעע — דער וועלטלעכער מאָדערנער יידישקייט; געשלעפּט אויף זיך דעם עול און די אַחריות פאַר איר קיום, פאַר איר יעטוועדער באַדערפעניש. און ווייל ער האָט נישט געלאָזט קיין יורשים, קיין פאַרטיי, וואָס זאָל זיך ייחוסן מיט די פאַרדינסטן זיינע, מיטן אויסטראָגן זיין זכר, ווערט ער זייער אַ סך פאַרשוויגן און פאַרגעסן. זאָלן געבענטשט זיין די געטרייע הענט פון די לאַנדסלייט פון זיין שטאָט, וואָס האָבן זיך „אָנגעזעצט" אויף מיר איך זאָל זיך נעמען צו דעם וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט, געדאַרפט צו טון: פּרוּוון אַרויסברענגען דאָס בינטל ידיעות און זכרונות פון דער לעצטער פּרשה אין זיין לעבן און זיין טון. די סאַמע דערהויבענע, די סאַמע טראַגישע — די פּרשה שמואל ווינטער אין געטאָ וואַרשע, יידישע קולטור אין אונטערערד, געראַנגל פאַר מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע אינמיטן אומקום, דאָס אויסטראָגן און אויסהאַלטן די צוגרייטונג צום באַוואָפנטן קאַמף.

*

כדי די פּרשה צו באַנעמען האָט מען באַדאַרפט האָבן געזען ווינטערן אין יענע טעג, דערפילן דעם צוטרוי, וואָס עס האָט דערוועקט זיין הויכע ברייטפּלייציקע געשטאַלט. עטוואָס אַראָפּגעהאָנגען און פאָרויסגעשטרעקט דער קאָפּ, דאָס לאַנגע פּנים מיט די זייער דיקע גלעזער אויף די גרויסע טונקעלע אויגן. אַ ייד אַ סוחר, אמת, נאָר פון דעם טיפּ יידישע סוחרים, וואָס זייערע אויגן זענען שטענדיק אָנגעצונדן פונעם לערנען שפּעט ביי דער נאַכט אַ בלאַט גמרה — נאָכן אויסטון זיך פון אַנדערע עסקים.

אַזאַ האָב איך ווינטערן געטראָפן צום ערשטן מאָל אין חודש נאָוועמבער 1939 נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, ווען ער האָט זיך מיט די פּליטים און אַרויסגעטריבענע פון די מערב־פּוילישע געביטן באַוויזן אין וואַרשע. געקומען אינאיינעם מיט זיין פרוי און קינדער — צוויי יינגלעך און אַ מיידל. איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין איינעם פון די אַמטן פון דער יידישער אַליינהילף, אין בנין פון דעם יודאַיסטישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקע 5 — דער בנין, וואָס איז געוואָרן דער מקום־מקלט פון די מער ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, אַן אַנטיפּאָד און אַנטידאָט קעגן דעם צווייטן גרויסן הויז, דעם זיצאָרט פון יודענראַט אויף דער גזשיבאָווסקע גאַס.

דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין דער יידישער אליינהילף, האָט געמוזט האָבן זיין פאַרטרויונגסמאַן און פאָרשטייער, זיין וואָרטזאָגער אויך אין יענער אינסטאַנץ. ווינטער איז געוואָרן דער פאַרבינדונגסמאַן צווישן אָט די ביידע הייזער.

*

איך ווייס נישט איבערצוגעבן קיין פּרטים וועגן דעם, דורך וועמען שמואל ווינטער איז דעלעגירט אָדער נאָמינירט געוואָרן אַלס מיטגליד פון יודענראַט. ווינטער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ וויכטיקער תבואה־סוחר און עקספּאָרטער, אַ מיטגליד פון דער מלוכהשער האַנדלס־קאַמער, האָט ער אַלס ווירטשאַפטלעכער פאַכמאַן פאַרנומען איינעם פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין דער אינערלעכער היעראַרכיע פון געטאָ — די לייטונג פון דעם פאַרזאָרגונגסאָפּטייל אין דעם אַפּראָוויזאַציע־אַמט, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער געוועזענער גרויסער אייזן־סוחר פון וואַרשע אַברהם געפּנער.

ווי וויכטיק איז געווען, אַז אין שפּיץ פון אַן אינסטאַנץ וואָס האָט געהאַט צו טון מיט דער באַשפּייזונג פון דעם איבערבאַפעלקערטן, אין געראַנגל מיטן הונגערטויט פאַרשטריקטן „יידישן קוואַרטאַל", זאָל שטיין אַ מענטש מיט ריינע הענט און מיט די העכסטע מאָראַלישע קוואַליטעטן.

און דאָך האָט אויך ווינטער — מיט געפּנערס וויסן און הסכמה — געמאַכט „מיסברויכן". אַראָפּגענומען „מעשר" פון די צוגעטיילטע אַרטיקלען און פּראָדוקטן פאַר די צילן פון דערהאַלטן ביים לעבן דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו, די קאַדרען. אַזאַ לאָזונג איז געוואָרן אויסגעטראָגן דורך דער אָנפירערשאַפט אין די ערשטע אָקופּאַציעטעג. ווער עס האָט געזאָרגט פאַר די פּאָליטישע מנהיגים, פאַר טוער און אָנפירער פון יעטוועדער באַפאַרבונג; ווינטער האָט אין זין געהאַט די וואָס זענען געווען ווירטשאַפטלעך אַמשוואַכסטן און לויט זייער נאַטור אַמווייניקסטן פעיק זיך צו ראַנגלען מיטן אונטערגאַנג. ער האָט געזאָרגט פאַר שרייבער און פאַר קינסטלער, פאַר וויסנשאַפטלער, פאַר יוגנט און פאַר קינדער, פאַר זייערע לערער. אַ חוץ די אָפיציעלע צוטיילונגען פון שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זענען אין מינימאַלסטע קוואַנטומס און אין דער ערגסטער קוואַליטעט געגעבן געוואָרן פאַרן געטאָ דורך דער אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע, זענען געווען נאָך אַנדערע מקורות פאַר באַשפּייזונג פון דעם יידישן קוואַרטאַל. מיטן מאָביליזירן געלט־מיטלען האָט זיך פאַרנומען דוד גוזיק, איינער פון די דזשוינט־דירעקטאָרן אין פּוילן פון פאַר דער מלחמה. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט גרויסע גבירים, וואָס האָבן פאַרמאָגט געהיימע געלט־קאָנטאָס אויפן שטח

פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער און האָבן מסכּים געווען אָנצוטרויען די דזשוינט־פּאַרטרעטערס גרויסע סומעס אַלס הלוואות אויף אויסצוצאָלן נאָך דער מלחמה. פאַר אָט דעם געלט זענען געקויפט געוואָרן שפּייז־פּראָדוקטן פון אומלעגאַלן האַנדל און שמוגל. פון אָט דער קוועלע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע הילף אין דער פאָרם פון שפּייז־פּעקלעך פאַר דער דערמאָנטער קאַטעגאָריע מענטשן און אויך הילף אין פאָרם פון חודשלעכע געלט־סומעס פאַר די פון זיי, וואָס זענען געבליבן אינגאַנצן אָן אַ יעדער אַרבעט און לעבנס־באַזע.

פון אָט דער קוועלע זענען מיט דער צייט פינאַנסירט געוואָרן אויך די קולטור־אַקטיוויטעטן צווישן די נישט נאָר אויף פיזישן, נאָר אויך אויף גייסטיקן אונטערגאַנג פאַרמשפּטע יידישע מאַסן. פון אַ גאָר ספּעציפישן אינטערעס מצד ווינטערן האָט גענאָסן דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום.

*

פון דער תּקופה פאַרן גירוש געדענק איך בלויז איין פּערזענלעכע באַגעגעניש מיינע מיט ווינטערן. עס איז געווען עטלעכע חדשים נאָכן טויט פון דער פּסיכאָלאָגין ראָזע סימכאָוויטש, וועלכע איז געשטאָרבן פון טיפוס, אין האַרבסט 1941. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מיך ווינטער פאַרבעטן דורך אַ שליח אַרויפצוקומען נאָך דער אַרבעט צו אים אין ביוראָ אויף לעשנאָ גאַס. ער האָט מיך געבעטן זיך צו דערוויסן, צי איז פאַראַן אַ מצבה אויף ראָזעס קבר. דער צוגאַנג אויף דעם גענשער בית־עולם איז שוין דאַמאָלט געווען אָפּגעשניטן און איך האָב זיך אונטערגענומען צו זיין ביי אירע פריינד אויף גזשיבאָווסקע, ווי אויך זען זיך אין דעם ענין מיט ד״ר לייפּונער — דעם אַלט־באַקאַנטן דאָקטער פון די יידיש־ליטעראַרישע קרייזן, וועלכע איז, ווייזט אויס, געווען ראָזעס אַ פערזענלעכער פריינד אָדער אַ קרוב. אין דעם געשפּרעך האָט ווינטער מרמז געווען, אַז ער ווייסט וועגן אַ באַשרייבונג א״ט „אַ פאָלקס־קיך אין געטאָ” און דערפון איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נאָענט צו דער געהיימער אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך ד״ר רינגעלבלום. איך האָב מיך שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט איבערגעצייגט, אַז ביי דער גאַנצער שטרענגקייט פון זיין קאָנספּיראַציע, האָט רינגעלבלום אַביסל ליב געהאַט זיך צו באַרימען מיט געוויסע אַרבעטן פון זיין זאַמלונג.

איך דערמאָן זיך, ווי דורך אַ חלום, אַז איך האָב זיך דערפרעגט צו ד״ר לייפּונער, ערגעץ אויף נאָוואָליפּקי גאַס, אָפּגערעדט מיט אים וואָס מען האָט צו פאָדערן פון די „פּני”, כּדי צו שטעלן ראָזע סימכאָוויטש אַ מצבה. צום איבערגעבן ווינטערן די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן געשפּרעך איז שוין אָבער קיינמאָל נישט דערגאַנגען. עס איז געווען אַפּריל — אַ פּאָר טעג פאַר יענעם טראַגיש־באַרימטן פרייטאָג ביינאַכט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די תּקופה פון ביינאַכטיקע געסטאַפּאָ־באַזוכן, פאַרבונדן מיטן אַרויסשלעפּן פון באַשטימטע ווינונגען איינצלנע מענטשן און זיי אַוועקשיסן אויף דער גאַס. אין דער נאַכט פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל האָט מען אויסגעשאָסן עטלעכע און פופציק אָרגאַניזאַטאָרן און געלט־שפּענדער (בעיקר בעקערס), רעדאַקטאָרן און דרוקערס פון דער געהיימער פּרעסע. צווישן די דערמאָרדעטע האָט זיך געפונען דער פייערדיקער אָנפירער פון „ייקאָר” מג״ר מנחם לינדער. אַ טייל פון די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אין טיפערן הינטערגרונט פון דער פּרעסע און פון דער געהיימער קולטור־פּאָליטישער אַקטיוויטעט אין געטאָ, זענען געוואָרנט געוואָרן דורך די יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, אַז זיי דאַרפן זיך היטן. די טעטיקייטן זענען צייטווייליק געוואָרן „פונאַנדערגעלאָדן”. די עסקנים האָבן אויפגעהערט צו נעכטיקן אין זייערע היימען. צו זיי האָבן געהערט אויך ד״ר עמנואל רינגעלבלום און שמואל ווינטער. די ביינאַכטיקע הריגות פלעגן פאָרקומען עטלעכע מאָל אין דער וואָך און זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אַקט פון דעם „פאָרטעראָר” — אַ טייל פון דער הקדמה צו דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. די שפּאַנונג, די פּאַניק איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און מען האָט שוין וועגן קיין מצבות אויף קברים נישט געזאָלט מער רעדן. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט, אויף וועלכער עס איז אָנגעווענדט דער פּסוק, אַז די לעבעדיקע וועלן מקנא זיין די טויטע.

*

מיין צווייטע באַגעגעניש מיט ווינטערן איז פאָרגעקומען אין דער הפסקה צווישן דער ערשטער און צווייטער אַקציע. בשעת דער ערשטער אַקציע, וועלכע האָט געדויערט פון 22סטן יולי ביז דעם 13טן סעפּטעמבער 1942 זענען העכער דריי מאָל הונדערט טויזנט יידן געוואָרן אַרויסגעפירט און אומגעבראַכט אין טרעבלינקע. אַלע האָבן זיך דאַמאָלט געקלאַמערט אין אַרבעט. איך האָב מיך געראַטעוועט דער עיקר אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. די פאָלקס־קיך אויף לעשנאָ 40, מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט אין דער ראַם פון דער סאָציאַלער אַליינהילף זינט דעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שאָפּ־קיך”. דער יידישער אַפּראָוויזאַציע־דירעקטאָר פון די טעבענס־אונטערנעמונגען האָט באַזעצט די „שליסל־פּאָזיציעס” פון אָט דער כלומרשטער „לעבנס־פעסטונג” מיט זיינע פּראָטעגירטע און כּדי איך זאָל אים נישט צופיל שטערן אין זיינע געשעפטן, נישט פּרוּוון זיך איינשטעלן פאַר די רעכט פון די מענטשן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט מיר אָט די קיך אויפגעשטעלט, האָט ער מיך אין משך פון איין וואָך אַרויסגעשטויסן פון אַלע פונקציעס און צום סוף מיך אויף אַ „דעליקאַטן אופן” משלח געווען „אויף אורלויב”, נאָכשיקנדיק מיר יעדן טאָג אַ היים אַ באַנקעלע זופּ...

אין דער דירה פון מיין קוזין ד״ר ראובן פעלדשו אויף לעשנאָ 66, ווו איך האָב געוווינט זינט דעם ערשטן מלחמה־ווינטער, האָט זיך געפונען אַ קעלערל, אין וועלכן איך בין געבליבן זיצן אין איינעם מיט דער משפּחה פעלדשו און נאָך זיבן מענטשן און מיר האָבן פאַרשפּאָרט אויסצומאַרשירן דעם 6טן סעפּטעמבער צו דער גרויסער סעלעקציע, וואָס איז געוואָרן איינגעאָרדנט אין פּירעק פון די גאַסן גענשע, זאַמענהאָף, מילע, סמאָטשע. אין דעם דאָזיקן „קעסל” האָט ראַטנער די העכער 30 „לעבנס־נומערן”, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַרן פּערסאָנאַל פון דער קיך אויף לעשנאָ 40, פאַרטיילט צווישן זיינע מקורבים און פון די 18 אמתע אַרבעטער זענען באַפרייט געוואָרן בלויז דריי יונגע מיידלעך — אָן נומערן. זיי זענען אומגעקומען אין אַ שפּעטערדיקן טערמין. מיר עלף זענען ניצול געוואָרן אין באַהעלטעניש אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דעם, וואָס אין דער אָפּיצינע איבער אונזערע קעפּ האָט באַלד אין די ערשטע שעהן נאָכן אויסמאַרש אויסגעבראָכן אַ שׂריפה און אַ דאַנק דעם האָבן דאָרט די „קאָנטראָלערן” נישט אַריינגעשמעקט. פון די עלף מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אין קעלערל און פון די 64 וואָס האָבן פון דער דירה אויסמאַרשירט און פון דעם גרויסן הויז מיט יידן, מיט אינעווייניקסטע הייף, מיט אָפּיצינעס און מיט אַ צען מאָל אַזויפיל תּושבים, ווי פאַר דער מלחמה — זענען אין לעצטן סך הכּל געבליבן לעבן צוויי. פון די 18 אמתע און 35 דורך ראַטנערן צוגעשריבענע

מיטאַרבעטער פון דער קיך, וועלכע זענען אַוועק אין „קעסל" פון לעשנאַ 40, קיין איינער נישט. ראָטנער גופא איז געוואָרן ליקווידירט אין יאָר 1943 לויט אַ פסק דין פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע...

נאָך דעם 13טן סעפּטעמבער האָבן זיך צען מענטשן פונעם קעלערל צעשאָטן איבער פאַרשידענע שאָפּן. איך בין געבליבן אַליין מיט נייע צופעליקע מענטשן אין דער האַלב־פאַרברענטער, אויסגערויבטער און דורך האַרבסטיקן רעגן פאַרגאָסענער דירה; צוריקגעגאַנגען נאָך דער אַקציע אַרבעטן אין מיין קיך אַלס קאַרטאָפל־שיילערין. די טעג זענען געווען קורצע און פינצטערע, יעדע צווייטע, דריטע נאַכט פלעג איך מוזן בלייבן קאָכן פאַר די ביינאַכטיקע אַרבעטער און בין שיר נישט אויסגעגאַנגען אין דער צייט פאַר טרויער און איינזאַמקייט אויפן שטח פון מלכות־טעבענס.

און אָט דאַמאָלט איז צו מיר ווידער געקומען אַ שליח און מיך גערופן קומען אין צענטראַלן געטאָ צו שמואל ווינטער אויף פראַנציסקאַנער 30. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן באַנייען די אַרבעט פון געהיימען אַרכיוו.

איך האָב זיך באַפרייט אויף אַ טאָג פון דער אַרבעט אין קיך און איך האָב מיך אַוועקגעלאָזט מיט אַן אַרבעטס־גרופּע פון לעשנע דורך דעם „ווילדן" שטח לענגאויס קאַרמעליצקע, דורך נאָוואָליפּקי ביז צום טויער פון „רעסט־געטאָ" אויפן ראָג פון גענשע־זאַמענהאָף.

„ווי איבער דער לאַנדשאַפט פון אַ טרויעריקן חלום..." — דאָס דאָזיקע פאַרטאָגיקע שפּאַנען פון פאַריתומטע מענטשן איבער די ליידיקע גאַסן, אויף וועלכע די פלאַטערנדיקע פלאָקנס פון ערשטן שניי האָבן זיך געמישט מיט פליענדיקע פעדערן, אַרויסגעלאָזטע פון יידישע איבערבעטן... די שורות אויסגעליידיקטע הייזער מיט פלאַטערנדיקע, צעפליקטע פאָרהאַנגען, אין געשפּענסטיש צעפראַלטע אָפענע פענצטערס מיט אָפּגעבראָכענע זאַוויעסעס — האָב איך באַשריבן אין מיין „געוויין פון טויטע זאַכן" און איך וועל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן דערויף. אויך וועל איך נישט באַשרייבן די באַגעגענישן פון דאָזיקן טאָג, וואָס האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון, בלויז מיין דאַמאָלטיקע טרעפונג מיט ווינטערן.


אַנדערע כלל־טוערס, צווישן זיי יצחק גיטערמאַן, האָבן מיך באַגריסט ווי אַ צוריקגעקומענע פון יענער וועלט. בכלל נישט געוווסט אַז איך האָב זיך געראַטעוועט. ווינטער האָט געהאַט אַ ידיעה אַז איך לעב פון אַ יידישן פּאָליציאַנט. איך האָב אים געטראָפן אין הויז אויף פראַנציסקאַנער 30, וואָס איז צוזאַמען מיטן הויף און די אָפיצינען געווען באַזעצט דורך דער אַפּראָוויזאַציע אַנשטאַלט. ער איז נאָך געווען אינגאַנצן פאַרטראָגן, ווי שיכור, פון זיין גרויסן ווייטיק נאָכן אַרויספירן זיין פרוי מיטן יונגסטן זון... אַרויס פון זיין שטייגער שווייגן, האָט ער געבײַלט די פויסט און געקלאַפּט אין טיש מיט אַ מעכטיקער שנאה און נקמה־דורשט.

— אַזאַ, אַזאַ דייטשקע וואָלט איך וועלן הרגענען — אַזאַ ווי מיין פרוי איז געווען. אַזאַ ווייב, אַזאַ מאַמע, אַזאַ באַלעבאָסטע...

ערשט נאָך דער מלחמה בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט געפונען דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו נקמה. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם פינאַנץ־קאָמיטעט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר געלט אויף צו קויפן געווער; געגליט און געברענט מיט זיין רייפן, טראַגישן פלאַם.

ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס פון רינגעלבלומען, דערציילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ טישלער־שאָפּ אויף נאָוואָליפּקי. ער האָט דאָרט איבערגענומען די פונקציעס פון אַן אַפּראָוויזאַציע־באַאַמטן און קומט יעדע וואָך 1—2 מאָל אויף פראַנציסקאַנסקע 30 „פאַסעווען" שפּייז־צוטיילונגען פאַר די יידן פון זיין שאָפּ. זיי האָבן באַשלאָסן מיר פאָרצולייגן איך זאָל פאַרלאָזן דאָס טעבענס־געביט, זיך אַריבערטראָגן אַרבעטן אין דער פאַבריק פון קינסטלעכן האָניק און צוקערלעך, וואָס געהערט צו דער פאַרזאָרגונס־אַנשטאַלט און געפינט זיך אין זעלביקן הויף. דער לייטער פון דער פאַבריק איז דער געוועזענער דאַנציקער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פאָלקס־צייטונג" מיטן נאָמען גרינבערג, דער זעלבער גרינבערג, וועגן וועלכן מען האָט מיר שוין דערציילט אַ טראַגיקאָמישן פאַקט, וואָס האָט מיך פערזענלעך זייער גערירט. נאָך דער „ווילדער אַקציע", וואָס איז פאָרגעקומען יום־כיפור און געוואָרן אויסגעפירט דורך אַ שופּאָ־אָפּטייל, וועלכן מען האָט געוואָלט אויסאיבן אין דער טעכניק

אַ זייטל פון שמואל ווינטערס טאָג־בוך — דף מיומנו של שמואל ווינטר.



פון מאַכן אַקציעס, — זענען די געכאַפּטע געבליבן זיצן אַ שטיק צייט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אַ טייל פון זיי זענען פון דאָרט געוואָרן אויסגעקויפט. איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אויך איך געפין זיך צווישן די געכאַפּטע. ווען דער קלאַנג איז דערגאַנגען צו גרינבערגן, איז ער געקומען צו ווינטערן, אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ 500 זלאָטי־באַנקנאָט און געפאָדערט צונויפצושטעלן אַ סומע געלט און שיקן אַ יידישן פּאָליציאַנט מיך אויסקויפן פון אומשלאַג־פּלאַץ. איצט האָט גרינבערג געדאַרפט ווערן מיין שעף.

ווען איך וועל אַהער אַריבערגיין, וויל מען איך זאָל זיך נעמען פאַרשרייבן עדויות וועגן טרעבלינקע. אין געטאָ זענען שוין פאַראַן עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען פון דאָרט אַנטלאָפן און עס איז פאַראַן אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ געהיימע בראָשור וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט יעדן ייד, וואָס וועט זיך לאָזן אַרויספירן פון וואַרשע.

איך נעם תיכף אָן דעם פאָרשלאַג און לאָז זיך אַוועק הויף־אויס הויף־איין דורך אויסגעהאַקטע לעכער און די פאַרקענעס אויף קוזשע־גאַס צום קוואַרטיר־אַמט פון דעם נייעם יודענראַט, מען זאָל מיר צוטיילן אַ דירה.

פאַר דעם נעמט מיך נאָך ווינטער אַרויף צו זיך אין שטוב אין צווייטן טרעפּן־הויז, וואַהין ער האָט זיך אַריינגעצויגן נאָך בשעת דער אַקציע, אינאיינעם מיטן צווייטן זון און מיט דער טאָכטער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט. זיי זענען שוין אָבער נישט צוויי, נאָר פיר. די טאָכטער און דער זון האָבן געבראַכט צו אים נאָך אַ יינגל מיט אַ מיידל — געבליבענע אָן עלטערן בשעת דער אַקציע — און ער האַלט ביי זיך די צוויי יונגע פאָרפעלקער, וועלכע זענען אויך צוגעשריבן צום אַפּראָוויזאַציע־בלאָק.

איך געדענק דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר דאַמאָלט געמאַכט די אויפגערוימטע, באַהייצטע דירה, דאָס היימישע געקעכטס. וואָס ווינטערס שנור האָט דערלאַנגט צום טיש. זי האָט אויסגעזען ווי אַ גימנאַזיסטקע מיט אירע צוויי לאַנגע צעפּ. איך געדענק ווי עס האָט מיך גערירט די צערטלעכקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון די אָפּגעצערטע שיינע פּנימער, וועלכע האָבן געשיינט אין זייער ערשטן — אַזוי טראַגישן, אַזוי פון פאָרויס פאַרמשפּטן ליבע־גליק.

אין צוויי וואָכן אַרום — די ערשטע טעג דעצעמבער — האָב איך שוין געוווינט אין אַ דירה פון דעם האָניק־בלאָק אויף נאַלעווקי 37. מיין לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט דערמיט, וואָס איך בין איצט געווען פרייער, אַרומגערינגלט מיט פריינד. די אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע, ווי אויף לעשנאָ. איך האָב באַקומען ברוינעם צוקער און קינסטלעכן האָניק צו דער זעט און האָב זיך אין גיכן דערפילט אַ ביסל שטאַרקער.

אויך האָב איך באַקומען צוגעטיילט קאַרביד און פּעקלעך גרויסע ליכט — צו קאָנען אויפזיין ביי נאַכט. מיין שכן אין דער שותּפותדיקער דירה אויף נאַלעווקי 37 איז אַ יונגער מענטש מיטן נאָמען אַברהם קזשעפּיצקי, וועלכער האָט געשטאַמט פון דאַנציק און איז דעם 13טן סעפּטעמבער — בסך הכל מיט צוויי חדשים צוריק — אַנטלאָפן פון טרעבלינקע. איך זיץ מיט אים יעדן אָוונט ביז שפּעט ביי נאַכט און פאַרשרייב זיין מוראדיקע שילדערונג פון די אַכצן טעג, וואָס ער איז אָפּגעווען אין טויטן־לאַגער. מיר קוקן צוזאַמען איבער די פאַרשריבענע בלעטער און קזשעפּיצקי טראָגט זיי אַוועק אויף צוזאָמגנס דורך די בוידעמער און הויף־דורכגענג אויף שווענטאָיערסקע־גאַס, גיט זיי איבער יעקב פּראַשקערן, זיין ראש הקבוצה פון הנוער הציוני, און פון דאָרט ווערן זיי איבערגענומען דורך אליהו גוטקאָווסקי, איינעם פון די סעקרעטאַרן פון געהיימען אַרכיוו, מיט וועלכן איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג אויף לעשנאָ נאָך פאַר דער אַקציע.

ווען איך טרעף זיך מיט ווינטערן הער איך אָפּרופן וועגן מיין כתב־יד. ער זעט זיך מיט רינגלבלומען און רינגעלבלום רעפּערירט וועגן די מאַטעריאַלן, וואָס פליסן איין אין אַרכיוו. איין מאָל, צוויי מאָל אין דער וואָך ווער איך „קראַנק”, איך באַקום אַ טאָג זיך אָפּצורוען און — צואיילן די אַרבעט.

אין דער פאַבריק טרעף איך זיך מיטן פּאָעט יוסף קירמאַן, וועלכער איז דאָ גלייך מיט מיר איינגעאָרדנט געוואָרן דורך ווינטערן. אין ביוראָ פון פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט אַרבעט אַלס בוכהאַלטער יהושע פּערלע, אונטער נאָך עפּעס אַ פּרעטעקסט דרייט זיך אַרום אין אַפּראָוויזאַציע־אַמט דער געוועזענער רעדאַקציע־מיטגליד פון „מאָמענט” י. י. פּראָפּוס, וועלכער איז פריער געווען מיינער אַ שכן אויף לעשנאָ. מיר געהערן צו די געציילטע מענטשן פון דער ליטעראַרישער משפּחה, וועלכע זענען אַנטרונען פון דעם גירוש. דער טרויער נאָך די פאַרלוירענע אין דער אַקציע, די זאָרג פאַר אייגענע, וואָס געפינען זיך אין דער פּראָווינץ, אין אַ לאַגער אָדער אויף דער אַרישער זייט — די איוב־בשורות פון יידישע שטעט — דאָס נייע אומגליק און נייע סכנות, וואָס הענגען איבערן איינגעשרומפּענעם געטאָ— דריקט אויף אונז פון אַלע זייטן.

און דאָך קאָנען מיר אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָנקלויבן אַ ביסל כוח פאַר די מוראדיקע ווייטערע צרות — ווינטער זאָרגט פאַר אונז ווי אַ געטרייער ברודער, ווי אַ פאָטער

✶


און דאָס אומפאַרמיידלעכע קומט אָן. דעם 18טן יאַנואַר 1943 ברעכט אויס די צווייטע אַקציע. זי דויערט „בלויז” פיר טעג, זי אַנטפּלעקט די געענדערטע שטעלונג פון דעם רעשט יידן פאַרבליבענע אין געטאָ. קיינער גלויבט נישט מער אין די דייטשע ליגנס, קיינער גייט נישט מיט גוטן, סיידן מענטשן אַרויסגעשלעפּטע פון בונקערס. פאַראַן ביי אַ זעקס—זיבן טויזנט קרבנות, אַרויסגעפירטע אָדער געשאָסענע אויפן אָרט, אָבער אויך די ערשטע פאַרטיידיקונגס־אַקטן, די ערשטע דייטשן געפאַלענע פון יידישע קוילן.

נאָכן אַרויסקומען פון די בונקערס דערגרייכט אונז די בשורה פון סטאַלינגראַד. טראַגיש־געהויבענע שטימונגען, אָבער אויך נייע בהלות. די דייטשן ווילן דווקא איצטער וואָס מער צעטומלען סיי די יידישע סיי די פּוילישע באַפעלקערונג.

געדענק איך אַזאַ עפּיזאָד, וואָס האָט אַ שייכות צו שמואל ווינטערן און יהושע פּערלען.

פאַרן אויסברוך פון דער אַקציע האָב איך געהאַט באַקומען פון פּערלען דעם מאַנוסקריפּט פון צווייטן באַנד פון זיין ראָמאַן „יידן פון אַ גאַנץ יאָר”. איך האָב אים געהאַלטן מיט מיר, זיצנדיק אין מיין באַהעלטעניש אויף נאַלעווקי 37 און ווי נאָר די אַקציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך אים דורך אַברהם קזשעפּיצקין אָפּגעשיקט אויף פראַנציסקאַנער 30. דאָרט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פּערלע מיט זיין זון האָבן זיך איבערגעטראָגן צו טעבענסן.

אין צענטראַלן געטאָ איז אויף צוזאָגנס נאָך דער אַקציע אָנגעקומען אַ „האַלב אָפיציעלע” ידיעה, אַז אַלע איינוווינער פון דאָזיקן געביט וועלן זיך דאַרפן אין משך פון דריי טעג אַריבערטראָגן אויף מוראַנאָווסקע און ניסקע — די פאָרלעצטע זייטן־גאַס פון דזשיקע, אַ שריט פון סטאַווקי, אַ שפּאַן צום אומשלאַג־פּלאַץ, צו דעם אָרט, פון וואַנען עס גייען אָפּ די טראַנספּאָרטן קיין טרעבלינקע. אָט די ידיעה רופט אַרויס אַ כוואַליע פון אַנטלויפן אויף די שאָפּ־געביטן.



נישט טרעפנדיק פערלען, האָט קזשעפּיצקי איבערגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט ווינטערן און ער האָט אים מיטגעגעבן פּאַר פּערלען אינאיינעם מיטן באַגאַזש פון זיינע פיר יונגע, וועלכע האָבן אויסגעפוצט דעם טאַטנס פּראָטעקציע און זענען אויך אַריבערגעגאַנגען אויף לעשנאָ. אין אַ טאָג־צוויי אַרום האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די גזירה פון פאַרקלענערן דאָס צענטראַלע געטאָ ווערט נישט אויסגעפירט און דאַקעגן איז ביי טעבענסן אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן פון זיינע שאָפּן דאַרפן ווערן איבערגעפירט אין לאַגער פּאָניאַטאָווע נעבן לובלין. תיכף ומיד האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון לויפן צוריק אין צענטראַלן געטאָ. בעת אָט דער לויפעניש איז דאָס בעטגעוואַנד פון ווינטערס קינדער געוואָרן צוגערויבט און פּערלעס מאַנוסקריפּט בתוכו.

אָט אַזוי איז געגאַנגען לאיבוד דער המשך פון פּערלעס בעסטן ווערק און איך געדענק ווינטערס צער און זיינע וואָכנלאַנגע נאָכפרעגענישן און פּרוּוון אָפּצוגעפינען און אויסצוקויפן מיט דער הילף פון שמוגלערס און אונטערגעקויפטע זשאַנדאַרן דעם פאַרלוירענעם כתב־יד.

דער מאַנוסקריפּט האָט זיך נישט אָפּגעפונען און ווינטער, פּונקט ווי איך, האָבן זיך נישט געקענט מוחל זיין הלמאי מיר האָבן נישט ווילנדיק גורם געווען צו אַזאַ אַבידה. איך דערצייל עס, כדי בולט צו מאַכן ווי גרויס עס איז געווען ווינטערס באַציונג צום יידישן שרייבער און זיינע ווערק, אַ וואָסער אָרט זי האָט פאַרנומען אין זיין באַוווסטזיין, אַז ער האָט אין דער דאַמאָלטיקער בהלה געקאָנט אין זינען האָבן דעם ענין.

דאַקעגן האָט פּערלע אויפגענומען דאָס דאָזיקע אומגליק מיטן גרעסטן סטאָיציזם. נישט איך, נישט ווינטער, האָבן נישט געהערט פון אים די מינדסטע טענה, קיין איין וואָרט פון פאַרדרוס. ער האָט געזען דערין בלויז אַ קליינעם פּרט אין דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפּע, אין וועלכער מיר האָבן געשטעקט ביז איבערן קאָפּ.

צווישן די מאַטעריאַלן פונעם אויסגעגראָבענעם רינגעלבלום־אַרכיוו האָט זיך נאָך דער מלחמה אָפּגעפונען זיינע אַ גרויסע באַשרייבונג פון דער גירוש־אַקציע. וואַרשיינלעך האָט ער זי געשריבן אויף פראַנצישקאַנער־גאַס. זייענדיק אַריינגעטון אין באַשרייבן די גרויסע דראַמע, האָט ער נישט קיין אַכט געלייגט אויף דעם פאַרלוסט. ער מיט זיין זון זענען אומגעקומען אין אוישוויץ אַלס קרבנות פון דער אַפערע „האָטעל פּאָלסקי". איך האָב דעם פאַרלוסט פון איינעם פון אונזערע וויכטיקסטע פּראָזאַיקער און פון זיינעם אַ וויכטיקן ווערק נישט פאַרשמערצט ביזן היינטיקן טאָג. וואָרום דווקא ער און דווקא דער דערמאָנטער באַנד פון זיינע שריפטן האָבן זיך יאָ געקענט ראַטעווען.

✶

נאָך דער צווייטער אַקציע האָט זיך שוין אַפילו קיין שאָטן פון אַ מין געאָרדנט לעבן מער נישט איינגעשטעלט. דער איצט האָט זיך שוין נישט גערעכנט מער — דער לעצטער אַקט האָט זיך דערנענטערט און צו אים האָט מען זיך געגרייט אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּאָ. אַרישע זייט אָדער אַ בונקער, דאָס זענען געווען די צוויי דרכים צו פּרוּוון דערלעבן די באַפרייונג, וואָס איז דווקא איצט, נאָך דער בשורה פון סטאַלינגראַד, געווען מער רעאַל, מער וואַרשיינלעך, ווי ווען נישט איז.

וועלכע פון די ביידע וועגן האָט אויסגעקליבן ווינטער פּאַר זיך און זיינע קינדער?

ביי מיר איז רייף געוואָרן דער פּלאַן אַרויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט, און ווען איך בין אין די ערשטע טעג מערץ 1943 געקומען אויף פראַנצישקאַנער 30 זיך געזעגענען מיט ווינטערן, איז אונזער געשפּרעך אַרויפגעקומען אויף די צוויי יונגע פּאָרפעלקער ביי אים אין שטוב, אין דעם ערשטן אויפבלי פון אַ שותפותדיקן גורל. וואָס וועט זיין מיט זיי?

איך האָב מיך נאָך אַליין נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי וועל איך דאָס „דאָרטן" קאָנען אָנהויבן צו לעבן, זיך באַוועגן איבער גאַסן אַלס אַ פּוילישע פרוי אונטער אַ פרעמדן נאָמען. שוין דער וועג אַליין פון שווענטאָיערסקע, פון וואַנען איך האָב געזאָלט ווערן „אַריבערגעוואָרפן", ביז צו אַ הויז אויף ראָג מאַרשאַלקאָווסקיע־פּיוסאַ, ווי עס האָט אויף מיר (מכלומרשט) געוואַרט אַן אָרט צום וווינען — איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ מין אומוואַרשיינלעכע עקספּע־

דיציע אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט. ווי אַזוי וועל איך דאָרט קאָנען עפּעס אויפטון פאַר עמיצן אַנדערש? דאָך האָב איך אָנגעבאָטן ווינ־טערן זיך דאָרט נאָכצופרעגן, אים צוּוויסן טון. איידער איך בין אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער, האָב איך זיך אַדורכגערעדט מיט ד״ר רינגעלבלומען, וועלכן איך האָב דאָ פּונקט געטראָפן. ער האָט מיר אָנגעגעבן אַ פאַרבינדונגס־טעלעפאָן ביי אים אין שאָפּ, דורך וועלכן ער וועט פאַר מיר אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט ד״ר בערמאַן.

בערמאַן איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט צוזאַמען מיט זיין פרוי באַשיע שוין מיט בערך אַ האַלב יאָר צוריק, פאַרן סוף פון דער ערשטער אַקציע און זיי האָבן שוין דאָרט באַוויזן אויפ־צושטעלן דעם „ראַט צו העלפן יידן". איך האָב נאָך פריער געהערט אַז אויך אויף דער יידישער זייט איז פאַראַן אַ קאָמיטעט, מיט וועלכן עס פירט אָן מנחם קאָן. דער דאָזיקער קאָמיטעט דיספּאָנירט מיט אַ געוויסן קאַפּיטאַל און פינאַנסירט דאָס אַרויסגיין און איינאָרדענען אויף דער אַרישער זייט מענטשן פון געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו.

איך האָב מיט אָט דעם קאָמיטעט נישט געהאַט ביז איצט צו טון און נישט בדעה געהאַט זיך צו אים צו ווענדן. ווען איך בין אָבער אַריינגעגאַנגען צו ווינטערן, האָב איך אים געפרעגט הלמאַי גייט ער נישט, פאַרוואָס שיקט ער נישט אַרויס די יונגע? און ביי דער געלעגנהייט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט נאָך איין שטריך פון ווינטערס כאַראַקטער. ער האָט זיך עפּעס ווי באַליידיקט, וואָס מען סוגערירט אים, אַז ער וועט פאַרלאָזן זיין אַמט, זיינע מיטאַר־בעטער, מסתמא געמיינט דערמיט אויך יענעם לגמרי נישט אָפיציעלן אַמט, וואָס ער האָט אויסגעפירט לטובת דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

— וואָס הייסט עפּעס איך וועל אַרויסגיין? אַלע קענען נישט אַרויסגיין. פּונקט איך וועל אַרויסגיין? און וואָס וועט זיין מיט די, וועלכע האָבן נישט פון וואַנען אַרויסצוגיין?

— עס איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ פאָנד...

ווען איך האָב דערמאָנט דעם פאָנד, האָט זיך פּלוצעם ווינטער נאָך מער צעבייזערט, ממש רויט געוואָרן פון כעס.

— ווער וועט דאָס גיין באַשטימען, ווער עס דאַרף אַרויסצוגיין און ווער נישט? ווער עס איז חשובער? דאַמאָלט ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעבן, נעמט זיך אימיצער דאָס רעכט צו באַשטימען ווער עס איז וויכטיקער צום בלייבן לעבן?!

איך האָב שוין איינמאָל געהערט פון ווינטערן עפּעס אומרעאַלע רייד וועגן אַן אַקציע, וואָס מען דאַרף אָרגאַניזירן אויף דער אַרי־שער זייט; שאַפן דאָרט אַ שטרענג קאָנפידענציאָנעלע געזעלשאַפט, וועלכע וועט באַקומען אַ רשימה פון אַדרעסן פון די פּונקטן אין געטאָ, ווו עס געפינען זיך אונטערערדישע בונקערס און זי וועט איבער זיי וואַכן אין משך פון דער צייט, וואָס מוז נאָך פאַרגיין ביז דער באַפרייונג. איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דאָס געטאָ נישט פאַרלאָזן. ער וועט זיך העכסטנס איינגראָבן לעבעדיקערהייט אין דער אונטערערדישער געטאָ־פעסטונג. און ווען עס וועט קומען דער לעצטער איבערפאַל פון די רוצחים וועט ער זיין פון די, וועלכע וועלן אָט די לעצטע שרעקלעכסטע פעסטונג נישט פאַרלאָזן. ער וויל נישט זיין פון די וועלכע האַלטן זיך „חשובער פון אַנדערע צום בלייבן לעבן". ער וואָס האָט געשאַפן געלט פאַר אַזויפיל צילן, פאַר אַזויפיל מענטשן, וועט פון דעם געלט אַליין נישט געניסן.

— אָבער די יונגע, זיינע יונגע קינדער — צי וויל ער אויך זיי מפקיר זיין?

איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיט דעם געדאַנק האָט ער נאָך נישט איינגאַנצן משלים געווען. און איידער איך בין אַוועקגעגאַנגען מיטן טרויעריקן באַוווסטזיין, אַז איך זע דעם מענטש צום לעצטן מאָל — האָט ער מיר דאָך נאָך עפּעס אָנגעזאָגט אין לעצטן מאָמענט. ווי ער וואָלט דאָך נאָך וועלן יוצא זיין פאַר זיך אַליין — אפשר פאַרן זכר פון זיין פרוי, וועלכע איז אַוועקגעשוומען מיטן שטראָם פון אומקום, געלאָזט צוויי קינדער אויף זיין אַלייניקן באַראָט. ער האָט מיר אויפגעגעבן אַ פּוילישן נאָמען, וועלכן איך האָב אין ערשטן מאָמענט, מחמת זיין עטוואָס יידישלעכער אויסשפּראַך נישט באַלד געקאָנט דעשיפרירן: Czesław Klarner.

— איר געדענקט נישט דעם נאָמען? ער איז געווען דער האַנדלס־און אינדוסטריע־מיניסטער פון פּוילן. זוכט אים אויף. דוכט זיך, אַז ער איז נישט אַנטלאָפן. זאָגט אים, זאָגט אים אַז ווינטער בעט אים, ער זאָל אים ראַטעווען זיינע צוויי קינדער.

איך האָב זיך נאָך דער מלחמה נאָכגעפרעגט און געוואָר גע־וואָרן אַז ווינטער אַלס גרויסער תבואה־עקספּאָרטער איז געווען אַ מיטגליד פון דער מלוכהשער האַנדלס־קאַמער. פון דאָרטן האָט ער געקאָנט קלאַרנערן; זיך אָנגעמיט ביי אים אַ מין פּריוואַטע טובה, אים נאָך דער מלחמה אָפּצודאַנקען פאַר איר — בשעת ער איז פון קיין געזעלשאַפטלעכע טובות נישט גרייט געווען צו געניסן.

איך האָב אָבער קלאַרנערן אין משך פון די פינף וואָכן, וואָס זענען פאַרגאַנגען זינט מיין פאַרלאָזן דאָס געטאָ דעם 7טן מערץ ביזן אויסברוך פון דער דריטער אַקציע און אויפשטאַנד דעם 19טן אַפּריל — נישט באַוויזן צו געפינען.

ווינטער האָט מיר געגעבן אַ טעלעפאָן־נומער, עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז ווען איך וועל האָבן געפונען אַן אָרט אויף דער אַרישער זייט פאַר די צוויי פאָרפעלקער, וועל איך זיך פאַרבינדן מיט „זיגמונדן" (זלמן) פרידריך פון „בונד". צוזאַמען מיט אים וועל איך קאָנען באַשטימען און באַשטעטיקן די טראַנזאַקציע. איך האָב עטלעכע מאָל זיך דערקלונגען צו אַ שלאָסער־ווערקשטעל, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען „זיגמונדס" אַ מעלינע. יעדעס מאָל האָב איך אָבער באַקומען דעם ענטפער, אַז ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען. פון וואַנען ער דאַרף צוריקקומען, האָט מען מיר נישט געזאָגט. נאָר אַזוי ווי די צייט איז געלאָפן און איך האָב זיך בערך אַרום 15טן אַפּריל איינגעמאָלדן אין אַ געדונגענעם צימער אויף פּרוזשנע־גאַס רדג גזשיבאָווסקע אינאיינעם מיט נאָך אַזאַ „פאָלקע" ווי איך מיטן נאָמען סטאַניסלאַוואַ קרוליקאָווסקאַ (העלענא מערענהאָלץ) און געדונגען דאָס צימער מיט דער הילף פון אַ פּוילישער מעקלערין — האָב איך שבת דעם 17טן אַפּריל פון אַ טעלעפאָן אויף פּראַגע אָנגערופן דעם „פּאַן זימאָווסקי". ער איז עפּעס ווי צעמישט געוואָרן הערנדיק מיין שטימע, געווען באַאומרויקט וואָס איך קלינג אים:


— וואָס איז געשען? צי האָט איר עפּעס געהערט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— ניין, גאָרנישט, איך וויל זיגמונד זאָל מיך באַזוכן וועגן דער סחורה, איר ווייסט, מיר האָבן אָפּגערעדט...

איך האָב געמוזט איבעררייסן דאָס טעלעפאָנישע געשפּרעך אין דער „קליינער גאָספּאָדע" אויף דער סטאַלאָווע־גאַס, ווו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט צופיל אַזעלכע „פּאָליאַקן" און „פאָלקעס" ווי איך.

*

און נישט מיט ווינטערן, נישט מיט פרידריכן האָב איך שוין מער קיינמאָל נישט גערעדט. אַ פּאָר קליינע פּרטים וועגן ווינטערס גורל האָב איך געהערט אין יאָר 1948 פון מאַרעק עדעלמאַן, דעם גערא־טעוועטן אָנפירער פון דער בונדישער גרופּע געטאָ־קעמפער. ער איז געלעגן פאַרטייעט אויפן דאַך פון דער אָפיצינע אין דעם הויז אויף



אַן אָפּגעבּרענט בּלעטל פונעם טאָג־בוך, ווו שמואל ווינטער בּאַווייַנט דעם אומקום פון זיין פרוי טאַבּקאַ.

דף חרוך מהיומן, בו שמואל ווינטר מבכה אבדן אשתו טובקה.

פראַנציִשקאַנער 30, בשעת מען האָט נאָכן אַרייַנוואַרפן אַ טרערן־בּאָמבּע אַרויסגעפירט די מענטשן פון דעם גרויסן און שטאַרק־„בּאַפעסטיקטן" בּונקער פון דער אַפּראָוויזאַציע־אַנשטאַלט. דער בּונקער האָט זיך געפונען אונטער די קעלערס פון דער קעגנאיבּער־דיקער אָפּיצינע און אויב איך האָבּ קיין טעות נישט, האָבּן דאָס געדאַרפט זיין די קעלערן און מאַגאַזינען לינקס פון דעם אינערלעכן אַייַנגאַנג־טויער, וואָס האָט געהערט צו דער פאַבּריק פון קינסטלעכן האָניק, ווו איך מיט קירמאַנען און מיט ווינטערס יונגער שנור האָבּן געאַרבּעט מיט פיר חדשים צוריק. צווישן די הוסטנדיקע און ניסנדיקע מענטשן, — וואָס זענען נאָכן אַרויסקריכן אויף אַלע פיר פון דעם לאָך, רעווידירט און אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ רייַ, אַרויסגעפירט צו ווערן פון הויף — האָט עדעלמאַן דערקענט דעם הויכן, עטוואָס געבּויגענעם שמואל ווינטער און דעם קליינוווקסיקן גרויסן ייִד אברהם געפּנער. געפּנער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ פון הינטן פאַרקנעפלטן ווייסן קאָמבּינעזאָן אָדער אפשר אין אַ ייִנגלישן וואַרעמען טריקאָט־גאַרניטור. די צוויי האָבּן געשפּאַנט פאָרויס און נאָך זיי די אַנדערע מענטשן, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעשלעפּט פון דעם בּונקער.

— צי זענען דאָרט געווען יונגע מענטשן, צי האָט איר נישט דער־קענט ווינטערס זון און טאָכטער מיטן איידעם און דער שנור?

— איך האָבּ זיי נישט דערקענט. אָבּער יונגע מענטשן זענען דאָרט געווען מער ווי פיר.

וואָהין האָט מען זיי אָוועקגעפירט, האָבּ איך געוווּסט נאָך פון פריער. נישט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, נייערט אויף דעם פּלעצל בּיים נייעם יודענראַט, וואָס אַנטקעגן אים שטייט היינט צו טאָג דער דענקמאָל פון די געטאָ־קעמפער. דאָרט זענען אַלע געוואָרן אויסגע־שאָסן. זוכה געווען בּאַגראָבּן צו ווערן אויף דער אדמת קודש פון גענשער בּית־עלמין. דאָס איז געווען בּערך אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי.

נאָך דער בּאַפרייִונג און צוריקקומען אויף די חורבות פון געטאָ, האָט הערש וואַסער, דער סעקרעטאַר פון רינגעלבלום־אַרכיוו געפונען אויפן הויף פון שוויענטאָיערסקאַ 34 אַ בּינטל האַלבּ־פאַר־בּרענטע צעניזוקטע בּלעטלעך פון ווינטערס טאָג־בּוך. אונטער דעם הויז האָט זיך געפונען אַ בּונקער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און, אין זיין דיל אַן עפענונג, אין וועלכער עס איז אין דער לעצטער נאַכט פאַרן אויפשטאַנד, פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל געוואָרן בּאַגראָבּן אַ פאַרטיע מאַטעריאַלן, צווישן זיי ווינטערס טאָג־בּוך. נאָך דעם ווי די קאַמפן האָבּן אויפגעהערט און די שריפות זענען געוואָרן אויסגעלאָשן, האָבּן מסתמא „שאַבּראָווניקעס" געבּושעוועט צווישן די חורבות, געזוכט גאָלד מיט געלט. זיי זענען עס מסתמא געווען די, וועלכע האָבּן אויסגערויבּט דעם בּונקער אויף שוויענטאָ־יערסקע און געפינענדיק בּלויז דעם אוצר פון די אַרכיוו־פּאַפּירן, אַוועקגעוואָרפן זיי מיט ביטול.

אַ יאָר צייט האָבּן זיך געוואַלגערט די פאַריתומטע פּאַפּירן. טליענדיקע פלאַמען האָבּן זיי אַרומגעסמאַליעט, רעגנס האָבּן זיי פאַרנעצט, דאָך האָבּן אַ צאָל בּלעטלעך איבּערגעדויערט.

אָט פונקט אַזוי ווי מיר, איינצלנע, פאַריתומטע, האָבּן איבּערגע־דויערט, כדי איבּערצוגעבּן אַ ידיעה און אַ דערמאָנונג וועגן יענע מוראדיקע טעג.

כבוד און ליבּשאַפט דעם זכר פון שמואל ווינטער — דעם גרויסן ייִדישן עסקן מיטן הייסן, מוטיקן, געטרייען האַרץ.

הי"ד.

הערש וואַסער / תל־אביב

אליעזר (לוטעק) הירשבערג

(אַ בינטל זכרונות)



שרייבן וועגן אליעזר (לוטעק) הירשבערג הייסט שרייבן וועגן געטאָ און ווידערשטאַנד אין וואַרשע בעת דער היטלער־תקופה.

לוטעק — ווי די פריינד און נאָענטע האָבן אים גערופן — האָט נישט געהערט צו די שרייענדיקע קהלשע קאָכלעפל. ער איז געווען דער היפוך דערפון.

אין אַלע זיינע טוונגען איז ער געווען באַהערשט, רויק און אַנטשלאָסן. פאַראַן געווען עפּעס אין אים וואָס האָט געוועקט דרך־ארץ און יראת־הכבוד, געפאָדערט טריישאַפט און חברשאַפט.

לוטעק האָט פאַרנומען אַ הויכן געזעלשאַפטלעכן אַמט צווישן די פאַשטויסענע דורכן היטלער־רעזשים. פון 1940 ביזן אָנפאַנג פון דער ליקווידאַציע אין יולי 1942, איז ער געווען דער וויצע־פאָרזיצער פון דער צענטראַלער פליטים־קאָמיסיע אין וואַרשע — די פאַקטישע רעפּרעזענטאַנץ פון די בערך 150,000 יידן פון העכער 100 קהילות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ. דער פאָרזיצער איז געווען אַדוואָקאַט בערטאָלד דאָברין פון בידגאָשטש, אַ וווּנדערבאַרער מענטש און הייסער ייד. צוליב זיין קראַנקייט אָבער (געליטן פון טובערקולאָז) איז די פאַקטישע אַרבעט געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון אליעזר הירשבערג. שווער, ביז גאָר שווער איז געווען צו שטיין אין טעג פון שוידערלעכן הונגער און צעהוליעטן הונגער־טויט בראש פון אַן אינסטיטוציע, וואָס לויט איר נאָמען איז זי געווען אַ קאָמיסיע ביי דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף אין וואַרשע, אָבער לויט איר פאַקטישן תוכן איז זי געווען דער פאַרלאַמענט פון די גולים און פליטים אין דער הויפּטשטאָט.

די גרויסע חשיבות פונעם פּרעזידיום פון דאָזיקן פאַרלאַמענט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט באַוויזן צו מאָביליזירן די ענערגיע און התלהבות פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אויך אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון געטאָ, הונגער, היימלאָזיקייט, ווען דאָס לעבן איז געווען אָן האָפענונג, אָן אַן אויסזיכט און זייער אָפט אויך אָן אַ מאָרגן.

אליעזר הירשבערג איז געווען דער טרעגער פונעם געדאַנק, אַז די טראַדיציע פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט פון די קליינע קהילות, פון אויפהאַלטן זייער ייחוד דאַרף אָפּגעהיטן ווערן. פיל מאָל האָט מען לוטעקן פאָרגעלייגט בכבודיקע אַמטן אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, ער האָט אָבער די פאָרשלאַגן אָפּגעוואָרפן, אויפקלערנדיק מיר די סיבות פון זיין באַשלוס. דער פּראָווינץ־פאַרלאַמענט (די כוונה איז געווען צו דער צענטראַלער פליטים־קאָמיסיע) — האָט ער אַרגומענטירט — איז דאָס איינציקע אָרט, ווו די ליקווידירטע קהילות (ווי למשל דאַנציק, גדיניע, בידגאָשטש, גרודזיאָנדז, ריפּין, פּלינסק, פּלאָצק, נאַשעלסק, גדיניע, וולאָצלאַוועק, באָווידוואָר א״א) קענען אַרויסברענגען די ספּעציפישע נויטן און פאָדערונגען פון זייערע לאַנדסלייט. אויב די גוטע, פעיקע פירער — האָט ער ממשיך געווען — וועלן פאַרלאָזן די קאָמיסיע, וועט פאַרשטומט ווערן די שטימע פון דער יידישער פּראָווינץ, וואָס איז אַריינגעפּרעסט געוואָרן אין געטאָ. און ער האָט פאַרענדיקט: אויב ס׳איז שוין אַזוי באַשערט, אַז ס׳זאָל דאַרפן בלייבן אַ מצבה נאָך די פאַרהונגערטע, פאַרפייניקט און דערמאָרדעטע פליטים, זאָל עס זיין אַ מצבה נישט בלויז פון מאַרטיראָלאָגיע נאָר אויך פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. ער פלעגט אויך אָפט זאָגן: ס׳איז זיכער באַקוועם אַנטלויפן פון דער אומבאַשרייבלעכער נויט פון די פליטים אין די „פּונקטן״, פון דער טיפוס־עפּידעמיע (וואָס האָט געבושעוועט קודם כל צווישן די אָרעמסטע), פון דעם נאַקעטן טויט אין די גאַסן, אָבער וואָס פאַראַ רעכט האָב איך צו זוכן מיין פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייט? געפינען פאַר זיך מיין פּריוואַטן אויסוועג?!

אין שווערע תקופות לאָזט זיך דערקענען דער מענטש דורך זיינע האַנדלונגען. וואָס עס ציילט זיך זענען דאַן מעשים און נישט ווערטער. מיין פריינד הירשבערג האָט ווי זעלטן ווער אויסגעהאַלטן אָט דעם ביז גאָר שווערן לעבנס־עקזאַמען. ער איז אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ פירער און אָפּגעגעבן אַלע שעהן פונעם מעת לעת דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער קאָאָפּעראַטיוו אויף לעשנאָ 18 איז געווען אין דער געטאָ־ווירקלעכקייט אַ קאָלאָסאַלער אויפטו. יעדע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע איז געווען ביז גאָר וויכטיק און באַזונדערס אַ פּאָזיציע וואָס האָט געטראָגן זאָרג פאַרן פיזישן קיום פון די געטאָ־מענטשן. די פאַרווירקלעכונג פונעם פּלאַן אויפצושטעלן אַ קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו, כדי צו באַזאָרגן הונדערטער פליטים־משפחות אין געטאָ מיט ביליקער באַשפּייזונג, איז געווען הירשבערגס אויסשליסלעכער פאַרדינסט.

ווען איך קוק צוריק אויף די דאָזיקע יאָרן, אויף דער דאַמאָלטיקער ווירקלעכקייט און אויף דעם קאָאָפּעראַטיוו, וועקן זיך אין מיר אויף אָן אַ שיעור זכרונות און איצט מער ווי דאַמאָלט, בין איך

בכוח אָפּצושאַצן אָט דעם גרויסן אין יענע שוידערלעכע צייטן, אויפּטו. וואָרום דאָס איז געווען אַ קליינער אָבער שיינער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ציווילן ווידערשטאַנד, אַ ווידערשטאַנד וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ סך מי, ענערגיע און אויסדויער — מעלות וועלכע עס האָט פאַרמאָגט לוטעק הירשבערג. (וועגן קאָאָפּעראַטיוו אויף לעשנאָ 18 וואָלט כדאַי געווען אָנצושרייבן אַ מאָנאָגראַפיע, אין וועלכער עס וואָלט געווען אַן אָרט ברייטער און גענויער זיך אָפּצושטעלן אויף דער גרויסקייט פון אויפּטו און אויף דער צענטראַלער ראָל, וועלכע עס האָט געשפּילט אינעם קאָאָפּעראַטיוו אליעזר הירשבערג).

אליעזר הירשבערג איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט זיינע וולאָצלאַוועקער לאַנדסלייט און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו לינדערן זייער נויט אין די באַשיידענע ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן. אָבער נישט בלויז פאַר זיינע בני־עיר האָט ער געזאָרגט, אויך דער גורל פון אַלע פליטים פון וואַנען זיי זאָלן נישט שטאַמען, איז אים געלעגן אויפן האַרצן. הירשבערג איז געווען אָן שום ספק דער הויפּט־אינספּיראַטאָר און די צענטראַלע פיגור אין דער פליטים־רעפּרעזענטאַנץ פון וואַרשעווער געטאָ. זיין רויקייט און שכל הישר, זיין פעיקייט צו זען פּראָבלעמען אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו און זיין געפיל פון אחריות לגבי אַלע יידן און אַלע שיכטן, האָבן אים מיט רעכט דערהויבן צו דער פּאָזיציע, וועלכע ער האָט פאַרנומען, צו שטיין בראש פון די אַממיינסטן ליידנדיקע.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ דעמאָנסטראַציע פון פליטים אינעם בנין פון יודאַיסטישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקיע 5, וווּ עס האָט זיך געפונען די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף. בראש פון דער דעמאָנסטראַציע זענען געגאַנגען די פירער פון דער „צענטראַלער פליטים־קאָמיסיע" — הרב געלערנטער, אליעזר הירשבערג און דער שרייבער פון די שורות. זייט דאַן איז דער אָנזען פון דער פליטים־קאָמיסיע געשטיגן.

די כאַראַקטעריסטיק פון מיין טייערן פריינד הירשבערג ווערט ווייט נישט זיין קיין פולע, אויב עס ווערט נישט אונטערגעשטראָכן ווערן אין דער פולער מאָס זיין טיפע געטריישאַפט און אמתדיקע חברשאַפט צו מענטשן. נאָכן מאָרד פון 52 יידישע געזעלשאַפט־לעכע טוער אין אַפּריל 1942 אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר — איך און מיין פרוי — מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין אונזער וווינונג. לוטעק האָט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו גענומען אונדז ביידן צו זיך (דוכט זיך אויף לעשנאָ 83), כאָטש אין זיין ענגער דירה האָבן דאַן געוווינט ער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, זיין שוועגערין און זיין שוויגער. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער אויפשטיין דער ערשטער, דאַווענען און צוגרייטן פאַר אַלעמען פרישטיק. מיר זענען ביי אים געווען אַכט טעג ביז עס איז פאַרביי די סכנה.

אין די ערשטע טעג פון דער ליקווידיר־אַקציע (יולי 1942) האָט לוטעק געזאָרגט זיך פאַר אלע חברים פון דער צענטראַלער פליטים קאָמיסיע און ווען מען האָט געדאַרפט האָט ער געהאָלפן באַזאָרגן מיט אַרבעט (צו „זיכערן" דאָס לעבן, ווי ס׳האָט זיך דאַמאָלט אויסגעוויזן) ווי אויך מיט געלט און שפּייז.

בעת דער אומלעגאַלער עקזיסטענץ שוין אויף דער „אַרישער" זייט האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט. לוטעק מיט זיין פרוי האָבן מוטיק געקעמפט פאַר דורכהאַלטן די שוידערלעכע צייטן. זיין אָפּטימיזם האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. ער איז געווען פול מיט בטחון, אַז מען ווערט איבערלעבן און אָנהייבן אויפסניי אַ נאָרמאַלע עקזיסטענץ.

דעם טויט האָט אליעזר הירשבערג געפונען אין די שטורעמדיקע טעג פון פוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער 1944. מען דערציילט, אַז ער איז געפאַלן אין דירעקטן קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט.

כבוד דעם אומפאַרגעסלעכן אָנדענק פון מיין טייערן פריינד, דעם ערלעכן און איבערגעגעבענעם עסקן, דעם מוטיקן קעמפער פון יידישן ציווילן ווידערשטאַנד אין יידישן געטאָ — אליעזר הירשבערג.

ד"ר ישראל מ. בירדמן

טוסיה אלטמן



בליל נובמבר השוך של שנת 1939 ראינו אותה בפעם האחרונה, בתחנת הרכבת בביאליסטוק הכבושה בידי הפולשים הסובייטיים. האוויר היה קר ושלג ירד. אני ואשתי, הדודנית שלה, חיכינו בתחנה שעות על שעות לבוא הרכבת, שנועדה לצאת לעבר הגבול הגרמני. לאחר שנמלטנו מפולין המובסת ונתגלגלנו כמה שבועות בביאליס־טוק, החלטנו לשוב לווארשה בדרך הברחת הגבול. פתאום הופיעה טוסיה לפנינו, טוסיה אלטמן, מי שהיתה עתידה להיות גיבורת המרד של גיטו וארשה, זו דמות־הפלאים האגדית של הקשרת היהודית, שהיתה נושאת את בשורת הכוננות והמרד לאחיה הנידחים והנדכ־אים, לשארית יהדות פולין הטבוחה והמרוסקת — והעילאית בגבורתה. מי פילל, שזו הבחורה השופעת חן וחיים, שהיתה כסמל הנעורים הנצחיים, תמות מות גיבורים במאבק הנואש האחרון של יהודי וארשה?! באותו לילה היתה ארשת של חומרה נסוכה על פניה, שלא כדרכה, וכולה רועדת. לבושה היתה מעיל קצר של עור ועטופת סודר של צמר על פניה וצווארה. השיחה היתה חטופה, מגומגמת ומקוטעת, מלווה נשיקות ולטיפות של שתי הדודניות, שהיו נרגשות עד עומק לבן מן הפגישה הזאת, שבאה לאחר תקופת פרידה קצרה והרת תמורות כבירות.

***

אני ורעייתי — רק כמה חדשים עברו מאז נישואינו, וכבר נשכח הכל מן הלב — המעמד החגיגי של החתונה, השמחה בחברת הקרובים. העולם נהפך ונעקר משורשו. ירח הדבש שלנו בנווה הקיץ יפה־הנוף זאלשצ'יקי, שעל הגבול המשולש של פולין—רוסיה־רומניה, נפסק באותו יום שהוכרז גיוס כללי באנגליה ובצרפת, והראדיו הפולני הודיע על הברית שנכרתה בין גרמניה של היטלר ורוסיה המועצתית של סטאלין. שבנו לולוצלבק עיר מולדתו בדרכים המשובשות של הימים האחרונים קודם שפרצה המלחמה. הספקנו לשוב יום אחד לפני שפתח הגיהינום את לועו ובקעו הלהבות הראשונות.

את טוסיה אלטמן כבר לא מצאנו בולוצלבק. הוריה סיפרו לנו, שיצאה בשליחות לווארשה. — „הרי יודעים אתם את טוסיה" — הסיחו הוריה את דאגתם — „היא מסורה כולה לתנועה. „השומר הצעיר" הוא בבת עינה וציפור נפשה. כנראה, קיבלה הוראה מן ההנהגה הראשית ועזבה את העיר".

עתה, כשפגשנו אותה בביאליסטוק, סיפרה לנו בקצרה, שהיא באה מווילנה, שם אירגנה את התנועה והכינה את חבריה לקראת קליטת מאות, ואם אפשר — אלפים, של חברים שזרמו לשם בדרכים לא־דרכים. עבדה שם קשה. גם תקציב לעבודתה לא היה לה. ובינתיים נותק הריכוז השומרי בווילנה מן המרכז בווארשה. ווילנה היתה שטופת פליטים. רבים מהם בוגרי התנועה, המחכים בקוצר־רוח לפתח עלייה. הקהילה היהודית בווילנה הולכת ומתארגנת מחדש. הג'וינט אף הוא התחיל בפעולתו. אבל חוששים שהמישטר החדש לא יתן את הסכמתו לכך. פגישת הנוער השומרי עם הסוב־ייטים היתה מהולה בצער, הואיל ואיש מחברי התנועה לא רצה להתכחש למוצאו הציוני־סוציאליסטי. הפגישות עם אנשי הצבא האדום היו לבביות, ואפשר שחיסנו את האמונה בכוחו של המישטר החדש, אבל צער החשש של ויתור על העלייה וההגשמה, מחמת התנגדותה של ברית המועצות, היה כוסס את לבם של החברים. עידוד ואירגון היו צורך השעה. והנה באמצע הפעולה נדרשה טוסיה לשוב לווארשה. אחריה צריכים לשוב עוד כמה מן החברים. היא הבריחה גבולות בעיצומו של החורף, ולאחר כמה כשלונות הגיעה למטרתה.

***

הימים היו ימי טירוף. המלחמה בחזיתות התנהלה בכל תוקפה. קלגסי היטלר הלכו והתקדמו. ביאליסטוק היתה מאוכלסת ארבעה או חמישה מונים יתר על הרגיל. אנשים התחככו זה בזה בחוצות העיר ההומייה. הרעב השתרר בין הפליטים, שהתגוררו בבתי־הכנסיות ובתי המדרשות, בבית ה„הקדש" ובשאר כל הבניינים שהיו ברשות הציבור. המאושרים, שעוד היתה הפרוטה מצוייה בידם, זכו לשבת בדירות פרטיות, כתת־דיירים. תושבי ביאליסטוק ראו את הפליטים כבריות נחותות דרגה, שבאו לגזול את מנוחתם ולפעמים גם את לחמם. אני ורעייתי התגוררנו בביתה של אשה יהודיה, ענייה מרודה, חייטת, גרושה מבעלה ואם לשני ילדים קטנים ופרועים, שאביהם היה בא לראותם תכופות והמרידם על אמם בתוקף החוק הסובייטי. בחדר השני של דירת האשה העלובה הזאת דרו עוד כתריסר פליטים, לאוו דווקא מסלתה ומשמנה של יהדות פולין... חיילי הצבא האדום צעדו בחוצות בגאוות מנצחים, ובאמתחותיהם שטרי־כסף סובייטיים חדשים ומבהיקים, כאילו עתה זה יצאו מתחת מכבש הדפוס, והיו קונים מכל הבא לידם, עד שהחנויות היו הולכות ומתרוקנות מכל סחורה, ובכלל זה גם מצרכי מזון. מחיר הלחם היה מאמיר והולך. תנאי חיינו היו קשים מאוד. וכבר התחיל הציד על מי שהיו חרשתנים בפולין „הפאנים", על מי שהיו ציונים, על מי שהיו... והרי גם אנחנו רק תמול שלשום היינו...

בשיחתנו אמרנו לה לטוסיה, שאנו רוצים לעזוב את ביאליסטוק ולשוב לביתנו, כדי להיות בקרבת בני המשפחה בימי הרעה. אבל היא לא שבה אל משפחתה, שאהבה אותה אהבת נפש, ובייחוד את אחיה היחיד. היא שבה אל משפחתה הרוחנית, אל תנועת „השומר הצעיר", שלה נתנה את חום נעוריה וכל כוחותיה.

***

באופיה של טוסיה נמזגו לאחדות נפלאה סגולות נפשם של הוריה: אביה — גוטקינד או גוסטאוו, היה אדם נעים־הליכות, בעל חוש הומור עדין, עליז, איש החברה. יליד ליפנו היה, עיירה הסמוכה לולוצלבק, בן למשפחה חסידית ענפה, הצעיר שבבנים. אביו, סוחר מכולת סיטונאי, היה מראשי הקהל בליפנו, הצטיין בלמדנותו הגדולה ונזהר במצווה קלה כבחמורה. גוסטאוו אלטמן בא לולוצ־לבק בעודנו עול־ימים, השתחרר מסביבתו והליכותיה, למד את השענות בסדנת גיסו ואחותו, הורי רעייתי, וכאן גם התחיל בפעולתו הציבורית. הוא היה ציוני כללי מקבוצת „על המשמר" הפרוגרסיבית, שיצחק גרינבוים, מנהיגה של יהדות פולין, עמד בראשה, ונבחר מספר פעמים לחבר הוועד העירוני של מפלגתו. לאחר שפתח חנות תכשיטים משלו, התחיל גם בפעילות כלכלית־אירגונית בחברת הסוחרים הזעירים ונבחר להנהלת החברה. מטבעו היה קל תנועה, ורוחו הטובה עליו תמיד נתנה את חינו בעיני ידידיו וחבריו וכל מכיריו.

אמה של טוסיה, אנקה (חנה), ילידת ווילנה היתה. אף היא, כבעלה, היתה מעורבת עם הבריות ואוהבת חברה. היתה פעילה מאוד בסניף המקומי של ויצ"ו. אם כי היא הביאה עמה מווילנה את העממיות השורשית היהודית, הסתגלה עד מהרה ליהדות ולוצלבק על גינוני האריסטוקרטיה שלה ומסורתה המיוחסת, ורק נבדלה מיהודי המקום במבטא הליטאי של דיבורה האידי, שצלצל בסביבה האידית המגורמנת של ולוצלבק כמוסיקה נדירה. עם כל זה היתה בה שמינית שבשמינית שביוהרה על אנשי סביבתה. אנקה היתה מחוננת גם בחוש מוסיקלי. בביתה עמד פסנתר, ובערבים, לאחר ששבה מחנותה או בימי פגרא ובמסיבות רעים, היתה מנגנת יפה להנאת המסובים. טוסיה נולדה להוריה ב־30 ביולי שנת 1918, ובפרוץ המלחמה היתה בת 21. היא היתה אהובה מאוד על בני המשפחה הגדולה והענפה, שכולם היו מפנקים ומטפחים אותה, והיא השיבה להם אהבה ומסירות.

***

אחת המחנכות הראשונות של טוסיה, המורה מאירוביץ, שלימדה אותה בכיתת המכינה השלישית קודם שנכנסה למחלקה הראשונה של הגימנסיה היהודית המקומית, מגדירה את אופיה בדברים אלה:[1]

„ילדה רגישה, ערה ושאפתנית. לכאורה היא שקטה, אבל יש בה הרבה חיוניות. היא משתובבת לפעמים, אבל במידה, הואיל והיא מרגישה יפה מה שלא יישא חן בעיני. פעם אמרתי אליה: „טוסיה, היית יותר שקטה, ועכשיו את מתחילה להיות בלתי־מנומסת", היא ענתה לי — „אני, לאמיתו של דבר, נערה שובבה, אבל המורה עדיין אינה מכירה אותי". טוסיה ביחסיה לבני כיתתה היא מאוד אדיבה ומסבירה להם פנים, ולכן כולם אוהבים אותה; רגילה היא להשגיח באופן מיוחד על השכן שלה, יוריק הורן[2]

[1] במחברת כתובה פולנית, שנשמרה אצל ד"ר משה בר־יהודה (שטראַוד), מנהל הגימנסיה היהודית בולוצלבק, תיארה המורה בדברים תמציתיים את טיב תלמידיה לצורך שימושה של הנהלת בית־הספר.

[2] אל הבחור הצעיר הזה, בנו של החובש הורן, שהיה ידוע בעיר גם בשל פעולתו הציבורית, נמשכה טוסיה גם כשנתבגרה, ואפשר היה לראותם בקן השומרי בפעולתם המשותפת, ובחוצות העיר היו מהלכים שלובי זרועות.

מעניין יהיה, איפוא, להביא כאן גם את תיאורו של יוריק ע"י המורה הנ"ל:

„בעל טבע ער, עשיר, רגשי ואינדיבידואליות מפותחת מאד. ילד

Altmanówna Tosia

Dziecko uczuciowe, wrażliwe, ambitne.
Na pierwszy rzut oka bardzo spokojna,
ma jednak wiele życia w sobie.
Dokazuje nawet czasem, ale w miarę,
gdyż doskonale czuje, co mogłoby mi się
niepodobać. Na powiedzenie moje: „Tosiu,
byłaś spokojniejsza, teraz stajesz się niegrzeczna"
odpowiedziała mi – „Ja jestem nawet
Łobuz, ale mnie pani jeszcze nie zna!"
Tosia dla dzieci z klasie jest bardzo uprzejma
i dobra, dlatego jest przez wszystkie lubiana.
Bierze zwykle w opiekę siedzącego obok Jurka
Horna, zwraca mu uwagę, pilnuje, czy on
nie robi błędów w (sz) zeszycie. Dzięki troskliwej
opiece domowej wygląda zwykle bardzo schludnie
miło. Tosia jest dziewczynką grzeczną, dobrze
wychowaną; w całem jej zachowywaniu się można
wyczuć pewną dystynkcję.
Ma dużą inicjatywę, bogaty świat zainteresowań. Zdolna, inteligentna, obowiązkowa
jest bardzo dobrym materjałem do klasy
następnej.

ומעירה לו, שלא יעשה שגיאות במחברתו. מחמת הפיקוח הקפדני מצד ביתה, היא מופיעה תמיד נקייה ונעימה. טוסיה היא ילדה מנומסת, מחונכת יפה; בכל התנהגותה אפשר לראות ייחוד ושוני. היא בעלת יוזמה; עולם התעניינותה עשיר. כשרונית היא, אינטלי־גנטית, בעלת רגש של חובה והיא חומר מצוין למחלקה הבאה".

מוכשר, אינטליגנטי המגלה כשרונות מובהקים במציאת הקשר בין הענינים השונים. עולם התעניינותו הוא פשוט ללא גבול. אין הוא שואל בדומה לילדים האחרים האם הספור הוא עצוב או שמח, כי אם תמיד האם הוא מענין לאמיתו. הוא מתרגז כשאיזה ילד אינו מתנהג כראוי בשעה שאני מקריאה או מספרת. קרה גם פעם שפרץ בבכי, כשהפסקתי להקריא, כעונש, ספור מענין מאד. יש לו חוש של אובסרבציה והוא מוצא בכל מקום דב־רים שיש לו ענין להסתכל בהם. כושר ההמצאה שלו בא במיוחד לביטוי בציור ובלמודי הטבע. הוא אוהב לצייר מפות, מכונות, טחנות וכדומה. הוא שייך לתלמידים המוכשרים אם כי לא המקפידים במיוחד.

כל המעלות הטובות שמנתה המורה בטוסיה בת התשע, נתבטאו בה ביתר שאת בהמשך גידולה. בת 18 היתה כבת 8, וכן היתה גם כשהגיעה לגיל 25, בשעה שקופד פתיל חייה. היא התפתחה לכלל אישיות ממוזגת, מאורגנת, שופעת אור וחמימות וחדוות חיים, מנומסת, אם כי פראית בהילוכה, בתיסרוקתה הפרועה, שובבנית ועם זה מיושבת.

